STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00521

HENRIK ERLIKH UN VIKTOR ALTER

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. & Mrs. Joseph R. Morgan
in memory of
Rose & Samuel Wolk

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק ערליך
און
וויקטאָר אלטער

שער-בלאַט געצייכנט פון י. שלאָס

הענריק ערליך און וויקטאר אלטער

ניו־יאָרק, 1951

HENRYK ERLICH and VICTOR ALTER

Copyright by
FARLAG "UNSER TSAIT"
1951

Published by
FARLAG "UNSER TSAIT"
175 East Broadway
New York 2, N. Y.

Printed in U. S. A.

166

אינהאַלט :

זייט

אַ געדענק־בוך . . . — — — — — — — — — — — — — — — 7

I

הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער — זייער לעבן, קאַמף און מאַרטירער־טויט

עמנואל נאָוואָגרודסקי — דער לעבנסוועג פון הענריק ערליך — — 13
אַלעקסאַנדער ערליך — די לעבנסגעשיכטע פון וויקטאָר אַלטער — — 53
ערשטער אַרעסט פון וויקטאָר אַלטער און הענריק ערליך — — — 80
יוסף ראַטנבערג — מיטן ח' ערליך אויפן וואַנדערוועג — — — — 90
לוציאַן בליט — הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד — — — — — — — — — — — — — — — 96
א. פיינזילבער — מיטן ח' ערליך אין סאָוויעטישע טורמעס — — 116
ד"ר י. גליקסמאַן — מיטן ח' וויקטאָר אַלטער אין אַ סאָוויעטישער טורמע — — — — — — — — — — — — — — — 142
קסאַווערי פּרושינסקי — צוויי מענטשן — — — — — — — — 162
וו. גאַביצקי — מיט וויקטאָר אַלטער אין אַ סאָוויעטישער טורמע (זיין צוואה) — — — — — — — — — — — — — 167
די אַקציע פאַר באַפרייען די אַרעסטירטע — — — — — — — 170
לודוויק האַניגוויל — פאַרברעכער אין טאָגעס פון ריכטער — — — 176
צווישן איין טויט־אורטייל און צווייטן (לעצטע גרוסן, בריוו, דאָקומענטן) — — — — — — — — — — — — — — 182
אינטערנאַציאָנאַלע פּראָטעסט־אַקציע קעגן מאָרד — — — — — — 200
פּראָטעסט־שטימען פון דער וועלט־פּרעסע — — — — — — — — 214

II

פון הענריק ערליכס פּען

קאַמף פאַר דער יידישער שול — — — — — — — — — — — — 239
מען מוז זיך אַנטשליסן (צו דער דיסקוסיע וועגן אַנטייל אין די קהילה־וואַלן — — — — — — — — — — — — — — 246
היטלער — קאַנצלער פון דייטשלאַנד — — — — — — — — — 249
אַטאָ וועלס מאַכט „רעאַל־פּאָליטיק" — — — — — — — — 251
אַ שטעטל גייט אויס פון הונגער — — — — — — — — — — 254
ניין, מיר זיינען נישט קיין אתה בחרתנו־פאָלק ! — — — — — 256
דער סאָציאַליסטישער אויפשטאַנד אין עסטרייך — — — — — — 259

זייט

טעראָר אין ראַטן־פאַרבאַנד — 263

ערגער ווי אַ פאַרברעכן — 267

פאַרן אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם — 269

מאַניפעסט פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד („בונד") אין פוילן — 272

אין פוילישן געריכט (רעדע פון ה. ערליך בעת די אַנטי־יידישע עקסצעסן אין ווייסאָקע — 283

ערב מלחמה, 1939 (דער סטאַלין־היטלער־פאַקט) — 288

צי איז דער ציוניזם אַ באַפרייענדיקע דעמאָקראַטישע באַוועגונג ? (אַן ענטפער פראָפ. ש. דובנאָוון) — 293

דער עיקר פון בונדיזם — 305

אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס אין האַמבורג — 311

פערזענלעכקייטן

1) לענין — 331

2) וולאַדימיר מעדעם — 343

3) ל. מאַרטאָוו אַלס מענטש און טוער — 351

4) פרידריך עבערט — 357

5) אַלגין — 360

III

פון וויקטאָר אַלטערס פען

פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט (די אינטערנאַציאָנאַליסטן אין ענגלאַנד בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה) — 365

די מאָסקווער עקזעקוציעס (די טראַגעדיע פון דער רעוואָלוציע) — 369

צען יאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד (ציליגאַס בוך : אינם לאַנד פון גרויסן ליגן) — 379

נאָך איין שטים — 386

דער קוואַל פון אונזער גלויבן — 388

די בונדישע פסיכיק — 392

אַ ריז אויף ליימענע פיס — 394

שפּאַניע אין פייער — 396

צו דער יידן־פראַגע אין פוילן — 402

ווען די סאָציאַליסטן וועלן קומען צו דער מאַכט — 413

דער מענטש אין דער געזעלשאַפט — 414

די נייע פיזיק — 434

יעפים ישורין : ביבליאָגראַפיע — 459

בילדער פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער

א געדענק־בוך...

דעם הייליקן אָנדענק פון אונזערע צוויי מאַרטירער — אונזערע פירער, פריינט, חברים אין קאַמף...

אומגעבראַכט דורך העסלעכע מערדער, דורך פחדניש־פאַרריסענע מאַכטהאָבער, ברוטאַלע טיראַנען — שענדער פון סאָציאַליסטישן אידעאַל.

לעבעדיק באַגראָבן אין די שוידער־קאַזעמאַטן פון אינקוויזיציע־רעזשים, געפּייניקט מיט די ראַפינירטסטע עינויים, פאַרשניטן אין נאַכט־פינצטערניש...

מיר ווייסן נישט וואו זייערע געשענדעטע קברים געפינען זיך, וואו דער לעצטער קרעכץ פון זייערע פאַרפּייניקטע הערצער איז אָפּגעהאַקט געוואָרן, וואו דער לעצטער פונק פון זייערע לויטערע נשמות איז אויף אייביק פאַרלאָשן געוואָרן...

מיר קענען דאָרטן נישט אוועקשטעלן זיי קיין שטיין־מאָנומענט.

אונזער אָנדענק־בוך — איז די מצבה אויף זייערע אומבאַוואוסטע קברים.

דאָס ליכט פון זייער אַקטיוו־שעפערישן לעבן, פון זייער מוטיק־דערהויבענעם קאַמף, פון זייער צאַרט־איידעלן גייסט, וואָס שיינט אַרויס פון זייערע געקליבענע שריפטן — וועט בלייבן דער נר תמיד אין אונזערע צעוויטיקטע הערצער...

אָן אָנדענק־בוך — אַ מאָנומענט נאָך אַ פאַרשניטענעם צייט־פּעריאָד, וואָס האָט שימערירט מיט אַלע רעגנבויגן־קאָלירן פון זוכנדיקער רוחניות, פון פסיכיש־קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, פון עקשנותדיקן אויסדויער, פלאַמיקן קאַמף פאַר שלימותדיקער פרייהייט פון גייסט, פאַר אַ פרייער וועלט פון סאָציאַליזם.

— אַ צייט־פּעריאָד פון טיפן געראַנגל פאַר אידייען, חלומות און —

מעשים, — מעשים פשוטע, געוויינטלעכע, ערדישע, אָבער באַהויכט מיט הימלישער גלאָריע פון אַלמענטשלעכן סאָציאַליסטישן אידעאַל, דערהויבן צו עולמות-עליונים פון אייביקע מענטשלעכע ווערטן.

אַ צייט-פּעריאָד פון פאַרבנרייכן זאַפטיקן יידישן לעבן, אָפּגע־שפּיגלט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אונטער דער פאָן פון „בונד".

מיר לייענען די געקליבענע שריפטן פון אונזערעביידע מאַרטירער. געשריבן אין פאַרשיידענע מאָמענטן, בעת פאַרשיידענע געשעענישן, ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן. נישט אַלץ, וואָס איז אַרויס פון זייער פען האָבן מיר געקאָנט אַריינגעבן, — צום באַדויערן, אָפטמאָל בלויז קאָנדענסירטע קיצורים.

פון יעטוועדן אַרטיקל זייערן, פון יעטוועדער שריפט ווייעט אויף אונז מיטן גליענדיקן אָטעם פון יענער צייט, מיט אירע גרויסע פּראָבלע־מען — אַרויסגעוואַקסענע, אַרויסגעהויבענע פון דער קאָמפּליצירטער, טיף פאַרוויקלטער, אין אַלע ווינקעלעך טיף אַריינדרינגענדיקער אַט־מאָספער פון יידישן מאַסן-לעבן.

יעטוועדער אַרטיקל שפּילט-אויס אַ גאַמע טענער אויף די סטרו־נעס פון אונזער נשמה, — שאַפט אינספּיראַציע, שטימונג, אויפלויכטונג פון געדאַנק, געהויבענעם געמיט.

יעטוועדער אַרטיקל — אַ בליץ אין יענער צייט, אַ באַלויכטונג, אַ קאַפּיטל געשיכטע — סאָציאַליסטישער גאַנג, בונדישער צוגאַנג צום אַלזייטיקן יידישן מאַסן-לעבן.

די באַשרייבונגען פון זייער לעבן — מיילשטיינער אויפן דערנער־פולן וועג פונם שווערן געראַנגל צווישן פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, וואָס איז געווען דער תמצית פון זייערע קרישטאָל-ריינע נשמות, פון זייער קעמפערישן גייסט, פעלזנפעסטן גלויבן — און דעם שקלאַפיש-טיראַנישן טאָטאַליטאַר-דיקטאַטאָרישן „סאָציאַליזם", וואָס האָט זיי פאַרשניטן, געבראַכט פאַר אַ קרבן אויפן מזבח פון זיין געשענדעטן, פאַלשן אי־דעאַל . . .

מיר האָבן דאָ אויך די לעצטע אַרבעט פון וויקטאָר אַלטער — „די נייע פיזיק״, געשריבן אין אַ סאָוויעטישער טורמע, בוכשטעבלעך מיטן בלוט פון זיין האַרצן...

מיט צענטליקער און צענטליקער טעג פון הונגער־סטרייקן האָט אונזער מאַרטירער זיך אויסגעקעמפט ביי זיינע תליונים דאָס רעכט צו שרייבן זיין לעצט ווערק...

⁂

דאָס בוך איז צוזאַמענגעשטעלט דורך ח׳ וויקטאָר שולמאַן, ביי דער מיטאַרבעט און מיטהילף פון די ח״ח י. ש. הערץ, צביון, ח. ש. קאַזדאַן, ב. שעפנער און ע. שערער.

ר ע ד אַ ק צ י ע

אַרויסגעבן דאָס בוך האָבן מיטגעהאָלפן מיט זייערע ביישטייערונגען די אינטערנעישאָנאַל ליידים גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן און איניקע אירע אָפּטיילונגען, דער אַרבעטער-רינג און אַ ריי זיינע בראַנטשעס, דער יידישער אַרבעטער-קאָמיטעט, ווי אויך אַ צאָל אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און יחידים.

מיט דאַנק פאַרצייכנען מיר די מיטהילף ביים שאַפן דעם מאָנומענט פאַר די צוויי אומגעבראַכטע פירער פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג.

פאַרלאַג „אונזער צייט"

I

הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער

זייער לעבן, קאַמף און מאַרטירער־טויט

עמנואל נאָוואָגרודסקי

דער לעבנסוועג פון הענריק ערליך

אין דער אַלטער שטאָט לובלין, מיט איר אַמאָליקן קעניגלעכן שלאָס, וואָס דער פּראַוואָסלאַוונער רוסישער צאַר האָט באַנוצט ווי אַ טורמע פאַר פּאָ־ליטישע פאַרברעכער; מיט איר אַלטן יידישן בית־עולם, וואו עס רוען שוין יאָרהונדערטער באַרימטע איבער גאַנץ פּוילן, ליטע און רוסלאַנד רבנים און צדיקים, וואו ס׳זיינען נאָך געשטאַנען די פּאַרצייטיקע „ברומען״ — פאַריידישט פון פּוילישן וואָרט „בראַמי״ — טויערן, וואָס האָבן אַמאָל אַריינגעלאָזן די יידן איבערצונעכטיקן אין געטאָ און זיי אין דער פרי צוריק אַרויסגעלאָזן אין שטאָט אַריין, — אין דער דאָזיקער שטאָט מיט דער ספּעציפישער אייגנאַרטיקער אַט־מאָספער פון צוויי קולטורן, צוויי באַזונדערע לעבנס־שטייגערס, — איז געבוירן געוואָרן אַ יידיש ייִנגל — הערש וואָלף, וואָס איז אויסגעוואַקסן ווי דער פירער פון „בונד״ הענריק ערליך — אַ פּירנדיקע פיגור אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַ רעוואָלוציאָנערע געשטאַלט אין אידלסטן זין פון דאָזיקן וואָרט, אַ שטאָלצער, אומבויגזאַמער קעמפער און מאַרטירער.

נישט דער גענויער טאָג, ווען ער איז געבוירן געוואָרן און נישט די גענויע דאַטע ווען ער איז אויפן באַפעל פון סטאַלינען דערמאָרדעט געוואָרן אין יאָר 1941 אין סאָוויעט־רוסלאַנד — זיינען אונז נישט באַקאַנט. דער 13טער אַפּריל 1882, — די דאָזיקע דאַטע האָט פיגורירט אין הענריק ערליכס אָפיציעלע פּאַפּירן. אָבער אין דער משפחה האָט מען געהאַלטן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן דעם 12טן מאַי 1882 און אין דעם דאָזיקן טאָג האָט מען אויך אין קרייז פון זיינע נאָענטע געפייערט זיין געבורטסטאָג.

הערש וואָלף ערליך איז געווען אַ קינד פון פאַרמעגלעכע חסידישע עלטערן. זיין פאָטער, משה ערליך, איז געווען אַ ראַדאָמער. ער האָט פאַרלאָזט זיין גע־בורט־שטאָט, כדי זיך צו באַזעצן אין לובלין, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט שיינדל בלעכמאַן, אַ טאָכטער פון אַן אַלטער, יחוסדיקער לובלינער משפחה. משה ערליך איז געווען אַ ייד אַ בעל־פּרנסה, אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער מיל, אַ טעמפּעראַמענטפולער גערער חסיד. ער האָט אָבער פאַרמאָגט אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן אים אויסגעטיילט פון זיין אַרום. שוין אין זיינע מיטעלע יאָרן האָט ער זיך עמאַנציפּירט פון חסידות, איז געוואָרן אַן אָנגעזעענער משכיל און האָט קאָרעספּאָנדירט מיט אחד העמען; אונטער זיין איינפלוס איז ער געוואָרן

אַן איבערצייגטער „אחד־העמיסט" און געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער פונם אָרדן „בני משה", וואָס עס האָבן געגרינדעט די אָנהענגער פון אַחד־העמס שיטה.

שפּעטער האָט משה ערליך אויך אָנגעהויבן קאָרעספּאָנדירן מיט דעם באַרימטן יידישן היסטאָריקער ש. דובנאָוו. פאַר אַ געוועזענער חסיד אין יענע יאָרן, איז אַזאַ אַנטוויקלונגס־וועג געווען אַן אמתע גייסטיקע רעוואָלוציע. מ'האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אַ סך זעלבשטענדיקייט פון געדאַנק, ווילן און כאַראַקטער, כדי אַדורכצומאַכן אַזאַ וועג. זיין זון, הערש וואָלף, האָט געירשנט אַ סך פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן, זיי האָבן זיך שפּעטער פּרעכטיק פאַנאַנדערגעבליט אין זיין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט.

הערש וואָלף איז געווען דאָס דריטע קינד אין דער משפּחה. די ערשטע צוויי זיינען געווען טעכטער. משה ערליך האָט הייס באַגערט אַ זון; און ווען הערש וואָלף האָט דערזען די ליכטיקע שיין, איז ער, דער פאָטער, געווען טיף גערירט. זיינע בליקן האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיין זונס פּנים. אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס נאָר וואָס געבוירן עופעלע האָט אַ שטערן פון אַ למדן און פאַר זיינע אויגן האָבן געשוועבט די געשטאַלטן פון באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן, די הויכע שטערנס און טיפע דורכדרינגענדיקע אויגן פון די באַקאַנטע גדולי־הדור. אין דעם פּרט האָט אים זיין פאָטערלעכע אינטואיציע נישט פאַרפירט: ערליכס הויכער שטערן פון אַ דענקער און זיינע וואונדערבאַרע אויגן, זיינען געווען די מערקווירדיקסטע שטריכן פון זיין גאַנצער מאַיעסטעטישער געשטאַלט.

די ערליכס האָבן געוואוינט אין לובלין אויף דעם אומעטיקן סקווער, וואו עס איז געשטאַנען דער קאַטוילישער קלויסטער פון די יעזואיטן און איינער פון די „ברזמען" — דער טויער צו די שמאָלע יידישע געסלעך פון אַמאָליקן געטאָ; דאָרט האָט זיך אויך אָנגעהויבן די „קרולעווסקע" — די „קעניגלעכע" גאַס, וועלכע האָט געפירט צו דעם מאָדערנעם פּוילישן לובלין.

דער פאָטער משה ערליך האָט שטרענג געזאָרגט, אַז זיין זון זאָל באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג און בילדונג. ווי נאָר הערש וואָלף איז אַ ביסל עלטער געוואָרן האָט אים דער פאָטער אָוועקגעפירט אין חדר אַריין; דאָרטן האָט ער זיך געלערנט אַ קורצע צייט, שפּעטער האָט דער פאָטער פאַר אים געהאַלטן אַ ספּעציעלן מלמד אין דער היים; יענער פלעגט מיט אים פלייסיק קנעלן און שפּעטער האָט ער אים אויך צוגעגרייט צו דער בר־מצווה. יעדן שבת און אין די יום־טובים פלעגט אים דער פאָטער מיטנעמען אין שטיבל אַריין דאַווענען.

הערש וואָלף האָט געטראָגן אַ לאַנגע, חסידישע קאַפּאָטע, סאַמעטענע היטל און לאַנגע פאות ווי אַלע זיינע חברים אין חדר און אין שטיבל. בלויז דער הויכער שטערן און די אומגעווייינלעך רואיקע און קלוגע אויגן פונם יינגל האָבן

צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער משפחה און פון די געסט, וואָס זיינען געווען פאַרזאַמלט צו דער גבירישער בר־מצווה־סעודה. הערש וואָלף האָט געהאַלטן זיין בר־מצווה־דרשה. אין אַ געוויסן זין איז די דאָזיקע דרשה געווען די ערשטע עפנטלעכע רעדע פון דעם צוקונפטיקן גלענצנדיקן רעדנער.

הערש וואָלפס פאָטער האָט געוואוסט, אַז ער דאַרף מדריך זיין זיין זון אין פרומקייט און לומדות. ער האָט אָבער נישט געוואוסט, אַז ער האָט שטאַרקע און איינפלוסרייכע קעגנער אין זיין אייגענער שטוב, אונטער זיין אייגענעם דאַך. הינטער די פּלייצעס פון איר מאַן, האָט די מוטער דורכגעפירט, אַז זייער זון זאָל זיך לערנען פויליש, רוסיש און אַנדערע אַלגעמיינע לימודים. אירע צוויי טעכטער, שילערינס פון דער אָרטיקער גימנאַזיע, זיינען געווען באַגייסטערט פאַר דעם „רעוואָלוציאָנערן פּלאַן" צו בילדן זייער יונגן ברודער. צו זיי האָט אַפּעלירט סיי דער ענין גופא און סיי דער עלעמענט פון רעוואָלט קעגן דעם ווילן פון אַן איינגעקשנטן פאָטער. די מוטער און דער עיקר די שוועסטער זיינען געווען געטריבן דורך דעם גייסט פון דער צייט, דורך די מעכטיקע דער־וואַכונג־אימפּולסן, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער אַטמאָספער פון יענע יאָרן, דורך דעם זעלביקן דראַנג, וואָס האָט געטריבן שפּעטער דעם פאָטער אַליין צו פאַרלאָזן חסידות און ווערן דער משכיל פון לובלין.

דער קריזיס איז געקומען אין 1896. הערש ערליך איז דאַן אַלט געווען 14 יאָר און נאָך אַלץ געטראָגן זיין לאַנגע חסידישע קאַפּאָטע. זיין שוועסטער גיטל איז נאָך מער ווי פריער געווען באַזאָרגט מיט דער וועלטלעכער אויס־בילדונג פון איר ברודער און האָט ביי איר מאַן, סלאָבאָדקין, געפונען פאַר־שטענדעניש און הילף. זיי האָבן ביידע מסכים געווען, אַז עס וואָלט געווען אַ גרויסער שאָד, אַז הערש־וואָלפס נישט געוויינלעכע פעאיקייטן זאָלן גיין לאיבוד. במשך פון איינעם אַזאַ שמועס, איז צום ערשטן מאָל אַרויסגערוקט געוואָרן דער געוואַגטער פּלאַן: אפשר זאָל הענריק ווערן אַ שילער אין דער לובלינער רוסי־שער גימנאַזיע (האַי־סקול)? זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי וועלן קיינמאָל נישט קריגן דעם הסכם פון פאָטער פאַר אַזאַ זאַך. ביסלעכווייז אָבער האָבן זיי זיך צו־געוואוינט צום געדאַנק און אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן פּרטים פון דער „פאַר־שווערונג." דער חסידישער בחור הערש וואָלף האָט געדאַרפט יעדן אינדערפרי קומען צו זיין שוועסטער גיטל סלאָבאָדקין, דאָרט אַראָפּוואַרפן פון זיך די טראַ־דיציאָנעלע יידישע מלבושים און זיך אָנטאָן אין אוניפאָרם פון אַ גימנאַזיסט. נאָך דער גימנאַזיע, וועט ער אויפן וועג אַהיים זיך ווידער אָפּשטעלן ביי זיין שוועס־טער און צוריק ווערן אַ חסידישער בחור. הענריק אַליין איז ווייט נישט געווען באַגייסטערט פון דער גאַנצער קאָנספּיראַציע. דער געדאַנק וועגן אויסבאַהאַלטן זיך, וועגן דעם פּורים־שפּיל מיטן איבערטאָן זיך, וועגן אָפּנאַרן זיין אייגענעם פאָטער, איז געווען קעגן זיין נאַטור. סוף כל סוף האָט אָבער געזיגט דער שכל הישר. דער 14־יאָריקער חסידישער בחור האָט בסוד־סודות אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען און איז אין 1896 אָנגענומען געוואָרן אין דריטן קלאַס פון דער לוב־לינער גימנאַזיע.

ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און דער פֿאָטער איז דערגאַנגען דעם סוד; ער האָט געפֿונען זיין זונס לערן־ביכלעך פֿון דער גימנאַזיע. מיטאַמאָל איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. זיין פֿרוי האָט זיך תיכּף מודה געווען. אין שטוב איז אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכע מהומה. משה ערליך האָט אַליין, מיט זיינע אייגענע הענט, פֿאַרברענט די גוייִשע לערן־ביכלעך. דאָך, ערגעץ־וואו טיף אין זיך, האָט ער געפֿילט, אַז ס׳איז אומזיסט. דער שיקזאַל איז שטאַרקער פֿאַר אים. זיין זון האָט געמאַכט דעם ערשטן טריט אויף אַ וועג, פֿון וועלכן עס איז נישטאָ קיין צוריק. סוף כּל סוף האָט ער געגעבן זיין הסכּם צו דעם וועג, וואָס זיין זון האָט פֿאַר זיך אויסגעקליבן. הענריק האָט מער נישט געדאַרפֿט פֿירן קיין דאָפּלטע עקזיסטענץ. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַר אים נאָרמאַלע יאָרן פֿון אַ שילער אין אַ רוסישער גימנאַזיע.

די 6 יאָר (1896 — 1902) אין גימנאַזיע זיינען געווען די רואיקסטע אין הענריקס לעבן. דאָס זיינען געווען יאָרן פֿון פֿיזישן און גייסטיקן רייף ווערן, פֿון מיזאַמער אַרבעט און טרוימערישע וויזיעס. ער האָט זיך אויסגעצייכנט געלערנט. די רוסישע לערער האָבן נישט איינמאָל געלויבט הענריקן פֿאַר זיינע אויסערגעוויינלעכע פֿאָרשריטן און אים אָפֿט געשטעלט ווי אַ מוסטער פֿאַר אַנדערע שילער.

יענע יאָרן — סוף פֿון פֿאָריקן י״ה און אָנהויב פֿון הייַנטיקן — זיינען געווען גורלדיקע פֿאַר די פֿעלקער פֿון דער גרויסער צאַרישער אימפּעריע. אין די דאָזיקע יאָרן איז געגרינדעט געוואָרן דער „בונד״ און די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. אין די זעלביקע יאָרן איז די פּוילישע אומאָפּהענגיקייט־באַוועגונג ווידער געוואָרן אַקטיוו. אויך דער ציוניזם איז דעמאָלט אַרויס אויף דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכער אַרענע. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג קעגן דער צאַרישער זעלבסטהערשאַפֿט האָט אָבער פֿאַרכאַפּט אַלץ ברייטערע קרייזן פֿון דער באַפֿעלקערונג — ס׳איז געווען דער פֿרילינג פֿון דער מאָדערנער רוסלענדער פֿרייהייט־באַוועגונג. די שטימונגען פֿון דער צייט זיינען אַריינגע־דרונגען אויך אין דער לובלינער רוסישער גימנאַזיע, פּונקט ווי אין אַלע אַנ־דערע מיטלשולן און אוניווערזיטעטן אויף רוסלאַנדס ערד. זיי האָבן אָנגעשטעקט די הערצער און די נשמות פֿון די מער אידעאַליסטישע, מער דענקענדיקע עלעמענטן צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט. זיי האָבן געפֿונען אַ וועג אויך צו הענריק ערליכן.

ווי אַ ייד איז ער געווען נאַציאָנאַל געשטימט; געחלומט וועגן אויסלייזן די יידן פֿון זייער טויזנטעריאָריקן גלות צווישן די פֿעלקער פֿון דער וועלט; אין די עלטערע קלאַסן פֿון גימנאַזיע איז הענריק ערליך אַפֿילו געווען אַ מיטגליד אין דער זעלבער אחד־העמיסטישער גרופּע „בני־משה״, צו וועלכער זיין פֿאָטער האָט געהערט. אַ זון פֿון דער פּוילישער ערד — זיינען אים געווען זייער נאָענט צום האַרצן די פֿרייהייט־אַספּיראַציעס פֿון פּוילישן פֿאָלק. די פּוילישע דיכטונג

און די פּוילישע ליטעראַטור זיינען געווען דער גייסטיקער שטאָף, מיט וואָס ער האָט זיך דערנערט, זינט ער האָט זיך געלערנט נעמען אַ בוך אין האַנט. די העלדן פון די פּוילישע אויפשטאַנדן, דערמאָרדעטע און פאַרשיקטע אויף קאַטאָרגע דורך די רוסישע צאַרן, פלעגן אָפט שוועבן פאַר זיינע טרוימערישע אויגן. אַ יונגער ענטוזיאַסט — איז ער געווען פאַרכאַפּט פון די גרויסע סאָציאַלע אידעאַלן פאַר באַפרייען די אַרבעטנדיקע מענטשהייט, פאַר אָפּשאַפן די פאַרטיילונג פון מענטשן אויף רייכע און אָרעמע, — קעמפן פאַר אַ נייעם יושרדיקן און גערעכטן סדר, וואָס וועט רעאַליזירן די דערהויבענע וויזיעס פון די יידישע נביאים און זייערע תלמידים.

די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וואָס איז זיך אין יענע יאָרן ברייט פאַנאַנדערגעוואַקסן, האָט אים באַגייסטערט. ער האָט נאָך אָבער נישט געזען קלאָר פאַר זיך זיין אייגענעם וועג. ער האָט דורשטיק אַריינגעזאַפּט אין זיך די שענסטע מעלאָדיעס פון דער אַרומיקער אַטמאָספער. ער האָט נאָך אָבער אַליין נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ מעלאָדיע עס וועט דאָמינירן אין זיין אייגענעם לעבן. יידישע נאַציאָנאַלע מאָטיוון האָבן זיך אין אים צונויפגעפלאָכטן מיט פּוילישע אומאָפּהענגיקייט־לידער, מיט רוסישע רעוואָלוציאָנערע געזאַנגען, מיט די ריטמישע טריט פון אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַטאַליאָנען, וואָס מאַרשירן צו אַ נייער, פרייער און גערעכטער וועלט.

מיטן פאַרשטאַנד האָט ער שוין אָנגעהויבן צו באַגרייפן די אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ סעלעקציע. אָבער שטאַרקער ווי דער דאָזיקער ראַציאָנאַליסטישער עלעמענט, איז נאָך אַלץ געווען דאָס יונג־טרוימערישע געפיל, אַז ערגעץ וואו, אין דער צוקונפט, זיינען די יידישע, פּוילישע, רוסישע און אַלמענטשלעכע אידעאַלן אין שטרעבונגען — פאַרבונדן און איינגעאָנקערט איינע אין די אַנדערע. מיט זיינע נאָענטע חברים אין גימנאַזיע איז אים נישט איינמאָל אויסגעקומען צו שמועסן וועגן די אַלע ענינים; אָבער די דאָזיקע שמועסן זיינען גיכער געווען ענלעך צו וויכוחים מיט זיך אַליין, מיט די אייגענע ספקות.

הענריק ערליך האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן אָנזען צווישן זיינע שול־חברים. זיי האָבן אים נישט בלויז ליב באַקומען, נאָר אויך געאַכטעט פאַר זיין אויפריכטיקייט, ערלעכקייט און פאַר זיינע אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן. זיי האָבן אים אויסגעוויילט אין דער לובלינער אָפּטיילונג פון דער אומלעגאַלער יידישער שילער־אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו זאַמלען פאָנדן אויף אויסצוהאַלטן אין אויסלאַנד יענע יידישע סטודענטן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט נישט אַריינגעלאָזט אין די רוסישע אוניווערסיטעטן. צום סוף פון זיין גימנאַזיע־פעריאָד האָט ער זיך אַפילו באַטייליקט אין אַן אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון דער דאָזיקער שילער־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע. צוריק קיין לובלין פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, איז ער שוין געקומען ווי דער פאָרזיצער פון צענטראַלן קאָמיטעט פאַר פּוילן פון דער דערמאָנטער שילער־אָרגאַניזאַציע.

נאָך איידער ער האָט געענדיקט גימנאַזיע, האָט ער באַשלאָסן צו שטודירן

ווייטער אויף דעם יורידישן פֿאַקולטעט. די גאַנצע משפּחה ערליך האָט גע־האַלטן, אַז העבריק האָט אויסגעקליבן דעם ריכטיקן וועג, וואָס אַנטשפּרעכט זיינע גלענצנדע פֿעאיקייטן און זיין שאַרפֿן קאָפּ. אַלע האָבן אָבער געוואוסט, אַז ס'איז גאָר נישט קיין פּשוטע זאַך פֿאַר אַ ייד אין צאַרישן רוסלאַנד זיך אַריינצו־קריגן אין אוניווערסיטעט אויף דעם יורידישן פֿאַקולטעט; די פּראָצענט־נאָרמע פֿאַר יידן אין די רוסישע אוניווערסיטעטן האָט פֿאַרשפּאַרט די טירן פֿאַר די יידישע סטודענטן; עס זיינען איבערגעלאָזט געוואָרן גאָר קליינע שפּעלטעלעך, דורך וועלכע בלויז געציילטע יחידים, וואָס פֿלעגן באַקומען אין דער גימנאַזיע די העכסטע אויסצייכענונגען, האָבן געהאַט אַ שאַנס זיך אַדורכצושטופּן. העבריק האָט דעריבער נישט געשפּאַרט קיין צייט און קיין אַרבעט און האָט פֿאַרענדיקט די גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל.

די מוטער האָט זיך די ערשטע געכאַפּט, אַז איר זון זעט אויס גאָרנישט פֿויגלדיק, אַז ער איז בלאַס און אויסגעדאַרט פֿון די פֿיל טעג און נעכט, אין משך פֿון וועלכע ער האָט זיך אַזוי פֿלייסיק געגרייט צו די עקזאַמענס. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער זאָל פֿאַרברענגען די זומער־חדשים 1902 אויף אַ דאַטשע אין קוזמיר ביי דער ווייסל. דאָרט, אין אָט דעם מאַלערישן אַפּרו־אָרט, נישט ווייט פֿון לובלין, האָט זיך העבריק ערליך געטראָפֿן מיט אַ יונגן סטודענט פֿון וואַרשע — בראָניסלאַוו גראָסער. די צופֿעליקע זומער־באַקאַנטשאַפֿט פֿון די צוויי יונגע בחורים, וואָס האָבן שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך גיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ טיפֿער פֿריינטשאַפֿט.

בראָניסלאַוו גראָסער איז געווען אַ זון פֿון אַ טיף אַסימילירטער יידישער פֿאַמיליע אין פּוילן; זיין פֿאָטער און באַזונדערס זיין מוטער זיינען שוין געווען ווייט פֿון אַ וועלכער נישט איז שייכות מיט יידן און מיט יידיש לעבן. אין דער משפּחה גראָסער האָט געהערשט אַ שטאַרקע פּיעטעט פֿאַר פּוילן, פֿאַר דער פּוילישער ליטעראַטור און דיכטונג; די טראַדיציעס פֿון דער פּוילישער אומ־אָפּהענגיקייט־באַוועגונג, פֿון די פּוילישע אויפֿשטאַנדן זיינען דאָרט פֿרום אָפּ־געהיט געוואָרן. זייער זון בראָניסלאַוו, מיט אַ צוויי, דריי יאָר יינגער פֿאַר העבריקן, איז דערצויגן געוואָרן אין די זעלביקע טראַדיציעס. בעת ער האָט זיך געטראָפֿן מיט העבריקן איז ער שוין געווען סאָציאַליסטיש געשטימט; אָבער זיינע פֿאַראינטערעסירונגען זיינען נאָך געווען קאָנצענטרירט דער עיקר אויף פּוילן.

בראָניסלאַוו גראָסער האָט אַריינגעפֿירט העבריקן אין אַ קרייז פֿון פּוילישער יוגנט אין קוזמיר וואו זיי האָבן פֿאַרבראַכט דעם זומער 1902. אין דער עקזאַל־טירטער אַטמאָספֿער פֿון דעם דאָזיקן קרייז, האָבן די באַגייסטערטע און מיסטישע פֿערזן פֿון מיצקעוויטשן געקלונגען מיט גאָר אַ באַזונדער איבערצייגונג־קראַפֿט; פּוילישע פֿאָלקסלידער און רעוואָלוציאָנערע געזאַנגען האָבן געוועקט צו טאַט, גערופֿן צו קרבנות; פּוילן, איר געשיכטע, אירע אויפֿשטאַנדן און איר צוקונפֿט

זיינען געווען די טעמעס פון אומענדלעכע געשפּרעכן און באַהאַנדלונגען. דער דאָזיקער יוגנט־קרייז, וואָס אַ סך פון זיינע אָנטיילנעמער האָבן שפּעטער, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן, געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף הענריק ערליכן.

די צופעליקע זומער־באַקאַנטשאַפט פון די צוויי יונגע בחורים האָט זיך שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ טיפע, ערנסטע פריינטשאַפט. בראָניסלאַוו גראָסער האָט שוין דעמאָלט געוואוסט וועגן „בונד״. אָבער דאָס לעבן פון די יידישע מאַסן, יידיש לעבן בכלל, איז נאָך פאַר אים געווען אַ פאַרחתמעט בוך. ער האָט נאָך זיך אַליין נישט באַטראַכט פאַר אַ ייד. און ווען ער האָט גערעדט וועגן דער יידן־פראַגע אין פּוילן, האָט ער עס געטאָן ווי אַ פּוילישער סאָציאַליסט, ווי אַ רעוואָ־לוציאָנער, אָבער נישט ווי אַן אייגענער. אין דעם פּרט איז הענריק ערליך געווען זיין אַנטיפּאָד: פּונקט ווי גראָסערן איז געווען נאַטירלעך צו פילן זיך ווי אַ פּאָליאַק, אַזוי איז פאַר ערליכן געווען נאַטירלעך זיין אָנגעהעריקייט צום יידישן כלל; פּונקט ווי גראָסער האָט זיך געפילט אין דער היים אין אַ פּוילישער סביבה, אַזוי איז ערליך געווען היימיש אין דער יידישער; פאַר ערליכן איז זיין אָנשליסן זיך אין „בונד״ געווען פּונקט אַזוי נאַטירלעך און פּשוט ווי פאַר אַ פראַנצויז צו ווערן אַ מיטגליד אין דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; פאַר גראָסערן איז זיין וועג צום „בונד״ געווען שווער און קאָמפּליצירט, ער האָט געדאַרפט גובר זיין אין זיך אַליין אַ סך איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס, נאַ־טירלעכע אימפּולסן, וועלכע האָבן אים געצויגן צום לאַגער פון פּוילישן סאָ־ציאַליזם. נאָר דורך אַ שווערן פיינלעכן פּראָצעס פון שווימען עקשנותדיק „קעגן שטראָם״, האָט בראָניסלאַוו גראָסער זיך דערטראַכט צום „בונד״, זיך באַהאַפטן מיט די יידישע אַרבעטנדיקע פאָלקס־מאַסן. ס׳איז בלי שום ספק, אַז די באַקאַנשאַפט און טיפע פריינטשאַפט מיט הענריק ערליכן האָבן אים געהאָלפן צו געפינען זיין וועג. אויב בראָניסלאַוו גראָסער האָט פאַרבונדן ערליכן אינטי־מער און פעסטער מיט פּוילן און מיטן פּוילישן פאָלק, האָט ה. ערליך אַנטפּלעקט פאַר גראָסערן דאָס יידישע פאָלק. ביידע האָבן פיל געניאָסן פון זייער געמיינזאַמען פאַרברענגען אין קוזמיר.

אין אַ טריבן, רעגנדיקן פרימאָרגן, אין האַרבסט 1902, איז הענריק ערליך געשטאַנען אויפן לובלינער וואָקזאַל און זיך אייליק געזעגנט מיט זיין מוטער און משפּחה, וואָס זיינען געקומען אים באַגלייטן צו זיין אָפּפאָרן קיין וואַרשע, וואו ער איז אָנגענומען געוואָרן אין יורידישן פאַקולטעט. ער איז געפאָרן זיך באַזעצן אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן, וואו דאָס לעבן אין פאַרגלייך מיט לובלין, איז געווען שטורמיש און רוישיק, וואו אַ געדיכטע יידישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג האָט שוין אַקטיוו זיך באַטייליקט, אונטער די פענער פון „בונד״, אין עקאָנאָמישע מאַסן־קאַמפן, און אין פּאָליטישע שלאַכטן מיטן צאַרישן אַבסאָ־לוטיזם.

די אַטמאָספער פון וואַרשע אין יענע יאָרן איז שוין געווען אָנגעזאַפּט מיט

דער נאָענטקייט פון רעוואָלוציאָנערן אַלרוסישן אויפברויז. שוין אין די ערשטע חדשים פון זיין סטודענטן־לעבן באַטייליקט זיך ערליך אין אַ דעמאָנסטראַציע פון דער ראַדיקאַל־געשטימטער יידישער אַקאַדעמישער יוגנט קעגן דער אַנטי־סעמיטישער פיעסע — „דאָס גאָלדענע קאַלב״, וועלכע ווערט געשפּילט אין איי־נעם פון די וואַרשעווער טעאַטערס. ער באַצאָלט פאַר זיין אָנטייל אין דער דאָזי־קער דעמאָנסטראַציע מיט דריי וואָכן טורמע. דער דאָזיקער ערשטער אַרעסט האָט דערוויל נישט געהאַט קיין ערנסטע פאָלגן. די „נאַטשאַלסטווע״ פון וואַר־שעווער אוניווערסיטעט האָט געקוקט צווישן די פינגער אויף צוזאַמענשטויסן צווישן יידישע און פּוילישע סטודענטן, נישט איינזעענדיק אין זיי קיין סכנה פאַרן צאַרישן רעזשים. אין 1903, ווען זיין פריינט בראָניסלאַוו גראָסער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זיין חוב איז אָנצושליסן זיך אין „בונד״, איז העניריק ערליך, פאַר ווענען דער וועג צום „בונד״ איז געווען אַ סך פשוטער, אויך געוואָרן אַ מיטגליד פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד״. דער באַרג־אַרויף פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין 1903 און 1904 האָט זיי ביידן פאַרכאַפּט; בראָניסלאַוו גראָסערס פייערדיקער טעמפּעראַמענט און אוי־סערגעוויינלעכער רעדנער־טאַלאַנט האָט אים גלייך אַרויסגערוקט אין די רייען פון „בונד״. דאַקעגן — ערליכס וועג איז געווען אַ לאַנגזאַמער, אַ בהדרגהדיקער, אַנטשפּרעכנדיק זיין טעמפּעראַמענט און געמיט. בעת די אוניווערסיטעט־יאָרן אין וואַרשע איז ער געווען אַ געטרייער מיטגליד פון „בונד״, האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט צו דערפילן די אַרבעטן, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט אים אָנ־פאַרטרויט. אין די ווינטער־חדשים פון יאָר 1904 איז אין דער צאַרישער טורמע אין וואַרשע געשטאָרבן פון שווינדזוכט דער בונדישער טוער בירנצווייג. די אָרגאַניזאַציע האָט אים איינגעאָרדנט אַ דעמאָנסטראַטיווע לוויה. עס זיינען פאַרגעקומען אַ סך אַרעסטן און צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען העניריק ערליך. ער איז אָפּגעזעסן דריי חדשים און איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון וואַר־שעווער אוניווערסיטעט.

נאָכן באַפרייט ווערן פון טורמע, האָט זיך פאַר העניריקן אין דער גאַנצער ברייט אַוועקגעשטעלט די פראַגע: וואָס ווייטער? דער אויסשלוס פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט איז פאַר אים געווען זייער אַ שמערצלעכער קלאַפּ. די משפחה האָט צודרינגלעך געפאָדערט, אַז ער זאָל אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרט פאַרענדיקן זיין אוניווערזיטעט־בילדונג. דער פאָטער האָט אים צוגעזאָגט צו שיקן יעדן חודש גענוג געלט, כדי ס׳זאָל אים גאָרנישט פעלן. בראָניסלאַוו גראָסער האָט אים אויך צוגערעדט צו דעם דאָזיקן שריט. סוף 1904 איז ער אַפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד און איז געוואָרן אַ סטודענט פון בערלינער אוני־ווערזיטעט. ס׳האָט געהייסן, אַז אין דער הויפּט־שטאָט פון דייטשלאַנד שטו־דירט ער פּאָליטישע עקאָנאָמיע און מלוכה־וויסנשאַפט. אין דער אמתן אָבער איז אים דעמאָלט דער קאָפּ נישט געלעגן אין די לימודים. דאָס יאָר 1905 האָט פאַנאַנדערגעוויגט די גרויסע רוסישע אימפּעריע פון איין עק ביז דעם צווייטן. די גראַנדיעזע רעוואָלוציאָנערע מאַסן־אַרויסטרעטונגען פון די פעלקער אין

רוסלאַנד האָבן צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער וועלט. דער יונגער סטודענט האָט אינערלעך געברענט מיטן פייער פון דער רעוואָלוציע. אין בערלין, אויף די גאַסן פון דער פרעמדער דייטשער שטאָט, האָט ער זיך גע־פילט ווי אַ פאַרשיקטער. מיט אַלע זיינע חושים האָט ער זיך געריסן צוריק, אַהין, צו די רעוואָלוציאָנערע מאַסן פון רוסלאַנד, פון פוילן, צום „בונד". ווי נאָר דער אָקטאָבער־מאַניפעסט פון יאָר 1905 האָט ה. ערליכן צוריקגעגעבן די מעגלעכקייט צו שטודירן אין רוסלאַנד, האָט ער תיכף פאַרלאָזט בערלין און גע־קומען צוריק אַהיים. ער באַוויזט נאָך צוזאַמען מיט גראָסערן צו רעדאַגירן דעם אומלעגאַלן בונדישן אָרגאַן אין דער פּוילישער שפּראַך: „נאַשע האַסלאָ" (אונזערע לאָזונגען), וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע. דער דאָזיקער זשורנאַל האָט אָבער נישט קיין אַריכת ימים. די צאַרישע מאַכט, וועלכע איז שנעל געקומען צו זיך נאָך די ערשטע מפּלות, האָט אים דערשטיקט.

די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין שטורמישן יאָר 1905, האָבן געמאַכט דעם ערשטן באַדייטנדיקן דורכברוך אין דער פעסטונג פון צאַרישן דעספּאָטיזם. זיי האָבן אָבער די צאַרישע בעסטיע נישט דערשלאָגן. זיי האָבן זי בלויז פאַר־וואונדעט. גיך האָט זי אָנגעהויבן מיט אַ באַזונדערער אַכזריות צו פאַרפאָלגן די רעוואָלוציאָנערע מאַסן און זייערע פירער. פאַר ערליכן, פּונקט ווי פאַר זיין נאָענטסטן פריינט בראָניסלאַוו גראָסער, איז דער באַדן אין וואַרשע געוואָרן צו הייס. אין 1906 פאָרן זיי ביידע אַוועק קיין פעטערבורג און אָנגעקומען אויפן יורידישן פאַקולטעט פון פעטערבורגער אוניווערזיטעט.

פאַר דעם יונגן בונדיסט הענריק ערליך האָט זיך אָנגעהויבן דער פעטער־בורגער פּעריאָד פון זיין לעבן. דאָס איז געווען ווינטער 1906. די הויפּטשטאָט פון רוסלאַנד האָט נאָך הייס געאָטעמט מיטן רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, הגם ס'האָט זיך שוין גענומען מערקן דער באַרג אַראָפּ פון די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס. אויף איינעם פון די צאָלרייכע סטודענטן־מיטינגען האָט ער זיך גע־טראָפן מיטן „טאָוואַרישטש אַבראַם", וואָס פלעגט אויפשטורעמען די פאַרזאַמ־לונגען מיט זיין אויסערגעוויינטלעכן רעדנער־טאַלאַנט און פייערדיקן טעמפּע־ראַמענט. דאָס איז געווען דער פּסעוודאָנים פון קרילענקאָ, אַ זון פון אַ פּראַוואָ־סלאַוונעם פּאָפּ אין לובלין און ערליכס אַ חבר פון דער לובלינער גימנאַזיע. מיט יאָרן שפּעטער איז דער דאָזיקער „אַבראַם"־קרילענקאָ באַוואוסט געוואָרן אין גאַנץ רוסלאַנד ווי דער מלוכה־פּראָקוראָר פון דער סאָוויעטן־מאַכט. אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער בונדישער גרופּע אין פעטערבורג האָט דער פאָרזיצער איינמאָל געמאָלדן די פאַרזאַמלטע, אַז היינט זיינען אָנוועזנד געסט, צווישן זיי חבר הענריק פון פוילן. סאָפיע דובנאָוו, אַ מיטגליד פון דער גרופּע, האָט דערזען פאַר זיך אַ הויכן, דאַרן יונגן בחור, מיט גרויסע ווייכע, פאַרבענקטע אויגן און אַ שטערן פון אַ דענקער. אויף אָט דער פאַרזאַמלונג האָבן זיי זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט און געוואָרן פאַרבונדן אויף אַ גאַנץ לעבן.

ערליך און גראָסער האָבן געשטרעבט וואָס שנעלער פאַרטיק צו ווערן מיט די אוניווערזיטעט־קורסן און פאַרענדיקן דאָס שטודיום. זיי האָבן זיך איינ־

טענסיוו געקומען צו דער אַרבעט. זאַלבעדריט — ערליך, גראַסער און דעם לעצטנס פרוי סלאַווא — האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט אין אַ דירה אין אַ קליין שטעטל אין פינלאַנד קואָקאַלאַ, כדי צו קאָנען דאָרטן רואיק אַרבעטן און זיך גרייטן צו די עקזאַמענס. פון דאָרטן פלעגן זיי פון צייט צו צייט אַריינפאָרן אין שטאָט צו די לעקציעס. מיט אַ צייט שפּעטער האָבן זיי באַקומען אַ דירה אין פּעטערבורג גופא. דאָ האָבן זיי שוין זאַלבעפערט: ערליך, סאָפיע דובנאָוו, גראַסער און זיין פרוי, — אויסגעבילדעט אַן אייגענעם קרייז. זיי פלעגן כמעט אַלע אָוונט פאַרברענגען צוזאַמען, לייענען געמיינזאַם און העלפן איינער דעם צווייטן זיך פאַנאַנדערקלייבן אין די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען פון פּאָליטיק, ליטעראַטור, פּאָעזיע; די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם איז אויך געווען איינע פון די עיקרדיקסטע, וואָס האָט פאַרנומען זייערע מוחות און געמיטער. די „שמועסן" פלעגן גאַנץ אָפט פאַרוואַנדלט ווערן אין היציקע און ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס, וואָס פלעגן זיך פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. אַמאָל פלעגט מען צוזאַמען אָוועקגיין צו אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, אָדער אויף אַ קאָנצערט. די נשמה פון די דאָזיקע אָוונטן איז געוויינלעך געווען — בראָניסלאַוו גראַסער ער פלעגט אָפט איינלייטן די אָוונטן מיט ציטאַטן פון זיין „נאָטיץ־בוך". די דאָזיקע פּעטערבורגער אָוונטן האָבן נישט בלויז הענריק ערליכן אַ סך געגעבן. יעדער איינער פון די פיר האָט פיל געגאָסן פון אַלע אַנדערע אַנטיילנעמער. די פיר האָבן זיך אין פיל הינזיכטן קעגנזייטיק דערגענצט און איינער דעם אַנדערן אינטעלעקטועל באַרייכערט.

קיין מאַטעריעלע דאגות האָט הענריק ערליך אין זיינע ערשטע פּעטערבורגער יאָרן נישט געהאַט. דער פאָטער פלעגט אים יעדן חודש שיקן אַ סומע, וואָס האָט אים דערמעגלעכט אָדורכצוקומען. ערגער איז אין דער הינזיכט געווען די לאַגע פון בראָניסלאַוו גראַסער און זיין פרוי. די יורידישע קאַנצעלאַריע פון זיין פאָטער ניקאָדים גראַסער אין וואַרשע איז געווען שטאַרק פאַרלאָזן און האָט וואָס אַ יאָר ווייטער אַלץ ווייניקער געגעבן איינקונפט. די עלטערן פון הענריק ערליכס אינטימסטן פריינט האָבן זיך אַליין שטאַרק גענויטיקט און זייגען במילא נישט געווען אימשטאַנד אַרויסצוהעלפן זייער זון, וואָס האָט שטודירט אין פּעטערבורג.

אין יאָר 1908, בעת הענריק ערליך און בראָניסלאַוו גראַסער האָבן ענדלעך פאַרענדיקט דעם יורידישן פאַקולטעט, האָט אַ פריינט פון גראַסערס פאָטער, אַדוואָקאַט נאַווינסקי, וועלכער האָט געהאַט זיין קאַנצעלאַריע אין ווייטן טשיטאַ, הינטערן באַיקאַל, סיביר, איינגעלאַדן גראַסערן ווי זיין געהילף און דערביי פאָרגעשלאָגן אַ באַדייטנדיקן, ווי פאַר יענע צייטן, געהאַלט. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט פּונקט ווי הענריק ערליך געטרוימט וועגן באַזעצן זיך אין וואַרשע, האָט ער דאָך אָנגענומען דעם פאָרשלאָג; הענריק ערליך איז תיכף נאָכן פאַרענדיקן דעם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, אָפּגעפאָרן קיין פּוילן, כדי זיך צו באַזעצן אין וואַרשע.

זייער גיך איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז ער קאָן אין פּוילן נישט פאַרבלייבן.

נאָך עטלעכע חדשים פֿון אינטענסיווער פּאַרטיי־טעטיקייט, ווערט ער אין יאָר 1909 אַרעסטירט, זיצט אָפּ דריי חדשים אין תּפֿיסה און ווערט אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט פֿון די גרענעצן פֿון קאָנגרעס־פּוילן. ער לעבט אַ קורצע צייט אין פּאַריז און באַקומט שפּעטער אַ דערלויבעניש זיך צוריקצוקערן קיין רוסלאַנד. נאָכן פֿאַרברענגען אַ האַלב יאָר ביי זיין פֿריינט בראָניסלאַוו גראָסער אין טשיטאַ, קערן זיי זיך בײדע אום צוריק קיין פּוילן און באַזעצן זיך אין וואַרשע. סוף זומער 1910 ווערן זיי בײדע דורכן צ. ק. פֿון „בונד" איינגעלאַדן צו באַטייליקן זיך אין דער 8טער קאָנפֿערענץ פֿון „בונד", וואָס איז פֿאָרגעקומען אין לעמבערג. דאָס איז געווען די ערשטע קאָנפֿערענץ נאָכן 7טן צוזאַמענפֿאָר פֿון 1906; עס זיינען דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן וויכטיקע פֿראַגן, ווי: אָנטייל אין די קהילות, גלייכבאַרעכטיקונג פֿון דער יידישער שפּראַך, שבת־אָדער זונטאָג־רו. פֿרילינג 1911 ווערט אין וואַרשע פֿאַרפֿירט קעגן זיי ביידן אַ פּראָצעס פֿאַר געהערן צום „בונד"; גראָסער איז געוואָרן אַרעסטירט, ערליכן געלינגט צו אַנטלויפֿן און זיך אויסצובאַהאַלטן.

נאָך דעם ווי דער פֿאַרפֿירטער פּראָצעס איז ליקווידירט געוואָרן גייט ער אַרויס פֿון זיין קאָנספּיראַטיוון לעבן. דעם זעלבן יאָר פֿאָרט ער אויך קיין פּעטערבורג און האָט חתונה מיט סאָפֿיע דובנאָוו. גלייך נאָך דער חתונה פֿאָרן זיי בײדע אַוועק קיין מינכען — דייטשלאַנד. די צוויי סעמעסטערס פֿון 1911־1912, וואָס זיי האָבן פֿאַרבראַכט צוזאַמען אין דער דעמאָלטיקער אייגנאַרטיקער אַרטיסטישער און אינטעלעקטועלער אַטמאָספֿער פֿון מינכען, זיינען אפֿשר געווען די בעסטע חדשים אין ערליכס לעבן. ער האָט זייער ליב געהאַט מוזיק און מינכען איז יענע יאָרן געווען באַרימט ווי אַ מוזיקאַלישער צענטער פֿון דער וועלט. ער האָט חוץ דעם זייער אַ סך געאַרבעט; ער האָט אין מינכענער אוניווערזיטעט באַזוכט די לעקציעס פֿון באַרימטן פּראָפֿעסאָר ברענטאַנאָ איבער סאָציאַלע וויסנשאַפֿטן. דער עיקר אָבער האָבן זיי בײדע, הענריק און סאָפֿיע, געאַרבעט איבער דעם בוך פֿון אָטאָ באַוער — „די נאַציאָנאַליטעטן־פֿראַגע". דאָס דאָזיקע מאָנומענטאַלע ווערק (דערשינען אין 1907) האָט געמאַכט אַ רושם אין די סאָציאַליסטישע קרייזן פֿון אייראָפּע. פֿאַר דעם בונדיסט הענריק ערליך איז אָטאָ באַוערס אויפֿפֿאַסונג פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע און זיינע אויספֿירונגען געווען באַזונדערס נאָענט און סטימולירנדיק.

אויפֿן וועג פֿון מינכען צוריק קיין רוסלאַנד, שטעלט זיך הענריק ערליך אָפּ אין ווין. ער באַטייליקט זיך אין דער באַראַטונג, וואָס איז דאָרט אָפּגעהאַלטן געוואָרן לויטן באַשלוס פֿון צ. ק. פֿון „בונד", וועגן אַרויסגעבן לעגאַל אין פּעטערבורג אַ בונדישע צייטונג „די צייט". אין דער דאָזיקער באַראַטונג האָבן אָנטיילגענומען ר. אַבראַמאָוויטש, בראָניסלאַוו גראָסער און וולאַדימיר מעדעם. ס'האָבן זיך שוין דעמאָלט אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע סימנים פֿון אַ נייער רעוואָלוציאָנערער אויפֿלעבונג אין רוסלאַנד און דער צענטראַל־קאָמיטעט פֿון „בונד" האָט זיך צו איר גענומען גרייטן.

הענריק און זיין פֿרוי זיינען אָנגעקומען קיין פּעטערבורג אין די ערשטע

זומער־חדשים פון יאָר 1912. די דובנאָווס האָבן, פאַרשטייט זיך, שטאַרק געוואָלט, אַז דאָס יונגע פּאָר־פאָלק זאָל וואוינען צוזאַמען מיט זיי. זיי האָבן אין פּעטערבורג געהאַט אַ גרויסע און באַקוועמע דירה: ערליך האָט אָבער גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַן אַרבעט עס וואַרט אויף אים און ער האָט נישט געוואָלט, אַז צוליב אים זאָלן לײַדן אויך די דובנאָווס. איין אַרגומענט האָט סוף כל סוף איבערצייגט דובנאָוון, אַז ער דאַרף נאָכגעבן: ערליך האָט אים אויפגעקלערט, אַז בעת אַ פּאָליציייִשער רעוויזיע קענען די זשאַנדאַרמען זיך פאַראינטערעסירן אויך מיט זיינע מאַנוסקריפּטן און זיי אַפילו צונעמען. פאַר אַזאַ סכנה האָט זיך דובנאָוו דערשראָקן; ס׳איז געבליבן, אַז דאָס יונגע פּאָר־פאָלק דינגט אַ באַזונדער דירה אין דעם זעלבן הויף, וואו ס׳האָבן געוואוינט די דובנאָווס.

ערליכס דירה אין פּעטערבורג האָט געהאַט גאָר אַ גרויסע מעלה: דער שווייצאַר פון הויז איז געווען אַ שיכור און ווען ער פלעגט זיך אָנטרינקען, פלעגט ער נישט דערקענען קיין מענטשן. אַזאַ דירה, אָדער ריכטיקער אַזאַ שווייצאַר, איז אין יענע יאָרן געווען אַן אמתער אוצר פאַר אַן אומלעגאַלער פּאַרטיי. ביי העגריק ערליכן אין שטוב פלעגן טאָקע פאָרקומען די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" און אַנדערע וויכטיקע פּאַרטיי־באַראַטונגען. ערליך איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" מיטצואַרבעטן מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעפּוטאַטן פון דער „גאָסודאַרסטווענע דומע" (פּאַרלאַמענט), ווי זייער קאָנסולטאַנט. ער איז אויך באַשטימט געוואָרן פאַר אַ פאַרשטייער פון „בונד" אין דעם „אָרגאַניזיר־קאָמיטעט" פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי (צ. ק. פון די מענשעוויקעס).

הענריק ערליכס לעבן אין פּעטערבורג, נאָכן אומקערן זיך פון מינכען, איז געווען אָנגעפילט מיט פּאַרטיי־טעטיקייט און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פונקציעס. זיין אַרבעטס־טאָג האָט זיך אָפט פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ער האָט נישט בלויז געהאָלפן אויסאַרבעטן געזעץ־פּראָיעקטן, נאָר אויך גאַנץ אָפט אָנגעשריבן פאַר די דעפּוטאַטן די רעדעס, מיט וועלכע זיי פלעגן אַרויסטרעטן אין פּאַרלאַמענט. באַזונדערס פיל אַרבעט האָט הענריק ערליך געהאַט מיט דעם סאָציאַליסטישן דעפּוטאַט יאַגעלאָ פון וואַרשע, וועמען דער „בונד" האָט (1912) געהאָלפן אַדורכפירן. די וואַל־קאַמפּאַניע אין וואַרשע איז געווען זייער אַ שאַרפע און קאָמפּליצירטע. גראָסער און ערליך פלעגן בעת דער קאַמפּאַניע קומען קיין וואַרשע און האָבן אָנגעשטרענגט געאַרבעט ביים דורכפירן יאַגעללאָן, קעגן וועמען ס׳איז געווען די גאַנצע פּוילישע געזעלשאַפט (אַחוץ פּ.פּ.ס.־לעוויצע). גענוג צו דערמאָנען, אַז נאָכן אויסוויילן יאַגעללאָן האָט זיך אין פּוילן אָנגעהויבן דער פאַרשאַרפטער באָיקאָט קעגן יידן. אין פּעטערבורג איז אויסגעבילדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון פאַרשטייער פון פּ.פּ.ס.־לעוויצע און „בונד", וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון געמיינזאַם אויסגעוויילטן דעפּוטאַט. ערליך און גראָסער האָבן געהערט צום קאָמיטעט. יאַגעלאָ האָט זייער ווייניק געקענט די רוסישע שפּראַך. ער פלעגט אָפט טעג נאָכאַנאַנד אָפּזיצן ביי די ערליכס, כדי

זיך ווי געהעריק צוצוגרייטן צו זיינער אַן אַרויסטרעטונג אין דער „גאָסודאַרסטווענע דומע״.

אין דעצעמבער 1912 לעבט ערליך איבער אַ מוראדיקע דערשיטערונג: ס'איז געשטאָרבן נאָך אַ קורצער טיפוס־קראַנקהייט זיין אינטימער פריינט בראָניסלאַוו גראָסער, מיט וועמען ער איז צוזאַמען גייסטיק אויסגעוואַקסן, צוזאַמען שטודירט, צוזאַמען געשטאַנען אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישן קאַמף. ערליך האָט אַ צייט לאַנג נישט געקאָנט קומען צו זיך צוליב אַזאַ קאַטאַסטראָפע. און גראָד אין דער צייט איז זיין אַרבעט געוואָרן מער אָנגעשטרענגט, מער קאָמפּליצירט, מער פאַראַנטוואָרטלעך — ער האָט געמוזט נעמען אויף זיך אויסצופילן אויך גאָר אַ גרויסן טייל פון גראָסערס פּאַרטייאישע פליכטן. גראָסער איז אויף דער 9טער בונדישער קאָנפערענץ (1912) אויסגעוויילט געוואָרן אין צ. ק. פון „בונד״. אויף זיין אָרט איז אָנהויב 1913, קאָאָפּטירט געוואָרן הענריק ערליך. ער איז דעמאָלט אַלט געווען 30 יאָר.

אין יענער צייט איז ערליך אויך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער ראַדיקאַלער טעגלעכער צייטונג „דיען״, איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אויסלענדישער אָפּטיילונג פון דער צייטונג.. כדי נישט צו פאַרנאַכלעסיקן זיין יורידישע קאַריערע, איז ער אָנגעקומען ווי אַ געהילף־אַדוואָקאַט צום באַרימטן פּאָליטישן פאַרטיידיקער און געזעלשאַפטלעכן טוער — מאַקסים ווינאַווער. די ווינאַווערס האָבן געשטאַמט פון פוילן און אייניקע מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן אַפילו אָנטיילגענומען אין דעם פוילישן אויפשטאַנד פון 1863. מאַקסים ווינאַווער האָט זיך זייער גוט באַצויגן צו ערליכן און שטאַרק פון אים געהאַלטן. ער האָט געוואָלט, אַז זיין יונגער אַפּליקאַנט זאָל מער טראַכטן וועגן זיין צוקונפט ווי אַן אַדוואָקאַט און פאַראויסגעזאָגט, אַז הענריק ערליך קען אויסוואַקסן אַ באַרימטער פאַרטיידיקער. „פאַרוואָס האָט ער אַזוי פיל זיצונגען?״ — פלעגט מאַקסים ווינאַווער כסדר זיך נאָכפרעגן בעת הענריק ערליך האָט זיך טעג נאָכאַנאַנד נישט באַוויזן אין זיין קאַנצעלאַריע.

זומער־צייט 1913 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״ דעלעגירט ערליכן אָנטיילצונעמען אין דעם אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע אין מאָסקווע. דער צוזאַמענפאָר איז בלויז לפנים געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער. אין דער אמתן האָבן זיך אין אים באַטייליקט אַלע ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון דעמאָלטיקן רוסלאַנד און אַ סך דעפּוטאַטן פון דער „גאָס. דומע״, קערענסקי איז געווען פאָרזיצער פון צוזאַמענפאָר. דער „בונד״ האָט אויפן צוזאַמענפאָר געהאַט עטלעכע דעלעגאַטן פון די גרעסערע שטעט; פון ווילנע איז געווען די בונדישע טוערין סאָניע שאַפּיראָ (דינה). די זיצונגען פון צוזאַמענפאָר זיינען געווען זייער שטורמישע און זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס קעגן צאַרישן רעזשים. לסוף האָט די רעגירונג פאַנאַנדערגעלאָזט דעם צוזאַמענפאָר. הענריק ערליך האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין דער אָנפירונג פון צוזאַמענפאָר. אין

שייכות מיט אַט דער ראָל זיינער איז ער אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט אים אָפּגעפירט אין דער באַרימטער מאָסקווער טורמע „בוטירקע", וואו ער איז ערנסט קראַנק געוואָרן.

סאָפיע ערליך איז צו יענער צייט געווען מיט איר ערשטן קינד, אַן עופהלע פון אַ האַלב יאָר, אויף אַ דאַטשע הינטער פּעטערבורג. וועגן אַרעסט פון איר מאַן האָט זי זיך דערוואוסט פון דער פּרעסע. ניקאָלאַי דמיטרעוויטש סאָקאָלאָוו — אַ באַרימטער רוסישער פּאָליטישער פּאַרטיידיקער, אַ סאָצ. דעמ. האָט זיך פאַרנומען מיט העגריק ערליכס ענין און זיך באַמיט אים צו באַפרייען. ערשט נאָכדעם ווי דער פּאָליציי־דעפּאַרטמענט האָט באַקומען אַ מעדיצינישע באַשטעטיקונג, אַז ערליך איז קראַנק אויף טובערקולאָז, איז ער נאָכן אָפּזיצן דריי און אַ האַלב חדשים אין טורמע באַפרייט געוואָרן. ער האָט זיך תיכף אומגעקערט צו זיינע געזעלשאַפטלעכע פליכטן און צו זיין אַנגעשטרענגטער אַרבעט אין פּעטערבורג.

צו יענער צייט (1914-1912), ביזן אויסברוך פון דער מלחמה, הויבט זיך אויך אָן ערליכס ערשטע אַרויסטרעטונג אויפן געביט פון דער בונדישער פּובליציסטיק. אין דער שוין דערמאָנטער „צייט" — פריער אַ וואָכנבלאַט, אין יאָר 1914 — צוויי מאָל אַ וואָך אונטערן נאָמען „אונזער צייט", — פלעגט ער זיך אונטערשרייבן ה. אַל—סקי; ערב דעם דערמאָנטן צוזאַמענפאָר פון די האַנדל־אַנגעשטעלטע האָט ער אָפּגעדרוקט אַ גרויסן אַרטיקל וועגן די אויפגאַבן פון צוזאַמענפאָר. אין דער „צייט" האָט אויך כמעט אין יעדן נומער געשריבן אַרטיקלען דוד זאַסלאַווסקי, היינט דער הויפּט־פּובליציסט פון „פּראַוודאַ" (זיינע פּסעוודאָנימען זיינען געווען פּ. באַגראַוו, פּ. י. ליפּין און אַנד.); ער איז אויך געווען ערליכס אַ נאָענטער פריינט. צו די מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן פון „צייט" האָבן געהערט אַלע באַוואוסטע בונדישע פּובליציסטן און פּאָליטישע פירער, ווי וו. קאָסאָווסקי, ר. אַבראַמאָוויטש, א. ליטוואַק, אסתר פרומקין, מ. ראַפעס, אַלגין, פּראָפ. הערש, ב. מיכאַלעוויטש און נאָך. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האָט די צאַרישע רעגירונג די צייטונג פאַרבאָטן.

זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה ביז דער פעברואַר־רעוואָלוציע — דער צייט־פּעריאָד 1917-1914 — איז ערליך געווען מער אַקטיוו אין יידישן לעבן ווי פריער. חוץ זיינע פּאַרטייאישע פונקציעס ווי אַ מיטגליד פון צ. ק. פון „בונד", האָט ער נאָך מיט אַ גרופּע חברים אַרויסגעגעבן אַ יידיש וואָכנבלאַט אין דער רוסישער שפּראַך: „יעווריעיסקיאַ וויעסטי"; געווען אויך אַן אַקטיווער מיטאַרבעטער אין די געזעלשאַפטן „אָרט" און „יעקאָפּאַ", וועלכע האָבן פיל געטאָן צו שאַפן הילף פאַר די גערודפטע יידישע מאַסן, וואָס די צאַרישע רע־גירונג האָט אַרויסגעטריבן פון אַ רייע ערטער, וואָס זיינען געלעגן ביים פראָנט, באַשולדיקנדיק זיי אין שפּיאָנאַזש און אַרויפוואַרפנדיק אויף זיי די שולד פאַר אירע מיליטערישע מפּלות.

פונקט ווי דאָס רוב סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די מלחמה־לענדער, איז אויך די סאָציאַליסטישע באַוועגונג פון דעמאָלטיקן רוסלאַנד געווען ווייט נישט אייניק בנוגע איר באַציאונג צו דער מלחמה. ס׳האָבן זיך דייטלעך אָנגעצייכנט צוויי לאַגערן: איינער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז רוסלאַנד דאַרף פאַרטיידיקט ווערן קעגן דעם אָנגריף פון דייטשן אימפּעריאַליזם, מ׳האָט זיי גערופן — „אָבאָראָנצי״. דער צווייטער לאַגער האָט מער געהאַלטן פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט איידער פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג, זיי האָבן זיך גערופן „אינטערנאַציאָנאַליסטן״. אָבער אויך די דאָזיקע צוויי לאַגערן, אויף וועלכע די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז געווען צעטיילט, זיינען נישט געווען איינהייטלעך. אין יעדן לאַגער האָבן עקזיסטירט פאַרשידענע שאַטירונגען און ניואַנסן. ערליך האָט געהערט צו אַ ריכטונג, וועלכע האָט זיך גערופן „רעוואָלוציאָנערע אָבאָראָנצעס״. די דאָזיקע ריכטונג איז געווען איבערצייגט, אַז כדי צו קענען דערפאָלגרייך פאַרטיידיקן רוסלאַנד, מוז מען באַזייטיקן דעם צאַרישן רעזשים. ער איז געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז פאַרטיידיקנדיק רוסלאַנד דאַרף אָבער דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־קלאַס נישט מקריב זיין זיינע זעלבשטענדיקע אויפגאַבן און זיינע רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן. אין הסכם מיט דער דאָזיקער שטעלונג, איז ער געווען איינער פון די דריי מחברים פון דער באַרימטער דעקלאַראַציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין דער „גאָס. דומע״ בעתן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין דער דעקלאַראַציע איז באַגרינדעט, פאַרוואָס די סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד שטימען נישט פאַר דעם מלחמה־ביודזשעט. אָבער אין דער זעלביקער צייט איז ער געווען פאַר אַן אַקטיווער באַטייליקונג פון דער רוסלענדער אַרבעטערשאַפט אין די ספּעציעלע געזעלשאַפטלעכע קאָמיטעטן, וועלכע די רעגירונג האָט געשאַפן, כדי צו פאַרשנעלערן די באַוואָפענונג פון דער רוסישער אַרמיי אויף די פראָנטן און איר אויסשטאַטן מיט די נויטיקע מיליטערישע מכשירים, — אין די אַ. ג. „וואָיעננאָ־פּראָמישלעננײע קאָמיטעטי״.

די מלחמה־יאָרן האָבן הענריק ערליכן אין אַלע הינזיכטן שווער געטראָפן. רוסלאַנד האָט געליטן איין מיליטערישע מפּלה נאָך דער צווייטער. די דייטש־עסטרייכישע אַרמייען האָבן שוין אין 1915 פאַרנומען וואַרשע, לובלין, בריסק און זיינען דערגאַנגען אַזש ביז דווינסק. גאַנץ פּוילן איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון רוסלאַנד און הענריק ערליך האָט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט זיינע עלטערן. ער איז געבליבן אין פּעטערבורג מיט אַ פרוי און צוויי קינדערלעך, אָנגעוויזן אויסשליסלעך אויף זיינע מאָגערע פאַרדינסטן פון אַ זשורנאַליסט. ווי אַ סאָציאַליסט האָט ער געליטן דערפון, וואָס דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אַרויסגעוויזן אומפעאיק קעגנצואווירקן דעם אויסברוך פון דער מלחמה. ער האָט זייער שמערצלעך אַדורכגעלעבט די באַקאַנטע „בורג־פרידן־פּאָליטיק״ פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע במשך פון די ערשטע מלחמה־יאָרן. שפּעטער, בעת די מלחמה איז פאַרענדיקט געוואָרן, איז די קריטישע באַציאונג צום רעפאָרמיסטישן פליגל פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג געוואָרן אַ

פעסטער באַשטאַנד־טייל פון זיין וועלט־באַנעם און דעצידירט וועגן זיין אידע־אישער פּאָזיציע אין „בונד" און אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

די פעברואַר־רעוואָלוציע פון יאָר 1917, אויסגעבראָכן אין פּעטערבורג, האָט תיכף אָנגעצונדן מיט אירע פלאַמען גאַנץ רוסלאַנד. הענריק ערליך איז גלייך אַרויסגערוקט געוואָרן אין די פאָדערשטע רייען פון דער רעוואָלוציע. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַרבעטער־ראַט פון דער הויפּט־שטאָט, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ דעצידירנדיקע ראָלע אין די ווייטערדיקע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן. זיינע אַרויסטרעטונגען דאָרט האָבן אָפּגעקלונגען איבער גאַנץ רוסלאַנד און ער האָט אַלץ מער און מער געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פריינט און קעגנער. ער איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן אין אַלרוסלענדישן אויספיר־קאָמיטעט פון די אַרבעטער און סאָלדאַטן־ראַטן, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד — אין באַרימטן „ציק" (צענטראַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט), וועלכער האָט אין יענער צייט פאַרמאָגט מער רעאַלע מאַכט איידער די צייטווייליקע רעגירונג פון רוסלאַנד. וועגן ערליכס ראָל אין די ערשטע מאָנאַטן פון דער רעוואָלוציע שרייבט סוכאַנאָוו אין זיין באַקאַנטער אַרבעט „זאַפּיסקי אָ רעוואָלוציאי". וועגן איינער זיינער אַן אַרויסטרעטונג אין „ציק", איז פאַראַן אַ באַמערקונג אין די פאַרעפנטלעכטע נאָטיצן פון סטאַלינען וועגן יענעם פעריאָד פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַז הענריק ערליכס רעדע איז געווען די שכלדיקסטע — ווערטלעך: „וו איספּאָל־קאָמיע סאַמאַיאַ טאָלקאָוואַיאַ ריעטש — עטאָ גענריכאַ ערליכאַ".

בעת דער רעוואָלוציע האָט שוין בכלל קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן אַ פּערזענלעך לעבן פאַר הענריק ערליכן. ער האָט זיין פרוי און קינדער זעלטן געזען און נאָך זעלטענער געהאַט צייט מיט זיי צו פאַרברענגען. אויף דער קאָנ־פערענץ פון „בונד" וואָס איז פאָרגעקומען גלייך נאָך דער רעוואָלוציע, איז ער ווידער אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט. גלייך נאָך דער קאָנפערענץ ווערט ער באַשטימט פאַר דעם פאַרטרעטער פון „בונד" אין דער צענטראַלער אָנפירונג פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע — „מענ־שעוויקעס", וואָס איז דעמאָלט געווען דער מאַרך און דער גענעראַל־שטאַב פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע. אין די זומער־חדשים פון יאָר 1917 איז ער געווען דער שליח פון צענטראַל־קאָמיטעט אויף דער כאַרקאָווער קאָנפערענץ פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון אוקראַינע, ער האָט אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ פאַרטיידיקט דעם „צענטריסטישן" שטאַנדפּונקט פון „בונד" קעגן דער עקסטרעם־רעכטער פּאָזיציע פון משה ראַפעס. זיינע אַרויסטרעטונגען אין כאַרקאָוו האָבן צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. יעדער נייער טאָג און יעדע נייע וואָך האָבן געשטעלט די רעוואָלוציע פּנים אל פּנים מיט נייע פּראָבלעמען און שוועריקייטן, צו וועלכע הענריק ערליך האָט געמוזט פאַרנעמען שטעלונג אין נאָמען פון „בונד" און פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע,

מיט וועלכער דער „בונד" האָט אין יענעם רעוואָלוציאָנערן שטורעם־און־דראַנג־פּעריאָד, אַקטיוו און אינטים מיטגעאַרבעט. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַפילו אין אַזאַ צייט, האָט ער נישט פאַרגעסן וועגן פּוילן, — געווען דער איניציאַטאָר און דער מחבר פון דעם באַרימטן פאַרשלאָג אין פּעטערבורגער אַרבעטער־ראַט וועגן דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן.

„שלום אָן אַנעקסיעס און קאָנטריבוציעס" — איז אין יענעם פּעריאָד געווען דער לאָזונג פון דער רוסלענדער סאָציאַליסטישער וועלט. הענריק ערליך, אַליין אַן איבערצייגטער אָנהענגער פון דעם לאָזונג, האָט דערצו נאָך זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז די מלחמה איז די גרעסטע סכנה פאַר דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, פאַר אירע נאָענטע און ווייטע פּערספּעקטיוון. ער האָט געזען ווי די אויפגעבראַזטע סטיכיע פון רוסישן לעבן, אויף וועלכער די באָלשעוויקעס האָבן שוין דעמאָלט אָנגעהויבן דעמאַגאָגיש צו רייטן, הויבט אָן אַראָפּצושווענקען די גרינגע שפּראָצונגען פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע. ער האָט דעריבער הייס און איבערצייגנדיק אונטערגעשטיצט דעם פאַרשלאָג, אַז דער „ציק" פון די אַרבעטער־ראַטן זאָל טראָגן דער מלחמה אַרויסשיקן צו די פעלקער פון אייראָפּע אַ שלום־דעלעגאַציע און זיי פאַרלייגן אין נאָמען פון די רעוואָלוציאָנערע פעלקער פון רוסלאַנד אַ שלום אָן קאָנטריבוציעס און אָן אַנעקסיעס, אָן זיגער און אָן באַזיגטע. זיין פאַרשלאָג איז נישט בלויז אָנגענומען געוואָרן, נאָר ער אַליין איז אויך אויסגעוויילט געוואָרן ווי איינער פון די פינף דעלעגאַטן, וואָס זאָלן תיכף אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד ווי די שלום־דעלעגאַציע פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

די גאַנצע וועלט האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט יעדן טריט און יעדעס וואָרט פון דער אויסערגעוויינלעכער שלום־דעלעגאַציע. ס'איז אפשר געווען דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע, אַז אַ פאָלק, וואָס געפינט זיך אין מיטן פון אַ בלוטיקער מלחמה, זאָל אויסמיידן די נאָרמאַלע וועגן פון טראַדיציאָנעלער דיפּלאָמאַטיע און אַפּעלירן נישט צו רעגירונגען, נאָר דירעקט צו פעלקער. דער פאַקט גופא פון אַזאַ דעלעגאַציע איז געווען אַ רעוואָלוציאָנערער אַקט פון גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער וואָגיקייט. די דאָזיקע באַרימטע דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון גאָלדענבערג־מיעשקאָווסקי — באָלשעוויק, רוסאַנאָוו — עסעראָוויעץ, סמירנאָוו, ריאַזאַנאָוו (מענשעוויקעס) און הענריק ערליך („בונד"). הענריק ערליך האָט זיך נישט אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט די אַנדערע מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ער דאַרף זיך אָפּשטעלן אין שוועדן, כדי אָנטיילצונעמען אין דער קאָנפערענץ פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען פון די סקאַנדינאַווישע און אַנדערע נייטראַלע לענדער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין שטאָקהאָלם. די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז געווען: צוריק אויפבויען דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

געקומען פון שוועדן צוריק קיין פּעטערבורג, אין אויגוסט 1917, האָט ערליך גלייך דערפילט די נייע ווינטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן טרייבן די שיף

פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע צו איר באָלשעוויסטישן סוף — צו אָקטאָבער 1917. די אַ. ג. דעמאָקראַטישע באַראַטונג, 15טן אויגוסט 1917, האָט אויסגע־ווײַלט העגריק ערליכן אין רוסלענדישן פאָר־פאַרלאַמענט, וועלכער האָט געטראָגן דעם נאָמען „צײַטווײַליקער ראַט פון דער רוסלענדישער רעפּובליק." זינט דעם מאָמענט ביז די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און אַראָפּגעזעצט די אַ. ג. צײַטווײַליקע רעגירונג, איז ער געווען אין אַ צושטאַנד פון אַ כסדר שטײַגנדיקער דעפּרעסיע. אָממערסטן האָט אים איבערראַשט די געענדערטע אַטמאָספער אויף די מיטינגען און מאַסן־פאַרזאַמלונגען, וואָס פלעגן דעמאָלט כסדר אָפּגעהאַלטן ווערן אין אַלע עקן פון דער הויפּט־שטאָט. ס'איז געווען גענוג, אַז אויף דער טריבונע פון אַזאַ פאַרזאַמלונג זאָל אַרויפגיין אַ מאַטראָס, אַ זעלנער, אָדער סתם אַן אַרבעטער און מאַכן אַ פּאָר באָלשעוויסטישע אויסגעשרייען, וואַרפן אַ פּאָר לאָזונגען, אַז דער עולם זאָל אים שטורמיש אַפּלאָדירן און פאַרגעסן וועגן די בעסטע רעדנער און זייערע דורכגעטראַכטע, גוט אַרגומענטירטע אויספירונגען. די רעדנער פון דעם דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישן לאַגער האָבן אין יענעם פּע־ריאָד פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע געפילט, אַז זיי האָבן ווי פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער צעברויזטער פאָלקס־סטיכיע. ס'איז געווען אַ צײַט ווען אַפּעלירן צום שׂכל איז געווען אַן אומזיסטע אַרבעט, ווען די מאַסן האָבן פאַר־שטאַנען בלויז די שפּראַך פון לײַדנשאַפטלעכע געפילן און פּרימיטיווע באַגערן. קיין שום זאַך איז אָבער נישט געווען אַזוי פרעמד דעם עצם פון העגריק ערליכס נאַטור ווי דעמאַגאָגישער שפּיל אויף די צערײַצטע געפילן פון המון. אין אַזאַ אַטמאָספער האָט ער זיך דערפילט פאַרלוירן און פאַרלאָזן. ער איז געווען טיף אינערלעך באַליידיקט צוליב זײַן הילפלאָזיקייט אַנטקעגן דער סטיכיע.

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש פון אָקטאָבער 1917, וואָס האָט אַראָפּגעזעצט די צײַטווײַליקע רעגירונג און פאַרטריבן קערענסקין, האָבן די באָלשעוויקעס באַשלאָסן אַדורכצופירן די וואַלן צו דער רוסלענדער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג. זיי זײַנען געווען זיכער, אַז מיט דער הילף פון דעם דעראָבערטן מלוכה־אַפּאַראַט וועט זיי געלינגען צו געווינען אין איר אַ מערהייט. העגריק ערליך האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער וואַל־קאַמפּאַניע. ער האָט אַליין קאַנדידירט אויף דעם ערשטן אָרט אין כערסאָנער גובערניע און אויף דעם צווייטן אָרט אין קיעווער גובערניע. ווי ס'איז באַקאַנט, האָט אָבער דער אויס־גאַנג פון די וואַלן צו דער רוסלענדער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג נישט באַרעכטיקט די האָפענונגען פון די באָלשעוויקעס. די מערהייט פון די אויסגעווײַלטע דע־לעגאַטן זײַנען געווען קעגנער פון באָלשעוויזם. דער דאָזיקער אויסגאַנג פון די אַלגעמיינע וואַלן האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די האָפענונג, אַז די באָלשע־וויקעס וועלן נישט קאָנען אײַנהאַלטן די דעראָבערטע דורך זיי מלוכה־מאַכט. העגריק ערליך האָט אויך געהערט צו די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די רוסלענדער רעוואָלוציע וועט גאַנץ שנעל צוריק אַרויף אויף דעמאָקראַטישע וועגן. דעם 5טן יאַנואַר 1918 האָט די גרינדונג־פאַרזאַמלונג געדאַרפט געעפנט ווערן. אויף דעם טאָג האָט די רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (מענשעוויקעס), דער „בונד"

און אַלע אַנדערע אָפּאָזיציאָנעלע צו דער באָלשעוויסטישער מאַכט ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע ריכטונגען, גערופן די באַפעלקערונג פון פּעטערבורג זיך צו פאַרזאַמלען ביים טאַורישן פּאַלאַץ, כדי צו באַגריסן די אויסגעוויילטע דעלע־גאַטן צו דער רוסלענדער קאָנסטיטואַנטע. גאַנץ פּעטערבורג האָט זיך געגרייט צו דער דאָזיקער פאָלקס־דעמאָנסטראַציע. די ערליכס האָבן איבערגעלאָזט די קינדער אין שטוב און זיינען ביידע אַוועק צום אָרט פון דער דעמאָנסטראַציע. דער געדראַנג איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן איינער דעם אַנדערן פאַרלוירן. די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט אַרויסגערופן אַן אָפּטיילונג מאַטראָסן, וועלכע האָבן געשאָסן מיט מאַשין־געווער און קוילנוואַרפער אין די דעמאָנסטראַנטן און זיי פאַריאָגט. בעת סאָפיע דובנאָוו־ערליך איז אַן אויסגעמאַטערטע ענדלעך געקומען אַהיים, האָבן שוין די קינדער געוואוסט פון די שכנים וועגן די בלוטיקע געשעענישן ביים טאַורישן פּאַלאַץ. „האָט אין דיר אַ קויל נישט געטראָפן?״ — איז געווען די ערשטע פראַגע, וואָס איר עלטערער זון אַלעש האָט איר געשטעלט. „ניין״ — האָט סאָפיע געענטפערט. „און אין דעם טאַטן האָט געטראָפן אַ קויל?״ — האָט ער ווייטער געפרעגט. די מוטער האָט אים באַרויקט, הגם זי איז נישט געווען אינגאַנצן זיכער וועגן גורל פון הענריק ערליכן. — דעם 5טן יאַנואַר 1918 האָט די באָלשעוויסטישע קויל אין הענריק ערליכן נישט געטראָפן. אין אָוונט איז אויך ער געקומען אַ גאַנצער אַהיים. אָבער די זעלביקע קויל פון די זעלביקע קאָמוניסטישע באַהערשער פון רוסלאַנד האָט אים אַוועקגעלייגט אַ טויטן מיט קנאַפּע פינף און צוואַנציק יאָר שפּעטער.

דער ווינטער פון יאָר 1917־1918, נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש, איז געווען זייער אַ שווערער. באַזונדערס שטאַרק האָט געליטן די באַפעלקערונג פון דער הויפּט־שטאָט. דער צופיר פון הייץ־שטאָף און לעבנס־פּראָדוקטן האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער טראַנספּאָרט איז געווען מוראדיק צעשעדיקט. אין דער גרויסער פּעטערבורגער דירה פון די ערליכס איז געווען קאַלט און הונגעריק. די קינדער זיינען געווען בלאַס און דאַר. ס׳האָט אָנגעהויבן אויסצופעלן דאָס סאַמע נויטיקסטע.

אַלס פּראָטעסט קעגן דעם פאַרכאַפּן די מלוכה־מאַכט דורך די באָלשעוויקעס, האָט הענריק ערליך צוזאַמען מיט דער מענשעוויסטישער און בונדישער פראַק־ציע, פאַרלאָזט אין אָקטאָבער 1917 דעם צווייטן אַלרוסלענדער צוזאַמענפאָר פון די סאָוויעטן און רעזיגנירט פון זיין מאַנדאַט אין דעם אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוויעטן — „ציק״. די אָקטאָבער־איבערקערעניש האָט דערנענטערט די פאַר־שידענע אידעאישע ריכטונגען אין דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און זיי אויפסניי ענגער צונויפגעבונדן צווישן זיך. איר לינקער פליגל אונטער דער אָנפירונג פון מאַרטאָוון און דער צענטער פון די מענשעוויקעס, וועמענס לידער ס׳איז דעמאָלט געווען דאַן, האָבן געשאַפן אַ בלאָק. אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער דאָזיקער פאַראייניקונג איז אויסגעוויילט געוואָרן הענריק

ערליך. אין נאָוועמבער 1917 איז ער אויך באַשטימט געוואָרן פאַר אַ מיט־רעדאַקטאָר פון דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע „ראַבאָטשאַיאַ גאַזעטאַ״. אונטער די באַדינגונגען, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זיינען דאָס געווען זייער בכבודיקע אַמטן פאַר אַ סאָציאַליסטישן טוער, וועלכער איז געבליבן אין אָפּאָזיציע צום נייעם רעזשים. אַרויסגעדרוקט אויף די כאַ' ערשטע פּאָזיציעס פון ווידערשטאַנד קעגן דער דיקטאַטור, האָט זיך הענריק ערליך אויסגעצייכנט מיט זיין טאַקט, אויסגעהאַלטנקייט און זעלטענער קלאָרקייט פון געדאַנק. אָקצענטירן דעם טיפן אונטערשייד צווישן די סאָציאַליסטן און דעם דיקטאַטאָרישן רעזשים און גלייכצייטיק אונטערשטרייכן די נויטווענדיקייט אָפּצוהיטן די דעראָבערונגען פון דער רעוואָלוציע בכלל — דאָס איז געווען דער אינהאַלט פון ערליכס אַלע שפּעטערדיקע אַרויסטרעטונגען אין שריפט און וואָרט סיי אין אומאָפּהענגיקן פוילן און סיי אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַרענע.

נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש איז הענריק ערליך געווען נישט ווייניקער, אויב נישט נאָך מער, פאַרנומען איבערן קאָפּ מיט פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, אָבער זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן אַלץ ערגער און ערגער. דאָס האַרץ האָט אים וויי געטאָן בעת ער האָט געקוקט אויף זיינע הונגעריקע קינדער. די זאָרג פאַר זיי און פאַר זייער צוקונפט האָט אים געמאַטערט. ער האָט זיך אָבער בשום אופן נישט געקאָנט דעצידירן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, הגם זיין פאָטער האָט אים כסדר געשריבן בריוו, אַז ער זאָל מיט דער פרוי און קינדער קומען צוריק קיין לובלין. פון די בריוו האָט הענריק ערליך זיך דערוואוסט, אַז זיין פאָטער איז געוואָרן אַ גביר. לובלין איז געווען במשך פון די מלחמה־יאָרן אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע און משה ערליך, דער מילנער, האָט צוגעשטעלט מעל צו דער עסטרייכישער אַרמיי. הענריק ערליך האָט אָפּט געטרוימט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ גן־עדן זיין פאָטערס היים אין לובלין וואָלט געווען פאַר זיינע הונגעריקע קינדער. אָבער די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע, זייער דראַמאַטישער פאַרנעם, אָנגעלאָדן מיט דער העכסטער געזעלשאַפטלעכער שפּאַנונג, האָבן אים נאָך שטאַרקער צוגעבונדן צו רוסלאַנד. דער געדאַנק וועגן פאַרלאָזן זיינע פּאָזיציעס, זיינע מיטקעמפער און חברים, און פאָרן קיין פוילן, איז אים געווען דערווידער. די לאַגע איז אָבער געוואָרן אַזוי שווער, אַז ער האָט געמוזט איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס: אָוועקפירן די פרוי מיט די קינדער צום פאָטער קיין לובלין אויף אַ קורצע צייט און אַליין זיך אומקערן צוריק קיין רוסלאַנד. אין אויגוסט 1918 האָט ער אָפּגעגעבן זיין פּעטערבורגער דירה און איבערגעלאָזט פאַר זיך בלויז איין צימער, כדי ער זאָל האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ ווען ער וועט קומען צוריק. די פאַמיליע ערליך איז געווען אַזוי זיכער, אַז זיי קומען צוריק קיין רוסלאַנד, אַז די גאַנצע באַלעבאַטישקייט האָבן זיי איבערגעלאָזט אין פּעטערבורג.

ביז כעלם, וואו ס'איז דעמאָלט געווען דער אויסטויש־פּונקט פאַר רע־



הענריק ערליך
פאַרן אַרעסט

וויקטאָר אלטער
פאַרן אַרעסט



נאָכן אַרויסקומען פון טורמע
אין 1941

נאָכן אַרויסקומען פון טורמע
אין 1941

אין בונדישע דעמאָנסטראַציע־צוגן אין וואַרשע: וו. אַלטער, ה. ערליך, נח, ע. נאָוואָגרודסקי.

ערשטע ריי: ה. ערליך, וו. אַלטער; צווייטע ריי: וו. קאָסאָווסקי, ש. מענדעלסאָן;
דריטע ריי: מ. אָזשעך.

בערנאַרד גאָלדשטיין, וו. אַלטער, י. פּאַט;
דער פאָנען־טרעגער — דער בעקער־אַרבעטער ישראל באָס.

פאַטריאָנטן פון רוסלאַנד, זיינען די ערליכס געפאָרן אין די „באַרימטע״ רוסישע „טיעפּלושקעס״. דער וואַגאָן איז געווען שמוציק און איבערגעפּאַקט. אין דער ענגשאַפט האָט מען ביי די ערליכס צוגענבעט די וואַליזע מיט די קינדערזאַכן, וואָס זיי האָבן מיטגענומען אין וועג אַריין. בעת דער גאַנצער רייזע איז זייער איינציקע זאָרג געווען, אַז זיי זאָלן אין דעם געדראַנג נישט פאַרלירן די קינדער. פון כעלם ביז לובלין זיינען זיי שוין געפאָרן אין אַ געוויינלעכן פּאַסאַזשיר־צוג.

אין כעלם האָבן זיי זיך פון די צייטונגען דערוואוסט וועגן אַטענטאַט אויף לענינען. דאָס האָט נאָך מער פאַראומערט זייערע געמיטער: דער טעראָר אין רוסלאַנד וועט צוליבן אַטענטאַט נאָך מער פאַרשאַרפט ווערן, די אַטמאָספער — נאָך מער פאַרסמט; ווער ווייס אויף וועלכע וועגן די רעוואָלוציע וועט איצט אַוועק...

דער צוג איז ענדלעך אָנגעקומען אויף דעם אַלטן וואָקזאַל פון דער שטאָט לובלין. ווען ערליכס מוטער האָט אַ קוק געטאָן אויף די צוויי אייניקלעך, וועלכע זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען — בלאַסע, אויסגעדאַרטע, האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט: „שאַטנס, הויט און ביינער״ — האָט די באָבע גערעדט צו זיך אַליין.

אין דער אַלטער דירה פון די ערליכס אויף זאַמאָיסקע, איז געווען רואיק און געמיטלעך; איר זאַטער גביריש־באַלעבאַטישער לעבנסשטייגער האָט זיך נישט געענדערט אין משך פון די מלחמה־יאָרן. משה ערליך האָט געפירט לאַנגע אויספירלעכע געשפּרעכן מיט זיין זון. הגם ער האָט מיט אים אין אַ סך הינזיכטן נישט מסכים געווען, האָט ער דאָך געשעפּט נחת פון דעם זונס פּאָזיציע אין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ווייטן רוסלאַנד. ער איז געווען אַנטשידן קעגן זונס פּלאַן צוריק אַוועקצופאָרן קיין פּעטערבורג. די גאַנצע פאַמיליע און די נאָענטסטע פריינט האָבן געפּרואווט ווירקן אויף ערליכן ער זאָל בלייבן אין פּוילן. אים האָט אָבער געצויגן צוריק צום רעוואָלוציאָנערן שלאַכט־פעלד, — צו דעם באָדן, וואו ער האָט איבערגעלאָזט אַזוי פיל פריינט און חברים, וואו ער האָט אַזוי פיל אַוועקגעגעבן פון זיך און האָט, ווי אַ סאָציאַליסט און אַ רעוואָלוציאָנערער פרייהייטס־קעמפער, אַזוי פיל אַליין געגאָסן. אָבער די אויסלענדישע צייטונגען האָבן דערציילט וועגן אַלץ וואַקסנדיקן טעראָר אין רוסלאַנד, וואָס איז באַזונדערס פאַרשאַרפט געוואָרן נאָכן אַטענטאַט אויף לענינען. אַלץ אָפטער און אָפטער האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין לובלין בריוו פון ש. דובנאָוו, אין וועלכע ער האָט מיט פאַרשיידענע רמזים געגעבן אָנצוהערן, אַז די לאַגע ענדערט זיך כסדר צום ערגערן, אַז אַ סך פון הענריקס חברים זיינען אָדער אַרעסטירט, אָדער קלייבן זיך צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, — דער אויספיר האָט געזאָלט זיין, אַז הענריק זאָל בעסער בלייבן אין פּוילן.

וולאַדימיר מעדעם איז געקומען פון וואַרשע קיין לובלין און געהאַט מיט הענריק ערליכן אַן אויספירלעכן געשפּרעך. דאָס איז געווען אין אָקטאָבער 1918, אַ חודש נאָך דעם ווי ערליך איז געקומען פון פּעטערבורג. מעדעם האָט

אים דערציילט וועגן דער באַנייטער אַרבעט פון „בונד“ אין פּוילן, וועגן די אויסזיכטן פאַר אַ גרויסער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַ פּוילן, וואָס וועט אין רעזולטאַט פון דער מלחמה, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, ווערן אַן אומאָפּהענגיקע, זעלבשטענדיקע מלוכה. ער האָט אים שטאַרק אָפּגערעדט פון פאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. „מיר נויטיקן זיך אין לעבעדיקע פירער מער איידער אין מאַרטירער, אָדער אַרעסטאַנטן, פאַרשפאַרטע אין די רוסישע טורמעס“, האָט מעדעם געזאָגט.

הענריק ערליך האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם איינדרוק, וואָס דער דאָזיקער געשפּרעך האָט אויף אים געמאַכט. אָבער ער איז נאָך פאָרט נישט געווען איבערצייגט, אַז זיין אָרט איז אין פּוילן און נישט אין רוסלאַנד. ער האָט באַשלאָסן אָוועקצופאָרן פון לובלין קיין וואַרשע, כדי אַליין אויפן אָרט זיך אַרומצוקוקן און דעצידירן וועגן זיינע וויטערדיקע טריט. ענדע אָקטאָבער 1918 איז ער געקומען קיין וואַרשע. נאָך אַ געשפּרעך מיט נחן, דעם פאָרזיצער פון „בונד“, האָט ער באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין פּוילן. פון דעם טאָג אָן ביז די סטאַלין־תּליונים האָבן אים פאַרשלעפּט, איז ער געשטאַנען בראש פון דער שטורמיש־וואַקסנדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אונטער דער פאָן פון „בונד“.

*\
**

שילדערן ערליכן אויפן פאָן פון פּוילישן פּעריאָד פון זיין לעבן און טע־טיקייט — פון 1918 ביז 1939 — באַטייט אייגנטלעך שרייבן די געשיכטע פון פּוילישן „בונד“; דאָס שטייגט ווייט אַריבער די ראַמען פון אַ ביאָגראַפישן סקיץ. ערליכס לעבנסגאַנג ביז 1918, זיין גאַנצע געזעלשאַפטלעכע און פּאַר־טייאישע טעטיקייט ביז ער האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין פּוילן, זיינען, אין אַ געוויסער הינזיכט, געווען ווי אַ צוגרייטונג צו זיין פּוילישן פּעריאָד. זיין איינבליק אין דער רוסלענדער רעוואָלוציע, וואָס ער האָט דערוואַרבן נישט ווי אַ זייטיקער באַאָבאַכטער, נאָר ווי איר אַקטיווער מיטקעמפער, — האָט אים גלייך פון אָנהויב אָן געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו אָריענטירן אין דער אייגנ־אַרטיקער אַטמאָספער פון פּוילישן „בונד“, וואָס האָט אין יענע יאָרן געאָטעמט מיט די פּראָבלעמען פון דער רוסישער רעוואָלוציע און געוויטיקט מיט אירע ווייטאָקן. אַ געבוירענער און דערצויגענער אין פּוילן, האָט ער פאַרמאָגט ברייטע פאַרבינדונגען מיט פּוילישע געזעלשאַפטלעכע קרייזן בכלל און מיט די פּוי־לישע סאָציאַליסטישע טוער בפרט. זיין עכטער סענטימענט פאַר דער פּוילישער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור, האָבן אים גלייך געמאַכט אין פּוילן פאַר אַן אייגענעם. אָבער קודם כל איז הענריק ערליך געווען און ביזן סוף פאַרבליבן אַ פּוילישער י י ד, טיף איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן פון פּוילן.

פּוילן האָט זיך דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן אויפצובויען נאָך קנאַפּע הונדערט פופציק יאָר פאַרשקלאַפונג, אָנגעהויבן זיך צופּאַסן צו אַ זעלבשטענדיקן ווירט־

שאַפטלעך און פּאָליטישן לעבן. אין די קרייזן פון דער פּוילישער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג האָט ער גלייך געטראָפן אַלטע פריינט נאָך פון זיינע אוני־ווערזיטעט־יאָרן. די סיטואַציע אויף דער פּוילישער אַרבעטער־גאַס האָט זיך ראַדיקאַל־געענדערט צו יענער צייט; די צוויי פּוילישע פּאַרטייען ס.ד.ק.פּ.ל. (בקיצור גערופן: פּ.ס.ד. — פּוילישע סאָצ. דעמאָקראַטיע) און די פּ.פּ.ס.־לעוויצע האָבן זיך פאַראייניקט און אויסגעבילדעט די פּוילישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. אין וואַרשע איז שוין דעמאָלט געווען טעטיק ביניש מיכאַ־לעוויטש, ערליכס נאָענטער פריינט פון דער בונדישער צוזאַמענאַרבעט אין פּעטערבורג פאַר דער מלחמה. מיכאַלעוויטש איז בעת די יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע געווען טעטיק אין ווילנע. אין 1918 האָבן די דייטשן אים אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט אונטער פּאָליציי־אויפזיכט קיין אָטוואָצק, ביי וואַרשע. ער איז, פאַרשטייט זיך, נישט געבליבן זיצן אין אָטוואָצק, געקומען קיין וואַרשע און גלייך אַריין אין דער בונדישער פּאַרטיי־אַרבעט, מיטגעאַר־בעט אין דער בונדישער פּרעסע („לעבנספראַגן" און אַנדערע אויסגאַבעס). מיכאַלעוויטש איז נאָך אין פּעטערבורג געווען צוגעבונדן צו די ערליכס. נישט איין מאָל בעת הענריק ערליך איז געווען פאַרנומען האַלבע נעכט אויף די זיצונגען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פראַקציע אין „גאָס. דומע", איז ביניש מיכאַלעוויטש געבליבן מיט ערליכס צוויי קליינע קינדער און זיך שטאַרק צו זיי צוגעבונדן. בשכנות מיט די ערליכס, אויף דער זעלביקער עלעקטאָראַלנע גאַס, האָט געוואוינט אסתר איווינסקאַ און איר ברודער וויקטאָר אַלטער, וואָס זיינען צוריקגעקומען קיין וואַרשע כמעט אין דער זעלביקער צייט ווי די משפחה ערליך. צווישן הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן וועבן פעדים פון קעגנזייטיקן דרך־ארץ, פאַרשטענדעניש און אינטימער פריינט־שאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן במשך פון צוויי צענדליק יאָר. הענריק ערליך האָט זיך געטראָפן מיט וויקטאָר אַלטערן אויך פריער. אָבער ערשט אין פּוילן, ביי דער געמיינזאַמער אַרבעט אין פּוילישן „בונד", האָבן זיי זיך צוגעבונדן איינער צום צווייטן און געשלאָסן אַ פאַרבאַנד, וועלכער איז ווירקלעך, אין בוכשטעב־לעכן זין פון וואָרט, געווען „אויף לעבן און טויט". נישט נאָר די ענלעכקייט, נאָר אַפילו די קאָנטראַסטן פון זייערע ביידנס פּערזענלעכקייטן, האָבן פאַרשטאַרקט און פאַרטיפט די דאָזיקע אינטימע פריינטשאַפט. וויקטאָר אַלטער איז געווען אימפּולסיוו און טעמפּעראַמענטפול, הענריק ערליך — געלאַסן און געדולדיק. וויקטאָר אַלטער האָט געהאַט אַ ברייטן פאַרנעם און פלאַמיקן ווילן, הענריק ערליך — אויסגעהאַלטנקייט, געפיל פאַר רעאַליטעט. וויקטאָר אַלטער האָט פאַרמאָגט פליגלען, האָט זיך תמיד געריסן פאָראויס, הענריק ערליך האָט שטענדיק געפילט די שווערע לאַסט פון דער מאַסע, די אַחריות פאַר דעם קאָ־לעקטיוו. ביידע גרויסע אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייטן, זיינען זיי געווען גע־קנאָטן פון יענעם זעלטענעם שטאָף, פון וועלכן פירער פון גרויסע מאַסן־באַווע־גונגען ווערן באַשאַפן.

אין אַזאַ וואַרעמער אַטמאָספער, אויף אַזאַ היימישן באָדן, האָבן זיך אַלע

זעלטענע אייגנשאַפטן און באַגאַבונגען פון העניריק ערליכן שנעל פאַנאַנדערגע־בליט. בעת ער איז געקומען קיין פוילן האָט ער נאָך שוואַך געשריבן יידיש; געווען אַ סך אַרבעט ביים איבערזעצן פון רוסיש זיינע אַרטיקלען. אָבער אין משך פון געציילטע חדשים האָט ער אַנגעהויבן פריי צו באַנוצן אין שריפט די יידישע שפּראַך און מיט דער צייט האָט ער פאַרנומען אין דער יידישער פּאָלי־טישער פּובליציסטיק איינעם פון די אַנגעזעענסטע ערטער. אין רוסיש האָט ער נאָך אויך אַנגעשריבן זיין ערשטן (אין פוילן) גרויסן אַרטיקל: „צי איז די סאָ־וויעטן־רעגירונג אַן אַרבעטער־רעגירונג" (פאַרעפנטלעכט אין בונדישן זאַמל־בוך „אונזער שטימע", וואַרשע, נאָוועמבער 1918). דעם אַרטיקל האָט איי־בערגעזעצט אויף יידיש וו. מעדעם. ער גיט דאָרט אַ גלענצנדיקן אַנאַליז פונם גאַנג פון דער באָלשעוויסטישער נאָוועמבער־איבערקערעניש, ברענגט ציטאַטן פון לענינען און טראָצקין, וואָס זיי האָבן געשריבן וועגן דעם; זיינע אויספירן זיינען:

„די סאָוויעטן־רעגירונג האָט נישט דאָס רעכט צו ריידן אין נאָמען פון רוסישן אַרבעטער־קלאַס; די נאָוועמבער־איבערקערעניש איז נישט גע־ווען קיין איבערקערעניש פון די אַרבעטער; זי איז געמאַכט געוואָרן פון די באָלשעוויקעס אין נאָמען פון דער גרויער סאָלדאַטן־מאַסע.

„...דער קאָמוניזם פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט האָט נישט קיין שום שייכות צו דעם פּראָלעטאַרישן סאָציאַליזם. ער האָט פּונקט אַזאַ שייכות צו דעם סאָציאַליזם פון מאַרקס, ווי די סאָציאַלע אידעאַלן פון אַ קליינבירגערלעכער פּויערים־מאַסע, וואָס איז דורך און דורך איינגע־וועבט מיטן פּריוואַט־אייגנטום, האָט אַ שייכות צו די אידעאַלן פון רעוואָ־לוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט."

ביז דעם פּוילישן פּעריאָד איז העניריק ערליכן אויסגעקומען זייער זעלטן אַרויסצוטרעטן עפנטלעך אין יידיש. אָבער אין פוילן איז ער גיך געוואָרן איינער פון די בעסטע רעדנער פון „בונד". זיינע רעפעראַטן און פּאָליטישע אַרויסטרע־טונגען פלעגן צוציען טויזנטער יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. זיינע אַן אַרויסטרעטונג אין אַ פּראָווינץ־שטאָט איז געווען אַ געשעעניש נישט בלויז פאַר דער אָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע, נאָר פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. אַ סך יידישע אַרבעטס־מענטשן פלעגן קומען פון די אַרומיקע שטעטלעך, כדי נישט אַדורכצולאָזן העניריק ערליכס אַן עפנטלעכע פאַרלעזונג, אָדער אַ פּאָליטישן מאַסן־מיטינג מיט זיין אָנטייל. זיינע אַרויסטרעטונגען האָבן פאַרמאָגט אַ באַזונדערן חן: ער פלעגט ממש פאַרכאַפּן די אוידיטאָריע מיט זיין אויפריכטיקייט, מיטן גלאַנץ פון זיין פּערזענלעכקייט. אַפילו דער, וואָס האָט מיט אים נישט מסכים געווען האָט געפילט, אַז עס רעדט אַ מענטש, וואָס גלויבט טיף אין זיינע ווערטער, אַ רעדנער, וועלכער באַמיט זיך נישט צו ווירקן אויף געפילן אָדער אינסטינקטן, נאָר אַפּעלירט צום שכל פון יעדן איינעם. העניריק ערליכס אַרויסטרעטונגען פלעגן זיך אויסצייכענען מיט זייער לאָגישן אינערלעכן בוי, מיט זייער ברייטן פאַרנעם, אַ טעמפּעראַמענט אָן אויסערלעכע עפעקטן,

וואָס האָט געברענט מיט אַן אינערלעכן פייער, דאָס איז געווען דער סטיל פון הענריק ערליכס אַרויסטרעטונגען. אַרויסטרעטונגען אין געשלאָסענע קער־פערשאַפטן, אויף זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", זיינע רעפעראַטן אויף די פאַרטיי־צוזאַמענפאָרן פון „בונד", זיינע פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען אין געשלאָסענע פאַרטיי־קרייזן, — זיינען שטענדיק געווען פון אַזאַ הויך און מדרגה, אַז זיי האָבן צוגעשמידט צו זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

הענריק ערליך האָט זיך דערוואָרבן אַזאַ באַציאונג צו זיך נישט בלויז אין די י י ד י ש ע אַרבעטער־קרייזן. אים איז גאַנץ אָפט אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן אין שליחות פון „בונד" אויף גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון פּוילישע אַרבעטער און אַפילו דייטשע, וואָס האָבן געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין אייניקע שטעט פון דער פּוילישער רעפּובליק (לאָדזש, אויבער־שלעזיע); אַזעלכע אַרויסטרעטונגען האָבן תמיד פאַרשאַפט כבוד און אָנזען דער פאַרטיי. אין די רייען פון פּוילישן „בונד" איז הענריק ערליך אויסגע־וואַקסן ווי אַ פירנדיקע פערזענלעכקייט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג בכלל, ווי אַן אָנגעזעענע און געאַכטע פיגור פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די העכער 20 יאָר אין דינסט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון פּוילן זיינען געווען די אַממייסטן שעפערישע און געזעלשאַפטלעך־רייפע אין ערליכס לעבן. ווי אַ סאָציאַליסט, פאַר וועמען די אידעאַלן פון גלייכהייט, גע־רעכטיקייט, פרייהייט זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין גאַנצער נאַטור, האָט הענריק ערליך געפונען אין פּוילישן „בונד" אַ באַוועגונג, וואָס האָט אַמפּולסטן אים אַנטשפּראָכן. ווי אַ ייד, וואָס גלויבט צו באַפרידיקן דורך דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם די גערעכטע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון די אויפגעוואַכטע יידישע פאָלקס־מאַסן, האָט הענריק ערליך געזען אין פּוילישן „בונד" די יע־ניקע פאַרטיי, וואָס איז אים אַמנאָענטסטן צום האַרצן. ווי אַ זון פון דער פּוי־לישער ערד, מיט אַ טיפן סענטימענט פאַר איר, האָט ער אין קאַמף פאַר אַ דע־מאָקראַטיש און סאָציאַליסטיש פּוילן, וואָס דער „בונד" האָט געפירט ווי אַ טייל פון דער סאָציאַליסטישער און פרייהייט־באַוועגונג אין לאַנד, — געפונען אַ טיפע אינערלעכע באַפרידיקונג. אַלע דריי געשטאַלטן, וועלכע זיינען געווען דער יסוד פון הענריק ערליכס פערזענלעכקייט — דער סאָציאַליסט, דער ייד און דער פּוילישער בירגער — האָבן געפונען פאַר זיך אַ האַרמאָנישן תיקון אין זיין טעטיקייט ווי אַן אָנפירער אין פּוילישן „בונד".

אָבער אויך דער „בונד" האָט געפונען אין הענריק ערליכן מער ווי נאָך איין וווּרטפולע פערזענלעכקייט, אָדער נאָך איין פירנדיקע געשטאַלט. „אין די שטורמישע צוואַנציק יאָר צווישןביידע וועלט־מלחמות, מיט די אומגעהויער קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען און צעגליטע ליידנשאַפטן, איז הענריק ערליך געווען דער ר ו י ק ע ר ק אַ פּ י ט אַ ן, וואָס האָט מיט אַ קלאָר אויג און זיכערער

האַנט געפירט, צווישן פאַרלייגטע מינעס און אונטערוואַסער־פעלזן, די שיף פון די יידישע מאַסן אין פוילן". (י. האַרט: "הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער", ניו־יאָרק 1943). ער האָט אָבער נישט געהערט צו יענעם טיפּ פירער, וואָס וואַרפן אָן זייער ווילן דער באַוועגונג. די טיף־איינגעוואָרצלטע אינערלעכע דעמאָקראַטיע אין „בונד" וואָלט אַזאַ פירער בכלל נישט געקענט פאַרטראָגן. דער אומבאַגרענעצטער צוטרוי צו הענריק ערליכן, איז אין אַ באַדייטנדיקער מאָס געווען אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס ער האָט פון זיין זייט רעספּעקטירט דעם ווילן פון דער פּאַרטיי, אַפילו אין יענע זעלטענע פאַלן ווען ער איז געווען אין דער מינדערהייט.

אין די ערשטע מאָנאַטן פון פוילנס זעלבשטענדיקייט, סוף 1918, זיינען אין וואַרשע און אין אַלע אַנדערע גרויסע שטעט און אינדוסטריעלע צענטערן פון לאַנד, אויסגעבילדעט געוואָרן אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַטן. זיי זיינען געווען אין פוילן זין פון וואָרט דער פּאַרלאַמענט פון פוילנס אַרבעטער־קלאַס, וואו אַלע זיינע ריכטונגען און פּאַרטייען זיינען אַרויסגעטראָטן אויף אַ געמיינזאַמער טריבונע. דער יידישער אַרבעטער איז דאָרט געווען צאָלרייך פאַרטראָטן און הענריק ערליך איז געווען דער אָנערקענטסטער פירער פון דער בונדישער פראַקציע אין וואַרשעווער און אין אויספיר־קאָמיטעט פון אַלגעמיין־פּוילישן אַרבעטער־דעלעגאַטן־ראַט.

ווען אין מערץ 1919 זיינען פאָרגעקומען די ערשטע פרייע וואַלן צום וואַרשעווער שטאָטראַט, האָט דער „בונד" אַרויסגעשטעלט הענריק ערליכן בראש פון זיין קאַנדידאַטן־ליסטע. ער איז אויסגעווילט געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך פיר בונדיסטן: וויקטאָר אַלטער, גרשון זיבערט, אסתר איווינסקאַ און מאַוריצי אָזשעך. זינט דעמאָלט ביז דעם לעצטן טאָג פון פוילנס אומאָפּהענגיקייט, ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז ער במשך פון העכער צוואַנציק יאָר געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע פיגורן אין וואַרשעווער שטאָטראַט; ביי יעדע נייע וואַלן פלעגט ער כסדר אויפסניי אויסגעווילט ווערן.

ערליך איז געווען דער איינציקער צווישן די הונדערט און צוואַנציק ראַטמענער, וואָס איז זומער 1920, בעת דער פּויליש־סאָוויעטישער מלחמה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט פּילסודסקיס מאַרש אויף קיעוו, אַרויף אויף דער טריבונע פון וואַרשעווער שטאָטראַט, כדי צו האַלטן זיין באַרימטע רעדע קעגן מלחמה, קעגן אימפּעריאַליסטישע פאַרכאַפּונגס־פּלענער, פאַר אַ באַלדיקן שלום מיט סאָוויעט־רוסלאַנד. די דאָזיקע שטעלונג פון „בונד" האָט דעמאָלט אָפּגעקלונגען איבער גאַנץ פוילן און געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אין לאַנד. אין דער נאַציאָנאַליסטיש־שאָוויניסטישער אַטמאָספער פון מלחמה האָט זיך געפאָדערט אַ סך פּערזענלעכער מוט און רעוואָלוציאָנערע געוואַגטקייט, כדי אַרויסצוטרעטן מיט אַזעלכע פאָדערונגען. די פּוילישע רעאַקציע איז געוואָרן צעווילדעוועט, די העצע קעגן „בונד" האָט זיך צעפלאַקערט אין דער גאַנצער בירגערלעכער פּרעסע. דערביי איז בייזוויליק אויסגענוצט געוואָרן אַ דעפּעשע פון דער סאָוויעטישער פּרעסע־אַגענטור, וואו ס'איז געווען געמאָלדן, אַז די

ראַטן־רעגירונג האָט אַסיגנירט 5 מיליאָן גאָלד־רובל פאַרן „בונד" (געמיינט, פאַרשטייט זיך, דעם בונד אין סאָוויעט־רוסלאַנד) אויף די באַדערפענישן פון דער מלחמה אין די גרענעץ־געביטן (מיט פוילן). די פרעסע האָט געהעצט, אַז „דער בונד אין פוילן האָט באַקומען פון שונא 5 מיליאָן גאָלד־רובל" א.אַ.וו. דער בונד אין פוילן איז פאַרשריען געוואָרן ווי אַן אַנטי־מלוכהשע פאַרטיי און איז פאַקטיש דעלעגאַליזירט געוואָרן. צענדליקער בונדישע טוער, דערין פיל בונדישע ראַטמענער אין פאַרשיידענע שטעט, זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער דאָמביע, ביי קראָקע; בונדישע לאָקאַלן און אָרגאַניזאַציעס איבערן גאַנצן לאַנד זיינען געשלאָסן געוואָרן דורך דער מאַכט. אַ צענטליק פּאָליציי־אַגענטן מיטן שעף פון דער זיכערהייט־פּאָליציי בראש זיינען ביינאַכט געקומען צו ערליכן אין שטוב, געזוכט אין אַלע ווינקעלעך, אויפגעריסן אַפילו די פּאָדלאָגע; ער איז אַרעסטירט געוואָרן און אָפּגעזעסן דריי חדשים אין וואַרשעווער טורמע. וועגן זיין באַפרייאונג האָט זיך געוואָלט באַמיען דער פירער פון פּ.פּ.ס. דאַשינסקי (דעמאָלט, בעת דער מלחמה, וויצע־פּרעמיער), אָבער ערליך האָט בשום אופן נישט דערלויבט מ׳זאָל זיך פאַר אים אַליין באַמיען און איז געבליבן אין טורמע צוגלייך מיט אַנדערע צענטליקער און צענטליקער בונדיסטן. ווען נאָך דער באַפרייאונג איז ער געקומען אין וואַרשעווער שטאָטראַט, איז דער דרך־ארץ פאַר אים און פאַר דער פאַרטיי, וועלכע ער האָט מיט אַזוי פיל ווירדע און פּאָליטישער קלוגשאַפט פאַרטראָטן, נאָך מער אויסגעוואַקסן. די פאַרביסנסטע אַנטיסעמיטן פון וואַרשעווער שטאָטראַט האָבן זיך אויסגעלערנט צו אַכטן דעם פאָרשטייער פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, דעם בונדיסט הענריק ערליך.

אין דעצעמבער 1938 איז הענריק ערליך ווידער אויסגעוויילט געוואָרן אין וואַרשעווער שטאָטראַט. אין די דאָזיקע לעצטע וואַלן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט דער „בונד" אָפּגעהאַלטן אַ גלענצנדיקן נצחון. פון צוואַנציק אויסגעוויילטע יידישע ראַטמענער זיינען 17 געווען פון דער בונדישער ליסטע און בלויז דריי פון אַלע איבעריקע יידישע פאַרטייען. הענריק ערליך, וועלכער איז לאַנגע יאָרן געווען דער פאָרשטייער פון אַ בונדישער מינדערהייט איז איצט אין דער נייער שטאָט־פאַרוואַלטונג אַרויסגעטראָטן ווי דער שליח־ציבור פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע.

אין דער צייט צווישן ביידע וועלט־מלחמות זיינען אין אומאָפּהענגיקן פוילן זעקס מאָל פאָרגעקומען פאַרלאַמענט־וואַלן: אין 1919, 1922, 1928, 1930, 1935 און 1938. אין די ערשטע וואַלן צו דעם פוילישן סיים האָט דער „בונד" נישט גענומען קיין אַנטייל צוליב דער באַיקאָטיסטישער שטעלונג פון זיין וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. די לעצטע וואַלן פון יאָר 1935 און 1938 זיינען באַיקאָטירט געוואָרן פון דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן און פּראָגרעסיוון לאַגער אין פוילן צוליב דער נייער פאַשיסטישער קאָנסטיטוציע און דער געענדערטער וואַל־אָרדינאַציע. אָבער אין די וואַלן פון 1922, 1928 און 1930 האָט דער „בונד" גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל און דער ערשטער קאַנדידאַט פון „בונד"

איז אַלעמאָל געווען הענריק ערליך. ער האָט צוגעגעבן אַ סך חשיבות און פּערזענלעכן גלאַנץ די וואַל־קאַמפּאַניעס פון „בונד", וואָס זיינען געווען געפירט מיט גרויס שוואונג און פּאַרנעם, לויט די בעסטע טראַדיציעס פון סאָציאַליס־טישער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע. במשך פון די מאַנאַטן, וואָס אַזאַ וואַל־קאַמפּאַניע פלעגט געוויינלעך דויערן, פלעגט הענריק ערליך אַרויסטרעטן פאַרזאַמלונגען און מיטינגען פאַר הונדערטער טויזנטער יידישע, פּוילישע, און אַפילו ווייס־רוסישע און אוקראַינישע אַרבעטער און פּויערים. ס'איז געווען נישט נאָר אַ שווערע פיזישע אָנשטרענגונג; אַזאַ וואַל־קאַמפּאַניע האָט גע־קאָסט אַ סך נערוון, ס'האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע פּסיכישע אָנלאָדונג, כדי צו האַלטן איר כסדר אויף דער געהעריקער סאָציאַליסטישער הויך. הענריק ערליך איז אויף דעם געביט געווען אַן אמתער מייסטער. זעלטן ווער איז געווען אַזוי אימשטאַנד צו דערהויבן אַן אוידיטאָריע, אַרויסברענגען דעם טיפן סאָ־ציאַלן אינהאַלט פון דער סאָציאַליסטישער וואַל־פּלאַטפאָרם, אַקטואַליזירן איר און געבן איר אַ פּאָליטישן און נאַציאָנאַלן שוואונג.

אויך אין די קרייזן פון די יידישע כלל־טוער און צווישן די פירער פון די יידישע געזעלשאַפטלעכע גרופּן, האָט הענריק ערליך אַרויסגערופן צו זיך די זעלביקע באַציאונג. די אָרטאָדאָקסן, פּונקט ווי די ציוניסטן האָבן אויסגע־צייכנט געוואוסט, אַז הענריק ערליך איז נישט דער מענטש פון קאָמפּראָמיס בעת עס האַנדלט זיך וועגן ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו זיינע סאָציאַליס־טישע איבערצייגונגען. אָבער נישט געקוקט דערויף, און אפשר טאַקע צוליב דעם, האָט מען זיך צו אים באַצויגן מיט דעם גרעסטן דרך־ארץ און זיין וואָרט אין די דאָזיקע קרייזן איז געווען זייער וואָגיק.

הענריק ערליך איז נישט געווען קיין חסיד פון דעם בונדס אָנטייל אין דער יידישער קהילה. אָבער ווען די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן זיך צו באַטייליקן אין די קהילה־וואַלן, איז ער ביידע מאָל, אין 1924 און אין 1936, אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון „בונד" אין דער וואַרשעווער קהילה־פאַרוואַלטונג. אַרויסגערוקט אויף דער פאָדערשטער פּאָזיציע פון קאַמף קעגן יידישן קלערי־קאַליזם און קעגן דער איינגעפונדעוועטער יידיש־גבירישער תקיפות, אָוועק־געשטעלט אין דער סאַמע געדיכטעניש פון יידישן לעבן, וואו דורות־אַלטע טראַדיציעס האָבן זיך געקרייצט מיט די טענדענצן פון דער נייער צייט, האָט ערליך מייסטערהאַפט באַהערשט די סיטואַציע. זיינע אַרויסטרעטונגען פון דער טריבונע פון וואַרשעווער קהילה האָבן געשמיסן די יידישע אַסימילאַציע, די יידישע אָרטאָדאָקסיע, די ציוניסטישע קהילה־פאַרזאָרגער. אָבער אין זיי איז נישט געווען קיין שפּור פון ביליקער דעמאַגאָגיע, פון אַ לייכטזיניקער באַ־ציאונג צו די אַלטע פאָרמען פון יידישן לעבן. צו הענריק ערליכ'ס אַרויס־טרעטונגען אין דער וואַרשעווער קהילה האָבן זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט די ברייטסטע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן.

די פירנדיקע ראָל פון הענריק ערליכן אין פוילישן „בונד", וואָס האָט אים אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל ליבע און אָנערקענונג מצד די יידישע אַר־בעטנדיקע מאַסן, האָט אים אָבער אויך אויסגעשטעלט אויף גאַנץ רעאַלע סכנות. די העכער צוואַנציק יאָר פון אומאָפּהענגיקן פוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות זיינען געווען אַ שטורמישע צייט אין געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.. דער דעמאָקראַטישער סדר פון פוילן איז שוין אין מאַי 1926 אויף אַ גוואַלטזאַמען אופן אונטערמינירט געוואָרן דורך דער א. ג. פּילסודסקי־איבערקערעניש. שפּעטער, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטש־לאַנד, האָט זיך די פאַשיסטישע באַוועגונג אין פוילן נאָך מער צעהוליעט און אָפן געדראָט אירע קעגנער פון סאָציאַליסטישן לאַגער מיט אַ קויל אין קאָפּ אָדער אַ מעסער אין רוקן. די פאַשיסטן אין דער רעגירונג און די פאַשיסטישע „ענדעקישע" גרופּן, וועלכע זיינען געווען, צוליב קאָנקורענץ־טעמים, אין אָפּאָזיציע צום רעגירנדיקן פּילסודסקי־לאַגער, — ביידע האָבן פונאַנדער־געבונדן אין פוילן אַזאַ העצע קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, אַז זי איז נישט זיכער געווען מיט איר לעבן און פאַרמעגן. יעדע אָפּאָזיציאָנעלע אַרויסטרעטונג קעגן דעם פאַשיסטישן רעזשים אין פוילן און קעגן דער שוואַרץ־מאַהדיקער פּראַקטיק פון דער רעאַקציע, איז פאַרשריען געוואָרן ווי אַ יידן־פּריינטלעכע, ווי אַ באַשטעלטע פאַר יידיש געלט. אַפילו די פּ.פּ.ס. (די פּוילישע סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי) האָט אָנגעהויבן צו פילן די פאָלגן פון דער דאָזיקער גיפטיקער אַנטיי־יידישער פּראָפּאַגאַנדע. אַ פּאָליטישע אַרויסטרעטונג פון אַ ייד איז דורך דעם פאַשיסטישן לאַגער פאַרשריען געוואָרן ווי אַן „אַריינמישונג פון פרעמדע" אין פוילישע ענינים; די פאַשיסטישע באַנדעס האָבן זיך אָפּט באַ־רימט, אַז זיי גרייטן „אַ נאַכט פון לאַנגן מעסער" און די רשימות פון די קרבנות זיינען שוין פאַרטיק. מען קען זיך פאָרשטעלן ווי פאַרהאַסט ס'איז געווען אין דעם דאָזיקן לאַגער הענריק ערליך.

אויך פון גאָר אַן אַנדער זייט האָבן געלויערט אויף אים סכנות. דער וואונדערבאַרער באַרג־אַרויף פון פוילישן „בונד" איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ ברודער־קריג אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. די קאָמוניסטן האָבן דער־קלערט מלחמה דעם „בונד" און האָבן פּרובירט מיט פיזישע געוואַלט־מיטלען צו טעראָריזירן זיינע טוער. מעסער און רעוואָלווער זיינען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. די אונטערוועלט איז אונטערגעהעצט און געקויפט געוואָרן דורך די קאָמוניסטן, כדי אַדורכצופירן אַטענטאַטן אויף די מער אָנגעזעענע בונדיסטן. הענריק ערליך איז געווען אַ גוט באַקאַנטע פיגור. ער איז נישט נאָר זייער אָפט אַרויסגעטראָטן אויף עפנטלעכע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, נאָר אויך ווי אַן אַדוואָקאַט און ראַטמאַן פלעגט ער זיך אָפט באַווייזן אין די יידישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן, כדי צו באַשיצן די יידישע אָרעמקייט פון אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פון וואוינונגען צוליב נישט צאָלן קיין דירה־געלט אדגל.

אין האַרבסט 1934, נאָך אַ רייע אָנפאַלן פון פאַשיסטישע באַנדעס אויף דורכגייענדיקע יידן, האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע אָרגאַניזירט

אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד און טעג נאָכאַנאַנד זיינען פאָרגעקומען בלוטיקע געשלעגן צווישן די פאַשיסטן און דער בונדישער מיליץ. ווי נאָר ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז עס דאַרף צושטאַנדקומען אַ זיצונג פון וואַרשעווער שטאָטראַט, וואו הענריק ערליך, וויקטאָר אַלטער און אַנדערע בונדישע ראַטמענער האָבן בדעה געהאַט אויפן שאַרפסטן אופן צו פּראָטעסטירן קעגן די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע פאַרברעכנס, האָבן די פאַשיסטן און ענדעקעס באַשלאָסן זיך באַנוצן מיט דער געלעגנהייט, כדי צו פּראָוואָצירן אַ בלוט־באָד, וואָס זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף צו דער „חוצפּה" פון „בונד". די גאַלעריעס און דער בופעט פון וואַרשעווער שטאָטראַט איז באַזעצט געוואָרן דורך כוליגאַנישע עלעמענטן, וועלכע האָבן כסדר געשטערט די רעדנער, געמאַכט פיינדלעכע און באַליידיקנדיקע צווישנרופן. זייער פּלאַן איז געווען צו באַפאַלן די שוצלאָזע בונדישע ראַטמענער שפּעט ביינאַכט, ביים אַרויסגיין פון שטאָטראַט. אין דער רעדאַקציע פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג", אויף נאָוואָליפּיע 7, זיינען אָנגעקומען אייניקע טעלעפאָנישע ידיעות פון אומבאַקאַנטע אינפאָרמאַטאָרן וועגן דעם, וואָס עס גרייט זיך אויף דעם טעאַטער־פּלאַץ, וואו ס׳זיינען פאָרגעקומען די זיצונגען פון שטאָטראַט. ס׳איז צום גליק נאָך נישט געווען צו שפּעט, כדי צו געבן צו וויסן אין די לאָקאַלן פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (טרעיד־יוניאָנס), אַז אַזאַ אָנפאַל אויף די בונדישע ראַטמענער ווערט צוגעגרייט. הונדערטער יידישע אַרבעטער האָבן זיך באַוואָפנט מיט וואָס איינער האָט געהאַט אונטער דער האַנט און גענומען שטראָמען צום טעאַטער־פּלאַץ. שפּעט ביינאַכט איז דאָרט שוין געווען אַ געדיכטע דעמאָנסטראַציע פון יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן באַזעצט די אַריינגענג צום שטאָטראַט. אַן אָפּטיילונג פון דער בונדישער מיליץ, וואָס האָט זיך געפונען אויפן אָרט, איז אַריין אין בופעט פון שטאָטראַט דורך אַ הינטער־טיר. צווישן די פאַשיסטישע כוליגאַנעס און די בונדיסטן איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס, דערווייל בלויז מיט פיינטלעכע צווישנרופן. ביינו לבינו האָבן די כוליגאַנעס דערזען, וואָס עס גרייט זיך פאַר זיי אויף דער גאַס, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז זייער פּלאַן איז דורכגעפאַלן און האָבן זיך אָפּגעטראָגן פון שלאַכט־פעלד. די דעמאָנסטראַציע פון די יידישע אַרבעטער האָט באַגלייט די בונדישע ראַטמענער ביז זייערע וואוינונגען.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט דער קאָמענדאַנט פון דער בונדישער מיליץ חבר בערנאַרד גאָלדשטיין באַקומען אַ פאַרטרויליכע ידיעה, אַז די פּוילישע פאַשיסטן גרייטן זיך צו דערשיסן הענריק ערליכן אין זיין דירה. די דאָזיקע אינפאָרמאַציע האָט געשטאַמט פון די קרייזן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער מיליץ, מיט וועלכער די מיליציאַנטן־בונדיסטן זיינען געווען באַפריינדעט און אָפט איינע די אַנדערע אַרויסגעהאָלפן. אַן אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַ פּ.פּ.ס־ישער מיליציאַנט האָט צופעליק אונטערגעהערט אַזאַ שמועס אין גראָכאָוו (אַ פאָרשטאָט פון וואַרשע), אין אַ ביליקן נאַכט־לאָקאַל, וואו פאַרשידענע פאַרדעכטיקע עלעמענטן פלעגן אַריינקומען מאַכן אַ כוסה.

ס׳איז אַפילו אָנגערופן געוואָרן דער טאָג און די שעה ווען דער דאָזיקער אַטענ־טאַט דאַרף אַדורכגעפירט ווערן.

דער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט פון „בונד״ האָט באַשלאָסן אָנצונעמען די געהעריקע אָפּוואַר־מיטלען. די פּוילישע סאָציאַליסטישע מיליץ האָט גערן מסכים געווען זיך צו באַטייליקן. באַגינען, אין דעם טאָג ווען דער אַטענטאַט האָט געזאָלט אויסגעפירט ווערן, איז שוין די גאַס, וואו הענריק ערליך האָט געוואוינט, געווען באַזעצט דורך אַן אָפּטיילונג פון דער פּ.פּ.ס־ישער מיליץ, ח׳ בערנאַרד האָט מיטגענומען מיט זיך בלויז איין בונדישן מיליציאַנט, דעם ח׳ אייזנבערג, וואָס געפינט זיך איצט אין קאַנאַדע. יידישע מיליציאַנטן וואָלטן זיך צופיל געוואָרפן אין די אויגן אין דער פּוילישער געגנט, וואו הענריק ערליך האָט צו יענער צייט געוואוינט. איבערלאָזנדיק די גאַס אונטער דער אָבסער־וואַציע פון אַ גרופּע דערפאַרענע מיליציאַנטן, האָט ח׳ בערנאַרד, צוזאַמען מיט אַ קלענערער גרופּע, באַזעצט דעם הויף און די שטיגן, וואָס האָבן געפירט צו הענריק ערליכס דירה. פּונקט צען אַזייגער אין דער פרי, אין הסכם מיט דער באַקומענער ידיעה, האָבן די מיליציאַנטן פון גאַס סיגנאַליזירט, אַז ס׳האָבן זיך באַוויזן צוויי פאַרדעכטיקע פאַרשוינען. בעת זיי זיינען אַריין אין הויף און אָנגעהויבן אַרויפגיין אויפן פערטן שטאָק, וואו ס׳האָט זיך געפונען הענריק ערליכס דירה, איז ח׳ בערנאַרד זיי נאָכגעגאַנגען. די צוויי פאַשיסטן זיינען צוגעגאַנגען צו דער טיר פון ערליכס דירה און אָנגעקלונגען. בערנאַרד איז שוין געווען דירעקט הינטער זיי. בעת די טיר איז געעפנט געוואָרן איז ער אויף שנעל אַריין דער ערשטער אין דער וואוינונג פון הענריק ערליך, אויס־געדרייט זיך מיטן פּנים צו די אומבאַקאַנטע און זיי געפרעגט וועמען זיי זוכן. אין דער ערשטער רגע האָבן זיי געפּרואווט מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ס׳איז פאַר־געקומען אַ מיספאַרשטייעניש, אַז זיי האָבן אָנגעקלונגען אין הענריק ערליכס דירה על פּי טעות, אַז זיי זוכן גאָר אַן אַנדער איינוואוינער אאַז״וו. ח׳ ערליך האָט שפּעטער דערציילט, אַז טאַקע מיט אַן אָוונט פריער האָט ער באַקומען אַ טעלעפאָן, דאָס צוויי מענטשן ווילן זיך מיט אים מיישב זיין וועגן אַ פּאָ־ליטישן פּראָצעס. הגם ס׳איז אים געווען די מעשה אַ ביסל פאַרדעכטיק, ווייל דער מענטש, וואָס האָט צו אים טעלעפאָנירט, איז נישט געווען אימשטאַנד אים צו דערקלערן ווער ס׳האָט אים רעקאָמענדירט, האָט ער דאָך מסכים געווען זיי אויפצונעמען צען אַזייגער אין דער פרי; טאַקע דעם טאָג, ווען דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען.

נאָך דער דאָזיקער געשיכטע האָבן אין פאַרלויף פון לאַנגע חדשים בונ־דישע מיליציאַנטן געהיט יעדן טריט פון ערליכן. ער אַליין האָט אָבער וועגן דעם זיך קיינמאָל נישט דערוואוסט.

אַ צווייטער ערנסטער פאַל איז פאָרגעקומען אין די יאָרן בעת די קאָמור־ניסטן האָבן פאַר יעדן פּרייז געוואָלט פאַרניכטן דעם באַקלייד־פאַראיין, איינע פון די גרעסטע יידישע טרעיד־יוניאָן־אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן. נאָך אַ ריי בלוטיקע געשלעגן איז דערשינען אַן אויפרוף פון צ ע נ ט ר א ל ־ ק אָ מ י ט ע ט

פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַז דער פירער פון „בונד" הענריק ערליך האָט פּערזענלעך זיך באַטייליקט מיט אַ גרופּע בונדישע מיליציאַנטן אין שיסן און שלאָגן קאָמוניסטיש־געשטימטע יידישע שניידער־אַרבעטער. פאַר דעם „בונד" איז געווען פולשטענדיק קלאָר, וואָס דער דאָזיקער נידערטרעכטיקער פּאַסקוויל איז אויסן. אונטער די באַדינגונגען פון יענע יאָרן האָט דער דאָזיקער אויפרוף, אונטערגעשריבן דורך דער העכסטער קאָמוניסטישער אינסטאַנץ אין פוילן, באַדייט אַן אָפענע צוגרייטונג צו בלוטיקע נקמה־אַקטן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, נאָכדעם ווי דער דערמאָנטער אויפרוף האָט זיך באַוויזן, איז ערליכן אויסגעקומען צו באַזוכן אַ הויף פון געדיכטער יידישער אָרעמקייט אויף לובעצקע־גאַס, אַ געגנט, וואו יידישע קאָמוניסטן האָבן געהאַט זייער בירזשע. כמעט אַלע איינוואוינער פון דעם הויף האָבן באַקומען „מעלדונגען", אַז זיי שטייט פאָר אַן עקסמיסיע. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קאָלעקטיווער ווענדונג צום געריכט אָפּצושטעלן די גזירה. ווען ערליך האָט צונויפגעקליבן די נויטיקע אונטערשריפטן און פאַרלאָזט דעם הויף, האָט ער גלייך באַמערקט, אַז אויף דער גאַס איז באַזונדערס טומלדיק. הונדערטער מענטשן זיינען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן און האָבן געפירט אַ הייסן וויכוח. צווישן עולם האָט ער באַמערקט אייניקע באַקאַנטע קאָמוניסטישע פּנימער. ער האָט נישט באַוויזן אָוועקצוגיין אייניקע טריט, ווי אַ גרופּע קאָמוניסטן האָבן אים אַרומגערינגלט, צוגעשטופּט צו אַ מויער און אָנגעהויבן באַשולדיקן אין כל־ערליי זינד. דער אַרומיקער עולם האָט אים געגומען אונטער זיין שוץ און פּאַרטיידיקט קעגן די אָנפאַלן פון די קאָמוניסטן. אין רעדאַקציע „פאָלקס־צייטונג" האָט כסדר געקלונגען דער טעלעפאָן. אומבאַקאַנטע מענטשן האָבן דערציילט וועגן די געשעענישן און פאַרלאַנגט, אַז די בונדיסטן זאָלן וואָס שנעלער קומען, כדי ערליכן זאָל קיין שלעכטס נישט געשען. ביז אַן אָפּטיילונג פון דער בונדישער מיליץ און סתם יידישע אַרבעטער, פרייוויליקע, זיינען אָנגעקומען צום אָרט פון די געשעענישן, איז שוין געווען נאָך אַלעמען. הונדערטער פאַרזאַמלטע יידישע איינוואוינער פון דער גאַס האָבן זיך אַ וואָרף געגעבן אויף די קאָמוניסטן און ממש געוואָלט זיי לינטשן.

גרויס איז געווען די ראָל פון ערליכן אין דעם אינערלעכן לעבן פון פוילישן „בונד". במשך פון העכער צוואַנציק יאָר האָט ער געהאָלפן געשטאַלטן דעם פּאָליטישן פּנים פון „בונד". אויף דעם קראָקעווער פאַראייניקונג־צוזאַמענפאָר פון „בונד" — אין יאָר 1920 — איז ער אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט. פון דעם טאָג אָן ביז דעם לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן, איז ער געווען די פירנדיקע פּערזענלעכקייט אין צ. ק. פון „בונד". געווען די גאַנצע צייט דער פּאַקטישער שעף־רעדאַקטאָר פון דער בונדישער טעגלעכער פּרעסע און האָט דורך זיינע לייט־אַרטיקלען (עדיטאָריעלס) אויף די שפּאַלטן

פון דער „פֿאָלקסצייטונג״ פֿאָרמולירט די שטעלונג פון „בונד״ צו די לויפנדיקע געשעענישן אין לאַנד און אין דער וועלט. ער האָט נישט פֿאַרמאָגט קיין שפּור פון אויסערלעכער גדלות. ער האָט ווי יעדע נישט דורכשניטלעכע פּערזענלעכקייט זיכער געוואוסט זיין ווערט. אָבער דאָס אומגעווייינלעכע אין אים, וואָס האָט אים טאַקע געמאַכט אַזוי באַליבט אין די פּאַרטיי־קרייזן, איז געווען זיין טיפער דרך־ארץ פאַר דעם ווילן פון דעם קאָלעקטיוו אַפילו ווען ער פלעגט בלייבן אין דער מינדערהייט.

ס׳איז נישט געווען לייכט אין יענע יאָרן צו פאַרבלייבן ביזן סוף דער דורך אַלעמען געשעצטער און אָנערקענטער אויטאָריטעט אין פּוילישן „בונד״. דער לאַנגיאָריקער שטרייט אַרום דער פּראַגע וועגן דעם אָנשלוס פון „בונד״ אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט אינערלעך צעריסן די פּאַרטיי. דער פאַרשאַרפטער פראַקציאָנעלער קאַמף האָט באַשאַפן אָנגעשטרענגטע באַציאונגען צווישן די אידעאישע ריכטונגען. הענריק ערליך האָט געהאַלטן, אַז דער „בונד״ דאַרף זיך אָנשליסן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע דעפעקטן. ער איז געשטאַנען בראָש פון די אַזוי גערופענע „איינסער״, — פון יענער אידעאישער ריכטונג אין „בונד״, וועלכע האָט פאַרטיידיקט די דאָזיקע פּאָזיציע. אָבער דער צוטרוי צו אים מצד אַלע ריכטונגען אין „בונד״ איז געווען אַזוי גרויס, די איבערצייגונג, אַז ער וועט ערלעך און אויפריכטיק פאַרטיידיקן די שטעלונג פון דער פּאַרטיי איז געווען אַזוי אומדערשיטערט, אַז אַפילו דעמאָלט ווען די מערהייט פון „בונד״ איז נישט געווען מסכים מיט זיין פּאָזיציע, האָט דער„בונד״ אים דעלעגירט צו רעפּרעזענטירן די באַוועגונג אויף אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע צוזאַמענקונפטן. דער שטרייט פון „בונד״ אַרום דעם ענין אינטערנאַציאָנאַל האָט געדויערט ביז 1930, פונדעסטוועגן איז הענריק ערליך געווען דער שליח פון „בונד״ אין האַמבורג — 1923, אין מאַרסעל — 1925 און אין ווין אין יאָר 1931 — אויף יענע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע קאָנפערענצן, וואו ס׳איז דעבאַטירט געוואָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער גורל פון דעם סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. ערשט נאָך דעם באַשלוס פון זיין לאַנדזשער צוזאַמענפאָר, שבועות 1930, האָט דער„בונד״ זיך אָנגעשלאָסן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און באַקומען אַ שטענדיקן אָרט אין זיין עקזעקוטיוו.

אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס אין ווין אין 1931, איז דער פּוילישער „בונד״ צום ערשטן מאָל געווען אָפיציעל פאַרטראָטן דורך אַ גרעסערער דעלעגאַציע מיט הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער בראָש. ערליכס אַרויסטרעטונג אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס קעגן דער רעפאָרמיסטישער פּאָליטיק פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, קעגן איר אָפּגעלאָזנקייט אין קאַמף קעגן דער היטלעריסטישער סכנה, האָט געמאַכט אַ רושם אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט. היינט, נאָך דעם אַלעמען,

וואָס מיר האָבן אַדורכגעלעבט, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, קלינגען אַ סך שטעלן פון זיין דעמאָלטדיקער באַרימטער אַרויסטרעטונג ווי אמתע נביאות.

דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט פון העגריק ערליכן מיט די פירער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַנדערע לענדער, אויף קאָנגרעסן און אויף די עקזעקוטיוו־זיצונגען פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן פאַרשאַפט אַנזען דעם „בונד" ווייט איבער די גרעניצן פון פּוילן. דער מאָראַלישער פּרעסטיזש פון „בונד", וואָס טרעט אַרויס סיי קעגן רעפאָרמיזם, סיי קעגן קאָמוניזם, פאַר אַ דריטער, רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישער שטעלונג, — איז ביי די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון די אומות העולם שטאַרק געשטיגן. צווישן „בונד" און דער עסטרייכישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, בראָש פון וועלכער ס'איז דעמאָלט געשטאַנען אָטאָ באַוער, אַדער דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָבן זיך איינגעשטעלט באַזונדערס פריינטלעכע באַציאונגען. אין די דאָזיקע ביידע פאַלן האָט אידעאישע קרובהשאַפט באַשאַפן אַ גינסטיקן באָדן פאַר קעגנזייטיקער פאַרשטענדעניש.

דער מאָראַלישער פּרעסטיזש, וואָס ערליך האָט געהאָלפן שאַפן פאַרן „בונד", האָט יאָרן נאָך דעם ווי ער איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך דעם סטאַלין־רעזשים, אַ סך פאַרלייכטערט דעם „וועלט־קאָאָרדינירן־קאָמיטעט פון בונד" צו פאַרזיכערן פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אַן אָרט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער משפּחה. ערליכס ראָל אין אינטערנאַציאָנאַל איז פאַרצייכנט געוואָרן אויך אין „ספר הזכרונות" פון קרעמל, וואָס האָט גורם געווען דעם נידערטרעכטיקן מאָרד.

אין אומאָפּהענגיקן פּוילן איז ערליך געוואָרן אַ באַקאַנטער פּאָליטישער פּאַרטיידיקער. נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען מצד דער פּוילישער רעאַקציע האָט ער אין 1932 באַקומען רעכט אַרויסצוטרעטן אין די פּוילישע געריכטן. ער איז דער עיקר אַרויסגעטראָטן אין פּאָליטישע פּראָצעסן פון קאָמוניסטן און אין שייכות מיט פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען אויף יידן. ווי אַ פּאָליטישער פּאַרטיידיקער האָט ער זיך געשאַפן אַ שם אין גאַנץ פּוילן. אין אַ סך פּראָווינץ־שטעט פלעגן יידישע אַרבעטער און אינטעליגענטן בייוואוינען ווי צוהערער די געריכט־פאַרהאַנדלונגען, וואו ער פלעגט אַרויסטרעטן. זיין אימפּאָזאַנטע געשטאַלט אין דער שוואַרצער טאָגע פון אַ פּאַרטיידיקער, זיין ווירדיקע באַנעמען זיך אין די פּוילישע האַלב־פאַשיסטישע געריכטן, זיינע איבערצייגנדיקע פּאַרטיידיקונגס־רעדעס, פלעגן מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק.

עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז אין פעטערבורג איז העגריק ערליך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער גרויסער ליבעראַלער רוסישער טאָג־צייטונג „דיען". מיט זשורנאַליסטיק האָט ער זיך באַשעפטיקט פון זיינע ערשטע זעלבשטענדיקע טריט אין לעבן. אָבער ערשט אין פּוילן איז ער אויסגעוואַקסן צו אַן ערשטקלאַסיקן פּובליציסט, וועמעס אַרטיקלען זיינען געלייענט

און קאָמענטירט געוואָרן דורך צענדליקער טויזנטער זיינע פּאָליטישע פריינט און קעגנער. אַרום דעם צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד" אין פּוילן האָט זיך באַשאַפן אַ גרופּע טאַלאַנטפולע שרייבער און פּובליציסטן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער רייכער, קאָלירפולער יידישער פּרעסע פון פּוילן מיט זייער סטיל, מיט זייער ערודיציע, מיט דעם אינערלעכן פייער, וואָס האָט באַלויכטן זייער שרייבן. הענריק ערליך איז דורך אַלעמען געווען אָנערקענט ווי דער פּאָליטישער קאָפּ פון דער צייטונג; דער „בונד" האָט אין אים געפונען אַ פּאָליטישן רע־דאַקטאָר פון אַ פאַרנעם, מיט וועלכן יעדע גרויסע סאָציאַליסטישע צייטונג אויף דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט וואָלט שטאָלצירט. ערליכן איז אָנפאַר־טרויט געוואָרן די פּאָליטישע פירונג פון דער צייטונג אַפילו במשך פון די יאָרן, ווען די צענטריסטישע ריכטונג פון „בונד", מיט וועלכער ער האָט אָנגעפירט, איז געווען אין דער מינדערהייט. די רעדאַקציע־קאָלעגיע, אַלצאיינס, צי זי איז געווען אין דער מערהייט פון די „איינסער" אָדער פון די „צווייער", — איז שטענדיק געווען זיכער, אַז הענריק ערליך וועט זי נישט אַוועקשטעלן פאַר געשעענע פאַקטן. זיינע אַרטיקלען האָבן פאַרמאָגט די זעלבע גרונט־אייגנ־שאַפטן ווי זיינע רעדעס: זעלטענע פעאיקייט אָנצושטעקן דעם לייענער מיט זיין אייגענער טיפער איבערצייגונג; פּשטות און אויפריכטיקייט זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין סטיל. ער האָט קיינמאָל נישט געזוכט קיין זשורנאַ־ליסטישע בליץ־עפעקטן, וואָס גיבן אַ מאָמענטאַלן ברען, אָבער באַלויכטן ווײ־ניק, קלערן נישט אויף. ער האָט געהערט צו דער קלאַסישער שול זשורנאַליסטן, וואָס שטרעבן קודם כל אויפצוקלערן אַ פאַרפּלאָנטערטע פראַגע, כדי צו געבן דעם לייענער אַ מעגלעכקייט זיך פונאַנדערצוקלייבן אין איר. ווען דער צ. ק. פון פּוילישן „בונד" האָט זיך גענויטיקט אין אַ פייערלעכן דאָקומענט, אין אַ ספּעציעלן אויפרוף וועגן אַ באַזונדערס וויכטיקן ענין, — פלעגט ער כמעט שטענדיק באַפּולמעכטיקן הענריק ערליכן אים צוזאַמענצושטעלן. ער איז אויך אָפּט געווען דער מחבר פון די ערשטע־מאַי־פּראָקלאַמאַציעס פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". אַ מייסטערווערק פון הענריק ערליכס פּען איז דער מאַני־פעסט צום יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק פון פּוילן, וואָס דער „בונד" האָט פאַר־עפנטלעכט אין 1937, אין שייכות מיט זיין פערציק יאָריקן יובל. דער מאַניפעסט איז שפּעטער אַרויס ווי אַ בראָשור, וואָס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין העכער הונדערט טויזנט עקזעמפּליאַרן.

הענריק ערליך איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער פּאָלעמיסט. אין זיינע פּאָלעמישע אַרטיקלען פלעגט ער זיך נישט באַנוצן מיט לייכטע עפעקטן, — ער פלעגט אָנגרייפן דעם תוך פון זיין אידעאישן קעגנער, דעם גרונד־יסוד פון דער באַהאַנדלטער פּראָבלעם. די דאָזיקע ריטערלעכקייט האָט צוגעגעבן אַ ספּעציעלע וואָגיקייט זיינע פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען. הגם זיי זיינען געבוירן געוואָרן דורך די באַדערפענישן פון טאָג־טעגלעכן אידעאָלאָגישן קאַמף פון „בונד", זיינען זיי אַפילו היינט נישט פאַרעלטערט. אייניקע פון די גרע־סערע פּאָלעמישע אַרבעטן פון הענריק ערליכן זיינען גלייכצייטיק געדרוקט

געוואָרן אין פּוילן און אין די פּאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, ווי, למשל, די דיסקוסיע־אַרטיקלען מיט זיין שווער, דעם יידישן היסטאָריקער ש. דובנאָוו, וועגן בונדיזם און ציוניזם (אָפּגעדרוקט אין „צוקונפט"), — אַ ריי אַרטיקלען „דער עיקר פון בונדיזם" איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין אַ באַזונדער בראָשור; אויף ענגליש איז דערשינען אַ גרעסערע אַרבעט „דער קאַמף פאַרן רע־וואָלוציאָנערן סאָציאַליזם" (ניו־יאָרק 1934). דאָרטן גיט ערליך אַ גלענצנדיקן אַנאַליז פונם רעפאָרמיזם אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג, פון די קאַמפן אַרום אויפשטעלן אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל, אַן אָפּשאַ־צונג פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און אויך „אַ גענויעם באַריכט וועגן די שטרייטן צווישן „רעכט" און „לינק" אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליסטישער קאָנפערענץ אין פּאַריז (אויגוסט 1933), נאָך דער היטלער־קאַ־טאַסטראָפע אין דייטשלאַנד און וועגן דער קאָנפערענץ פון 18 קליינע סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען, דערין דער בונד פון פּוילן, — וואָס איז פאָרגעקומען האַרט ערב דער אַלגעמיינער קאָנפערענץ.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די אַרבעט אין דער „פּאַלקסצייטונג" האָט ביי אים פאַרנומען זייער אַ סך צייט און כוחות, איז ערליך אַרויסגעטראָטן אויך אויף די שפּאַלטן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּרעסע, באַזונ־דערס פון די בונדישע אויסגאַבעס אין דער פּוילישער שפּראַך.

אַ צאַרטער פאָטער האָט ער שטאַרק ליב געהאַט זיינע צוויי זין אַלעקסאַנ־דער און וויקטאָר. בעת ער האָט זיי געבראַכט מיט זיך פון רוסלאַנד קיין פּוילן זיינען זיי נאָך געווען קינדער. במשך פון העגריק ערליכס פּוילישע יאָרן זיינען זיי אויסגעוואַקסן און אָנגעהויבן זוכן זייער אייגענעם וועג, זייער אייגענעם אָרט אין לעבן. זיי זיינען אַריינגעטראָטן אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַני־זאַציע „צוקונפט", פאַרנומען דאָרט אַן אָנגעזעען אָרט און מיטגעמאַכט די שטורמישע אַנטוויקלונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט אונטער די פענער פון „בונד". גאַנץ אָפט, בעת העגריק ערליך איז געקומען נאָך זיין אָנגעשטרענגטער אַרבעט אַהיים, פלעגט אים אויסקומען צו פירן לאַנגע שעהן געשפּרעכן מיט די זין, דער עיקר מיטן עלטערן, אַלעקסאַנדער, וועגן די פּראָבלע־מען און ספקות, וואָס האָבן זיי געמאַטערט; ער האָט זיי אָנגערעגט צו שטו־דירן עקאָנאָמישע און סאָציאַלע וויסנשאַפט בכלל, כדי צו האָבן אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, אויסאַרבעטן ביי זיך אַ פעסטע וועלטאַנשויאונג, אַ ריכט־ליניע, וואָס זאָל זיי געבן די מיגלעכקייט זיך צו אָריענטירן אין אַלע „פּלאָנטערנישן און זיגזאַגן" פון קאָמפּליצירטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די צייט פון זייער גייסטיקן רייף ווערן איז געווען אָנגעלאָדן מיט שאַרפע אידייאישע קאַמפן, מיט אויסטערלישע געשעענישן, וואָס האָבן געפאָדערט באַלויכטונג, אויפ־קלערונג, סאָלידע אָריענטאַציע. ביי זייער פאָטער האָבן זיי געפונען דעם זיכערן וועגווייזער, די פעסטע גייסטיקע אָנפירונג, וואָס האָט געקערעוועט

מיט זייער ייִנג גײַסטיק לעבן. דער עלטערער זון, אַלעקסאַנדער, האָט זיך די לעצטע יאָרן אָפּגעגעבן זייער אַ סך מיט עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און ער איז איצט וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם רוסישן פאָרשונג־אינסטיטוט ביים האַרוואַרד־אוניווערסיטעט, באָסטאָן. דער ייִנגערער, וויקטאָר, האָט אַ ספּעציעלע פאַראינטערעסירונג אין ליטעראַטור־פאָרשונג; ער איז איצט פּראָפעסאָר פון סלאַווישער ליטעראַטור אין דעם אוניווערסיטעט פון סיאַטעל.

הענריק ערליך האָט ליב געהאַט שיינע ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק. ער האָט געהאַט אַן אויסגעצייכנטן מוזיקאַלישן געהער. מוזיק פלעגט אויף אים ווירקן זייער טיף. אַ פאַלשע נאָטע פלעגט ער גלייך באַמערקן. מיר האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער הערט זיך שטענדיק צו אויף אַ ריין־מוזיקאַלישן סובטעלן אופן צו דעם ר י ט ם פון דער צייט, — אַז ער באַנעמט אַ פּאָליטישע סיטואַציע נישט בלויז מיטן שכל, נאָר אויך מיט אַ ספּעציעלן ראַפינירטן חוש פאַר איר. אויסערלעך מאַיעסטעטיש, האָט ער פאַרמאָגט אַן אינערלעכע האַרמאָניע, אַ רואיקע זיכערקייט — אַ דערגרייכונג פון אַ קינסטלער, וואָס האָט גובר געווען אין זיך וואַקלענישן און צווייפל דורך אַ שעפערישן שוואונג.

אין דער גייסטיקער געשטאַלט פון ערליכן האָט מען געקאָנט באַמערקן סימנים פון אַ פערמאַנענטן אינערלעכן שטרייט, מיט זיך און אין זיך,—אַ דיסטאַנץ צווישן געפיל און שכל, צווישן זיין רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט און ניכטערן פאַרשטאַנד. לאָמיר נעמען זיין באַציאונג צו סאָוויעט־רוסלאַנד: ע מ אָ צ י אָ נ ע ל איז זיין קעגנערשאַפט צו דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד געווען אַ סך שטאַרקער און קאָמפּראָמיסלאָזער איידער פּ אָ ל י ט י ש. געפילמעסיק האָט ער געהאַסט די טאָטאַליטאַרע שקלאַפעריי פון געדאַנק אין סאָוויעט־רוסלאַנד, דאָס טרעטן מיטן שטיוול די עלעמענטאַרע פרייהייטן, דער ביזאַנטישער קולט פאַר דעם פירער האָט אים געעקלט, האָט באַליידיקט זיין מענטשן־ווירדע. אָבער אין זיינע פּ אָ ל י ט י ש ע אַרויסטרעטונגען וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד האָט ער זיך שטענדיק געצוימט. ער איז ניט מסכים געווען מיט אָטטאָ באַוערס פּאָזיציע לגבי סאָוויעט־רוסלאַנד; ער האָט געהאַלטן פאַר פאַלש זיין געדאַנק, אַז די דיקטאַטור אין רוסלאַנד איז אַ נויטווענדיקייט כל זמן ס'איז נאָך נישטאָ דאָרט גענוג ברויט און וואוילשטאַנד פאַר יעדן. אָבער אויף אים האָבן שטאַרק געווירקט מאָטיוון פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק — די פיינטלעכע קאַפּיטאַליסטישע אַרומרינגלונג, אין וועלכער סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך אין יענע יאָרן געפונען, דער ווילן אָפּצוראַטעווען די אמתע דערגרייכונגען פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע פון אַ רעאַקציאָנערער קאַפּיטאַליסטישער רעסטאַווראַציע. אַוודאי האָט ער שטענדיק געשריבן און געזאָגט וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד וואָס ער האָט ג ע ט ר אַ כ ט. אָבער ער האָט זיך אַזוי ווי געהיט אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט, וואָס ער האָט וועגן דעם ענין ג ע פ י ל ט. די פּאָליטישע מאָטיוון האָבן שטענדיק, בעת די פראַגע וועגן

סאָוויעט־רוסלאַנד פלעגט זיך אַוועקשטעלן, מאָביליזירט זיין שכל און געצוימט זיין טעמפּעראַמענט. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָך די טרויעריק־באַקאַנטע „מאָסקווער פּראָצעסן", הויבט אָן דער עמאָציאָנעלער מאָמענט שפּילן אַ גרעסערע ראָלע אין זיינע אַרטיקלען וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד. באַזונדערס בולט קומט עס צום אויסדרוק אין די הייסע וואָכן פון אויגוסט 1939, בעת די וועלט איז דערשטוינט געוואָרן פון דעם געשלאָסענעם „היטלער־סטאַלין־פּאַקט".

אויב אין זיינע שריפטן וועגן סאָוויעט־רוסלאַנד האָט דאָמינירט דער שכל, אָטעמען זיינע יידישע אָפּהאַנדלונגען מיט עמאָציע און טעמפּעראַמענט. בעת טעאָרעטישע שמועסן וועגן דער יידן־פראַגע איז ער קיינמאָל נישט אַרויס־געטראָטן ווי אַ פאַרברענטער יידישיסט. פּויליש איז פאַר אים געווען זיין קולטור־שפּראַך נישט ווייניקער ווי יידיש. זיין כסדרדיקער, ענגער קאָנטאַקט מיט די יידישע מאַסן פון פּוילן, מיט זייערע טאָג־נויטן און דאגות, מיט זייערע קלענערע און גרעסערע פּראָבלעמען און באַדערפענישן, האָט אָבער זייער שטאַרק געווירקט אויף אים. פון פּעטערבורג איז דער יידישער מאַסן־לעבן געווען ווייט, יידישע פּראָבלעמען זיינען דעמאָלט פאַר אים געווען מער טעאָריע, איידער לעבעדיקע צאַפּלדיקעווירקלעכקייט. אָבער אין וואַרשע איז ער געווען אין צענטער פון יידישן לעבן, געאָטעמט מיט אים און מיטגעווירקט אין אים. די גזירות און פאַרפאָלגונגען אויף יידן, דער געזעלשאַפטלעכער אַנטיסעמיטיזם, דיווירטשאַפטלעכע עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק לגבי יידן האָבן אומאויפהערלעך פאַרלאַנגט אַן אַקטיווע קעגנווירקונג מצד דעם „בונד". און גלייך דערמיט האָט דער שעפערישער, קאָלירפולער און קעמפערישער יידישער לעבן אין פּוילן, מיט זיין פּאָליטישער דיפערענציאַציע און רייכער געזעלשאַפטלעכקייט אימפּאָ־נירט, דערנענטערט און צוגעצויגן צו זיך. הענריק ערליך איז איינגעוועבט געוואָרן אין יידישן לעבן פון פּוילן אַ סך שטאַרקער און אָרגאַנישער, ווי ער, דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסט, האָט זיך עס געקענט פאָרשטעלן. אין אַזאַ פּראָצעס פון זיין פאַריידישט ווערן איז געקומען צום אויסדרוק די רעוואָלוציאָנער־נאַציאָנאַלע ראָל פון „בונד" אין יידישן לעבן.

די העכער צוואַנציק יאָר פון ערליכס לעבן און פּאַרטיי־טעטיקייט אין אומ־העגניקן פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות, זיינען געווען פאַר אים אַ צייט פון אַן אומגעהויער פיזישער אָנשטרענגונג און פון אַ גוואַלטיקער גייסטיקער אָנגעלאָדנקייט. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ פּערמאַנענטע אינטעלעקטועלע, גייס־טיקע און פיזישע מאָביליזאַציע פון אַלע כוחות, פון דער פולער וויטאַליטעט, כדי צו באַפרידיקן די נויטן פון דער שטורמיש־וואַקסנדיקער באַוועגונג. היטלערס זיג אין דייטשלאַנד מיט זיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אויסווירקונגען אין אייראָפּע בכלל און באַזונדערס אין פּוילן, דער זאָאָלאָגישער, אַלץ וואַקסנ־דיקער אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד גופא, די דייטלעכע סימנים פון אַן אָנקומענדיקער

נייער בלוטיקער קאַטאַסטראָפע, די צוגרייטונגען צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, — זיינען געווען ווייט נישט קיין נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר דער שטורמיש־וואַקסנדיקער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דערצו נאָך איז די דאָזיקע באַוועגונג געווען פאַרוויקלט אין אַ ביטערן קאַמף מיט דעם קאָמוניזם און געפירט אַן אידעאָלאָגישע מחלוקה מיט דעם רעפאָרמיסטישן פליגל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; די דאָזיקע לאַגע האָט נישט געהאַט קיין פּרעצעדענטן אין דער געשיכטע פון „בונד". צענדליקער טויזנטער בונדיסטן און סתם יידישע אַר־בעטס־מענטשן האָבן דורשטיק געוואַרט אויף אַ וואָרט פון „בונד", אויף דער אָנווייזונג פון זייער פּאַרטיי. ווי אַ פּאָליטישער רעדאַקטאָר פון דעם צענטראַל־אָרגאַן פון „בונד", ווי דער אָנגעזעענסטער פירער פון „בונד" איז אויף ערליכס פּלייצעס געלעגן די אויפגאַבע צו פאָרמולירן די שטעלונג פון דער פּאַרטיי פּנים אל פּנים מיט דער כסדר זיך ענדערנדיקער סיטואַציע אין לאַנד און אין דער וועלט, פאָרמולירן די פּאָזיציע פון „בונד" אין קאַמף מיט דער אַלגעמיינער און יידישער רעאַקציע, מיט דעם פּוילישן און יידישן נאַציאָנאַליזם. די דאָזיקע אויפגאַבע האָט ער דערפילט, אַרויסטרעטנדיק אויף פּאָלקס־מיטינגען, אויף זיצונגען פון וואַרשעווער שטאָטראַט און פון דער וואַרשעווער קהילה, אין אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע אַסיפות, אויף באַראַטונגען מיט פּוילישע און דייטשע סאָציאַליסטן און אויף זיצונגען פון בונדישע פּאַרטיי־אינסטאַנצן. חברים פון אַלע צווייגן פון דער בונדישער באַוועגונג, פון די טרעיד־יוניאָנס, פון יידיש־וועלטלעכן שולוועזן, פון יוגנט־ און קינדער־אָרגאַניזאַציעס פון „בונד" — פלעגן כסדר קומען צו אים זיך מישב זיין וועגן זייערע לויפנדיקע פּראָבלעמען און דאגות. זיין אַרבעטס־טאָג איז געווען אומבאַגרענעצט און פלעגט זיך אָפט פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. און הגם דער „בונד" אין אומאָפּהענ־גיקן פּוילן איז געווען אַ גרויסע און איינפלוסרייכע פּאַרטיי, איז ער אָבער נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרזיכערן די פולע מאַטעריעלע עקזיסטענץ פאַר זיינע פירער. הענריק ערליך איז נישט געווען קיין אויסנאַם פון דאָזיקן כלל. שוין אין דער יוגנט האָט ער געהאַט צו טאָן מיט אַ לונגען־פּראָצעס, שפּעטער אין פּוילן האָט ער געליטן אויף אַ נירן־קראַנקייט, פון וועלכער ער איז ביז זיין טראַגישן סוף נישט פטור געוואָרן. וואָס מער די באַוועגונג האָט פון אים פאַר־לאַנגט, אַלץ נייע קוואַלן פון גייסטיקער און פיזישער ענערגיע פלעגט ער אַנט־דעקן אין זיך אַליין.

„אַזאַ טבע האָט שוין יעדע מאַסן־באַוועגונג; — האָט געשריבן בייניש מיכאַלעוויטש אין „לעבנס־פראַגן" פון יאָר 1919 — זי זאַפּט איין אין אירע טיפעניש דעם אייצלנעם, פאַרצערט אין זיך די פערזאָן, פאַרטרינקט מיט אירע הויכע פאַליעס דעם יחיד, די אינדיווידואַליטעט. זיינע אַלע פעאיקייטן, זיינע גאַנצע קענטענישן און געבענטשטע מעלות ווערן אויסגעזויגן, ממש איינגע־שלונגען דורך טויזנטער הונגעריקע מיילער פון דער נאָמענלאָזער מאַסע, זיי ווערן פאַרברויכט און פאַרצערט ווי אַ קרבן עולה אויף דעם מזבח פון דער מאָ־נענדיקער און אומאויפהערלעך פאָדערנדיקער באַוועגונג. אָבער אויך ער, דער

פירער, דער איינצלנער, געניסט פון דער מאַסע, נעמט־אויף אין זיך איר ענערגיע, איר פסיכיק, איר געשאַפענע אידעאָלאָגיע. זי איז דער גרויסער רע־זערוואואַר, פון וואַנען יעדער פּאָליטישער פירער שעפּט זיין באַגייסטערונג; איר קאָלעקטיווער ווילן שמידט אויס זיין מוט, געפילן פון הונדערטער ברויזן אַרויס פון זיין האַרצן, דער צאָרן פון טויזנטער גלאַנצט אַרויס פון די אויגן פון איינצלנעם. דאָס איז אַ קעגנזייטיקער פּראָצעס, אַ שטענדיקע מאַטעריע־ און גייסט־אויסטויש צווישן די מאַסן און זייער פירער.״

די דאָזיקע שורות זיינען געשריבן געוואָרן אין שייכות מיט אַ יאָרצייט נאָך בראָניסלאַוו גראָסערן; זיי פאַרענטפערן אָבער אויך די פראַגע: פון וואַנען ב. גראָסערס יוגנט־פריינט — ה ע נ ר י ק ע ר ל י ך — האָט געשעפּט כוחות צו דערפילן זיין לעבנס־שליחות. מיט זיין „לעבן פון אַ קעמפער און טויט פון אַ מאַרטירער״ וועט ער, די וואונדערבאַרע, קרישטאָלענע געשטאַלט, וואָס האָט במשך פון העכער צוואַנציק יאָר באַלויכטן דעם וועג פון פוילישן „בונד״, פאַרבלייבן אויף דורות אין דאַנקבאַרן זכרון פון יידישן אַרבעטנדיקן פאָלק, ווי אַ נר־תמיד, וואָס באַלויכט דעם וועג צו אַ נייעם יושרדיקן וועלט־סדר. ס׳זיי־נען פאַראַן גייסטיקע און עטישע באַרג־שפּיצן, וואו בלויז געציילטע מענטשן אָדלערס קענען לעבן. איינער פון זיי איז געווען — ה ע נ ר י ק ע ר ל י ך.

אַלעקסאַנדער ערליך

די לעבנס־געשיכטע פון וויקטאָר אלטער

די יינגע יאָרן

וויקטאָר אַלטער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1890 אין מלאַווע, ווי דער יינגסטער זון פונם רייכן וואַלד־סוחר ישראל אַלטער. אינגיכן נאָכן געבורט פון קינד איז ישראל אַלטער געשטאָרבן. וויקטאָר האָט זיין פאָטער נישט געקענט; אָבער אויפן סמך פון די דערציילונגען פון זיינע נאָענטסטע איז ביי אים פאַר־בליבן אין באַוואוסטזיין דאָס בילד פון דער דאָזיקער קאָלירפולער פערזענלעכ־קייט, אין וועלכער הייסער חסידישער גלויבן האָט זיך געפּאָרט מיט טיפער התלהבותדיקער לעבנסלוסט.

נאָכן טויט פון פאָטער איז די משפחה אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. דער צווייטער מאַן פון וויקטאָרס מוטער, ישראל וואָלף גליקסמאַן, איז שוין ביי זיין גאַנצער פרומקייט געווען באַאיינפלוסט מיט דעם השכלה־גייסט און האָט זיך נישט אַנטקעגנגעשטעלט, ווען זיין פרוי האָט באַשלאָסן צו געבן אירע קינדער וועלטלעכע בילדונג. פּונקט ווי זיינע שוועסטער און ברידער איז וויקטאָר געגאַנגען אין דער מיטל־שול; ער טיילט זיך אויס מיט זיינע אויסער־געוויינלעכע פעאיקייטן און אַלזייטיקע פאַראינטערעסירונגען. ער געפינט צייט אי פאַר פילאָסאָפיע און מאַטעמאַטיק, אי פאַר פאַרוויילונג און ספּאָרט.

דער וועג צו אַ גלענצנדיקער קאַריערע און אַ זאָרגלאָזן לעבן ליגט אָפן פאַר דעם טאַלענטירטן, טעמפעראַמענטפולן פּרעכטיק שיינעם בחור. אָבער אים ציט אויף אַנדערע וועגן. די רעוואָלוציע־שטורעמס פון 1905 רייסן־מיט אויך דעם פּופּצניאַריקן שילער פון דער גורסקי־גימנאַזיע אין וואַרשע. ער ווערט אַ מיט־גליד פון געהיימען קאָמיטעט, וואָס אָרגאַניזירט דעם היסטאָרישן שילער־סטרייק פאַר אַריינפירן די פּוילישע שפּראַך אין די שולן פונם רוסישן טייל פון פּוילן. די צאַרישע פּאָליציי אַרעסטירט דעם גאַנצן קאָמיטעט. ווי אַמינדעריעריקער ווערט וויקטאָר אַלטער באַפרייט פון תפיסה נאָך עטלעכע וואָכן. די „פאַרדינטע״ שטראָף מיידט אים אָבער נישט אויס: צוזאַמען מיט אַנדערע אַקטיווע אָנטייל־נעמער פונם סטרייק ווערט ער אַרויסגעוואָרפן פון דער שול מיט אַ „וועלפישן בילעט״, דאָס הייסט — אָן רעכט אָנגענומען צו ווערן אין וועלכער נישט איז שול אויפן גאַנצן שטח פון דער רוסישער אימפּעריע. דאָס איז געווען וויקטאָרס ערשטע פייער־פּראָבע אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון פּוילן.

אין דער זעלביקער צייט האָט ער אויך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסגעקליבן זיין אָרט אין דער דאָזיקער באַוועגונג. דער יונגער דור פון דער משפחה אַלטער איז נישט אַוועק אויף דעם וועג פון פיל פון יענע צעבונטעוועטע זין און טעכטער פון גבירים־חסידים, וואָס האָבן געזוכט אַ גייסטיקן מקום־מקלט פאַר זיך אין די נישט־יידישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, כדי צו געפינען אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די פוילישע פאָלקס־מאַסן אַ מין באַרעכטיקונג פאַר דער אייגענער נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרלייקענונג. וויקטאָרס עלטערע שוועסטערס וואָס זיינען שוין פון פריער געווען פאַרבונדן מיט דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע און האָבן געגעבן זייער דירה פאַר אַ „יאַווקע“ (טרעף־פּונקט) פון דעם בונדישן ראַיאָן־קאָמיטעט, ציען־צו אויך זייער יינגערן ברודער צו דער טעכניש־קאָנספּיראַטיווער אַרבעט פון דער אָרגאַניזאַציע. עס האָט נישט געפעלט קיין סך, אַז די דאָזיקע טעטיקייט זאָל זיך פאַרענדיקן גאַר שנעל און דראַמאַטיש. אויסנוצנדיק דעם פאַקט, וואָס דאָס הויז, וואו די אַלטערס האָבן געוואוינט (עלעקטאָראַלנע 4) איז געווען דאָס אייגנטום פון זייער מוטער, האָט וויקטאָר, צוזאַמען מיט זיין עלטערן ברודער איזאַק אויסבאַהאַלטן אויף דעם בוידעם אַ גרויסן סכום געווער פון דער בונדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין איין שיינעם טאָג איז אין דעם געווער־סקלאַד פאַרגעקומען אַן אויפרייס און ס'איז אויסגעבראָכן אַ שׂרפה. די פּאָליציי האָט דערשפּירט אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק; דער „פּאָליצמייסטער“ אַליין האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו עלעקטאָראַלנע 4; געראַטעוועט אַלטערן האָט ממש אַ קינעמאַטאָגראַפישער צופאַל: די „באַיאָווצעס“ פון דער פוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.), וואָס האָבן שוין לאַנג געהאַט אַן אויג אויפן פּאָליצמייסטער, האָבן געוואָרפן אַ באָמבע אויף זיין קאַרעטע און אים דערהרגעט אויפן אָרט.

מיטן „וועלפישן בילעט“ אין קעשענע און מיטן אויפגעריסענעם געווער־סקלאַד ווערט וויקטאָרס פאַרבלייבן אין וואַרשע נישט געוואונטשן. אין 1906 פאָרט ער אַוועק קיין בעלגיע. ער האָלט־אויס דעם עקסטערן־עקזאַמען, שטודירט עלעקטריציטעט און מעכאַניק אין דעם פּאָליטעכניקום פון ליעזש און גראַדואירט אין 1910 מיט אַן אינזשינער־דיפּלאָם פון די דאָזיקע צוויי פאַקולטעטן. גלייכצייטיק באַטייליקט ער זיך אַקטיוו אין דער אָרטיקער סטודענטישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע און פאַרבינדט זיך מיט דער בעלגישער אַרבעטער־באַוועגונג. ער שטייט אויך אין פאַרבינדונג מיט דער פאַראייניקטער אָרגאַניזאַציע פון די בונדישע גרופּעס אין אויסלאַנד, וואָס איר זיץ־אָרט איז געווען אין זשענעוו, ביים אויסלענדישן קאָמיטעט פון „בונד“. אין יענער צייט באַקענט ער זיך מיט דער יונגער בעלגישער אַרבעטערין מעלאַניאַ (מילאַ) לאַרעין, זי ווערט דערנאָך זיין פרוי. *) אָבער נישט געקוקט אויף זיין צוגעבונדנקייט צו

*) אַן ערך פופצן יאָר שפּעטער איז געבוירן געוואָרן וויקטאָר אַלטערס זון — זשאַן וויקטאָר („זשאַנעק“). די צווייטע וועלט-מלחמה האָט אים און זיין מוטער געטראָפן אין בעלגיע, וואו זיי האָבן פאַרבראַכט דעם זומער. אין די יאָרן פון דער דייטשישער אָקופּאַציע האָט זשאַנעק אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער בעלגישער אונטער־

דעם נייעם לאַנד, ציט אים צוריק אַהיים, קיין פּוילן. ער שטעלט זיך אין פאַר־בינדונג מיט דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" און אין 1912 קומט ער קיין וואַרשע, פאָרמעל כדי אָנצונעמען אַ פּאָסטן ביי „איקאַ" (יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט), פאַקטיש — כדי צו באַטייליקן זיך אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון „בונד". אין 1913 איז ער דער בונדישער פאָרשטייער אין „קאָמיטעט פון דריי", וואָס פירט־אָן אין נאָמען פון „בונד" און די צוויי פּוילישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען (פּ.פּ.ס. „לעוויצאַ" און ס.ד.ק.פּ"ל) מיט דער ערשטער וואַל־קאַמפּאַניע צו די פאַרזיכערונגס־קאַסעס פאַר אַרבעטער אויפן גאַנצן שטח פון דעם רוסישן טייל פון פּוילן. אינמיטן פון דער דאָזיקער קאַמפּאַניע ווערט ער אַרעסטירט. נאָכן אָפּזיצן עטלעכע חדשים אין דער תפיסה אויף דאַני־לאָוויטשאָווסקאַ, ווערט ער פאַרשיקט אין „נאַרימסקי קראַי" (מערב־סיביר). ער קומט אַהין שוין מיט אַ צוגעגרייטן פאַלשן פּאַס פאַרנייט אין די זוילן פון זיינע שיך. עס נעמט נישט לאַנג און ער נוצט אים אויס: אונטערן אויסרייד, אַז ער גייט אויף יאַגד, ווערט ער נעלם פון זיין פאַרשיקונגס־אָרט און אַנטלויפט קיין אויסלאַנד. ער פאַרברענגט אַ קורצע צייט אין בעלגיע ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה (יולי 1914), ווערט אַריינגעצויגן אין מלחמה־שטורעם, העלפט־מיט ביי דער מאָביליזאַציע־אַרבעט צום ווידערשטאַנד קעגן די דייטשן, ווי אַ קאָמענדאַנט פון אַ באַן־סטאַציע; נאָך דער דייטשער אינוואַזיע ראַטעוועט ער זיך מיטן עוואַקואַציע־שטראָם קיין ענגלאַנד. אַרבעטנדיק אין אַ פאַבריק ווי אַ פּשוטער אַרבעטער און דערנאָך ווי אַן אינזשינער, פירט ער אָן מיט דער בונדישער גרופּע אין ענגלאַנד (פאַראיין „וועקער") און איז אַקטיוו אין דער בריטישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי („בי־עס־פּי"), וואָס האָט פאַרגע־שטעלט מיט זיך די מאַרקסיסטישע ריכטונג אין דער ענגלישער אַרבעטער־באַוועגונג. צוזאַמען מיט דער מערהייט פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע געהערט ער צו די אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון דער מלחמה. ער פאַרטיידיקט די דאָזיקע שטעלונג אין דעם א. ג. „סאָציאַליסטישן קאָמיטעט", וואו עס זיינען געווען פאַרטראָטן עמיגראַנטישע גרופּן פון אַלע רוסלענדער סאָציאַליסטישע פּאַרטייען („בונד", מענשעוויקעס, באָלשעוויקעס, עס־ערן), און באַטייליקט זיך אין דער קאַמפּאַניע פאַר אָפּזאָגן זיך פון מיליטער־דינסט, וואָס דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט געפירט צווישן די יידישע עמיגראַנטן אין ענגלאַנד.

אין מערץ 1917 ברעכט־אויס די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אַלטער דער־פילט דעם זעלביקן אינערלעכן דראַנג, וואָס האָט אים מיט פינף יאָר פריער נישט געלאָזט פאַרבלייבן אין בעלגיע. צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע רוסלענ־דישע סאָציאַליסטן־עמיגראַנטן פאָרט ער אָפּ קיין רוסלאַנד. ער איז טעטיק אין אוקראַינע, וואָס איז דעמאָלט געווען איינער פון די וויכטיקסטע צענטערס פון

ערד-באַוועגונג. סוף 1944 איז ער אַריינגעטראָטן ווי אַ פריוויליקער אין דער פּוילישער אַרמיי. זינט דער מלחמה שטודירט ער פראַנצויזישע ליטעראַטור און איז טעטיק צווישן די סאָציאַליסטישע סטודענטן אין בעלגיע. זיין מוטער, ח'טע מילא, פאַרבלייבט פאַר־בונדן מיט פעדים פון טיפער פריינטשאַפט און נאָענטקייט מיט דער בונדישער באַוועגונג.

דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און דערנאָך אין מאָסקווע. אויף דעם 8טן צוזאַמענפאָר פון „בונד“ (אויגוסט 1917) ווערט ער אויסגעוויילט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, ווי אַ פאָרשטייער פון דער „אינטערנאַציאָנאַליס־טישער“ ריכטונג. אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן טרעפט אים די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש פון אָקטאָבער 1917. אין יולי 1918 באַטייליקט ער זיך אין דער „אַרבעטער־קאָנפערענץ“, וואָס איז צונויפגערופן געוואָרן דורך רוסישע סאָציאַליסטן, ער ווערט דערביי אַרעסטירט צוזאַמען מיט אירע אַנדערע אָנטייל־נעמער. אינגיכן נאָך דער באַפרייאונג פאַרלאָזט ער רוסלאַנד און קערט זיך אום צו זיין היימלאַנד — פּוילן. קנאַפּע דריי יאָר שפּעטער קומט אים אויס נאָכ־אַמאָל צו זיין אין אַ סאָוויעטישער תפיסה. זומער 1921 קומט ער אומלעגאַל פון פּוילן קיין מאָסקווע צו דעם דריטן קאָנגרעס פון קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, כדי צו פירן צוזאַמען מיט דער גאַנצער בונדישער דעלעגאַציע אונטערהאַנדלונגען וועגן אַנשלוס פון „בונד“ צום קאָמינטערן (אַלטער איז געווען אין דער דעלעגאַציע דער פאָרשטייער פון דער א. ג. צענטריסטישער ריכטונג אין „בונד“, וואָס איז געווען קעגן דעם אַנשלוס). איינער פון די חברים, וואָס אַלטער האָט אים געקענט פערזענלעך, ווענדעט זיך צו אים מיט אַ ביטע איבערצוגעבן אַ בריוו פון אַן אַרעסטירטן רוסישן סאָציאַליסט צו דער דע־מאָלטיקער פירערין פון דער בריטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פּאַני פּענק־הורסט. אַלטער איז מסכים. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ מיטגליד פון דער בריטישער דעלעגאַציע, אַ רוסישע פרוי, וואָס האָט געלעבט אין ענגלאַנד, וועמען אַלטער האָט איבערגעגעבן דעם בריוו, איז אויך געווען אַ טשעקיסטקע, און דעם בריוו גלייך איבערגעגעבן אין „טשעקאַ“. די טשעקאַ פאַרלאַנגט פון אַלטערן ער זאָל אויסזאָגן, ווער עס האָט אים איבערגעגעבן דעם בריוו. אַלטער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ דאָס צו טאָן. אויף דער פראַגע, צי ער ווייס וואָס איז אין דעם בריוו געווען געשריבן, ענטפערט ער: „איך האָב נישט די טבע צו לייענען בריוו, וואָס זיינען אַדרעסירט נישט צו מיר“. ער ווערט אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין בוטירקער תפיסה. אַלס פּראָטעסט דערקלערט ער אַ הונגער־סטרייק, וואָס דויערט 11 טעג. די דאָקטוירים האָבן שפּעטער אויסגעדריקט די מיינונג, אַז אויב דער דאָזיקער סטרייק וואָלט געדויערט נאָך עטלעכע טעג, וואָלט ער זיך געקענט ענדיקן טראַגיש. אָבער אין יענער צייט האָבן נאָך די סאָוויעטישע מאַכט־האָבער זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו איגנאָרירן די עפנטלעכע מיינונג פון דער סאָציאַליסטישער וועלט און די צע־רודערונג, וואָס די געשיכטע האָט אַרויסגערופן ביי אַ ריי אויסלענדישע קאָנגרעס־דעלעגאַטן אין מאָסקווע; אויך די דעצידירטע האַלטונג פון דעם צווייטן בונדישן פאָרשטייער, ח' וואַסער, איז נישט געבליבן אָן אַ פּעולה. ח' וואַסער האָט כסדר אַלאַרמירט אַלע סאָוויעטישע גדולים מיט ראַדעקן בראש; ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צוריקפאָרן קיין פּוילן אָן אַלטערן. כדי אויסצומיידן אַן אינטערנאַציאָנאַלן סקאַנדאַל, מוז די סאָוויעטישע רעגירונג נאָכגעבן. אַלטער גייט אַרויס אויף דער פריי און קערט זיך אום קיין פּוילן.

אין די רייען פון פוילישן „בונד"

אַלטערס טאָג־טעגלעכע טעטיקייט קאָנצענטרירט זיך דער עיקר אויף די געביטן פון עקאָנאָמישן קאַמף און קאָנסטרוקטיווער הילף. פון דער ערשטער מינוט אָן ווערט ער אַקטיוו אין דער יידישער יוניאָן־באַוועגונג און אין דער אָנפירונג פון די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון. אויף ביידע געביטן רוקט ער זיך אַרויס אין פאָדערגרונט. די אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון האָבן זיך אונטער אַלטערס אָנפירונג פאַרוואַנדלט אין אַ צענטראַליזירטער אָרגאַניזאַציע מיט אַ ברייטער נעץ קאָאָפּעראַטיווע געוועלבער, קיכן, פּראָדוציר־אַנשטאַלטן — אַ בנין, וואָס אַפילו דער ביטערער קריזיס פון די דרייסיקער יאָרן האָט נישט באַוויזן איבּ־גאַנצן צו צעשטערן. ער האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער פאַראייניקונג פון דער יוניאָן־באַוועגונג אין פוילן אין איין צווישן־נאַציאָנאַלער פעדעראַציע, אין וועלכער די יידישע אַרבעטער זיינען געווען אָרגאַניזירט אויף אויטאָנאָמע יסודות אונטער דער אָנפירונג פונם „לאַנד־ראַט פון פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען."

ווי דער פאָרזיצער פון דעם לאַנד־ראַט פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין עקזיסטענץ האָט אַלטער געפירט די יידישע יוניאָן־באַוועגונג מיט אַ פעסטער האַנט דורך די אַלע געפאַרן, וואָס לויערן מצד דער ווירטשאַפטלעכער צערו־דערונג, פּאָליצייאישע רדיפות און קאָמוניסטישן טעראָר אין דער תקופה פון „סאָציאַל־פאַשיזם". ער האָט געהאָלפן פאָרמולירן די יוניאָן־סטראַטעגיע, וואָס האָט געזאָלט זיין קעמפעריש און גלייכצייטיק רעאַליסטיש, — אַ פּאָ־ליטיק, וואָס האַלט אין צוים די באַלעבאַטים, אָבער דערלאָזט נישט צו קיין כאַאָס אין די אינדוסטריעס, וואַרפט אָפּ אַלע פּרוּוון צו פאַרבייטן אָרגאַניזירטע מאַסן־אַקציע דורך דעם פיזישן טעראָר פון די „שטאַרקע". ער זאָרגט דער־פאַר, אַז די יידישע יוניאָן־באַוועגונג פון פוילן — וואָס האָט פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער מלחמה געציילט 100 טויזנט מיטגלידער, — זאָל פאַרשטיין די אַחריות און די נייע אויפגאַבעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט איר וואוקס, — איינשטעלן אַ פעסטע קאָאָפּעראַציע צווישן די אַרבעטער און „כאַלופּניקעס" אין קאַמפן קעגן די באַלעבאַטים, פאַנאַנדערבויען אַ ברייטע נעץ פון סאָציאַלער הילף, וואָס זאָל אַרומנעמען סיי די פאַראיינס־מיטגלידערשאַפט, סיי די נישט־אָרגאַניזירטע יידישע פאָלקס־מסע.

אין עקזעקוטיוו פון דער אַלגעמיינער „צענטראַל־קאָמיסיע פון פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען" (די הויפּט־אָנפירונג פון דער גאַנצער פרייער יוניאָן־באַ־וועגונג), וואו אַלטער האָט זינט 1922 פאַרטראָטן די יידישע יוניאָנס, האָט ער זיך דערוואָרבן אַ גרויסן פערזענלעכן אָנזען, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיין מיינונג האָט זיך אָפט נישט געדעקט מיט דער שטעלונג פון דער מערהייט. נישט איינמאָל האָט אים דער עקזעקוטיוו איבערגעגעבן צו אויסאַרבעטן וויכ־טיקע דאָקומענטן, וואָס זאָלן פאָרמולירן די שטעלונג פון דער גאַנצער אָרגאַ־ניזירטער אַרבעטערשאַפט פון פוילן צו וויכטיקסטע סאָציאַלע און ווירטשאַפט־

לעכע פראַגן, און צו פאַרטרעטן די דאָזיקע שטעלונג אויף די קאָנגרעסן פון דעם טרייד־יוניאָן־אינטערנאַציאָנאַל.

אַ צווייט וויכטיק פעלד פון אַלטערס אַרבעט איז געווען דער וואַרשעווער שטאָט־ראַט. זינט 1919 ביז צום מלחמה־אויסברוך איז ער געווען דער פאַר־שטייער פון „בונד“ אין אַלע דריי געוויילטע שטאָטראַטן, וואָס די הויפּט־שטאָט פון פּוילן האָט געהאַט אין משך פון די צוואַנציק יאָר אומאָפּהענגיקייט. ער איז געוואָרן באַקאַנט ווי איינער פון די בעסטע קענערס פון מוניציפּאַלער פּאָליטיק אין דעם גאַנצן סאָציאַליסטישן לאַגער פון פּוילן. דער הויכפּונקט פון זיין אַרבעט אויף דעם דאָזיקן געביט זיינען געווען די יאָרן 1927 — 1934, ווען ער איז געווען אַ מיטגליד פונם „מאַגיסטראַט“ — די אַדמיניסטראַציע פון דער שטאָטישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. די רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישע מער־הייט פונם מאַגיסטראַט אינאיינעם מיטן פאַרשטייער פון יידישן בירגערטום און מיט עטלעכע געוועזענע פּוילישע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען אַריבער אין פּילסודסקי־לאַגער, האָט געשאַפן אַן איינהייטלעכן פראָנט קעגן דעם בונדיסט. אַ לאַנגע צייט האָט מען אים בכלל נישט צוגעלאָזן צו קיין שום אַרבעט. און לסוף האָט מען אים צוגעטיילט אַ דריטראַנגיקן רעסאָרט — די פאַרוואַלטונג פונם שטאָטישן לאָמבאַרד. מען האָט איינגעפירט אַ מנהג צו דערליידיקן די וויכ־טיקסטע ענינים נישט אויף די פּלענאַרע זיצונגען, נאָר אויף פאַרטרויליכע באַראָטונגען, צו וועלכע מען האָט אַלטערן נישט גערופן. אָבער די דאָזיקע שטיק האָבן געהאַט אַ קנאַפּע פּעולה. נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען פון די רעאַקציאָנערע שטאָט־באַלעבאַטים, האָט אַלטער פונדעסטוועגן געגנוג געוואוסט וועגן זייערע מעשים־טובים, כדי אויפצושטורעמען די זיצונגען פון דעם מאַ־גיסטראַט און פונם שטאָט־ראַט מיט זיינע באַשולדיקונגס־רעדעס, אין וועלכע דער טעמפּעראַמענט פון אַנגריף איז אַלעמאָל געווען געפּאָרט מיט באַהאַוונטקייט און אייזערנער לאָגיק. ער האָט באַוויזן צו באַשאַפן אין דעם שטאָטישן לאָמ־באַרד (וואו ער איז געווען, ווי מ׳וואָלט געזאָגט אין ניו־יאָרק, דער „קאָ־מישאָנער“) די בעסטע מעגלעכע באַדינגונגען פאַר די, וואָס האָבן דאָרטן געטראָגן צו פאַרזעצן זייער ביסל האָב און גוטס. ער האָט אויסגענוצט זיין פּאָזיציע כדי צו שטיצן מיט דער גרעסטער ענערגיע דעם קאַמף פון דער בונדישער פראַקציע אין שטאָט־ראַט פאַרן רעכט פון יידישע אַרבעטער צו ווערן באַשעפטיקט אין שטאָטישע אונטערנעמונגען און פאַר סובסידיעס פאַר יידישע שולן און קולטור־אַנשטאַלטן. אָבער קיין זאַך האָט נישט אַלטערן פאַרשאַפט אַזאַ שם, ווי זיין גרייטקייט אָפּצוגעבן זיך מיט די פּערזענלעכע דאגות פון יעדן יידישן פאָלקס־מענטש, צי עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּשטעלן אַן עקסמיטיע, אַרויסשיקן אַ קינד אויף אַ זומער־קאָלאָניע, שאַפן שטיצע פון דער סאָציאַלער הילף — וועגן אַלץ איז מען געקומען צו אַלטערן, וויסנדיק, אַז ער וועט נישט מיד זיין

צו גיין אינטערוועניִרן, פּאָדערן, מאָנען, און אַז נישט אייננמאָל ווען עניִנים, וואָס זעען אויס צו זיין האָפענונגסלאָז, געריִרט ווערן פון טויטן פּונקט *).

די דאָזיקע אומדערמידלעכע טעטיקייט, וואָס האָט געשאַפן פאַרן „בונדישן לאַווניק" (מאַגיסטראַט־מיטגליד) אַלטער אַזוי פיל דאַנקבאַרקייט און ליבע ביי דער יידישער מאַסע, האָט געמוזט אַרויסרופן דרך ארץ אַפילו ביי די ערלעכע קעגנער: נישט אומזיסט האָט דער שפּעטערדיקער שטאָט־פּרעזידענט, סטעפאַן סטאַזשינסקי, וואָס איז ביי זיין גאַנצער רעאַקציאָנערישקייט געווען זייער אַ פעאיקער אַדמיניסטראַטאָר און אַ מענטש מיט גרויס פּאַרנעם, געפונען פאַר נויטיק צו דערקלערן, אַז דער איינציקער מענטש אין מאַגיסטראַט, וואָס האָט געאַרבעט ווי געהעריק, איז געווען דער בונדיסט וויקטאָר אַלטער.

עס וואָלט נישט געווען קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין דער גאַנצער בונדישער באַוועגונג איז נישט געווען קיין איין מענטש, וואָס איז געווען אַזוי באַלאָדן מיט אָט דער „קליינער אַרבעט", ווי וויקטאָר אַלטער. מער נישט — דאָס, וואָס וואָלט געווען מער ווי גענוג אויף אויסצופילן דאָס לעבן פון אַן אַרבעטער־טוער און צו זיכערן אים אַ בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע פון זיין באַוועגונג, איז ביי אַלטערן בלויז געווען אַ פראַגמענט פון זיין טעטיקייט. וויפיל צייט ער זאָל נישט האָבן אָפּגעגעבן דער זאָרג פאַר די קליינע טאָג־טעגלעכע נויטן פון די יידישע פאָלקס־מענטשן — איז פונדעסטוועגן זיין אמתע סטיכיע געווען דער דראַמאַטישער פּאָליטישער קאַמף, וואָס האָט אין משך פון די צוואַנציק יאָר אומאָפּהענגיקייט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער פּאָליטישער אַרענע פון פּוילן. עס איז נישט געווען קיין איין גרויסע פּאָליטישע אַקציע פון „בונד", אין וועלכער אַלטער זאָל זיך נישט האָבן באַטייליקט אויף די סאַמע פאָדערשטע פּאָזיציעס — וואָלן צום סיים, שטאָט־ראַטן אָדער קהילות, מאַסן־אַקציעס קעגן אַנטיסעמיטיזם, קאַמף־אַרויסטרעטונגען קעגן רעאַקציאָנערע אָנגריפן אויף די פּאָליטישע פרייהייטן און סאָציאַלע געזעצן, וואָס די אַרבעטער פון פּוילן האָבן באַוויזן צו דעראָבערן אין די ערשטע יאָרן פון דער אומאָפּהענגיקייט. עס איז

*) אין שייכות דערמיט איז כדאַי צו דערמאָנען איין עפּיזאָד, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פונם שרייבער פון די דאָזיקע שורות:

סוף יאָר 1928, איז וויקטאָר אַלטער פּלוצלונג געוואָרן קראַנק אויף אַפּענדיציט. דער אָנפאַל איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערער, און די דאָקטוירים האָבן געגעבן קנאַפּע האָפענונגען די ערשטע טעג נאָך דער אָפּעראַציע. אַלטערס פרייַנט און נאָענטסטע משפחה זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרצווייפלטע. אָבער דער אַלטער ישראל וואָלף גליקסמאַן, זיין שטיף־פאָטער, האָט נישט אָנגעוואוירן זיין געוויינלעכע רואיקייט אויף קיין איין רגע און האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן גוט. אויף דער פראַגע פון סאָפיא דובנאָוו-ערליך: „פון וואַנעט זענט איר אַזוי זיכער?", האָט ער געענטפערט: „לויט דעם יידישן דין קאָן מיט אַ מענטשן נישט געשען קיין שלעכטס דעם זעלביקן טאָג, ווען ער טוט אָפּ אַ מצווה. מיט עטלעכע שעה פאַר דעם אָנפאַל איז וויקטאָר געגאַנגען אין מאַגיסטראַט צו אינטערוועניִרן לטובת אַן אָרעמאַן און האָט אויסגעפירט. דער ענין איז אַ קלאָרער: וויקטאָר וועט געזונט ווערן."
און ער איז טאַקע געזונט געוואָרן...

נישט געווען קיין צווייטער פירער פון „בונד", וואָס זאָל דורך זיינע אַרויס־טרעטונגען האָבן זוכה געווען צו געווינען גרעסערע שנאה פון דער פוילישער רעאַקציע, ווי דאָס איז געווען אַלטער.

אַ באַזונדערן גרימצאָרן פלעגן אַרויסרופן זיינע אַרטיקלען אין די פוילישע אויסגאַבעס פון „בונד", וואָס אַלטער האָט געשאַפן, אָדער געהאָלפן שאַפן, כדי צו באַקענען די פוילישע עפנטלעכקייט מיט דעם שטאַנדפּונקט און מיטן קאַמף פון „בונד". אַ באַזונדערע שנאה האָט די הערשנדיקע פוילישע רעאַק־ציע אַרויסגעוויזן צו דער צייטונג „פּיסמאָ צאָדזיענניע" — אַ פּוילישע סאָציאַ־ליסטישע טאָג־צייטונג, אַרויסגעגעבן אונטער דער רעדאַקציע פון וויקטאָר אַלטער צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים פון „בונד" און פּ.פּ.ס. מען האָט די צײַ־טונג קאָנפיסקירט (צענזורירט און נישט געלאָזט פאַרשפּרייטן) כמעט יעדן טאָג, אָפט צוויי און דריי מאָל אַ טאָג. און ווען דאָס האָט איר נישט געבראַכן, האָט מען זי געצוואונגען (אין מערץ 1932) זיך צו פאַרמאַכן דורך פאַרחתמען די דרוקעריי, אין וועלכער די צייטונג האָט זיך געדרוקט. (דאָס איז געווען די דרוקעריי פון דער בונדישער „פאָלקסצייטונג", וועלכע איז דעמאָלט אויך געפאַלן אַ קרבן פון רעאַקציאָנערן ווילקיר און האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר וואָכן.)

נאָכן פאַרמאַכן די טאָג־צייטונג האָט אַלטער אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ פּוילישן וועכטלעכן זשורנאַל — „נאָווע פּיסמאָ". אָבער אויך דער זשורנאַל האָט נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום: נאָך קנאַפּע דריי יאָר כסדרדיקע רדיפות און קאָנפיסקאַציעס איז די צייטונג פאַרמאַכט געוואָרן, ווייל זי האָט זיך נישט אָנגעשלאָסן אינם „נאַציאָנאַלן טרויער" נאָכן טויט פון יוזעף פּילסודסקי, דעם דיקטאַטאָר פון פּוילן (געשטאָרבן אין מאַי, 1935) און האָט געוואָגט צו ברענגען אַ קריטישע אָפּשאַצונג פונם דיקטאַטאָר. עס האָט דעמאָלט נישט קיין סך געפעלט, די זאַך זאָל זיך ענדיקן פיל ערגער: פאַר אַזעלכע חטאים האָט מען אין יענע צייטן גאַנץ לייכט געקאָנט טרעפן אין טרויעריק־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער „קאַרטוז־בערעזע". אָבער אַלטער איז נישט נתפעל געוואָרן — און אונטער אַ געענדערטן נאָמען („מישל סאָציאַליסטיטשנא") האָט ער דעם זשורנאַל ווייטער אַרויסגעגעבן. שפּעטער האָט מען ווידער געמוזט בייטן די אויסגאַבע. דער צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד" האָט דאַן אָפיציעל איבערגע־נומען די אויסגאַבע פונם פּוילישן זשורנאַל — און אונטער אַ נייעם נאָמען („נאָווע זשיציע") איז די צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון וויקטאָר אַלטער, הענריק ערליך און עמנואל שערער אַרויסגעגעבן געוואָרן ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פּונקט ווי ער האָט זיך נישט איבערגענומען מיט אַנדערע אַטאַקעס און דראָאונגען פון דער רעאַקציע, אַזוי האָט אויך נישט געאַרט אַלטערן דער היסטע־רישער קוויטש, וואָס עס האָט אויפגעהויבן די פּוילישע רעאַקציאָנערע פּרעסע, נאָכדעם ווי אַלטער — צוזאַמען מיטן פּוילישן אַרבעטער־פירער אַנטאָני זדאַ־נאָווסקי — איז אין 1937 אַרומגעפאָרן איבער די פראָנטן פון דעם שפּאַנישן

בירגער־קריג ווי שליחים פון דער פּוילישער יוניאָן־באַוועגונג און איז בעת דעם דאָזיקן טור אַרויסגעטראָטן אויף איין טריבונע מיט דעם פאָרשטייער פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז אין פּוילן געווען אומלעגאַל. אויף אַלע זידלערייען און דראָאונגען האָט ער געענטפערט מיט אַ רואיקער פאַראַכטונג און מיט העלפן אָרגאַניזירן אַ ברייטע הילף־אַקציע פאַר די שפּאַנישע קינדער און געהיימע געווער־טראַנספּאָרטן פאַר די קעמפער פון דער רעפּובליק.

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט וויקטאָר אַלטער, צוזאַמען מיטן נישט־לאַנג פאַרשטאָרבענעם סעקרעטאַר פון טראַנספּאָרט־אַרבעטער אינטערנאַציאָנאַל, עדאָ פימען, און נאָך אַ דריטן אַרבעטער־טוער, אָרגאַניזירט אַ געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע. איר ציל איז געווען צו שיקן פרייהייט־ידיעות צום פאַרשקלאַפטן דייטשן פאָלק. די געהיימע ראַדיאָ־סטאַציע, וואָס אַלטער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן און אַלס אינזשיניער אַליין געהאָלפן בויען, איז געוואָרן איינגעאָרדנט אויף אַ שיף ביים פּוילישן ים־ברעג.

ביי די פּאָליטישע באַדינגונגען פון פּילסודסקי־רעזשים האָט בלויז אַ דינע ליניע אָפּגעטיילט דעם „לעגאַלן" אַרבעטער־טוער פון תפיסה אָדער קאָנצענטראַציע־לאַגער. אַלטער פלעגט מער ווי איין מאָל אַריבערטרעטן די דאָזיקע ליניע — און בלויז זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט אין לאַנד און אין אויסלאַנד האָט, בלי־ספק, געהאַמעוועט די הענט פון די שוואַרץ־מאה׳דיקע „אָרדנונגס־היטער."

אַלטערס נאָמען האָט געקלונגען איבער גאַנץ פּוילן. אַלע, וואָס זיינען געקומען אין באַרירונג מיט אים האָבן געמוזט — ווער מיט באַוואונדערונג, און ווער מיט ציין־קריצעניש — אָנערקענען זיין אימפּעטיקן שוואונג, זיין אינטעלעקטועלן גלאַנץ, זיין פאַראַכטונג צו געפאַרן. אָבער בלויז די, וועמען עס איז באַשערט געווען צו זיין מיט אַלטערן אין איין באַוועגונג, האָבן געקאָנט אָפּשאַצן אין פולער מאָס — וואָס ער איז געווען און וואָס ער האָט באַטייט פאַר דער זאַך, פאַר וועלכער ער האָט אַוועקגעגעבן זיין לעבן.

דער מענטש און דער דענקער

פאַרשידענע וועגן פירן קיין רוים — זאָגט אַ שפּריכוואָרט. מיט פאַרשידענע וועגן און צוליב פאַרשידענע טעמים קומט מען צום סאָציאַליזם. און שטאַרקער פאַר אַלץ קומען צום אויסדרוק די דאָזיקע אינדיווידועלע באַזונדערקייטן דווקא ביי יענע מענטשן, פאַר וועלכע דאָס באַהעפטן זיך מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג איז נישט קיין צופאַל, נאָר אַ רעזולטאַט פון טיפע אינערלעכע נויטווענדיקייטן.

אין דעם רעוואָלוציאָנערן אונטערערד פון אַמאָליקן רוסלאַנד און אויך אין פּוילן איז געווען פאַרשפּרייט דער טיפּ פון אַן אינטעליגענט פון די העכערע שיכטן, וואָס איז געקומען צום סאָציאַליזם, געטריבן דורכן שולד־געפיל לגבי די

אונטערדריקטע און געפּלאָגטע. זיין „גיין אין פאָלק" איז געווען אַן אַקט פון אויסקויפן די זינד, אַ דראַמאַטישער זשעסט פון אָפּטרייסלען זיך נישט בלויז פון די מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן, נאָר אויך פון זיין לעבנס־גליק און פון די ראַפינירטקייטן פון דער קולטור, וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט. מענטשן, וואָס זיינען געווען אַדורכגעדרונגען מיטן דאָזיקן גייסט, האָבן זיך טאַקע אָפּט דערהויבן צו די הויכקייטן פון גרעסטער קדושה און מאַרטירערײ. אָבער הינטער דער הייליקייט האָט מען נישט איינמאָל געקאָנט אַנטדעקן אינערלעכע צע־קלעמטקייט און פאַרביטערטקייט — אַ טייערער פּרייז, וואָס מ׳האָט געצאָלט פאַרן זיג איבער זיך אַליין.

וויקטאָר אַלטער איז געווען דער פולשטענדיקער היפוך פון דאָזיקן טיפּ. דער סאָציאַליזם איז פאַר אים נישט געווען קיין ענין צו ברענגען זיך פאַר אַ קרבן. זיין סאָציאַליזם האָט אַרויסגעקוואָלט פון ברויזנדער ענערגיע, פון פיזישער און גייסטיקער גבורה, פון אומאויסשעפּלעכער לעבנס־פרייד, אַדורכ־געלויכטן מיט דער מאָדערנער הומאַניסטישער קולטור. אַלטער האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט אַן אָרדנונג, וואו דער געיעג נאָך פּראָפיט און דער בי־טערער געראַנגל פאַר עקזיסטענץ ליידיקט־אויס, פאַרקריפּלט דעם מענטשן און לאָזט אים נישט לעבן פאַרביק, אינטענסיוו, שעפעריש. עס האָט פאַר אים נישט געקאָנט זיין קיין מער נאַטירלעכע זאַך און קיין גרעסערער גליק, ווי צו פאַרוואַנדלען זיין אייגן לעבן אין אַן אַרויספאָדערונג, געשליידערט אין פּנים דער היינטיקער וועלט, — אויפצורייסן דעם פאַנצער פון עגאָאיזם, אין וועלכן זי קלאַמערט־איין דעם יחיד, און צו פיבערן מיט יעדער עוולה, וואָס עס ווערט באַגאַנגען לגבי אַנדערע — אַלץ איינס, צי דאָס זאָל זיין דער יוסטיץ־מאָרד איבער סאַקאָ און וואַנזעטי אָדער אַ פאַרפלייצונג אין אַ קוילן־גרוב, באָמבאַר־דירונג פון שפּאַנישע שטעט אָדער אַן עקסמיסיע אויף ניזקע־גאַס. אומעטום, וואו עס האָט געפלאַקערט דער קאַמף, האָט עס אים געצויגן אַהין. ער פלעגט אויפשיינען מיט זיין פולן גלאַנץ בעת אַ הייסער אידעאישער דיסקוסיע, אויף אַ צעשטורעמטער מאַסן־פאַרזאַמלונג אָדער אינמיטן פון אַן אַקציע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן. פּערזענלעכע ריזיקע איז פאַר אים געווען נישט קיין אָפּהאַלט, נאָר גיכער אַן אַטראַקציע: דער יונגער גימנאַזיסט, וואָס פלעגט גיין אין זאַקסישן גאָרטן זיך שלאָגן מיט אַנטיסעמיטישע כוליגאַ־נעס, האָט געלעבט אין דעם פאַרטיי־פירער פון צוואַנציק יאָר שפּעטער, וואָס האָט געקענט דערציילן מיט לויכטנדיקע אויגן, ווי גוט האָט ער „דערלאַנגט" אַן ענדעקישן וואוילן יונג בעתן אָנפאַל אויף דער בונדישער מאַי־דעמאָנ־סטראַציע. פאַרשטעלן דעם חבר מיטן אייגענעם קערפּער קעגן אַ קויל, אָדער אַ קלאַפּ, איז געווען פאַר אים פונקט אַזוי נאַטירלעך, ווי פאַר אַ דורכשניטלעכן בשר ודם — זיך באַהאַלטן.*)

*) כדי צו אילוסטרירן דאָס געזאָגטע — איין ביישפּיל: אין מאַי, 1926, ווען פּילסודסקי האָט אַדורכגעפירט זיין „מאַרש אויף וואַרשע" און אויף די גאַסן פון דער

און די וואָס זיינען געווען מיט אים אויף די פּוילישע וועגן אין סעפּטעמבער 1939 וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ווי ער האָט בעת די שאַרפסטע דייטשישע באָמבאַרדירונגען געמונטערט די אַרומיקע מיט אַ פריינטלעכן וואָרט, אַ גוטמוטיקן וויץ, אייַנטענהנדיק מיט זיי, אַז אויפן סמך פון דער וואַרשיינלעכקייט־טעאָריע האָט יעדער איינער, אין תוך גענומען, גאָר אַ קליינעם שאַנס געטראָפן צו ווערן פון דער באָמבע...

אַ ראָמאַנטישער בונטאַר? געוויס. נישט אומזיסט טראָגט דער אַריינפיר־קאַפּיטל פון אַלטערס לעצטן בוך „דער מענטש אין דער געזעלשאַפט" דעם נאָמען — „אין די דרכים פון דאָן קיכאָט". דער ריטער, וואָס זוכט יושר און שענקייט אינמיטן פון אַ ציניש ער און פיינטלעכער וועלט און איז גרייט צו לייגן זיין קאָפּ דערפאַר, האָט אין זיינע אויגן סימבאָליזירט דאָס בעסטע, וואָס איז פאַראַן אין מענטשן — דאָס זוכן דעם אמת — אַלץ איינס, צי דאָס ווערט באַגלייט דורך דערפאָלגן אָדער מפּלות. אָבער ווי טייער אַלטערן איז נישט געווען דער דאָזיקער רעוואָלט, איז ער פונדעסטוועגן ביי אים קיינמאָל נישט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „קונסט לשם קונסט." זיין בענקשאַפט נאָך אַ ווירדיקן און שטאָלצן מענטשלעכן לעבן האָט ער געוואָלט פאַרוואַנדלען אין דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליסטישן זיג. צוזאַמען מיט זיינע אידעען־חברים האָט ער פאַרשטאַנען, אַז בעת דער וויכטיקסטער רעזולטאַט פון דעם פריערדיקן געשיכטלעכן פּעריאָד איז געווען די פאַראייניקונג פון די אַרבעטער אין אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער באַוועגונג, מוז מען איצט פאַרוואַנדלען די דאָזיקע באַוועגונג אין אַ כוח, וואָס וועט זיין אימשטאַנד אָנצופירן מיט דער געזעלשאַפט און איבערצובויען זי אויף נייע יסודות. פון אַ ווייטער צוקונפט־פּערספּעקטיוו איז דער סאָציאַליזם געוואָרן די צענטראַלע אויפגאַבע פונם היינטיקן דור. די דאָזיקע איבערצייגונג איז געווען דער יסוד פון זיין „לינקקייט". אָבער דערביי האָט ער שאַרפער ווי אַנדערע געפילט, אַז די טעאָריע און סטראַטעגיע פונם פאַרמלחמהדיקן סאָציאַליזם איז נישט צוגעפּאַסט צו דער געענדערטער סיטואַציע. און פאַר די פּרוואוון צו פאַרמאַכן אָט די „שער" האָט ער אָוועקגעגעבן די בעסטע כוחות פון זיין מאַטעמאַטיש־אינזשיניערישן אינטעלעקט, וואָס האָט געקאָנט נישט בלויז אַנאַליזירן, נאָר אויך פאַרענטפערן די פּראָבלעמען.

הויפּט־שטאָט זיינען פאָרגעקומען בלוטיקע שלאַכטן, זיינען אַלטער און ערליך איינמאָל צוזאַמען געגאַנגען צו אַ פּרעסע־קאָנפערענץ אין וואַרשעווער ראָטהויז. בעת זיי זיינען שוין געווען אויף סענאַטאָרסקע, האָט זיך פּלוצלונג אַ שאָט געטאָן אַ האָגל פון קוילן פון די קוילנוואַרפערס, וואָס זיינען געווען באַהאַלטן אויף די דעכער פון ביידע זייטן גאַס. אַריינצולויפן אין אַ הויז איז געווען נישט מיגלעך — אַלע טויערן זיינען געווען פאַרקלאַפּט. פּלוצלונג האָט אַלטער צוגעדריקט ערליכן צו דער מויער און אים פאַרשטעלט מיט זיך. אַלע פּרוואוון פון ערליכן זיך אַרויסצורייסן פון דער דאָזיקער אומקלאַמערונג זיינען געווען אומזיסט. אויף אַלע פּראָטעסטן האָט אַלטער געענטפערט: „איר זענט נויטיקער" — און האָט נישט אָפּגעלאָזן ביז די שיסעריי האָט זיך נישט פאַרענדיקט.

צו אַלטערס וויכטיקע אויפטוען אויף דעם דאָזיקן געביט האָבן בלי־ספק געהערט זיינע קאָנצעפּציעס פון דער „אַקטיווער ווירטשאַפטלעכער פּאָליטיק“. ער האָט קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די מיינונג, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאָליטיקער פון יענער צייט האָבן געהאַט אויסגעבאָרגט פון דער אָנגענומענער עקאָנאָמישער לערע — אַז די עמיסיע פונם פּאַפּיר־געלט טאָר נישט אַריבערטרעטן אַ באַשטימטע פּראָפּאָרץ צו דעם סכום גאָלד, וואָס געפינט זיך אין רשות פון דער געגעבענער מלוכה און אַז דער מלוכהשער בודזשעט טאָר נישט וויזן קיין עודף פון די אויסגאַבעס איבער די הכנסות. ער האָט געטענהט, אַז אַזוי לאַנג ווי עס זיינען פאַראַן נישט־באַשעפטיקטע מענטשן און נישט־אויסגענוצטע פּראָדוקציע־מיטלען, וועלן די פאַרגרעסערטע אויסגאַבעס פון דער מלוכה (אויך ווען זיי שטייגן אַריבער די הכנסות און ווען די מיטלען פאַר זיי ווערן געשאַפן דורך דרוקן מער פּאַפּיר־געלט) פירן נישט צו דעם כאַאָס פון אינפלאַציע, נאָר צו פאַרקלענערונג פון אַרבעטלאָזיקייט און וואוקס פון דער פּראָדוקציע. די קריזיסן פון איבערפּראָדוקציע זיינען נישט קיין „נאַטור־דערשיינונג“; די מלוכה איז אימשטאַנד זיי צו ברעכן, ווייל זי קאָן — להיפּוך צו פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן — סובסידירן די קאָנסומציע פון ברייטע מאַסן און דערמיט הויבן די קויפקראַפט. זי קאָן אויך דערגרייכן דעם זעלביקן ציל דורך אונטערנעמען אינוועסטיציעס, וואָס ברענגען נישט אַריין קיין ריוח, אָבער וואָס קאָנען (פּונקט ווי י ע ט ו ו י ד ע אינוועסטיציע) שאַפן אַרבעט פאַר אַ געוויסער צאָל אַרבעטלאָזע, און דערמיט זיי געבן אַ מעגלעכקייט פון קויפן סחורות, אין וועלכע זיי נויטיקן זיך. דער רעזולטאַט דערפון וועט זיין: וואוקס פון דער באַשעפטיקונג און פון דער פּראָדוקציע אויך אין אַנדערע צווייגן פון דער ווירטשאַפט. די סאָציאַליזאַציע (טיילווייזע אָדער פולשטענדיקע) קאָן שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר אָנווענדן אַזאַ פּאָליטיק, אָבער נישט פאַרבייטן איר — דאָס איז געווען דער תמצית פון די געדאַנקען, וואָס אַלטער האָט פאַרטיידיקט אין משך פון קנאַפּע צוואַנציק יאָר אין ביכער, רעדעס, אַרטיקלען. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ער האָט דער ערשטער געקעמפט אין די סאָציאַליסטישע רייען פאַר אידעען, וועלכע עס האָט אין דער זעלביקער צייט אַנטוויקלט דער גרויסער ענגלישער עקאָנאָמיסט דזשאָן מעינערד קעינס און וועלכע זיינען הייַנט־צו־טאָג אָנגענומען אין די סאָציאַליסטישע און פּראָגרעסיווע באַוועגונגען איבער דער גאַנצער וועלט.

נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש איז געווען אַלטערס ענטפער אויף אַן אַנדער פראַגע, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין די דיסקוסיעס צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דער אייראָפּעאישער סאָציאַליזם, וואָס זיינע פּאָליטישע איינפלוסן און אַחריותן זיינען אַזוי שטאַרק אויסגעוואַקסן נאָך 1918, האָט געמוזט מאַכן פּראַקטישע אויספירן פון דעם פאַקט, אַז אין איין וויכטיקן פּונקט האָט די אָרטאָדאָקסאַל־מאַרקסיסטישע נביאות זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש: די אַזוי גערופענע „מיטל־שיכטן“ — גרופּן וואָס פאַרנעמען אויף דעם סאָציאַלן לייטער דאָס אָרט צווישן דער בורזשואַזיע און דעם אַרבעטער־קלאַס — האָבן

אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנפערענץ. פון לינקס אויף רעכטס: לעאָן בלום, ווענסען אריאָל (איצט פרעזידענט פון פראַנקרייך), בראַק, ה. ערליך.

אַכטע קאָנפערענץ פון „בונד" אין פעטערבורג (8—17 דעצעמבער 1917). אין דער ערשטער ריי מיטגלידער פון צענטראַל-קאָמיטעט. דריטער פון לינקס — ה. ערליך.

אויף אַ גאַסן-דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע. פירער פון „בונד״ — אין ערשטער ריי: ה. ערליך, וו. אַלטער; צווייטע ריי: וו. קאָסאָווסקי, ש. מענדלסאָן, וו. שולמאַן; דריטע ריי: מ. אָזשעך, ס. דובנאָוו-ערליך; אין דער לעצטער ריי: ש. מ. זיגעלבוים.

זיך נישט פּראָלעטאַריזירט און זײַנען געבליבן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אינם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן לעבן. פאַר די „רעכטע" סאָציאַליסטן איז דאָס געווען נאָך איין אַרגומענט לטובת זייער פּאָליטיק. מען טאָר נישט — האָבן זיי געטענהט — אָפּשרעקן די קליינע מענטשן פון שטאָט און דאָרף דורך ראַדיקאַלע סאָציאַליסטישע פּאָדערונגען און דורך שאַרפע פּאָליטישע קאַמפּן; דער בעסטער אופן פון איינשטעלן אַ קאָאָפּעראַציע מיט זיי — דאָס זײַנען קאָאַליציע־רעגירונגען מיט די פּאַרטייען, וואָס פאַרטרעטן די דאָזיקע שיכטן. ביי די „לינקע" האָט אַזאַ איינשטעלונג אַרויסגערופן ווי אַ פאַרשטענדלעכע רעאַקציע די טענדענץ אונטערצושטרייכן די פּראָלעטאַרישע עקסקלוזיווקייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אונטערגעשטיצט דורך דער האָפענונג, אַז אין אַ רעוואָלוציאָנערער סיטואַציע וועט דער פּראָלעטאַריאַט זײַן אימשטאַנד „מיטצורייסן" די דאָזיקע עלעמענטן. אַלטער איז געווען צווישן די, וואָס האָבן אָפּגעוואָרפן ביידע שטאַנדפּונקטן. ער האָט אויפגעוויזן, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס די טראַדיציאָנעלע פּראָגנאָזן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש, פעלט עס נישט קיין פאַקטאָרן, וואָס שטויסן צו קאָנפליקטן צווישן די מיטל־שיכטן און דעם קאַפּיטאַליזם: דריקנדיקע אָפּהענגיקייט פון די בענק און גרויס־האַנדל, אויסנוצערישע פּרייז־פּאָליטיק פון קאַרטעלן און טרעסטן, אומזיכערקייט פון חיונה, אין אַ ווירטשאַפט, וואָס פּראָדוצירט פּעריאָדישע קריזיסן. אָבער די געמיינזאַמקייט פון די אינטערעסן צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און די מיטל־שיכטן דרינגט נישט אַרויס בלויז פון דער דאָזיקער קעגנערשאַפט צום גרויס־קאַפּיטאַל. זי קאָן באַקומען איר פעסטן יסוד אויך „אויף צומאָרגנס נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע", אויב די סאָציאַליסטן וועלן זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון דער פּאָזיטיווער ראָל, וואָס די יחידישע איניציאַטיוו, באַזירט אויפן פּריוואַטן אייגנטום, קאָן שפּילן אין יענע ספערן פון דער ווירטשאַפט, איבער וועלכע די פּראָדוקציע פון גרויסן מאָסשטאַב האָט נישט געוואונען קיין אויבערהאַנט. די סאָציאַליסטן מוזן פאַרשטיין, אַז די עקזיסטענץ פון מאַרק, אָן וועלכן די דאָזיקע קליינע ווירטשאַפטלעכע איינסן קאָנען נישט אַרבעטן, קאָן שטאַרק צוניצקומען אויך די גרויסע נאַציאָנאַליזירטע אונטערנעמונגען, דורך אָפּהיטן זיי פון ביוראָקראַטישער פאַרגליווערטקייט, דורך סטימולירן די פאַרקלענערונג פון זייערע פּראָדוקציע־קאָסטן און אויפצווינגען אַ בעסערע צופּאַסונג צו די באַדערפענישן פונם קאָנסומענט. אַ פּאָליטיק, באַזירט אויף אַזעלכע הנחות, האָט געקאָנט, אין זײַן איבערצייגונג, באַשאַפן אַ יסוד פאַר אַן „ערלעכן קאָמפּראָמיס" צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און די מיטל־שיכטן — אַ פאַרשטענדיקונג, וואָס איז געבויט נישט אויפן אָפּזאָגן זיך פון די סאָציאַליסטישע אויפגאַבן, נאָר, פאַרקערט, אויף אַרויסרוקן אין פאָדערגרונט דווקא יענע פּאָדערונגען, וואָס צילן אין סאַמע תוך פון דעם הײַנטיקן עקאָנאָמישן סיסטעם און וואָס דאַרפן בילדן די אַקס פון דער „געמישטער ווירטשאַפט" פון מאָרגן.

אָריגינאַליטעט פון געדאַנק, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן ביים אַנטוויקלען זײַנע קאָנצעפּציעס וועגן אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט־

פּאָליטיק, האָט אויך אַ בליץ געטאָן אין זיין עקאָנאָמישער באַגרינדונג פונם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. אין דער אַרבעט „דער ווירטשאַפטלעכער אַנטי־סעמיטיזם אין ליכט פון ציפערן", וואָס איז אַרויס אין דער פּוילישער און יידישער שפּראַך (אין דער פּוילישער שפּראַך פאַרשפּרייט געוואָרן דורכן „בונד" אין 20 טויזנט עקזעמפּליאַרן) האָט ער מיט ציפערן אין האַנט ווירט־שאַפטלעך און מאַטעמאַטיש באַוויזן אַז אַנטיסעמיטיזם איז נישט בלויז אַ פּאָ־ליטישער און מענטשלעכער פאַרברעכן, נאָר אויך אַ ווירטשאַפטלעכער אומזין. קיינער אין פּוילן האָט נישט באַוויזן אויף אַ מער קלאָרן און מער איינדרוקס־פולן אופן צו צעשלאָגן די הויפּט־טענות פון די אַנטיסעמיטן, ווי דאָס האָט גע־טאָן אַלטער אין אָט דער אויסגאַבע.

אַלטער האָט נישט פאָרמולירט זיינע אידעען ווי אַ מין נייע תורה פון באַרג סיני. קיין שום זאַך איז נישט אים געווען אַזוי פרעמד, ווי ווערלן צוטראַכטן רפואות, וואָס זאָלן גאַראַנטירן קעגן אַלע מעגלעכע חולאתן. ער האָט כסדר געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערמאָנען, וואָס פאַרא גוואַלטיקע ראָל עס שפּילן אין דער פּאָליטיק אַזעלכע זאַכן ווי בויגעוודיקייט, שעפערישע אימפּראָוויזאַציע, פעאיקייט איינצושטעלן זיך פאַרן אייגענעם אמת. זיין אייגענע „אפּיקורסות" איז נישט געקומען אין רעזולטאַט פון אַ פּלוצימדיקער אַנטפּלעקונג. ער האָט זיך יאָרנלאַנג געראַנגלט פאַר זיי נישט בלויז מיט זיינע קעגנער, נאָר אויך מיט זיך אַליין — געשלייפט די געדאַנקען, פּרעציזירט די פאָרמולירונגען, קאָנטראָלירט די גרונט־הנחות און די אויספירן אין ליכט פון די דערפאַרונגען. ער האָט ביי דער דאָזיקער אַרבעט געהאַט מינוטן פון גרעסטער דערהויבונג, וואָס עס גיט פּיאָנערישע גייסטיקע טאַט. אָבער מיט די דאָזיקע פריידיקע גע־פילן האָט זיך צונויפגעמישט דאָס געפיל פון טיפן אומרו — צי וועט די סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג נישט אַדורכלאָזן דעם שאַנס, וואָס עס גיט איר די גע־שיכטע? צי וועט זי, צוליב איר הילפלאָזיקייט און גייסטיקן קאָנסערוואַטיזם, נישט דערלויבן אירע שונאים צו פאַרלויפן איר דעם וועג און אויסנוצן פאַר זייערע פינצטערע צילן יענע ענערגיע און יענע מיטלען, וואָס די סאָציאַליסטן האָבן נישט געוואַגט אויסצונוצן לטובת דער זאַך פון מענטשלעכער באַפרייאונג? דער זיג פונם דייטשישן פאַשיזם און זיינע ווירטשאַפטלעך־פּאָליטישע דער־פאָלגן זיינען אין אַלטערס אויגן געווען די דראָענדיקע וואָרנונג, און אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געזען, ווי אַן אַנדער געפאַר פון אַן ענלעכן מין אַנטשטייט מצד יענעם פאַקטאָר, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט באַטראַכט פאַר אַ טייל פון זיין אייגענעם לאַגער.

די צערונענע האָפענונג

ווען אַלטער איז אָנהייב 1919 געקומען קיין פּוילן, האָט ער געפונען זיין פּאַרטיי אין אַ צושטאַנד פון ביטערן אינערלעכן שטרייט. דאָס באָלשעוויסטישע רוסלאַנד, וואָס איז דעמאָלט געשטאַנען אין קאַמף קעגן דער אינערלעכער קאָנטר־

רעוואָלוציע און די פּראָוואָן פון אויסלענדישער אינטערווענץ, האָט געצויגן צו זיך די באַגייסטערונג אויך פון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן. די דאָזיקע שטימונגען האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דער פּאָליטישער איינשטעלונג פון „בונד"; אין 1920 האָט דער קראָקאָווער צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי באַשלאָסן אָנצוהויבן אונטערהאַנדלונגען וועגן אַנשלוס צום קאָמינטערן.

אַלטער האָט זיך פון דער ערשטער מינוט געשטעלט אין די רייען פון די קעגנער פונם אַנשלוס. ער איז פאַרבליבן פונקט אַזאַ אויסגעשפּראָכענער אידייאישער קעגנער פונם „רעכטן" סאָציאַליזם, ווי ער איז געווען אין די מלחמה־יאָרן. אָבער ער האָט געהאַט די טיפע איבערצייגונג, אַז די אויפגאַבן פונם רעוואָלוציאָנערן איבערבוי קאָנען נישט פאַרענטפערט ווערן דורך אָפּצוימען זיך, אָרגאַניזאַציאָנעל, פון דער מערהייט פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קלאַס און דורך פּרוּוואָן אַדורכצופירן דעם ווילן פון דער ראַדיקאַלער מינדערהייט מיט דער הילף פון באַוואָפנטע פוטשן אָדער באַגנעטן פון דער רויטער אַרמיי. דער קאָמינטערן — אומאָפּהענגיק פון דער אָדער יענער פּאָליטיק אין דעם געגעבענעם מאָמענט — איז געווען אין זיינע אויגן אַ פּרוּוו צו סטאַביליזירן און פאַראייביקן די שפּאַלטונג אין די אַרבעטער־רייען.

דערפאַר האָט ער דעם לאָזונג פון אַנשלוס צום קאָמינטערן אַנטקעגנגעשטעלט די אידייע פון דער אייניקייט פונם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. די קאָנקרעטע פאָרמען, אין וועלכע ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די דאָזיקע אייניקייט, האָבן זיך געביטן אין משך פון יאָרן. אין 1919 האָט ער געטראַכט וועגן שאַפן אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונג צווישן די אַרבעטער־ראַטן, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט, אַחוץ רוסלאַנד, אויך אין פּוילן, דייטשלאַנד און עסטרייך און האָבן פאַרטראָטן אַלע פּראָלעטאַרישע ריכטונגען אין די דאָזיקע לענדער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער געלייגט האָפנונגען אויף דער טעטיקייט פון דער א"ג „ווינער אַרבייטסגעמיינשאַפט" — אַן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונג פון לינק־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו ווערן אַ בריק צווישן סאָוועטן־רוסלאַנד און דער מערב־אייראָפּעאישער אַרבעטער־באַוועגונג. ווען דער פּוילישער „בונד" האָט זיך אויף זיין דריטן צוזאַמענפאָר ענדגילטיק אָפּגעטרייסלט פון דער אַמאָליקער קאָמינטערנישער אָריענטאַציע, האָט אַלטער — צוזאַמען מיט דער נייער מערהייט פון דער פּאַרטיי — פאַרטיידיקט דעם אַנשלוס צו דער א"ג „אינפאָרמאַציע־ביוראָ פון רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען", וואָס האָט געוואָלט באַנייען די פּרוּוואָן פון די „ווינער". מיט קנאַפּע דריי יאָר שפּעטער איז ער געווען דער ערשטער אין „בונד", וואָס איז אַרויס מיטן פאָרשלאָג וועגן אַנשלוס פון דער פּאַרטיי צום סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, אין וועלכן עס איז זינט 1923 געווען פּאַקטיש פאַראייניקט די ווייט גרויסע מערהייט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דער וועלט:

„דער ‚בונד', — האָט ער געשריבן אין זיין ‚אויסבעסערונג' צו די טעזן פון דער מערהייט פון ‚בונד', — קאָן זיך נישט שטעלן אויף דעם

שטאַנדפּונקט פון וואַרטן ביז וואַנען די מערהייט פון דער וועלט וועט אָננעמען די שטעלונג פון ‚בונד׳. דער ‚בונד׳ מוז שוין איצט בויען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע בריק צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט, אַזוי ווי זי איז, און דעם איבעריקן אַרבעטער־קלאַס, אַזוי ווי ער איז. דורך דעם וועט פאַרלייכטערט ווערן די קעגנזייטיקע פאַר־שטענדעניש און צוגעגרייט ווערן דער באָדן פאַר אַן אידייאישער אייג־הייטלעכקייט. די דאָזיקע דערנענטערונג איז נויטיק פאַרן טאָג־טעגלעכן קאַמף פון יידישן אַרבעטער־קלאַס. זי איז אָבער פיל נויטיקער אין פאַל פון די וואַרשיינלעכע רעוואָלוציאָנערע געשעענישן.״

אויף דעם פערטן צוזאַמענפאָר פון „בונד״ אין יאַנואַר 1929 איז אַלטערס פאָרשלאַג נישט אָנגענומען געוואָרן. די פירער פון דער פאַרטיי־מערהייט, זייענדיק אין תוך מסכים מיט אַלטערן, האָבן געהאַלטן, אַז די פאַרטיי איז נאָך אינערלעך נישט צוגעגרייט צו אַזאַ ראַדיקאַלן קער. אָבער דאָס אייז איז געבראָכן געוואָרן — און אין אנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער האָט דער אויסערגעוויינלעכער צוזאַמענפאָר פון „בונד״ באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל. עס איז אָבער נישט פאַר אַלטערן, נישט פאַר זיינע פריינט געווען קיין צייט צו פרייען זיך מיט דעם דאָזיקן זיג. דער נייער עטאַפּ אין דער בונדישער פּאָליטיק איז זיך צונויפגעפאַלן מיטן גורלדיקן איבערברוך אין דער פּאָליטישער אַנטוויקלונג פון דער וועלט; די דייטשישע וואַלן פון סעפּטעמ־בער 1930 האָבן געבראַכט דעם ערשטן גרויסן נצחון פאַר היטלערן. דער זיג־רייכער פאַרמאַרש פון דעם ברוינעם פאַשיזם האָט זיך אָנגעהויבן.

אין די יאָרן, וואָס זיינען געקומען נאָכדעם, זיינען קלאָר געוואָרן די כוונות פון „לינקן קורס״, וואָס עס האָט פּראָקלאַמירט דער זעקסטער קאָנגרעס פון קאָמינטערן. די דייטשישע קאָמוניסטן האָבן געוואָרפן דעם לאָזונג: „די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטיע איז דער שונא נומער איינס״ — און נישט געוואָקלט זיך צו גיין אין אַ ריי פאַלן „אַ שטיקל וועג״ צוזאַמען מיט היטלעריסטן. זייערע פּוילישע חברים האָבן געהאַלטן אין איין אָפּחוזקן פונם קאַמף צווישן דער דעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע און דער פּילסודסקי־דיקטאַטור — ווי פון אַ „מחלוקה אין דער פאַשיסטישער משפּחה״. בעת די פּאָליטישע און יוניאָן־אָרגאַניזאַציעס פון דער אַרבעטערשאַפט האָבן זיך געפונען אונטערן ביטערסטן אָנגריף פון דעם האַלב־פאַשיסטישן רעזשים און זיינע אַגענטורן, האָבן די קאָמוניסטן גע־טאָן אַלץ, כדי זיי אַרונטערצורייסן און צו צעברעכן דורך ווילדע שטרייקן, און שמוציקע רכילות־קאַמפּאַניעס, וואָס זיינען אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס דערגענצט געוואָרן דורך פיזישן טעראָר לגבי די קעגנער. און אין דער־זעלביקער צייט האָט סאָוועט־רוסלאַנד נישט בלויז דערמוטיקט אירע דייטשישע חסידים צו קאָנקורירן מיט די היטלעריסטן אין „קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער באַ־פרייאונג פונם דייטשישן פאָלק״, נאָר אויך זיך נישט געוואָקלט צו דעמאָנ־סטרירן גוט־פריינטשאַפט מיטן פאַשיסטישן איטאַליע.

אין דעם קאַמף, וואָס דער „בונד״ האָט געפירט קעגן דער דאָזיקער פּאָלי־טיק, האָט אַלטער גענומען דעם אַקטיווסטן אַנטייל. ער האָט פאַרויסגעזאָגט,

אַז די העצע קעגן דעם כלומרשטן „סאָציאַל־פאַשיזם" וועט, אין דער אונטער־שטער שורה, אָפּרייניקן דעם וועג פאַרן אמתן פאַשיזם, ער האָט גערופן אַנט־קעגנצושטעלן זיך מיט אַלע כוחות דער אַנאַרכיע און דעם באַנדיטיזם, וואָס די אַוואַנטוריסטישע „רעוואָלוציאָנערע גימנאַסטיק" און די מערדערישע אָנפאַלן אויף אידייאישע קעגנער האָט אַריינגעבראַכט אין דער אַרבעטער־סביבה. און קיינער האָט נישט געגעבן אַ מער צעשמעטערנדיקע אָפּשאַצונג פון די מאַנעוורען פון דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק, וואָס זעען־אויס — אין פּערספּעקטיוו פון יאָרן — ווי אַ באַשיידענע רעפּעטיציע צו דעם שפּעטערדיקן סטאַלין־היט־לער־פּאַקט:

„אַוודאי מוז ראַטן־פאַרבאַנד אויסנוצן די קעגנזאַצן צווישן די אימ־פּעריאַליסטישע לענדער... אָבער די גאַנצע פראַגע באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי אויסצונוצן די דאָזיקע קעגנזאַצן?

„מיר קאָנען פון דער געשיכטע פון סאָציאַליזם איין איינציקן פאַל, ווען סאָציאַליסטן האָבן געוואָלט אויסשפּילן די ווידערשפּרוכן צווישן די בירגערלעכע עלעמענטן דורך אַן אָפּמאַך מיט זייער רעאַקציאָנערן טייל. מיר מיינען דאָ ל אַ ס אַ ל ס פּרוּוו צו פאַרשטענדיקן זיך מיט ב י ס מ אַ ר ק ן. ס'האָט זיך אָבער נישט געפונען שפּעטער קיין איין פאַראַנטוואָרטלעכער סאָציאַליסט, וואָס זאָל נישט האָבן פאַראורטיילט דעם דאָזיקן שריט.

אויב דער ראַטן־פאַרבאַנד האַלט פאַר מעגלעך צו גיין איצטער „אַ שטיקל וועג צוזאַמען" מיט די פאַשיסטישע מלוכות, באַגייט ער אַ שווערן פּאָליטישן פעלער. צי פאַרשטייען דען נישט די קאָמוניסטן, אַז מיט דער דאָזיקער טאַקטיק מאַכן זיי חוזק פון זייער אייגענעם לאָזונג, אַז אַלע כוחות דאַרפן געוואָרפן ווערן אין קאַמף קעגן פאַשיזם?"

(„פּאָלקסצייטונג", 2-טער יאַנואַר, 1931.)

די לעצטע פראַגע איז נישט געווען קיין רעטאָרישע. אַלטער האָט זיין קאַמף קעגן דער קאָמוניסטישער פּאָליטיק געפירט אין טיפער איבערצייגונג, אַז ער קעמפט נישט אַזוי קעגן די קאָמוניסטן, ווי פאַר זייערע נשמות. ער האָט געגלויבט אין דעם זיג פון דער אייניקייט־אידייע. עס איז פאַר אים געווען שיר נישט אַן אַקסיאָמע, אַז די לאָגיק פון לעבן אָדער — ריכטיקער — פון ביטערע מפּלות, וואָס די אַרבעטער־באַוועגונג וועט ליידן צוליב דער שולד פון אירע ביידע עקסטרעמע פליגלען, וועט זי צווינגען צו פאַראייניקן די כוחות. און עס זיינען טאַקע גאָר אין גיכן געקומען צייטן, ווען עס האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די דאָזיקע דערוואַרטונגען ווערן מקוים. די ערד־ציטערניש, וואָס היטלערס זיג האָט אַרויסגערופן אין די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, האָט גורם געווען אַן ענדערונג אין דער אויסערן־פּאָליטיק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. די פאַרשטענדיקונג מיט די דעמאָקראַטישע מלוכות פון מערב איז געוואָרן דרינגנדיק נויטיק כדי צו צעשטערן די פּרוּוון פון אַנטי־סאָוועטישער קאָנצענ־טראַציע. גלייכצייטיק האָט זיך געביטן אויך די באַציאונג צו די סאָציאַליס־

טישע פּאַרטייען; עס איז געוואָרן אַן ענין פון ערשטראַנגיקער באַדייטונג — אויסצונוצן די אַנזעעוודיקע פּאָליטישע איינפלוסן, וואָס די דאָזיקע „צווילינג־ברידער פון פאַשיזם" האָבן פאַרמאָגט, כדי משפיע צו זיין די פּאָליטיק פון זייערע לענדער לטובת דער פאַרשטענדיקונג מיט די סאָוועטן.

קיינער פון די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער פון פּוילישן „בונד" האָט נישט געהאַט קיין ספקות וועגן די אמתע סיבות פון דער דאָזיקער נייער קאָמוניסטישער פּאָליטיק לגבי די סאָציאַליסטן. אַלטער איז געווען נישט ווייניקער פריי פון אילוזיעס אין דעם פּרט, ווי אַנדערע. אָבער דאָס האָט אים נישט געשטערט צו זיין איינער פון די גרעסטע אָפּטימיסטן אין דער פּאַרטיי בנוגע די פּערספּעקטיוון פון דער אַרבעטער־אייניקייט. ער איז געווען פעסט איבערצייגט, אַז וואָס עס זאָלן נישט זיין די כוונות פון די קאָמוניסטישע פירער — די אינעווייניקסטע לאָגיק פון דער צוזאַמענאַרבעט צווישן אַרבעטער פון פאַרשיידענע ריכטונגען אין קאַמף קעגן געמיינזאַמען שונא וועט שטופנווייז אָפּטויטן דעם סם פון ברודער־האַס, אויסוואָרצלען די מעטאָדן פון פיזישן און גייסטיקן טעראָר לגבי אַנדערשדענקנדיקע און וועט סוף־כּל־סוף דערפירן צו אַ געאייניקטער באַוועגונג, וואָס וועט אויף איר וועג צעשמעטערן אַלע פּרוואוון צוריק אויפצולעבן דעם אַלטן גייסט פון שפּאַלטונג. ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט אין סעפּטעמבער 1934 געשלאָסן אַן אָפּמאַך וועגן אייניטלעכן פראָנט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן, האָבן אַ ריי טוער געהאַלטן, אַז די שאַנסן פון לאַיאַלער צוזאַמענאַרבעט מצד די קאָמוניסטן זיינען ווייט נישט גענוג, כדי צו באַרעכטיקן אַ שריט, וואָס וועט שטעלן אין דער גרעסטער סכנה די לעגאַלע עקזיסטענץ פון דער בונדישער באַוועגונג. אַלטער האָט מיט דער גרעסטער ליידנשאַפט פאַרטיידיקט דעם באַשלוס פונם צענטראַל־קאָמיטעט. נישט געקוקט דערויף, וואָס די קאָמוניסטן האָבן נאָך עטלעכע טעג זיך צוריקגעצויגן פונם אָפּמאַך, האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון דער האָפענונג, אַז די פאַרשטענדיקונג איז בלויז אַ פראַגע פון צייט. ער האָט מיט עקשנות און באַגייסטערונג געאַרבעט ביים פאַרווירקלעכן די אייניקייט פון דער יוניאָן־באַוועגונג, וואָס איז געוואָרן מעגלעך אַדאַנק דעם געענדערטן קאָמוניסטישן קורס. די דערפאָלגן אויף דעם דאָזיקן געביט און — נאָכמער — דער פאַרויסמאַרש פון דער פּאָליטיק פונם איינהייטלעכן פראָנט אין מערב־אייראָפּע, האָט געשטאַרקט זיין גלויבן.

געוויס: אויך אין די דאָזיקע יאָרן האָט זיך אַלטערס אָפּטימיזם אויף קיין איין מינוט נישט פאַרוואַנדלט אין קריטיקלאָזער התפּעלות. ער איז געווען הימל־ווייט פון יענע עלעמענטן אין סאָציאַליסטישן לאַגער, פאַר וועלכע דער איינהייטלעכער פראָנט באַשטייט אין אונטערשטעלן דעם פּאַרטנער די לינקע באַק נאָכן באַקומען אַ פּאַטש אין דער רעכטער. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט פאַקטן פון אומלאָיאַלקייט און „מאַנעווורירן" אויף דעם געביט פון די פאַראייניקטע יוניאָנס, האָט ער זיך נישט געוואַקלט צו רופן די שולדיקע צו אָרדענונג מיט דער גאַנצער האַרבקייט. און פּונקט אַזוי ווייניק האָט

ער געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַהאַלטן זיין נעגאַטיווע באַציאונג צו דער קאָמוניסטישער „פאָלקס־פראָנט“־אידייע, וואָס איז דעמאָלט אויפגעקומען. דער געדאַנק, אַז כדי צו באַזיגן דעם פאַשיזם מוז מען אַראָפּנעמען די אַנטי־קאַפּיטאַליסטישע לאָזונגען, איז פאַר אים געווען פונקט אַזוי נישט אָננעמבאַר, ווען ער האָט אויף זיך געטראָגן די קאָמינטערנישע חתימה, ווי ווען ער איז געקומען פונם מויל פון אַ דייטשישן סאָציאַל־דעמאָקראַט אין די לעצטע יאָרן פון דער ווייִמאַרער רעפּובליק. אָבער קעמפנדיק קעגן דעם לאָזונג פון פאָלקס־פראָנט, האָט ער אַלעמאָל געהאַט דעם געפיל פון סאָלידאַריטעט מיט די מאַסן־באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אונטער די דאָזיקע לאָזונגען. זיין באַציאונג צו דעם „בלום־עקספּערימענט“ אין פראַנקרייך און זיין אומדערמידלעכע אַקטיווקייט לטובת דער שפּאַנישער רעפּובליק זיינען געווען פּראַקטישע ביישפּילן פון דער דאָזיקער איינשטעלונג. ער האָט זיך געקאָנט פרייען מיט די נצחונות און ווייטיקן איבער די מפּלות פון די פאָלקספראָנט־כוחות, אַזוי ווי מיט זיינע אייגענע און ער האָט דערביי געהאַט די פעסטע איבערצייגונג, אַז דווקא די אייניקייט שאַפט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג די בעסטע באַדינגונגען אויף צו וואַקסן דורך אירע דערפאָלגן, און צו לערנען זיך דורך אירע פעלערן. קיין איינער פון די פירער פונם פוילישן „בונד“ האָט נישט געהאַט צו יענער צייט קיין מער ענטוזיאַסטישן גלויבן אין די שעפערישע כוחות פון דער אייניקייט, ווי וויקטאָר אַלטער. און קיינער האָט נישט איבערגעלעבט טיפער די טראַגישע ווענדונג, וואָס איז געקומען אין די שפּעטערדיקע יאָרן.

בעת אַלטער האָט אַנאַליזירט די פּערספּעקטיוון פון דער אייניקייט־באַוועגונג, האָט ער קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט פונעם אויג די אינערלעכע אַנטוויקלונגען אין רוסלאַנד. זיין באַציאונג צו די דאָזיקע אַנטוויקלונגען איז אַלעמאָל געווען באַפאַרבט דורך יענע אייגנטימלעכקייטן, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט זיין צוגאַנג צו די עיקר־פראַגן פון דער סאָציאַליסטישער פּאָליטיק. מיט זיינע השגות וועגן דער „געמישטערווירטשאַפט“ האָט ער געקאָנט אַנדערש אָפּשאַצן די אויפבוי־מעגלעכקייטן פון דער רוסישער ווירטשאַפט אויף נישט־קאַפּיטאַליסטישע יסודות, ווי יענע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך ווייטער געהאַלטן ביי דעם טראַדיציאָנעלן שטאַנדפּונקט, אַז אַ לאַנד מוז דערגרייכן אַ הויכן שטאַפּל פון אינדוסטריאַליזאַציע, כדי צו ווערן „רייף“ פאַרן סאָציאַליזם.*)

*) דאָס איז דרך אַגב געווען די סיבה, פאַרוואָס אַלטערס אָפּשאַצונג פון די סאָוועטישע אויפטועון אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט איז געווען אַנדערש, ווי ביי דעם רוב אייראָפּעאישע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט די דאָזיקע פראַגן. ער האָט געזען אַז די אַ. ג. „נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק“ פון די יאָרן 1921—1928 נישט קיין אָנהייב פונם צוריקקער צום קאַפּיטאַליזם, נאָר אַ פּאָליטיק פון אַן „איבערגאַנג־פּעריאָד“, וואָס איז אין תוך אַ ריכטיקע, סיי צוליב ריין עקאָנאָמישע טעמים, סיי פונם שטאַנדפּונקט פון איינשטעלן נאָרמאַלע באַציאונגען צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט און די „מיטלשיכטן“ פון דאָרף און שטאָט. און דערפאַר איז ער טאַקע געווען קריטישער, ווי אַ סך אַנדערע, לגבי דער שפּעטערדיקער פּאָליטיק זייערער מיט דער קאָפּשווינדלנדיקער אינדוסטריאַליזאַציע פאַרן פּרייז פון ביטערער נויט און מיט דער צוואַנג־קאָלעקטיוויזאַציע פון די פּויערים.

זיינע הויפּט־טענות זיינען פון סאַמע אָנהייב אָן געווען אויף אַן אַנדער געביט. צוזאַמען מיט אַנדערע לינקע סאָציאַליסטן פון יענער צייט, האָט ער צוגעלאָזט דעם געדאַנק, אַז עס קאָנען געמאָלט זיין סיטואַציעס, בעת וועלכע די רעוואָלוציאָנערע מאַכט מוז דראַסטיש באַגרענעצן די דעמאָקראַטישע פרייהייטן, כדי צו ברעכן די פּרואוון פון דעם קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן ווידערשטאַנד. אָבער פון צולאָזן די דאָזיקע מעגלעכקייט איז געווען גאָר אַ ווייטער מהלך ביז אַקצעפּטירן דאָס אָפּשאַפן יעטווידע פרייהייט פון די אַנדערש דענקנדיקע, וואָס האָט אַלע מאָל אויסגעטיילט דעם רוסישן באָלשעוויזם פון אַלע — אויך די „לינקסטע" — ריכטונגען אין פּראָלעטאַרישן לאַגער, און וואָס האָט מיטן גייסט פון ברוטאַלקייט און שקר פאַרסמט סיי דאָס סאָוועטישע לעבן סיי די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמוניסטישע באַוועגונג.

אַלטער האָט קיינמאָל נישט געהערט צו יענע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן ביי זיך געפּועלט שלום צו מאַכן מיטן אַנטי־פרייהייטלעכן כאַראַקטער פון רוסישן באָלשעוויזם — נישט אין די צייטן פון ביטערסטן קאָמוניסטישן אָנגריף און נישט אין דער בלי־צייט פונעם אייניהייטלעכן פראָנט. פּונקט ווי אַנדערע פירער פון „בונד" האָט ער דעמאָלט געהאַלטן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען טאָרן נישט מאַכן זייער צוזאַמענאַרבעט מיט די קאָמוניסטן אָפּהענגיק פון די פּאָליטישע ענדערונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָבער עס איז ביי אים נישט געווען דער מינדסטער ספק, אַז די אייניקייט־פּאָליטיק וועט נישט האָבן קיין לאַנגן קיום, אויב זי וועט נישט באַגלייט ווערן מיט דער דעמאָקראַטיזאַציע פון סאָוועטישן רעזשים. דאָס „ברידערן זיך" מיט די סאָציאַליסטן אין אויסלאַנד און דאָס האַלטן אין תפיסות די סאָציאַליסטן ביי זיך אין דער היים קאָן נישט גיין האַנט ביי האַנט אויף לאַנג, נישט פאַרסמנדיק די פאַרשטענדיקונג מיטן גייסט פון ציניזם און נישט־אויפריכטיקייט. צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע האָט ער טיף געגלויבט, אַז די דאָזיקע דעמאָקראַטיזאַציע וועט קומען. ער האָט געוואָלט זען אירע סימפּטאָמען אין דערשיינונגען, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אָנגעמערקט אינם סאָוועטישן לעבן, נעמלעך: די נאָרמאַליזאַציע פון דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטלעכער לאַגע און פון די באַציאונגען מיט די פּויערים, די פּראָקלאַמירונג פונעם „סאָציאַליסטישן הומאַניזם" און די צוגרייטונגען פון דער נייער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט געדאַרפט זיין „די דעמאָקראַטישסטע אין דער וועלט". דערפאַר זיינען אַלטערס אַרטיקלען און אַרויסטרעטונגען פון יענער צייט געווען אַדורכגעדרונגען מיט אָפּטימיזם און בטחון. „דער אַכצנטער יאָרטאָג פון ראַטן־פאַרבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אונטערן צייכן פון שלום צווישן אים און דער אַרבעטער־באַוועגונג", האָט ער געשריבן אין נאָוועמבער 1935 — „זאָל דער שלום וואָס שנעלער געשלאָסן ווערן, ווייל . . . די געשיכטע וואַרט נישט." אָבער אויך דעמאָלט איז ביי אים די האָפענונג געווען אויסגעמישט מיט אומרו:

„די סאָוועטישע קאָמוניסטן — האָט ער געשריבן אין זיין אַרטיקל וועגן דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע — וועלן דאַרפן רעאַליזירן זייערע

אייגענע ווערטער וועגן דעמאָקראַטיע, און זיי וועלן געמשפּט ווערן לויט זייערע טאַטן.

„און וואָס פאַרא פרייד וועט דאָס זיין, אויב זייערע בייזע ווערטער וועלן טאַקע ווערן פלייש און בלוט פונעם סאָוועטישן לעבן.

„און וואָס פאַרא אַנטוישונג, אויב אַלץ וועט בלייבן ביים אַלטן."

עס איז אַלטערן נישט אויסגעקומען צו וואַרטן לאַנג אויף דער תשובה. עטלעכע חדשים נאָכדעם, ווי די אויבן־געבראַכטע שורות זיינען געווען אָנגעשריבן, איז געקומען דער „פּראָצעס פון די זעכצן", מיט זינאָוויעוון און קאַמענעוון בראש.

„די מאָסקווער שאָסן האָבן געטראָפן נישט בלויז אין די פאַרמשפּטע, זיי האָבן שווער פאַרוואונדעט די רעוואָלוציע.

„דערפון נעמט זיך דער ביטערער טרויער, וואָס האָט אונז אַלעמען אַרומגענומען. און די טיפקייט פון דעם געפיל באַווייזט, וואָס פאַרא גרויסן אָרט עס האָט פאַרנומען און פאַרנעמט אין אונזערע הערצער די רוסלענדער רעוואָלוציע.

„און טאַקע צוליב דעם פילט יעדער בונדיסט און וואַרשיינלעך יעדער קאָמוניסט אַזאַ ברענענדיקע בושה צוליב דעם מאָסקווער פּראָצעס און זיינע פאָלגן, ווייל די חרפּה פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע איז נישט געקוקט אויף אַלץ — אונזער אַלעמענס חרפּה.

— — — — — — — — — — — — — — — —

„חברים קאָמוניסטן! היט אייער מענטשלעכע ווירדע! זעט, וואָס עס איז געשען מיט אייערע נעכטיקע פירער!"

דאָס איז געווען אַלטערס ערשטע רעאַקציע אויף די מאָסקווער פּראָצעסן. אַן אויסגעשריי פון ווייטיק און פאַרצווייפלונג, אַ פלאַמיקער פּראָטעסט, אָבער נאָך נישט קיין פּרואוו צו רעווידירן די פּאָליטישע שטעלונג. אין אַ שפּעטערדיקן אַרטיקל, אויף דער זעלביקער טעמע, ווערט דער גלויבן אין אייניקייט נאָכאַמאָל געבראַכט צום אויסדרוק. און נאָך מיט חדשים שפּעטער האָט ער — אויפן זעקסטן קאָנגרעס פון די יידישע יוניאָנס — געפונען ווערטער פון באַגייסטערונג פאַר דער הילף, וואָס סאָוועטן־רוסלאַנד האָט צו יענער צייט געגעבן שפּאַניע.

אָבער די געשעענישן זיינען נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. עס איז גאָר אינגיכן קלאָר געוואָרן, אַז דער פּראָצעס פון די זעכצן קאָמוניסטן, מיט זינאָוויעוון און קאַמענעוון בראש, איז נישט סתם אַ „פאַרבלייבן ביים אַלטן", נאָר אַן אָנהייב פון מאַסן־פאַרניכטונג פון דער באַלשעוויסטישער „אַלטער גוואַרדיע" און אַ ריזן־שפּרייז צו דעם פולשטענדיקן טאָטאַליטאַריזם. עס איז געוואָרן באַקאַנט, אַז די הילף פאַר שפּאַניע, וואָס האָט ביי אַלטערן אַרויסגערופן אַזוי פיל פרייד, ווערט געגעבן פאַרן פּרייז פון קאָנען אָנווענדן די גע־פּע־אוּ־מעטאָדן אויך לגבי די קעמפער פון דער שפּאַנישער רעפּובליק. די דערפאַרונג

פון פראַנקרייך, דאָס וויגעלע פון דער „איינהייט פון טאַט״, האָט דעמאָנסטרירט דעם גאַנצן אַרסענאַל פון ווייניקער דראַסטישע אָבער עפעקטיווע מיטלען פון קאַמף קעגן די סאָציאַליסטישע פּאַרטנערן פון איינהייטלעכן פראָנט; דעמאַגאָגישע קאַמפּאַניע קעגן סאָציאַליסטן „פון לינקס״ געפּאָרט אָפּטמאָל מיט הנדלען צו בורזשואַזע „פאָלקס־פראָנט״־שותפים; דאָס „קאָלאָניזירן״ די נישט־קאָמוניסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס דורך פאַרכאַפּן מיט אַלע כשרע און נישט־כשרע מיטלען די שליסל־פּאָזיציעס אין זייער אַפּאַראַט; אויסגעלאַסענע העצע קעגן יעדן איינעם, וואָס איז נישט מסכים צו זאָגן אָמן אויף יעדן נייעם קנייטש אין דער קאָמוניסטישער ליניע. און עס האָט זיך — לסוף — אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע פּאָליטיק ווערט מיט בלינדער געטריישאַפט אויסגעפירט דורך דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון יענע „חברים־קאָמוניסטן״ צו וועמעס „מענטשלעכער ווירדע״ אַלטער האָט אַפּעלירט איבער די פרישע קברים פון די בויער פון זייער באַוועגונג.

אונטער דעם איינדרוק פון די דאָזיקע געשעענישן איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אין אַלטערס שטעלונג. עס איז אמת: ריין אויסערלעך האָט זיך זיין פּאָליטיק ווייניק וואָס געביטן. אין זיין היעראַרכיע פון די פּאָליטישע אויפגאַבן האָט דער קאַמף קעגן פאַשיזם — דעם היימישן ווי דעם אינטערנאַציאָנאַלן — ווייטער פאַרנומען דעם אויבן־אָן. ער האָט זיך דעריבער נישט דערלויבט אויף קיין איין מאָמענט אַוועקצוואַרפן אָן אַ זייט יענע כלי־זין, וואָס זייער ווערט אין דעם דאָזיקן קאַמף איז אויסגעפּרואווט געוואָרן. ער האָט ביז צו דער לעצטער מינוט געטריי געהיט די אייניקייט פון דער יוניאָן־באַוועגונג, רעספּעקטירט די רעכט פון דער קאָמוניסטישער אָפּאָזיציע און זיך קאַטעגאָריש אַנטקעגנגעשטעלט אַלע פאָדערונגען פון די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען וועגן באַזייטיקן די קאָמוניסטן פון די פּאָסטנס, אויף וועלכע זיי זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן דורכן ווילן פון דער מיטגלידערשאַפט. ער האָט נישט געקאַרגט קיין מי, כדי צו פּרוּוון בטל מאַכן אַלע רעפּרעסיווע שריט קעגן די קאָמוניסטיש באַהערשטע יוניאָנס און אָפּצואווענדן פון זייערע פירער די געפאַר פון תפיסה און קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער פּאָליצייאיש־רעאַקציאָנערער „אַנטי־קאָמוניזם״ איז פאַר אים פאַרבליבן פּונקט אַזוי דערווידער ווי פריער. און פּונקט אַזוי קלאָר איז געווען פאַר אים, אַז היות דער סאָוועטן־פאַרבאַנד בלייבט איינער פון די וויכטיקסטע אָביעקטן פון דעם אַנגריף פונם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם, מוז די פאַרבינדונג צווישן אים און אַלע אַנטי־פאַשיסטישע כוחות ווערן איינגעהאַלטן און פאַרשטאַרקט. אָבער הינטער דער דאָזיקער איבערצייגונג, וואָס ער האָט פאַרטראָטן ביז צו דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן, אין שוין דעמאָלט נישט געשטאַנען דער גלויבן אין דער אינערלעכער קרובהשאַפט, וואָס וועט סוף־כל־סוף דערפירן צו פאַראייניקונג:

„מען דאַרף רעווידירן די אַלטע מיינונג, אַז דער קאָמוניזם און דער סאָציאַליזם, אויסגעוואַקסן אויף איין באָדן און אַפילו פון איין שטאַם, גייען זיך דערנאָך פונאַנדער אין די פראַגן פון טאַקטיק און מעטאָדן פון

קאַמף, כדי אויפסניי זיך צונויפצוטרעפן אין אַ געמיינזאַמקייט פונם ענד־ציל פון דער געזעלשאַפט פון מאָרגן.

„אַמאָל איז עס אַזוי געווען. אָבער היינט איז עס אַנדערש. אויך די וויזיע פונם דאָזיקן ענד־ציל האָט זיך צעצווייט. בעת דער סאָציאַליזם איז געבליבן געטריי דער פרייהייטלעכער קאָנצעפּציע פון דער געזעל־שאַפט פון מאָרגן, האָט דער קאָמוניזם געהאַלטן אין איין דערווייטערן זיך פון איר ביז ער איז דערגאַנגען צו דעם איצטיקן סטאַליניסטישן אַנטי־פרייהייטלעכן טאָטאַליטאַריזם.

„...די אַנטי־פאַשיסטישע איינשטעלונג פון דער סאָוועטישער דיפּלאָמאַטיע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט דעמאָלט, ווען די פאַשיסטישע רעגירונגען האָבן פּראָקלאַמירט אַ קרייץ־צוג קעגן די סאָוועטן. און אויב מאָרגן וואָלטן די שעפער פון דער אַקס בערלין־רוים אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך שלום מיט מאָסקווע, וואָלט זיך די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטיע צוגעאיילט אָנצונעמען דעם דאָזיקן פאָרשלאָג...

„מען דאַרף מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט אונטערשטרייכן, אַז דאָס, וואָס עס קומט־פאָר ביי די סאָוועטן, האָט נישט קיין שום שייכות מיט אונזער געזעלשאַפט פון מאָרגן. דער סאָוועטישער פּרואוו צו פאַרווירקלעכן די סאָציאַליסטישע אָרדנונג האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולשטענדיקן מאָראַלישן באַנקראָט...

„די סאָוועטישע דערפאַרונג איז נישט בלויז נישט קיין מוסטער וואָס דאַרף נאָכגעמאַכט ווערן, נאָר אַן אָפּשרעקנדיקער ביישפּיל פון דעם, ווי אַזוי עס דאַרף נ י ש ט אויסזען די געזעלשאַפט פון מאָרגן.

„די רעאַליזאַציע פון דער דאָזיקער אָרדנונג איז אַן אויפגאַבע, וואָס מען דאַרף אָנהויבן אין גאַנצן פון דאָס ניי.״*)

„גרייט צו צאָלן יעדן פּרייז״...

די פּאָליטישע קאַטאַסטראָפעס פון די דרייסיקער יאָרן האָבן אונטער זייערע חורבות באַגראָבן נישט איין סאָציאַליסטישן גלויבן. וויקטאָר אַלטער איז אַרויס פון די שטורעמס אַ טיף אויפגעטרייסלטער אָבער אינערלעך אַ גע־פעסטיקטער — מיט אַ קלאָרערן בליק אויף דער ווירקלעכקייט, מיט אַ טיפערער באַנעמונג פון די סאָציאַליסטישע גרונט־עיקרים און מיט אַ גוואַלטיק פאַר־שטאַרקטן געפיל פון צוגעבונדנקייט צו זיין פּאַרטיי, צום „בונד״.

מענטשן, וואָס האָבן אַלטערן געקאָנט בלויז פון אויבן־אויף, פלעגן נישט איינמאָל שטוינען: וואָס האָט דעם דאָזיקן אַסימילירטן אינטעליגענט, וואָס האָט זיך פריי אויסגעלעבט אין דער שפּראַך פון עטלעכע אייראָפּעאישע פעלקער,

---

*) „דער מענטש אין דער געזעלשאַפט״, ז׳ 126—133.

געשטויסן דווקא צו דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פוילן. אין פלוג גענומען האָבן די דאָזיקע שאלות אויסגעזען צו זיין נישט אינגאַנצן אָן אַ באַרעכטיקונג. עס איז נישט געווען אין דער בונדישער באַוועגונג קיין איינער, וואָס זאָל זיך פילן אַזוי היימיש אין עטלעכע אייראָפּעאישע קולטורן און אין עטלעכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אייראָפּע, ווי אַלטער. נאָכמער — פאַר יעדן איינעם, וואָס האָט געקענט אָבסערווירן אַלטערן אויפן פּאָן פון דער באַוועגונג, איז געווען קלאָר אַז דער לעבנס־סטיל פון דער פּאַרטיי איז געווען אין אַ ריי פּרטים אַנדערש, ווי זיין אייגענער. די טיפּיש־בונדישע משפּחהדיקייט און פאָלקסטימלעכקייט האָט נישט אַנטשפּראָכן זיין באַנעם אין באַציאונגען צווישן מענטשן. די מיושבדיקייט און פּאָרזיכטיקייט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די האַלטונג פון נחן אָדער פון העניק ערליכן אין די אינערלעך־פּאַרטייאישע שטרייט־פראַגן איז געווען פרעמד זיין נאַטור. „מיטן קאָפּ״ האָט ער אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון קאָמפּראָמיסן. עס איז אים אָבער געווען שווער צו פועלן ביי זיך אַ הסכם צו באַשליסן, וואָס האָבן אויסגעדריקט בלויז אַ טייל פון דעם וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אמת און וואָס האָבן אַנטהאַלטן, ווי יעדער קאָמפּראָמיס, עפּעס פּראָוויזאָרישעס און נישט דערזאָגטעס. ער האָט נישט אויפגעהערט צו שטרעבן דערצו, אַז די פּאַרטיי זאָל צופּאַסן וואָס שנעלער איר שטעלונג צו די ענדערונגען אין די באַדינגונגען און ציען די ווייטגייענדיקסטע קאָנסעקווענצן פון איר שטעלונג. „ח׳ אַלטער פאָרט בלויז מיט אַן עקספּרעס־צוג, און האַלט נישט פון קיין טאָרמאַזן״, — האָט זיך אַ חבר איינמאָל אויסגעדריקט בעת אַן אינערלעך־פּאַרטייאישער דיסקוסיע. און דאָך האָט דער קעגנזאַץ צווישן אַלטערס אינטעלעקטועלער אימפּעטיקייט און די פּאַמעלעכע בהדרגהדיקע ענדערונגען אין באַוואוסטזיין פון פּאַרטייאישן קאָלעקטיוו נישט געקאָנט צעשטערן די טיפע אינערלעכע נאָענטקייט צווישן ביידע.

עס איז פאַר אַלטערן נישט געווען קיין מער דערהויבענע זאַך ווי קאַמף פאַרן אייגענעם אמת, פאַר רעכט צו לעבן אין הסכם מיט געבאָטן פון אייגענעם שכל און געוויסן. עס האָט אים אַלעמאָל געצויגן צו יענע, וואָס קלייבן־אויס אין דאָזיקן קאַמף די ליניע פונעם גרעסטן ווידערשטאַנד; און ער האָט די דאָזיקע ליניע פונעם גרעסטן ווידערשטאַנד געזען אין „בונד״. מיט אַ זיכערן חוש פון אַ בונטאַריש האַרץ האָט ער אַרויסגעפילט, וויפל געוואַגטקייט און וויפל רעוואָלוציאָנערער פאַרמעסט עס איז געלעגן אין אָרגאַניזירן די „פּאַריער צווישן פּראָלעטאַריער״ אין אַ פּאָליטישן כוח, וואָס פירט דעם קאַמף קעגן איינגעפונדעוועטע כוחות אין דער אַרומיקער וועלט און קעגן דורות־אַלטע אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקסן אין דער אייגענער סביבה, און וואָס גלידערט זיך איין ווי אַ זעלבשטענדיקער פולבאַרעכטיקטער צד אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער געמיינשאַפט. ער האָט געוואוסט, אַז די דאָזיקע האַלטונג רופט אַרויס ביטערן צאָרן ביי די שונאים פון „בונד״ און נישט איינמאָל — פאַרדרוס ביי מאַנכע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען נישט צוגעוואוינט, ווען אַ לפי

ערך קליינע „ברודער־פּאַרטיי" דערלויבט זיך אַרויסצוטרעטן מיט אָפענער קריטיק פון זייערע האַנדלונגען. פאַר אַלטערן איז די דאָזיקע „בונדישע העזה" געווען אָנגעמאָסטן.

געווען אָבער נאָך איין שטריך אין דער בונדישער באַוועגונג, וואָס האָט איר געמאַכט באַזונדערס נאָענט פאַר אַלטערן. אין זיין אידייאישן קאַמף קעגן קאָמוניזם פלעגט ער נישט איינמאָל אונטערשטרייכן, אַז דעם פּראוואָשטיין פאַר דער דעמאָקראַטישקייט פון אַ באַוועגונג דאַרף מען זוכן נישט אין די לאָזונגען, וואָס זי פּרעדיקט, נאָר אינם כאַראַקטער פון איר אינערלעכן לעבן: „יעדע פּאַרטיי איז געבויט פּונקט אויף אַזאַ אופן, ווי זי שטעלט זיך פאַר דעם קומענ־דיקן בוי פון דער געזעלשאַפט און פון דער מלוכה"*). אין אַלטערס אויגן איז דער „בונד" געווען די בעסטע באַשטעטיקונג פון דאָזיקן כלל. ביי אַלע באַדינגונגען — אין צייטן פון באַרג־אַרויף צי פון מפּלות, פון פּאָליטישן שטיל־שטאַנד צי פון פאַרביטערסטן קאַמף — האָבן באַזונדערע אידייאישע ריכטונ־גען אין „בונד" געהאַט די פולע פרייהייט צו פאַרמעסטן זיך אינם גוראַנגל פאַר דער נשמה פון דער פּאַרטיי. נישט בלויז אָרגאַניזירטע פראַקציעס — אויך יחידישע פּראָטעסטאַנטן האָבן געקענט אויפהויבן זייער שטים קעגן דער פּאָלי־טיק פון דער פּאַרטיי־אָנפירערשאַפט. דער יינגסטער „סקיפּיסט" האָט געקאָנט פראַנק און פריי קריטיקירן די האַנדלונגען פונעם צ. ק. און דערביי האָט זיך די פּאַרטיי נישט פאַרוואַנדלט אין אַ דיסקוסיע־קלוב און נישט אָנגעוואוירן איר קעמפערישן אימפּעט. עס איז נישט קיין וואונדער, וואָס אַזאַ באַוועגונג האָט געמוזט זיין נאָענט און טייער וויקטאָר אַלטערן. און עס איז אויך נישט מער ווי פאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער געפיל איז נישט געווען קיין איינזייטיקער. פון דער פילטויזנטקעפּיקער פּאַרטייאישער מאַסע האָבן זיך געצויגן שטראָמען וואַרעמקייט צו דעם „בונדישן לאָוניק", וואָס האָט איינגעלייגט וועלטן אינם רעאַקציאָנערן מאַגיסטראַט פאַר יעדן יידישן אָרעמאַן, — צו דעם אומדערשראָ־קענעם פּובליציסט און רעדנער, וואָס פלעגט אַרויסברענגען פון די כלים די צענזאָרן און פּאָליציי־אַגענטן, צו דעם „חוצפּהניק", וואָס האָלט זיך נישט אין ראַמען פון איינגעשטעלטע דיפּלאָמאַטישע מנהגים אין די צווישן־פּאַרטייאישע באַציאונגען. די טוער פון דער באַוועגונג האָבן שטאָלצירט מיט דעם דאָזיקן אומרואיקן גייסט, וואָס האָט מיט זיין „אפּיקורסות" סטימולירט דעם געדאַנק פון דער פּאַרטיי און געשטויסן אים אויף נייע וועגן.

און ווייט אין די קרייזן פון דער ראַדיקאַל געשטימטער יידישער אינטעלי־גענץ האָט געווירקט דער צויבער פון דער פּערזענלעכקייט, אין וועלכער דער סקעפּטישער גייסט פון מאָדערנער רעלאַטיוויסטישער פילאָסאָפיע האָט אַזוי וואונדערלעך האַרמאָנירט מיט דער גרענעצלאָזער געטריישאַפט צו דער אייגע־נער אידייע און די התלהבותדיקע ליבשאַפט צום לעבן — מיט דער גרייטקייט צו גיין אַנטקעגן דעם טויט אין קאַמף פאַר דעם אייגענעם אמת.

*) „דער מענטש אין דער געזעלשאַפט", זייט 142.

וויקטאָר אַלטער האָט זעלטן גערעדט וועגן דעם. ווי עס טרעפט אַמאָל ביי פערזענלעכקייטן מיט עכטע און שטאַרקע עמאָציעס, האָט ער געהאַט אין זיך אַ געוויסע געצאַמטקייט אין אַרויסברענגען זיינע געפילן. אָבער אין די לעצטע יאָרן האָבן זיך אַלץ אָפטער און אָפטער באַוויזן דורכרייסן אין דער דאָזיקער צוריקגעהאַלטנקייט. אויפן מזרח האָט די גרויסע רעוואָלוציע זיך געקאָרטשעט אין קאָנוואולסיעס פון בלוטיקע שחיטות און פון אידייאישער זעלבסטפאַרניכטונג; פון מערב האָט זיך אַלץ דראָענדיקער גערוקט דער פאַשיסטישער מבול; אין פוילן גופא האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן די חוצפה פון דער היימישער רעאַקציע פון אַלע קאָלירן און צוזאַמען מיט איר — דער צעיושעטער אַנטיסעמיטיזם... אַלטער האָט דאָס אַלץ צוגעזען. ער האָט אויך געזען, ווי אינמיטן פון אָט דעם דאָזיקן חושך פולסירט און שפרודלט מיט לעבן דער „בונד", ווי אונטער זיין אָנפירונג הויבט זיך אַלץ העכער און העכער די כוואַליע פון מאַסן־ווידערשטאַנד קעגן פאַשיסטישן באַרבאַריזם, אַריינטראָגנדיק אינם חושך פון היינט לויטערקייט און ליכטיקייט, וואָס דערמאָנען די זוניקע צייט פון 1905. דערפאַר האָבן אין זיינע אַרויסטרעטונגען פון יענער צייט אַלץ שטאַרקער געגומען אַרויסקלינגען טענער פון דאַנקבאַרקייט און שטאָלץ לגבי דער באַוועגונג, וואָס האָט דעם דאָזיקן נס באַשאַפן:

„מיר זיינען גאַנץ פשוטע יידן, אָן גאווה און אָן בושה. צוליב דעם האָבן מיר טאַקע נישט געדאַרפט „אַנטדעקן" אונזער יידישקייט צוליב דעם אַנטיסעמיטיזם. און מיר פאַלן נישט אַריין אין קיין התלהבות צוליב דער דאָזיקער אַנטדעקונג. יידן אָן נאַציאָנאַליזם, יידן, וואָס פאַרבינדן פריער פאַר אַלץ זייער גורל מיטן קאַמף פאַר סאָציאַליזם, — וואָס פאַר זיי איז גענוג איין פאָטערלאַנד, דאָ, וואו זיי לעבן — דאָס איז דער „בונד".

„ס'הויבן זיך ווידער אָן די אָנפאַלן אויף יידן אין סאַמע צענטער פון דער הויפט־שטאָט — אין זאַקסישן גאָרטן. צי מיידן־אויס יידישע אַרבעטער דעם דאָזיקן „געפערלעכן" שטח? פונקט פאַרקערט. נישט געקוקט אויף מעגלעכע קלעפּ, באַשטייען זיי אויף זייער רעכט צו אָטעמען אַביסל פרישע לופט און צו שיצן זיך קעגן אָנפאַלער.

„ווייל דאָס רעכט פון שפּאַצירן אין זאַקסישן גאָרטן איז בלויז אַ מיניאַטור פונעם רעכט צו לעבן מענטשלעך אין פוילן.

„פון די דאָזיקע רעכט וועלן מיר זיך פריינוויליק נישט אָפּזאָגן. און מיר וועלן באַקעמפן אַלעמען, וואָס ווילן זיי ביי אונז צונעמען. און מיר וועלן נישט רוען, ביז וואַנען די דאָזיקע רעכט וועלן געזיכערט ווערן פאַר אַלע אַרבעטנדיקע פון פוילן און מיר זיינען גרייט צו צאָלן יעדן פּרייז, אַבי דערגרייכן דעם ציל.

„אָט דאָס איז — ב ו נ ד י ז ם".*)

*) „פאָלקסצייטונג", 29 מאַי 1938.

קנאַפּע אנדערטהאַלבן יאָר נאָכדעם ווי די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך באַוויזן אויף די שפּאַלטן פון דער בונדישער „פאָלקסצייטונג", איז זייער מחבר געזעסן פאַרשפּאַרט הינטער די קראַטעס פון אַ סאָוועטישער תּפיסה, און די לייענער זיינע — אין די געטאָס און טויט־לאַגערן אונטער דער נאַצישער אָקו־פּאַציע. עס איז געקומען די צייט פון שווערסטן פּרואוו — און עס איז געקומען דער ענטפער. די קעמפער פונם אונטערערדישן „בונד" האָבן באַוויזן אַרויס־צוברענגען פון זיך און פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע אַרום זיי קוואַלן פון גייסטיקער גבורה און קידוש השם, לגבי וועלכע עס ווערן בלאַס די דראַמאַטיש־סטע שלאַכטן פון אַלע רעוואָלוציעס און פרייהייטס־קאַמפן. טויזנטער מיילן פון זיי, הינטער די מויערן פון דערזעלביקער „לוביאַנקע", וואו עס זיינען מיט יאָרן פריער צעטראָטן געוואָרן אויף שטויב צענטליקער גרינדער און בויער פון דער סאָוועטישער מלוכה, — האָט אויף קיין איין מינוט נישט אָפּגעשטעלט זיין קאַמף פאַר מענטשלעכע רעכט און די אַרבעט פון זיין גייסט דער בונדיסט וויקטאָר אַלטער. און ער האָט דעמזעלביקן קאַמף און דיזעלביקע אַרבעט ווייטער געפירט אין משך פון זיינע צוויי מיט אַ האַלבע חדשים אויף דער פריי, ביז די קויל פונם תּליון האָט נישט איבערגעשניטן זיין לעבן. אויף די באַריקאַדן פון וואַרשע און ביאַליסטאָק און אין די קעלערן פון גע־פּע־או אין קויבישעוו איז באַצאָלט געוואָרן איין און דער זעלביקער פּרייז—דער פּרייז פאַר נישט וועלן קאַפּיטולירן, פאַר אָפּהיטן דעם מענטשלעכן כבוד, — פאַר פאַרהייליקן אויף אייביקע צייטן דעם אידעאַל פון אמתן און נישט געפעלשטן סאָציאַליזם.

דער צוזאָג איז געהאַלטן געוואָרן.

דער ערשטער ארעסט פון וויקטאָר אלטער און הענריק ערליך אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע

דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 זיינען היטלערס געפּאַנצערטע חיילות באַפאַלן פּוילן און דערמיט אָנגעהויבן די וועלט־מלחמה.

גלייך נאָכן מלחמה־אויסברוך האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פּוילן פאַרעפנטלעכט אַן אויפרוף, פאַרפאַסט דורך הענריק ערליך, וואָס האָט גערופן נישט צו זשאַלעווען קיין קרבנות און מיט געווער אין האַנט אַנט־קעגנשטעלן זיך דעם בלוט־דורשטיקן שונא — דעם היטלעריזם. אין אויפרוף איז געשילדערט געוואָרן, ווי שרעקלעך עס וואָלט געווען, ווען היטלער וואָלט געזיגט.

די נאַצישע דיוויזיעס האָבן זיך דערנענטערט צו די טויערן פון דער הויפּט־שטאָט — וואַרשע.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט באַשלאָסן, אַז די מער באַקאַנטע טוער זאָלן אַוועק פון וואַרשע, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון שונא. אָנפירן מיט דער אַרבעט, ביי די געענדערטע באַדינגונגען, שוין אין אונטערערד, זאָלן חברים וועלכע זיינען ווייניקער באַקאַנט דער עפנטלעכקייט.

צווישן די אַוועקגעגאַנגענע טוער האָבן זיך אויך געפונען ערליך און אַלטער. דער לעצטער האָט דווקא געוואָלט פאַרבלייבן. ער האָט שוין געהאַט אַלע נויטיקע צוגרייטונגען אויף איבערצוגיין צו אַן אומלעגאַלן לעבן. דער צענטראַל־קאָמיטעט איז אָבער געווען קעגן דעם, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אַזוי ווי אַלטער איז זייער פּאָפּולער אין שטאָט, וואָלט ער גאָר גיך דורכ־געפאַלן און דערמיט געבריינגט אַן אומגליק פאַר זיך און פאַר דער גאַנצער באַוועגונג. ער איז דעריבער אַוועק צוזאַמען מיט ערליכן און אַנדערע חברים.

אויפן וועג האָבן זיי זיך צעשיידט. אַלטער און אַ גרופּע חברים צוזאַמען מיט אים זיינען אַוועק אין איין ריכטונג, ערליך מיט אַן אַנדערער גרופּע אין אַ צווייטער. מען האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, אַז וואַרשע ווערט פאַר־טיידיקט, אַדאַנק דעם, וואָס די פאַרשטייער פון דער באַפעלקערונג, ווי אויך די געבליבענע מיליטער־טיילן האָבן געענדערט די פריערדיקע דעציזיע פון דער רעגירונג, נאָך דעם ווי די לעצטע האָט פאַרלאָזט וואַרשע. אַלטער האָט דאַן געוואָלט צוריקגיין קיין וואַרשע, עס איז אָבער נישט געווען מעגלעך. דער וועג קיין וואַרשע איז געווען אָפּגעשניטן, וואָרים די הויפּט־שטאָט איז שוין אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן פון אַלע זייטן. אַלטערס גרופּע האָט

זיך דעריבער געלאָזט קיין לובלין, וואו זי האָט במשך פון עטלעכע טעג אונטער אַ האָגל פון פייַנטלעכע באָמבעס, אָנגעפירט מיט דער מאָביליזירונג און אָרגאַ־ניזירונג פון די יידן. אַלטער האָט נאָך אויך באַוויזן אַרויסצוגעבן 2 נומערן פון דער „לובלינער שטימע", אָרגאַן פון „בונד", וואָס פלעגט וועכנטלעך דערשייַנען פאַר דער מלחמה. זייַן ערשטער אַרטיקל אין דער צייַטונג איז געווען אונטערן קאָפּ: „היטלער מוז פאַרשפּילן!"

אַ פּאָר טעג איז בלויז אַלטער געווען אין לובלין. די דייַטשע חיילות זייַנען צוגעקומען צו די טויערן פון דער שטאָט און אַלטער איז פון דאָרט אַוועק קיין קאָוועל. טייל חברים פון זייַן גרופּע זייַנען געבליבן אין לובלין און שפּעטער געוואָרן טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אונטער דער נאַציסטישער אָקופּאַציע.

ווען די דייַטשן זייַנען אַרייַן קיין לובלין, האָט די געסטאַפּאָ אַרומגעזוכט די פירער פון „בונד", פּונקט ווי זי האָט עס געטאָן אין וואַרשע, לאָדזש און אַנדערע שטעט. אין וואַרשע האָט זי באַזונדערס שטאַרק אַרומגעזוכט ערליכן און אַלטערן. זי איז געקומען נאָכפרעגן זיך אויף ערליכן אין זייַן וואוינונג, אין רעדאַקציע פון דער „נייַער פאָלקסצייַטונג" און אַנדערע ערטער. דערבייַ האָט זי אַרעסטירט אַ רייַ מענטשן מיטן נאָמען ערליך, זייַענדיק חושד, אַז צווישן זיי געפינט זיך דער בונדישער פירער.

דער אַרעסט פון וויקטאָר אַלטער

וויקטאָר אַלטער איז אַרעסטירט געוואָרן דער ערשטער. דאָס איז געשען אין קאָוועל דעם 26־טן סעפּטעמבער 1939.

אין קאָוועל האָבן זיך דאַן געפונען אַלס פּליטים די הויפּט־פירער פון די פּוילישע באַן־אַרבעטער, וועלכע זייַנען גלייַכצייַטיק געווען פון די אָנגעזעעסנסטע טרייד־יוניאָן־טוער אין לאַנד. וויקטאָר אַלטער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט זיי געהערט צו דער העכסטער אָנפירונג פון דער טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין פּוילן, האָט זיך מיט זיי געטראָפן און צוזאַמען האָבן זיי אויסגעאַרבעט אַ דעקלאַראַציע צו דערלאַנגען צו דער סאָוויעטישער מאַכט. וויקטאָר אַלטער און אייניקע פּוילישע יוניאָן־טוער האָבן די דעקלאַראַציע, אין וועלכער עס איז געווען אויס־געדריקט די האָפענונג, אַז ראַטן־רוסלאַנד וועט העלפן דער אונטעריאָכטער באַפעלקערונג פון פּוילן זיך באַפרייַען פון דער נאַצישער קנעכטשאַפט, איבער־געגעבן דעם פאָרשטייער פון דער סאָוויעטישער מאַכט. מען האָט דער גרופּע טרייד־יוניאָן־טוער צוגעזאָגט צו געבן אינגיכן אַ תשובה. צומאָרגנס איז דער „ענטפער" געקומען: די גע־פּע־או האָט אַרעסטירט די גאַנצע גרופּע טרייד־יוניאָן־טוער, אַלטערן בתוכם. ג. פּ. או.־אַגענטן זייַנען געקומען אין זייַן דירה און אים צוגענומען. די נאָענטע חברים, וועלכע זייַנען דאַן געווען אין קאָוועל, גיבן איבער, אַז אַלטער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון וועגן די געפאַרן, וואָס זייַנען פאַרבונדן מיט זייַן ווענדן זיך צו דער סאָוויעטישער

מאַכט. זיי האָבן אים הייס געראַטן זיך אויסצובאַהאַלטן. אַלטער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן דערפון. באַהאַלטן זיך — האָט ער געזאָגט — איז אונטער זיין ווירדע. אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פּאָליטישער און טרייד־יוניאָן־טוער האַלט ער פאַר זיין פליכט צו ברענגען צום אויסדרוק דעם ווילן פון דער אַרבעטערשאַפט צו פירן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט מיטן היטלעריזם און אַנדערע פאָרמען פון פאַשיזם. דאָס מוז ער טאָן.

דאָס איז געשען קנאַפּע 4 וואָכן נאָך היטלערס אַריינמאַרש קיין פוילן און 9 טעג נאָכן סאָוויעטישן אַריינמאַרש פון דער צווייטער זייט.

ווי אַזוי הענריק ערליך איז אַרעסטירט געוואָרן*)

נאָך לאַנגע שווידערלעכע וואָכן פון וואָגלעניש דורך פאַרברענטע דערפער און שטעט, בין איך, אַ מידער און אויסגעשעפּטער, אָנגעקומען קיין בריסק דעם 1טן אָקטאָבער 1939. די דייטשן האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזן די שטאָט און זי איבערגעגעבן דעם סאָוויעטישן מיליטער. די גאַסן זיינען געווען באַלעבט מיט מענטשן, צווישן וועלכע איך האָב באַמערקט אַ סך בונדיסטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט גרופּנווייז פראַנק און פריי. איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט אונדזערע חברים, אַז עס איז אַ לייכטזין אַזוי אָפן זיך אַרומצודרייען, ווייל מיר גיבן, אַזוי אַרום, אַ געלעגנהייט דער גע־פּע־או אייסצואָווערגן אונדז ווי הינער.

אויפן דריטן טאָג נאָך מיין קומען האָט די גע־פּע־או „אַרויסגערופן" צו זיך אַרטיקע בונדישע טוער. זיי האָבן זיך שטאַרק נאָכגעפרעגט, וואו עס געפינט זיך דער צ.ק. פון „בונד" און חבר ה. ערליך. קלאָר, אַז די „ליניע" האָט זיך אָנגעהויבן...

איך האָב געדאַרפט באַגלייטן ערליכן אין זיין ווייטערדיקער רייזע. ווען איך האָב זיך דערפון דערוואוסט, האָט מיר אַ ברי געטאָן אין האַרצן פאַר דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מ'לייגט אויף מיר אַרויף. איך בין מיט מיין מאָגערן רייזע־זאַק אַוועק אויף דער וואוינונג פון חבר ערליך. געפונען האָב איך אים אַ פאַרטרויערטן, אָבער מיט זיין ליכטיקן שמייכל אויף די ליפּן און גלאַנץ אין די אויגן. אין זיין גראַנאַט־אַנצוג מיטן זויבערן, געפרעסטן קראַגן האָט ער מיט זיין אַריסטאָקראַטישן אויסזען זיך בולט אויסגעטיילט פון אונדז געוויינטלעכע פּליטים.

אַ ווײַלע האָבן מיר פּיינלעך געשוויגן. ער האָט לאַנגזאַם געשפּרייזט איבערן צימער און געלאָזן פון מויל וואָלקנס פּאַפּיראָסן־רויך. אייגער פון אונדז האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן און מען איז געקומען צו דער פראַגע וועגן באַהאַלטן זיך פון דער גע־פּע־או. אָבער ניין, ער וויל זיך נישט באַהאַלטן, ס'איז אים דערווידער, קעגן זיין כבוד. ער האָט בדעה זיך איבערצוגעבן אין אירע הענט און זאָל זי מיט אים טאָן וואָס זי וויל. ער וויל דאָס נאָר טאָן אין אַ גרעסערער שטאָט.

---

*) דערציילט פון ח' לייבעטשקע בערמאַן.

עס שרעקט אים דער געדאַנק אַריינצופאַלן ערגעץ אין אַ לאַך אויף אַ קלענערער באַן־סטאַציע, וואו אַ האַלב־גראַמאַטנער אַגענט וועט אים נעמען מאַטערן מיט פראַגן, וועלכע קאָנען אים אַרויספירן פון זיין גלאַסנקייט. פאַר דעם האָט ער מורא. איך בין אויפגעשוידערט געוואָרן פון זיין ווילדן געדאַנק איבער־צוגעבן זיך אין די הענט פון גע־פע־או. איך האָב אָבער נישט דערווידערט, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז שטרייטן מיט ערליכן וועגן אַ זאַך וואָס ער האַלט, אַז עס רירט אָן זיין כבוד, איז אומזיסטע אַרבעט.

איך האָב פאַרגעלייגט און חברים האָבן מיט מיר איינגעשטימט, ערליך זאָל אָפּראַזירן די באָרד און די וואָנסעס; אנשטאט אַ קאַפּעלוש, אָנטאָן אַ היטל און אויסבייטן זיין שוואַרצן מאַנטל אויף אַ גראָען. אָבער דאָ האָט ערליך דערקלערט, אַז ער וויל זיך נישט מאַסקירן; ער וויל נישט די גע־פע־או זאָל האָבן אַ געלעגנהייט אים פאַרצוּוואַרפן, אַז אין די דאָקומענטן איז ער מיט אַ באָרד... עס האָבן נישט געהאָלפן מיינע אַרגומענטן, אַז די באָרד האָט ער דאָך געקאָנט אַראָפּנעמען נישט צוליב סטאַלינען, נאָר צוליב היטלערן. ערליך איז געבליבן ביי דאָס זייניקע: ער וויל נישט מאַכן קיין פורים־שפּיל. הגם עס האָט שוין אַמאָל געטראָפן, אַז ער האָט אַראָפּגענומען די באָרד און די וואָנ־סעס, און זיין פרוי און קינדער האָבן אים נישט דערקענט.

מיט אַ חבר, וואָס האָט אונדז דורך פינצטערע גאַסן געוויזן דעם וועג, האָבן מיר זיך דעם 4־טן אָקטאָבער, 1939, 10 ביינאַכט, געלאָזן צום וואָקזאַל.

אָנגעקומען אויפן וואָקזאַל, האָב איך ערשט דערזען, ווי גערעכט איך בין געווען מיט מיין פאָרשלאָג, ערליך זאָל פאַרענדערן זיין אויסזען. דער וואַרט־זאַל איז געווען גוט באַלויכטן. צווישן די ברודיקע און אויסגעריבענע בגדים פון די פליטים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע, האָט ערליכס זויבערער טונקעלער מאַנטל זיך שטאַרק אויסגעטיילט. אין פאַרצווייפלונג האָט מיך אָבער געבראַכט זיין כאַראַקטעריסטיש בערדל, וואָס האָט אַרויסגע־שיינט פון זיין טונקעלן ווינקל אַרויס. וואו איך בין נישט געשטאַנען, האָב איך אַלץ געזען דעם איינציקן קאַפּעלוש אין וואָקזאַל און זיין ווייס בערדל, וואָס האָט געפינקלט ווי זילבער.

אַלע זיך־פּלעצער זיינען געווען פאַרנומען. איך האָב קיין בעסערס נישט געקאָנט צוטראַכטן, ווי איינאַרדענען ערליכן אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע. אַז איך האָב מיך געשטעלט צו דער קאַסע קויפן בילעטן, האָב איך פּלוצלונג באַמערקט פון דער ווייטן ווי אַ יידישער קאָמוניסט האָט זיך דערנענטערט צו ערליכן, אַריינגעקוקט אין זיין פּנים, און איז פאַרשוואונדן אין אַ זייטיקער טיר פון וואָקזאַל. עס איז מיר געוואָרן קאַלט אין אַלע גלידער, בין איך צו צו ערליכן, פאַרגעלייגט אויסצונוצן די פּאָר מינוטן, וואָס מיר האָבן נאָך, און גלייך פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל.

ערליך האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין גאַנצער הויך, טיף אָפּגעאָטעמט און רואיק געענטפערט:

— ניין, לויפן וויל איך נישט און וועל נישט: איך בין נישט קיין פאַר־ברעכער!

איך האָב פּרובירט זאָגן אַ פּאָר ווערטער קעגן דעם, אָבער זיין בליק האָט מיך צוריקגעהאַלטן; מיר זיינען געבליבן וואַרטן אויף אונדזער גורל.

עס האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט, און דער פאַררעטער איז גע־קומען מיט צוויי באַוואָפנטע רויטע־אַרמייער מיט אַן עלטערן פון דער גע־פּע־או. זיי האָבן ערליכן אַוועקגעפירט אין אַ ווייטן צימער פון וואָקזאַל.

איך בין געבליבן אַליין און געוואַרט. אפשר וועט מען ערליכן אַפּלאָזן... דערווייל האָב איך באַמערקט, אַז דער יונגער קאָמוניסטל, וואָס האָט ערליכן איבערגעגעבן אין די הענט פון דער גע־פּע־או, קומט־צו אין דער באַגלייטונג פון באַוואָפנטע אַרמייער און דערנענטערט זיך צו מיר. דאָס מאָל האָט ער אָנגעוויזן אויף צוויי זייטיקע מענטשן, אַז איינער פון זיי איז הערשל הימעל־פאַרב, סעקרעטאַר פון נאָדל־פאַראיין. די רעוויזיע פון זייערע דאָקומענטן האָט באַוויזן דעם דורכפאַל פון דעם שפּיאָן און מען האָט זיי געלאָזט צורו.

די צייט האָט זיך מיר געצויגן לאַנג. מיין בליק איז געווען געווענדט בלויז צו איין פּונקט, צו דער טיר, וואו מ'האָט אַריינגעפירט ערליכן. פון דער־ווייטנס האָב איך געזען דעם עלטסטן פון דער גע־פּע־או, וואָס האָט פאַרהאַלטן ערליכן, בין איך צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט, צי איך וואָלט נישט געקאָנט איבערגעבן דאָס פּעקל זאַכן צו מיין חבר, וועלכן ער האָט פריער פאַרהאַלטן.

— אַך! — האָט ער אויסגערופן, — דאָס זייט איר?! קומט מיט מיר.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין צימערל, וואו עס האָט זיך געפונען ערליך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיינע דאָקומענטן האָבן זיך געפונען אין רענצל, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען ביי מיר. די אַגענטן האָבן, אפנים, צוליב דעם נישט געקאָנט באַשטימען זיין פּערזענלעכקייט.

האָט מען אונדזערע דאָקומענטן אַוועקגעלייגט אויפן טיש, אַרום וועלכן עס זיינען געזעסן עטלעכע מיליטער־לייט מיט רויטע און גרינע היטל־דעקן. די דאָקומענטן זיינען אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. איינער אַ באַיאָרטער ציוויל־געקליידעטער האָט איבערגעזעצט פון פּויליש אויף רוסיש וואָס עס איז געשריבן אין די דאָקומענטן. איינער פון די מיליטער־געקליידעטע האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך בין אַנטלאָפן פון וואַרשע. האָב איך געענטפערט, אַז איך בין אַנטלאָפן פון היטלער־רעזשים. פאַרוואָס בין איך דאָס אַנטלאָפן פאַר אים? — האָט ער ווידער געפרעגט, שוין מיט אַ שמייכל אין די אויגן. איך האָב אים אָנגעקוקט און געזאָגט:

— איר מאַכט זיך פאַר אַ נאַאיוון מענטשן? און ווי וואָלט איר געהאַנדלט, ווען היטלער דערגרייכט מאָסקווע?

ער האָט אָפּגעווענדט זיין בליק און מער נישט געפרעגט.

עטלעכע פון די מיליטער־לייט זיינען אַוועק אין אַ שכנותדיקן צימער אויף אַ באַראַטונג. ווען זיי זיינען אין אַ פּאָר מינוטן אַרום אַריין, האָט מיך איינער געפרעגט מיט וואָס איך באַשעפטיק זיך. ווען ער האָט קאָנטראָלירט אין פּאַס

מיין ענטפער, וואָס איך האָב געגעבן, האָט ער מיר אָפּגעגעבן מיין דאָקומענט און מיך געהייסן גיין. חבר ערליכן האָט ער געזאָגט, אַז ער ווערט פאַרהאַלטן ביז וואַנען עס וועט קומען דער עלטסטער, ביז אַ זייגער 8 אין דער פרי. איך האָבן זיך מיט ערליכן געזעגנט אונטער דורכדרינגענדיקע בליקן פון די אַגענטן.

איך בין אַרויס פון צימערל, אין וועלכן עס געפינט זיך די באַן־גע־פּע־או. דער קאָמוניסטישער שפּיאָן, אַ קליין־געוויקסיקער 20־יאָריקער עקלהאַפטער בחור, איז געשטאַנען מיט אַן אַרויסגעשטעלטער ברוסט, ווי אַ זיגער.

אין אַ צייט אַרום איז צו מיר צוגעגאַנגען איינער פון די מונדירטע אַגענטן וואָס האָט איבערגעקוקט מיינע דאָקומענטן, און פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס.

— זאָגט נאָר, חבר, — האָט ער זיך צו מיר געווענדט, — וואָס איז ער אייך, דער דאָזיקער פאַרהאַלטענער?

— אַ חבר, — האָב איך אים געענטפערט.

— איז ער אַמאָל געווען אין רוסלאַנד?

— דאָס ווייס איך נישט, — האָב איך פאַרזיכטיק פאַרשוויגן דעם אמת.

— געווען! — האָט ער מיט טריאומף באַשטעטיקט.

— נו, אַז געווען, איז וואָס? — האָב איך אים געפרעגט.

— האָט ער, הייסט עס, געהאַט אַן אויפגאַבע!

— איך פאַרשטיי נישט וועגן וואָס פאַר אַן אויפגאַבע איר רעדט.

— וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? — האָט ער זיך אויפריכטיק גע־וואונדערט. ער האָט באַקומען אַן אויפגאַבע אַנצורייצן די בורזשואַזע לענדער אומצובערענגען די סאָוועטן־רעגירונג!

אונטער פאַרשיידענע אויסריידן, האָב איך פאַר דער צייט עטלעכע מאָל אַנגעקלאַפּט אין דער טיר פון צימער, וואו ערליך איז געזעסן, כדי געוואָר צו ווערן, וואָס מיט אים קומט פאָר. יעדעס מאָל וואָס איך האָב אַנגעקלאַפּט, האָט מען מיך אַריינגעלאָזן, און יעדעס מאָל האָב איך אים געטראָפן מיט אַ פּאַ־פּיראָס אין מויל. דאָס לעצטע מאָל, ווען איך בין אַריין אין צימער, האָב איך זיך געווענדט צו די היטער, זיי זאָלן אים דערלויבן צולייגן זיך אויף דער באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן; — ווייל מיין חבר, — האָב איך געזאָגט, — איז אַ קראַנקער מענטש. ערליך האָט זיך אָבער פון דעם אָפּגעזאָגט. ער האָט אויסגערעדט צו מיר אַ פּאָר ווערטער, אָבער ער האָט גערעדט אַזוי שטיל, אַז איך האָב גאָר נישט דערהערט.

עס איז שוין דאַן געווען גרויער טאָג. אַרויסגייענדיק פון צימער האָב איך באַמערקט, אַז דער קאָרידאָר, וואָס פירט צו דעם דאָזיקן צימער, האָט נאָך אַן אַרויסגאַנג. דער קאָרידאָר האָט געפירט נאָך צו די צימערן פון דער גע־פּע־או. אַ זייטיקן מענטש איז געווען פאַרבאָטן דאָרטן זיך צו פאַרהאַלטן. איך האָב אָבער געקאָנט פאַרלירן חבר ערליך פון אויג. האָב איך ריזיקירט. דורך דעם קאָרידאָר פלעגן פון צייט צו צייט דורכגיין מונדירטע און ניט־מונדירטע מיט־אַרבעטער פון דער גע־פּע־או. אייניקע פון זיי האָבן מיך געפרעגט, וואָס איך טו דאָ. פלעג איך זיי ענטפערן, אַז מען האָט דאָ צוליב עפּעס פאַרהאַלטן מיינעם

אַ חבר און ביז עס וועט אויפגעקלערט ווערן דער ענין, האָט מען מיר געהייסן דאָ וואַרטן... אַזוי בין איך פאַרבליבן אין דעם קאָרידאָר ביז אַ זייגער 10 אין דער פרי. אַ זייגער 9 פרי זיינען אָנגעקומען 4 ציווילע (לויט זייער אויסזען, יידן) און זיינען אַריין אין דעם צימער, וואו עס איז געזעסן ערליך. מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער איז דורך דער זעלבער טיר אָנגעקומען אַ מאַן, קאָנטיק אַ העכערער מיליטער־מאַן, פון אַ מאָדנעם אויסזען: אויסטערליש הויך געוואַקסן, אַ דאַרער, אין גאָלדענע פּענסנע, מיט אַ ראָזער קאָליר פון דער הויט, ווי מען זעט דאָס אָפט ביי דייטשן. לויט ווי איך האָב אים שפּעטער געשילדערט פאַר אַ חבר, האָט ער אין אים דערקענט דעם זעלבן מיליטער־מאַן פון גע־פּע־או, וואָס האָט מיט אַ טאָג פריער אים אויסגעפרעגט וועגן ערליכן. אין אַ קורצער צייט איז אַרויסגעקומען אַ צווייטער מיליטער־מאַן און מיך געפרעגט, וואָס איך דאַרף דאָ אין דעם דאָזיקן קאָרידאָר. האָב איך אים געזאָגט דעם זעלבן פּזמון, האָפנדיק, אַז אויך דאָס מאָל וועט מיר געלינגען צו פאַרבלייבן דאָרטן, פון וואַנען איך קאָן קוקן אויףביידע אַרויסגענג. אָבער דאָס מאָל בין איך דורכגעפאַלן: דער מיליטער־מאַן האָט מיר מיט אַ שטאַרקן בייזער פאַרזאָגט, איך זאָל זיך דאָ נישט דרייען פאַר די אויגן און זאָל די מינוט פאַרלאָזן דעם קאָרידאָר. איך האָב געפאָלגט.

אַ דורכגעפרווירענער פון לאַנגן שטיין אין קאַלטן קאָרידאָר אויף דער שטיינערנער פּאָדלאָגע, וואו די נאַסע מאָרגן־לופט איז אַריינגעדרונגען דורך דער אָפענער טיר, האָב איך זיך מיט ווייטיק אין אַלע גלידער, אַראָפּגעלאָזט אויף אַ באַנק אין וואַרט־זאַל.

אויפן האַרצן איז געווען שווער און טרויעריק. דער מידער מאָרך האָט געזוכט מיטלען ווי אַזוי איך זאָל קאָנען זען ביידע אַרויסגענג פון דעם קאָרידאָר.

איך האָב זיך ווידער צוזאַמענגעשטויסן מיט דעם קאָמוניסטישן מנוואָל, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף ערליכן. דער מנוואָל איז געשטאַנען האַרט ביי דער טיר, ווי אַ הונט. ווי נאָר עס פלעגט זיך באַווייזן אַ מונדירטער אַגענט, פלעגט ער אויסוואַקסן פאַר זיינע אויגן און דרייען זיך פאַר אים, יענער זאָל אים באַמערקן. אָבער קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

שטייענדיק אַזוי אַן אָנגעשטרענגטער, פאַרזונקען אין אומהיימלעכע רעיונות, האָב איך דערפילט אַ באַזונדערע אומרואיקייט. איך האָב זיך אַרומגעקוקט און געטראָפן זיך מיטן בליק פון דעם ציווילן אַגענט, וואָס האָט פאַר די מונדירטע גע־פּע־או־לייט איבערגעזעצט אונדזערע דאָקומענטן. דאָס איז געווען אַ קליין, דאַר מענטשל, מיט שפּיציקע פּוילישע געזיכטס־שטריכן, אין עלטער פון אַרום 40 יאָר, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ וועסטל געשטעפּט אויף וואַטע, אין פראַסטע שטיוול און מיט אַ זשאַקעיקע אויפן קאָפּ. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַרבעטער, אָט ערשט אַרויס פון וואַרשטאַט. די גאַנצע נאַכט האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן עולם מיט שטילע, פוילע, קעציגע טריטלעך, צוגעהערט זיך צו די געשפּרעכן, פאַרזיכטיק אַריינגעקוקט אין יעדן ווינקל, ווי ער וואָלט

גאַרניט אויסן געווען. ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל מיט אַ יידישן בחור אין אַ העל־ברוינעם מאַנטל און געשמועסט. איך האָב דערפילט, אַז ער האָט אים אַנגעוויזן אויף מיר, ווייל אין אַ געוויסן מאָמענט האָט זיך דער בחור אַזוי ווי צופעליק אומגעקוקט מיטן פנים צו מיר.

איך בין געוואָרן פאַרזיכטיק און האָב פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג.

ערשט איצט איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר דער זין פון מיין שנעלער באַפרייאונג: עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז די אַגענטן פון דער גע־פּע־או ווילן מיך אַרומוויקלען מיט אַ נעץ, כדי אַזוי אַרום אויסצושפּירן אַנדערע חברים. איך האָב דעריבער געמוזט אויפגעבן מיין באַשלוס צו בלייבן וואַרטן און היטן ערליכן; בפרט, אַז עס איז פאַר מיר געווען כמעט זיכער, אַז פירן וועט מען אים נישט דורכן וואַרט־זאַל, נאָר דורכן צווייטן אַרויסגאַנג, וואו אָפּהיטן אים האָב איך שוין נישט געקאָנט. איך האָב דעריבער אויסגענוצט די באַוועגונג פון אַן אָנקומענדיקן צוג און אַרום 12 אַזייגער בייטאָג בין איך פאַרשוואונדן פון בריסקער וואָקזאַל. צו מיין גליק האָבן די אַגענטן פון דער גע־פּע־או, וואָס האָבן מיך באַדאַרפט האַלטן אויפן אויג, דאָס אַפּנים נישט באַמערקט.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך ערליכן געזען מיט אַ שעה פריער, איידער איך האָב פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל: אַרום 11 אַזייגער האָט אַ באַוואָפנטער רויט־אַרמייער אים געפירט צום צווייטן ווינקל פון וואַרט־זאַל אין וואַש־צימער. עס איז געווען אַן אויסטערליש, שוידערלעך בילד: חבר ערליך, אין זיין גראַנאַט־אַנצוג,מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ, מיט זיין שיינעם, שטאָלצן אויסזען, און הינטער אים — אַ קליין־געוויקסיקער אַרמייער, מיט אַ הויכער רוסישער ביקס, פירט אים, ווי אין אַמאָליקע צאַרישע צייטן. הונדערטער פּאָר אויגן האָבן נאָכגעפאָלגט די דאָזיקע סצענע. צענדליקער פון די, וואָס האָבן דערקענט ערליכן, האָבן אָפּגעקערט די בליקן נישט צו זען די שאַנד פון דער סאָוועט־רעגירונג.

⁂

ווי אַ סימבאָלישער אַקאָמפּאַנימענט צום אַרעסט פון הענריק ערליך זאָל דינען דער פאָלגנדער פאַקט:

אין יענע טעג איז אין דער זעלבער שטאָט בריסק, אויפן הויפּט־פּלאַץ, פאָרגעקומען אַ מיליטערישער פּאַראַד — אַ פאַרברידערונג אויפמאַרש פון סאָוויעטישע און נאַציסטישע מיליטער־אָפּטיילונגען. בריסק איז דאַן געוואָרן אַ גרעניץ־שטאָט און דער געמיינזאַמער מיליטערישער פּאַראַד האָט געזאָלט דינען אַלס צייכן פון סאָוויעטיש־נאַצישער פריינדשאַפט. האָבן בשכנות געפלאַטערט די פענער מיטן האַקנקרייץ און סערפּ־האַמער, האָבן זיך געמישט די טענער פון „אינטערנאַציאָנאַל" מיטן האָרסט־וועסעל־ליד. די דאָזיקע חרפּהדיקע סצענע האָבן צוגעזען נישט נאָר די בריסקער יידן, נאָר אויך טויזנטער יידישע פּליטים פון שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, וואָס די נאַציס האָבן געברענט, פּאַגראָ־

מירט און באַרויבט, יידן וועמעס נאָענטע זיינען דורך די נאַצישע רוצחים גע־פייניקט, געשענדעט און געמאָרדעט געוואָרן.

באַמיאונגען זיך צו דערוויסן וועגן גורל פון די אַרעסטירטע

גלייך ווי די ידיעה וועגן אַרעסט פון די ח״ח ערליך און אַלטער איז אָנגע־קומען קיין ווילנע, וואו ס'האָט זיך דעמאָלט געפונען שוין דער איבערגעבליבע־נער טייל פון צ. ק. פון „בונד", — האָט מען גענומען זוכן וועגן און מיטלען, ווי אַזוי צו דערגיין, וואו זיי געפינען זיך — אין וועלכער טורמע און ביי וועלכע באַדינגונגען.

וועגן אַלטערן האָט מען זיך פריער דערוואוסט, אַז פון קאָוועל, וואו ער איז געוואָרן אַרעסטירט האָט מען אים איבערגעשיקט ווייטער קיין סאָוועט־רוסלאַנד, וואַרשיינלעך, קיין מאָסקווע.

וואָס שייך ערליכן האָבן אייניקע חברים אין ווילנע אויסגעדריקט זייער גרייטקייט זיך אַריבערצושמוגלען איבער דער גרענעץ אויף דער סאָוועטישער זייט און דאָרטן זיך באַמיען אויסצוגעפינען דאָס אָרט, וואו ער זיצט אין טורמע. דריי חברים האָבן געמאַכט אַזעלכע פּרואוון, אָבער בלויז איינעם פון זיי איז געלונגען צו דערגיין, אַז אין דער טורמע פון ב ר י ס ק, אין דער שטאָט, וואו מ'האָט אים געהאַט אַרעסטירט אויפן וואָקזאַל, איז ער שוין מער נישטאָ. אָט די ידיעה איז געקומען פון ח' שמואל אַדלער, אַ דרוקער־אַרבעטער, וואָס האָט געאַרבעט ביז דער מלחמה אין דער דרוקעריי פון דער „פאָלקס־צייטונג". אַליין אַ שווער קראַנקער אויף די נירן, האָט ח' אַדלער איינגעשטעלט זיין לעבן, אַריבער פון ווילנע אויף דער סאָוועטישער זייט, דאָרטן לאַנג אַרומגעזוכט, ער האָט זיך דערקליבן ביז בריסק, וואו, ווי אייניקע פּליטים האָבן פאַרזיכערט, מ'זאָל האָבן ערליכן געזען אויפן שפּאַציר אין טורמע־הויף. ח' אַדלער איז דערגאַנגען, אַז מ'נויטיקט זיך אין אַ בלעכער־אַרבעטער אויף צו פאַרריכטן דעם דאַך פון טורמע־בנין. ער האָט זיך אַריינבאַקומען ווי אַ בלעכער אין טורמע־בנין, אַ פּאָר טעג געאַרבעט אויפן דאַך און ס'איז אים געלונגען גענוי זיך צו דערוויסן, אַז ח' ערליך איז שוין מער נישטאָ אין בריסקער טורמע — מ'האָט אים אַוועקגעפירט פון דאָרטן. דאָס איז געווען די לעצטע ידיעה פון ח' אַדלער, ווייל ער אַליין איז גאָר גיך אַרעסטירט געוואָרן אויף דער סאָוועטישער זייט, געזעסן אין ביאַליסטאָק און איז אומגעקומען ערגעץ אין אַ סאָ־וויעטישער טורמע צוגלייך מיט הונדערטער אַנדערע אַרעסטירטע אין יענער צייט.

נאָך אַ פּרואוו זיך צו דערוויסן וועגן גורל פוןביידע אַרעסטירטע איז גע־מאַכט געוואָרן אין לעמבערג דורך דער פאַרמיטלונג פון דער באַקאַנטער פּוי־לישער שריפטשטעלערין װ אַ נ ד אַ װ אַ ש י ל ע װ ס ק אַ, אַ געוועזענער מיטגליד פון פּ.פּ.ס., טאָכטער פון באַרימטן פּוילישן סאָציאַליסטישן פירער לעאָן וואַשילעווסקי. זי איז נאָך דער אָקופּאַציע פון פּוילן דורך די סאָוויעטן

אַריבער צו די קאָמוניסטן און געוואָרן אַן איינפלוסרייכע פערזענלעכקייט אין די קרייזן פון קרעמל. זי איז אַפילו אויסגעוויילט געוואָרן פון לעמבערג אין העכסטן ראָט פון די סאָוויעטישע פעלקער אין מאָסקווע. וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ איז געווען גוט באַקאַנט מיט די בונדישע קרייזן אין וואַרשע און באַפריינדעט מיט ערליכן און אַלטערן.

סוף דעצעמבער 1939 איז אויפן וועג פון ווילנע צוריק קיין וואַרשע, וואוהין ער איז דעלעגירט געוואָרן פון צ. ק. צו דער אונטערערדישער אַרבעט, אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק דער ח׳ בערעק שניידמיל (געפאַלן בעתן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע). דאָרטן האָט דעמאָלט געוואוינט ווי אַ פּליט דער ח׳ לודוויק האָניגוויל, באַקאַנטער פּאָליטישער פּאַרטייזיקער און נאָנטער פריינט פון ערליך און אַלטער. אים האָט דאָס ח׳ שניידמיל איבערגעגעבן די אויפ־פאָדערונג פון צ. ק. צו פאָרן פון ביאַליסטאָק קיין לעמבערג צו וואַנדאַ וואַשי־לעווסקאַ און איר בעטן צו טאָן וואָס זי קען נאָר וועגןביידע אַרעסטירטע. ח׳ האָניגוויל איז אויך געווען גוט באַקאַנט מיט וואַשילעווסקאַן נאָך פון וואַרשע. הגם ביאַליסטאָק און לעמבערג האָבן זיך געפונען אין זעלביקן סאָוויעטישן אָקופּאַציע־געביט (ווילנע איז אין יענער צייט געווען אונטער דער ליטווישער אָקופּאַציע), איז דאָך אין יענע מהומה־טעג דער וועג פון ביאַליסטאָק קיין לעמבערג נישט געווען קיין לייכטער. דערצו נאָך איז ח׳ האָניגוויל געווען אַ גוט באַקאַנטער בונדיסט, וואָס האָט אים אַליין אויך אַוועקגעשטעלט אין אַ געפערלעכער לאַגע.

אין לעמבערג וואוהין ח׳ האָניגוויל איז אָנגעקומען אין יאַנואַר 1940, האָט ער נישט אַזוי לייכט זיך געקאָנט טרעפן דירעקט מיט וואַנדאַ וואַשילעוו־סקאַ; דורך דער פאַרמיטלונג פון באַרימטן פּאַרטיידיקער לייב לאַנדוי (אומ־געבראַכט דורך די נאַציס) האָט ער זיך געטראָפן מיט באָלעסלאַוו דראָבנער (אַ לינקער פּ.פּ.ס., וואָס איז צוזאַמען מיט וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ אַריבער צו די קאָמוניסטן) און יענער האָט שוין אַראַנזשירט אַ צוזאַמענטרעף פון ח׳ האָניגוויל מיט איר. וואַשילעווסקאַ האָט גלייך געזאָגט: „ביי די באָלשעוויקעס איז נישט אַזוי לייכט צו אינטערווענירן״; פונדעסטוועגן וועט זי פּרואוון עפּעס זיך צו דערוויסן וועגן זייער גורל. אָבער דאָס דאַרף פאַרנעמען אַ סך צייט, זיכער לאַנגע וואָכן. ח׳ האָניגוויל איז אָפּגעפאָרן פון לעמבערג און איבערגעלאָזט דעם ח׳ לעאָן פיינער (שפּעטער פירער פון אונטערערדישן „בונד״ אין וואַרשע) ער זאָל אויפנעמען די אינפאָרמאַציע פון וואַשילעווסקאַ, אויב אַזאַ וועט אָנ־קומען, און עס איבערשיקן צום צ.ק. אין ווילנע. מיט אַ צייט שפּעטער איז טאַקע קיין ווילנע אָנגעקומען דער ענטפער פון וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, ער איז געווען זייער אַ קורצער, בלויז צוויי ווערטער: ז י י ל ע ב ן. אין יענע אומ־שטענדן האָט די דאָזיקע קורצע ידיעה באַטייט זייער פיל...

יוסף ראָטנבערג

מיטן ח׳ ערליך אויפֿן וואַנדערוועג*)

. . . מיר האָבן נישט באַוויזן אָפּצוגיין קיין צוואַנציק טריט, אַהאַ, עס הערט זיך שוין ווידער דאָס בייזע ברומען און הודזשען און — שרעקלעכע עקספּלאָזיעס. דאָס מאָל האָט זיך דער בייזער צאָרן אויסגעגאָסן אויפֿן סאַמע יידישן צענטער (מעזריטש — רעד.). מיר האָבן גענומען זוכן אַ פּאַסיק באַהעלטעניש. נישט ווייט פֿון אונדז איז געווען אַן אָרט שיטערלעך באַוואַקסן מ͏ִיטביימלעך, האָבן מיר זיך אַ לאָז געטאָן אַהינצו. קוים צוגעקומען צום מכלומרשטן וועלדל, אַז מיר דערזעען אַ פֿייער, וואָס צעפֿלאַמט זיך אַלץ שטאַרקער; הינטער דעם וועלדל האָבן זיך געפֿונען עטלעכע פֿויערישע הייזקעס... די שרעקלעכע אויפֿרייסן הערן נישט אויף קיין איין רגע. די פֿרויען זיינען אַריינגעפֿאַלן אין אַ היסטעריע און געמאַכט אַזעלכע יללות און געשרייען, אַז די האָר אויפֿן קאָפּ האָבן זיך געשטעלט...

... איך הויב־אויף דעם קאָפּ פֿון דער ערד אַרומצוקוקן זיך, ווי ווייט מיר זיינען פֿון דער באָמבאַרדירטער געגנט, דערזע איך, אַז ערליך שטייט און קוקט אָנגעשטרענגט. צי האָט ער זיך איינגעקוקט אין דער וויסטער נאַכט, אין הימל, וואָס האָט געפֿלאַמט אין רויטן אָפּשיין פֿון פֿייער? צי האָט ער אויפֿגעכאַפּט די האַרצרייסנדיקע יללות פֿון די אומגליקלעכע?.. איך האָב אויסגעשפּרייט מיין זומער־מאַנטל און פֿאָרגעלייגט אים אַוועקצוזעצן זיך. איך בין זיכער געווען, אַז אַוועקלייגן זיך וועט ער בשום אופֿן נישט. „מען דאַרף צוגיין העלפֿן דאָרטן", — האָט ער שטיל געזאָגט, אָבער כמעט אַלע האָבן עס דייטלעך געהערט. אַזויפֿיל מיטלייד און צער און — צו דער זעלבער צייט — פֿאָדערונג, האָט זיך געהערט אין די ווערטער. אַ טייל פֿון אונדז זיינען אויפֿגעשטאַנען און געלאָזט זיך אין דער ריכטונג פֿון די געשרייען... אַ ווילדער געברום פֿונדאָסניי און ווידער ציטערט אַלץ אויף פֿון די שרעקלעכע אויפֿרייסן... אַ ים פֿון פֿייער האָט פֿאַרגאָסן די נאַכט... דאָס יאָמערלעכע געשריי האָט אַלץ נישט אויפֿגעהערט.

---

*) אין זיין בוך „פֿון וואַרשע ביז שאַנכאַי" (מעקסיקע, 1948) דערציילט ח׳ ראָטנבערג וועגן זיינע באַגעגענישן מיטן ח׳ ערליך אויפֿן וואַנדערוועג פֿון וואַרשע איבער יענעם טייל פּוילן, וואָס איז, לויטן אָפּמאַך מיט היטלערן, אָקופּירט געוואָרן דורך סטאַלינען. מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר פֿראַגמענטן. — רעד.

שפּעט ביינאַכט האָבן מיר פֿאַרלאָזט מעזריטש.

— — — — — — — — — — — — — — — —

. . . בליץ שנעל האָט זיך דאָס שטעטל (קאַמענעץ — רעד.) דערוואוסט, אַז ערליך איז דאָ, כהרף עין זיינען מיר געווען איינגעאָרדנט. — אויך איר זייט פֿון ערליכס מענטשן (פֿרעגט מיך אַ יונגערמאַן מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל) קומט אַריין אין שטוב, דאָ זיינען אַלע פֿאַראַן.

. . . אַז ס׳האָט זיך געגרויט אויף טאָג, זיינען מיר אַרויסגעפֿאָרן. דער וועג איז געווען אַ טיף־זאַמדיקער און געוויקלט זיך באַרג־אַרויף. כדי נישט צו פֿאַרמאַטערן די פֿערד זיינען מיר געגאַנגען צופֿוס... אויף דער דראָזשקע פֿלעגן פֿאָרן בלויז די פֿרויען און צייטנווייז אויך די עלטערע און שוואַכערע מענער לויט אַ ריי, טוישנדיק זיך... ח׳ ערליך האָט זיך אַלע מאָל אָפּגעזאָגט אויסצונוצן זיין ריי. איך האָב זיך געהאַט מיין השערה דעריבער: אין פֿאַרשידענע מאָמענטן, ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן (און אַזעלכע זיינען אין וואַנדערוועג געווען זייער פֿיל) האָב איך באַמערקט, אַז דער ח׳ ערליך מיידט אויס יעדער פּריווילעגיע אין באַצוג צו אים, נישט נאָר ער מיידט אויס, נאָר ער באַציט זיך אַפֿילו מיט אומווילן. ער האָט עס נישט געזאָגט, נישט אַרויסגעוויזן שאַרף, אָבער עס איז שוין אַזוי אויסגעקומען. ער האָט נישט געוואָלט זיין צווישן די פּריווילעגירטע ביים פֿאָרן, צווישן די ערשטע ביים עסן און צווישן די לעצטע ביים אויספֿירן עפּעס אַן אַרבעט. אָפּטמאָל, ווען אויף די ווינציקע פֿורלעך האָט נישט געסטייעט קיין ערטער פֿאַר אַלע, פֿלעגט מען זיך אויך טיילן לויט אַ ריי אַלע צוואַנציק מינוט. עס זיינען געווען אַ טייל וואָס האָבן, אפֿשר נישט ווילנדיק, פֿאַרגעסן אין זייער שוין אָפּגעפֿאָרענער צייט. ח׳ ערליך האָט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, פֿאַרקערט — ער האָט שוין צו אייפֿעריק אָפּגעהיט, אַז ער זאָל חלילה, עמיצן נישט באַעוולהן. ער האָט זיך בשום אופֿן נישט געלאָזט אָפּנאַרן מיטן זייגער, ווען אַנדערע האָבן געוואָלט אויף אַזאַ אופֿן „אַרייננאַרן“ אים אַ שטיקל צייט פֿון זייערער. מענטשן האָבן אויפֿן שווערן וואַנדערוועג אַרויסגעוויזן אַ סך שוואַכקייטן, דער זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר פֿיל שטאַרקער, ווי געזעלשאַפֿטלעכע תּורות און טראַדיציעס. ח׳ ערליך האָט אַלץ געזען, אָבער ווי פֿיין און סובטעל ער האָט געקענט אַוועקקוקן. קיינמאָל נישט קיין בייזע מינע, זעלטן, זייער זעלטן, אַ שאַרפֿע רעאַקציע. שטענדיק רואיק, באַהערשט און וואַרעם אויפֿמערקזאַם צו יעדן איינעם. האָט מען זיך געזעצט אָפּרוען, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, צי אַלע זיינען דאָ, דאָס זעלביקע ביים עסן, און אַלץ אַזוי שטיל, אָן טומל.

— — — — — — — — — — — — — — — —

. . . צומאָרגנס זיינען מיר אַרויסגעפֿאָרן (פֿון פּרוזשאַנע) אין דער ריכטונג פֿון שטעטעלע מאַלטש, וואָס ליגט אויפֿן וועג קיין קאַרטוז־בערעזע. ס׳איז געווען שבת, און מאַלטשער יידן פּראַוועט טאַקע שבת, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען — ווער מלחמה, וואָס מלחמה. ווי אין אַלע ווייסרוסישע שטעטלעך איז דער מאַרק — דער יידישער צענטער, פֿון וועלכן עס וויקלען זיך אַרויס אַלע

איבעריקע געסלעך. היינט איז אויפן מאַרק שטיל. עס איז שבת, עס הויבן זיך אָן באַוויזן אַלץ מער יידן אין שבתדיקע בגדים, מען הויבט אָן, זעט אויס, אומקערן זיך אַהיים פון דאַוונען.

יידן האָבן אונז גלייך דערזען, איידער וואָס־ווען זיינען מיר שוין געווען אַרומגערינגלט פון אַן עולם מענער, פרויען און קינדער. צווישן עולם האָט זיך גלייך דערהערט אַ שעפּטשען: אוי, אַדוואָקאַט ערליך, דער פירער פון „בונד" איז דאָ. דאָס זעט אויס האָבן די ייִנגערע דערקענט ערליכן. מיט גרויס דרך־ארץ האָט איינער דעם אַנדערן אָנגעוויזן אויף ערליכן. „אַ קליי־ניקייט, אַדוואָקאַט ערליך", — הער איך ווי אַן עלטערער ייד קלערט אויף דעם צווייטן. יענער, צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פון ערליכן. „שוין איינמאָל אַ פיגור" — גיט צו פאַרשטיין אַ מאַן דער פרוי זיינער, — פון די ערשטע אין פוילן". אַנדערע, עלטערע יידן שוין, דערנענטערן זיך און גיבן אָפּ שלום עליכם.

. . . אַ געריַרטער פון האַרציקן קבלת פנים, האָט זיך ח' ערליך געזעגנט מיטן עולם. זיין פנים מיטן אייגנאַרטיקן אויסדרוק פון באַשיידנקייט און איידל־קייט האָט דערביי פריינטלעך געשמייכלט. „שאַ, שטיל, האָט זיך געריסן איינער אַ יונגערמאַן, ערליך זאָגט עפּעס". „איך זאָג, שמייכלט ערליך, זייט געזונט מיינע פריינט, לאָמיר דערלעבן בעסערע צייטן". זיין פנים איז געוואָרן ערנסט און אומעטיק. עס איז אַ מינוט גאַנץ שטיל געוואָרן, ווי דער עולם וואָלט פּלוצלונג דערפילט די גאַנצע ערנסטקייט פון מאָמענט.

— —

. . . אין בערעזע זיינען מיר גלייך פאַרפאָרן צו ר' שכנאָן. ער איז געווען נישט נאָר דער גביר פון שטעטל, נאָר דער סאַמע חשובסטער באַלעבאָס, דאָס שיינדל פון שטעטל. דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע יידישע פּערזענ־לעכקייט, אַ ליטוואַק, אַ תלמיד חכם מיטן געמיט און האַרציקייט פון אַ ווייס־רוסישן פּאָלקס־ייד.

. . . אַז מיר זיינען צוגעקומען צום בריקל, פאַר ר' שכנאס הויז, האָבן שוין אַלע געוואַרט אויף אונז. באַגריסנדיק זיך מיט ערליכן, האָט דער אַלטער ר' שכנא לאַנג און שטילשווייגנדיק געדריקט זיין האַנט מיט ביידע הענט. אַז אַלע האָבן אָנגעהויבן אַריינגיין אין שטוב, זאָגט מיר דער אַלטער מיט אַ ציטערדיקער שטים: איך דאַנק אייך פון גאַנצן האַרצן פאַר די גרויסע געסט, וואָס איר האָט געבראַכט צו מיר אין שטוב אַריין, ווען וואָלט איך געהאַט די זכיה צו האָבן ביי מיר אין שטוב אַזאַ חשובן גאַסט ווי ערליך.

. . . דער אַלטיטשקער גאָדל פּיאַסעצקי, דער עלטסטער בונדיסט אין בערעזע, אַ פּערזענלעכער פריינט פון בייניש מיכאַלעוויטש, מיט וועלכן ער האָט נאָך מיטגעאַרבעט אין בריסק, איז אויך געווען אַ שטאַרקער פאַרערער פון ערליכן. מיט מיר, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט איינאָרדענען פאַרלעזונגען און איינלאַדן רעפערענטן, פלעגט ער כסדר פירן אונטערהאַנדלונגען, אַז מען זאָל איינלאַדן ערליכן. ליידער, איז ח' ערליך שטענדיק געווען פאַרנומען.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון אַלטיטשקנס פּנים. עס איז באמת שווער איבערצוגעבן אין ווערטער די דאָזיקע באַגעגעניש זיינע איצט מיטן ח׳ ערליך. אַ דינער שטראָם טרערן איז אים גערונען פון די אויגן. פון גרויס אויפרעגונג האָט ער קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען. מען האָט געהערט נאָר שטאַמלען דאָס וואָרט: ח׳ ערליך. ענדלעך האָט ער זיך באַרואיקט, אַוועקגעזעצט זיך נאָענט פון ח׳ ערליכן, און די גאַנצע צייט קיין אויג פון אים נישט אַראָפּגענומען.

זאָגט צו מיר דער אַלטער ר׳ שכנא מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל: זעט איר, מען קען זיך פאַרשאַפן עולם הבא אין איין מינוט, איר האָט זיך היינט צוויי מאָל פאַרדינט עולם הבא: ביי פּיאַסעצקין און ביי מיר. איך דערנענטער זיך צום אַלטיטשקן און זאָג אים שטיל: נו, ח׳ פּיאַסעצקי, ענדלעך האָבן מיר דעם ח׳ ערליך אין בערעזע...

— — — — — — — — — — — — — — — —

... אַ טאָג נאָך אונזער אָנקומען קיין פּינסק האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען און באַלד האָט אויך דער ראַדיאָ איבערגעגעבן, אַז די רויטע אַרמיי איז אַריבערגעגאַנגען די סאָוויעטיש־פּוילישע גרענעצן אין אַ רייע פּונקטן. געווען איז דאָס דינסטאָג דעם 18טן סעפּטעמבער...

... איך דערמאָן זיך איינמאָל אַ פאַרנאַכט; דאָס איז געווען דעם זעל־ביקן טאָג, ווען דער ראַדיאָ האָט אָפיציעל געמאָלדן די ידיעות וועגן די באַ־וועגונגען פון דער רויטער אַרמיי. מיר האָבן אַלע געשוויגן אין דערוואַרטונג, אַז ח׳ ערליך וועט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט אויך געשוויגן. צום סוף האָט איינער נישט אויסגעהאַלטן און אַ זאָג געטאָן: „דאָס איז דאָך אַ מעסער אין רוקן פון פּוילן, מ׳גייט זיך, מכלומרשט באַוואָרענען די גרענעצן“. דרויף זאָל ח׳ ערליך רואיק האָבן אָפּגעענטפערט: „יאָ, די געשיכטע האָט זיך ערשט אָנ־געהויבן. לאָמיר דעריבער אָפּוואַרטן און אָפּהאַלטן זיך פון פּריצייטיקע קאָ־מענטאַרן. עס איז אַ צו ערנסטע געשיכטע“.

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבן פון פריער שוין נישט געמאַכט זיך קיין אילוזיע, אַז עס וועט זיך לאַנג לאָזן אויסבאַהאַלטן דער פאַקט, וואָס אַ גרויסער טייל פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד“ געפינט זיך אין פּינסק. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט מען אַרויסגערופן ח׳ וו. אין דער שטאָטישער קאָמענדאַנטור און מען האָט אים אין אַ גאַנץ פריינטלעכן טאָן אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן „בונד“ און אַגבֿ אויך וועגן דעם, צי דער צ. ק. מיט ערליכן בראש געפינט זיך אין פּינסק, וואָס זיי האָבן בדעה צו טאָן און ווי איז די שטעלונג פון צ. ק. צו די לעצטע געשעענישן א. אַז. וו. מיר זיינען אַלע געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס׳איז די העכסטע צייט צו לאָזן זיך אין וועג אַריין...

— — — — — — — — — — — — — — — —

...מיר זיינען געקומען קיין בריסק.

די ידיעה וועגן ח׳ אַלטערס אַרעסט אין קאָוועל האָט געמאַכט אַן ענד־

גילטיקן סוף צו אַלע אילוזיעס. עס איז פּאַר יעדן פון אונז קלאָר געוואָרן, אַז פּאַר בונדיסטן וועט ווערן פון טאָג צו טאָג ערגער, און אַז די אָנפירנדיקע פּערזאָנען דאַרפן וואָס שנעלער אָפּפאָרן קיין ווילנע, אָדער בעסער גענאָגט צו דער ליטווישער גרענעץ, וואָס איז געווען דער איינציקער אויסוועג זיך צו ראַטעווען.

ווי אַזוי אָבער פאַרט מען? באַזונדערס שאַרף האָט זיך אַוועקגעשטעלט די פראַגע לגבי ח׳ ערליך. און דאָס נישט נאָר צוליב אָביעקטיווע, נאָר אויך צוליב ריין סוביעקטיווע טעמים, וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט ח׳ ערליכס פּערזענלעכקייט. איך האָב שוין דערמאָנט, ווי אַזוי אין מעזריטש, הינטער דער שטאָט ביים בערגל, ווען אַלעמען האָט באַהערשט אַן אומגעהייערע שרעק, וואָס האָט זיי אַוועקגעשליידערט אויף דער ערד, איז ח׳ ערליך געבליבן שטיין. איך האָב געמיינט, אַז ער וויל זיך נישט אַוועקלייגן אויף דער שמוציקער ערד. האָב איך פאַנאַנדערגעוויקלט מיין מאַנטל, אָבער ער איז ווייטער געשטאַנען, געקוקט צום פייער און זיך איינגעהערט. ער איז געשטאַנען איבער אונז מיט זיין הויכער אימפּאָזאַנטער פיגור, און מיר, אין אונזער שרעק, ליגנדיק אויף דער ערד, האָבן אויסגעזען אַזוי נעבעכדיק, אומבאַהאָלפן. איך האָב דעמאָלט געטראַכט, אַז האַלטן זיך אַזוי ווירדיק ביי אַזעלכע אומשטענדן קאָן אַ מענטש נישט נאָר צוליב דרייסטקייט (קאָן דען זיין אַ פראַגע פון דרייסטקייט, ווען עראָפּלאַנען פליען איבערן קאָפּ און וואַרפן אַ האָגל פון באָמבעס), נאָר אַ דאַנק אַ שטאַרק אַנטוויקלטער מענטשן־ווירדע.

. . . איך דערמאָן זיך פאַלגנדיקן עפּיזאָד פון פּינסק: נאָכן אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי און נאָכדעם ווי דער נ.ק.וו.ד. האָט זיך נאָכגעפרעגט ביים ח׳ וו. אויף ערליכן, האָט מען געהאַלטן, אַז ח׳ ערליך דאַרף זיך וואָס זעלטענער ווייזן אויף דער גאַס ביים טאָג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַלץ צו באַזאָרגן, וואָס עס איז נויטיק, כדי קיינער פון דער פאַמיליע ערליך זאָל זיך נישט דאַרפן צופיל ווייזן אין דער עפנטלעכקייט. איינמאָל איז מיר אויסגעקומען אויסצווואַרטן ביי אַ באַקאַנטן בעקער נאָך ברויט, פּלוצים פאַלט אַריין דער בעקער פון גאַס מיט אַ געשריי: „וואָס עס קען אַלץ געשען, ערליך, ח׳ ערליך שטייט אין דער ריי נאָך ברויט. פינצטער איז מיר געוואָרן אין די אויגן". ער האָט געכאַפּט צוויי ברויט און גיך אַרויסגעלאָפן.

. . . ח׳ ערליך האָט נישט געקאָנט סובל זיין קיין פּריווילעגיעס און ער איז אַליין אַוועק אין דער ריי נאָך ברויט. וואָס איז שייך קאָנספּיראַציע, האָט ער זי אָנגענומען ווי אַן אויפגעצוואונגענע זאַך, וואָס ער האָט צוליב זיין אינערלעכער ווירדע נאָך ווייניקער געקענט איבערטראָגן. אין בריסק איז די לאַגע געווען פיל ערנסטער און אויך דאָ איז דעם ח׳ ערליך אויסגעקומען צו „פּראַווען קאָנספּיראַציע", ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. יעדן אָוונט פלעגן ח׳ מענדעלסאָן און איך אַוועקגיין צום ח׳ ערליך אַרויסנעמען אים אויף אַ ביסל פרישער לופט, אַ קליינעם שפּאַציר מאַכן אין די שכנותדיקע פינצ־טערע גאַסן. ח׳ ערליך איז דעמאָלט כסדר געווען אין אַ געדריקטער שטי־

מונג. ער האָט זיך, ווי זיין שטייגער איז געווען, נישט באַקלאָגט, נישט אַרויס־געוויזן קיין שום אויסערלעכע סימנים פון נערוועזקייט, אָדער געררייצטקייט. אָבער אין זיין שווייגן, אין שטילן אומעט פון זיינע אויגן, האָט מען געקאָנט אַרויספילן, ווי דערדריקנדיק עס ווירקט אויף אים די דאָזיקע קאָנספּיראַציע.

אין איינעם אַן אָוונט, אַרויפקומענדיק צום ח׳ ערליך האָב איך דאָרטן געטראָפן אַלע: מענדעלסאָנען, לייבעטשקען און גילינסקין און דערוואוסט זיך, אַז נאָך אין זעלביקן אָוונט פאָרט ח׳ ערליך אָפּ אין דער באַגלייטונג פון לייבעטשקען. ח׳ ערליך האָט אויסגעזען צו זיין אין אַ מער הייטערער שטימונג. אין זיין פאַרהאַלטן זיך, אינם טאָן פון רעדן האָט זיך אַרויסגעפילט אַ פולשטענ־דיקע רואיקייט פון געמיט. איך האָב עס אויסגעטייטשט דערמיט, וואָס ענדלעך ווערט ער פּטור פון דער פּיינלעכער, זינלאָזער קאָנספּיראַציע. איך בין נישט געווען אַזוי רואיק און האָב כסדר געטראַכט, מיט וואָס קען מען באַוואָרענען, אַז מען זאָל נישט דערקענען די אימפּאָזאַנטע פיגור, דאָס אַריסטאָקראַטיש־אינטעליגענטישע פנים, וואָס יעדער אַרבעטער פון פוילן קען עס. מיט אומ־געדולד האָב איך געוואַרט אויפן מאָרגנדיקן טאָג.

און דאָס גרויסע אומגליק איז געשען. צומאָרגנס איז ח׳ לייבעטשקע צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין און אונז איבערגעגעבן, אַז ביינאַכט איז ח׳ ערליך אַרעסטירט געוואָרן . . .

לוציאַן בליט

הענריק ערליך און וויקטאָר אלטער אין סאָוויעט־רוסלאַנד

די אַלטערטימלעכע גריכן האָבן נישט געקענט די באַדייטונג פון וואָרט: צופאַל. זיי זיינען געווען טיף איבערצייגט, אַז יעדער טריט פון מענטשן איז באַשטימט דורך זיין גורל. די פרומע יידן גלויבן, אַז יעדע מינוט פון אונזער לעבן איז אונטער דער השגחה פון גאָט אין הימל.

וויקטאָר אַלטער און הענריק ערליך האָבן נישט אויסגעקליבן סאָוויעט־רוסלאַנד, כדי דאָרט צו געפינען שוץ פון היטלערישן שטורעם, וואָס האָט פאַרטאָג, דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939 צעשטערט און פאַרניכטעט דעם שלום אויף דער וועלט. געטראָגן אויף די צעשטורעמטע כוואַליעס, האָבן זיי זיך דעם 17טן סעפּטעמבער פון זעלביקן יאָר, אומדערוואַרטעט דערזען אין שטעט, וואָס זיינען מיט סך־הכל איינציקע שעה פריער געווען אין דער פּוילישער רע־פּובליק, אָבער פּלוצלונג זיינען זיי געוואָרן פאַרנומען דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי.

דער גורל פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער איז געווען געחתמעט. פּונקט ווי ס׳איז דאַן געחתמעט געוואָרן דער גורל פון דער יידישער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע און פּונקט ווי דער גורל האָט ביז צו אונזערע טעג אָפּגעשלאָסן דאָס קאַפּיטל, וואָס הייסט: פרייהייט און גערעכטיקייט אין אַ העלפט פון אייראָפּע.

***

מיטוואָך, דעם 6טן סעפּטעמבער 1939, האָבן די וואַרשעווער צייטונגען מיטגעטיילט דער באַפעלקערונג, אַז די רעגירונג האָט פאַרלאָזן די פּוילישע הויפּט־שטאָט.

צוויי סאָציאַליסטישע פירער — איינער פון פּ.פּ.ס., דער צווייטער פון „בונד" האָבן אין דאָזיקן טאָג אַרויסגעוויזן, אַז אין מאָמענטן פון גרויסע קרי־זיסן איז אינטואיציע ווערט נישט וויניקער, אויב נישט מער, ווי לאָגישער חשבון...

קיין מענטש אין וואַרשע, און וויניקער אויף דער וועלט, האָט גע־וואוסט, אַז דעם 23טן אויגוסט פון זעלביקן יאָר איז דורך ריבענטראָפּן און

אין רעדאַקציע פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־צייטונג״:

פון רעכטס אויף לינקס: ה. ערליך, וו. שולמאַן. ב. שעפנער, ל. האָדעס.

פון רעכטס אויף לינקס: י. ש. הערץ, ד״ר ע. שערער, פ. שוואַרץ, וו. אַלטער, מ. אַזשעך.

ה. ערליך מיט אַ גרופּע מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון דער „פאָלקס־צייטונג״.

די בונדישע דעלעגאַטן אויפן 6טן קאָנגרעס פון די פּראָפ. פאַראייינען אין פּוילן, אָקטאָבער 1937.

לאַנד-ראַט פון די יידישע פּראָפ. פאַראייינען אין פּוילן.

מיטינג פון פּ.פּ.ס. און „בונד" אין וואַרשע — דער פּרעזידיום.

מאָלאָטאָוון אין מאָסקווע אונטערגעשריבן געוואָרן, צוזאַמען מיט אַ נישט־אַגרעסיע־אָפּמאַך צווישן קאָמוניסטישן קרעמל און היטלעריסטישן בערלין — אויך אַ „געהיימער צוגאָב־פּראָטאָקאָל״, וואָס זיין צווייטער פּאַראַגראַף זאָגט: „אין פאַל פון טעריטאָריאַלער און פּאָליטישער רעאָרגאַניזאַציע פון די שטחים, וואָס געהערן צו דער פּוילישער מלוכה, וועלן די איינפלוס־גרענעצן פון דייטשלאַנד, און פון פאַרבאַנד פון די סאָציאַליסטישע סאָוויעט־רעפּובליקן זיך געפינען אַן ערך אויף דער ליניע פון די טייכן נאַרעוו, ווייסל און סאַן.״

מיטוואָך, דעם 6טן סעפּטעמבער 8 פרי, ווען די עוואַקואַציע פון וואַרשע, וואָס איז געווען פאַראָרדנט פון דער רעגירונג און פון דער הויפּט־קאָמאַנדע פון פּוילישן מיליטער, איז אָפיציעל באַקאַנט געוואָרן, איז אַ דעלעגאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״, אין די פּערזאָנען פון ערליך און אַלטער אַוועק צום צענטראַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, כדי געמיינזאַם פעסטצושטעלן די ווייטערדיקע טאַקטיק פון די אַרבעטער־פּאַרטייען אין אָנבליק פון דער שווערער לאַגע ערב דער דייטשער אָקופּאַציע פון וואַרשע. זיי האָבן אויף וואַרעצקע 7 געטראָפן דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון פּ.פּ.ס., קאַזשימיעזש פּוזשאַק. ער האָט געזאָגט די פאָרשטייער פון „בונד״: „איך גלויב נישט אין דער פאַרזיכערונג פון אונזער רעגירונג און פון דער מיליטערישער אָנפירונג, אַז מיר וועלן זיין אומשטאַנד צו פאַרטיידיקן זיך קעגן די דייטשן אויף דער בוג־סאַן ליניע. אויב פּוילן קען זיך נישט פאַרטיידיקן אויף דער ווייסל, צווישן 20 מיליאָן פּאָליאַקן, קען גאָט אַליין איר נישט העלפן אויפן בוג, צווישן אוקראַינער און ווייס־רוסן.״ און ווייניקער ווי צוויי וואָכן שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי ווייט קאַזשמיעזש פּוזשאַק האָט אינטואיטיוו בעסער פאַרשטאַנען די קאָנסעקווענצן פון דער קאַטאַסטראָפע, ווי די מערהייט פון די, וואָס האָבן נאָך אַלץ געגלויבט, אַז די פּוילישע אַרמיי קען טיפער אין לאַנד דערפאָלגרייך זיך אַנטקעגנשטעלן דער היטלערישער „ווער־מאַכט.״

צוויי שעה נאָך דער דאָזיקער באַגעגעניש איז אונטערן פאָרזיץ פון נח פּאָרטנאָי פאָרגעקומען די לעצטע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״, וואָס איז פריי און אָפן אויסגעוויילט געוואָרן אויף אַ גרויסן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי. איין פראַגע האָט נישט אַרויסגערופן קיין שום מיינונגס־פאַרשיידנהייט צווישן די אָנוועזנדיקע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, נעמלעך, די פראַגע וועגן דער עוואַקואַציע פון זיינע מיטגלידער צו אַן אָרט, וואָס זאָל נישט אַרונטערפאַלן אונטער דער היטלערישער הערשאַפט. אויפן סמך פון דער דערפאַרונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע — אומעטום, וואו פאַרן יאָר 1939 האָט דער האַקן־קרייץ איינגעשטעלט זיין געוואַלד־מאַכט — איז איין זאַך געווען אויסער יעדן ספק: די פאַרניכטונג פון דער לעגאַלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין מאָמענט, ווען די דייטשע אַרמיי און די געסטאַפּאָ וועלן אָקופּירן וואַרשע. אויב ס'איז מעגלעך אַזאַ זאַך ווי טאָפּלטע זיכערקייט, איז עס געווען בנוגע דעם „בונד״,

די ערשטע פיזיש אויסגעראָטן צו ווערן וועלן זיין די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון „בונד“: ווי סאָציאַליסטן און ווי יידן.

די איינציקע פראַגע איז געווען צו געפינען נייע, וויניקער אויסערלעך באַקאַנטע טוער, וואָס זאָלן תיכף צוטרעטן צו בויען די נייע, אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון „בונד“ אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. אַלטער האָט זיך דאַן פאַרגעלייגט אַלס איינער פון די פירער פון דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. דער דאָזיקער פאָרשלאָג האָט אין די אויגן פון אַלע אַנוועזנדיקע אויף דער זיצונג אויסגעזען אומלאָגיש און אַפילו געפערלעך פאַר דער נייער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט מאָרגן געזאָלט געבוירן ווערן. אַלטער איז דאָך געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע און באַקאַנטסטע מענטשן אין וואַרשע. במשך פון 20 יאָר האָט ער אייניקע מאָל אַ וואָך גערעדט אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, יידישע אַזוי גוט ווי פוילישע. פאַר דער גאַנצער צייט פון דער פוילישער אומאָפּהענגיקייט איז ער געווען ראַטמאַן און אַלדער־מאַן (מאַגיסטראַט־מיטגליד) פון דער וואַרשעווער שטאָט־פאַרוואַלטונג. קינד און קייט האָבן אים געקענט. זיכער איז ער געווען גוט פאַרנאָטירט ביי אַלע, וועלכע האָבן שוין דאַן געדינט אין דייטשן שפּיאָנאַזש אָדער ביי די, וועלכע האָבן געזאָלט אין אים דינען שפּעטער. אַלטער אַלס פירער פון דער אומלע־גאַלער בונדישער אָרגאַניזאַציע — האָט ערליך געזאָגט אויף דער זיצונג — וואָלט נישט נאָר שנעל געברענגט זיין אייגענעם סוף, נאָר וואָלט אויך מיט זיך מיטגעשלעפּט די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע גופא. אָבער דאַן האָט אַלטער געזאָגט אַ זאַץ, וואָס האָט אפשר נישט פאַרמאָגט אין זיך געוויינלעכע לאָגיק, אָבער איז דערפאַר געווען אַן אויסדרוק פון אַ געניאַלער און טראַגישער אינ־טואיציע: „דאָס איז מיין צווייטע וועלט־מלחמה. מיר וועלן פון דאַנען אַרויס־גיין הונדערט און נאָך דער מלחמה וועלן אפשר צוריקקומען צען. איך האָב פונקט אַזאַ שאַנס לעבן צו בלייבן אין וואַרשע ווי איך האָב, ווען איך וועל וואַרשע פאַרלאָזן...“

אַ קאָמיטעט קען זיך נישט לאָזן באַאיינפלוסן פון פאַרגעפילן. אַלטערן איז נישט דערלויבט געוואָרן צו בלייבן אין נאַצי־אָקופּירטן וואַרשע. צוזאַמען מיט נאָך חברים פון צ. ק. האָט ער זיך דערשלעפּט ביז מעזריטש. ווען אין וועג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז וואַרשע האָט זיך נישט אונטערגעגעבן און פאַרטיידיקט זיך ווייטער, האָט דער צ. ק. באַשלאָסן, אַז אַלטער און אַ גרופּע יוגנטלעכע חברים זאָלן זיך באַמיען צוריק זיך אַדורכצוריסן קיין וואַרשע. אַלטער מיט די יוגנטלעכע האָבן זיך דערשלעפּט צוריק ביז לובלין, אויסשטייענ־דיק אויפן וועג כסדרדיקע באָמבאַרדירונגען. אין לובלין איז זיי געלונגען צו־ריק צו אָרגאַניזירן די אָרטיקע חברים; צוזאַמען מיט דער פּ.פּ.ס. געהאָט פּלענער, ווי אַזוי איינצואָרדענען די שטאָט אויף ווייטער, אַלטערן איז נאָך געלונגען מיט גרויסע צרות אַרויסצוגעבן איין נומער פון דער „לובלינער שטימע“, דער בונ־דישער אָרגאַן, וואָס איז דערשינען ביז דער מלחמה. אָבער לובלין איז גיך געפאַלן. אַלטער האָט זיך געלאָזט ווייטער צוריק צו מזרח, דעם 17טן סעפּ־

טעמבער איז ער אַנגעקומען קיין קאָוועל. דעם זעלביקן טאָג האָט די רויטע אַרמיי אָנגעהויבן איר מאַרש קיין פּוילן. דער דערמאָנטער פּאַראַגראַף 2 פון „געהיימען צוגאַב־פּראָטאָקאָל", וועלכער איז פאַרפאַסט געוואָרן אין קרעמל דעם 23טן אויגוסט, איז אַריין אין קראַפט. די סאָוויעטישע אַרמיי האָט אויפן וועג צו דער ווייסל, בוג און סאַן פאַרנומען קאָוועל.

ערליך האָט, פּונקט ווי אַלע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד", פאַרלאָזן וואַרשע אַ טאָג נאָכדעם ווי די רעגירונג און די מיליטערישע אָנפירונג איז פון איר אַוועק. צופוס, צוזאַמען מיט אַ טייל מיטגלידער פון זיין משפחה און מיט אייניקע פון זיינע נאָענטסטע חברים האָט ער זיך פּרובירט דורכרייסן צו דער שטאָט בריסק ביים בוג. דאָרט האָט געזאָלט תיכף אָנהויבן פונקציאָנירן דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד". ער האָט זיך געזאָלט פון דאָרט שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער נייער געהיימער אָנפירונג פון „בונד" אין וואַרשע, וואָס אין איר שפּיץ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַבראַשע בלום, ביז דאַן אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד" און פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע (יוגנט־בונד „צוקונפט"). אָבער די דייטשע באָמבערס און טאַנקען האָבן צונישט געמאַכט דעם דאָזיקן פּלאַן, ווי פיל אַנדערע פּלענער. אַנשטאָט בלייבן אין בריסק האָט די מערהייט מיטגלידער פון דער בונדישער אָנפירונג זיך דערשלאָגן צו פּינסק. זיי האָבן דאָרט געהאַט אַ לאַנגע זיצונג שוין נאָכדעם, ווי ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז סאָוויעט־רוסלאַנד האָט באַשלאָסן צו אָקופּירן די מזרחדיקע העלפט פון פּוילן. די מעגלעכקייט פון קאַמף קעגן היטלערן איז דורך דעם אָפּגעשלאָסן געוואָרן דאָרט, וואו ערליך און זיינע חברים האָבן זיך געפונען. ערליך האָט באַשלאָסן צוריקצוגיין קיין בריסק, וואָס איז געלעגן אויף דער גרענעץ פון יענעם טייל פּוילן, וואָס איז געווען אָקופּירט דורך דייטשלאַנד.

⁂

דער ערשטער איז אין קאָוועל דורך דער סאָוויעטישער פּאָליציי אַרעסטירט געוואָרן וויקטאָר אַלטער.

אין קאָוועל זיינען אויך אָנגעקומען אַנדערע פּאָליטישע פּליטים. צווישן זיי זיינען געווען אייניקע מיטגלידער פון דער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּוילישע טרעיד־יוניאָנס, דער עיקר, פירער פון דער מעכטיקער אָרגאַניזאַציע פון די באַן־אַרבעטער. אַלטער, ווי אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיסיע, האָט זיך מיט זיי געטראָפן און האָט צוזאַמען מיט זיי אויסגעאַרבעט אַ מעמאָראַנדום צו דער סאָוויעטן־מאַכט, אין וועלכן די פּוילישע אַרבעטער־פירער האָבן גע־ברענגט צום אויסדרוק זייער מיינונג, אַז דער קאַמף קעגן היטלעריזם איז נישט פאַרענדיקט און אַז זיי זיינען גרייט מיטצואַרבעטן מיט די אָרטיקע סאָוויעטישע מאַכט־אָרגאַנען, כדי אויפסניי צו באַוועגן דאָס לעבן אין מזרח־פּוילן. אַלטער צוזאַמען מיט נאָך אייניקע טרעיד־יוניאָן־פירער האָט דעם דאָזיקן מעמאָריאַל איבערגעגעבן דעם סאָוויעטישן גאַרניזאָן־קאָמענדאַנט אין קאָוועל. דער גע־

שפּרעך איז געווען אַ פּריינטלעכער און האָט לגמרי נישט אָנגעזאָגט די טרזיעריקע רעזולטאַטן, וואָס זיינען געקומען אויפן צווייטן טאָג. אין דאָזיקן טאָג, דעם 26טן סעפּטעמבער, זיינען אַלע טרעיד־יוניאָן־פּירער, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם מעמאָריאַל צו דער סאָוויעטן־מאַכט, אַרויסגענומען געוואָרן פון זייערע וואוינונגען דורך באַוואָפנטע זעלנער פון דער סאָוויעטישער פּאָליטישער פּאָליציי (נ.ק.וו.ד.) און אַוועקגעפירט געוואָרן אין טורמע. איר טויער האָט זיך פאַר אַלטערן פאַרהאַקט פינקטלעך אויף צוויי יאָר.

ערליך איז אַרעסטירט געוואָרן אין בריסק מיט 8 טעג שפּעטער, דעם 4טן אָקטאָבער 1939. ער האָט געזאָלט פון בריסק זיך דורכשלאָגן איבער ביאַליסטאָק קיין ווילנע, וואו דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" האָט זיך ווידעראַמאָל געזאָלט צונויפזאַמלען. די שטאַרקע יידישע סאָציאַליסטישע טראַדיציעס פון ווילנע, די גרויס און רייפקייט פון איר יידישער באַפעלקערונג האָבן באַדאַרפט שאַפן אַרום דעם צ.ק. אַן אַטמאָספער פון מאָראַלישער און מאַטעריעלער שוץ, און אין אַזאַ אַמאָספער אָנהויבן די טעטיקייט פון פאַרבינדן זיך מיט דער אומלעגאַלער אָנפירונג אין וואַרשע, אָרגאַניזירן הילף פאַר איר סיי דורך שיקן אַהין אויסגעקליבענע מענטשן פון צווישן די, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין ווילנע, סיי דורך מאָביליזירן פאַר איר הילף פון אויסלאַנד, באַזונדערס פון אַמעריקע. ס'האָבן זיך שוין דאַן געטראָגן ערנסטע קלאַנגען, אַז סאָוויעט־רוס־לאַנד וועט ווילנע אַוועקגעבן די ליטווינער און ס'איז געווען באַגרינדעט דער געדאַנק, אַז ס'וועט זיך לייכטער זיין אַן עצה צו געבן מיט דער געהיים־פּאָליציי פון דער קליינער און שוואַכער ליטע ווי מיט דער גע.פּע.או. פון מעכ־טיקן סאָוויעט־רוסלאַנד.

ערליך האָט זיך געריכט צו ווערן אַרעסטירט דורך די רוסן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט ענדערן זיין אויסזען, אָפּראַזירן זיין באָרד, פאַרשטעלן זיך פאַר אַ פאַרלוירענעם פּליט, איינעם פון די הונדערטער טויזנטער, מיט וועלכע אַלע וואָקזאַלן אין דעם אָקופּירטן סאָוויעטן־טייל פון פּוילן זיינען דאַן געווען אָנגע־פּאַקט. זיין מענטשלעכער שטאָלץ האָט אים געשטערט צו זיין אַ דערפאָלגרייכער קאָנספּיראַטאָר.

אַ יידישער קאָמוניסט פון מעזריטש האָט לייכט דערקענט ערליכן צווישן די טויזנטער, וועלכע האָבן דעם 4טן אָקטאָבער געוואַרט אויף דער באַן, וואָס האָט געזאָלט אָפּגיין קיין ביאַליסטאָק. ער האָט, ווי אַ גוטער קאָמוניסט תיכף מיטגעטיילט דער סאָוויעטישער באַן־פּאָליציי ווער ס'איז דער הויכער מאַן מיט דער גרויער באָרד, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט מיט זיין רואיקייט צווישן דעם אויפגערעגטן, פאַרביטערטן, טומלדיקן עולם. ערליך איז אַרעסטירט געוואָרן.

*
**

מענטשן, וואָס וואוינען אין ציוויליזירטע לענדער, קענען זיך נישט פאַרשטעלן די לאַגע פון אַן אַרעסטאַנט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. פון דעם מאָ־

מענט, ווען די פּאָליציי פֿאַרמאַכט אים אין דער טורמע־קאַמער, איז זיין ביז־איצטיק לעבן אָפּגעשלאָסן פֿאַר אים אויף שטענדיק. ער האָט נישט קיין שום רעכט, אַפֿילו נישט ווען עס האָט צו טאָן מיט זיין פֿאַרטיידיקונג. ער ווערט אַ נומער צווישן מיליאָנען אַנדערע. ער ווערט געשלעפּט פֿון איין טורמע אין דער אַנדערער. ער ווייסט נישט חדשים לאַנג פֿאַרוואָס ער איז אַרעסטירט, אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט, צי ער וועט געמשפּט ווערן און ווען דאָס וועט געשען. ער האָט נישט קיין רעכט צו רופֿן עדות. ער האָט נישט קיין רעכט צו וויסן צו געבן אַפֿילו זיינע נאָענטסטע משפּחה־מענטשן, זיין פֿרוי און קינדער, וואו ער געפֿינט זיך און אַז ער איז בכלל אַרעסטירט. ער איז טויט פֿאַר יעדן איינעם, וועלכער האָט אים ביז איצט געקענט, ליב געהאַט, געשעצט. ער איז פֿאַרמשפּט נאָך איידער דער פֿאָרמעלער אורטייל איז אים מיטגעטיילט געוואָרן, איידער דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער האָט אים ביים ערשטן פֿאַרהער געפֿרעגט איינע פֿון די הונדערטער פֿראַגן, וועלכע וועלן אים געשטעלט ווערן. אין סאָוויעט־רוסלאַנד ווערט דער משפּט איבער אַ מענטשן אויסגעפֿירט דורך דעם געהיים־אַגענט, וועלכער לייגט אַרויף זיין שווערע האַנט אויף די פּלייצעס פֿון זיין קרבן. דער אורטייל איז באַקאַנט איידער דער באַשולדיקונגס־אַקט ווערט געשריבן, איידער די אויספֿאָרשונג ווערט אָנגעהויבן.

ערליך און אַלטער זיינען פֿאַרשוואונדן. יעזשי גליקסמאַן, אַלטערס ברודער (פֿון איין מוטער), האָט זיך דערוואוסט וועגן אָרט, וואו זיין עלטערער ברודער ווערט געהאַלטן. ער איז אַוועק צום קאָמענדאַנט פֿון דער קאָוועלער טורמע, כּדי זיך צו דערוויסן פֿאַרוואָס מען האַלט אין טורמע וויקטאָרן און אויך אים איבערצוגעבן וועש, זייף, טאַבאַק. איז ער אַליין דערפֿאַר פֿאַרמאַכט געוואָרן אין דער זעלביקער טורמע און נאָך אַ חודש פֿון וואָרנונג־אַרעסט האָט מען אים געזאָגט, ער זאָל מער נישט וואַגן זיך צו קימערן וועגן גורל פֿון זיין ברודער.

ווען מרים גוטגעשטאַלט, אַ לערערין פֿון די וואַרשעווער ציש״אָ־שולן, איז אין ווילנע אַוועק צו דער סאָוויעטישער טורמע־מאַכט, כּדי זיך צו דערוויסן וועגן גורל פֿון איר אַרעסטירטן מאַן, הערשן, האָט איר דער סאָוויעטישער טורמע־אָפּיציר געזאָגט: „איר, פֿרויען פֿון פּוילן, זייט נישט גאַנץ נאָרמאַל. ווען אין סאָוויעט־רוסלאַנד ווערט אַרעסטירט אַ מאַן, איז די ערשטע זאַך וואָס זיין פֿרוי טוט — באַקומען אַ גט און געפֿינען אַ צווייטן...“

***

ווינציק ווער פֿון די צענדליקער מיליאָנען, וועלכע זיינען אין פֿאַרלויף פֿון 30 יאָר קאָמוניסטישער הערשאַפֿט אין רוסלאַנד אַדורכגעגאַנגען די סאָוויעטישע טורמעס, איז געווען אימשטאַנד צו דערציילן דער וועלט, וואָס מיט אים איז דאָרט געשען. מיר ווייסן אָבער, וואָס עס איז געשען מיט אַלטערן און ערליכן צווישן אָקטאָבער 1939 און סעפּטעמבער 1941, ד. ה. פֿאַר דער צייט פֿון זייער ערשטן אַרעסט.

דער מחבר פון די דאָזיקע שורות האָט צווישן דעם 29טן אָקטאָבער און דעם 3טן דעצעמבער 1941, ד. ה., במשך פון קנאַפּע 5 וואָכן, ערב און ביז דעם מאָמענט פון זייער צווייטן אַרעסט, פאַרברענגט זיין גאַנצע צייט צוזאַמען מיט ערליכן און אַלטערן אין קויבישעוו. דער פוילישער פּאָעט וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי האָט מיר קיין בוזולוק, וואוהין איך בין אָנגעקומען, כדי זיך אָנצושליסן אין דער פוילישער אַרמיי, וואָס האָט — לויטן אָפּמאַך צווישן שיקאָרסקין און סטאַלינען — זיך אָנגעהויבן צו בילדן אין סאָוועט־רוסלאַנד, — געבראַכט צוויי בריוו פון ערליכן און אַלטערן. זיי האָבן אין די דאָזיקע בריוו באַשריבן זייערע לעצטע צוויי יאָר, זייערע פּלענער פאַר דער נאָענטסטער צוקונפט. זיי האָבן באַרירט געוויסע פראַגן, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט דער לאַגע פון די פוילישע יידן אין מיליטער און האָבן מיך געבעטן ווי אַמשנעלסטן צו קומען קיין קויבישעוו, וואו זיי האָבן זיך דאָן געפונען. דער דאָזיקער בריוו האָט מיך געברענגט אין פאַרלויף פון 48 שעה קיין קויבישעוו.

פון מאָמענט פון מיין אָנקומען קיין קויבישעוו, ביז זיי זיינען ביידע פאַרשוואונדן, האָב איך געוואוינט מיט אַלטערן און ערליכן אין זעלביקן נומער 31, וואָס האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק פון סאָוועטישן „גראַנד־האָטעל“ אויף קויבישעווסקאַיאַ אוליצאַ 131. פון צייט צו צייט האָט יעדערער פון אונז דערציילט געוויסע פּרטים פון זיין לעבן אין רוסישע טורמעס.

ערליך איז נישט לאַנג געהאַלטן געוואָרן אין בריסקער טורמע. מען האָט אים גיך איבערגעפירט קיין מאָסקווע, אין דער באַרימטער „בוטירקי“, וואו די גע. פּע. אוו. האָלט אירע וויכטיקסטע פּאָליטישע געפאַנגענע. מען האָט אים אויסגעפרעגט פיל מאָל, און — ווי געוויינלעך אין סאָוועט־רוסלאַנד — אין מיטן נאַכט. איינמאָל האָט ער דערקענט בעת זיין אויספאָרשונג דעם גוט־באַקאַנטן הויפּט־קאָמיסאַר פון גע. פּע. אוו. בעריאַ. אָבער בעריאַ אַליין האָט זיך נישט פאַרנומען מיט ערליכן. געוויינלעך האָבן דאָס געטאָן אַנדערע הויכע פּאָליציי־אָפיצירן. מען האָט ערליכן באַשולדיקט אין אַלע מעגלעכע פאַרברעכנס. מען האָט אים באַשולדיקט, אַז ער האָט צוזאַמען מיט די פאַרמלחמהדיקע פוילישע שפּיאָנאַזש אָמטן אָרגאַניזירט סאַבאָטאַזש־אַקטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. מען האָט אים אַדורכגעלייענט צוויי דערקלערונגען פון מענטשן, וועלכע זאָלן זיך האָבן מודה געווען, אַז ערליך האָט זיי געשיקט טאָן סאַבאָטאַזש־אַרבעט אין רוסלאַנד. דעם נאָמען פון איינעם פון די צוויי געדענק איך נישט מער. איך ווייס נאָר, אַז ער איז געווען אַ שוסטער־אַרבעטער, האָט אַ געוויסע צייט געהערט צום „בונד“, איז אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן געוואָרן אַ קאָמוניסט און איז דערנאָך אַוועק קיין רוסלאַנד. דער צווייטער וואָס האָט געזאָלט אונטערשרייבן אין רוסלאַנד אַזאַ מין „מודה־זיין זיך“ איז געווען משה גוטמאַן־באַלטיקאַקליס (באַקאַנט אין פוילן ווי ב. זעליקאָוויטש). ער איז געווען אַן אָנגעזעענער טוער פון די ס. ס. (שפּעטער „פאַראייניקטע“). ער איז אין יאָר 1921 אַריינגעטרעטן אין „בונד“. אָבער ער איז לאַנג אין „בונד“ נישט פאַרבליבן. אין מיטן יאָר 1925 איז ער אַרויסגעטרעטן פון דער פּאַרטיי, געוואָרן

טעטיק אַלס פּוילישער קאָמוניסט און האָט שטאַרק באַקעמפט דעם „בונד״. נאָך אַ געוויסער צייט איז ער צוזאַמען מיט זיין משפחה אַוועק קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואו ער איז געווען טעטיק אין דער יידישער קאָמוניסטישער אַר־בעט, געווען צווישן אַנדערע דער פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי „עמעס״ אין מאָסקווע. ערליכן האָט מען פאַרגעלייענט אַ דערקלערונג פון דאָזיקן מענטשן, אין וועלכער ער דערציילט אַן אמתע רויבער געשיכטע: ערליך, האָ־ניגוויל און אסתר איווינסקאַ צוזאַמען מיטן פירער פון דער פּוילישער פּאָלי־טישער פּאָליציי, אויבער־קאָמיסאַר באַנקאַ, זאָלן האָבן אויסגעאַרבעט די פּלענער פון סאַבאָטאַזש אין רוסלאַנד און אים, גוטמאַנען־באַלטיקאַקליס, איבערגעגעבן עס אויסצופירן, ווען ער וועט פאָרן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד ווי אַ קאָמוניסט. אַנ־דערע באַשולדיקונגען זיינען געווען וויניקער סענסאַציאָנעל, אָבער נישט ווײ־ניקער שענדלעך. מען האָט ערליכן געוואָלט פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן פאַר אַלע פאַלן, ווען יידישע קאָמוניסטן פלעגן אַנפאַלן אויף בונדישע פאַרזאַמלונגען און ווען אַרבעטער פלעגן זיך פאַרטיידיקן קעגן די איבערפאַלער. ס'איז אי־בעריק צוצוגעבן, אַז אַלערליי באַשולדיקונגען קעגן סאָציאַל־דעמאָקראַטן און זייערע פאַרטייען זיינען באַנוצט געוואָרן אין דאָזיקן פאַל. ערליך איז געווען איבערצייגט, אַז ער וועט מער נישט אַרויס פון די קאָמוניסטישע טורמעס. ער האָט דעריבער באַשלאָסן אויסצונוצן יעדן פּונקט פון דער באַשולדיקונג, כדי איבערצולאָזן אין שריפט אַ דאָקומענט, וואָס זאָל אַמאָל, אין דער צוקונפט, ווען די גע. פּע. או.־אַרכיוון וועלן געעפנט ווערן, פּונקט ווי ס'זיינען פריער געעפנט געוואָרן די צאַרישע אַרכיוון, דערציילן דעם אמת וועגן „בונד״ און זיינע פירער. ערליך האָט געשריבן זייער אַ סך. ווי ער האָט מיר געזאָגט, האָט ער אין פאַרלויף פון די דאָזיקע צוויי יאָר זיכער אָנגעשריבן אַ גרויס בוך וועגן דער געשיכטע און אידעאָלאָגיע פון „בונד״.

אין יולי 1941, נאָכדעם ווי דייטשלאַנד האָט אָנגעהויבן די מלחמה קעגן איר פריערדיקן פאַרבינדעטן, סאָוויעט־רוסלאַנד, אין סאַמע מיטן פון די גרעסטע מפּלות, וואָס די רויטע אַרמיי האָט דאַן געליטן, האָט מען ערליכן פון מאָסקווע איבערגעפירט אין דער סאַראַטאָווער טורמע. דאָ האָט מען אים געמאָלדן, אַז די טעג וועט ער געמשפּט ווערן דורך אַ מיליטערישן טריבונאַל. אַזוי איז אויך געשען. דעם נאָענטסטן טאָג האָט ערליך זיך געפונען אין אַ נישט זייער גרויסן זאַל, וואו אַחוץ אים זיינען געווען נאָר אָפיצירן. דריי פון זיי זיינען געווען די שופטים, איינער דער פּראָקוראָר און צוויי האָבן עפּעס נאָטירט. קיין שום עדות זיינען נישט גערופן געוואָרן דורך דער באַשולדיקונג. קיין שום רעדע האָט דער פּראָקוראָר נישט געהאַלטן. ערליך האָט געהאַלטן אַ רעדע. ווידער צוליב דעם, כדי איבערצולאָזן נאָך אַ דאָקומענט, וואָס זאָל דערציילן דעם אמת וועגן „בונד״ און וועגן דעם באַשולדיקטן אַליין. קיינער האָט דערויף נישט געענטפערט. נאָר איינמאָל האָט ווער עפּעס געזאָגט. דאָס איז געווען דער אָפיציר, וועלכער איז געווען דער פאָרזיצער. ער האָט געמאָלדן, אַז „דער

באַשולדיקטער אין סאַבאָטאַזש־אַרבעט קעגן סאָוויעט־פאַרבאַנד איז פאַרמשפּט געוואָרן דערשאָסן צו ווערן."

מען האָט ערליכן אַריבערגעפירט אין אַ צווייטער קאַמער, די טויטן־קאַמער. מען האָט אים צוגענומען די שיך און געגעבן לאַטשן, די טויט־לאַטשן. מען האָט אים מיטגעטיילט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט פון אַפּעלאַציע קעגן אורטייל, ער קען זיך אָבער ווענדן צום אויבערשטן סאָוויעט מיט אַ ביטע וועגן באַגנעדיקונג. ערליך האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די מעגלעכקייט און אָנשרייבן אַן אַרבעט, וואָס זאָל אויסדריקן דעם עצם פון זיין סאָציאַליסטישן גלויבן. ער האָט געהאַט עטלעכע טעג דאָס צו טאָן. ער האָט עס נ י ש ט געטאָן. פאַרוואָס? אין דער עקזעקוציע־קאַמער האָט ער געטראָפן אַ באַרימטן רוסישן טעאַטער־מענטש, וועלכער האָט זייער שווער איי־בערגעלעבט דאָס וואַרטן אויפן אויספירן דעם טויט־אורטייל. ער איז געווען קראַנק. ערליך האָט זיך געמוזט מיט אים פאַרנעמען, צו אים רעדן גאַנצע טעג און נעכט. דערפאַר האָט ערליך זיין אַרבעט נישט באַוויזן אָנצושרייבן...

אָבער דעם 11טן טאָג, ווען ערליך איז געווען זיכער, אַז מען איז אים געקומען אַרויספירן צו דער עקזעקוציע, האָט מען אים מיטגעטיילט, אַז דער העכסטער סאָוויעט האָט פון זיך אַליין אים אויסגעטוישט די טויט־שטראָף אויף 10 יאָר אַרבעט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער („איספּראַוויטעלני טרודאָוואָי לאַגער"). סוף אויגוסט האָט מען אים ווידער איבערגעפירט אין דער מאָסקווער טורמע.

אויך אַלטערן האָט מען זייער שנעל אַרויסגעפירט פון קאָוועל און באַ־זעצט אין די מאָסקווער „בוטירקי". וועגן זיין אויפפירן זיך דאָרט האָט מיר וויניק וואָס דערציילט אַלטער אַליין. אָבער איידער איך בין נאָך געקומען קיין קויביטשעוו האָט מיר וועגן דעם דערציילט אַ געוועזענער הויכער פּוילישער אָפיציר, וו. ב., וועלכער איז אַ צייט לאַנג געזעסן מיט אַלטערן אין איין טורמע־קאַמער. אין דער דאָזיקער קאַמער זיינען געזעסן מער ווי 40 פּערזאָן: רוסן און פּוילישע בירגער. ס'איז געווען אַ קאַמער פאַר זייער וויכטיקע געפאַנגענע. ס'זיינען דאָרט געזעסן רוסישע פּראָפעסאָרן און געוועזענע פּוילישע מיניסטאָרן (ווי צב"ש געוועזענער פּרעמיער אַלעקסאַנדער פּריסטער, וואָס איז געשטאָרבן אין טורמע). אַלטער איז שנעל געוואָרן דער פירער פון די אַרעסטירטע אין דער קאַמער. ער האָט אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר רעכט פון מענטשן אין טורמע. דאָס געשעט אַזוי זעלטן אין אַ סאָוויעטישער טורמע, אַז די טורמע־פאַרוואַלטונג איז פון אָנהויב געווען מער פאַרוואונדערט ווי דערצאָרנט און האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. אָבער נאָכגעגעבן האָט זי נישט געטאָרט אין דער קלענסטער מאָס. דער רעגולאַמין פאַר די „אינערלעכע נ.ק.וו.ד.־טורמעס" איז אומגע־הויער שטרענג און מאַכט דאָס לעבן פון אַרעסטירטן מענטשן ענלעך צו אַ גהינום. אָבער אַלטער האָט דערקלערט, אַז ער וועט קעמפן פאַר די רעכט פון זיינע מיט־אַרעסטירטע, ווי פאַר זיינע אייגענע. ער האָט פאַרלאַנגט ביכער און צייטונגען צום לייענען; ער האָט פאַרלאַנגט, אַז צו שווער־קראַנקע זאָל

קומען אַ טורמע־דאָקטאָר. ער האָט פֿאַרלאַנגט דאָס מינדסטע, וואָס אַן אַרעס־טאַנט פֿלעגט באַקומען אין אַ טורמע אין דער צייט פֿון צאַר. ער האָט דערקלערט הונגער־שטרייק, ווען זיינע פֿאַרלאַנגען זיינען געבליבן נישט באַפֿרידיקט. ער האָט צוזאַמען אין פֿאַרלויף פֿון די צוויי יאָר געשטרייקט מער ווי פֿערציק טעג! מען האָט אים יעדעס מאָל קינסטלעך דערנערט. עטוואָס האָט ער דאָך אויסגעפֿירט, מען זאָל אים געבן פּאַפּיר און אַ בלייפֿעדער, כדי ער זאָל קענען שרייבן זיין אַרבעט, אין וועלכער ער האָט זיך באַמיט צו קאָנסטרואירן די געזעצן פֿון אַ נישט־ניוטאָנישער פֿיזיק. ער האָט דאָס פּאַפּיר באַקומען ערשט נאָכדעם ווי ער האָט געהונגערט אייניקע טעג מיט איין פֿאַרלאַנג: מען זאָל איבערשיקן צו דער רוסישער וויסנשאַפֿטלעכער אַקאַדעמיע דעם פּראָיעקט פֿון זיין אַרבעט און זי זאָל דעצידירן, צי זי האָט אַ געוויסן וויסנשאַפֿטלעכן ווערט. דער ענטפֿער איז געווען אַ פּאָזיטיווער.

אַלטער האָט מיר דערציילט, אַז די אויספֿאָרש־ריכטער האָבן נישט גע־האָט קיין סך נחת פֿון זייערע געשפּרעכן מיט אים. אויף זייערע ווילדע באַ־שולדיקונגען פֿלעגט ער האָבן איין ענטפֿער: „אַלץ איז ליגן, פֿון אָנהויב ביזן סוף.‟ אויב ער פֿלעגט זיך אַריינלאָזן אין אַ שמועס מיט זיינע אויספֿאָרש־ריכטער, איז די טעמע געווען געוויינלעך, מצד אַלטערן, די נויטיקייט צו ענדיקן דעם טעראָר אין רוסלאַנד. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט ער באַווייזן דעם אויספֿאָרש־ריכטער, אַז ער אַליין קען נישט גלויבן אין די באַשולדיקונגען, וועלכע ער וואַרפֿט פֿאַר אַלטערן. די דאָזיקע דיסקוסיעס אין וועלכע אַלטערס שאַרפֿע לאָגיק האָט זיכער געהאַט די אויבערהאַנט, האָט אָבער געהאַט נישט זייער קיין גוטן סוף. אין פֿרילינג 1941 האָט מען אַלטערן איבערגעשיקט אין אַ צווייטער מאָסקווער טורמע — „לע־פֿאָרטאָווסקאַיאַ‟. דאָס איז אַ טורמע, וואוהין מען שיקט געפֿאַנגענע, כדי זיי „ווייך צו מאַכן‟. אַלטער האָט מיר עטוואָס דערציילט וועגן דער דאָזיקער טורמע. די קאַמערן זיינען אַזוי געבויט, אַז אַ דורכשניטלעך געוויקסיקער מענטש קען קיינמאָל נישט שטיין אויסגעגלייכט. און אַלטער איז געווען אַ הויכער. דאָס שלעכטע עסן אין נאָרמאַלע טורמעס ווערט אין דער לע־פֿאָרטאָווסקאַיאַ פֿאַרוואַנדלט אין אַ געוויינלעכן הונגער. מיין פּוילישער באַקאַנטער, וואָס האָט אַלטערן געזען פֿאַרן אַוועקשיקן אים אין דער לע־פֿאָרטאָווסקאַיאַ טורמע און נאָכן צוריקקומען אין די מער „נאָר־מאַלע‟ בוטירקי, האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אים נישט דערקענט.

פּונקט ווי ערליכן האָט מען אַלטערן געמשפּט אין אויגוסט 1941. זיין פּראָצעס איז פֿאָרגעקומען אין מאָסקווע. אָבער אויב אויף ערליכס פּראָצעס האָט איין מענטש גערעדט — ערליך אַליין, האָט אויף אַלטערס פּראָצעס קיינער נישט אַרויסגעזאָגט קיין וואָרט. אַלטער האָט מיט פֿאַראַכטונג געשוויגן נאָכדעם ווי ער האָט דערקלערט, אַז ער פֿילט זיך נישט שולדיק אין דער קלענסטער מאָס. און דערנאָך האָט אַן אָפֿיציר אויטאָמאַטיש געמאָלדן, אַז „וויקטאָר אַלטער איז פֿאַר סאַבאָטאַזש־אַרבעט קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד פֿאַרמשפּט געוואָרן דער־שאָסן צו ווערן.‟

מען האָט דעם פּאַרמשפּטן אַריבערגעפירט אין דער טויטן־קאַמער פון דער מאָסקווער טורמע. מען האָט אים אויסגעטאָן די שיך און אָנגעטאָן די טויט־לאַטשן. מען האָט אים דערקלערט, אַז ער קען אין פאַרלויף פון צען טעג בעטן באַגנעדיקונג ביים העכסטן סאָוויעט. אַלטער האָט געבעטן פּאַפּיר און אַ בלייפעדער און געשריבן — אַ ווייטערדיק קאַפּיטל פון זיין אַרבעט וועגן פיזיק. אויפן עלפטן טאָג האָט מען אים געמאָלדן, אַז ער איז באַגנעדיקט גע־וואָרן אַן אַ ביטע און אַז די „שטראָף וועט ער אָפּקומען אין פאַרלויף פון צען יאָר אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער.״

צוויי וואָכן איידער אַלטער און ערליך זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט איז אין לאָנדאָן אונטערגעשריבן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן דער סאָוויעטישער און פּוילישער שיקאָרסקי־רעגירונג וועגן צוזאַמענאַרבעט אין דער צייט פון דער מלחמה. דער אָפּמאַך האָט קודם־כל פאַרויסגעזען די באַפרייאונג פון אַלע פּוילישע בירגער, וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד האָט געהאַלטן אין אירע טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין דער זעלביקער צייט, ווען מען האָט זיי געמאָלדן זייערע אורטיילן האָט מען שוין אָנגעהויבן אַרויסלאָזן אויף דער פריי אָנגעזעענע פּוילישע פּאָליטיקער און מיליטער־לייט. פּאַליאַקן, וועלכע זיינען באַפרייט געוואָרן פון דער מאָסקווער טורמע און וועלכע זיינען געזעסן אָדער צוזאַמען מיט אַלטערן אָדער אין אַ צווייטער קאַמער, וואו ס׳האָט זיך געפונען ערליך, — האָבן מיטגעטיילט דער נאָר וואָס אָנגעקומענער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע וועגן די צוויי געפאַנגענע. די פּוילישע פאָרשטייער האָבן אָנגעהויבן צו אינטערווענירן. דעם 12טן סעפּטעמבער 1941 איז באַפרייט געוואָרן פון טורמע הענריק ערליך. אויף צו מאָרגנס איז אַרויס פון טורמע וויקטאָר אַלטער. נישט אויף לאַנג — סך־הכל אויף ווייניקער ווי 3 חדשים.

***

אַ פּאָר הונדערט צווישן די צענדליקער טויזנטער, וועלכע זיינען אין דער זעלביקער צייט באַפרייט געוואָרן פון די סאָוויעטישע טורמעס און לאַגערן, האָבן באַקומען אַ געלט־אַנטשעדיקונג. גענעראַלן און העכערע אָפיצירן האָבן באַקומען גרעסערע סומעס געלט. געלערנטע, פּאָליטיקער, שרייבער, כלל־טוער האָבן באַקומען קלענערע סומעס. אַלטער און ערליך האָבן באַקומען גענוג געלט, כדי אַרויסגייענדיק פון טורמע זיך צו קויפן וועש, אָנצוגן און איבער־מאַנטלען. זיי האָבן באַקומען דאָס רעכט צו וואוינען אין האָטעל פאַר פּרי־ווילעגירטע אין מאָסקווע, אין „מעטראָפּאָל״.

גלייך נאָך דעם, ווי זיי זיינען באַפרייט געוואָרן, איז צו זיי אין האָטעל־צימער געקומען אַראָן־אַרקאַדי וואָלקאָוויסקי, אַ פּאָלקאָווניק (קאָרנעל) פון דער נ.ק.וו.ד., די רעכטע האַנט פון קאָמיסאַר בעריאַ. ער האָט דערקלערט אַלטערן און ערליכן, אַז זיי דאַרפן באַטראַכטן זייערע צוויי יאָר טורמע און זייערע טויט־אורטיילן פאַר אַ „טעות״ און ווערן געבעטן דאָס צו פאַרגעסן. „איצט, —

האָט ער געזאָגט, — שטייען מיר אַלע צוזאַמען אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן דער טויט-געפאַר פון היטלעריזם (היטלערס חיילות האָבן דאַן געהאַלטן ביים דערנענטערן זיך צו מאָסקווע) און מיר מוזן צוזאַמען קעמפן, נישט געדענקענ-דיק די פאַרגאַנגענהייט." ער האָט זיי פאָרגעשלאָגן זיך צו שטעלן אין שפּיץ פון אַן אַלוועלטלעכן יידישן קאָמיטעט צום קאַמף קעגן פאַשיזם. ער האָט זיי פאָרגעשלאָגן, אַז זיי ביידע זאָלן שאַפן די מערהייט פון פּרעזידיום און אַלס פאָר-שטייער פון די רוסישע יידן האָט ער זיי פאָרגעשלאָגן דעם מאָסקווער יידישן אַקטיאָר מיכאָעלסן.

די סאָוויעטישע רעגירונג איז דאַן געווען באַזונדערס אינטערעסירט אין אַמעריקע. די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען פאָרמעל געווען נייטראַל. אָבער זיי האָבן שוין דאַן אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפן ענגלאַנד, פאַרקויפנדיק איר די נויטיקע שפּייז און קריגס-מאַטעריאַלן. וואָלקאָוויסקי האָט גוט געוואוסט וועגן פּאָליטישן איינפלוס פון די יידישע טרעיד-יוניאָנס און אַנדערע יידישע אַרבע-טער-אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקאַנער לעבן. די סאָוויעטישע רעגירונג האָט וואַרשיינלעך געוואָלט אויסנוצן דעם פּאָליטישן אַנזען פון די בונדישע פירער, כדי צו געווינען די סימפּאַטיע פון זייערע פריינט אין אַמעריקע פאַר אַ הילף-אַקציע פאַר סאָוויעט-רוסלאַנד. היות ערליך און אַלטער זיינען געווען איבער-צייגט, אַז אין די אינטערעסן פון קאַמף קעגן היטלער-דייטשלאַנד איז געוואונטשן און נויטיק די הילף פון אַמעריקע פאַר סאָוויעט-רוסלאַנד אין דאָזיקן מאָמענט, זיינען זיי געווען גרייט צו באַוועגן די יידישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע צו העלפן רוסלאַנד אין איר קאַמף קעגן היטלער-דייטשלאַנד. אָבער אויף קיין איין מינוט האָבן זיי נישט געטיילט די נאַאיווע אילוזיעס, אַז פון מאָמענט אָן, ווען רוסלאַנד איז אַטאַקירט געוואָרן דורך היטלערן, זיינען מער נישט פאַראַן קיין אונטערשיידן צווישן זיי, אַלס סאָציאַליסטן, מיטן קאָמוניסטישן רעזשים אין רוסלאַנד, אָדער צווישן דער דעמאָקראַטישער וועלט און דער טאָטאַליסטישער, דיקטאַטאָרישער רעגירונג אין מאָסקווע.

אַלטער און ערליך זיינען אַרויס פון דער סאָוויעטישער טורמע. אָבער אין איין פּרט — ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן — אַ גורל-פּרט — איז זייער באַפרייאונג פאַרגעקומען אַנדערש, ווי מיט אַלע אַנדערע פּוילישע ביר-גער. יעדער פון די הונדערטער טויזנטער, וואָס זיינען אין די דאָזיקע חדשים אַרויס פון די טורמעס און קאָנצענטראַציע-לאַגערן, האָט באַקומען אַ דאָקומענט אויסגעשטעלט דורך דער סאָוויעטישער מאַכט, אין וועלכן ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן זיין נאָמען און זיין פּוילישע בירגערשאַפט. נאָר ערליך און אַלטער האָבן אַזעלכע דאָקומענטן נישט באַקומען. אין ערשטן מאָמענט האָט עס קיינער נישט גענומען ערנסט. אין סאָוויעט-רוסלאַנד געשעען אַזוי אָפט זאַכן נישט אין אָרדענונג, אַז נישט ערליך און נישט אַלטער האָבן נישט צוגעגעבן קיין באַזונדערע וויכטיקייט דעם דאָזיקן פאַקט. זיי האָבן תיכף נאָכן באַפרייט ווערן באַקומען נייע פּוילישע פּאַספּאָרטן, וועלכע ס'האָט זיי אויסגעשטעלט די פּוי-לישע אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע. אָבער אין צוויי חדשים שפּעטער האָט זיך אַרויס-

געוויזן, אַז דער נ.ק.וו.ד. האָט נישט דורך אַ צופאַל און נישט צוליב פאַרנאַכ־לעסיקונג פאַרגעסן ערליכן און אַלטערן אויסצושטעלן די סאָוויעטישע „און־דאַסטאַוויערעניע...״

ווען איך האָב סוף אָקטאָבער דערזען ערליכן און אַלטערן אין טרויעריקן „גראַנד האָטעל״ אין קויבישעוו, איז זיי נאָך אַלץ געווען שווער אַרויפצוגיין אויף די טרעפּ צו זייער צימער, וואָס האָט זיך געפונען אויפן צווייטן שטאָק. אָבער כאָטש זיי זיינען געווען פולשטענדיק גרוי, האָבן זיי אויסגעזען מער אָדער וויניקער נאָרמאַל, און געווען פול מיט ענערגיע. אָבער פריינט, וועלכע האָבן זיי געטראָפן אין מאָסקווע אין די ערשטע טעג פון זייער באַפרייאונג און וועלכע האָבן זיי גוט געקענט פון פאַר דער מלחמה, האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן זיי נישט דערקענט, ביז זיי האָבן נישט דערהערט זייערע נעמען. די צייכונגג, וואָס דער פוילישער מאָלער פעליקס טאָפּאָלסקי האָט געמאַכט פון אַלטערן גיט אַ גוט בילד פון איינעם פון זיי אין די דאָזיקע טעג. די פאָטאָגראַפיע פון ערליכן גלייך נאָך זיין באַפרייאונג דערציילט גענוג וועגן אים. אַפילו זעקס וואָכן נאָך דער באַפרייאונג האָבן זיי נאָך אַלץ געפילט דאָס נאָגנדיקע געפיל פון הונגער, וועלכן מען קען אַ לאַנגע צייט נישט זעטיקן מיט בלויז עסן.

אָבער זיי זיינען תיכף צוגעטרעטן אויסצופירן די גרעזעלשאַפטלעכע פליכטן, וואָס זיי האָבן געפילט, אַז דאָס ליגט שווער אויף זיי. דעם 24טן סעפּטעמבער האָבן זיי איבערגעגעבן דעם פוילישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע, פּראָפעסאָר סטאַניסלאַוו קאָט אַ בריוו, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ דעקלאַראַציע פון זייער באַציאונג צו דער מלחמה, וועלכע האָט דאַן אָנגענומען אַ זייער געפערלעכע ווענדונג. זיי האָבן אין דאָזיקן בריוו גערופן די פוילישע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד (מען האָט דאַך גערעכנט, אַז מינדסטנס אַ האַלבער מיליאָן יידן פון פוילן געפינט זיך אין סאָוויעט־רוסלאַנד) זיי זאָלן אַריינטרעטן אין דער פוילישער אַרמיי, כדי אין איר צו קעמפן קעגן היטלער־שונא. זיי האָבן אין דאָזיקן בריוו צוגעזאָגט זייער הילף ביים אָרגאַניזירן שטיצע פאַר די פליטים, וואָס האָבן זיך דערין גענויטיקט, און זיי האָבן אויך דאָרטן אַנטוויקלט זייערע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע בליקן אויף דער צוקונפטיקער אויסגעשטאַלטונג פון פוילן נאָכדעם, ווי היטלער וועט פאַריאָגט ווערן פון איר ערד.

תיכף זיינען זיי צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן אַליין הילף פאַר יידישע פליטים. זיי האָבן פּרובירט זיך פאַרבינדן מיט יידישע גרופּן אין **פאַרשיידענע טיילן** פון דער אומגעהויערער רוסישער אימפּעריע, כדי זיך צו שאַפן אַ בילד וויפל און וואָס פאַר אַ הילף עס איז נויטיק. זיי האָבן געוואוסט, אַז זיי קענען אין דעם פאַל רעכענען נישט נאָר אויף די פאָנדן, וואָס די פוילישע רעגירונג האָט צוגע־זאָגט צו געבן אויף דעם דאָזיקן צוועק, נאָר אויך אויף דער הילף פון פאַרשיי־דענע יידישע הילף־אינסטיטוציעס, און באַזונדערס אויף די יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי האָבן געוויסע סומעס אַרויס־געשיקט אַליין און באַוואויגן צו שיקן אַנדערע דורך דער הילף־אָפּטיילונג

פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַמיען, אַז צווישן די דעלעגאַטן, וואָס די אַמבאַסאַדע האָט אָנגעהויבן שיקן אין פאַרשיידענע ערטער, וואו ס׳זיינען געווען גרעסערע קיבוצים פון פּוילישע פּליטים, זאָלן אויך זיין יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעפונען אין רוסלאַנד. אין אַ געוויסער מאָס איז זיי דאָס געלונגען, כאָטש ווייניקער ווי זיי האָבן פאַרלאַנגט און ווי זיי האָבן זיך געריכט. ס׳האָבן קיין קוויבישעוו אָנגעהויבן אָנקומען ידיעות, אַז געוויסע פּוילישע דעלעגאַטן באַהאַנדלען שלעכט יידישע קליענטן. אַלטער האָט באַשלאָסן זיך צו לאָזן אויף אַן אינספּעקציע־רייזע אין יענע טיילן פון סאָוועט־רוסלאַנד, וואו ס׳זיינען געווען קאָנצענטרירט גרעסערע גרופּן פון פּוילישע יידן. די רייזע האָט ער געזאָלט אָנהויבן אין דעצעמבער און זי איז געווען אויסגערעכנט אויף מינדסטנס 6 וואָכן.

אַ צווייטע פראַגע, וועלכע האָט זיי שטאַרק פאַרנומען, און אָנגעטאָן פיל עגמת־נפש, איז געווען די לאַגע פון יידן אין פּוילישן מיליטער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן. דער פּוילישער שטאַב האָט זיך געפונען אין דער קליינער שטאָט בוזולוק אויף דער וואָלגע. דאָרט אַהין האָבן טאָג און נאַכט געשטראָמט פאַרהונגערטע, אָפּט געפערלעך קראַנקע, האַלב נאַקעטע פּאָליאַקן און פּוילישע יידן, כדי אַריינצוטרעטן אין דער אַרמיי. אייניקע האָבן דאָס געטאָן צוליב דעם ווילן פון קאַמף. די גרויסע מערהייט האָט זיך געצויגן קיין בוזולוק, כדי צו געפינען אַ שוץ־אָרט, אַ זיכערן פּלאַץ, וואו זיי וועלן זיין צווישן אייגענע און וואו מען וועט פאַר זיי זאָרגן. אָבער גלייך האָט זיך אין בוזולוק אָנגעהויבן שאַפן אַן אומאַנגענעמע באַציאונג צו יידן. מען האָט אָנגעהויבן דאָרט אָפּן צו ריידן אַז די יידן דאַרפן זיך שאַפן אַ באַזונדערע אַרמיי. אַ גרופּע רעוויזיאָניסטן, ווי דער אַדוואָקאַט קאַהאַן פון וואַרשע און שעשקין פון ווילנע האָבן זיך געווענדעט צו דער פּוילישער מיליטערישער מאַכט מיט אַ פּלאַן אויסצוטיילן די יידן און זיי, די רעוויזיאָניסטן, צו באַשטימען אַלס די פירער פון אַזאַ מין „יידישן לעגיאָן". זיי האָבן דערביי געלאָקט די אַנטי־סעמיטישע פּאָליאַקן מיט דעם צוזאָג, אַז דער דאָזיקער „לעגיאָן" וועט אָוועק קיין פּאַלעסטינע און פּוילן וועט פּטור ווערן פון אַ גרויסער טייל יידן. אַ בונדיסט, וועלכער איז דאַן געווען אין בוזולוק, האָט זיך געווענדעט צו די זעל־ביקע פּוילישע מיליטערישע אָרגאַנען מיט אַ מעמאָריאַל, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן אויף דער שעדלעכקייט פון דאָזיקן פּלאַן. ער האָט וועגן דעם אָפּגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ מיט דעם פּוילישן הויפּט־קאָמאַנדיר, גענעראַל אַנדערס און זיין דעמאָלטיקן שעף פון שטאַב, פּולקאָווניק אָקוליצקי (דער זעל־ביקער, וועלכער איז דערנאָך פאַרמשפּט געוואָרן אין מאָסקווע צו 10 יאָר). ער האָט אויך וועגן דעם מיטגעטיילט ערליכן און אַלטערן קיין קויבישעוו. זיי ביידע האָבן דאַן פון זייער זייט פאַרלאַנגט אַ קאָנפערענץ מיטן פּוילישן אַמבאַסאַדאָר און גענעראַל אַנדערס. אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אַ רייע פאָדערונגען וועגן אָפּהיטן די רעכט פון יידן אין מיליטער און האָבן צווישן אַנדערע פאַרלאַנגט צו שאַפן אין שטאַב דעם

אַמט פון אַ רעפּערענט פאַר יידישע ענינים. די לאַגע אין פּוילישן מיליטער איז געווען איינע פון די סיבות פאַרוואָס איך בין אַרויסגעפּאָדערט געוואָרן פון בוזולוק קיין קויבישעוו. דער רעוויזיאָניסטישער יידישער לעגיאָן אין רוסלאַנד איז נישט געשאַפן געוואָרן. וואָלט דאָס געשען — וואָלטן פיל טויזנטער יידן אַנשטאָט אין יאָר 1942 זיך אַרויסצורייסן פון רוסלאַנד צוזאַמען מיט דער פּוילישער אַרמיי, — דאָרט פאַרבליבן, ווער ווייסט צי נישט אויף אייביק. אָבער אַלע אַנדערע פאָדערונגען פון ערליכן און אַלטערן זיינען קיינמאָל נישט דערפילט געוואָרן.

אין דער קליינער פּוילישער „קאָלאָניע", וואָס האָט געוואָסן פון דיפּלאָמאַטישע פּריווילעגיעס אין קויבישעוו און געקענט וואוינען און עסן אין „גראַנד־האָטעל", איז געווען אַ גרופּע פון אַרום 10 סאָציאַליסטן. אַלטער האָט, אין הסכם מיט זיין נאַטור און טעמפּעראַמענט, געהאַלטן פאַר זיין פליכט געמיינזאַם אויסצואַרבעטן אַ בליק אויף די צילן, וואָס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין פּוילן דאַרף זיך שטעלן נאָך דעם, ווי היטלער וועט באַזיגט ווערן. ער האָט פאַר דעם צוועק אָנגעשריבן אויספירלעכע טעזן אויף עטלעכע טעמעס, וועלכע זיינען אַרומגעגאַנגען פון הענט צו הענט צווישן די סאָציאַליסטן. בכלל זיינען די צוויי מענטשן — ערליך און אַלטער — געווען אַ גאַנצן טאָג אַרומגערינגלט מיט פריינט און באַקאַנטע — אַזעלכע וואָס האָבן זיך אָפּגעזוכט, זיינען לעבעדיקע אַרויס פון די טורמעס און לאַגערן און האָבן געוואָלט זיי זען, אָדער פּוילישע פּאָליטיקער און אינטעליגענטן, וואָס וואָלטן אין די „אַלטע צייטן" זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז זיי וועלן אַמאָל האָבן געמיינזאַמע אינטעלעקטועלע אינטערעסן מיט פאַרשטייער פון „יידישע שניידער און שוסטער"; אויפן דאָזיקן קליינעם האָטעל־אינזעלע האָבן זיי אין די צוויי יידישע סאָציאַליסטן דערפילט אַ גייסטיקן און מאָראַלישן כוח, וואָס ווירקט באַזונדערס אין צייטן פון קאַטאַסטראָפעס.

***

די פראַגע פון פּראָיעקטירטן „יידישן אַנטיפאַשיסטישן וועלט־קאָמיטעט" האָט פאַרנומען אַ זייער גרויס אָרט אין אַלע זייערע פּלענער פאַר דער נאָענטסטער צוקונפט.

ווי ס'איז שוין פריער דערציילט געוואָרן, איז דער פּראָיעקט גופא געקומען מצד דער סאָוועט־רעגירונג. ערליך און אַלטער האָבן וועגן דעם מיטגעטיילט דעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר און האָבן וועגן דעם געשריבן צו זייערע חברים אין ניו־יאָרק. אין די געשפּרעכן מיט די סאָוועטישע רעגירונג־פאַרשטייער, הויפּטזעכלעך מיטן פּאָלקאָווניק אַרקאַדי וואָלקאָוויסקי, זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן פאַרשיידענע פּראָיעקטן פאַר דער טעטיקייט פון דאָזיקן קאָמיטעט. די סאָוועטישע פאַרשטייער האָבן געוואָלט האָבן אַ ברייטן יידישן קאָמיטעט, וועלכער זאָל אַרומנעמען אַלערליי יידן. זיי האָבן צווישן אַנדערע פאָרגעשלאָגן ווי איינעם פון די גרינדונג־מיטגלידער פון קאָמיטעט דעם לעטישן

„אגודה"־פירער, הרב נוראָק. ערליך און אַלטער האָבן געוואָלט, אַלנפאַלס אין אָנהויב, האָבן אין קאָמיטעט נאָר סאָציאַליסטישע, טרעיד־יוניאָניסטישע און דעמאָקראַטישע יידישע עלעמענטן. אין רעזולטאַט פון די ערשטע געשפּרעכן האָבן אַלטער און ערליך איבערגעגעבן די סאָוויעט־פאָרשטייער אַ ליסטע פון בונדיסטן, וועלכע זיינען געווען דאַן אין סאָוויעט־רוסלאַנד, הויפּטזעכלעך אין לאַגערן און טורמעס, און וועלכע האָבן געזאָלט אויסגענוצט ווערן צו אַרבעטן פאַרן קאָמיטעט. פיל פון די דאָזיקע זיינען געבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע אָדער, שפּעטער, קיין קויבישעוו. צווישן די אַרויסגעלאָזטע האָט זיך אָבער נישט געפונען כמעט קיין איין יידישער סאָציאַליסטישער טוער, וועלכער איז פאַר דער מלחמה געווען טעטיק אין די מזרח־טיילן פון פּוילן. זיי האָט די סאָוויעטישע מאַכט אויף קיין איין מאָמענט נישט אַרויסגעלאָזט פון טורמע.

ערליך און אַלטער האָבן אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ סטאַטוט פאַרן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. זיי זיינען דאַן איינגעלאַדן געוואָרן צו בעריאַ, וועלכער האָט זיי דערקלערט, אַז היות ווי דער קאָמיטעט דאַרף אַרבעטן אין אויסלאַנד, קען די פּרטים ווי אויך די אַלגעמיינע אויסגאַבן באַשטעטיקן נאָר איין מענטש אין סאָוויעט־רוסלאַנד: ס ט אַ ל י ן. ערליך און אַלטער האָבן דאַן אָנגעשריבן אַ בריוו צו סטאַלינען, אין וועלכן זיי האָבן געבראַכט צום אויסדרוק זייער הייסן באַגער אַנטיילצונעמען אין קאַמף קעגן היטלער־דייטשלאַנד און צו העלפן דערביי אויך סאָוויעט־רוסלאַנד. צום דאָזיקן בריוו האָבן זיי ביי־געלייגט דעם פּראָיעקט פון סטאַטוט פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און גע־בעטן סטאַלינען צו דערלויבן אָנהויבן די אַרבעט.

***

ס'איז אָנגעקומען דער טאָג פון 15טן אָקטאָבער 1941. די דייטשע אַרמיי איז געווען סך־הכל אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער פון מאָסקווע. אין דאָזיקן טאָג איז אין מאָסקווע אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. זי האָט אַרומגענומען אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. זי האָט נישט געשוינט די רעגירונג־קרייזן. אין דאָזיקן טאָג זיינען אַלע דיפּלאָמאַטישע מיסיעס, אַ רייע מיניסטעריומס און קאָמיסאַריאַטן אַריינגעזעצט געוואָרן אין צוגן און אַוועקגעשיקט אין מער זיכערע ערטער, הויפּטזעכלעך קיין קויבישעוו. צווישן די עוואַקואירטע דורך דער רעגירונג האָבן זיך אויך געפונען ערליך און אַלטער. זיי זיינען באַזעצט געוואָרן אין קויבישעווער „גראַנד־האָטעל", וועלכער איז געווען באַשטימט פאַר מיטאַרבעטער פון אויסלענדישע דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייערשאַפטן, אויסלענ־דישע טעלעגראַפן־אַגענטורן, קאָרעספּאָנדענטן פון די צייטונגען, אָנגעזעענע שרייבער, גענעראַלן, וועלכע האָבן וואַרשיינלעך געהאַט אויסצופירן וויכטיקע מיסיעס אין הינטערלאַנד א. אַז. וו.

ווי שוין דערמאָנט האָב איך אין קויבישעוו געוואוינט אין איין צימער מיט ערליך און אַלטער; ווייס איך גענוי, ווי אַזוי זיי האָבן פאַרבראַכט יעדע מינוט

ביז דער פּאַטאָלער נאַכט פון 3טן אויפן 4טן דעצעמבער 1941. מיר פלעגן זייער זעלטן אַרויסגיין פון האָטעל. ס'איז נישט געווען וואוהין צו גיין אין דער טרויעריקער פינצטערניש און הונגעריקער שטאָט. מיר זיינען איין מאָל געווען אויף אַ קאָנצערט, איין אָדער צוויי מאָל געווען אין אַ קינאָ. מיר פלעגן פון צייט צו צייט גיין אין דער פּוילישער אַמבאַסאַדע צו דערליידיקן פאַרשיידענע ענינים פאַר מענטשן, וועלכע האָבן זיך געניטיקט אין הילף און איינמאָל זיינען מיר געווען אויפן „ציגאַנסקי טאָלטשאָק", אַ מין מאַרק, וואו מען האָט געקענט באַקומען, פאַר אַ זייער הויכן פּרייז, טיטון צום רויכערן.

אייניקע מאָל איז צו אונז אין צימער געקומען אַ הויכער מאַן, פון אַרום 35 יאָר, מיטן נאָמען כּאַזאַנאָוויטש. ער איז אָן ספק געווען אַ ייד. ער פלעגט קומען כּלומרשט אין די ענינים פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. ער האָט נישט באַהאַלטן, אַז ער איז אַ מיטאַרבעטער פון נ.ק.וו.ד. יעדעס מאָל האָט ער דערקלערט, אַז ס'איז נאָך נישט פאַראַן קיין ענטפער פון מאָסקווע אויף דעם בריוו צו סטאַלינען. כאָטש מיר האָבן זיך געפילט אומגעדולדיק צוליב דעם, האָבן מיר אָבער גוט פאַרשטאַנען, אָדער געמיינט, אַז מיר פאַרשטייען די סיבה דערפון: רוסלאַנדס גורל, שוין אָפּגערעדט פון גורל פון מאָסקווע, איז דאַן געהאַנגען אויף אַ האָר, אויף אַ זייער דינער האָר.

אין פּראָיעקט פון קאָמיטעט איז געווען צו שיקן וועמען קיין לאָנדאָן און וועמען קיין אַמעריקע. אַחוץ דעם האָט אַ יונגער חבר געזאָלט פּאַראַשוטירט ווערן קיין פּוילן. שוין פאַרן 3טן דעצעמבער האָט כּאַזאַנאָוויטש דערקלערט, אַז ס'איז אוממעגלעך דעם חבר אַראָפּצוואַרפן אין פּוילן, ווייל די רוסישע עראָפּלאַנען קענען איצט נישט פליען אַזוי ווייט. צווישן ערליכן און אַלטערן איז אַנגעגאַנגען אַ געוויסע מיינונגס־פאַרשיידנהייט — וואוהין ווער פון זיי זאָל פאָרן. די ניו־יאָרקער חברים האָבן געשריבן, אַז זיי ווילן ערליך זאָל פאָרן קיין לאָנדאָן, כּדי דאָרט צו רעפּרעזענטירן דעם „בונד" אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט. דאַקעגן האָט אַלטער, לויט דעם דאָזיקן פּלאַן, געזאָלט פאָרן קיין ניו־יאָרק. אָבער ערליך האָט זייער געוואָלט פאָרן קיין ניו־יאָרק. ער האָט דאָרט געהאַט זיין גאַנצע משפּחה, נאָך וועלכער ער האָט זייער געבענקט. ער האָט איינמאָל מיר געזאָגט, אַז כּדי ער זאָל ווידער זיין פעאיק צו אַרבעטן פילט ער, אַז ער וואָלט געדאַרפט זיך אָפּרוען אַ צוויי־דריי חדשים. ער האָט דעריבער געוואָלט, אַז אַלטער זאָל פאָרן קיין לאָנדאָן. איך ווייס, אַז אַלטער האָט אין תּוך געוואָלט דאָס זעלביקע. אים האָט מער געצויגן לאָנדאָן, וואָס איז דאַן געלעגן אין דער ערשטער קאַמף־ליניע, איידער ניו־יאָרק. אָבער ער האָט נישט געוואָלט האַנדלען קעגן באַשלוס פון דער בונדישער רעפּרעזענטאַנץ אין ניו־יאָרק.

ס'איז געקומען דער 3טער דעצעמבער. די פּוילישע קאָלאָניע איז די לעצטע פּאָר טעג געווען באַזונדערס אויפגערעגט. קיין מאָסקווע איז געפלויגן דער דעמאָלטיקער פּרעמיער פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן, גענעראַל שיקאָרסקי. מען האָט זיך געריכט אויף וויכטיקע באַשלוסן, וועלכע האָבן

געדאַרפט לייכטער מאַכן די לאַגע פון די פוילישע בירגער אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אויפקלערן די פּלענער, וואָס סטאַלין האָט פאַר די נאָך־מלחמהדיקע באַציאונגען מיט זיין פוילישן שכן. ערליך און אַלטער האָבן זיך געקליבן צו זען שיקאָרסקין, כדי מיט אים זיך אַדורכצורײדן וועגן אַלגעמײנע פּאָליטישע פראַגן און וועגן די סימנים פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָבן שוין דאַן געגנוג שטאַרק זיך געלאָזט פילן אין פוילישן מיליטער.

דעם 3טן דעצעמבער 1941, אַרום 12 בייטאָג, זיינען ערליך און אַלטער אַוועק אין דער אַמבאַסאַדע, כדי זיך צו דערוויסן ווען מען ריכט זיך דאָרט אויף שיקאָרסקיס אָנקומען פון מאָסקווע קיין קויבישעוו. עטוואָס שפּעטער האָט דער טעלעפאָן געקלונגען אין אונזער צימער. איך האָב דערהערט אַ באַקאַנטע שטימע: „דאָס איז כאַזאַנאָוויטש. איז וויקטאָר איזראַעלעוויטש אין האָטעל? איז דאָ הענריק מאַיסעיעוויטש?״ביידע זיינען נישט געווען אויפן אָרט. כאַזאַנאָוויטש האָט מיר דאַן געהייסן איבערגעבן ביידן, אַז „ס׳איז ווער געקומען פון מאָסקווע מיטן ענטפער.״ ער האָט צוגעזאָגט שפּעטער נאָכאַמאָל צו טעלעפאָנירן. מיר האָבן נאָך זייער צוריקקומען פון שטאָט געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויפן דאָזיקן טעלעפאָן. ס׳איז אַוועק דער נאָכמיטאָג און אָוונט און דער טעלעפאָן האָט נישט געקלונגען. געוויינלעך פלעגן מיר זיצן אין האָטעל־זאַל ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי האָבן געטאָן כמעט אַלע איינוואוינער פון האָטעל. די צימערן זיינען געווען קאַלטע און יעדערער האָט בעסער געוואָלט זיצן אין גוט־באַלויכטענעם זאַל ביי אַ גלעזל טיי, ווי זיך לייגן אין קאַלטן און זייער נישט באַקוועמען בעט.

מיר זיינען געזעסן און געטרונקען טיי. צוזאַמען מיט אונז איז געזעסן דער קאַדעט־אָפיציר, קאַזשימיעזש נאַטאַנסאָן, וועמענס פאָטער איז געווען דער באַרימטער יידישער פינאַנסיסט סטאַניסלאַוו נאַטאַנסאָן. כאָטש קאַזשימיעזש איז געווען אַ קאַטאָליק, האָט ער אָבער זייער שטאַרק געפילט די עוולות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן קעגן יידן אין מיליטער. מיר האָבן טאַקע וועגן דעם גערעדט. ס׳איז געווען 12.30 ביינאַכט, ווען איינע פון די האָטעל־אָנגעשטעלטע (און זיי זיינען אַלע געווען אַגענטן פון נ.ק.וו.ד.) איז צוגעקומען צו אונזער טישל און געזאָגט אין רוסיש: „גראַזשדאַנין אַלטער, מען רופט אייך צום טעלעפאָן.״ מיר האָבן אָן איבעריקן וואָרט געוואוסט ווער עס טעלעפאָנירט. ער איז גלייך צוריקגעקומען און געזאָגט צו ערליכן: „הענריק, נעם דיין מאַנטל, מיר מוזן תיכף אַוועקגיין.״ זיי זיינען אַרויף אין זייערע צימערן נאָך די מאַנטלען און היט און זיינען צוריק אַראָפּגעקומען. היות ווי נאַטאַנסאָן איז געווען אַ פרעמדער, האָבן זיי נישט געזאָגט וואוהין זיי גייען. זיי האָבן נאָר געענטפערט אויף מיין פראַגע — ווען זיי וועלן קומען. זיי זיינען געווען זיכער, אַז אין אַ שעה אַרום וועלן זיי צוריקקומען.

זיי זיינען קיינמאָל נישט צוריקגעקומען...

איך האָב געוואַרט אויף זייער צוריקקומען כמעט ביז אין דער פרי. ווען זיי זיינען אַלץ נישט געווען צוריק אין זייער צימער אַרום מיטן טאָג, בין איך

אַוועק אין דער פוילישער אַמבאַסאַדע, כדי זי זאָל אינטערווענירן ביי דער סאָוויעטישער מאַכט. דער אַמבאַסאַדאָר איז געווען אין מאָסקווע צוזאַמען מיט שיקאָרסקין. אַ העכערער באַאַמטער האָט אָנגעפרעגט ווישינסקין, וועלכער איז דאַן געווען אין קויבישעוו אַלס וויצע־אויסערן־מיניסטער. דער ערשטער ענטפער איז געווען, אַז ער האָט נישט קיין אַנונג וועגן ערליכס אָדער אַלטערס גורל. דעם צווייטן טאָג האָט ווישינסקי דערקלערט, אַז זיי זיינען אַרעסטירט געוואָרן „אויפן דירעקטן באַפעל פון מאָסקווע״ און אַז די קויבישעווער מאַכט־אָרגאַנען האָבן דערמיט קיין שום שייכות נישט. די פוילישע אַמבאַסאַדע האָט זיך פרובירט טעלעפאָניש פאַרבינדן מיט מאָסקווע, כדי צו אינפאָרמירן שיקאָרסקין וועגן אַרעסט און צו בעטן אַן אינטערווענץ ביי סטאַלינען. אָבער די טעלעפאָנישע פאַרבינדונג איז אָפגעזאָגט געוואָרן אונטערן אויסרייד, אַז „דאָס וועטער איז שלעכט״. אין דעם זעלביקן טאָג האָב איך פון האָטעל־צימער אַריבערגעטראָגן אין דער אַמבאַסאַדע אַלע דאָקומענטן, בריוו א. אַז. וו., וואָס האָבן געהערט צו אַלטערן און ערליכן. כאָטש איך בין אין זעלביקן צימער פאַרבליבן ביזן סוף פון דעצעמבער, האָט די רוסישע פאָליציי דאָרט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין רעוויזיע.

נאָכן אָנקומען פון שיקאָרסקין און דעם אַמבאַסאַדאָר פראָפ. קאָט קיין קויבישעוו, בין איך תיכף אַוועק צו זיי. שיקאָרסקי איז געווען זייער קראַנק. אַ גרופע פון 3 בונדיסטן, וואָס זיינען דאַן געווען אין קויבישעוו, האָבן אים דעריבער צוגעשיקט אַ בריוו, אין וועלכן זיי האָבן באַזונדערס אונטערגעשטראָכן די פאָליטישע באַדייטונג פון אַרעסט. אין זיין ענטפער האָט שיקאָרסקי צוגעזאָגט, אַז דער אַמבאַסאַדאָר, די פוילישע רעגירונג און ער פערזענלעך וועלן טאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך, כדי ערליך און אַלטער זאָלן באַפרייט ווערן. דער אַמבאַסאַדאָר האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיטן אַרעסט און האָט תיכף געשיקט אַ נאָטע צו דער סאָוויעטישער רעגירונג. דער ענטפער, אונטערגעשריבן דורך ווישינסקין, האָט נישט אַרויסגערוקט קיין שום קאָנקרעטע טענות, אָבער האָט אַנטהאַלטן אַ געפערלעכע פעסטשטעלונג — אַז ערליך און אַלטער זיינען „סאָוויעטישע בירגער.״ ס'זיינען אַוועק נייע נאָטעס, וועלכע האָבן נישט געענדערט די לאַגע. פראָפ. קאָט האָט וועגן דעם ענין אייניקע מאָל גערעדט מיט ווישינסקין. צום לעצטן מאָל האָט ער מיט אים גערעדט אין יולי 1942, ווען ער איז געקומען מיט אים זיך געזעגענען פאַרן פאַרלאָזן זיין אַמט אין רוסלאַנד. ער האָט געזאָגט צו ווישינסקין: „איך בעט אייך צו געבן מיר אַן אָנדענקונג פון רוסלאַנד: גיט מיר מיט ערליכן און אַלטערן״. אויף דעם האָט ווישינסקי ציניש געענטפערט: „דאָס צוקונפטיקע פוילן וועט זיך באַגיין אָן זיי ביידע.״

אין די ערשטע טעג פון מערץ 1943 זיינען די נעמען פון ערליך און אַלטער דערמאָנט געוואָרן אין קרעמל. דער פוילישער אַמבאַסאַדאָר אין רוסלאַנד איז דאַן געווען טאַדעאוש ראָמער. די באַציאונגען צווישן דער לאָנדאָנער פוילישער רעגירונג און דער סאָוויעט־רעגירונג זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער

און ערגער. ראָמער האָט דעריבער געבעטן צו זען סטאַלינען, וואָס איז טאַקע געשען. בעתן געשפּרעך האָט סטאַלין פאַרזיכערט ראָמערן, אַז ער וויל האָבן „אַן אומאָפּהענגיק און שטאַרק פּוילן.״ אָבער ראָמער האָט געצווייפלט דערין און פאַרלאַנגט פון סטאַלינען ער זאָל מיט געוויסע מעשים ווייזן זיין סימפּאַטיע פאַר פּוילן. צווישן אַנדערע האָט ראָמער געפרעגט סטאַלינען: „פאַרוואָס האַלט איר אין טורמע ערליכן און אַלטערן?״ סטאַלין האָט נישט געענטפערט מיט קיין וואָרט. ער האָט מער כמעט שוין גאָרנישט געזאָגט און זיך קאַלט געזעגנט מיטן אַמבאַסאַדאָר. מער האָט ער אים שוין קיינמאָל נישט אויפגענומען.

ראָמער האָט אין מאָסקווע נישט געוואוסט, אַז מיט צען טעג פריער, דעם 23־טן פעברואַר 1943, האָט דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, מאַקסים ליטווינאָוו, צוגעשיקט צו וויליאַם גרין, דעם פאָרזיצער פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, אַ בריוו, אין וועלכן עס ווערט געמאָלדן, אַז ערליך און אַלטער זיינען דערשאָסן געוואָרן.

לאָנדאָן, יאַנואַר 1949.

א. פײנזילבער

מיטן חבר ערליך אין סאָוויעטישע טורמעס

עס איז געווען אַ זומער־נאַכט אין 1941, ווען דער טורמע־וועכטער האָט אָנגעקלאַפּט אין מײן אײנצל־קאַמער פון דער בוטירקי־טורמע אין מאָסקווע. ער האָט מיר געהייסן אויפשטײן און זײן גרייט. איך בין נישט געשלאָפן, בין געלעגן אויף דעם האַרטן ברעטל און זיך אײנגעהערט צו דעם אומאויפהערלעכן טומל אין דער טורמע.

אַ כסדרדיקע באַוועגונג. טירן האָבן זיך געעפנט און פאַרקלאַפּט. עס האָבן זיך געהערט שווערע טריט פון זעלנערישע שטיוול און לײכטערע טריט פון ציווילע שיך. עס האָבן זיך דערטראָגן די כאַראַקטעריסטישע קורצע אויס־געשרייען: „פּאַסקאַרעי", „פּאַסקאַרעי"! (שנעלער, שנעלער!).

ווען די טיר פון מײן קעמערל האָט זיך געעפנט בין איך שוין געווען גרייט... אַ וואַך פון דריי באַוואָפנטע ענקאַוואודיסטן האָט מיך אַרומגערינגלט און מען האָט מיך געפירט. איך האָב זיך געמוזט אָנשטרענגען, כדי אָנצוהאַלטן דעם שנעלן טעמפּ פון דעם מאַרש. מיר זײנען דערגאַנגען ביז אַ טויער. דאָ איז געשטאַנען אַ פאַרשטאַרקטע וואַך. דער עלטסטער פון דער וואַך האָט מיך גרינטלעך באַטאַפּט און באַזוכט.

דער טויער האָט זיך געעפנט און מיר זײנען אַרויס פון דער בוטירקי־טורמע. עס איז געווען פולשטענדיק פינצטער און איך האָב נישט געזען וואו איך שטעל מײנע טריט. די וואַך האָט מיך געהאַלטן פעסט פאַר די הענט און מיר זײנען געגאַנגען... אַזעלכע נאַכט־„שפּאַצירן" אין דער געזעלשאַפט פון באַוואָפנטע ענקאַוואודיסטן האָב איך דאָך שוין געהאַט עטלעכע, און דאָך האָב איך אויך דאָס מאָל דורכגעלעבט דעם ציטער פון אײנעם, וואָס גייט זײן לעצטן וועג...

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. אַ טירל האָט אַ סקריפּ געטאָן, מען האָט מיך פלינק אַרײנגעפּאַקט און דאָס טירל האָט זיך צוריק פאַרמאַכט. איך בין געבליבן שטײן אין דער פינצטערניש און נישט געקאָנט זיך רירן. איך האָב דערפילט מענטשן אַרום. עס איז געווען אַזוי געדיכט און ענג, אַז מען האָט זיך נישט געקאָנט באַוועגן. עס איז געווען הייס און שטיקנדיק. מענטשן האָבן געשריגן און זיך געקריגט, זיך געשטופּט און געשטויסן. מען האָט נישט געזען קײן פּנימער, נישט געוואוסט וואו וועמענס פיס עס געפינען זיך, איז מען געקראָכן איבער דעם שכנס פיס און דאָס האָט אַרויסגערופן די געשרייען.

באַלד האָט זיך דערהערט אַ רויש פון אַ מאָטאָר. דער אויטאָ־קאַסטן האָט געציטערט. עס האָט געוואָרפן און געטרייסלט. די געפּאַקטקייט אין דעם אויטאָ האָט פאַרהיט פון פאַלן, עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ וואו צו פאַלן.

דער אויטאָ איז לאַנג געפאָרן, מענטשן האָבן געקרעכצט און שווער גע־סאָפּעט. איך האָב קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס. ענדלעך האָט זיך דער אויטאָ אָפּגעשטעלט, מען האָט אונז אַרויסגעלאָזט אויף דער פרישער לופט, באַפוילן זעצן זיך אויף דער ערד און פולשטענדיק שווייגן.

עס האָט אָנגעהויבן גרויען דער טאָג. מיר האָבן זיך געפונען אויף אַ פאַרוואָרפענעם פּלאַץ. נישט ווייט האָבן זיך געזען באַן־רעלסן און באַן־וואַגאָנעס. אויף דעם פּלאַץ זיינען געזעסן הונדערטער מענטשן אין באַזונדערע גרופּעס. יעדע גרופּע איז געווען באַוואַכט פון אַ צענדליק באַוואָפנטע ענקאַוועדיסטן. יעדע צענדליק וועכטער האָט געהאַט עטלעכע גרויסע הינט. ביי יעדער גרופּע איז געשטאַנען אַ ענקאַוועדיסט מיט אַ ליסטע אין האַנט. ער האָט אויסגערופן אַ נאָמען. דער גערופענער האָט זיך געשטעלט און אַ וואַך האָט אים אַוועקגע־פירט. מיך האָט מען גראָד גערופן כמעט דעם לעצטן.

פון פּלאַץ האָט די וואַך מיך צוגעפירט צו אַ וואַגאָן און מען האָט מיך אַריינגעשטופּט אינעווייניק. דער וואַגאָן איז שוין געווען געפּאַקט מיט מענטשן, איך האָב קוים געפונען אַן אָרט וואו אַוועקצושטעלן מיין צווייטן פוס. נאָך מיר האָט מען נאָך אַריינגעשטופּט עטלעכע מענטשן, די ענגשאַפט איז געוואָרן נאָך גרעסער.

באַלד האָט מען פאַררוקט די טירן פון וואַגאָן, פאַרשלאָסן די שלעסער און דער צוג האָט גערירט.

***

מיר האָבן זיך געפונען אין אַ פּראַכט־וואַגאָן. פוןביידע זייטן זיינען געווען צוגעקלאַפּט ברעטער, אויף וועלכע אַ צוויי צענדליק מענטשן האָבן געקענט זיצן און ליגן. אין דעם וואַגאָן האָט מען אָבער אַריינגעקוועטשט איבער זעקס צענדליק. אין איין ווינקל פון וואַגאָן איז געווען אויסגעשניטן אַ קליינטשיק פענצטערל. דורך דעם פענצטערל, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט אַן אייזערנער גראַטע, האָבן איבער זעכציק מענטשן געדאַרפט באַקומען לופט צום עטעמען. דאָס איז אויך געווען דאָס איינציקע אָרט, דורך וועלכן עס האָט צו אונז אַריינגעקוקט דער טאָג אָדער די נאַכט. אין צענטער פון וואַגאָן איז געווען אָפּגעצוימט אַ שטיקל פּלאַץ אויף צו דערליידיקן די מענטש־לעכע באַדערפעניש. עס איז זיך לייכט פאַרצושטעלן מיט וואָס פאַר אַ שטיקנדיקער און שטינקענדיקער לופט מיר האָבן געעטעמט די גאַנצע צייט פון דער רייזע.

עטלעכע מינוט בלויז זיינען פאַרביי זינט דער צוג האָט אָנגעהויבן פאָרן. דורך דער ענגשאַפט האָט זיך צו מיר צוגעשטופּט אַ מענטש. ער

האָט מיר אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל און האָט מיך אָנגערופן ביים נאָמען. די שטים איז מיר געווען באַקאַנט. איך האָב אָבער אין דער ערשטער רגע נישט דערקאַנט דעם מענטש: אַ לאַנג אויסגעדאַרט געזיכט מיט איינגע־פאַלענע באַקן, לייכט באַוואַקסן מיט גרויע האָר, און מיט אַזעלכע סאַמעט־ווייכע בליקן אין די טיף־איינגעפאַסטע אויגן. טאַקע לויט די וואַרעמע בליקן האָב איך דערקאַנט, אַז לעבן מיר שטייט — חבר ה ע נ ר י ק ע ר ל י ך.

מיר האָבן זיך אַרומגענומען און צוזאַמען געשוויגן...

איך האָב געקוקט אויף דעם צעקנייטשטן און אויסגעמאַטערטן פּנים, וואָס איז אין משך פון 22 חדשים זינט דעם אַרעסט אַזוי פאַרענדערט, אַזוי פאַרעלטערט געוואָרן, ממש נישט צו דערקענען. טרערן האָבן מיך געשטיקט, איך האָב זיי געוואָלט איינשלינגען און נישט געקאָנט.

— „וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל, — האָט חבר הענריק שטיל געשעפּטשעט, — וואָס מען האָט אונז אַריינגעוואָרפן אין דעם זעלבן וואַגאָן. איצט וועלן מיר זיך שוין האַלטן צוזאַמען, מיר האָבן דאָך אַזוי פיל זיך צו דערציילן. — „איך איז געוויס באַקאַנט דער גורל פון מיין משפחה. איר ווייסט אויך זיכער וואָס עס איז געשען מיט אַלע אונזערע געמיינזאַמע פריינט... עס איז ממש אומגלויבלעך צו האָבן אייך דאָ לעבן זיך, — האָט חבר הענריק אַ שמייכלענדיקער גערעדט, — איר מוזט מיר גלייך אָנהויבן דערציילן.

איך בין אַרעסטירט געוואָרן 9 חדשים שפּעטער פון ח׳ ערליך, האָב איך געהאַט טאַקע אַ סך אים צו דערציילן — וועגן ח׳טע סאָפיע מיט די קינדער, וואָס זיינען שוין געווען אין ווילנע, וועגן זיין שוואָגער שמעון דובנאָוו, וואָס איז געקומען פון ריגע קיין ווילנע זיך צו זען מיט דער פאַמיליע, — וועגן לעבן פון אונזערע פּליטים אין ווילנע און קאָוונע, ווי אַזוי מ׳האָט געשוואַרצט די גרענעץ, כדי צו געפינען שוץ אין דער האַלב־פאַשיסטישער ליטע, ווי אַזוי מ׳האָט זיך איינגעאָרדנט ווי נישט ווי, אָרגאַניזירט הילף — אינטערנאַטן, קיכן, — געפירט אַ פּאַרטיי־ און קולטור־אַרבעט. איך האָב זיך באַמיט צו דערמאָנען די נעמען פון אַלע חברים־בונדיסטן, וואָס ס׳איז זיי געלונגען זיך אַדורכצורייסן קיין ווילנע. מיט יעדן נייעם נאָמען איז געוואַקסן זיין פרייד. און ווי נאָך מער פינצטער איז געוואָרן זיין איידעלער פּנים, ווען איך האָב דערציילט וועגן ווילדן טעראָר פון דער סאָוויעטישער מאַכט אין די פאַרנומענע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, — וועגן דער ליקווידאַציע פון אַלע נישט קאָמוניסטישע פּאַרטייאישע און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, וועגן אַרעסטן און פאַרשלעפּונגען פון צענטליקער פון אונזערע בעסטע חברים און פריינט. איך האָב אים אויך איבערגעגעבן אַלע פּרטים וועגן אַרעסט פון חבר וויקטאָר אַלטער. אין יענעם מאָמענט האָבן מיר נאָך בײדע נישט געוואוסט, אַז מיר זיינען מיט וויקטאָרן געזעסן אַ לאַנגע צייט אין דער זעלבער לוביאַנקע טורמע אין מאָסקווע, אַפילו אויף דעם זעלבן שטאָק.

מיין דערציילונג האָט זיך געצויגן כמעט דעם גאַנצן ערשטן טאָג פון

אונזער רייזע. ווי גענוי איך האָב וועגן אַלץ דערציילט, האָט נאָך חבר ערליך געוואָלט וויסן מער און מער. ער האָט מיך אויסגעפרעגט פּרטים וועגן מענטשן און געשעענישן, וועגן אַלגעמיינע ענינים און וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע פון יענער צייט.

דער צוג איז געפאָרן און געפירט אונז אַלץ ווייטער און ווייטער פון מאָסקווע. ביסלעכווייז האָבן זיך די מענטשן אין וואַגאָן „איינגעאָרדנט". יעדער האָט זיך געפונען אַ שטיקל פּלאַץ. ווער צום זיצן, ווער צום שטיין און ווער צום ליגן אַפילו. מען האָט אויסגענוצט מעגלעכן „רוים". מען האָט זיך אַפילו אַריינגעקוועטשט אונטער די נאַרעס און דאָרט געשלאָפן. די גליקלעכערע און שטאַרקערע האָבן פאַרכאַפּט די ערטער אויף די נאַרעס, די שוואַכערע זיינען פאַרבליבן אין אַ שטייענדיקער פּאָזיציע. דעם חבר הענריק און מיר האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרכאַפּן אַ שטייענדיקן פּלאַץ לעבן דער נאַרע אָבער מיט אַן אָנשפּאַר פאַר די פּלייצעס אָן דער וואַנט פון וואַגאָן.

דער צוג פלעגט זיך זייער אָפט שטעלן און פאַרהאַלטן זיך גאַנצע שעהן. אויף איינער פון די סטאַנציעס האָט מען דערלאַנגט עסן. מען האָט באַקומען אַ שטיקל שוואַרץ ברויט, אַ שטאַרק געזאַלצענעם און פאַרטריקנטן הערינג, צוויי שטיקלעך צוקער און וואַסער צום טרינקען. דאָס וואַסער האָט מען אַריינגעגאָסן אין אַ פעסל און אַ וואָך פון צוויי אַרעסטירטע האָט געהיט דעם אוצר... בלויז צוויי מאָל אין משך פון 24 שעה האָט יעדער באַקומען אַ טעפּעלע טרינק־וואַסער. דער מאַנגל אין טרינק־וואַסער איז געוואָרן די גרעסטע פּלאָג פאַר אַלעמען אין משך פון דער גאַנצער צייט פון דער נסיעה. די ברענענדיקע זון האָט אָנגעגליט דעם דאַך און די ווענט פון פאַרמאַכטן וואַגאָן, די לופט איז געווען פאַרסמט און שטיקנדיק. דער געזאַלצענער הערינג האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם דורשט און טרינק־וואַסער איז געווען אַזוי ווינציק... איז אָנגעגאַנגען אַ טויש־האַנדל אין וואַגאָן. מען האָט אָנגעבאָטן ברויט, סיגאַרעטן, צוקער און אַפילו העמדער פאַר אַ ביסל וואַסער. מיט יעדן ווייטערדיקן טאָג איז דער פּרייז פון וואַסער געשטיגן. אין די נעכט זיינען אויסגעבראָכן געשלעגן אין וואַגאָן, דאָס האָט מען געשלאָגן די, וועלכע האָבן פּרובירט גנבנען אַ זופּ וואַסער פון פעסל.

אויף איינער פון די לאַנגע אָפּשטעלן האָבן מיר געהאַט אַ סיורפּריז. עס איז געווען דער ערשטער טאָג פון דער רייזע. דער צוג איז געשטאַנען אויף עפּעס אַ קליינער סטאַציע. מיר האָבן דערהערט מענטשלעכע שטימען. מענערשטימען, פרויען־שטימען און אויך קינדערישן געוויין און געלעכטער. דורך דעם פאַרגראַטעוועטן פענצטערל פון אונזער וואַגאָן האָט איינער פון די אַרעסטירטע אַרויסגעקוקט און אונז אינפאָרמירט וואָס ער האָט געזען.

אויף דער זעלביקער סטאַציע איז געשטאַנען נאָך אַ צוג מיט זייער אַ סך וואַגאָנעס. די וואַגאָנעס זיינען געווען אָפענע און פאַרמאַכטע, אַלע איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. מען איז געזעסן אַפילו אויף די דעכער פון די וואַגאָנעס. נאָך עטלעכע פראַגן און ענטפערס איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז געווען אַ

צוג מיט עוואַקואירטער ציווילער באַפעלקערונג פון מינסק, דער הויפּט־שטאָט פון סאָוויעטישן ווייס־רוסלאַנד. דעמאָלט ערשט האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז פון דעם 22טן יוני אָן פירט היטלער קריג קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד. איצט איז אונז קלאָר געוואָרן פאַרוואָס מען פירט אונז דאָ אין די פאַרעיפּושטע וואַגאָנעס, פאַרוואָס דער נ.ק.וו.ד. האָט זיך אין מאָסקווע אַזוי געאײַלט...

די באַוואָפנטע ענקאַוועדיסטן האָבן געשריגן און געדראָאַט מיט די ביקסן, נישט דערלויבט דעם „קאָנטאַקט" צווישן די בײדע צוגן. אונזער „ספּיקער" ביים פענצטערל האָט באַקומען אַ שווערן קלאַפּ אין פּנים מיט אַ קאָלבע פון אַ ביקס און ער האָט רעזיגנירט פון זיין אַמט... אין דעם צוג פון די „פרייע" מענטשן האָט זיך אָבער געפונען איינער, וואָס האָט פאַרשטאַנען אונזער נייגעריקייט זיך צו דערוויסן ווי עס האַלט אויף די פראָנטן. דער אומבאַקאַנטער פון יענער זייט האָט אָנגעהויבן לייענען הויך אויפן קול ידיעות פון דער צייטונג. ער האָט דאָס, ווייזט אויס, געלייענט כלומרשט פאַר זיינע שכנים אין וואַגאָן אָבער מיר האָבן אַלץ גוט געהערט. ביי אונז אין וואַגאָן איז געוואָרן טויט שטיל. מיר האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן קיין איין וואָרט.

די ידיעות זיינען געווען פון 26טן יוני 1941, זיי זיינען אַלט געווען בלויז צוויי טעג. עס זיינען אין די אָפיציעלע טעלעגראַמעס אויסגערעכנט געוואָרן נעמען פון גוט באַקאַנטע שטעט, וועלכע זיינען אין עטלעכע טעג אָקופּירט געוואָרן דורך די נאַציסטישע אַרמייען. די דייטשן האָבן איצט אָנגעווענדט זייער „בליץ קריג" קעגן די, וועלכע האָבן זיי ערשט מיט געציילט טעג צוריק באַזאָרגט מיט ברויט און נאַפט. אין משך פון די עטלעכע טעג האָבן די דייטשן שוין געהאַט פאַרנומען כמעט אַלץ, וואָס די סאָוויעטן האָבן געהאַט אָקופּירט פון די טעריטאָריעס, וועלכע האָבן געהערט צו פּוילן, ליטע, צו לעטלאַנד, צו עסטאָניע און צו רומעניע...

***

די מערהייט „רייזנדע" אין אונזער וואַגאָן איז באַשטאַנען פון סאָוויעטישע בירגער; פאַר זיי זיינען די ידיעות וועגן אויסגעבראָכענעם קריג און וועגן דער לאַגע אויף די פראָנטן געווען פּונקט אַזוי אומגעריכט ווי פאַר אונז, אָבער זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן די מינדסטע איבערראַשונג. קיין שום אויסדרוק פון באַדויערונג, פון פאַרוואונדערונג. אויף זייערע פּנימער איז געווען אויסגעגאָסן אַ פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט.

די קאָלאָניע פון „אויסלענדער" אין דעם וואַגאָן איז געווען אַ קליינע אין צאָל. כמעט אַלע זיינען געווען קרבנות פון דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ פּאַקט. עס זיינען געווען עטלעכע פּוילישע שטאַב־אָפיצירן, וואָס מ'האָט גענומען אין דעם טרויעריק־באַרימטן סאָוויעטישן לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע אָפיצירן אין סטאַראָבעלסק. פון דעם לאַגער האָט דער נ.ק.וו.ד. אויסגעקליבן אייניקע הויכע אָפיצירן, זיי געבראַכט אין מאָסקווער טורמע און דאָרט „געפּאָרשט"...

עס זיינען געווען מיט אונז צוויי הויכע באַאַמטע פון פּוילישע אויסלענדישע אַמבאַסאַדעס. זיי האָבן נישט באַוויזן צו פאַרלאָזן די אַמבאַסאַדעס, ווען די סאָוויעטישע רעגירונג האָט דערקלערט, אַז פּוילן האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. די דאָזיקע באַאַמטע זיינען געבראַכט געוואָרן קיין מאָסקווע, כדי פון זיי אַרויסצובאַקומען די דיפּלאָמאַטישע סודות פון זייערע אַמבאַסאַדעס. זייערע אויספאַרשונגען זיינען שוין גאָר נישט געווען דיפּלאָמאַטיש...

אין אונזער וואַגאָן איז אויך געווען אַ גרופּע פון דריי פּוילישע דיכטער. זיי זיינען פאַר דעם קריג געווען באַקאַנט ווי קאָמוניזירנדיקע שרייבער און איינער פון זיי איז אַפילו געזעסן אין טורמע פאַר פּראָ־סאָוויעטישע טענער אין זיינע דיכטערישע שאַפונגען. ווען די סאָוויעטן האָבן אָקופּירט לעמבערג האָבן די אַלע דריי פּוילישע דיכטער זיך געשטעלט צו דינסט און אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט די דאָרטיקע קאָמוניסטן. זיי האָבן פאַרנומען וויכטיקע אַמטן אין דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג און זיינען געגאַנגען אין שפּאַן... איצט זיינען זיי דאָ צוזאַמען מיט אונז אין תפיסה־וואַגאָן...

אין איינעם אַן אָוונט זיינען די דערמאָנטע דיכטער געזעסן אין אַ לעמבערגער רעסטאָראַן ביי אַ טישל און געטרונקען. ביי אַ צווייטן טישל אין דעם זעלבן לאָקאַל איז געזעסן אַ גרופּע סאָוויעטישע אָפיצירן. אויך זיי האָבן גענעצט זייערע ליפּן אין פּוילישער „וואָדקאָ". צווישן די ביידע טישלעך האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס. דער שמועס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דיסקוסיע און די דיסקוסיע האָט זיך געענדיקט מיט אַ געשלעג. אין עטלעכע טעג אַרום זיינען שוין די דריי פּוילישע קאָמוניסטישע דיכטער געווען אין דער ענקאַוועדיסטישער טורמע און שפּעטער האָט מען זיי געבראַכט קיין מאָסקווע. אין מאָסקווע האָט מען זיי געפאַרשט און באַשולדיקט אין אַנטי־סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע. זיי זיינען פאַראורטיילט געוואָרן, מען האָט זיי פאַרשיקט און ערשט אַדאַנק דעם שפּעטערדיקן אָפּמאַך צווישן דער פּוילישער לאָנדאָנער רעגירונג און דער סאָוויעטישער רעגירונג זיינען די דערמאָנטע דיכטער באַפרייט געוואָרן. היינט געפינען זיי זיך אַלע דריי אין פּוילן און דינען ווייטער דעם קאָמוניסטישן רעזשים.

אָט די גרופּע פּוילישע שרייבער האָט גוט געקאַנט דעם חבר ערליך. זיי האָבן אין משך פון דער רייזע אין וואַגאָן זיך געהאַלטן נאָענט מיט אונז. זיי האָבן אַפילו נישט באַהאַלטן פון אונז זייער פאַרביטערטקייט און אַנטוישונג אין דעם קאָמוניזם פון נוסח מאָסקווע און נוסח נ.ק.וו.ד. אין די נעכט, ווען אַלע פלעגן שלאָפן, האָבן מיר שעהן לאַנג, שעפּטשענדיק געשמועסט צווישן זיך. זיי האָבן פון זכרון שטיל רעציטירט זייערע דיכטונגען. אין אָט די אויסטערלישע באַדינגונגען האָבן די לידער געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. עס האָט געקלונגען ווי עפּעס אַ געהיימניספולע תפילה.

די נאַכט אין וואַגאָן האָט זיך אָנגעהויבן פרי. ווי נאָר די זון איז פאַרגאַנגען, איז ביי אונז געוואָרן פינצטער. קיין ליכט איז נישט געווען, מען איז געווען מיד און שוואַך האָט מען שנעל גענומען איינדרימלען.

איינמאָל אַ נאַכט, זאַלבעפערט, — דער חבר ערליך, צוויי פון די פּוילישע

דיכטער און איך, זיינען מיר געשטאַנען צונויפגעדריקט און שטיל גערעדט. מיר האָבן זיך געטיילט מיט די מיינונגען וועגן די פראָנט־ידיעות, וועלכע מיר האָבן היינט געהאַט געהערט בייטאָג. פון אַט דעם שמועס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון די אָפּשאַצונג פון חבר ערליך.

ער האָט פאָרויסגעזען אַ שנעלן נייעם קער אין די באַציאונגען צווישן ענגלאַנד, אַמעריקע און דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. ער איז געווען איבערצייגט, אַז נאָר די הילף פון אַמעריקע וועט קאָנען אָפּשטעלן דעם מאַרש פון היטלערס דיוויזיעס אין רוסלאַנד און ער האָט פאָראויסגעזען, אַז די הילף וועט קומען זייער שנעל. אין אונזער גרופּע איז ערליך געווען דאַן דער איינציקער אָפּטימיסט. די גרעסטע פּעסימיסטן זיינען געווען די קאָמוניסטישע דיכטער...

אונזער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט זיך איבערגעריסן דער רויש פון די לויפנדיקע רעדער. אויך אונזער שמועס האָט זיך אָפּגעהאַקט. עס איז געוואָרן צו שטיל אין וואַגאָן און מיר האָבן נישט געוואָלט, אַז מען זאָל אונטערהערן אונזער געשפּרעך. איך ווייס נישט וויפל מענטשן אין וואַגאָן זיינען אין יענעם מאָמענט געווען וואַך און זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון יענער זייט אָבער קיינער האָט די שטילקייט נישט צעשטערט. מען האָט זיך איינגעהערט...

חבר הענריק האָט מיר איינגערוימט: אין די ווייטערדיקע וואַגאָנעס קומט וואָרשיינלעך פאָר אַ קאָנטראָל, מיר דאַרפן זיך אויך ריכטן אויף זייערן אַ וויזיט. מיר וועלן זיי זיכער דאָ באַלד האָבן די פאַרשוינען מיט די נאַגאַנעס און הינט.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און די געסט האָבן אָנגעקלאַפּט אין אונזער טיר...

אין וואַגאָן האָט זיך אַריינגעלאָזט אַ גרופּע פון פינף... דריי ענקאַוועדיסטן און צוויי הינט. עס איז געפאַלן אַ שטרענגער באַפעל: „מאַלטשאַט!" שווייגן! „יעדער וואָס וועט אויסרעדן אַ וואָרט וועט אויפן אָרט דערשאָסן ווערן ווי אַ הונט".

מיט אַן אויסגעשטרעקטן נאַגאַן אין האַנט האָט דער גרופּן־פירער גענומען ציילן די קעפּ פון דעם „אינוונטאַר" אין וואַגאָן. ביי דער ערשטער ציילונג האָט אים געפעלט דריי „שטיק". האָבן צוויי ענקאַוועדיסטן אָנגעהויבן ציילן. איינער האָט געציילט די צוזאַמענגעפּרעסטע מאַסע פון איין העלפט וואַגאָן און דער צווייטער פון דער צווייטער העלפט וואַגאָן. נאָכן צוזאַמענרעכענען ביידע ציפערן האָט דער נ.ק.וו.דיסט גענומען שילטן און זידלען אויף אַן עכט רוסישן שטייגער. ער האָט שוין איצט געהאַט צוויי אַרעסטירטע — צופיל. האָט ער באַפוילן אַן איבערוואַנדערונג... אַלע אַרעסטירטע זיינען מיט דער הילף פון די הינט און נ.ק.וו.דיסטן צוזאַמענגעפּרעסט געוואָרן אין איין העלפט פון דעם וואַגאָן און מען האָט איינציקווייז איבערגעשיקט צו דער צווייטער העלפט וואַגאָן. פון דער ציילונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלט איינער. די נ.ק.וו.דיסטן זיינען געוואָרן ווילד, אַלע דריי האָבן געשאָלטן און געשריגן. די צוויי

הינט האָבן אָנגעהויבן בילן און מיר זיינען געשטאַנען צוזאַמענגעקוועטשטע ווי הערינג אין אַ פאַס און געשוויגן...

עס האָט זיך דערהערט אַ קורצער פייף און צו אונזער וואַגאָן איז צוגע־קומען אַ גרעסערע גרופּע ענקאַוועדיסטן. לויט אַ באַפעל האָבן זיי גענומען אַרומ־קלאַפּן מיט די ביקסן די ווענט און דעם דאַך פון וואַגאָן. אַלץ איז געווען גאַנץ, זיי האָבן נישט געפונען דעם פּלאַץ דורך וועלכן דער פעלנדיקער „איינער" איז פאַרשוואונדן. האָט מען גענומען „באַטאַפּן" דעם וואַגאָן פון אינעווייניק, יעדער ברעטל פון די ווענט און פון דער פּאָדלאָגע איז קאָנטראָלירט געוואָרן ביז... זיי האָבן ענדלעך געפּאַקט. פון אונטער דער נאַרע האָבן זיי אַרויס־געצויגן דעם פעלנדיקן נומער...

דער עלטסטער פון דער גרופּע האָט דעם אַרויסגעשלעפּטן גענומען וועקן... מיט די שטיוול האָט ער אים „באַאַרבעט", ביז דער ליגנדיקער האָט אָנגעהויבן וויינען, רעווען ווי אַ געקוילעטער...

דער חשבון האָט ענדלעך געשטימט, די ציילערס זיינען אַרויס. די טיר איז צוריק געוואָרן פאַרשלאָסן און די „פּאַסאַזשירן" האָבן צוריק פאַרנומען זייערע פריערדיקע פּלעצער.

אַזעלכע ציילונגען האָבן מיר געהאַט אין וואַגאָן יעדע נאַכט.

***

ווען דער צוג האָט ווידער אָנגעהויבן פאָרן, און די אויסגעמאַטערטע מענטשן אין וואַגאָן האָבן אָנגעהויבן איינדרימלען, זיינען מיר געבליבן זאַלבע־צווייט שטיין אין אונזער ווינקל.

דער חבר ערליך האָט איבערגעריסן די שטילקייט און אָנגעהויבן דער־ציילן...

איך האָב פאַרגעסן וועגן מיין אויסגעשעפּטקייט און מידקייט, דער פינצ־טערער קאָשמאַר פון אַרום איז פאַרשוואונדן, איך האָב זיך פאַרוואַנדלט אין בלויז געהער.

נישט אַלע פּרטים פון זיין דערציילונג קאָן איך זיך היינט דערמאָנען, אָבער דעם עיקר, די וויכטיקסטע מאָמענטן האָב איך אין מיין זכרון און איך וועל זיי שוין זיכער טראָגן אין זיך ביז דעם סוף פון מיינע טעג.

פון דער בריסקער באַן־סטאַציע, וואו ער איז אַרעסטירט געוואָרן, (דעם 4טן אָקטאָבער 1939) האָט מען אים אָפּגעפירט אין אַ שמוציקער קליינער קאַ־מער פון דער בריסקער טורמע. דאָרט ערשט איז ער געזעסן איינער אַליין. עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד האָט מען אים אין טורמע געפּאַרשט. די אויספאָר־שונג איז געפירט געוואָרן דורך אַ קאַפּיטאַן פון דער נ.ק.וו.ד.

דער חבר ערליך האָט נישט פּרובירט לייקענען אַפילו, אַז ער איז אַ מיט־גליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון פוילישן „בונד" און דער רעדאַקטאָר פון דעם צענטראַלן אָרגאַן פון „בונד" „פאָלקס־צייטונג".

ער האָט געענטפערט אויף אַלע הונדערטער פראַגן פון די „אַנקעטעס" און גענוי אויפגעקלערט די סיבות פון זיין קומען פון וואַרשע קיין בריסק.

דער אויספאָרשער האָט געפאָדערט, אַז חבר ערליך זאָל זיך מודה זיין, דאָס ער איז געקומען קיין בריסק כדי אָנצופירן און אָרגאַניזירן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע אַנטי־סאָוויעטישע בונדישע טעטיקייט. ער האָט פאַרלאַנגט די נעמען און די אַדרעסן פון אַנדערע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט ווי אויך די נעמען פון די בונדיסטן אין בריסק, מיט וועלכע חבר ערליך איז געווען פאַרבונדן.

חבר הענריק האָט דעם טשעקיסטישן קאַפּיטאַן פּרובירט אויפקלערן. ער האָט אים פאַר געשילדערט די סיטואַציע אין וואַרשע אין די טעג, ווען די היטלערישע דיוויזיעס האָבן געבראָכן דעם ווידערשטאַנד פון דער פאַרטיי־דיקונג. ער האָט אים דערציילט וועגן דער עוואַקואַציע פון וואַרשע און וועגן די טויט־געפאַרן, וואָס האָבן געלויערט אויף אים און אויף אַנדערע באַקאַנטע סאָציאַליסטישע טוערס מצד דער היטלערישער געסטאַפּאָ. חבר ערליך האָט געוואָלט, אַז דער אויספאָרשער זאָל פאַרשטיין, וואָס דאָס מיינט אַזוינס אַזיל־רעכט פאַר מענטשן, וואָס זוכן שוץ ביי די סאָוויעטן, ווייל זיי ווילן נישט גיין אונטערן מעסער פון היטלערישן הענקער.

דער סאָוויעטישער אויספאָרשער האָט דאָס אָבער נישט געקאָנט „פאַרשטיין". די היטלערישע געסטאַפּאָ האָט דאָך געווילדעוועט אין די פּוילישע שטעט פון איין זייט פון טייך בוג, מיט די זעלבע „רעכט", וואָס די סאָוויעטישע נ.ק.וו.ד. האָט געווילדעוועט אין די פּוילישע געביטן פון דער צווייטער זייט בוג. דער „שמועס" איז דאָך פאָרגעקומען טאַקע אין דער זעלבער שטאָט, וועלכע די היטלער־קאָמאַנדירן האָבן אויף אַ פייערלעכן אופן, מיט אַ מיליטערישן פאַראַד, איבערגעגעבן צו די קאָמאַנדירן פון די סאָוויעטישע גאַרניזאָנען. דער אויס־פאָרשער איז זיכער אַליין געווען אַן עדות פון דער גרויסער פריינטשאַפטס־דעמאָנסטראַציע.

דער טשעקיסט איז געבליבן זייער אומצופרידן פון די פאַרהערן. ער האָט געדראָט און געשריגן, געווען ווייך און האַרט, העפלעך און גראָב, אָבער ער האָט דעם חבר ערליך נישט איינגענומען.

נאָך צוויי וואָכן זיצן אין בריסקער טורמע האָט מען דעם חבר הענריק איבערגעפירט קיין מאָסקווע. מען האָט אים געבראַכט אין דער באַרימטער אויספאָרשונגס־טורמע אויף לוביאַנקע. דעם ערשטן חודש האָט מען אים גע־האַלטן אין אַן איינצל־קאַמער. קיין איין נאַכט האָט מען אים נישט געלאָזט רואיק דורכשלאָפן. די אויספאָרשונגען פלעגן דויערן פון דריי שעה ביז אַכצן שעה אָן איבעררייס. מען האָט פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אָנערקענען, דאָס זיין גאַנצע טעטיקייט איז געווען פאַררעטעריש, פאָלקס־פיינטלעך און אַנטי־סאָוויעטיש.

ווען דאָס איז זיי נישט געלונגען, האָבן זיי אים אַ שטיקל צייט אָנגעהויבן באַהאַנדלען עטוואָס בעסער. מען האָט אים געגעבן אַ קאַמער מיט נאָך איינעם,

מיט נאָך צוויי און שפּעטער מיט נאָך דריי אַרעסטירטע. חבר ערליך האָט דאָן געשריבן פון זכרון די געשיכטע פון „בונד" אין פּוילן. עטלעכע מאָל האָט ער געהאַט זיך אָפּגעזאָגט צו טאָן די אַרבעט און נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת דאָך באַשלאָסן דאָס יאָ צו מאַכן. יעדן טאָג האָט מען אים אַרויסגעפירט פון זיין קאַמער און אים אַריינגעפירט אין אַ קליין צימערל, וואו עס האָט זיך געפונען אַ שרייב־טישל, אַ שטול, אַ קרוג מיט וואַסער צום טרינקען, פּאַפּיר, טינט און אַ פּעדער. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן און קיינער האָט אים נישט באַאומרו־איקט. אויף אַ לענגערע צייט איז ער פּטור געוואָרן פון די אומזיניקע און פּיינלעכע „דיסקוסיעס" מיט די אויספאָרשער וועגן סאָציאַליזם און קאָמוניזם, וועגן דעמאָקראַטיע און רעוואָלוציאָנערישקייט. ער האָט באַשלאָסן צו געבן זיינע פּייניקער די תשובה אויפן פּאַפּיר. עס איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע: שרייבן אין אַזעלכע באַדינגונגען, פון זכרון בלויז, די געשיכטע פון דאָס טייערסטע און הייליקסטע אין זיין לעבן, וויסנדיק פון פאָרויס אין וואָס פאַר אַ שמוציקע און בלוטיקע הענט די אַרבעט וועט איבערגעגעבן ווערן! אָבער ער האָט זיך אַליין געצוואונגען אָנצוגיין מיט דער אַרבעט. ער האָט געשריבן מיט אַ געפיל, אַז דאָס איז דער איינציקער מיטל צו געבן אַ ווירדיקן ענטפער זיינע אויספאָרשער.

עטלעכע חדשים האָט חבר ערליך געשריבן די געשיכטע פון 21 יאָר „בונד" אין פּוילן, וואָס האָט אַרומגענומען די צווישנצייט פון דער ערשטער ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווער ווייס, ווען די מיט טייכן בלוט דורכגע־ווייקטע גע.פּע.או־אַרכיוון וועלן ווערן צוטריטלעך פאַר דעם רוסישן פאָלק; ווער ווייס, ווען מיר וועלן האָבן דאָס גליק צו לייענען אָט די אויסטערלישע געשיכטע פון פּוילישן „בונד", געשריבן אין אַ סאָוויעטישער טורמע דורך חבר הענריק ערליך אַליין...

ווען די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט, האָט מען דעם חבר ערליך ווידער אָנגעהויבן פּייניקן. אַ נייער אויספאָרשער האָט זיך צו אים גענומען. די אָנ־געשריבענע געשיכטע איז דערקלערט געוואָרן ווי אַ בייזוויליקע אָפּנאַרעריי פון דער סאָוויעטישער אויספאָרשונג און מען האָט פון אים פאַרלאַנגט דעם אמת...

אַ טשעקיסטל פון אַ יאָר דרייסיק האָט עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד זיך גע־פליסט איבערצוצייגן דעם חבר ערליך, אַז דער „בונד" און קאָנטער־רעוואָלוציע איז איין זאַך, אַז דער בונדישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט געדינט דער פּוי־לישער דעפענסיווע (פּאָליטישע פּאָליציי).

דער חבר הענריק האָט מיט ווירדע אָפּגעוואָרפן די עקלהאַפטע אינסינואַ־ציעס און האָט מיט אוממענטשלעכער גבורה אויסגעהאַלטן די ענוים פון די אויספאָרשונגען. מען האָט אים נישט געשלאָגן, אָבער מען האָט אים דערני־דעריקט און אויף דעם גראָבסטן אופן באַליידיקט. מען האָט אים געמאַטערט דורך הונגער, דורשט, שלאָפלאָזיקייט און קאַרצערס (שטראָף־קאַמערן).

דער נישט גלייכער „וויכוח" צווישן דעם באַוואָפנטן טשעקיסט און דעם

צעפייניקטן, אָבער אומבויגזאַמען פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך ווידער פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל פאַר דעם אויספאָרשער.

אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט מען דעם חבר הענריק געפירט צו אַ נייעם אויספאָרשער. דאָס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין אויספאָרשונג נאָר אַ שמועס. צוויי נעכט נאָכאַנאַנד האָט ער געשמועסט מיט אַ פּאָלקאָווניק (קאַלאָנעל) פון נ.ק.וו.ד. דער שמועס איז געווען כמעט אַן אָנשטענדיקער. דער טאָן פון דעם פּאָלקאָווניק איז געווען אַ פריינטלעכער און אַ מיטפילנדיקער. דער פּאָלקאָווניק האָט געהאַט געלייענט די אַרבעט פון חבר הענריק וועגן „בונד". ער האָט אויפן גרונט פון דער אַרבעט געוואָלט באַווייזן, אַז דער דעמאָקראַטישער וועג פון סאָציאַליזם, איז פאַראורטיילט צו אַ נאַטירלעכן דורכפאַל און ער האָט זיך באַרימט מיט די זיגן פון קאָמוניזם אין רוסלאַנד. ער האָט געחוזקט פון דער שוואַכקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז גרופּירט אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און זיך באַרימט מיט די דערפאָלגן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ער האָט „פריינטלעך" געראָטן דעם חבר ערליך צו רעווידירן זיין פאַלשע איינשטעלונג און אָנשרייבן אַ צוגאָב־אַרבעט, וואו עס זאָלן אַרויסגעבראַכט ווערן די „טעותן" פון „בונד" און פון די בונדישע פירער.

דער חבר ערליך האָט דעם העפלעכן פּאָלקאָווניק באַדאַנקט פאַר זיינע פריינטלעכע עצות...

אין גאַנג פון דעם שמועס האָט זיך דער ענקאַוועדיסט פאַראינטערעסירט מיט דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג (יוניאָנס) פון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן. ער איז געווען איבערראַשט, ווען חבר ערליך האָט אים דערציילט וועגן דער שטאַרקייט פון דער באַוועגונג, וואָס איז געשאַפן און אָנגעפירט געוואָרן הויפּטזעכלעך פון בונדיסטן.

חבר הענריק האָט אים דערציילט וועגן דער דעמאָקראַטיע און פרייהייט פון מיינונגען, וואָס האָט געהערשט אין די פאַראיינען און וועגן דער גרויסער ראָל פון דער אָרגאַניזאַציע אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג פון פּוילן.

דער איינדרוק פון ערליכן איז געווען, אַז דער קאַלאָנעל ווייסט טאַקע זייער ווייניק וועגן דער באַוועגונג און דאָס, וואָס ער האָט יאָ געוואוסט, איז געווען פולשטענדיק פאַלש. די אינפאָרמאַציעס פון דעם אויספאָרשער האָבן געשטאַמט פון דעם באַקאַנטן קאָמוניסטישן אַרסענאַל. לויט אים איז די קעמפערישע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער אין פּוילן געווען סאָציאַל־פאַשיסטיש, פאַררעטעריש און פאַרקויפט צום קאַפּיטאַליזם.

צום סוף פון דעם שמועס האָט דער פּאָלקאָווניק פאָרגעלייגט דעם חבר ערליך אָנצושרייבן די געשיכטע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פּוילן. דער חבר הענריק האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. ער האָט דאָס געטאָן מיט די זעלבע כוונות, צוליב וועלכע ער האָט פריער געשריבן די געשיכטע פון „בונד".

אין משך פון עטלעכע חדשים האָט חבר ערליך געשריבן אין דעם ספּע־

ציעלן צימערל די געשיכטע פון די יידישע יוניאָנס. ווידער האָט ער זיך אַ שטיק צייט אויסגערוט פון די אויספאָרשונגען, ווידער האָט ער עטלעכע חדשים געלעבט אין דער אַטמאָספער פון דער רומרייכער פאַרגאַנגענהייט, ווי־דער האָט ער זיך איבערגעטראָגן אין זיין אַמאָליקער וועלט...

ווען די אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט האָט מען דעם חבר הענריק אַ שטיקל צייט געלאָזט אָפּרוען. מען האָט אים נישט גערופן צו קיינע פאַרהערן און צו קיינע שמועסן.

דער אָפּרו האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערגסטע פאַזע פון זיינע פאַרהערן.

אַ נייער אויספאָרשער האָט זיך גענומען מיט פרישע כוחות צו דער אַרבעט. די נייע פאַזע האָט זיך געצויגן לאַנגע חדשים. דער אויספאָרשער, אַ קאַפּיטאַן פון נ.ק.וו.ד. איז געווען ברוטאַל, גראָב, אויסגעלאַסן. וועלכע פאַרברעכנס האָט ער אַלץ נישט צוגעשריבן דעם חבר ערליך?! קאַמף קעגן דער באָלשעוויס־טישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, סאַבאָטאַזש און אונטערערדישע אַרבעט קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד, צוזאַמענאַרבעט מיט טראָצקיסטן און מענשעוויקעס, אָרגאַ־ניזירונג פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל קעגן דעם קאָמוניסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, צוזאַמענאַרבעט מיטן וועלט־קאַפּיטאַליזם, כדי צו ליקווידירן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, העלפן ליקווידירן די רעוואָלוציעס אין דייטשלאַנד און אין אונגאַרן, מיטאַרבעט מיט דעם דאָלפוס־רעזשים אין עסטרייך און דעם פראַנקאָ־רעזשים אין שפּאַניע און נאָך און נאָך...

דער אויספאָרשער האָט געלייענט געפעלשטע איבערזעצונגען פון ערליכס אַרטיקלען און רעדעס, ער האָט געבראַכט כלומרשטע פּראָטאָקאָלן פון בונ־דיסטן, וועלכע האָבן זיך „שוין מודה געווען" צו אַלע „פאַרברעכנס", און וועלכע האָבן זייער שולד געוואָרפן אויף ערליכן און אַלטערן. דער טשעקיס־טישער אויספאָרשער האָט ערליכן געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מפּלה פון דעם סאָוויעטישן אָנגריף קעגן פּוילן אין 1920, פאַר דעם, וואָס אין פּוילן איז נישט דורכגעפירט געוואָרן קיין קאָמוניסטישע רעוואָלוציע, פאַר דעם, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווען אומלעגאַל אין פּוילן און גלייכצייטיק אויך פאַר דעם, וואָס די זעלבע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געווען פול מיט טראָצקיסטן, שפּיאָנען, פּראָוואָקאַטאָרן און פאַררעטער.

פאַר דער איבערקערעניש פון פּילסודסקין אין 1926 (וועלכע איז גע־שטיצט געוואָרן פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי), האָט דער אויס־פאָרשער געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך דעם „בונד", פאַר דעם פּילסודסקי־היטלער אָפּמאַך האָט געטראָגן אַחריות דער חבר ערליך און דאָס רופן צו באַטייליקן זיך אין דער פאַרטיידיקונג פון פּוילן קעגן דעם היטלערישן אָנגריף אין סעפּטעמבער 1939 איז אויך געווען אַ בונדישער „פאַרראַט". מיט דעם האָט חבר ערליך געשטיצט דעם אימפּעריאַליסטישן קריג...

דאָס שענדלעכסטע איז געקומען אין די לעצטע טעג פון די פאַרהערן. דער קאָמוניסטישער אויספאָרשער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל, אין

וועלכן עס איז געווען אַ דערקלערונג פון חבר ערליך. לויט דעם פּראָטאָקאָל האָט ערליך געדאַרפט זיך מודה זיין, אַז דער „בונד״ איז אָנגעפירט, קאָנטראָלירט און אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער פּוילישער פאַשיסטישער פּאָליציי און אַז ער פּערזענלעך איז געווען אַ געצאָלטער אַגענט פון דער זעלבער פּאָליציי.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען חבר הענריק האָט מיר איבערגעגעבן אָט דעם גרויליקסטן טייל פון זיינע אויספאָרשונגען. זיין שטים האָט געציטערט, ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן — און דאַן ווידער באַנײַט זיין דערציילן...

— איר פאַרשטייט, ווי איך האָב זיך דערפילט אין יענעם מאָמענט ווען דער געפּעאוניק האָט מיר דערלאַנגט דעם פּאַפּירל צום אונטערשרייבן. אין יענער נאַכט, האָט ער זיין רעוואָלווער געהאַלטן דעמאָנסטראַטיוו אויפן טיש. פון צייט צו צייט האָט ער זיך מיט דער צאַצקע אַ שפּיל געטאָן, ער האָט קאָנטראָלירט, צי דאָרט זיינען דאָ קוילן...

— איך האָב זיך דערפילט ווי אַ געשענדעטער און געשמיסענער. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט און דערלייענט דאָס געשריבענע ביזן סוף. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם אויספאָרשער, וועלכער האָט זיך גראָד טאַקע געשפּילט מיט דעם רעוואָלווער. האָב איך צעקוועטשט דאָס שמוציקע פּאַפּירל און מיט געמאַכטער רואיקייט עס אַריינגעוואָרפן אין פּאַפּיר־קאָרב, וואָס איז געשטאַנען ביים שרייב־טיש. איך האָב אין יענעם מאָמענט געוואַרט אויף דער קויל פון זיין רעוואָלווער, ווי אויף אַ דערלייזונג. איך האָב געוואָלט, אַז ער זאָל דאָס טאָן, איך האָב אויף אים געקוקט מיט אַן אַרויספאָדערדיקן בליק און געוואַרט...

— ער האָט נישט געשאָסן, — האָט חבר הענריק ווייטער דערציילט, — ער איז געווען צעטומלט פון דעם, וואָס ס'איז געשען. די צעטומלטקייט זיינע איז אָבער שנעל פאַרביי. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט דעם רעוואָלווער גענומען באַוועגן פאַר מיין פּנים. ער האָט געשאָלטן און געזידלט, געדראָט און געוואָרנט און פאַרענדיקט מיט אַן אָנזאָג, אַז איך וועל פאַר באַליידיקן די סאָוויעטישע אויספאָרשונג טייער באַצאָלן...

נאָך דער אויספאָרשונג האָט מען דעם חבר ערליך אַריינגעזעצט אין אַ שטראָף־קאַמער. פון דער שטראָף־קאַמער האָט מען אים עטלעכע מאָל געפירט צו דעם זעלבן אויספאָרשער. ווידער האָט אים דער געפּעאוניק אונטערגערוקט שענדלעכע פּראָטאָקאָלן און ווידער האָט דער חבר ערליך זיי אָפּגערוקט פון זיך.

אין דער קאַלטער שטראָף־קאַמער איז חבר ערליך קראַנק געוואָרן. ער האָט באַקומען הויכע טעמפּעראַטור. מען האָט אים אויף עטלעכע טעג גענומען אין טורמע־שפּיטאָל. פון שפּיטאָל האָט מען אים צוריק אַריינגעפירט אין אַ נאַר־מאַלער קאַמער.

נאָך אַ קליינעם אָפּרו האָט מען דעם חבר הענריק ווידער געפירט אויף „שמועסן״ צו דעם פריער דערמאָנטן פּאָלקאָווניק פון נ.ק.וו.ד. ער האָט דעם חבר ערליך אויפגענומען ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, אויסגעפרעגט וועגן זיין געזונט.

ו. אַלטער — אַ יונגער שילער פון גימנאַזיע.

דריי ברידער, פון לינקס אויף רעכטס: וויקטאָר אַלטער, יעזשי גליקסמאַן, איזיא אַלטער („איזאַלט״).

פאַמיליע אַלטער — אויבן פון רעכטס אויף לינקס: די מוטער, אַ מומע, אַ שוועסטער (ס. אַלאַרד);
אונטן: א שוועסטער (פ. פוס), ברודער יעזשי, ווילטאר, איזיא.

ער האָט אים אינפאָרמירט וועגן דער סיטואַציע אויף די פראָנטן און וועגן דער פּאָליטישער סיטואַציע אויף דער וועלט.

די עטלעכע שמועסן זיינען פאָרגעקומען אַ פּאָר חדשים פאַר היטלערס אָנגריף אויף סאָוויעט־רוסלאַנד. דער פּולקאָווניק האָט זיך באַרימט מיט די דערגרייכונגען פון דעם „געניאַלן" סטאַלין־היטלער פּאַקט. ער האָט גערעדט וועגן די דערוואָרבענע טעריטאָריעס, וועגן דעם שלום, וואָס דער פּאַקט האָט פאַרזיכערט פאַר די פעלקער פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד און וועגן דער גרייט־קייט פון די סאָוויעטישע באַוואָפנטע כוחות אויף יעדן פאַל...

דער ענקאַוועדיסט האָט פון זכרון ציטירט שטעלן פון חבר ערליכס אַן אַרטיקל, וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דער „פאָלקס־צייטונג" אין די ערשטע טעג פון דעם היטלערישן אָנגריף אויף פּוילן און ער האָט געוואָלט, אַז חבר ערליך זאָל אים דערקלערן, צי ער איז נאָך אַלץ אַזאַ פאַרעקשנטער קעגנער פון דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ פּאַקט.

חבר הענריק האָט מיט אַנטשלאָסנקייט ווייטער פאַרטיידיקט זיין שטעלונג און האָט מיט וואָגיקע אַרגומענטן באַוויזן וואָס פאַר אַ געפאַרן דער פּאַקט טראָגט אין זיך אַפילו פאַר דעם סאָוויעט־פאַרבאַנד.

דער פּולקאָווניק האָט בעת ערליכס רעדן געמאַכט נאָטיצן. ער האָט אים געשטעלט פראַגן און פאַרשריבן די תשובות. חבר ערליך האָט אין זיינע אויספירונגען פאָראויסגעזאָגט דעם היטלערישן אָנפאַל אויף רוסלאַנד!

מיט איין נאַכט שפּעטער נאָך דעם שמועס האָט מען דעם חבר ערליך אַריינגעפירט צו אַ פאַרהער אין אַ צווייטן, מיט לוקסוס איינגעאָרדנטן צימער. דאָרט האָבן זיך, אויסער דעם פּולקאָווניק אויך געפונען נאָך צוויי הויכע נ.ק.וו.ד. אָפיצירן. דער פּולקאָווניק האָט געלייענט פון פּאַפּיר דאָס, וואָס חבר הענריק האָט מיט אַ נאַכט פריער אים געזאָגט וועגן די מלחמה־פּערספּעקטיוון. דאָס מאָל זיינען קיין פעלשונגען נישט געווען. דער פּולקאָווניק האָט צוגעגרייט דעם רעפעראַט אויפן סמך פון די נאָטיצן און ער האָט איבערגעגעבן ריכטיק די מיינונגען פון חבר ערליך.

די ענקאַוועדיסטן האָבן געשטעלט פראַגן. זייער טאָן איז געווען אָנ־שטענדיק און פריינטלעך. פון די געשטעלטע פראַגן איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי אינטערעסירט די פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי די עפנטלעכע מיינונג אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד וואָלט אויפגענומען אַ קריג פון היטלערן קעגן זייער לאַנד.

אין מיטן פון שמועס האָט זיך געעפנט די טיר פון דעם שכנותדיקן צימער און אַ נייער גאַסט האָט לאַנגזאַם אַריינשפּאַצירט און זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. אין דעם ניי אַריינגעקומענעם האָט חבר ערליך דערקענט דעם הויפּט־אינקוויזיטאָר פון דער נ.ק.וו.ד. — ל. בעריאַ.

זיין וויזיט האָט לאַנג נישט געדויערט. ער האָט זיך איינגעהערט אַ ווײַלע צום שמועס, ניט אַראָפּנעמענדיק זיין בליק פון אַרעסטירטן און דאַן צוריק אַרויס פון צימער.

חבר ערליך האָט בעת דעם שמועס אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז דער

היטלערישער אַנגריף אויף רוסלאַנד וועט ברענגען צו אַ דערנענטערונג צווישן די אַנגלאָ־זאַקסן און די סאָוויעטן און ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג צו ראַטעווען די וועלט פון היטלערישער פאַר־קנעכטונג.

ביים סוף פון דעם אומגעוויינלעכן צוזאַמענטרעף האָט דער קאַלאָנעל פאַר־געלייגט, אַז דער חבר ערליך זאָל די אַלע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען אָנשרייבן.

חבר הענריק האָט דעם פאָרשלאַג אָנגענומען. ער איז געווען צופרידן צו קאָנען גרינטלעך אַנאַליזירן די באַשאַפענע סיטואַציע אין שייכות מיטן סטאַ־לין־היטלער־פּאַקט. אין דער אַרבעט האָט חבר הענריק באַגרינדעט דעם גע־דאַנק, פאַרוואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד דאַרף תיכף ליקווידירן די פריינט־שאַפט מיט היטלערן און זוכן וואָס שנעלער אַ דערנענטערונג מיט אַמעריקע און ענגלאַנד. ער האָט אויך אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט אָנצוהויבן אַן אַנטי־היטלערישע אַרבעט אין די לענדער, וואָס זיינען אָקופּירט דורך די נאַ־ציסטישע אַרמייען.

דאָס איז געווען די לעצטע אַרבעט פון חבר הענריק. ער האָט דאָס געשריבן צוויי חדשים פאַרן נאַציסטישן אָנגריף אויף רוסלאַנד. ווען די היטלערישע אַרמייען האָבן זיך גענומען דערנענטערן צו די טויערן פון מאָסקווע און די לאַגע אין רוסלאַנד איז געוואָרן טויט־ערנסט האָט מען אין די הויכע געפּעאו־פענצטער, זיך זיכער געמוזט דערמאָנען אָן די, וועלכע האָבן געוואָגט אין די טורמע־מויערן פאַראויסצוזען דאָס, וואָס איז געקומען.

מיט צוויי וואָכן פאַרן אַרויספירן פון מאָסקווע האָט מען דעם חבר הענריק ווידער גערופן עטלעכע מאָל אויף לאַנגע ביינאַכטיקע אויספאָרשונגען. דער אויספאָרשער האָט אים געמאָלדן, אַז אויב ער וויל צואיילן זיין פּראָצעס זאָל ער זיך אויפהערן עקשנען און אונטערשרייבן... עס האָט זיך אַלץ געהאַנדלט וועגן דעם זעלבן שענדלעכן פּראָטאָקאָל.

דער פּראָטאָקאָל איז נישט אונטערגעשריבן געוואָרן און דער פּראָצעס איז נאָך נישט געהאַט צושטאַנד געקומען. דער מלחמה־אויסברוך האָט איבער־געריסן דעם נאַרמאַלן לויף פון דעם פיינפולן ענין...

דורך דעם קליינעם וואַגאָן־פענצטערל האָבן שוין גענומען אַריינקוקן די ערשטע גרויע ליכט־שטריכן פון דעם אויפוואַכנדיקן טאָג, ווען דער חבר ערליך האָט פאַרענדיקט די געשיכטע פון זיין אינקוויזיציע.

ער האָט מיר אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן אַקסל און גערעדט צו מיר ווערטער, וועלכע מאַכן מיך ציטערן ביז היינט.

— איך האָב אייך דערציילט אַבסאָלוט אַלץ. איך האָב אייך אָנגעטרויט דעם גאַנצן אמת וועגן מיינע יסורים און פיין. איך בין שוואַך און אויסגע־שעפּט. ווער ווייסט ווי לאַנג איך וועל נאָך כוח האָבן אויסצוהאַלטן. איבע־ריקנס, אויב אַפילו מיינע כוחות וועלן יאָ קלעקן, וועלן זיי מיך קיין לעבעדיקן אַלץ איינס נישט אַרויסלאָזן. איר זייט שטאַרקער און יינגער פון מיר. אייך וועט אפשר נאָך באַשערט זיין צו ווערן

אַ פרייער מענטש. די געשאַפענע סיטואַציע טראָגט אין זיך שאַנסן פון אייער באַפרייאונג. איך ווייס, אַז איר האָט אַליין אייערע אייגענע יסורים געגוג און דאָך האָב איך אייך באַשווערט נאָך מיט מיינע. איך בעט אייך דאָס דערציילטע איינקריצן אין אייער זכרון, כדי איר זאָלט עס נישט פאַרגעסן. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ וויסטע בלבולים די געפּעאו וועט נאָך אויסטראַכטן אויף מיר, כדי צו באַשמוצן פאַר דער וועלט מיין אָנדענק. איר וועט דאַרפן דערציילן אונזערע חברים, דער אַרבעטער עפנטלעכקייט און דער גאַנצער פרייער וועלט וואָס איך האָב אייך אָנפאַרטרויט. נאָר דאָס איז אמת. וואָס עס זאָל מיט מיר נישט געשען זאָלט איר זיין זיכער, אַז איך האָב דעם כבוד פון „בונד" און פון סאָציאַליזם נישט דערנידעריקט. אייך וועט אפשר באַשערט זיין צו טרעפן מיין משפחה, אפשר, ווער ווייסט.. אפשר וועלן זיי זיך ראַטעווען... זאָגט זיי, אַז איך האָב אין אַלע שווערסטע שעהן און רגעס נישט אויפגעהערט צו טראַכטן מיט ליבשאַפט וועגן זיי. אויב איר וועט זיך צונויפטרעפן מיט די מיטגלידער פון אונזער צענטראַלן קאָמיטעט זאָלט איר זיי איבערגעבן מיינע וואַרעמסטע געפילן פון ליבע און צוגעבונדנקייט...

— איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב אייך לעבן זיך, וואָס איך האָב געפונען אַ חבר, וועמען איך האָב דאָס אַלץ געקאָנט איבערגעבן — האָט דער חבר ערליך פאַרענדיקט זיין טראַגישע צוואה...

⁂

דער צווייטער טאָג פון דער רייזע אין וואַגאָן איז אַדורך אָן ספּעציעלע אינצידענטן. דער עולם איז געווען „איינגעאָרדנט" און יעדער האָט זיך געפונען זיין קרייז פון מענטשן, מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט די צייט. דעם חבר ערליך און שפּעטער אויך מיר האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אַ שטיקל אָרט אויף דער נאַרע אויף עטלעכע שעה. נישט געקוקט אויף דעם רויש און טומל, וואָס האָט געהערשט אין וואַגאָן אין משך פון טאָג, זיינען מיר די עטלעכע שעה גוט געשלאָפן.

דאָס איז געווען אַ גליק. מיר זיינען געווען אַזוי אויסגעשעפּט, אַז די עטלעכע שעה שלאָפן האָבן אונז געשטאַרקט און אַפילו אויפגעמונטערט.

ווען די נאַכט איז געקומען און ווען מיר זיינען איבערגעקומען דעם וויזיט פון די ציילערס מיט די הינט, האָבן מיר ווידער פאַרנומען אונזער ווינקל פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט און איך האָב אָנגעהויבן מיין דערציילונג...

איך האָב דעם חבר ערליך איבערגעגעבן גענוי וועגן מיינע איבערלעבונגען פון דעם ערשטן ביזן לעצטן טאָג פון מיין אַרעסט, — ביזן טאָג, ווען איך האָב זיך מיטן חבר ערליך באַגעגנט אין וואַגאָן.

מיין דערציילונג האָט זיך אויך געצויגן כמעט אַ גאַנצע נאַכט. די דערציילונג איז נאָר איבערגעריסן געוואָרן אויף דער צייט, ווען צו אונז זיינען צוגעקומען די שוין דערמאָנטע פּוילישע דיכטער. מיר האָבן מיט זיי אַ ביסל

געשמועסט און מיר האָבן זיך ווידער צוגעהערט צו זייערע שטימונגספולע לידער.

זיי האָבן אונז געלאָזן אַליין און איך האָב באַוויזן אין משך פון דער נאַכט צו פאַרענדיקן מיין טרויעריקן באַריכט.

אַלץ איז נאָך געווען לעבעדיק אין זכרון. חבר הענריק האָט זיך אינטע־רעסירט מיט גענויע פּרטים פון פאַרשידענע אויספאָרשונגען. ער האָט מיר געשטעלט פראַגן און איך האָב געענטפערט. איך האָב זיך באַמיט אַרויסצו־באַקומען פון זיך אַלץ, וואָס האָט מיך געפּייניקט אין די טעג און נעכט נאָך מיינע אויספאָרשונגען. איך האָב דאָך געהאַט מאָמענטן פון פאַרדרוס אויף זיך אַליין, מאָמענטן, אין וועלכע איך בין נישט געווען גענוג שטאַרק, נישט גע־נוג ווידערשטאַנדס־פעאיק, מאָמענטן פון שוואַכקייט און מוטלאָזיקייט.

איך האָב זיך מתוודה געווען וועגן אַלץ. איך האָב געהאַט דאָס גרויסע גליק צו האָבן דעם חבר ערליך אַלס צוהערער. פון אים האָב איך געוואָרט צו הערן אַן אָפּשאַצונג פון מיין האַלטונג בעת די אויספאָרשונגען.

איך האָב נאָך אין יענע טעג נישט געוואוסט וואָס פאַר אַן אורטייל עס דערוואַרט מיך, אָבער איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל פאַרמשפּט ווערן. פון זיי האָב איך נישט דערוואַרט עפּעס אַנדערש. מיט אַ טיפן אינערלעכן ציטער האָב איך אָבער אין יענעם פאַרטאָג געוואַרט אויף אַ צווייטן אורטייל — דעם אורטייל פון חבר ערליך און איך האָב אים באַקומען. איך האָב זיך דערפילט געלייטערט און דערהויבן. די אָפּשאַצונג פון חבר ערליך איז געווען פאַר מיר אַ סאַטיספאַקציע פאַר די פּיין, יסורים און דערנידעריקונגען מצד די סאָוויעטישע סאַדיסטישע אינקוויזיטאָרן.

דעם פערטן טאָג פון אונזער נסיעה האָבן מיר געהאַט אַן איבערלעבונג, וועלכע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן די אַרעסטירטע אין דעם צוג.

דער צוג איז געשטאַנען ערגעץ אויף אַ זייטיקער באַן־סטאַנציע. עס האָט זיך מיטאַמאָל דערטראָגן אַ רויש פון עראָפּלאַנען אין דער לופט. פון אונזער פענצ־טערל האָט מען נישט געקאָנט זען וואָס פאַר אַן עראָפּלאַנען און וויפל עראָפּלאַנען עס שוועבן אין דער לופט. פּלוצלונג האָבן די אַרעסטירטע אין די שכנותדיקע וואַגאָנען אָנגעהויבן קלאַפּן אין די ווענט און שרייען: „דייטשן פליען!" „עפנט די טירן!" „לאָזט אונז אַרויס!" „עפנט, עפנט!"

אויך אין אונזער וואַגאָן האָבן אַרעסטירטע גענומען קלאַפּן און שרייען. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק. די שרייערס זיינען געווען אויסשליסלעך די רוסישע אַרעסטאַנטן. זיי זיינען געוואָרן היסטעריש און ווילד.

באַלד האָט זיך דערטראָגן צו אונז אַ שיסעריי פון ביקסן און רעוואָלווערן. די ענקאַוועדיסטן זיינען צוגעקומען צו די וואַגאָנען און דורך די פענצטערלעך אַריינגעשריען, אַז עס זאָל תיכף ווערן שטיל. זיי האָבן געמאָלדן, אַז די עראָ־פּלאַנען זיינען אייגענע, נישט קיין פיינטלעכע. זיי האָבן גענומען דראָען מיט

אַריינשיסן אין די וואַגאָנען און טאַקע אַריינגערוקט דורך דעם פענצטערל די לופעס פון זייערע ביקסן...

ערשט אָט די באַרואיקונגס־מיטלען האָבן געווירקט אויף דעם איבער־געשראָקענעם עולם. די פּאַניק איז איינגעשטילט געוואָרן. דאָס רוישן פון די ערראָפּלאַנען האָט אויך שוין געהאַט אויפגעהערט.

אויפן פינפטן טאָג האָט זיך אונזער צוג אָפּגעשטעלט אויף אַ סטאַציע און דאָס איז געווען דער סוף פון אונזער נסיעה. עס זיינען פאַרביי עטלעכע שעה ביז אונזער אַבסערוואַטאָר ביים פענצטערל האָט דערזען ווי מען האָט אָנגעהויבן אויסלאָדן די פאָדערשטע וואַגאָנען. ענדלעך איז געקומען אויך אונזער ריי. די טירן פון וואַגאָן האָבן זיך ברייט צעעפנט און מען האָט אונז אַרויסגעלאָזט...

עס האָט געמוזט זיין מיטאָג־צייט. די זון האָט געברענט איבער אונזערע קעפּ, דער הימל איז געווען העל בלוי און לויטער. אויף דעם פּלאַץ לעבן די וואַגאָנען האָט מען אונז ווידער געציילט און דאַן אונז פאַראייניקט מיט נאָך אַרעסטירטע פון אַנדערע וואַגאָנען.

מען האָט אונז אויסגעשטעלט אין שורות צו זעקס אין דער ברייט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַרש... ענקאַוועדיסטן מיט ביקסן און בלוט־הינט האָבן אַרומגערינגלט די מחנה אויסגעמוטשעטע אַרעסטאַנטן און מען איז גע־גאַנגען...

איך בין געגאַנגען געאָרעמט מיט חבר הענריק. מיר האָבן זיך געהאַט אָפּגערעדט נאָך אין וואַגאָן, אַז מיר זאָלן זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן באַמיען צו האַלטן צוזאַמען.

עס איז געווען אַ ברענענדיקע היץ. נאָך געציילטע מינוטן אין גאַנג זיינען מיר געוואָרן פאַרמאַטערט און אָפּגעגאָסן מיט שוויס. מיר האָבן אָנגעהויבן אָפּשטיין פון דער ריי און דורכלאָזן די שטאַרקערע פאָראויס. די ענקאַוועדיסטן האָבן גענומען אונטערטרייבן די אָפּשטייענדיקע.

— שנעלער פאָראויס! נישט אָפּשטיין! — האָבן זיי געשריגן. אָבער די צאָל פון אָפּשטייענדיקע איז געוואַקסן. און די באַגלייטערס אונזערע האָבן זיך געאײלט, זיי האָבן קיין צייט נישט געהאַט.

מיט די ביקסן האָבן זיי אָנגעהויבן אונטערטרייבן די שוואַכע און די שוואַ־כערע זיינען אונטערגעיאָגט געוואָרן דורך די הינט...

חבר ערליך איז געווען אויסגעשעפּט און קוים געשלעפּט די פיס. ער האָט אָנגעהויבן שווער סאָפּען און דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן צו שנעל און צו אָפּט... ער האָט מיר פאָרגעלייגט גיין פאָראויס, איך זאָל נישט ליידן פון די הינט און פון די ביקסן צוליב אים. איך האָב אים פעסטער גענומען אונטערן אָרעם און מיר האָבן זיך צוזאַמען געשלעפּט...

מען האָט אונז שוין געפירט דורך אַ שטאָט. מענטשן זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטן גאַס און זיך צוגעקוקט. זייערע בליקן האָבן אויסגעדריקט מיטלייד און רחמנות, זייערע ליפּן אָבער האָבן געשוויגן.

עטלעכע שעה האָט געדויערט דער גאַנג. מענטשן זיינען געבליבן ליגן

אויף די וועגן און אַפילו די הינט האָבן זיי נישט געקאָנט צוריק אויפשטעלן. צוויי מאָל האָבן מיר זיך זאַלבעצווייט אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד פאַרשמאַכטע און אַן ענקאַוועדיסט מיט אַ הונט האָט אונז אויפגעמונטערט...

— מער נישט, איך קאָן נישט מער, — האָט דער חבר ערליך צו מיר גערעדט מיט אַ קוים הערבאַרער שטים און מיט די לעצטע כוחות זיך ווייטער באַוועגט...

מיר זיינען דערגאַנגען... ברייטע טויערן האָבן זיך צעעפנט און מיר זיינען אַריין אין אַ גרויסן הויף, וועלכער איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטיינערנע מויערן און מיט שטעכל־דראָט. דאָס איז געווען דער הויף פון דער טורמע אין סאַראַטאָוו ביי דער וואָלגע.

דער חבר הענריק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אָן דער האַנט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און קוים געאָטעמט.

דער ריזיקער טורמע־הויף איז געווען פאַרפלייצט פון אַרעסטירטע. טויזנטער מענטשן זיינען אַהער געבראַכט געוואָרן פון די פאַרשידענע טורמעס וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט פון די פראָנטן.

די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט אויפגענומען די אַרעסטאַנטן זייער גאַסטפריינדלעך... אין עטלעכע פונקטן פון הויף זיינען געשטאַנען גרויסע פעסער מיט „קיפּיאַטאָק" (הייסע וואַסער). טויזנטער מענטשן האָבן באַלאַגערט די פעסער. זייער ווינציק גליקלעכע געווען, וועלכע האָבן געהאַט מיט וואָס אָנצושעפּן אַ ביסל וואַסער צום טרינקען. האָבן זיך טויזנטער מענטשן, פאַרברענט פון דורשט, פאַרשמאַכטע פון הונגער, געבויגן איבער די פעסער און עמערס און מיט די צינגער געלעקט דאָס זודיקע וואַסער...

די שטאַרקע זיינען געווען די ערשטע ביי די פעסער, זיי האָבן געלעקט דאָס וואַסער און זיי האָבן זיך קוים געלאָזט אַוועקשטויסן. די שוואַכערע האָבן געמוזט וואַרטן. מענטשן זיינען ווילד געוואָרן, זיך געזידלט און געשלאָגן, געשטופּט און געריסן זיך צו די פעסער...

איך האָב געהאַט גליק... עס איז מיר געלונגען צו באַקומען אַ ליימענע שיסעלע ביי איינעם פון אונזערע וואַגאָן־באַקאַנטע. ער האָט שוין געהאַט געשטילט זיין דורשט און ער האָט מיר אָנגעטרויט דעם אוצר... דאָס ליימענע שיסעלע...

איך האָב זיך דורכגעריסן און אָנגעשעפּט אַ פולע שיסעלע מיט וואַסער. איך האָב עטלעכע זופּ געטאָן און אַוועק צום אָרט, וואו איך האָב געהאַט איבערגעלאָזט דעם חבר הענריק. ער איז נאָך אַלץ געלעגן אין דעם חלשות־צושטאַנד מיט געשלאָסענע אויגן.

איך האָב אים צוגעטראָגן צו די פאַרטריקנטע ליפּן דאָס שיסעלע מיט וואַסער. איך האָב נאָך פאַרמאָגט אַ שטיקל צוקער אין קעשענע, האָב איך אים דאָס דערלאַנגט. ער האָט געעפנט די אויגן, גענומען דאָס שיסעלע וואַסער אין די הענט און געשלונגען, אַ מילדער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים, אָבער ער איז נישט אומשטאַנד געווען עפּעס צו זאָגן.

נאָך עטלעכע שעה וואַלגערן זיך אין דעם טורמע־הויף האָט מען אָנגעהויבן אַרויסרופן גרופּעסווייז די אַרעסטירטע און זיי איינקוואַרטירן אין די קאַמערן. היות זיי האָבן זיך קאָנטיק באַנוצט מיט די ליסטעס פון מאָסקווע האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין איין קאַמער מיטן חבר העניריק. אין דער קאַמער אַריין האָבן אויך געטראָפן אַלע אונזערע מיטפאַרערס פון וואַגאָן. אין דער קאַמער האָט מען אַריינגעפּאַקט אַרעסטירטע נאָך פון אַ צוויי אַנדערע וואַגאָנען. צו־זאַמען זיינען אין דער איינער קאַמער אַריינגעזעצט געוואָרן אַרום צוויי הונדערט פּערזאָן. די קאַמער האָט געהאַט ערטער בלויז פאַר אַ פערטל פון דער צאָל.

מיר איז געלונגען צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ אויף אַ נאַרע, דעם חבר העניריק האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אַ זיץ־אָרט אויף אַ לאַנגער באַנק ביי דער וואַנט. אין משך פון געציילטע מינוטן בין איך פאַרטיק געוואָרן מיטן „איינ־אָרדענען" זיך אין דער נייער דירה. איך בין גלייך אַראָפּ פון דער נאַרע און צוגעגאַנגען צום חבר ערליך. ער איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט און שווער געאָטעמט. איך האָב אים אָנגענומען פאַרן האַנט, אַ טאַפּ געטאָן זיין פּולס און איך בין געוואָרן זייער באַאומרואיקט. די האַנט איז געווען הייס און דער פּולס האָט געקלאַפּט צו שנעל און מיט אָפּטע איבעררייסן. איך האָב געבראַכט אַ ביסל וואַסער און געגעבן דעם חבר העניריק צו טרינקען. ער האָט עטלעכע זופּ געטאָן און אין מיטן פון טרינקען האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. ער האָט פאַרלאָרן דעם באַוואוסטזיין.

איך בין צו צו דער טיר און גענומען שטאַרק קלאַפּן.

— עפנט, עפנט! אַ מענטש שטאַרבט! — האָב איך געשריגן.

דער טורמע־וועכטער איז אַריין, ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם ליגנדיקן אויף דער ערד און ער איז אַרויס.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז אין קאַמער אַריין אַ דאָקטאָר מיט אַ קראַנקן־שוועסטער. זיי האָבן באַטראַכט דעם קראַנקן און פּרובירט אים געבן עפּעס אַ פּיל צום שלינגען. עס איז זיי אָבער נישט געלונגען די פּיל אַריינצושטופּן אין מויל. חבר העניריק האָט באַקומען קאָנוואולסיעס. דער דאָקטאָר האָט אים געמאַכט אויפן אָרט אַן איינשפּריצונג און ער האָט אַוועקגעשיקט די קראַנקן־שוועסטער, אַנזאָגנדיק איר, אַז זי זאָל זיך איילן.

זייער שנעל איז די קראַנקן־שוועסטער געקומען צוריק און מיט איר זיינען אַריין צוויי ענקאַוועדיסטן מיט אַ טראַג־בעטל.

זיי האָבן דעם חבר ערליך אַוועקגעלייגט אויפן בעטל און מיט אים אַרויס פון קאַמער. איך האָב עטלעכע מאָל גערעדט צום קראַנקן, גערופן אים ביים נאָמען, אָנגעטאַפּט זיין קאָפּ, וואָס האָט געברענט אין היץ, אָבער חבר העניריק איז געלעגן באַוואוסטלאָז. ער האָט עטלעכע מאָל געעפנט די אויגן, אָבער איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער זעט מיך נישט...

***

איך האָב זיך דערפילט צעבראָכן און פּאַראַיינזאַמט. איך האָב אומאויפ־הערלעך געהאַט פאַר די אויגן דאָס בילד פון חבר ערליך אויף דעם טראָג־בעטל. די טרויעריקסטע געדאַנקען האָבן מיך געפּייניקט. זיין צושטאַנד האָט מיר אויסגעזען צו זיין האָפנונגסלאָז.

איך בין אַליין אויך געווען אויסגעשעפּט. אין מיטן נאַכט איז מיר געוואָרן שלעכט, דאָס האַרץ האָט קאַפּריזעוועט און איך האָב געפילט אַ ברענענדיקן דורשט. איך בין אַראָפּ פון דער נאַרע נאָך אַ ביסל וואַסער און בין געפאַלן. מיין פאַלן האָט ווייזט אויס אויפגעוועקט די, וועלכע זיינען געלעגן אויף דער ערד. זיי האָבן אויף מיר געגאָסן וואַסער און מיך אָפּגעמינטערט. אויף צו מאָרגנס האָט מען צו מיר אַרויסגערופן דעם דאָקטאָר און ער האָט מיר געגעבן הילף. ער האָט מיר פריינטלעך דערקלערט, אַז ליידער קאָן ער מיך נישט נעמען אין טורמע־שפּיטאָל, ווייל עס איז דאָרט איבערגעפּאַקט. ער האָט מיר געהייסן ליגן און זיין רואיק...

מיין שטאַרקער אָרגאַניזם האָט אויך דאָס גובר געווען, עס איז מיר געלונגען גאָר שנעל זיך צו שטעלן צוריק אויף די פיס. עטלעכע גורל־קאָלעגן האָבן מיר אַרויסגעוויזן אַ ביסל פריינטלעכקייט און מענטשלעכקייט. מען האָט מיך אַ ביסל באַדינט. דערלאַנגט מיר די טורמע־זופּ, דאָס שטיקל שוואַרצע ברויט און צו־געטראָגן מיר אַ ביסל וואַסער.

אין די אוממענטשלעכע טורמע־באַדינגונגען איז דאָס ביסל אַרויסגעוויזענע מענטשלעכקייט, פון עטלעכע שכנים מיינע, געווען פאַר מיר אַ רעטונג און אַ טרייסט...

מיטן חבר הענריק האָבן מיר געהאַט אָפּגערעדט, אַז מיר זאָלן אין אַלע באַדינגונגען און וואו מיר זאָלן זיך נישט געפינען, זוכן מענטשן, וועלכע האָבן זיך געטראָפן אין טורמע מיטן חבר וויקטאָר אַלטער. מיר זיינען געווען איבערצייגט, אַז מען האָט אים אויך געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין אַ מאָסקווער טורמע. איבעריקנס האָבן זיך אונזערע אויספאָרשער געהאַט באַרימט, אַז זיי האָבן אים... מיר האָט דאָך דער אויספאָרשער געדראָט, אַז ער וועט מיך קאָנ־פראָנטירן מיט ערליכן און אַלטערן, וועלכע האָבן זיך שוין פאַר אים מודה געווען אין אַלץ.

האָב איך אין דער קאַמער אָנגעהויבן זיך נאָכצופרעגן... ליידער אָן דער הילף פון חבר ערליך.

איך האָב זיך באַפריינדעט מיט צענטליקער מענטשן. איך האָב זיך פאַר־נומען ספּעציעל מיט די, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן קיין סאַראַטאָוו פון די מאָסקווער טורמעס.

נאָך עטלעכע טעג שמועסן מיט די קאַמער־קאָלעגן האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַן אינטעליגענטן רוסישן ייד, וועלכער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט ווי אַ זשורנאַליסט, אַ געוועזענער מיטאַרבעטער פון דער סאָוויעטישער טאָג־

צייטונג „איזוועסטיאַ“. ער איז געווען אַ מאַן אין די פערציקער, אינטעליגענט, קלוג און באַרעדעוודיק.

דער דאָזיקער זשורנאַליסט איז עטלעכע חדשים צייט געזעסן אין איין קאַמער מיט צוויי פּוילישע בירגער. ער האָט זיך מיט זיי באַפריינדעט און ער האָט שטאַרק געליבט זייער האַלטן זיך אין דער טורמע. דערהערנדיק, אַז אויך איך בין אַ פּוילישער בירגער האָט ער באַקומען צו מיר צוטרוי און גערעדט מיט מיר פריי.

מיט אַ ספּעציעלער באַוואונדערונג האָט ער גערעדט וועגן איינעם פון די צוויי אַרעסטירטע אין זיין קאַמער. ער האָט געליבט זיין מוט אין באַצוג צו דער טורמע־אַדמיניסטראַציע, ער האָט גערימט זיין פריינטשאַפט און חבריש־קייט מיט אַלע איבעריקע טורמע־קאַלעגן און ער איז געווען אַנטציקט מיט דער חכמה, שאַרפזין, ערודיציע און אינטעליגענץ פון דעם מענטשן, וועלכן ער האָט, לויט זיינע ווערטער, ממש ליב באַקומען.

דער געוועזענער סאָוויעטישער זשורנאַליסט האָט גוט פאַרגעדענקט דעם נאָמען פון דעם, וועלכן ער האָט אַזוי געליבט — דאָס איז געווען וויקטאָר אַלטער.

אָט צו דעם מענטשן האָב איך זיך צוגעקלעפּט. איך האָב אַלץ געטאָן, כדי צו געווינען זיין צוטרוי צו מיר. אין אַ סאָוויעטישער טורמע איז עס גאָר־נישט קיין אָפּטע דערשיינונג. עס איז מיר געלונגען פון דעם מענטשן אַרויס־צובאַקומען אַלץ וואָס ער האָט געוואוסט וועגן אַלטערן. און ווען ער האָט זיך פון מיר דערוואוסט, אַז וויקטאָר אַלטער איז מיינער אַ נאָענטער פריינט האָט ער מיר אַפילו אָנפאַרטרויט זיין אייגענע טראַגישע געשיכטע...

דער דערמאָנטער סאָוויעטישער זשורנאַליסט איז געזעסן מיט אַלטערן אין אַ קאַמער פון דער לוביאַנקע טורמע אין מאָסקווע. ווען מען האָט אַלטערן גע־בראַכט אין דער קאַמער, איז דער זשורנאַליסט שוין געהאַט געזעסן דאָרט אַ לענגערע צייט. אין משך פון עטלעכע טעג איז וויקטאָר געוואָרן דער ליבלינג פון קאַמער. וויקטאָר האָט נישט געמאַכט קיין סוד פון דעם, אַז ער איז אַ סאָ־ציאַליסט, אַ פירער פון פּוילישן „בונד“ און אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד פון סאָ־ציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אין דער קאַמער זיינען געזעסן אַכט מאַן, פון זיי זיינען זעקס געווען סאָ־וויעטישע בירגער מיט אַ רומרייכער קאָמוניסטישער פאַרגאַנגענהייט. זיי האָבן ביז דעם אַרעסט פאַרנומען הויכע אַמטן אין דער אַדמיניסטראַציע און אין דער פּאַרטיי. זיי האָבן זיך אויך אין טורמע באַטראַכט ווי גוטע קאָמוניסטן. חבר וויקטאָר האָט מיט זיי געפירט הייסע, ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס וועגן סאָ־ציאַליזם און דיקטאַטור, וועגן גוטער און שלעכטער פּלאַן־ווירטשאַפט, וועגן אַלע אַקטועלע וועלט־פּראָבלעמען, ער האָט זיי דערציילט וועגן דער אַרבעטער־באַוועגונג אין פאַרשידענע לענדער און וועגן די עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער וועלט אויסער די גרענעצן פון ראַטן־רוסלאַנד.

— איך האָב באַוואונדערט זיין בליציקייט, געוואַגטקייט, גרינטלעכקייט און טיפקייט פון באַהאַנדלען די פּראָבלעמען, — האָט דער געוועזענער „איזוועסטיאַ“־

מיטאַרבעטער באַטאַנט: — איך בין געווען דערשטוינט פון זיין עקשנות און דרייסטקייט ביים דיסקוטירן אין אַ סאָוויעטישער טורמע אַזעלכע ענינים.

ווען וויקטאָר אַלטער איז געקומען אין דער קאַמער אַריין האָט ער אויסגע־זען צו זיין קראַנק. שפּעטער האָט ער דערציילט, אַז ער איז געווען נאָך אַ פינף־טאָגיקן הונגער־סטריק. ער האָט געסטרייקט, ווייל מען האָט אים נישט געוואָלט געבן קיין וויסנשאַפטלעכע ביכער, וועלכע ער האָט געדאַרפט פאַר זיינער אַן אַרבעט וועגן פיזיק. ער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים געבן די מעגלעכקייט צו שרייבן אַ וויסנשאַפטלעכע אַרבעט.

מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ שטראָף־קאַמער, מען האָט אים קינסטלעך דערנערט און צום סוף האָט ער זיינס דערגרייכט. פון דער אַלגעמיינער קאַמער פלעגט מען אים יעדן טאָג כמעט אַרויספירן אין אַ קעמערל, וואו עס זיינען געלעגן זיינע ביכער און וואו ער פלעגט שרייבן.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז מיר באַשערט געווען צו זיצן מיט חבר וויקטאָר אַלטער אין דעם באַרימטן „מעטראָפּאָל"־האָטעל אין מאָסקווע און זיך צו באַשעפטיקן טאַקע מיט דעם ווערק. חבר וויקטאָר האָט אויף דער פריי אויסגעבעסערט זיין אַרבעט.

מיט אַ זעקס חדשים פאַרן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה האָט מען דעם חבר אַלטער אַרויסגענומען פון דער קאַמער און ערגעץ אַוועק־געפירט. דער סאָוויעטישער זשורנאַליסט האָט וויקטאָרן שוין מער נישט באַ־געגנט.

— איך בין זייער פּעסימיסטיש וועגן זיין וויטערדיקן גורל, — האָט דער דערציילער מיט אומעט אין זיין שטים געזאָגט: — אונזערע האָבן נישט ליב אַזעלכע עקשנים...

עטלעכע וואָכן איידער מען האָט אַלטערן צוגענומען פון דער דערמאָנטער קאַמער האָט מען אים אינטענסיוו געפאָרשט... מען פלעגט אים נעמען אויף גאַנצע נעכט און עטלעכע מאָל האָט מען אים געהאַלטן צו עטלעכע און צוואַנציק שעה אָן איבעררייס. פון אַט די פאַרהערן פלעגט אַלטער צוריקקומען אָן אויפ־גערעגטער און אָן אויסגעמאַטערטער. ער פלעגט דאָן שעהן לאַנג שווייגן און שפּרייזן איבער דער קאַמער...

— בלויז איין מאָל האָט מיר אַלטער אין עטלעכע ווערטער דערציילט, וואָס זיי ווילן פון אים.

זיי האָבן געוואָלט האָבן אַ בונדישן פּראָצעס לויטן מוסטער פון די באַקאַנטע מאָסקווער פּראָצעסן, זיי האָבן געוואָלט, אַז אַלטער זאָל זיך אויף אַזאַ פּראָצעס דערקלערן פאַר אַ שפּיאָן, אַ פאַררעטער און אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער.

— זיי זיינען גרענעצלאָז געמיין און ברוטאַל! אָבער ביז מיין לעצטן אָטעם־צוג וועל איך זיך ווערן. זיי וועלן מיך קיין לעבע־דיקן צו אַזאַ שאַנד־פּראָצעס נישט ברענגען!..

האָט אַלטער מיר דאָן געזאָגט. איך האָב מיט באַוואונדערונג געקוקט אויף דעם אומבויגזאַמען מענטשן און איך האָב געגומען גלויבן, אַז ער וועט זיך טאַקע

נישט לאָזן ברעכן. און דערפאַר בין איך אַזוי פּעסימיסטיש וועגן זיין גורל... — האָט דער סאָוויעטישער זשורנאַליסט פאַרענדיקט זיין דערציילונג וועגן וויקטאָר אַלטערן.

***

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיך איבערגעפירט אין אַן אַנדער קאַמער. דאָס איז געווען אַ קליינע קעלער־קאַמער, וואו עס איז געווען פּלאַץ בלויז פאַר פינף אַרעסטירטע. מען האָט אָבער אַריינגעפּאַקט דריי מאָל אַזויפיל. דאָס איז געווען אַ שמוציקע, נאַסע און שטינקעדיקע קאַמער. מען האָט נישט געגעבן אַפילו קיין שטרוי־זעק און מיר זיינען דאָרט אין די נעכט געלעגן צוזאַמענגעדריקטע אויף דער הוילער ערד.

אָט די שוידערלעכע קאַמער איז פאַר מיר אָבער געוואָרן אַ פּלאַץ פון אַן אומפאַרגעסלעכער פרייד. איך האָב דאָ באַגעגנט אַן אַרעסטירטן, וועלכער איז געקומען דירעקט פון דעם טורמע־שפּיטאָל. ער איז געווען אַ קאַוואַלעריע־קאַפּיטאַן פון דער פּוילישער אַרמיי און ער איז אויך געבראַכט געוואָרן קיין סאַראַטאָוו פון אַ מאָסקווער טורמע. אים האָט איינער פון די בלוט־הינט געהאַט צעביסן אַ פוס אין דעם מאָמענט, ווען דער קאַפּיטאַן איז אויפן וועג פון באַן צו דער טורמע געפאַלן אין מאַרש... ער איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט און האָט פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער דערזען, אַז ער געפינט זיך אין אַ טורמע־שפּיטאָל.

אָט דעם קאַפּיטאַן האָב איך אַזוי לאַנג אויסגעפרעגט, ביז איך האָב פון אים אַרויסבאַקומען, אַז ער האָט אין שפּיטאָל זיך באַגעגנט מיט הענריק ערליך. דער קאַפּיטאַן האָט נישט געוואוסט וועגן וועמען עס האַנדלט זיך, ער האָט אויך נישט געוואוסט דעם נאָמען פון דעם מענטשן. ער האָט מיר אָבער גאַנץ גענוי געשילדערט דעם אויסזען און די קליידונג. דער קאַפּיטאַן האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דעם קראַנקן, וועגן וועלכן איך פרעג, האָט מען מיט אַ טאָג פריער אַוועקגעשיקט פון שפּיטאָל אַ געזונטן.

אין טורמע האָב איך שוין מער דעם חבר הענריק נישט באַגעגנט. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן אין מאָסקווע נאָך דער באַפרייאונג פון טורמע, האָט חבר ערליך מיר געזאָגט, אַז ער האָט אין שפּיטאָל איבערגעגעבן דורך עטלעכע אַרעסטירטע גרוסן פאַר מיר. ער האָט זיי געבעטן מיך זוכן אומעטום וואו זיי וועלן זיך נאָר געפינען און מיר איבערגעבן, אַז ער איז געזונט געוואָרן און איז אַרויס פון שפּיטאָל.

נאָכן אַרויסקומען פון סאַראַטאָווער טורמע־שפּיטאָל האָט מען דעם חבר הענריק אַריינגעזעצט אין אַן איינצל־קאַמער. מען האָט אים נאָך איינמאָל גערופן אויף אַ פאַרהער און אים געמאָלדן, אַז אין משך פון עטלעכע טעג וועט פאַרקומען זיין פּראָצעס.

דער פּראָצעס איז פאַרגעקומען אין דער סאַראַטאָווער טורמע. דריי ריכטער האָבן אים געמשפּט. דאָס זיינען געווען דריי ענקאַוועדיסטן אין מילי־

טערישע אוניפאָרמען. די באַשולדיקונג איז פאָרמולירט געוואָרן פונקט אַזוי געמיין, שענדלעך און ליגנעריש, ווי דער פּראָטאָקאָל פון דער אויספאָרשונג וואָס חבר הענריק האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן.

אין געריכט־זאַל האָט זיך געפונען בלויז דער דריילינג פון דעם ריכטער קאָמפּלעט און עטלעכע באַוואָפנטע געפּעאוניקעס, וועלכע האָבן באַוואַכט דעם געמשפּטן.

ווען דער געריכט־פאָרזיצער האָט פאַרענדיקט לייענען די באַשולדיקונג, האָט ער געפרעגט דעם באַשולדיקטן, צי איז ער זיך מודה אין די אויסגערעכנטע „פאַרברעכנס". דער חבר ערליך האָט מיט אַנטשלאָסנקייט אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונג און געבעטן ביים געריכט אַ דערלויבעניש זיך אַליין צו פאַרטיידיקן.

באַקומענדיק די דערלויבעניש, האָט חבר ערליך אָנגעהויבן זיין פאַרטיידיקונגס־רעדע. עטלעכע מאָל האָט אים דער פאָרזיצער איבערגעריסן און געהייסן מאַכן קירצער. דער חבר הענריק האָט אָבער ווייטער גערעדט ביז... מען האָט אים געהייסן שווייגן. דער אורטייל איז שוין געווען גרייט.

אויפן גרונט פון דעם סאָוויעטישן שטראָף־קאָדעקס, לויט דעם אַרטיקל 58, פונקטן 6, 8, 10, 12 און נאָך דאַרט עטלעכע פונקטן, מיט וועלכע דער אַרטיקל 58 איז אונטערגעשפּאַרט, האָט דאָס מיליטערישע געפּעאו־געריכט פאַראורטיילט דעם פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון פוילן צו דער העכסטער שטראָף, וואָס דער אַרטיקל 58 זעט פאָראויס — צום טויט דורך דערשיסן.

דער פאָרזיצער האָט פאַרנדיקט לייענען דעם אורטייל און געמאָלדן, אַז אויף דעם אורטייל איז נישטאָ קיין אַפּעלאַציע. דאָס איינציקע, וואָס דער פאַרמשפּטער קאָן יאָ טאָן, איז זיך ווענדן וועגן אומבייטן די טויט־שטראָף אויף טורמע־שטראָף. ער האָט דערביי געמאָלדן, אַז אַזאַ ווענדונג האָט גוטע אויסזיכטן אויף דערליידיקט צו ווערן פּאָזיטיוו.

דער צום טויט־פאַראורטיילטער הענריק ערליך האָט דאַן דערקלערט, אַז ער האַלט דעם גאַנצן פּראָצעס פאַר אַן אַקט פון גוואַלט און רעכטלאָזיקייט, אַז ער מאַכט נישט קיין ווענדונג וועגן אומבייטן דעם אורטייל, ווייל ער אָנערקענט נישט דעם געריכט דאָס רעכט אים צו משפּטן, און ער האַלט דעם פּסק פון דעם געריכט פאַר אַן אַקט פון ברוטאַלער נקמה.

דער פאָרזיצער האָט באַפוילן אַרויסצופירן דעם פאַרמשפּטן...

מען האָט דעם חבר ערליך אַוועקגעפירט אין דער טויטן־קאַמער. עס איז פאַר אים נישט געווען קיין סיורפּריז דער טויט־אורטייל. ער האָט זיך געריכט, אַז די געפּעאו וועט אים אומברענגען. אָבער אויך אין דעם טויטן־קאַמער האָט מען דעם חבר ערליך נישט געלאָזט רוען. נאַכט נאָך נאַכט איז צו אים געקומען אַ לייטענאַנט פון דער נ.ק.וו.ד. און אים צוגערעדט, אַז ער זאָל שרייבן אַ ווענדונג וועגן באַגנעדיקונג. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז דער טויט־אורטייל וועט אַנולירט ווערן. ער האָט אים גלייך דערלאַנגט פּאַפּיר און געהייסן אים שרייבן.

ערליך האָט זיך אָבער פון דעם לייטענאַנט נישט געלאָזט איבעררייִדן און נישט אויסגענוצט דאָס פּאַפּיר, וואָס דער ענקאַוועדיסט האָט איבערגעלאָזט ביי אים אין קאַמער.

עס זייַנען פאַרביי עלף טעג און עלף נעכט... ערליך איז געזעסן אין דער טויטן־קאַמער און געוואַרט... ער איז געווען זיכער, אַז אָט־אָט וועט מען קומען און אים אַרויספירן...

אין דעם פרימאָרגן פון דער עלפטער נאַכט איז צו אים אין קאַמער אַרייַן אַ מאַיאָר פון דער נ.ק.וו.ד. דער מאַיאָר האָט דערלאַנגט דעם חבר ערליך די האַנט — און אים גראַטולירט. ער האָט אים געמאָלדן, אַז דער טויט־אורטייל איז אים פאַרביטן געוואָרן אויף 10 יאָר טורמע. ער האָט אים גלייכצייטיק דערציילט, אַז אינגיכן וועט מען אים אַרויסנעמען פון דער טורמע און אים איבערפירן צוריק קיין מאָסקווע...

דעם צווייטן טאָג האָט מען דעם חבר ערליך אַרויסגענומען פון דער טויטן־קאַמער און איבערגעפירט אין אַ צווייטער קאַמער. עס איז פאַרביי אַ וואָך און מען האָט ח׳ ערליך אַרויסגעפירט פון דער סאַראַטאָווער טורמע און אונטער אַ וואַך פון דריי ענקאַוועדיסטן צוריקגעפירט אין דער לוביאַנקע־טומע אין מאָסקווע.

אין דער לוביאַנקע־טורמע האָט מען אים געהאַלטן שוין בלויז עטלעכע טעג. פון דער איינצל־קאַמער האָט מען אים געפירט אויף עטלעכע שמועסן מיט דעם נ.ק.וו.ד. קאָלאָנעל וואָלקאָוויסקי. די שמועסן זייַנען געווען פרייַנטלעכע און זייער העפלעכע.

דער קאָלאָנעל וואָלקאָוויסקי האָט דעם חבר ערליך פאַרזיכערט, אַז מען וועט אים אין גיכן באַפרייען און ער האָט אים פאַרגעלייגט שוין אָנהייבן צו־גרייטן אַ פּלאַן פון אַרבעט, וואָס זאָל העלפן דעם גרויסן קאַמף פון דער דעמאָ־קראַטישער וועלט קעגן היטלער־דייטשלאַנד.

אין מיטן סעפּטעמבער 1941 האָט מען דעם חבר הענריק באַפרייט פון טורמע און אים איינגעאָרדנט אין דעם לוקסוס־האָטעל פון „אינטוריסט“ אין מאָסקווער „מעטראָפּאָל“.

אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון די חברים וויקטאָר און הענריק בין איך אויך געבראַכט געוואָרן צוריק קיין מאָסקווע און דעם 28טן סעפּטעמבער בין איך שוין געווען צוזאַמען מיט זיי אין „מעטראָפּאָל“־האָטעל.

איך האָב געהאַט דאָס גרויסע גליק צו זיין צוזאַמען מיט די חבֿרים ערליך און אַלטער. מיר איז אויך שפּעטער באַשערט געווען איבערצולעבן אין קויבישעוו זייער צווייטן טראַגישן אַרעסט, דעם אַרעסט, פון וועלכן זיי זייַנען שוין מער נישט צוריקגעקומען...

דר. י. גליקסמאַן

מיטן חבר וויקטאָר אַלטער אין אַ סאָוויעטישער טורמע

— — — — — די גרופּע סאָציאַליסטישע טוער פון פּוילן, וואָס האָט זיך געפונען אין ראָוונע, האָט זיך זייער גיך איבערצייגט, אַז רעדן מיט די פּוילישע קאָמוניסטן וועגן דער באַפרייאונג פון וויקטאָר אַלטער איז אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט.

און דאָס זיינען געווען די זעלבע מענטשן, וועלכע זיינען נאָך מיט עטלעכע וואָכן פריער — איידער דער היטלער־סטאַלין־פּאַקט איז געשלאָסן געוואָרן — געווען כלומרשט הייסע חסידים פון „איינהייטלעכן פראָנט" פון אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען אין פּוילן; דאָס זיינען געווען די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן דאָך גאָר נישט לאַנג אַזוי ליידנשאַפטלעך געפּרעדיקט די נויטיקייט פון צונויפזאַמלען אַלע אַנטי־פאַשיסטישע קרעפטן קעגן היטלער־דייטשלאַנד. אָט די זעלבע מענטשן האָבן איצט אין גאַנצן איבערגעקערט דעם פעלץ.

איצט — אין אָקטאָבער 1939 — זיינען ז י י אויפן פערד, איצט האָבן ז י י די גאַנצע מאַכט, און דעריבער דאַרפן זיי שוין מער נישט זוכן קיין שום פאַרבינדעטע אין די סאָציאַליסטישע רייען, און דערצו נאָך אַזעלכע פאַרבינ־דעטע, וואָס זיינען זייער אומבאַקוועם מיט זייער קאָנסעקווענטער קעגנערשאַפט צום פּאַקט מיט היטלערן.

די קאָמוניסטישע פּוילישע טוער האָבן זיך ציניש אויסגעלאַכט פונם פאָרוואורף, וועלכן מיר האָבן זיי געמאַכט, אַז זיי האַנדלען צביעותדיק. מיר פרעגן זיי ווי פּאַסט זיך דער לאָזונג פון „איינהייטלעכן פראָנט" מיט אַרעסטירן די פירער פון דער פּאַרטיי, מיט וועלכער מען וויל כלומרשט מיטאַרבעטן? וואָס פאַר אַ נאַאיווע מענטשן מיר זיינען דאָס! וואָס דאַרפן זיי אונז איצט האָבן, ווען זיי האָבן די באַזאַנעטן פון דער רויטער אַרמיי הינטער זיך?

די פּוילישע קאָמוניסטן האָבן אונז געגעבן אַ „פריינדלעכע" עצה: „זיצט

ח' גליקסמאַן איז אַ ברודער (פון איין מוטער) פון וויקטאָר אַלטער. זיינע איבער־לעבונגען אין די סאָוויעטישע תפיסות האָט ער באַשריבן אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" און אין פּאַריזער „אונזער שטימע". זיי זיינען אויך דערשינען אין ענגליש אין אַ בוך א. נ. „טעל דהי וועסט".

בעסער שטיל, ווייל אויב נישט, קאָן איך נאָך טרעפן דער זעלבער שיקזאַל, וואָס וויקטאָר אַלטערן... נאַטירלעך, אַם קליגסטן וואָלט איר געטאָן, ווען איר ווערט „רעאַליסטן" און פאַסט זיך צו צו דערווירקלעכקייט, ד. ה. ווען איר שלאָגט זיך עפנטלעך על־חטא פאַר אייער פאַשיסטישער, קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט. אפשר וועט מען זי אייך מוחל זיין..."

מיר האָבן, אַלזאָ, קלאָר פאַרשטאַנען, אַז ווייטערע געשפּרעכן מיט אַזעלכע פאַרשזינען זיינען צוועקלאָז. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן ביי זיך, אַז אַנשטאָט צו רעדן מיט די משרתים איז בעסער צו רעדן מיט די באַלעבאָטים אַליין. מען האָט באַשלאָסן צו מאַכן נאָך איין פּרואוו, און נעמלעך — אַז איך זאָל פאָרן קיין קאָוועל, אינטערוועניִרן ביי דער דאָרטיקער נ.ק.וו.ד. (פריער געפּעאו).

איידער אָבער איך וועל דערציילן וועגן מיין רייזע קיין קאָוועל און וואָס איך האָב דאָרט אויפגעטאָן, וויל איך נאָך דערמאָנען מכוח אַ צווייטן פּרואוו צו אינטערוועניִרן ביי די פּוילישע קאָמוניסטן וועגן אַרעסט פון אַלטערן.

עטלעכע וואָכן נאָכן אַרעסטירן אַלטערן, איז אַרעסטירט געוואָרן אין בריסק הענריק ערליך. אַ גרופּע בונדישע טוער האָט באַשלאָסן צו אינטערוועניִרן וועגן דעם ענין אַלטער־ערליך ביי דער באַרימטער לינקער פּוילישער שרייבערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, און באַפּולמעכטיקט דורכצופירן די דאָזיקע אינטערווענץ דעם בונדישן טוער און באַרימטן וואַרשעווער פּאָליטישן פאַרטיידיקער, וועלכער האָט די לעצטע 25 יאָר געפירט פאַר די פּוילישע געריכטן די פּראָצעסן פון פיל הונדערטער קאָמוניסטישע טוער — דעם אַדוואָקאַט ל. האַניגוויל.

די דאָזיקע פּוילישע שריפטשטעלערין, וועלכע האָט געשפּילט אין 1945 אַזאַ וויכטיקע ראָל ביים אָרגאַניזירן די פּראָ־קאָמוניסטישע פּוילישע רעגירונג אין לובלין, און וועלכע איז איצט די פרוי פונם אוקראַיִנישן דראַמאַטורג און געוועזענעם אוקראַיִנישן אויסערן־מיניסטער קאָרניעטשוק, איז אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.). זי האָט זיך שטענדיק באַציגן מיט גרויס פריינטלעכקייט צום „בונד" און איז פון צייט צו צייט אַרויסגעטראָטן אויף לעקציעס און מיטינגען, אָרגאַניזירטע דורכן „בונד", פאַר דער פּויליש־רעדנדיקער יידישער אינטעליגענץ אין וואַרשע, זי איז אויך די מיטפאַרפאַסערין פונם סצענאַר פון דעם באַקאַנטן פילם וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזשעשין, הינטער וואַרשע, „מיר קומען אָן".

וואַשילעווסקאַ האָט מיטגעאַרבעט מיטן „בונד" ביים העלפן די טויזנטער פּוילישע יידן, וואָס זיינען אַ קורצע צייט פאַר דער מלחמה דעפּאָרטירט געוואָרן פון היטלער־דייטשלאַנד קיין פּוילן, און די פּוילישע רעגירונג האָט זיי אַ לאַנגע צייט געהאַלטן אינם באַרימט־געוואָרענעם קליינעם פּוילישן גרענעץ־שטעטל ז ב אָ נ ש י ן.

וואַשילעווסקאַ איז פאַר דער מלחמה געווען אין זייער פריינטלעכע פּערזענלעכע באַציאונגען מיט ערליכן און אַלטערן. איצט, נאָכן פאַרנעמען די פּוילישע „קרעסן" דורך דער רויטער אַרמיי, איז זי געוואָרן אַ קאָמוניסטקע

און מען האָט געהאַלטן, אַז זי האָט גרויסע איינפלוסן אין די סאָוויעטישע רע־גירונגס־קרייזן, און דערפאַר האָט מען צו איר קיין לעמבערג געשיקט דעם בונ־דישן דעלעגאַט. וואַשילעווסקאַ, אויסהערנדיק די דערציילונג פון אַדוואָקאַט ל. האַניגוויל, האָט טיף אַ קרעכץ געטאָן איבער דעם שווערן גורל פון די צוויי אַרעסטירטע מענטשן און זי האָט צוגעזאָגט צו מאַכן געוויסע באַמיאונגען פאַר זייער באַפרייאונג. זי האָט אָבער באַלד אַליין מודה געווען, אַז קיין רעאַלע האַ־פענונג עפּעס אויפצוטאָן האָט זי נישט. און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויס־געוויזן — האָט זי טאַקע גאָרנישט אויפגעטאָן.

נישט געקאָנט, נישט געוואָלט, צי גאָר מורא געהאַט — ווער ווייסט דאָס?

די רייזע קיין קאָוועל אין יענע צייטן — אָקטאָבער, 1939 — איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאַבע.

די צוגן האָבן שוין אָנגעהויבן קורסירן — עס האָט אָבער פּאַקטיש נישט עקזיסטירט קיין באַשטימטער פּלאַן ווען די צוגן דאַרפן אָפּגיין. אַ פּאַסאַזשיר איז פּשוט געגאַנגען אויף דער באַן־סטאַציע און דאָרטן געוואַרט אַזוי לאַנג ביז אַ צוג איז אָנגעקומען: אַמאָל עטלעכע שעה, אַמאָל אַ טאָג און אַמאָל אַ גאַנצן מעת־לעת.

דער וואָקזאַל אין ראָוונע — פּונקט אַזוי ווי אין כמעט אַלע אַנדערע שטעט אין די פריש־פאַרנומענע סאָוויעטישע געביטן — איז געווען טאָג און נאַכט באַלאַגערט פון טויזנטער מענטשן. אַנדערע טויזנטער, ענג־צונויפגעדריקטע, האָבן זיך געוואַלגערט אויף די שמוציקע, פאַרבלאָטיקטע שטיינערנע פּאָדלאָגעס פון די נישט געהייצטע צימערן פון דער סטאַנציע. דאָס זיינען געווען טויזנטער און טויזנטער פּליכטלינגע, מערסטנס יידן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע היימען און נישט געוואוסט וואוהין זיך אַהינטאָן מיט זייערע פרויען, קינדער און דאָס ביסל אָרעמקייט. קיינער האָט וועגן זיי נישט געזאָרגט. זיי האָבן ביטער גע־הונגערט און קראַנקהייטן האָבן זיך צווישן זיי אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן.

אָבער דאָס וואַרטן אויף דעם צוג איז געווען אַ קלייניקייט אין פאַרגלייך מיט די שוועריקייטן צו קריגן אַ באַן־בילעט. פיל לאַנגע שטונדן האָט מען געמוזט שטיין אין די רייען („לאַינס״), און אָפטמאָל אַוועקגיין פון דער קאַסע מיט גאָרנישט. און צולעצט דאָס ערגסטע: דער ברוטאַלער קאַמף אַריינצוכאַפּן זיך אין דעם איבערפולטן צוג.

ענדלעך בין איך שוין אין צוג. ער שלעפּט זיך פון ראָוונע קיין קאָוועל — 14 שעה, אָנשטאָט — צוויי. די שויבן אין די פענצטער זיינען אויסגעהאַקט. נישט געקוקט אויף דער ענגשאַפט, איז זייער קאַלט. ביינאַכט איז פינצטער אין וואַגאָן. קיין ליכט ברענט נישט.

אָבער אָט זיינען מיר שוין ענדלעך אין קאָוועל.

דורך אַ צופעליקער באַגעגעניש איז מיר זייער שנעל געלונגען צו געפינען אַ פאַרבינדונג מיט אַ גרופּע פּוילישע סאָציאַליסטישע טוער, מייסטנס באַן־

אַרבעטער, וועלכע זיינען באַקאַנט געווען מיט די איינצלהייטן פונם אַרעסט פון וויקטאָר אַלטער. זיי האָבן מיר דערציילט דאָס פאָלגנדע:

אַלטער איז געווען אין קאָוועל ווען די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען די דאָזיקע שטאָט. זיינע חברים האָבן אים געראָטן, אַז ער זאָל זיך אַ סך באַהאַלטן, ביז עס וועט ווערן קלאָר וואָס פאַר אַ פּאָליטיק די סאָוויעטן וועלן אָנווענדן צו די פירער פון די נישט־קאָמוניסטישע פּאַרטייען. אַלטער האָט אָבער דעם פאָרשלאָג צו באַהאַלטן זיך קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן, אַלס אַ נישט ווירדיקן.

פאַרקערט, ער האָט געהאַלטן, אַז זיין חוב איז אָפן אַרויסצוברענגען זיין שטעלונג וועגן ד ע ם א ו פ ן, ווי עס דאַרף אויסזען דער געמיינזאַמער קאַמף מיטן היטלעריזם.

שוין עטלעכע טעג נאָכן פאַרנעמען די שטאָט דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי איז פאָרגעקומען אַ געמיינזאַמע באַראַטונג פון פּוילישע און יידישע סאָציאַליסטישע טוער אין קאָוועל. אויף דער דאָזיקער באַראַטונג איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, אויף אַלטערס פאָרשלאָג, אַ פּ אָ ל י ט י ש ע ד ע ק ל אַ־ ר אַ צ י ע.

איר תמצית, ווי איך געדענק, איז געווען דער פאָלגנדער:

דאָס פאַרנעמען די מזרח „קרעסן" פון פּוילן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי האָט פּאַקטיש געראַטעוועט די באַפעלקערונג פון די דאָזיקע געביטן פון אַ היטלעריסטישער אָקופּאַציע. די פּוילישע און יידישע סאָציאַליסטישע טוער זיינען דעריבער גרייט העלפן דער נייער מאַכט אין דעם אומפאַרמיידלעכן נאָענטן קאַמף מיט די פאַשיסטישע, דייטשע הארדעס. גלייכצייטיק דריקן זיי אויס די האָפענונג, אַז וועגן דעם צוקונפטיקן גורל פון די פריש־פאַרנומענע געביטן וועט ענטגילטיק באַשליסן נאָר דער פרייער ווילן פון דער באַפעלקערונג, און אַז דערווייל וועט אויף די דאָזיקע געביטן הערשן אינדיווידועלע פרייהייט און אַזאַ דעמאָקראַטישע אָרדענונג, וועלכע וועט געבן די עקסיסטירנדיקע אַרבע־טער און פּויערים פּאַרטייען די מעגלעכקייט צו פירן זייער אַרבעט.

די באַראַטונג האָט גלייכצייטיק באַשלאָסן באַלד צומאָרגנס איבערצוגעבן דעם טעקסט פון דער דעקלאַראַציע דער סאָוויעטישער מאַכט.

אויף צומאָרגנס אָבער, שוין פאַרטאָג, האָבן זיך באַוויזן אויטאָס מיט סאָוויעטישער פּאָליציי פאַר די טירן פון כמעט אַלע אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג, און זיי אַרעסטירט. אויף דער באַראַטונג איז אָנוועזנד געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער האָט נאָך אין דער זעלבער נאַכט אינפאָרמירט וועגן אַלץ די נ.ק.וו.ד.

צווישן די פאַרהאַלטענע איז, אויסער אַלטערן, אויך געווען אַ צווייטע באַקאַנטע פּערזענלעכקייט. דאָס איז געווען דער פירער פון די פּוילישע באַן־אַרבעטער און לאַנגיאָריקער סאָציאַליסטישער דעפּוטאַט מ י ע ט ש י ס ל אַ ו ו מ אַ ס ט ע ק.

מאַסטעק איז אין 1941 באַפרייט געוואָרן פון תפיסה און אים האָט די

סאָוויעטישע מאַכט דערלויבט אַרויסצופאָרן קיין לאָנדאָן. ער איז דאָרט שפּע־טער געשטאָרבן פון אַ קראַנקהייט, וועלכע ער האָט זיך דערוואָרבן אין די תפיסה־יאָרן אין רוסלאַנד.

⁂

די נ.ק.וו.ד. (די אַמאָליקע גע.פּע.או.) אין קאָוועל, האָט נאַטירלעך פאַרנו־מען די שענסטע געביידע אין דער שטאָט. עס איז נישט געווען לייכט זיך דאָרט אַריינצובאַקומען. נאָך שווערער איז געווען צו באַקומען אַן אודיע׳נץ ביים נאַ־טשאַלניק; אַ גאַנצע רייע באַאַמטע האָבן מיר פריער זייער לאַנג אויסגעפאָרשט וועגן דעם ציל פון מיין וויזיט. איך האָב יעדן געמוזט דערציילן, אַז די פאַ־מיליע פון ו ו י ק ט אָ ר אַ ל ט ע ר ן האָבן מיר דעלעגירט צו דערוויסן זיך וועגן זיין גורל און באַמיען זיך וועגן זיין באַפרייאונג. ענדלעך איז מיר געלונגען אַריינצודרינגען אינם קאַבינעט פון איינעם פון די נאַטשאַלניקעס. איך האָב אים קורץ אויפגעקלערט וועגן וואָס איך בין געקומען. איך האָב אים געזאָגט, צווישן אַנדערעס, פאָלגנדעס:

„...וויקטאָר אַלטער איז אַ קראַנקער מענטש. זיין פאַמיליע און זיינע פריינט זיינען זייער באַאומרואיקט וועגן זיין געזונט. ער איז אַ פּאָליטישער פליכטלינג. ער האָט פאַרלאָזט וואַרשע, ווייל די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען די שטאָט, און וואָלטן זיי אים געכאַפּט, וואָלטן זיי אים דאָך, ווי אַ באַקאַנטן אַנטי־פאַשיסטישן קעמפער, באַלד דערמאָרדעט. עס איז אַן אַלטער אינטערנאַ־ציאָנאַלער געזעץ צו געבן „אַזיל־רעכט", דאָס הייסט, אַ מקום מקלט פאַר פּ אָ ל י ט י ש ע עמיגראַנטן. אויך די סאָוויעטישע קאָנסטיטוציע, אין דעם פאַראַגראַף *129*, זעט פאָראויס, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד דאַרף געבן שוץ אַזעלכע פרעמדע בירגער וואָס ווערן פאַרפאָלגט פאַר זייער פּאָליטישער טעטיקייט אין די לענדער, פון וועלכע זיי אַנטלויפן. איבעריקנס, איז אַלטער נישט געלאָפן קיין רוסלאַנד, נאָר קיין קאָוועל, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ שטאָט אין פּוילן; ערשט שפּעטער איז דאָך די שטאָט אומדערוואַרטעט פאַרנומען געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער מאַכט. מען דאַרף, אַלזאָ, אַלטערן באַהאַנדלען ווי אַ פּאָליטישן עמיגראַנט. אויב אָבער די סאָוויעטישע מאַכט האַלט דאָס פאַר אומבאַקוועם פאַר זיך און ווינטשט נישט, אַז אַלטער זאָל בלייבן איבער דער מלחמה אונטער דער רוסישער מאַכט — טאָ זאָל זי אים אַרויסשיקן קיין אויסלאַנד, צום ביישפּיל, קיין שוועדן. עס איז גענוג אים צו דעפּאָרטירן ביז דער גרענעץ. ער איז אַ מיט־גליד פון דעם עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. ער איז גוט באַקאַנט אין די מערב־אייראָפּעאישע אַרבעטער־קרייזן און אַלע אויס־לענדישע סאָציאַליסטן זיינען גרייט אים אויפצונעמען מיט אָפענע אָרעמס.

„פאַרוואָס אָבער זאָל מען אים האַלטן אין טורמע? ער איז דאָך קעגן דער סאָוויעטישער מאַכט נישט באַגאַנגען קיין שום פאַרברעכן. ער איז דאָך אַרעסטירט געוואָרן בלויז געציילטע טעג נאָכן אַריינמאַרשירן פון דער רויטער אַרמיי אין דער שטאָט. וואָס איז ווייטער נוגע דער טעטיקייט פון אַלטערן אין פּוילן,

פאַר דעם קריג, איז דאָך דאָס געווען מוטיקער קאַמף פאַר די סאָציאַליסטישע אידעאַלן. אויב אַפילו די דאַזיקע טעטיקייט געפעלט נישט דער סאָוויעטישער מאַכט — פּונקט ווי עס געפעלט איר דאָך נישט די טעטיקייט פון אַנדערע סאָציאַליסטישע פירער אויף דער וועלט — צי איז פון דעם געדרונגען, און צי הייסט דאָס, אַז אין רוסלאַנד וואָלט מען אַריינגעזעצט אין טורמע אַלע סאָציאַ־ליסטן, וואָס וואָלטן צופעליק אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער סאָוויעטישער מאַכט? די קאָמוניסטישע באַוועגונגען אויף דער גאַנצער וועלט האָבן לעצטנס בסדר געפּרעדיקט ברידערלעכקייט פון אַלע אַרבעטער־שאַטירונגען, איינהייט־לעכן פראָנט"...

שווער איבערצוגעבן אין דרוק דעם גראָבן און ברוטאַלן ענטפער, וועלכן איך האָב באַקומען. און ווען איך האָב געפּרוּווט עפּעס צו דערווידערן, בין איך איינפאַך אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס.

אַפילו וועגן דעם געזונט־צושטאַנד און וועגן דעם ווייטערדיקן גורל פון אַלטערן האָט מען מיר נישט געוואָלט ענטפערן. איך האָב זיך אַפילו נישט דערוואוסט, צי ער געפינט זיך נאָך אין דער קאָולער טורמע!

אַלזאָ, קיין שום האָפענונג נישט.

און דערצו, ווי נאָר איך האָב „פּאַרלאָזט" אויף אַזאַ ברוטאַלן אופן די געביידע פון נ.ק.וו.ד., האָב איך גלייך באַמערקט, אַז הינטער מיר שלעפּט זיך נאָך אַ „שאָטן": מען שפּיאָנירט מיר נאָך. איך קען דעריבער מער שוין מיט קיינעם זיך נישט טרעפן, ווייל איך קען יענעם אומגליקלעך מאַכן. דאָס איינציקע, וואָס איז מיר, אַלזאָ, געבליבן צו טאָן — איז פּרובירן אַריינשיקן שפּייז צו וויקטאָר אַלטערן אין טורמע אַריין.

***

נישט געקוקט אויף די גרויסע שוועריקייטן, איז מיר געלונגען צו באַקומען ברויט, וואורשט און צוקער. איך האָב אויך איינגעקויפט אַ פּאַר הונדערט ציגאַרעטן, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז אַלטער איז געווען אַ ליידנשאַפטלעכער רויכערער. איך האָב אויך צוגעגרייט אַ פּעקל וואַרעמע וועש, ווייל מען האָט מיר דערציילט, אַז אַלטער איז אַנטלאָפן פון וואַרשע מיט זייער ווייניק זאַכן צום אָנטאָן — און ביים אַרעסט האָט ער בכלל כמעט גאָר נישט באַוויזן מיט־צונעמען.

צומאָרגנס, באַלד פאַרטאָג, האָב איך מיט מיין פּעקל זיך אָוועקגעשטעלט פאַר דעם טורמע־טויער אין אַ רייע, צווישן טרויעריקע און פאַרווייניטע ווייבער, שוועסטער און אַלטע מוטערס פון די אַרעסטאַנטן: יידישע, פּוילישע, אוקראַי־נישע פרויען. אַלע האָבן געהאַלטן אין די הענט פּעקלעך און קוישעלעך און געוואַרט, אין קעלט און אין רעגן, מען זאָל אָנהויבן אָננעמען די אַזוי גערופענע „פּערעדאַטשע". (אַזוי רופט מען אין די רוסישע תפיסות פּעקלעך פאַר אַרעס־טאַנטן).

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב געהאַט מזל. עס איז פונקט געווען אַ טאָג פון אָננעמען „פערעדאַטשעס״, און אַזעלכע טעג זיינען נאָר דאָ צוויי אין דער וואָך.

קען איך, אַלזאָ, זיכער זיין, אַז מען וועט היינט אָננעמען מיין פעקל? ניין! די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דעם תפיסה־טויער האָבן מיר אויפגעקלערט, אַז מען קען נישט זיין זיכער אין דער הינזיכט.

אָפטמאָל, אַן אַ פאַרוואָס, כאָטש עס איז דער ריכטיקער טאָג, טרייבט מען אַלע אַוועק נאָך פיל שטונדן וואַרטן און מען נעמט פון זיי ניט אָן די — מיט אַזוי פיל מי און ליבע — צוגעגרייטע פעקלעך, פאַר זייערע נאָענטע.

אַמאָל פאַסירט אויך — האָבן מיר ווייטער דערציילט די פרויען — אַז מען נעמט שוין ענדלעך אָן דאָס פעקל, אָבער נאָך אַ געוויסער צייט ברענגט עס דער תפיסה־וועכטער צוריק! דעמאָלט הייסט עס, אַז דער אַרעסטאַנט איז דאָרט מער נישטאָ!

און דאַן הויבן זיך אָן פאַרשידענע שרעקלעכע השערות: אפשר איז ער געשטאָרבן? אין שטאָט דערציילט מען, אַז יעדע נאַכט אין געהיים, אויף וועגעלעך, ווערן אַרויסגעפירט פון דער תפיסה טויטע קערפּערס. אָבער, מעג־לעך, אַז ער איז „נאָר״ אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ טורמע פון אַ שטאָט אין טיף רוסלאַנד. אָדער, אפשר „נאָר״ אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין אַ קאָנצענ־טראַציע לאַגער? ווער ווייסט דאָס? די פאַמיליע בלייבט לאַנג און אָפטמאָל אויף שטענדיק אין אַ שרעקלעכער אומזיכערקייט.

אַרום 11 פאַרמיטאָג האָט מען ענדלעך צוגענומען מיין פעקל. עס איז אַדורך אַ לאַנגע שטונדע פול מיט נערוועזער אומרואיקייט: צי וועט מען מיר, חלילה, מיין פעקל נישט צוריקברענגען? צי געפינט זיך נאָך אַלטער אין דער קאָוולער טורמע? צי לעבט ער נאָך?

ענדלעך קומט אַרויס דער וועכטער, ברענגט אַ שפּאַר ביסל פעקלעך צוריק. מיין פעקל האָט ער נישט צוריקגעבראַכט! איך האָב פרייער אָפּגעאָ־טעמט.

די פרויען, וועלכע האָבן באַקומען זייערע פעקלעך צוריק, האָבן זיך יאָמערלעך צעוויינט.

איצט פאַרטיילט דער וועכטער די אונטערגעשריבענע צעטלעך, איך באַ־קום מיין צעטל!

אויסער דעם אונטערשריפט פון אַלטערן, איז אויף דעם צעטל פאַראַן אַ צושריפט מיט אַ בלייפעדער, עטלעכע ווערטער, וואָס דער וועכטער האָט, צום גליק, נישט באַמערקט:

„אַ דאַנק. שיקט מער נישט קיין סיגאַרעטן און וואורשט. שיקט ברויט, פוטער. איך קוש אייך אַלע. — ד ו י ק ט אָ ר״.

ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט זאַכן, וועלכע האָבן אויפגעקלערט דעם אינהאַלט פון דעם צעטל און די סיבות, פאַרוואָס אַלטער האָט געבעטן נישט צו שיקן קיין סיגאַרעטן און וואורשט, און יאָ צו שיקן פוטער.

דער טורמע־דאָקטאָר, אַ ייד, וועלכער האָט פאַר דער מלחמה שוין פּראַקטי־צירט אין קאָוועל, האָט דערציילט, נאָטירלעך אַלס אַ גרויסן סוד, און נאָר צו זיינעם אַ פריינט, אַז אַלטער האָט דורכגעמאַכט אין יענער צייט אין תפיסה אַ שווערן הונגער־סטרייק. ער האָט געהאַט אָנגעשריבן אַן אויס־פירלעכן בריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון ראַטן־פאַרבאַנד. דער בריוו האָט אַנטהאַלטן אַ וויכטיקן פּאָליטישן אינהאַלט: אַלטער האָט אין דעם בריוו פאָרמולירט זיין שטעלונג — ענלעך צו דער פּאָלי־טישער שטעלונג, וואָס עס האָט אָנגענומען די קאָוולער באַראַטונג מיט די פּוי־לישע סאָציאַליסטן, נאָך וועלכער עס איז געקומען דער אַרעסט. אין דעם בריוו האָט ער אויך געפאָדערט מען זאָל אים באַפרייען. ווען עטלעכע וואָכן זיינען אַריבער און קיין שום ענטפער איז נישט געקומען, האָט אַלטער אָנגעהויבן אַ הונגער־סטרייק. ער האָט גאָר נישט געגעסן און נישט געטרונקען אין פאַרלויף פון 10 טעג צייט און איז שווער קראַנק געוואָרן. מען האָט אים דעמאָלט צוגעזאָגט אַן ענטפער, אויב ער וועט דעם סטרייק איבעררייסן. ער האָט דאָס געפאָלגט, אָבער ער איז נאָך לאַנג קראַנק געווען, נישט געקענט רויכערן אָדער עסן קיין וואורשט. דאָקעגן, פוטער האָט אים דער דאָקטאָר יאָ געהייסן עסן.

וועגן דעם אַלץ האָב איך נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, אָבער איך בין געבליבן אין קאָוועל אויף נאָך אַ פּאָר טעג, ביז צום נאָענטסטן טאָג פון דער „פּערעדאַטשע". צו מיין „שאַטן", וועלכער איז מיר כסדר נאָכגעגאַנגען, האָב איך זיך שוין צוגעוואוינט.

איך האָב באַזאָרגט, אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל, אַ פּעקל, נאָר דעמאָלט שוין מיט אַ סך פוטער. איך האָב באַקומען די שריפטלעכע באַשטעטיקונג מיט אַלטערס אונטערשריפט. נאָכדעם האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן צוריק קיין ראָווע־נע, וואו איך האָב איבערגעלאָזט מיין פרוי און אַ קליין קינד.

איך בין דעריבער אַוועק צו דער באַן־סטאַנציע וואַרטן אויפן צוג קיין ראָוונע.

האַרט פאַרן אַריינגאַנג צום בנין פון דער סטאַנציע בין איך אָבער גע־וואָרן אַרעסטירט.

⁂

אין האָלדז האָט מיך נאָך געשטיקט פון בושה און דערנידעריקונג נאָך מיין ערשטן סאָוויעטישן „אָביסק" (רעוויזיע), ווען די וועכטער האָבן מיך אַריינ־געפירט אין אַ קאַמער פונעם אַרעסט ביי דער קאָוולער נ.ק.וו.ד. (גע.פּע.או.).

דאָס איז געווען אַ קליין לעדיק צימערל אינעם קעלער פון דער געביידע.

איך האָב מיך געפילט אַזוי אויסגעשעפּט, אַז ווי נאָר איך בין אַריין אין דער קאַמער, האָב איך זיך אַנידערגעלייגט אויף דער נאַקעטער פּאָדלאָגע נישט אויסטועענדיק אַפילו דעם מאַנטל אָדער די קאַלאָשן. אין קאַמער איז געווען זייער קאַלט.

איך האָב נישט געוואוסט גענוי ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן. איך בין

אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון האַלבן באַוואוסטזיין צום גאַנצן אַרום און צום אייגענעם גורל.

שפּעטער האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, אַז איך בין אַזוי געלעגן איבער צוויי מעת־לעת.

איינשלאָפן האָב איך נישט געקענט אַפילו אויף אַ רגע, סיי צוליב דעם שווערן נערוועזן צושטאַנד, סיי צוליב אַן עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען נידעריק, פונקט איבער מיין קאָפּ, און געברענט אַן אויפהער, טאָג און נאַכט. דאָס איז געווען אַ זייער העלער לאָמפּ, פון 250 אָדער 300 וואַט שטאַרק, וואָס אין אַזאַ קליינעם צימערל האָט ער געגעבן אַ באַטויבנדיקן ליכט. ווי איך האָב נישט געפּרוּווט באַהאַלטן דעם קאָפּ. האָט דאָס שטעכיקע ליכט דאָך דערגרייכט מיינע אויגן און געפּייניקט. איך האָב געהאַט דעם געפיל, אַז איך געפין זיך אַן אויפהער אונטער אַ רעפלעקטאָר.

אַזוי ווי דאָס איינציקע קליינע פענצטערל פון דער קאַמער איז געווען געדיכט פאַרקראַטעוועט און כמעט נישט דורכגעלאָזט קיין טאָג־ליכט פון דרויסן, איז פאַקטיש אין קאַמער נישט געווען קיין שום אונטערשייד צווישן נאַכט און טאָג.

מיט דעם דאָזיקן צוגאָב — פּיין דורך שטאַרקן ליכט — האָב איך זיך געטראָפן אויך שפּעטער אין אַלע מיינע ווייטערדיקע וואַנדערונגען איבער די סאָוויעטישע טורמעס. דאָס דאָזיקע ליכט איז איינגעפירט אויפן סמך פון איינעם פון די פאַרפליכטנדע פּאַראַגראַפן פון די סאָוויעטישע תפיסה־געזעצן.

דאָס ליכט דינט אַלס אַ מיטל צו ווירקן דערדריקנד אויפן אַרעסטאַנטס גייס־טיקן צושטאַנד. דאָס איז נאָך איין קייטעלע אינם לאַנגן רינג פון ווירקונגס־מיטלען פון דער סאָוויעטישער יוסטיץ.

די גאַנצע צוויי טעג האָט מען מיר נישט געבראַכט קיין עסן און נישט דערלאַנגט אַפילו קיין וואַסער צום טרינקען אָדער אָפּוואַשן זיך. אמת, איך האָב קיין זאַך נישט געבעטן.

קיינער האָט זיך מיט מיר נישט אינטערעסירט. קיינער האָט מיך גאָר־נישט געפרעגט. אַרום האָט געהערשט אַ גרויליקע שטילקייט.

די דריטע נאַכט, פאַרטאָג, איז אין מיין קאַמער אַריינגעקומען אַן אָפיציר פון דער נ.ק.וו.ד. און אַ געשריי געטאָן אין מיין ריכטונג:

— „סאָבירייסיאַ ס'וועשטשאַמי! אָדיעוואַיסיאַ!“ (נעם צונויף דיינע זאַכן! טו זיך אָן!) און, נאָכטערלעך: „פּאָסקאָרעי, פּאָביסטרעי“ (שנעלער!)

איך האָב נישט געהאַט וואָס צונויפצוזאַמלען. איך האָב זיך נישט געהאַט אויסגעטאָן. איך האָב דאָך אַפילו נישט געעפנט מיינע זאַכן. איך בין אויפ־געשטאַנען פון דער ערד און שוין בין איך געווען פאַרטיק.

מען פירט מיך אַרויס אויף דער גאַס.

עס איז געווען אַרום פיר פאַרטאָג. אין דער שטאָט קאָוועל איז דעמאָלט פאַרגעקומען אַ שטרענגע פּאָליציי־טעטיקייט. די גאַסן זיינען געווען ווי אויס־געשטאָרבן.

ס'האָבן מיר אַרומגערינגלט זעקס סאָלדאַטן מיט ביקסן אָנגעשטעלטע אין מיין ריכטונג. אויף די ביקסן זיינען געווען אָנגעזעצט באַיאָנעטן.

מיר זיינען געגאַנגען אין מיטן פון דער גאַס. אויפן טראָטואַר האָט אונז באַגלייט אַן אָפיציר מיט אַן אויסגעשטרעקטן רעוואָלווער.

איידער מיר האָבן פאַרלאָזט דעם נ.ק.וו.ד.־בנין בין איך שטרענג געוואָרנט געוואָרן, אַז איך מוז גיין מיט אַ גלייכער ליניע פאַראויס; אַז יעדער שריט מיינער אין אַ זייט וועט באַטראַכט ווערן ווי אַ פּרואוו צו אַנטלויפן, און אַז די וואַך וועט דעמאָלט באַלד שיסן — אָן שום וואָרנונג.

דער דאָזיקער גאַנצער „פּאַראַד" האָט מיך זייער דערשראָקן. איך האָב, נאַטירלעך, נישט געהאַט בדעה צו אַנטלויפן, אָבער דעם „כבוד" פון אַזאַ גרויסער „עסקאָרטע" האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין.

מיין אומרו איז געווען אָן אומזיסטע. איך האָב זיך שפּעטער געקאָנט איבערצייגן, אַז אין דעם „פּאַראַד" איז נישט געווען קיין שום ספּעציעלעס. אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז דער „קאָנוואָי" (באַגלייטונג) פון די אַרעסטאַנטן שטענדיק זייער גרויס און פיל שטרענגער ווי אין דער גאַנצער וועלט.

מיר זיינען געגאַנגען אין אַ האַסטיקן טעמפּאָ, כמעט געלאָפן. מיר איז דאָס געווען זייער שווער סיי צוליב דער אָפּשוואַכונג, סיי צוליב דעם וואָס פון מיינע שיך האָט מען בעתן רעווידירן צוגענומען (צוזאַמען מיטן פּאַסיק און קראַוואַט) די שיך־בענדלעך און די שיך האָבן זיך כסדר אַראָפּגערוקט פון מיינע פיס.

דעם אָפיציר איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל אַראָפּצוגיין פון טראָטואַר, צוגיין צו מיר און דראָען מיט זיין רעוואָלווער, און אַזוי־אַרום „צוהעלפן" מיר גיין שנעלער.

ענדלעך זיינען מיר צוגעקומען צום תפיסה־הויז, וואו ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק בין איך געשטאַנען אין דער רייע, נאָך אַלס פרייער מענטש, מיט די שפּייז־פּעקלעך פאַר וויקטאָר אַלטער.

דער אָפיציר, וואָס האָט מיך באַגלייט, האָט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פונם „דיזשורנעם" נאַטשאַלניק פון דער טורמע, און גלייכצייטיק אים עפּעס לאַנג אַריינגערוימט. איך האָב פון דעם בלויז געהערט, אַז מען זאָל מיך אַריינזעצן אין אַן איינצל־קאַמער און אַז איך זאָל נישט קאָנען זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט וויקטאָר אַלטערן.

מיין נייער נאַטשאַלניק האָט געהייסן מיך אַריינפירן אין דער קאַמער נומער 33 אויפן דריטן שטאָק.

דאָס איז געווען אַ זייער גרויסער צימער, באַשטימט פאַר אַ פּאָר צענדליק אַרעסטאַנטן. איך בין אָבער דאָרט געווען איינער אַליין.

אַלע שויבן אין די פענצטער זיינען געווען צעבראָכן און דער ווינט האָט אומגעשטערט דאָרט געהוליעט.

צום גליק האָב איך אין קאַמער געפונען עטלעכע זייער אַלטע שטרוי־זעק. דאָס שטרוי אין זיי איז שוין פּאַקטיש געווען צעריבן אויף פּראָשעק. ביי

יעדער באַוועגונג האָבן זיך פון די זעק געטראָגן גאַנצע טומאַנען שטויב, די שטרוי־זעק זיינען געווען זייער שמוציק און פול מיט פליי. און דאָך איז דאָס געווען אַ גליק זיי דאָ צו געפינען.

איך האָב פון די שטרוי־זעק זיך געמאַכט אַ „קעניגלעכן" געלעגער: איינעם גענומען אונטערן קאָפּ, איינעם אונטערגעלעגט אונטער די זייטן און מיט איינעם זיך צוגעדעקט.

איך האָב זיך נישט אויסגעטאָן. געבליבן אַפילו אין מאַנטל, אין היטל און אין די קאַלאָשן, און דאָך איז געווען שווער אויסצוהאַלטן פון דער קעלט, וועלכע האָט זיך אַריינגעפּרעסן אין די ביינער. דורך די פענצטער און שויבן האָט אַריינגערעגנט און אַריינגעשנייט.

ענדלעך האָב איך באַשלאָסן צו פירן אַ קאַמף פאַר אַריבערפירן מיך אין אַן אַנדער קאַמער, וואָס זאָל האָבן גאַנצע שויבן.

אויסער דער שרעקלעכער קעלט האָב איך געהאַט נאָך איין פאַרבאָהאַלטענע סיבה, כדי צו באַמיען זיך אַריבערגעפירט צו ווערן אין אַן אַנדער קאַמער: דאָס איז געווען אַ שטאַרקער ווילן צו זען זיך מיט אַלטערן.

איך האָב געוואוסט, אַז דער גאַנצער שטאָק, אויף וועלכן עס האָט זיך געפונען מיין קאַמער נומער 33, איז געווען לעדיק. משמעות, אין אַלע קאַמערן אויף דעם שטאָק זיינען די שויבן געווען צעבראָכן. אַלע אַרעסטאַנטן זיינען אַלזאָ געזעסן מיט אַ שטאָק נידעריקער, און דאָרט האָט זיך מסתמא אויך געפונען אַלטער.

איך האָב דעריבער דאָפּלט שטאַרק באַקלאָגט זיך אויף די צעבראָכענע שויבן. איך האָב געוואָרנט, אַז איך וועל קראַנק ווערן.

מיינע ביטעס האָבן אָבער נישט געהאַט קיין שום פּעולה, ביז איך בין ווירקלעך קראַנק געוואָרן, פאַרקילט זיך און באַקומען היץ. דאָס האָרץ האָט אויך אונטערגעהינקט, און נאָך אַ וויזיט פון דאָקטאָר האָט די טורמע־אַדמיניס־טראַציע מיך ענדלעך אַריבערגעטראָגן אויפן נידעריקערן שטאָק אין אַ קאַמער מיט גאַנצע שויבן.

מיין פּלאַן וועגן זען זיך מיט וויקטאָר אַלטערן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן.

ווען איך בין אַריבערגעפירט געוואָרן אין מיין נייער קאַמער און איך האָב געזען, אַז איר נומער איז 11, האָב איך באַלד געוואוסט, אַז נישט ווייט פון מיר איז די קאַמער, אין וועלכער עס זיצט אַלטער, ווייל זיין קאַמער איז געווען נומער 13.

פון וואַנען האָב איך געוואוסט דעם נומער פון זיין קאַמער?

זייענדיק אַלס קראַנקער אינם צימערל פון טורמע־דאָקטאָר האָב איך באַ־מערקט אויפן טיש אַ קליין צעטעלע מיט די נעמען פון קראַנקע אַרעסטאַנטן פאַרשריבענע אויף אַ וויזיט. לעבן די נעמען זיינען געווען ציפערן. לעבן מיין נאָמען — דער ציפער 11; אויף דער ליסטע איז אויך געווען אַלטערס נאָמען, מיטן ציפער 13.

איך האָב באַדויערט, וואָס אונזערע קאַמערן זיינען נישט שכנישע (אונז

האָט אָפּגעטיילט די קאַמער נומער 12), ווייל דעמאָלט וואָלט איך געקאָנט פּרובירן זיך פאַרשטענדיקן מיט אַלטערן דורך קלאַפּן אין דער וואַנט, לויט אַן אַלף־בית וואָס איז געווען באַקאַנט און אָפט גענוצט דורך אַרעסטאַנטן. איך האָב געוואוסט, אַז אַלטער קאָן גוט דעם דאָזיקן אַלף־בית און האָט אים אַליין אָפט באַנוצט, ווען ער איז געזעסן אין די צאַרישע טורמעס אין רוסלאַנד.

איין טאָג, ווען ביי מיין קאַמער איז געשטאַנען אַלס וועכטער אַ פּאָליאַק, וועלכער איז מיט אַ קורצער צייט צוריק אַליין געזעסן אין אַ פּוילישער תפיסה, אַלס קאָמוניסט, האָב איך צו אים אַפּעלירט:

— דו ווייסט דאָך וואָס עס הייסט זיצן אין טורמע און הונגערן! אַט ברענגסטו מיר יעדן פרימאָרגן דאָס הייסע מוטנע וואַסער, וואָס דאַרף פאַר־טרעטן טיי, אָבער קיין צוקער גיט מען דאָך נישט. מוז איך טרינקען ביטערן טיי. און אַט דאָ, אין דער זעלביקער טורמע, זיצט איינער אַלטער, מיינער אַ באַקאַנטער, וועלכן איך האָב ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק געשיקט אַ גוטע „פּערעדאַטשע" מיט עטלעכע פונט צוקער. זיי אַזוי גוט, זאָג דעם אַלטערן, אַז דר. פעליקס בעט צו געבן אים אַ פּאָר לעפל צוקער.

דער וועכטער האָט לאַנג נישט געוואָלט זיך אַנטשליסן אויף אַזאַ דיסצי־פּלין־ברוך. ענדלעך, אָבער, האָט ער מסכים געווען.

ער האָט אַנגעקלאַפּט אין אַלטערס קאַמער און איך האָב געהערט ווי ער האָט דורכן „יודאַש" (פענצטערל אין טיר) געזאָגט אַלטערן, אַז איינער מיטן נאָמען פעליקס בעט פון אים אַ פּאָר לעפל צוקער.

איידער, אָבער, אַלטער האָט געקאָנט עפּעס ענטפערן, האָט דער וועכטער האַסטיק צוגעקלאַפּט דעם „יודאַש" און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט דער וועכטער מיר געבראַכט אַ פּאָר לעפל צוקער און האָט צו מיר געזאָגט:

— איך האָב מורא. איך טאָר נישט טראָגן קיין שום זאַך פון איין קאַמער אין אַ צווייטער. דאָ האָב איך דיר געבראַכט אַ ביסל פון מיין אייגענעם צוקער.

איך האָב אים שטאַרק געדאַנקט. פּאַקטיש איז מיין ציל געווען דערגרייכט. ער האָט געלאָזט וויסן אַלטערן, אַז איך זיץ אין דער זעלבער טורמע וואָס ער.

איצט האָב איך געזוכט מיטלען ווי אַזוי זיך מיט אַלטערן צו זען.

אויך דאָס איז מיר געלונגען.

איך האָב ביי דער „פּאָוויערקע" דערקלערט, אַז איך דאַרף אָנשרייבן אַ זייער וויכטיקע ביטע צום פּראָקוראָר און צום „סליעדאָוואַטעל" (אויס־פאָרשונגס־ריכטער) און איך בעט דעריבער פּאַפּיר און אַ בלייפעדער.

עס איז מיר אויסגעקומען די דאָזיקע ביטע איבערחזרן פיל מאָל עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. ביי יעדער „פּאָוויערקע" האָב איך דערמאָנט, ביז ענדלעך האָט דער וועכטער געבראַכט די נויטיקע שרייב־מאַטעריאַלן.

איך האָב פון פריער געוואוסט, אַז מען וועט מיר נישט דערלויבן צו שרייבן אין קאַמער גופא; אַז מען וועט מיר נישט טרויען דעם פּאַפּיר און דעם בלייפעדער. די פאַראָרדענונג איז טאַקע געווען, אַז איך זאָל שרייבן אין

קאָרידאָר, וואו עס האָבן זיך אַרומגעדרייט די וועכטער און האָבן געקאָנט אַכטונג געבן אויף מיר.

איך בין לאַנג געזעסן אין קאָרידאָר און געשריבן זייער און זייער פּאַמעלעך. פאַר די וועכטער האָב איך זיך פאַרענטפערט, אַז איך קאָן כלומרשט זייער שוואַך רוסיש און בין נישט אימשטאַנד צו שרייבן גיכער; צווייטנס, איך שרייב דאָך אַ וויכטיקן דאָקומענט, צום סאַמע פּראָקוראָר, דאַרף מען דאָך גוט קלערן איידער מען באַשליסט וואָס צו שרייבן.

אין דער אמתן קען איך רוסיש גאַנץ גוט. און דאָס וואָס איך האָב אָנגעשריבן איז פאַקטיש געווען נישט מער ווי אַ שאַבלאָנע „זאַיאַוולעניע" (ביטע), אין וועלכער איך האָב מיט פיל ווערטער אויסגעדריקט מיין אומשולד און געבעטן, אַז מען זאָל מיך וואָס גיכער באַפרייען.

מיין איינפאַל מיטן לאַנגן זיצן אין קאָרידאָר איז געווען אַ געלונגענער. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מען אַלטערן אַרויסגעפירט פון זיין קאַמער און דעמאָלט האָבן מיר זיך געזען.

דורכגייענדיק האָט ער זיך פאַרהאַלטן לעבן מיר אויף אַ מאָמענט. ער האָט אויסגעזען זייער אויסגעדאַרט און פאַרעלטערט. דער קאָליר פון זיין פנים איז געווען קרענקלעך, ברוין־געל. דאָס זיינען געווען מסתמא סימנים פון זיין לעצטן הונגער־סטרייק.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו מיר. איך האָב אים געענטפערט מיט אַ שמייכל. דער וועכטער האָט אַלטערן באַלד אַ שטופּ געטאָן צוריק אין קאַמער אַריין.

מער האָב איך אים שוין קיינמאָל נישט געזען.

אָבער מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך געהערט זיין שטימע אויפן קאָרידאָר. צוזאַמען מיט אַ צווייטן אַרעסטאַנט האָט ער געשלעפּט, מיט גרויס אָנשטרענגונג, אַ שווערע האַנט־מאַשין צו פּוצן די פּאָדלאָגע.

זיי האָבן שוין די מאַשין אַ פּאָר צענדליק מאָל דורכגעשלעפּט אַהין און צוריק איבער דער גאַנצער לענג פון קאָרידאָר און איך האָב אין מיין קאַמער געהערט, אַז דער וועכטער האָט זיך אויף זיי נאָך אַלץ געבייזערט, אַז זיי אַרבעטן נישט גוט, אַז די פּאָדלאָגע איז נישט גענוג גלאַנצנדיק.

איך האָב געהערט דורך דער טיר ווי אַלטער האָט שאַרף געענטפערט, אַז בעסער קען ער נישט אַרבעטן; אַז ער, אַלס קראַנקער, איז בכלל דורכן דאָקטאָר באַפרייט געוואָרן פון אַלע פיזישע אַרבעטן.

דער צווייטער אַרעסטאַנט, איז לויט דער שטימע זיינער, געווען אַ פּראָסטער קריסט, און פון וועמעס ווערטער מ'האָט געקאָנט פאַרשטיין, אַז די תפיסה איז פאַר אים נישט געווען קיין נאָווינע. ער האָט אַזוי געטענהט צום וועכטער:

— יע, ס'איז אמת, אַז אין די פּוילישע צייטן האָט די פּאָדלאָגע אין קאָרידאָר טאַקע שענער געגלאַנצט ווי איצט. אָבער דעמאָלט האָט מען דאָך אונז, די אַרעסטאַנטן, געגעבן וואַקס, מיט וועלכן מיר האָבן געשמירט די פּאָדלאָגע. און ווי אַזוי ווילט איר, אַז די פּאָדלאָגע זאָל אָן וואַקס, בלויז פון דער „מאַשין" (באַרשט) האָבן דעם זעלבן „בליאַסק"?

אַלס ענטפער זיינען מצד דעם וועכטער געקומען עטלעכע זידל־ווערטער.

באַלד דערויף האָט מען אַלטערן געהייסן רייניקן מיט אַ שמאַטע די שוועלן ביי אַלע טירן. ווען ער איז צוגעקומען צו מיין טיר, בין איך פון דער אַנדערער זייט טיר אויך צוגעקומען זייער נאָענט און מיר האָבן באַוויזן אויסצוטוישן, שעפּטשענדיק, עטלעכע ווערטער פון באַגריסונגען און דערמונטערונג.

איך מוז באַמערקן, אַז די באַדינגונגען אין דער קאָוולער טורמע אין יענער איבערגאַנגס־צייט, ד. ה. אין די ערשטע מאָנאַטן נאָכן פאַרנעמען די פּוילישע מזרח־קרייזן דורך דער רויטער אַרמיי, זיינען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ דורכשניטלעכער סאָוויעטישער תפיסה. דער רעזשים איז דאָרט אין יענער צייט געווען אַ סך אַ מילדערער אין פאַרגלייך מיט אַנדערע סאָוויעטישע טורמעס.

מיין לעצטער געשפּרעך מיט וויקטאָר אַלטער

דעם 29טן נאָוועמבער, 1941, האָב איך זיך געפונען אין ט אַ ש ק ע נ ט, די הויפּט־שטאָט פון דער אוזבעקישער סאָוויעטישער רעפּובליק.

אויף דער באַן־סטאַנציע פון דער דאָזיקער אַזיאַטישער שטאָט איז מיר געלונגען אַראָפּצושפּרינגען פון אַ צוג, וועלכער איז פול געווען מיט הונדערטער אַזעלכע ווי איך „בראָדיאַגעס״, געוועזענע שקלאַפן פון די סאָוויעטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

פאָרמעל זיינען מיר שוין געווען „באַפרייטע״, אָבער פאַקטיש זיינען מיר נאָך אַלץ געווען אונטערגעוואָרפן פאַרשידענע פּאָליציייאישע באַפעלן און אַ שטרענגן קאָנטראָל. אָט האָט מען אונז מיט עטלעכע טעג פריער געהאַט אַרויסגענומען פון די קאָלכאָזן, וואו מיר האָבן געאַרבעט, אַריינגעזעצט אין באַןוואַגאָנעס און ווידער אַמאָל געפירט אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג אויף אַן אומבאַקאַנטן גורל...

געטריבן דורך הונגער און מורא, האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט פון צוג. שוין איבער צוויי יאָר ווי איך האָב זיך געמוזט פּאַסיוו אונטערגעבן דעם דיקטאַט פון מיין שלעכטן מזל, קעגן וועלכן איך בין געווען פולשטענדיק הילפלאָז. איצט האָט זיך ענדלעך געמאַכט אַ געלעגנהייט, אַז איך זאָל קאָנען פּרואוון זיך אַנטקעגנצושטעלן, קעמפן, פּרואוון אַנטלויפן פון דעם פאַרכישופטן קרייז פון אומגליקן, וואָס האָבן מיך פאַרפאָלגט אָן אויפהער זייט דעם אָנהויב פון קריג.

דורך פרעמדע גאַסן בין איך געגאַנגען אין שטאָט אַריין.

איך האָב נישט געוואוסט וואָס איך זאָל טאָן. איך האָב נישט קיין אָנונג געהאַט וואוהין איך זאָל גיין. די דאָזיקע פרעמדע, גרויסע שטאָט, פּונקט ווי די גאַנצע וועלט, זיינען דאָך פאַר מיר פּוסט און ליידיק. נישטאָ דאָרט קיין איינציקע קרובשע, פריינדלעכע נשמה, וואָס זאָל אויסציען אַ האַנט מיט הילף.

יאָ, איך ווייס, אַז ערגעץ ווייט, אין פוילן, אין בעלגיע, אין אַמעריקע דאַרף איך יאָ האָבן קרובים, פריינט. איך האָב אַ שמייכל געטאָן. דאָס זיינען דאָך נאָר נעמען, פוסטע קלאַנגען. פאַר קיין שום פּרייז וואָלט איך דאָך איצט נישט געקאָנט זיך פאַרבינדן מיט די דאָזיקע ווייטע לענדער. איך האָב אַפילו נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו דערוויסן זיך, צי די נאָענטסטע — מיינע עלטערן, מיין פרוי, מיין טעכטערל — צי זיי אַלע לעבן נאָך.

אויך דאָ, אין דעם דאָזיקן קאַלאָסאַלן לאַנד פון די סאָוויעטן, דאַרף דאָך אויך זיין איינער פון מיינע טייערסטע מענטשן אויף דער וועלט — מיין ברודער וויקטאָר אַלטער. ער האָט דאָ, אין סאָוויעט־רוסלאַנד, זיכער דורכגע־לעבט פיל מער ווי איך. האָט מען אויך אים איצט באַפרייט, אַזוי ווי מיך? לעבט ער? וואו זוכט מען אים?

אַ געפיל פון אומרו האָט באַהערשט אַלע מיינע געדאַנקען. איך בין געווען הונגעריק, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, כמעט אָן אַ גראָשן געלט ביי דער נשמה און אָן וועלכע־ניט־איז פּערזענלעכע דאָקומענטן. דעם איינציקן וויכטיקן דאָקומענט, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, די צייגעניש פון באַפרייאונג פון לאַגער, די „א ו ד אָ־ס ט אָ ו ו ע ר ע נ י ע", האָט מען ביי מיר נאָר־וואָס געהאַט צוגעגנבעט.

איך בין געגאַנגען מיט אַ שווערן טראָט. מיינע געשוואָלענע פיס האָבן מיך געפייניקט. ווייסע לייז האָבן אַרומגעשפּאַצירט אויפן קאָלנער פון מיין טונקל־בלויער וואַטאָווער „פופאַיקע".

איך האָב זיך צוגעשלעפּט צום צענטער פון דער שטאָט. לאַנגע רייען מיט מענטשן האָבן מיר אָנגעוויזן אויף די פּלעצער וואו מען קאָן קריגן עפּעס צו עסן. אינסטינקטיוו האָב איך זיך געשטעלט ביים עק פון איינער פון די רייען. באַלד בין איך אַריינגעפּרעסט געוואָרן אין אַ געדיכטן מענטשן־קנויל און נאָך עטלעכע שטונדן וואַרטן בין איך ענדלעך צוגעקומען צו דער אַריינגאַנגס־טיר, פון וואַנען עס האָט געשלאָגן אַ וואַרעמער ריח פון געקעכטס. כמעט מיט די לעצטע רובלס האָב איך באַצאָלט פאַר אַ טעלער וואַסערדיקער קרויט־זופּ („שטשי"), וואָס איך האָב שנעל און גיריק אויפגעגעסן. איך האָב דערפילט אַן אַנטשפּאַנונג; אויף אַ ווייל האָב איך אַפילו זיך געפילט גוט.

אָבער די ווינטער־נאַכט איז שנעל געקומען. די גאַסן זיינען געוואָרן ליידיק און איך האָב נאָך אַלץ נישט געוואוסט וואו איך זאָל גיין זוכן אַן אָרט צום איבערנעכטיקן. טאַשקענט איז אין יענער צייט געווען איבערפולט מיט טויזנטער קריג־פּליכטלינגע פון טיילן פון רוסלאַנד, וואָס די דייטשן האָבן געהאַט פאַרנומען, ווי אויך מיט פילע טויזנטער פּוילישע בירגער, וועלכע זיינען נאָר־וואָס באַפרייט געוואָרן פון די טורמעס, לאַגערן און דעפּאָרטירונגס־פּלע־צער. די שטאָט האָט נישט געקאָנט אַריינצונעמען אין זיך אַזעלכע גרויסע מאַסן. די שטענדיקע איינוואוינער פון טאַשקענט האָבן מיט כעס פאַרשלאָסן זייערע היימען פאַר אונז „בראָדיאַגעס", וואָס האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט שמוץ, קראַנק־הייטן, נויט און פאַרברעכן.

איך האָב זיך צוריקגעקערט צו דער באַן־סטאַנציע. די גאַנצע געביידע איז

געוועזן איבערגעפּילט איבער די ברעגעס מיט היימלאָזע און אומגליקלעכע מענטשן. פון דעם ספּעציעלן „צימער פאַר מוטערס און קינדער" האָט זיך געטראָגן אַ יאָמערלעכער געוויין פון די עופעלעך און כוואַליעס פון שטיקנדער לופט. צווישן די ענג־צונויפגעפּרעסטע קערפּערס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף די פּאָדלאָגעס (פּלאָרס), האָב איך פּשוט נישט געקאָנט געפינען קיין שטיקל פּלאַץ פאַר זיך און פאַר מיין זעקל.

איך בין ווידער אַרויס אין דרויסן אין דעם קליינעם גערטנדל, וואָס האָט זיך געפונען לעבן דער סטאַנציע, אויך דאָ, צווישן די בוימער, אויף היל־צערנע קופערטלעך, אָדער פּשוט אויף דער ערד זיינען געלעגן אויסגעשפּרייט טויזנטער שלאָפנדע מענטשן. עפּעס פינצטערע געשפּענסטער האָבן זיך אַרומ־געדרייט צווישן עולם. איך האָב געזען זייערע שנעלע, פאַרדעכטיקע באַוועגונגען. איך האָב געהערט הילף־געשרייען, זיפצן, אַמפּערנישן. נישט אומזיסט האָט דאָס גערטנדל ביים טאַשקענטער וואָקזאַל געהאַט אַזאַ שלעכטן שם, און איז געוועזן באַטראַכט ווי אַן אָרט פון פאַרברעכן, וואו באַנדעס פון גנבים, שווינדלערס און באַנדיטן האָבן פראַנק און פריי פּראַקטיצירט זייערע פּראָפעסיעס און געפונען אומבאַהאָלפענע קרבנות צווישן די פּליכטלינגע.

מיט שרעק בין איך אַרויס פון גערטנדל און ווידער זיך פאַרקירעוועט צו דער אַלטער שטאָט. איך האָב זיך לאַנג אַרומגעשלעפּט, געוואָרן דורכגע־נעצט, געציטערט פון קעלט. ענדלעך, אין אַ זייטן־געסל, האָב איך דערזען די ליכט פון אַ „טשיי־כאַנע", אַן אָריענטאַלישן „טי־רום" און איך בין דאָרט אַריין.

ביי דער טיר איז געזעסן אַן אַלטער אוזבעק אין טראַדיציאָנעלן פאָלקס־טראַכט און האָט געגומען ביי די געסט דעם אַריינגאַנגס־אָפּצאָל. אין אַ גרויסן סאַמאָוואַר האָט געקרעכצט דאָס זודיקע וואַסער. דער אוזבעק האָט אַריינגעגאָסן דאָס קאָכנדיקע וואַסער אין טעפּלעך, וואו ער האָט פריער אַריינגעשאָטן עטלעכע בלעטלעך פון אַ מין גרינעם טיי. אַ גרויסער עולם אוזבעקן איז געזעסן מיט איינגעקאָרטשעטע אונטער זיך פיס אויף דעם טונקל־רויטן, אויסגעריבענעם טעפּיך, וואָס האָט באַדעקט די גאַנצע פּאָדלאָגע (פּלאָר). זיי האָבן געפירט צווישן זיך לאַנגע געשפּרעכן אין זייער אָריענטאַלישער שפּראַך, וואָס האָט מאָמענטנווייז געקלונגען ווי דאָס גורגלען פון טויבן. זיי האָבן געטרונקען דעם בלאַסן, ביטערן טיי, האָבן צוגעביסן מיט געטריקנטע פּרוכטן און האָבן געצויגן וואָלקנס פון רויך דורך די לאַנגע ציבוקעס. דאָס וואַסער אין די „נאַרגילעס" האָט ריטמיש געברומט.

אין דער טיף פונם גרויסן צימער, דורך דעם געדיכטן רויך, האָב איך דערזען גוט־באַקאַנטע געשטאַלטן: עטלעכע באַפרייטע אַרעסטאַנטן, אַזעלכע ווי איך. איך האָב זיך צוגעשאַרט צו דער דאָזיקער גרופּע, און איך האָב זיך דערפילט אַ ביסל היימלעכער. איך האָב אָנגעשפּאַרט מיין קאָפּ אויף מיין פּעקל און שטערבלעך מיד האָב איך איינגעדרימלט מיט האַלב־אָפענע אויגן. דאָס שוואַכע ליכט פון די רויטע לאַמטערנעס און די קאָלירפולע געשטאַלטן פון די אָריענטאַלישע מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו טאַנצן פאַר מיינע אויגן.

פּלוצלונג האָב איך לעבן זיך דערהערט עטלעכע יידישע ווערטער. דאָס איז געווען אַ שכן, וואָס איז געלעגן לעבן מיר און האָט זיך צו מיר אָפּגערופן. ער האָט אויך אין מיר דערקענט אַ „קאָלעגע", אַ געוועזענעם „לאַגערניק" (אַרעסטאַנט). דער דאָזיקער יידישער בחור האָט געשטאַמט פון וואַרשע און ער האָט מיר דערציילט אַז ער וואַלגערט זיך שוין אַרום אין טאַשקענט איבער אַ וואָך צייט. עס איז אויסגעשלאָסן פאַר אונזעריקן אַ מענטשן צו געפינען אַ שטיקל קוואַרטיר אין שטאָט, אַפילו נישט דאָס אַרעמסטע ווינקל אויף איבערצונעכטיקן. דאָס איינציקע אָרט, וואו מען קאָן געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ — דאָס זיינען נאָר די „טשאַי־כאַנעס", וואו מען ליגט אויף די ברודיקע שמאַטעס (טעפּיכער!) און וואו עס ווימלט מיט לייז. עס איז געפערלעך: אין טאַשקענט, פּונקט אַזוי ווי אין אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון סאָוויעטישן מיטל־אַזיע, האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן, און אין דער ערשטער רייע — אַן עפּידעמיע פון טיפוס.

מיין צופעליקער באַקאַנטער האָט מיך אָבער אויך געוואָרנט פאַר נאָך אַ גרעסערער געפאַר: אין מיטן דער נאַכט קומט די מיליץ (פּאָליציי) דורכפירן קאָנטראָלן אין אַלע „טשאַי־כאַנעס". זיי זוכן פאַרדעכטיקע מענטשן, זיי קאָנטראָלירן די פּערזענלעכע דאָקומענטן. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין דאָקומענטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך וועל דאָך זיכער נישט קאָנען ווי געהעריק זיך פאַרענטפערן פאַר דער טאַשקענטער פּאָליציי, אַז איך וועל זיך נישט קאָנען אויספּלאָנטערן פון דער נעץ פון אומצוטרוי און חשדים. איבערגעשראָקן האָב איך זיך שנעל אַרויסגעשלייכט פון דער „טשאַי־כאַנע" און בין ווידער אַרויס אין די גאַסן אינם תהום פון דער שוואַרצער נאַכט.

דעם נעקסטן פרימאָרגן האָב איך זיך רעגיסטרירט אין דעם לאָקאַלן „אָפּיס" פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע, וועלכער האָט געדאַרפט זאָרגן וועגן הילף פאַר פּוילישע בירגער. דער „האָטעל נאַציאָנאַל", וואו עס האָט זיך געפונען דער „אָפּיס", איז געווען באַלאַגערט פון טויזנטער פאַרצווייפלטע מענטשן, הויפּטזעכלעך יידן. נאָך פיל שטונדן וואַרטן, האָב איך זיך צוגעשטופּט צום טישל פון באַאַמטן, פון וועלכן איך האָב באַקומען, אַזוי ווי אַלע, אַ נישטיקע געלט־שטיצע און אַ הילפלאָזע אויפקלערונג, אַז מער זיינען זיי נישט אימשטאַנד דערווייל צו העלפן: זיי האָבן נישט קיין פאָנדן אויף קיין ממשותדיקער הילף און האָבן אויך נישט קיין רעכט אַרויסצוגעבן קיין שום פּערזענלעכע דאָקומענטן.

די לאַגע איז געווען קאַטאַסטראָפאַל. מיר זיינען באַפרייט געוואָרן פון די טורמעס און לאַגערן אין דער צייט פון דעם זיגרייכן מאַרש פון די דייטשע אַרמייען אין דער טיף פון דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. טויזנטער קילאָמעטערס פון אונז, ערגעץ אונטער מאָסקווע און לענינגראַד, זיינען אָנגעגאַנגען שווערע קאַמפן, און דער שרעקלעכער אוראַגאַן פון דער געשיכטע האָט צע־

בראָכן און געיאָגט פון אָרט צו אָרט הונדערטער טויזנטער אומגליקלעכע מענטשן.

פול מיט טרויעריקע געדאַנקען בין איך געשטאַנען אין גרויסן המון, ביים אַריינגאַנג צום „האָטעל נאַציאָנאַל". פּלוצלונג האָב איך דערהערט, אַז עמעצער האָט הויך אויסגערופן מיין נאָמען. און אַ מינוט שפּעטער — אינגאַנצן פאַר מיר אומדערוואַרט — האָב איך זיך געפונען צווישן פריינט, צווישן נאָענטע חברים פון אַמאָל. איך האָב זיך אַליין נישט געקאָנט גלויבן אַזאַ גליק! דורך טרערן האָב איך געזען זייערע געענדערטע בלאַסע פּנימער, זייערע פאַרמלאָזע פיגורן אָנגעטאָן אין צעקנייטשטע, שמוציקע שמאַטעס, וואָס זיינען געווען דעמאָלט אונזער אָנטועכץ. מיר האָבן זיך האַרציק אַרומגענומען, געהאַלזט.

אויך זיי זיינען אַדורך דעם גהינום פון טורמעס און לאַגערן. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק פאַרוואָרפן מיט פראַגן. איין פראַגע האָט ספּעציעל געברענט אויף מיינע ליפּן, איך האָב אָבער מורא געהאַט זי צו שטעלן, און מיט אַמאָל האָב איך מיט דערלייכטערונג דערהערט:

— צי ווייסטו, אַז דיין ברודער געפינט זיך אין קויבישעוו?

אָנגעשטרענגט און געשפּאַנט ביז גאָר, האָב איך אויסגעהערט אַלץ וואָס איינער פון מיינע פריינט האָט מיר געקאָנט דערציילן וועגן מיין ברודער וויקטאָר. איך האָב זיך ערשט איצט דערוואוסט, אַז וויקטאָר, צוזאַמען מיט הענריק ערליכן, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, אַז זייער אורטייל איז שפּעטער פאַר־ביטן געוואָרן אויף 10־יאָריקער טורמע און אַז נאָך דער אַמנעסטיע, וועלכע האָט באַפרייט די פּוילישע בירגער, זיינען אויך זיי באַפרייט געוואָרן. דער קאָמיסאַר פאַר אינערן ענינים (נ.ק.וו.ד.) — ב ע ר י אַ, האָט זיך בכבודו ובעצמו אַפילו אָנטשולדיקט פאַר זיי, פאַר די אַלע „נישט אָנגענעמע" זאַכן, וועלכע זיי האָבן אַדורכגעלעבט אין די טורמעס און האָט זיי אויפגעפאָדערט מיטצואַרבעטן אין דעם שטערבלעכן געראַנגל, וואָס רוסלאַנד האָט געפירט מיט די היטלעריס־טישע חיילות.

דערהערנדיק די אַלע וואונדערבאַרע ידיעות וועגן מיין ברודער, בין איך באַלד אַוועקגעלאָפן צו דער טעלעפאָן־סטאַנציע. מען האָט מיר דאָרט געזאָגט, אַז אַזעלכע וויטע טעלעפאָן־רופן, ווי פון טאַשקענט קיין קויבישעוו, קענען דורך פּריוואַטע פּערזאָנען נישט געמאַכט ווערן בייטאָג; עס איז דאָך מלחמה און די טעלעפאָן־ליניעס זיינען איבערגעלאָדן, אָבער שפּעט ביינאַכט קאָן איך יאָ באַ־שטעלן אַ טעלעפאָן־געשפּרעך קיין קויבישעוו, און דערצו נאָך צו אַ ביליגערן נאַכט־טאַריף.

דער אָפּצאָל איז, נאַטירלעך, געווען אַ וויכטיקע פראַגע פאַר מיר, ווייל איך האָב דאָך געהאַט זייער ווייניק געלט. איך האָב פאַרקויפט מיין גאָלדענעם חתונה־רינגל, וואָס איך האָב טאַקע געהאַלטן פאַר אַזאַ נויט־מאָמענט, און ביי־נאַכט בין איך צוריקגעקומען צום טעלעפאָן־אַפּיס.

איך האָב שוין דעם טאָג נישט געהאַט קיין זאָרג וועגן אַן אָרט צום שלאָפן.

איך בין געזעסן אויף דער שמאָלער באַנק פונם טעלעפאָן־אָפיס און איך האָב געוואַרט אויף אַ פאַרבינדונג מיט קויבישעוו ביז 4 פאַרטאָג. איך האָב גע־דרימלט אינם וואַרעמען צימער און איך האָב זיך געפילט באמת גליקלעך וואַרטנ־דיק אויפן געשפרעך.

איך געדענק נישט וויקטאָרס ערשטע ווערטער און איך געדענק נישט מיינע ערשטע ענטפערס. איך האָב דערהערט די שטימע פון מיין ברודער און יאָרן פון איינזאַמקייט, פון ליידן און פון פאַרשקלאַפונג זיינען ווי פאַר־שוואונדן. ווי גליקלעך האָבן מיר זיך געפילט צוריק זיך צו געפינען! וויקטאָר האָט מיך אויך אַרומגעזוכט און האָט אויך נישט געהאַט קיין באַגריף, צי איך לעב, צי האָב איך דורכגעהאַלטן דאָס סאָוויעטישע טורמע־לעבן.

ער האָט מיר קורץ דערציילט וועגן פאַמיליע־ענינים. ער האָט געהאַט ידיעות, דורך אַ טעלעגראַמע פון אונזער שוועסטער אין אַמעריקע. די ידיעות זיינען געווען גוטע: אַלע לעבן. ער האָט מיר דערציילט וועגן זיך אַליין. עס איז נישט געווען צו געפינען קיין סימן פון ביטערניש אין זיינע ווערטער ווען ער האָט דערמאָנט זיינע איבערלעבונגען. אין טורמע האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך וועגן פיזיק, אַ ריין־טעאָרעטיש בוך. ער איז שטענדיק געווען ליידנשאַפטלעך פאַראינטערעסירט אין פּראָבלעמען פון פיזיק. ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין איצטיקער אַרבעט. אַזוי ווי אַמאָל איז ער פול געווען מיט ענערגיע, איניציאַ־טיוו און אַפילו לעבנסלוסט, ער איז געווען פול מיט האָפענונג, מיט אָפּטימיזם.

צום סוף האָט ער מיך געבעטן צו בלייבן אין אַ טעלעפאָנישן קאָנטאַקט מיט אים במשך פון די נאָענטסטע עטלעכע נעכט.

אַ גליקלעכער בין איך אַרויס פון דער טעלעפאָן־סטאַנציע.

די צווייטע נאַכט האָב איך ווידער געהאַט אַ געשפרעך מיט וויקטאָרן. איך האָב אויך געהאַט אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט העינריק עָרליכן פאַר אַ וויילע. מיר האָבן זיך הארציק באַגריסט. חבר העינריק האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ידיעות פון זיין פאַמיליע, זיי זיינען בשלום אָנגעקומען פון ווילנע קיין אַמעריקע.

אויך די דריטע נאַכט בין איך געקומען צו דער טעלעפאָן־סטאַנציע אויף פּושקינסקאַיאַ גאַס. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו דרימלען דאָרט, וואַרטנדיק אויף די פריידיקע מינוטן פונם טעלעפאָן־געשפרעך.

דאָס מאָל האָט מיר וויקטאָר געזאָגט, אַז געלט איז שוין פאַר אונז אַלע אַרויסגעשיקט געוואָרן און אַז זיינע באַמיאונגען וועגן אַריבערנעמען מיך קיין קויבישעוו (נישט קיין לייכטע זאַך אין רוסלאַנד!) זיינען אויף אַ גוטן וועג. דעם ענדגילטיקן ענטפער וועל איך שוין האָבן די נאָענטסטע נאַכט, ווען איך דאַרף ווידער טעלעפאָנירן.

די נאָענטסטע נאַכט, די נאַכט צווישן דעם דריטן און 4טן דעצעמבער, איז מיר געבליבן טיף איינגעקריצט אין זכרון. מען האָט מיר געענטפערט, אַז וויקטאָר איז נישטאָ אין זיין האָטעל־צימער. דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אומגלויבלעך. עס איז דאָך געווען 4 אַזייגער פאַרטאָג. איך האָב דעמאָלט גע־

ה. ערליך און פאַמיליע צוזאַמען מיט אַרקאַדי קרעמער, וו. קאָסאָווסקי, אַנאַ ראָזענטאַל, ל. פּאָזנאַנסקי און אַנדערע בונדיסטן אין דרוסקעניק.

ה. ערליך מיט זיין פרוי און צוויי זין ביי זיין שווער פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו.

ה. ערליך און ש. מענדעלסאָן אין טשערנאָוויץ, מאַי 1929, בעת אַ פייערונג פון „בונד" אין רומעניע, צוזאַמען מיט די פירער פון רומעניש „בונד" און פון דער קולטור-אָרגאַניזאַציע „מאָרגנרויט".

בעטן צורופן העניקן. ער איז אויך נישטאָ — האָט מען מיר געענטפערט. ח' לוציאַן בליט וואָס איז געשלאָפן אין זעלבן האָטעל־צימער, וואָס וויקטאָר און העניק, איז געווען ביים טעלעפאָן.

— ווי איז דאָס מעגלעך? — האָב איך זיך געוואונדערט. — וויקטאָר האָט דאָך מיר אַליין געהייסן טעלעפאָנירן, און וואו קאָן ער זיין אַזוי שפּעט ביינאַכט? אפשר איז ער אויף אַ וויכטיקער קאָנפערענץ?

— ניין, — האָט לוציאַן קורץ געענטפערט.

— זיינען זיי אפשר אַרויסגעפאָרן?

— ניין.

— ווען קומען זיי צוריק?

— איך ווייס נישט.

נאָך במשך פון צוויי נעכט האָב איך נאָכאַנאַנד גערופן דורכן טעלעפאָן קויבישעוו און די ענטפערס זיינען געווען די זעלבע, קורצע, דערשראָקענע, טרוקענע, אומפאַרשטענדלעכע.

אַ געוויסן טאָג, אפשר אַ וואָך אָדער צוויי נאָך מיין לעצטן שמועס מיט וויקטאָרן, האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט מיינע חברים. מיר האָבן זיך באַראַטן, צי זאָל איך ווייטער פּרובירן רופן וויקטאָרן אָדער זאָלן מיר נאָך וואַרטן?

פּלוצלונג איז צוגעקומען נאָך אַ חבר. מיר האָבן אַלע באַלד באַמערקט ווי בלאַס ער איז געווען. ער האָט זיך שווייגנדיק מיט טרערן אין די אויגן דערנעענטערט צו אונז. מיט שרעק האָבן מיר געקוקט אויף אים.

— איך האָב זיך נאָר־וואָס דערוואוסט פון אַ זיכערער קוועלע... — האָט ער שטיל געזאָגט — איר האָט מער נישט וואָס צו טעלעפאָנירן... וויקטאָר און העניק זיינען צוריק אַרעסטירט געוואָרן דורך דער נ.ק.וו.ד.

די שטימע פון דעם חבר איז צו מיין באַוואוסטזיין דערגאַנגען ווי פון דער־ווייטנס. עס האָט גענומען אַ גוטע ווילע ביז איך האָב פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון זיינע ווערטער....

קסאַווערי פּרושינסקי

צוויי מענטשן

קסאַווערי פּרושינסקי, באַרימטער פּוילישער שריפטשטעלער, פון קאָנסערוואַטיוון נעאָ־קאַטוילישן לאַגער, באַשרייבט זיינע איינדרוקן פון דער ערשטער באַגעגעניש מיט ערליכן און אַלטערן אין מאָסקווע, גלייך נאָך זייער באַפרייאונג. ער גיט אַ גלענצנדיקע טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון זיי ביידן ווי פּערזענלעכקייטן און ווי סאָציאַליסטישע פירער פון „בונד". מיר ברענגען דאָ עטלעכע פראַגמענטן.

דאָס איז געווען אין ערשטן צענדליק פון סעפּטעמבער 1941, אין מאָסקווע. איך בין געזעסן מיט וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקין אין רעסטאָראַן פון האָטעל „מעטראָפּאָל"...

— ... מיר האָבן נאָר וואָס אָנגעהויבן עסן אונזער מיטאָג, ווי אין זאַל האָבן זיך באַוויזן צוויי פּערזאָנען. זיי זיינען, קענטיק, נישט געווען קיין רוסן, האָבן אויך נישט אויסגעזען ווי אויסלענדער. אויפן ערשטן בליק האָבן זיי אויסגעזען ווי יענער ספּעציפישער טיפּ רוסישער מענטש, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פון טורמע.

בראָניעווסקי האָט זיך גוט איינגעקוקט אין זיי און דערקענט. דאָס זיינען געווען: הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. איך האָב געוואוסט, אַז ביידע פירער פון „בונד" זיינען היינט טאָקע היינט באַפרייט געוואָרן פון טורמע, זיינען געווען ביי אונז (אין דער אַמבאַסאַדע), זיך געזען מיטן אַמבאַסאַדאָר. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז בראָניעווסקי איז אַ געוויסע צייט געזעסן מיט זיי ביידן אין לוביאַנקער טורמע, ער האָט דערציילט וועגן זיי פאַרשיידענע זאַכן, וואָס — האָב איך אין יענעם מאָמענט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען. דער אויסזען פון זיי ביידע האָט געוועדט אַ סך פאַר זיך. זיי זיינען געווען עפּעס גאָר אַנדערע...

... פאַר די צוויי יאָר טורמע האָבן זיי נישט פאַרלוירן זייער גלייכגעוויכט. געוויס האָבן זיי פאַרלוירן זייער געזונט, געמוזט ווערן אַ סך עלטער, אָבער זייער פּסיכיק איז געבליבן לחלוטין נישט באַרירט, ווי צווישן איר און זייערע קערפּערס וואָלט נישט עקזיסטירט קיין שום פאַרבינדונג... כ'האָב באַלד געקאָנט מיינען, אַז זיי זיינען בכלל נישט געזעסן אין טורמע. מער נישט די קליידער זייערע — גאַנץ נייע און גאַנץ געמיינע — האָבן געוויזן, אַז מ'האָט

זייביידע טאָקע היינט אָנגעטאָן, אויסגעבאָדן, געגעבן אָפּעסן אַ גוטן פרישטיק און — אַרויסגעלאָזן פון די מויערן פון לוביאַנקע...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב זיך שוין לאַנג צוגעוואוינט דערצו, אַז די לינקע פּירער זיינען אַ סך מער אינטעליגענט, מער אינטעלעקטואַליסטיש, ווי די דורכשניטלעכע רעכטע פירער. אָבער די דאָזיקע פירער פון „בונד", פון די שניידער פון פּראַנציסקאַנער, פון די כאַלופּניקעס פון באַלוט, פון מוראַנאָוו, האָבן בכלל נישט אויסגעזען ווי אַזעלכע וואָס לויט מיינע פשוטע השגות האָבן זיי באַדאַרפט צו זיין. אין זייערע ווערטער און באַוועגונגען איז געווען עפּעס פון דעם, וואָס ס'איז אָנגענומען צו רופן „גוטע מאַניערן". זייער זעלבסט־זיכערקייט איז געווען אַ רואיקע, ווייט פון אַגרעסיווקייט. אין געשפּרעך געווען אויפמערקזאַם, ערנסט, פריינטלעך, נישט אַרויספאָדערנדיק; געמאַכט דעם איינדרוק פון מענטשן, וואָס שטייען עפּעס אויסער און איבער זיך אַליין, — וואָס שאַצן־אָפּ אי זיך גופא אי אַלץ אַרום פון עפּעס אַ מין ווייטער פּערספּעקטיוו... גאַנץ מעגלעך, אַז אויך דאָרטן, אין טורמע, במשך פון די וואָכן, וואָס זיי האָבן פאַרבראַכט אין טויטן־קאַמער, האָבן זיי אויך אַזוי געקוקט אויף אַלץ, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען נישט זייער אייגענער גורל, נאָר אַ פרעמדער און פּונקט ווי דאָס, וואָס איז געשען מיט זיי איז בכלל נישט געווען דאָס וויכטיקסטע...

דאָך זיינען זיי ביידע נישט געווען ענלעך איינער צום צווייטן.

וויקטאָר אַלטער איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט. גיכער אַ מענטש פון קאַמף, איידער פון רעפלעקסן, דיסקוסיעס, — פון באַוועגונג איידער מחשבה. אַפילו זיין זכרון איז נישט געשעדיקט געוואָרן אין טורמע — ווי דאָס איז געשען, צום באַדויערן, אין אַ סך אַנדערע פאַלן — ער האָט געדענקט אַרטיקלען, ביכער, מיינונגען, אַרויסגעזאָגטע וועגן דער אָדער יענער פּראָבלעם, דורך דער אָדער אַנדער פּערזענלעכקייט, נאָך פון פאַר דער מלחמה. אַלטער האָט שוין ביים עסן די זופּ פּאָלעמיזירט, זיך געהיצט, אויפגעוויזן, אַרגומענטירט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַלטער האָט פאַרמאָגט בילדונג פון אַן אינזשינער־כעמיקער. אין טורמע האָט ער אָנגעשריבן אַן אַרבעט פון דעם געביט. זיין איצטיקע פרייד האָט פאַרמאָגט אין זיך עפּעס פון דעם, וואָס אַ דערפינדער פילט ווען זיינע עקספּערימענטן זיינען געלונגען. ער האָט זיך געפרייט נישט אַזוי מיט זיין אייגענער פרייהייט ווי דערמיט, וואָס דער גאַנג פון די געשעענישן איז אַוועק אַזוי ווי דער „בונד", ווי ער האָט פאָרויסגעזאָגט — דער סאָוויעטיש־היטלערישער קריג אאז"וו.

ערליך איז געווען גאָר אַן אַנדער טיפּ מענטש.

ער איז געווען געמעסיק, געלאַסן. מ'האָט כמעט געקאָנט זאָגן, אַז זיין אָנוועזנהייט צוימט, קילט־אָפּ אַלטערן. געווען עלטער, אַ סך עלטער — יעדנפאַלס אַזוי האָט זיך געקאָנט דוכטן — פון זיין חבר. געווען זייער איינגעהאַלטן,

פּאָרטראַכט און אויך זייער שטאַרק אומעטיק. אויב פון אַלטערן האָט מען געקאָנט האָבן דעם איינדרוק, אַז נאָך נעכטן אין טורמע און צווי וואָכן צוריק אין טויטן־קאַמער איז ער געווען פּונקט אַזוי רירעוודיק, קעמפעריש ווי איצט, — האָט מען וועגן ערליכן געקאָנט האָבן די איבערצייגונג, אַז די אַמנעסטיע און די פרייהייט האָבן אים גאָרנישט באַפרידיקט. אויך ביי אים איז אַלץ, וואָס איז געווען נוגע זיין פּערזאָן גופא — געפלאָסן עפּעס פאַרביי אים, אין אַ זייט. דאָס איז נישט געווען דאָס וויכטיקסטע. וויכטיק זיינען געווען אַנדערע פּראָבלעמען. זייער פרייהייט, פּונקט ווי זייער טורמע, איז געווען בלויז אַ ברוכטייל פון יענע פּראָבלעמען.

. . . מענטשן, וואָס גייען אַרויס אויף דער פריי ווערן תיכף פאַרבלענדט פון דער זון־שיין. זיי דוכט זיך אויס, אַז די וועלט איז געוואָרן עפּעס אַנדערש ווי אַמאָל, אַז זי איז באַוואוינט פון מלאכים און אָנגעפּירט פון חכמים. די דער־וואַכונג איז דעריבער אַ סך פיינלעכער. די ביידע מענטשן זיינען זיכער געווען די איינציקע, וואָס איך האָב באַגעגנט, וועלכע האָבן אַזעלכע אילוזיעס נישט געהאַט. אַלטער — האָט זיך געקאָנט דוכטן — האָט אין זיין מוח פאַרגליכן איצט דאָס, וואָס איז געשען מיט דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אין די פיר ווענט פון טורמע־קאַמער. האָט זיין מוח פון אַ מאַטעמאַטיקער איצט גע־זוכט און געפאָרשט: וואו, אין וועלכן געביט ליגט דער טעות, וואָס ער האָט געמאַכט אין זיין טראַכטן? כדי דאָס אויסצומיידן אין דער צוקונפט. ערליך, אַן איינגעבויגענער, האָט זיך צוגעהערט מיט אַן אויסדרוק פון פּנים — ס'איז טאָקע אַזוי, ס'איז שווער צו דערוואַרטן ס'זאָל זיין בעסער, ס'האָט נאָך גע־קאָנט זיין ערגער...

צי זיינען די ביידע מענטשן אין זייער איינזאַמקייט געווען אָפּגעטיילט פון לעבן? חלילה! איינער האָט אין זיין פאַרשעריישן מוח פון אַ תלמודיסט, אַ גרויסן מאַטעמאַטיקער, אַ לאָגיקער, אַ מאַרקסיסט פּאָרויסגעזעו די קאָנסע־קווענטקייט פון די געשעענישן, וואָס זיינען צו אים אין אַ דעפּאַרמירטער פאָרם דערגאַנגען הינטער די מויערן פון טורמע. דער צווייטער האָט עס פאַרגע־פילט. פאַרן ערשטן איז געווען ווייניק איבעררעשונגען — אפשר אַ פּאָר בייע סיטואַציעס, אָבער נישט קיין וועזנטלעכע. פאַרן צווייטן — ערליכן — איז בכלל קיין איבעררעשונגען נישט געווען. די שטראָמיקע כוואַליעס פון די וועלט־געשעענישן האָבן אפשר גענומען אַראָפּשווענקען נייע ברעגעס, פאַרפלייצט נייע הייזער, באַלעבאַטישקייטן, אָבער דאָס וואָסער איז געבליבן דאָס זעלביקע וואָס פריער, ווי מיט צענטליקער יאָרן צוריק, ווי כסדר. און אפשר טאַקע אָט די נישט פאַרענדערלעכקייט אין דעם אַזוי צעשטורעמטן שטראָם האָט צוגעגעבן ערליכס פּנים דעם אויסדרוק פון רואיקן פּעסימיזם...

איך האָב שפּעטער מיט אַ צייט געשמועסט מיט אַ קאַטוילישן גלח, אַ מענטש מיט אַן אמת הויכער מאָראַל און אינטעליגענץ, וואָס מ'זעט ביי אונז זייער זעלטן. ער איז מיט זיי ביידן געזעסן אַ געוויסע צייט אין איין קאַמער. ס'איז געווען די טרויעריקסטע צייט — פראַנקרייך איז געפאַלן, אויך ענגלאַנד

— האָט זיך געדוכט — האַלט ביים פאַלן, דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט פאַרנומען די באַלטישע לענדער... ער האָט דערמאָנט די צייט, וואָס ער איז געזעסן מיט די ביידע יידישע סאָציאַליסטן.

— זיי האָבן זיך געהאַלטן אויסערגעוויינלעך. דאָס איז פאַר מיר געווען לחלוטין נישט פאַרשטענדלעך: ווי אַזוי האָבן זיך אַזוי געקאָנט האַלטן מענטשן, וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט יענעם מאָראַלישן יסוד ווי דאָס איז די רעליגיע?...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ סך צייט שפּעטער, אין קוּבּישעוו, בין איך געווען צוזאַמען מיט יוזעף טשאַפּסקי אין טעאַטער. אָט דער ריז און קינסטלער האָט געהאַלטן, אַז אין סאָוויעטישן טעאַטער זעט מען אַלץ, וואָס איז נאָך אַ ביסל פאַרבליבן קולטורעל פון אַמאָליקן רוסלאַנד.

— גיב אַ קוק, — זאָגט ער צו מיר בעת דער פּויזע, — אויף יענעם מענטשן ביים אַריינגאַנג, לינקס... דאָס איז דאָך עפּעס איינער פון די אַמאָליקע צייטן.

איך האָב אַ קוק געטאָן. אָט דער איינער, אין וועמען דאָס אויג פון קינסט־לער און מענטשן פון דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט האָט דערזען עמיצן פון די אַמאָליקע צייטן, איז געווען טאַקע דער פאַרזיצער פון „בונד“. ער איז געשטאַנען אַליין, פאַרטראַכט, פרעמד צום גאַנצן אַרום, ווייט פון דאַנען מיטן בליק און געדאַנק... אַזעלכע פּנימער און אַזעלכע מענטשן האָט מען געקאָנט זען אויף אַלטע קאָלעקטיווע פאָטאָגראַפיעס פון אַ צוזאַמענפאָר, אַ קאָנגרעס פון סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין 19טן יאָרהונדערט, אין ציריך, בריסעל, זשענעוו אָדער לאָנדאָן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ סך פון די „אויספאָרשונגען“ אין די סאָוויעטישע טורמעס האָבן דער־מאָנט די רעליגיעזע דיספּוטן אין מיטלאַלטער: דער „סליעדאָוואַטעל“ (אויס־פאָרשער) איז נישט געווען בלויז אַ פּאָליטישער אינקוויזיטאָר, נאָר אויך אַן אידעאָלאָגישער פּאָלעמיסט. אַזעלכע דיסקוסיעס מיט ערליכן און אַלטערן האָבן פאַר די סאָוויעטישע אויספאָרשער געהאַט דעם פּנים — ווי אַ נעבאַכדיקער שאַכיסט פון ערגעץ אַ מאַלקין שפּילט מיט אַליאָכינען... דער אינקוויזיטאָר איז געווען אַריינגעטריבן אין אַזאַ לאַגע צו מאַכן דעם אויספּיר — אָדער אַבסורד אָדער סטאַלין קאָן קיין טעות נישט האָבן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף די יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן פון פּוילן און פון דער גאַנצער וועלט האָט מאָסקווע געקוקט ווי אויף איר אייגנטום, איר רעזערוואואַר, פון וואַנען זי דאַרף אַלע יאָר אַרויסנעמען רעקרוטן פאַר זיך. אָפּנעמען ביי איר אַזעלכע רעקרוטן — באַטייט פאַרברעך. אָבער טאַקע ערליך און אַלטער און דער „בונד“ האָבן די דאָזיקע רעקרוטן צוגענומען ביי סטאַלינען. אויב אַ יידישער אַרבעטער איז נישט געווען קיין קאָמוניסט, איז דאָס דערפאַר, וואָס ערליך און אַלטער האָבן געקאָנט אים אויסטייטשן און אויפקלערן, אַז דער מאָרגנ־

רויט וואָס לויכט אויף מזרח איז נישט די שיין פון אמתן סאָציאַליזם... אַז די מענטשן, וואָס זיינען געקומען נאָך לענינען וועלן געבן אַ האַנט דעם פאַשיזם...

וואָס איז דער וואונדער, אַז פון סאָוויעטישן שטאַנדפּונקט זיינען ערליך און אַלטער געווען די שעדלעכסטע מענטשן אין פּוילן און אפשר נישט בלויז אין פּוילן? אַפילו ווען זיי וואָלטן נישט געשריבן אין זייערע צייטונגען — וואָס די יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן האָבן געלייענט ווי די ביבל — אויף מאָרגן נאָכן ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו־פּאַקט, אַז דאָס איז פאַרראַט?!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך דאַרפט פאַרשטיין, האָט מיר איין מאָל אַלטער געזאָגט: אַז אויב אַ פּירשט סאַפּיעהאַ זאָגט צו אַן אויסלענדישן פאַרשטייער, אַז ווילנע מוז געהערן צו פּוילן, מאַכט עס אויף אים נישט קיין שטאַרקן איינדרוק. פּירשט סאַפּיעהאַ איז אַ פּוילישער מאַגנאַט, וואָס פאַרמאָגט ערגעץ הינטער ווילנע זיינע וועלדער און מאַיאָנטקעס. איך אָבער פאַרמאָג נישט הינטער ווילנע קיין וועלדער און גיטער, איך בין אויך נישט קיין פּירשט, קיין מאַגנאַט, איך בין אַפילו נישט קיין פּאָליאַק. איך בין אַ ייד און אַ סאָציאַליסט, און אַ לינקער סאָציאַליסט דערצו. אויב איך, דער פאַרשטייער פון יידישן פּראָלעטאַריאַט, זאָג זיך אַרויס פאַר פּוילן האָט דאָס גאָר אַן אַנדער קלאַנג, אַן אַנדער באַטייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס זיינען באמת געווען מענטשן פון 19טן י״ה. סאָציאַל־דעמאָקראַטן פון דער צייט פון קאָוטסקי, זשאָרעס, ליבקנעכט, וואַנדערוועלדע, באַרייכערטע נאָך מיט דער פּראַקטיק פון אונזער צייט, אָבער נאָך מער פאַרפעסטיקטע אין יענער.

זייער סאָציאַליזם איז געווען אַ פרייהייטלעכער, אָבער נישט קיין טאָטאַלער, זייער רעוואָלוציע האָט געשטאַמט פון די באַריקאַדן, אָבער נישט פון גע.פּע.או..

די, פאַר וועמען זיי זיינען געווען אַם מערסטן אומבאַקוועם האָבן באַשלאָסן צו האַנדלען די ערשטע. אין איינער אַ נאַכט האָט מען אין אַ רעסטאָראַן אין קויבישעוו גערופן כלומרשט צום טעלעפאָן אַלטערן...

— הענריק, מען רופט אונז צו קומען...

און זיי זיינען אַרויס אין אַ פינצטערער, רוסישער, דעצעמבער־נאַכט...

(„נאָוואַ פּאָלסקאַ״, לאָנדאָן, אַפּריל 1943)

וו. גאַביצקי

מיט וויקטאָר אלטער אין א סאָוויעטישער טורמע

זיין צוואה

א שילדערונג פון וויקטאָר אַלטערס לעבן אין דער סאָוויעטישער טורמע, אָנגעשריבן דורך אַ פּאָליאַק, שפּעטער אַן אָפיצער אין דער פּוילישער אַרמיי אין ענגלאַנד, וועלכער איז געזעסן צוזאַמען מיט אים.

איך ווייס נישט די דאַטע און דעם אָרט פון זיין געבורט. די יאָרן פון זיין קינדהייט און יוגנט, ווי אויך די צייטן פון זיין שטודיום זיינען אויך פאַר מיר פאַרהאַנגען מיט אַ נעפּל. פרעמד זיינען מיר אויך נעענטערע פּרטים פון זיין פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער האָט לעצטנס פאַרן קריג געלעבט אין וואַרשע, פּערזענלעך האָב איך אים נישט געקענט. איך האָב בלויז גע־וואוסט, אַז ער איז געווען אַן אָנגעזעענער טוער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, איינער פון די פירער פון יידישן אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן און אַ ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט. די אַלע ידיעות וואָלטן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען געווען צו קאַרג אויף צו שרייבן זכרונות אָדער געבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון אַ מענטש, וועגן וועלכן מען ווייסט ווייניק.

דאָך זיינען אין לעבן פון מענטשן פאַראַן מאָדנע מאָמענטן, וועלכע לאָזן נאָך זיך איבער אין זכרון אַ שפּור נישט צום אויסמעקן, הגם די מאָמענטן דויערן שנעל און ווערן נעלם. צו אַזעלכע רגעס וועט אייגנטלעך געהערן מיין באַ־קענען זיך מיט וויקטאָר אַלטערן. געשען איז דאָס אין אייגנאַרטיקע באַדינ־גונגען — אין מאָסקווע. פאַרוואָרפן האָט אים אַהין דער מאָדנער גורל פון סעפּטעמבער־קריג 1939, וואָס האָט דעם וויכטיקן סאָציאַליסט און ייד פאַר־משפט אויף אומטעטיקייט, אָפּגעטויטקייט און נוצלאָזער פיזישער פאַרניכטונג פון זיין אָרגאַניזם. נישט געקוקט אויפן גאַנצן פאַטאַליזם פון די טראַגישע מאָמענטן פון דעמאָלטיקן אייראָפּע און אויך די אייגענע נישט־פריילעכע פּער־ספּעקטיוון, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין מענטש און אינם אמת, פאַר וועלכע עס איז ווערט צו לעבן. אין אַ סך שמועסן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין טורמע־קאַמער, האָבן זיך אומאויפהערלעך דורכגעוואָרפן אין זיינע ווערטער — ווי אַ וויזיאָנערישער פאַרגעפיל פון דעם וואָס עס דערוואַרט אים אין דער נאָנטער צוקונפט — דער מאָטיוו, גענומען פון ראָמען ראָלאַן: „נישט

צוליב דעם לעבט דער מענטש, כדי צו זיין גליקלעך. ער לעבט צוליב דעם, כדי אויסצופילן זיין רעכט. שטאַרב, אָבער זיי דאָס, וואָס דו דאַרפסט זיין — אַ מענטש״.

מיט זיין האַלטונג האָט ער געוועקט און פאַרשטאַרקט צווישן זיינע אייגענע גורל־חברים — טיילמאָל פולשטענדיק צופעליקע — אַ גלויבן און זיכערקייט אין אַ בעסערע צוקונפט, אינם מאָרגן פון אַ נייער וועלט. צווישן פרעמדע ווידער האָט דער אייראָפּעער אַרויסגערופן אַכטונג אי פאַר זיך גופא, און קודם־כל פאַר דעם, וואָס ער האָט רעפּרעזענטירט אין די טרויעריקע ערטער און פינצטערנישן פון דער מענטשלעכער נשמה. אין די טעג, ווען איך האָב זיך מיט אים באַקענט, האָט ער געקעמפט אומאויפהערלעך פאַר דעם כבוד און רעכט פון מענטש. ער האָט טיילמאָל געקעמפט דערפאַר צום שאָדן פון זיין אייגענעם געזונט און אָרגאַניזם. אַזוי איז געווען, למשל, ווען ער האָט געשריבן אַ וויסנ־שאַפטלעכע אַרבעט, אין וועלכער ער האָט קאָנפראָנטירט די אַמאָליקע כללים פון ניוטאָנען מיט דער כוואַליע־טעאָריע פון דער היינטיקער פיזיק. זיין זאָרג איז דעמאָלט געווען, אַז די בלעטלעך פון זיין אַרבעט זאָלן אָוועקוואַנדערן און אָנקומען אויפן ריכטיקן אַדרעס.

אַלטערס לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעזאָגט בוכשטעבלעך אַ פּאָר מינוט איידער מען האָט אונז ברוטאַל צעשיידט, זיינען געווען:

„אויב איר וועט אַמאָל באַגעגענען מיין פרוי און זון, זאָלט איר זיי איבערגעבן פון מיר, אַז די אמתן, אין נאָמען פון וועלכע איך בין דורכ־געגאַנגען דאָס לעבן, וועל איך בלייבן געטריי ביזן סוף, אָן חילוק וואָס עס וועט מיך טרעפן און שלאָגן אויף מיין ווייטערדיקן וועג. איך וויל, אַז זיי זאָלן גיין אויף מיין וועג, ווייטער פירן די אַרבעט, וואָס איך האָב אָנגעהויבן און זאָלן נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך צוליב מיין פּערזענלעכן אומגליק. דער אמת, און דאָס הייסט אויך דער ענדגילטיקער נצחון, געהערט צו אונז״.

איך ווייס נישט — פונקט ווי ער אַליין האָט אויך נישט געוווּסט — וואוהין די קריג־זאַווערוכע האָט פאַרוואָרפן זיינע נאָענטסטע. איך ווייס נישט צי מיינע און זייערע לעבנסשטעגלעך וועלן ווען נישט איז זיך צוזאַמענקומען אין איין פונקט. איך דערפיל דעריבער זיין ביטע אויף דעם אָרט. די אומשטענדן, וואָס האָבן באַגלייט זיין טויט זיינען אַ לעבעדיקער און פילזאָגנדער באַווייז פונם אמת פון זיינע לעצטע ווערטער צו מיר. ער האָט נישט געטראָגן קיין זעלנערישן מונדיר פון די עלאָיס. דאָך פאַרוואַנדלט זיך היינט זיין קבר אין אַ סימבאָל. ער איז געפאַלן אויפן פּאָסטן ווי אַ זעלנער פון דער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך נישט געבויגן און איז נישט געגאַנגען אויפן שטריקל פון קאָניוקטורעל־פּאָליטישן און לעבנס־אָפּאָרטוניזם. דער פאַקט פון זיין טויט זאָגט בלויז עדות וועגן דעם וואָס פאַר אַ ווערטפולער פאַנען־טרעגער פון דער קעמפנדער דע־

מאָקראַטיע ער איז געווען און וואָסער געפֿאַר ער האָט מיט זיין פּערזאָן פאַר־געשטעלט פאַר אַלע אירע ווירקלעכע און גרונטיקע שונאים. זיין קבר, אַזוי ווי די קברים פון פיל אַנדערע — הגם ער בלייבט אומבאַקאַנט — איז אַ וויי־טערדיקער מיילן־שטיין אויפן וועג צום לעצטן און פולן נצחון פון די אמתן און אידעאַלן, אין נאָמען פון וועלכע אַלטער איז געגאַנגען, געקעמפט און פאַר וועלכע ער האָט אינגאַנצן זיין לעבן אַוועקגעגעבן.

לאָנדאָן, 12טער מערץ, 1944.

די אַקציע פאַר באַפרייען די אַרעסטירטע*)

דער מאָרד

גלייך נאָכן ערשטן אַרעסט אין 1939 האָט מען אָנגעהויבן מאַכן שטאַרקע באַמיאונגען וועגן זייער באַפרייאונג. די אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד“ האָט זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די גרויסע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע און ענגלאַנד, ווי אויך מיט די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער ליבעראַלער וועלט וועגן אינטערווענירן לטובת די אַרעסטירטע ערליך און אַלטער. אומעטום האָט מען אָנגעטראָפן אויף אַ סימפּאַטישער און מיטפילנדער באַציאונג צו דער זאַך: אַלע האָבן געוואָלט העלפן אַרויסראַטעווען די צוויי יידישע אַרבעטער־פירער, וועלכע זיינען געווען גוט באַקאַנט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אויך אין די ליבעראַלע קרייזן.

די אינטערווענצן האָבן זיך אָנגעהויבן אין נאָוועמבער 1939 און האָבן געדויערט ביז פעברואַר 1943. צווישן די צאָלרייכע פּערזענלעכקייטן און פאָרשטייער פון די גרעסטע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין דער רעטונגס־אַקציע זיינען געווען: וויליאַם גרין — פירער פון דער אַמעריקאַנער פעדערייזשאַן אָוו לייבאָר, פיליפּ מאָררײ — פירער פון דער סי. אײ. אָ., דוד דובינסקי — פירער פון דאַמען־שניידער־פאַראיין (אינטערנעשאַנאַל) אין אַמעריקע, סידני הילמאַן — פירער פון מענער־שניידער־פאַראיין (אַמאַלגאַמייטעד) אין אַמעריקע, אַדאָלף העלד — פאָרזיצער פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, יוסף ווײַנבערג — פּרעזידענט פון אַרבעטער־רינג, ד״ר ב. האָפמאַן, (צביון) — פאָרזיצער פון י. ל. פּרץ־שרייבער־פאַראיין, פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין, ד״ר פרענק קינגדאָן, ריינגאָלד ניבור, ריימאָנד גראַם סווינג, פּויל קעלאָג, קלינטאָן גאָלדען, י. ב. ס. האַרדמאַן, נאָרמאַן טאָמאַס, דזש. ב. קערי — סעקרעטאַר פון סי. אײ. אָ., לעאָן

---

*) אַ גרויסער טייל פון אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַל פון דער אַפּטיילונג. און פון די וויטערדיקע איז גענומען פונעם זשורנאַל „אונזער צייט“ און פונעם בוך פון ח׳ האַרט: „הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער“, ניו־יאָרק, 1943, אַרויסגעגעבן פון אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד“ אין פּוילן. — רעד.

ק ז ש י צ ק י — פאַרזיצער פון דער סלאַוון־פאַראייניקונג אין אַמעריקע און אַ ריי אַנדערע ליבעראַלע פערזענלעכקייטן און אַרבעטער־פאַרשטייער.

מיט דעם ענין האָט זיך אויך פאַראינטערעסירט דער אַמעריקאַנער סטייט־דעפּאַרטמענט, אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָרן, ווי אויך ו ו ע נ ד ל ווילקי און פּ ר ו י ר ו ז ו ו ע ל ט. די לעצטע האָט עס געטאָן לויט אַ ווענדונג פון ערליכס פאַמיליע צו איר. וואָס שייך ווילקין האָט ער די אינטערווענץ דורכגעפירט צוויי מאָל: דאָס ערשטע מאָל — פּערזענלעך, בעת ער איז אין הערבסט 1942 געווען אין מאָסקווע, דאָס צווייטע מאָל — אין יאַנואַר 1943 שריפטלעך.

די רעטונג־אַקציע איז אויך געפירט געוואָרן דורך דער אַ ר ב ע ט ע ר־ באַ ו ו ע ג ו נ ג פ ו ן ע נ ג ל אַ נ ד. פאָדערונגען צו באַפרייען ערליכן און אַלטערן זיינען סיי נאָכן ערשטן, סיי נאָכן צווייטן אַרעסט אַרויסגעשטעלט געוואָרן דורך די אָנגעזעענסטע פירער פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטער־נאַציאָנאַל און פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, ווי אויך דורך פיל סאָציאַ־ליסטישע פאַרטייען פון א י י ר אַ פּ ע און ד ר ו ם־אַ מ ע ר י ק ע, און דורך אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון ד ר ו ם־אַ פ ר י ק ע און א ו י ס־ט ר אַ ל י ע.

נאָך אין 1939 האָט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנס ו ו אָ ל ט ע ר ס י ט ר י ן אינטערווענירט ביי דעם סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר מאַיסקי אין לאָנדאָן. אויך די רעגירונג פון בעלגיע, וואָס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען אַריינגעצויגן אין קריג, האָט זיך מיט דעם ענין פאַרנומען. אַ ריי פראַנצויזישע סאָציאַליסטן מיט ל ע אָ ן ב ל ו ם בראש האָבן אויך געפּרוּווט העלפן ראַטעווען די אַרעסטירטע יידישע אַרבעטער־פירער.

אין ענגלאַנד האָבן געפּרוּווט העלפן די אָנגעזעענסטע פירער פון דער אַרבעטער־פאַרטיי, ווי: ע ט ל י, מ אָ ר י ס אָ ן, ג ר י נ ו ו ד או ד, ג י־ל י ס, מ י ד ל ט אָ ן, דער שוין דערמאָנטער ס י ט ר י ן, ו ו י א ו י ך ק ר י פּ ס, ב ר י י ל ס פ אָ ר ד און אַנדערע. דער 60טער יערלעכער צוזאַמענפאָר פון די ענגלישע קאָאָפּעראַטיוון, וואָס רעפּרעזענטירן מיליאָנען מיטגלידער האָט איינשטימיק אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט די באַ־פרייאונג פון ה. ערליך און וו. אַלטער.

פון די אַנדערע אינטערנאַציאָנאַל באַרימטע פּערזענלעכקייטן, וואָס זיי־נען געווען באַטייליקט אין דער אַקציע, וועלן מיר נאָך דערמאָנען די נעמען פון די פירער פון די עסטרייכישע סאָציאַליסטן פ ר י ד ר י ך אַ ד ל ע ר און אָ ס ק אַ ר פּ אָ ל אַ ק, די בעלגישע סאָציאַליסטישע פירער ד ע ב ר ו ק ע ר, ה ו י ס מ אַ נ ס און ס פּ אָ ק; מצד דער פּוילישער רע־גירונג האָבן אינטערווענירט פּרעמיער גענעראַל ש י ק אָ ר ס ק י, אויסערן־מיניסטער ר אַ ט ש י נ ס ק י און פּוילישער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע — פּ ר אָ פ ע ס אָ ר ק אָ ט.

די אַלע אומפּאַנגרייכע באַמיאונגען האָבן אָבער קיין שום פּעולה נישט געהאַט. די סאָוויעטישע רעגירונג האָט אַפילו נישט אַרויסגעוויזן דעם מינימום אַנשטענדיקייט צו ענטפערן אויף די פיל אָנפראַגעס — וואו די אַרעסטירטע גע־פינען זיך און צי זיי לעבן. מען האָט אויך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן דעם אַמע־ריקאַנער רויטן קרייץ. אויף אַ ווענדונג פון אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע האָט מען אים געגעבן אַן אָפיציעלן ענטפער, אַז רוסלאַנד ווינטשט זיך נישט קיין שום אינטערווענצן פון אים בנוגע נישט־אַמעריקאַנער בירגער. און אַ פּאָר חדשים נאָכן צווייטן אַרעסט האָט מען דעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין קויבישעוו ציניש דערקלערט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט צו אינטער־ווענירן וועגן ערליכן און אַלטערן, ווייל... ביידע זיינען גאָר סאָוויעטישע בירגער.

***

דעם 23טן יאַנואַר 1943 האָבן אַ ריי אָנגעזעענע אַרבעטער־פירער מיט וויליאַם גרין און פיליפּ מאַריי בראש, ווי אויך אַ ריי ליבעראַלע פּערזענלעכקייטן מיט אַלבערט איינשטיין בראש צוזאַמען נאָך אַמאָל אַוועקגעשיקט צו דער סאָוויעטישער רעגירונג אַ דעפּעשע מיטן פאַרלאַנג צו באַפרייען ערליכן און אַלטערן. דאָס איז שוין געווען די לעצטע אינטערווענץ, דער לעצטער פּרואוו פון רעטונג. וואָרעם דאָס מאָל — ד א ס א י י נ צ י ק ע מ א ָ ל — איז יאָ געקומען אַ תשובה. אין אַ חודש אַרום — דעם 23טן פעברואַר 1943 איז פון סאָוויעטישן אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, מאַקסים ליטווינאָוו, געקומען אַזאַ בריוו צום פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, וויליאַם גרין:

וואַשינגטאָן, דעם 23טן פעברואַר, 1943.

„דער פאָלקס־קאָמיסאַר מאָלאָטאָוו האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז ער האָט באַקומען די דעפּעשע, וועלכע איר האָט אונטערגעשריבן און וועלכע האָט געהאַט אַ שייכות צו די צוויי ס א ָ ו ו י ע ט י ש ע ב י ר ג ע ר ערליך און אַלטער. מאָלאָטאָוו האָט מיר געגעבן אַן אינסטרוקציע צו אינפאָרמירן אייך וועגן די פאָלגנדיקע פאַקטן:

„צוליב זייער אַקטיווער פיינטלעכער אַרבעט קעגן דעם סאָוויעטישן פאַרבאַנד און מיטאַרבעט אין דער באַוואָפנטער טעטיקייט פון די אָרגאַ־נען פון דער פּוילישער אָפּענסיווע, זיינען ערליך און אַלטער פאַראור־טיילט געוואָרן צום טויט אין אויגוסט, 1941.

„אויפן פאַרלאַנג פון דער פּוילישער רעגירונג, זיינען ערליך און אַלטער באַפרייט געוואָרן אין סעפּטעמבער, 1941.

„דאָך, נאָכדעם ווי זי זיינען באַפרייט געוואָרן, אין דער צייט פון די פאַרצווייפלטסטע קאַמפן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי קעגן דער מאַרשירנדיקער פאַראויס אַרמיי פון היטלערן, האָבן זיי באַנייט זייערע פיינטלעכע טעטיקייטן, איינשליסנדיק אַפילס צו די סאָוויעטישע זעלנער

אָפּצושטעלן די בלוט־פֿאַרגיסונג און תיכף שליסן אַ שלום מיט דייטשלאַנד.
צוליב דעם זיינען זיי נאָך אַמאָל אַרעסטירט געוואָרן און, אין דעצעמ־בער 1942, ווידעראַמאָל פֿאַראורטיילט געוואָרן צום טויט דורך אַ מילי־טערישער קאָלעגיע פֿון אונזער העכסטן געריכט.

„דער דאָזיקער אורטייל איז אויסגעפֿירט געוואָרן אין באַצוג צו ביידע. אַמבאַסאַדאָר מאַקסים ליטווינאָוו.“

דער דאָזיקער דאָקומענט — דערשיטערט און איבערראַשט. ער דערשי־טערט מיט דער גרויזאַמקייט פֿון פֿאַרברעך; ער איבערראַשט — מיט דער אומפֿאַרשעמטקייט פֿון די מערדער.

באַלד אין ערשטן פּאַראַגראַף ווערט געזאָגט, אַז ערליך און אַלטער זיינען געווען סאָוויעטישע בירגער. דאָס איז אַ בפֿירושער ליגן, ווייל:

א) זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין פּוילן;

ב) זיי זיינען, ווייסן מיר, פֿון 1919 ביז 1939 געווען ראַטמענער פֿון וואַר־שעווער שטאָט־ראַט — און נאָר פּוילישע בירגער האָבן אַזאַ אַמט געקענט פֿאַר־נעמען.

ג) זיי האָבן קיינמאָל די סאָוויעטישע בירגערשאַפֿט נישט אָנגענומען.

ד) לויט די אינטערנאַציאָנאַלע געזעצן טאָר מען נישט בעת די מלחמה איז נאָך אין גאַנג ענדערן די בירגערשאַפֿט פֿון די איינוואוינער פֿון לאַנד, וואָס איז געוואָרן אָקופּירט.

אין צווייטן פּאַראַגראַף ווערט געזאָגט:

ערליך און אַלטער זיינען פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט אין אויגוסט 1941 פֿאַר אַקטיווער פֿיינטלעכער אַרבעט קעגן סאָוויעט־פֿאַרבאַנד און מיטאַרבעט אין דער באַוואָפֿנטער טעטיקייט פֿון די אָרגאַנען פֿון דער פּוילישער דעפֿענ־סיווע (געהיים־פּאָליציי).

אָבער די סאָוויעטישע רעגירונג אַליין האָט דאָך דערקלערט, נאָך ערליכס און אַלטערס באַפֿרייאונג אין סעפּטעמבער 1941, אַז ס'איז געשען אַ פֿאַטאַלער טעות, און מ'האָט זיי אָפֿיציעל איבערגעבעטן. האָט דאָך די סאָוויעטישע רעגירונג אַליין, דורך איר העכסטן אָרדענונג־היטער, דעם שעף פֿון דער ג.פּ.או., בעריאַ, אין הערבסט 1941 אָנגעבאָטן ערליכן און אַלטערן איבערצונעמען די אָנפֿירונג פֿון יידישן אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט.

דער דריטער פּאַראַגראַף זאָגט: אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון דער פּוילישער רעגירונג זיינען ערליך און אַלטער באַפֿרייט געוואָרן אין סעפּטעמ־בער 1941.

געוויס האָט די פּוילישע רעגירונג פֿאַרלאַנגט, אַז מען זאָל זיי באַ־פֿרייען, פּונקט ווי דאָס האָבן פֿאַרלאַנגט אַ סך אַנדערע. מיר האָבן שוין פֿריער געזען, אַז די פֿאַרלאַנגען האָבן גאָרנישט געהאָלפֿן. באַפֿרייט האָט מען זיי, פּונקט ווי צענדליקער טויזנטער אַנדערע יידן און נישט־יידן פּוילישע בירגער, פֿון די סאָוויעטישע תּפֿיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן אויפֿן סמך

פון דער אַלגעמיינער אַמנעסטיע, וואָס סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך פאַרפליכטעט צו געבן לויט אַ געשלאָסענעם אָפּמאַך מיט דער פוילישער רעגירונג. מאַלאַטאָוו זאָגט סך־הכל מיט אַ פּאָר שורות פריער, — אַז די אַרעסטירטע זיינען געווען סאָוויעטישע בירגער. וואָלטן זייווירקלעך געווען סאָוויעטישע בירגער, טאָ פאַרוואָס קומט סאָוויעטישע בירגער צו באַפרייען „אויפן פאַרלאַנג פון דער פוילישער רעגירונג"? און אויב מען האָט זיי דעם ערשטן טויט־אורטייל געגעבן אַלס פוילישע בירגער (אַזוי איז עס ווירקלעך געווען), טאָ ווי אַזוי האָט מען זיי דעם צווייטן מאָל געקענט פאַרמשפּטן און אומברענגען אַלס סאָוויעטישע בירגער?

לסוף דער פערטער פּאַראַגראַף:

די פירער פון „בונד" האָבן כלומרשט נאָך זייער באַפרייאונג אַפּעלירט „צו די סאָוויעטישע זעלנער אָפּצושטעלן די בלוט־פאַרגיסונג און תיכף שליסן אַ שלום מיט דייטשלאַנד". צוליב דעם האָט מען זיי נאָך אַמאָל אַרעסטירט און צום צווייטן מאָל פאַראורטיילט צום טויט.

דעם ערשטן טויט־אורטייל האָבן ערליך און אַלטער באַקומען פאַר „מיטאַרבעט אין דער באַוואָפנטער טעטיקייט פון די אָרגאַנען פון דער פוילישער דעפענסיווע". דאָס האָט געדאַרפט זיין אין סעפּטעמבער 1939. דערפון איז צו דרינגען, אַז די בונדישע פירער זיינען דאַן געווען היטלער־שונאים. ווי אַזוי־זשע האָבן די זעלבע צוויי מענטשן, שוין נאָכדעם ווי די נאַציס האָבן אויסגעשאָכטן הונדערטער טויזנטער יידן, צווישן זיי הונדערטער אייגענע פריינט און קרובים (אויך אַלטערס אַלטע מוטער), דערהרגעט צענדליקער טויזנטער פּאָליאַקן, באַרויבט זייער האָב און גוטס און חרוב געמאַכט זייער לאַנד — ווי אַזוי האָבן זיי מיטאַמאָל זיך פאַרוואַנדלט אין היטלער־פריינט?

יעדער איינציקער פון די 4 פּאַראַגראַפן פון ליטווינאָווס בריוו איז געבויט אויף אַ שקר, אויף אַ בלבול. ס'איז נאָך פאַראַן אַ פינפטער פּאַראַגראַף, דער לעצטער, וואָס איז, ליידער, אמת — דער א י י נ צ י ק ע ר א מ ת א י ן ג א נ צ ן ד אָ ק ו מ ע נ ט:

„דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן".

סוף אַפּריל 1943, בערך צוויי חדשים נאָכן ערשטן בריוו, האָט ליטווינאָוו צוגעשיקט צו וויליאַם גרין אַ צווייטן בריוו. ער שרייבט אים, אַז ס'איז געווען אַ טעות אין דער דאַטע — די הינריכטונג איז פאַרגעקומען נישט אין דעצעמבער 1942, נאָר דעצעמבער 1941.

באַלד אין אָנהויב, ווען ס'איז געמאָלדן געוואָרן וועגן דער הינריכטונג, זיינען געווען צוויי ווערסיעס: ליטווינאָווס — 1942, און אַ צווייטע — פון ניו־יאָרקער סאָוויעטישן קאָנסול — 1941. מען האָט אָבער אָנגענומען ליט־ווינאָווס ווערסיע פון 1942; מיט צוויי חדשים שפּעטער האָט ליטווינאָוו אַליין געמאָלדן, אַז די עקזעקוציע איז אויסגעפירט געוואָרן אין 1941.

אין דער צייטשריפט „ד ה י נ י ו ־ ר ע פּ ו ב ל י ק" פון 15טן מערץ

איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן עס האָבן זיך אויך געפונען פאָלגנדע ווערטער:

„איצט איז געמאָלדן געוואָרן, אַז בעת עס זיינען געשיקט געוואָרן די פּראָטעסטן, זיינען די מענטשן שוין געווען טויט. לויט אַ בריוו וואָס דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן מאַקסים ליטווינאָוו האָט געשריבן צום פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר וויליאַם גרין, זיינען זיי הינגעריכטעט געוואָרן אין דעצעמבער 1941 פאַר „פאַרשווערערישער טעטיקייט און שפּיאָנאַזש". במשך פון 15 חדשים האָט פון די פאַרשלאָסענע ליפּן פון זייערע עקזעקוציע־אויספירער זיך נישט אַראָפּגעגליטשט קיין וואָרט וועגן זייער גורל".

במשך פון אַ יאָר צייט האָבן ווידעראַמאָל צענטליקער אָנגעזעענסטע אַרבעטער־פירער, שרייבער, וויסנשאַפטס־מענער און געזעלשאַפטלעכע טוער אינטערווענירט פאַר דער באַפרייאונג פון ערליכן און אַלטערן. אָנשטאָט צו ענטפערן, אַז ביידע זיינען שוין לאַנג טויט, האָט די סאָוויעטישע רעגירונג געשוויגן און דערמיט גענאַרט די עפנטלעכע מיינונג פון דער וועלט. נאָך מער: דער פּוילישער אַמבאַסאַדאָר פּראָפעסאָר קאָט האָט אַ פּאָר מאָל פּערזענלעך אינטערווענירט לטובת די אַרעסטירטע און בעת די געשפּרעכן מיט די אָנגעזעענסטע סאָוויעטישע מלוכה־מענער האָבן זיי אים נישט געזאָגט, אַז די אַרעסטירטע זיינען שוין טויט. פאַרקערט — פון די געשפּרעכן איז געווען קלאָר, אַז ביידע לעבן. דאָס איז געווען אין יאָר 1942, שוין נאָכן מאָרד. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט אין הערבסט 1942, ווען מ'האָט ווילקין פאַרזיכערט, בעת זיין באַזוך אין מאָסקווע, אַז מען וועט דעם ענין פון ערליכן און אַלטערן דערליידיקן אויף אַ צופרידנשטעלנדן אופן.

דאָס כלומרשט סאָוויעטישע געריכט און די סאָוויעטישע רעגירונג האָבן באַהאַלטן דעם פאַקט פון טויט־אורטייל און פון דער הינריכטונג בערך 15 חדשים צייט. זיי האָבן וועגן דעם נישט דערציילט נישט דעם אייגענעם פאָלק און נישט דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט, וואָס האָט מיט דעם ענין זיך שטאַרק אינטערעסירט. דאַקעגן האָבן זיי במשך פון 15 חדשים געשאַפן דעם איינדרוק, אַז ערליך און אַלטער לעבן נאָך. דערמיט האָבן זיי נישט בלויז זיך אַרויסגעשטעלט אַלס ליגנער, נאָר אויך באַוויזן זייער מורא צו דערציילן וועגן דער שרעקלעכער רציחה, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן.

לודוויק האַניגוויל

פאַרברעכער אין טאָגעס פון ריכטער

פאָליטישע פּראָצעסן אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַרמאָגן שוין זייער אייגנ־אַרטיקן כאַראַקטער און טראַדיציע. געוויינטלעך מאַכט מען דאָרט אַ סך פּובליסיטי אַזעלכע פּראָצעסן, וואו די באַשולדיקטע זיינען גוט באַקאַנט אין אויסלאַנד. דאָס הייסט לחלוטין נישט, אַז די געריכט־פאַרהאַנדלונגען זיינען עפנטלעכע און די גערעכטיקייט ווערט אָפּגעהיט, — אַז די געריכטן געפינען זיך אונטערן קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. עס הויבט זיך גאַרנישט אָן.

די סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע־אָרגאַנען, נישט האָבנדיק קיין שום חוש פאַר פּראָפּאָרץ און פשוטן שכל הישר, שיקן פאַנאַנדער אין פאַרשידענע שפּראַכן כלומרשט סטענאָגראַפישע באַריכטן מיט די דערקלערונגען פון די באַשולדיקטע, פון די עקספּערטן, פון די עדות, די רעדעס פון פּראָקוראָר און פאַרטיידיקער. די סאָוויעטישע אָרגאַנען לייגן אַוועק די כוחות, באַמיענדיק זיך צו איבערצייגן די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין אויסלאַנד ווי ווייט געמיין עס זיינען אַט די דאָזיקע לייט, וואָס דאַ גאַרנישט לאַנג האָבן זיי געלויכטן ווי העלדן און בכבודיקע פירער פון אַרבעטער־קלאַס.

פאַרמאָגנדיק אַזאַ רעקאָרד פון פּובליסיטי־טעכניק, וואָס־זשע האָט געשטערט דער סאָוויעט־רעגירונג און איר פּראָפּאַגאַנדע־מאַשין פאַנאַנדערצושיקן אַזעלכע באַריכטן אויך וועגן די „פּראָצעסן" פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער ?

צוויי צענטליק יאָר זיינען ערליך און אַלטער געווען אָנגעזעענע אַרבעטער־פירער, וואָס האָבן געגאַסן דעם צוטרוי פון סאָציאַליסטן און ליבעראַלן איבער דער גאַרער וועלט. איינפלוסרייכע מיטגלידער פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פירער פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן, מיט אַ גרויסן איינפלוס אויף די יידישע אַרבעטער אין אַנדערע

ח' לודוויק האַניגוויל — אַ באַוואוסטער פּאָליטישער אַדוואָקאַט אין פּוילן, באַקאַנט ווי אַ פאַרטיידיקער אויף פּראָצעסן פון קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און פּויערים.

לענדער, באַזונדערס אין אַמעריקע. האָט דעריבער די סאָוויעטישע רעגירונג זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז אירע געמיינע אינסינואַציעס וועגן ערליך און אַלטערס פאַרראַט און וועגן זייער דינען היטלערן קאָן נישט מאַכן דעם מינדסטן איינדרוק אויף ערלעכע מענטשן.

גראַד וועגן דאָזיקן „פּראָצעס", מער ווי וועגן אַלע אַנדערע, האָט געדאַרפט אַרויסגעגעבן ווערן אַ פולשטענדיקער, גענויער באַריכט — אַלע דערקלערונגען פון די עדות, פון די עקספּערטן און די דערקלערונגען פון די באַשולדיקטע ערליך און אַלטער גופא. טאַקע אָט די שטילע שווייגעניש פון דער אַלע מאָל אַזוי באַרעדעוודיקער סאָוויעט־רעגירונג רעדט מער ווי גאַנצע בענד באַריכטן.

***

צוויי מאָל האָט מען ערליכן און אַלטערן געמשפּט אין סאָוויעטישן גע־ריכט*). נאָך דעם טויט־אורטייל אין אויגוסט 1941 האָט מען זיי באַפרייט אין סעפּטעמבער און געלאָזט זיי אויף דער פרייער דריי מאָנאַטן — ביז דעצעמ־בער, 1941. פאַר דער דאָזיקער קורצער צייט האָבן זיי זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט זייערע חברים.

אין אַ בריוו, וואָס אַלטער האָט געשריבן מיט זיין אייגענער האַנט, דער־ציילט ער, אַז ער איז פאַרמשפּט געוואָרן „ווי אַ מיטגליד פונם עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז אַ סך יאָרן געווען פאַרנומען מיט אַקטיווער אַנטי־סאָוויעטישער טעטיקייט, האָט אָנגעפירט מיט דער אונ־טערערדישער אַרבעט פון יידישן „בונד" אין ראַטן־פאַרבאַנד, לויט די אינס־טרוקציעס פון דער פוילישער פּאָליציי."

אין ערליכס אייגנהאַנטיקן בריוו ווערט דערציילט, אַז מ'האָט אים פאַר־משפּט פאַר: 1) זיין פאַרבונדן מיט דער וועלט־בורזשואַזיע; 2) ער אַליין אָדער צוזאַמען מיט אַלטערן און לויט אַן אָפּמאַך מיט דער פוילישער פּאָליטישער פּאָליציי, איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע פון יידישן „בונד" אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויסנוצנדיק די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע פאַר שפּיאָנאַזש־צוועקן, האָט צו דעם צוועק אַרויסגעגעבן אינסטרוקציעס, גע־שאַפן געלט און מענטשן.

ביידן האָט מען געמשפּט באַזונדער, אין באַזונדערע געריכטן.

וואָס שייך דעם ערשטן טויט־אורטייל ווערט דערקלערט אין מאָלאָטאָוו־ליטווינאָווס בריוו צו וויליאַם גרין, אַז ער איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן „פאַר

*) וועגן ערשטן מאָל ווייסן מיר פון זיי אַליין; וואָס שייך דעם צווייטן ווייסן מיר בלויז פון מאָלאָטאָווס בריוו צו ליטווינאָוון. זיכער איז גאָר קיין משפּט נישט געווען — מ'האָט זיי פשוט ליקווידירט, ד. ה. אויסגעפירט דעם אַלטן אורטייל. — רעד.

אַקטיווע צעשטערערישע טעטיקייט קעגן דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד און פאַר העלפן די פוילישע שפּיאָנאַזש־אָרגאַנען אין מלחמה־טעטיקייטן".

ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו וואונדערן, פאַרוואָס מאַלאַטאָוו און ליטווינאָוו האָבן פאַרבאַהאַלטן פון גרינען די באַשולדיקונג אין „אונטערהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט דער וועלט־בורזשואַזיע". אין אַ צייט, ווען דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד פלעגט באַקומען הילף פון דער בורזשואַזיע פון אַמעריקע און ענגלאַנד, וואָלט עס געווען אומגעלומפּערט פון זייער זייט צו אַנערקענען, אַז אַ „קאָנטאַקט מיט דער וועלט־בורזשואַזיע" איז אַ שרעקלעכער פאַרברעכן אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ווייטער האָבן ליטווינאָוו און מאַלאַטאָוו פאַרבאַהאַלטן דעם פאַקט, אַז ערליך און אַלטער זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש. דאָס באַווייזט, אַז זיי האָבן דאָך נאָך נישט פאַרלוירן דעם חוש פאַר דערווירקלעכקייט און פון חרפּה.

ביידע בריוו — פון אַלטערן און פון מאַלאַטאָוו־ליטווינאָוו — טרעפן זיך צונויף אינעם פּונקט פון דער באַשולדיקונג וועגן „אַנטי־סאָוויעטישער טעטיקייט". אָבער אויך דאָ האָבן מאַלאַטאָוו און ליטווינאָוו פאַרבאַהאַלטן אַ וויכטיקן שטריך פון דער באַשולדיקונג, ווי זי איז פאָרמולירט געוואָרן אין סאָוויעטישן געריכט. אַלטער איז געוואָרן באַשולדיקט, אַז „ער האָט געפירט אַן אַנטי־סאָוויעטישע טעטיקייט ווי אַן עקזעקוטיוו־מיטגליד פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל." דערמיט האָט דאָס סאָוויעטישע געריכט פאַקטיש אין אַלטערס פּערזאָן אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף אַלע מיטגלידער פונם עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, און דורכדעם אויך אויף דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג גופא. עס וואָלט טאַקע געווען זייער אומבאַקוועם צו שרייבן וועגן דעם צו וויליאַם גרין, וועלכער האָט אַ סך פריינט צווישן די מיטגלידער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

***

ערליך און אַלטער זיינען געווען יידישע סאָציאַליסטן, בירגער פון פוילן און זייער טעטיקייט איז פאַרלאָפן אין אומאָפּהענגיקן פוילן. נישט האָבנדיק קיין שום גרונט און קיין שום רעכט זיי צו משפּטן פאַר זייער טעטיקייט ווי פוילישע בירגער, האָט די סאָוויעטן־רעגירונג געמאַכט אַ שפּיצל: זי האָט זיי פּלוצים דערקלערט פאַר רוסישע בירגער.

דאָס איז יורידיש, פּאָליטיש און ריין מענטשלעך אַן אומזין און אַן אַקט פון גוואַלט. ביידע — ערליך און אַלטער, נעמענדיק אַן אַקטיוון אַנטייל אין פּוילישן לעבן האָבן זיך אַליין געהאַלטן פאַר פוילישע בירגער.

לויט דעם שלום־אָפּמאַך אין ריגע (צווישן פוילן און ראַטן־פאַרבאַנד) אין 1921, האָבן אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער פוילישער טעריטאָריע געהאַט דאָס רעכט — אויב זיי האָבן געוואָלט — אַנצונעמען סאָוויעטישע ביר־

גערשאַפט. אָבער ערליך און אַלטער האָבן קיינמאָל נישט געהאַט אַ ווילן צו ווערן סאָוויעטישע בירגער, זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר פּוילישע בירגער.

די סאָוויעטישע אָרגאַנען אַליין האָבן באַשטעטיקט נאָך דער אָקופּאַציע פון פּוילן אין סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1939, אין דער צווייטער העלפט פון 1941, אַז ערליך און אַלטער זיינען פּוילישע בירגער און זיינען דורך דער סאָוויעטישער מאַכט באַטראַכט געוואָרן ווי פּוילישע בירגער.

דעם 30טן יולי 1941, האָט דער סאָוויעטישער אַמבאַסאַדאָר אין לאָנדאָן איוואַן מאַיסקי, אין דער אַנוועזנהייט פון פּרעמיער־מיניסטער טשווירטשיל, אויסערן־מיניסטער אידען און גענעראַל שיקאָרסקי אונטערגעשריבן פאָלגנ־דיקן פּראָטאָקאָל, וואָס איז צוגעגעבן געוואָרן צום פּויליש־סאָוויעטישן אָפּמאַך פון דער זעלביקער דאַטע: „די סאָוויעט־רעגירונג גאַראַנטירט אַן אַמנעסטיע פאַר אַלע פּוילישע בירגער, וואָס געפינען זיך אין איצטיקן מאָמענט אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע — סיי ווי מלחמה־געפאַנגענע אָדער צוליב אַנדערע גענוגנדיקע סיבות — גלייך ווי ס׳ווערן איינגעשטעלט די דיפּלאָמאַטישע באַ־ציאונגען.״

אין סעפּטעמבער 1941 זיינען ערליך און אַלטער באַפרייט געוואָרן ווי פּוילישע בירגער. דאָס האָבן מודה געווען מאַלאָטאָוו און ליטווינאָוו אין זייער בריוו צו וויליאַם גרין, אין וועלכן זיי שטעלן פעסט, אַז „לויט דער ביטע פון דער פּוילישער רעגירונג זיינען ערליך און אַלטער באַפרייט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1941״.

ווען און אויף וועלכן סמך האָבן זיי געקאָנט ווערן סאָוויעטישע בירגער?

אויף דער דאָזיקער פראַגע וועט קיינמאָל נישט זיין קיין ענטפער.

אָבער אין דער היגזיכט איז געשען נאָך עפּעס און דאָס אונטערשטרייכט נאָך בולטער די אומפאַרשעמטע אַראַגאַנץ, וואָס די סאָוויעטן־מאַכט האָט אַרויס־געוויזן אין דעם ענין ערליך־אַלטער. שוין נאָך זייער דערמאָרדונג און נאָכן דערקלערן זיי פאַר „סאָוויעטישע בירגער״, האָבן זיך די סאָוויעטישע אָרגאַנען געווענדעט צו דער אַמבאַסאַדע פון דער פּוילישער גלות־רעגירונג, אַז זי זאָל באַצאָלן דעם חשבון פאַרן האָטעל, וואָס ערליך און אַלטער האָבן פאַרנומען אין קויבישעוו איידער זיי זיינען צום צווייטן מאָל אַרעסטירט געוואָרן. די פּוילישע אַמבאַסאַדע האָט דעם חשבון באַצאָלט און אונטערגעשטראָכן, אַז זי טוט דאָס, ווייל ערליך און אַלטער זיינען פּוילישע בירגער.

די סאָוויעטן־רעגירונג האָט דערמיט אַליין דעמאַסקירט איר ליגן וועגן דער סאָוויעטישער בירגערשאַפט פון ערליך און אַלטער — אָבער שוין נאָכדעם ווי זי האָט זיי דערמאָרדעט.

***

ביי אַלע ציוויליזירטע פעלקער איז אָנגענומען, אַז אַמנעסטיע באַטייט, נישט בלויז דאָס דער פאַרברעכער ווערט באַפרייט פון אַלע קאָנסעקווענצן פון זיין פאַרברעך, נאָר אויך אַז דער פאַרברעך גופא ווערט פאַרגעסן. אין

אַן אינטערנאַציאָנאַלן דאָקומענט האָט די סאָוויעטן־רעגירונג פאַר דער גאַנצער וועלט דערקלערט, אַז זי איז מוחל און פאַרגעסט אַלע פאַרברעכנס, אין וועלכע ערליך און אַלטער זיינען כלומרשט געווען באַשולדיקט. אָבער אויך דאָ האָט די סאָוויעטן־רעגירונג ווידער נישט געהאַלטן איר צוזאָג. נאָכדעם ווי ערליך און אַלטער זיינען דערמאָרדעט געוואָרן, האָט זי איבערגעחזרט די פריערדיקע גרונטלאָזע באַשולדיקונגען און אויך נאָך צוגעגעבן נייע ליגנס; דאָס ווייזט אַרויס נאָך אַמאָל דעם מאָראַלישן ניוואָ פון דער דאָזיקער רעגירונג.

מאַלאַטאָוו און ליטווינאָוו קאָנסטאַטירן דעם פאַקט, אַז ערליך און אַלטער זיינען באַפרייט געוואָרן אין סעפּטעמבער 1941 ווי פּוילישע בירגער און זיינען צוריק אַרעסטירט געוואָרן אין דעצעמבער דעם זעלביקן יאָר. מיר ווייסן, אַז דער צווייטער אַרעסט איז געשען דעם 4טן דעצעמבער, עס הייסט, אַז כמעט דריי מאָנאַטן זיינען זיי געווען אויף דער פריי.

וואָס האָבן זיי געטאָן במשך פון די דריי מאָנאַטן?

מאָלאָטאָוו און ליטווינאָוו אינפאָרמירן אונז, אַז „אין דער צייט פון די פאַרצווייפלטסטע קאַמפן פון דער סאָוויעטישער אַרמיי קעגן דער היטלער־אַרמיי, וואָס איז אַלץ געגאַנגען פאָראויס, האָבן זיי באַנייט זייערע פיינטלעכע טעטיקייט, זיך געווענדעט צו דער רויטער אַרמיי מיט אויפרופן וועגן אָפּשטעלן די בלוט־פאַרגיסונג און תיכף שליסן אַ שלום מיט דייטשלאַנד."

לאָמיר נאָכאַמאָל איבערחזרן: ערליך און אַלטער זיינען באַפרייט געוואָרן נאָך 2 יאָר טורמע און נאָכדעם ווי דער טויט־אורטייל איז געוואָרן אַנולירט. לויט ווי ס'האָבן דערציילט אַ סך מענטשן, וואָס האָבן זיי געזעןביידן נאָך דער באַפרייאונג, זיינען זיי בײדע געווען קראַנק, שוואַך, שטאַרק אויסגעשעפּט. די מיטגלידער פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע האָבן געזאָרגט פאַר זיי ביז מיטן אָקטאָבער, ווען, צוליב דער געפאַר פון דייטשער אָקופּאַציע, איז די אַמבאַסאַדע עוואַקואירט געוואָרן קיין קויבישעוו; ערליך און אַלטער זיינען צוזאַמען מיטן פּערסאָנאַל פון דער אַמבאַסאַדע גלייך עוואַקואירט געוואָרן אַהין. זיי זיינען אָנגעקומען קיין קויבישעוו אַרום דעם 20טן אָקטאָבער, און 6 וואָכן שפּעטער זיינען זיי אַרעסטירט געוואָרן.

קראַנקע, אויסגעשעפּטע, פולשטענדיק צעבראָכענע, זיינען אַלטער און ערליך אָנגעקומען קיין מאָסקווע, וואו זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום פריינט, קיין שום פאַרבינדונגען, ווייל אויב זיי וואָלטן אַזעלכע געהאַט, וואָלט דאָך געוויס די סאָוויעטן־רעגירונג זיי ליקווידירט שוין גלייך נאָכן ערשטן אַרעסט זייערן; אַזוי איז דאָך שוין די טראַדיציע אין ראַטן־פאַרבאַנד צו פאַרניכטן יעטווידן פריינט פון אַ פאַרברעכער, וואָס ווערט געמשפּט. ווי אַזוי־זשע האָבן זיי געקענט פירן אַנטי־סאָוויעטישע טעטיקייט ביי אַזעלכע באַדינגונגען? ווער זיינען געווען זייערע מיטהעלפער? ווי אַזוי האָבן זיי געקענט פאַרשפּרייטן זייערע אויפרופן צו דער רויטער אַרמיי?

אין מיטן אָקטאָבער זיינען זיי אַוועק קיין קויבישעוו. זיי אַליין האָבן די שטאָט נישט אויסגעקליבן צו וואוינען דאָרטן. די ראַטן־רעגירונג האָט באַ־

שטימט קויבישעוו פאַרן צייטווייליקן זיץ־אָרט פון דער פוילישער אַמבאַסאַדע. זי האָט מסכים געווען צו דער ביטע פון דער פוילישער אַמבאַסאַדע, אַז ערליך און אַלטער זאָלן אויך מיטפאָרן קיין קויבישעוו. אָנקומענדיק אַהין האָבן זיי געדונגען אַ צימער אין אַ האָטעל, וואָס איז זיי געווען אָנגעוויזן דורך די סאָוויעטישע באַאַמטע. עס פאַרשטייט זיך, אַז די אויפזיכט איבער זיי איז דאָ געווען די זעלביקע ווי אין מאָסקווע. קיינער האָט נישט געקאָנט בלייבן וואוינען אין קויבישעוו אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון דער ראַטן־רעגירונג. אין אָקטאָבער 1941 האָבן זיך ערליך און אַלטער געפונען גאָר אין אַ נייער סביבה, אַרומגערינגלט מיט גאָר נייע מענטשן.

פירן אַן אַנטי־סאָוויעטישע טעטיקייט, דערין אויך אַ פּראָפּאַגאַנדע אין דער רויטער אַרמיי וואָלט מען געקאָנט נאָר מיט דער הילף פון אַן אַנטשפּרעכנדיקע אָרגאַניזאַציע. אָבער אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז נישט אָנגערופן געוואָרן דורך מאָ־לאָטאָוון און ליטווינאָוון און אויך קיין שום אַנדערע פּערזאָנען זיינען נישט אָנגערופן געוואָרן ווי זייערע מיטהעלפער און פאַרבינדעטע.

אויב די סאָוויעטן־רעגירונג האָט געהאַט דאָקומענטן, וואָס באַווייזן, אַז צוויי פוילישע בירגער, וואָס האָבן גענאָסן פון דער פריינטשאַפט און שוץ פון דער פוילישער רעגירונג, זיינען באַגאַנגען אַ פאַרראַט דורך העלפן דעם געמיינזאַמען פיינט פון דער סאָוויעטישער און פוילישער רעגירונג, וואָלט זי דאָך געדאַרפט, אין הסכם מיטן פריינטשאַפט־אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן איבערגעבן די דאָזיקע דאָקומענטן די פּאָליאַקן, כדי אויף אַזאַ אופן זיי אי־בערצייגן, אַז זיי האָבן געגעבן שוץ פאַררעטער, קרימינעלע פאַרברעכער.

די פוילישע רעגירונג האָט פיל מאָל געפאָדערט צו באַפרייען ערליכן און אַלטערן; וואָלט דאָך געווען גאַנץ נאַטירלעך, אַז די סאָוויעטן־רעגירונג זאָל אינפאָרמירן די פוילישע רעגירונג, וואָס פאַר אַ טעטיקייט אָט דיביידע פערזאָ־נען פירן. זי האָט דאָס נישט געטאָן. עס האָט אינטערוועניִרט כסדר וועגן די אַרעסטירטע די פוילישע רעגירונג, עס האָבן אינטערוועניִרט די אָנגעזעענסטע פאָרשטייער פון דער ציוויליזירטער וועלט — פּאָליטיקער, וויסנשאַפטלער. במשך פון 15 חדשים האָט די ראַטן־רעגירונג געשוויגן און קיין שום ענטפער נישט געגעבן. ערשט נאָכדעם ווי די מיליטערישע לאַגע פון רוסלאַנד האָט זיך פאַרבעסערט אויף אַזוי ווייט, אַז מ׳האָט שוין געקענט פאָראויסזען דעם זיג פון די אַליאירטע, — ווען די סימפּאַטיעס פון דער וועלט האָבן זיך גוואַלטיק פאַרשטאַרקט פאַרן רוסישן פאָלק, — האָט די ראַטן־רעגירונג געפונען פאַר מעגלעך צו געבן אַ פּאַטש אין פּנים דער ציוויליזירטער וועלט: ערליך און אַלטער, מיט וועמענס גורל די דאָזיקע וועלט האָט זיך אַזוי שטאַרק אינטערע־סירט — זיינען גאָר היטלער־אַגענטן און שפּיאָנען!..

דער באַרימטער פראַנצויזישער קרימינאָלאָג טאַרדיע האָט אַמאָל גע־שריבן, אַז נישט איינמאָל האָט געטראָפן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, דאָס די העסלעכסטע פאַרברעכנס זיינען באַגאַנגען געוואָרן אין דער פאָרם פון געריכט־אורטיילן.

פאַרברעכער האָבן ווידער אַמאָל אָנגעטאָן אַ טאָגע פון ריכטער.

צווישן איין טויט-אורטייל און צווייטן

(לעצטע גרוסן, בריוו, דאָקומענטן)

(צוויי בריוו פון ה. ערליך — צו דער פאַמיליע און צו די חברים *)

מאָסקווע, 27 נאָוועמבער 1941.

„סאָפּיענקע ליבסטע, קינדער טייערסטע! כ'דריק אייך האַרציק און שטאַרק — אַלע צוזאַמען און יעדן באַזונדער! צי איז עס מעגלעך, אַז איך שרייב ווידער צו אייך? עס זיינען געווען רגעס, ווען דאָס האָט זיך מיר גע־דוכט פאַר אוממעגלעך. איך האָב דאָן דורכגעטראַכט מיין גאַנץ לעבן...



אַ טייל פון בריוו-אָריגינאַל

איך האָב זיך באַמיט פאַרצושטעלן אייער לעבן אָן מיר און געווען פול מיט דער סובטעלסטער ליבע צו אייך אַלעמען און מיט דאַנקבאַרקייט און גרענעצן פאַר יענער שפע פרייד וואָס איר האָט מיר געגעבן צו געניסן.

געווען אַנדערע מאָמענטן, די שרעקלעכסטע, ווען איך האָב זיך געגרייט צו דאָס ערגסטע (דעם טויט האָב איך נישט געהאַלטן קיינמאָל פאַר דאָס ערגסטע); האָב איך זיך באַמיט צוזיפצוגעמען און קאָנצענטרירן אין זיך די

*) געשריבן אין פויליש. אייניקע ערטער זיינען פאַרקירצט. — רעד.

גאַנצע קראַפט פון ווידערשטאַנד, אויף וואָס איך בין נאָר פעאיק. דעמאָלט האָב איך צום שטאַרקסטן געטראַכט וועגן אייך, מיינע ליבע יינגלעך, וועגן אייערע ערלעכע אויגן און קרישטאָלריינע הערצער, — וועגן דעם, אַז איך מוז פאַר אייך איבערלאָזן אַ נישט פאַרפלעקטן נאָמען, און דאָס האָט ביי מיר געשטאַרקט דעם גלויבן, אַז איך וועל אויסהאַלטן...

אָבער גאַנץ אָפט, נישט געקוקט אויפן שכל הישר, האָב איך נישט גע־גלויבט, אַז איך וועל אייך קיינמאָל שוין נישט זען, און במשך פון לאַנגע שעהן אין דער נאַכט־שטילקייט, האָב איך מיט אייך געפירט געשפרעכן אָן אַ סוף (איך האָב דעמאָלט זיך געזען צוזאַמען מיט אייך, הויפטזעכלעך אויף מעזשא פּראָספעקט נומער 68 *).

הכלל נישט דאָס איז אומוואַרשיינלעך, וואָס איך שרייב צו אייך, אומוואַר־שיינלעך איז אָט די פּלוצימדיקע און גוואַלטיקע ענדערונג פון די באַדינגונגען, אין וועלכע איך האָב געלעבט: פון דער „טויט־קאַמער" ביז צום האָטעל „מעטראָפּאָל", און דער טיפסטער זאָרג און שוין, — פון דער געמיינער באַ־שולדיקונג, וואָס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן קעגן מיר און וויקטאָרן — ביז דאָס איצטיקע אונטערלעקעריי און חניפה, — דאָס איז דורכאויס פאַנטאַס־טיש, פשוט אַ מיראַזש!

אָבער לאָמיר דערוויַיל דאָס לאָזן אין אַ זייט (פּרטים וועט איר זיך דער־וויסן פונם בריוו צו די חברים). איך קען נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס זייט איר נישט צוזאַמען: פאַרוואָס דו, זאָשע, צוזאַמען מיט וויקען און איזען זייט געבליבן שטעקן אין מאָנטרעאָל? דאָס אינטערעסירט מיר נאָכמער דערפאַר, ווייל ס'איז מעגלעך, אַז אין דער נישט ווייטער צוקונפט וועל איך אַליין זיין אין צפון־אַמעריקע און איך וועל דעמאָלט דאַרפן אויסקלייבן פאַר מיר אַ וואוין־אָרט, פאַרשטייט זיך, ניו־יאָרק...

— —

איך וואָלט זייער געוואָלט וויסן, ווי אַזוי עס לעבט זיך אייך דאָרטן, וואָס טוט איר; צי ווייסטו וואָס וועגן פאָטער און וועגן מיין משפחה אין פּוילן? איך וויס, אַז ד. איז אין ראַטן־פאַרבאַנד, אין אַ לאַגער, און איך האָב זיך שוין באַמיט דורך דער אַמבאַסאַדע — מ'זאָל אים ברענגען קיין מאָסקווע. דאָס זעלביקע, פאַרשטייט זיך, וועגן אַלערן. זאָג דאָס זיין פרוי. איך האָף, אַז אינגיכן וועט ער ווערן באַפרייט פון לאַגער און דעמאָלט וועט ער אַליין איר דע־פעשירן.

מיינע ליבע! קאָרעספּאָנדירן אויף אַ נאָרמאַלן וועג איז איצט נישט מעגלעך. די בריוו גיט איבער די חברים און זיי וועלן שוין געפינען אַ קירצערן וועג. יעדנפאַלס דאַרף מען ביים שרייבן זיין זייער פאָרזיכטיק — קיין שום זאַך חוץ פּערזענלעכע ענינים!

— —

פאַרוואָס, זאָשע, האָסטו מיר נישט צוגעשיקט דיין אַדרעס? איך וועל

*) די וואוינונג פון פּראָפ. שמעון דובנאָוו אין ריגע. — רעד.

שרייבן קיין ניו־יאָרק, אָבער נישט צו אָפט, ווייל ס'איז נישט אַזוי לייכט דאָ צו געפינען אַ געלעגנהייט.
אייער ה ע נ ר י ק

פּ. ס. ליבער אַלעש! נאָכן איבערלייענען זאַלסטו, פאַרשטייט זיך, אי־בערשיקן דעם בריוו דער מאַמען.

***

טייערער חבר עמנואל!

דערלויבט מיר קודם כל האַרציק אַרומנעמען אייך און אַלע חברים בונדיסטן, וואָס געפינען זיך היינט אין אַמעריקע. מיט וואָס פאַר אַ געפיל איך טו דאָס — פאַרשפּאָר איך צו זאָגן. עס זיינען געווען מאָמענטן אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר, ווען מיין שכל האָט מיר געזאָגט: „עס איז נישטאָ דער מינדסטער גרונט צו האָפן, אַז דו זאָלסט זיך ווען נישט איז זיך קאָנען שטעלן אין פאַרבינ־דונג מיט דיינע נאָענטסטע, מיט דיינע חברים און פריינט.“ אָבער אין האַרצן האָב איך געגלויבט, אַז עס וועט זיין אַנדערש. יעדנפאַלס האָב איך קיין איין מינוט נישט געצווייפלט, אַז איר אַלע אין אַמעריקע טוט אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך, כדי אַרויסצורייסן פון די נעגל פון נ.ק.וו.ד. מיך, וויקטאָרן און אַלע איבעריקע חברים, וואָס האָבן זיך געפונען אין די דאָזיקע נעגל. און אין נאָך איין זאַך בין איך זיכער: אויב די הערן פון נ.ק.וו.ד. האָבן נישט געוואָגט אָנצואווענדן צו מיר און צו וויקטאָרן קיין פיזישע גוואַלט, האָבן מיר דאָס צו פאַרדאַנקען ווידער אַמאָל אייער קאַמפּאַניע אין אַמעריקע.

אָבער לאָמיר איצט נישט ריידן וועגן דעם, וואָס עס איז געווען: וועגן דעם דאַרף מען ריידן מינדלעך אָדער שרייבן אויספירלעך פאַר דער גע־שיכטע און דאָס איז זייער שווער (איך מיין דאָס לעצטע), ווען שרייבן דעם אמת קאָנען מיר בלויז אויף דעם עקסטעריטאָריאַלן באָדן פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע. היינט וויל איך בלויז אין קנאַפּע ווערטער איבערגעבן די אויסטערלישע געשיכטע פון מיינע לעצטע צוויי יאָר.

דעם 4טן אָקטאָבער 1939 האָט מען מיך אַרעסטירט אין בריסק. נאָך 4 טעג בריסקער תפיסה האָט מען מיך אַרויסגעפירט קיין מאָסקווע. די אויס־פאָרשונג האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף. דעם 2טן מאַי 1941 האָב איך זיך גע־ווענדט צום פאָלקס־קאָמיסאַר מיט אַ קאַטעגאָרישער שריפטלעכער פאָדערונג מ'זאָל מיר ענדלעך זאָגן אין וואָס איך ווער באַשולדיקט. און אַזוי צי אַזוי — אָבער מאַכן אַ סוף. דעם 9טן מאַי האָט מען מיר „צוליב געטאָן“ און צו וויסן געגעבן, אַז איך ווער באַשולדיקט דערין, אַז:

1) איך בין געווען פאַרבונדן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואַזיע.

2) אַמאָל אַליין, אַמאָל צוזאַמען מיט וויקטאָרן האָב איך אין פאַרשטענ־דיקונג מיט דער פּוילישער דעפענסיווע אונטערגעהאַלטן באַציאונגען מיט אַ געהיימער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ראַטן־פאַרבאַנד און דורך איר געפירט

סאַבאָטאַזש־ און שפּיאָנאַזש־אַרבעט, באַזאָרגנדיק זי צו דעם צוועק מיט אינ־סטרוקציעס, מיט געלט־מיטלען און מענטשן.

דעם 26טן יוני האָט זיך אָנגעהויבן די אייגנטלעכע „אויספאָרשונג" וועגן די דאָזיקע פאַרברעכנס, אָבער שוין דעם 28טן יוני בין איך צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע אַרעסטירטע אַרויסגעפירט געוואָרן קיין סאַראַטאָוו אין אַ דאָרטיקער תּפיסה.

דעם 26טן יולי איז אָראָפּגעקומען צו מיר קיין סאַראַטאָוו מיין אויספאָרש־ריכטער פון מאָסקווע און מיר דערקלערט, אַז די „אויספאָרשונג" אין מיין עניין איז פאַרענדיקט. דאָ האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט אין דער פולער מאָס זיך צו באַקענען מיט דעם פאַנטאַסטישן אומזין, וואָס איז אין די יאָרן 1937 און 1938 אַרויסגעפּרעסט געוואָרן מיט פיזישער גוואַלט פון אָן אַ שיעור מענטשן (צווישן זיי — פון בערל גוטמאַן־זעליקאָוויטש) און וואָס האָט געדינט ווי אַ יסוד פון דער באַשולדיקונג קעגן מיר און וויקטאָרן.

דעם 30טן יולי האָט מען מיר דערלאַנגט מיין באַשולדיקונגס־אַקט; דעם 2טן אויגוסט האָט מען מיך געמשפּט און פאַרמשפּט צום טויט. איך האָב באַקומען 24 שעה אויף צו דערלאַנגען אַ קאַסאַציע. אַלס צייכן פון פּראָטעסט קעגן די שרעקלעכע באַדינגונגען אין וועלכע איך האָב זיך געפונען אין דער „טויטן־קאַמער", האָב איך געמאָלדן דעם געריכט, אַז איך זאָג זיך אָפּ פון מיין קאַסאַציע־רעכט. 25 טעג שפּעטער, דעם 27טן אויגוסט, האָט מען מיך געמאָלדן, אַז די טויט־שטראָף ווערט מיר פאַרביטן אויף 10 יאָר לאַגער.

דעם 9טן סעפּטעמבער האָט מען מיך אין אַ קופּע פון צווייטן קלאַס אַרויס־געפירט קיין מאָסקווע. דעם 11טן סעפּטעמבער האָט מען מיך מיט גרויס פּאַראַד באַפרייט און אַריינגעזעצט אין איינעם פון די רייכסטע האָטעלן פון מאָסקווע.

די פריינטלעכע אויפמערקזאַמקייט, וואָס מ'וויזט איצט אַרויס צו אונדז ביידן, איז נישט צו באַשרייבן. מען האַלט אונדז אין איין איבערצייגן, אַז מען האָט אונדז באַפרייט נישט אויפן סמך פון דעם אָפּמאַך מיט פּוילן, נאָר ווייל מ'האָט זיך איבערצייגט, אַז מ'איז געווען לגבי אונדז אומגערעכט, און מען וויל איצט פאַרגיטיקן אַלע עוולות, וואָס זיינען אונדז געטאָן געוואָרן...

איינע פון די אייגנשאַפטן, וואָס כאַראַקטעריזירן די מענטשן פון נ.ק.וו.ד. איז דער נאַאיווער גלויבן, אַז מיט שקר קאָן מען אַדורכגיין די גאַנצע וועלט און אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס מ'זאָל נישט קענען מענטשן איינריידן. אָן איבעריקער אויסדרוק פון דער טיפער פאַראַכטונג, וואָס דער קאָמוניזם האָט צו מענטשן.

אָבער לאָמיר פילאָסאָפיע לאָזן דערווייל אין אַ זייט — מיין ערשטן בריוו וויל איך ווידמען דער עיקר אַ ריי פּראַקטישע פּראָבלעמען.

אונזער ערשטע זאָרג, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך געפונען אויף דער פריי, איז געווען, פאַרשטייט זיך, וועגן אונזערע אַרעסטירטע חברים. מיר האָבן צונויפגעשטעלט צוויי רשימות, וואָס נעמען אַרום ביז 75 נעמען. מיר באַ־

מיען זיך וועגן זיי סיי דורך דער פוילישער אַמבאַסאַדע (וועלכע האָט אונז אָגב אויפגענומען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער האַרציקייט), סיי דורכן ב.ק.וו.ד. מען זאָגט אונז צו, אַז אַלע וועלן זיי ווערן באַפרייט. צום באַדויערן, זיינען מיר געוואויר געוואָרן אין ב.ק.וו.ד., אַז די חברטע אַנאַ ראָזענטאַל איז געשטאָרבן אין טורמע. מיר האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל אונז זאָגן — ווען, וואו און ביי וועלכע באַדינגונגען. מען האָט אונז צוגעזאָגט דאָס פעסטצושטעלן. ביז איצט ווייס איך גאָרנישט וועגן יוזעפן, קאַסאָווסקין, שלמהן, לייוויקן און שרהן. וועגן חיימען און שערערן שטויס איך זיך אָן, אַז זיי געפינען זיך אין אַמעריקע. גיט מיר תיכף צו וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט זיי אַלעמען. עס וואָלט געווען גוט, ווען איר שטעלט צונויף פאַר אונז אַ וואָס פולערע ליסטע פון אַלע אַרעסטירטע, וועגן וועלכע איר ווייסט — אפשר האָבן מיר ווען נישט איז אַדורכגעלאָזט.

איצט וועגן נאָך איין זייער וויכטיקן ענין. די פאַרשטייער פון ב.ק.וו.ד. טאַנצן אַרום אונז אויסערגעוויינלעך. די סיבה דערפון איז, וואָס זיי האָפן צו קענען אויסנוצן אונזערע פאַרבינדונגען אין אַמעריקע. מיר ווידער ווילן אויס־נוצן זיי, כדי זיך צו קענען פאַרבינדן מיט פוילן: זיי זיינען גרייט צו ברענגען אונז פון דאָרט פון אונזערע חברים אינפאָרמאַציע, זיי זיינען גרייט צו ברענגען קיין פוילן אונזערן אַ חבר פון דאַנען, אויב מיר וועלן דאָס האַלטן פאַר נויטיק. איך מיין, אַז איך פאַרשפּאַר צו זאָגן, אַז וועגן דעם, וואָס איך שרייב דאָ מעגן וויסן געציילטע חברים — וויניקער ווי די צאָל פינגער פון איין האַנט. איך וואָלט געהאַלטן בפירוש פאַר אַ פאַרברעכער יעטווידן איינעם, ווער ס׳וואָלט געטאָן וועגן דעם אַ פּיפּס.

כדי צו פאַרלייכטערן און צוצואיילן אונזער פאַרבינדונג מיט אייך, זיינען זיי גרייט דורך ספּעציעלע קאַנאַלן צושיקן אונזער קאָרעספּאָנדענץ, אַזוי אַז אַ בריוו פון אונז צו אייך זאָל גיין אַן ערך אַ וואָך צייט און דאָס גלייכן צוריק. מיר וועלן דאָס אויסנוצן. וואונדערט זיך דעריבער נישט, אויב איר וועט פּלוצים דורך סאָוויעטישע קרייזן באַקומען פון אונז ידיעות. צווישן אַנדערע וועט איר אינגיכן באַקומען פון אונז אַ פּלאַן פון אונזער אַרבעט, וואָס מיר האָבן פאַר זיי אָנגעוואָרפן. מיט דער היינטיקער פּאָסט שיקן מיר אייך אַ דאָ־קומענט — אַ דעקלאַראַציע, וועלכע מיר ביידע האָבן צוערשט מינדלעך און דערנאָך שריפטלעך אָפּגעגעבן דעם פּוילישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע. די דעקלאַראַציע, וועלכע איז זייער ערנסט און פריינטלעך אויפגענומען געוואָרן, ווערט תיכף איבערגעשיקט צו דער פּוילישער רעגירונג קיין לאָנדאָן. איך האָף, אַז איר וועט מיט איר זיין מסכים. דער אַמבאַסאַדאָר האָט אונז דערוויילי געוויזן די אינערלעכע פּאָליטישע פּלאַטפאָרם פון דער רעגירונג — אין די פראַגן, וואָס זיינען אונז נוגע, איז זי באַפרידיקנדיק.

— —

איך מוז ענדיקן. גיט אונז צו וויסן, ווען מיר דאַרפן שרייבן דאַנק־בריוו פאַר דער באַטייליקונג אין דער קאַמפּאַניע פאַר אונזער באַפרייאונג. זייט מיר אַלע האַרציק געגריסט, פון אייערע הענריק און וויקטאָר

פּ. ס. ס׳איז איבעריק אייך צו זאָגן, אַז אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געשריבן האָט אַ שייכות צו וויקטאָרן פּונקט ווי צו מיר.

וויקטאָר איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 26טן סעפּטעמבער אין קאָוועל. נאָכן אָפּזיצן דאָרט זעקס וואָכן האָט מען אים איבערגעפירט קיין לוצק. דעם 8טן דעצעמבער 1939 האָט מען אים איבערגעפירט קיין מאָסקווע. אויך זיין „אויס־פאָרשונג" האָט געדויערט 20 מאָנאַטן. אויך מיט אים האָט מען זיך באַגאַנגען נישט שלעכט, אָבער ער האָט געקעמפט דורך הונגער־שטרייקן. צוזאַמען האָט ער געהונגערט און האַלב־געהונגערט 4 מיט אַ האַלב מאָנאַטן.

דעם 20טן יולי 1941 האָט אַ געריכט אים פאַראורטיילט צום טויט. די באַשולדיקונג לויטעט:

ווי אַ מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט ער אין משך פון אַ ריי יאָרן געפירט אַן אַנטי־סאָוויעטישע טעטיקייט און אָנגעפירט מיט דער אומלעגאַלער אַרבעט פון „בונד" אין ראַטן־רוסלאַנד, זייענדיק אין דינסט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי.

מיט 10 טעג שפּעטער נאָכן אורטייל האָט מען אים אויך פאַרביטן דעם טויט־אורטייל אויף 10 יאָר לאַגער. דעם 14טן סעפּטעמבער האָט מען אים באַפרייט און איצט געפינט ער זיך צוזאַמען מיט מיר. ער איז זייער שטאַרק פיזיש אויסגעשעפּט, אָבער איצט פילט ער זיך בעסער און ער גלויבט, אַז אין עטלעכע וואָכן אַרום וועט ער זיך אומקערן צו זיין נאָרמאַלן פיזישן צושטאַנד.

עס איז זייער וואָרשיינלעך, אַז אין שייכות מיט אונזערע היגע שמועסן, וועט מיר איינגיכן אויסקומען צו לאָזן זיך אין וועג אַריין צו אייך. עס שטעלט זיך דעריבער די פראַגע וועגן אַ וויזע פאַר מיר (געדענקט, אַז לויטן פּאַס הייס איך הערש וואָלף). איך מיין אָבער, אַז אויף יעדן פאַל וואָלט גוט געווען צו האָבן אַ וויזע אויך פאַר וויקטאָרן.

װענדונגען צו סטאַלינען און בעריאַ

לויטן פֿאַרשלאַג פֿון דער סאָװיעטן-רעגירונג װעגן שאַפֿן אַ יידישן אַנטי-פֿאַשיסטישן קאָמיטעט, בראש פֿון װעלכן ס'האָבן געזאָלט שטיין ערליך און אַלטער, האָבן זײ בײדע זיך געװענדעט מיט אַ מעמאָראַנדום צו ס ט אַ ל י נ ע ן.

מיר ברענגען דאָ דעם װערטלעכן טעקסט פֿון מעמאָראַנדום, װי אויך דעם בריװ װעגן דעם צו ל. ב ע ר י אַ, דעם קאָמיסאַר פֿאַר אינערן-ענינים.

צום פֿאָלקס-קאָמיסאַר פֿאַר אינערן-ענינים

פֿון סאָװעטן-פֿאַרבאַנד, ל. פּ. בעריאַ!

זײער חשובער לאַװרענטי פּאַװלאָװיטש!

נאָך דעם שמועס מיט אײך האָבן מיר דורכגעפֿירט אַ רײ באַראַטונגען מיטן ציל אויסצואַרבעטן די אײנצלהײטן פֿון די יסודות, װעגן װעלכע מיר האָבן זיך מיט אײך פֿאַרשטענדיקט. דער רעזולטאַט פֿון די באַראַטונגען איז אַ װענדונג פֿון דער איניציאַטיװ-גרופּע װעגן דער גרינדונג פֿון אַ יידישן אַנטי-היטלערישן קאָמיטעט צום פֿאַרזיצער פֿון ראַט פֿון די פֿאָלקס-קאָמיסאַרן, מיט דער ביטע צו דערלויבן באַשאַפֿן אַזאַ קאָמיטעט אויף דער טעריטאָריע פֿון סאָװעטן-פֿאַרבאַנד.

אַ קאָפּיע פֿון דער װענדונג לײגן מיר בײ.

גלײכצײטיק װענדן מיר זיך צו אײך, זײער חשובער לאַװרענטי פּאַװלאָװיטש, מיט דער ביטע מיטצוהעלפֿן, די פֿראַגע זאָל גיך באַהאַנדלט װערן און זאָל פּאָזיטיװ געלײזט װערן.

מיט סאָציאַליסטישן גרוס

(—) ערליך

(—) אַלטער

מאָסקװע, אָקטאָבער 1941

צום פֿאַרזיצער פֿון ראַט פֿון די פֿאָלקס-קאָמיסאַרן

פֿון סאָװעטן-פֿאַרבאַנד, י. װ. סטאַלין!

זײער געערטער יאָסיף װיסאַריאָנאָװיטש!

קײנמאָל איז די ציװיליזירטע מענטשהײט ניט געשטאַנען פֿאַר אַזאַ סכנה, װי איצט: היטלער און דער היטלעריזם זײנען געװאָרן אַ טויטלעכע דראָאונג

פאַר אַלע דעראָבערונגען פון דער מענטשלעכער קולטור, פאַר דער אומאָפּהענ־גיקייט פון אַלע לענדער, פאַר דער פרייהייט פון אַלע פעלקער.

פון אויסגאַנג פון די גיגאַנטישע שלאַכטן וואָס קומען איצט פאַר אויף די גוואַלטיקע שטחים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, העננט אָפּ אויף יאָרן און יאָרן דער גורל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, דער גורל פון דער גאַנצער מענטש־הייט.

דער קאַמף קעגן אָט דער סכנה פאָדערט אַ גוואַלטיקע אָנשטרענגונג פון דער ענערגיע און כוחות פון אַלע די, וועלכע ווילן ראַטעווען זיך, זייער קולטור, זייער פאָלק און די גאַנצע מענטשהייט פון דעם גורל, וואָס ברענגט מיט זיך דער פאַשיסטישער באַרבאַריזם, אָנגעפירט דורך היטלערן.

היטלער שטרעבט צו פאַרשקלאַפן אַלע, אָן אויסנאַם, לענדער און פעל־קער, אָבער מיט אַ באַזונדערער גרויזאַמקייט פאַרפאָלגט ער די יידן. ער צע־טרעט אין שמוץ די מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע ווירדע פון דער יידישער באַ־פעלקערונג, ער שטעלט זי אויסער אַ וועלכן נישט איז געזעץ, אַפילו אויסער זיין אַן אייגענעם פאַשיסטישן געזעץ. ווי עס ווייזט אויס, איז זיין ציל די אויס־ראָטונג פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. עס איז דעריבער פאַר־שטענדלעך, אַז די יידישע פאָלקסמאַסן דאַרפן מיט אַ באַזונדערער ענערגיע און מסירת נפש אָנטייל נעמען אין קאַמף קעגן היטלעריזם. דאָס באַציט זיך אויף די יידישע בירגער פון די לענדער, פאַר וועלכע היטלערס באַרבאַריזם איז פון אַ דראָאונג שוין געוואָרן אַ גרויזאַמע ווירקלעכקייט. דאָס באַציט זיך אין אַ גלייכער מאָס אויך אויף די יידישע בירגער פון אַלע אַנדערע לענדער.

אַרויסגייענדיק פון דעם, האַלטן די אונטערגעשריבענע, ווי פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג פון לענדער, וואָס זיינען געוואָרן אַ קרבן פון היטלערס אַגרעסיע, פאַר נייטיק די גרינדונג פון אַ ספּעציעלן יידישן אַנטי־היטלער קאָמיטעט, און ווי אַן איניציאַטיוו־גרופּע ווענדן זיי זיך צו אייך, זייער געערטער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש, ווי צום פאָרזיצער פון ראָט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, מיט דער ביטע צו דערלויבן די גרינדונג אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע פון אַזאַ קאָמיטעט, וואָס זיין אַרבעט וואָלט זיך באַזירט אויף פאָלגנדיקע פּרינציפּן:

1. אַלגעמיינע באַשטימונגען

די גאַנצע אַרבעט פון יידישן אַנטי־היטלער קאָמיטעט (ייאַ״ק), קודם־כל זיין פּראָפּאַגאַנדע, מוז אַרויסגיין פון דער איבערצייגונג, אַז

א) די באַפרייאונג פון די יידישע מאַסן אין אַ וועלכער ניט איז לאַנד פון אונטערדריקונג בכלל און פון היטלערס רדיפות בפרט איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט דער באַפרייאונג פון אַלע פעלקער, וואָס לעבן אין דער זעלבער מלוכה;

ב) די אמתע באַפרייאונג פון די יידישע מאַסן פון נאַציאָנאַלער אונ־

טערדריקונג איז דענקבאַר נאָר ביי דער באַדינגונג, אַז אינם יסוד פונם מלוכה־לעבן פון לאַנד וועט ליגן דער פּרינציפּ פון סאָציאַלער גערעכטיקייט;

די יידישע פאָלקס־מאַסן פון אַלע לענדער דאַרפן דעריבער, צוזאַמען מיט די איבעריקע מאַסן פון דער באַפעלקערונג, פירן אַ קאַמף פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרייאונג.

2. די אויפגאַבן

1) סטימולירן און אָרגאַניזירן די ענערגיע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און, ווי ווייט מעגלעך, פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט אין אַלע לענדער צום קאַמף מיט אַלע מיטלען און כוחות קעגן היטלעריזם.

2) אָרגאַניזירן הילף פאַר די יידישע מאַסן אין די לענדער, וועלכע דער היטלעריזם (און בכלל דער פאַשיזם) האָט פאַרכאַפּט אונטער זיין הערשאַפט. דער ייא״ק האָט אויך בדעה צו העלפן די יידישע פּליטים פון יענע לענדער, וואָס געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דערפילנדיק זיינע אויפגאַבן וועט דער ייא״ק שטרעבן צו אַ שטענדיקער מיטאַרבעט מיט די רעגירונגען און אַמבאַסאַדעס פון די לענדער, וואָס קעמפן קעגן היטלעריזם און אויף וועמעס טעריטאָריע עס געפינט זיך אַ צאָלרייכע יידישע באַפעלקערונג.

3. מ י ט ל ע ן

1) דער ייא״ק אין סאָוו.־פאַרבאַנד וועט שטרעבן איינצושטעלן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט דער יידישער באַפעלקערונג פון די דורך דעם היטלעריזם פאַרשקלאַפטע לענדער, מיטן ציל — צו באַקומען פון דאָרטן פּינקטלעכע ידיעות וועגן דער לאַגע פון די יידישע מאַסן, צוגעבן מוט די מאַסן און העלפן זיי מיט אַלע מעגלעכע מיטלען אין זייער קאַמף קעגן היטלעריזם.

2) דער ייא״ק וועט איינשטעלן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט די גרעסערע פונקטן אין סאָוו.־פאַרבאַנד, וואו עס געפינען זיך פּליטים פון די אָנגעווייזענע לענדער, מיטן ציל:

א) מיטצוהעלפן, אַז אַלע די, וואָס זיינען פּעאיק צום מיליטער־דינסט, זאָלן אַריינטרעטן אין דער אַרמיי, וואָס זייער רעגירונג אָרגאַניזירט;

ב) אָרגאַניזירן הילפס־אָפּטיילונגען, וואָס זאָלן אַרבעטן פאַר דער אַרמיי און פאַר דער מיליטערישער פּראָדוקציע;

ג) העלפן איינאָרדענען ביי דער אַרבעט אַלע איבעריקע פּליטים אין די פאַר זיי צו דעם צוועק באַשטימטע ערטער.

3) איינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט אַ ריי פּערזאָנען און אָרגאַניזאַציעס אין אַמעריקע מיטן ציל צו העלפן פאַרברייטערן און פאַרטיפן די אַנטי־היטלערישע פּראָפּאַגאַנדע און פאַרשטאַרקן די קאַמפּאַניע לטובת:

א) מאַקסימאַלער הילף פון אַמעריקע פאַרן סאָוו.־פאַרבאַנד דורך אַמוניציע און מלחמה־מכשירים;

ב) מאַקסימאַלע קרעדיטן פאַרן סאָוו.־פאַרבאַנד.

4) צוציען די יידישע באַפעלקערונג פון אַמעריקע זיך צו באַטייליקן (מיט געלט אָדער לעבנסמיטלען) אין די הוצאות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער הילפסאַרבעט פאַר די יידישע פליטים, וואָס שטאַמען פון לענדער אָקופּירטע דורך היטלערן און געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון סאָוו.־פאַרבאַנד.

5) באַטראַכטן צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער חברים אויך אַנדערע אופנים פון אַקטיווער באַטייליקונג פון די אַמעריקאַנער יידן אין קאַמף קעגן היטלעריזם, בעת די גרעסטע לאַסטן פון אָט דעם קאַמף ליגן איצט אויפן סאָוו.־פאַרבאַנד.

6) אין די גרענעצן, וועלכע די באַדינגונגען מאַכן מעגלעך, צוטרעטן אויך אין ענגלאַנד צו דער אַרבעט, אַנאַלאָגיש צו דער, וואָס איז אין די פריער־דיקע פונקטן אָנגעמערקט דורכצופירן אין אַמעריקע.

7) אין זיין אַרבעט וועט דער ייִא״ק זיך באַנוצן סיי מיט מינדלעכער אַגיטאַציע, סיי מיטן געדרוקטן וואָרט אויף אַלע אופנים.

4. די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור פון ייִא״ק

1) דער פּראָיעקטירטער באַשטאַנד פון ייִא״ק אין סאָוו.־פאַרבאַנד:
7 פאַרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג פון די לענדער, וואָס געפינען זיך אונטער היטלערס הערשאַפט, און צו איין פאַרשטייער פון דער יידישער באַ־פעלקערונג פון סאָוו.־פאַרבאַנד, אַמעריקע און ענגלאַנד.

2) מיט דער אַרבעט פון ייִא״ק פירט אָן אוממיטלבאַר אַ פּרעזידיום אין באַשטאַנד פון דריי מענטשן: ה. מ. ערליך — פאָרזיצער, וו. א. אַלטער — סעקרעטאַר, און ———— *).

3) דער ייִא״ק אין סאָוו.־פאַרבאַנד ווײַלט אויס אַלס ערנמיטגלידער (צוזיכערנדיק זיך, פריער זייער צושטימונג) פאַרשטייער פון דער סאָוועטישער מאַכט, די אַמבאַסאַדאָרס פון אַמעריקע, ענגלאַנד און פּוילן און אַ ריי מאַסגעבנדיקע פּערזענלעכקייטן צווישן די פאַרשטייער פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן (וויסנשאַפט, קונסט, ווירטשאַפט) אין סאָוו.־פאַרבאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער.

4) דער ייִא״ק מעג באַשטימען זיינע באַפולמעכטיקטע אין די פונקטן פון סאָוו.־פאַרבאַנד וואו עס געפינט זיך אַ גרעסערע אָנזאַמלונג פון יידישע פליטים, און אויך דעלעגירן זיינען פאַרשטייער אין אַנדערע לענדער.

***

אָט דאָס זיינען די ריכטליניעס און אויפגאַבן פון פּראָיעקטירטן קאָמיטעט. מיר האָפן, אַז ביים ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון פאַרבאַנד פון די

*) דאָ איז איבערגעלאָזן פּלאַץ פאַר דעם דריטן מיטגליד פון פּרעזידיום, וואָס האָט געזאָלט זיין דער אַרטיסט מיכאָעלס — רעד

סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן וועלן זיך נישט אַרויסוויזן קיין מניעות דעם קאָמיטעט צו שאַפן.

מיט סאָציאַליסטישן גרוס! ה. ערליך
וו. אַלטער

מאָסקווע. אָקטאָבער 1941.

דער פּלאַן פון אונזער אַרבעט

1. אין פּוילן

1) אַרויסלאָזן אַן אויפרוף צו די יידישע מאַסן אין פּוילן. געפינען אַ וועג אַריבערצושיקן דעם אויפרוף אין פּוילן, אויך איבערגעבן זיין אינהאַלט דורכן ראַדיאָ און, ווען מעגלעך, אַראָפּוואַרפן פון עראָפּלאַנען.

2) בכלל איינאָרדענען דאָס אַריבערשיקן ליטעראַטור קיין פּוילן.

3) איינאָרדענען אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט פּוילן מיטן ציל צו שיקן אַהין דירעקטיוון און באַקומען פינקטלעכע און אויספירלעכע ידיעות וועגן דער יידישער באַפעלקערונג און יעדע אַנדערע מעגלעכע אינפאָרמאַציע און פּראָפּאַגאַנדע.

4) צו דער רעאַליזירונג פון די צילן, אַנגעוויזן אין די פּונקטן 2 און 3, אויסנוצן די עקזיסטירנדיקע פאַרבינדונג און אויך אַריבערשיקן קיין פּוילן אַ ספּעציעלן מענטשן.

2. צווישן די פּוילישע יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

1) פירן אַ ווערבירונגס־אַקציע מיטן ציל צוצוציען אַלע פּעאיקע צום מיליטער־דינסט אין די פּוילישע דיוויזיעס, וואָס ווערן אָרגאַניזירט אויף דער טעריטאָריע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

צו דעם ציל איז געוואונטשן:

א) צונויפזאַמלען מעגלעכסט גענויע ידיעות וועגן די פּוילישע בירגער־יידן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד;

ב) אַרויסגעבן אַן אַנטשפּרעכנדן אויפרוף;

ג) אַרויסטרעטן דורכן ראַדיאָ;

ד) נאָכדעם אַרויסלאָזן און פאַרשפּרייטן אייניקע בלעטלעך;

ה) באַשטימען אייגענע באַפולמעכטיקטע אין פּונקטן מיט אַ געוויסער באַדייטנדיקער צאָל פּויליש־יידישע פּליטים.

די גאַנצע אָנגעמערקטע אַרבעט דאַרף געפירט ווערן אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער אַמבאַסאַדע.

2) אָרגאַניזירן מיליטערישע הילפגרופּן (שניידער, שוסטער, צו רעמאָנט־אַרבעטן) אין רשות פון די אַרמייען (פאַר די פּוילישע דיוויזיעס ווי פאַר דער רויטער אַרמיי) פון פּוילישע בירגער־יידן, אומפּעאיקע צום וואָפן־דינסט.

ה. ערליך, סאָפיע דובנאָוו-ערליך, בערטאַ קאסטעלאַנסקי, וו. אַלטער, נח (פּאָרטנאָי),
נ. כאַנין, אברהם קאַסטעלאַנסקי.

ה. ערליך און יוסף וויינבערג.

ה. ערליך און י. שאַצקין.

ה. ערליך, מאַניע מייער, ש. גילינסקי.

ב. טאבאטשינסקי, ה. ערליך, לייבעטשקע בערמאַן, קריינדל טאבאטשינסקי.

מאיר דוד אַלטער, ה. ערליך, י. קעי.

ה. ערליך מיט אַ גרופּע חברים, צווישן זיי: מאיסעי גורעוויטש, דוד מייער, א. ליטוואַק.

קאָנטראָלירן די אַרבעט פון די אַרבעט־הילפס־גרופּן און זאָרגן דערפאַר, זי זאָל זיך פאַרפולקאָמען.

3) אַרבעט־איינאָרדענונג פאַר די איבעריקע פויליש־יידישע בירגער אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. די אַרבעט דאַרף געפירט ווערן אין קאָנטאַקט מיט דער פוילישער רעגירונג.

3. אין אויסלאַנד

אין דער ערשטער ריי אין די צפון־אַמעריקאַנער פאַראייניקטע שטאַטן

1) איינשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט אַ ריי פּערזאָנען און אָרגאַניזאַציעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן און מיט זייער מיטהילף צוטרעטן צו אַ קאַמפּאַניע כדי צו באַקומען:

א) מאַקסימאַלע הילף פון די פאַראייניקטע שטאַטן פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין מיליטערישע מכשירים און אַמוניציע.

ב) מאַקסימאַלע קרעדיטן פאַרן סאָוו.־פאַרבאַנד.

2) פאַרברייטערן און פאַרטיפן די אַנטי־היטלער־פּראָפּאַגאַנדע אין אויסלאַנד, קודם־כל אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

3) אויפהויבן די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן פון בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון אַנדערע לענדער אַ לעגיאָן, וואָס וואָלט אוממיטלבאַר אָנטיילגענומען אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי אין קאַמף קעגן דער היטלערישער אַגרעסיע. אין פאַל, ווען די אידעע וועט געפינען אַ צושטימונג אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און די רעגירונגען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און פון סאָוו.־פאַרבאַנד וועלן האָבן צו דעם אַ פּאָזיטיווע באַציאונג, גלייך אָנהויבן אַ קאַמפּאַניע לטובת דעם לעגיאָן און צוטרעטן אים צו אָרגאַניזירן.

4) צוציען די יידישע באַפעלקערונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן זיך צו באַטייליקן (מיט געלט און פּראָדוקטן) אין די הוצאות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער הילף פון די יידישע פליטים, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די לענדער, וועלכע היטלער האָט פאַרנומען, און געפינען זיך איצט אויף דער טעריטאָריע פון סאָוו.־פאַרבאַנד.

5) באַטראַכטן צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער חברים אויך אַנדערע פאָרמען פון אַן אַקטיווער באַטייליקונג פאַר די אַמעריקאַנער יידן אין קאַמף קעגן היטלעריזם, וואָס זיין גרעסטע לאַסט ליגט איצט אויפן סאָוו.־פאַרבאַנד.

6) אין די ראַמען, וואָס די אומשטענדן דערלויבן עס, צוטרעטן אויך אין ענגלאַנד צו דער אַרבעט, אַנאַלאָגיש צו דער, וואָס איז דורך די אויבנדיקע פּונקטן אָנגעמערקט פאַר די פאַר. שטאַטן.

7) כדי צו פאַרשטאַרקן און אַנטוויקלען די דאָזיקע אַרבעט אין די פאַר. שטאַטן און אין ענגלאַנד וועט אין דער נאָענטסטער צייט נויטיק זיין צו שיקן דעלעגאַטן קיין ניו־יאָרק און לאָנדאָן.

יידישער אַנטי-היטלערישער קאָמיטעט

כדי דורכצופירן אַ באַדייטנדיקן טייל פון דעם אָנגעמערקטן פּלאַן וואָלט געווען צוועקמעסיק צו גרינדן אַ יידישן אַנטי־היטלערישן קאָמיטעט, וואָס וואָלט געדאַרפט אַרבעטן לויט די פאָלגנדיקע כללים:

1. אַלגעמיינע באַשטימונגען און אויפגאַבן פון יידישן אַנטי־היטלערישן קאָמיטעט

1) די גאַנצע אַרבעט פון ייאַ״ק, און אין דער ערשטער ריי זיין פּראָפּאַגאַנדע, מוז אַרויסגיין פון דער איבערצייגונג, אַז:

א) די באַפרייאונג פון די יידישע מאַסן אין אַ וועלכער נישט איז לאַנד פון אונטערדריקונג בכלל און פון היטלערישער בפרט, איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיט דער באַפרייאונג פון אַלע פעלקער, וואָס לעבן אין דער זעלבער מלוכה;

ב) די אמתע באַפרייאונג פון די יידישע מאַסן פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג איז דענקבאַר נאָר ביי דער באַדינגונג, אַז דאָס מלוכה־לעבן פון דעם לאַנד וועט זיין געבויט אויפן פּרינציפּ פון סאָציאַלער גערעכטיקייט;

ג) די יידישע פאָלקסמאַסן פון אַלע לענדער דאַרפן דעריבער געמיינזאַם מיט די אַנדערע מאַסן פון דער באַפעלקערונג קעמפן פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג.

2) היטלער שטרעבט צו פאַרשקלאַפן אַלע לענדער און פעלקער; מיט אַ ספּעציעלער אַכזריות פאַרפאָלגט ער די יידן, שטעלנדיק זיך פאַר אַ ציל, ווי עס ווייזט אויס, זיי אינגאַנצן אויסצוראָטן. עס איז דעריבער נאַטירלעך, אַז די יידישע פאָלקסמאַסן דאַרפן מיט אַ באַזונדערער ענערגיע און מסירת־נפש זיך באַטייליקן אין קאַמף קעגן היטלעריזם.

3) אין דער ערשטער ריי דאַרפן די יידישע בירגער פון אַלע לענדער, וואָס געהערן צום אַנטי־היטלער־פראָנט, דערפילן ביז צום סוף דעם חוב, וואָס פאָדערט פון זיי זייער היימלאַנד. אויפוועקן און מאָביליזירן אין דער בויטיקער ריכטונג די גאַנצע ענערגיע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן און, ווען מעגלעך, פון דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט פון אַלע לענדער צום קאַמף קעגן היטלעריזם — דאָס איז די גרונט־אויפגאַבע פון יידישן אַנטי־היטלער קאָמיטעט. ביי דער דערפילונג פון אָט דער אויפגאַבע וועט דער ייאַ״ק דאַרפן שטענדיק מיטאַרבעטן מיט די רעגירונגען און מיט די אַמבאַסאַדעס פון די לענדער, וואָס קעמפן קעגן היטלעריזם און אויף די טעריטאָריעס, פון וועלכע עס געפינט זיך אַ מער אָדער ווייניקער צאָלרייכע יידישע באַפעלקערונג.

4) אַ ווייטערע אויפגאַבע פון ייאַ״ק איז — אָרגאַניזירן הילף פאַר די יידישע מאַסן אין די לענדער, וועלכע דער היטלעריזם (און בכלל דער פאַשיזם) האָט אונטעריאָכט.

2. דער באַשטאַנד פֿון ייאַ״ק

1) אין באַשטאַנד פון ייאַ״ק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גייען אַריין, פון איין זייט, פאָרשטייער פון די יידישע פאָלקסמאַסן פון די לענדער, וואָס געפינען זיך אונטער היטלערס הערשאַפט (פוילן, דייטשלאַנד, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיע, רומעניע א״אַ), און, פון דער אַנדער זייט, פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג פון סאָוו.־פאַרבאַנד, פון די פאַר. שטאַטן און ענגלאַנד.

אין באַשטאַנד פון פרעזידיום פון ייאַ״ק גייען אַריין:

ערליך — אַלס פאָרזיצער,

אַלטער — אַלס סעקרעטאַר, און

. . . . — אַלס דריטער מיטגליד.

2) דער ייאַ״ק אין סאָוו.־פאַרבאַנד ווילט אויס אַלס ערנמיטגלידער (פאַרזיכערנדיק זיך, פאַרשטייט זיך, פריער זייער צושטימונג) אַ פאָרשטייער פון דער סאָוויעטישער מאַכט, די אַמבאַסאַדאָרן פון די פאַר. שטאַטן פון אַמעריקע, פון ענגלאַנד און פוילן און אַ ריי מאַסגעבנדיקע פערזאָנען צווישן די פאָרשטייער פון דער סאָוויעטישער וויסנשאַפט, קונסט און מלוכה־ווירטשאַפט.

3) עס איז נויטיק זיך גלייך צו ווענדן צו אונזערע חברים און פריינט אין די פאַר. שטאַטן פון אַמעריקע און, ווען מעגלעך, אין ענגלאַנד, כדי אויפצוקלערן, צי עס איז מעגלעך צו באַשאַפן אויך דאָרטן יידישע אַנטי־היטלער קאָמיטעטן מיט די זעלבע באַשטימונגען און אויפגאַבן, ווי דער ייאַ״ק אין סאָוו.־פאַרבאַנד.

צו דער גרינדונג פון די ייאַ״ק אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד וועט נויטיק זיין צו שיקן דעלעגאַטן פון מאָסקווע.

באַדינגונגען צו רעאַליזירן דעם פּלאַן

דורכצופירן דעם פלאַן אין לעבן וועלן נויטיק זיין:

1) מענטשן. עס וועלן נויטיק זיין, לויט אונזער אויסרעכענונג, 20 מענטשן, וועלכע מיר וועלן, אין דער מאָס ווי די אַרבעט וועט זיך אַנטוויקלען, אויסקלייבן צווישן די פליטים פון פוילן.

2) טעכנישע מיטלען, קודם־כל אַ לאָקאַל פאַרן ביוראָ פון ייאַ״ק און קוואַרטירן פאַר זיינע מיטאַרבעטער (דערונטער אויך פאַר אונז).

3) פינאַנציעלע מיטלען. שפּעטער וועט עס מסתמא געלינגען צו באַקומען זיי, יעדנפאַלס טיילווייז, פון אַמעריקע, דערווייל וועט זיי מוזן אַסיגנירן די רעגירונג פון סאָוו.־פאַרבאַנד.

***

דער אָפיציעלער אָנפאַנג פון דער אַרבעט וועט זיך דאַרפן רעכענען פון דער דאַטע, ווען וועגן דער גרינדונג פון ייאַ״ק אין סאָוו.־פאַרבאַנד און וועגן זיין אַדרעס וועט געגעבן ווערן אַן עפנטלעכע מעלדונג.

ערליך, אַלטער.

לעצטע ווענדונג פון ה. ערליך און וו. אַלטער צו די יידישע פאָלקסמאַסן אין פוילן

פראַיעקט פון אַן אויפרוף געשריבן דורך די ח״ח וו. אַלטער און ה. ערליך, וואָס האָט געזאָלט געשיקט ווערן אין נאָמען פון אַנטי־היטלעריסטישן קאָמיטעט צו די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פוילן.

אַ גרוס אייך, ברידער און שוועסטער — יידישע פאָלקס־מענטשן אין פוילן!

מיר ווייסן, ווי מוראדיק עס איז די פּיין, אין וועלכער איר לעבט. אייער מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע ווירדע ווערט געטראָטן מיט די פיס, פאַר אייך איז ניטאָ קיין גערעכטיקייט, אויף אייך איז ניטאָ קיין געזעץ — דער פאַשיסטישער אַשמדאַי האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אייך אויסצוראָטן דורך הונגער, עפּידעמיעס און אַכזריותדיקער פיזישער גוואַלט.

אָבער זייט נישט געפאַלן ביי זיך, ווערט נישט פאַרצווייפלט — איר זייט די אַממייסטן געפּרואווטע, אָבער ניט די איינציקע: מער ווי אַ העלפט אייראָפּע שמאַכט היינט אונטער היטלערס פאַרבלוטיקטן שטיוול.

האָנט ביי האָנט מיט אייך לעבן די פּוילישע פאָלקס־מאַסן. היטלער וויל זיי פאַרוואַנדלען אין שקלאַפן, אין מיסט אויף די פעלדער פון דייטשלאַנד. אין אונטערדריקונג און עלנט לעבן די פאָלקסמאַסן פון טשעכאָסלאָוואַקיע, דענע־מאַרק, נאָרוועגיע, בעלגיע, האָלאַנד, פראַנקרייך, יוגאָסלאַוויע, גריכנלאַנד, רומעניע און די פאָלקסמאַסן פון דייטשלאַנד גופא און פון זיינע פאַרבינדעטע. און זייט עטלעכע חדשים ווייזט היטלער אַרויס זיין חיהשקייט אויף גרויסע שטחים פון סאָוועטישער ערד.

עס איז אַ משוגענע איינרעדעניש, אַז אים וועט זיך איינגעבן צו פאַר־שקלאַפן אַ וועלט. אויף די פלאַכן פון ראַטן־פאַרבאַנד האָבן היטלערס חיילות אָנגעטראָפן אויף אַ העראָאישן ווידערשטאַנד. דייטשלאַנדס שטעט ווערן חרוב פון ענגלישע און אַמעריקאַנישע באָמבעס. דאָס אָנגעראַבעוועטע האָב־און־גוטס קלעקט ניט אויף אָנצוזעטיקן דאָס דייטשע פאָלק. און די אונטערדריקטע פעל־קער זיינען שוין אויפגעשטאַנען צום קאַמף קעגן דעם אויסגעלאַסענעם אונ־טערדריקער.

זייט נישט געפאַלן ביי זיך, פאַרלירט נישט דעם מוט. שליסט זיך איין אין דעם קאַמף פון אַלע אונטערדריקטע קעגן דער ווילדער אָנשיקעניש פון היטלעריזם. שטעלט אַנטקעגן דעם אונטערדריקער אַן אייזערנע מויער פון אומברחמנותדיקן האַס. באַווייזט מיט אייער האַלטונג, אַז איר זייט ווירדיק צו לעבן ווי פרייע מענטשן, צו געניסן פון אַלע מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט. נישט דורך אַפּהענטיקייט, נישט דורך תעניתים און תפילות, נאָר דורך מסירת־נפשדיקע רעוואָלוציאָנערע מעשים וועט איר דערגרייכן אייער פרייהייט.

דער יידישער אַנטי־היטלעריסטישער קאָמיטעט האָט די אויפגאַבע צו

וועקן די יידישע פאָלקסמאַסן פון דער גאַנצער וועלט און צו רופן זיי, זיי זאָלן אייך קומען צו הילף אין דעם דאָזיקן קאַמף, זיי זאָלן אָנשטרענגען אַלע זייערע כוחות און מיט אַלע מעגלעכע מיטלען זיך באַטייליקן אין קאַמף קעגן דעם שונא פון דער מענטשהייט און דם־שונא פון יידישן פאָלק, — דעם היט־לעריזם.

זאָל יעדער אויף זיין אָרט טאָן דאָס, וואָס צו אים געהערט. פאַראייניקט אייערע כוחות מיט די כוחות פון די פוילישע פאָלקס־מאַסן, ווייל נאָר אין גע־מיינזאַמען קאַמף מיט זיי פאַר דער באַפרייאונג פון לאַנד וועט איר באַפרייען אויך זיך אַליין.

און אַלע צוזאַמען, פאַראייניקט מיט די אונטערדריקטע פון אַנדערע לענ־דער, וועלן מיר בייקומען דעם פיינט און אויף די חורבות פון זיין ממשלה אויפבויען אַ נייע, אַ פרייע און גערעכטע וועלט.

דעקלאַראַציע צום פוילישן אַמבאַסאַדאָר אין מאָסקווע

מאָסקווע, 24טן סעפּטעמבער, 1941

הער אַמבאַסאַדאָר!

ווען עס האָבן זיך מיט צוויי יאָר צוריק פאַרמאַכט הינטער אונז די תפיסה־טויערן, זיינען מיר אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין פוילן געווען די פאָרשטייער פון דער גרעסטער פּאָליטישער ריכטונג, וואָס האָט געגאַנגען דעם צוטרוי פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. מיר גלויבן, אַז אויך איצט, ווען מיר האָבן באַקומען די מעגלעכקייט זיך אומצוקערן צום אַקטיוון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָבן מיר דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון די דאָזיקע מאַסן. און דעריבער האַלטן מיר פאַר אונזער חוב אין דעם איצטיקן אויסערגעוויינטלעכן היסטאָרישן מאָמענט איבערצוגעבן דעם הערן אַמבאַסאַדאָר, און דורך אים — דער גאַנצער פוילישער געזעלשאַפטלעכקייט, אונזער שטעלונג אין די צוויי וויכטיקסטע אַקטועלע פּראָבלעמען — בנוגע מלחמה און שלום.

קאַמף קעגן היטלערן און היטלעריזם, קאַמף מיט אַלע מיטלען, קודם־כל קאַמף מיט אַלע וואָפן, איז דער חוב פון יעדן מענטשן, וואָס האָסט באַרבאַריזם און נידערטרעכטיקייט, פון יעדן פאָלק, וואָס האָט ליב פרייהייט. ווי סאָציאַ־ליסטן און בירגער פון פוילן, וואָס איז פון היטלערן אַזוי אַכזריותדיק פאַר־שקלאַפט, שטעלן מיר זיך אין די רייען פון די קעמפער קעגן דער האַקנקרייץ־בעסטיע. ווי זין פון יידישן פאָלק, וואָס ווערט פון היטלערן באַזונדערס גע־שענדעט און גערודפט, האַלטן מיר פאַר אונזער ספּעציעלן חוב דורך דער גרעסטער אָנשטרענגונג פון אַלע אונזערע כוחות זיך צו באַטייליקן אין קאַמף צום שוץ פון אונזער מענטשלעכער ווירדע.

היינט, ווען אויפן באָדן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד באַשאַפט זיך אַ נייע פוילישע אַרמיי, כדי ווייטער צו פירן דעם קאַמף קעגן היטלערן, וועגדן מיר

זיך צו אַלע יידן פוילישע בירגער, וועלכע זיינען פעאיק צו טראָגן וואָפן און געפינען זיך אויף דער טעריטאָריע פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, מיטן רוף:

צו די וואָפן! שטעלט זיך אין די רייען פון די זעלנער, וואָס גרייטן זיך נאָכאַמאָל צו באַצאָלן מיט זייער אייגן בלוט פאַר דאָס רעכט פון פוילן אויף אַ פריי לעבן, וואָס ווילן צוזאַמען מיט די אַרמייען פון די פאַראייניקטע פעלקער באַפרייען פוילן און די גאַנצע וועלט פון דער ברוינער בעסטיע, פון קנעכט־שאַפט. און די צווישן אייך, וואָס זיינען ניט אימשטאַנד צו טראָגן וואָפן, זאָלן נישט זשאַלעווען קיין מי, כדי צו פאַרלייכטערן דער אַרמיי די דערפילונג פון אירע אויפגאַבן, כדי צו דערנענטערן דעם נצחון.

די באַטייליקונג אין דער איצטיקער מלחמה פאַר פרייהייט איז אַ חוב און אויך אַ פריווילעגיע, וואָס פאַרשאַפט כבוד. אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן און פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָבן אונז געשאָנקען זייער צוטרוי, ערקלערן מיר די גרייטקייט צו דערפילן דעם חוב און פאָדערן, עס זאָל אונז געגעבן ווערן די מעגלעכקייט אויסצונוצן דאָס דאָזיקע רעכט.

אַזוי פיל וועגן דער מלחמה. נישט אָפּטיילבאַר פון מלחמה־פּראָבלעם איז די פראַגע וועגן שלום, וועגן אַ נייעם פוילן. מיר לאָזן איצט אָן־אַ־זייט די פעלערן פון דער אַלגעמיינער פוילישער פּאָליטיק אינם פאַרמלחמה פעריאָד און אויך די עוולות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן לגבי דער יידישער באַ־פעלקערונג פון פוילן. מיר ווילן היינט בלויז פעסטשטעלן די פאַר אונז אומ־צווייפלהאַפטע קאָנסעקווענצן פון די היסטאָרישע דערפאַרונגען פאַר די לעצטע יאָרן:

1) פוילן וועט קענען עקזיסטירן אָן אַ שטענדיקער באַדראָאונג צו פאַר־לירן איר פרייהייט נאָר אין אַ פרייער, דעמאָקראַטישער אייראָפּע.

2) אַ פרייע, דעמאָקראַטישע אייראָפּע קאָן אַנטשטיין, קאָן פאַרזיכערן איר עקזיסטענץ און זיך אַנטוויקלען אין באַדינגונגען פון פרידלעכע אַרבעט נאָר דאַן, ווען גלייכצייטיק מיטן מיליטערישן נצחון איבער היטלערן וועלן די לענדער פון אייראָפּע צוטרעטן צו אַ דעצידירטן און ראַדיקאַלן געזעלשאַפטלעכן איבערבוי, וואָס זאָל מיטן וואָרצל אַרויסרייסן נאַציאָנאַליזם, אימפּעריאַליזם און די סכנה פון נייע מלחמות, וואָס ליגן אין דער נאַטור פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדענונג.

3) דער נייער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע פון די אייראָפּעאישע לענדער דאַרף אַנטשפּרעכן אַ נייע פּאָליטישע סטרוקטור פון אייראָפּע, באַזירט ניט אויף אַנטאַגאָניזמען און קעגנזייטיקן קאַמף פון די איינצלנע לענדער, נאָר אויף דער געמיינזאַמקייט פון זייערע אינטערעסן און דער גרייטקייט צו אַ געמיינזאַמער פאַרטיידיקונג קעגן אַ געמיינזאַמער סכנה.

4) דאָס נייע פוילן מוז זיין אָן אַקטיווער מיטגליד פונם פאַרבאַנד פון די לענדער, וואָס וועלן באַשטימען דעם גורל פון דער קינפטיקער אייראָפּע

אינם גייסט פון פּאָליטישער פרייהייט, געזעלשאַפטלעכן יושר און נאַציאָנאַלער גלייכהייט. דאָס באַדייט, נאַטירלעך, אַז אָט די פּרינציפּן מוזן אָנגעווענדט ווערן סיי אין אינערלעכן לעבן פון פּוילן גופא, סיי אין די באַציאונגען מיט אַנדערע לענדער און פעלקער.

5) די דערגרייכונג פון אַלע די צילן הענגט אָפּ פון דער אַנטשלאָסנקייט און שעפערישער ענערגיע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון שטאָט און דאָרף אין פּוילן, פון זייער פעאיקייט צו פאַרווירקלעכן אין לעבן זייער וויזיע פון אַ פּוילן — אַן אמתער מוטער פון אַלע אירע איינוואוינער.

די דורך אונז רעפּרעזענטירטע יידישע מאַסן פון פּוילן שטעלן מיט זיך פאָר אַן אָרגאַנישן טייל פון אירע אַרבעטנדיקע מאַסן און וועלן נישט זשאַלעווען קיין אָנשטרענגונגען, כדי צוזאַמען מיט זיי אָנטייל צו נעמען אויפן פּרוכטבאַרסטן אופן אין אויפבויען אַ ניי פּוילן, באַזירט אויפן וואוילשטאַנד פון איר באַפעלקערונג און אויף דער פרייער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אירע בירגער.

אַרויסגייענדיק פון די דאָזיקע פּרינציפּן, טרעטן מיר צו צו דער אַרבעט אויפן באָדן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער הויפּט־טייל פון אונזער אַרבעט וועט באַשטיין אין אונזער באַטייליקונג אין דער ווערבירונגס־אַקציע פאַרן פּוילישן מיליטער צווישן די יידישע פּליטים און אויך אויפן געביט פון סאָציאַלער פאַרזאָרגונג פאַר די פּליטים. אונזער אַרבעט ווילן מיר פירן אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער אַמבאַסאַדע און מיר האָפן, אַז צו אַ האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט וועלן קיין שום שטערונגען נישט זיין.

(—) ה. ערליך
(—) וו. אַלטער

אינטערנאַציאָנאַלע פּראָטעסט־אַקציע קעגן מאָרד

די ידיעה וועגן מאָרד האָט געמאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. זי האָט אַרויס־גערופן טיפן טרויער און פלאַמיקן פּראָטעסט ביי מיליאָנען אַרבעטער און סתם ערלעכע מענטשן, צו וועמען די ביטערע בשורה איז נאָר דערגאַנגען.

די גאַנצע פּרעסע פון אַמעריקע, ווי פון אַ ריי אַנדערע אַליאירטע לענדער (אַחוץ ראַטן־רוסלאַנד), ווי אויך פון די פּאָר פאַרבליבענע נייטראַלע מלוכות, האָט וועגן דעם געשריבן. דערמיט אַליין איז שוין איבערגעשטראָכן געוואָרן סטאַלינס חשבון, אַז מען וועט צוליב דער מלחמה דעם אומגעהויערן פאַרברעך פאַרשווייגן.

מיטן אויסנאַם פון דער קאָמוניסטישער פּרעסע, האָט די גאַנצע אַרבעטער־פּרעסע, ווי אויך אַ ריי ראַדיקאַלע און בירגערלעך־דעמאָקראַטישע צייטונגען און זשורנאַלן, שאַרף פאַראורטיילט סיי דעם באַגאַנגענעם פּיזישן מאָרד, סיי דעם געפּלאַנטן מאָראַלישן מאָרד איבער די צוויי לויטערע אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער.

מיר זיינען נישט אימשטאַנד צו פאַרנאָטירן אַלע שטימען פון דער פּרעסע, פון אָרגאַניזאַציעס, פון פאַרזאַמלונגען, — הונדערטער און הונ־דערטער טרויער־ און פּראָטעסט־רעזאָלוציעס פון פּאָליטישע, טרייד־יוניאָניסטישע און ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס אין דער גאַנצער וועלט, — שטימען פון ווייטיק, צאָרן און פּראָטעסט. מיר באַגרענעצן זיך מיט ברענגען אייניקע מוסטערן.

אין נאָמען פון דער יידישער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן

„אין אַ מאָמענט, ווען די פאַרפייניקטע יידישע באַפעלקערונג אין נאַצי־אייראָפּע גייט אָפּ אין בלוט, ווען טויזנטער אונזערע ברידער און שוועסטער און צווישן זיי די בעסטע און מוטיקסטע זין פון אונזער פאָלק, ווערן טאָג־טעגלעך אויסגעקוילעט — אין אָט דעם מאָמענט פון שוידערלעכסטער אַנטי־יידישער היטלער־באַרבאַריי, האָבן אָפיציעלע סאָוועטישע פאַקטאָרן אין אַמעריקע פאַר־עפנטלעכט די ידיעה, אַז די צוויי הויפּט־פירער פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבע־טער־„בונד" אין פּוילן און די גייסטיקע אינספּיראַטאָרן פון יידישן אונטער־ערדישן אַנטי־נאַצי־קאַמף, הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, זיינען אומגע־בראַכט געוואָרן אין אַ סאָוועטישער טורמע.

די ראָל, וואָס די צוויי פּערזאָנען האָבן געשפּילט אין דער יידישער, אין דער פּוילישער און אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג די שוידערלעכע טאָט, וואָס איז לגבי זיי באַגאַנגען געוואָרן; דער שענדלעכער בלוט־בלבול, וואָס מען האָט אויף זיי אויסגעטראַכט; זייער ערע און די ערע פון די ברייטע יידישע מאַסן, פאַר וועלכע ערליך און אַלטער זיינען געוועזן און וועלן בלייבן אַ פאַן — דאָס אַלץ באַוועגט אונז, די נאָענטסטע פריינט און מיט־קעמפער פון די דערמאָרדעטע, אָפּצוגעבן די פאָלגנדיקע דערקלערונג פאַר דער עפנטלעכקייט:

הענריק ערליך איז אומגעבראַכט געוואָרן אין זיין 61טן לעבנסיאָר, וויקטאָר אַלטער אין 52טן. ביידע זיינען פון פריסטער יוגנט געשטאַנען אין די פאָ־דערשטע רייען פון דער יידישער און אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, צוערשט אין דער צאַרישער צייט און דאַן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין אומאָפּהענגיקן פוילן.

זינט 1919 זיינען זיי געוועזן די אָנערקענטע פּאָליטישע און גייסטיקע פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און דורך איר אויך פון די ברייטסטע יידישע מאַסן אין פוילן. אין וואָרט און שריפט; אין טויזנטער אַרטיקלען פון דער טעגלעכער און פעריאָדישער אַרבעטער־פּרעסע; אין ביכער און בראָשורן אין דער יידישער, פּוילישער, פראַנצויזישער און ענגלישער שפּראַך; אויף אומצאָליקע יידישע און פּוילישע פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן, קאָנגרעסן; פון די טריבונעס פון וואַרשעווער שטאָט־ראָט; אויף אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַ־ליסטישע און אַרבעטער־קאָנגרעסן, קאָנפערענצן און עקזעקוטיוו־זיצונגען — אומדערמידלעך און אומבויגזאַם האָבן זיי געוועקט און געשטאַרקט דעם גלויבן אין אַ נייער וועלט, אַ וועלט פון פרייהייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם.

אומשטערבלעך איז זייער ראָל אין דעם קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט אין פוילן קעגן פאַשיזם, נאַציזם, אַנטיסעמיטיזם, אומבאַשרייבלעך איז די ליבע און אַכטונג, דער דרך־ארץ און צוטרוי, וואָס האָבן זיך געצויגן צו זיי מצד דער יידישער פאָלקס־מאַסע און אינטעליגענץ נישט בלויז פון פוילן, נאָר אויך ווייט איבער די גרענעצן פון דאָזיקן לאַנד, אויך דאָ, אין אַמעריקע.

פון זייער פעדער איז אַרויס, ביים אויסברוך פון דער איצטיקער מלחמה, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, דער פלאַמיקער רוף פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פוילן צו די יידישע מאַסן נישט צו זשאַלעווען קיין כוחות און קרבנות און אַריינוואַרפן זיך מיט לייב און לעבן אין הייליקן קריג פאַר דער צעשמעטערונג און פאַרניכטונג פון היטלעריזם און פאַשיזם.

סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1939 זיינען זיי אַרעסטירט געוואָרן אין מזרחדיקן טייל פון פוילן, באַלד נאָך דעם, ווי די סאָוויעטן האָבן יענע געביטן פאַרנומען. צוויי יאָר האָט די סאָוויעטן־רעגירונג געהאַלטן זיי אין תפיסה. און אָן דעם מינדסטן עפנטלעכן קאָנטראָל, אַפילו אָן יעטוועדער פיקציע פון קאָנטראָל, זיינען זיי ביידע פאַרמשפּט געוואָרן צוערשט צום טויט און דאַן (ס'איז שוין

געווען קריג צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד) האָט מען זיי „באַגנעדיקט" צו 10 יאָר תפיסה, אונטער דער ווילדער אומזיניקער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן כלומרשט „מיטגעאַרבעט מיט דער פּוילישער דעפענסיווע" (געהיים־פּאָליציי). ערשט אַדאַנק דעם פּויליש־רוסישן אָפּמאַך זיינען זיי — אין סעפּטעמבער 1941 — אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון דער סאָוויעטישער טורמע.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

באַלד נאָך זייער אַרויסגיין פון דער סאָוויעטישער טורמע האָבן ה. ערליך און וו. אַלטער אַרויסגעשיקט פון מאָסקווע קיין ניו־יאָרק אַ דעפּעשע אין וועלכער זיי האָבן דערקלערט: „מיר זעצן פאָר דעם געמיינשאַפטלעכן קאַמף קעגן פאַשיזם און פאַר סאָציאַליזם".

אין הסכם דערמיט האָבן זיי — ווי פּוילישע בירגער, דורך דער פאַרמיטלונג פון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין מאָסקווע — אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די יידישע פּליטים, פּוילישע בירגער, וואָס האָבן זיך געפונען אין סאָוויעט־רוסלאַנד אַנצושליסן זיך אָן דער פּוילישער אַרמיי, וואָס האָט זיך דאַן געגרינדעט אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע מיטן הסכם פון דער סאָוויעטן־רעגירונג. זיי האָבן גערופן: „צום וואָפן"! — צו באַטייליקן זיך מיט געווער אין האַנט אין דעם קאַמף פון די פאַראייניקטע פעלקער פאַר פרייהייט — פאַר „באַפרייען פוילן און באַפרייען די גאַנצע וועלט פון דעם געשפּענסט פון ברוינער קנעכטשאַפט".

נאָר געציילטע וואָכן זיינען זיי געווען אויף דער פריי.

איצט דערוויסן מיר זיך פון אָפיציעלע סאָוויעטישע קוועלן אין אַמעריקע, אַז אין דעצעמבער 1941 זיינען זיי ביידע פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און דער אורטייל איז געוואָרן אויסגעפירט. אויף אַ געהיימען אופן, ביי געהיימע אומשטענדן, אָן דעם מינדסטן עפנטלעכן קאָנטראָל, אפילו אָן אַ שיין פון אַזאַ קאָנטראָל, און אונטער דער ווילדער אַזן שענדלעכער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן כלומרשט „גערופן די סאָוויעטישע סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן אויפהערן בלוט־פאַרגיסונגען און באַלד שליסן אַ שלום מיט דייטשלאַנד".

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר דערקלערן:

דער פּרואוו פאַרצושטעלן ה. ערליכן און וו. אַלטערן אַלס נאַצי־אַגענטן איז אַ שענדלעכער און נידערטרעכטיקער בלוט־בלבול. די וואָס האָבן אים אויסגעטראַכט, זיינען נישט אימשטאַנד צו וואַרפן אַ פלעק אויף דעם קרישטאָל־ריינעם כאַראַקטער פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, אויף זייער אַבסאָלוטע טרייקייט צו די אידעאַלן פון פרייהייט, פּראָגרעס און מענטשלעכקייט, אויף זייער ליכטיקן און הייליקן אָנדענק.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר שטעלן פעסט:

הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער זיינען נישט געווען קיין קאָמוניסטן. זיי האָבן געקעמפט פאַר דער אָרדענונג, וואָס וועט צונויפפאָרן סאָציאַליזם מיט פרייהייט, מיט דעמאָקראַטיע, מיט פולן רעספּעקט פאַרן מענטשלעכן יחיד. נישט פאַרמאַכנדיק די אויגן אויף די נעגאַטיווע זייטן פון דער רוסישער ווירקלעכקייט, האָבן זיי אָבער אָנערקענט אויך די פּאָזיטיווע עלעמענטן אין דער סאָוועטישער אויפבוי־אַרבעט, און האָבן זיך אָריענטירט אויף דער צוזאַמענאַרבעט פון דעם סאָוועט־פאַרבאַנד מיט די וועלט־כוחות פון דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס און סאָציאַליזם.

ה. ערליך און וו. אַלטער,ביידע מיטגלידער פון עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, זיינען ד י ע ר ש ט ע נ י ט־ר ו ס י ש ע א ו ן נ י ט־ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע אַ ר ב ע ט ע ר־פ י ר ע ר, וועלכע די סאָוועטן־רעגירונג האָט זיך דערלויבט צו אַרעסטירן, צו משפּטן און צו טויטן פּאַקטיש בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען פרייהייטלעכע סאָציאַליסטן, סאָציאַליסטן מיט אַ נאָמען און איינפלוס אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

די דערמאָרדונג פון ה. ערליך און וו. אַלטער איז דער ערשטער פון אַזאַ מין פאַל זינט דעם אויסברוך פון קריג. דאָס באַווייזט אויפסניי די שווידערלעכע פאַלגן, צו וועלכע עס פירט אַ רעזשים פון טעראָר און ווילקיר, און דאָס אַנטפּלעקט באַשיימפּערלעך די גרויסע געפאַרן, וואָס לויערן פון זיין זייט פאַר דער נייער אָרדענונג, וועלכע וועט דאַרפן געבויט ווערן אויף די חורבות פון פאַשיזם און נאַציזם.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די דערמאָרדונג פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער איז אַ שענדונג פון די הויכע צילן און אידעאַלן, פאַר וועלכע עס בלוטיקן צענדליקער מיליאָנען מענטשן, — מיטגלידער פון דער פאַראייניקטער פעלקער־משפּחה.

מיר מאַכן דערפאַר נישט פאַראַנטוואָרטלעך און פאַרדאַמען נישט דאָס סאָוועטישע פאָלק, נאָר די, וואָס רעגירן היינט אין זיין נאָמען. זיי זיינען שולדיק פאַר נאָך מער פאַרטיפן דעם טראַגישן תהום צווישן דער וועלט פון סאָציאַליזם און קאָמוניזם!

מיר וועלן קיין מאָל ניט פאַרגעסן זייער בלוט־טאַט!

דער יאָרטאָג פון זייער פאַרברעכן — וועט פאַרבלייבן אַ טאָג פון הייליקן אָנדענק נאָך הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועט זיין אויף דער וועלט אַ יידישער אַרבעטער־קלאַס און אַ סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג!"

אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד („בונד") אין פוילן.
אויסלענדישע דעלעגאַציע פון יוגנט־בונד „צוקונפט" אין פוילן.

ניו־יאָרק, מערץ 1943.

אין נאָמען פון דער פּוילישער אונטערערדישער אַרבעטער־באַוועגונג

די דעלעגאַציע פון פּ.פּ.ס. (פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי), וועלכע פאַרטרעט די פּוילישע אונטערערדישע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט אין לאָנדאָן אָנגענומען פאָלגנדע רעזאָלוציע:

די מיטגלידער פון פּ.פּ.ס., וועלכע געפינען זיך ציטווייליק אין גלות, ערן מיט געבויגענע קעפּ דעם אָנדענק פון וויקטאָר אַלטער און הענריק ערליך. די ידיעה וועגן זייער הינריכטונג האָט אונז איפּגעטרייסלט ביז דער טיפעניש פון דער נשמה. אונז האָט פאַראייניקט מיט זיי אַ סך מער ווי בלויז פּערזענלעכע פריינדשאַפט. זיי זיינען געווען אונזערע חברים אין טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר פרייהייט, דעמאָקראַטיע, אַרבעטער־רעכט און סאָציאַליזם אין דער פּוילישער רעפּובליק. ווי פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיי באַטראַכט פאַר זייער ערשטע פליכט צו קעמפן פאַר אַ בעסערן גורל פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן, אָבער אויף קיין איין מינוט האָבן זיי ניט פאַרגעסן וועגן דער פליכט פון עכטער און פולער סאָלידאַריטעט מיט די פּוילישע אַרבעטער־ און פּויערים־מאַסן און זייער באַוועגונג.

אַ דאַנק דער אַרבעט פון ערליכן און אַלטערן און אונטער זייער אָנפירערשאַפט איז אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם די סאָלידאַריטעט פון אַלע אונטערדריקטע בירגער אין פּוילן, אָן אונטערשיד פון אָפּשטאַמונג, רעליגיע און נאַציאָנאַליטעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַפילו די לאַנג־דויערנדיקע סאָוויעטישע טורמע האָט ניט דערשטיקט זייער גייסט. דורך דער קורצער צייט פון זייער געפינען זיך אויף דער פריי, אין סעפּטעמבער, 1941, האָבן זיי גערופן די יידן, פּוילישע בירגער, וואָס האָבן זיך געפונען אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד, צו אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן דער דייטשער אָקופּאַציע.

מיר פאַראורטיילן אַמשאַרפסטן די באַליידיקונגען, וואָס ווערן געוואָרפן דורך די מערדער אויף זייערע קרבנות. מיר וועלן נישט גלויבן קיין שום בלבולים, וואָס וועלן אויף זיי געוואָרפן ווערן. מיר האָבן געקענט די דאָזיקע צוויי חברים, זיי זיינען אין משך פון צענטליקער יאָרן געשטאַנען מיט אונז אין די זעלבעליידן און פיין. קיינער און גאָרנישט וועלן נישט זיין אימשטאַנד צו באַליידיקן די קברים פון די צוויי קעמפער פאַר פרייהייט, פאַר סאָציאַליזם און אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן.

זייערע געשטאַלטן וועלן נישט דערגרייכט ווערן פון די הויפנס בלאָטע, מיט וועלכע מען וויל זיי באַוואָרפן נאָך זייער טויט. די אַרבעטער־מאַסן פון פּוילן וועלן צוגלייך מיט דער גרויסער צאָל קרבנות, וועלכע זיינען געפאַלן אויף דער פּוילישער ערד אין קאַמף קעגן די נאַציס, אין טיפער דאַנקבאַרקייט טראָגן דעם אָנדענק פון ערליך און אַלטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי און אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען פון דער עמיגראַציע אין לאָנדאָן

דעם 26טן מערץ, 1943, האָבן די פירער פון אַ ריי סאָציאַליסטישע פּאַר־טייען צוגעשיקט צו דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פון דער פּוילישער סאָ־ציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) אַ געמיינזאַמע דעקלאַראַציע, אַז זיי סאָלידאַ־ריזירן זיך מיט דער פריער געבראַכטער רעזאָלוציע פון פּ.פּ.ס. וועגן דער הינ־ריכטונג פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

די דעקלאַראַציע האָבן אונטערגעשריבן:

אין נאָמען פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי — דער פּאָרזיצער ד אָ ב ס און סעקרעטאַר פאַר אויסלענדישע ענינים — ג י ל י ס, אין נאָמען פון די ענג־לישע אַרבעטער־פרויען־אָרגאַניזאַציעס — מערי ס אָ ט ה ע ר ל ע נ ד, אין נאָ־מען פון די בעלגישע סאָציאַליסטן — לוי ד ע ב ר ו ק ע ר און קאַמיל ה ו י ס־מ אַ נ ס, אין נאָמען פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי יוזעף ב י ל י נ אַ, אין נאָמען פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — לוי ל ע װ ו י, אין נאָמען פון דער נאָרוועגישער אַרבעטער־פּאַרטיי — אַלפרעד ס ע װ ו ע ר י ן, אין נאָמען פון דער פּאַלעסטינער אַרבעטער־פּאַרטיי — בערל ל אָ ק ע ר.

דערקלערונג פון עסטרייכישן אַרבעטער־קאָמיטעט (ניו־יאָרק)

אין נאָמען פון עסטרייכישן אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס רעפּרעזענטירט די סאָציאַליסטישע עמיגראַנטן, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער און טרייד־יוניאָן־באַוועגונג אין עסטרייך, האָט פ ר י ד ר י ך אַ ד ל ע ר, דער לאַנג־יאָריקער סעקרעטאַר פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, צוגעשיקט פאָלגנדן בריוו:

צו דער אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" אין פּוילן:

די גענאָסן, וואָס בילדן די עקזעקוטיווע פון דעם עסטרייכישן אַרבעטער־קאָמיטעט, האָבן אין משך פון אַ סך יאָרן פּערזענלעך געקאָנט הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. זיי דערמאָנען זיך, אַז אַלס פירער פון דער דעלעגאַציע פונם יידישן אַרבעטער „בונד" אין פּוילן זיינען זיי אויפגעטרעטן אויפן קאָנגרעס פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל אין 1931 און זיי קאָנען אויך נישט פאַרגעסן די סאָלידאַריטעט, וואָס גענאָסע ערליך האָט אַרויסגעוויזן די עסטרייכישע אַרבעטער, ווען ער איז, אַלס איינער פון די ערשטע אויסלענדישע סאָציאַליסטן, געקומען צו זיי נאָך די בלוטיקע פעברואַר־טעג, אין 1934, אין ווין.

די גענאָסן ערליך און אַלטער זיינען אַלע מאָל געווען אין לינקסטן פליגל פון סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל, זיי זיינען געשטאַנען אידעאָ־לאָגיש זייער נאָענט צו דער עסטרייכישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. עס זיינען דעריבער נישט נויטיק קיין סך ווערטער, כדי צו פאַרשטיין אונזער טיפסטע

איבערצייגונג, אַז היינט, ווי אין דער פאַרגאַנגענהייט, זעען מיר אין הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער דערהויבענע קעמפער פאַרן סאָציאַליזם, טרייע גע־נאָסן, וועלכע זיינען אַלע מאָל גרייט געווען צו קעמפן פאַר זייערע איבער־צייגונגען.

אויף אַזאַ אופן איז די הינריכטונג פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער פאַר אונז אַ טאָפּלטע דערשיטערונג. מיר פאַרלירן אין זיי נישט נאָר אויסגע־פּראָוווטע מיטקעמפער און פּערזענלעכע פריינט, נאָר זייער טויט האָט אונז אין דעם אומדערוואַרטעטן מאָמענט געבראַכט צום באַוואוסטזיין מיט שרעקלעכער גרויזאַמקייט די טראַגעדיע, וועלכע עס לעבט איבער די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג זינט דעם אויסברוך פון דעם ערשטן וועלט־קריג. קרבנות פון דעם שענדלעכן יוסטיץ־מאָרד זיינען נישט נאָר צוויי פירער פון „בונד“, נאָר דער סאָוויעטן־פאַרבאַנד גופא און צוזאַמען מיט אים דער אַרבעטער־קלאַס פון גאַנץ אייראָפּע.

מיר פאַרשטייען דעם אומענדלעכן שמערץ, וואָס עס לעבן איבער די גענאָסן פון „בונד“. מיר טיילן די דאָזיקע געפילן. מיר האָפן אָבער, אַז די גענאָסן פון „בונד“, וואָס האָבן אַזוי פיל איבערגעלעבט אין די לעצטע חדשים, וועלן זיך אויך ניט לאָזן אַנטמוטיקן דורך דעם לעצטן שווערסטן קלאַפּ און וועלן ווייטער אַרבעטן פאַר די גרויסע אויפגאַבן, וואָס די צוקונפט שטעלט פאַר אונז, אויפגאַבן, וואָס זיינען סוף־כל־סוף צום פאַרענטפערן נאָר דורך אַ צוזאַמענאַרבעט פון גאַנצן אייראָפּעאישן אַרבעטער־קלאַס. פאַר דעם געדאַנק האָבן ערליך און אַלטער אומדערמידלעך געקעמפט.

דערלויבט אונז אין דעם טראַגישן מאָמענט אויסצודריקן אייך אונזער גע־פיל דורך אונזער עסטרייכישן פאַרטיי־גרוס: „פ ר י י נ ט ש א פ ט!“

פּראָטעסט־דעקלאַראַציע פון די אַרבעטער־יוניאָנס אין ניו־יאָרק

אַ ריי גראַנדיעזע פּראָטעסט־ און טרויער־מיטינגען זיינען פאָרגעקומען אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד. פאַרשטייער פון מיליאָנען אָרגאַניזירטע אַר־בעטער האָבן אויסגעפילט די מיטינגען אין ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, פילאַדעלפיע, באַלטימאָר, לאָס אַנדזשעלעס, באָסטאָן, מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ — ווי אויך אין לאָנדאָן און אַנדערע שטעט פון ענגלאַנד.

נאָך דעם ווי די גרויסע פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט פון 250 פירער און טוער פון די יוניאָנס פון א.פ.אָ.ל. און סי.אַי.אָ., אונטערן פאָרזיץ פון דוד דובינסקי, האָט אויסגעהערט די רעדעס פון מעיאָר לאַ גוואַרדיאַ, סענאַטאָר מיד, וויליאַם גרין, דזש. ב. קערי, דוד דובינסקי, אַב. קאַהאַן, ש. מענדעלסאָן, פּראָפ. ר. ניבור, אַדאָלף העלד און י. ב. סאַלוצקי־האַרדמאַן, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדע רעזאָלוציע:

מיר, 3500 מיטגלידער און דעלעגאַטן פון אַרבעטער־יוניאָנס און פראַ־טערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרמאָגן צוזאַמען אַ מיטגלידערשאַפט פון אַ

האַלבן מיליאָן, פאַרזאַמלטע אין מעקאַ־טעמפּל דעם 30טן מערץ 1943, דריקן אויס אונזער פאַרביטערונג און פּראָטעסט קעגן דער הינריכטונג פון די באַרימטע אַרבעטער־פירער פון פּוילן הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אויפן באַפעל פון אַ מיליטערישן געריכט אין סאָוויעט־רוסלאַנד. מיט צאָרן ווייזן מיר צוריק די אָנקלאַגע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פונם געריכט אַלס אַ באַגרינדונג פון דעם אורטייל.

„אַז ערליך און אַלטער זאָלן האָבן אונטערגעהאַלטן וועלכע עס איז פאַר־בינדונגען מיט די נאַציס;

„אַז ערליך און אַלטער זאָלן האָבן סימפּאַטיזירט מיט נאַצישע שטרעבונגען אָדער מיט וואָס נישט איז, וואָס האָט אַ שייכות צו נאַציזם;

„אַז ערליך און אַלטער זאָלן כלומרשט נישט זיין איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן צו דער מלחמה־אָנשטרענגונג פון די פאַראייניקטע פעלקער, סאָוויעט־רוסלאַנד בתוכם, אין דער איצטיקער מלחמה אויף לעבן און טויט קעגן די אַקס־מלוכות.

„טויזנטער צווישן אונז האָבן פּערזענלעך גוט געקענט אָט די צוויי אַר־בעטער־פירער פון פּוילן און אונז אַלעמען איז זייער גוט באַוואוסט זייער טעטי־קייט פאַר לאַנגע יאָרן, אַלס קעמפער קעגן היטלעריזם, קעגן פאַשיזם און קעגן יעדער פאָרם פון אונטערדריקונג און ברוטאַליטעט.

„קענענדיק אויסגעצייכנט די ביידע קעמפער פאַר פרייהייט, זייענדיק איבערצייגט אין זייער אומשולד און רעכענענדיק זיך מיט די באַווייזן פון זייער לאָיאַלקייט צו אַלץ וואָס מיר האַלטן פאַר טייער, שליידערן מיר צוריק די באַ־גרינדונג פון דעם מאָרד־אורטייל. נישטאָ ביי אונז דער קלענסטער שאָטן פון חשד אָדער ספקות אין דער אומשולד פון די ביידע הינגעריכטעטע מענער פון אַרבעט.

„מיר טרויערן אויפן טויט פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער אַלס אַ גרויסע אבדה פאַר דער זאַך פון אַרבעט, דעמאָקראַטיע און מענטשלעכקייט. כדי עס זאָל נישט מיספאַרשטאַנען אָדער בייזוויליק אויסגעטייטשט ווערן אונזער פּראָטעסט — דורך נאַצישע אַגענטן, וואָס ווילן אַריינטראָגן אַ צעמישעניש אין דער עפנטלעכקייט און מיספאַרשטענדענישן צווישן די פאַראייניקטע פעלקער — דערקלערן מיר פייערלעך, אַז נישט געקוקט אויף דער שוידערלעכער אומגע־רעכטיקייט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן דורך דער הינריכטונג פון די צוויי געטרייע טוערס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיינען מיר ווייטער, אַזוי ווי ביז אַהער, לאָיאַל איבערגעגעבן צו די קלאָרע צילן, וועלכע עס שטעלט זיך דער בונד פון אונזער לאַנד מיט סאָוויעט־רוסלאַנד און מיט אַלע פאַראייניקטע פעלקער, אַזוי ווי אָט די צילן ווערן איבערגעגעבן אין אַטלאַנטיק־טשאַרטער און אויסגעטייטשט פונם פּרעזידענט רוזוועלט.

„אונזער רעאַגירן אויף אָט דער טראַגעדיע וועט אונז נישט אָפּהאַלטן דערפון צו שטעלן אין דינסט פון די פאַראייניקטע פעלקער אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן: כבוד, אַרבעט, לעבן! אויך קאָן און וועט דער שוידערלעכער אור־

טייל און די הינריכטונג פון אונזערע ביידע פריינט און קאַמפּס־ברידער, דורכן סאָוויעטישן געריכט, נישט מינערן אונזער באַוואונדערונג פאַר די העראָאישע איבערמענטשלעכע דערגרייכונגען פונם רוסישן פאָלק און פון די רוסישע אַרמייען אין דעם איצטיקן טיטאַנישן קאַמף קעגן נאַציזם און אונטערדריקונג און פאַר פרייהייט.

„אַלס פרייע בירגער פון אַ פרייער דעמאָקראַטישער מלוכה האַלטן מיר עס נישט בלויז פאַר אונזער רעכט, נאָר אויך פאַר אונזער פליכט צו פּראָטעס־טירן קעגן דער גרויסער אומגערעכטיקייט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן פון אַ פאַרבינדעטער מלוכה, אין דער צייט ווען מיר קעמפן צוזאַמען מיט אַלע אונ־זערע פאַרבינדעטע פאַר דעם זעלבן ציל, פאַר אַ געמיינזאַמען אַנטשיידנדיקן זיג".

דער טרעיד־יוניאָן־אינטערנאַציאָנאַל וועגן ערליך־אַלטער־מאָרד

אין אַ באַריכט פון טרעיד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל פאַרן יאָר 1943 וואָס איז דערשינען אין לאָנדאָן, איז אויף דער ערשטער זייט אָפּגעדרוקט אַ טרויער־רשימה פון פאַרשטאָרבענע און אומגעקומענע אַרבעטער־פירער. אין דער רשימה געפינען זיך אויך די נעמען פון וויקטאָר אַלטער, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון גענעראַל־ראַט פון טרעיד־יוניאָן־אינטערנאַציאָנאַל, און פון הענריק ערליך.

נאָכדעם ווי עס ווערט דערציילט וועגן זייער גורל אין סאָוועט־רוסלאַנד, קומען די פאָלגנדע ווערטער:

„דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון טרעיד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל, וואָס האָט געקאָנט דעם פּאָליטישן רעקאָרד און דעם מאָראַלישן כאַראַקטער פון וויקטאָר אַלטער און זיין חבר הענריק ערליך פאַר דער גאַנצער צייט פון זייער לעבן, האַלט עס פאַר אוממעגלעך, אַז די ביידע פּוילישע אַרבעטער־פירער זאָלן האָבן פאַרראַטן די זאַך פון דער אַרבעטערשאַפט, פון דער מענטשהייט און פון דער פרייהייט."

אויף אַ זיצונג פון ראַט פון טרעיד־יוניאָן־אינטערנאַציאָנאַל האָט דער פאָרזיצער וואָלטער סיטרין דערקלערט:

„אַלע די, וועלכע האָבן געקענט אַלטערן און ערליכן, קענען נישט גלויבן, אַז די באַשולדיקונג קעגן זיי זאָל זיין אַ גערעכטע. מיר גלויבן, אַז זייער עקזע־קוציע איז געווען אַן אומרעכט. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון טרעיד־יוניאָן־אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו מאַכן זיין סטעיטמענט (אין אָפיציעלן באַריכט). די ווערטער זיינען פאַרזיכטיק געקליבן געוואָרן, כדי אַרויסצורופן וואָס ווייניקער שלעכטע שטימונג צווישן די נאַציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן אין דער געמיינזאַמער מלחמה."

***

אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָטעסט־מיטינג איז פאָרגעקומען דעם 28טן מערץ אין לאָנדאָן. פּאָרזיצער פון מיטינג איז געווען דער פירער פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי דזשאָרדזש דאַלאַס. עס האָבן געברענגט צום אויסדרוק דעם פּראָטעסט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער אַר־בעטער־באַוועגונג קעגן ערליך־אַלטער־מאָרד די באַרימטע סאָציאַליסטישע פירער קאַמיל הויסמאַנס און לואיס דע ברוקער. אין נאָמען פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטער האָט גערעדט אַדאַם טשאַלקאַש, אַדאַמטשיק און ש. זיגעלבוים.

פּראָטעסט־דערקלערונג פון פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק

פאָרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור, מיטאַרבעטער פון די דריי טעגלעכע צייטונגען: „פאָרווערטס", „דער טאָג", „מאָרגן־זשורנאַל", — פון וועלטלעכע צייטשריפטן אין ניו־יאָרק האָבן פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע געמיינזאַמע פּראָטעסט־דעקלאַראַציע:

מיר אונטערגעשריבענע, זיינען געוואָרן אויפגעטרייסלט פון דער ידיעה, אַז די סאָוויעט־רעגירונג האָט אויסגעפירט אַ טויט־אורטייל אויף די צוויי פאַר־דינסטפולע, באַרימטע יידישע סאָציאַליסטישע קעמפער און אַרבעטער־פירער, הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. אַ סך פון אונז האָבן די דאָזיקע צוויי אַרבעטער־פירער פערזענלעך גוט געקענט. אַ ל ע אָבער ווייסן מיר וועגן זייער אויסערגעוויינלעכער איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעטער־זאַך און וועגן זייער עקשנותדיקן קאַמף קעגן פאַשיזם און היטלעריזם.

מיר וואַרפן אָפּ מיט אַנטריסטונג די באַשולדיקונג, אַז ערליך און אַלטער האָבן געפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיטן היטלעריסטישן שונא. סיי פ אַ ר דער מלחמה, סיי ב ע ת דער איצטיקער מלחמה זיינען זיי געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון די אַנטשידענע, איבערגעגעבענע קעמ־פער קעגן נאַציזם. זיי האָבן דאָס געטאָן סיי אַלס סאָציאַליסטן, סיי אַלס יידן.

ערליך און אַלטער זיינען אין משך פון לאַנגע יאָרן, ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען אָנגעזעענע יידישע פּובליציסטן, וואָס האָבן מיט זייער וואָרט געוועקט די יידישע מאַסע און גערופן צו קאַמף פאַר אירע רעכט. זיי האָבן דורך זייער פען דערצויגן צענדליקער טויזנטער צו אַ האַרטן קאַמף קעגן רעאַקציע און פאַשיזם.

אין משך פון דער קורצער צייט צווישן ערשטן און צווייטן אַרעסט האָבן זיי באַוויזן אַרויסצולאָזן אַ רוף צו די יידישע פּליטים פון פּוילן, אַז זיי זאָלן מאַסנוויַיז אַריינטרעטן אין דער פּוילישער אַרמיי, בכדי צוזאַמען מיט דער רוי־

טער אַרמיי צו שלאָגן דעם הויפּט־פּיינט פון דער מענטשהייט. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן אַ יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. זיי האָבן טע־לעגראַפיש געמאָלדן דער אַמעריקאַנער יידישער עפנטלעכקייט, אַז זיי זיינען גרייט ווייטער צו פירן דעם קאַמף קעגן פאַשיזם און פאַר סאָציאַליזם.

מיר פּראָטעסטירן אַמשאַרפסטן קעגן באַשמוצן די נעמען פון אַזעלכע נאָבעלע יידישע אַרבעטער־פירער, וואָס זיינען פאַר אַ סך יידישע אַרבעטס־מענטשן געווען צענדליקער יאָרן אַ מוסטער פון אידעאַליזם.

מיר זיינען פול מיט באַוואונדערונג פאַר דער העלדישער רויטער אַרמיי, און דערפאַר טאַקע איז אַזוי גרויס אונזער ווייטיק און צאַר, וואָס אין אַ לאַנד וואָס שטייט איצט צוזאַמען מיט דער גאַנצער דעמאָקראַטישער וועלט אין מלחמה קעגן היטלערן, איז אויף אַזאַ אומזיניקן און שרעקלעכן אופן פאַרגאָסן געוואָרן אומשולדיק בלוט פון אַזעלכע אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער ווי הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

מיר בויגן מיט ערע די קעפ פאַר די דאָזיקע מאַרטירער.

יעקב אַבראַמאָוויטש, ר. אַבראַמאָוויטש, י. אַדלער (ב. קאָוונער), אפרים אויערבאַך, דוד איינהאָרן, א. אַלמי, י. אָפּאַטאָשו, מ. אָשע־ראָוויטש, ב. און ר. באָטווינִיק, ל. באָראָדולין, מנחם באָריישאָ, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, ד״ר שלמה ביקל, חנא גאָטעספעלד, ד״ר הירש לייב גאָרדאָן, יעקב גלאַטשטיין, א. גלאַנץ־לייעלעס, שלמה גראָדזענסקי, נפתלי גראָס, ד״ר חיים גרינבערג, מרדכי דאַנציס, ב. דעמבלין, יצחק האָראָוויץ, ח. ה. הורוויץ, ב. ווינשטיין, ד״ר מאַקס ווינרייך, מ. ווינאָגראַד, ש. וועבער, נ. זאַלאָוויץ, ש. צ. זעצער, י. כייקין, א. טאַבאַטשניק, יוסף טונקעל, דניאל טשאַרני, א. טשעריקאָווער, י. י. טרונק, טשאַרלס יאָפּע, מאַרק כינאָי, מלך כמעלניצקי, ד״ר צבי כהן, ה. לאַנג, ז. ליבין, א. ליריק, דוד ליבערסאָן, מאַני לייב, ה. לייוויק, נ. ב. לינדער, לייבוש לעהרער, י. לעווין־שאַצקעס, יעקב לעשטשינסקי, יוסף מאַרגאָשעס, ד״ר ש. מאַרגאָשעס, ד״ר א. מוקדוני, בן־ציון מיימאָן, נ. ב. מינקאָוו, מ. מלמד, א. מענעס, משה נאַדיר, ש. ניגער, מלך עפּשטיין, וויליאַם פאָסט, דוד פינסקי, ד״ר ל. פאָגעלמאַן, י. פאָגעל, י. פאָשקאָ, ל. פיינבערג, ל. פינקלשטיין, יעקב פישמאַן, ב. צביון, אב. קאַהאַן, נ. קאַנטאָראָוויטש, מ. קאָסאָווער, דן קאַפּלאַן, יוסף פ. קאַץ, מ. קויפמאַן (ק. מיכאל), י. קיסין, ל. קעסנער, יעקב קרעפּליאַק, הלל ראָגאָף, הערש ראָזענפעלד, ש. ראָזענפעלד, צ. ח. רובינשטיין, בנימין רעסלער, ד״ר יעקב שאַצקי, ד. שוב, מאַרק שווייד, זכריה שוסטער, משה שטאַרקמאַן, זלמן שניאור, ב. שעפנער, ז. שער און ל. שפּיזמאַן.

דערקלערונג פון נאַציאָנאַלן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע האָט אויפגענומען די ידיעה וועגן דער הינ־ריכטונג פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער מיט טיפן צער און ווייטיק פאַר די יונג־פאַרלאָרענע לעבנס פון די צוויי מענטשן, וועלכע האָבן זייער גאַנצן לעבן געווידמעט דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, און די לעצטע צען יאָר, דעם קאַמף קעגן פאַשיזם אין אַלע זיינע פאָרמען.

גלייכצייטיק האָט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג אויסגעדריקט זיין טיפן פּראָטעסט קעגן די, וואָס זיינען פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר דעם שוידערלעכן מאָרד.

אַלטער און ערליך האָבן עטלעכע מאָל באַזוכט אַמעריקע, זיינען געווען די געסט פון אונזער אָרגאַניזאַציע. זיי האָבן באַזוכט אונזערע ברענטשעס איבערן גאַנצן לאַנד, זיינען געקומען אין נאָענטער באַרירונג מיט אונזער מיטגלידער־שאַפט. עס איז נאָך פריש אין אונזער זכרון די רעדעס, וועלכע זיי האָבן גע־האַלטן פאַר אונזערברייטער מיטגלידערשאַפט קעגן פאַשיזם, קעגן דיקטאַטור. זיי האָבן אונזער מיטגלידערשאַפט גערופן צום קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר דע־מאָקראַטיע, פאַר אמתן יושר און גערעכטיקייט. קענענדיק זייער גוט די צוויי מאַרטירער, ערליך און אַלטער, זייענדיק געגנוי באַקאַנט מיט זייער גאַנצער לעבנס־טעטיקייט, שליידערן מיר צוריק דעם ווילדן און העסלעכן בלבול, וואָס די סאָוויעטן־רעגירונג וויל אַרויפוואַרפן אויף די רעקאָרדס און אויף די נעמען פון די צוויי קדושים, וועלכע האָבן אַזוי אויפריכטיק און ערלעך געקעמפט פאַר אַלץ וואָס איז שיין, פאַר אַלץ וואָס איז מענטשלעך און יושרדיק אין לעבן.

דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג פאַרפליכטעט זיך צו טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, ביט צו דערלאָזן, אַז די נעמען פון די צוויי הייליקע מאַרטירער זאָלן פון דער סאָוויעטן־רעגירונג פאַראומרייניקט ווערן; מיר פאַרפליכטן זיך צו מאַכן יעדע מענטשלעך־מעגלעכע אָנשטרענגונג די נעמען פון די צוויי מאַרטירער צו פאַראייביקן און הייליק צו האַלטן.

די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג פאָדערט אויף אַלע צוויינגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלע אויפריכטיקע ליבעראַלע עלע־מענטן איבערן לאַנד צו געפינען אַ וועג פון העפטיקן פּראָטעסט קעגן דעם גרויזאַמען אַקט פון מאָרד, וואָס די סאָוויעטן־רעגירונג איז באַגאַנגען קעגן די צוויי אומשולדיקע מענטשן.

דערקלערונג פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט

דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט האָט אויפגענומען די שרעקלעכע ידיעה וועגן דער הינריכטונג, דורכן סאָוויעטישן העכסטן געריכט, פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, מיט דער טיפסטער דערשיטערונג.

די מיטטיילונג פון דער סאָוויעטן־רעגירונג, אַז די צוויי רומפּולע קעמפּער, לויטערע פּערזענלעכקייטן זיינען געווען אַגענטן פון דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי און האָבן געאַרבעט צווישן די רויטע אַרמייער אין סאָוויעט־רוסלאַנד פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיט היטלערן, באַטראַכטן מיר פאַר אַ גרויזאַמען בלבול, פאַר אַ שענדונג פון די מאַרטירער נאָך זייער אומקום.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט די אומגעבראַכטע גוט געקענט אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן. זיי האָבן איינִיקע מאָל באַזוכט אונזער לאַנד, זיי זיינען געווען די געסט פון אונזער אַרבעטער־באַוועגונג און האָבן אַפּעלירט נאָך הילף אין קאַמף מיט פאַשיזם, נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם אין אייראָפּע. זיי זיינען געווען געאַכטעט און באַליבט ביי צענדליקער טויזנטער אַמעריקאַנער בירגער, זיי זיינען געווען האַרציק באַפריינדעט מיט די אַרבעטער־פירער פון אונזער לאַנד.

מיר, אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, קענען גוט דעם רעקאָרד פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. פיל פון אונז זיינען געווען זייערע נאָענטסטע פריינט, פיל פון אונז זיינען געווען זייערע תלמידים אין דער לערע פון פרייהייטס־קאַמף, פון קאַמף פאַר גערעכטיקייט און דעמאָקראַטיע. נישט ווייניק פון אונז האָבן באַזוכט אין משך פון די לעצטע יאָרן פּוילן און געזען דאָרט די צוויי ליכטיקע פּערזענלעכקייטן ביי זייער אַרבעט, געווען עדות פון דער אַלגעמיינער אַכטונג און ליבע, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט. זייער רומפּול לעבן איז געווען פאַר אונז אַן אָפן בוך — עס איז געווען אַ לעבן פאַרן פאָלק, וועמען זיי האָבן געדינט ערלעך און געטריי. מיר וואַרפן אָפּ אויף דעם קאַטעגאָרישסטן אופן די זינלאָזע און ווילדע באַשולדיקונג, אַז זיי זיינען געווען אַגענטן פון דער פּוילישער געהיים־פּאָליציי און האָבן געאַרבעט פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיט היטלערן. קיינעם וועט זיך נישט איינגעבן צו וואַרפן אַ פלעק אויף זייער אַבסאָלוטער טרייקייט צו די אידעאַלן פון פרייהייט, פּראָגרעס און מענטשלעכקייט.

מיר באַטראַכטן די הינריכטונג פון ערליך און אַלטער פאַר אַ טאָפּלטן מאָרד — אַ פיזישן און אַ מאָראַלישן. דאָס דערקלערן, אַז די צוויי אומגעבראַכטע האָבן געאַרבעט פאַר אַ סעפּאַראַטן שלום מיט היטלערן, באַטראַכטן מיר ווי אַן אַרויסרוף ניט נאָר צו דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, צו די, וואָס גיבן איצט אַוועק זייער לעבן אויף די פּוילישע פעלדער און אין די פּוילישע שטעט, נאָר עס איז אויך אַן אַרויסרוף צו אונז אַלע, וואָס זיינען אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן געווען פאַרבונדן מיט זיי אין געמיינזאַמע פרייהייטס־אידעאַלן. דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס האָט געטאָן ביז איצט אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען און וועט אויך ווייטער טאָן אַלץ אין דער איצטיקער וועלט־מלחמה, אין דעם קאַמף מיט אונזערע נאַצישע און יאַפּאַניש־נאַצישע שונאים, גיט זיך אָפּ, מיט טיפסטן באַדויערן, רעכענונג פון דעם שאָדן, וואָס עס האָט געבראַכט דער טאָפּלטער מאָרד פון ערליך און אַלטער אונזער אַלגעמיינעם קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט.

מיר דריקן אויס אונזער פּראָטעסט קעגן זייער היגריכטונג, אונזער צער צוליב זייער טויט און מיר דערקלערן: טראָגנדיק דעם ליכטיקן אָנדענק פון די אומגעקומענע אין אונזערע הערצער, וועלן מיר פאָרטזעצן צו ברענגען די גרעסטע קרבנות אין קאַמף, וואָס אונזער לאַנד פירט צוזאַמען מיט די פאַראייניקטע פעלקער פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט, קעגן געוואַלד און דיקטאַטור.

פראָטעסט־שטימען פון דער וועלט־פרעסע

אין אַלע לענדער, וואו ס׳איז נאָר פאַראַן אַ פרייע פרעסע, אַן אומ־אָפּהענגיקע עפנטלעכע מיינונג, האָבן אַלע צייטונגען געבּרענגט ידיעות וועגן דער דערמאָרדונג פון ערליכן און אַלטערן און שאַרף פאַראורטיילט דעם פאַר־ברעכן. עס האָט שאַרף רעאַגירט די אַרבעטער־פרעסע פון ענגלאַנד, שווייץ, שוועדן, דרום־אַמעריקע און אַ ריי אַנדערע לענדער. פון די הונדערטער אַמע־ריקאַנער צייטונגען, וועלכע האָבן געטאַדלט דעם מאָרד און פאַרטיידיקט די אומגעבראַכטע קעגן שענדלעכן בלבול, ברענגען מיר דאָ אַ ריי אויסצוגן:

אַמעריקאַנער פרעסע

דער באַוואוסטער ליבעראַלער זשורנאַל „נ י ו ־ ר ע פ ו ב ל י ק" האָט געשריבן:

„אויב הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער וואָלטן געווען געבוירן אין פראַנקרייך, וואָלטן זייערע נעמען געקאַנט זיין לעאָן בלום און לעאָן זשואָ.

„עס איז נוצלאָז צו שטעלן די פראַגע וועגן זייער שולד אָדער אומ־שולד. ווער עס וואָלט געקענט גלייבן אַזעלכע באַשולדיקונגען אויף לעאָן בלום און לעאָן זשואָ — דער קאָן גלויבן, אַז ערליך און אַלטער זיינען געווען שולדיק. דער וואָס וואָלט אָפּגעוואָרפן אַזעלכע באַשולדיקונגען קעגן לעאָן בלום און זשואָ ווי אַ מאָנסטרועלן בלבול, אַזאַ איינער וועט אָפּוואַרפן די באַ־שולדיקונג קעגן ערליכן און אַלטערן.

„די ליבעראַלן מוזן וויסן וואו זיי שטייען. זיי קאָנען נישט (ביי שטריי־טיקייטן צווישן די סאָוויעטן און אַנדערע מלוכות) אַלעמאָל זיך שטעלן אויף דער זייט פון די סאָוויעטן בלויז דערפאַר, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד באַטראַכט זיך ווי אַ סאָציאַליסטישע מלוכה. און ווען זיי ווילן שאַפן זייערע מיינונגען וועגן מעלות און חסרונות פונם סאָוויעטישן רעזשים — מוזן זיי געדענקען וועגן אַזאַ פאַקט, ווי די הינריכטונג פון ערליך און אַלטער.

***

דער ראַדיקאַלער זשורנאַל „ד ה י נ ע י ש א ן" (עדיטאָריעל פון 13טן מערץ):

„דער כאַראַקטער פון אַט די צוויי מענטשן איז די שטאַרקסטע אָפּ־לייקענונג פון אַ וועלכער נישט איז באַשולדיקונג אין אַנטי־מלחמה־טעטיקייט.

פּאַרוואָס זיי זיינען פאַראורטיילט געוואָרן דורך אַ סאָוויעטישן קריגס־געריכט. זיי זיינען נישט געווען קיין סאָציאַליסטן פון פּאַציפיסטישן שניט. פאַרקערט, זיי האָבן געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם העלדישן ווידערשטאַנד פון די וואַרשעווער אַרבעטער קעגן די נאַציס"...

„די רעאַקציאָנערע קרייזן וועמען, געווינלעך, דער גורל פון די צוויי אַרבעטער־טוער וואָלט לגמרי נישט אָנגעגאַנגען, נוצן־אויס די הינריכטונג ווי אַן אינסטרומענט קעגן אייניקייט פון מערב מיט רוסלאַנד". „פאַר דעם אָבער ליגט די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויפן סאָוויעטן־פאַרבאַנד. די הינריכטונג פון ערליך און אַלטער איז ניט בלויז געווען שלעכטע גערעכטיקייט, נאָר אויך שלעכטע פּראָפּאַגאַנדע":

⁂

די „ניו־יאָרק פּאָסט" (לייט־אַרטיקל פון 31טן מערץ):

„סאָוויעט־רוסלאַנד דאַרף כסדר געוואָרנט ווערן, אַז דעמאָקראַטן קענען נישט מוחל זיין אירע פּאָליטישע מאָרדן מער, ווי די פּאָליטישע מאָרדן פון אונזערע אָפענע פאַשיסטישע שונאים. אויב דאָס קילט אָפּ דעם ענטוזיאַזם פון אַמעריקאַנער פאַר אַ נענטערער פאַרבינדונג מיטן ראַטן־פאַרבאַנד, קען זיך דאָס אויסווירקן אומגליקלעך אין מיליטערישן זינען. אָבער דאָס גרעסטע אומגליק וואָלט געווען דורך אונזער שווייגן צו געבן אַ הסכם צו אַזעלכע אַקטן פון פּראַט קעגן דעם פּשוטן מענטש".

⁂

דער וואָכן־ביולעטין פון „אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר", וואָס זיינע אַרטיקלען ווערן איבערגעדרוקט אין הונדערטער יוניאָן־צייטונגען, ווידמעט דעם מאָרד זיין לייט־אַרטיקל פון 9טן מערץ:

„אונזער פליכט איז... צו משפּטן יענעם אופן פון רעגירן, יענעם סאָרט גערעכטיקייט, וואָס האָט די קרבנות געקאָנט פאַראורטיילן".

„מיר טאָרן נישט פאַרגעסן. מיר קאָנען נישט פאַרשווייגן אַ מאָרד און נישט ווערן דערביי מיטשולדיקע.

„עס איז זיכער, אַז ערליך און אַלטער זיינען הינגעריכטעט געוואָרן נישט פאַר מיטאַרבעט מיט היטלערן, נאָר פאַר זייערע טרייד־יוניאָן איבערצייגונגען, וואָס האָבן געמאַכט פאַר זיי אוממעגלעך, אַז זיי זאָלן פאַרדייען דעם סטאַליניזם".

⁂

„דהי קאָל", אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַמעריקע, שרייבט אין נומער פון 12טן מערץ:

„רוסלאַנדס פּלענער פון אַ מזרח־אייראָפּע, וואָס איז פאַראייניקט אונטער־

סטאַלינס דיקטאַטור מאַכט פאַר אומבאַדינגט נויטיק פאַרן סטאַליניזם צו געווינען די אַרבעטער און פויערים פון אָט די געגנטן. די געפערלעכסטע מניעה און דער פּאָטענציעל שטאַרקסטער כוח, וואָס קאָן שטערן איינצושטעלן סטאַלינס העגעמאָניע איבער מזרח־אייראָפּע איז דער רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם.

„. . . דער יידישער סאָציאַליסטישער „בונד" איז דער לעבעדיקער באַוויז, אַז די אַרבעטער דאַרפן נישט אויסוויילן צווישן רעפאָרמיזם און סטאַליניזם. דער „בונד" האָט דעם אינהאַלט פון דעם טראַדיציאָנעלן סאָציאַליזם אַריינגעלייגט אין אַ פּראַקטישע קעמפערישע אַקציע־פּראָגראַם. דער וואַקסנדיקער כוח פון רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם, וואָס איז רעפּרעזענטירט דורכן „בונד", האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער די גרענעצן פון פּוילן און האָט באַאיינפלוסט דעם סאָציאַליזם אין גאַר דער וועלט.

„...די וואָרטזאָגער פון קעמפערישן סאָציאַליזם סיי פון די יידישע אַרבעטער פון פּוילן, סיי פון די סאָציאַליסטישע אַרבעטער אין גאַר דער וועלט זיינען געווען ערליך און אַלטער. ווי לאָגיש איז געווען, אַז קוים זיינען זיי אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער גע.פּע.או., צו אָרגאַניזירן זייער „ליקווידירונג".

***

אין מאַי־נומער פון זשורנאַל פאַר אינטערנאַציאָנאַלע ענינים „פרי וואָרלד" — שרייבט דער באַוואוסטער ענגלישער סאָציאַליסט נאָרמאַן ענדזשעל (געווינער פון נאָבל־פּרייז פאַר שלום):

„די עקזעקוציע איבער די יידיש־פּוילישע סאָציאַליסטן האָט אויפגעטרייסלט די ליבעראַלע עפנטלעכע מיינונג פון אַלע שאַטירונגען (אַחוץ דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, פאַרשטייט זיך), סיי דאָ, סיי אין ענגלאַנד. ס'איז אַ געזונטע דערשיינונג, וואָס עס ווערן געברענגט צום אויסדרוק די געפילן פון מאָראַלישן צאָרן.

***

די באַקאַנטע אַנטי־פאַשיסטישע טעגלעכע צייטונג „פּ. מ." פרעגט אין איר עדיטאָריעל פון 18טן מערץ „וועגן ערליכן און אַלטערן":

„ווי אַזוי קען אַ מענטש מיט דעמאָקראַטישע אָנשויאונגען און מיט אַכטונג פאַר מענטשלעכע ווערטן, אויפן סמך פון די ביז־איצט באַוואוסטע פאַקטן, נישט פאַראורטיילן דאָס, וואָס די סאָוויעטישע רעגירונג האָט געטאָן".

***

„דהי מישיגען סי. אַי. אָ. ניוס" פון 26טן מערץ שרייבט:

„רוסלאַנד, אַלס איינע פון די פאַראייניקטע פעלקער, האָט אונטערגעשריבן די „פיר פרייהייטן". דורך דער דערמאָרדונג פון אַלטער און ערליך

האָט רוסלאַנד באַוויזן, אַז זי האָט נישט געביטן אירע דיקטאַטור־פּלענער. מיר טאָרן נישט פאַרבלייבן שטיל, ווען רוסלאַנד באַגייט אַזאַ שענדלעכן פאַר־ברעכן ווי דערמאָרדן צוויי נישט־קאָמוניסטן, אַרבעטער־פירער, וועלכע האָבן אָפּגעלעבט לעבנס פון בראַווער אומאייגננוציקער דינסט פאַר פרייהייט און פאַר די אַרבעטער.

„די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע פרעסע און די קאָמוניסטישע משרתים אין דער אַרבעטער־באַוועגונג טוען אַלץ, וואָס זיי קענען, צו דערטרינקען די פּראָטעסטן קעגן דער דערמאָרדונג פון ערליך און אַלטער דורך באַשמוצן דעם רעקאָרד פון די צוויי מענטשן. מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז דאָס זאָל זיי געלינגען. פיליפּ מאָרעי, (דער פּרעזידענט פון סי. אַי. אָ.) האָט געוואוסט, אַז די צוויי מענטשן זיינען ערנהאַפטע אַרבעטער־פירער, וועלכע פאַרדינען, אַז מען זאָל זיי באַשיצן. מיר מוזן טאָן ווייניקסטנס אַזוי פיל ווי פיליפּ מאָרעי האָט געטאָן. מיר זאָלן געדענקען אָט די הינריכטונגען אַלס באַוויז, אַז כאָטש רוסלאַנד איז אונזער מיליטערישער פאַרבינדעטער, האָבן קאָמוניסטן, קאָמוניזם זיך אויף איין האָר נישט געענדערט״.

***

דער אָרגאַן פון דער גרעסטער יוניאָן אין דער סי. אַי. אָ. דער „יונייטעד אָטאָמאָביל־וואָירקער״, וואָס רעדט אין נאָמען פון דריי פערטל מיליאָן מיט־גלידער, שרייבט:

„טראָץ דעם פאַרדרוס, וואָס מען פילט אין די אַמעריקאַנער אַרבעטער־קרייזן איבער די הינריכטונגען, האָט קיינער פון זיי נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס זאָל געניצט ווערן אָפּצושוואַכן אַמעריקעס אינדוסטריעלע און מיליטע־רישע הילף אין דעם קאַמף, וואָס די רוסישע אַרמיי פירט אָן. די הינריכטונג אָבער פון אַלטער און ערליך איז נאָך אַן אילוסטראַציע פון דעם פאַקט, אַז דאָס איינפירן פון די „פיר פרייהייטן״ אין ענגלאַנד, אַמעריקע אַזוי גוט ווי אין סאָוויעט־פאַרבאַנד טאָר נישט אָנגענומען ווערן אַלס גאַראַנטירט בלויז דורך די פאַרזיכערונגען פון די באַטרעפנדע רעגירונגען. די אַרבעטער־באַוועגונג וועט מוזן אָנפירן אויך אָט דעם קאַמף״.

***

„338 ניוס״, אָרגאַן פון לאָקאַל 338 (סי. אַי. אָ.) פון שפּייז אָנגעשטעלטע אין ניו־יאָרק, שרייבט אין אַפּריל־נומער:

„ערליך און אַלטער זיינען מאַרטירער אין ריכטיקסטן זין פון וואָרט. זיי זיינען צוגאָב־קרבנות אויף דעם מזבח פון אַלוועלטלעכן קאַמף פון די אַר־בעטער צו שאַפן אַ בעסערע וועלט. זייערע נעמען וועלן דערמאָנט ווערן אַזוי לאַנג, ווי אַרבעטער וועלן קעמפן פאַר פרייהייט, ברידערלעכקייט און מענטש־לעכער ווירדע. די באַמיאונגען פון דער גע.פּע.או. צו באַשמוצן די נעמען פון די

דאָזיקע אַרבעטער־פירער און זיי באַצייכענען אַלס פאַשיסטישע אַגענטן וועט אין די אויגן פון דער מענטשהייט האָבן אַזוי ווייניק דערפאָלג, ווי די באַמיאונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן צו באַשמוצן אַנדערע מאַרטירער״.

***

י. סטאָוט, דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון „ניו־לידער״ שרייבט אין נומער פון 6טן מערץ וועגן גרויסן רושם פון מאָרד אין די דיפּלאָמאַטישע קרייזן:

„די אויגן פון די אַמעריקאַנער און אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, באַזונדערס פון מזרח־אייראָפּע, זאָגן מער אויסדריקלעך ווי ווערטער, אַז דעם רוסישן „סאַקאָ־וואַנזעטי־ענין״ וועט מען נישט פאַרגעסן און נישט מוחל זיין, פּונקט ווי ס׳איז געווען דער פאַל מיטן אַמעריקאַנער סאַקאָ־וואַנזעטי־ענין״.

***

אַלבערט גאָלדמאַן אין „דהי מיליטאַנט״ (אָרגאַן פון די טראָצקיסטן) פון 20טן מערץ:

ערליך און אַלטער האָבן געקענט די רוסישע שפּראַך. זיי האָבן אָן ספק געטראָפן אין תפיסה פיל רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן אַ סך געזען. זיי אַרויסצולאָזן און דערלויבן זיי אַרויסצופאָרן פון לאַנד וואָלט געהייסן באַפרייען צוויי מענטשן, וועלכע וואָלטן מיט גרויס אויטאָריטעט געקאָנט רעדן און שרייבן וועגן דער לאַגע אין ראַטן־פאַרבאַנד. סטאַלין האָט פשוט נישט געקענט דערלויבן די דאָזיקע צוויי מענטשן אַרויסצוקומען פון ראַטן־פאַרבאַנד און אויפדעקן די סודות פון זיינע טורמעס און אַרעסטירטע.״

***

„דהי אַדוועגס״, אָרגאַן פון מענער־שניידער־אַרבעטער־יוניאָן אין אַמעריקע (אַמאַלגאַמייטעד) שרייבט (דעם 15טן מערץ):

„פון שטאַנדפּונקט פון דער סאָוויעטישער פּאָליטיק און פון שאַפן גוטע באַציאונגען, איז די היגריכטונג פון ערליכן און אַלטערן געווען אַ נאַרישער אַקט, וואָס איז אין פּאָליטיק אַפילו ערגער פון אַ פאַרברעכן. די איינציק־מעגלעכע אויסטייטשונג פון דאָזיקן אַקט פון סאָוויעטישן רעזשים איז, אַז ער האָט דערלויבט פאַרטייאיש־קאָמוניסטישע מאָטיוון משפּיע צו זיין אויף אַ מלוכהשער האַנדלונג. האָס צו פאַרטייאישע קעגנער האָט דיקטירט דעם אורטייל פון געריכט. סאָוויעט־פּאָליטיק איז אונטערגעאָרדנט געוואָרן צו קאָמוניסטישער פאַנאַטישער שנאה.״

***

אין „סאָציאַליסטיטשעסקי וויעסטניק״, אָרגאַן פון דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פון דער רוסלענדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (מענשעוויקעס), שרייבט פּ. גאַרווי:

„....דאָס גרויסע פאָלק וועט, גובר זייענדיק די אינוואַזיע פון די שונאים פון פרייהייט, נישט וועלן אייביק פאַרבלייבן אין טעמפּן ווינקל פון דער דיקטאַטור. עס קאָן נישט זיין, אַז דאָס בלוט פון מיליאָנען רויטע אַרמייער און פּאַרטיזאַנען, מיט וועלכן עס האָט זיך אויסגעמישט דאָס בלוט פון אונזערע צוויי חברים, די פּאַטריאָטן פון פרייהייט, דעמאָקראַטיע און סאָציאַליזם, — זאָל זיין פאַרגאָסן אומזיסט.״

***

„דער דאָזיקער קאָשמאַר־פאַרברעכן (דאָס דערשיסן ערליכן און אַלטערן) איז אַ גרויזאַמער קלאַפּ דער זאַך פון פאַראייניקן דעם אַרבעטער־קלאַס און די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע לענדער צום קאַמף פאַר דער מיליטערישער און פּאָליטישער מפּלה פון דייטשן און אַלוועלטלעכן פאַשיזם, פאַר פאַרענדיקן דעם קריג מיט דער סאָציאַליסטישער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט און במילא פאַר די לעבנס־אינטערעסן פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע און ראַטן־פאַרבאַנד.״

(פון דער דערקלערונג פון דער רוסלענדער ס.ד. גרופּע „נאַווי פּוט״).

די סאָציאַליסטישע פּרעסע אין אויסלאַנד

די שוועדישע אַרבעטער־צייטונג „אַרבעטעט״ זאָגט אין נומער פון 6טן מערץ:

„מען האָט הינגעריכטעט מיטגלידער פון „בונד״, פון אַ יידישער אָרגאַניזאַציע, קינדער פון אַ פאָלק, וואָס ווערט גרויזאַם פאַרפאָלגט דורך די דייטשן. אויף דעם מאַרטירערטום פון די יידן האָט רוסלאַנד געענטפערט מיט אַ זאַלפּ פון עקזעקוציע־פּלוטאָן. אויף אַזאַ אופן זיינען אומגעקומען ווירדיקע מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט אַ מקום מקלט אין רוסלאַנד קעגן אומברחמנותדיקן שונא. די שטעלונג פון רוסלאַנד בלייבט אַ רעטעניש, ווייל איר וואָפן־ברודערשאַפט מיט די מערב־דעמאָקראַטיעס האָט נישט געענדערט דעם פּרינציפּ, וואָס ווערט פּראַקטיצירט אין ראַטן־רוסלאַנד, פון ליקווידירן סאָציאַליסטן מיט דער הילף פון עקזעקוציעס״.

***

„ניוס־קאָמענט", אויסגאַבע פון דער קאַנאַדער אַרבעטער־פּאַרטיי (סי. סי. עף.) שרייבט:

„די הינריכטונג פון די סאָציאַליסטישע פירער און די באַמיאונגען צו באַשמוצן זייערע נעמען און כאַראַקטער איז אַ גרויסע אַנטוישונג פאַר סאָציאַליסטן און פאַר די דעמאָקראַטישע פאָלקס־מאַסן אומעטום. דאָס ווייזט, אַז טראָץ דער מלחמה האָט סטאַלינס דיקטאַטור אין סאָוויעט־רוסלאַנד נישט נאָכגעלאָזט."

***

„...אין משך פון זיין גאַנץ לעבן אַלס קעמפער פאַר דער מאָראַלישער און מאַטעריעלער דערהויבונג פון אַרבעטער־קלאַס האָט ער (ערליך) קיין מאָל נישט פאַרראַטן זיין אינטעגראַלע קאָנצעפּציע פון פרייהייט, וועלכע קען נישט עקזיסטירן אָן אַכטונג פאַר דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. אָט דער באַגריף איז תמיד געווען דער אויסגאַנגס־פּונקט פון ערליכס און אַלטערס אידעאישער טראַדיציע און דאָס טאַקע האָבן נישט געקענט פאַרשטיין די אויסטייטשער פון קאָמוניזם, וועלכע האָבן מיט דעם מאָרד אויסגעגלייכט אַלטע חשבונות."

(פון אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אַרגענטינע, „לאַ וואַנגאַרדיאַ", 14טן מערץ, בוענאָס איירעס).

***

אָן אומזיניקער נקמה־אַקט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי לגבי מענטשן, וועלכע לעבן און קעמפן פאַר פרייהייט, לגבי מענטשן, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט פאַרלייקנט זייער פּערזענלעכקייט. די אַרבעטער פון גאָר דער וועלט וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן די רציחות, וואָס באַפלעקן נאָר די אויספירער זייערע און דערהויבן אויף דור דורות דעם אָנדענק פון זייערע קרבנות.

(פון אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אורוגווײַ, „על סאָל", 5טן מערץ, מאָנטעווידעאָ).

די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע

אין „פאָרווערטס" פון 3טן מערץ שרייבט צביון:

„ווען די קאָמוניסטישע מערדער אין רוסלאַנד וואָלטן ניט געווען קיין טרוסן און וואָלטן ניט געווען אַזוי נידערטרעכטיק טיף געזונקען, וואָלטן זיי

אָפּן געזאָגט, אַז זיי האָבן געהרגעט ערליכן און אַלטערן צוליב דעם, ווייל זיי האָבן אין פּוילן געפירט אַ קאַמף קעגן קאָמוניזם.

„דאָס וואָלט געווען ברוטאַל, דאָס וואָלט אַרויסגערופן אַן אַלגעמיינעם פּאַרדאַמונגס־פּראָטעסט קעגן די מערדער, אָבער די מערדער גופא וואָלטן געקענט זאָגן, אַז זיי האָבן דעם מוט צו דערציילן דעם פּולן אמת און אַז זיי האָבן געטאָן דאָס, וואָס זייער נקמה־געפיל האָט זיי דיקטירט. זיי האָבן אָבער דעם מוט ניט געהאַט צו זאָגן דעם אמת. זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַן אויסברוך פון פּאַרדאַמונגס־פּראָטעסטן קעגן אַזאַ אָפענער ציניש̇ער ברו־טאַליטעט.

„אין יעדן מערדער ליגט אָבער באַהאַלטן אַ טרוס. פּיל ערגער ווי דער קאָמוניסטישער מאָרד איז די אומגעהויערע נידערטרעכטיקייט פון די מער־דער צו באַשמוצן די נעמען פון זייערע קרבנות מיט אַ שענדלעכן בלבול".

***

אין „מאָרגן־זשורנאַל" שרייבט י. גלאַטשטיין:

„עס איז אַן אידיאָטישע באַשולדיקונג, וואָס וועט צווינגען אַ סך סאָוויע־טישע יאָ־זאָגער נאָך אַמאָל צו רעווידירן זייערע מאָסקווער פּראָצעסן.

„...אויב מיין לובלינער לאַנדסמאַן הענריק ערליך איז שוין אויך געווען אַ שטיקל נאַצי, האָלט דאָך די באַשולדיקונג באַלד ביי מיר. און מיר גלויבט זיך בשום אופן ניט אויף מיר, אַז ווען איך וואָלט פאַרבלאַנדזשעט קיין סאָוויעט־רוסלאַנד, וואָלט איך זיך איצטער פּאַרנומען מיט פּראָ־נאַצישער טעטיקייט און מיט אָפּשוואַכן דעם מוט פון דער רויטער אַרמיי.

„פּאַרקערט איך וואָלט נאָכגעלאָפן די רויטע אַרמיי און איך וואָלט זיך געבעטן מען זאָל מיך אויך באַערן מיט אַ ביקס...

„און אויך ערליך און אַלטער וואָלטן זיך מסתמא געשעצט גליקלעך, ווען מען וואָלט זיי באַערט מיט זעלבסט־אָפּפערנדיקער אַרבעט קעגן די נאַצישע חיות.

„אָבער זייער סאָציאַליסטישע פּאַרגאַנגענהייט האָט זיי שוין אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל. עס איז געווען אַ פראַגע פון צייט, זיי זיינען געווען טויטע מענטשן, אַזוי גיך ווי זיי זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער סאָוויעטישער מאַכט."

***

דער „וועקער", אָרגאַן פון יידישן סאָציאַליסטישן פּאַרבאַנד, שרייבט דעם 1טן מערץ:

„צוויי ליכטיקע גייסטער זיינען אויסגעלאָשן געוואָרן אונטער דעם זינלאָזן

און אומפאַרשעמטן בלבול פון פאַרבינדונג מיט די נאַציס. נאָר איין כוונה האָט געקענט דערביי האָבן די קאָמוניסטישע מאַכט:

„באַשמוצן דעם אָרעאָל פון ריינקייט און דערהויבנקייט, מיט וועלכן די באַוואוסטזיניקע יידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן האָבן אַרומגערינגלט די צוויי פירער, און פּרוּוון דורך דעם פיזישן טויט פון די צוויי רומפולע טרעגער פון דעםווירקלעכן סאָציאַליסטישן באַפרייאונגס־אידעאַל — טויטן דעם גייסט פון דאָזיקן אידעאַל.

„די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע האָט מיט אומענדלעכן צער און שוידער אויפגענומען די ידיעה וועגן דער דערמאָר־דונג פון ערליך און אַלטער. מיר וועלן האַלטן הייליק זייער ליכטיקן אָנדענק.

***

א. מענעס שרייבט (מאַי 1943) אין „וועקער":

צוויי יידישע סאָציאַליסטן, צוויי וואונדערבאַרע קעמפער פאַר גערעכטי־קייט, צוויי קרישטאָל־ריינע פּערזענלעכקייטן זיינען אויף אַ נידערטרעכטיקן אופן אומגעבראַכט געוואָרן. זיי זיינען אַנטלאָפן פון היטלערן און זיי האָבן געזוכט שוץ אין דעם לאַנד פון דער אַזוי־גערופענער סאָציאַליסטישער גע־רעכטיקייט. דאָ האָט מען זיי אַרעסטירט, מען האָט דורכגעפירט אויף זיי אַן עלילת־דם־פּראָצעס און מען האָט זיי אומגעבראַכט. אָבער דאָס איז פאַר די מערדער נאָך ווייניק. איצט, נאָך זייער מאַרטירער־טויט, ווערט באַזונדערס פון די יידישע קאָמוניסטן און זייערע מיטלויפער געפירט די העסלעכסטע און נידערטרעכטיקסטע קאַמפּאַניע קעגן דעם הייליקן נאָמען פון די קדושים.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר קענען אָבער מיט צופרידנקייט פעסטשטעלן, אַז די דעמאָקראַטישע יידישע און ניט־יידישע וועלט האָט ווי געהעריק רעאַגירט אויף דעם פאַר־ברעכן, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן לגבי די יידישע סאָציאַליסטישע פירער הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער. די פּראָטעסט־אַקציע, וואָס איז דורכגע־פירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם ערליך־אַלטער־מאָרד גיט אונז דעם מאָראַלישן כוח צו פירן מיט נאָך אַ גרעסערער ענערגיע דעם קאַמף קעגן דעם בלוטיקן היטלער־רעזשים.

די קאַמפּאַניע צו באַשמוצן דעם הייליקן אָנדענק פון ערליך און אַלטער איז אינגאַנצן דורכגעפאַלן. פאַרשמוצט בלייבט נאָר דער נאָמען פון אַלע יענע, וואָס האָבן זיך אין דער דאָזיקער קאַמפּאַניע באַטייליקט. דער באמת אומפאַר־טייאישער געריכט פון דער דעמאָקראַטישער וועלט און פון דער געשיכטע האָט זיין אורטייל אַרויסגעטראָגן: ניט די הייליקע קרבנות, נאָר זייערע מער־דער און אַלע יענע, וואָס האָבן דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט געזען און האָבן געשוויגן, זיינען שולדיק!

***

לויט דעם געבוי פון זייער שכל, לויטן כאַראַקטער, לויטן טעמפּעראַמענט, לויט דעם צוגאַנג צום לעבן און לויט זייער אויסערלעכקייט — זיינען זיי געווען פאַרשידן. מעגלעך אַפילו — קעגנזעצלעך. אָבער די גרונט־שטריכן, וואָס האָבן געשאַפן דעם הויכן קוואַליטעט פון זייער געזעלשאַפטלעכער טע־טיקייט, זיינען געווען אַזוי ענלעך:

— גרענעצלאָזע טריישאַפט צו די אידעאַלן און צו דעם קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס; מאָראַלע ריינקייט און מוט — מוט לויט דעם מוסטער פון דעם קלאַסישן אַלטערטום.

דער אָרעאָל מיט וועלכן די אידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן האָבן אַרומגערינגלט זייערע פּרעכטיקע געשטאַלטן, איז קודם־כל געווען די אָפּ־שפּיגלונג פון ערליכס און אַלטערס אידעאַליזם; פון זייער ריינקייט און פון זייער מוטיקייט, וועלכע זיינען געווען אין אַזאַ גלענצנדיקער האַרמאָניע מיט דער אינדיווידואַליטעט, מיט דער פּערזענלעכקייט פון יעדן פון זיי.

— ערליך איז געווען דער לייכט־טורעם, אויסגעשמידט אויף אַ מעכטיקן פעלז; דער לייכט־טורעם, וואָס וואַרפט זיין שטענדיקן העלן ליכט אויף דעם ריכטיקן וועג פאַר דער באַוועגונג;

— אַלטער איז געווען דער באַוועגלעכער רעפלעקטאָר פון דעם לייכט־טורעם, וועמענס שטאַרקע שטראַלן דרינגען אַריין און ווייזן אָן אויף נייע ערטער, וואָס אַנטפּלעקן זיך; אויף נייע כוואַליעס, וואָס קומען אָן.

דער לייכט־טורעם פּילט אויס אַ דאָפּלטע אויפגאַבע: ער ווייזט אָן אַ אי אויף דעם וועג, אי אויף די געפאַרן — ער ווייזט און וואָרנט...

דאָס איז געווען העבריק ערליך.

יעדער מענטש האָט אין זיין נשמה איין אַממערסטן־עמפּינדלעכן פּונקט, וואָס באַוועגט אים צו אַקטיוויטעט. ביי ערליכן איז דאָס געווען דאָס געפיל פון גערעכטיקייט. ביי אַלטערן — די שטרעבונג צו דער לייזונג פון דער פּראָ־בלעם: אויספלאַנירן, אויסבויען אַ נייע אָרדענונג פאַר די מענטשלעכע און געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען. וויפיל פּראָבלעמען, וויפיל שטערונגען, וויפיל שוועריקייטן... אָט דאָס האָט צוגעצויגן דעם זוכנדיקן, פאָרשנדיקן שכל פון אַלטערן.

דער זוכנדיקער געדאַנק פון אַלטערן איז געפאַלן הויך און ווייט. מען קען וועגן אַלטערן זאָגן, אַז ער איז אַלעמאָל געווען פאַרטיק לכל־הפחות פאַר איין בוך. אַפילו אין דער סאָוויעטישער טורמע, אין דעם טויטן־קאַמער, האָט ער אָנגעשריבן אַ בוך, אַ בוך איבער פיזיק. אַ ווירדיקער גייסטיקער יורש פון אַרכימעד...

ערליך און אַלטער האָבן באַזעסן דעם סוד פון צושמידן די אויפמערקזאַמקייט פון זייערע צוהערער.

ערליך האָט מיט זיין גאַנצן וועזן און מיט יעדער באַזונדערער דעטאַל

אַרויסגערופֿן גרענעצלאָזן צוטרוי צו זיך; ער האָט קיינמאָל גאָרנישט אַרויפֿגעצוואונגען אויף דעם צוהערער; ער האָט געזאָגט דעם אמת און נאָר דעם אמת — אָן דריידלעך, אָן צווידייטיקייטן, אָן פֿאַרשווייגונגען. ווען מען זאָל צו דעם צוגעבן די אייגנאַרטיקע פֿאָרם פֿון זיין ריידן, וואָס האָט אַזוי האַרמאָנירט מיט דעם רייכן אינהאַלט; זיין נאָבעלע אויסערלעכקייט און די טיפֿקייט פֿון זיין געדאַנק, באַלויכטן און אָנגעוואַרעמט מיט דעם פֿייער פֿון ריינעם אידעאַליזם — וועלן מיר האָבן דעם סוד פֿון ערליכס צויבער און ווירקונג.

אויך צו אַלטערן האָט מען זיך צוגעהערט זייער אויפֿמערקזאַם. ווי מיט אַ ליכט־עפֿעקט, פֿלעגט ער טרעפֿן זיינע צוהערער מיט דעם שפּיל און פֿאַרנעם פֿון זיין געדאַנק, מיט דער אָריגינעלקייט, אָפֿטמאָל פּאַראַדאָקסאַלקייט פֿון זיינע טעזן און אויספֿירן. דאָס אַלץ פֿלעגט דער צוהערער באַקומען אין דער פֿאָרם פֿון אַ שטאַרקער לאָגישער געדאַנקען־קייט, אין וועלכער יעדער רינג טיילט זיך אויס באַזונדער און האָט געקאָנט באַטראַכט ווערן און קאָנטראָלירט ווערן.

אויף דער פֿאָרם האָט אַלטער נישט געלייגט קיין סך אַכט, אָבער דאָס פֿלעגט בלייבן אומבאַמערקט צוליב דער רייכקייט פֿון געדאַנק און צוליב דער קונסט, מיט וועלכער ער פֿלעגט אויפֿנעמען פּראָבלעמען.

אין זייערע האַנדלונגען און געדאַנקען זיינען זיי ביידע געווען אויסגעהאַלטן און דרייסט. אַזוי זיינען זיי געבליבן ביז צום סוף.

(ל. האָניגוויל, „דער וועקער", ניו־יאָרק, 15טן מערץ, 1943)

***

שלמה גראָדזענסקי, שרייבט אין „יידישן קעמפֿער", אָרגאַן פֿון פּועלי־ציון, פֿון 5טן מערץ:

„די בשורה, וואָס אַמבאַסאַדאָר ליטווינאָוו האָט איבערגעגעבן אין נאָמען פֿון זיין רעגירונג, איז געפֿאַלן ווי אַ באַרג־שווערער שטיין אין אונזער מיטן. אָט־דער סאַדיסטישער מאָרד, אָט־די קאַלטבלוטיקע דערקלערונג פֿאַר דעם דאָזיקן מאָרד, אָט־דער לעצטער וואויל־יונגערישער שפּיי אויף די קברים פֿון די צוויי מאַרטירער איז אַן אַרויסרוף: דאָס זיינען מיר, דאָס טוען מיר, דאָס וועלן מיר טאָן, אַז מיר וועלן נאָר קענען — נעכטן, היינט און מאָרגן. קיינער וועט אונז נישט אָפּשטעלן, קיינער וועט אונז נישט שטערן. עס געפֿעלט אייך נישט? — אַנו, טוט אונז עפּעס..."

***

אין „פֿאָרווערטס" פֿון 2טן מערץ שרייבט ר. אַבראַמאָוויטש:

„אונטער סטאַלינס דיקטאַטור ווערט קיין זאַך ניט געטאָן אָן אויסרעכענונג אָדער צופֿעליק. און די אויסרעכענונג איז געווען אַ קלאָרע: כדי צו קאָנען

ה. ערליך צווישן חברים און פריינד אויף אַ שיף פאַרן אָפּפאָרן פון אַמעריקע, וואו ער איז געווען אַהויב 1938 בעת די יוביליי־פייערונגען פון „בונד“.

העניק ערליך און וויקטאָר אַלטער



וו. אלטער — געצייכנט פון
קינסטלער שאַפּאָלסקי, מאָס־

סאָוויעטיזירן און קאָמוניזירן פּוילן און די אַרבעטערשאַפט פון פּוילן, מוז מען פאַרניכטן די פירערשאַפט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן. און אויב מען דאַרף אָפּהאַקן די קעפּ פון דער יידישער און פּוילישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, זיינען די דאָזיקע קעפּ פריער פאַר אַלץ ערליך און אַלטער.

„די פירער פון פּוילישן „בונד", די גרויסע סאָציאַליסטן און קרישטאָל־קלאָרע מענטשן ערליך און אַלטער, זיינען געפאַלן דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען גרויסע סאָציאַליסטישע פירער און פון די שענסטע און אויפריכטיקסטע מענטשן אין דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דאָס איז געווען זייער גרויס פאַרברעכן, וואָס דער קאָמוניסטישער אינטער־נאַציאָנאַל האָט זיי נישט געקאָנט מוחל זיין. וואָרעם דער וועלט־קאָמוניזם נויטיקט זיך אין אַ צעשטויבטער, דעזאָרגאַניזירטער פירערלאָזער אַרבעטער־שאַפט, וואָס זאָל קאָנען ווערן אַ לייכטער קרבן פון קאָמוניסטישער דעמאַגאָגיע. וואָס פּאָפּולערער, וואָס באַליבטער און וואָס רעוואָלוציאָנערער די סאָציאַליסטישע פירער פון אַ לאַנד זיינען, אַלץ שטאַרקערע קעגנער פון דער קאָמוניסטישער דעמאַגאָגיע קאָנען זיי ווערן. און דעריבער איז אַלץ נויטיקער זיי צו פאַר־ניכטן."

***

אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" פון 5טן מערץ, שרייבט א. אַלמי:

„כאָטש איך בין אַלע מיינע יאָרן אַ אידעאָלאָגישער קעגנער פון „בונד", פון זיין פּראָגראַם, האָבן ערליך און אַלטער אין מיר אַרויסגערופן דרך־ארץ און יראת הכבוד.

„צו זאָגן אויף זיי, אַז זיי זיינען געווען היטלער־אַגענטן, מיינט שפּייען דער גאַנצער וועלט אין פּנים אַריין.

„פון אַט־דער שענדלעכער און אידיאָטישער באַשולדיקונג אויף די צוויי יידישע אַרבעטער־פירער קאָנען מיר האָבן די בעסטע פאַרשטעלונג וויפל אמת ס'האָבן אַנטהאַלטן די באַשולדיקונגען אויף די אַלע אָנגעקלאָגטע אין די טרויע־ריק־באַרימטע מאָסקווער פּראָצעסן.

***

ה. ראָגאָף, „פאָרווערטס" פון 4טן מערץ:

„דער שיקזאַל האָט פאַרבונדן אונזער לאַנד און אַנדערע דעמאָקראַטישע לענדער אין איין קאַמף מיט סאָוויעט־רוסלאַנד קעגן אַ געמיינשאַפטלעכן שונא.

אָבער דערפאַר וואָס די רויטע אַרמיי העלפט אונז געווינען די מלחמה, זיינען מיר נישט פאַרפליכטעט צו פאַרשווייגן אַזוינע הימל־שרייענדיקע פאַר־ברעכנס ווי די הינריכטונג פון מענטשן, וואָס האָבן זייער גאַנצן לעבן געוויד־מעט צו ברענגען פרייהייט און גערעכטיקייט אויף דער וועלט. אויב מיר וואָלטן עס געטאָן, וואָלטן מיר נישט געווען מאָראַליש באַרעכטיקט די מלחמה קעגן היטלערן צו געווינען."

***

דער „טאָג" פון 16טן מערץ אין אַ לייט-אַרטיקל:

„הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, די צוויי פּאָליטישע פירער פון „בונד" וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער גאַנץ לעבן דעם קאַמף פאַר פרייהייט, זאָלן פאַראורטיילט ווערן צום טויט פאַר זוכן שלום מיטן גרעסטן טיראַן פון דער וועלט. דאָס איז אַ טייוולשע איראָניע!

„זיי, וואָס האָבן אָפּגעגעבן דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן פאַר דער באַפרייאונג פונם רוסישן פאָלק פון זיינע צאַריסטישע הערשער, זיינען פון אַ רוסישן געריכט פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט!

„קיין מענטש מיט אַ קלאָרן זין, קיין נאָרמאַלע מענטשלעכע לאָגיק, וועט נישט אָננעמען די מעגלעכקייט, אַז ערליך און אַלטער, צוויי גרויסע קעמפער פאַר פרייהייט, צוויי יידישע רעוואָלוציאָנערן, זאָלן אַגיטירן פאַר שלום מיטן שונא.

„אַזאַ באַשולדיקונג קעגן אַלטער און ערליך איז אַ טראַגעדיע פאַר דער סאָוויעטישער גערעכטיקייט, נישט ווייניקער ווי פאַר אירע קרבנות."

***

חיים ליבערמאַן אין „פאָרווערטס":

„איך ווייס, אַז עס איז היינט זייער אַ היסטערישע צייט: רויטע אַרמיי! געראַטעוועט די וועלט! דאָס יידישע פאָלק גייט אונטער! און קעגן דעם היסטערישן שטראָם איז שווער אויפצוהייבן אַ קול פאַר אָן אָרעמען ערליכן און אַלטערן. אָבער בלויז פאַר שוואַכלינגען איז דאָס שווער. פאַר מענטשן מיט כאַראַקטער איז דאָס ערשט די ריכטיקע צייט. איך ווייס, אַז דו האָסט ליב צו רעדן מיט באַוואונדערונג פון זאָלאַ, וואָס האָט געהאַט דעם מוט זיך אויפצוהייבן קעגן גאַנץ פראַנקרייך און זיך איינשטעלן פאַר דעם אָרעמען פאַרבלוטיקטן דרייפוסן. היינט האָסטו די געלעגנהייט אויף דיין אייגענעם באַשיידענעם אופן צו זיין אַ זאָלאַ. דער בלבול אויף ערליכן און אַלטערן איז שרעקלעכער ווי דער דרייפוס-בלבול איז געווען.

„אויב נישט, אויב דו ביסט נישט אַזעלכער, ביסטו נישט מיין ברודער."

***

אפרים אויערבאַך אין „מאָרגן-זשורנאַל" פון 2טן מערץ:

„ס'איז אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי מען קאָן זאָגן מיטן פולן ערנסט, אַז ערליך און אַלטער האָבן געדינט אין דער פוילישער דעפענסיווע (געהיים-פּאָליציי) און האָבן אין רוסלאַנד אָנגעפירט אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער רויטער אַרמיי. מ'דאַרף ניט זיין קיין גרויסער בר-דעת צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז

אוממעגלעך, אַקוראַט ווי עס איז נישט מעגלעך, אַז סטאַלין אַליין זאָל אין מיטן דער מלחמה פּראָפּאַגאַנדירן די רויטע אַרמיי נישט צו שלאָגן זיך קעגן שונא.״

***

„פאַלט דאָס אויג גלייכצייטיק אויףביידע שוידער־בשורות פון דער צייטונג: אויף דעם ריזיקן ברודער־קבר אין פּוילן, און אויף דעם קליינעם ברודער־קבר אין רוסלאַנד. דו פילסט, אַז אין שאָטן פון דעם איינזאַמען און עלנדן ברודער־קבר אין רוסלאַנד זעען־אויס פיל טראַגישער די מיליאָנען ברי־דער־קברים אין פּוילן...״ ב. שעפנער („פאָרווערטס״)

***

„צוויי אומשולדיקע מענטשן האָט מען דערהרגעט נישט נאָר פיזיש, נאָר מען האָט זיך פאַרמאָסטן זיי מאָראַליש צו דערמאָרדן מיט אַ פאַלשן בי־דערטרעכטיקן בלבול.

איז בשעת זיי זיינען שוין געלעגן אין קבר פאַרשטומט אויף אייביק דורך דער האַנט פון תליון, האָט מען ערשט גענומען באַשמוצן זייער נאָמען, ווייסנדיק, אַז טויטע קאָנען זיך נישט פאַרטיידיקן. וויפל פאַרברעכנס זיינען דאָ באַגאַנגען געוואָרן?

מען האָט פאַרגאָסן דאָס בלוט פון אומשולדיקע מענטשן.
מען האָט געשענדעט די גערעכטיקייט דורך פאַלשע ריכטער.
מען האָט געזאָגט פאַלש עדות קעגן זיי.
מען האָט געשענדעט די אידייע פון אַרבעטער־באַפרייאונג.
מען האָט צוגענומען ביי מענטשן די הייליקע רעכט צו פאַרטיידיקן זיך.
מען האָט נאָכן טויט געשענדעט זייער נאָמען.״

דוד איינהאָרן („פאָרווערטס״)

***

„שווייגן הייסט גוטהייסן די מערדערלעכע האַנדלונג; שווייגן מיינט נישט נאָר גוטהייסן דעם מאָרד, נאָר אויך די געמיינע שענדונגען פון דעם גאַנצן גלאָררייכן לעבן און מאַרטירער־טויט פון אונזערע ליבע און אַזוי טיף געאַכטעטע פירער און קעמפער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג — ערליך און אַלטער. מ. ל. פאַלין („פאָרווערטס״)

***

אין לייט־אַרטיקל פון פעברואַר־מערץ־נומער „דער פריינד״, אָפיציעלער אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג, זאָגט זיך:

„וואָס פאַר אַ ביטערע איראָניע דאָס איז, אַז די, וועלכע האָבן זיך

געקושט און געהאַלזט אין קרעמל און געבאַנקעטעוועט מיט דעם שליח פון הענקער היטלער, מיט דעם אויסערן־מיניסטער ריבענטראָפּ, פאַר וועלכן מען האָט געמאַכט פּאַראַדן — אַז זיי באַשולדיקן ערליכן און אַלטערן אין העלפן היטלערן. נאָר קענטיק, אַז די פירער פון מאָסקווע האָבן פאַרלאָרן יעדן גע־פיל פון אָנשטענדיקייט און האָבן נישט געהאַט דעם מוט צו זאָגן, אַז זיי האָבן דערמאָרדעט די צוויי פירער, ווייל זיי זיינען געווען סאָציאַליסטן.״

***

י. קענער אין אָרגאַן פון די לינקע פועלי־ציון, „פּראָלעטאַרישער גע־דאַנק״ פון 15טן מערץ:

„די הינריכטונג פון ערליכן און אַלטערן איז ווייטאָגדיק און שמערצ־לעך נישט בלויז דערפאַר, ווייל צוויי אָנגעזעענע אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער זיינען אויף אַן אומזיניקן אופן געפאַלן פון די ביקסן־קוילן, מיט וועלכע מען האָט געקאָנט דערשיסן עטלעכע אמתע פיינט פונם ראַטן־פאַרבאַנד, נאָר נאָך מער דערפאַר, ווייל די קויבישעווער „ריכטער״, די „דערשיסער״ און די פּאַק־טאָרן, וואָס האָבן דעם מאָרד אינספּירירט און אָראַנזשירט, געהערן, ליידער, צום פּראָלעטאַרישן לאַגער... ווען אַרבעטער־טוער זיינען געמאָרדעט געוואָרן פון היטלערן, צי פון מוסאָלינין אָדער פראַנקאָן, זיינען דאָס געווען פאַרברעכנס, וואָס האָבן אונז אָנגעפילט מיט צער און צאָרן — אָבער ווען אַרבעטער־פירער ווערן דערשאָסן פון „אייגענע״, אַנדערע אַרבעטער־פירער, וועלכע שטייען ביים מלוכה־רודער — פילן מיר אַחוץ דעם צער און דעם ווייטיק, אויך די בושה און די חרפּה, וואָס באַדעקט אונזער צייט און באַהערשט אונזערע גע־פילן...״

***

„פאַרבאַנד־שטימע״, אָרגאַן פון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד:

„די באַשולדיקונג דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פּאָליטישן אַבסורד...

„...מיר שליסן זיך אָן אין דעם טרויער און ווייטיק, וואָס דער „בונד״ און אַלע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־כוחות לעבן איצט איבער אַלס רעזולטאַט פון דער הינריכטונג״.

***

אין לייט־אַרטיקל פון אַפּריל־נומער „גערעכטיקייט״ (אָרגאַן פון אינ־טערנעשאָנאַל ליידיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן אין אַמעריקע) לייענען מיר:

„עס קען פון קיינעם נישט פאַרלייקנט ווערן, אַז דער פּרעסטיזש פון סאָוויעט־רוסלאַנד האָט שטאַרק געליטן דורך דעם ערליך־אַלטער־מאָרד. די קאָמוניסטישע מערדער זיינען אויף אַזאַ אופן באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן

אַלץ, וואָס איז מענטשלעך און רעכט. זיי זיינען אָבער אויך באַגאַנגען אַ פאַר־ברעכן קעגן די אינטערעסן פון סאָוויעט־רוסלאַנד, אונטערגראָבנדיק איר פּרעסטיזש.״

***

דער זשורנאַל פון די פּועלי־ציון „דזשואיש פראָנטיער״ פאַרענדיקט דעם אַרטיקל וועגן דער עקזעקוציע איבער ערליכן און אַלטערן מיט פאָלגנדע ווערטער:

„...עס איז דער חוב פון יעדן, וואָס איז מיט דעם אַלעמען באַקאַנט, צו דערקלערן אָמשטאַרקסטן, אַז דיביידע הינגעריכטעטע זיינען זייער גאַנץ לעבן געווען מוטיקע קעמפער פאַר סאָציאַליזם און דעמאָקראַטיע.״

***

דער אָרגאַן פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, „קאָנגרעס וויקלי״, זאָגט אין אַ לייט־אַרטיקל (נומער פון 19טן מערץ):

„דער כעס צוליבן הינריכטן אין סאָוויעט־רוסלאַנד די פירער פון יידישן „בונד״ אין פוילן, הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, איז פולשטענדיק באַ־רעכטיקט. צו באַשולדיקן די דאָזיקע באַרימטע סאָציאַליסטישע פירער אין „פאַשיזם״ אָדער „לאָיאַלקייט צו דייטשלאַנד״ איז אַ ציניש רכילות, הייסט צוגעבן אַ גראָבע באַליידיקונג צו אַן אומגערעכטיקייט, וואָס איז נישט צום פאַרריכטן.״

***

„נאַשאַ טריבונאַ״, אַ צייטונג פון אַ גרופּע פּוילישע יידן, אונטער דער רעדאַקציע פון י. אַפּענשלאַק און ד״ר א. טאַרטאַקאָווער, שרייבט:

„די מוראַדיקע און אומזיניקע באַשולדיקונג, וואָס ווערט אַרויסגערוקט אויף צו באַגרינדן די הינריכטונג — קען נישט האָבן אַפילו אַ שאָטן פון וואָר־שיינלעכקייט פּנים אל פּנים מיט דער הערלעכער טעטיקייט פון די דאָזיקע צוויי פירער פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין פוילן. ס׳זיינען צו גוט באַ־קאַנט די פאַרדינסטן, מסירת־נפש, פּאָליטישע אָרנטלעכקייט, ריינקייט פון די כאַראַקטערן פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, ווי אויך זייער אומדער־שראָקענער קאַמף קעגן היטלעריזם, אַז מען זאָל קאָנען גלויבן אין דער באַ־שולדיקונג.

„דאָס פּוילישע יידנטום וועט אייביק זיי איינהאַלטן אין זכרון אַלס כלל־טוער, וועלכע פאַרקערפּערן דעם דערהויבנסטן אידעאַליזם און טרייהייט אָן גרענעצן צו דער זאַך פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע.״

מ ע ק ס י ק ע

מיט דער דערמאָרדונג פון די צוויי פירער פון אַלגעמיינעם יידישן אַר־בעטער־בונד איז דורך די הערשער פון קרעמל, וועלכע פאָזירן ווי אַן אַרבעטער־מאַכט, ווי טרעגער פון דער סאָציאַליסטישער אידייע און ווי רעגירער פון אַ סאָציאַליסטיש לאַנד — דערלאַנגט געוואָרן אַן איבעריקן מאָל אַ טויט־קלאַפּ דעם ריינעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, וועלכן זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַרניכטן.״

(מערץ־נומער „פּאָרויס״ — אָרגאַן פון דער געזעלשאַפט פאַר קולטור און הילף אין מעקסיקע).

⁂

„דער איינציקער חטא פון העגריק ערליך און וויקטאָר אַלטער האָט גע־קענט זיין, אַז זיי זיינען בשעתו געווען קעגן סטאַלין־היטלער־פּאַקט. זיי האָבן געשריבן קעגן אָט דער שאַנד־טאַט און געהאַלטן, אַז ס׳איז געווען אַ פאַר־ברעכן און אַ שאַנדע פאַר דער וועלט און פאַרן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־קלאַס.

(„די שטימע״, מעקסיקע)

⁂

„די ערגסטע שונאים פון סאָוויעטישן רעזשים וואָלטן אים נישט אָפּגעטאָן אַזוי פיל שאָדן, וויפל זיינע געטרייסטע אָנהענגער, די קאָמוניסטן, האָבן אים איצט אָפּגעטאָן דורך דער עקזעקוציע פון די צוויי פּראָמינענטע יידיש־סאָציאַ־ליסטישע אַרבעטער־פירער.״

(„דער וועג״, מעקסיקע)

אַ ר ג ע נ ט י נ ע

„דער „בונד״ אין פוילן האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי ווּיכטיקע יידישע פירער, צו וועמען די יידישע אַרבעטער־מאַסן זיינען געווען שטאַרק צוגעבונדן און וועמען די מאַסן האָבן גוואַלדיק פאַרערט. ערליך און אַלטער האָבן געהערט צו די דאָזיקע בונדישע פירער, וועלכע האָבן זייער לעבן מקריב געווען פאַר דער רעוואָלוציע און וועלכע זיינען אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן אומגעקומען.״

מאַרק טורקאָוו („די יידישע צייטונג״, 1טן מערץ, בוענאָס־איירעס).

⁂

„אַ גרויסע היסטאָרישע אַחריות ליגט אויף רוסלאַנד, און דעריבער פילן מיר מיט האַרצווייטיק די שאַנד, וואָס רוסלאַנד באַגייט מיט אַזעלכע משפּטים

און אַזעלכע עקזעקוציעס, ווי מיט די צוויי בונדישע פירער. דאָס בויערט אין סאַמע האַרץ פון דער פרייהייט״.

א. ל. שוסהיים („אונזער צייט״, 5טן מערץ, בוענאָס איירעס).

***

„וויקטאָר אַלטער און הענריק ערליך האָבן אָפּגעלעבט לעבנס פון שווערן קאַמף, פון תפיסה, פאַרשיקונג און פון געפינען זיך מיט דעם גאַנצן וועזן אויפן שאַרף פון אַ מעסער און פון האָבן דאַמאָקלעסעס שווערד איבערן קאָפּ. זיי האָבן אין די לעצטע יאָרן געווידמעט דאָס בעסטע פון זייער לעבן דעם קאַמף קעגן היטלעריזם און זיי זיינען אַזוי טראַגיש אומגעבראַכט געוואָרן דווקא דעמאָלט ווען זייער לעבנס־קאַמף אין אַריין אין זיין זיכערסטער פאַזע. אָפּנים אַז דאָס איז אונזערס אַ באַזונדער אומגליק.״

יעקב באַטאַשאַנסקי („די פּרעסע״, 12טן מערץ, בוענאָס איירעס).

***

„...די היגע יידישע גאַס האָט זיך צעוויגט, ס'האָט אַ שטראָם געטאָן אַ כוואַליע פון פּראָטעסט קעגן די, וואָס האָבן אויפסנייי דערמאָרדעט סאָציאַ־ליסטן, אַרבעטער־פירער, קעגן דעם רעזשים וואָס דערמעגלעכט די אַלערליי צעשיסונגען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„צענדליקער יאָרן האָבן די ח״ח ערליך און אַלטער געקעמפט פאַר פריי־הייט, געהאָלפן בויען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג און אויסשמידן דעם „בונד״. זיי זיינען די לעצטע פאַר צענדליק יאָר געווען די וואָרט־זאָגער פון די בונדישע מאַסן אין פּוילן, די פאַרטרעטער פון „בונד״ אין דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

„טויזנטער בונדיסטן אין פּוילן קומען אום אין קאַמף מיטן נאַציזם; מיט וויפל וויטיק וועלן די יידישע מאַסן אין די געטאָס אויפנעמען די שווי־דערלעכע ידיעה, אַז די סאָוויעטן־מאַכט האָט היגעריכטעט די פאַרטיידיקער פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, די בונדישע פירער ה. ערליך און וו. אַלטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„מיטן דערשיסן ה. ערליך און וו. אַלטער האָט די סאָוויעטן־רעגירונג נישט בלויז געטראָפן דער בונדישער באַוועגונג, נאָר אויך דער גאַנצער סאָ־ציאַליסטישער און דעמאָקראַטישער וועלט.

„דער אָנדענק פון די אומגעבראַכטע חברים וועט באַלייכטן דעם וועג פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין זייער ווייטערדיקן קאַמף פאַר אַ פרייע סאָציאַליסטישע וועלט.״

(„אונזער וואָרט״, ספּעציעלע אויסגאַבע פון דער בונדישער גרופּע אין בוענאָס־איירעס, מערץ 1943).

***

דאָס האַלטן דעם בלוטיקן סוד מער פון אַ יאָר צייט — — — איז דער בעסטער באַווייז, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג האָט קיין מזט נישט געהאַט אונ־טערצוטראָגן דער סאָציאַליסטישער וועלט די ידיעה, אַז שוין פינף חדשים נאָך דער מלחמה מיט נאַצי־דייטשלאַנד האָט די סאָוויעטן־מאַכט דערשאָסן צוויי מיטגלידער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

— —

... ערליך און אַלטער זיינען געפייניקט געוואָרן אין סאָוויעטישע תפיסות און לסוף האָט זיי די סאָוויעטן־מאַכט אומגעבראַכט, הגם זייער גאַנץ לעבן איז געווען אַ קאַמף פאַרן סאָציאַליזם.

פאַרוואָס־זשע האָט מען זיי דערשאָסן?

... נאָר פינצטערע פּאַרטיי־נקמה האָט דערפירט דערצו, אַז מ׳זאָל ה. ערליך און וו. אַלטער דערשיסן. זיי האָבן נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין די נאַציסטישע הענט, זיינען זיי אַנטלאָפן קיין סאָוויעט־רוסלאַנד. זיי איז נישט פרעמד געווען דער רוסישער רעזשים. זיי האָבן אָבער זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז מ׳זאָל זיי דערשיסן בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען פירער פון „בונד״.

... נאָר אַ פינצטערע נקמה־דורשט און אַ ווילדער האַס צו סאָציאַליסטן, געבוירן אין אַ דיקטאַטאָרישן רעזשים, האָט דיקטירט דאָס דערשיסן די בונ־דישע פירער.

קיין אַנדער מאָטיוו איז נישטאָ און קאָן נישט זיין.

איצט איז מלחמה. די פעלקער אין רוסלאַנד גייען־אָפּ מיט בלוט. די סאָציאַליסטישע וועלט וועט אָבער מאָנען חשבון פאַר אומברענגען סאָציאַליסטן, פאַר די אַלע צעשיסונגען, וואָס האָבן באַפלעקט די ראַטן־רעוואָלוציע.

י. האָרן: הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער — פאַרוואָס האָט די סאָוויעטישע רעגירונג זיי אומגעבראַכט? בראָשור, אַרויסגעגעבן פון דער בונדישער גרופּע אין בוענאָס איירעס, מערץ 1943.

***

„... קעגן דער עקזעקוציע פון די צוויי פּאָפּולערע יידיש־פּוילישע סאָ־ציאַליסטישע טוער הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער איז דער אינטערנאַציאָ־נאַלער סאָציאַליזם פאַרפליכטעט אַרויסצוהויבן זיינע נאָבלסטע סענטימענטן, כדי ס׳זאָל נישט בלייבן שטראָפלאָז דער מאָרד, וואָס האָט דורך די צערטלעכע קערפּערס פון די צוויי פאַרדינסטפולע סאָציאַליסטן פון פּוילן, פאַרוואונדעט דאָס האַרץ אַליין פון אָט דער גרויסער נשמהדיקער באַוועגונג וואָס שטרעבט צו אַ צוקונפט פון גערעכטיקייט און ברידערלעכקייט.

טרויער און פּראָטעסט — ספּעציעלע אויסגאַבע פון דער בונ־דישער גרופּע אין מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי, אַפּריל 1943, אַרטיקל פונם פירער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי ד״ר עמיליאָ פרוגאָני: „אַ מיסטעריעזער און העסלעכער מאָרד.״

אויסטראַליע

די האַנט ציטערט, ס'איז כמעט אוממעגלעך אָנצושרייבן די ווערטער: הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, די ביידע געאַכטעטע און באַליבטע יידישע אַרבעטער־פירער אין וואַרשע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער סאָוויעטן־רעגירונג אין רוסלאַנד. דאָס איז נישט קיין בייזער חלום, קיין קאָשמאַר, נאָר די שרעקלעכעווירקלעכקייט.

די גרויזאַמע נייס האָט דערשיטערט אַלעמען, וואָס האָבן געקענט די דאָזיקע קרישטאָל־ריינע פּערזענלעכקייטן.

בעת היטלער שעכט־אויס 250 קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע ביי וואַרשע, ווען דער יידישער אַרבעטער־„בונד" פירט אַ העראָאישן אונטערערדישן קאַמף קעגן נאַציזם, — אין דער זעלביקער צייט ווערן זייערע פירער, וואָס האָבן דעם קאַמף אינספּירירט, אומגעבראַכט אין די רוסישע טורמעס, לויט דער געמיינער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן געזוכט צו שליסן אַ סעפּאַראַטן שלום מיט דייטשלאַנד!

ביידע קרישטאָל־ריינע גרויסע אַרבעטער־פירער וועלן איבערבלייבן אין דער געשיכטע ווי צוויי סאָציאַליסטישע מאַרטירער, וואָס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן פון אַ פּאָליטישן קעגנער, וועלכער האָט זיי אַריינבאַקומען אין זיינע הענט.

(מ. כשר — „אַסטרעליען דזשואיש פאָרום", סידני, אַפּריל, 1943).

⁂

די בונדישע גרופּע אין מעלבורן (אויסטראַליע) האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור: „פאַרוואָס האָט מען אומגעבראַכט ערליכן און אַלטערן?" דאָרט ווערן געבראַכט אַ ריי דאָקומענטן און אָפּשאַצונגען וועגן מאָרד. אַ צווייטע בראָשור אונטערן נאָמען: „מאַרטירער נישט קיין פאַררעטער", איז אַן ענטפער אויף אַ העסלעכן פּאַמפלעט פון די אויסטראַלישע קאָמוניסטן: פאַרוואָס האָט די סאָוויעטישע רעגירונג דערשאָסן די צוויי פאַררעטער ערליך און אַלטער? אַ דריטע בראָשור — „דער ענין ערליך און אַלטער" איז איבערגעדרוקט פון דער ענגלישער אויסגאַבע, וואָס די רעפּרעזענטאַנץ פון „בונד" האָט פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרק און לאָנדאָן (1943) מיט דעם אַריינפיר פון דעם געוועזענעם פאָרזיצער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל קאַמיל הויסמאַנס. די בראָשור אַנטהאַלט אַ ריי אַרטיקלען, דאָקומענטן און אָפּשאַצונגען וועגן אונזערע ביידע מאַרטירער און זייערע מערדער, באַריכטן פון פּראָטעסט־מיטינגען, דעקלאַראַציעס פון אָרגאַניזאַציעס און אינטערנאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן.

מאַרטירער און קדושים פון איינהייטס-פראָנט

איך געדענק גענאָסע ערליך נאָך פון דער צייט פונם רוסישן אַרבעטער־דעפּוטאַטן־ראַט פונם יאָר 1919. ער איז נאָך געווען אַזוי יוגנטלעך, אָבער, נישט לויט די יאָרן, מיט אַ רואיקער פעסטקייט אין זיינע איבערצייגונגען ; אַ מענטש וואָס איז טיף איינגעדרונגען אין עצם פון די אַקטועלע ענינים און איז אינערלעך שטאַרק דיסציפּלינירט.

באַלאַנגענדיק צום „לינקן צענטער" פון דער סאָוויעטישער דעמאָקראַטיע, האָט ער זיך אַזוי גוט אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וועגן דער קאָמפּליצירטער און שווערער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אַז זיין קאַנדידאַטור אין דער דעלעגאַציע, וואָס האָט געדאַרפט צונויפרופן אַ „סאָציאַליסטישן שלום־קאָנגרעס" אין שטאָקהאָלם איז כמעט ווי דורכגעגאַנגען די ערשטע.

מיט 5־6 יאָר שפּעטער, ביי מיין ערשטן באַזוך פון די באַלטישע געגענדן און פוילן, האָב איך פלוצלונג זיך אָנגעשטויסן אויף ערליכן אין װאַרשע.

אים האָט אַרומגערינגלט די יידישע יוגנט אין פוילן, וועלכע האָט כמעט מיט דער גאַנצער „יונגער אייראָפּע" געזען דאַן דעם סאָוויעטישן פאַרבאַנד אין אַרעאָל פון דער „רויטער לעגענדע", אָבער פאַר ערליכן האָט די רעגירנדע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין סאָוויעטן רוסלאַנד שוין פון לאַנג אויפגעהערט אויסצוזען אין אַזאַ ליכט.

מיט אומדערשראָקענער אויפריכטיקייט האָט זיך מיט מיר דאַן וועגן דעם אַלעמען געטיילט גענאָסע ערליך — מיט זיינע באַאומרואיקנדע פאַרגעפילן וועגן געפאַרן, אפילו מיט זיין אומעטיקן פאַראויסזען פון דער צוקונפט, אָט טאַקע פון דער צוקונפט, וועלכע איז געוואָרן דער גורל פון אונזער היינט. ער האָט אָבער געוואָרנט, אַז מיט היילן סקעפּטיציזם און פּעסימיזם קען מען ניט לעבן ; ער האָט זיך אַליין געגוויטיקט אין עמיצן, וועלכער זאָל גיין מיט אים אויף דעם זעלבן וועג און זאָל זיין וויניקער באַהערשט פון צווייפלען ; איינער וואָס זאָל זיך לייכטער איבערגעבן דעם גלויבן.

אַלס אַזעלכער איז פאַר אים געווען וויקטאָר אַלטער, וועלכער האָט געאָטעמט מיט יונגן און נאַאיוון ענטוזיאַזם, מיט אַ ברויזנדער ענערגיע, איינער ביי וועמען אין קאָפּ עס האָבן זיך געוועקט געוואַגטע, קאָנסטרוקטיווע אידעען.

אַלטער וואָלט מיט גרויס חשק געענדערט אויף זיין שטייגער דעם גאַנצן קאָמוניסטישן עקספּערימענט און וואָלט, ווי עס האָט זיך אים געדאַכט, געפונען אַ מיטלוועג צווישן דער קאָנסטרוקטיווער פאַסיווקייט פון דעם פאַרמלחמהדיקן סאָציאַליזם און דעם רוסישן באַלשעוויזם. ער האָט געטראַכט, אַז מען דאַרף געפינען אַ מיטלוועג און דורך דעם וועג איינשטעלן אַ מין שלום צווישן סאָציאַליזם און קאָמוניזם.

מיר דאַרפן זיך נישט וואונדערן פון אַזעלכע געדאַנקען. די דעמאָלטיקע אייראָפּע איז פאַרפלייצט געוואָרן נישט נאָר מיט אַזעלכע אילוזיעס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין די אויגן פון מאָסקווע, אין די אויגן פון דעם קאָמינטערן איז אויך ערליכן און אַלטערן געלעגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם, וואָס דער פּוילישער „בונד" האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיי און איז נישט אַוועק אין די רוסישע פּוס־טריט, און ווי איז צו דעם וועלכער ווייסט נישט, אַז אַזעלכע זאַכן ווערן אין מאָסקווע נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

„פינפט קאָלומניקעס", „פּוילישע סאָציאַליסטישע קוויזלינגס", אַזעלכע וועלכע האָבן געטאָן אין סאָוויעטן רוסלאַנד די זעלבע שוואַרצע אַרבעט וואָס געבעלס באַמיט זיך צו טאָן אין אַמעריקע, אָט אַזאַ אויפשריפט אויף זייער קבר האָבן די קאָמוניסטן זיך באַמיט אַרויסצוברענגען פאַר די צוויי פון דער נאַטור־אויסדערוויילטע, גייסטיקע זין פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג פון דער יידישער מאַסע.

דער אָרנטלעכער אַלט־אויסגעפּרובירטער, אומעטיקער, פאַרטראַכטער און שטרענגער ערליך!

דער טעמפּעראַמענטפולער, אַלע מאָל שטרעבנדער, לעבנסלוסטיקער אַלטער!

דער מאָמענט צו באַגיין איבער אייך דעם צווייטן מאָרד איז אויסגעקליבן געוואָרן זייער קינסטלעך פון דערפאַרענע פּראָפעסיאָנאַלן, וועלכע קענען דעם עסק.

אָרעמער ערליך! אָרעמער אַלטער! זייער אַ טייערן פּרייז האָט איר באַצאָלט פאַר אַ האָפענונג, וועלכע האָט אַ בליץ געטאָן פאַר אייך און האָט אייך אָפּגענאַרט, אַ האָפענונג אויף אַן אויפריכטיקן צוזאַמענלעבן זיך, וועגן דער איינשטעלונג פון אַן איינהייטס־פראָנט מיט די, וועלכע האָבן אפילו אין מאָמענט פון דער ערגסטער טראַגעדיע פון דער מענטשהייט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן אָדער זיך אַ ביסל אָפּהאַלטן פון נקמה אין באַצוג צו אייך.

עס איז געווען דאָס שטרעבן אין אייער גאַנץ לעבן פאַרשיטן דעם אָפּגרונט צווישן דעם סאָציאַליזם און קאָמוניזם, צווישן סאָוויעטיזם און דעמאָקראַטיע.

אַ טרויעריקער קאַפּיטל וועגן דעם שיקזאַל פון אָט דער אומגעקומענער שטרעבונג וועט אייביק זיין פאַרבונדן מיטן ליכטיקן אָנדענק פון ערליך און אַלטער.

וויקטאָר טשערנאָוו — „פריינד", אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע, אַפּריל־מאַי 1943).

אָפּקלאַנג פונם מאָרד אין וואַרשעווער געטאָ

... דער מאָרד איבער העניק ערליך און וויקטאָר אַלטער האָט אונז דערשיטערט ביז די טיפסטע טיפענישן פון אונזערע נשמות. מיר האָבן זיך דער־וואוסט וועגן דעם דורך דעם פּוילישן אונטערערדישן ראַדיאָ. נאָך איצט שטייען פאַר מיינע אויגן די חברים אין געטאָ, ווי זיי זיינען יענע טעג אַרומגעגאַנגען פאַרווירטע. אומענדלעכער וויטיק, צאָרן, הילפלאָזיקייט האָט געגלאַנצט פון

זייערע פאַרטרויערטע אויגן. די ידיעה האָט אויך שטאַרק אויפגעבראַכט די פּוילישע חברים פון אונטערערד; די גאַנצע פּוילישע אומלעגאַלע פּרעסע האָט געגעבן אַרטיקלען מיט אָפּשאַצונגען פון דער ראָל פון די אומגעבראַכטע אין דער פּוילישער און אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און וועגן דעם באַטייט און צוועק פון דעם דאָזיקן העסלעכן פּאָליטישן מאָרד איבער אידעען־חברים.

מיר האָבן אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן ביולעטין, וואו ס'איז געקומען צום אויסדרוק אונזער טיפסטע פאַרביטערונג, צאָרן און פּיין.

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבן געלעבט אין אַ דזשאַנגל, געפּלאָגט און געיאָגט פון צווייל־דעוועטע חיות, וואָס האָבן יעטווידע מינוט געלויערט אויף אונזערע לעבנס. האָבן טאָג־טעגלעך צעפּליקט און צעריסן אונזערע טייערסטע און נאָענטסטע. איבערן ים פון בלוט, וואָס איז אונז דערגאַנגען ביזן האַלדז, איבער די וואָלקנס רויך און פייער פון די גאַז־אויוונס און קרעמאַטאָריעס, האָבן אונזערע אויסגע־לאָשענע אויגן אַרויסגעקוקט אין דער גרויסער וועלט — נאָך אַ שטראַל פון ליכט, אַ פונק פון האָפענונג... אונזערע פאַרפּייניקטע נשמות האָבן געלעכצט נאָך אַ ביסל טרייסט, דערמוטיקונג, פאַרלייכטערונג; און דאָ קומט די שטים פון דער „גרויסער וועלט”, וואָס זאָגט־אָן, אַז אונזערע בעסטע פירער, אונזערע טייערסטע פריינט און חברים זיינען אויף דעם העסלעכסטן אופן אומגעבראַכט געוואָרן, און זייערע מערדער האָבן נאָך דערצו געשענדעט זייער הייליקן אָנ־דענק, באַדעקט אים מיט שמוץ פון נידערטרעכטיקסטן ליגן... עס האָט זיך געפאָדערט פיל גייסטיקע גבורה און מאָראַלישער אויסדויער צו קענען עטוואָס ענלעכעס אַריבערטראָגן.

(ב. גאָלדשטיין — „5 יאָר אין וואַרשעווער געטאָ”, ניו־יאָרק, 1947)

II

פון הענריק ערליכס פען

[געקליבענע שריפטן]

קאמף פאַר דער יידישער שול

1. אַ נבלה!

די האַלטונג פון דער „יידישער קאָלאָ" אויף דער זיצונג פון סיים קאָן אַנדערש נישט געשטעמפּלט ווערן, ווי אַ שענדלעכע נבלה, אַ מיאוסער פאַרראַט פון די עלעמענטאַרסטע בלוטיקע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן.

דער סיים האָט באַהאַנדלט דעם פּרעלימענאַרן בודזשעט אויף די ערשטע דריי חדשים פון לויפנדיקן יאָר. דער דעפּוטאַט פּרילוצקי האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אַז ביים באַשטימען דעם בודזשעט זאָלן גענומען ווערן אין אַכט אויך די באַדערפענישן פון די יידישע שולן מיט דער יידישער שפּראַך. ווער־זשע האָט געשטימט פאַרן פאָרשלאָג און ווער קעגן אים? פאַרן פאָרשלאָג האָבן געשטימט פּרילוצקי און קרוליקאָווסקי און אַ טייל פון די אוקראַאינער, ווייסרוסן און דייטשן. קעגן האָבן געשטימט אַלע אַנדערע סיים־קלובן — און צווישן זיי די יידישע קאָלאָ!

בלויז אַ פּאָר מיטגלידער פון קאָלאָ האָבן דערפילט, אַז דאָ ווערט באַגאַנגען אַ נבלה — און האָבן געשטימט פאַרן פאָרשלאָג. אַלע איבעריקע האָבן געשטימט קעגן.

צי וועלן די קאָלאָ־שלוחים נאָך איצט אויך האָבן דעם מוט זיך פאַרצו־שטעלן, ווי קעמפער פאַר נאַציאָנאַלע רעכט?

צי וועלן זיי איצט נאָך אויך וואַגן צו באַליידיקן זיך, ווען מיר שטעמפּלען זיי ווי פיינט פון די יידישע מאַסן, ווי מענטשן, וועלכע מען טאָר נישט אָנפאַר־טרויען די מינדסטע פּאָליטישע שליחות אין נאָמען פון די יידישע מאַסן?

מען דאַרף דאָך באמת נישט פאַרמאָגן קיין שום ברעקל אַחריות פאַר די אייגענע ווילער; כדי אַזוי ציניש צו האַנדלען אין אַ פראַגע, וואָס רירט אָן זייערע בלוטיקסטע לעבנס־אינטערעסן.

מען דאַרף שוין גאָר קיין זכרון נישט האָבן, כדי זיך צו דערלויבן אַזאַ האַנדלונג שוין אין די ערשטע חדשים נאָך די אָקאַרשט פאַרגעקומענע וואַלן.

אַזוי איז דאָס טאַקע. די דעפּוטאַטן פון דער יידישער קאָלאָ קאָנען זייער שיין דעקלאַמירן וועגן נאַציאָנאַלן כבוד, וועגן אַחריות און וועגן וואָס איר ווילט, אָבער — זיי זיינען ווייט אָפּגעשיידט פון דער יידישער מאַסע, זיי זיינען צו איר פרעמד און פיינטלעך. זיי פילן אויף זיך נישט דעם אויטאָריטעט און כוח פון אָט דער מאַסע. און זיי זיינען דעריבער פעאיק צו פאַרראַטן אירע אינטע־רעסן אויף שריט און טריט.

דער לייב־אָרגאַן פון דער קאָלאָ, דער „היינט" פילט אָפּנים די גאַנצע

מיאוסקייט פון דער פּאַרגעקומענער מעשה — און ער פּאַרלויפט שוין דעם וועג און שטאַמלט עפּעס אומקלאָרע ווערטער וועגן אַ „פּאַרוויקלט שפּיל".

עס לוינט כלומרשט נישט אַריינצוטראָגן פּאַרשלאָגן ספּעציעל וועגן יידן, נאָר וועגן אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן צוזאַמען. אָבער אין סיים האָט דאָך פיגורירט אַ פּאַרשלאָג באַזונדער וועגן אוקראַאינער און ווייסרוסן — פאַרוואָס־זשע האָט נישט געטאָרט זיין אַזאַ פּאַרשלאָג וועגן יידישן שול־וועזן? אָבער זאָל זיין אַז ס'לוינט נישט. צי קאָן דאָס באַרעכטיקן דאָס בפירושע שטימען קעגן, ווען אַזאַ פאַרשלאַג איז שוין אַריינגעטראָגן?!..

און נאָך — די „קאָלאָ" האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז דעפּוטאַט פּרילוצקי טראָגט אַריין אַ ספּעציעלע אויסבעסערונג. צי איז דאָס אויך אַ תירוץ? וויבאַלד די „קאָלאָ" האָט נישט געוואוסט, מעג זי שוין שטימען קעגן דעם, אַז די רעגירונג זאָל נעמען אין אַכט די באַדערפעניש פון די יידישע שולן?

און פּונקט אַזאַ טעם האָט די טענה, אַז דער פּאַרשלאָג האָט פּאַרשוויגן די העברעאישע שול. מיר ווילן איצט נישט אַריינלאָזן זיך אין חקירות, פאַרוואָס די העברעאישע שול דאַרף און מוז פאַרשוויגן ווערן אין אַזאַ פּאַרשלאָג. מיר האָבן וועגן דעם שוין נישט איין מאָל געשריבן, און וועגן דעם וועט נאָך אויס־קומען צו רעדן. אָבער ווידער אַמאָל: צי קאָן דאָס פאַרשווייגן פון דער העברע־אישער שול באַרעכטיקן דאָס שטימען קעגן דער יידישער שול?

מיר פאַרצייכענען מיט צופרידנקייט, אַז די האַנדלונג פון דער „קאָלאָ" האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אויפרעגונג אַפילו אין די רייען פון אירע אייגענע אַנהענגער און שטענדיקע פּאַרטיידיקער. די איצטיקע אַפּשטימונג רייסט שוין צו פיל די אויגן. זי לאָזט זיך מיט קיין שום קונצן און סטראַטעגישע דריידלעך נישט פאַרענטפערן.

— —

נישט לאַנג האָבן מיר געשריבן:

„פאַר דער עפענונג פון נייעם סיים מוז די יידישע שול ערנסט טראַכטן און זאָרגן וועגן שיצן זיך פריער פאַר אַלץ פון אירע „פריינט", פון די „אייגענע" יידישע קאָלאָ־דעפּוטאַטן".

דעמאָלט האָבן אַ סך געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ פּאַראַדאָקס, אַן איבערגע־טריבענער פאַלעמישער אויסדרוק.

איצט האָט די קאָלאָ מיט איר האַנדלונג אַליין באַשטעטיקט די פולע ריכ־טיקייט פון דער דאָזיקער באַהויפּטונג.

זי איז באַגאַנגען דעם פאַרראַט אַ סך פריער, ווי מען האָט זיך געקאָנט ריכטן דערויף.

2. טרויעריקער מוט

מען קאָן עס נישט אָפּלייקענען: ה. גרינבוים איז זיכער אַ מוטיקער מענטש. און דעריבער איז ער דאָס טאַקע דער איינציקער יידישער פּובליציסט

און געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס האָט געהאַט דעם באמת טרויעריקן מוט — צו פאַרטיידיקן די נבלה, וואָס די יידישע „קאָלאָ" איז באַגאַנגען אין דער סיים־זיצונג פון 7טן פעברואַר.

ה. גרינבוימען פאַרדריסט, פאַרוואָס די „פאָלקסצייטונג" האָט אין צוזאַמענ־האַנג דערמיט געשריבן וועגן — „פאַרראַט פון די בלוטיקסטע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן".

אפשר איז ער גערעכט. „פאַרראַט" איז דאָ אפשר טאַקע נישט דאָס פּאַ־סיקסטע וואָרט. ווייל וועגן „פאַרראַט" וואָלט געווען מעגלעך צו רעדן נאָר דאַן, ווען ס'וואָלט געווען אַ גרונט צו דערוואַרטן, אַז די „קאָלאָ" וועט יאָ פאַר־טיידיקן די בלוטיקסטע אינטערעסן פון די יידישע מאַסן. אָבער קיין גרונט אַזוינס צו דערוואַרטן איז קיין מאָל נישט געווען. פאַרקערט — די „פאָלקס־פיינטלעכקייט" פון דער „קאָלאָ" איז פאַר אונז שטענדיק געווען אויסער צווייפל. און דעריבער איז ה. גרינבוים אין דעם זין אפשר טאַקע גערעכט: דאָס וואָרט „פאַרראַט" איז — מעגלעך — דאָ נישט אויפן אָרט...

און אַזוי ווי ה. גרינבוים איז אַ מענטש „מיט מוט", פּרוּווט ער גאָרנישט זיך צו פאַרבאַהאַלטן הינטער פאַרמעלע מאָטיוון. ער דערקלערט קלאָר און אָפן, אַז די „קאָלאָ" האָט געשטימט און וועט אויך ווייטער שטימען קעגן מלוכהשער שטיצע פאַר שולן מיט יידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך, אויב ס'וועלן גלייכצייטיק אין דער זעלבער מאָס נישט באַוואָרנט ווערן די רעכט פון די העברעאישע שולן.

צי דערמאָנט דאָס אייך נישט אָן שלמה המלכס משפט? „זאָל בעסער גאָר קיין יידישע שול נישט זיין, איידער ס'זאָלן אַנגערירט ווערן די „הייליקע רעכט" פון דער העברעאישער שול — דאָס איז די שטעלונג פון די ציוניסטן און פון דער יידישער „קאָלאָ". און דאָס איז אַ שטעלונג פון מענטשן, וועמען ס'איז נישט נאָר גלייכגילטיק די יידישע פאָלקס־שול, נאָר וועלכע באַציִען זיך צו איר דירעקט — פיינטלעך.

אויב ה. גרינבוים זאָגט, אַז „מיר מוזן פריער דורכקומען צווישן זיך, און ערשט דערנאָך קומען צום סיים מיט אָן איינהייטלעכער פאָדערונג" — איז דאָס נישט מער, ווי צביעות. ווייל ה. גרינבוים ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיר וועלן קיין מאָל וועגן דער שפּראַך־פראַגע נישט דורכקומען, אַז ס'איז נישטאָ און ס'קאָן נישט זיין אַזאַ כּוח און אַזאַ איינריכטונג אין דער וועלט, וואָס זאָל אונז צווינגען אַרויסצוטרעטן אין דער פראַגע אין אַן „איינהייטלעכן פראָנט" מיט ה. גרינ־בוימען.

מיר זיינען שטענדיק געווען ביי דער מיינונג, אַז — „יידישע פאָלקס־שול" באַטייט: אַ שול מיט יידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך און — נישט מער. און נאָר וועגן אַ יידישער פאָלקס־שול האַנדלט עס זיך דאָך. ווער ס'זאָגט, אַז ער וויל אַ פאָלקס־שול מיט צוויי שפּראַכן, דער איז פּאַקטיש אַ דם שונא פון דער פאָלקס־שול בכלל. מיר האָבן דעם דאָזיקן געדאַנק שוין טויזנט מאָל באַגרינ־

דעט, און אויב ה׳ גרינבוים האָט אים ביז איצט נישט באַנומען, איז דאָס זיכער נישט צוליב — „קליינקעפּלדיקייט".

אַ כאַראַקטעריסטישערביישפּיל. אויפן לעמבערגער צוזאַמענפאָר פון יידישע אַקאַדעמיקער איז אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאַג, דער אָרגאַן פון די אַקאַדעמיקער זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אין צוויי שפּראַכן: יידיש און פּויליש. די ציוניסטן האָבן געפאָדערט נאָך אַ דריטע שפּראַך — העברעאיש. און ווען דאָס איז דורכגעפאַלן, האָבן זיי דורכגעוואָרפן אויך די יידישע אויסגאַבע. אויב נישט העברעאיש, טאָ זאָל זיין — נאָר פּויליש.

— —

ווער ס׳זאָגט: אי יידיש, אי העברעאיש, דער זאָגט אין דער אמתן: אײן צוואַנגס־שול פאַר אַלע — אויף פּויליש. דאָס איז דער אמתער זין פון דער אָפּשטימונג פון דער „קאָלאָ" דעם 7טן פעברואַר.

קומט ה. גרינבוים און שרייט: „סטייטש — איר מעגט שטימען קעגן העברעאיש און מיר טאָרן נישט שטימען קעגן יידיש!"

דאָס איז מער ווי „קליינקעפּלדיקייט". דאָס איז שוין די אַלטע געוואוינ־הייט, וואָס האָט זיך איינגעפרעסן אינם מאַרך פון יעדן בירגערלעכן פּאָליטיקער— צו פירן אַ האַנדל מיט פּרינציפּן, מיט פאָלקס־אינטערעסן.

„דו מיר העברעאיש — איך דיר יידיש".

די ביטערע פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז די פאָדערונג וועגן צווייִשפּראַ־כיקייט איז איינע פון די גרעסטע שטערענישן אינם ביטערן קאַמף פאַר דער יידישער פאָלקסשול. די וואָס רעדן וועגן העברעאיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך, זיינען פאַר דער יידישער פאָלקס־שול געוואָרן נישט ווייניקער געפערלעך, ווי די אַנטיסעמיטן. מיר האָבן דאָס רעכט און די פליכט עפנטלעך צו שטעמפּלען די „קאָלאָ" פאַר אַזאַ האַנדלונג, אַלס פיינט פון דער יידישער פאָלקס־שול, אַלס שונאים פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. דאָס האָט בלויז נאָך אַמאָל אַנט־פּלעקט פאַר אונז די טראַגעדיע פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע מוזן אַפילו דעם קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער פאָלקס־שול אויסטראָגן אין גאַנצן אויף זייערע פּלייצעס.

— —

און איצט נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן ה. פּרילוצקי און זיין „פּראָוואָקאַטאָרישן" פאָרשלאַג.

מיר קענען ה. פּרילוצקין נישט פון היינט אָן, און וויסן וואָס וועגן אים צו מיינען. אָבער וואָס גייען אונז אָן פּרילוצקי און זיינע „כוונות"? אין סיים איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ פאָרשלאַג וועגן מלוכה־שטיצע פאַר דער יידי־שער פאָלקס־שול, איר האָט געשטימט קעגן דעם, ה׳ גרינבוים, און איצט ווילט איר זיך באַהאַלטן הינטער פּרילוצקיס „בייזע כוונות"?

ניין, רבותי — דאָס וועט זיך נישט איינגעבן. די „קאָלאָ" איז באַגאַנגען אַ נבלה. דערביי בלייבט עס. קיין שום ירגזון וועט דאָ נישט העלפן.

3. די שול־פראַגע אין סיים

די אָפּשטימונג אין סיים איבער דעם פאָרשלאַג וועגן מלוכהשע שטיצע פאַר די יידישע פאָלקס־שולן, איז אַ בולטע באַשטעטיקונג פון דער טרויעריקער לאַגע פון דער יידישער שול. זי איז אויך זייער סימפּטאָמאַטיש פאַר די פּאָליטישע שטימונגען, וואָס באַהערשן היינט די אַ. ג. פּוילישע „געזעלשאַפט".

שוין העכער פיר יאָר עקזיסטירט די אומאָפּהענגיקע פּוילישע מלוכה, און ביז היינטיקן טאָג זיינען נישט פאַראַן ביי אונז קיין געזעצן און תקנות, וואָס זאָלן רעגולירן אַזאַ וויכטיק געביט פון מלוכה־לעבן, ווי די שול־רעכט פון אַ גאַנץ דריט־חלק פון דער באַפעלקערונג — פון די אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אויפן סמך פון די עקזיסטירנדיקע געזעצן, קאָן פעסטגעשטעלט ווערן נאָר איין זאַך: נישטאָ אַזאַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרווערן די עקזיסטענץ פון פאָלקס־שולן, וואו די אונטערריכט־שפּראַך זאָל זיין די מוטער־שפּראַך פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אין דער פּראַקטיק איז דאָס אויך נישט זיכער. פון צייט צו צייט געפינט זיך אין „אַרטיקער קאַציק", לויטן אויסדרוק פון פּרעמיער שיקאָרסקי, וואָס דער־קלערט שוואַרץ אויף ווייס, אַז שולן מיט יידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך זיינען נישט דערלאָזבאַר, ווייל ער, דער אָרטיקער האַר און מושל, פאַרשטייט נישט קיין יידיש. אָבער דאָס געהער צו די „בלימעלעך" פון אונזער אַדמיניסטראַטיווער פּראַקטיק. אַלס כלל קאָן פעסטגעשטעלט ווערן, אַז פּרינציפּיעל האָבן די נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייטן דאָס רעכט צו עפענען שולן מיט זייער אייגענער אונ־טערריכט־שפּראַך.

אָבער יעדעס רעכט האָט אַ ממשות נאָר דאַן, ווען מיט אים איז פאַר־בונדן אַ געוויסע פליכט. די פליכטן פון דער מלוכה לגבי דער שול פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן קאָנען זיין פאַרשידענע. — אָבער די וויכטיקסטע פון זיי איז — די דאָזיקע שול אויסהאַלטן, אָדער וויניקסטנס זי ממשותדיק צו שטיצן. אָן דעם איז דאָס „רעכט" פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויף אַן אייגענע שול גאָרנישט ווערט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַ פאָלקס־שול אין דער מוטער־שפּראַך פון די קינדער — דאָס איז אַן עלעמענטאַרע דעמאָקראַטישע, אַן עלעמענטאַרע פּעדאַגאָגישע פאָדערונג. אָבער נישט מיט די דאָזיקע עלעמענטאַרע פאָדערונגען האָט זיך גערעכנט דער סיים, בעת ער האָט באַשלאָסן אויפצופאָדערן די רעגירונג, זי זאָל אַריינפירן אין בודזשעט געוויסע סומעס אויף אויסצוהאַלטן די ווייסרוסישע און אוקראַינישע פאָלקס־שולן.

די רעגירונגס־פּאַרטייען נוטיקן זיך אין דער אונטערשטיצונג פון די ווייסרוסן און אוקראַינער, ווייל אָן זיי האָבן זיי קיין מערהייט נישט. דאָס איז געווען איין מאָטיוו פון דער אָפּשטימונג.

און אַקוראַט אַזוי פּראָזאַאיש איז דער צווייטער מאָטיוו. די ווייסרוסן

און אוקראַינער וואוינען אין קאָמפּאַקטע מאַסן ביי דער סאַמע מזרח־גרענעץ פון פּוילן, אין שכנהשאַפט מיט רוסלאַנד. דאָרט, אויף די קרעסן, זיינען זיי די מערהייט און נישט די מינדערהייט. די מזרח־גרענעצן פון פּוילן זיינען נאָך אַלץ נישט פאַרזיכערט. די גרויסע וועלט־מלוכות האָבן זיי נאָך נישט אָנערקענט און רוסלאַנד האָט זיי אָנערקענט געצוואונגענערהייט. אין פאַל פון אַן אינטער־נאַציאָנאַלן קאָנפליקט, קאָן די פּוילישע הערשאַפט אויף די קרעסן זיין ערנסט באַדראָט. און דעריבער מוז מען מאַכן הנחות די ווייסרוסן און אוקראַינער.

דאָס אָנערקענען שוין היינט אפילו די ענדעקעס. דאָס איז דער שטאַנד־פּונקט פון דער פּוילישער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע, דאָס איז אויך די שטעלונג פון דער פּ.פּ.ס. איר אָפיציעלער רעדנער האָט בעת איינער פון די לעצטע סיים־דעבאַטן אָפן דערקלערט, אַז אויף נאַציאָנאַלע רעכט קאָנען פּרע־טענדירן נאָר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס פאַרנעמען באַשטימטע טערי־טאָריעס.

די יידן פאַרנעמען נישט קיין באַשטימטע טעריטאָריע, זייער אומצופרידנ־קייט קאָן נישט באַדראָען די גרענעצן פון פּוילן, און דעריבער איז זיך מיט זיי נישטאָ וואָס צו רעכענען. דעריבער איז מען נישט מחויב צו באַזאָרגן די יידי־שע קינדער מיט אַ שול אויף דער מוטער־שפּראַך.

און אַגב — וועלכע פון די „עכט־פּוילישע" פּאַרטייען וועט זיך דאָס אונ־טערשטעלן צו שטיצן אַ „יידישע" פאָדערונג? קיין מאָל איז נאָך דער טעראָר פונם „יידישן אַרגומענט" נישט געווען אַזוי אומגעהויער, ווי היינט.

די מורא פאַר דער באַשולדיקונג, אַז מען פאַרטיידיקט „יידישע פּריווי־לעגיעס" איז אַזוי גרויס, אַז דער פּ.פּ.ס. טשאַפּינסקי, שטימענדיק אין דער סיים־קאָמיסיע קעגן אַ פּראַצענט־נאָרמע פאַר יידישע סטודענטן, האָט גע־האַלטן פאַר נויטיק זיך צו „רעהאַביליטירן" מיט אַ פאָרשלאַג וועגן אַ ספּעציעלער מאַטעריעלער שטיצע פאַר פּוילישע סטודענטן!

נישט — פאַר אומפאַרמעגלעכע סטודענטן, נאָר בפירוש — פאַר פּוי־לישע סטודענטן.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז קיין וואונדער נישט, וואָס פון אַלע אָנוועזנ־דיקע אין סיים פּוילישע דעפּוטאַטן, האָט זיך געפונען סך־הכל איינער — קרוליקאָווסקי — וועלכער האָט געשטימט פאַר דער יידישער שול. און די אַלע גאַנצע און האַלבע אַנטיסעמיטן האָבן ממש געקייכט פאַר געלעכטער, ווען זיי האָבן אין זייערע רייען דערזען... די יידישע „קאַלאַ!"

די יידישע פאָלקס־שול האָט אויף איר וועג אומגעהויערע שוועריקייטן. און איינע פון די גרעסטע מניעות פאַר איר אַנטוויקלונג — דאָס איז די פאַר־פּעסטעטע אַטמאָספער פון זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם, וועלכע דריקט אונז היינט, ווי אַ שווערע משא. דער מאָמענט פון אויסניכטערונג פונם נאַציאָנאַ־ליסטישן שגעון קאָן דערנענטערט ווערן ביי אַן אינטענסיוון אידעאישן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם. דאָס איז די אויפגאַבע פונם פּוילישן סאָציאַליזם. זיין לינקער פליגל האַלט דאָס, ליידער, פאַר אַ מינדערוווערטיקע אויפגאַבע. פאַר

אַ סך וויכטיקער האַלט ער, למשל, דעם קאַמף מיטן „בונד“. און וואָס אַנבאַלאַנגט די פּ.פּ.ס. געפינען זיי זיך אין דעם פּרט פּאַקטיש אונטער דער שליטה פון דער בירגערלעכער אידעאָלאָגיע.

פּאַראַן נאָך איין מיטל צו דערנענטערן דעם נצחון פון דער יידישער פאָלקס־שול, דאָס איז — אין אומאויפהערלעכן קאַמף מיט די יידישע און פּוילישע אַנטיסעמיטן, בויען און פּאַרפעסטיקן די דאָזיקע שול, פּאַרוואַנדלען זי אין אַן אומשטרייטבאַרן, לעבעדיקן פּאַקט.

דאָס איז די אויפגאַבע פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

(„פאָלקסצייטונג“, פעברואַר, 1923)

מען מוז זיך אנטשליסן

(צו דער דיסקוסיע וועגן אָנטייל אין די קהילה־וואַלן)

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס׳וואָלט פון אונזער זייט געווען אַ שווערער פעלער, אויב מיר וואָלטן אין די קומענדיקע וואַלן צו דער גמינע קיין אָנטייל נישט נעמען, און געשלאָגן האָב איך זיך מיט דער דעה דערפאַר, ווייל אין 1918 בין איך געווען קעגן באַטיי־ליקן זיך אין דער גמינע, און ווייל ביי אונז אַלעמען — סיי ביי די נייך־זאַגער, סיי ביי די יאָ־זאָגער — איז פאַראַן אַ טיפער און גוט־באַגרינדעטער אומחן און אומווילן צו דער גמינע.

אָבער — באַיקאָט צי וואַל־באַטייליקונג — דאָס איז נישט קיין פּרינציפּיעל־פּראָגראַמאַטישע, נאָר אַ טאַקטישע פראַגע, וואָס קאָן נישט פאַרענטפערט ווערן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אומאָפּהענגיק פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען פון מאָמענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צוגייענדיק צו דער עצם־פראַגע, מוז איך באַמערקן, אַז מיך באַפרידיקט נישט דער אופן, ווי אַזוי ס׳האָבן אָוועקגעשטעלט ביי אונז די דיסקוסיע סיי די קעגנער סיי די אָנהענגער פון דער וואַל־באַטייליקונג. די ח״ח ראַפּאַלאָוויטש, ע. מוס און אַנדערע ניין־זאָגער, פּטרן באמת צופיל ענערגיע אויף צו באַווייזן, אַז די קאָמפּעטענץ פון דער גמינע טויג אויף כפּרות, און דער ח׳ כמורנער פאַרנעמט זיך מיט אַ זייער אומדאַנקבאַרער אַרבעט, בעת ער באַמיט זיך צו געפינען אַ טרוקענעם אָרט אויפן דורכאויס נאַסן בגד פון דער גמינע־קאָמ־פּעטענץ.

נישט קיין „שפּעלטעלע״ און נישט קיין „שפּעלטעלינקעלע״ אַפילו בין איך אימשטאַנד צו אַנטדעקן אין דער היינטיקער גמינע־קאָמפּעטענץ פאַר אַ וועלכער נישט איז פּאָזיטיווער סאָציאַליסטישער אַרבעט אין דער גמינע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די גמינע איז פאַר אַלע בירגערלעכע פּאַרטייען אַ מאַכט־פּאָזיציע, וועלכע זיי וועלן זיך באַמיען אויסצונוצן סיי אויף דער יידישער גאַס, סיי אויף דער אַלגעמיין־פּאָליטישער אַרענע. דער רעליגיעזער כאַראַקטער פון דער גמינע און אירע רעליגיעזע פונקציעס זיינען פאַר די בירגערלעכע פּאַרטייען נישט קיין חסרון, נאָר פאַרקערט — אַ גרויסע מעלה, ווייל די רעליגיע איז דאָך אין

די הענט פון דער רעאַקציאָנערער בורזשואַזיע איינס פון די זיכערסטע מיטלען איינצוהאַלטן איר השפּעה אויף די יידישע מאַסן, אַנטקעגנצואווירקן דעם נאַטירלעכן פּראָצעס פון סאָציאַלער און פּאָליטישער דיפערענצירונג אין דער יידישער געזעלשאַפט, צו קאָנסערווירן אַזוי לאַנג, ווי ס'וועט זיך נאָר לאָזן די אַ"ג „יידישע אחדות".

מיר זיינען פּאַראינטערעסירט אינעם דירעקטן היפּוך דערפון. אָבער אונזער ציל וועלן מיר נישט דערגרייכן בלויז מיט דער הילף פון מיטינגען און אויפרופן. מיר זיינען דאָך שטענדיק געווען און געבליבן ביי דער מיינונג, אַז מיר מוזן געווינען פאַר זיך אויף די סימפּאַטיעס פון די ברייטסטע מאַסן פון אַרבעטנדיקן פאָלק בכלל. די קנאַפּע 90 טויזנט שטימען, וועלכע מיר האָבן באַקומען בעת די סיים־וואַלן, זיינען אַוודאי אין פאַרגלייך מיט אַלע ביז איצטיקע גרעסערע וואַל־קאַמפּאַניעס געווען אַ שיינע דערגרייכונג. אָבער דאָס איז דאָך פאַרט נישט מער, ווי אַ פערטל, אין בעסטן פאַל — אַ דריטל דערפון, וואָס די פּאַרטיי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט דאַרף און קאָן דערגרייכן אויף דער יידישער גאַס.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די קלעריקאַלע רעאַקציע — דאָס איז אונזער גרעסטע סכנה. אַ דאַנק דער פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער אונטערדריקונג מצד דער פּוילישער רעאַקציע, איז זי ביי אונז יידן נאָך גרעסער, איידער אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. אָבער כדי די דאָזיקע סכנה צו באַקעמפן, איז ווייניק צו אַגיטירן פון אויסן. מיר מוזן פון אינעווייניק אויפרייסן די פעסטונג, אין וועלכער די קלעריקאַל־רעאַקציאָנערע בורזשואַזיע האָט פאַרוואַנדלט די גמינעס. מיר מוזן אַריין אין די סאַמע טיפענישן פון דער מאַסע, וואָס איז אָרגאַניזירט אין דער גמינע. מיר מוזן דאָרט אויף יעדן שריט און טריט אויפדעקן דעם קלאַסן־כאַראַקטער, די פאָלקספיינטלעכקייט פון קלעריקאַליזם. מיר מוזן אויפרייסן דעם באָדן, אויף וועלכן עס האַלט זיך זיין ממשלה. מיר מוזן פּאַראַליזירן די פּרואוון פון דער רעאַקציאָנערער יידישער בורזשואַזיע צו פאַרוואַנדלען די גמינע אין אירס אַ מאַכט־פּאָזיציע אינעם פּאָליטישן לעבן. דאָס אַלץ וועט זיין אַ סך לייכטער צו טאָן זייענדיק אינעווייניק, איידער שטייענדיק פון דרויסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר וועלן נישט טאָן קיין „אָרגאַנישע" אַרבעט אין דער גמינע. מיר וועלן זיך נישט באַטייליקן אין די גמינע־פאַרוואַלטונגען, נאָר בלויז אין די „ראָטן פון באַפולמעכטיקטע". קיין רבנים וועלן מיר נישט ווילן, קיין בודזשעטן פאַר זיי וועלן מיר נישט וואָטירן. מיר וועלן אויסנוצן יעדע געלעגנהייט, כדי אַרונטערצורייסן דעם שטריימל און אויפצודעקן דעם רעאַקציאָנער־קלעריקאַלן פּרצוף פון אונזער כלומרשט פּראָגרעסיווער בורזשואַזיע.

אין 1918 האָבן די אַלגעמיין־פּאָליטישע פּערספּעקטיוון אויסגעזען אַנדערש ווי היינט. און דעמאָלט איז דער שטריימל געזעסן באַהאַלטן אין מייז־לאָך,

בעת היינט איז ער האָפּערדיק און עזותדיק. אין 1918 האָבן מיר זיך יאָ געקענט דערלויבן דעם לוקסוס צו באָיקאָטירן די גמינע־וואַלן, היינט וואָלט דער באָיקאָט געווען אַ גרויסער פּאָליטישער פּעלער. ווען זיך די פּאָליטישע סיטואַציע ראַדיקאַל ענדערן, וועט אונז קיינער אין דער גמינע ביי דער פּאָלע נישט האַלטן.

(„פֿאָלקסצייטונג‟, מערץ 1924)

היטלער — קאַנצלער פון דייטשלאַנד

די שווערד, וואָס איז זינט די סעפּטעמבער־וואַלן 1930 געהאָנגען איבער די קעפּ פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט: היטלער איז געקומען צו דער מאַכט!

באַלד נאָכדעם, ווי גענעראַל שלייכער איז אַוועק אין דעמיסיע, האָבן די פּראָפּעסיאָנעלע פּאַראיינען פון דייטשלאַנד אַוועקגעשיקט צו הינדענבורגן אַ טעלעגראַם, אין וועלכער זיי האָבן געוואָרנט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס אין דייטשלאַנד וועט עס באַטראַכטן פאַר אַ פּראָוואָקאַציע, אויב עס וועט באַשטימט ווערן אַ סאָציאַל־רעאַקציאָנערע, אַרבעטער־פיינטלעכע רעגירונג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן זי האָט אויפגעפאָדערט די אַרבעטער־מאַסן צו אַ גענעראַל־סטרייק אויפן פאַל אויב עס וועט באַשטימט ווערן אַ היטלער אָדער פאַן פּאַפּען רעגירונג. דער נישט געקרוינטער מאָנאַרך פון דער דייטשער רעפּובליק, דער פעלד־מאַרשאַל פון ווילהעלם האָהענצאָלערן און אַלטער פּרייסישער יונקער (פּריץ) איז אַריבערגעגאַנגען צום טאָג־אָרדענונג איבער די דאָזיקע וואָרנונגען. און ער איז אויך אַריבערגעגאַנגען צום טאָג־אָרדענונג איבער די מעכטיקע דעמאָנסטראַציעס פון די אַרבעטער פון די לעצטע טעג אין בערלין: היטלער איז קאַנצלער פון דייטשלאַנד און פּאַפּען איז זיין פאַרטרעטער.

היטלער ביי דער מאַכט — דאָס באַטייט אַ טויט־סכנה פאַר אַלע ביז־איצטיקע דעראָבערונגען פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס; היטלער ביי דער מאַכט — דאָס איז אַ מוראדיקע סכנה פאַר דער עקזיסטענץ פון די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס אין דייטשלאַנד; היטלער ביי דער מאַכט — דאָס באַטייט די שווידערהאַפטע פּערספּעקטיוו פון פיזישער אויסראָטונג פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס; היטלער ביי דער מאַכט — דאָס הייסט די ממשלה פון ווילדסטן, פון אויסגעלאַסנסטן נאַציאָנאַליזם, פון זאָאָלאָגישן אַנטיסעמיטיזם אין לאַנד און פון עקסטרעמסטן שאָוויניזם אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק; דאָס באַטייט אַן אומגעהויערן וואוקס פון דער מלחמה־סכנה אין דער וועלט; דאָס באַטייט, אַז אַ געדיכטער, שוואַרצער שאָטן איז געפאַלן אויף דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

היטלער וועט מאַכן אַ פּרוואוו צו רעגירן, אַלס „פּאַרלאַמענטאַרישער קאַנצלער״. אין זיין רעגירונג זיינען, אַחוץ די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן, פאַרטראָטן אויך די דייטש־נאַציאָנאַלע (הוגענבערגס פּאַרטיי). ער האָט זיך, וואַרשיינלעך, שוין פאַרזיכערט מיט דער פּאַסיווער אונטערשטיצונג (טאָלערירונג) מצד דעם קאַטוילישן צענטרום, אָדער ער וועט זיך באַמיען די דאָזיקע אונטער־

שטיצונג צו געווינען. צוזאַמען מיט דעם צענטרום וועט ער האָבן אַ מערהייט אי אין רייכסטאַג, אי אין פּרייסישן סיים. דאָס וועט זיין דער ערשטער ביישפּיל פון אַן אויסגעשפּראָכענעם פאַשיסטישן רעזשים, וואָס וועט זיך שטיצן אויף אַ דעמאָקראַטיש אויסגעוויילטן פּאַרלאַמענט. אָבער דער וועג פון דעמאָקראַטיע, אַפילו פון דער נעבעכדיקער הינדענבורגישער דעמאָקראַטיע, דער וועג פון אַלגע־מיינע און נישט געפעלשטע וואַלן, פון פאַרהעלטניסמעסיקער וואָרט־ און פאַר־זאַמלונג־פרייהייט וועט ווערן פאַר אים צו געפערלעך. ער וועט מוזן מיט אַן אייזערנער לאָגיק קומען צו מוסאָליניס וועגן, צו אָפענער, ברוטאַלער גוואַלט, צו פאַשיזם אָן דעם דעמאָקראַטישן פייגנבלעטל.

דאָס אַלץ וואָלט הינדענבורג נישט געוואַגט, אויב דער מאַרקסיסטישער לאַגער אין דייטשלאַנד וואָלט נישט געווען אַזוי טראַגיש געשפּאָלטן! אָבער — ערב דעם טאָג, ווען די בערלינער ס. ד. האָט אַרויסגעפירט אין גאַס אַ פערטל מיליאָן פּראָלעטאַריער, כדי צו פּראָטעסטירן קעגן דער היטלער־געפאַר, פּנים אל פּנים מיט דער אוממיטלבאַרער פאַשיסטישער געפאַר, איז די דייטשע קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַרויס מיט דעם נידערטרעכטיקן ליגן אַז די ס. ד.... פאָדערט אַ היטלער־רעגירונג! דערדאַזיקער פאַקט רעדט בולטער, ווי וואָס נישט איז, וועגן דעם טראַגישן צושטאַנד, אין וועלכן ס׳געפינט זיך היינט די אַרבעטער־באַוועגונג אין דייטשלאַנד. דעריבער האָט הינדענבורג זיך נישט גענומען צום האַרצן נישט די קאָמוניסטישע און נישט די ס. ד. דעמאָנסטראַציע און נישט די דראָאונג מיט אַ גענעראַל־סטרייק.

אָבער איצט גייט עס שוין וועגן דער נאַקעטער עקזיסטענץ פון דער דייט־שער אַרבעטער־באַוועגונג. און מיר ווילן גלויבן, אַז אין אַט דער לעצטער צוועלפטער שעה וועלן די אַרבעטער־מאַסן פון דייטשלאַנד צווינגען זייערע פירער צו פאַרלאָזן דעם וועג, וואָס קאָן דערפירן נאָר — צום אָפּגרונט, צו דער שוידערהאַפטסטער קאַטאַסטראָפע.

(„פאָלקסצייטונג“, 31טן יאַנואַר, 1933)

אָטאָ וועלס מאכט „רעאַל־פּאָליטיק"

נאָך דער אַרויסטרעטונג פון אָטאָ וועלס אין רייכסטאַג איז געקומען זיין וויזיט ביי פרידריך אַדלער און זיין אַרויסטריט פון ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל.

וועלס „האָט קאַטעגאָריש געפאָדערט" פון סעקרעטאַר פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ער זאָל נישט פאַרעפנטלעכן די באַשלוסן, וועלכע ס'האָבן אָנגענומען דער עקזעקוטיוו און די ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל. וואָס באַטייט די דאָזיקע פאָדערונג? זי באַטייט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל לאָזן אָן אַן ענטפער געריגנס אומפאַרשעמטע דראָאונג, אַז כל־זמן די סאָציאַליסטישע פרעסע פון דער וועלט וועט נישט אויפהערן צו דעמאַסקירן די גרויל־טאַטן פון היטלער־רעזשים, וועט ער, געריגנ, האַלטן פאַרשטאָפּט דאָס מויל פון די דייטשע ס. ד. אַרבעטער. וועלס פאָדערונג באַטייט:

דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל זיך אָפּהאַלטן פון אַן עפנטלעכן פּראָטעסט קעגן די בלוטיקע מעשים פון היטלערס באַנדעס, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון נעמען אונטער זיין שוץ די געפּייניקטע פּראָלעטאַריער פון דייטשלאַנד; און וועלס פאָדערונג באַטייט אויך, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל זיך אין דער פראַגע פון איינהייטס־פראָנט לאָזן דיקטירן זיין פּאָליטיק פון וועלסן, פּונקט ווי וועלס האָט זיך זיין פּאָליטיק געלאָזט דיקטירן פון היטלערן! צי האָט וועלס געקאָנט גלויבן, אַז ער וועט דאָס ביי אַדלערן פּועלן? ניין, דערויף האָט ער זיכער נישט גערעכנט. אָבער ער האָט געדאַרפט האָבן אַ תירוץ פאַר זיין אַרויסטריט פון ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל. אַז די נסיעה קיין צוריך איז פאַר וועלסן געווען קודם־כל — אַ טייל פון זיין אינערלעכער פּאָליטישער שפּיל, איז צו זען דערפון, מיט וואָס פאַר אַן איילעניש ער האָט זיך באַמיט אויסצונוצן אויף דעם אינערלעכן פּאָליטישן מאַרק זיין אַרויסטריט פון ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַל: אין מאָמענט ווען פרידריך אַדלער האָט דערהאַלטן פון וועלסן די טעלעגראַפישע רעזיגנאַציע פון אַמט פון ביוראָ־מיטגליד, איז די דאָזיקע ידיעה שוין געווען פאַנאַנדערטרומייטערט איבער דער וועלט דורך דער אָפיציעלער טעלעגראַפן־אַגענטור פון היטלער־דייטשלאַנד. די דאָזיקע אַגענטור האָט באַקומען די ידיעה וועגן וועלס אַרויסטריט פון ביוראָ פריער, איידער דער סעקרעטאַר פון אינטערנאַציאָנאַל!

וואָס באַטייט די דימיסיע פון אָטאָ וועלס? ס'איז אין דער סאָציאַליסטישער פרעסע אַרויסגעזאָגט געוואָרן די מיינונג, אַז וועלס' דימיסיע באַטייט נאָך נישט, אַז די דייטשע פּאַרטיי איז אַרויסגעטראָטן פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל, ווייל אַזאַ באַשלוס קאָן לויט די פּאַרטיי־סטאַטוטן אָננעמען נאָר אַ פּאַרטיי־צוזאַמענ־

פאַר. מיר מיינען, אַז עס איז צוועקלאָז און נאַאיוו צו שפּילן זיך אין פאָרמאַ־ליטעטן; אַז דאָס וואָס וועלס האָט געטאָן אַנטשפּרעכט נישט דעם ווילן פון דער מיליאָניקער מיטגלידערשאַפט פון דער דייטשער ס. ד. — דערין האָבן מיר דעם מינדסטן צווייפל נישט. אָבער די דאָזיקע מיטגלידערשאַפט קאָן אין היטלער־דייטשלאַנד נישט קומען צום וואָרט. אין איר נאָמען רעדן דאָרט היינט וועלס און די חברים זיינע, וואָס האָבן אַלס צ. ק. פון דער דייטשער ס. ד. געגעבן זייער הסכם צו וועלס' שריט. דאָס איז יאָ אין הסכם מיט די פּאַרטיי־סטאַטוטן, צי — נישט, אַ פאַקט איז עס, אַז די דייטשע סעקציע איז דערווייל אַרויסגעפאַלן פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

אָטאָ וועלס „פּאַסט זיך צו" צו דער נייער לאַגע. ער טראָגט אַ שטיין צו אַ שטיין צו דער געביידע פון „לאָיאַלער אָפּאָזיציע" לגבי דעם היטלער־רעזשים, וואָס ער האַלט אין בויען. ער רעכנט, אַז אַזוי אַרום וועט ער כאָטש וואָס נישט איז אָפּראַטעווען פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן די דייטשע אַר־בעטער־באַוועגונג. ער גלויבט, אַז אויב ער וועט זיך אָפּזונדערן פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און זיך נאָך מער, ווי ביז איצט, טובלען אין נאַציאָנאַליסטישע, אין פּאַטריאָטישע וואַסערן; אויב ער וועט זיך שטעלן אויף דעם באָדן פון „געשעענע פאַקטן" און נישט נאָר פאַרמאַכן די אויגן אויף די שאַנד־און־מאָרד־טאַטן פון היטלער־רעזשים, נאָר דערגיין אין זיין „לאָיאַלקייט" אַזוי וויט — צו פּראָטעסטירן קעגן די „גוזמאות", וואָס ווערן וועגן דעם דאָזיקן רעזשים פאַרשפּרייט אין אויסלאַנד, — דאַן וועט זיך אים איינגעבן צו איבערצייגן די מיניסטאָרן מיט די „לאַנגע מעסערס" אין די הענט, אַז זיי זיינען — אַ „קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג" און זיינען מחויב צו רעגירן „קאָנסטיטוציאָנעל"; דאַן וועט ער אויסמיידן דעם גורל פון דער איטאַליענישער באַוועגונג, דעם גלות פון עמיגראַציע, דאַן וועט זיך אים איינגעבן אויסצו־בעטלען אַ לעגאַלע עקזיסטענץ פאַר זיין פּאַרטיי!

אויב דאָס זאָל אים אַפילו געלינגען, דאַן איז אָך און ווי צו אַזאַ עקזיסטענץ, וואָס איז געקויפט געוואָרן פאַרן פּרייז פון מאָראַלישער קאַפּיטולאַציע, פון אָפענעם פאַרראַט. אָבער דאָס וועט אים נישט געלינגען. עס איז ממש צו באַוואונדערן ווי האָפנונגסלאָז בלינד, ווי אומפעאיק צו לערנען זיך פון דער געשיכטלעכער דערפאַרונג עס זיינען גראָד די, וואָס גרויסן זיך אַלע מאָל מיט זייער פּראַקטישקייט, מיט זייער רעאַליזם, וואָס האָבן אַלע מאָל אַ פול מויל מיט ביטול צום אַ. ג. „רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם"!

מיר האָבן דאָך הינטער זיך די טראַגישע דערפאַרונג פון איטאַליע. אויך דאָרט זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך געשטעלט אויפן באָדן פון „געשעענע פאַקטן", כדי — „צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך". וואָס האָבן זיי געראַטעוועט? גאָרנישט. דער פאַשיזם קאָן נישט פאַרטראָגן לעבן זיך קיין שום קאָנקורענץ, קיין שום מאַסן־באַוועגונג, אַפילו קיין שום יחידים נישט, וואָס ווייזן אַרויס דעם מינדסטן שאָטן פון זעלבשטענדיקייט. ער מוז אויף אַלץ אַרופלייגן זיין פאַ־שיסטישע האַנט. מוסאָליני האָט גערן אויסגענוצט די „אָפּערטע" פון די

ד׳אָרגאַנאַ׳ס, כדי ווי אַן אויסגעקוועטשטע ציטרין, זיי שפּעטער אוועקצו־וואַרפן אַן אַ זייט. יעדער באַוואוסטזיניקער אַרבעטער דערמאָנט זיי מיט פאַר־אַכטונג. דאָס איז דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן „דערגרייכט״.

און היטלער גייט אין מוסאָליניס דרכים. אין זיין בעסטיאַלישקייט, אין זיין נידערטרעכטיקייט האָט ער אַפילו — אויב דאָס איז מעגלעך — נאָך אי־בערגעשטיגן זיין איטאַליענישן לערער. אויב היטלער וועט אַ געוויסע צייט דולדן וועלסן און די, וואָס מיט אים, איז עס אויסשליסלעך צוליב דעם, כדי זיי צו „דערלויבן״ וואָס אַמאָל טיפער צו זינקען אין זומפּ פון מאָראַלישער קאַפּיטו־לאַציע, כדי צו געבן זיי די מעגלעכקייט מיט זייערע אייגענע הענט צו באַשמוצן די פאָן, אונטער וועלכער זיי האָבן ביז איצט געקעמפט.

— דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־קלאַס פון דער גאַנצער וועלט מוז אין דער איצטיקער טראַגישער צייט זיין בלב ונפש מיט די שווער געפּרוּווטע דייטשע אַרבעטער־מאַסן; עס איז דער חוב פון דער סאָציאַליסטישער באַוועּ־גונג פון דער גאָרער וועלט אונטערצוהאַלטן און צו שטאַרקן מיט איר פּאָליטיק אין די דייטשע אַרבעטער־מאַסן דעם גלויבן אינם אינטערנאַציאָנאַליזם, צו העלפן די דאָזיקע מאַסן צוריק אויפשטעלן אַ שטאַרקע, מיט רעוואָלוציאָנערן גייסט דורכגעדרונגענע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל זיין אימשטאַנד אויפצונעמען דעם קאַמף מיט היטלערס בלוטיקער דיקטאַטור. אָבער אין די אינטערעסן סיי פון דער אַלגעמיינער, סיי פון דער דייטשער באַוועגונג מוז דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט פון דער גאַנצער וועלט ווי אַמשאַרפסטן אָפּגרענעצן זיך פון אַזעלכע „רעטער״ פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס, ווי — אָטאָ וועלס און זיינע חברים.

(„פאָלקסצייטונג״, אַפּריל 1933)

א שטעטל גייט אויס פון הונגער

ישט ווייט פון לאָדזש איז פאַראַן אַ שטעטל בזשעזשין. פון קדמונים — אַ שניידער שטעטל. נאָך אין די רוסישע צייטן איז דאָרט געווען אַ צענטער פון טאַנדעט־מלבושים פאַרן רוסלענדער מאַרק, ספּעציעל — פאַרן דאָנער באַסיין. אין אומאָפּהענגיקן פּוילן איז די פּראָדוקציע פון בזשעזשין איינגעשרומפּן געוואָרן. אָבער אַרבעט איז נאָך אַלץ געווען. די אַרבעטס־לוינען זיינען דאָרט אַלע מאָל געווען שרעקלעכע. דער „שוויץ־סיסטעם" האָט זיך פעסט איינגע־בירגערט צווישן די בזשעזשינער שניידער. אָבער אַרבעט איז נאָך געווען. דאָ איז געקומען דער קריזיס. אים האָבן צוזאַמען מיט אַלע פון פּוילן, דער־פילט די בזשעזשינער שניידער אויך. די אַרבעט האָט ביסלעכוויז אָנגעהויבן פאַרשווינדן, און די אַרבעטס־באַדינגונגען זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער.

אָבער עס זיינען פאַרביי צוויי יאָר, און — וואונדער איז געשען: אין סאַמע מיטן קריזיס, בעת אומעטום האָט די פּראָדוקציע געהאַלטן אין איין פאַלן, האָט זיך בזשעזשין פלוצעם „צעבליט". די פּראָדוקציע האָט גענומען וואַקסן, די צאָל באַשעפטיקטע אַרבעטער איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. וואָס איז געשען? געשען איז דאָס, אַז בזשעזשין האָט אָנגעהויבן אַרבעטן פאַרן וועלט־מאַרק, פאַר ענגלאַנד, פאַר בעלגיע. די פיפיקע בזשעזשינער אונטערנעמער האָבן זיך פאַרשטענדיקט מיט דער רעגירונג און אויסגעפּועלט פאַר זיך סובסידיעס — פאַרשטייט זיך, אין די אינטערעסן פון דער „נאַציאָנא־לער פּראָדוקציע פון פּוילן". מיט די סובסידיעס איז געטריבן געוואָרן דער אומפאַרשעמטער שווינדל. זיי זיינען געווען אַזוי גרויס, אַז די אונטערנעמער האָט געלוינט צו פאַרקויפן זייער פּראָדוקציע אין אויסלאַנד צו די לעכערלעכסטע שליידער־פּרייזן: דער פּרייז, וועלכן זיי האָבן גענומען אין ענגלאַנד און בעלגיע פאַר אַן אָנצוג איז געווען קלענער, איידער די מלוכה־סובסידיע צו יעדן אָנ־צוג!

די בזשעזשינער אונטערנעמער האָבן געמאַכט גאָלדענע געשעפטן. אָבער אַזוי ווי ס'איז געווען — קריזיס אַזוי ווי די אַרבעטסלאָזיקייט און נויט האָבן אין גאַנצן בזשעזשינער ראַיאָן געהאַלטן אין איין וואַקסן, האָבן די אונטערנעמער אויסגענוצט די לאַגע: די אַרבעטסלוינען זיינען געווען שרעקלעכע, דער אַר־בעטס־טאָג — אָן אַ סוף, די אַלגעמיינע אַרבעטס־באַדינגונגען — שוידער־לעכע.

אַזוי איז עס אַ געוויסע צייט געגאַנגען. בזשעזשין האָט פיבערהאַפט געאַרבעט. אָבער מיט דער צייט האָט זיך די רעגירונג געכאַפּט, אַז די בזשעזשי־נער אונטערנעמער באַשווינדלען, באַגאַנבענען זי פשוט. מ'האָט זיי דערפאַר

חלילה גאַרנישט געטאָן, ווייל שווינדל און גנבה זיינען דאָך — נאָרמאַלע עלעמענטן פון קאַפּיטאַליסטישער באַלעבאַטישקייט, אָבער מ׳האָט זיי פאַרקלענערט די סובסידיעס. האָט בזשעזשין מיט אַמאָל אויפגעהערט צו „גליקן״. אויב נישט פאַרדינען צעזעצטערהייט, לויגט נישט די אונטערנעמער צו פירן דאָס געשעפט. די פּראָדוקציע האָט צוריק אָנגעהויבן פאַלן, די אַרבעטסלאָזיקייט — וואַקסן. אַז די אַרבעטער־באַדינגונגען זיינען ביי דער געלעגנהייט ווידער אַמאָל פאַרערגערט געוואָרן — איז איבעריק צו דערמאָנען.

און אָט ליגט פאַר אונז אַ בריוו פון בזשעזשין, אַ פאַרצווייפלטער הילף־רוף, אַ שווידערהאַפטער וויי־געשריי פון אויסגעהונגערטע, פאַרפּייניקטע מענטשן. זיבן הונדערט אַרבעטער און הונדערט כאַלופּניקעס מיט זייערע משפּחות ראַנגלען זיך ממש מיטן הונגער־טויט! אַ גאַנץ יאָר דויערט שוין אָט דער שווידערהאַפטער צושטאַנד, אָבער אין די לעצטע זעקס חדשים איז די לאַגע געוואָרן אַזוי ביטער, ווי זי איז אין דער ערגסטער מלחמה־צייט נישט געווען. צו דעם איז צוגעקומען אַ מוראדיקע עפּידעמיע פון גריפּע, וועלכע האָט ביי דער אויסגעהונגערטקייט פון דער באַפעלקערונג אָנגענומען באַזונדערס שאַרפע פאָרמען. און וועגן אַ דאָקטאָר, וועגן מעדיצין איז גאָר נישטאָ וואָס צו חלומען.

די פאַרפּייניקטע אַרבעטער קריצן מיט די ציין, זעענדיק, ווי די אונטערנעמער, וואָס זיינען פעט געוואָרן אין די גוטע יאָרן, אַנטלויפן איצט, ווי די שטשורעס, פון בזשעזשין. די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג האָט זיך די אויגן אויסגעקוקט, וואַרטנדיק — אומזיסט! — אויף הילף מצד דער מלוכה. געלט אויף סובסידיעס פאַר די אונטערנעמער האָט דער מלוכה נישט געפעלט, אָבער פאַר די הונגעריקע אַרבעטער און כאַלופּניקעס איז קיין געלט, פאַרשטייט זיך, נישטאָ.

אַ גאַנץ שטעטל גייט אויס פון הונגער. און בזשעזשין איז נישט דאָס איינציקע שטעטל, וואָס גייט אויס, און קיינעם אַרט דאָס נישט.

(„פאָלקסצייטונג״, יאַנואַר 1933)

ניין, מיר זיינען נישט קיין אתה בחרתנו־פאָלק!

איינע פון אונזערע גרעסטע פאַרברעכנס אין די אויגן פון יידישן בירגערטום באַשטייט דערין, וואָס אין משך פון 35 יאָר פון אונזער עקזיסטענץ, אַלס פּאַרטיי, הערן מיר נישט אויף צו פאַרטיידיקן דעם פּשוטן געדאַנק, אַז מיר יידן זיינען נישט קיין אתה בחרתנו־פאָלק, נישט אין גוטן און נישט אין שלעכטן זין פון וואָרט, נאָר — פאָלק מיט פעלקער צוגלייך, און, אַז נישט געקוקט אויף דער אייגנאַרטיקייט פון אונזער געשיכטע און פון די סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון אונזער לעבן, זיינען אויף אונז חל די זעלביקע געזעצן, וואָס רעגולירן דאָס לעבן פון אַלע איבעריקע פעלקער פון דער וועלט. אָבער אַ באַזונדערן גרימצאָרן רופט אַרויס ביי אונזערע יידישע באַלעבאַטישע קעגנער די באַהויפּטונג אונזערע, אַז ס׳איז פאַראַן אַ יידישער נאַציאָנאַליזם, וואָס איז פונקט אַזוי מיאוס, פונקט אַזוי עקלהאַפט ווי דער נאַציאָנאַליזם פון די אומות העולם; אַז אויב דער יידישער נאַציאָנאַליזם איז, אַלס כלל, נישט בלוט־דורשטיק, איז עס בלויז אויס — נויט און נישט — אויס טוגנט, אַז ווען עס טרעפט זיך אַ פּאַסיקע געלעגנהייט, דאַן קאָן ער אַרויסווייזן ציין און נעגל גאָרנישט ערגער, איידער די נאַציאָנאַליזמען פון אַנדערע פעלקער.

— —

מיר לעבן אין אַ צייט פון אומבארחמנותדיק שאַרפע קאָנטורן. פאַר האַלבטענער איז היינט נישטאָ קיין אָרט. מיר לעבן אין אַ צייט פון נאַציאָנאַליסטישער וואַקכאַנאַליע. אין דעם בית־המקדש פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט דוכנען היינט אַזעלכע כוהנים פון נאַציאָנאַליזם ווי בעניטאָ מוסאָליני, ווי — אַדאָלף היטלער. אין אַזאַ צייט גייען אַלע נאַציאָנאַליזמען אַרום אָדם־נאַקעט, אין אַזאַ צייט מוז אויך דער יידישער נאַציאָנאַליזם דעמאָנסטרירן פאַר דער גאַנצער וועלט די גאַנצע העסלעכקייט פון זיין פּרצוף.

וועגן היטלערס באַציאונג צו פּוילן פאַרשפּאָרט מען אַ סך צו רעדן. איינס פון די באַליבטסטע לידער פון די היטלערישע באַנדעס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „מיר שלאָגן אַלע פּאָליאַקן אויף טויט און שמירן זיי אויף פּוטער ברויט.“

— —

און וועגן דעם וואָס היטלערס קומען צו דער מאַכט באַטייט פאַר פּוילנס מלוכה־אינטערעסן, איז דאָך איבעריק אַפילו אַ וואָרט צו פאַרלירן. אָפּשאַפן דעם „קאָרידאָר“, אָפּנעמען ביי פּוילן איר חלק אויבערשלעזיע, באַזעצן דאַנציג — דאָס זיינען די ערשטע פּונקטן פון היטלערס פּראָגראַם אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק; פאַרוואַנדלען פּוילן אין אַ דייטשער קאָלאָניע אין אַ

כבוד די קעמפער און מארטירער

 

העניריק ערליך און וויקטאָר אַלטער



RCA
RADIOGRAM
R.C.A. COMMUNICATIONS, INC.
A RADIO CORPORATION OF AMERICA SERVICE
FAST — DIRECT
TO ALL THE WORLD — BETWEEN IMPORTANT U.S. CITIES — TO SHIPS AT SEA
STANDARD TIME
RECEIVED AT 64 BROAD STREET, NEW YORK, AT 9-22 1941

RGEMR 3323
MOSCOW 18 21 1045
NLT JEWFORWARD NEWYORK
WE CONTINUE COMMON STRUGGLE AGAINST FASCISM FOR SOCIALISM
GREET COMRADES FRIENDS
ERLICH ALTER HOTEL METROPOLE

Telephone: HAnover 2-1811

די טעלעגראַמע וועגן זייער באַפרייאונג אין 1941.

„הינטערלאַנד" פון דייטשלאַנד — דאָס איז אַ ווייטערדיקער פּונקט פון זיין פּראָגראַם.

וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז היטלערס קומען צו דער מאַכט וועט מאַכן אויפציטערן יעדעס „פּאַטריאָטישע" האַרץ אין פּוילן און פריער פאַר אַלץ — דאָס ענדעקישע האַרץ. האָבן דאָך די נ. ד., אַלעמאַל פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז ס'איז נישטאָ פאַר פּוילן קיין גרעסערער שונא, ווי — דייטשלאַנד. זיינען זיי דאָך אין קאַמף קעגן דעם „דייטשן שונא" גרייט געווען שלום צו מאַכן אַפילו מיטן פאַרהאַסטן ראַטן־פאַרבאַנד.

ווען דעם, ווי אַזוי עס האָט רעאַגירט אויף היטלערס קומען צו דער מאַכט דער ענדעקישער פּויבסט, ראָמאַן דמאָווסקי, ווי אַזוי ס'רעאַגירט דערויף טאָג־טעגלעך דער ענדעקישער אָפיציאָז „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ", האָבן מיר שוין נישט איין מאָל געשריבן. אָבער עס וואָלט געווען אַן עברה נישט צו פאַרציי־כענען די שטים פון דעם אָנפּנהאַרציקסטן און אומפאַרשעמטסטן צווישן די ענדעקעס — פון אַדאָלף נאָוואַטשינסקי. מיר מיינען זיין לעצטן אַרטיקל וועגן געבעלסן.

נאָוואַטשינסקיס אַרטיקל איז אַן אמתער הימן פאַר געבעלסן! דאָס האַרץ פון גרעסטן ציניקער אין ענדעקישן לאַגער איז אויפגעציטערט געוואָרן פון „ריינס־טער" באַגייסטערונג פאַר דעם גרעסטן ציניקער און בלוט־הונט צווישן די ציניקער און בלוט־הינט, וואָס רינגלען אַרום אַדאָלף היטלערן: „דאָס איז נישט נאָר איינע פון די אינטערעסאַנטסטע פערזענלעכקייטן — דאָס איז אויך בוכשטעבלעך אַן אויסערגעוויינלעך סימפּאַטישע פערזענלעכקייט — ווזפּט אויס מיט התפּעלות דער פּוילישער געבעלס.

„די נאַציס — דערקלערט נאָוואַטשינסקי — זיינען אין די גרונט־יסודות פון זייער פּראָגראַם פריער פאַר אַלץ אַנטי־יידיש און ערשט שפּעטער — אַנטי־ווערסאַליש. אין 60 פּראָצענט זיינען זיי אַנטי־יידיש און נאָך דער משוגענער און לייכטזיניקער פאַרביסנקייט פון נקמה־נעמענדיקן וועלט־יידנטום *), האָבן זיי באַוויזן אַדורכדרינגען מיט יידן־האַס די אַלע 90 מיליאָן גערמאַנער פון דער וועלט".

אַזוי זעט אויס אין העלישן ליכט פון היטלער־פייער דער גייסטיקער פּרצוף פון פּוילישן נאַציאָנאַליזם. און אַן ענלעכע צורה האָט זיך אויך באַוויזן אויף דער יידישער גאַס.

מיר האָבן שוין דערציילט די טעג וועגן אַ פאַרלעזונג פון אַ רעוויזיאָניסטישן גדול וועגן היטלעריזם, די היטלערישע פּרעסע האָט פעסטגעשטעלט, אַז „דער גאַנצער רעפעראַט איז געווען נישט אַ באַשולדיקונג, נאָר אַ גלענצנדע פאַרטיי־דיקונג פאַר היטלערן". און מיר האָבן געבראַכט אַן אויסצוג פון אַן אויסגע־שפּראָכן היטלערישן אַרטיקל אין זשאַבאָטינסקיס אָרגאַן אין פּאַלעסטינע. זשאַבאָטינסקיס אַן אַדיוטאַנט באַקלאָגט זיך דאָרט אויף דעם „טומל וואָס איז

*) דער שאַם פון הערשל גרינשפּאַן. — רעד.

לעצטנס אויפגעהויבן געוואָרן אין דער יידישער עפנטלעכקייט קעגן דעם נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם". און ער דערקלערט, אַז דער דאָזיקער טומל — „קאָן אַרויסרופן פּיל זייער אומעטיקע געדאַנקען וועגן דעם ריכטיקן פּרצוף פון דער דאָזיקער עפנטלעכקייט און פון אירע כוונות." דער רעוויזיאָניסטישער כולי־גאַן „שטעלט פעסט", אַז דאָס היטלער־דייטשלאַנד האָט נישט אָנגעטאָן יידן „אַזוי פיל שלעכטס", וויפיל עס האָט זיי אָנגעטאָן... דער ראַטן־פאַרבאַנד, און ער „וואָרנט" די יידישע עפנטלעכקייט, זי זאָל צוזאַמען מיט דער אַנטיסעמיטישער „שאַלעכץ" פון היטלעריזם נישט אַרויסוואַרפן אויך זיין ווערטפולן, זיין טייערן „אַנטי־מאַרקסיסטישן קערן".

געוויס איז זשאַבאָטינסקי נישט מער, ווי אַ היטלער אין וועסטל־קעשענע־פאָרמאַט, אַ פאַשיסטישער קלאָון. אָבער דער דאָזיקער קלאָון האָט שוין אויפ־געפרעסן אַ זייער באַדייטנדיקן, אפשר דעם גרעסטן טייל פון אונזער היימישן ציוניזם. דער פאַשיסטישער כוליגאַניזם, וואָס זשאַבאָטינסקי פּריידיקט, אַנט־שפּרעכט אַ שטימונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט זייער באַדייטנדיקע טיילן פון יידישן בירגערטום, און באַזונדערס פון דער יידישער בירגערלעכער יוגנט. געוויס זיינען זשאַבאָטינסקיס ברוין־העמדלדיקע חיילות נישט מער, ווי אַ טראַגי־קאָמישע קאַריקאַטור אויף היטלערס ס. א. לייט. אָבער וואָס עס פעלט זיי כדי צו ווערן פונקט אַזעלכע בעסטיעס, ווי יענע, איז — אַ ביסל מוסקולן, אַ ביסל שטח, אַ ביסל פּאָליטישע מעגלעכקייטן. אין בערלין האָבן זיי זיך טאַקע „מור־טיק" געשטעלט אין די רייען פון די אמתע ברוין־מונדירטע באַנדיטן. און אין פּאַלעסטינע באַווייזן זיי אויך, אַז זיי זיינען נישט קיין מלופים־קינדער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ניין, מיר זיינען נישט קיין אתה בחרתנו־פאָלק, און אונזער יידישער נאַ־ציאָנאַליזם איז פונקט אַזוי העסלעך, פונקט אַזוי שענדלעך און פאַרמאָגט פונקט אַזאַ נטיה צו פאַשיסטישער אויסגעלאַסנקייט, ווי דער נאַציאָנאַליזם פון אַלע אַנדערע פעלקער.

(„פאָלקס־צייטונג", מאַי 1933)

דער סאָציאַליסטישער אויפשטאַנד אין עסטרייך

1. פּאַריז און ווין

אין מאָמענט ווען מיר שרייבן די דאָזיקע שורות, זיינען שוין אָנגעקומען קיין וואַרשע די ערשטע ידיעות וועגן פאַרלויף פון דעם גענעראַל־סטרייק, וועלכן עס האָבן פּראָקלאַמירט אויף נעכטן די סאָציאַליסטישע פּראָפּ. פאַראיינען און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון פראַנקרייך.

דאָס לעבן אין פּאַריז איז אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבן געוואָרן. טראַמווייען, אויטאָבוסן, טאַקסאַוואָקעס, אונטערערדישע באַן — אַלץ האָט געסטרייקט. די צייטונגען זיינען נישט דערשינען. די איינציקע צייטונג וואָס איז יאָ אַרויס — די מאָנאַרכיסטיש־פאַשיסטישע „אַקסיאָן פראַנסעז", מיט דער הילף פון פאַשיסטישע סטרייק־ברעכער, האָט נישט געקאָנט פאַרשפּרייט ווערן, ווייל די סטרייקנדיקע אַרבעטער האָבן דערצו נישט דערלאָזט.

דער סטרייק האָט אַרומגענומען אויך די פּאָסט, טעלעגראַף, טעלעפאָן און ראַדיאָ. פּאַריז איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון דער אויסערלעכער וועלט! וועגן פאַבריקן און וואַרשטאַטן איז אָפּגערעדט.

די ערשטע מאַניפעסטאַציע פון כוח פון פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט און פון זיין גרייטקייט צו קעמפן קעגן דער קאָרופּטירטער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, וואָס וויל איר רעכט אויף גנבות און קאָרופּציע פאַרטיידיקן מיט דער הילף פון פאַשיסטישער דיקטאַטור — די דאָזיקע ערשטע מאַניפעסטאַציע איז אויסגעפאַלן מוסטערהאַפט, גלענצנדיק!

***

אָבער וואַרטנדיק אין שפּאַנונג אויף ידיעות פון פּאַריז, האָבן מיר פּלוצעם באַקומען די ערשטע טעלעגראַמען פון ווין וועגן סטיכישן אויסברוך פון סטרייק אין דער הויפּט־שטאָט פון עסטרייך און וועגן די בלוטיקע געשעענישן אין לינץ. דער פאַקט, וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך צו באַקומען אַ טעלעפאָנישע פאַרבינדונג מיט דער רעדאַקציע פון דער ווינער „אַרבעטער־צייטונג", באַווייזט, אַז די געשעענישן אַנטוויקלען זיך ווייטער.

„עס שלאָגט אין עסטרייך די 12טע שעה" — האָבן מיר געשריבן מיט עטלעכע טעג צוריק. די היינטיקע טעלעגראַמעס באַשטעטיקן דאָס אין דער פולסטער מאָס. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר אין דער לעצטער צייט געלייענט די ידיעות פון קליינעם עסטרייך מיט זיין גרויסן, מוסטערהאַפט־

אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט. די פאַשיסטישע היימווער־לייט זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער באָדן פאַר אַ פאַשיסטישער איבערקערעניש אין עסטרייך איז שוין רייף, און — זיי זיינען צוגעטראָטן צום לעצטן אָנגריף אויף דעם עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט.

און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט זיך יעדער באַוואוסטזיניקער פּראָלע־טאַריער געפרעגט:

— שוין־זשע וועט זיך אין עסטרייך איבערחזרן די דייטשע טראַגעדיע? שוין־זשע וועט זיך אויך אין רויטן ווין די פאַשיסטישע באַנדעס איינגעבן אָן אַ ווידערשטאַנד מצד די אַרבעטער־מאַסן צו באַגרינדן זייער ממשלה?

דאָס ערשטע געפיל, וואָס עס וועט ביי יעדן איינעם פון אונזערע לעזער אַרויסרופן די ידיעות וועגן די געשעענישן אין לינץ און אין ווין, וועט דעריבער אָן צווייפל זיין אַ געפיל פון אומגעהויערער דערלייכטערונג: ניין, דער עסטרייכישער אַרבעטער וועט זיך נישט לאָזן דערשטיקן, ער וועט שטעלן די פאַשיסטישע באַנדעס אַ פאַרביטערטן ווידערשטאַנד!

אין מאָמענט ווען דער נומער גייט צום דרוק, קומען פאָר אויף די גאַסן פון לינץ בלוטיקע צוזאַמענשטויסן צווישן אַרבעטער און מיליטער. אויך די אַרבעטער פון ווין זיינען סטיכיש אַרויס אין קאַמף. די רעגירונג פון קליינעם דאָלפוס דראָט די אַרבעטער מיט בלוטיקע רעפּרעסיעס. אַזאַ מאָמענט איז נישט קיין צייט פון אָפּשאַצונגען. אין אָט דעם גורל־מאָמענט ווילן מיר בלויז אין נאָמען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט פון פּוילן איבערשיקן דעם העלדישן קעמפנדיקן עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט אונזער האַרציקסטע באַגריסונג און די פאַרזיכערונג אין אונזער וואַרעמסטער ברידערלעכער סאָלידאַריטעט!

2. הילף דעם העלדישן עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט!

צוויי מעת־לעת דויערט דער קאַמף. אויף איין זייט שטייט דער גאַנצער אונטערדריקונגס־אַפּאַראַט פון דער פאַשיזירטער מלוכה־פּאָליציי, זשאַנ־דאַרמעריע, מיליטער — צוזאַמען מיט די באַוואָפנטע באַנדעס פון דער פאַ־שיסטישער היימווער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין משך פון יאָרן נאָכאַנאַנד האָט די עסטרייכישע קאָנטער־רעוואָלוציע געבויט, „געריייניקט", „פאַרפולקאָמט" און פאַרפעסטיקט איר גוואַלט־אַפּאַראַט. די באַוואָפנטע כוחות, וואָס קעמפן איצט מיט די גייסטע קריגס־מכשירים קעגן עסטרייכישן אַרבעטער־קלאַס, זיינען — אַן אַרמיי פון געדונגענע סאָלדאַטן און דעריבער אַ פעסט־געשמידטער און זיכערער כלי־זיין אין די הענט פון דער „עסטרייכישער קאָנטער־רעוואָלוציע."

און אַנטקעגן זיי, פון דער צווייטער זייט באַריקאַדע, שטייט דער סאָציאַ־ליסטישער פּראָלעטאַריאַט פון עסטרייך. אין דעם פאַרביטערטן, באַוואָפנטן קאַמף, וואָס פירט זיך איצט פאַר יעדן אַרבעטער־הויז, פאַר יעדן געסל, פאַר

יעדן שפּאַן ערד, אין אַט דעם קאַמף אויף לעבן און טויט, וואָס וועט אויף יאָרן דעציידירן וועגן גורל פון עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט און האָבן אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, — שטייט איינער אַליין דער סאָציאַליסטישער פּראָלעטאַריאַט.

און דערפון שטאַמט אויך זיין אויסגעשפּראָכן אָרגאַניזירטער כאַראַקטער. אויפן גרונט פון די ערשטע טעלעגראַמעס פון ווין האָבן מיר געשריבן וועגן „סטיכישן אויסברוך" פון סטרייק אין ווין. אָבער שוין מיט עטלעכע שעה שפּעטער איז געוואָרן קלאָר, אַז דער סטרייק איז געווען אַן אָרגאַניזירטער, אַ פון פאַראויס באַשלאָסענער. אין איין און דער זעלביקער צייט, קורץ פאַר 12 ביי־טאָג, זיינען אין די אַדמיניסטראַציעס פון אַלע ווינער פאַבריקן דערשינען, לויט איין ווערסיע — פאָרשטייער פון דער ס. ד. פּאַרטיי, לויט אַ צווייטער ווערסיע — פאָרשטייער פון די ס. ד. פאַבריק־ראַטן, וועלכע האָבן געמאָלדן וועגן באַשלוס פון זייער פּאַרטיי אַרויסצוטרעטן 12 אַ זייגער אין אַ גענעראַל סטרייק. און נישט נאָר איז דער סטרייק אין ווין געווען אַן אָרגאַניזירטער ענטפער אויף די בלוטיקע קאַמפן אין לינץ: עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל, אַז דער באַוואָפנטער קאַמף אין לינץ איז אָנגעהויבן געוואָרן לויט אַ דירעקטיוו פון די פּאַרטיי אינסטאַנצן: נישט צו דערלאָזן צו קיין ווייטערדיקע קאָנפיסקאַציעס פון אָנגעזאַמלטן געווער.

צוויי מעת־לעת דויערט דער העראָאישערביישפּיללאָזער קאַמף פון די עסטרייכישע אַרבעטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער עסטרייכישער פּראָלעטאַריאַט האָט אין זיין אויסערגעוויינלעך שווערן קאַמף דאָס רעכט אויף אַקטיווער אונטערשטיצונג מצד דער גאַנצער אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. דער צ. ק. פון „בונד" אין פּוילן האָט זיך געווענדט צו דער ביוראָ פון סאָצ. אינטערנאַציאָנאַל מיט דער אויפפאָדערונג — תיכּף צו פּראָקלאַמירן אין צוזאַמענהאַנג מיט די עסטרייכישע געשעענישן אַ קרעפטיקע, אינטערנאַציאָנאַלע, פּראָלעטאַרישע אַקציע. דער אינטערנאַציאָ־נאַלער פּראָלעטאַריאַט טאָר זיך נישט פּאַסיוו צוקוקן צום העראָאישן קאַמף פון עסטרייכישן אַרבעטער־קלאַס. עס מוז קומען הילף און — וואָס גיכער!

3. לאָמיר געדענקען!

נאָר וואָס האָבן מיר דערהאַלטן פון פּראַג די דערשיטערנדיקע ידיעה, אַז די ערשטע שוץ־בונדיסטן, וואָס זיינען נעכטן געשטאַנען אין ווין פאַר אַ שטאַנד־געריכט, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אין מאָמענט ווען מיר שרייבן די דאָזיקע שורות, איז דער אורטייל וואַרשיינלעך שוין אויסגעפירט!

צו דער אומענדלעכער רשימה בלוטיקע פאַרברעכנס פון אינטערנאַציאָ־נאַלן פאַשיזם איז צוגעקומען נאָך איינער. צו דעם שוידערהאַפטן חשבון, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס וועט אין דער שעה פון אומפאַרמיידלעכער און אומ־

ברחמנותדיקער אָפּרעכענונג צושטעלן דעם פאַשיזם, איז צוגעקומען נאָך איין פּאָזיציע. אין דעם פאַנטעאָן פון פּראָלעטאַרישע קדושים, וואָס וועלן אויף אייביקע ציַיטן בליַיבן אַרומגערינגלט פון באַוואונדערונג, טריַישאַפט, אַנטציקונג און ליבע מצד יעדן באַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריער, — וועלן איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער פאַרנעמען די אַכט ווינער פּראָלעטאַריער, וועלכע די פאַשיסטן האָבן מיט גוואַלט אַרויסגעריסן פון די קעמפנדיקע רייען אין מאָ־מענט, ווען זיי האָבן מיט אומפאַרגלייַכלעכן העלדנמוט, מיט געווער אין דער האַנט, פאַרטיידיקט דעם כבוד פון עסטרייַכישן, דעם כבוד פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט.

וואָס באַדיַיט דער נייַער בלוטיקער שאַנד־טאַט פון עסטרייַכישן פאַשיזם? די דאָלפוס־רעגירונג באַמיט זיך דורך אירע אָפיציעלע קאָמוניקאַטן צו באַ־שאַפן דעם איינדרוק אין דער וועלט, אַז דער ווידערשטאַנד פון עסטרייַכישן פּראָלעטאַריאַט איז געבראָכן, אַז דער רעגירונג איז געלונגען צו באַהערשן די לאַגע אין גאַנצן לאַנד. אויב דאָס וואָלט געווען ריכטיק, דאַן וואָלט די שאַנד־טאַט פון קליינעם דאָלפוס געווען אַ נאָרמאַלער אויסדרוק פון דער חיהשער ברוטאַליטעט, פון דער שמוציקער בלוטדורשטיקייט, וועלכע ס׳פלעגט צו אַלע ציַיטן אַרויסווייַזן לגבי די באַזיגטע אַרבעטער־מאַסן די זיגרייַכע קאָנטר־רע־וואָלוציע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער — מיר גלויבן נישט די דאָלפוס־קאָמוניקאַטן! די עסטרייַכישע פאַשיסטן פילן זיך פאַרשעמט פאַר זייערע אויסלענדישע קאָנטראַהענטן. מיט זייער בלוטיקער קלאַסן־יוסטיץ ווילן זיי אָניאָגן אַ פּחד אויף דעם העלדישן עסטרייַכישן פּראָלעטאַריאַט, ברעכן זיין וואונדערבאַרן אומפאַרגלייַכלעכן ווי־דערשטאַנד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די געשעענישן אין עסטרייַך האָבן צו דער טיפסטער טיפעניש אויפגע־טרייסלט די אַרבעטער־מאַסן פון דער גאַנצער וועלט. אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון וואַרשע — יידישע און פּוילישע — קאָכט עס און ברויזט עס, ווי אין אַ קעסל. אַזוי ווי פאַרשמאַכטע פון דורשט, שלינגען די אַרבעטער יעדע ידיעה פון עסטרייַך. די אַרבעטער־לאָקאַלן זיינען איבערפולט. פון אַלעמענס הערצער רייַסט זיך דער באַגער נאָך טאַט. אַזוי איז ביי אונז, אַזוי איז, ווי ס׳מעלדן אונז די חברים פון פּראָג, צווישן די אַרבעטער פון טשעכיע, און אַזוי איז עס אָן שום צווייפל אין דער גאַנצער וועלט.

לאָמיר מיט דרך־ארץ, מיט ליבע און טריַישאַפט פאַרבויגן די קעפּ פאַר די געפאַלענע קרבנות פון אונזער הייליקן קאַמף, אָבער לאָמיר, טאַקע צוליב זיי, געדענקען וועגן די לעבעדיקע, וועגן די וואָס פאַרטיידיקן מיט פאַרביטערונג און עקשנות זייער פרייהייט און אונזער אַלעמענס סאָציאַליסטישן אידעאַל!

(„פאָלקס־ציַיטונג״, וואַרשע, פעברואַר, 1934)

טעראָר אין ראַטן־פאַרבאַנד

1. דאָס סאָציאַליסטישע געוויסן

דער קיראָוו־מאָרד הערט נישט אויף צוצוציען צו זיך דעם געשפּאַנטן אינטערעס פון דער גאַנצער פּראָלעטאַרישער עפנטלעכקייט, און מיט יעדן טאָג ווערט די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, וואָס זיינען מיטן מאָרד צונויפגעבונדן, דראַמאַטישער, דערשיטערנדיקער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זיינען נאָך ווייט דערפון צו וויסן דעם אמת וועגן מאָרד. אָבער געוויסע זאַכן זיינען שוין היינט אויסער צווייפל. און איינע פון זיי איז — אַז די 109, וואָס זיינען אין משך פון דער ערשטער וואָך נאָך קיראָווס טויט דערשאָסן געוואָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן צום מאָרד קיין שום שייכות נישט געהאַט. זיי זיינען הייסט דאָס, דערשאָסן געוואָרן אַזוי זיך, כדי אָנצויאָגן אַ שרעק, כדי אַרויס־צואווייזן אַ „שטאַרקע האַנט".

דאָס איז נישט מסוגל צו פאַרשטאַרקן דעם מאָראַלישן פּרעסטיזש פון דער ראַטן־מאַכט אין דער וועלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

סיי די סאָציאַליסטן, סיי די קאָמוניסטן באַמיען זיך צו געווינען פאַר דעם קאַמף קעגן פאַשיזם נישט נאָר די פּראָלעטאַרישע עפנטלעכקייט, נאָר אויך וואָס ברייטערע שיכטן פון דער ראַדיקאַלער, בירגערלעכער אינטעליגענץ. די קאָ־מוניסטן שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר צוציען צו זייערע טעלמאַן־קאָמיטעטן אפילו לאָרדן און באַראָנען. צי איז די באַרג דערשאָסענע אין ראַטן־פאַרבאַנד די דאָ־זיקע אויפגאַבע מסוגל צו פאַרלייכטערן?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צי גלויבן די קאָמוניסטן, אַז די פאָרם פון דיקטאַטור, וואָס עס ווייזן דער וועלט די באָלשעוויקעס, איז אימשטאַנד צו פאַרשטאַרקן די צוציאונגס־קראַפט פון אָט דעם לאָזונג צווישן די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן פון די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער?

דאָס אַלץ זיינען אַרגומענטן פון רעוואָלוציאָנערער צוועקמעסיקייט, און אַלע רעדן זיי קעגן דער מוראדיקער שחיטה אין ראַטן־פאַרבאַנד. זיי זיינען אָבער נישט די איינציקע אַרגומענטן. אַחוץ רעוואָלוציאָנערער צוועקמעסיקייט איז נאָך פאַ־ראַן אַזאַ זאַך, ווי — רעוואָלוציאָנערע מאָראַל, ווי — אַ סאָציאַליסטיש, אַ רע־וואָלוציאָנער געוויסן, וואָס רופט צו פּראָטעסטירן קעגן די בלוטיקע געשעענישן, אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון צוועקמעסיקייט־מאָטיוון.

ווען די באָלשעוויקעס זיינען געגאַנגען צו דער מאַכט, איז איינער פון זייערע לאָזונגען געווען — „נידער מיט דער טויט־שטראָף!" און ווען זיי האָבן איבער־גענומען די מאַכט, איז איינע פון די ערשטע זאַכן, וועלכע זיי האָבן געטאָן, גע־ווען — אַרויסצוגעבן אַ דעקרעט וואָס האָט אָפּגעשאַפט די טויט־שטראָף אין רוסלאַנד.

זיי האָבן זי באַלד צוריק איינגעפירט און — מיט רעכט. אין דער צייט פון בירגער־קריג, אין אַ צייט ווען די יונגע רעוואָלוציאָנערע מאַכט ראַנגלט זיך פאַר איר קיום, קאָן זי זיך נישט אָפּזאָגן אַפילו פון דעם דאָזיקן שאַרפן געווער. אָבער — היינט? זיבעצן יאָר נאָך דער רעוואָלוציע? היינט, ווען די ראַטן־מאַכט איז בייגעקומען אַלע אירע אינערלעכע שונאים, ווען די פעסטקייט פון איר ממשלה ווערט פון קיינעם נישט באַצווייפלט? היינט — אַזאַ באַרג דערשאָסענע און דער־צו נאָך — דערשאָסענע אַזוי זיך, כדי אַנצויאָגן אַ שרעק, כדי אַרויסצואווייזן אַ שטאַרקע האַנט? צי האָבן דורות רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיסטן צוליב דעם גע־וועקט אין פּראָלעטאַרישע הערצער פלאַמיקן האַס צו קאַפּיטאַליסטישער גוואַלט־הערשאַפט, כדי מיר זאָלן אַליין נאָכן קומען צו דער מאַכט טאָן אַזוינס ווי די לעצטע שחיטה אין ראַטן־פאַרבאַנד?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער נעכטיקער טראָצקיסט, קאַרל ראַדעק, וואָס האָט מיט צוויי וואָכן צוריק מיט ציטאַטן אין דער האַנט „באַוויזן", אַז דעם קיראָוו־מאָרד האָבן אויסגעפירט שליחים פון די כאַרבינער, פּאַריזער, און בעלגראַדער וויים־גוואַרדייער, מעג טויזנט מאָל פאַרזיכערן, אַז די זינאָוויעוו־טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע, אַז יעדע קאָ־מוניסטישע אָפּאָזיציע בכלל איז אַ „ראַטן־פיינטלעכע", „קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע" אָרגאַניזאַציע — עס וועט זיך נישט געפינען קיין אַרבעטער מיט געזונטע חושים אין דער וועלט, וואָס זאָל דערין גלויבן...

אָבער — מיר גלויבן נישט, אַז דעם קיראָוו־מאָרד האָט אויסגעפירט אַ וועל־כע נישט איז אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע אינעם אַרבעטער־לאַגער פון ראַטן־פאַרבאַנד. מיר גלויבן נישט, אַז דאָס האָט געטאָן אַ „זינאָוויעוו־גרופּע". מיר ווייסן נישט צי אַזאַ גרופּע איז בכלל נאָך פאַראַן; און עס וועקט זיך נישט ווילנדיק דער שרעקלעכער חשד, אַז דער קיראָוו־מאָרד ווערט אויסגענוצט דורך די פירנדיקע עלעמענטן פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, כדי פיזיש אויסצוראָטן יעדן שפּור פון אַ פּראָלעטאַרישער אָפּאָזיציע אינעם פאַרבאַנד.

ווייל ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זינאָוויעוו, קאַמעניעוו און פינף אַנדערע מיטגלידער פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, האָבן צום מאָרד קיין שייכות נישט געהאַט, דעריבער ווערן זיי „בלויז" פאַרשיקט אין די ווייטע צפון־מקומות. איצט — וואָס־זשע דערוואַרט די, וואָס וועלן אַ ליאַדע טאָג געשטעלט ווערן פאַרן העכסטן מיליטערישן געריכט? פאַר דעם זעלביקן געריכט, וואָס האָט פאַרמשפּט צום טויט יענע 109, וואָס האָבן, ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, צום מאָרד אויך קיין שייכות נישט געהאַט?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט זינט דעם ערשטן דעצעמבער אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, און דאָס וואָס עס שפּילט זיך דאָרט ווייטער אָפּ אין צוזאַמענהאַנג מיטן מאָרד — דאָס וועט קיין סאָציאַליסטיש געוויסן נישט זיין אימשטאַנד צו באַרעכטיקן.

(„פֿאָלקסצייטונג", דעצעמבער, 1934)

2. דאָס אומגלויבלעכע איז געשען!

אַלזאָ — דאָס אומגליקלעכע, דאָס שווידערלעכע איז געשען — אַלע אָן אויסנאַם באַשולדיקטע אין דעם טראָצקיסטן־פּראָצעס זיינען דערשאָסן געוואָרן!

מיר מוזן מודה זיין: מיר האָבן דערין — נישט געקוקט אויף אַלעמען! — ביז צו דער לעצטער מינוט נישט געגלויבט. מיר האָבן געוואוסט, אַז דער גענעראַל סעקרעטאַר פֿון דער ראַטן־פֿאַרבאַנדישער קאָמ. פּאַרטיי שטעלט זיך פֿאַר קיין זאַך נישט אָפּ אויפֿן וועג צו זיין ציל. מיר האָבן נאָך צו גוט אין זכרון די העקאַטאָמבע מענטשן, וואָס זיינען געפֿאַלן אויפֿן קבר פֿון קיראָוון. אָבער די אָפּרעכענונג מיט די א. ג. טראָצקיסטן איז דאָס מאָל אַדורכגעפֿירט געוואָרן אין דער פֿאָרם פֿון אַן אָפֿענעם פּאָליטישן פּראָצעס.

מיר געדענקען דעם גרויסן ס. ר.'ן־פּראָצעס, מיר געדענקען דעם גרויסן מענשעוויקעס־פּראָצעס און אַ ריי פּראָצעסן פֿון כלערליי ווירטשאַפֿטלעכע „ספּעצן", וואָס זיינען געמשפּט געוואָרן פֿאַר שעדיקערײַ. יעדערער פֿון די דאָזיקע פּראָצעסן האָט געהאַט זיין באַשטימטן פּאָליטישן ציל. דער פּראָצעס פֿון די מענשעוויקעס האָט געהאַט פֿאַר אַ ציל אויסצוראָטן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד יעדן שפּור פֿון סימפּאַטיע צו דער דאָזיקער פּאַרטיי, איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אָפּצוטויטן די דאָזיקע פּאַרטיי — מאָראַליש און פּאָליטיש — אינם באַוואוסטזיין פֿונם לעצטן אַרבעטס־מענטש פֿון לאַנד. די פּראָצעסן וועגן די שעדיקערײַ האָבן — פּאַראַלעל מיט פּאַקטישן קאַמף קעגן שעדיקערײַ — געהאַט פֿאַר אַ ציל צו פֿאַרענטפֿערן די ערשטע אומפֿאַרמיידלעכע דורכפֿאַלן פֿון דער בויאונגס־אַרבעט, צו באַגרינדן און צו שאַפֿן אַ געהעריקע שטימונג פֿאַר אַ באַשטימטער פּאָליטיק לגבי די „ספּעצן", לגבי דער אומפּאַרטייאישער אינטעליגענץ בכלל.

— —

אָבער אין קיין איינעם פֿון יענע פּראָצעסן (אַזוי ווייט ווי מיר געדענקען — אַפֿילו נישט אין די פּראָצעסן פֿון שעדיקערײַ) איז קיין טויט־שטראָף נישט אויסגעפֿירט געוואָרן. אַפֿילו דאַן נישט ווען דאָס געריכט האָט יאָ אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל. די ראַטן־רעגירונג און די אָנפֿירונג פֿון דער קאָמ. פּאַרטיי פֿלעגן זיך באַגנוגענען מיט דער דורכגעפֿירטער גראַנדיעזער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט — און די באַשולדיקטע — נישט אומברענגען.

— —

אָבער דאָס אומגלויבלעכע איז געשען. מיט ביטול און ווילדע זילזולים האָבן די באָלשעוויקעס אָפּגעוואָרפֿן די ווענדונג פֿון סאָצ און פּראָפֿ. אינטערנאַציאָנאַלן

וועגן צו לאָזן אויסלענדישע פּאַרטיידיקער צום טראָצקיסטן־פּראָצעס, און זייער פּאַרלאַנג אַז עס זאָל לגבי די באַשולדיקטע נישט אָנגעווענדט ווערן קיין טויט־שטראָף. דעם פאָרזיצער און סעקרעטאַר פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, מיט וועלכן די שליחים פון קאָמינטערן האָבן אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר נישט איינמאָל געפירט ברידערלעכע שמועסן, האָט די סאָוויעטישע פּרעסע באַצייכנט, אַלס — באַשיצער פון „געשטאַפּאָ"־אַגענטן, אַלס — „אויסוואורפן" און — דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זיינען זיך נישט אימשטאַנד פאָרצושטעלן עס זאָל זיך געפינען איין ערלעכער, איין רעוואָלוציאָנערער, ד. ה. — אינערלעך פרייער און שטאָלצער סאָציאַליסט, וואָס זאָל נישט האָבן אויפגענומען די נייס וועגן דעם אויסגעפירטן טויט־אורטייל אין מאָסקווער טראָצקיסטן־פּראָצעס מיט אַ געפיל פון טיפסטער און גרויליקסטער דערשיטערונג, מיט אַ געפיל פון פלאַמיקסטן פּראָטעסט.

(„פאָלקסצייטונג", אויגוסט, 1936)

ערגער ווי א פארברעכן

אין היינטיקן נומער וועלן די לעזער געפינען אַ טעלעגראַם פון לאָנדאָן וועגן אַ קאָנפערענץ פונם עקזעקוטיוו פון דער „לייבאָר־פּאַרטיי" און פונם גענע־ראַל־ראַט פון די „טרעיד־יוניאָנען", געווידמעט דער לאַגע אין שפּאַניע און דער נייטראַליטעט־פּאָליטיק פון די דעמאָקראַטישע לענדער לגבי די שפּאַנישע גע־שעענישן.

אַזוי ווי דער נייטראַליטעט־פאַרשלאַג שטאַמט פון דער פראַנצויזישער פאָלקס־פראָנט־רעגירונג, אַזוי ווי אין דעם פאַרשלאַג האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן ענגלאַנד; אַזוי ווי נאָך אַ לאַנגער שלעפעניש האָבן צו דעם פאַרשלאַג געגעבן זייער צושטימונג דייטשלאַנד און איטאַליע, האָט די קאָנפערענץ, געפירט פון „מלוכה־מענערישן" גייסט, אָקצעפּטירט די נייטראַליטעט־פּאָליטיק און בלויז אויסגעדריקט די פאָדערונג, אַז „דער אָפּמאַך זאָל שטרענג אָפּגעהיט ווערן, כדי זיין אויספירונג זאָל נישט ברענגען קיין שאָדן דער מאַדרידער רעגירונג".

אָבער דאָס איז נישט געווען די אמתע מיינונג פון דער קאָנפערענץ. פון דער זעלביקער טעלעגראַם ווערן מיר געוואָר, אַז לויט דער מיינונג פון דער קאָנ־פערענץ, האָט די מאַדרידער רעגירונג דאָס פולע רעכט צו באַציען פון אויסלאַנד קריגס־מאַטעריאַלן פאַר איר קאַמף קעגן די פאַשיסטישע באַנדעס. און די קאָנ־פערענץ האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם וואָס מען שטעלט אַוועק אויף איין ברעט די לעגאַלע פאָלקס־רעגירונג פון שפּאַניע און די „רעגירונג" פון די צעבונטעוועטע שפּאַנישע באַנדיטן.

אַזוי פילט יעדער אַרבעטער. אַזוי פילט אויך יעדער אָנשטענדיקער מענטש. די לעזער פון דער ליבעראַלער ענגלישער צייטונג „ניוס־קראָניקל" האָבן באַקו־מען די טעג צו לייענען פאָלגנדיקע ביטערע ווערטער אויפן אַדרעס פון דער ענגלישער רעגירונג:

„דורך נייטראַליטעט האָט פּילאַט איבערגעענטפערט יעזוסן צו די כוהנים גדולים, כדי זיי זאָלן אים קאָנען קרייציקן; דורך נייטראַליטעט האָט סיר דזשאָן סיימאָן אויסגעליפערט די איינוואוינער פון מאַנדזשוריע אַלס שקלאַפן דעם פאַ־שיסטישן יאַפּאַן; דורך נייטראַליטעט האָט די ענגלישע רעגירונג אַנטוואָפנט אַביסיניער און זיי אויסגעליפערט מוסאָליניך; אין נאָמען פון נייטראַליטעט וועט די ענגלישע רעגירונג מיט צופרידנקייט און פריינטשאַפט צוזען, ווי די שפּאַנישע דעמאָקראַטיע ווערט פאַרגוואַלטיקט און אָפּגעקוילעט פון דער זעלביקער פאַ־שיסטישער האַנט".

פולשטענדיק ריכטיק! און דאָס וואָס ס'איז ריכטיק אין באַצוג צו דער

ענגלישער רעגירונג, איז ריכטיק אין באַצוג צו אַ רייע אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען אויך...

אָבער מיט וואָס דערקלערט זיך די נייטראַליטעט פון דער פראַנצויזישער רעגירונג? מיט וואָס דערקלערט זיך דער פּלוצלומדיקער גלויבן פון אַט דער רעגירונג, אַז אויב היטלער און מוסאָליני וועלן דעם נייטראַליטעט־אָפּמאַך אַפילו יאָ אונטערשרייבן, וועלן זיי אים טאַקע האַלטן — גראַד אַט דעם איין־און־אײנציקן אָפּמאַך? און מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס, וואָס נאָך איידער דער נייטראַליטעט־אָפּמאַך איז צושטאַנד געקומען, האָט די פראַנצויזישע רעגירונג שוין איינגעפירט אַ פאַרבאָט אַרויסצופירן געווער־מאַטעריאַל קיין שפּאַניע, בעת די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז היטלער און מוסאָליני פאַרשלעפּן מיט אַ כּיוון די פאַרהאַנדלונגען, כּדי צו באַווייזן יעדנפאַלס צוצושטעלן די שפּאַנישע פאַשיסטן וואָס מער מלחמה־געצייג?

קיינעם וועט, פאַרשטייט זיך, נישט איינפאַלן אין דער מינדסטער מאָס צו צווייפלען אין דער טיפער פריינטשאַפט צווישן דער בלום־רעגירונג (באַזונדערס פון איר סאָציאַליסטישן טייל) לגבי דער פאָלקס־פראָנט־רעגירונג אין שפּאַניע. אָבער אויב בלום האַלט זיך פאַרט ביי דער אומגליקלעכער נייטראַליטעט־פּאָליטיק, איז עס דערפאַר, ווייל בלום שלעפּט אויף זיך, ווי אַ שטיין אויפן האַלדז, די פּאָליטיק פון פאָלקס־פראָנט.

דער חשד, וועלכן דער „ביוס־קראַניקל" זאָגט אַרויס אין באַציאונג צו דער ענגלישער רעגירונג, איז אין הונדערט פּראָצענט באַרעכטיקט אויך לגבי דעם פראַנצויזישן בירגערטום. און דאָס דריקט אויף די ראַדיקאַלע מיניסטאָרן, וועלכע ווילן זיך נישט צו שטאַרק דערווייטערן פון די איבעריקע בירגערלעכע פּאַרטייען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס מוז זיין אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע פּאָליטיק, וואָס זאָל זיין פולשטענדיק אומאָפּהענגיק פון אַ וועלכער נישט איז רעגירונג אין דער וועלט, און דער לאָזונג פון אַט דער פּאָליטיק מוז זיין:

— אַלע כּוחות צום שוץ, צו הילף אונזערע שפּאַנישע ברידער!

ווייל דאָס איז אַ פראַגע נישט בלויז פון שפּאַניע, נישט בלויז פון פראַנקרייך: די געשעענישן אין שפּאַניע זיינען אַן ענין פון אַלע אַרבעטנדיקע אין דער וועלט.

(„פאָלקסצייטונג", אויגוסט, 1936)

פאַרן אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם

עס זיינען די לעצטע שעהן. מאָרגן וועלן די ווייִלער־מאַסן פון לאָדזש גיין צו די וואַל־קעסטלעך. די ענדעקעס ווילן טעראָריזירן די יידישע ווייִלער. זיי דערקלערן חוצפּהדיק, אומפאַרשעמט: „דאָס נאַציאָנאַלע לאָדזש פאַרווערט די יידן צו שטימען.‟

דאָס איז פּיסק־מלאָכה!

יידישע ווייִלער, לאָזט זיך ניט טעראָריזירן! געדענקט — זיצן מאָרגן אין דער היים וועט זיין פּחדנות. בלייבן לויט דער אויפפאָדערונג פון ענדעקעס אין שטוב וועט הייסן — אַז איר בויגט זיך פאַר דער נידערטרעכטיקער פאָדערונג פון די ענדעקעס, אַז ביי יידן זאָלן צוגענומען ווערן זייערע בירגער־רעכט; אַז זיי זאָלן דאָ, ווי אין היטלער־דייטשלאַנד, באַטראַכט ווערן ווי פרעמדע.

זאָל זיך דעריבער קיין איין יידישער אַרבעטער, אָנגעשטעלטער און פאָלקס־מענטש נישט לאָזן אָפּשרעקן. גייט אַלע מוטיק און ווירדיק דערפילן אייער חוב לגבי זיך אַליין, לגבי דער גאַנצער יידישער, לגבי דער גאַנצער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון לאָדזש און פונם גאַנצן לאַנד!

גייט און שלאָגט די פאַשיסטישע, די נאַציאָנאַליסטישע רעאַקציע!

די סאַנאַציע איז געשלאָגן געוואָרן שוין בעת די פריערדיקע וואַלן. די איצטיקע וואַלן וועלן אָן שום צווייפל חתמענען איר גורל אין לאָדזש. אָבער כדי די פאַשיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע רעאַקציע זאָלן ווערן געבראָכן, מוזן מיר, יידישע אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, האַנטווערקער, קליינהענדלער און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ, פאַרטרייבן אויך די יידישע פאַכטשאַזשעס פון דער פּוילישער רעאַקציע.

לייבעלע מינצבערג און זיינע חברים זיינען די, וועמען די סאַנאַציע באַטראַכט פאַר די „אנשטענדיקסטע‟ יידן. יצחק גרינבוים און וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי זיינען די, וועמען די דייטשע און פּוילישע היטלעריסטן האָבן אויסגעשטעלט אַ צייגניש, אַז זיי זיינען די „אנשטענדיקסטע יידן‟. צי ווילסטו, יידישער מאַסן־ווייִלער, די דאָזיקע הערן און נאָכשלעפּערס פאַרוואַנדלען אין דיינע פאַרטרעטער? צי ווילסטו זיי זאָלן צוהעלפן די אַנטיסעמיטן צו עוואַקואירן דיך פון פּוילן?

ניין, דאָס קאָנסטו נישט וועלן. דעריבער —

קיין איין שטים די יידיש־באַלעבאַטישע ליסטעס!

שלאָגן די פּוילישע, יידישע און דייטשע רעאַקציעס — דאָס איז די אויפגאַבע פון מאָרגנדיקן טאָג. ווער קאָן דאָס טאָן? פאַרשטייט זיך — דער אַר־

בעטער קלאַס פון לאָדזש, דער פּוילישער, יידישער און דייטשער. ווי אַזוי וואָלט ער דאָס געקאָנט טאָן אַמבעסטן? פאַרשטייט זיך — דורך אַ געאייניקטן פראָנט פונם גאַנצן לאָדזשער פּראָלעטאַריאַט אָן אונטערשייד פון נאַציע, אָן אונטערשייד פון ריכטונג.

אַזוי האָט געוואָלט דער „בונד". אָבער אַזוי האָט נישט געוואָלט די פּ.פּ.ס. און די יידישע „לינקע" האָבן זיך הכנעהדיק געבויגן פאַר דעם ווילן פון דער פּ.פּ.ס.

צוערשט האָבן זיי, די מכלומרשטע „אינטערנאַציאָנאַליסטן", מסכים געווען צו צעטיילן זייערע אָנהענגער, לויט די פּעסער — אויף פּוילישע און יידישע: די פּוילישע האָבן געזאָלט שטימען פאַר דער פּ.פּ.ס., די יידישע — פאַרן „בונד". צו יענער צייט האָבן זיי, די מכלומרשטע „רעוואָלוציאָנערן" געוואָלט דווקא צוציען צום יידישן אַרבעטער־בלאָק די הייניטיקע שותפים פון לייבעלע מינצבערג און זשאַבאָטינסקין — די פאָלקיסטן!

אָבער באַלד האָבן זיי, לויט דעם פאַרלאַנג פון דער לאָדזשער פּ.פּ.ס., ווידער אַמאָל געביטן זייער שטעלונג. פאַר דעם פּרייז פון אַ פּאָר יידישע נעמען, וואָס זיינען פאַרדרוקט געוואָרן אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון די פּ.פּ.ס.׳ישע ליסטעס, האָבן זיי באַשלאָסן צו רופן די יידישע פאָלקס־מאַסן צו שטימען פאַר דער פּ.פּ.ס.!

זייער טאָפּעלטן פאַרראַט בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע פּרואוון די יידישע „לינקע" פאַרדעקן מיט פּרינציפּיעלע מאָטיוון. זיי, וואָס זיינען נעכטן געווען גרייט צו צעטיילן זייערע אייגענע אָנהענגער לויט דער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, קומען היינט צו די יידישע מאַסן, כדי צו מאַכן שטימונג פאַר דער פּ.פּ.ס. אין נאָמען פון . . . „אינטערנאַציאָנאַליזם"!

עס איז פאַלש — זאָגן זיי — די שטעלונג פון „בונד", אַז „בלויז יידישע אַרבעטער־פאַרשטייער" קאָנען קעמפן פאַר די באַדערפעניש פון דעם יידישן מאַסן־מענטש. אַזאַ איינשטעלונג, זאָגן זיי, איז . . . אין קעגנזאַץ צו דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט.

מיר האָבן קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז די אינטערעסן פון יידישן אַרבעטס־מענטש קאָן פאַרטיידיקן „בלויז אַ יידישער אַרבעטער־פאַרשטייער". מיר האָבן געזאָגט און זאָגן, אַז דאָס קען טאָן אַמבעסטן אַ יידישער אַרבעטער־פאַרשטייער. און נישט איינמאָל אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן מיר גערופן יידישע אַרבעטער צו שטימען פאַר פּוילישע פאַרשטייער.

אָבער אויב אינטערנאַציאָנאַליזם באַדייט, אַז אַ יידישער אַרבעטס־מענטש קאָן אָנפאַרטרויען דעם שוץ פון זיינע אינטערעסן אַ פּוילישן סאָציאַליסט דאַן באַדייט דאָך אויך אינטערנאַציאָנאַליזם, אַז אַ פּוילישער אַרבעטער קאָן זיך אַמאָל אָנפאַרטרויען צו אַ יידישן סאָציאַליסט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די יידישע פאָלקס־מאַסן פון לאָדזש געדענקען אויסגעצייכנט די מוטיקע אַרויסטרעטונגען פון די יידישע סאָציאַליסטן אין לאָדזשער שטאָט־ראָט. זיי

געדענקען די וואונדערבאַרע געשטאַלט פון אונזער אומפאַרגעסלעכן חבר ליכ־טענשטיין. צו זיי זיינען אויך דערגאַנגען אָפּקלאַנגען פון דעם קאַמף וועלכן די יידישע סאָציאַליסטן האָבן געפירט אין די שטאָט־ראַטן פון אַנדערע שטעט. און זיי וייסן ווי אָפט און ווי מוטיק, מיר, יידישע סאָציאַליסטן, פלעגן פאַר־טיידיקן די אינטערעסן פון פוילישע אַרבעטער, פונם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס פון שטאָט און לאַנד.

פאַר די פירער פון דער לאָדזשער פ.פ.ס. באַדייט אָבער „אינטערנאַציאָנאַ־ליזם" בלויז, אַז יידישע אַרבעטער דאַרפן שטימען פאַר פוילישע סאָציאַליסטן. פאַרקערט — חלילה!

ניין, יידישע אַרבעטס־מענטשן פון לאָדזש!

אינטערנאַציאָנאַליזם איז דאָס שטאַלצע געפיל פון בשותפותדיקייט צווישן גלייכע און גלייכע.

נישט דער „באַלעבאָס"־שטאַנדפונקט פון די לאָדזשער פ.פ.ס. און נישט די שפּלדיקע מה־יפית־שטעלונג פון זייערע „לינקע" פּאַכטשאַזשעס האָט מיט אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם קיין שום געמיינזאַמעס נישט!

(„פאָלקס־צייטונג", סעפּטעמבער, 1936)

מאניפעסט

פון אלגעמיינעם יידישן ארבעטער-בונד („בונד") אין פוילן
אנגענומען דורכן יובל-קאנגרעס, דעם 13טן נאוועמבער
1937 אין ווארשע

יידישער ארבעטער און ארבעטער-פרוי,
יידישער פאלקס-מענטש און ארבעטנדיקער אינטעליגענט!

אין א שווערער צייט, אין א גורל-שעה פון אייער לעבן, — ווענדט זיך צו אייך דער „בונד".

עס זיינען דא מענטשן, וואס זאגן, אז דער קריזיס איז פארביי, אז די לאגע האט זיך פארבעסערט, אז זי איז אפילו געווארן גוט. אזוי איז עס זיכער פאר די רייכע, אלץ איינס — יידן צו נישט-יידן, אבער נישט פאר אייך. דעם ארבעטער פלאגן ווייטער ארבעטסלאזיקייט אדער נידעריקע לוינען, דער באל-מעלאכע אדער קליינהענדלער לעבן אין דחקות און נויט. דער אויסגעוואקסנ-דיקער ארבעטער-דור האט נישט קיין אויסזיכט אויף ארבעט, און די זעלביקע צרה מאטערט דעם ארבעטנדיקן אינטעליגענט!

שווער און ביטער מוזט איר זיך ראנגלען פאר אייער ווירטשאפטלעכן קיום. אבער אין דער זעלביקער צייט האבן זיך אנגעזעצט אויף אייך אלע פינצטערע כוחות פון לאנד, זיי ווילן אייך פארניכטן, זיי ווילן אייך אויסראטן, זיי ווילן אייך פארטרייבן פון פוילן. אלע צרות, פון וועלכע עסליידט פוילן — זאגן זיי — שטאמען פון אייך. אלע צרות, פון וועלכע עס ליידן אנדערע פעלקער, זאלן אויך שטאמען פון יידן! והא ראיה — מען רודפט יידן אין דייטשלאנד און רומעניע, מען שלאגט יידן אין פאלעסטינע. און די גיפט-מישער, אונ-טערצינדער און מענטשנפרעסער אין דער פוילישער געזעלשאפט טוען אלץ, וואס זיי קענען, כדי צו פארסמען אייך דאס לעבן, כדי פאנאנדערצופלאקערן אין לאנד א העליש פייער פון שנאה צו אייך.

צי דארף מען אייך דערמאנען די מוראדיקע פארוויסטונגען, וועלכע דאס דאזיקע פייער האט שוין באוויזן אויפצוריכטן ביז היינט? צי איז עס נויטיק אויפצוציילן די קרבנות, אויסצורעכענען די היזקות, צו מאכן אן איבערזיכט פון די חורבות? ניין, דאס איז נישט נויטיק.

פשיטיק, מינסק-מאזאוויעצק, וויסאקיע, טשענסטאכאוו און בריסק — דאס זיינען נישט אלע, דאס זיינען בלויז די שמערצלעכסטע עטאפן אויף דעם מאר-טירער-וועג פון דער יידישער מאסע אין פוילן פאר די לעצטע אנדערטהאלבן יאר.

אָבער די מענטשנפרעסער העצן ווייטער. זיי באַנוגענען זיך נישט מיט באַיקאָט לגבי דעם יידישן אַרבעטער און אַרבעטנדיקן אינטעליגענט, מיט ווירטשאַפטלעכן אויסראָטונגס־קאַמף קעגן דעם קליינעם יידישן אַרבעטס־מענטש. פאַר זיי איז ווינציק פיזישע גוואַלט — זיי ווילן דערנידעריקן אין אייך דעם מענטש, צעטרעטן אייער געפיל פון ווירדע, פאַרוואַנדלען אייך אין רעכטלאָזע אין ווירדלאָזע פאַריער. אָט האָבן זיי איינגעפירט פאַר די יידישע אַקאַדעמיקער אַ געטאָ אין די הויך־שולן, און זייער פאַרלאַנג איז — אויסצו־ברייטערן די געטאָ פאַר די יידן אויפן גאַנצן לאַנד. זיי פאָדערן שטורמיש אויס־נאַם־געזעצן פאַר יידן, לויטן מוסטער פון היטלער־דייטשלאַנד. זיי ווילן אונז אַוועקשטעלן אויסער די ראַמען פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן, אוי־סער די ראַמען פון געזעץ. זיי ווילן אָפּנעמען ביי אונז נישט בלויז דאָס רעכט צו לעבן, נאָר אויך די מעגלעכקייט פון זעלבסטפאַרטיידיקונג, פון קאַמף.

— וואו איז דער אויסוועג?

יידישער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש, נישט איינער פון אייך האָט זיך אין אָט די פינצטערע טעג געפרעגט: וואָס טוט מען? צי איז דאָ אַן אויסוועג פון דער לאַגע, און וואו דאַרף מען אים זוכן?

עס פרואוון פאַרענטפערן די דאָזיקע פיינפולע פראַגן די יידישע ביר־גערלעכע פּאַרטייען. זיי טראָגן אַליין אַ גרויסן טייל אַחריות פאַר דעם הייני־טיקן צושטאַנד פון די יידישע מאַסן. אַלס אַ טייל פון דער בורזשואַזיע פון לאַנד זיינען זיי מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם עקאָנאָמישן עלנט פון די פאָלקס־מאַסן פון פּוילן. און אַלס יידישע פּאָליטיקער, האָבן זיי זייער גאַנץ לעבן זיך געבוקט פאַר יעדן אוחז ביד און גרייט געווען צו פאַרשאַכערן צו יעדן פון זיי די אינטערעסן פון די יידישע מאַסן. אַמאָל האָבן זיי געשלאָסן „אוגאָדעס" מיט די ענדעקעס, שפּעטער האָבן זיי זיך געשטעלט אין דינסט פון דער סאַנאַציע. נאָך אין סעפּטעמבער 1935 האָבן זיי געטריבן די יידישע מאַסן צו די וואַל־קעסטלעך, כדי אַדורכצופירן אין סיים די גרעסטע אַנטי־סעמיטן, און ביזן היינטיקן טאָג זיצן זייערע פאַרשטייער אינם היינטיקן, פון די אַרבעטער און פויערים באַיקאָטירטן, סיים און סענאַט.

אויף די פראַגן, וואָס פייניקן אייך, האָבן זיי אַ פּשוטן ענטפער.

איינִיקע פון זיי פרומאַקעס, די אָרטאָדאָקסן, דערקלערן:

— עס איז אַ שטראָף פון גאָט. יידן האָבן זיך פאַרזינדיקט. מוז מען תשובה טאָן, בעטן רחמים, פאַסטן תעניתים.

נישט זיי, הייסט עס, האָבן געזינדיקט, נאָר — איר. אָבער אַלע ווייסן דאָך, אַז אַממייסטן ליידן פון אַנטיסעמיטיזם — די אָרעמעלייט, די אביונים. און אויב אַנטיסעמיטיזם איז אַ שטראָף פון גאָט, פאַר באַגאַנגענע זינד, טאָ ווי שיקט עס זיך, אַז אַמביטערסטן זיינען באַשטראָפט געוואָרן גראָד די, וואָס פאַרברענגען זייערע טעג אין שווערער האָרעוואַניע, וואָס גייען אויס פון הונגער דריי מאָל אַ טאָג, וואָס האָבן צו מאָל נישט קיין צייט צו זינדיקן נישט נאָר

אין טאַט, נאָר אַפילו אין געדאַנק? פאַרוואָס לאָזט זיך אַמווינציקסטן פּילן גאָטס שטראָפנדיקע האַנט גראָד צו פּוסט־און־פּאַסטניקעס, די גבירים?

און עס האָבן זייער ענטפער אויף אייערע פראַגן די „וועלטלעכע" מנהיגים, די ציוניסטן. זיי האָבן באַנקראָטירט נישט נאָר דאָ, נאָר אויך דאָרט — אין פּאַלעסטינע. זיי וויסן שוין היינט פּונקט אַזוי זיכער, ווי מיר, אַז ציוניזם איז נישט קיין לייזונג פון דער יידן־פראַגע. אָבער זיי האַלטן זיך ביים זייעריקן און חזרן איבער צוזאַמען מיט אַלע יידן־פרעסער:

— עס איז פאַרפאַלן, עס איז אַ געזעץ אַזאַ — „גויים" מוזן פיינט האָבן יידן. עס וועט גאַרנישט העלפן — מען מוז פון דאַנען אַנטלויפן.

און כדי צו געווינען די אונטערשטיצונג פון די שררות פאַר די אויס־געדרונגענע ציוניסטישע חלומות, גייען זיי צו די, וואָס מאַכן אונז דאָס לעבן ביי־טער און זאָגן:

— ריכטיק, עס איז טאַקע נישטאָ אין פּוילן פאַר אַלעמען קיין ברויט. ריכטיק — יידן זיינען טאַקע דאָ איבעריקע אין לאַנד. העלפט־זשע אונז אַרויס־פירן די יידן קיין פּאַלעסטינע...

אונזער ענטפער:

יידישער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש — דער ענטפער אויף די פראַגן, וואָס פּייניקן אייך, איז גאָר אַן אַנדערער. אָבער אויב איר ווילט אים באַנעמען, דאַן מוזט איר אַרויסגיין אויף אַ ווייַלע פון די ד' אמות פון אייערע יידישע צרות.

טוט אַ קוק אַרום זיך און איר וועט זען — די יידן זיינען נישט די איינצי־קע, וואָס ליידן. פון דעם ווירטשאַפטלעכן קריזיס, פונם אונטערשייד צווישן אָרעם און רייך ליידט די איבערוועגנדיקע מערהייט פון לאַנד, אַלץ איינס — פּאָליאַקן, אוקראַינער, יידן צי אַנדערע. אין דעם פּוילישן, ווייסרוסישן צי אוקראַינישן דאָרף לעבן מענטשן אין עלנט. מיליאָנען אַנדערע זיינען קוים אימשטאַנד אויסצואַרבעטן דאָס שוואַרצע שטיקל ברויט. הונדערטער טויזנטער פּוילישע פּראָלעטאַריער שמאַכטן אין אַרבעטסלאָזיקייט און צוגלייך מיט די ערדלאָזע פּויערים, צוגלייך מיט די אַרבעטסלאָזע יידישע אַרבעטער קוקן זיי אויס די מעגלעכקייט צו עמיגרירן, צו קאָנען אין שווייס פון זייער פּנים פאַרדינען אַ שטיקל ברויט אין די קוילנגרובנס פון בעלגיע און פראַנקרייך, אויף די ווייטע פעלדער פון בראַזיליע אָדער פּאַראַגוויי.

טראָגט אַריבער אייער בליק איבער די גרענעצן פון פּוילן, אין דער ווייטער וועלט אַריין און איר וועט זען:

70 מיליאָן מענטשן שמאַכטן אונטער דעם שווערן שטיוול פון היטלע־ריזם. נישט נאָר די 500 טויזנט יידן — דאָס גאַנצע דייטשע פאָלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלק פון שקלאַפן. נאָך פיר און אַ האַלב יאָר היטלערישער ממשלה איז אַפילו פריש ברויט אין דייטשלאַנד אַ זאַך פון לוקסוס. און אַנשטאָט פּוטער שפּייזט מען דעם דייטשן פאָלקס־מענטש מיט האַרמאַטן.

40 מיליאָן איטאַליענער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּוסן־בענקל

פאַר זייער „גרויסן" מוסאָליני. די איטאַליענישע אַרבעטער און פּויערים האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן וועגן עסן צו דער זעט. דערפאַר וואַרפט איבער מוסאָליני זייערע קינדער פון איין שלאַכטפעלד אויף דעם אַנדערן. דערפאַר הייסט מוסאָליני די איטאַליענישע פרויען געבוירן קינדער אָן אַ שיר, כדי עס זאָל נישט אויספעלן קיין סאָלדאַטן פאַר זיינע קומענדיקע מלחמות.

און פּונקט ווי אין דייטשלאַנד און איטאַליע, אַזוי שמאַכטן אין גויט און פאַרשקלאַפונג מיליאָנען אַרבעטס־מענטשן אין אַנדערע, קלענערע לענדער, וואָס זיינען געוואָרן אַ פאָלוואַרק פון דער רעאַקציע.

אָט די סיסטעם פון אונטערדריקונג, פון פאַרשקלאַפונג רופט זיך פאַשיזם. עס האָבן זי אויסגעטראַכט און פאַרווירקלעכט די באַזיצנדיקע אָלס שוץ קעגן דעם בונט פון די אויסגענוצטע מאַסן. אָבער דער פאַשיזם האָט נישט באַוויזן צו באַזייטיקן קיין איינעם פון די ווייטאָגן, וואָס האָבן געטריבן די פאָלקס־מאַסן צו בונט. ער האָט נאָר פאַרטיפט זייער עלנט, ער האָט אומענדלעך פאַר־גרעסערט די געפאַר פאַר אַ נייער וועלט־מלחמה. ער האָט נישט נאָר דער־מאָרדעט די פרייהייט דאָרט, וואו ער האָט געזיגט, נאָר ער טראָגט מאָרד, אונטער־דריקונג און שקלאַפעריי אומעטום, וואו עס גרייכט זיין פאַרברעכערישע האַנט. געענוג צו דערמאָנען אַביסיניע, שפּאַניע, כינע, דאַנציג.

אָבער עס ראַנגלען זיך, נישט געקוקט אויף די שווערסטע באַדינגונגען, קעגן דער צרה פון פאַשיזם די פאַרגוואַלטיקטע פאָלקסמאַסן. עס קעמפן מיט וואָס אַמאָל גרעסערן דערפאָלג קעגן דער פאַשיסטישער געפאַר די פאָלקס־מאַסן פון די לענדער, וואָס האָבן איינגעהאַלטן זייער פרייהייט. עס פּוילט שוין פון אינעווייניק דער בנין פון פאַשיזם. נאָך איז דער ציל אַ ווייטער, אָבער פריער אָדער שפּעטער מוז דער פאַשיזם צוזאַמענגעבראָכן ווערן אונטער דער לאַסט פון זיינע פאַרברעכנס.

און ווען עס וועט שלאָגן די שעה פון זיג, דאַן וועלן זיך די אַרבעטנדיקע נישט באַנוגענען מיט באַזייטיקן דעם פאַשיסטישן געשוויר פון קערפּער פון דער היינטיקער אָרדענונג — דאַן וועלן זיי גרינטלעך אויסהיילן דעם קראַנקן קערפּער, באַזייטיקן די סיבות, וואָס האָבן אָט דעם אייטערדיקן געשוויר גע־בוירן. און די סיבות שטעקן דאָך אין דעם קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער פון דער היינטיקערווירטשאַפטס־סיסטעם, זיי שטעקן דערין, וואָס די גרעסטע רייכטימער פון דער וועלט געפינען זיך אין די הענט פון אַ קליינעם הייפל מענטשן.

נישט נאָר קעגן פאַשיזם, נאָר אויך קעגן קאַפּיטאַליזם; נישט נאָר פאַר דעמאָקראַטיע, נאָר אויך פאַר סאָציאַליזם קעמפן היינט די פאָלקס־מאַסן פון דער וועלט. דאָס וואָס עס קומט פאָר אין פּוילן, איז בלויז איין אָפּשניט פון דעם גרויסן פראָנט, אויף וועלכן עס פירט זיך דער קאַמף. און דאָס יידישע לעבן אין פּוילן קאָן ריכטיק פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט ווערן נאָר דאַן, ווען מען באַטראַכט עס, אָלס טייל פונם גאַנצן לעבן אין לאַנד, אָלס טייל פון דעם אומגעהויערן געראַנגל, וואָס שפּילט זיך היינט אָפּ אין דער וועלט.

צו ווערן אַ טייל פון אָט דער מחנה אין פּוילן און אין דער וועלט, וואָס קעמפט קעגן פאַשיזם, רופט איך היינט, יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, דער „בונד". — דאָס איז אונזער ענטפער אויף די פראַגן, וואָס פּייניקן איך.

דער גייסט פון „בונד".

מיט 40 יאָר צוריק איז אַנטשטאַנען דער „בונד". טיפע פינצטערניש האָט געהערשט אין דער אומענדלעכער צאַרישער מדינה. אין ביטערער נויט און שקלאַפישער אונטערדריקונג האָבן געלעבט אומענדלעכע מיליאָנען פון אירע „אונטערטאַנען". און מער פאַר אַלע אַנדערע זיינען געווען אונטער־דריקט די יידישע מאַסן. געיאָגט פון דעם „גאָראָדאָוואָי", אויסגענוצט פון דעם גביר, געהאַלטן אין פּחד פון די כלי־קודש, איז דער יידישער אַרבעטס־מענטש געווען שטילער ווי וואַסער, נידעריקער פון גראָז.

דער „בונד" האָט אַריינגעבלאָזן אינם יידישן אַרבעטער־מענטש אַ נייעם גייסט; דער „בונד" האָט אָנגעפּילט זיין האַרץ מיט אַ נייעם גלויבן; דער „בונד" האָט אויפגעוועקט אין דעם יידישן אַרבעטס־מענטש דאָס געפיל פון מענטשלעכער ווירדע און, אַלס פועל־יוצא דערפון — אויך זיין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין, די באַדערפעניש זיך אויסצולעבן אין זיין נאַציאָנאַלער קולטור. און אַלס גלייכן צווישן גלייכע האָט ער אַריינגעפירט דעם יידישן אַרבעטער אין אַ נייער און שטאָלצער וועלט — אין דער וועלט פון קעמפנדיקן פּראָ־לעטאַריאַט.

דער „בונד" האָט אויך אויסגעלערנט דעם יידישן אַרבעטס־מענטש פילן און טראַכטן, ווי אַ בירגער פון לאַנד. ער האָט אים געלערנט צונויפבינדן זיין אייגענעם גורל מיטן גורל פון לאַנד. ער האָט איינגעפלאַנצט אין אים די פעלזנפעסטע איבערצייגונג, אַז דאָרט, וואו ער לעבט, אין דעם לאַנד, וועלכן ער גיט אָפּ זיין פּראַצע, דאַרף ער מאָנען זיין רעכט, דאַרף ער זיך איינשטעלן פאַר זיין רעכט מיט אַלע זיינע כוחות.

און דער „בונד" האָט געלערנט דעם יידישן אַרבעטער, אַז נישט אין נאַציאָנאַלער אַחדות מיט זיינע אויסנוצער, די גבירים און זייערע משרתים, די כלי־קודש, נאָר אין קלאַסן־קאַמף קעגן די קאַפּיטאַליסטן אָן אונטערשיד פון נאַציע, און אין אינטערנאַציאָנאַלער אַחדות פון אַלע אַרבעטנדיקע און אונטערדריקטע ליגט זיין קראַפט.

דער יידישער אַרבעטער האָט פאַרנומען דאָס וואָרט פון „בונד". און בעת דאָס יידישע בירגערטום האָט געזונגען הנותן־תשועות פאַרן בלוטיקן צאַר, בעת די יידישע כלי־קודש האָבן, אַלס ענטפער אויף אַלע גזירות, געפּרעדיקט הכנעה, און די ציוניסטן האָבן צוגעזאָגט די אין אַרבעטער־בלוט און אין יידיש בלוט אויסגעטונקטע צאַרישע מיניסטאָרן אַרויסצופירן די יידן פון רוסלאַנד — האָבן יידישע אַרבעטער אונטער די רויטע פענער פון „בונד" געקעמפט פאַר פרייהייט אין די פאָדערשטע רייען פון דער רע־וואָלוציע, האָט די בונדישע זעלבסטשוץ מיט געווער אין דער האַנט העלדיש

פאַרטיידיקט די יידישע מאַסע קעגן די צעיושעטע באַנדעס צאַרישע פאָגראָמ־שטשיקעס.

דעם שפלדיקן יידישן אַרבעטס־מענטש האָט דער „בונד" פאַרוואַנדלט אין אַ קלאַסנבאַוואוסטזיניקן פּראָלעטאַריער, אין אַ סאָציאַליסט, אין אַ רעוואָ־לוציאָנער.

דאָס איז געבליבן דער גייסט פון דעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־„בונד" אין פּוילן.

אינם אומאָפּהענגיקן פּוילן.

אין די טייכן בלוט, וואָס זיינען פאַרגאָסן געוואָרן פאַר דער באַפרייאונג פון די פעלקער פון אַמאָליקן רוסלאַנד און פאַר דער פרייהייט פון פּוילן, געפינט זיך אַ היפּש ביסל בונדיש בלוט. דער „בונד" האָט באַגריסט די אַנטשטייאונג פון דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן און געוועקט אין די יידישע מאַסן אַ בירגער־געפיל לגבי דעם לאַנד, אַ געפיל, וואָס אַנטהאַלט צוזאַמען מיטן באַוואוסטזיין פון רעכט אויך דעם באַוואוסטזיין פון פליכט. די פּוילישע בור־זשואַזיע, וואָס איז אינם באַפרייטן פּוילן געקומען צו דער מאַכט, האָט גע־האַט וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג ווי דער אַרבעטער־קלאַס. קאַמף פאַר באַ־פרייאונג — פּאָליטישער און סאָציאַלער — און קאַמף פאַר פולער גלייכבאַ־רעכטיקונג פון די יידישע מאַסן, איז דעריבער אויך אינם אומאָפּהענגיקן פּוילן געבליבן די אויפגאַבע פון „בונד".

אין פייער פון קאַמף.

נישט לייכט איז אָנגעקומען דעם „בונד" אָט די געוואַלדיקע אַרבעט. ער האָט געהאַט אויסצושטיין אַ ביטערן קאַמף מצד דער פּוילישער רעאַקציע. קעגן אים זיינען געווען געווענדט די גיפטיקע פיילן פון דער יידישער רעאַק־ציע. ער האָט געמוזט ווייטער פירן זיין היסטאָרישן קאַמף קעגן דער אַפּ־העטיקייט, פאַרפרעמדקייט צום אָרטיקן פּוילישן לעבן, וועלכע דער ציו־ניזם — געשטאַרקט דורך דער פאַרפירערישער באַלפור־דעקלאַראַציע און דורך דער אַרבעט פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן — האָט געזייט צווישן די יידישע מאַסן. און ער האָט געהאַט אין דעם אַרבעטער־לאַגער גופא אויסצושטייך אַ ביטערן קאַמף, מאָמענטנווייז — אַן אמתן ברודער־קאַמף מצד דער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט אין דערשיטערנדיקער פאַרבלענדעניש באַ־טראַכט פאַר איר הויפּט־אויפגאַבע, פאַר איר היסטאָרישער מיסיע צו שפּאַלטן, צו צעברעכן דעם „בונד", צו פאַרניכטן די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג איבערהויפּט.

נאָך די יאָרן פון שטורמישן באַרג־אַרויף פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקצוג. מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ קאָן זאָגן דער „בונד", אַז ער האָט געהערט צו די ווינציקע, וואָס האָבן באַצייטנס געוואָרנט פאַר דער אָנקומענדיקער געפאַר. ער האָט געוואָרנט אין דעם אַרבעטער־לאַגער פון פּוילן און אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָ־לעטאַרישער אַרענע און גערופן צו איינהייט און אַנטשלאָסענעם טאַט. און ער

האָט געוואָרנט אין דעם יידישן לעבן פאַר די אומפאַרמײדלעכע פאַטאַלע פאָלגן פון דער קריכערישער פאָליטיק פון דעם יידישן בירגערטום און פאַר דער געפערלעכער שפיל מיט דער ציוניסטישער קאָרט.

די קאַטאַסטראָפע איז געקומען. דײטשלאַנד איז פאַרפלייצט געוואָרן פון די ברודיקע כוואַליעס פון היטלעריזם און זייער גיפטיקער שוים האָט זיך אַריבערגעגאָסן ווייט איבער די גרענעצן פון דייטשלאַנד. עס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, עס איז ווילד געוואָרן דער פּוילישער נאַציאָנאַליזם. אַ ווּיסטע פּאַניק האָט אַרומגעכאַפּט גרויסע טיילן פון דער יידישער געזעלשאַפט. עס האָט געפייערט נצחונות בהלה־עמיגראַציאָניזם; עס האָט, ווי אַלע מאָל אין צייטן פון פּאָליטישן בין־השמשות, געפּראַוועט שמחות דער ציוניזם. עס איז צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן די פּאָליטישע ליניע, די גאַנצע אידעאָלאָגיע פון קאָמוניזם. עס האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אַ גרויסער טייל פון די מיטלויפער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און צוזאַמען מיט אים — נישט איין סאָציאַליסט.

אַזוי ווי אין אַ באַלאַגערטער פעסטונג האָט זיך געפונען דער „בונד“. אָבער אויף קיין רגע האָט נישט קיין ציטער געטאָן אין זיין האַנט די פאָן פון אויסגעהאַלטענעם סאָציאַליזם. געהעצט פון פּוילישן, אויסגעלאַכט פון יידישן נאַציאָנאַליזם, איז דער „בונד“ נישט מיד געוואָרן צו רופן צו דער יידישער מאַסע:

— נישט פאַרצווייפלט ווערן, נישט אונטערגעבן זיך קיין שום בהלה־שטימונג! מער ווי ווען נישט איז, בלייבט דער לאָזונג:

קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן פאַשיזם, קעגן יעדער פאָרם פון נאַציאָנאַליזם, פאַר סאָציאַליזם!

היינט, ווי שטענדיק, בלייבט — נישט געקוקט אויף אַלעמען — אין קראַפט דער לאָזונג:

דאָ און נישט ערגעץ אַנדערשוואו, אין אומדערמידלעכן קאַמף פאַר פרייהייט, האַנט־ביי־האַנט מיט די אַרבעטנדיקע מאַסן פון פּוילן ליגט די אויסלייזונג!

מיר האָבן אַדורכגעהאַלטן. עס האָט גענומען אַ צייט און די כוואַליע האָט לאַנגזאַם, אָבער דייטלעך פאַרקירעוועט אויף צוריק. עס האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך די אַרבעטער־מאַסן פון דער וועלט. מיט ראַשיקע טריט איז געגאַנגען צו אויסניכטערונג די יידישע געזעלשאַפט. עס האָט באַשיימפּערלעך גענומען אויסגערונען ווערן דער חלום וועגן ציון. און עס איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אויגנרייסנדיקער די גאַנצע זינלאָזיקייט און פאַרברעכערישקייט פון דער אינערלעכער פּאָליטיק, וועלכע עס האָבן אין משך פון יאָרן געפירט אין פּוילן די יידישע באַלעבאַטישע פּאַרטייען.

און דאַן איז געקומען פּשיטיק. ווי אַן עלעקטרישער שטראָם איז אַדורך דורך דער יידישער געזעלשאַפט און אויפגעטרייסלט זי פון אונטן ביז אַרויף. און ווען דער „בונד“ האָט אַלס ענטפער אויף פּשיטיק און אויף דער גאַנצער פּאָליטיק, וואָס פּשיטיק איז געווען איר סימבאָל, פּראָקלאַמירט דעם

אַלגעמיינעם פּראָטעסט־סטרייק פון 17טן מערץ 1936 און מאָביליזירט צו דעם דאָזיקן פּראָטעסט אַ באַדייטנדיקן טייל פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס און די גאַנצע פּראָלעטאַרישע עפנטלעכקייט פון לאַנד — דאַן האָט זיך אין אַ מעכטיקער, אומפאַרגלייכלעכער קאַמפּס־מאַניפעסטאַציע אָפּגערופן אויפן רוף פון „בונד" די דערדריקנדיקע מערהייט פון יידישן פאָלק.

נישט איין מאָל האָט זיך זייט דאַן די יידישע באַפעלקערונג פון די גרויסע און קליינע שטעט פון פּוילן געפונען אין ביטערער געפאַר. שטענדיק איז עס געוועזן דער „בונד", וואָס האָט געשטאַרקט און געמוטיקט.

און ווען דאָ נישט לאַנג איז, דורך דער גזירה פון יידישע בענק אין די הויך־שולן געעפנט געוואָרן אַ טיר פאַר אַ נירנבערגער געזעצגעבונג אין פּוילן, איז עס אויך דאָס מאָל געוועזן דער „בונד", וואָס האָט דורך דער פּראַכטפולער מאַסן־אַרויסטרעטונג פון 19טן אָקטאָבער ד. י. דעמאָנסטרירט די גרייטקייט פון די יידישע מאַסן מיט ציין און נעגל צו שיצן זייערע רעכט.

נאָך 40 יאָר.

מיט פערציק יאָר צוריק, אָפּנאַרנדיק די וואַכזאַמקייט פון די צאַרישע שפּיר־הינט, זיינען זיך בסוד־סודות צונויפגעקומען אין ווילנע דרייצן טוער פון דער יונגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און געגרינדעט דעם „בונד". זיי זיינען שוין דעמאָלט געוועזן פיל מער ווי דרייצן. דער צענטראַל־קאָמי־טעט, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ גאַנץ ממשותדיקע, פאַר יענער צייט, פּראָלע־טאַרישע באַוועגונג. אָבער אָרעם און אָרום איז דאַן דער „בונד" נאָך גע־ווען אַ נישטיקע מינדערהייט אין דער יידישער געזעלשאַפט. היינט, אין די טעג פון זיין פערציק־יאָריקן יובל, שטייט דער „בונד" פאַר דער יידישער און נישט־יידישער עפנטלעכקייט פון פּוילן, אַלס די גרעסטע פּאַרטיי אין דער יידישער געזעלשאַפט. נאָך די וואַלן פון 1936 און 1937 וועט דאָס קיינער נישט צווייפלען. געשטאַרקט פון דעם צוטרוי מצד די ברייטע יידישע מאַסן, און אין דעם באַוואוסטזיין פון דער היסטאָרישער מיסיע פון דער סאָציאַליס־טישער באַוועגונג צו ווערן אַ גייסטיקע אָנפירערין און פּאָליטישע וואָרטזאָגערין פון דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון יעדער נאַציאָנאַלער געזעלשאַפט, דערקלערט היינט דער „בונד":

אַ גרוס אייך און אַ דאַנק!

אונזער ערשט וואָרט איז צו אייך, טויזנטער און צענדליקער־טויזנטער בונדיסטן, צוקונפטיסטן און סקיפיסטן פון פּוילן, וואָס אין גוטע, ווי אין שלעכטע צייטן, האָט איר ווי אַן אייזערנע מויער אַרומגערינגלט די פאָן פון „בונד" און מיט ליבע און טריישאַפט אָן אַ גרענעץ און אין מוסטערהאַפ־טער רעוואָלוציאָנערער דיסציפּלין דערפילט אייער פליכט לגבי דער אַרבע־טער־זאַך; צו אייך, טויזנטער בונדיסטן פון היינט און פון אַמאָל, וועלכע דער גורל האָט צעשאָטן איבער דער ברייטער וועלט, וואָס איר האָט ווען נישט איז געאָטעמט מיט דער לופט פון „בונד", געליטן פאַרן „בונד", פאַר־

דער אַרבעטער־זאַך איבערהויפּט און איינגעהאַלטן אַן אינטימע אינערלעכע פאַרבינדונג מיטן „בונד" — אַ גרוס אייך אַלעמען, חברים, צו אונזער גרויסן יום־טוב און אַ בונדישן דאַנק!

זייט געגריסט, פּראָלעטאַריער פון פּוילן, ברידער פון נויט און פון קאַמף — זייט וויסן, אַז ביז דעם לעצטן אָטעם־הויך זיינען מיר גרייט צו קעמפן צוזאַמען מיט אייך פאַר ברויט און אמתער פרייהייט פאַר אַלע אַרבעטנדיקע אין אומאָפּהענגיקן פּוילן!

זייט געגריסט, פּראָלעטאַריער פון דער וועלט, מיט וועלכע עס פאַראייניקט אונז אַ געמיינזאַמער גורל און פריער פאַר אַלץ — איר, העלדישע פּראָלעטאַריער פון שפּאַניע און איר אַלע וואָס שמאַכטן אין די תפיסות פון פאַשיסטישע דיקטאַטורן!

אונזער גרוס און דערמוטערונג דער אַרבעטער־יוגנט, אויף וועלכער עס לויערן נויט און פאַשיסטישע היענעס, וועלכע איז מער ווי ווער נישט איז באַדראָט פון די מלחמה־פּלענער פון פאַשיזם! געדענקט, יוגנטלעכע ברידער, אַז אייער איינציקע רעטונג איז אין סאָציאַליזם!

אַריין אין „בונד"!

צו אייך, ייִד. פּראָלעטאַריער פון פאַבריק, וואַרשטאַט און ביוראָ, וואָס איר זייט ביז איצט געשטאַנען אויסער אונזער באַוועגונג, אָדער אויסער דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג בכלל, רופן מיר — העלפט אונז ליקווידירן ענדגילטיק און איין מאָל פאַר אַלע מאָל די צעריסנקייט אין דעם יידישן אַרבעטער־לאַגער, וואָס האָט שוין אַזוי פיל שאָדן אויסגעריכט דער אַרבעטער־זאַך.

בעת די גרינדער פון „בונד" האָבן אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון אונזער פּאַרטיי געדאַרפט באַשליסן פאַר איר אַ נאָמען, זיינען געמאַכט געוואָרן צוויי פאַרשלאַגן: „פאַרבאַנד פון די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּן פון רוסלאַנד" און — „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד". דער צוזאַמענפאָר האָט אָפּגעוואָרפן דעם ערשטן פאַרשלאַג און אָנגענומען דעם צווייטן. און אין איינעם פון די ערשטע נומערן פונם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, אין דער „אַרבעטער־שטימע", געפינען מיר אַזאַ באַגרינדונג פון דעם דאָזיקן באַשלוס:

„אַ פאַרבאַנד פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע גרופּעס וואָלט געווען אַ פאַרבאַנד פון יענע שפּיצן, וואָס שטייען בראש, פון די וויי̆טיקע אָנפירער פונם אַרבעטער־קלאַס". אָבער — „דער „בונד" קאָן נאָר דעמאָלט האָבן אַ קראַפט, ווען אין אים וועט אַריין די גאַנצע קעמפנדיקע מאַסע און נישט אַ הייפל אָנפירער". „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד באַדייט בוכשטעבלעך, אַז דער „בונד" נעמט אַריין אין זיך דעם גאַנצן יידישן פּראָלעטאַריאַט, עפענענדיק ברייט די טירן פאַר יעדן אַרבעטער, וועלכער פאַראייניקט זיך צום קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט פאַר אַ בעסערן לעבן. איטלעכער, וועלכער גאַרט נאָך קאַמף,

וואָס פילט די באַדערפעניש אין אים — זאָל ער אַריינטרעטן אין „בונד“. ער וועט זיין אַ גלייכער און פולבאַרעכטיקטער מיטגליד פון דער אָרגאַניזאַציע“.

יידישע פּראָלעטאַריער, וואָס איר זענט געשטאַנען ביז איצט פון אונז פון דערווייטנס — טרעט אַריין אין גייסט פון אָט די וואונדערבאַרע ווערטער אין אונזערע רייען, ווערט מיטגלידער פון אונזער באַוועגונג, מיטפאַראַנט־וואָרטלעכע קעמפער פאַר דער אַרבעטער־זאַך!

אָבער — „קעמפנדיקע מאַסע“ באַדייט מער, ווי — אַרבעטער־קלאַס. די שטאָטישע אַרבעטער וועלן זיך נישט דערשלאָגן צו זייער באַפרייאונג, אויב זיי וועלן נישט באַוויזן צו געווינען פאַר זייער קאַמף די גרויסע מאַסע קליינבירגער פון שטאָט און דאָרף — אָרעמע פויערים, האַנטווערקער, כאַ־לופניקעס, קליינהענדלער און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ. עס זיינען נישט פאַראַן קיין שום סתירות צווישן די אינטערעסן פון אָט דער מאַסע און די אינטערעסן פון אַרבעטער־קלאַס. אַחוץ איר באַדנלאָזיקייט, אַחוץ איר אויס־זיכטלאָזיקייט, האָט די דאָזיקע מאַסע גאָרנישט צו פאַרלירן, ווי באַלד דעם אָרט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג וועט פאַרנעמען די סאָציאַליסטישע און געווינען קאָן זי אַלץ.

אַלע אַרבעטנדיקע צוזאַמען!

אָבער די מערהייט פון דער דאָזיקער מאַסע האָט נאָך ביז היינט נישט באַנומען די אינטערעסן־געמיינשאַפט, וואָס פאַרבינדט זי מיט דעם אַרבע־טער־קלאַס. אַ פאַרביטערטע, אַ פאַרלוירענע, בלאָנדזשעט זי ווייטער אויף די בלינדע וועגן פון דער באַלעבאַטישער פּאָליטיק. צו אָט די מחנות מענטשן ווענדן מיר זיך היינט:

— נישט אין פּאַסיווקייט אָדער הכנעה, נישט אין פּוסטע חלומות וועגן אַ יידישער מלוכה, געבויטע אויף זאַמד און אויף אַן ענגלישן האַרמאַט, נישט אין נאַציאָנאַלער איינהייט מיט דער יידישער בורזשואַזיע און דעם יידישן נאַ־ציאָנאַליזם, נאָר אין קאַמפּס־געמיינשאַפט מיטן אַרבעטער־קלאַס, אין קאַמף דאָ אויפן אָרט, וואו איר אַליין לעבט, וואו אייערע טאַטעס און זיידעס האָבן געלעבט, ליגט אייער אויסלייזונג.

די לאַגע איז ביטער — געוויס, און קיינער קאָן נישט וויסן, צי האָבן מיר שוין דאָס ערגסטע הינטער זיך. אָבער פאַלט נישט אַריין אין יאוש, פאַרלירט נישט דעם בטחון — די כוואַליע גייט שוין צוריק.

אומעטום אין דער וועלט, וואו עס קומט צו אַ פאַרמעסטונג צווישן סאָ־ציאַליזם און פאַשיזם, זיינען מיר עדות פון אַ באַרג־אַראָפּ פון פאַשיזם, פון אַ באַרג־אַרויף פון סאָציאַליזם. ערשט די טעג האָבן מיר דאָס געזען אין פראַנקרייך, אין נאָרוועגיע, אין ענגלאַנד. צו וואָס פאַר אַ וואונדער עס איז פעאיק אַ מאַסע באַגייסטערט פון סאָציאַליזם, דאָס זעען מיר זייט 16 חדשים אין שפּאַניע.

און ביי אונז אין לאַנד? צי זעט איר נישט, ווי עס וואַקסן אין פּוילן די מחנות, וואָס זיינען גרייט צו קעמפן פאַר פרייהייט? צי זיינען נישט

דערגאַנגען צו אייך קיין אָפּקלאַנגען פון דעם מוטיקן קאַמף, וועלכן עס פירט קעגן נאַציאָנאַליסטישער באַרבאַריי דער פוילישער סאָציאַליזם? צי האָט איר, אין שעה פון ביטערער געפאַר פאַר אייער נאַקעטער עקזיסטענץ נישט געזען לעבן זיך אין אַן אַ שיער פאַלן, אַחוץ דער האַנט פון „בונד", אויך די שיצנדיקע האַנט פון פוילישן אַרבעטער?

— טאָ פאַרלאָזט־זשע די האָפענונגסלאָזע און זומפיקע וועגן פונם ייד. נאַציאָנאַליזם אָדער גייט אַרויס פון אייער פאַסיוויקייט, אויב איר זייט געשטאַנען ביז איצט אין אַ זייט! ווערט מיטבאַטייליקטע אין קאַמף! און לאָמיר אַלע צוזאַמען, אַלע אַרבעטנדיקע אינם יידישן פאָלק אויסבילדן איין גרויסן כוח, וואָס זאָל אין דער דעצידירנדיקער שעה קאָנען וואַרפן זיין קראַפט אויף דער וואָגשאָל פון די געשעענישן.

אין אָט דער פייערלעכער שעה, אין די יזבל־טעג פון דער דאַטע, ווען דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט געבראָכן די מויערן פון גייסטיקן געטאָ און אַרויס אויף דער היסטאָרישער אַרענע אַלס זעלבסטשטענדיקער פּאָליטישער כוח — רופן מיר אייך, יידישער אַרבעטער־פרוי, יידישער האַרעפּאַשניק און אַרבעטנדיקער אינטעליגענט, צום קאַמף —

קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן יעדער סאָרט פון מענטשן־האַס, קעגן אייגענעם און פרעמדן נאַציאָנאַליזם!

קעגן פאַשיזם אין אַלע זיינע געשטאַלטן!

קעגן קאַפּיטאַליזם!

פאַר אַ פריי און דעמאָקראַטיש פוילן!

פאַר פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע בירגער!

פאַרן רעכט פון פרייער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די יידישע מאַסן!

פאַר אַ בירגערלעכן צוזאַמענלעבן פון אַלע פעלקער פון פוילן און פון דער וועלט!

פאַר אַן אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג!

פאַרן סאָציאַליזם!

אין פוילישן געריכט

פאַרטיידיקונגס־רעדע פון ה. ערליך בעת די אַנטי־ייִדן־עקסצעסן אין ווויסאָקע

— צום ערשטן מאָל טרעט איך אַרויס אין איינעם פון די טראַגישע פּראָצעסן, וואָס זיינען אין אַ גרויסער צאָל געבוירן געוואָרן אין 1936. דער היינטיקער פּראָצעס איז אַ שטרייט צווישן אַ גרופּע געליטענע פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט און אַ גרופּע פאַרפירטע באַשולדיקטע פון פּוילישער נאַציאָנאַליטעט, אַ שטרייט, וואָס איז נישט אימשטאַנד צו באַזייטיקן די אומשטרייטבאַרע געמיינזאַמקייט פון די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע פון די פעלקער פון פּוילן. נאָר אַזוי און נישט אַנדערש קאָן איך באַטראַכטן דעם היינטיקן פּראָצעס.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב געלייענט דעם באַשולדיקונג אַקט און די דריי דיקע בענדער געריכטס־מאַטעריאַלן, און עס איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז עס קאָן אויך אינעם היינטיקן פּראָצעס פון וועמען נישט איז געמאַכט ווערן אַ פּרוּוו צו ריידן וועגן אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון אַ וועלכן נישט איז טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון ווויסאָקע־מאַז. פאַר די געשעענישן פון 14טן סעפּטעמבער, אָבער מיינע הערן — איר האָט געהערט די פראַגן, וועלכע די פאַרטיידיקער האָבן געשטעלט אַ ריי עדות, איר האָט געזען, אַז זיי האָבן געבראַכט צום פּראָצעס שפּאָגל־נייע עדות, וואָס האָבן דערציילט וועגן עפּעס אַ „שלאַכט“ צווישן אַ גרופּע ייִדן און פּאָליאַקן און וועגן ייִדישע „רעוואָלווער־שאָסן“ אוממיטלבאַר פאַרן אויסברוך פון די געשעענישן. עס איז דעריבער קלאָר, אַז די פאַרטיידיקער האָבן ערנסט בדעה צו אָפּערירן מיט דעם אַרגומענט וועגן אַ „ייִדישער פּראָוואָקאַציע“ און דעריבער מוז איך וועגן אָט דער קאָנצעפּציע ריידן, ווי ווילד זי זאָל נישט קלינגען.

אַז די קאָנצעפּציע איז ווילד, דאָס ליגט אויבן אויף. דער פּראָקוראָר האָט דאָ פעסטגעשטעלט, אַז אין ווויסאָקע האָבן זיך אין יענעם טאָג צונויפגעזאַמלט אַרום זעקס טויזנט צוגעפאָרענע דאָרפס־מענטשען; איינער פון די עדות האָט געערדט אַפילו וועגן זעקס ביז זיבן טויזנט צוגעפאָרענע. די ייִדישע באַפעלקערונג פון ווויסאָקע מאַכט אויס אַ קליינעם ברוכטייל פון אָט דער ציפער. צי דאַרף מען נישט זיין חסר דעה, כדי צו גלויבן, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג פון ווויסאָקע האָט ביי אַזעלכע באַדינגונגען באַוואוסטזיניק פּראָוואָצירט די

עקסצעסן? צוליב וואָס? צו וועמעס קעפּ, אַחוץ זייערע אייגענע, האָבן זיך אַזעלכע עקסצעסן געקאָנט אויסלאָזן?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווייטער — די יידיש־פּוילישע שלאַכט און די יידישע רעוואָלווער־שאָסן. אויף מיין פראַגע האָט דער עדות פון דער פאַרטיידיקונג פעסטגעשטעלט, אַז דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען אַ 50 מעטער פון מאַרק, וואו עס האָבן זיך געפונען טויזנטער מענטשן. און קיינער האָט דאָס נישט געזען און נישט געהערט! און קיין איינער פון די הונדערטער עדות, ציווילע און פּאָליציי־אישע, וואָס זיינען אין דער אויספאָרשונג פאַרהערט געוואָרן, האָט וועגן דעם נישט דערמאָנט! און ער אַליין, דער עדות פּיענטקאָ, האָט ביז היינט וועגן דעם געשוויגן! און איצט וויל מען, מיר זאָלן אין דער בבא־מעשה גלויבן!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דעם צונויפגעזאַמלטן מאַטעריאַל איז פולשטענדיק קלאָר, אַז די עקס־צעסן זיינען געווען צוגערייט פון פאָרויס. פונם באַריכט, וועלכן עס האָט צוגעשטעלט דער פּאָליציי־באַאַמטער ביעלוגאַ, און פון די דערקלערונגען פון אַ ריי אַנדערע עדות, ווייסן מיר, אַז די פּאָליציי האָט נאָך מיט וואָכן פאַר די געשעענישן געהאַט גענויע אינפאָרמאַציעס וועגן דעם פּלאַן פון פּאָגראָם. „פינפטלעך" האָבן געזאָלט שטיין פאַר יידישע געוועלבער און סטראַגאַנעס און אַדורכפירן דעם באָיקאָט. אין אַ באַשטימטן מאָמענט האָט מען לויט אַ סיגנאַל געזאָלט אָנהויבן שלאָגן און פּאָגראָמירן. ס'איז אַפילו געווען באַוואוסט, אַז דער סיגנאַל וועט זיין — אַ פייפעריי. עדות האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן אַליין געהערט, ווי די, וואָס זיינען געשטאַנען אין די פּיקעטן, האָבן זיך געפרעגט ביי די רעדל־פירער: „ס'איז שפּעט, ווען וועט מען אָנהויבן?" און יענע האָבן געענטפערט: „שוין גיך". און דער שוין־דערמאָנטער עדות ביעלוגא שטעלט לאחר המעשה פעסט, אַז דער פון פאָרויס צוגעגרייטער פּלאַן איז אין הונדערט פּראָצענט אויסגעפירט געוואָרן!

עס איז דאָ אין געריכט אַ סך מאָל דערמאָנט געוואָרן אַ בריוו, וועלכן דער פאָרזיצער פון דער ענדעקישער קרייז־אָרגאַניזאַציע, אַדוו. יורש, האָט געזאָלט האָבן צוגעשיקט קיין וויסאָקע און וואו ער האָט געזאָלט האָבן געוואָרנט זיינע פּאַרטיי־חברים, זיי זאָלן זיך „נישט לאָזן פּראָוואָצירן", און זען, אַז צו קיין אַנטי־יידישע עקסצעסן זאָל עס נישט קומען. איך מוז זאָגן, אַז אַט די מעשה מיט דעם בריוו איז פאַר מיר זייער אומקלאָר.

ערשטנס — צי איז דאָס געווען אַ בריוו, צי אַ צירקולאַר? עדות מצד דער פאַרטיידיקונג, ווי אויך די באַשולדיקטע, האָבן דערציילט, אַז דער „בריוו" האָט זיך באַקומען נישט בלויז אין וויסאָקע. איז דאָס, הייסט עס, געווען אַ צירקולאַר. אָבער איינער פון די עדות האָט פאַרזיכערט, אַז ער האָט אַליין געזען דעם „בריוו" און דערקענט די האַנטשריפט פון אַדוו. יורש. איז דאָס, הייסט עס, געווען אַ בריוו און נישט קיין צירקולאַר?

אַ צווייטע פראַגע: ווען איז דער „בריוו״ אָנגעקומען? אייניקע האָבן געזאָגט: דריי־פיר טעג פאַר דער געשעעניש; אַנדערע האָבן געזאָגט — אַ טאָג פאַר די געשעענישן. איין עדות האָט פאַרזיכערט, אַז — צוויי שעה פאַר די געשעענישן! ווען־זשע איז ער פאַרט אָנגעקומען און פאַרוואָס פיגורירט ער נישט אין די אַקטן?

אָבער די וויכטיקסטע פראַגע איז פאָלגנדיקע: אויב די ענדעקישע פאַר־טיי וויל אויסמיידן די עקסצעסן, טאָ פאַרוואָס פאַראורטיילט זי נישט מיט קיין איין וואָרט די עקסצעסן אין איר פּרעסע? פאַרוואָס האָט זי לאחר המעשה נישט פאַראורטיילט די עקסצעסן אין וויסאָקע, וועלכע זיינען כלומרשט פאַר־געקומען קעגן אירע בפירושע דירעקטיוון? פאַרוואָס גלאָריפיצירט זי — פאַרקערט — אַלע אַרויסטרעטונגען פון דעם מין? און איר וועט האָבן אַ באַ־וויז — איר וועט מאָרגן לייענען אין דער ענדעקישער פּרעסע באַריכטן פונם הייִנטיקן פּראָצעס, וועט איר שוין זען, ווי אַזוי עס וועט דאָרט וועגן די געשעע־נישן געשריבן ווערן!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער לאָזונג פון ווירטשאַפטלעכן באָיקאָט איז נישט קיין נייער אין פּוילן. דער לאָזונג „סוואָי דאָ סוואָגאָ״ האָט שוין הינטער זיך אַ היפּש ביסל יאָרן. דער ווירטשאַפטלעכער, און נישט נאָר ווירטשאַפטלעכער נאַציאָנאַליזם, וואָס קומט אין דעמדאָזיקן לאָזונג, איז נישט קיין מאָנאָפּאָל פון די פּוילישע נאַציאָ־נאַליסטן — ער קאָן געפּרעדיקט ווערן פון די נאַציאָנאַליסטן פון אַלע נאַציעס, פון וועלכער זייט ער זאָל נישט קומען; פאַראורטייל איך, ווי אַמשאַרפסטן, דעם דאָזיקן לאָזונג. אָבער אַמאָל האָבן זיך די ענדעקעס באַנוגנט מיט מינד־לעכער און שריפטלעכער פּראָפּאַגאַנדע, הייִנט איז דאָס פאַר זיי צו ווייניק. הייִנט שטעלן זיי אַוועק פּיקעטן פאַר יידישע קלייטלעך און סטראַגאַנעס.

איך וויל שוין נישט ריידן וועגן דעם, אַז אַט דער יידישער אייגנטימער פונם קלייטל אָדער סטראַגאַן צאָלט מלוכה־שטייערן פאַר זיין רעכט צו לעבן פון זיין אַרבעט. אָבער צי איז עס נישט קלאָר, אַז אַט די פּיקעטן באַדייטן אַן אומדערהערטן און אומדערלאָזבאַרן טעראָר לגבי דער באַפעלקערונג, אַ ברוּ־טאַלע פאַרגוואַלטיקונג פון איר פרייהייט?

און נאָך איין זאַך. דער וויצע־סטאַראָסטע האָט דאָ געפּרוּווט אַדורכ־פירן אַ שטרענגע גרענעץ צווישן דערלאָזבאַרע פּיקעטן און נישט דערלאָזבאַרע באַיאָוועקעס. וואו איז די דאָזיקע גרענעץ? אפילו דער סטאַראָסטע האָט זי נישט באַוויזן אָנצומערקן, טאָ ווי אַזוי זאָל דאָס טאָן דער פּשוטער פאָלקס־מענטש? עס האָט דאָ געגעבן אויפקלערונגען די באַשולדיקטע יאַדוויגאַ בעקער. איך וויל לאָזן אין אַ זייט די מעלות פון איר אינטעלעקט און איר האַרץ, אָבער איין מעלה פאַרמאָגט זי זיכער — פּשטות, און זי האָט דער־ציילט: „איך בין געזעסן אין אַ שענק און האָב דערהערט, אַז אין דרויסן באָיקאָטירט מען, מ׳ברעכט סטראַטאַגעס.״ ענלעכע דערקלערונגען האָבן אָפּגע־

געבן באַשולדיקטע עדות אין אַנדערע פּראָצעסן פון דעמזעלביקן מין. צווישן פּיקעטעווען און שלאָגן איז פאַר דעם פּשוטן מענטשן קיין גרענעץ נישט פאַראַן.

ווער זיינען די געליטענע?

מען האָט דאָ נישט לאַנג גערעדט אין סיים וועגן דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע אין לאַנד. מען האָט אָנגערופן אַ שרעקלעכע ציפער: צוועלף מיליאָן מענטשן אָן עקסיסטענץ־מעגלעכקייטן אין דאָרף. דערצו קומט צו אַן אָנט־שפּרעכנדיקע ציפער פאַר דער שטאָט. אָבער די נויט איז פּונקט אַזוי אינטער־נאַציאָנאַל, ווי דער נאַציאָנאַליזם! פאַר אייך זיינען דאָ פאַרבייגעגאַנגען צענדליקער געליטענע. קיין איין גביר האָט איר צווישן זיי נישט געזען. אַרבעטער און בעלי־מלאָכות, וואָס אַרבעטן שווער און ביטער אויף זייער שטיקל ברויט. דאָס זיינען מענטשן, וואָס שלעפּן זיך אַרום אין קעלט און אין רעגן איבער מערק, נעכטיקן אונטערן פריען הימל ביי זייערע פורן, כדי צו פאַרדינען אויף צומאָרגנס אַ פּאָר זלאָטעס. דאָס זיינען אַלץ פאָרשטייער פון דער גרויסער יידישער אָרעמקייט. און אָט זיי האָבן עס די באַשולדיקטע פאַגראָמירט און צעמזיקט! זיי האָבן דאָס געטאָן דערפאַר, ווייל עס זיינען דאָ מענטשן אין פּוילן, וואָס האָבן געשאַפן די אומזיניקע, די ווילדע טעאָריע, אַז מיט דעם סטראַגאַן פון דער פרוי נעכומע לעדערמאַן, וועלכע איר האָט געזען, קאָן מען אָנזעטיקן די צוועלף מיליאָן הונגעריקע פּויערים פון פּוילן.

נישט דאָ איז דער אָרט צו ריידן וועגן דעם, וואָס עס איז דער אמתער אויסוועג פון דער נויט, אָבער איין זאַך איז זיכער: די מענטשן, וואָס פּרעדיקן די דערמאָנטע טעאָריע, ווייסן, אַז זי איז אַ ווילדער אומזין, אָבער זיי דאַרפן דעם אומזין האָבן פאַר זייערע פּאָליטישע און סאָציאַלע צוועקן.

ווער זיינען די באַשולדיקטע?

איך ווייס — נישט באַשולדיקטע אינם היינטיקן פּראָצעס האָבן די טעאָריע געשאַפן. עס זיצט דאָ נישט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק קיין איין אינטע־ליגענט. פאַראַן דאָ פּשוטע מיטגלידער פון דער ענדעקישער פּאַרטיי, פאַראַן נידעריקע פּאַרטיי־פונקציאָנערן, פאַראַן אומפּאַרטייאישע, אָבער קיינער פון זיי פאַרמאָגט נישט קיין בילדונג מער, ווי עטלעכע אָפּטיילונגען פון דער פאָלקסשול, און אַלע זיינען זיי אומפאַרמעגלעכע מענטשן. די גענעראַלן און פּולקאָווניקעס פון דער ענדעקישער פּאַרטיי שטעלן זיך נישט אַליין אין די פּיקעטן און גייען נישט אַרויס אין גאַס מיטן שטעקן — צו אָט די מלאכות שיקט מען פּראָסטע מענטשן.

איך קען דעריבער דעם חילוק צווישן דער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די, וואָס פירן די העצע, און די וואָס פירן אויס די שוואַרצע אַרבעט. אָבער די באַשולדיקטע זיינען באַגאַנגען גוואַלט־טאַטן לגבי אומשולדיקע מענטשן. דאָס

געריכט מוז מיט זיין פסק־דין זאָגן, וואָס עס טראַכט וועגן די שולדיקע אין די וויסאָקער עקסצעסן; ער מוז זאָגן, צי האַלט ער עס פאַר מעגלעך, אַז די מעטאָדן פון וויסאָקע זאָל ווערן דער רעגולאַטאָר פון די באַציאונגען צווישן בירגער פון פאַרשידענע נאַציעס אין פוילן?

(„נייע פאָלקס־צייטונג", וואַרשע, 21טער פעברואַר, 1937)

ערב־מלחמה, 1939

1. דער סטאַלין־היטלער פּאַקט

מען קאָן דול ווערן פון דעם ים פּרעסע־שטימען, וואָס פאַרפּלייצט די לעצטע טעג די שפּאַלטן פון דער צייטונג אין שייכות מיט דער היטלער־סטאַלין „באָמבע“.

די סאָוועטישע אַמבאַסאַדע אין לאָנדאָן האָט געמאָלדן, אַז אומאָפּהענגיק פונם נישט־אָנגריף־פּאַקט, וועלכן דייטשלאַנד האָט פאַרגעשלאָגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, וועלן די אונטערהאַנדלונגען צווישן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און ענגלאַנד מיט פראַנקרייך געפירט ווערן ווייטער, און אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד איז גרייט צו יעדער צייט אונטערצושרייבן אַן אָפּמאַך מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך.

צי וועלן די אונטערהאַנדלונגען טאַקע ווייטער געפירט ווערן? נישט די ענגלישע און נישט די פראַנצויזישע רעגירונג האָבן זיך דערוויַיל וועגן דער פראַגע נישט אַרויסגעזאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

לאָמיר נישט ריידן דערוויַיל וועגן די פּאָליטישע רעזולטאַטן פון דער דייטש־סאָוועטישער „באָמבע“, כל־זמן דער נישט־אָנגריף־פּאַקט איז נישט אונטערגעשריבן. און אינם מאָמענט, ווען מיר שרייבן, קומט ערשט פאַר דער פייערלעכער קבלת פּנים פון דער מאָסקווער רעגירונג פאַרן שליח פון דריטן רייך.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן דאַקעגן אין אַ פּאָר ווערטער אויף דער אידעאָלאָגישער באַדייטונג פון דעם, וואָס עס איז געשען.

ווען אידעאישע ערלעכקייט, אויפריכטיקייט און מאָראַל וואָלטן אין דער פּאָליטיק פון די היטלער־פריינטלעכע עלעמענטן פון דער וועלט געשפּילט אַ וועלכע נישט איז ראָל, דאַן וואָלט די נייסטע דיפּלאָמאַטישע קונץ פונם דריטן רייך געדאַרפט אַרויסרופן ביי זיי אַ געפיל פון וויסטן קאַצן־יאָמער. ס׳טייטש, אַזאַ גוואַלטיקער, אַזאַ אומדערהערטער „פאַרראַט“! איז דאָך קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן קאָמוניזם און זיין פאַרקערפּערונג — דעם ראַטן־פאַרבאַנד געווען דער יסוד פון דער גאַנצער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג און די אידעאָלאָגישע דעקונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דריטן רייך. אין נאָמען פון אָט דעם לאָזונג זיינען אויף דער פּלאַט־

פאָרם פון אַנטי־קאָמינטערן־פּאַקט געזאַמלט און מאָביליזירט געוואָרן אַלע שוואַרצע כוחות פון דער וועלט. און מיטאַמאָל — אַ פּאָליטישע דערנעענטע־רונג מיט דעם „נעסט פון יידיש־באָלשעוויסטישער געפאַר", פאַר וועלכן בערלין האָט אין משך פון זעקס יאָר געוואָרנט די קאַפּיטאַליסטישע, די רעאַק־ציאָנערע וועלט!

דאָס וואָלט געמוזט זיין באמת אַ גוואַלטיקע גייסטיקע דערשיטערונג פאַר די פאַשיסטישע און סתם שוואַרץ־מאהניקעס פון דער וועלט, אויב זיי וואָלטן טאַקע געווען ערלעך. אָבער זיי זיינען דאָס קיינמאָל נישט געווען און ווייניקער פון אַלץ האָבן זיי געגלויבט אין דער ערלעכקייט פון היטלעריזם. זיי ווייסן עס פונקט אַזוי גוט ווי מיר, אַז מיט דעם נישט־אַנגריף־פּאַקט מיט מאָסקווע, צי אָן אים — בלייבט דער היטלעריזם דאָס זעלביקע, ווי געווען: אַ שונא אויף לעבן און טויט פון יעדן פרייהייטלעכן געדאַנק און פונם אַרבעטער־קלאַס אַלס דעם הויפּט־טרעגער פון אָט דעם געדאַנק אין דער ערשטער ריי. די אַלוועלטלעכע שוואַרצע מאה איז קיינמאָל נישט געווען איבערקלייבעריש אין באַצוג צו די מיטלען, וואָס דאַרפן פירן צו זייער ציל. צביעות, שווינדל, ציגיינערישע שטיק זיינען געווען נאָרמאַלע כלי־זיין פון זייער „דיפּלאָמאַטישן" אַרסענאַל. און דעריבער זיינען זיי נישט דערשיטערט געוואָרן פון היטלערס נייעסטער דיפּלאָמאַטישער קונץ.

אַנדערש איז אין דעם לאַגער, וואו ס'האָט געזוכט זיינע פריינט דער ראַטן־פאַרבאַנד. דאָרט האַלט מען יאָ פון ערלעכקייט און מאָראַל און צו ציגיינער־שפּיל באַציט מען זיך מיט פאַראַכטונג. דאָרט האַסט מען אויפריכטיק און טיף דעם פאַשיזם. דאָרט האָט מען ביטער געקעמפט קעגן דעם „גייסט פון מינכען" און מען האָט געשטעמפּלט די צביעות און פאַרברעכערישקייט פון די ענגלישע, פראַנצויזישע און אַנדערע רעאַקציאָנערן פאַר דער פאַקטישער הילף, וועלכע עס האָט פון זייער זייט באַקומען היטלער. פאַר אָט די קרייזן איז דער פריינטלעכער האַנט־דרוק, וועלכן די פאָרשטייער פון דער מאָסקווער רעגירונג האָבן נעכטן אויסגעטוישט מיט דעם שעפער פון אַנטי־קאָמינטערן־פּאַקט, געווען אַ באמת דערשיטערנדיקע איבערלעבונג.

און גאָרנישט מקנא צו זיין איז די לאַגע פון די קאָמוניסטן. אַמאָל האָט מען זיי געלערנט, אַז די גאַנצע מענטשהייט, אויסער דעם קאָמוניסטישן לאַגער, איז שוואַרץ, און אַז אַלע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות זיינען אין דער זעלביקער מאָס רעאַקציאָנער. צו יענער צייט וואָלטן די קאָמוניסטן נאָך געקאָנט געפינען אַן אויסטייטשונג פאַר סטאַלינס שריט: וואָס איז די נפקא־מינה — וואָלטן זיי געזאָגט — צווישן היטלער־דייטשלאַנד און דעם קאָנסערוואַטיוון ענגלאַנד?

אָבער זייט פינף יאָר קנעלט מען איין מיט די קאָמוניסטן גאָר עפּעס אַנדערש. זייט פינף יאָר לערנט מען זיי, אַז דעמאָקראַטיע איז אַן אומגעהויער וויכטיקע זאַך; אַז ס'איז נישטאָ פאַראַן פאַרן אַרבעטער־קלאַס פון דער וועלט און פאַרן ראַטן־פאַרבאַנד קיין מער געפערלעכער שונא, ווי דער פאַשיזם איבער־הויפּט, ווי דער היטלעריזם בפרט. קיין שום קאָמפּראָמיס מיט אָט דעם שונא

איז נישט מעגלעך. צום קאַמף קעגן אים מוז מאָביליזירט ווערן אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך, אַפילו זייער מסופקדיקע דעמאָקראַטן אויך. ווייל דאָס איז דער שונא נומער איינס.

און מיטאַמאָל — ריבענטראָפּ אין מאָסקווע! וואָס טראַכטן איצט די קאָמוניסטן פון פראַנקרייך און ענגלאַנד? וואָס פילן די קאָמוניסטן פון דייטשלאַנד, וואָס צוזאַמען מיט די סאָציאַליסטן חלומען זיי וועגן אַ פּאָליטישער און מיליטערישער מפּלה פון היטלער־דייטשלאַנד? וואָס פילן די פּראָלעטאַריער אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון דייטשלאַנד, ענגלאַנד און טשעכיע, בעת זיי זעען, ווי דער שטעקן פון זייערע פּייניקער איז געשטאַרקט געוואָרן פון... מאָסקווע?

(„נייע פאָלקס־צייטונג", וואַרשע, 24טער אויגוסט, 1939)

2. „אַ זיג פון שלום און סאָציאַליזם"...

דעם 23טן אויגוסט איז דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר הענדערסאָן אָנגעקומען קיין בערכטעסגאַדען, כדי איבערצוגעבן היטלערן די לעצטע וואָרנונג פון דער ענגלישער רעגירונג. היטלער האָט געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן „ניין": צוליב דער זיכערקייט פון אייראָפּע — האָט ער דערקלערט — וועט ער נישט רעזיגנירן פון דייטשלאַנדס לעבנס־וויכטיקע אינטערעסן.

עס איז, פאַרשטייט זיך, מעגלעך, אַז היטלער וואָלט ביי אַלע אומשטענדן געגעבן אַזאַ ענטפער. אָבער וועלכער מענטש מיט אַ גלייכן פאַרשטאַנד וועט עס האַלטן פאַר אַ „צופאַל", וואָס דעם דאָזיקן ענטפער האָט היטלער געגעבן אין דער זעלביקער שעה, ווען דער עראָפּלאַן, וואָס האָט געפירט ריבענטראָפּן קיין מאָסקווע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן מאָסקווער פליפּלאַץ?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

היינט זעט גאַנץ אייראָפּע אויס, ווי איין גרויסער קריגס־לאַגער, און דער שלום פון דער וועלט הענגט אויף אַ האָר. אָבער די פּאַריזער „הומאַניטע" איז נאָך 24 שעה שוויגן אַרויס מיט אַן אַרטיקל, וואו זי דערקלערט, אַז סטאַלין... האָט געראַטעוועט דעם שלום פון אייראָפּע. און די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ענגלאַנד האָט אַרויסגעלאָזט אַ מאַניפעסט, וואו זי באַצייכנט דעם מאָסקווער פּאַקט אַלס „זיג פון שלום און סאָציאַליזם"...

***

נעכטן האָבן מיר באַקומען אַ פרישן נומער „נייער פאָרווערטס", אָרגאַן פון דער דייטשער ס. ד. עמיגראַציע. די רעדאַקציע איז דערשיטערט פון דעם, וואָס עס איז געשען. און זי דערמאָנט וואָס דער דיפּלאָמאַטישער פאַרשטייער פון ראַטן־פאַרבאַנד האָט אין יאָר 1935 אין נאָמען פון זיין רעגירונג געזאָגט בעת אַ זיצונג פון פעלקער־בונד אין גענף:

„מיר קאָנען אָן אַנדער פּאָליטישע דאָקטרין, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער אידייע פון קאָלעקטיווער זיכערקייט און לייגט פאָר צו שליסן צוויי־זייטיקע אָפּמאַכן נישט פון אַלע מלוכות, נאָר פון ווילקירלעך צו דעם צוועק אויסגעקליבענע מלוכות. די דאָזיקע דאָקטרין האָט מיט פּאַציפיסטישע אידייען קיין שום געמיינזאַמעס נישט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס די אָנהענגער פון אַזעלכע אָפּמאַכן זאָגן זיך אָרויס דערפאַר, מלחמות זאָלן לאָקאַליזירט ווערן. ווער עס זאָגט ‚לאָקאַליזירונג פון דער מלחמה‘, דער וויל דערמיט זאָגן, אַז די מלחמה איז פריי און לעגאַל. אַזוי־אַרום קאָן קאָן אַ צוויי־זייטיקער נישט־אָנגריף־פּאַקט ווערן אַ גאַראַנטיע פאַר אַן אָנגריף“.

מיט צוויי יאָר שפּעטער האָט דער זעלביקער סאָוועטישער דיפּלאָמאַט דערקלערט:

וואָס פאַר אַ אילוזיע צו האָפן, אַז עס קען געמאָלט זיין אַ צוזאַמענאַרבעט צווישן מלוכות, וואָס שטרעבן צו פאַרשידענע צילן, וואָס האַלטן זיך ביי פאַרשידענע פאַרשטעלונגען וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן לעבן און די קעגנזייטיקע רעכט און פליכטן פון פעלקער!

„עס קאָן נישט געמאָלט זיין קיין סינטעז צווישן אַגרעסיע און נישט־אַגרעסיע, צווישן שלום און מלחמה.“

***

עמעץ קאָן זאָגן, אַז די דאָזיקע אומצווידייטיקע פאַראורטיילונג פון אַזעלכע פאַקטן, ווי דער, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין מאָסקווע, פאַרמאָגט צוויי „שוואַכע פונקטן“: ערשטנס, איז זי אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט צוויי אָדער גאָר מיט גאַנצע פיר יאָר צוריק, און דאָס איז אַ מהלך צייט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן טאַקטישע פראַגן; און צווייטנס, האָט די ווערטער אַרויסגעזאָגט ליטווינאָוו: אין יאָר 1935 און אַפילו נאָך אין יאָר 1937 איז טאַקע קיינער נישט געווען אַזוי באַרעכטיקט צו ריידן אין נאָמען פון ראַטן־פאַרבאַנד אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, ווי ער. אָבער היינט איז ער אַן אָפּגעקלאַפּטע הושענא.

האָט זיך דער „דיילי העראַלד“ אָנגעטאָן די מי און צונויפגעקליבן אַ ריי ציטאַטעס פון „איזוועסטיאַ“ און „פּראַוודאַ“ פון דער סאַמע לעצטער צייט — ציטאַטעס, וואָס האָבן אויך אַ דירעקטע שייכות צום ענין.

דעם 2טן אַפּריל 1939 האָט די „איזוועסטיאַ“ געשריבן:

„פון אַלע פראָוון צו באַרואיקן דייטשלאַנד דורך אונטערהאַנדלונגען מוז מען זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּזאָגן. די דעמאָקראַטיעס מוזן זיך אומקערן צו דער פּאָליטיק פון אַנטשידענעם ווידערשטאַנד און קאָלעקטיווער זיכערקייט. אין דעם פאַל קאָנען זיי רעכענען אויף דער פולער אונטערשטי־

צונג פון דעם איינציקן לאַנד, וואָס טראָגט נישט קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר מינכען."

דעם 11טן מאַי 1939 האָט די זעלביקע צייטונג געשריבן:

„אויב ענגלאַנד און פראַנקרייך ווילן באמת אויפשטעלן אַ צוים קעגן אַגרעסיע אין אייראָפּע, דאַן מוזן זיי צושטאַנד ברענגען אַ פאַראייניקטן פאַקט פון קעגנזייטיקער הילף, אויב מעגלעך — פון די פיר גרויסע הויפּט־מלוכות פון אייראָפּע: ענגלאַנד, פראַנקרייך, ראַטן־פאַרבאַנד און פוילן; און אויב נישט, איז וויניקסטנס פון די ערשטע דריי. עס דאַרף געשלאָסן ווערן אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן אַט די דריי מלוכות זאָלן גאַראַנטירן די זיכערקייט פון אַנדערע מלוכות פון מיטל־אייראָפּע, וואָס זיינען באַדראָט פון אַגרעסיע."

נאָך דעם 31טן יולי היי־יאָר האָט די „איזוועסטיאַ" געשריבן:

„די באָלשעוויקעס זיינען נישט געווען קיין פּאַציפיסטן אין די יאָרן 1914־18 און אוודאי זיינען זיי דאָס נישט היינט. זיי האַלטן, אַז עס דאַרף געשאַפן ווערן אַן אַלגעמיינער שלום־פראָנט, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד אָפּצושטעלן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער פאַשיסטישער אַגרעסיע... די צווייטע אימפּעריאַליסטישע מלחמה האָט זיך שוין אָנגעהויבן און די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז דער אַגרעסאָר איז דייטשלאַנד."

און צום סוף, אַ פּאָר ווערטער פון „פּראַוודאַ", געשריבן דעם 15טן אויגוסט היי־יאָר:

„אַ מלחמה פון ראַטן־פאַרבאַנד קעגן פאַשיזם וועט זיין די סאַמע גערעכטע און געזעצלעכע פון אַלע מלחמות, וועלכע די מענטשהייט האָט ווען נישט איז געפירט. דאָס בעסטע מיטל פון פאַרטיידיקונג איז אַ שטאַרקע אָפענסיווע מיטן ציל פולשטענדיק צו פאַרניכטן דעם שונא אויף זיין אייגענער טעריטאָריע. פאַרניכטן דעם שונא הייסט פאַרניכטן דעם פאַשיזם, אויפשטעלן קעגן אים די אַרבעטער און העלפן זיי אין זייער מלחמה קעגן פאַשיזם."

אַכט טעג נאָכדעם, ווי דידאָזיקע ווערטער זיינען געשריבן געוואָרן, האָט מאָלאָטאָוו באַנייט מיט דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד דעם פריינטשאַפט־אָפּמאַך, וועלכן טשיטשערין האָט מיט 13 יאָר פריער געשלאָסן מיט דער דייטשער רעפּובליק.

פּנים אל פּנים מיט די געבראַכטע ציטאַטעס און מיט די צאַפּלעדיקן פון וועלט־שלום היינט צו טאָג וויל אונז די פירערשאַפט פון די פראַנצויזישע און ענגלישע קאָמוניסטן איבערצייגן, אַז אין דער נאַכט פון 23טן אויפן 24טן אויגוסט האָבן דער שלום און סאָציאַליזם אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג...

(„נייע פאָלקס־צייטונג", וואַרשע, 26טער אויגוסט, 1939)

צי איז דער ציוניזם א באפרייענדיקע דעמאָקראַטישע באַוועגונג?

אַן ענטפער פּראָפ. ש. דובנאָוון

פּראָפעסאָר דובנאָוו מאַכט אַ פּרוּוו זיך עפנטלעך דורכצושמועסן מיטן „בונד" וועגן אַ ריי עיקר־פּראָבלעמען פונם יידישן לעבן. אין דעם נאָמען פון דעם „בונדיסטישן פּריינט", צו וועלכן עס איז געווענדט זיין בריוו, וויל איך גערן אָנטקעגנקומען דעם וואונטש פון פּראָפעסאָר דובנאָוו און אין אַ מעג־לעכסט זאַכלעכער פאָרם אויפנעמען דעם אָנגעבאָטענעם שטריט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער „בונד" אין פּוילן איז היינט די שטאַרקסטע פּאַרטיי אויף דער יידישער גאַס א י ב ע ר ה ו י פּ ט, און נישט בלויז די שטאַרקסטע יידישע סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטיי. דאָס האָבן באַוויזן אַלע וואַלן פון די לעצטע צוויי יאָר (צו די שטאָט־ראָטן און קהילות). דאָס באַצווייפלט נישט היינט ק י י נ ע ר אין פּוילן, נישט אונזערע קעגנער און נישט אונזערע פריינט. אונזערע קעגנער קאָנען האָפן, אַז דאָס איז — אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג. דאָס איז זייער זאַך. יעדער טרייסט זיך, ווי ער קאָן. אָבער דאָס ענדערט נישט דעם פאַקט.

איידער מיר טרעטן צו צו דער טעמע: לאָמיר לאָזן צורו אויטאָריטעטן. ווייל ערשטנס קאָן איך קעגן די נעמען פון בלום, וואַנדערוועלדע, בערנשטיין אַרויסרוקן די נעמען פון אַנדערע, נישט ווייניקער בכבודיקע מיטגלידער פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, ווי — קאַוטסקי, באַוער, אַדלער, דאַן, וואָס שטייען אין דער פראַגע ציוניזם אויפן בונדישן שטאַנדפּונקט. און, צווייטנס, איז דאָס איבערהויפּט קיין אַרגומענט נישט. איך באַצי זיך מיטן גרעסטן דרך־ארץ צום חבר וואַנדערוועלדע, היינט — אפשר מיט אַ גרעסערן, ווי ווען נישט איז: אָבער וואָס קען ער וויסן וועגן ציוניזם, וועגן אונזערע אינערלעכע יידישע פּראָבלעמען איבערהויפּט? לאָמיר שוין בעסער אויסטראָגן דעם שטרייט מיט אייגענע כוחות, אָן דער הילף פון אויטאָריטעטן.

און איצט — צו דער טעמע:

ה' דובנאָוו דריקט אויס דעם וואונטש, אַז דער „בונד" — „זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין אַלטער נעגאַטיווער שטעלונג צום 'כלל ישראל' און ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם יידישן פאָלק אין דעם זעלביקן גראַד, ווי די ענגלישע אָדער פראַנצויזישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט איר

פאָלק און שאַפט אַ געמיינזאַמען פראָנט מיט אַלע פּראָגרעסיווע עלע־מענטן.״

איך ווייס נישט, פון וואַנען פּראָפעסאָר דובנאָוו האָט עס גענומען, אַז דער „בונד״ פילט זיך נישט אָרגאַניש צונויפגעבונדן מיטן יידישן פאָלק, אָדער ווי ער פאָרמולירט דאָס אין אַן אַנדער אָרט פון זיין בריוו — אַז דער „בונד״ האַלט זיך נישט פאַר אַ טייל פון יידישן פאָלק, נאָר פאַר אַ טייל פון „יידישן פּראָלעטאַריאַט״? פּראָפעסאָר דובנאָוו דערקלערט, אַז אַט די לעצטע פאָרמולירונג האָט ער געהערט „אין נאָמען פון עטלעכע פּאַרטיי־פירער פון „בונד״. אויב אַזוי, דאַן קאָן איך אים פאַרזיכערן, אַז זיינע אינפאָרמאַטאָרן זיינען, אַלס אינפאָרמאַטאָרן, קיין פּרוטה נישט ווערט, און אַז פון קיין שום בונדישן פירער, נישט היינט און נישט אַמאָל, וואָלט ה׳ דובנאָוו נישט געקאָנט הערן דאָס, וואָס עס איז אים דערציילט געוואָרן א י ן נ אָ מ ע ן פון בונדישע פירער. אין דעם וואָס פּראָפ. דובנאָוו שרייבט דאָ וועגן „בונד״, הערט זיך אַן אָפּקלאַנג פון דער ק אַ ר י ק אַ ט ו ר אויפן „בונד״, וועלכע ס׳האָבן אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון אונזער פּאַרטיי פאַרשפּרייט וועגן איר אירע ביטערסטע שונאים. און עס איז באמת אַ פּאַראַדוקס, וואָס פּראָפ. דובנאָוו, וואָס וועט אין זיינע היסטאָרישע שריפטן נישט מאַכן די מינדעסטע פעסט־שטעלונג, נישט האָבנדיק קיין דעקונג אין ד אָ ק ו מ ע נ ט ן, האַלט עס פאַר מעגלעך אין זיין באַציאונג צו אַזאַ גרויסער באַוועגונג אינם יידישן לעבן, ווי דער „בונד״, צו שטיצן זיך אויף תורה שבעל פה.

ניין, מען האָט דעם פּראָפ. דובנאָוו שלעכט אינפאָרמירט. דעם „בונד״ איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז דער גורל פונם יידישן אַרבע־טער־קלאַס קאָן אָפּגעריסן ווערן פונם גורל פון יידישן פאָלק. דער „בונד״ האָט זיך דעריבער אַלעמאָל און שטענדיק באַטראַכט פאַר אַן אָרגאַנישן טייל פונם יידישן פאָלק. זיין א מ ת ע אַמביציע, פּונקט ווי די אַמביציע פון יעדער לעבנס־פעאיקער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, איז עס — צו זיין דער פאָן־טרעגער און פאָרקעמפער פון די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן, ד. ה., פון דער ג ר ו י ס ע ר מ ע ר ה י י ט פון יידישן פאָלק, ו ו ע ל כ ע מ י ר א י ד ע נ ט י פ י צ י ר ן מ י ט ן י י ד י ש ן פ אָ ל ק אַ ל ס ג אַ נ צ ע. פון דער קליינער מינדערהייט יידן, וואָס לעבן פון אויסנוצונג און זיינען גרייט צו אידענטיפיצירן די יידישע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון זייערע טייסטערס — רעזיגנירן מיר מיט אַ לייכטן האַרץ.

די אינטערעסן פון דעם אַ ז ו י פ אַ ר ש ט אַ נ ע נ ע ם יידישן פאָלק האָט דער „בונד״ געהאָט אין אויג אין משך פון זיין גאַנצער געשיכטע. ווען דער „בונד״ האָט, אַלס אַ טייל פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד, געפירט זיין קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר נאַציאָנאַלער פולבאַרעכטיקונג, פאַרן סאָציאַליזם; ווען זיינע באַוואָפנטע דרוזשינעס האָבן זיך געשלאָגן מיט די צאַרישע פּאָגראָמשטשיקעס; ווען ער האָט, אין צוזאַ־מענהאַנג מיטן ביילים־פּראָצעס, גערופן די ברייטסטע יידישע פאָלקסמאַסן

צו אַן אַקטיוון פּראָטעסט, — האָט ער דאָס געטאָן נישט בלויז אין די אינטע־רעסן פון די יידישע פּראָלעטאַריער אין ענגן זין פון וואָרט.

און ווען דער „בונד“ אָרגאַניזירט היינט די יידישע אַרבעטער, אָנגע־שטעלטע, האַנטווערקער, כאַלופּניקעס און אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ צום קאַמף פאַר זייערע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע רעכט; ווען ער בויט מיפּול, עקשנותדיק און נישט געקוקט אויף די שווערסטע מניעות אַ ברייט־פאַרצווייגטע נעץ פונם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן; ווען אין דער היינטיקער ביטערער צייט פירט ער אָן סיסטעמאַטיש, אָן אויפהער און אייגער אַליין אין דער יידישער געזעלשאַפט אַ ריזיקע קולטור־אַרבעט צווישן די יידישע מאַסן; ווען ער מאָביליזירט די דאָזיקע מאַסן צו קאַמפּס־אַרויסטרעטונגען פאַר זייערע רעכט (17טן מערץ, 1936, 10טער אָקטאָבער, 1937); ווען ער זאָרגט דערפאַר, אַז די יידישע מאַסע זאָל נישט זיין שוצלאָז קעגן די פאַשיסטישע עלעמענטן, וואָס באַדראָען איר עצם פיזישע עקזיסטענץ — ווען דער „בונד“ טוט דאָס אַלץ, טוט ער עס אויך נישט בלויז פאַר דעם יידישן אַרבעטער פון דער פאַבריק און וואַרשטאַט, נאָר פאַר דער גאַנצער גרויסער ליידנדיקער יידישער מאַסע, פאַר די אַלע, וועלכע מיר באַצייכענען מיטן נאָמען — דאָס יידישע פאָלק.

פּראָפ. דובנאָוו איז דעריבער אין אַ טעות, ווען ער מיינט, אַז מיר „איזאָלירן זיך“ פון דער יידישער מאַסע. פאַרקערט — מיר זוכן אַ וואָס ענגערע און אינטימערע באַהעפטונג מיט איר, און, ווי עס באַווייזן די פאַקטן — נישט אָן דערפאָלג.

אָבער ה׳ דובנאָוו איז יאָ גערעכט, ווען ער שטעלט פעסט, אַז מיר איזאָ־לירן זיך פון די יידישע בירגערלעכע פּאַרטייען. אין דעם פּרט זיינען מיר איינגעשפּאַרטע יידן.

אָבער צוערשט — לאָמיר פעסטשטעלן דעם קעגנשטאַנד פון שטרייט.

ה׳ דובנאָוו רעדט אין דעם אויבן־ציטירטן זאַץ אי וועגן „כלל ישראל“, אי וועגן אַ „געמיינזאַמען פראָנט מיט אַלע פּראָגרעסיוודע עלעמענטן“. דאָס זיינען אָבער צוויי פאַרשידענע זאַכן. „כלל ישראל“ שליסט קיינעם נישט אויס פון כלל. כלל ישראל באַזירט זיך אויף דעם וויניק־ראַפּינירטן „פּרינציפּ“ פון — „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר, אָבער יידן זיי־נען מיר“. אָבער ה׳ דובנאָוו איז דאָך, צוגלייך מיט אונז, גרייט צו לאָזן אין אַ זייט — די „אגודה“. וואָס איז שייך דער „אגודה“ — זאָגט ער — איז דער „בונד“ פולשטענדיק גערעכט. אָבער אויב ה׳ דובנאָוו איז גרייט צו רעזיגנירן פון צוזאַמענאַרבעט מיט אַזאַ באַדייטנדיקער ריכטונג אין דער יידישער געזעלשאַפט, ווי די „אגודה“, דאַן זאָגט ער זיך דאָך אַליין אָפּ פונם „כלל־ישראל“־פּרינציפּ.

אָבער דאָס „כלל ישראל“ איז בלויז איינמאָל געברויכט אינם בריוו פון פּראָפ. דובנאָוו. אין אַלגעמיין רעדט ער וועגן — „געמיינזאַמען פראָנט מיט

אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן", וועגן „אַ פאַראייניקונג פון אַלע דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע עלעמענטן". דערמיט באַרירט ער די פראַגע, וואָס האָט שוין הינטער זיך אַ לאַנגע געשיכטע אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, אַ פראַגע, וואָס ווערט דאָרט ביז היינט־צו־טאָג זייער ליידנשאַפטלעך דעבאַטירט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָבער — לאָמיר אָט די פראַגע לאָזן אין אַ זייט. עס איז זיכער נישט געווען די כוונה פון ה' דובנאָוו אויפצונעמען מיט זיין בונדישן פריינט אַ וויכוח וועגן אינטימע, אינערלעכע פּראָבלעמען פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. וואָס דעם ה' דובנאָוו אינטערעסירט, איז — די י י ד י ש ע ז י י ט פ ו ן ד ע ר פ ר אַ ג ע: אָנגענומען, אַז „אַ גע־מיינזאַמער פראָנט פון אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטן" איז אַ גוטע זאַך. — פאַרוואָס זאָגן מיר, בונדיסטן, זיך אָפּ צוזאַמענצואַרבעטן מיטן ציוניזם? פאַרוואָס ווילן מיר נישט זען אין אים — „אַ באַפרייענדיקע דעמאָקראַטישע באַוועגונג?" פאַרוואָס באַקעמפן מיר ווייטער, ווי ביז איצט, די דאָזיקע באַוועגונג?

אָט דאָס איז די גרונט־פראַגע, מיט וועלכער פראָפ. דובנאָוו ווענדט זיך צו זיין „בונדיסטישן פריינט", און אויף איר וויל איך פרוווּן געבן אַן ענטפער.

***

אַזוי ווי דער „בונד" באַציט זיך צום ציוניזם, מיינט פראָפ. דובנאָוו, האָט מען געקאָנט מיט 40 יאָר צוריק, אָבער נישט היינט. איך האָב דעם איינדרוק, אַז דאָס איז געזאָגט עטוואָס — צו סוביעקטיוו. ווייל — נישט בלויז מיט 40 יאָר צוריק, נאָר אויך באַדייטנדיק שפּעטער, האָט זיך ה' דובנאָוו אַליין באַצויגן צום ציוניזם אַנדערש, ווי היינט. אַ, געוויס — ער האָט אויך היינט פאַרבאַהאַלטן און — גאַנץ ערנסטע: „מען מוז באַקעמפן, — זאָגט ער, — די נעגאַציע פון „גלות" אין ציוניזם, דעם ביטול צום „גלות" און די אתה־בחרתנו־שטימונג פון די ציוניסטן, וואָס איז פשוט אַ סכנה פאַר דער גאַנצער וועלט־נעגאַציע." אַמאָל איז דער דאָזיקער פאַרבאַהאַלט געווען גענוג אויף צו באַשטימען דובנאָווס נ ע ג אַ ט י װ ע באַציאונג צום ציוניזם. אָבער מיט אים איז געשען משמעות דאָס זעלביקע, וואָס מיט מאַנכע אַנדערע אין דער יידישער געזעלשאַפט, נעמלעך — די היטלעריסטישע פאַרפלייצונג האָט אונטערגעשווענקט אין אים דעם גלויבן אינם „גלות", און ממילא האָט זיין נישט פון היינטאָניקע באַוואָרעניש קעגן ציוניזם, אַז ער איז אַ סכנה פאַר די יידן פון דער גאַנצער וועלט, אַנגעוואוירן אין זיינע אויגן אַ גרויסן טייל פון איר אַמאָליקער קראַפט. און פונקט ווי אַנדערע, ניי־אויפגעקומענע **פּראָ־ציוניסטן,** איז ער נישט אַן ערך התלהבותדיקער און קריטיקלאָזער לגבי דעם ציוניזם,

אײדער עס זײנען דאָס צווישן זיך (און נישט בלויז צווישן זיך) די ציוניסטן אַלײן.

פּראָפעסאָר דובנאָוו איז קײן מאָל קײן אַקטיװער פּאָליטיקער נישט געװען. שױן אַ לאַנגע צײט, װי ער האָט זיך צוליב אַ רײ אױסערלעכע סיבות געפונען אין גאַנצן אין אַ זײט פונם פּאָליטישן לעבן. און אינם העלפאַנט-בײן-טורעם פון זײן אײנזאַמקײט לעבט ער אין דער געזעלשאַפט פון גײסטער פון דער ײדישער געשיכטע און פון אַ ב ס ט ר אַ ק ט ע א י ד ײ ע ן פון ײדישע געזעלשאַפטלעכע באַװעגונגען, אױסגעטױטע פון זײער רעאַלן לבוש. ה׳ דובנאָװ רעדט װעגן „בונד" אין קאַטעגאָריעס, װאָס האָבן אַ זײער קנאַפּע שײכות צו דער רעאַלער װירקלעכקײט. און אַזױ טראַכט ער און רעדט װעגן ציוניזם. מיר אָבער האָבן צו טאָן נישט מיט אַ „פּלאַטאָנישער אידײע" פון ציוניזם, נאָר מיט לעבעדיקער ציוניסטישער װירקלעכקײט.

קײנער פון אונז לײקנט נישט, אַז די ציוניסטן האָבן צו פאַרצײכענען דערגרײכונגען אין פּאַלעסטינע. בלויז צװײ „קלײנטשיקע" באַװאָרענישן האָבן מיר צו פאָרמולירן:

1) דאָס, װאָס עס איז דאָרט געבױט געװאָרן, איז געבױט אױף זאַמד סײ אין װירטשאַפטלעכער, סײ אין פּאָליטישער הינזיכט. פון דאַנען — די װירטשאַפטלעכע קאַטאַסטראָפע אין בוכשטעבלעכן זין פון װאָרט, װעלכע עס לעבט הײנט איבער פּאַלעסטינע. פון דאַנען—דער טעמפּער האָפענונגסלאָזער װינקל, אין װעלכן עס האָט זיך דאָרט פּאָליטיש אַרײנגעמאַנעװרירט דער ציוניזם.

2) דאָס, װאָס איז דאָרט געבױט געװאָרן, האָט אָפּגעקאָסט דאָס װעלט-ײדנטום אַן אוצר מיט געלט (אַן ערך הונדערט מיליאָן פונט) און איז װערט נישט אַן ערך װײניקער, אײדער עס האָט געקאָסט. די ציוניסטן האָבן דאָך באַװיזן די קונץ כמעט װי צו מאָנאָפּאָליזירן פאַר זיך די הילפס-טעטיקײט פונם ײדנטום פון דער װעלט. זײ האָבן אַפילו פונם פּױלישן ײדנטום, װאָס נױטיקט זיך אַזױ אומגעהױער אין הילף, באַװיזן אַרױסצוציען שװערע מיליאָנען.

אָבער דאָס זײנען די קלענסטע פון אונזערע טענות צום ציוניזם און נישט מיט זײ דערקלערט זיך אונזער ביטערער קאַמף קעגן ציוניזם און אונזער אומװילן צו פּאָליטישער צוזאַמענאַרבעט מיט דער ציוניסטישער פּאַרטײ.

װאָס זײנען אין משך פון די צענדליקער יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון „בונד" געװען אונזערע הױפּט-אַרגומענטן קעגן דעם ציוניזם? מיר האָבן געזאָגט, אַז דער ציוניזם איז נישט און קאָן נישט זײן קײן לײזונג פון דער ײדן-פראַגע; אַז זײענדיק צװישן די ײדישע פאָלקס-מאַסן די אילוזיע, אַז ער איז דאָס יאָ, ציט ער אָפּ זײער אױפמערקזאַמקײט און ענערגיע פון זײערע אײגנטלעכע קאַמפס-ציילן; אַז צוליב זײן ביטול-באַציאונג צום גלות און פאַראַכטונג צו דער ײדישער שפּראַך איז ער אַ שטײן אױפן װעג פאַר דער אַנטװיקלונג פון דער ײדישער קולטור.

דער ציוניזם האָט זיך אין גאַנג פון די יאָרן פאַרוואַנדלט אין אַן אָפּ־געם פאַרבינדעטן פון אונזער דם־שונא — דעם אַנטיסעמיטיזם. דער ציוניזם האָט פאַקטיש אַלעמאָל געשעפּט זיין יניקה פון רדיפות לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, פון פּאָליטישער רעאַקציע איבערהויפּט. אין משך פון דער 40־יאָריקער עקזיסטענץ פון ציוניזם האָט פאַקטיש אַלעמאָל געגאָלטן דער כלל: וואָס פינצטערער אויף דער וועלט, אַלץ ליכטיקער אין די געצעלטן פון ציוניזם; וואָס ערגער פאַר יידן, אַלץ בעסער פאַרן ציוניזם.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס קאָן אין בעסטן פאַל זיין דאָס יידישע פּאַלעסטינע? אַ מלוכהלע פון אַ קליינינטשקן העברעאישן שבט אינם יידישן פאָלק. ווען די ציוניסטן רעדן צו די אומות העולם, זיינען זיי גוואַלדיקע דעמאָקראַטן און שטעלן פאַר די פאַרהעלטענישן אין דעם היינטיקן און קומענדיקן פּאַלעסטינע אַלס מוסטער פון פרייהייט און פּראָגרעס. אָבער אויב עס וועט אַנטשטיין אַ יידישע מלוכה אין פּאַלעסטינע, וועט איר גייסטיקער קלימאַט זיין — אייביקע שרעק פאַרן אויסערלעכן שונא (אַראַבער). אייביקער קאַמף פאַר יעדן שפּאַן ערד, פאַר יעדן ברעקל אַרבעט מיטן אינערלעכן שונא (אַראַבער) און אומדער־מידלעכער אויסראָטונגס־קאַמף קעגן דער שפּראַך און קולטור פון די נישט־העברעאיזירטע יידן פון פּאַלעסטינע. צי איז דאָס אַ קלימאַט, אין וועלכן עס קאָנען וואַקסן פרייהייט, דעמאָקראַטיע, פּראָגרעס? צי איז דאָס נישט דער קלימאַט, אין וועלכער עס בליען געוויינלעך רעאַקציע, שאָוויניזם? קאָנסטאַטירן דאָך אַפילו היינט כשרע ציוניסטישע פּובליציסטן, וואָס באַ־זוכן דאָס הייליקע לאַנד, אַ גוואַלדיק־גרויסע השפּעה פונם קלעריקאַליזם, כאָטש אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע שפּילן אַזאַ אָנגעזעענע ראָל די ציוניס־טישע פּועלים.

נישט אַלס עמיגראַציע־צענטער (דער נאַטירלעכער צואוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג פון פּוילן אַליין שטייגט באַדייטנדיק איבער די אויפ־נאַמס־פעאיקייט פון פּאַלעסטינע) און נישט אַלס גייסטיקער צענטער, קאָן די וווּנטשעלע יידישע מלוכה פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן פון די „גלות־לענדער" קיין ראָל נישט שפּילן. די ציוניסטן אַליין האָבן שוין היינט באַדייטנדיק אַראָפּגעלאָזט פון זייערע אַמביציעס: אין אַ מעמאָראַנדום, וועלכן די פאַר־שטייער פון דער יידישער אַגענטור האָבן דערלאַנגט דעם ראַט פון דעם פעלקער־בונד בעת זיין סעפּטעמבער־סעסיע פון 1937, ריידן זיי שוין וועגן פּאַלעסטינע, ווי וועגן אַ טיילווייזער לייזונג פון דער יידן־פראַגע. אָבער אויך דאָס איז אין אַנבליק פון די אויבן־געבראַכטע פאַקטן נישט מער, ווי איינ־רעדעניש, ווי בלאָף.

מיר האָבן שטענדיק און טאַקע צוגלייך אַפילו מיטן פּראָפעסאָר דובנאָוו — באַטראַכט פאַר אַ פאַרברעכן די ציוניסטישע ביטול־באַציאונג צום „גלות",

זייער גרייטקייט מקריב צו זיין די אינטערעסן פון די פילמיליאָניקע יידישע מאַסן פון דער וועלט לטובת די „אויסדערוויילטע" יידן פון פּאַלעסטינע.

עס וועט נישט זיין די מינדסטע איבערטרייבונג, אויב איך וועל זאָגן, אַז אָבסערווירנדיק די ציוניסטישע פּאָליטיק פון די לעצטע יאָרן, באַקומט מען אָפּטמאָל דעם איינדרוק, אַז די מענטשן זיינען פּשוט פון זינען אַראָפּ, אַז אין צושטאַנד פון טיפער פאַרצווייפלונג, וועלנדיק ראַטעווען אַ שיין פון דער ציוניסטישער אילוזיע, באַגייען זיי לגבי די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פאַרברעכן גרעסער פונם צווייטן!

די פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג האָבן דאָך אָנגעהויבן אָ פּ ן שטעלן אויף דער אַנטיסעמיטישער קאַרט! אין זייערע קעפּ בלאָנקעט זיך דאָך היינט אַרום דער ווילדער געדאַנק וועגן העלפן אויסבילדן אַ בלאָק פון די לענדער מיט אַן אַנטיסעמיטישן רעזשים אַלס פאַר־בינדעטע פון ציוניזם, אַלס כוח, וואָס זאָל העלפן דעם ציוניזם „אויסצואיבן אַ דרוק" אויף דער ענגלישער רעגירונג. זאָל פּראָפעסאָר דזובנאָוו איבער־לייענען די ביילאַגע נומער 1 צום מעמאָראַנדום („עד מעמואַר"), וועלכן די יידישע אַגענטור האָט אין סעפּטעמבער 1937 צוגעשטעלט די מיטגלידער פונם פעלקער־בונד־ראַט, וועט ער זיך דערין איבערצייגן. און כדי נישט צו דערצאָרענען די פאַרשטייער פון די דערמאַנטע לענדער, באַמיען זיך די ציוניסטן צו פאַרשוויגן, ב אַ ז ו א ו ס ט ז י נ י ק צו פאַרשוויגן, די אַלע נגישות, וועלכע די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן דאָרט אויסצושטיין.

סעפּטעמבער 1937 איז געווען אַ צייט, ווען איבער דער יידישער באַפעל־קערונג פון רומעניע איז געהאַנגען דאָס געשפּענסט פון „אויסבירגערונג", פון אַנטרעכטונג. אין סעפּטעמבער, 1937, האָט די יידישע באַפעלקערונג פון וואַרשע איבערגעלעבט פּיינלעכע טעג. און אין סעפּטעמבער, 1937, האָט דער פאַרשטייער פון פּוילן אין גענף (שוין איבעריגנס — נישט צום ערשטן מאָל) אָפּגעגעבן אַ דערקלערונג, אַז די יידן מוזן פון פּוילן אַוועק.

אין די קולואַרן פון דער פעלקער־ליגע האָבן דאַן „אַמטירט" די אָנגע־זעענסטע פאַרשטייער פון דער יידישער אַגענטור און פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס. אָבער קיין איין וואָרט איז אין יענע טעג נישט געפאַלן מצד די דאָזיקע הערן צום שוץ פון די יידישע פאָלקס־מאַסן פון אייראָפּע. און דער פּוילישער אויסערן־מיניסטער, בעק, האָט נאָך אַ קאָנפערענץ מיט דר. וויצמאַן געקאָנט אָפּגעבן דער פּרעסע אַ דערקלערונג, אַז צווישן אים און דעם פירער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, דר. וויצמאַן, איז געקומען צו אַ פולער און האַרציקער פאַרשטענדיקונג בנוגע די יידישע עמיגראַציע־פּראָבלעמען.

עס האָט זיך געפונען אַ ציוניסטישער זשורנאַליסט אין גענף, וואָס האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אַוועק צו די ציוניסטישע מנהיגים מיט אַ געשריי: איר זעט, וואָס עס טוט זיך, — אַזוי האָט ער אַן ערך געזאָגט, — טאָ גיט וויניקסטנס אָפּ פאַר דער פּרעסע אַ דערקלערונג, וואו עס זאָל דער־

מאָנט ווערן, אַז די באַלפור־דעקלאַראַציע באַשטייט פון צ ו ו י י טיילן; אַז אויב אין דעם ערשטן טייל רעדט זיך וועגן אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר יידן אין פּאַלעסטינע, ווערט אין דעם צווייטן טייל פעסטגעשטעלט, אַז די נאַציאָנאַלע היים אין פּאַלעסטינע קאָן אין קיין פאַל נישט גורם זיין אַ פאַרערגערונג פון דער פּאָליטישער לאַגע פון די יידן אין זייערע אַלטע היימען.

אָבער אַפילו דאָס האָבן זיך די פאַרשטייער פון דער יידישער אַגענטור און פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קאָנגרעס, אין וועלכן פּראָפ. דובנאָוו וואָלט געוועזן זען אויך דעם „בונד" — אָ פּ ג ע ז אָ ג ט צ ו ט אָ ן! מחמת דאָס וואָלט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט ביי די פאַרשטייער פון די לענדער מיט אַן אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק. און מיט דעם גרעסטן ציניזם האָבן אַט די מנהיגים פון ציוניזם — ה׳ ווייצמאַן פונקט אַזוי ווי ה׳ טשערטאָק, ה׳ גאָלדמאַן פונקט אַזוי ווי ה׳ יאַרבלום — געענטפערט:

— פּאַרפּאַלן: אויב עס שאַפט זיך אַ קאָליזיע צווישן די אינטערעסן פון דער יידישער מלוכה און פון די יידן אין „גלות" מוזן אַט די לעצטע געבראַכט ווערן אַלס קרבן.

די האַלטונג פון די ציוניסטישע דעלעגאַציעס אין גענף (ווייל אויך די דעלעגאַציע פונם וועלט־קאָנגרעס איז דאָך אַ ציוניסטישע דעלעגאַציע) האָט אַרויסגערופן אַן איבערראַשונג אַפילו אין ציוניסטישע קרייזן. דאָס ציוניסטישע „איזראַעליטישע וואָכנבלאַט", וואָס דערשיינט אין ציריך, האָט פעסטגעשטעלט מיט ביטערניש, אַז ס׳האָבן זיך געהערט בעת דער סעפּטעמבער־סעסיע פון פעלקער־בונד ווײ־געשרייען פון פאַרשידענע זייטן, אָבער די פּיין פון די יידישע פאָלקס־מאַסן איז אין קיין שום פאָרם נישט געקומען דאָרט צום אויסדרוק. ווייל — „פּאַלעסטינע פּענטעט אַלעמען די הענט... מען קען באַוואונדערן דעם פאַרשטייער פון דער יידישער אַגענטור, נחום גאָלדמאַן — האָט געשריבן דער גענפער קאָרעספּאָנדענט פון דער דאָזיקער צייטונג — ווי ער פירט מיט אַן ערנסטער מינע זיינע דיפּלאָמאַטישע שמועסן. די רעוויזיאָניסטן האָבן נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דער פּוילישער דעלעגאַציע. איצט האָט אויך ווייצמאַן געהאַט אַ שמועס מיטן פּוילישן אויסערן־מיניסטער, בעק, וועלכער איז דאָך אַ פאַרבינדעטער אין דער פראַגע וועגן אַ פאַרגרעסערטער איינוואַנדערונגס־מעגלעכקייט קיין פּאַלעסטינע..."

„מען קאָן דאָך נישט, — שרייבט די צייטונג אין אַ צווייטן אָרט, — בעטן ביי אַן אויסערן־מיניסטער אַ טובה אינם קאַמף פאַר אַ פּאַלעסטינע און גלייכצייטיק צו מאַכן אים פאַרוואורפן צוליב דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק וועלכע זיין רעגירונג פירט..."

***

אָבער דאָס זעלבע, וואָס עס טוען די ציוניסטן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע, טוען זיי אויך אין די לענדער פונם יידישן מאַסן־לעבן. איך

וואַלט זיך געקענט פאַררופן אויףביישפּילן פון פאַרשידענע לענדער — איך וויל זיך באַנוגענען מיט פאַקטן פון פּוילן אַליין.

ווער געדענקט עס נישט גרינבוימס באַרימט געוואָרענעם וואָרט פון יאָר 1927 וועגן דעם „מיליאָן איבעריקע יידן", וועלכע מ'מוז אַרויסנעמען פון פּוילן? ווער געדענקט עס נישט זיין נישט־ווייניקער באַרימט וואָרט פון יאָר 1928, אַז „די יידן פאַרפּעסטן די לופט אין פּוילן"? די פּוילישע אַנטי־סעמיטן געדענקען די דאָזיקע ווערטער אויסגעצייכנט און פרישן זיי אָפּ פון מאָל צו מאָל ביז היינט צו טאָג אין זכרון פון זייערע לעזער און הערער.

אָבער 1927, 1928 — דאָס זיינען דאָך געווען גן־עדן־יאָרן אין פאַרגלייך מיט אונזער צייט. געוויס איז שוין דעמאָלט דער לאָזונג „זשידזשי, דאָ פּאַלעסטיני!" (יידן, קיין פּאַלעסטינע) געווען פּאָפּולער נישט בלויז ביי די ציוניסטן, נאָר אויך ביי די אַנטיסעמיטן. ווער אין דער פּוילישער געזעלשאַפט האָט אָבער דאַן אויף אַ רעכטן אמת באַצווייפלט אונזער בירגער־רעכט אין לאַנד?

אָבער עס זיינען פאַרביי אַכט גורלדיקע יאָרן, עס איז געקומען דאָס יאָר 1936 — דאָס יאָר פון פּשיטיק, פון מינסק־מאַזאָוויעצק, פון אַ ריי אַנדערע דאַטעס פון דעם זעלביקן מין. דער אָפּן פאַשיסטישער לאַגער פון פּוילן האָט נישט נאָר געפּרעדיקט. נאָר אַקטיוו דורכגעפירט אין לעבן ווירטשאַפטלעכן פאַרניכטונגס־קאַמף; געפאָדערט גוואַלדזאַמע מאַסן־עמיגראַציע און — געטאָ און נירנבערגער געזעצן פאַר די „ציטוויילי"־פאַרבליבענע; און מיט וואָרט און טאַט האָט ער געפּרעדיקט פיזישע גוואַלד אַלס מיטל צוצואיילן יציאת פּוילן. אַפילו מצד דעם קאָפּ פון דער רעגירונג איז געפאַלן אין יענעם יאָר דאָס זייט דאַן באַרימט געוואָרענער וואָרט: „ווירטשאַפטלעכער קאַמף — אדרבא". די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך געפילט באַדראָט אין זייערע עלעמענטאַרע בירגער־און־מענטשן־רעכט. און זיי האָבן זיך מאָביליזירט צום קאַמף פאַר די דאָזיקע רעכט. דער סטרייק פון 17טן מערץ, די מאַסן־קאַמפּאַניע אַרום דעם געפּלאַנטן קאָנגרעס צום קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם זיינען געווען אַן אויסדרוק פון דער דאָזיקער מאָביליזאַציע.

אין אַט יענער צייט לאָזן זיך אַראָפּ קיין פּוילן דריי ציוניסטישע גדולים, מענטשן, וואָס רעפּרעזענטירן די פאַרשידנסטע ריכטונגען אינעם ציוניסטישן לאַגער, — בן־גוריון, גרינבוים, זשאַבאָטינסקי. יעדער פון זיי רופט — מעשה מלוכה־מאַן — אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פון דער גאַנצער פּוילישער פּרעסע און יעדער פון זיין זייט גיט אויף זיין שטייגער אין **הונדערט פּראָצענט גערעכט די פּוילישע אַנטיסעמיטן!**

די איינציקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין פּוילן, — דערקלערט דער פּועלי־ציוניסט בן־גוריון, איז טאַקע עמיגראַציע. די יידן זיינען טאַקע אַ שטיין אין וועג פאַרן פּוילישן פויער, פאַר דער פרוי פון דעם פּוילישן סערזשאַנט, — דערקלערט דער אַלגעמיינער ציוניסט ה' גרינבוים; די יידן דאַרף מען טאַקע

עוואַקואירן פון פּוילן און וואָס גיכער, — דערקלערט דער יידישער „דוטשע" זשאַבאָטינסקי.

אַזוי ווי אַ דונער פון הימל איז אַראָפּגעפאַלן אויף די קעפּ פון דער יידישער באַפעלקערונג פון פּוילן יעדע פון די דאָזיקע דערקלערונגען. אָבער ווי דער העכסטער אויסדרוק פון פּאָליטישער חכמה זיינען זיי אַלע דריי אויפ־גענומען געוואָרן פון דער גאַנצער אַנטיסעמיטישער פּרעסע. די ציוניסטישע פּובליציסטן פון פּוילן, אַחוץ די נאַרישסטע און אָפּגעריסנסטע — האָבן זיך געוואָרגן מיט דער דערקלערונג פון זייערע גדולים — ממש נישט אַראָפּצו־שלינגען און נישט אויסצושפּייען. אָבער די אַנטיסעמיטישע פּרעסע האָט דערקלערט בן־גוריונען, גרינבוימען און זשאַבאָטינסקין פאַר די גרעסטע און איינציק נאַציאָנאַלע פּאָליטיקער פון דעם יידישן פאָלק. דער אַנטיסעמי־טישער „טשאַס" האָט ברייט געעפנט זיינע שפּאַלטן פאַר דעם נושא כלים פונם „דוטשע"; דער אַנטיסעמיטישער „קוריער וואַרשאַווסקי" האָט פאַר־וואַנדלט זשאַבאָטינסקיס בוך — „די יידישע מלוכה" שיעור נישט אין דער גרעסטער ליטעראַרישער געשעעניש פון אונזער צייט. וואָס ווילט איר מער? — יוליוס שטרייכער בכבודו ובעצמו האָט איבערגעדרוקט גרינבוימס דער־קלערונג און צוגעגעבן צו איר פון זיך:

— אָט דער גרינבוים איז אַן אַנשטענדיקער יודע...

דאָס איז געווען אין יאָר 1936 און היינט איז 1938. וואָס מיר זאָלן נישט טראַכטן וועגן דעם א י נ ע ר ל ע כ ן מצב פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם היינט־צו־טאָג — אויסערלעך איז זיין השפעה, צוליב דער פאַרברעכערישער און זעלבסטמערדערישער פּאָליטיק פון די מערב־אייראָפּעאישע דעמאָקראַטיעס, באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן פאַר דער צייט. דאָס פילן אַלע, און דאָס פילן אויך מיר אין פּוילן. נאָר וואָס האָט אָפּגעהאַלטן זיין זיצונג דער הויפּט־ראַט פון אַן אָרגאַניזאַציע („אָזאָן" איז איר גאַנגבאַרער נאָמען), וואָס האָט פאַקטיש פאַרנומען דעם אָרט פון דער געוועזענער, אין יאָר 1935 פאַנאַנדערגעלאָזטער רעגירונגס־פּאַרטיי פון פּוילן. און אויף דער דאָזיקער זיצונג איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָגראַם וועגן דער יידן־פראַגע, וואָס דעקט זיך פולשטענדיק מיט דעם פּראָגראַם פון די פאַרביסענע אַנטיסעמיטן פונם אַזוי־גערופענעם „נאַציאָ־נאַלן לאַגער."

די יידישע באַפעלקערונג פון פּוילן איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַן „אויסער־מלוכהשער גרופּע", וואָס מיט איר עצם־עקזיסטענץ „שוואַכט זי אָפּ די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון די פּוילישע נאַציאָנאַלע און מלוכה־כוחות און שטייט אין וועג פון דער עוואָלוציע, וואָס קומט איצט פאַר אין פּוילן". עס מוז דעריבער רעדוצירט ווערן דער יידישער אַנטייל אינם ווירטשאַפטלעכן לעבן פון לאַנד; עס מוז רעדוצירט ווערן די צאָל יידן אין די שולן; עס מוז געשיצט ווערן קעגן יידישע איינפלוסן די פּוילישע קולטור. דאָס אַלץ איז בלויז אַ ט י י ל ו ו י י ז ע „לייזונג" פון דער יידן־פראַגע. איר „גרונט־לייזונג"

איז — עמיגראַציע: קיין פּאַלעסטינע און אַנדערשוואו, ווייל פּאַלעסטינע אַליין איז צו ווייניק.

דאָס איז בקיצור דער פּראָגראַם. די פּרעסע קאָמענטאַרן צום פּראָגראַם זיינען אויסגעהאַלטן אינם גוט באַקאַנטן אַנטיסעמיטישן העץ־סטיל. און בלויז א י י ן א י ד י י ע אינם יידישן לעבן האָט געפונען סיי ביי די מחברים פון פּראָגראַם, סיי ביי זיינע קאָמענטאַטאָרן „רעספּעקטפולע אַנערקענונג". און דאָס איז — דער ציוניזם.

עס קאָן די ציוניסטן פון אַזעלכע „קאָמפּלימענטן" נישט צוקומען קיין געזונט. אָבער פּנים אל פּנים מיט דעם אויבן־געזאָגטן מוז יעדער אָביעקטיוער מענטש מודה זיין: „ז י י ה אָ ב ן ד י ק אָ מ פּ ל י מ ע נ ט ן כ ש ר פ אַ ר ד י נ ט!"

***

צי גלויבט פּראָפ. דובנאָוו, אַז דאָס אַלץ זיינען בלויז „שיינהייטס־פעלערן" אויף דעם חנוודיקן פּנים פונם ציוניזם? קליינע אומפּינקטלעכקייטן אין דער אַרבעט פונם ציוניסטישן מעכאַניזם? צי מיינט ה׳ דובנאָוו טאַקע, אַז דאָס וואָס ער אַליין באַצייכנט אינם ציוניזם, אַלס — „סכנה פאַר דער וועלט־נאַציע", פּונקט ווי די אַלע פאַקטן, וועלכע איך האָב אויבן ציטירט, זיינען ניט מער ווי — אַ צופעליקייט? אַ טאַקטישער פעלער, וואָס לאָזט זיך באַזייטיקן דורך אַ גוטער עצה און ביי אַ גוטן ווילן?

אויב פּראָפ. דובנאָוו מיינט אַזוי, דאַן איז דאָס אַ באַווייז, אַז ער אָפּע־רירט מיט פיקציעס, אַז אים איז פרעמד דער לעבעדיקער און ווירקנדיקער ציוניזם. דער ציוניזם איז דאָך אַלע מאָל געווען אַ סיאַמער ברודער פון אַנטי־סעמיטיזם, פון יעדן מין נאַציאָנאַלן שאָוויניזם. דאָס געזעץ פון גוואַלט, פון נאַציאָנאַליסטישער רעאַקציע, האָט דער ציוניזם שטענדיק באַטראַכט פאַר דעם נאָרמאַלן געזעץ פון דער געשיכטע און אויף אָט דעם געזעץ האָט ער געבויט די פּערספּעקטיוון פונם יידישן לעבן. פאַר יעדער זיגרייכער פרייהייטס־באַוועגונג פלעגט ער אין משך פון זיין 40־יאָריקער עקזיסטענץ שטיין אַלע מאָל אַ פאַרלוירענער, אַן אומבאַהאָלפענער.

אָ, געוויס: אויב די צוקונפט פון דער מענטשהייט זאָל טאַקע געהערן דעם פאַשיזם, דאַן וואָלט זיך די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, וועלכע עס מאָלט דער ציוניזם, אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק, דאַן וואָלט אונז ווירקלעך דערוואַרט אין „גלות" בלויז — אומקום, פאַרניכטונג. אָבער דאַן וואָלטן אומקום און פאַרניכטונג געווען דער גורל פון צענדליקער מיליאָנען, אפשר פון הונדערטער מיליאָן אַנדערע, אַחוץ אונז; דאַן וואָלט אומקום און פאַרניכטונג געווען דער גורל פון דער גאַנצער מענטשלעכער ציוויליזאַציע און קולטור. צי וואָלט דער ציוניזם געווען דאַן בכוח אונז א י י נ ע אַ ל י י ן צו ראַטעווען פונם פאַשיסטישן מבול? לעכערלעך אַפילו וועגן דעם צו טראַכטן! אָבער דאַן

וואַלט, אַלס זיין איינציקער „היסטאָרישער פאַרדינסט", פאַרבליבן — זיין „טעאָרעטישע" באַרעכטיקונג פון אַנטיסעמיטיזם.

***

איך האָב מיט אַ כיוון אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דער אָפּטמאָל־העסלע־כער, אָפן רעאַקציאָנערער ראָל, וועלכע עס שפּילט דער ציוניזם אינעם אינער־לעכן לעבן אין פּוילן, אָדער רומעניע. איך לאָז אָן אַ זייט אַזעלכע „בלימעלעך", ווי די „פּייערלעכע פאַרזיכערונג", וועלכע עס האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק אָפּגעגעבן מוסאָלינין די ציוניסטישע פאָרשטייער פון דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס, אַז „די יידן האָבן קיינמאָל דעם פאַשיזם נישט באַקעמפּט". איך האָב זיך באַמיט צו שילדערן אויסשליסלעך די פּאָליטישע ראָל פונם ציוניזם אינעם יידישן לעבן (זייער קולטור־ראָל איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך). און איך מיין, אַז נאָך דעם אַלעמען קאָן נישט פּראָפ. דובנאָוו דערוואַרטן פון אונז, מיר זאָלן באַטראַכטן דעם ציוניזם פאַר אַ „באַפרייענדיקער דעמאָקראַטישער באַוועגונג", פאַר „אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע אַנדערע (?) פּראָגרעסיווע, דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען (?)", אָדער מיר זאָלן נתפעל ווערן פונם פאַטעטיש קלינגענדיקן, פונם ציוניסטישן לעקסיקאָן אַרויסגענומענעם וואָרט וועגן דער „אויפלעבונג פון פּאַלעסטינישן צענטער, אַלס דעם גרעסטן וואונדער פון דער יידישער געשיכטע".

פּראָפ. דובנאָוו איז גערעכט, אַז ס'איז נייטיק אָנצושטרענגען אַלע כוחות צום קאַמף „קעגן דער רעאַקציאָנערער פּיינטלעכער וועלט, וואָס איז לעצטנס געוואָרן אַ געפאַר פאַר אַלע פעלקער". אָבער פאַר דעם דאָזיקן קאַמף מוזן מיר זוכן אַנדערע שותפים ווי די ציוניסטן. דאָס איז היינט נישט בלויז די מיינונג פון „בונד" — דאָס איז די מיינונג פון די ברייטסטע שיכטן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן און פון די אַנטוישטע, פאַרביטערטע יידישן מאַסן אין פּאַלעסטינע.

(„די צוקונפט", ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1938)

דער עיקר פון בונדיזם

1.

דער „בונד“ לעבט, ווירקט און אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע און אַל־זייטיקע טעטיקייט סיי אויף דעם נאַציאָנאַלן, סיי אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלן געביט. די גרויסע מאַסן אַרבעטער און אַרבעטער־יוגנט, וואָס הערן זיך צו צו זיין וואָרט און גייען נאָך מיט באַגייסטערונג נאָך זיין פאָן, זיינען דער בעסטער באַווייז, אַז דער „בונד“ האָט אין דער פולער מאָס איינגעהאַלטן זיין יוגנטקראַפט, אַז היינט, ווי אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין אַנטשטייאונג, איז ער — דער אויסדרוק פון די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון יידישן אַרבעטער־קלאַס.

מיר האָבן דאָס צו פאַרדאַנקען דעם מאַסן־כאַראַקטער און טיפן אינער־לעכן דעמאָקראַטיזם פון אונזער באַוועגונג: די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָבן אָפּגעהיט דעם „בונד“ פון פאַרגליווערטקייט און געגעבן די מעגלעכקייט צו קאָנטראָלירן און קאָרעגירן זיינע פּרינציפּן און לאָזונגען אינם פייער פון דער־פאַרונג. אָבער די בונדישע באַוועגונג וואָלט, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט דערגרייכט דעם מאַסן־כאַראַקטער, וועלכן זי האָט אַלע מאָל געטראָגן, ווען אירע פּרינציפּן און לאָזונגען וואָלטן נישט אַנטשפּראָכן די באַדערפענישן פון דער יידישער אַרבעטער־מאַסע און די געבאָטן פון דער צייט.

אין וואָס באַשטייט דער עיקר פון בונדיזם און אין וואָס פאַר אַ מאָס האָט זיך דער בונדיזם אין לעבן באַרעכטיקט?

די וואָס ריידן וועגן דער געשיכטע פון „בונד“, האָבן געווינלעך אין זינען דעם „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד“. אָבער דער דאָזיקער „בונד“ האָט פאַקטיש עקזיסטירט בלויז ביז 1914־15. די גרויסע וועלט־מלחמה האָט צעריסן דעם „בונד“ אויף באַזונדערע טיילן. דער „בונד“ אין ראַטן־פאַרבאַנד עקזיסטירט היינט בלויז אין פּאַטענץ. אויסער דעם זיינען אויפן שטח פונם אַמאָליקן רוסלאַנד אַנטשטאַנען — דער „בונד“ אין לעטלאַנד און דער „בונד“ אין פּוילן, וואָס האָט, אַחוץ געוועזענע רוסלענ־דער טעריטאָריעס, אַרומגענומען אויך מערב־ און מזרח־גאַליציע. און עס איז אַנטשטאַנען פאַר די לעצטע יאָרן אַ „בונד“ אין רומעניע. די געביטן, וועלכע אָט דער סאַמע יינגסטער „בונד“ נעמט אַרום, האָבן — אויסער בעסאַראַביע — קיינמאָל צו דער „טעריטאָריע“ פון אַמאָליקן פאַרמלחמהדיקן „בונד“ נישט געהערט. אָבער די סאָציאַליסטישע יידישע אַרבעטער־באַוועגונג פון רומעניע האָט זיך לויט איר אייגענעם פרייען אויסוואַל באַהאַפטן אין די טראַדיציעס פון „בונד“ און איבערגענומען זיין אידעאָלאָגיע.

ווען מירריידן היינט וועגן דער געשיכטע פון „בונד", וועגן עיקר פון בונדיזם, מוזן מיר דעריבער האָבן אין אויג נישט נאָר דעם פאַרמלחמהדיקן „אַלג. יידישן אַרבעטער־בונד פון ליטע, פוילן און רוסלאַנד", נאָר אויך אַלע נאָך־מלחמהדיקע „בונדן", און פריער פאַר אַלץ — דעם „בונד" אין פוילן, דעם אייגנטלעכן יורש פונם אַמאָליקן „בונד".

דעם בונדיזם האָבן אויסגעצייכנט און צייכענען אויס ביזן היינטיקן טאָג דריי זאַכן: 1) דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ, 2) דער ענטפער אויף דער יידישער פראַגע, און 3) די באַציאונג צו די צענטראַלע פּראָבלעמען פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג.

.2

דער אַרבעטער־קלאַס פון יעדער נאַציע מוז האָבן זיין אייגענע אָרגאַני־זאַציע, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו דער שפּראַך און אַנדערע נאַציאָנאַלע באַדינגונגען פון דער געגעבענער סביבה — דאָס איז דער פּרינציפּ, וועלכן ס'האָט פון דער ערשטער מינוט פון זיין אַנטשטייאונג פאַרטיידיקט דער „בונד". ער האָט געזאָגט: די אַלגעמיינע לאַנד־פּאַרטיי, וואָס מוז אויף אַ נאַ־טירלעכן אופן זיין פריער פאַר אַלץ צוגעפּאַסט צו די לעבנס־באַדינגונגען פון דער נאַציאָנאַלער מערהייט פון לאַנד, קאָן געווינען פאַרן סאָציאַליזם מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקע טיילן פון אַרבעטער־קלאַס פון די איבעריקע פעלקער; אָבער אַריינדרינגען אין דער טיפעניש פון אַרבעטער־פאָלק, אויפ־טרייסלען אים ביזן גרונט און צופירן אים אין גרויסע, קאָמפּאַקטע מאַסן צו דער סאָציאַליסטישער פאָן, — דאָס איז אימשטאַנד צו טאָן נאָר אַן אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן אין שויס פון דער געגעבענער אַרבעטער־מאַסע.

דער אַרבעטער־קלאַס פון יעדער נאַציע מוז האָבן זיין אייגענע אָרגאַני־זאַציע, אָבער נישט זיין אייגענע פּאַרטיי. אין אַ לאַנד מיט עטלעכע נאַציעס, דאַרף עקזיסטירן איין פּאַרטיי מיט אַזוי פיל אויטאָנאָמע נאַציאָנאַלע אָרגאַ־ניזאַציעס, וויפיל עס זיינען פאַראַן נאַציעס אין לאַנד.

דער „בונד" איז אַנטשטאַנען מיט אַ יאָר פריער, איידער ס'איז געגרינדעט געוואָרן די רוסלענדער סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי. אָבער באַלד ביי זיין אַנטשטייאונג האָט ער זיך באַטראַכט פאַר אַ טייל פון דער קומענדיקער לאַנד־פּאַרטיי. און ווי נאָר די ר.ס.ד.אַ.פּ. איז — ביי דער אַקטיווער מיטוויר־קונג פון „בונד" — געגרינדעט געוואָרן, האָט דער „בונד" אויף אַ נאַטירלעכן אופן פאַרנומען אין אירע רייען אַן אָרט אַלס אויטאָנאָמער טייל. דער „בונד" אין פוילן איז ביז היינטיקן טאָג אַ פולשטענדיק זעלבשטענדיקע פּאַרטיי, אָבער — נישט דערפאַר, ווייל מיר באַטראַכטן דאָס פאַר בעסער, ווייל מיר זיינען אָפּגעטראָטן פונם טראַדיציאָנעלן אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ פון „בונד", נאָר ווייל די באַדינגונגען אין פוילן זיינען נאָך נישט רייף פאַר דער אַנט־

שטייאונג פון איין פּאַרטיי, ווייל די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט האָט זיך נאָך ביז היינט־צו־טאָג נישט אָנטשלאָסן אַרויסצוגיין פון איר נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקייט, צו ווערן אַ לאַנד־פּאַרטיי, אַנשטאָט אַ נאַציאָנאַל־פּוילישע פּאַרטיי, צו ווערן פון אַ פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון פּוילן (ס.פּ.ס.).

איך באַטאָן דאָס ספּעציעל דערפאַר, ווייל ס'איז נישט איינמאָל אויס־געקומען צו הערן אויף אונזער אַדרעס דעם פאַרוואורף אין „סעפּאַראַטיזם".

צי האָט זיך אונזער אָרגאַניזאַציע־פּרינציפּ באַרעכטיקט? דאָס לעבן האָט דאָס באַשטעטיקט סיי מיט פּאָזיטיווע, סיי מיט נעגאַטיווע באַווייזן. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין לעטלאַנד, אין רומעניע, אין אַמעריקע האָט זיך געמוזט בויען לויט דעם זעלביקן פּרינציפּ.

און דער נעגאַטיווער באַווייז איז — דער ראַטן־פאַרבאַנד. די רוסלענ־דישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט פאַרוואָרפן דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ פון „בונד". זי האָט דעם „קאָמבונד" געצוואונגען פאַנאַנדערצולאָזן זיין אָרגאַ־ניזאַציע און זיך אויפצולייזן אין דער אַלגעמיינער קאָמ. פּאַרטיי. און דער רעזולטאַט איז, אַז מיר האָבן אין ראַטן־פאַרבאַנד אַ גרויסע אַרבעט פאַר די יידישע אַרבעטער, אָבער קיין יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אַלס אַזעלכע, איז דאָרט נישטאָ. און זי וואָלט ביי דעם איצטיקן בוי פון דער סאָוויעטישער קאָמ. פּאַרטיי נישט געקאָנט עקזיסטירן אַפילו דאַן, ווען אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיי וואָלט געהערשט מער אינערלעכע דעמאָקראַטיע, איידער עס הערשט דאָרט היינט־צו־טאָג.

3.

אויב דער קאַמף פאַר אונזער אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ קאָן באַטראַכט ווערן פאַר מער אָדער ווייניקער פאַרענדיקט, איז דאָס נאָך נישט אַזוי מיט אונזער קאַמף פאַר דעם ריכטיקן ענטפער אויף דער יידן־פראַגע.

פאַר דעם היינטיקן דור בונדיסטן איז עס כמעט ווי אַן אומפאַרשטענד־לעכע זאַך, אַז דעם „בונד" איז אויסגעקומען אַמאָל צו פירן אַזאַ העפטיקן קאַמף קעגן אַסימילאַציע. איך וואָלט געוואָלט, מען זאָל מיך ריכטיק פאַרשטיין, איך רייד דאָ נישט וועגן פּראַקטישער אַסימילאַציע, נישט וועגן אַסימילאַציע אַלס איינעם פון די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין יידישן לעבן: די עקזיס־טענץ פון אַזאַ פּראָצעס האָט דער „בונד" קיינמאָל נישט געלייקנט. איך רייד וועגן אַסימילאַציע אַלס איינע פון די **אידעאָלאָגיעס אין דער יידישער** געזעלשאַפט. אַסימילירטע יידן פעלט נישט אויף דער וועלט, און איינצלנע פערזאָנען (יידן און נישט־יידן), וואָס האַלטן אַסימילאַציע אַלס לייזונג פון דער יידן־פראַגע, זיינען נאָך אויך היינט פאַרבליבן, אָבער עס איז שוין היינט כמעט ווי נישטאָ אין אונזער ווירקונגס־קרייז נישט נאָר קיין פּאַרטיי, נאָר אַפילו קיין מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקע גרופּע, וואָס זאָל פאַרטיידיקן אַסימילאַציע אַלס פּראָגראַם. סיי פּ.פּ.ס., סיי קאָמוניסטן אָנערקענען היינט דאָס רעכט פון

דער יידישער מאַסע אויף אַ שול אין דער מוטער־שפּראַך (יידיש), די רעכט פון דער יידישער שפּראַך אין געריכט און אַדמיניסטראַציע.

עס איז פאַרבליבן אין דער פולער מאָס אויפן געביט פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אונזער גרויסער שטרייט מיטן יידישן בירגערטום, ריכטיקער — מיטן ציוניזם, אַלס דעם איינציק פאַרבליבענעם מין טעריטאָריאַליזם. אָבער אין אַ געוויסן זין האָט דאָס לעבן אויך דאָ געמאַכט אַ ריינעם טיש.

ווייל — ווי פאַרביסן עס זאָל נישט זיין דער קאַמף, וועלכן די ציוניסטן פירן ביזן היינטיקן טאָג קעגן בונדיזם, אין זאָך האָבן זיי געמוזט מודה זיין די האָפענונג, אַז עס וועט זיך איינגעבן צונויפצוברענגען קיין פּאַלעסטינע, אויב נישט אַלע יידן פון דער וועלט, איז וויינִיקסטנס — דעם גרעסטן טייל פון זיי, און אַז דער ציוניזם קאָן אַזוי אַרום באַטייטן אַ לייזונג פון דער יידן־פראַגע בכלל — די דאָזיקע האָפענונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ חלום, פאַר אַ מיראַזש. צי עס וועט זיך יאָ איינגעבן אַריינצופירן און אַריינצושמוגלען קיין פּאַלעסטינע נאָך צוויי הונדערט, דריי הונדערט אָדער גאָר פינף הונדערט טויזנט יידן, צי די אַראַבער צוזאַמען מיטן ענגלישן אָקופּאַנט וועלן באַוויזן צו דערפירן די יידישע עמיגראַציע צו אַ מינימום — די גרויסע פראַגע: „וואָס ווייטער" — וועלכע שטייט פאַר די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די א. ג. „גלות־לענדער" וועט דורכן ציוניזם נישט קאָנען ווערן פאַרענטפערט: פּאַלעסטינע קאָן זיין און בלייבן נישט מער ווי — נאָך איין „גלות"־לאַנד אין דער וועלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר דאָרט, וואו די יידישע מאַסן וואוינען און נאָר אין רעזולטאַט פון אַ ראַדיקאַלער פּאָליטישער און סאָציאַלער איבערקערעניש, קאָן געפינען איר לייזונג סיי די סאָציאַלע, סיי די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון די יידישע מאַסן. מיט אַנדערע ווערטער: אויף דער פראַגע: „דאָ אָדער דאָרט" — וואָס איז דאָך אַלע מאָל געווען די הויפּט־שטרייט־פראַגע צווישן אונז און דעם ציוניזם, האָט דאָס לעבן אומצווייידייטיק געענטפערט: „דאָ!"

בלייבט נאָך צו כאַראַקטעריזירן די שטעלונג פון „בונד" צו די גרונט־פּראָבלעמען פון דער אַלגעמיין פּראָלעטאַרישער באַוועגונג.

דער „בונד" איז געווען אַ טייל פון דער ר.ס.ד.אַ.פּ. און גענומען דעם אַקטיווסטן אַנטייל אינם לעבן פון דער דאָזיקער פּאַרטיי, אין אירע העפטיקע אינערלעכע אידייאישע שטרייטן.

די ערשטע מלחמה־יאָרן האָבן אָפּגעשניטן דעם „בונד" אין פּוילן פונם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד אין ליטע, פּוילן און רוסלאַנד. און ווען נאָך די אומבאַשרייבלעכע שווערע יאָרן פון מלחמה און אָקופּאַציע איז געקומען דער שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד פון די נאָך־מלחמה־יאָרן, האָט שוין דער „בונד" אין פּוילן, אַלס זעלבשטענדיקע פּאַרטיי, געמוזט נעמען אַ שטעלונג צו אַלע קאָלאָסאַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט.

אונטער דעם איינדרוק פון דעם גיגאַנטישן פאַרנעם פון דער רוסלענדער

רעוואָלוציע, איז אַ גרויסער טייל פון אייראָפּעאישן פּראָלעטאַריאַט מיטגעריסן געוואָרן מיטן קאָמוניסטישן שטראָם. ווען מען פאַרגלייכט דעם היינטיקן צושטאַנד פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם מיט דעם, וואָס ס׳איז געווען אין די יאָרן 1919—1920, איז עס פּשוט נישט צו גלויבן, ווי גיך די קאָמוניסטן האָבן פאַרטאַכלעוועט דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

אָבער דאַן איז דער קאָמוניזם, אַלס אויסשטראַלונג פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע, געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גוואַלטיקן אָרעאָל. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן האָט נישט אויסגעמיטן דעם גורל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער גרויסער וועלט: דער ערשטער **א. ג. פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר** פון „בונד" אין פוילן (פאַראייניקונג מיט דער יידישער ס. ד. פאַרטיי אין גאַליציע) האָט דערנענטערט דעם „בונד" צו קאָמוניסטישע פּאָזיציעס.

אָבער דער רעאַליזם פון אונזער באַוועגונג און איר טיפער אינערלעכער דעמאָקראַטיזם האָבן עס געמאַכט אוממעגלעך, אַז אונזער פאַרטיי זאָל זיך אויף די דאָזיקע פּאָזיציעס קאָנען איינהאַלטן. ס׳איז כמעט נישט פאַראַן קיין פאַרטיי אויף דער וועלט, וואָס איז נישט געווען אַרויס אין יענעם פּעריאָד אַ צעשעדיקטע, אַ געשפּאָלטענע. דער פּרייז, וועלכן דער „בונד" אין פוילן האָט באַצאָלט פאַר זיין דערפאַרונג מיטן קאָמוניזם, איז געווען פאַרהעלטניסמעסיק אַ נישטיקער. ווען דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט אָפּגעוואָרפן די „21 באַדינגונגען" פון קאָמינטערן, האָבן דעם צוזאַמענפאָר פאַרלאָזט פ י נ ף פון פופציק דעמאָקראַטיש געוויילטע דעלעגאַטן. אָט דעם נישטיקן פּרייז האָבן מיר צו פאַרדאַנקען נישט בלויז דעם דעמאָקראַטישן בוי פון אונזער באַוועגונג, נאָר אויך דער טיפער אינערלעכער צוזאַמענגעבונדנקייט וואָס האָבן פון אייביק אָן אויסגעצייכנט דעם „בונד".

דער „בונד" אין פוילן האָט זיך גיך צעשיידט מיט די קאָמוניסטישע אילוזיעס. נאָך אַ ריי יאָרן פוןליידנשאַפטלעכע אָבער חברישע אינערלעכע שטרייטן האָט דאָס באַקומען אַן אָרגאַניזאַציאָנעלן אויסדרוק אינם אָנשלוס אין סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל. אָבער דער „בונד" האָט איינגעזאַפּט אין זיך די אומגעהויערע דערפאַרונג פון די נאָך־מלחמהדיקע רעוואָלוציעס און פון דעם אַלעמען, וואָס איז געשען נאָך זיי, און — אויפן גרונט פון דער דאָזיקער דערפאַרונג און אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און זיינע אייגענע פאַרטייאישע טראַדיציעס — פאָרמולירט זיין שטעלונג צו די גרונט־פּראָבלעמען פון אונזער צייט.

מיר זיינען קעגן רעפאָרמיזם. מיר פאַרוואַרפן די אילוזיע, אַז דער סאָציאַליזם קאָן אויף אַ פרידלעכן ריין דעמאָקראַטישן אופן אַריינוואַקסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. מיר פאַרשטייען די גרויסע באַדייטונג פון די א. ג. דעמאָקראַטישע פרייהייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די ראַמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אָבער די דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרן, ספּעציעל אין דייטשלאַנד און עסטרייך, האָט

בולט באַווייזן די באַגרענעצטקייט פון דער א. ג. פאָרמעלער דעמאָקראַטיע אין קאַמף פאַר סאָציאַליזם. און דעריבער ווייסן מיר, אַז אָן די מעטאָדן פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף וועט זיין אוממעגלעך צו פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם, און אַז דער וועג צו אמתער, ד. ה. סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע פירט דורך אַ פאַראיבערגייענדיקער תקופה פון דיקטאַטור פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַסן.

אָבער פונקט ווי מיר פאַרוואַרפן דעם רעפאָרמיזם, אַזוי פאַרוואַרפן מיר אויך דעם קאָמוניזם. מיר זיינען קעגן דער אַנטי־מאַרקסיסטישער טאַקטיק פון די קאָמוניסטן; אונז איז ווילד־פרעמד דער רעזשים פון אומפרייהייט, פון פרייסישער קאַזאַרמע־פרייהייט, וואָס די קאָמוניסטן האָבן איינגעשטעלט אַפילו אין זייערע אייגענע רייען. מיר באַקעמפן זייער שטרעבונג צו פאַרגוואַלטיקן דעם ווילן פון אַרבעטער־קלאַס, איינצושטעלן אַ דיקטאַטור פון אַ פאָליט־ביוראָ איבער דעם אַרבעטער־קלאַס און מיר פאַראורטיילן אויפן שאַרפסטן אופן די פאַרברעכערישע שפאַלטונגס־פאָליטיק פון די קאָמוניסטן, זייער פאָליטיק פון ברודער־קאַמף אין די אַרבעטער־רייען, וואָס האָט שוין אַזוי פיל אומגליק געבראַכט דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער גאָרער וועלט.

אָט דאָס איז אונזער שטעלונג. מיר פאַרטיידיקן זי זייט יאָרן און יאָרן. די געשעענישן פון דער לעצטער צייט האָבן אונז אין איר באַפעסטיקט.

וואַרשע, 1934.

אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס
אין האַמבורג

אויפן וועג קיין האַמבורג

ווי נאָר איך בין אין בערלין אַריין אין שנעלצוג, וואָס גייט קיין האַמ־בורג, האָב איך זיך שוין דערפילט אין די קולוּאַרן פון קאָנגרעס. גרופן פאַר־שפּעטיקטע דעלעגאַטן, קאָרעספּאָנדענטן און געסט — געסט אָן אַ שיעור.

צווישן די לעצטע — אַ היפּש ביסל פאַרשטייער פונם יידישן ישוב אין בערלין.

אין האַמבורג האָב איך זיך אויפן וואָקזאַל געטראָפן מיטן אַלטיטשקן פּאַוועל אַקסעלראָד. אים האָט אָפּגעוואָרט כמעט די גאַנצע מענשעוויסטישע דעלעגאַציע. דער גרייז־גרויער לערער פונם היינטיקן דור אַרבעטער־טוער אין רוסלאַנד זעט נאָך גאַנץ פריש און מונטער. אַלע זיינע געדאַנקען געהערן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און פריער פאַר אַלץ — דער לאַגע אין רוסלאַנד.

די קאָנפערענץ פון ווינער אינטערנאַציאָנאַל

וועגן דעם אויסגאַנג פון דער קאָנפערענץ האָב איך אייך שוין טעלע־גראַפירט. פּאָליטיש האָט די ווינער אַרבעטס־געמיינשאַפט — אַלס באַזונדערע אָרגאַניזאַציע — אויפגעהערט צו עקזיסטירן באַלד דערנאָך, ווי ס'איז פאַרגע־קומען די פאַראייניקונג פון די דייטשע אומאָפּהענגיקע מיט די מערהייטס־סאָציאַליסטן און נאָכדעם, ווי ס'איז באַשאַפן געוואָרן די געמיינזאַמע צענער־קאָמיסיע פון ביידע אינטערנאַציאָנאַלן, האָט ווין פאַקטיש אויפגעהערט צו עק־זיסטירן אויך אָרגאַניזאַציאָנעל.

די קאָנפערענץ האָט דעריבער געדאַרפט בלויז פאָרמעל סאַנקציאָנירן דעם פאַקטישן מצב. און די אָפּאָזיציע פון לעדעבורס גרופּע און די ווינציקע, וואָס האָבן אים אונטערגעשטיצט, איז פאַר די אַנטיילנעמער פון דער קאָנ־פערענץ געווען בלויז אַ געלעגנהייט — פאַר זיך אַליין און פאַר דער סאָציאַ־ליסטישער עפנטלעכקייט צו פאָרמולירן די מאָטיוון, וועלכע האָבן זיי באַוואויגן זיך צו ליקווידירן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַדלערס רעפעראַט

אַדלער האָט געגעבן אַ היסטאָרישן איבערזיכט פון דער עקזיסטענץ פון דער ווינער אַרבעטס־געמיינשאַפט. דער מאָמענט, אין וועלכן זי איז באַשאַפן געוואָרן, איז געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי היינט. ווין האָט זיך קיין מאָל נישט באַטראַכט אַלס אינטערנאַציאָנאַל, נאָר אַלס מיטל אויפצובויען דעם אינטערנאַציאָנאַל. מאָסקווע האָט מיט איר שפּאַלטונגס־פּאָליטיק רואינירט די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג. די ווינער האָבן געהאָפט, אַז זיי וועט זיך איינגעבן צוריק אויפצושטעלן די פּראָלעטאַרישע איינִיקייט. אָבער דאָס איז נישט אַ פראַגע פון גוטן ווילן. „די פעלערן, וועלכע ס'באַגייען איינצלנע פערזאָנען אָדער גרופּן, זיי ליגן אין אַנטוויקלונגס־פּראָצעס פון פּראָלעטאַריאַט. מיר האָבן דערפילט אונזער מיסיע — אָפּצוהיטן דעם אַרבעטער־קלאַס פון וויטערדיקע שפּאַלטונגען, הגם די אַנטוויקלונג איז געגאַנגען מיט אַן אַנדער וועג, ווי מיר האָבן געהאָפט. היינט מוזן מיר ציען די קאָנסעקווענצן פון דער נייער לאַגע.“

די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע ווערט אַלץ שטאַרקער. ס'איז אוממעגלעך ווייטער צו וואַרטן. מ'מוז זיך פאַראייניקן.

„אַוודאי זיצן אין 2טן אינטערנאַציאָנאַל מענטשן און פּאַרטייען, וועלכע געפעלן אונז נישט, אָבער דעם דאַזיקן קרבן מוזן מיר אויף זיך נעמען.“

וועגן קאָמינטערן זאָגט אַדלער: „מיטן 3טן אינטערנאַציאָנאַל גייען מיר זיך פאַנאַנדער דעריין, וואָס מיר פאָדערן דעמאָקראַטיע און נישט דיקטאַטור אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט. אַזוי לאַנג, ווי ס'וועט צווישן אונז פאַרבלייבן דער דאַזיקער אונטערשיד, אַזוי לאַנג וועלן נישט האָבן קיין טעם אַלע רייד וועגן איינהייטלעכן פראָנט.“

אַדלער האָפט, אַז די פאַראייניקונג מיטן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל וועט געבן די ווינער די מעגלעכקייט אין אַ ברייטערן ווירקונגס־קרייז צו קעמפן פאַר זייערע אידעען.

אַבראַמאָוויטשעס רעפעראַט

אין זעלבן זין איז אויך געווען אויסגעהאַלטן אַבראַמאָוויטשעס רעפעראַט. פּאָלעמיזירנדיק מיט לעדעבורן, דערקלערט ער, אַז אַוודאי איז זייער לייכט מיט ציטאַטן אין האַנט צו באַווייזן די סתירות אין דער אַמאָליקער און היינטיקער שטעלונג פון די ווינער. אָבער דעריין זיינען שולדיק נישט די ווינער נאָר די געענדערטע באַדינגונגען. „מיר האָבן הינטער זיך צוויי צעשטערטע רעוואָלוציעס — די דייטשע און די רוסישע.“ נישט נאָר איין לעדעבור, אַ סך לעדעבורס וואָלטן געווען אַנמעכטיק לגבי דעם אָביעקטיוון גאַנג פון דער אַנטוויקלונג אין דייטשלאַנד. די אומאָפּהענגיקע האָבן זיך געמוזט פאַראייניקן מיט די מערהייטס־סאָציאַליסטן, ווייל זיי האָבן נישט באַוויזן צו באַקומען אויף זייער זייט די מערהייט פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס, און צוליב

די זעלביקע טעמים מוז זיך אויך ווין פאַראייניקן מיט לאָנדאָן. מ׳קאָן זיך נישט פאַרוואַנדלען אין אַ סעקטע רעוואָלוציאָנערע יחידים. מ׳מוז זיך פאַרבינדן מיט די מאַסן.

די דייטשע סאָצ. דעמ. קלאָגן־אָן די טשעכן

מיט אַ געשפּאַנטער אויפמערקזאַמקייט איז אויסגעהערט געוואָרן דער דעלעגאַט פון דער דייטשער ס. ד. אין טשעכאָסלאָוואַקיע. ער איז נישט קעגן דער פאַראייניקונג, אָבער ער שטעלט זיך נישט פאָר, ווי וועט ער זיך געפינען אין איין אינטערנאַציאָנאַל מיט די טשעכישע ס. ד., וועלכע זיצן אין דער רע־גירונג און באַטייליקן זיך אַקטיוו אין דער אויסראָטונגס־פּאָליטיק לגבי די נאַ־ציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס ווערט געפירט אין טשעכאָסלאָוואַקיע.

די זעלביקע ספקות האָט אויך דער סערב טאָפּאַלאָוויטש. אויך אין יוגאָ־סלאַוויע זיינען פאַראַן צוויי ס. ד. פּאַרטייען. טאָפּאַלאָוויטש איז דער פאָר־שטייער פון די לינקע, און ער דערציילט וועגן דעם ביטערן קאַמף, וועלכן אים און זיינע חברים קומט אויס אויסצושטיין קעגן דעם אָפּאָרטוניזם און נאַציאָ־נאַליזם פון די רעכטע.

אָן התלהבות רעדט וועגן דער פאַראייניקונג אַפילו דער אַמעריקאַנער הילקוויט. דאָס האָט ער טאַקע דער ערשטער געוואָרפן אויף דער קאָנפערענץ דאָס וואָרט וועגן „געשעפט־שידוך״.

אָבער דער טעמפּעראַמענטפולער פראַנצויז פאָר וויל נישט מ׳זאָל אין אַזאַ טאָן רעדן וועגן דער פאַראייניקונג. אויב חתונה האָבן מוז מען, דאַרף מען נישט באַשפייען, זאָגט ער, נישט די כלה און נישט די מחותנים. און ער האַלט, אַז די כלה איז גאָרנישט אַזוי מיאוס, אָט האָבן די פראַנצויזן ביי זיך אין דער פּאַרטיי סיי צענטריסטן, סיי רעכטע און זיי אַרבעטן גאַנץ גוט צוזאַמען.

די נייך־זאָגער

אַזוי איז געווען די שטימונג פון די יאָ־זאָגער. די נייך־זאָגער זיינען באַשטאַנען בסך־הכל פון זעקס מאַן: צוויי פאָרשטייער פון דער לעדעבור־גרופּע, צוויי רוסישע לינקע ס. ר. און צוויי דראַבנעראָוועצעס.

די דעקלאַראַציע פונם לינקן ס. ר. שטיינבערג האָט אויף דער קאָנפע־רענץ נישט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק. קיינער האָט זיך נישט גערעכנט ערנסט אויך מיט דראַבנערס אַרויסטרעטונגען. אָבער באמת טראַגיש איז געווען אויף דער קאָנפערענץ די פיגור פונם 70־יאָריקן לעדעבור, וועלכער האָט מיט אַ טיפן גלויבן און מיט אַ יוגנטלעכן ברען געקעמפט ביז צו דער לעצטער מינוט. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט די פראַגע אַוועקגעשטעלט אויף אַ פּרינציפּיעלער הויך, און זיין ליידנשאַפטלעכער קאַמף מיט זיינע ווינער חברים פאַר די פּרינציפּן... פון ווין האָט באַשאַפן אויף דער קאָנפערענץ אַ רייע דראַמאַטישע מאָמענטן.

לעדעבור האָט געזאָגט, אַז אין אַדלערס רעפעראַט האָט ער נישט געפונען קיין ענטפער אויף דער וויכטיקסטער פראַגע. דהיינו — צוליב וואָס דאַרף אייגנטלעך די פאַראייניקונג פאַרקומען? ער האָט דערמאָנט די קאָנפערענץ, אַז איינע פון די אויפגאַבן פון דער ווינער אַרבעטס־געמיינשאַפט איז געווען — מיטצוהעלפן דער וועלט־רעוואָלוציע. און ער פרעגט, צי די פאַראייניקונג וועט מיטהעלפן צו רעאַליזירן די דאָזיקע אויפגאַבע? לויט זיין מיינונג — ניין. ער אילוסטרירט זיין געדאַנק מיט דער טעטיקייט פון דער דייטשער פאַרטיי און מיט דער טעטיקייט פון לאָנדאָן. די פאַראייניקונג וועט באַטייטן נאָר אַ פאַרקריפלונג פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זי וועט נאָך שווערער מאַכן דעם וועג, וואָס פירט צו דער פאַראייניקונג פון גאַנצן פראָלעטאַריאַט. ער איז זיכער, אַז סיי דער 2טער, סיי דער 3טער אינטערנאַציאָנאַל וואָלטן זיך מיט דער צייט געמוזט ענדערן, און דאַן וואָלט זיך געעפנט אַ מעגלעכקייט פון אַווירקלעכער פאַראייניקונג.

לעדעבור האָט וואַרשיינלעך אַליין נישט געהאָפט, אַז זיינע אַרגומענטן זאָלן נאָך קאָנען וואָס נישט איז ענדערן. קיין איין שטים, אַחוץ די, וואָס זיינען שוין לכתחילה געווען מיט אים, האָט ער נישט געוואונען. און אַפילו פון די זעקס דעלעגאַטן, וואָס האָבן געשטימט קעגן דער פאַראייניקונג, האָבן די צוויי דראָבנעראָוועס באַלד אויפן אָרט דערקלערט, אַז זיי גייען יאָ צום פאַראייניקונגס־קאָנגרעס. מחוץ למחנה זיינען פאַרבליבן נאָר לעדעבור און די לינקע ס. ר.

ווין האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

צווייטער טאָג

פּראָטעסט קעגן ענגלישן אולטימאַטום צו רוסלאַנד

די מאָרגן־זיצונג פון קאָנגרעס האָט זיך אָנגעהויבן ביי אַ זייער געשפּאַנטער און נערוועזער שטימונג.

באַלד אין אָנהייב האָט באַקומען אַ וואָרט צו אַן אויסערגעוויינלעכער דערקלערונג הענדערסאָן, וועלכער האָט באַקאַנט געמאַכט דעם קאָנגרעס מיטן ענגלישן אולטימאַטום צו ראַטן־רוסלאַנד.

אין אַ שאַרפן טאָן האָט הענדערסאָן, אין נאָמען פון דער ענגלישער דעלעגאַציע און אין נאָמען פון פרעזידיום פון קאָנגרעס פּראָטעסטירט קעגן דעם פּרוּאוו פון דער ענגלישער רעגירונג צו פאַרענטפערן די פראַגע וועגן די ענגליש־רוסישע באַציאונגען דורך אולטימאַטומס. ער האָט געשטעמפּלט אַלס צביעות די כלומרשטע אויפגעבראַכטקייט פון די הערשנדיקע ענגלישע קרייזן קעגן די רדיפות אויף גייסטלעכע אין רוסלאַנד. הענדערסאָן איז קעגן סיסטעם פון טעראָר סיי בנוגע גייסטלעכע, סיי בנוגע אַנדערש־דענקענדיקע סאָציאַליסטן. אָבער — דערקלערט ער — די ענגלישע רעגירונג האָט נישט איבער־

געריסן אירע באַציאונגען מיט איטאַליע צוליב דעם פאַשיסטישן טעראָר קעגן אַרבעטער־קלאַס און האָט אויך נישט איבערגעריסן אירע באַציאונגען מיט האָרטי־אונגאַרן צוליב די בלוטיקע מעשים פון די האָרטי־באַנדעס.

הענדערסאָן דערקלערט, אַז די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי וועט זיך נישט באַגרענעצן מיט אַ פּראָטעסט אויפן קאָנגרעס. זי וועט פירן אַן ענערגישן קאַמף קעגן דער ענגלישער פּאָליטיק לגבי רוסלאַנד ביי זיך אין דער היים. ער פאָדערט אויף דעם קאָנגרעס איינשטימיק אויסצודריקן זיין פּראָטעסט קעגן אולטימאַטום.

הענדערסאָנס רעדע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. די פראַגע האָט אויף אַ ווילדע אויפגעטרייסלט דעם קאָנגרעס.

נאָך הענדערסאָנען האָט באַקומען אַ וואָרט אַבראַמאָוויטש, אַלס פאָר־שטייער פון דער רוסישער דעלעגאַציע. ער דערקלערט, אַז נישט געקוקט אויפן קאַמף, וועלכן די רוסלענדער ס. ד. פירן קעגן דער סאָוועטן־רעגירונג, וואַרפן זיי מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט אָפּ יעטוועדן געדאַנק פון אַ וועלכער נישט איז „הילף" מצד די אימפּעריאַליסטישע רעגירונגען, און פאָדערט פון זיין זייט אָנצונעמען דעם פּראָטעסט קעגן דער ענגלישער נאָטע.

דער פּראָטעסט ווערט איינשטימיק אָנגענומען.

רעפעראַט פון אָטאָ באַוער

דער קאָנגרעס טרעט צו צו דער אייגנטלעכער טאָג־אָרדענונג און הערט אויס דעם רעפעראַט פון אָטאָ בויער וועגן קאַמף מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע.

דער רעפעראַט איז געווען גלענצנד סיי לויט זיין רייכן אינהאַלט, סיי לויט דער פאָרם.

באַוער האָט אָנגעהויבן מיט אַ גלענצנדיקער היסטאָרישער אַנאַלאָגיע. „די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע — האָט ער געזאָגט, — קאָן היינט פייערן איר 100־יעריקן יובילעי. דעם 23טן מאַי 1823 האָט דאָס פראַנצויזישע מילי־טער אַריינגעמאַרשירט קיין מאַדריד, כדי צו דערשטיקן די שפּאַנישע רעוואָלוציע און אונטערצושטיצן פערדינאַנד דעם 1טן, וועגן וועלכן דער דעמאָלטיקער פראַנצויזישער קעניג האָט אַליין געזאָגט, אַז דאָס איז דער „ראַפינירסטער אויסוואורף פון אייראָפּע". דאָס איז געווען די צייט, ווען דער אַ. ג. „הייליקער אַליאַנס", ד. ה. דער פאַרבאַנד פון דריי קיסרים האָט געמאַכט „אָרדענונג" אין אייראָפּע, און אומעטום מיט בלוט און אייזן אונטערגעדריקט די פרייהייטס־באַוועגונג פון בירגערטום. היינט וויל דאָס אייגענע בירגערטום מיט בלוט און אייזן אונטערדריקן די פרייהייטס־באַוועגונג פונם אַרבעטער־קלאַס.

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט דאָס דעמאָקראַטישע בירגערטום געשאַפן אינטערנאַציאָנאַלע פאַראייניקונגען, כדי צו באַקעמפן דעם דעספּאָטיזם פון זייערע הערשער, כדי צו נישט צו מאַכן די אָפּמאַכן פון 1815; היינט פאַראייניקט

זיך דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס, כדי צו קעמפן קעגן די אַפּמאַכן פון 1919, קעגן דער פּאָליטיק פון ווייסן טעראָר, קעגן פאַשיזם.

פינף געפאַר־פונקטן, זאָגט באַוער, נוצט איצט אויס די אייראָפּעאישע רעאַקציע.

דער ערשטער — דאָס איז די רוסישע פּראָבלעם. די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע וויל, מיט דער הילף פון אינטערווענץ־פּאָליטיק, דערשטיקן די רוסישע רעוואָלוציע. און בעת מען רעדט וועגן מיליטערישער אינטערווענץ, זאָגט באַוער, דאַרף מען געדענקען, אַז די ערשטע, וואָס האָבן דעם מיטל גע־פּרואווט אָנווענדן קעגן רוסלאַנד, זיינען געווען דווקא די צענטראַל־מלוכות. ער דערמאָנט וועגן דער דייטשער אינטערווענץ אין פינלאַנד, וועגן דער אָקו־פּאַציע פון אוקראַינע, וועגן די מיליטערישע פּלענער פון לודענדאָרף, וועלכער האָט פאַרגעשלאָגן זיין הילף דעם פראַנצויזישן מאַרשאַל פאָש.

מיט דער שפּאַלטונגס־פּאָליטיק אינם אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב און מיט איר סיסטעם פון טעראָר אין רוסלאַנד, האָט די ראַטן־מאַכט באַדייטנדיק פאַרשווערט די אויפגאַבע פון אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט און זיך אַליין אינגוויינזיק אָפּגעשוואַכט. אָבער די אינטערנאַציאָנאַלע אימפּעריאַליסטישע בורזשואַזיע, וואָס האָט אַזוי פיל פאַרברעכנס אויף איר געוויסן, האָט נישט קיין מאָראַלישע רעכט זיך אין די זאַכן צו מישן. איר גייען טאַקע נישט אָן די באָלשעוויקעס; זי וויל פאַרניכטן די רעוואָלוציע בכלל.

ווי גרויס ס׳זאָלן נישט זיין די חלוקי־דעות צווישן אונז און די באָלשעווי־קעס, זאָגט באַוער, איז דאָס די אויפגאַבע פון גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבע־טער־קלאַס צו שיצן די רוסישע רעוואָלוציע. און באַזונדערס ערנסט איז אין דעם פּרט די אויפגאַבע פון די שכנותדיקע צו רוסלאַנד לענדער.

די צווייטע פּראָבלעם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאָלאָסאַלע סכנה פאַרן אַרבעטער־קלאַס, דאָס איז — דייטשלאַנד. פּונקט ווי מיט הונדערט יאָר צוריק מאַרשירן היינט איבער אייראָפּע אַרמייען אַפילו אָן אַ שום מלחמה־דערקלערונג. און אונטער דער ווירקונג פון דער ווערסאַלער פּאָליטיק לגבי דייטשלאַנד, איז אין דייטשלאַנד מוראדיק אויסגעוואַקסן די רעאַקציאָנערע סכנה. די דייטשע רעאַקציע איז באַזונדערס גרויס צוליב דעם, וואָס איר נצחון וואָלט באַדייט אַ נייע אייראָפּעאישע מלחמה; און דער קוואַל, פון וועלכן זי שעפּט איר הויפּט־יניקה — דאָס איז דער פראַנצויזישער אימפּעריאַליזם. די פאַראַרעמטקייט פון דער דייטשער באַפעלקערונג, די כסדרדיקע דערני־דעריקונג פון דער מענטשלעכער ווירדע אין דער דייטשער באַפעלקערונג — דאָס גראָבט אונטער דעם פרייהייטס־גייסט אין די מאַסן און שטופּט זיי אין די אָרעמס פון דער רעאַקציע.

קעגן דער דייטשער רעאַקציע מוזן קעמפן די דייטשע אַרבעטער, אָבער עס מוז זיי קומען צו הילף דער אַרבעטער־קלאַס אין אַלע לענדער פון דער גרויסער און קליינער אַנטאַנט.

דער דריטער געפֿאַר־פּונקט איז דאָס פֿאַשיסטישע איטאַליע. דער נצחון פֿון מוסאָליני האָט צוגעגעבן מוט דער רעאַקציע אין אַלע לענדער.

דער קאַמף מיטן פֿאַשיזם מוז זעלבסטפֿאַרשטענדלעך געפֿירט ווערן אין יעטווידן לאַנד באַזונדער און נישט נאָר דורך אַן אַפּעל צו די פּרינציפּן פֿון דעמאָקראַטיע, נאָר מיט נייע מערווירקזאַמע מיטלען. אָבער דער קאַמף דאַרף געפֿירט ווערן אויך אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. נישט מיט דער הילף פֿון אינטערווענצן, נאָר מיט דער הילף פֿון אַ מאָראַלישן(!) דרוק אויפֿן פֿאַשיסטישן איטאַליע. מוסאָליני באַמיט זיך, אַז קיין אויסלאַנד זאָלן נישט דערגיין קיין אמתע ידיעות וועגן איטאַליע. די דאָזיקע מויער דאַרף געבראָכן ווערן. עס מוז אָרגאַניזירט ווערן אַ געהעריקע אינפֿאָרמאַציע וועגן איטאַליע. מען מוז מאָביליזירן קעגן פֿאַשיזם דאָס געוויסן פֿון דער ציוויליזירטער וועלט (?).

די פֿערטע געפֿערלעכע נעסט פֿון דער רעאַקציע אין אייראָפּע איז אונגאַרן. באַוער שילדערט, ווי אַזוי די אַנטאַנט־מלוכות האָבן כסדר געשיצט און שיצן עד־היום דאָס ווייסע אונגאַרן. אַוודאי איז אויך אונגאַרן אין די אָפּמאַכן פֿון 1919 באַעוולט געוואָרן. אָבער אַזוי לאַנג, ווי דאָס האָרטי־אונגאַרן וועט זיין אַ גהינום פֿאַר די אונגאַרישע אַרבעטער, האָט עס נישט קיין רעכט צו פֿרע־טענדירן אויפֿן מיטגעפֿיל פֿון אַרבעטער־קלאַס.

דער אומגליק באַשטייט אָבער נישט נאָר דערין, וואָס אונגאַרן פֿאַר־מאָגט באַוואָפֿנטע באַנדעס און שטיצט זיך אויף דער אַנטאַנט, האָרטי באַזיצט נאָך אַ מאָראַליש געווער, וואָס באַשטייט דערין, אַז אין געוויסע הינזיכטן איז די לאַגע אין די שכנותדיקע לענדער, ווי אין יוגאָסלאַוויע, רומעניע און אַפֿילו טשע־כאָסלאָוואַקיע (די נאַציאָנאַלע פּראָבלעם) נאָך ערגער איידער אין נאַצי־אונגאַרן.

און ענדלעך שטעלט זיך באַוער אָפּ אויף עסטרייך. אויך דאָ איז די רעאַקציע באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן אַדאַנק דער פּאָליטיק פֿון דער אַנטאַנט. „דער עסטרייכישער פּראָלעטאַריאַט, זאָגט אָטאָ באַוער, פֿאָדערט ביי אייך נישט קיין הילף אין קאַמף מיט זיין רעאַקציע. מיט איר וועלן מיר זיך אַליין אַן עצה געבן. אָבער ער ווייזט אָן אויף דער גרויסער סכנה, וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאַר די פֿעלקער־ליגע. זי האָט מיט איר פֿינאַנציעלער אינטערווענץ פֿאַרשקלאַפֿט עסטרייך און פֿאַרשטאַרקט אין איר די רעאַקציע; זי האָט בדעה, נאָך עסטרייך, צו מאַכן דעם זעלביקן עקספּערימענט מיט אונגאַרן און דייטש־לאַנד. זי פֿאַרוואַנדלט זיך ביסלעכוויז אין אַן אָרגאַן פֿון אַ נייער הייליקער אַליאַנס, וואָס וויל דערשטיקן אין גאַנץ אייראָפּע די אַרבעטער־באַוועגונג.

כדי צו באַקעמפֿן די אַלע סכנות, איז וויניק אָנצונעמען גוטע רעזאָלוציעס. איך שלאָג נישט פֿאָר נישט קיין מיליטערישע אינטערווענץ און אַפֿילו נישט קיין גענעראַל־סטרייק. ס'איז נויטיק אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט, אַ גוטע קעגנ־זייטיקע אינפֿאָרמאַציע(!). ס'איז נויטיק צו קאָאָרדינירן סיי די פּאַרלאַמענטאַ־רישע, סיי די אויסער פּאַרלאַמענטאַרישע טעטיקייט פֿון די אַרבעטער־פּאַרטייען פֿון דער גאַנצער וועלט.

נישט געקוקט אויף דעם שוואַרצן בילד, וועלכן איך האָב אויסגעמאָלט — זאָגט באָוער צום שלוס, — בין איך ווייט נישט קיין פּעסימיסט. באָוער פירט ווייטער די אַנאַלאָגיע, מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבן. בעת אויפן קאָנטינענט האָט אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט געווילדעוועט די רעאַקציע, איז אין ענגלאַנד אויסגעוואַקסן דער ליבעראַליזם, וועלכער האָט געבראָכן די מויער פון דער רעאַקציע. אַן ענלעכע דערשיינונג שטעלט מיט זיך פאָר דער וואוקס פון דער לייבאָר־פּאַרטיי. דער דאָזיקער וואוקס טראָגט מיט זיך דעם צוזאָג פון אונזער נאָענטן נצחון איבער דער אַלוועלטלעכער רעאַקציע.

***

איך האָב אייך געשריבן אין מיין לעצטן בריוו וועגן באָוערס רעפעראַט. צו דעם דאָזיקן פּונקט פון דער טאָג־אָרדענונג איז געווען געמאָלדן נאָך איין רעפעראַט, ספּעציעל

וועגן דער רוסישער פראַגע

וואָס ס'האָט געזאָלט לייענען באַלד נאָך באָוערן — אַבראַמאָוויטש. אָבער נאָך באָוערס רעפעראַט איז די זיצונג אומגעריכטערהייט איבערגעריסן געוואָרן. ווי איך בין שפּעטער אין די קולואַרן געוואָר געוואָרן, איז דאָס געשען הויפּטזעכלעך אויפן פאַרלאַנג פון די ענגלענדער.

אַבראַמאָוויטשעס רעפעראַט האָט געזאָלט אַנטהאַלטן אַ זייער שאַרפע פּאָליטישע אָרויסטרעטונג קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. און די ענגלענדער האָבן געהאַלטן, אַז ביי דער צוגעשפּיצטער לאַגע פון די ענגליש־רוסישע באַציאונגען, וועט אַ שאַרפע אַרויסטרעטונג פון קאָנגרעס קעגן דער ראַטן־רעגירונג זיין פאַר דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי אַן ערנסטע שטערונג אין איר קאַמף קעגן קערזאָנען. די ענגלישע דעלעגאַציע האָט דעריבער געוואָלט — אויב נישט אין גאַנצן אַראָפּנעמען פון דער טאָג־אָרדענונג אַבראַמאָוויטשעס רעפעראַט, איז ווייניקסטנס דערשלאָגן זיך, אַז זיין אינהאַלט זאָל אַזוי ווייט ווי מעגלעך אָפּגעשוואַכט ווערן, און צו דעם צוועק איז דער רעפעראַט אָפּגעלייגט געוואָרן אויף מאָרגן.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. אַבראַמאָוויטש האָט געהאַלטן זיין רעפעראַט ערשט דעם 23טן און זיין אינהאַלט איז געווען גאָר אַן אַנדערער, אייידער ער האָט געזאָלט זיין לויט די טעזן, וואָס זיינען געווען אָפּגעדרוקט נאָך פאַרן קאָנגרעס. לויט די טעזן האָט דער רעפעראַט געזאָלט אַנטהאַלטן פריער פאַר אַלץ אַ פּאָליטישע אָפּשאַצונג פון דער ראַטן־מאַכט. אין דער אמתן האָט אַבראַמאָוויטש געגעבן הויפּטזעכלעך אַן אַנאַליז פון סאָציאַלן אינהאַלט פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פונעם היינטיקן עקאָנאָמישן מצב פון רוסלאַנד. און נאָר צום סוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אינערלעך־פּאָליטישן

רעזשים אין רוסלאַנד. פאַר די יעניקע, וואָס אינטערעסירן זיך מיט רוסלאַנד, האָט דעריבער דער רעפעראַט ביי אַזאַ בוי קיין נייע געדאַנקען נישט געקאָנט אַנטהאַלטן.

אַבראַמאָוויטש האָט אונטערגעשטראָכן דעם בירגערלעכן, דעם פויערישן כאַראַקטער פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע. די אַלגעמיינע פּראָדוקציע איז באַדייטנדיק געפאַלן, די ערד־פּראָדוקציע מאַכט היינט אויס 40־60 פּראָצענט פון דער פאַר־מלחמהדיקער פּראָדוקציע. די אינדוסטריעלע — נאָר 10 פּראָצענט. דער גרעסטער טייל פון דער פּראָדוקציע געפינט זיך, אמת, אין די הענט פון דער מלוכה. אָבער בעת די פּריוואַט־אינדוסטריע אַרבעט מיט ריווח, גיבן די מלוכהשע אונטערנעמונגען אַ גרויסן דעפיציט.

די סיבה דערפון זעט אַבראַמאָוויטש אין ביוראָקראַטישן כאַראַקטער פון מלוכה־אַפּאַראַט. ער רעדט וועגן דער דיקטאַטור פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועגן דער רעכטלאָזיקייט פון די מאַסן, וועגן סיסטעם פון טעראָר. דעם איינציקן אויסוועג פון דער היינטיקער לאַגע זעט אַבראַמאָוויטש אין איבער־גאַנג פון דיקטאַטור צו דעמאָקראַטיע אונטער דער העגעמאָניע פון אַרבעטער־קלאַס.

באַוּערס און אַבראַמאָוויטשעס רעפעראַטן זיינען געווען די איינציקע, אַרום וועלכע ס׳איז אויפן קאָנגרעס פאָרגעקומען אַ דיסקוסיע. ביי אַלע איבעריקע פונקטן פון טאָג־אָרדענונג איז די דיסקוסיע פאָרגעקומען אויסשליסלעך אין די קאָמיסיעס.

אין דער דעבאַטע וועגן

קאַמף מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע

האָט דער ערשטער גענומען דאָס וואָרט דער איטאַליענער מאָדיליאַני. ער האַלט, אַז אַבראַמאָוויטש איז אין גאַנצן גערעכט מיט זיין קריטיק פון סאָוועטן־סיסטעם, אָבער דער קאָנגרעס, זאָגט ער, קאָן זיך נישט שטעלן לגבי רוסלאַנד אויסשליסלעך אויפן שטאַנדפּונקט פון קריטיק, ווייל דאָס וואָלט פאַרשאַפט צופיל נחת־רוח דער בורזשואַזיע. ס׳זיינען אַבסאָלוט נויטיק ענדע־רונגען אין דער אינערלעכער רוסלענדער פּאָליטיק. אָבער מ׳טאָר נישט פאַר־געסן, זאָגט מאָדיליאַני, וועגן דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דער רוס־לענדער רעוואָלוציע. ער מיינט, אַז דאָס סיסטעם פון דיקטאַטור מיט זיינע עקסצעסן איז אפשר אַ רעזולטאַט פונם ווידערשטאַנד מצד דער בורזשואַזיע.

מאָדיליאַני גייט איבער צו דער לאַגע אין איטאַליע.

די איטאַליענישע סאָציאַליסטן וואָלטן אַפילו געהאַט דאָס רעכט צו קומען צום אינטערנאַציאָנאַל מיט אַ וויי־געשריי. ער טוט דאָס אָבער נישט. די סאָציאַ־ליסטן אין איטאַליע וועלן נאָך פּרואוון ביי זיך אין דער היים דורכפירן די דין־תורה מיטן פאַשיזם. ער וויל אָבער אויפקלערן דעם כאַראַקטער פון איטאַליענישן פאַשיזם. לויט זיין מיינונג, איז די געוואַלט נישט דאָס כאַראַקטעריסטישסטע

אין פאַשיזם. דאָס איז אפשר נאָר אַ פאַריבערגייענדיקע דערשיינונג. דער עיקר פון פאַשיזם באַשטייט אין עפּעס אַנדערש. פאַר דער מלחמה איז די איטאַליענישע בורזשואַזיע נישט געווען אָרגאַניזירט, און דעריבער האָט זיך דעם איטאַליענישן אַרבעטער־קלאַס איינגעגעבן פאַרהעלטנישמעסיק לייכט אויסצוקעמפן פאַר זיך אַ סך דעמאָקראַטישע פרייהייטן. היינט האָט זיך די בורזשואַזיע אָרגאַניזירט, זי וויל הערשן. און די מלחמה האָט זי אויסגעלערנט זיך צו באַנוצן מיט ברוטאַלע מיטלען. דורך דעם פאַשיסטישן טעראָר וויל זי קומען צו אַן אָרגאַניזירטער און „לעגאַלער" געוואַלט.

אין קאַמף מיט דער רעאַקציע, זאָגט מאָדעליאַני, איז צו ווייניק צו מאָביליזירן קעגן איר די געזעלשאַפטלעכע מיינונג. דער אַרבעטער־קלאַס מוז שטרעבן צו דער מאַכט.

וואָס מאָדיליאַני האָט מיט די דאָזיקע ווערטער געמיינט, איז פון זיין רעדע נישט געווען אין גאַנצן קלאָר. פון אַ פאָר זיינע באַמערקונגען האָט מען זיך אָבער געקאָנט אָנשטויסן, אַז אונטער דעם „שטרעבן צו דער מאַכט", האָט ער פאַרשטאַנען — די באַטייליקונג פון סאָציאַליסטן אין קאָאַליציע־רעגירונגען. אַזוי, למשל, האָט ער קאָנסטאַטירט, אַז אין משך פון די לעצטע יאָרן האָבן די סאָציאַליסטן אין אַ רייע מערב־אייראָפּעאישע לענדער אַוועקגעגעבן די דערגרייכטע מאַכט־פּאָזיציעס. ער האָט אַרויסגעזאָגט ווייטער די מיינונג, אַז אויב אויפן אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס אין יאָר 1901 וואָלט געווען געזיגט דער שטאַנדפּונקט פון זשאָרעסן (פאַר באַטייליקונג אין בירגערלעכע רעגירונגען), וואָלט אפשר צו דער וועלט־מלחמה נישט געווען געקומען...

צום אָנהויב פון דער זיצונג האָט דער פאָרזיצער פאַרגעלייענט אַ בריוו פון די אונגאַרישע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו קומען צום קאָנגרעס; און אויך אַ בריוו פון צ. ק. פון די רוסישע ס. ר., וועלכער האָט געמאָלדן, אַז צום קאָנגרעס זיינען אויסגעוויילט געוואָרן גאָץ, טימאָפעיעוו, ראַקאָוו און ראַטנער. זיי זיינען נישט געקומען, ווייל זיי זיצן אין תפיסה.

***

די נאָכמיטאָג־זיצונג פון 23טן מאַי איז געווען געווידמעט דעם באַריכט פון דער מאַנדאַט־קאָמיסיע, וועלכן ס'האָט אָפּגעגעבן קריספּיען, און דעם סטאַטוט פון אינטערנאַציאָנאַל.

צום קאָנגרעס זיינען געקומען און צוגעלאָזן געוואָרן 426 דעלעגאַטן פון 20 לענדער מיט באַשטימונגס־רעכט, און 194 — מיט באַראַטונגס־רעכט. צוזאַמען — 620 דעלעגאַטן.

אַחוץ דעם האָבן זיך געמאָלדן נאָך אַ ריי דעלעגאַטן פון פאַרשידענע פּאַרטייען. אַ טייל פון די דאָזיקע ווענדונגען זיינען אָפּגעוואָרפן געוואָרן, דהיינו — פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (התאחדות), פון ד' גרוזי־

נישע סאָצ. פעדעראַליסטן, פון דער טשעכישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (קלאָפּאַטש), פון דער רוסישער ס. ד.־גרופּע „זאַריאַ". די איבעריקע ווענדונגען — למשל פון די „פּאַראַייניקטע" אין רוסלאַנד, פון די ווייסרוסישע און אוקראַאינישע ס. ד. — זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דעם נייעם עקזעקו־טיוו. דער עקזעקוטיוו וועט אַחוץ דעם אויך באַטראַכטן די פּראַגע וועגן די פּועלי־ציון, מיט וועלכע ער ווייס נישט וואָס צו טאָן: קיין לאַנד־פּאַרטיי איז דאָס נישט, און אַלס וועלט־פּאַרבאַנד קאָנען זיי נישט אָנגענומען ווערן.

סטאַטוט פון אינטערנאַציאָנאַל

מ'טרעט צו צו איינעם פון די וויכטיקסטע פּונקטן פון טאָג־אָרדענונג — צום סטאַטוט. ס'רעפערירט פרידריך אַ ד ל ע ר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַדלער אַנאַליזירט דעם פּונקט וועגן דער אָבליגאַטאָרישקייט פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַשלוסן און דעם פּרינציפּ, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל מוז זיין טעטיק סיי בעתן שלום סיי בעת דער מלחמה. „דאָס וואָס איז געווען, דאָס טאָר זיך מער נישט איבערחזרן", זאָגט ער.

אַדלער שטעלט זיך נאָך אָפּ אויף דעם פּונקט פון סטאַטוט, וועלכער פאָדערט, אַז אויב אַ מיטגליד פון עקזעקוטיוו ווערט אַ מיניסטער, מוז ער אַרויסטרעטן פון עקזעקוטיוו. אַדלער דערקלערט, אַז צוויי פראַגן וועלן אַפילו נאָכן קאָנגרעס פאַרבלייבן אָפן אין נייעם אינטערנאַציאָנאַל: די פראַגע וועגן אָנטייל אין קאָאַליציע־רעגירונגען און די פראַגע וועגן פאָטערלאַנד־פאַר־טיידיקונג.

צום סוף שטעלט זיך אַדלער אָפּ אויף דער פראַגע וועגן איינהייטלעכן פראָנט. די פראַגע האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן קאָנגרעס דערפאַר, ווייל דעם טאָג, ווען ער האָט זיך געעפנט, האָט זיך דער קאָמיטעט פון דער פראַנק־פורטער קאָנפערענץ פון די קאָמ. פּאַרטייען געווענדעט צום קאָנגרעס מיט אַן אָפענעם בריוו, אין וועלכן ער האָט פאָרגעשלאָגן אַ געמיינזאַמע אַקציע קעגן רעאַקציע און אימפּעריאַליזם, אַן אַקציע, וואָס זאָל זיך אויסדריקן אין אַן איינטאָגיקן סטרייק. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט זיינען קיין האַמבורג אָראָפּ־געקומען אַ רייע קאָמוניסטישע פירער, וועלכע האָבן געפאָדערט מען זאָל זיי געבן די מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן פאַרן קאָנגרעס און צו באַגרינדן זייער פאָרשלאָג. אַדלער האָט דערקלערט, אַז די פראַגע מוז באַהאַנדלט ווערן רואיק און ערנסט, ער האָט אָבער ווייניק האָפענונגען, אַז פון די דאָזיקע אונטערהאַנד־לונגען זאָל עפּעס פּאָזיטיוועס אַרויסקומען. ווייל דערצו איז נויטיק די קאָמוניסטן זאָלן אָנערקענען דעם פּרינציפּ, אַז וועגן מאַסן־אַרויסטרעטונגען דאַרף דעצידירן די גרויסע מערהייט פון אַרבעטער־קלאַס, — דעם פּרינציפּ פון פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע.

דער סטאַטוט איז איינשטימיק באַשטעטיקט געוואָרן. די דעלעגאַטן זיינען

אויפגעשטאַנען און געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אָבער קיין שטימונג איז פאַרט נישט געווען. קיין געפיל פון אייניקייט און געשלאָסנקייט האָט זיך פאַרט נישט באַקומען...

***

דער קולמינאַציע־פונקט פון האַמבורג איז בלי־ספק געווען — די פראַגע וועגן

קאַמף מיטן אימפּעריאַליזם

דאָס איז געווען דער איינציקער טאָג, ווען די אַפּאַטישע דעלעגאַטן־מאַסע איז אויפגעטרייסלט געוואָרן, און אין זיצונגס־זאַל און אויף דער גאַלעריע האָט זיך געשפּירט אַ געוויסע באַגייסטערונג. די פאַרשיידן־שפּראַכיקע דעלע־גאַציעס האָבן זיך דערפילט פאַרבונדן דורכן גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

— —

פאַר מיטאָג איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר די דעלעגאַטן אַן אויספלוג אויפן וואַסער. אין דריי שיפן, באַפּוצט מיט די נאַציאָנאַלע פענער פון אַלע לענדער, וואָס זיינען אויף דעם קאָנגרעס געווען פאַרטראַטן, און מיט אַ רויטער פאָן פון „סאָציאַליסטישן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל", זיינען אַ פּאָר הונדערט דעלעגאַטן, געסט און קאָרעספּאָנדענטן געפאָרן באַקוקן די אומגעגנט פון האַמ־בורג און דעם האַמבורגער פּאָרט.

די נאָכמיטאָגדיקע זיצונג האָט געעפנט וואַנדערוועלדע. ער האָט פייער־לעך דערקלערט, אַז לויט אַן איינשטימיקן באַשלוס פון דער אָרגאַניזיר־קאָמי־סיע, וועט דער זיץ־אָרט פון נייעם אינטערנאַציאָנאַל זיין — לאָנדאָן, און אַז אַלס סעקרעטאַרן פון אינטערנאַציאָנאַל זיינען אויך איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן טאָם שאָו און פרידריך אַדלער.

— —

מען איז צוגעטראָטן צום טאָג־אָרדענונג: קאַמף מיטן אימפּעריאַליזם. ס'האָבן געזאָלט לייענען רעפעראַטן: מאַקדאָנאַלד (ענגלאַנד), הילפערדינג (דייטשלאַנד) און בלום (פראַנקרייך). אַזוי ווי מאַקדאָנאַלד האָט צוליב דער אינערלעכער לאַגע אין ענגלאַנד נישט געקאָנט קומען קיין האַמבורג, האָט אַנשטאָט אים געלייענט דעם רעפעראַט דער באַרימטער היסטאָריקער פון דער ענגלישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג סידנעי וועב.

די ענגלענדער האַלטן נישט פון לאַנגע רעדעס. וועב האָט גערעדט אַ מינוט 10. און קיין שום נייעס האָט ער נישט געזאָגט. דער ווערסאַלער טראַקטאַט איז שלעכט. ער פאַרגוואַלטיקט נישט נאָר די עקאָנאָמיק פון דער וועלט, נאָר אויך די פאָדערונגען פון עטיק און גערעכטיקייט. דער האַמבורגער קאָנגרעס דאַרף אויפוויזן די פעלערן פון ווערסאַלער טראַקטאַט, די אַנט־שעדיקונגען דאַרפן באַצאָלט ווערן. אָבער פאָדערן פון דייטשלאַנד נישט דאָס, וואָס ס'קומט פון איר, נאָר דאָס, וואָס זי איז אימשטאַנד צו געבן. צום

סוף מאַכט וועב אַ פּאָר פּערזענלעכע באַמערקונגען וועגן דער באַדייטונג פון גוואַלט־מיטלען. זיי זיינען צוועקלאָז, זאָגט ער, סיי דאַן ווען זיי ווערן אָנגעווענדט פון רעכטס, סיי פון לינקס, מיט דער הילף פון גוואַלט קאָן מען פאַרניכטן, אָבער נישט — בויען עפּעס נייעס.

דאָס איז געווען אין קורצע ווערטער דער אינהאַלט פון קורצן ענגלישן רעפעראַט.

אַ סך רייכער אין אינהאַלט איז געווען הילפערדינגס רעפעראַט. ער האָט אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה און פון אימ־פּעריאַליסטישן שלום. קאַלאָסאַלע חורבות, מוראדיקע פאַרקלענערונג פון דער וועלט־פּראָדוקציע און פון וועלט־האַנדל, וואוקס פון די מלחמה־חובות, פאַר־אָרעמטקייט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. נאָך דער מלחמה איז אין נאָך אַ בולטער פאָרם געקומען צום אויסדרוק די טענדענץ פון קאַפּיטאַל זיך צו קאָנצענטרירן אין די הענט פון אַ קליין הייפל מענטשן. דאָס דאָזיקע הייפל הערשט היינט איבער דער וועלט, און כדי צו פאַרפעסטיקן איר הערשאַפט, באַנוצט זי זיך מער ווי ווען נישט איז מיט גוואַלט־מיטלען, מיט שאָוויניזם, מיט אַנטיסע־מיטיזם. „דער אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון נאַראָנים", האָט גע־זאָגט בעבעל. די קאַפּיטאַליסטישע קליקע וויל די דאָזיקע נאַראָנים פאַר־וואַנדלען אין אַן אַוואַנגאַרד פאַרן קאַמף קעגן אַרבעטער־קלאַס.

אַלע טעזן פון זיין רעפעראַט האָט הילפערדינג בשפע אילוסטרירט מיט ציפערן און פאַקטן. און אין דעם זין איז זיין רעפעראַט געווען אינטערעסאַנט. אָבער אַ סאָציאַליסטישער קאָנגרעס איז דאָך נישט קיין וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע. דאָס איז דאָך — ווייניקסטנס דאַרף דאָס אַזוי זיין — אַן אינטער־נאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער פּאַרלאַמענט, וועלכער דאַרף געבן קלאָרע תשובות אויף דער פראַגע, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף טאָן. און קיין פּאָליטישן ענטפער האָט הילפערדינג אויף דער פראַגע, ווי אַזוי צו באַקעמפן דעם אימ־פּעריאַליזם, נישט געגעבן; אַקוראַט ווי באַוער האָט נישט אָנגעוויזן, ווי אַזוי צו קעמפן קעגן דער רעאַקציע.

בלומס רעפעראַט וועגן אימפּעריאַליזם

אַקוראַט ווי הילפערדינג, שטעלט זיך אויך בלום אָפּ אויף די עקאָנאָ־מישע רעזולטאַטן פון דער מלחמה. די סיבה דערפון, פאַרוואָס אייראָפּע איז אַזוי שווער צוריקצוקומען צום גלייכגעוויכט נאָך דער מלחמה, זעט בלום ערשטנס אין דעם כאַראַקטער פונם היינטיקן עקאָנאָמישן לעבן. דער ווירט־שאַפטלעכער מעכאַניזם פון אייראָפּע איז שוין פאַר דער מלחמה געווען אומ־געהויער קאָמפּליצירט און איידל. די ברוטאַלע וועלט־מלחמה האָט דעם דאָ־זיקן מעכאַניזם מוראדיק צעשעדיקט. און ביז היינט איז אים אוממעגלעך צוריקצוברענגען צו אַ נאָרמאַלן מצב.

די צווייטע סיבה פון דער צערודערונג, זעט בלום אין די סוביעקטיווע

שטימונגען, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט די מענטשן־מאַסן, און געשטייגערטן גע־פיל פון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם.

בלום שטעלט זיך באריכות אָפּ אויף דעם ווערסאַלער טראַקטאַט. ער אַנערקענט זיינע שלעכטע זייטן. אָבער ער זוכט און ער געפינט אויך גוטע זייטן. זיין ערשטע גוטע זייט באַשטייט דערין, וואָס ער האָט צוריק אויפגעוועקט צו אַ זעלבסטשטענדיקן מלוכהשן לעבן אַ רייע אונטערדריקטע פעלקער.

אין יסוד פון דער פאָדערונג פון די אַנטשעדיקונגען ליגט אויך אַן „אי־דעאַליסטישער פּרינציפּ", זאָגט בלום. ער באַשטייט דערין, אַז די מלוכה נעמט אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן יחיד. די אַנטשעדיקונגען — דאָס איז נישט קיין מלחמה־קאָנטריבוציע. זיי באַזירן זיך נישט אויפן ברוטאַלן רעכט פון מלחמה, נאָר אויפן פשוטן געפיל פון גערעכטיקייט. און דעריבער איז געווען מעגלעך, אַז די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן זאָלן אַזוי לייכט וועגן דער אַנטשעדיקונגס־פראַגע דורכקומען מיט די דייטשע סאָציאַליסטן.

— —

בלום שטעלט זיך אָפּ אויף דער רור־אָקופּאַציע. ער חזרט איבער דאָס, וואָס ער האָט אין נאָמען פון דער פראַנצויזישער פּאַרטיי גערעדט וועגן דער אָקופּאַציע אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט. ער האָט שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער אָקופּאַציע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז זי וועט פראַנקרייך קיין שום נוצן נישט ברענגען; אַז זי וועט עקאָנאָמיש רואינירן דייטשלאַנד און אויף אַזאַ אופן פאַרקלענערן פראַנקרייכס שאַנסן אויף צו באַקומען די אַנטשעדיקונגען. בלום האָט ענדלעך אויפגעוויזן דערויף, אַז די רור־אָקופּאַציע באַטייט אַ פאַרגוואַלטיקונג פון זעלבסט־באַשטימונגס־רעכט פון דייטשן פאָלק, אַז זי וועט מוראדיק פאַר־שטאַרקן דעם שאָוויניזם אין דייטשלאַנד.

— —

מ'רעדט אַ סך אין אייראָפּע און אויך אויפן קאָנגרעס וועגן — „פראַנצוי־זישן אימפּעריאַליזם". בלום האַלט, אַז אין דעם שטעקט אַ שטיק טעות.

אין פראַנקרייך איז פאַראַן אַ פּאָליטישער אימפּעריאַליזם, וואָס באַשטייט דערין, אַז אַ גאַנצע רייע פראַנצויזישע בירגערלעכע פּאָליטיקער האָבן זיך נאָך נישט אָפּגעזאָגט פון חלום וועגן אומקערן די צייט, ווען פראַנקרייך האָט גע־האָט די אידעאישע און פּאָליטישע העגעמאָניע איבער אייראָפּע. בלום האַלט, אַז דאָס איז אַ פּוסטער חלום, ווייל ס'זיינען פאַרביי און ס'וועלן זיך נישט אומקערן די צייטן, ווען איין פאָלק האָט געקענט שפּילן די ראָלע פון אַ העגעמאָן אין אייראָפּע.

אָבער בלום פאַרזיכערט פייערלעך און קאַטעגאָריש, אַז קיין אַנעקסיאָניס־טישער אימפּעריאַליזם איז אין פראַנקרייך נישט פאַראַן; אַז אַחוץ אפשר אַ גאַנץ נישטיק הייפל מענטשן איז אין פראַנקרייך נישט פאַראַן קיינער, וואָס ס'זאָל שטרעבן צו אַנעקסיעס אויפן חשבון פון דייטשלאַנד.

בלום בעט דעם קאָנגרעס, ער זאָל אַרויסווייזן פאַרשטענדעניש פאַר דער שווערער לאַגע פון פראַנקרייך. פראַנקרייך האָט שוין אויסגעגעבן 100 מיליאָן

גאָלד־מאַרק אויף דעם צוריק־אויפבוי פון די רואינירטע געביטן, און די דייטשע קאַפּיטאַליסטן זאָגן זיך נאָך אָלץ אָפּ צו צאָלן די אָנטשעדיקונגען. גלייכצייטיק לעבן די מאַסן אין פראַנקרייך אונטער אַ כסדרדיקער מורא פאַר דייטשלאַנד. מען ווייס אין פראַנקרייך, אַז דייטשלאַנד האָט כמעט קיין אַרמיי נישט, אָבער — מ׳האָט פאָרט מורא...

ווי איר זעט, זיינען אין רעפעראַט אַרויסגעזאָגט געוואָרן געדאַנקען, וואָס זיינען גאַנץ ווייט פון אמתן אינטערנאַציאָנאַליזם. אָבער דאָס איז געווען אַן אמת פראַנצויזישע רעדע — אין בעסטן זין פון וואָרט. זי איז געווען דורכגע־דרונגען מיט אַ טיפן אינערלעכן פּאַטאָס, זי איז געווען גלענצנדיק לויט דער פאָרם און זייער וואַרעם לויט איר טאָן. און די דעלעגאַטן־מאַסע און די גאַ־לעריע האָבן געשפּירט אַזאַ באַדערפעניש אין אַ ביסל וואַרעמקייט און פּאַטאָס... דעריבער האָט בלומס רעדע אַרויסגערופן אַזאַ באַגייסטערונג.

באַלד נאָך דעם, ווי זי איז איבערגעגעבן געוואָרן אויף דייטש, איז אויפ־געשטאַנען קריספּיען און אין נאָמען פון דער דייטשער דעלעגאַציע געדאַנקט בלומען פאַר זיין רעדע, וועלכע האָט אויפגעוועקט ביים קאָנגרעס דעם זכרון אַן גרויסן סאָציאַליסט זשאָרעס.

ס׳איז אויפגעשטאַנען וואַנדערוועלדע און האָט אין נאָמען פון די בעלגישע סאָציאַליסטן אויסגעדריקט זיין פולע סאָלידאַרישקייט מיט בלומען. ער האָט דערמאָנט די גרויסע דייטשע סאָציאַליסטן בעבעל און ליבקנעכט, וואָס האָבן אין יאָר 1871 מיט זייער מוטיקן פּראָטעסט קעגן דער אַנעקסיע פון עלזאַס־לאָטרינגען געראַטעוועט דעם כבוד פון סאָציאַליסטישן פּראָלעטאַריאַט. ער האָט דערמאָנט זשאָרעסן און די דייטשע סאָציאַליסטישע פירער, — קורט אייסנער, ראָזאַ לוקסעמבורג, ליבקנעכט און האַאַזע — וואָס זיינען געפאַלן אין קאַמף מיט דער מיליטאַריסטישער רעאַקציע. מיט אַן אויסרוף: „זאָל לעבן דער אינטערנאַציאָנאַל!" שליסט וואַנדערוועלדע די זיצונג.

דער גאַנצער קאָנגרעס, דער עולם אין די גאַלעריעס איז אויפגעשטאַנען, און דעם קאָלאָסאַלן זאַל פון האַמבורגער געווערקשאַפטס־הויז האָבן אויסגע־פילט די קלאַנגען פון „אינטערנאַציאָנאַל".

אַ סך דעלעגאַטן פאַרלאָזן דעם זאַל מיט טרערן אין די אויגן...

דער לעצטער טאָג

די שטימונג אין זאַל איז אַן אָנגעשטרענגטע, אַ נערוועזע. אַ טייל דעלעגאַטן איז צוליב דער פאַרוויקלטער פּאָליטישער לאַגע ביי זיי אין דער היים שוין אָפּגעפאָרן. די איבעריקע איילן זיך אָפּצופאָרן.

פרידריך אַדלער גיט אָפּ אַ רייע מעלדונגען.

ס׳איז ענדגילטיק פעסטגעשטעלט געוואָרן — ביזן נאָענטסטן קאָנגרעס, וועלכער דאַרף פאָרקומען אין יאָר 1925, — די צאָל שטימען, וועלכע ס׳וועט האָבן אויפן קאָנגרעס יעדע דעלעגאַציע.

אַן ערנסטער שטרייט איז אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אַנטשטאַנען צווישן די רוסישע מענשעוויקעס און ס. ר. ביידע האָבן זיי אויפן קאָנגרעס געהאַט צו 6 דעלעגאַטן. און ס'איז אַנטשטאַנען די פראַגע, וועלכע פון די ביידע דע־לעגאַציעס זאָל באַקומען דאָס רעכט צו פאַרטרעטן רוסלאַנד אין עקזעקוטיווע.

די ס. ר. האָבן געטענהט, אַז דאָס דאָזיקע רעכט קומט זיי, ווייל ערשטנס האָבן זיי אין דער רוסלענדער קאָנסטיטואַנטע געהאַט נישט אַן ערך מער דע־פוטאַטן, איידער די מענשעוויקעס. און צווייטנס — זיינען זיי צו יעדער צייט גרייט זיך צו פאַראייניקן מיט די מענשעוויקעס.

דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן איבערצוגעבן די פאַרטרעטונג די מענשעוויקעס (דעלעגירט איז אַבראַמאָוויטש). דער ס. ר. סוכאָמלין וועט זיין אַבראַמאָוויטשעס שטעל־פאַרטרעטער מיט באַראַטונגס־רעכט. און גלייכצייטיק האָט דער קאָמיטעט באַשטימט אַ קאָמיסיע וועלכע וועט מאַכן אַ פרואוו צו פאַראייניקן די מענשעוויקעס מיט די ס. ר.

אַדלער מעלדעט אויך וועגן אַ שאַרפן סכסוך צווישן די טשעכישע און דייטשע ס. ד. פון טשעכאָסלאָוואַקיע. אין משך פון גאַנצן קאָנגרעס האָבן זיך די ביידע דעלעגאַציעס אויפן העפטיקסטן אופן באַקעמפט און געדרוקט פלוג־בלעטער, וועלכע זיי האָבן פאַנאַנדערגעטיילט צווישן די קאָנגרעס־דעלעגאַטן און קאָרעספאָנדענטן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מ'טרעט צו צום המשך פון דער דיסקוסיע וועגן

קאַמף מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער רעאַקציע

אַלס ערשטער רעדט דער אונגאַרישער ס. ד. קונפי, וואָס לעבט אַלס עמי־גראַנט אין ווין. זיין רעדע איז געווען אַ וויי־געשריי פון די געדרודפטע אונגאַרישע סאָציאַליסטן.

נאָך אים רעדט וועלס. ער ענטפערט בלומען אויף זיין נעכטיקער רעדע. אויב בלום האָט פאַרטיידיקט פראַנקרייך אין די אויגן פון די דייטשע דעלע־גאַטן, באַמיט זיך וועלס אָפּצולייקענען די פאַרשטעלונגען וועגן דייטשלאַנד, וואָס זיינען באַזונדערס פאַרשפרייט אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט. ס'איז נישט אמת, זאָגט וועלס, אַז אין דייטשלאַנד האָט זיך נאָך דער רעוואָלוציע גאָרנישט געביטן. דייטשלאַנד איז היינט טאַקע אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק. אינם אַלטן דייטשלאַנד וואָלט נישט געקענט פאַרקומען דער האַמבורגער קאָנ־גרעס. וועלס פּראָטעסטירט קעגן דעם כוליגאַנישן אָנפאַל אויף וואַנדערוועלדען אין האַמבורג (פאַר רעדן פראַנצויזיש האָט מען אים געצוואונגען צו פאַרלאָזן אַ קאַפע־הויז), אָבער דאָס איז אַ כוליגאַניזם פון אַ פאַרווילדעוועטן יחיד, פאַר וועלכן דייטשלאַנד איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

די רעאַקציע אין דייטשלאַנד איז שטאַרק, אָרגאַניזירט און באַוואָפנט. אָבער נישט ווייניקער אָרגאַניזירט איז דער דייטשער אַרבעטער־קלאַס. די

דייטשע רעאַקציע, זאָגט וועלס, ווערט געשפּייזט פון פראַנצויזישן מיליטאַריזם פון איין זייט און פון קאָמוניסטישע פּוטשן פון דער צווייטער. אין רור ווערט איצט אַנטשיידן דער גורל פון דער דייטשער רעפּובליק. וועלס פאַרענדיקט זיין רעדע מיט די ווערטער: „העלפט אונז איינצוהאַלטן די דייטשע רעפּובליק נישט נאָר צוליב אונז, נאָר אויך צוליב אייך". אין דער גאַנצער רעדע האָט זיך געשפּירט אַ שטאַרקער דייטש־נאַציאָנאַלער טאָן.

נאָך וועלסן האָט געזאָלט קומען צום וואָרט דער רוסישער ס. ר. טשערנאָוו, וועלכער האָט זיך געקליבן אַ סך שאַרפער נאָך ווי אַבראַמאָוויטש אַרויס־צוטרעטן קעגן רוסלאַנד. אָבער לויט אַן אָפּמאַך צווישן די דעלעגאַציעס איז פאַר טשערנאָוון די דיסקוסיע געשלאָסן געוואָרן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער סך־הכל פון האַמבורג

דער קאָנגרעס איז זיך צונויפגעקומען אין אַן אויסערגעוויינלעך ערנסטן און שווערן מאָמענט. כמעט אַלע אייראָפּעאישע מלוכות לעבן איבער אַ שווערן עקאָנאָמישן און פינאַנציעלן קריזיס, וועלכער איז אַ פועל־יוצא פון דער ווערסאַלער שלום־פּאָליטיק. די אינטערנאַציאָנאַלע רעאַקציע פירט האַ־פערדיק איר אָפענסיווע. די כוואַליעס פון פאַשיזם פאַרשלינגען גאַנץ אייראָפּע. די וואָלט־פּאָליטיק פון די גרויסע מלוכות, די מלחמה־הכנות פון די גרויסע און קלענערע לענדער באַשאַפן אין אַלע עקן אייראָפּע געפערלעכע פייער־נעסטן, וואָס דראָען מיט אַ נייער וועלט־שרפה.

אין אַזאַ מאָמענט איז זיך צונויפגעקומען אַן אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַ־ליסטישער קאָנגרעס, הינטער וועלכן ס'שטייען מיליאָנען אָרגאַניזירטע פּראָ־לעטאַריער. און די ברייטע אַרבעטער־מאַסע האָט דערוואַרט פון דעם דאָ־זיקן „פּראָלעטאַרישן פּאַרלאַמענט" אַ טאַט, וואָס זאָל באַווייזן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס טרעט ענדלעך אַרויף אויף דער אַרענע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, ווי אַ זעלבסטשטענדיקער פאַקטאָר.

אָבער די שטימונגען, וואָס באַהערשן היינט די גרויסע אייראָפּעאישע אַרבעטער־פּאַרטייען, און וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך קיין האַמ־בורג, האָבן דאָס שוין פון אָנהויב אָן געמאַכט אוממעגלעך. לאָמיר זיך אָפּ־שטעלן אויף די גרעסטע פון די דאָזיקע פּאַרטייען.

לאָמיר נעמען דייטשלאַנד. דאָס גאַנצע לעבן פון דייטשלאַנד שטייט אונטערן צייכן פון דער אַנטשעדיקונג־פראַגע. די דאָזיקע פראַגע דריקט ווי אַ שווערע לאַסט אויפן לאַנד. די לעבנס־באַדינגונגען פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן ווערן פון טאָג צו טאָג ערגער. דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער דרוק פון פראַנקרייך איז געוואָרן אַ קוואַל פון נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען, וועלכע ווערן אויסגענוצט פון דער פאַשיסטישער רעאַקציע.

די דאָזיקע לאַגע שפּיגלט זיך אָפּ אויך אויף דער פּאָליטיק פון דער

פּאַראייניקטער ס. ד. פּאַרטיי פון דייטשלאַנד. דאָס פּאַרביטערטע געפיל לגבי פראַנקרייך פאַרשטאַרקט דאָס „נאַציאָנאַלע געפיל״ נישט ביים דייטשן ביר־גערטום, נאָר אויך ביי די דייטשע אַרבעטער. אַחוץ דעם פירט היינט נאָך זיך די דייטשע ס. ד. נישט נאָר ברייטע אַרבעטער־מאַסן, נאָר אויך אַ טייל פון קליינבירגערטום, און דעריבער איז די פּאָליטיק פון דער דייטשער ס. ד. היינט אין גאַנצן באַהערשט פון די דייטשע נאַציאָנאַלע פראַגן. די דאָזיקע פראַגן האָבן אויך געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער באַציאונג פון דער פּאַרטיי צו האַמבורג.

זי איז געקומען צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט העלפן דייטשלאַנד אין איר שווערער לאַגע.

— —

אָבער אין האַמבורג האָבן זיך די דייטשע ס. ד. געטראָפן מיט די פראַנ־צויזישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אויך געוואָלט דערליידיקן אויפן קאָנגרעס זייערע נאַציאָנאַלע אָנגעלעגנהייטן.

די ברייטע מאַסן פון פראַנקרייך, באַזונדערס די פויערים־מאַסע און די שטאָטישע אינטעליגענץ, זיינען נאָך עד־היום זייער פיינטלעך געשטימט צו דייטשלאַנד. די פראַנצויזישע פינאַנצן געפינען זיך אין אַ זייער טרויעריקן מצב. דער רעאַקציאָנערער נאַציאָנאַלער בלאָק האָט צוגעזאָגט, אַז אַלע מכות וועט אויסהיילן דאָס דייטשע געלד. די דאָזיקע הבטחות האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש. דאָס שאַפט אַ שטימונג קעגן פּואַנקאַרען, אָבער דאָס רופט אויך אַרויס אַ שנאה צו דייטשלאַנד, וועלכע צאָלט נישט קיין אַנטשעדיקונגען.

— —

און היינט שטייט פראַנקרייך ערב נייע פּאַרלאַמענט־וואַלן. די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן האָפן, צוזאַמען מיט די בירגערלעכע ראַדיקאַלן, צו ברעכן די העגעמאָניע פון דעם נאַציאָנאַלן בלאָק, און דעריבער ווילן זיי זיך נישט צו שאַרף אַנטקעגנשטעלן די הערשנדיקע שטימונגען.

די ענגלענדער האָבן פון קאָנגרעס געוואָלט נאָר איין זאַך: ער זאָל זיי נישט שטערן אין זייער אינערלעכער פּאָליטיק.

די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי איז היינט די פירערין פון דער פּאַרלאַמענ־טאַרישער אָפּאָזיציע אין ענגלאַנד. אין פאַל פון אַן אינערלעכן קריזיס, איז זי דער יורש פון דער מאַכט. צו דער דאָזיקער ראָלע גרייט זיך די לייבאָר־פּאַרטיי, און זי האָט נישט קיין חשק זיך צו אַנגאַזשירן אין אינטערנאַציאָנאַלע אַקציעס, וועלכע וואָלטן געקאָנט צופיל אָפּציען איר אויפמערקזאַמקייט פון אירע אינערלעכע אויפגאַבן.

ביי אַזעלכע שטימונגען איז קלאָר, אַז קיין שעפערישע אינטערנאַציאָנאַלע טאַט האָט דער קאָנגרעס נישט געקאָנט ברענגען. דאָס רוב דעלעגאַטן זיינען געקומען קיין האַמבורג שווער באַלאָדן מיט זייערע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּראָ־בלעמען, וועלכע זיי האָבן געוואָלט דערליידיקן. ס׳האָט געפעלט אויפן קאָנ־גרעס די אַטמאָספער פון קעגנזייטיקן צוטרוי. די קלענערע פּאַרטייען האָבן

מורא געהאַט פאַר דער העגעמאָניע פון די גרויסע, און ס'זיינען געמאַכט געוואָרן פרואוון צו בילדן בלאָקן פון די דאָזיקע פּאַרטייען, כדי אָפּצושוואַכן דעם איבערוויגנדיקן איינפלוס פון די גרויסע.

אויפן קאָנגרעס איז נישט פאָרגעקומען קיין שטרייט איבער אידעען. ס'איז נישט געווען קיין צוזאַמענשטויס פון ריכטונגען אינעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַ־ליזם, נאָר אַ פרואוו אויסצוגלייכן פאַרשידענע, בפירוש קעגנזעצלעכע „נאַציאָ־נאַלע" אינטערעסן.

דער גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם האָט נישט גערוט אויף דעם דאָ־זיקן אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס און דעריבער האָט דער קאָנגרעס פאַקטיש ווי נישט אָנגענומען קיין שום פּאָליטישע באַשלוסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די איינציקע זאַך, וועלכע דער קאָנגרעס האָט אויפגעטאָן, דאָס איז — די גרינדונג פון אינטערנאַציאָנאַל גופא. ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ סוף צו דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּזונדערטקייט פון לאָנדאָן און ווין. ס'איז באַשאַפן געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס נעמט אַרום אַ גרויסע צאָל מאַסן־פּאַרטייען, וואָס שטיצט זיך אויף מיליאָנען פּראָלעטאַריער.

אַזאַ קאָנסאָלידאַציע פון די פּראָלעטאַרישע כוחות איז בלי־ספק אַ פּאָזיטיווער פאַקט. אַ פאַראייניקונג פון אַ רייע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס קאָן באַטייטן אַ קאָלאָסאַלן צוואוקס פון די פּראָלעטאַרישע כוחות. אָבער דאָס איז מעג־לעך נאָר דאַן, ווען דאָס איז אַן אינעווייניקסטע און נישט אַ ריין אויסערלעכע מעכאַנישע פאַראייניקונג, ווען זי אַנטהאַלט אין זיך גאַראַנטיעס פון אַ געמיינ־זאַמער טאַט.

נישט אַזאַ פאַראייניקונג איז אָבער פאָרגעקומען אין האַמבורג. ס'איז דאָרט נישט געמאַכט געוואָרן דער מינדסטער פרואוו אויסצוגלייכן די טיפע חלוקי־דעות, וועלכע די מלחמה און די נאָך־מלחמה־יאָרן האָבן אַרויסגערופן אינעם פּראָלע־טאַרישן לאַגער. ס'איז נישט אויסגעאַרבעט געוואָרן דער מיניימום געמיינזאַמע כללים פון פּראָלעטאַרישער טאַקטיק, וועלכער איז נויטיק דערצו, אַז די פאַר־אייניקטע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציע זאָל טאַקע טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל.

אינעם סטאַטוט איז, למשל, געזאָגט, אַז די באַשלוסן פון אינטערנאַציאָנאַל, אין פאַל פון אַ וועלכן נישט איז אינטערנאַציאָנאַלן קאָנפליקט, זיינען אָבליגאַ־טאָריש פאַר אַלע זיינע מיטגלידער. דאָס איז זייער גוט. אָבער ווי אַזוי וועט ער אָננעמען זיינע באַשלוסן, אויב ער פאַרמאָגט נישט קיין אַלגעמיינע, פון אַלעמען אָנערקענטע פּרינציפּן פון פּראָלעטאַרישער טאַקטיק אין די פראַגן פון אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק? ווי אַזוי וועט ער משפטן, ווען אין זיינע רייען געפינען זיך סיי בלוט־שונאים פון די אימפּעריאַליסטישע שלום־טראַקטאַטן, סיי פּאַרטייען, וואָס שטייען מיט ביידע פיס אויפן גרונט פון די דאָזיקע טראַק־טאַטן? מיט וואָסער מאָראַלישן כוח וועט דער אינטערנאַציאָנאַל אויפצווינגען די אַלע פּאַרטייען זיינע באַשלוסן?

אויב דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל שטרעבט דורך זיין אויסטערלישן צענטראַליזם צו פאַרוואַנדלען די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג אין איין פאַרטיי, וואָס ווערט אָנגעפירט פון איין צענטער, אויב דער קאָמינטערן האָט אין גאַנצן פאַרניכטעט די זעלבשטענדיקייט פון די לאַנד־פאַרטייען און אָפּגענומען סיי ביי די באַזונדערע פאַרטייען, סיי ביי די ריכטונגען און פאַרטייען דאָס רעכט אויף אַ פרייער מיינונג, — האָט האַמבורג געגעבן אַ מוסטער פון אַנטקעגנגעזעצטן עקסטרעם. דער האַמבורגער קאָנגרעס האָט נישט באַשאַפן דעם צעמענט, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד צו פאַרבינדן און איינצוהאַלטן אין איין אָרגאַניזאַציע די אַלע פאַרטייען, וואָס האָבן זיך אין אים באַטייליקט. און דעריבער קאָן דער נייער אינטערנאַציאָנאַל נישט באַטראַכט ווערן אַלס אַן ערנסטער שטיצפונקט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל ס׳זיינען נישט פאַראַן די מינדסטע גאַראַנטיעס, אַז ביי דער ערשטער פייער־פּראָבע, פאַר וועלכער ער וועט אַוועקגעשטעלט ווערן, וועט ער זיך אַקוראַט ווי דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל, נישט פאַנאַנדערפאַלן אין זיינע באַשטאַנד־טיילן.

(„פאָלקס־צייטונג״, וואַרשע, מאַי־יוני 1923)

פערזענלעכקייטן

לענין*)

(זכרונות און איינדרוקן)

1

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך מיט לענינען צונויפגעטראָפן אין 1917, נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע אין פּעטערבורג. ביז צו יענער צייט האָב איך לענינען געקענט בלויז פון דער ווייטנס, אויפן סמך פון זיינע אַרטיקלען און ביכער, אויפן סמך פון דער נישט־געשריבענער געשיכטע פון דער רוסלענדער באַוועגונג.

אַזוי ווי די גרויסע מערהייט פון מיינע פּאַרטיי־חברים, האָב איך אויך געהערט צו די קעגנער פון לענינס שיטה אין דער ר.ס.ד.אַ.פּ. די פּאָליטישע שטעלונג פון „בונד" איז נישט שטענדיק געווען אידענטיש מיט דער שטעלונג פון די מענשעוויקעס. אָבער ס'איז געווען אַ סכום פראַגן, אין וועלכע מיר האָבן זיך אַלע מאָל אונטערשיידט פון באָלשעוויקעס, — אַפילו יענע ביי אונז, וואָס האָבן געהאַט אויסגעשפּראָכן באָלשעוויסטישע סימפּאַטיעס. דאָס זיינען געווען די פראַגן וועגן אַלגעמיינעם אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי פון דער פּאַרטיי, די פראַגע וועגן דער באַציאונג צווישן פירער און מאַסע, וועגן דער ראָלע פון פּאַרטיי־אַפּאַראַט אין דער באַוועגונג, וועגן אינערלעכן דעמאָקראַטיזם אין דער פּאַרטיי א. אַנד. דאָס זיינען געווען פראַגן, אין וועלכע מיר זיינען זיך אַלע פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט לענינען.

איך האָב געהאַט אַ פאַרשטעלונג וועגן לענינען נישט נאָר אַלס טעאָרעטיקער און פּובליציסט, נאָר אויך וועגן לענינען אַלס מענטשן. ער איז געווען אַ מענטש פון קאָלאָסאַלער אַרבעטספעאיקייט, פון אייזערנעם ווילן און אייזערנער קאָנסעקווענץ. ער איז געווען אַליידנשאַפטלעכער פּראַקציאָנער. זיינע אָנשויאונגען און די אינטערעסן פון זיין פראַקציע האָט ער פאַרטיידיקט מיט אַ פאַנאַטישער עקשנות. די פראַגע וועגן מיטלען האָט פאַר אים נישט עקזיסטירט. אַלע מיטלען, אָן אויסנאַם, זיינען געווען גוט, אויב זיי האָבן געקאָנט דינען די אינטערעסן פון זיין פראַקציע.

און פערזענלעך איז דאָס געווען אַן אויסערגעוויינלעך באַשיידענער מענטש. צענדליקער יאָרן האָט ער אין דער אויסלענדישער עמיגראַציע געלעבט אין

*) נישט מיט אַלע אָפּשאַצונגען און אויספירונגען פון אַרטיקל איז די רעדאַקציע מסכים (באַמערקונג פון רעד. „פאָלקסציימונג").

דער גרעסטער דחקות. זיין איינציקע פאַרווײַלונג איז געווען — מוזיק. זיין פאַמיליען־לעבן איז געווען אַ מוסטער פון אידיליע.

זינט 1900 איז לעניִן געווען איינער פון די אָנערקענטסטע פירער פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָבער קיינער פון די, וואָס האָט זיך מיט אים צונויפגעטראָפן, אַחוץ דעם ענגן קרייז פון זיינע פאַרערער, האָבן נישט גע־שפּירט אין אים קיין סימנים פון גרויסקייט, קיין אָנזאָג פון יענעם פירער, וואָס וועט מרעיש־עולם זיין, וועמענס נאָמען וועט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ סימבאָל. ס׳איז נויטיק געווען די ברוטאַלע סטיכיע פון דער רעוואָלוציע, כדי ס׳זאָל זיך פאַנאַנדערוויקלען אַלע מעגלעכקייטן, וואָס זיינען אין לעניִנען געווען פאַר־באַהאַלטן.

2

עס איז געווען דעם 4טן אַפּריל 1917. אין פּרעזידיום פון אויספיר־קאָמיטעט פון פּעטערבורגער אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַט האָט זיך באַקומען די ידיעה, אַז נאָכמיטאָג קומען אָן אַ גרופּע עמיגראַנטן מיט לעניִנען בראש. דאָס איז געווען די ערשטע גרופּע, וואָס איז געקומען קיין רוסלאַנד דורך דייטשלאַנד. דער אויספיר־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע, וואָס זאָל באַגריסן די אָנגעקומענע עמיגראַנטן, און פריער פאַר אַלץ — דעם אַלטן רעוואָלוציאָנער און אָנערקענטן פירער פון דער רוסישער אַרבעטער־באַוועגונג — לעניִנען. אָן דער שפּיץ פון דער דעלעגאַציע איז געווען דער פאָרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט — טשכעידזע. צו דער באַן איז געקומען אַ גרויסער עולם אַרבעטער און סאָלדאַטן מיט פאָנען און אָרקעסטערס.

אָט איז דער צוג אָנגעקומען. דער ערשטער גייט אַרויס פון וואַגאָן לעניִן. אַ מיטל־וואוקסיקער, ברייט־פּלייציקער מענטש פון קנאַפּע 50. אויף אַ קורצן, אָבער שטאַרקן האַלדז — אַ ברייט־בייניק מאָנגאָליש פּנים מיט קליינע, לעבעדיקע, כיטרע אויגן, מיט קליינע וואָנצעס און אַ קליין שפּיציק בערדל. דער קאָפּ כמעט אָן האָר. אינגאַנצן — דאָס אויסזען פון אַ טיפּיש־רוסישן מאָסקווער אָדער ריאַזאַנער סוחר, מיט אַן אויסדרוק פון מאָדנער איינ־געשפּאַרטקייט און אייזערנעם כוח אין פּנים און אין דער גאַנצער פיגור.

טשכעידזע האָט געהאַלטן אַ וואַרעמע באַגריסונג־רעדע. ער האָט אָפּגעגעבן כבוד לעניִנען, אַלס לערער און וועגווייזער, אַלס פירער פון רוסלענדער פּראָ־לעטאַריאַט. ער האָט גערעדט וועגן די סכנות, וואָס שטייען פאַר דער רעוואָ־לוציע, און וועגן דעם, אַז ס׳איז נויטיק אייניקייט אין רעוואָלוציאָנערן לאַגער.

לעניִן האָט זיך כמעט ווי נישט צוגעהערט צו טשכעידזעס ווערטער. ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף דער גאַנצער דעלעגאַציע. ער האָט זי צוזאַמען מיט טשכעידזען באַטראַכט, ווי אַ פּוסטן אָרט. און באַלד ווי טשכעידזע האָט געענדיקט, איז ער אַרויס מיט אַן אומבארחמנותדיקער, מיט אַן אויסערגע־ווייגלעך־שאַרפער רעדע קעגן דער פּאָליטיק פון אַרבעטער־ראַט און פון זיינע פירער...

3

פון דער באַן איז לענין מיט זיינע חברים תיכף אַוועק אין באַלשע־וויסטישן קלוב, אין פּאַלאַץ פון דער באַרימטער טענצערין קשעשינסקאַ, וועלכן די באַלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט אין די ערשטע טעג פון דער מערץ־רעוואָלוציע, און ביז 5 אין דער פרי איז לענין דאָרט געזעסן, זיך אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע און גערעדט און באַאַרבעט זיינע חברים אָן אַן אָפּשטעל, אָן אַן אויסרו.

ווייל מ׳דאַרף וויסן, אַז איידער לענין איז אָנגעקומען קיין רוסלאַנד, איז דער באַלשעוויזם נישט געווען דאָס, וואָס ער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין גאָר דער וועלט. די באַלשעוויקעס זיינען שוין די ערשטע וואָכן נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע געווען אין אָפּאָזיציע אינם פּעטערבורגער אַרבעטער־ראַט. זיי זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט דער מערהייט פון ראַט אין אַ גאַנצער רייע פּראַקטישע און טאַקטישע פראַגן. אָבער דאָס, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער עיקר פון באַלשעוויזם, דער בליק אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, ווי אויף אַ ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע ר רעוואָלוציע — וועגן דעם האָבן צו יענער צייט אין רוסלאַנד די באַלשעוויקעס כמעט ווי נישט גערעדט.

אַפילו אין דער פראַגע וועגן מלחמה זיינען קיין באַזונדערס טיפע חלוקי־דעות צווישן די באַלשעוויקעס און דעם לינקן פליגל פון די מענשעוויקעס נישט געווען. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז אַן ערך צוויי וואָכן, איידער לענין איז גע־קומען, האָט דער צ. ק. פון די באַלשעוויקעס באַשלאָסן אַראָפּצונעמען פון דער טאָג־אָרדענונג דעם לאָזונג — „נידער מיט דער מלחמה!" אַלס „נישט אַק־טועלן"...

ס׳קלינגט אומגלויבלעך, אָבער ס׳איז אַ פאַקט: אין די ערשטע וואָכן פון דער רעוואָלוציע האָט מען סיי אין די מענשעוויסטישע, סיי אין די באַלשעוויס־טישע קרייזן גערעדט וועגן אַ פאַראייניקונג פוןביידע טיילן פון ר.ס.ד.אַ.פּ. און ס׳האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גרופּע ס.ד.־טוער — טיילוויז מענשעוויקעס און טיילוויז באַלשעוויקעס, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ דירעקטער אויפ־גאַבע — צו דערפירן צו דער דאָזיקער פאַראייניקונג...

קיינער האָט נישט געוואוסט וועגן וואָס מ׳האָט גערעדט אין משך פון 12 שעה, וואָס ס׳האָט געדויערט לענינס ערשטע באַגעגעניש מיט זיינע חברים. אָבער שוין צומאָרגנס אין דער פרי איז דער טאַורישער פּאַלאַץ (דער זיץ־אָרט פון אַרבעטער־ראַט) געווען פול מיט קלאַנגען, אַז לענין האָט דורכגעפירט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין זיין פּאַרטיי.

4

פונם 1טן ביזן 4טן אַפּריל איז פאָרגעקומען אין פּעטערבורג אַן אַלרוסלענדישע קאָנפערענץ פון אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן. די גרופּע ס.ד.־טוער, אָנהענגער פון פאַראייניקונג, האָט איינגעלאַדן אַלע ס. ד.־דעלעגאַטן,

סיי באַלשעוויקעס סיי מענשעוויקעס, צו אַ ספּעציעלער פּאַראייניקונגס־קאָנפֿע־רענץ, וואָס האָט געזאָלט פֿאָרקומען אין טאַורישן פּאַלאַץ דעם 5טן אַפּריל.

לענין איז געקומען צו דער דאָזיקער קאָנפֿערענץ כמעט אוממיטלבאַר פֿון באַלשעוויסטישן קלוב.

נאָך אַ קורצן רעפֿעראַט פֿון איינעם פֿון די איניציאַטאָרן פֿון דער קאָנ־פֿערענץ האָט דאָס וואָרט באַקומען — לענין.

ער האָט אַפֿילו נישט געפּרוּווט באַקעמפֿן דעם געדאַנק וועגן פּאַראיי־ניקונג. ער האָט אים פּשוט אָפּגעוואָרפֿן אַן אַ זייט, אַלס אַ זאַך, אויף וועל־כער ס'איז גאָר נישט כדאַי זיך אָפּצושטעלן. נישט פֿאַראייניקונג, נאָר **ש פּ אַ ל־ט ו נ ג** איז דער לאָזונג, האָט ער געזאָגט. מ'מוז אָוועקוואַרפֿן „די געלע שמאַטע פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע". די רוסישע רעוואָלוציע איז אַ סאָ־ציאַליסטישע רעוואָלוציע, און בירגער־קריג איז איר וועג. אַלץ, וואָס די רעוואָלוציע האָט ביז יענעם מאָמענט געטאָן, איז — איין קייט פֿון פֿעלערן. די אויפֿגאַבע איז — אַראָפּצוּוואַרפֿן „די רעגירונג פֿון קאַפּיטאַליסטן און פּריצים" און פּראָקלאַמירן אַ ראַטן־מאַכט, וואָס זאָל איינפֿירן סאָציאַליזם.

צו דער אַרמיי, האָט געזאָגט לענין, דאַרף מען קומען מיטן לאָזונג פֿון בירגער־קריג און נישט פֿון שלום. מ'דאַרף זאָגן די סאָלדאַטן: „ווענדעט די באַגנעטן קעגן אייערע פּריצים און קאַפּיטאַליסטן, וואַרפֿט זיי אַראָפּ, און דאַן וועט אויך די גאַנצע וועלט גלויבן, אַז איר פֿירט נישט קיין אימפּעריאַליסטישע מלחמה, און מ'וועט מיט אייך שליסן שלום". און אימפּעריאַליזם, האָט ווײַ־טער געזאָגט לענין, הייסט נישט נאָר פֿאַרכאַפּן נײַע לענדער, נאָר אויך — וועלן איינהאַלטן אין די גרענעצן פֿון רוסלאַנד אַזעלכע לענדער, ווי אוקראַינע, פּוילן, פֿינלאַנד, לעטלאַנד, ליטע, עסטלאַנד, גרוזיע א. אַ. וו.

ערשט דאַן, ווען די רעוואָלוציע וועט דאָס אַלץ אָפּגעבן, וועט מען איר גלויבן. און אויב מ'וועט מיט איר פֿאַרט וועלן פֿירן מלחמה, דאַן וועט די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אַליין דערקלערן מלחמה דער גאַנצער וועלט.

דאָס איז געווען אין קורצע ווערטער דער אינהאַלט פֿון לענינס אַנדערהאַלבן שעהדיקער רעדע.

ס'איז אוממעגלעך צו באַשרײַבן דעם רושם וואָס זי האָט געמאַכט.

אַזוי ווי אַ זידיקער קעסל האָט אויפֿגעברויזט די פֿאַרזאַמלונג. און באַלד האָבן זיך פֿון דער טריבונע אַ גאָס געטאָן לײַדנשאַפֿטלעכע, פֿײַערדיקע רעדעס.

דער ערשטער איז אַרויס גאָלדענבערג־מיעשקאָווסקי, אַ לאַנגיעריקער באַלשעוויק, איינער פֿון לענינס נאָענטסטע מיטאַרבעטער און מיטגליד פֿון צ.ק. צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן איז ער אַרויס קעגן לענינען. ער האָט גערעדט מיט בלוט פֿון האַרצן, מיט גאַל.

נאָך אים האָט גערעדט וואָיטינסקי, אויך אַ געוועזענער באַלשעוויק, און אויך איינער פֿון די אָנגעזעענסטע. ס'האָבן גערעדט אַ רייע מענשעוויקעס. נאָר צוויי באַלשעוויקעס — קאַלאַנטאַי און נאָגין — האָבן אונטערגעהאַלטן לענינען.

וועגן פֿאַראייניקונג האָט שוין קיינער נישט גערעדט. די קאָנפֿערענץ איז געווען אַראָפּגעריסן. אין דעם אויפֿגערודערטן און אויפֿגעבראַנזטן לאַנד איז געוואָרפֿן געוואָרן דער ערשטער ברענענדיקער פֿאַקל פֿון בירגער־קריג...

5

לענינס שטעלונג האָט לכתחילה איבעראַשט אַפֿילו זיינע אייגענע פּאַרטיי־חברים. זיין ערשטער אַרטיקל אין צענטראַל־אָרגאַן פֿון די באָלשע־וויקעס, אין דער פּעטערבורגער „פּראַוודאַ", איז דערשינען מיט אַ באַמערקונג, אַז די רעדאַקציע איז מיטן אַרטיקל נישט מסכים. אָבער דאָס איז געווען דער לעצטער זכר פֿון חלוקי־דעות. ס'איז פֿאַרביי אַ פּאָר טעג און אינם צענ־טראַל־אָרגאַן האָט שוין געהערשט לענין און נאָר — לענין. ס'איז פֿאַרביי נאָך אַ קורצע צייט, און אין דער גאַנצער פּאַרטיי האָט געהערשט נאָר לענין. מיט אַן אייזערנעם כּוח האָט ער אונטערגעוואָרפֿן אונטער זיין ווילן די גאַנצע פּאַרטיי און מיט אַ פֿעסטער האַנט האָט ער זי גענומען פֿירן אין דער פֿאָראויס־באַשטימטער ריכטונג.

אויף די זיצונגען פֿון אַרבעטער־ראַט, אָדער אויספֿיר־קאָמיטעט פֿלעגט לענין כּמעט קיין מאָל נישט קומען. פֿירן דיסקוסיעס אין אַ פֿאַרהעלטניסמעסיק באַגרענעצטן קרייז מענטשן מיט אויסקריסטאַליזירטע מיינונגען האָט לענין געהאַלטן פֿאַר — פֿאַרלוירענע צייט. צו דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער דעלע־גירט אַנדערע. אַליין האָט ער אָרגאַניזירט און פּערפֿעקטירט דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט און אַגיטירט — אין וואָרט און שריפֿט — אין דער מאַסע.

גאַנץ פּעטערבורג, גאַנץ רוסלאַנד איז צו יענער צייט געווען איין קאָלאָסאַלער דיסקוסיע־קלוב. לענין פֿלעגט גאַנץ אָפֿט אַרויסטרעטן אויף מיטינגען, און דאָרט, וואו ער האָט גערעדט, פֿלעגט דער קאַמף דערגרייכן די גרעסטע אָנ־געשטרענגטקייט.

צי איז לענין געווען אַ גוטער רעדנער? געוויס. אָבער דאָס איז געווען אַ רעדנער־טאַלאַנט פֿון גאָר אַ באַזונדערן מין. אין זיינע רעדעס איז נישט געווען קיין זכר פֿון ליריזם, קיין שפּור פֿון פּאַטאָס, קיין שום אָראַטאָרישע באַפּוצונגען. דער בוי פֿון זיינע רעדעס איז געווען אויסערגעוויינלעך איינפֿאַך, די שפּראַך — פּרימיטיוו, אַפֿילו אָרעם. די געדאַנקען — פֿאַראיינפֿאַכט ביז גאָר. אָבער אין די דאָזיקע פּשוטע רעדעס האָט געשטעקט אַ קאָלאָסאַלער, ממש אַ סטיכישער כּוח. דער געדאַנק זיינער פֿלעגט, ווי רויער גראַניט־פֿעלז פֿאַלן אויפֿן צוהערער. ער פֿלעגט דערדריקן דעם קעגנער מיט דער אויסערגעוויינלעכער פּשטות פֿון זיין געדאַנקען־גאַנג, וואָס איז געווען אַזוי צוגעפּאַסט צו דעם ניוואָ פֿון דער מאַסע. און דעריבער — וואָס גרויער די אוידיטאָריע, אַלץ אומבאַזיגבאַרער איז געווען לענין דער רעדנער.

6

לענין דער טעאָרעטיקער איז בעת דער רעוואָלוציע נישט אויס־געוואַקסן, און פֿאַר דער רעוואָלוציע האָט אים קיינער פֿאַר קיין גאון נישט געהאַלטן. לענין דער גאון איז געבוירן געוואָרן אינם פֿייער פֿון דער רע־וואָלוציע. און זיין גאונישקייט איז באַשטאַנען נישט נאָר אין זיין קאָלאָסאַלער אָרגאַניזאַטאָרישער קראַפֿט, נאָר אפֿשר נאָך מער אין זיין אויסערגעוויינלעכער פֿעאיקייט — זיך צוצופּאַסן צו דער סטיכיע, צו ווערן איר אָפּשפּיגלונג און **אויסדרוק.**

דאָס אומגעהויערע לאַנד האָט אויסגעזען ווי אַן אָקעאַן אין צייט פֿון שטור־רעם. די אויבערפֿלאַך פֿון אָקעאַן, די שפּיצן פֿון די כוואַליעס — דאָס זיינען געווען די שטאָטישע פּראָלעטאַרישע מאַסן. אָבער דער יסוד פֿון דער רעוואָ־לוציאָנערער סטיכיע איז געווען — די קאָלאָסאַלע גרויע פּויערישע מאַסע אויפֿן פֿראָנט, אין די קאַזאַרמעס און אין דאָרף. מאַרקסיזם, אָדער אַפֿילו סתם סאָ־ציאַליזם איז פֿאַר די דאָזיקע מאַסן געווען — סיתרי־תורה. זי איז דאָס נישט נאָר נישט געווען אין שטאַנד צו באַנעמען, — זי האָט דאָס לחלוטין נישט באַ־דאַרפֿט. דער העגעמאָן אין דער רעוואָלוציע, דער אַרבעטער־קלאַס, האָט אויפֿגעצוואַונגען דער באַוועגונג זיין סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיע און פּראָ־זעאָלאָגיע. די פּויערישע מאַסע האָט אין די פּראָלעטאַרישע לאָזונגען אַריינגע־לייגט איר איי גענעם אינהאַלט, — „שלום און ערד!"

אָבער ווער ס'האָט געוואָלט באמת אָנפֿירן מיט דער רעוואָלוציע, דער האָט געמוזט באַהערשן די דאָזיקע סטיכיע, דער האָט געמוזט אַזוי פֿאָרמולירן די לאָזונגען און די שלאַגווערטער פֿון דער באַוועגונג, אַז זיי זאָלן — לויט לענינס אויסדרוק — זיין צוגענגלעך פֿאַרן לעצטן פּויער. און אין דעם פּרט האָט לענין נישט געהאַט זיין גלייכן. איך וועל זיך אָפּשטעלן אויף אַ פּאָר ביישפּילן.

אין יוני 1917 האָט לענין אַרויסגערוקט דעם לאָזונג: „נידער מיט די 10 מיניסטאָרן קאַפּיטאַליסטן!"

נישט — „קאַפּיטאַליזם", ווייל דאָס איז אַן אַבסטראַקטער באַגריף, נאָר 10 מיניסטאָרן־קאַפּיטאַליסטן, ווייל דאָס איז געווען קאָנקרעט, אָנגרייפּבאַר. אַ דאַנק דער אינטענסיווער אַגיטאַציע פֿון דער באָלשעוויסטישער פּרעסע און איר פּאַרטיי־אַפּאַראַט, זיינען די 10 „מיניסטאָרן־קאַפּיטאַליסטן" געוואָרן פֿאַרן „לעצטן פּויער" די לעבעדיקע פֿאַרקערפּערונג פֿון די צענדליקער קרי־זיסן, פֿון וועלכע עס האָט געליטן דאָס לאַנד, פֿון אַלע דורות־לאַנגע ליידן פֿון די מאַסן. און אַזוי ווי די דאָזיקע 10 מיניסטאָרן־קאַפּיטאַליסטן האָבן נישט געוואָלט באַלד אויפֿן אָרט פֿאַרענדיקן די מלחמה, אַזוי ווי זיי האָבן געהאַלטן, אַז מ'טאָר נישט תיכף פֿאַרכאַפּן די פּריצישע ערד, נאָר מען מוז וואַרטן אויף דער קאָנסטיטואַנטע, איז טאַקע דער לאָזונג אין גיכן אַריינגעדרונגען אינם לעצטן אָקאָפּ און אָנגעפֿילט די גרויע מאַסע מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שנאה צו די דאָזיקע 10 מיניסטאָרן, וואָס פֿאַרשטעלן דעם וועג צום גליק פֿון פֿאָלק.

אויפן ערשטן צוזאַמענפֿאָר פון די ראַטן אין דעם זעלביקן חודש יוני, איז לענין אַרויסגעטראָטן מיט אַ גרויסער רעדע וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער רעוואָלוציע. און אין דער דאָזיקער רעדע האָט ער צווישן אַנדערן דערקלערט, אַז כדי צו צעברעכן דעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד, איז גענוג אַריינצוזעצן אין תּפֿיסה 100 קאַפּיטאַליסטן...

לענין דער טעאָרעטיקער, לענין דער מאַרקסיסט, האָט דאָס זיכער נישט געקאָנט מיינען. אָבער אויף דער ברייטער מאַסע, וואָס האָט געוואָרט אויף גיכע און ראַדיקאַלע רפֿואות, האָבן אַזעלכע פּשוטע און פֿאַרפּלאַכטע שלאָג־ווערטער געווירקט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם.

און נאָך אַ ביישפּיל:

ס'איז געווען דעם 7טן נאָוועמבער 1917. אין פּעטערבורג האָט זיך געעפֿנט דער צווייטער קאָנגרעס פון די ראַטן, וועלכער האָט פּראָקלאַמירט די ראַטן־רעפּובליק און דעם אָנהייב פון דער רוסלענדער און סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. נאָך קנאַפּע פֿיר חדשים אויסבאַהאַלטן זיך הינטער פּעטערבורג, איז לענין צום ערשטן מאָל ווידער אַרויס אין דער עפֿנטלעכקייט. אויפֿגענומען מיט אַ קאָלאָסאַלן ענטוזיאַזם פון קאָנגרעס, וואו די דעלעגאַטן פון פּראָנט זיינען געווען אין אַן איבערוויגנדיקער מערהייט, האָט לענין גערעדט וועגן דער באַדייטונג פון דער נייער תּקופֿה. דער עיקר פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, דאָס איז — די „עקספּראָפּריאַציע פון די עקספּראָפּריאַטאָרן", און פֿאַרטייטשט אויף רוסיש, האָט לענין דערקלערט, באַטייט דאָס — „גראַב נאַגראַבלענאָיע", ד. ה. ראַבעווע דאָס אָנגעראַבעוועטע.

ביי לענינען דעם מאַרקסיסט, ביי לענין פון אַמאָל, ביי לענינען דעם טעאָרעטיקער פון ר. ס. ד. אַ. פּ. וואָלטן זיכער די האָר אויפֿן קאָפּ זיך אויפֿגעשטעלט פון אַזאַ איבערזעצונג. דער שטרענג־וויסנשאַפֿטלעכער מאַרקסיסטישער באַגריף, וואָס באַטייט — די פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכונג פון פּריוואַט־אייגנטום, איז דאָ פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אינם קליינבירגערלעכן באַגריף פון — חלוקה, פון פֿאַנאַנדערשלעפּן די אָנגעזאַמלטע פּריוואַטע פֿאַרמעגנס, ד. ה. — אינם היפּוך פון סאָציאַליזם!

אָבער „ראַבעווע דאָס אָנגעראַבעוועטע" איז געווען אַ באמת געניאַלע צופּאַסונג פון דער סאָציאַליסטישער טערמינאָלאָגיע צו דעם פּראָצעס, וואָס איז צו יענער צייט סטיכיש פֿאָרגעקומען אין רוסלאַנד. זינט חודש יולי — האָבן געברענט די פּריצישע פּאַלאַצן, און די פּויערים האָבן זיך געטיילט מיט פּריצישער און מלוכהשער ערד, מיטן לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר. זינט אויגוסט — איז פון פּראָנט געגאַנגען אין לאַנד אַריין אַ ברייטער שטראָם סאָלדאַטן, וועמען ס'איז דערעסן געוואָרן דאָס לאַנגע וואַרטן אויפֿן שלום, און וואָס זיינען געגאַנגען אַהיים, כדי נישט צו פֿאַרשפּעטיקן צו דער חלוקה פון דער ערד, און האָבן געשלעפּט מיט זיך ביקסן, קוילנוואַרפֿערס, אָפּטמאָל — קלענערע האַרמאַטן, פֿערד, וואָגן, געשפּאַן און געלט פון די רעגימענט־קאַסעס. די דאָזיקע סטיכיע פון „חלוקה" האָט פֿאַרכאַפּט אויך דעם טייל

פון די שטאָטישע אַרבעטער, וואָס איז ערשט בעת דער מלחמה אַנגעקומען פון דאָרף, און איז אַריין אין דער מלחמה־אינדוסטריע. אויך זיי זיינען געלאָפן אַהיים, געלאָפן אין דאָרף אַריין פון די שטעט, איבער וועלכע ס'האָט זיך שוין געטראָגן דאָס געשפּענסט פון הונגער, און דערביי מיטגענומען מיט זיך פון די פאַבריקן דאָס אַלץ, וואָס ס'האָט זיי, לויט זייער מיינונג, געקאָנט צונוץ קומען אין דער היים.

„ראַבעווע דאָס אַנגעראַבעוועטע" — דאָס איז געווען די איינציקע פאָרם, אין וועלכער דער סאָציאַליזם איז געווען צוגענגלעך פאַר דער דאָזיקער נישט־פּראָלעטאַרישער מאַסע...

7

פונם ערשטן מאָמענט אָן אין דער רעוואָלוציע איז לענין באַוואוסט־זיניק געגאַנגען צו דעם פאָראויס באַשטימטן ציל — צו דער מאַכט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, צו דער דיקטאַטור פון דער דאָזיקער פּאַרטיי.

איך געדענק עס, ווי היינט. ס'איז געווען אויף דעם ערשטן קאָנגרעס פון די ראַטן אין אָנהויב יוני. ס'איז פאָרגעקומען אַ הייסע דיסקוסיע אַרום דער צענטראַלער פראַגע פון קאָנגרעס — אַרום דער מאַכט־פראַגע. ביי דער מאַכט איז דעמאָלט געשטאַנען קערענסקיס ערשטע קאָאַליציע־רעגירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי שליחים פונם פּעטערבורגער אַרבעטער־ראַט — צערעטעלי, סקאָבעלעוו און פּיעשעכאָנאָוו — און די „10 מיניסטאָרן־קאַפּיטאַ־ליסטן". דער 14טער איז געווען — קערענסקי אַליין. און דער קאָנגרעס האָט באַדאַרפט באַשליסן: פאַרבלייבן אין קאָאַליציע מיט די בירגערלעכע פּאַר־טייען (פּאַקטיש — מיט די קאַדעטן) אָדער — בילדן אַ ריין סאָציאַליסטישע רעגירונג פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן? פאַר קאָאַליציע זיינען געווען די מענשעוויקעס און ס. ר.'ן. קעגן — די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן. אָבער פון די העכער 720 דעלעגאַטן זיינען געווען סך־הכל 120 באָלשעוויקעס, און די צאָל מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן איז געווען אַ נישטיקע.

דער הויפּט־רעדנער מצד די אָנהענגער פון קאָאַליציע איז געווען צערע־טעלי. דער צענטראַלער געדאַנק פון זיין רעדע איז געווען, אַז די אַרבעטער־ראַטן זיינען אין דעם מאָמענט נישט אימשטאַנד מיט אייגענע כוחות צו פאַר־ענטפערן די אַלע פראַגן, וואָס שטייען פאַר דער רעוואָלוציע.

— איך פרעג אייך — זאָגט צערעטעלי — און אדרבא — ענטפערט: צי איז פאַראַן היינט צו טאָג אַזאַ אָרגאַניזאַציע אָדער אַזאַ פּאַרטיי אין לאַנד, וואָס זאָל האָבן דעם מוט איינע אַליין צו נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם גורל פון לאַנד?

אין זאַל האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. און אין מיטן פון אָט דער שטילקייט שטייט אויף פון זיין אָרט לענין און ענטפערט רויִק, געלאַסן:

— ס'איז דאָ אַזאַ אָרגאַניזאַציע. דאָס איז דער צ. ק. פון דער באָלשע־וויסטישער פּאַרטיי...

אין ערשטן מאָמענט איז דער קאָנגרעס פאַרבליבן אַזוי ווי פאַרשטיינערט, אַזוי אומגעריכט זיינען געקומען לענינס ווערטער. אָבער באַלד האָט די אי־בערוויגנדיקע מערהייט אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן געלעכטער. אַפילו דער גרעסטער טייל פון דער באָלשעוויסטישער פראַקציע האָט בעת מעשה אַראָפּ־געלאָזט די אויגן, אַזוי פאַנטאַסטיש, אַזוי אומגלויבלעך איז אָלעמען אויסגעקו־מען דער געדאַנק...*)

אָבער ביי לענינען אויפן פּנים איז אַפילו קיין זכר פון קיין שמייכל נישט געווען. מיט אַן אמתער פאַרוואונדערונג האָט ער געקוקט אויף די לאַכנדיקע דעלעגאַטן. און ס'איז געווען צו זען, ווי ער מאַטערט זיך צו פאַרשטיין, פון וואָס זיי לאַכן אַזוי, פאַרוואָס זיינע ווערטער קומען זיי פאַר אַזוי ווילד, בעת אין דער אמתן איז דאָך די זאַך אַזוי פּשוט...

פאַר לענינס אָרט דענקען איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איינער פון זיינע אַרגומענטן. די רוסישע צאַרן, האָט ער געשריבן, האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער געהערשט איבער רוסלאַנד, שטיצנדיק זיך אויף 130.000 גרויסע ערד־באַזיצער. פאַרוואָס זאָל דער צ. ק. פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי נישט קאָנען רעגירן מיט דער הילף פון זיינע 240.000 פאַרטיי־מיט־גלידער?

אין דעם דאָזיקן איין און איינציקן געדאַנק שטעקט אַ גאַנצע וועלט־אַנשויאונג.

דער לאָזונג: „מאַכט פון די אַרבעטער־ראַטן" איז פאַר לענינען נישט געווען קיין פּרינציפּיעלע פראַגע, נאָר אַ פראַגע פון צוועקמעסיקייט, פונם בעסטן און נאָענטסטן וועג, וואָס פירט צו דער מאַכט פון צ. ק. פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. נאָך דעם אומגעלונגענעם אויפשטאַנד פון 4טן יולי, ווען די ראַטן האָבן זיך בפירוש אַ רוק געטאָן אויף רעכטס, און אין די מאַסן האָט געהערשט אַ פאַרביטערונג קעגן די באָלשעוויקעס, האָט לענין אַראָפּגענומען דעם לאָזונג: „די גאַנצע מאַכט די ראַטן". אויפסניי און מיט דער גאַנצער ענערגיע האָבן די באָלשעוויקעס אָנגעהויבן אַגיטירן פאַר דעם דאָזיקן לאָזונג ערשט נאָכן קאָרנילאָוו־אויפשטאַנד, אין אויגוסט, ווען די ראַטן האָבן זיך אַ רוק־געטאָן אויף לינקס, און די פאַרביטערונג פון די מאַסן האָט זיך געווענדעט קעגן קערענסקין און די מעסיקע עלעמענטן אינם סאָציאַליסטישן לאַגער.

לענין האָט קנאַפּ וואָס געהאַלטן פון „אינערלעכן דעמאָקראַטיזם" אַפילו

*) דאַרף מען דאָך געדענקען, אַז שוין נאָכן 7טן נאָוועמבער, נאָך דער געלונגענער איבערקערעניש, זיינען אַזעלכע צוויי זיילן פון באָלשעוויזם, ווי — קאַמעניעוו און זינאָוויעוו, אַרויסגעטראָטן פון צ. ק. און געמאָלדן וועגן דעם אין דער פּרעסע, ווייל זיי האָבן געהאַלטן פאַר אוממעגלעך צו נעמען אויף זיך די אַחריות פאַר דער איבערקערעניש...

אינם סאָציאַליסטישן לאַגער גופא. אין דער זעלביקער צייט, ווען ער האָט קאָנצענטרירט די גאַנצע אַגיטאַציע אַרום דעם לאָזונג: „מאַכט פון די ראַטן״, האָט ער נישט פאַרבייגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט, כדי מיט דער הילף פון אַן אויסערלעכן דרוק אָנצוזוואַרפן די דאָזיקע סואווערענע אָרגאַנען פון דער רע־וואָלוציע דעם ווילן פון די באָלשעוויקעס דאָרט, וואו זיי זיינען געווען אין דער מינדערהייט.

בעת דעם ערשטן קאָנגרעס האָבן די באָלשעוויקעס, האָבנדיק סך־הכל 10 פּראָצענט מאַנדאַטן, שטילערהייט צוגעגרייט אַ גרויסע באַוואָפנטע דע־מאָנסטראַציע, וועלכע האָט געזאָלט צווינגען דעם ראַטן־קאָנגרעס זיך צו שטעלן אויף דעם באָלשעוויסטישן שטאַנדפּונקט. די צוגרייטונג־אַרבעט צו דער דע־מאָנסטראַציע איז צופעליק אויפגעדעקט געוואָרן. דער קאָנגרעס האָט גע־צוואונגען די באָלשעוויקעס זיך פון איר אָפּצוזאָגן.

זיי האָבן זיך צו איר אומגעקערט מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער. זייער דעמאָל־טיקע באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע קעגן דעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט, וועלכן ס׳האָט אויסגעוויילט דער קאָנגרעס, — זי האָט זיך דאָס אויסגעגאָסן אין דער פאָרם פונם אומגעלונגענעם פּעטערבורגער יולי־אויפשטאַנד.

און אַפילו דער צווייטער, דער נאָוועמבער־קאָנגרעס, דער וואָס האָט גע־זאָלט אַנטשיידן דעם ווייטערדיקן גורל פון דער רעוואָלוציע, און וועגן וועלכן לענין האָט אויף זיכער געוואוסט, אַז ער וועט האָבן אַ באָלשעוויסטישע מער־הייט, — אַפילו דער דאָזיקער קאָנגרעס איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געשעענעם פאַקט. אין מאָמענט, ווען דער קאָנגרעס האָט זיך געעפנט, האָט דער גע־היימער מיליטעריש־רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט שוין געהאַט פאַרנומען גאַנץ פּעטערבורג, און די קריג־שיפן פון קראָנשטאַט האָבן באָמבאַרדירט דעם ווינ־טער־פּאַלאַץ — דעם זיץ־אָרט פון קערענסקיס רעגירונג...

8

פאַנאַנדערבינדן די סטיכיע״, אַרויספירן זי פון אַלע ברעגן, וואָס העכער אויפהויבן אירע כוואַליעס, כדי אויף זייער קאַם צו קומען צו דער מאַכט, — דאָס איז געווען לענינס טאַקטיק ביז נאָוועמבער. אַכט חדשים רע־וואָלוציע האָבן געוויזן, וואָס פאַר אַן אומזיכערער זיץ־אָרט ס׳איז — דער שפּיץ פון דער כוואַליע. לענין האָט נישט געוואָלט מאַכן אָפּהענגיק דעם גורל פון זיין רעגירונג פון אַ קאַפּריז פון דער סטיכיע, און דעריבער איז נאָך נאָוועמבער זיין ציל געוואָרן: באַפרייען זיך פון דער צופעליקייט פון דער סטיכיע. אַריינ־פירן דעם ברויזנדיקן ים אין ברעגן פון גראַניט און פירן די רעוואָלוציע ווײ־טער לויט אַ קלאָר אויסגעאַרבעטן פּלאַן, צו אַ פאָראויס באַשטימטן ציל.

מיט דער זעלביקער אייזערנער האַנט, מיט וועלכער לענין האָט ביז נאָ־וועמבער אָנגעפירט מיט זיין פּאַרטיי, האָט ער איצט געהאַלטן דעם רודער פון

גאַנצן לאַנד. ער איז געווען די נשמה פון דער רעגירונג. קיין שום מער אָדער ווייניקער באַדייטנדיקע זאַך איז נישט געטאָן געוואָרן אָן זיין וויסן און הסכם. דעם גאַנצן אַפּאַראַט פון דער קאָלאָסאַלער מלוכה האָט ער געהאַלטן אין זיין האַנט.

ער האָט פאַרמאָגט אַן אומגעהויערע דרייסטקייט נישט נאָר פון טאָט, נאָר אויך פון געדאַנק, וואָס ס׳איז אַ סך אַ זעלטענערע דערשיינונג. ער האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעשטעלט פאַר די ווייט גייענדיקסטע פּרינציפּיעלע פּראָגראַם־קאָמפּראָמיסן. פון היינט אויף מאָרגן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער קאַרדינאַלסטער פראַגע פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע — פון דער אַגראַר־פראַגע, און אָן וואַקלענישן האָט ער אָנגענומען די פּראָגראַם פון די ס. ר.׳ן, וויבאַלד נאָר ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז זי איז מער צוגע־פּאַסט צו די פאַרלאַנגען פון דער פּויערישער מאַסע. ער האָט געהאַט די פולע זיכערקייט, אַז דעם 7טן נאָוועמבער האָט זיך אין רוסלאַנד אָנגעהויבן די רעאַליזירונג פון סאָציאַליזם. אָבער ביי דעם וועג, וואָס האָט דערצו געדאַרפט פירן, האָט ער זיך נישט איינגעשפאַרט. אויב איין וועג האָט אים געפירט צו אַ טויבער וואַנט, האָט ער געפּרואווט פאַרקערעווען אויף אַ צווייטן. האָט זיך דער צווייטער אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש, האָט ער געזוכט אַ דריטן אין איין **הינזיכט האָט ער נישט געוואוסט אַבסאָלוט פון קיין שום קאָמפּראָמיסן, דאָס** איז — די מ אַ כ ט ־ פ ר אַ ג ע. טיילן מיט אַ וועלכער נישט איז אַנדערער פּאַרטיי די מאַכט — דאָס האָט לענין געהאַלטן פאַר אויסגעשלאָסן. ער האָט געקאָנט היינט אין איין פראַגע איבערנעמען די פּראָגראַם פון די ס. ר.ן, און מאָרגן אין אַ צווייטער פראַגע — די פּלאַטפאָרם פון די מענשעוויקעס. אָבער **ביידע זאַכן — אָן און קעגן די דאָזיקע פּאַרטייען, אין אַ פאַרביסענעם קאַמף** קעגן זיי. ער האָט אויף אַ רגע נישט געצווייפלט, אַז נישט נאָר יעדער בורזשואַ, נאָר יעדער סאָציאַליסט, וואָס פאַרמעסט זיך צו קאָנקורירן מיט די באָלשע־וויקעס, איז אַ דם־שונא פון אַרבעטער־קלאַס, פון דער רעוואָלוציע. און דעריבער איז — אומברחמנותדיקער טעראָר געווען איינער פון די גרונט־יסודות פון לענינס פּאָליטיק.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך. אין אָנהויב 1919, ווען דער טעראָר איז געווען באַזונדערס שטאַרק, פלעגן זיך מוטערס, פרויען און שוועסטער פון אַרעסטירטע און פאַרמשפּטע מאַסנוויז זיך ווענדן צו לענינס פרוי מיט דער ביטע, זיך משתדל צו זיין פאַר זייערע קינדער, מענער און ברידער. לענין האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע פאָלגנדיקע קורצע מעלדונג:

— „איך בעט נישט צו באַאומרואיקן מיין פרוי מיט ביטעס וועגן אַרעס־טירטע, ווייל דאָס איז אין גאַנצן צוועקלאָז“.

דאָס איז נישט געווען קיין אויסדרוק פון פּערזענלעכער אַכזריות. אין לענינס באַציאונג צום טעראָר איז געקומען צום אויסדרוק נאָר זיין פאַנאַטיזם אָן אַ גרענעץ, דער זעלביקער פאַנאַטיזם, וואָס דערלויבט צו פירן מענטשן

אויפן פייער אין דער טיפער איבערצייגונג, אַז דאָס איז די איינציקע רעטונג פֿאַר די נשמות פון די פֿאַרברענטע...

*
**

אַרום דעם ווערק פון לענינס לעבן וועט נאָך לאַנגע יאָרן פֿאַרקומען אַ לײדנשאַפטלעכער אידעאישער שטרייט אינם פּראָלעטאַרישן לאַגער. אָבער יעדער, אַפילו דער פֿאַרביסנסטער קעגנער זיינער, וועט מוזן מודה זיין, אַז דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע מענטשן און גרעסטע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע די געשיכטע האָט ווען נישט איז געבוירן.

(„פֿאָלקס־צייטונג", וואַרשע, פעברואַר־מערץ, 1924)

וולאדימיר מעדעם

1

מעדעם דער פירער *)

עס איז אוועק פון אונז א לערער, א וועג־ווייזער, אן אנערקענטער פירער.

ס'איז אוועק א מענטש, וואס איז אין משך פון קנאפע 20 יאר פאר דער ברייטער וועלט, פאר פריינט, פאר קעגנער און שונאים געווען דער ווארט־פירער פון דער פארטיי פון יידישן פראלעטאריאט, איר פאליטישע פאן.

צווישן די „אלטע" אין „בונד" איז מעדעם געווען איינער פון די ייִנגסטע. אנדערע האבן געלייגט די גרונטשטיינער פון דער ארגאניזאציע, געלייגט א ציגל אויף א ציגל, אין שווערן קאמף מיט טויזנטער מניעות געבויט דעם בנין פון דער יידישער ארבעטער־פארטיי.

מעדעם איז געקומען שפעטער. אבער נישט געווען און נישטא קיין איינער צווישן אונדז, וועמענס נאמען זאל נישט זיין אזוי ענג פארבונדן מיטן אלגעמיי־נעם יידישן ארבעטער־בונד, ווי וולאדימיר מעדעם.

ווייל ער איז געווען דער, וואס האט אוועקגעלייגט די גרונט־יסודות אונטער דער אידעאלאגיע פון אלגעמיינעם יידישן ארבעטער־בונד, ווייל אדאנק זיין רייכער און באגאבטער נאטור, איז ער אויף א נאטירלעכן אופן געווארן דער גלענצנדסטער פארטיידיקער פון דער דאזיקער אידעאלאגיע אין ווארט און שריפט.

דער ערשטער גרויסער אידעאישער קאמף, וועלכן ס'האט געהאט אויס־צושטיין די פארטיי פון יידישן פראלעטאריאט — דאס איז געווען דער קאמף מיט דער רוסלענדער סאצ. דעמ. ארבעטער־פארטיי פארן ארגאניזאציע־פרינ־ציפ פון „בונד". פראקטיש איז דער דאזיקער שטרייט אויסגעקעמפט געווארן אין צפון־מערב פון רוסלאנד, טיילווייז אין פוילן, וואו די יידישע ארבעטער איז אויסגעקומען אויסצושטיין דעם פארביסענעם, נישט־שטענדיק זויבערן קאנקו־רענץ־קאמף פון דער אסימילירטער יידיש־סאציאליסטישער אינטעליגענץ, וואס האט נאך נישט געפונען פאר זיך קיין גענוגנדיקע ארבעט אין דער רוסישער און פוילישער פראלעטארישער סביבה. אבער דער טעארעטישער קאמף ארום דער פראגע האט זיך געפירט אין דער פרעסע, וואס א באדייטנדיקער טייל פון איר

*) „פאלקס־צייטונג", 12 יאנואר 1923, געשריבן גלייך ווי ס'האט זיך באקומען די ידיעה וועגן מעדעמס טויט.

איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אויסלאַנד, — אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פון די אויסלענדישע סאָציאַליסטישע קאָלאָניעס, — אויף געשלאָסענע צווישנ־פּאַרטייאישע באַראַטונגען און קאָנפערענצן. און דאָ האָט אַמגלענצנדסטן דעם בונדישן שטאַנדפּונקט פאַרטראָטן דער יונגער מעדעם.

אָבער באַלד זיינען די חלוקי־דעות געוואָרן ערנסטער און טיפער. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז געוואַקסן און האָט פון טאָג צו טאָג אַרומגע־כאַפּט אַלץ גרעסערע און ברייטערע קרייזן. וואָס טיפער דער „בונד" איז אַריינ־געוואַקסן אין די ברייטע יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן, אַלץ אַלזייטיקער האָט ער געמוזט אָפּשפּיגלען זייערע נויטן און באַדערפענישן. אַלץ שטאַרקער האָבן אין אים געמוזט קומען צום אויסדרוק די נאַציאָנאַלע מאָמענטן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער קאַפּריז פון דער געשיכטע האָט געוואָלט, אַז דוקא דורך אים, וולאַ־דימיר מעדעמען, זיינען אַמבולטסטן און אַמקלאָסיסטן געקומען צום וואָרט די נאַציאָנאַלע באַדערפענישן פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. דורך אים, וואָס איז צום יידישן אַרבעטער־קלאַס געקומען פון דער ווייטן, פון אַ ווילד־פרעמ־דער, אויב נישט דירעקט־פיינטלעכער סביבה.

מעדעמס ביכל „די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פראַגע", אין וועלכן ס'איז צום ערשטן מאָל אויספירלעך פאָרמולירט און באַגרינדעט געוואָרן די פאָדערונג פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, איז געוואָרן די גרונדלאַגע פון בונדישן פּאַרטיי־פּראָגראַם. אַרום דעם דאָזיקן ביכל האָט זיך קאָנצענטרירט דער לייִדנשאַפטלעכער אידעאישער שטרייט, וואָס איז דעם „בונד" אויסגעקומען צו פירן אין סאָציאַליסטישן לאַגער.

מעדעם האָט געשטעלט צום דינסט פון זיין פּאַרטיי, צום דינסט פון יידישן אַרבעטער־קלאַס די אייזערנע מאַכט פון זיין שאַרפער קאַלטער לאָגיק און דעם גליענדיקן פלאַם פון זיין יונגער, פרישער, צאַפּלדיקער נשמה. לעבנס־לוסטיק און שטאָלץ איז ער געשטאַנען אין מיטן פון שטורמישן קאַמף. אינם פּראָלעטאַרישן לאַגער האָט ער געקעמפט פאַר דער אָנערקענונג און פאַר די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. אויף דער יידישער גאַס איז ער געווען דער געפערלעכסטער קעגנער פאַר אַלע די, וואָס האָבן געזייט יאוש צווישן די יידישע מאַסן, וואָס האָבן געוואָלט איינוויקלען די דאָזיקע מאַסן אין קלעפּיקן שפּינוועבס פון נאַציאָנאַליזם.

אומעטום, וואו ער האָט זיך באַוויזן, האָט געפלאַטערט די פאָן פון „בונד". און פון יעדן וואָרט זיינעם, פון זיין גאַנצער איידעלער, אָבער מוטיקער גע־שטאַלט האָט געווייעט אַזאַ וואונדערבאַרער צויבער, אַזביים ערגסטן שונא האָט זיך געמוזט וועקן אַ געפיל פון דרך־ארץ צו דעם יונגן, אויפקומענדיקן יידישן פּראָלעטאַריאַט, וועמענס פאָן־טרעגער מעדעם איז געווען.

מעדעם און דער אַלג. יידישער אַרבעטער־בונד זיינען געוואָרן איינס. ס'איז געווען אין יאָר 1905־6. באַלד נאָך די פריידיקע ידיעות וועגן

דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע זיינען אָנגעקומען די שרעקלעכע בשורות וועגן די יידישע פּאָגראָמען.

דער רעוו. יידישער פּראָלעטאַריאַט האָט אויף די יידישע פּאָגראָמען געענטפערט מיט באַוואָפנטן, מסירת־נפשדיקן זעלבסטשוץ, מיט אַ פאַר־שטאַרקונג פון זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

אָבער די יידישע נאַציאָנאַליסטן האָבן פאַרפלייצט די יידישע גאַס מיט איכה־געשרייען, מיט פאַרצווייפלונג־שטימונגען. זיי האָבן געזייט אַפּאַטיע, אָפּהענ־טיקייט, נידערגעשלאָגנקייט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

די יאָרן 6־1905 האָבן נישט געבראַכט צו קיין נצחון פון דער רעוואָלוציע. אָבער זיי האָבן פאָרט ראַדיקאַל געביטן די פאַרהעלטענישן אין לאַנד. זיי האָבן אוועקגעשטעלט דעם אַרבעטער־קלאַס פאַר אַ נייער פּאָליטישער סיטואַציע. ס'זיינען סיי אויף דער אַלגעמיינער פּאָליטישער אַרענע, סיי אינעם יידישן לעבן אַנטשטאַנען אָרגאַניזירטע פּאָליטישע פּאַרטייען מיט מער אָדער ווייניקער באַ־שטימטע פּאָליטישע פּראָגראַמען. אין אַלגעמיינעם מלוכה־לעבן, ווי אויך אויף דער יידישער גאַס זיינען פאַר דער פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט אויסגע־וואַקסן נייע אויפגאַבן, וועגן וועלכע מען האָט דאַן אַפילו נישט געטראַכט.

מעדעם האָט געהערט צו די נאַטורן, וועמענס כוחות עס פאַרגרעסערן זיך צוזאַמען מיט די מניעות, וועלכע וואַקסן צוזאַמען מיט די געשעענישן, מיט די אויפגאַבן. די פריערדיקע שטרייטן וועגן דער שטעלונג פון „בונד" אין דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג און אינעם יידישן לעבן זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען אויסגעקעמפט, פאַר דער פּאַרטיי פון יידישן פּראָלע־טאַריאַט איז געשטאַנען די אויפגאַבע — צו באַפעסטיקן און פאַרברייטערן די פּאָזיציעס פון אַרבעטער־קלאַס אין קאַמף מיט דער אַלגעמיינער און יידישער רעאַקציע, צוגרייטן זיך צו נייע און אומדערמידלעכע צוזאַמענשטויסן.

מעדעם האָט זיך כמעט קיין מאָל נישט פאַרנומען מיט דער פּראַקטישער, טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט, אָבער ס'איז נישט געווען קיין איינער פון די פּראַקטישע טוער אין דער באַוועגונג, ווי דערפאַרן ער זאָל נישט זיין, וואָס זאָל נישט האַלטן פאַר זיין חוב אַפילו אין פּראַקטישע פראַגן זיך מיישב צו זיין מיט מעדעמען.

מעדעם האָט געהערט צו די ווייניקע, וועלכע מ'קען אָנרופן — דער מוח פון דער באַוועגונג. ער האָט אָן אויפהער געוועקט און באַפרוכפּערט דעם יידישן — און נישט נאָר דעם יידישן — פּראָלעטאַרישן געדאַנק אין לאַנד. אומעטום, וואו ער איז געווען, האָבן די חברים זיך געפילט זיכערער און פעסטער אין זייער אַרבעט. נאָך דער רעוואָלוציע, ווי פאַר איר, איז מעדעם פאַרבליבן דער לערער, וועגווייזער און פירער.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז די לעצטע און טעטיקסטע פון זיינע יאָרן זאָל מעדעם פאַרברענגען אין פּוילן. אין די פינצטערע יאָרן פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן זיך אַרום אים, ווי אַרום אַ לויכטנדיקן טורעם, געזאַמלט

צענדליקער טויזנטער יידישע אַרבעטער. דורך דעם שטעכיקן דראָט פון אָקופּאַנטן־רעזשים איז ער געשטאַנען מיט זיי אין אָן ענגער און האַרציקער פאַרבינדונג. און אומעטום, וואוהין ער איז געקומען, האָט זיך פאַרשטאַרקט דער מוט, איז געוואַקסן דער גלויבן, און פריידן און שטאָלץ האָבן אָנגעפילט די הערצער.

ס׳זיינען געקומען די שטורמישע יאָרן 1918 און 1919. נייע ווינטן, נייע שטרעבונגען האָבן זיך גענומען טראָגן איבער איראָפּע. מעדעמס אייביק יונג האַרץ פון אַ רעוואָלוציאָנער האָט אויפגענומען אין זיך דעם הייסן אָטעם פון דער רעוואָלוציע, אָבער זיין קאָפּ איז געבליבן קאַלט. ער האָט געוואָרנט פאַר נישט דורכגעטראַכטע שריט, ער האָט גערופן צו פאַרזיכטיקייט. נישט אַלע מאָל זיינען זיך צו יענער צייט זיינע אָנשויאונגען צונויפגעפאַלן מיט די בליקן פון זיינע חברים. אָבער ס׳איז נישט געווען קיין איין פאַל ווען מעדעמס רייד זאָלן נישט אויסגעהערט ווערן מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און מיטן גרעסטן דרך־ארץ; נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל זיך ביי אַלע מיינונגס־פאַרשידנהייטן ווייטער נישט באַציען צו אים, ווי צו אַ לערער און פירער, וואָס זאָל אים נישט האַלטן פאַר דעם שטאָלץ און פאַר דער צירונג פון אונזער באַוועגונג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין 1920 איז מעדעם אַפּגעפאָרן קיין אַמעריקע. אין יעדן ווינקעלע פון אונזער באַוועגונג האָבן מיר שמערצלעך געפילט זיין אַפּוועזנהייט. אָבער יעדן טאָג האָבן מיר געפילט זיין טיפע צוגעבונדנקייט צו די יידישע אַר־בעטער־מאַסן אין פּוילן, זיין פאָטערלעכע זאָרג וועגן זיי. מיר האָבן געוואוסט, אַז ער איז דאָ, און מיר האָבן געהאָפט, אַז ער וועט זיך אומקערן.

און אָט שטייען מיר פאַר מעדעמס אָפענעם קבר: אַלטע און יונגע, דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־קלאַס, שטייען מיר ווי יתומים, מיט געבראָכענע הערצער, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

2

ווי אַזוי איז מעדעם געקומען צום „בונד״ *)

מעדעם איז געקומען צום יידישן אַרבעטער־קלאַס פון דער ווייטנס. באַלד ווי ער איז געבוירן געוואָרן, האָבן אים די עלטערן געטויפט. און ווען ער איז אַלט געווען 13 יאָר, האָבן זיך זיינע עלטערן אויך געטויפט. מעדעם איז אויסגעוואַקסן אין אַ הויז, וואו דער איינציקער סימן פון יידישקייט איז גע־ווען — די אַלטע יידענע, וואָס פלעגט אַ פּאָר מאָל אין וואָך אַריינברענגען שפּייז־

*) געשריבן צום ערשטן יאָרצייט. „פאָלקס־צייטונג״, וואַרשע, יאַנואַר, 1924.

פּראָדוקטן אין שטוב. די סביבה, וואָס פלעגט אים אין זיינע קינדער־יאָרן אַרומרינגלען, זיינען געווען — רוסישע באַאַמטע און אָפיצירן. די רוסישע „ניאַניע" האָט אים געפירט אין פּראַוואָסלאַוונעם קלויסטער אַריין, וואו ער האָט מיט התלהבות געדאַוונט, זיין מוטער־שפּראַך איז געווען — רוסיש, און די קולטור, וועלכע ער האָט פון קינדווייז אָן אין זיך אַריינגעזאַפּט, איז געווען די רוסישע קולטור.

ווי אַזוי איז מעדעם געקומען צום יידישן אַרבעטער־קלאַס?

אַ ביסל איז דאָס — אַ צופאַל. מעדעם איז אויסגעוואַקסן אין אַ יידישער שטאָט. אין מינסק. זיינע נאָענטסטע חברים אין די קינדער־ און יוגנט־יאָרן זיינען געווען יידן. די ערשטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער ער איז געקומען אין באַרירונג, איז געווען — דער „בונד". וואָלט מעדעם גע־בוירן געוואָרן ערגעץ אין אַ טולע אָדער אַ פּענזע, — ווער ווייס? — אפשר וואָלט ער נישט געוואָרן קיין פירער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אָבער איך מיין אַז נישט נאָר דעם צופאַל האָט דער יידישער פּראָלע־טאַריאַט צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס מעדעם איז צו אים געקומען.

מעדעם איז געווען אַ זון פון אַסימילירטע יידישע עלטערן און מעדעמס פאָטער האָט געוואָלט, אַז זיין וולאַדימיר זאָל מאַכן נאָך אַ שריט ווייטער אויפן וועג פון אַסימילאַציע. אַסימילאַציע איז אָבער אַ זאַך, וואָס נישט יעדע נאַטור קען פאַרטראָגן. אַוודאי איז אַסימילאַציע אָפט — נאָך איבערצייגונג, אָבער על־פּי־רוב איז דאָס עפּעס מער ווי איבערצייגונג, אָדער — עפּעס ווייניקער, ווי עמיץ וויל. על־פּי־רוב געהערט דערצו נאָך אַ שטיק קאַריעריזם, אַ היפּשע דאָזע כאַראַקטערלאָזיקייט, אַ ביסל פּחדנות, אַ ווילן צו פאַרלייכטערן זיך דאָס לעבן, זיך צופּאַסן צו דער סביבה, זיך אָנצוטאָן אין כאַקי־קאָליר, כדי אויסצו־מיידן די פיילן פון שונא.

מעדעמס פאָטער איז געווען אַ ליבעראַל, ער האָט געהאַט אַן אינטערעס צו געזעלשאַפטלעכע פראַגן בכלל און צו דער יידישער פראַגע בפרט. ער האָט רעגולער געלייענט דעם „וואָסכאָד", אים האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר די רדיפות אויף יידן. דער שונא ישראל איגנאַטיעוו (אַ רוסישער מיניסטער) איז געווען אַ פאַרהאַסטע פיגור ביי אים אין שטוב. אָבער ער האָט געוואָלט, אַז זיין וולאַדימיר זאָל נישט האָבן אויסצושטיין קיין אַנטיסעמיטישע נגישות. ער זאָל נישט וויסן דעם טעם פון פּראָצענט־נאָרמע (נומערוס קלאַוזוס בלע"ז), פון „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ" און פון אַנדערע גוטע זאַכן, וועלכע ס'האָט פאַר־מאָגט פאַר יידן דאָס צאַרישע רוסלאַנד. און דעריבער האָט ער זיין זון אָנגעטאָן אין כאַקי־קליידער — ער האָט אים געטויפט.

וולאַדימיר מעדעם איז אָבער נישט געווען קיין „כאַקי־מענטש". וולאַ־דימיר מעדעם האָט נישט געזוכט קיין לייכטערן, קיין באַקוועמערן וועג אין לעבן. וולאַדימיר מעדעם האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעפּאַסט צו דער סביבה, נישט אויסגעמיטן קיין קאַמף. ער איז נישט נאָר עטיש, נאָר אויך — עסטעטיש נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרטראָגן קיין פּחדנות.

װען מעדעם האָט דערזען די אַכזריות פֿון צאַרישן רעזשים, איז ער גע־װאָרן אַ רעװאָלוציאָנער. װען פֿאַר אים האָט זיך אַנטפּלעקט דער גאַנצער רויבערישער מעכאַניזם פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, אויסגעבויט אויף אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע, איז ער אַװעק אין לאַגער פֿון סאָציאַליס־טישן פּראָלעטאַריאַט. און אַזוי װי דער יידישער אַרבעטער איז געװען דער פּאַריער צװישן פּאַריער, דער פֿאַרשקלאַפּטער צװישן פֿאַרשקלאַפּטע האָט זיך מעדעם אָן װאַקלענישן געשטעלט אין זיינע רייען, אונטער דער פֿאָן פֿון „בונד״. מעדעם איז אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן, אָן דעם מינדסטן אינערלעכן קאַמף אַרי־בערגעגאַנגען צום טאָג־אָרדענונג איבער דער באַלעבאַטיש־פּאַטערלעכער זאָרג פֿון זיינע נאָענטע װעגן זיין צוקונפֿט. ער איז נישט נאָר צוריק געװאָרן אַ ייד — ער האָט מיט אַ רייע נייע און שװערע מניעות פֿאַרשטעלט פֿאַר זיך דעם װעג צו דער „קאַריערע״, צו אַ רואיקן באַלעבאַטיש־פֿרידלעכן לעבן.

3

מעדעמס ראָל אין „בונד״

מעדעם איז געקומען צום יידישן אַרבעטער־קלאַס פֿון דער װייטנס און איז געװאָרן אין זיינע רייען איינער פֿון די סאַמע ערשטע. ער איז אַריינ־געטראָטן אין „בונד״ צװיי יאָר נאָך דער גרינדונג פֿון דער פּאַרטיי, בעת זי האָט נאָך נישט געהאַט קיין קלאָרן פּנים, קיין בולט אויסקריסטאַליזירטע איי־גענע אידעאָלאָגיע. די אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט איז אויסגע־װאַקסן סטיכיש, אויפֿן באָדן פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַװעגונג, אַזוי װי אַ בוים, װאָס װאַקסט אויס אין מיטן פֿעלד, — װאָס נישט מ׳זעצט אים, נישט מ׳פֿלאַנצט אים. דאָס עצם בונדישע, דער עיקר פֿון בונדיזם האָט זיך צו יענער צייט נאָך אין אַ האַלב־באַװאוסטזיניקער פֿאָרם געטראָגן אין די מוחות פֿון די בונדישע פֿירער.

און דװקא מעדעם איז געװען דער, אויף װעמענס גורל ס׳איז אויסגעפֿאַלן צו פֿאָרמולירן און שליפֿן דעם בונדישן געדאַנק און צו פֿאַרטיידיקן אים קעגן אַ װעלט פֿון שונאים און קעגנער אויף דער יידישער און נישט יידישער גאַס. מעדעם איז געװען איינער פֿון די אַקטיװסטע שעפֿער פֿון בונדיזם. ער איז געװען זיין גלענצנדסטער און באַגייסטערטסטער פֿאָן־טרעגער.

דער עצם אינהאַלט פֿון בונדיזם, דאָס, װאָס האָט אים אויסגעטיילט פֿונם רוסלענדער מאַרקסיזם און צוגעגעבן דער אָרגאַניזאַציע פֿון יידישן פּראָלע־טאַריאַט איר אייגנאַרטיקן כאַראַקטער, איז געװען דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ און די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פֿון „בונד״. היסטאָריש איז פֿריער רייף געװאָרן דער ערשטער. אַרום דעם דאָזיקן פּרינציפּ איז דעם „בונד״ אויסגע־קומען אויסצוהאַלטן דעם פֿאַרביסנסטן קאַמף מיט די רוסישע און פּוילישע סאָ־

ציאַליסטן. די שאַרפע חלוקי־דעות אין דער דאָזיקער פראַגע האָבן גע־צוואונגען דעם „בונד" אין יאָר 1903 צו פאַרלאָזן די רייען פון דער אַלגע־מיינער רוסלענדער פּאַרטיי, וועלכע איז געבויט געוואָרן מיט זיינע הענט.

מעדעם איז צו יענער צייט געווען סך־הכל אַ דריי־יעריקער בונדיסט. ער האָט נאָך אַפילו נישט געהלומט וועגן דעם, צו זיין אַ מיטגליד פון צ. ק. ווייל לויט די אַלטע טראַדיציעס פון „בונד", ביי דעם טיפן, גרענעצלאָזן פּיעטעט, וואָס האָט געהערשט אין דער פּאַרטיי צו אירע אָנפירנדיקע אָרגאַנען, איז אַ 3־4 יעריקן מיטגליד, אַפילו דעם גלענצנדסטן און טרייסטן, נישט געקומען אויפן זין, אַז ער קען פרעטענדירן אויף אַ פּלאַץ אין צ. ק. אָבער ווען דער פּאַרטיי איז אויסגעקומען צו טאָן דעם פאַראַנטוואָרטלעכסטן שריט אין דער געשיכטע, בעת זי האָט געדאַרפט שיקן איר דעלעגאַציע אויפן צווייטן קאָנגרעס פון דער רוסלענדער פּאַרטיי איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז מעדעם מוז זיין אַ מיטגליד פון אָט דער דעלעגאַציע, אַז אָן זיין אַקטיווער מיטווירקונג קאָן די פּאַרטיי דעם דאָזיקן שריט נישט מאַכן.

די אַרויסטרעטונג אויפן 2טן קאָנגרעס פון ר. ס. ד. אַ. פּ. איז נאָר געווען דער אָנהויב פון קאַמף. די עצם־אַרבעט איז געקומען ערשט שפּעטער, נאָכן קאָנגרעס, ווען דער פּאַרטיי איז אויסגעקומען אָפּצושלאָגן די אומברחמנותדיקע אַטאַקעס פון די סאָציאַליסטישע אַסימילאַטאָרן אין דער רוסישער און פּוילישער באַוועגונג, און אין ברען פון קאַמף צו זאַמלען די יידישע פּראָלעטאַרישע כוחות אַרום דער פאָן פון „בונד", צו געווינען פאַר אים די יידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענץ.

אָבער אין ברען פון קאַמף איז ביסלעכווייז רייף געוואָרן דער צווייטער באַ־שטאַנד־טייל פון בונדיזם — די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד". זי איז אַנט־שטאַנען אין פייער פון טאָפּלטן קאַמף: אין דער יידישער געזעלשאַפט — קעגן ציוניזם מיט אַלע זיינע שאַטירונגען, אין סאָציאַליסטישן לאַגער — אין ליידנ־שאַפטלעכן אידעאישן שטרייט מיטן נאַציאָנאַליזם אויף דער „לינקער" זייט.

דאָס איז געווען דער שטורעם־ און דראַנג־פּעריאָד אין דער געשיכטע פון „בונד". דאָס איז געווען די העראָאישע עפּאָכע פון דער פּאַרטיי. אין תחום האָט דער יידישער פּראָלעטאַריאַט עקשנותדיק געפירט זיין רעוואָלוציאָנערן קאַמף מיטן צאַריזם. אויף דער געזעלשאַפטלעך פּאָליטישער אַרענע איז גע־שמידט געוואָרן זיין אידעאָלאָגיע. און אין די פאָדערשטע רייען, אויף דער אַממייסטן אַרויסגערוקטער פּאָזיציע איז געשטאַנען וולאַדימיר מעדעם. ער איז געווען דער מחבר פון דער ערשטער בונדישער בראשור קעגן ציוניזם, ער האָט דער ערשטער געגעבן אַ פאַרענדיקטע און ברייט באַגרינדעטע פאָרמולירונג פון דער בונדישער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם. ער איז געווען דער הויפּט־שעפער פון דער דאָזיקער פּראָגראַם.

יעדעס וואָרט זיינס, יעדע אַרויסטרעטונג איז געווען באַהויכט מיטן וואונ־

דערבאַרן גלאַנץ פון זיין רעדנער־קונסט און ליטעראַרישן טאַלאַנט, וואָס איז געווען דער צויבער פון זיין פערזענלעכקייט.

מעדעם איז געווען איינער פון די יינגסטע אין דער פּאַרטיי. אָבער קיינעמס נאָמען איז נישט געווען אַזוי צונויפגעפלאָכטן און צונויפגעשמאָלצן מיטן „בונד", ווי דער נאָמען — וולאַדימיר מעדעם. ער איז געווען די פּאַרקערפּערונג פון דער פּאַרטיי, דער עמוד האש פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ל. מאַרטאָוו אלס מענטש און טוער

נאָך נישט פאַרביי קיין 4 חדשים זינט אין דער וויטער אַמעריקע איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה וו. מעדעם, — און שוין שטייען מיר פאַר אַ פרישן קבר פון איינעם פון אונזערע גרויסע — פאַרן קבר פון ל. מאַרטאָוו.

נאָך מעדעמען — מאַרטאָוו. נישט נאָר די כראָנאָלאָגישע נאָענטקייט פון זייערביידנס טויט רופט אַרויס אין זכרון דעם אָנדענק פון מעדעמען, בעת איך טראַכט וועגן דעם נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענעם מאַרטאָוון. אַ סך טיפער און שטאַרקער ווירקט דאָ די אינערלעכע עלנטקייט פון די צוויי מענטשן. דער פאַקט, וואָס ביידע האָבן זיי געהערט צו דעם זעלטענעם — אַפילו אין די סאָ־ציאַליסטישע רייען — טיפּ טוער, וואָס פאַראייניקן אין זיך מיט אַ וואונדערבאַרער האַרמאָנישקייט גרויסע גייסטיקע חריפות, אַ שאַרפן און שטאַרקן אינטעלעקט — מיט שטאָלענער פעסטקייט פון איבערצייגונגען, מיט אַ קרישטאָל־ריינער, דער־הויבענער נשמה.

מאַרטאָוו איז געווען איינער פון די, מיט וועמענס נאָמען ס'איז אויפן ענגסטן אופן פאַרבונדן די אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד. מאַרטאָוו האָט אַריינגעפלאָכטן זיין נאָמען אויך אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג, הגם ער איז זיך שפּעטער מיט איר פאַנאַנדערגעגאַנגען און צייטנווייז אַפילו זי באַקעמפט. מאַרטאָוו איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן מיט זייער וואָרט און שריפט דערצויגן דעם גאַנצן היינטיקן דור סאָציאַליסטישע טוער סיי אין רוסלאַנד גופא, סיי אין די אַלע לענדער, וואָס זיינען אַנטשטאַנען אויפן שטח פון אַמאָליקן רוסלאַנד. מאַרטאָוו האָט געהערט נישט נאָר דער רוסלענדער באַוועגונג. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע קענער פון מאַרק־סיזם בכלל, איינער פון די טאַלאַנטפולסטע און שאַרפסטע סאָציאַליסטישע דענ־קער פון זיין צייט און איינער פון די גלענצנדיקסטע סאָציאַליסטישע שרייבער.

איך האָב זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט מאַרטאָוון אין יאָר 1913 אין פעטערבורג. מאַרטאָוו האָט זיך דעמאָלט אומגעקערט קיין רוסלאַנד נאָך 7 יאָר לעבן אין אויסלאַנד, וואוהין ס'האָט אים פאַרטריבן די מפּלה פון דער ערשטער רוסלענדער רעוואָלוציע.

מאַרטאָוו איז נישט געווען קיין קאַבינעט־געלערנטער. ער איז געווען דורך און דורך אַ קעמפערישע נאַטור. אין אים האָט געברויזט אַ מעכטיקער געזעל־שאַפטלעכער טעמפּעראַמענט. אים האָט געצויגן צו פּאָליטישער אַרבעט, צו קאַמף. זיין קאָלאָסאַלע ערודיציע האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען נישט דעם פלייסיקן און סיסטעמאַטישן שטודירן, נאָר זיינע גרויסע פעאיקייטן, דער אויסער־געוויינלעכער לייכטקייט, מיט וועלכער ער האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט כלערליי קענטענישן, זיין זעלטענעם זכרון.

די געצוואונגענע עמיגראַציע איז פֿאַר מאַרטאָוו געווען אַ שווערע אַפּ־קומעניש, באַזונדערס זינט 1912 אָן, ווען אין דער רוסלענדער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך באַוויזן בפירושע סימנים פֿון אַ נייער אויפֿלעבונג. ס'זיינען אָנגעקומען די לענער געשעענישן, וואָס האָבן אויפֿגעטרייסלט גאַנץ רוסלאַנד. ס'הויבט אָן צו דערשיינען — פֿריער אין סאַמאַרע, שפּעטער אין פּעטערבורג — אַ לעגאַלע ס. ד. פּרעסע. סוף 1912 קלייבט זיך צונויף די פֿערטע דומע מיט אַ ס. ד. פֿראַקציע פֿון 13 דעפּוטאַטן, וועלכע ווערן דער מיטלפּונקט פֿון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד.

מאַרטאָוו ציט מיט אַן אייזערנעם כוח קיין רוסלאַנד. אין 1913 קומט ער צופֿאָרן. אַלס ייד האָט ער אין פּעטערבורג קיין וואוינרעכט נישט. דער פֿירער פֿון דער רוסלענדער אַרבעטער־באַוועגונג מוז וואוינען אויף אַ. ג. „פֿריקאַששטשי־טשיע סווידיעטעלסטוואָ", ד. ה. — אַלס פֿיקטיווער אָנגעשטעלטער פֿון אַ האַנדלס־פֿירמע.

איך געדענק נאָך דעם איינדרוק פֿון מיין ערשטער באַגעגעניש מיט מאַרטאָוון.

איך בין געווען באַצויבערט פֿון דער איידלקייט, פֿון דער קינדישער גוטס־קייט, וואָס איז געלעגן אויף זיין אָפּגעצערטן בלייכן פּנים. פֿון דער טיפֿער ערנסטקייט, ליבלעכקייט און פֿריינטלעכקייט, מיט וועלכע ער האָט גערעדט צו יעטווידן חבר, אומאָפּהענגיק פֿון דעם אָרט, וואָס יענער האָט פֿאַרנומען אין דער פּאַרטיי־היעראַרכיע.

מאַרטאָוו איז נישט געווען קיין „פֿירער" אינם געוויינלעכן גאַנגבאַרן זין פֿון וואָרט. ער איז גיכער געווען אַ לערער, איידער אַ פֿירער. אָבער ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ ליבשאַפֿט און אַכטונג, אַז מענטשן זיינען גרייט געווען צו גיין פֿאַר אים אין פֿייער און אין וואַסער.

מאַרטאָוו האָט קיין מאָל נישט אָנגעוואָרפֿן זיין מיינונג, ער האָט אויף קיינעם נישט געדריקט מיט זיין אויטאָריטעט. זעלטן האָט מען געקענט אָנ־טרעפֿן אַזאַ באַשיידענעם מענטשן, ווי מאַרטאָוון. ער, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַזאַ גלענצנדיקע און שאַרפֿע פֿעדער, וואָס איז אין דער פּאָלעמיק געווען אַזוי בייסנ־דיק און סאַרקאַסטיש, איז אין זיינע באַציאונגען אין קרייז פֿון פּאַרטיי־חברים געווען כמעט ווי שעמעוודיק.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: בעת מאַרטאָוו האָט גערעדט, האָט ער כמעט קיין מאָל נישט געקוקט אויף דעם, מיט וועמען ער האָט גערעדט. ער האָט מייסטנטייל געקוקט אָן אַ זייט אָדער אַראָפּ, צו דער ערד. און פֿון דעסטוועגן פֿלעגט שטענדיק אַ געפֿיל פֿון מאָדנער זיכערקייט אַרומנעמען אַלעמען, ווען מאַרטאָוו איז געווען אויף אַ זיצונג. צווישן אים און אַ סך פֿון זיינע חברים פֿלעגן אָפֿטמאָל פֿאָרקומען הייסע,ליידנשאַפֿטלעכע דיסקוסיעס. אָבער אַפֿילו די, וואָס זיינען מיט אים נישט מסכים געווען, פֿלעגן זיך שטענדיק פֿון אים לערנען, ווייל זיין קאָפּ איז שטענדיק געווען פֿול מיט נייע אָריגינעלע געדאַנקען,

ווייל זיין מוח האָט אָן אויפהער שעפעריש געאַרבעט און באַפרוכפערט און באַרייכערט דעם קאָלעקטיוון פּאַרטיי־געדאַנק.

אין מאַרטאָווס אָנווּזנהייט פלעגט יעטוועדער זיין פּאָרזיכטיקער און איינגעהאַלטענער אין רעדן און אין באַנעמען. דער גייסטיקער אַריסטאָקראַטיזם פון מאַרטאָווס פּערזענלעכקייט, די קרישטאָלענע ריינקייט פון זיין נשמה האָט געווירקט אויף אַלע אַרומיקע. זי האָט אינערלעך באַלויכטן און געוואַרעמט.

אין 1914 איז מאַרטאָוו אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, כדי זיך צו באַטייליקן אין דער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ צווישן די באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס, וועלכע איז לויט דער איניציאַטיוו פון אינטערנאַציאָנאַל פאָרגעקומען אין בריסעל.

ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה. מאַרטאָוו איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון רוסלאַנד. ער איז פאַרבליבן אין אויסלאַנד און האָט פון ערשטן טאָג אָן מיט דער גרעסטער ענערגיע געקעמפט קעגן מלחמה־סאָציאַליזם און קעגן דער מלחמה. ער איז געווען איינער פון די גרינדער און אָנפירער פון דער צימערוואַלדער באַוועגונג און איז פאַר זיין טעטיקייט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון פראַנקרייך.

ערשט נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע האָב איך זיך צום צווייטן מאָל פּערזענלעך געטראָפן מיט מאַרטאָוון, ווידער אַמאָל אין פּעטערבורג.

צווישן די טוער פון דער מערץ־רעוואָלוציע איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל זיך געפינען אין אַזאַ שווערער, מ'קאָן זאָגן — אין אַ טראַגישער לאַגע, ווי מאַרטאָוו: ער איז פּאָליטיש געווען דעמאָלט פאַראייזאָמט, כמעט איזאָלירט. ער האָט פונם ערשטן טאָג אָן געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף אויף רעכטס, קעגן דעם פּרואוו פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע צו פאַרוואַנדלען די גאַנצע רעוואָלוציע אין אַ „פּאַטריאַטישן פּראָטעסט" קעגן דער שלעכטער מלחמה־פירונג פון דער צאַרישער רעגירונג. ער האָט טאָג־איין טאָג־אויס געפאָדערט אַ קלאָרע און אַנטשלאָסענע שלום־פּאָליטיק, נישט נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געווען קעגן מלחמה בכלל, נאָר אויך ווייל ער האָט געזען באַשיימפערלעך, אַז די מלחמה עסט אויף די רעוואָלוציע.

מאַרטאָוו האָט געקעמפט אויך אויף לינקס, קעגן דעם באָלשעוויסטישן סיסטעם פון פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן לגבי די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער מערץ־רעוואָלוציע, קעגן זייער טענדענץ זיך צוצופּאַסן נישט נאָר צו די באַדערפעניש, נאָר אויך צו די אינסטינקטן פון די מאַסן. און אין דער זעלבער צייט האָט מאַרטאָוו נישט געהאַט הינטער זיך אַפילו זיין אייגענע פּאַרטיי. ער האָט זיך נישט סאָלידאַריזירט מיט דער דעמאָלטיקער קאָאַליציע־פּאָליטיק פון די מענשעוויקעס. ער האָט געזען, ווי די בירגערלעכע מיניסטאָרן סאַבאָטירן אַלע פאָדערונגען פון די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַנען אויפן געביט פון אינערלעכער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער פּאָליטיק, ווי זיי מאַכן צו נישט יעדן פּרואוו אָוועקצושטעלן ערנסט די פראַגע וועגן שלום. ער האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט די

סכנה, וואָס האָט דערין געשטעקט פאַר דער רעוואָלוציע, און האָט הויך קעגן דעם פּראָטעסטירט.

מאַרטאָוו איז צו יענער צייט פאָרמעל געווען אין דער פּאַרטיי. ער האָט זיך באַטייליקט אין אירע קאָנפערענצן און צוזאַמענפאָרן, ער איז געווען אַ מיטגליד פון איר צ. ק., אָבער פאַקטיש איז ער געווען אומאָפּהענגיק. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם אָרגאַן, אָדער געאַרבעט אין גאָרקיס אָרגאַן „נאָוואַיאַ זשיזן". אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען האָט ער זיך נישט געהאַלטן פאַר געבונדן מיט די פּאַרטיי־באַשלוסן.

אָבער די דאָזיקע אומאָפּהענגיקייט האָט מאַרטאָוו געקויפט פאַרן פּרייז פון איינזאַמקייט. די איינציקע, אויף וועמען ער האָט זיך געקאָנט שטיצן, דאָס איז געווען די אומבאַדייטנדיקע גרופּע מענשעוויקעס־אינטערנאַציאָנאַליסטן, וואָס האָט געבילדעט אַן אויטאָנאָמע פראַקציע אין דער מענשעוויסטישער פּאַרטיי.

מאַרטאָוו האָט נישט געהאַט הינטער זיך קיין גרויסע פּאַרטיי. אויף גרויסע מאַסן־מיטינגען האָבן אַ סך מער אויסגענומען די מענשעוויסטישע, ס. ר.ישע אָדער באָלשעוויסטישע רעדנער. און נישט געקוקט דערויף האָט ער אינם רע־וואָלוציאָנערן לאַגער געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע.

זיין מאָראַלישער אויטאָריטעט איז געווען אַזוי גרויס, זיין רעוואָלוציאָנערער ענטוזיאַזם אַזוי טיף, זיין וואָרט — אַזוי רייך אין אינהאַלט, אַזוי גלענצנד און ערלעך, אַז נישט נאָר פריינט, נאָר אויך אַלע ערנסטע און ערלעכע קעגנער האָבן זיך צו אים צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און דרך־ארץ.

יעדעס מאָל, ווען ס'האָט געדראָט אַ סכנה דער רעוואָלוציע, ווען ס'האָט געקאָנט פאַרשוועכט ווערן איר כבוד, האָט הילכיק געקלונגען מאַרטאָווס וואָרנ־דיק פלאַמענדיק וואָרט.

אין יוני 1917 האָט קערענסקיס רעגירונג אָנגעהויבן די באַרימטע ברוּ־סילאָוו־אָפענסיווע. די גרויסע מערהייט פונם אַלרוסלענדישן צוזאַמענפאָר פון די ראַטן, וואָס איז צו יענער צייט פאָרגעקומען אין פּעטערבורג, האָט געגעבן דערצו איר הסכמה. מאַרטאָוו איז אַרויסגעטראָטן קעגן באַנייען די מלחמה. אָבער ער האָט נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך צו קעמפן דורך אויפשטאַנדן קעגן דעם ווילן פון די דעמאָקראַטיקע ראַטן, און דעריבער האָט ער פאַראורטיילט דעם יוני־אויפשטאַנד פון די באָלשעוויקעס, וואָס האָט געדראָט צו פאַרוואַנדלען די רע־וואָלוציע אין אַ כאַאָס.

אָבער ווען נאָך דעם נישט געלונגענעם אויפשטאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן רעפּרעסיעס קעגן די באָלשעוויקעס און אַנטי־באָלשעוויסטישע עקסצעסן אויף די גאַסן און אין די פאַבריקן, איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל קעגן דעם מיט אַזאַ ענערגיע פּראָטעסטירן, ווי — מאַרטאָוו.

זיין אידעע — וועגן אַן איינהייטלעכן פראָנט פון דער גאַנצער אַ. ג. רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיע — פון די „פאָלקס־סאָציאַליסטן" ביז די באָל־

שעוויקעס — האָט נישט געקאָנט פאַרווירקלעכט ווערן צוליב דעם ווידערשטאַנד פוןביידע עקסטרעמע פליגלען. די רעוואָלוציע איז מיט אַן אייזערנער נויט־ווענדיקייט געגאַנגען צום נאָוועמבער, צום בירגער־קריג.

⁂

די באָלשעוויסטישע מאַכט האָט פּראָקלאַמירט די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד.

מאַרטאָוו האָט נישט געגלויבט אינם סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין פון דער קליינבירגערלעכער זעלנעריש־פּויערישער מאַסע. ער האָט נישט געזען אין לאַנד די אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. ער, האָט געוואָרנט פאַר אומריַיפע סאָציאַליסטישע עקספּערימענטן, פאַר די מעגלעכע קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן פון בירגער־קריג אין רעוואָלוציאָנערן לאַגער. ער האָט הויך פּראָטעסטירט קעגן יעדער ברוטאַליטעט פון דער סטיכיע, ער האָט מיטן גאַנצן האַרצן און דער גאַנצער נשמה געקעמפט קעגן דעם אָרגאַניזירטן טעראָר. מאַרטאָווס בראָשור „נידער מיט טויט־שטראָף!“, געשריבן אין 1918, איז איינער פון די שטאַרקסטע און פלאַמענדיקסטע פּאַמפלעטן, וואָס זיינען ווען נישט איז געווען געשריבן.

און אין דער זעלביקער צייט האָט זיך מאַרטאָוו מיט דער גאַנצער אַנט־שלאָסנקייט אַנטקעגנגעשטעלט אַלע פּרואוון פון די עקסט־רעכטע סאָציאַליסטישע גרופּן — צוזאַמען מיט די בירגערלעכע עלעמענטן אָדער מיט דער הילף פון די קאָאַליציע־מלוכות מיט וואָפן אין האַנט צו באַקעמפן די באָלשעוויסטישע מאַכט. פונם ערשטן מאָמענט נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָט זיך מאַרטאָוו געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער קאַמף מיטן באָלשעוויזם מוז ווי אַן א י ד עא י ש ע ר קאַמף אויסגעקעמפט ווערן אינם פּראָלעטאַרישן לאַ־גער גופא. ער האָט נאָך נאָוועמבער אַקוראַט, ווי פאַר נאָוועמבער, גערופן צום איינהייטלעכן רעוואָלוציאָנערן פראָנט קעגן דער קאָנטער־רעוואָלוציע, וואָס האָט שוין געזאַמלט אירע כוחות אויף צפון, אויף דרום און אויף מזרח־רוסלאַנד.

⁂

מאַרטאָוו איז נישט געווען קיין פירער פון מעכטיקע, שטורמישע מאַסן־באַוועגונגען. ווייל מאַרטאָוו איז נישט געווען קיין מענטש פון סטיכיע.

מאַרטאָוו איז סיי פאַר נאָוועמבער, סיי נאָך נאָוועמבער געווען אין אָפּאָ־זיציע. ער האָט נישט געהערט צום מין הערשער, מאַכטהאָבער, ווייל הערשן איז אוממעגלעך אָן קאָמפּראָמיסן מיט זיך אַליין און מיט אַנדערע. און מאַרטאָוו איז נישט געווען קיין מענטש פון קאָמפּראָמיסן.

צווישן די קעגנער פון באָלשעוויזם איז נישט געווען קיין איינער, וועמענס קריטיק זאָל זיין אַזוי שאַרף און אַזוי ליידנשאַפטלעך, ווי מאַרטאָווס. און פונ־

דעסטוועגן האָבן די באָלשעוויקעס צו קיינעם פון זייערע קריטיקער נישט באַ־צויגן זיך מיט אַזאַ אַכטונג, ווי צו מאַרטאָוון.

אין די ערשטע חדשים נאָך דער נאָוועמבער־איבערקערעניש האָבן זיי גערעכנט, אַז ער וועט צו זיי קומען און מסכים זיין צו פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון קאָמיסאַר פאַר אויסערן־ענינים. שפּעטער האָבן זיי אויפגעהערט צו וואַרטן. אָבער מיט מאַרטאָווס ווערטער האָבן זיי זיך שטענדיק גערעכנט. ער אַליין צווישן אַלע מענשעוויקעס האָט אויסגעמיטן ערנסטע רעפּרעסיעס.

ווייל אויך די באָלשעוויקעס האָבן געוואוסט, אַז מאַרטאָוו איז געווען איינער פון די גרעסטע רעוואָלוציאָנערן, וואָס רוסלאַנד, וואָס דער אינטער־נאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט האָט פאַרמאָגט, — אַז נאָך נאָוועמבער ווי פאַר נאָוועמבער איז מאַרטאָוו געווען און פאַרבליבן — דאָס געוויסן פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

(„די נייע צייט", וואַרשע, מאַי 1923)

פרידריך עבערט

אין דער פּערזאָן פון נאָר וואָס פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק — פרידריך עבערט איז אַוועק איינע פון די כאַראַקטעריסטישסטע פיגורן, וועלכע ס׳האָט אַרויסגערוקט די דייטשע אַרבעטער־באַוועגונג.

קיין איינע פון די גרויסע אַרבעטער־פּאַרטייען פון אייראָפּע האָט נישט געהאַט צווישן אירע פירער אַזוי ווייניק פאַרשטייער פון דער „א. ג. אינטעליגענץ", ווי די דייטשע ס. ד. אַלע גרעסטע, איינפלוסרייכסטע און אָנערקענטסטע פירער פון דער דייטשער ס. ד. זיינען געקומען פון וואַרשטאַט, פון פאַבריק.

די דייטשע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך אַנטוויקלט אונטער דער גייסטיקער השפעה פון מאַרקס און ענגעלס. אויף דער אַנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן געדאַנק אין דייטשלאַנד האָבן געווירקט אַ רייע טעאָרעטיקער, וואָס זיינען געקומען צום סאָציאַליזם פון די בירגערלעכע קרייזן. אָבער דעם דעציזירנדיקן איינפלוס אויף דער פּראַקטישער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי האָבן אין דייטשלאַנד שטענדיק געהאַט פירער פון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. אין דעם הערלעכן פאַרמלחמהדיקן פעריאָד פון דער דייטשער ס. ד. איז דאָס געווען — אויגוסט בעבעל, שפּעטער — שיידעמאַן, וועלס, דיטמאַן, דיסמאַן, קריספּיען, אַפילו עדוואַרד בערנשטיין שטאַמט, ווי באַוואוסט, פון אַן אַרבעטער־משפּחה.

פרידריך עבערט האָט געהערט צו דער דאָזיקער פּלעיאַדע פירער פון פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1871 אין היידעלבערג, אין אַן אַרבעטער־פאַמיליע. באַלד ווי ער האָט געענדיקט די פאָלקס־שול האָט ער גענומען אַרבעטן אַלס לערן־ייִנגל ביי אַ זאָטלער. און ביז 1891 האָט ער געאַרבעט אין דעם דאָזיקן פאַך. אַ דאַנק זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן פאַרנעמט ער באַלד אַן אָנגעזעענעם אָרט סיי אין דער פּראָפעסיאָנעלער סיי אין דער פּאָליטישער באַוועגונג. פון 1891 אָן ווידמעט ער זיך אין גאַנצן דער דאָזיקער אַרבעט. אין יאָר 1900 ווערט ער פּאַרטיי־סעקרעטאַר. אין 1905 ווערט ער אויסגעוויילט אין פּרעזידיום פון דער פּאַרטיי. און נאָך בעבעלס טויט פאַרנעמט ער אין 1913 זיין אָרט און ווערט פאָרזיצער פון דער פּאַרטיי.

עבערט איז נישט געווען קיין טעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם. ער האָט נישט געהערט צו די גייסטיקע פירער פון אַרבעטער־קלאַס. אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ענערגיע, אַ שטאַרקן פּראַקטישן חוש און געזונטן קלאַסן־אינסטינקט און דאָס האָט אים אַרויסגערוקט אויפן אויבנאָן פון דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג אין דייטשלאַנד. ביז דער מלחמה איז ער געווען נישט נאָר איינער פון די אָנערקענטע פירער פון דייטשן אַרבעטער־קלאַס, נאָר — אַ דאַנק זיין שטעלונג

אין דער דייטשער פּאַרטיי, — אויך אַן אָנגעזעענער און געשעצטער מיטגליד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער משפחה.

די פייער־פּראָבע פון דער מלחמה האָט עבערט נישט אויסגעהאַלטן. אפשר איז טאַקע זיין צו גרויסער פּראַקטיציזם געווען דער שטיין, איבער וועלכן ער איז געשטרויכלט געוואָרן. פון די ערשטע טעג פון דער מלחמה אָן האָט ער צוזאַמען מיט שיידעמאַנען, נאָסקע א. אַנד. פאַרנומען אַן אָרט אויפן רעכטסטן פליגל פון דער דייטשער ס. ד. צווישן די פאַנאַטישע אָנהענגער פון דער אַ. ג. „פאָטערלאַנד־פאַרטיידיקונג".

דער מאַגדעבורגער פּראָצעס, וואָס איז דאָ נישט לאַנג פאָרגעקומען צווישן עבערטן און אַ רעדאַקטאָר פון אַ שוואַרץ־מאהדיקער ציימונג, וועלכער האָט באַשולדיקט עבערטן אין „מלוכה־פאַרראַט", האָט אויפגעדעקט די טרויעריקע ראָלע, וועלכע עבערט האָט געשפּילט בעת דער מלחמה. מיט דער זעלביקער ענערגיע, מיט וועלכער ער האָט אַמאָל געבויט די דייטשע אַרבעטער־באַוועגונג, האָט ער זיך איצט גענומען באַקעמפן יעדע פּראָלעטאַרישע פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דער מלחמה און קעגן דער אומפאַרשעמטער עקספּלואַטאַציע, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אין דייטשלאַנד, ווי איבעראַל, אונטער דער מאַסקע פון „פאָטערלאַנד־פאַרטיידיקונג". יעדן אָפענעם פּראָטעסט, יעדן סטרייק, אַלץ איינס — עקאָנאָמישן צי פּאָליטישן, — האָט ער באַטראַכט פאַר אַ „מלוכה־פאַרראַט". צוזאַמען מיט די איבעריקע זיינע רעכטע חברים אין דער פּאַרטיי, האָט ער געשטימט פאַר אַלע מלחמה־קרעדיטן און ענערגיש מיטגעאַרבעט מיט די פירער פון ווילהעלמס אַרמיי.

אין 1919 האָט אים די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אין ווייסאַר אויסגעוויילט פאַר אַ צייטווייליקן פּרעזידענט פון דער דייטשער רעפּובליק און אין 1922 איז ער אויפן פאַרלאַנג פון די ס. ד., דעמאָקראַטן, צענטער און פאָלקס־פּאַרטיי פאַרבליבן פּרעזידענט ביזן יאָר 1925.

עבערט איז געווען אַ „לאָיאַלער" און „קאָנסטיטוציאָנעלער" פּרעזידענט, ד. ה. — ער האָט קיין מאָל נישט אויסגענוצט זיין מאַכט לטובת דעם קלאַס, צו וועלכן ער האָט געהערט, לטובת דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט. ער איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון קאָאַליציע־פּאָליטיק, און האָט שטענדיק געשפּילט די ראָלע פון אַ שדכן צווישן די ס. ד. און די בירגערלעכע פּאַרטייען. אין זיינע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען האָט ער זיך, ווי פאַר פייער געהיט פאַר יעדן רמז אויף זיינע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען. דערפאַר האָט ער זייער שטאַרק אונטערגעשטראָכן אַלע מאָל דעם „נאַציאָנאַלן" מאָמענט.

עבערט איז נישט געווען קיין „פאַרקויפטער לאָקיי פון דער בורזשואַזיע", ווי דאָס האָבן אויף זייער וואולגאַרן שטייגער געוואָלט די קאָמוניסטן. ער איז געווען זיכער, אַז די פּאָליטיק, וועלכע ער פירט, איז טאַקע די איינציק גוטע. אָבער די דייטשע אַרבעטער האָט ער נישט איבערצייגט. דער זאַטל־אַרבעטער־פאַראיין, פון וועלכן עבערט איז געבליבן אַ מיטגליד, האָט אים אויסגעשלאָסן פון זיינע רייען. און נישט איין מאָל איז אויך אין דער דייטשער ס. ד. פּאַרטיי

פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע וועגן אויס־שליסן אים פון דער פּאַרטיי.

עבערט האָט מיט זיין לעבן באַוויזן, אַז פּראָלעטאַרישע אָפּשטאַמונג איז פאַר אַן אַרבעטער־טוער נאָך נישט קיין גענוגנדיקע באַוואָרעניש פאַר סאָציאַלן און פּאָליטישן אָפּאָרטוניזם. און נאָך איין זאַך האָט ער באַוויזן, אַז ס׳איז נישט פאַראַן אַזאַ מאָס אָפּאָרטוניזם, וואָס זאָל אין גאַנצן „כשרן" אַ פּראָלעטאַרישן טוער אין די אויגן פון דער בורזשואַזיע. אויב ער רייסט נאָך נישט ענדגילטיק איבער מיט זיין קלאַס, אויב ער גייט נישט אָפּן און אומצווייַדייטיק אַריבער אין לאַגער פון זיינע קלאַסן־שונאים. מיטן מאָמענט אָן, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן צו וואַקסן די כוחות פון דער דייטשער רעאַקציע, האָט זי אים גענומען באַ־קעמפן מיט די שאַרפסטע, מיט די שענדלעכסטע מיטלען. אַראָפּוואַרפן עבערטן פון פּרעזידענטן־בענקל — איז געוואָרן איינע פון די הויפּט־אויפגאַבעס פון דער דייטשער רעאַקציע. ס׳איז זייער וואַרשיינלעך, אַז דער אומגעריכטער טויט האָט פאַרשפּאָרט עבערטן אַ ביטערע אַנטוישונג; די אַנטוישונג פון אַ מענטשן, וואָס זעט צום סוף פון זיין לעבן, אַז אים האָבן פאַרלאָזן אַמאָליקע פריינט און פאַרראָטן — די נייע...

(„אונזער פאָלקס־צייטונג", מערץ, 1925)

אַלגין

דער געוועזענער בונדיסט און היינטיקער אַמעריקאַנער קאָמוניסט אַלגין האָט געהאַלטן פאַר נויטיק צו זאָגן זיין וואָרט אין דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר אין פוילן צווישן „בונד" און די „רויטע" אויפן געביט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אויף די שפּאַלטן פון דער אַמעריקאַנער „פרייהייט" איז ער אַרויס מיט אַן אַרטיקל „בונדיסטן פאַרפאַלגן קאָמוניסטן אין פוילן", אַן אַרטיקל, וואָס איז פול מיט די נידערטרעכטיקסטע ליגנס און בלבולים קעגן „בונד".

צי איז פאַראַן אַ גרונט צו גלויבן, אַז אַלגין איז אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ טעות, אַז ער איז געפאַלן אַ קרבן פון אייגענער אומוויסנקייט און פרעמדער געוויסנלאָזיקייט? אַז ער גלויבט אויפריכטיק און ערלעך אין דעם, וואָס ער שרייבט? ניין. ס'איז נישטאָ קיין גרונט אַזוי צו גלויבן. אין פוילן געפינען זיך מענטשן, וואָס האָבן אַלגינען, אַלס אַ זייער יונגן מאַן, אַריינגעפירט אין דער אַרבעטער-באַוועגונג; מענטשן, וואָס זיינען געווען זיינע וועגווייזער און לערער אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער בונדישער באַוועגונג; מענטשן, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן דעם קאַמף פון אַרבעטער-קלאַס, וואָס שטייען ביזן היינטיקן טאָג מיט גרויע קעפּ אין די פּראָלעטאַרישע רייען. צו די דאָזיקע מענטשן באַציט זיך געוויס דער אַמאָל שטילער און באַשיידענער אַלגין נאָך איצט אויך מיט דרך־ארץ; צי ער וויל דאָס, צי וויל דאָס נישט, צי דאָס דערלויבט אים זיין היינטיקע קאָמוניסטישע חוצפּה, צי נישט.

אָבער אַלגין האָט זיך נישט געווענדעט צו די דאָזיקע מענטשן נאָך אויפקלערונגען און אויסטייטשונגען. ער איז נישט געקומען און געפרעגט: צי איז דאָס מעגלעך? צי קאָן דאָס טאַקע זיין אמת דאָס אַלץ, וואָס מען שרייבט אין אַ „לעבן", וואָס עס דערציילט אַ לענ...?*).

אַלגין און זיינע רעדאַקציע-חברים לעזן זייער אויפמערקזאַם „אונזער פאָלקס-צייטונג". מיר האָבן דעם כבוד זייער אָפט ציטירט צו ווערן אין דער „פרייהייט" (מערסטנטייל לויטן נוסח: געדעכט זייט איר, נאָר שמייסן קומט אייך). און נאָך אָפטער ווערן מיר באַגנבעט פון דער „פרייהייט". וועגן די אַלע „פּאַטקן", וועלכע אַלגין גיט איבער זיינע אַמעריקאַנער לעזער, איז געווען נישט איין מאָל געשריבן אין „אונזער פאָלקס-צייטונג".

אָבער ווען אַלגין האָט נאָך געוואוסט, וואָס עס איז אַזוינס — פּאָליטישע

---

*) דער שליח פון די היגע רויטע אין ניו-יאָרק.

אַנשטענדיקייט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מ׳דאַרף לכל הפּחות דערמאָנען, וואָס עס זאָגט דער קעגנער, אַז וויל מען אַרויסטרעטן אין דער ראָל פון אַ פּראָקוראָר, מוז מען זיך אָנטאָן די מי צו באַווייזן, אַז דער קעגנער איז נישט גערעכט, אַז ער באַלייכט פאַלש די פאַקטן.

אָבער היינט איז אַלגין — אַ קאָמוניסט, און ער האַלט, משמעות, אַז ער איז פּטור פון אַזעלכע זאַכן, ווי אַנשטענדיקייט, ווי ערלעכקייט לגבי קעגנער, ווי אויפריכטיקייט מיט זיך אַליין. דעריבער דערמאָנט ער אַפילו נישט אונזער באַלייכטונג פון דער לאַגע, דעריבער גיט ער זיך אַפילו נישט די מי צו פאַר־לעמיזירן. דעריבער האָט ער זיין גאַנצן אַרטיקל געהאַלטן פאַר מעגלעך צו־נויפצושטוקעווען בלויז פון ציטאַטן פון „לעבן״.

נאָך מער: צו די שקרים פון „לעבן״ האָט ער צוגעגעבן זיינע אייגענע ליגנס. ליגנס, מיט וועלכע אַפילו די אומפאַרשעמטסטע פון זיינע פּאָליטישע פריינט דאָ אין פוילן, וועלן נישט וואַגן אַרויסצוטרעטן, ווייל זיי וואָלטן זיך צו לייכט געקאָנט דעמאַסקירן.

אַזוי ווייס, למשל, אַלגין צו דערציילן, אַז קעגן דער פּאָליטיק פון דער נאַדל־צענטראַלע אין וואַרשע פּראָטעסטירן אַפילו די בונדישע אָפּטיילונגען פון פּאַראַיין, דהיינו — ביאַליסטאָק, לאָדזש.

אַזוי ווייס ער צו דערציילן, אַז דער „בונד״ געהערט צום צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל.

אַזוי וואַרפט ער אונז פאָר אונזער אָנגעהעריקייט צום אַמסטערדאַמער אינטערנאַציאָנאַל און פאַרגעסט דערביי צוצוגעבן אין „קליינינקייט״ — אַז צוזאַמען מיט די בונדישע פּאַראיינען, געהערן צו דעם זעלביקן אינטערנאַ־ציאָנאַל אויך די „רויטע״ פּאַראיינען...

אַזוי האָט ער דעם מוט צו שרייבן, אַז די בונדיסטן אַגיטירן קעגן אַ פאַר־אייניקונג פון די יידישע אַרבעטער מיט די פּוילישע, ווייל — „אויב זיי פאַר־אייניקן זיך מיט די פּוילישע, וועלן זיי שוין נישט טאָרן טראָגן קיין לאַנגע קאַפּאָטעס״!..

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַלגינען האָט מען אַמאָל אין די בונדישע קרייזן געשעצט אַלס טאַלאַנט־פולן לירישן שרייבער, אָבער אין פּאָליטישע פראַגן איז ער שטענדיק געווען נאַאיוו און אומוויסנדיק, ווי אַ זויג־קינד. רעכענען זיך מיט אַלגינס פּאָליטישע מיינונג — דאָס איז קיינעם אַפילו אויפן זינען נישט געקומען. ער אַליין איז געווען גענוג באַשיידן דאָס פון קיינעם נישט צו פאָדערן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין אייגנשאַפט האָט אַלגין פאַרמאָגט, וואָס האָט אים געמאַכט זייער פּאַסיק פאַר זיין היינטיקער נעבעכדיקער ראָל, דאָס איז — זיין כאַראַקטערלאָ־זיקייט. אָט די אייגנשאַפט זיינע האָט עס געמאַכט מעגלעך, אַז אַלגין זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין אַ נאָכשטופּער פון אַזעלכע גאַרנישטן, ווי אַן אַמעריקאַנער

אָדער אַ פּוילישער לענסקי, ער זאָל טאָן באַשטעלטע און שמוציקע אַרבעט, ער זאָל שרייבן באַוואוסטזיניקע רכילות און ליגן.

געווען אַ צייט, ווען אַלגין איז געווען גוט באַקאַנט די יידישע אַרבעטער פון פוילן. זיין פּאָפּולאַריטעט האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דער באַגייסטערונג, וועלכע ער האָט געוועקט ביי די יידישע אַרבעטער־מאַסן צום „בונד״, — דער ראָמאַנטישער הילע, וועלכע ער האָט צוזאַמען מיט אַלע בעסטע אין אונזער ליטעראַטור באַשאַפן אַרום דעם העראָאישן קאַמף פון דער פּאַרטיי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט. דאָס איז געווען — אַלגין אין דער יידישער אַרבע־טער־באַוועגונג. קיין אַנדערן אַלגין האָט די יידישע אַרבעטער־מאַסע ביי אונז נישט געקענט.

היינט האָט אַלגין געביטן זיינע אַנשויאונגען. דאָס קאָן נאָך טרעפן. אָבער מען דאַרף פאַרמאָגן די גאַנצע גראָבהויטיקייט פון אַ ראַפּעס, אָדער די כאַראַקטערלאָזיקייט פון אַן אַלגין, כדי צו קאָנען אַזוי ווי זיי — שפּייען אין דער אייגענער פאַרגאַנגענהייט, אין דער אייגענער נשמה, כדי באַוואוסטזיניק און אויף באַשטעלונג פון אויסן צו באַשמוצן די, מיט וועמען ס׳זיינען פאַר־בונדן זיינע שענסטע דערינערונגען פון געמיינזאַמע ליידן און רעוואָלוציאָנערן קאַמף...

אַלגין פון אַמאָל איז געשטאָרבן. מיר, וואָס פאַרלייקענען נישט אונזער פאַר־גאַנגענהייט, האָבן פאַר אים אין אונזער פאַנטעאָן זיין אָרט און זיין מצבה; אַלגין פון היינט עקזיסטירט פאַר אונז נישט. דאָס איז אַ פּוסט אָרט.

(„א. פאָלקס־צייטונג״, אַפּריל, 1924)

III

פון וויקטאָר אַלטערס פען

[געקליבענע שריפטן]

פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט

די אינטערנאַציאָנאַליסטן אין ענגלאַנד בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה

די ערשטע חדשים האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ איז פאַרלוירן. אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג און דער סאָציאַליסטישער געדאַנק זיינען ענדגילטיק דערטרונקען אין דער סטיכישער און שטורמישער כוואַליע פון הוראַ־פּאַטריאָטיזם.

דאָס זיינען געווען די ביטערסטע חדשים פון דער מלחמה. ווען די אַנטוי־שונג האָט כמעט געגרענעצט מיט יאוש, און ערשט פּאַמעלעך, שריט ביי שריט, האָבן זיך צוריק געפונען און דערפילט סאָלידאַריש די — לכתחילה געציילטע — וואָס האָבן שטאָלץ אויפגעהויבן די צעטרעטענע פאָן פון אמתן אינטער־נאַציאָנאַליזם.

ס'איז געווען די מוטיקע אַרויסטרעטונג פון ק אַ ר ל ל י ב ק נ ע כ ט קעגן די מלחמה־קרעדיטן אין דייטשן פּאַרלאַמענט; ס'איז געווען אַ ק ס ע ל־ר אָ ד ס בראָשור קעגן דער מלחמה; ס'איז געווען מ אַ ק ד אָ נ אַ ל ד ס קאַמף פאַרן שלום.

איך האָב געאַרבעט דעמאָלט אין אַ פאַבריק. אין אַ קליין פאַרוואָרפן ענגליש שטעטל. אַרום מיר האָט געבושעוועט די ווילדע דזשינגאָ־אַגיטאַציע. איך האָב מיך אָבער גיך פאַרבונדן מיט דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין לאָנ־דאָן, און דורך איר מיט דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַליסטישער באַוועגונג אין ענגלאַנד. און בעת ס'איז מיר געלונגען, אַ יאָר שפּעטער, צו געפינען אַ פּאָסטן אין לאָנדאָן, — האָב איך דאָרט שוין געטראָפן אַ גאַנץ לעבעדיקע קאַמפּאַניע קעגן דער מלחמה.

דעם ערשטן אָרט אין דער דאָזיקער קאַמפּאַניע האָט פאַרנומען די אומ־אָפּהענגיקע אַרבעטער־פּאַרטיי, מיט מאַקדאָנאַלדן בראָש. דאָן, פּונקט ווי היינט, איז דאָס נישט געווען קיין מאַרקסיסטישע אָרגאַניזאַציע. זי האָט פאַראייניקט דאָס שטרעבן צום סאָציאַליזם מיט אַ סענטימענטאַלן רעפאָרמיזם און אַ האַלב רעליגיעזן פּאַציפיזם. אָבער זי איז געווען דער איינציקער באַ־דייטנדיקער פּאָליטישער כוח, וואָס האָט פּראָקלאַמירט כסדר אין דער פּרעסע, אויף פאַרזאַמלונגען און אין פּאַרלאַמענט די נויטווענדיקייט פון אַ באַלדיקן שלום. זי האָט אָרגאַניזירט די געזעלשאַפטלעכע מיינונג קעגן דער מלחמה.

גלייכצייטיק אָבער האָט זיך אין ענגלאַנד באַוויזן אַ נייע פאָרם פון קאַמף קעגן דער מלחמה, אַ ריין אינדיווידועלע פאָרם. ס'איז געווען אַן אייגנאַרטיקע

ענגלישע דערשיינונג, וואָס האָט נישט געהאַט איר גלייכן, אין קיין שום אַנדער לאַנד.

אַנגעהויבן האָט זיך דער דאָזיקער קאַמף בעת מען האָט איינגעפירט אין ענגלאַנד די אַלגעמיינע מיליטער־פליכט, ד. ה., אין דריטן יאָר פון דער מלחמה. ס׳האָבן זיך דאַן געפונען מענטשן, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז זייער געוויסן דערלויבט זיי נישט צו נעמען אַן אָנטייל אין דער מלחמה — און צוליב דעם וועלן זיי זיך נישט צושטעלן צום מיליטער־דינסט. מען האָט זיי טאַקע געגעבן דעם נאָמען „געוויסנס־קעגנער״. פאַר אַ טייל פון זיי האָט די רעגירונג באַשאַפן ספּעציעלע אַרבעטס־באַטאַליאָנען, וואָס האָבן נישט געטראָגן קיין שום געווער. אָבער ס׳זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אַפילו אין די אַרבעטס־באַטאַליאָנען, כדי נישט מיטצוהעלפן דער מלחמה. די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט אויסצושטיין אַן אומגעהויערן מאָראַלישן דרוק מצד דער גאַנצער כמעט געזעלשאַפט. חוץ דעם האָט מען זיי געוואָרפן אין די תפיסות, אין די ערגסטע באַדינגונגען.

און ס׳האָבן זיך געפונען אין ענגלאַנד אַ שיינע פאָר טויזנט אַזעלכע „געוויסנס־קעגנער״. אַלע טורמעס זיינען געווען מיט זיי פאַרפולט. דער גרעסטער טייל פון זיי זיינען געווען מיטגלידער פון דער אומאָפּהענגיקער אַרבעטער־פּאַרטיי, צווישן זיי קליפפאָרד אַלען, דער איצטיקער פאָרזיצער פון דער פּאַרטיי.

די בריטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך אויך געשטעלט אין די רייען פון די מלחמה־קעגנער. אמת, ערשט נאָך דעם, ווי זי האָט אויסגעשלאָסן איר גרינדער היינדמאַן מיט זיינע חברים, וועלכע זיינען געווען פאַרכאַפּט פון דעם פּאַטריאָטישן טשאַד. די יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע — אַן אויטאָנאָמער באַשטאַנד־טייל פון דער בריטישער פּאַרטיי — האָט זיך פון ערשטן טאָג אָן געשטעלט אויפן באָדן פון אויסגעהאַלטענעם אינטערנאַציאָנאַ־ליזם. איר אָרגאַן, דאָס „אַרבעטער־וואָרט״, האָט מוטיק און אומאויפהערלעך געפּרעדיקט: מלחמה דער מלחמה. צווישן די אַקטיווסטע מיטגלידער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז, אַגב, געווען אויך דער ח׳ הערשל הימעלפאַרב, וועלכער האָט זיך דאַן געפונען אין לאָנדאָן.

פּאַראַלעל דערמיט האָבן אַנטוויקלט אַ גאַנץ ברייטע טעטיקייט די עמי־גראַנטן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן געלעבט אין לאָנדאָן אין דער צאָל פון עטלעכע טויזנט מאָן, אין דער גרויסער מערהייט יידן. צווישן די דאָזיקע עמיגראַנטן האָבן געאַרבעט צוויי אָרגאַניזאַציעס: דער קאָמיטעט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און אַן אַלגעמיינער יידישער קאָמיטעט.

דער אַלגעמיינער יידישער קאָמיטעט האָט געהאַט איין ציל: באַפרייען די יידישע עמיגראַנטן פון מיליטער־דינסט. האָט ער זיך געשטיצט אויף דעם פאָרמעלן תירוץ, אַז די יידישע עמיגראַנטן זיינען שוין נישט מער קיין רוסישע בירגער, ווייל זיי האָבן פון רוסלאַנד עמיגרירט. זיי זיינען נאָך אָבער אויך נישט קיין ענגלישע בירגער, ווייל זיי זיינען פאַרשריבן אַלס רוסן, און דערי־

בער... דאַרפן זיי בכלל נישט גיין דינען. עקלהאַפטע פּחדנות — דאָס איז געווען די טרייב־קראַפט פון אָט דעם אַלגעמיין־יידישן קאָמיטעט.

דער צווייטער, דער סאָציאַליסטישער קאָמיטעט, איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון דער רוסלענדער ס. ד. פּאַרטיי (אי באָלשעוויקעס אי מענשע־וויקעס), פון דער פּוילישער ס.ד., פון „בונד" און פון דער לעטישער ס.ד.; אַ געוויסע צייט אויך די רוסישע ס.ר.'ן. אַ ריי מיטגלידער פון אָט דעם קאָמיטעט האָבן זיך שפּעטער דעראָבערט אַ וועלט־נאָמען. לאָמיר דערמאָנען דעם פאָלקס־קאָמיסאַר טשיטשערין, וואָס האָט רעפּרעזענטירט אין דעם קאָמיטעט די מענ־שעוויקעס, און דעם לעט פּעטערס, דעם שפּעטערדיקן פאָרזיצער פון דער אַלרו־סישער „טשעקאַ". נאָך אַ ריי אַנדערע מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן שפּעטער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

צו יענער צייט האָט אין קאָמיטעט געהערשט אַ פולע איינשטימיקייט מכוח דער באַציאונג צו דער מלחמה. און דער קאָמיטעט האָט מיט באַשיידענע מיטלען אונטער אַ שטרענגער השגחה פון דער ענגלישער פּאָליציי, אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט אין גייסט פון רעוואָלוציאָנערן אינטערנאַציאָנאַליזם. ספּעציעל גרויס האָט זיך די קאַמפּאַניע פאַנאַנדערגעוויקלט בעת ס'איז אַרויס די פאַראָרדענונג, אַז אַלע מיליטער־פליכטיקע רוסישע בירגער דאַרפן אַריינ־טרעטן אין דער רוסישער אָדער ענגלישער אַרמיי. אויפרופן, בריוו, מעמאָריאַלן, פאַרזאַמלונגען, קאָנפערענצן, מיטינגען האָבן פּאָפּולאַריזירט איבער גאַנץ ענג־לאַנד די שטעלונג פון דעם סאָציאַליסטישן קאָמיטעט.

און די שטעלונג איז געווען אַזאַ: די מלחמה איז אַ פאַרברעכן קעגן די פאָלקס־מאַסן פון אַלע פעלקער. נישט אַלס רוסן, נישט אַלס יידן, נאָר אַלס רעוואָלוציאָנערן ווילן מיר נישט אונטערשטיצן די וועלט־שחיטה. צופּאַסנדיק זיך צו די ענגלישע קאַמף־פאָרמען ווען מיר אין קיין אַרמיי נישט אַריינטרעטן, נישט צוליב אינדיווידועלן געוויסנס־ביסן, נאָר צוליב אונזערע אינטערנאַציאָ־נאַליסטישע איבערצייגונגען. און דער זין פון אונזער קאַמף איז — צו פאַר־שטאַרקן די אינטערנאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג צווישן די ענגלישע אַרבעטער.

די קאַמפּאַניע פון קאָמיטעט האָט געהאַט דערפאָלג. ער האָט זיך פאַר־בונדן מיט אַן ערך צוויי הונדערט ענגלישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמען אינטערעס צו דער אַרבעט פון קאָמיטעט. דערפאָר אָבער האָט די פּאָליציי געקוקט זייער קרום אויף דער „מעשה". דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט, טשיטשערין, איז צוויי מאָל שוין געוואָרן אַרעסטירט, און מען האָט זיך געגרייט צו אַרעסטירן דעם גאַנצן קאָמיטעט.

מיט אַמאָל איז אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָלוציע. דאָס זיינען געווען אויסערגעוויינלעכע טעג פאַרן קאָמיטעט. ער האָט פאַרבונדן דעם קאַמף קעגן דער מלחמה מיטן קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע. ער האָט קלאָר געזען, אַז איינס איז ענג פאַרבונדן מיטן צווייטן: אָדער די רעוואָלוציע מוז אַ סוף מאַכן צו דער מלחמה, אָדער די מלחמה וועט אַ סוף מאַכן צו דער רעוואָלוציע. ער האָט

זיך דעריבער געווענדט צו די ענגלישע אַרבעטער, אַז זיי זאָלן קומען דער רע־וואָלוציע צו הילף, ענדיקנדיק תיכף די מלחמה.

איך דערמאָן מיך אָן ענגלישן מיטינג, וואו ס׳איז מיר אויסגעקומען צו רעדן אין נאָמען פון קאָמיטעט. אַ דריי־טויזנט־קעפּיקער עולם. דער זאַל איז איבערפולט. אָן אַטמאָספער פון ענטוזיאַזם. אַזעלכע שטורמישע אָוואַציעס האָב איך קיינמאָל נישט געהערט. די שכינה פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט גערוט איבער אָט דעם מיטינג.

אָבער די געדולד פון דער ענגלישער פּאָליציי האָט געפּלאַצט. מען האָט אונז פאַרגעלייגט אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד. די וואָס וועלן פאַרבלייבן, וועלן אַרעסטירט ווערן.

דער ווייט גרעסטער טייל פון די אַקטיווע טוער פון קאָמיטעט איז טאַקע אַוועק קיין רוסלאַנד. נישט צוליב דער פאַראָרדענונג פון דער ענגלישער פּאָליציי, נאָר ווייל ס׳האָט אונז געצויגן אַהין, צו דער ליכטיקער, לאַנג־גע־טרוימטער רעוואָלוציע.

(„אונזער פאָלקס־צייטונג״, אויגוסט 1924)

די מאָסקווער עקזעקוציעס

די טראַגעדיע פון דער רעוואָלוציע

ווען ס'טרעפן זיך היינט מענטשן וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַר־בעטער־באַוועגונג, רעדן זיי אומפאַרמיידלעך וועגן די עקזעקוציעס אין מאָסק־ווע. און אַלע רעדן מיט אַ טיפן וויטיק, מיט אַ געפיל פון פערזענלעכער דערנידערונג.

אַ חבר האָט מיר דערציילט:

די מעשה מיט די מאָסקווער שאָסן איז פאַר מיר אַ קאָשמאַר, וואָס לאָזט מיך נישט צורו: איך קען זיך נישט באַפרייען פון אָט דעם קאָשמאַר. איך האָב אַזעלכעס איבערגעלעבט נאָר איינמאָל אין מיין לעבן — בעת היטלער איז געקומען צו דער מאַכט. ס'איז פאַר מיר נישט נאָר אַ פּאָליטישע גע־שעעניש, נאָר אַ שווערע, פערזענלעכע איבערלעבעניש.

און אַזוי פילן מיר אַלע. בונדיסטן, אומפּאַרטייאישע, קאָמוניסטן. אַפילו אַזעלכע קאָמוניסטן וואָס שרייען אין דער עפנטלעכקייט: „הוראַ! סטאַלין איז גערעכט!"

און די געמיינזאַמקייט פון אָט די געפילן איז אַ סוביעקטיווער אָבער אַ זיכערער סימן, אַז די מאָסקווער עקזעקוציעס זיינען נישט קיין עפּיזאָד, וואָס מען וועט מאָרגן פאַרגעסן, נאָר אַ וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'גייט נישט וועגן מיטלייד צו די 16 פאַראורטיילטע. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ פיל וויכטיקערע זאַך. מיר אַלע פילן אינסטינקטיוו, אַז אין מאָסקווע האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ שרעקלעכע טראַגעדיע פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע. די מאָסקווער שאָסן האָבן געטראָפן נישט בלויז אין די פאַרמשפּטע. זיי האָבן שווער פאַרוואונדעט די רעוואָלו־ציע גופא.

דערפון נעמט זיך דער ביטערער טרויער וואָס האָט אַלעמען אַרומגענומען. און די טיפקייט פון דעם געפיל באַווייזט וואָס פאַר אַ גרויסן אָרט עס פאַרנעמט אין אונזערע הערצער די רוסלענדער רעוואָלוציע. איר טראַגעדיע לעבן מיר איבער ווי אונזערס אַ פערזענלעכע טראַגעדיע. און קיין זאַך קאָן נישט איבער־רייסן דעם פאָדעם וואָס בינדט אונז אַזוי פעסט צונויף מיט יעדער רעוואָלו־ציאָנערער באַוועגונג בכלל און מיט דער רוסלענדער רעוואָלוציע בפרט.

און דווקא צוליב דעם פילט יעדער בונדיסט און וואָרשיינלעך יעדער קאָמוניסט אַזאַ ברענענדיקע בושה צוליב דעם מאָסקווער פּראָצעס און זיינע

פּאַלגן. ווייל די חרפּה פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע איז — נישט געקוקט אויף אַלץ — אונזער אייגענע חרפּה.

דאָס איז דער געזעץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קלאַסן־דיסציפּלין. מיר אַלע געהערן צו איין משפּחה, צי מיר ווילן דאָס, צי נישט.

נישט יחידים נאָר אָנפירונג

געפילן שפּילן אַ גרויסע ראָל אין פּאָליטישן לעבן. אָבער מיט געפילן אַליין קען מען נישט אויסקומען. מען מוז אויך פאַרשטיין וואָס איז פאָרגע־קומען און ציען די נויטיקע קאָנסעקווענצן.

לאָמיר זיך צוטרשט פּאַנאַנדערקלייבן אין די פּאַקטן.

די ראַטן־מאַכט וואָס ווערט היינט אָנגעפירט דורך סטאַלינען האָט גע־שטעמפּלט אַלס קאָנטררעוואָלוציאָנערן אויף אַן עפנטלעכן פּראָצעס אַלע לע־בעדיקע גרינדער פון דער ראַטן־מאַכט — חוץ סטאַלינען.

ווייל פאַראורטיילט זיינען דאָך נישט בלויז טראָצקי, זינאָוויעוו און קאַ־מעניעוו. אויך טאָמסקי, אויך ריקאָוו, אויך בוכארין זיינען פאַרמישט גע־וואָרן אין דעם פּראָצעס. און פון אָט־די זעקס מענטשן — מיט סטאַלינען אַלס זיבעטן — איז דאָך באַשטאַנען דאָס פּאָליט־ביוראָ, דער העכסטער אָנ־פירנדער אָרגאַן פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איז באַשטימט גע־וואָרן נאָך דעם טויט פון לענינען. נישט סתם זעקס פירער זיינען אין מאָסקווע אָפיציעל געשטעמפּלט געוואָרן אַלס פאַררעטער און אַגענטן פון היטלעריזם, נאָר די ריזיקע מערהייט (זעקס זיבעטל) פון דער אָפיציעלער און פּאַקטישער אָנפירונג פון דער רעוואָלוציע.

שטעלט זיך פאַר יעדן אַרבעטער די פראַגע:

אָדער דער מאָסקווער אורטייל איז אַ גערעכטער, און דאַן איז כמעט די גאַנצע אָנפירונג פון דער רעוואָלוציע יאָרנלאַנג באַשטאַנען פון אומוויר־דיקע מענטשן.

אָדער דער אורטייל איז אַ פאַלשער און דאַן איז דאָך די היינטיקע ראַטן־מאַכט באַגאַנגען אַ שרעקלעכן פאַרברעכן אין באַצוג צו דער פריערדיקער אָנפירונג פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט דאָך געבויט דאָס לאַנד אין די שווערסטע צייטן פון בירגער־קריג.

ווי ס׳זאָל נישט אויספאַלן דער ענטפער, מוז עס זיין אַ טרויעריקער ענטפער. אין יעדן פאַל מוז זיך יעדער אויפריכטיקער סאָציאַליסט און קאָמוניסט פילן אָפּגענאַרט אין זיין גלויבן. אָדער אָפּגענאַרט פריער דורך דעם גאַנצן פּאָליט־ביוראָ מיט סטאַלינען בראש, אָדער אָפּגענאַרט איצט דורך סטאַלינען אַליין.

און ס׳איז אַ טראַגעדיע פון דער רעוואָלוציע, ווען זי וועקט ביי אירע אָנהענגער דעם געפיל, אַז וואו ס׳זאָל נישט ליגן דער אמת, האָט מען זיי אָפּ־גענאַרט.

צי איז דער אורטייל אַ גערעכטער?

די רעזאָלוציע פון צ. ק. פון „בונד" דריקט זיכער אויס די איבערצייגונג פון אַלע בונדיסטן: ניין, ס'איז נישט מעגלעך. טראָצקי און די איבעריקע פירער פון קאָמוניזם זיינען באַגאַנגען שווערע פעלערן, אפשר היסטאָרישע פאַרברעכנס, אָבער זיי זיינען נישט געווען קיין פאַררעטער פון דער רעוואָ־לוציע, נישט קיין אַגענטן פון דער היטלעריסטישער געהיים־פּאָליציי, נישט קיין באַנדע פון מערדער.

אַזוי מיינען אַלע בונדיסטן, אַזוי מיינט אַ ריזיקע מערהייט פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער.

אָבער ס'זיינען פאַראַן קאָמוניסטן, און מסתמא אויפריכטיקע מענטשן, וואָס ווילן נישט מסכים זיין מיטן געדאַנק, אַז סטאַלין האָט אָפּגענאַרט זייער צוטרוי און אומגעבראַכט אומשולדיקע מענטשן. זיי טענהן דעריבער:

אָבער די באַשולדיקטע האָבן זיך דאָך אַליין מודה געווען אין זייער שולד!

אַזוי איז טאַקע געווען... אָבער די באַשולדיקטע האָבן דאָך גלייכ־צייטיק דערקלערט אַז שוין פריער און דווקא נישט איינמאָל האָבן זיי אָפּגעגעבן חרטה־דערקלערונגען, וואו זיי האָבן זיך אַליין באַשולדיקט און פאַראורטיילט. און זיי האָבן צוגעגעבן, אַז די דאָזיקע זייערע חרטה־דערקלערונגען זיינען געווען נישט אויפריכטיק און האָבן געצילט בלויז אַריינפירן אין אַ טעות די פּאַרטיי.

און אויב אַזוי, אויב שוין פריער האָבן די באַשולדיקטע אָפּגעגעבן פאַלשע דערקלערונגען אונטער דעם דרוק פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג, טאָ פאַרוואָס זאָל מען היינט גלויבן, אַז זייערע איצטיקע דערקלערונגען זיינען טאַקע אויפריכטיק און אמתדיק?

האָט מיר אויף דעם געענטפערט אַן אויפריכטיקער קאָמוניסט: צוליב וואָס זאָל זינאָוויעוו, קאַמעניעוו און די איבעריקע זאָגן דאָס מאָל ליגן, בעת זיי האָבן אַליין געבעטן מען זאָל זיי פאַרמשפּטן אויף טויט־שטראָף?

ווידער אַמאָל, סאיז טאַקע אַזוי געווען. אָבער ווי ווייניק אויפריכטיק זיי זיינען דערביי געווען, באַווייזט דער פאַקט, וואָס באַלד נאָך דעם אורטייל האָבן זיי געבעטן, אַז מען זאָל זיי באַגנעדיקן.

צי קאָן מען ביי אַזעלכע באַדינגונגען גלויבן אין דער אמתדיקייט פון זייערע דערקלערונגען?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ ענדיקט זיך שוין דער געביט פון פאַקטן און ס'הויבט זיך אָן דער געביט פון אויסטייטשן, פון זוכן סיבות, פון אויפקלערן קאָנסעקווענצן. ס'וואָלט גע־ווען אוממעגלעך, אַפילו אין אַ רייע אַרטיקלען, פרואוון פאַרענטפערן אַלע וויכ־טיקע פראַגן. מיר וועלן זיך מוזן באַגרענעצן נאָר מיט די גאָר וויכטיקסטע.

וויקטאָר אַלטער

פאַרוואָס האָבן די באַשולדיקטע זיך אַליין באַשולדיקט?

צי איז מעגלעך, אַז 16 באַשולדיקטע, זאָלן אַזוי איינשטימיק אָפּגעבן פאַלשע דערקלערונגען, און ווי אַזוי האָט מען דערפירט צו אַזאַ מדרגה מענטשן מיט אַזאַ רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט?

אַז דאָס איז מעגלעך, באַווייזט דער באַקאַנטער פּראָצעס פון די מענשעוויקעס, וואו אַלע באַשולדיקטע האָבן איינשטימיק באַשטעטיקט זאַכן, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר פולשטענדיק פאַלש (די כלומרשטע נסיעה פון אַבראַמאָוויטשן קיין ראַטן־פאַרבאַנד). און אויך דאָרט זיינען דאָך געשטאַנען פאַרן משפּט אַלטע רעוואָלוציאָנערן.

בלייבט דער צווייטער טייל פון דער פראַגע: ווי אַזוי האָט מען דערפירט צו אַזאַ געפאַלנקייט מענטשן, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג?

כדי דאָס צו פאַרשטיין, איז גענוג דערמאָנען זיך די אַטמאָספער וואָס הערשט אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען בכלל און אין דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי בפרט. די סאָציאַליסטן האָבן נישט איינמאָל אָנגעוויזן, אַז דער מעטאָד פון נישט דערלאָזן קיין שום זעלבסטשטענדיקן געדאַנק אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג מוז אַראָפּדריקן דעם מאָראַלישן ניוואָ פון אירע מיטגלידער. די אַלע מנהגים פון „זעלבסטקריטיק", פון חרטה־בריוולעך, פון אַליין זיך עפנטלעך אָפּשמייסן, האָבן געמוזט ווירקן, אַז דער געפיל פון מענטשלעכער ווירדע, פון פּאָליטישער אָנשטענדיקייט און אויפריכטיקייט זאָל דערשטיקט ווערן ביי די פּאַציענטן פון אַזעלכע אָפּעראַציעס. די סאָוויעטישע פּרעסע איז פול מיט אַזעלכע בריוו פון דעם מין פון „זעלבסטקריטיק". אַלע ווייסן, אַז דאָס זיינען אויפגעצוואונגענע דערקלערונגען, אין וועלכע די מחברים גופא גלויבן נישט. אָבער מיט אַזעלכע מעטאָדן ברעכט מען דעם רוקנביין פון די ווידערשפּעניקסטע. דאָס איז דער וועג וואָס פירט צו געפאַלנקייט. אויף דעם וועג האָבן זיך געשטעלט די אַלע אָפּאָזיציאָנערן, וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם ביטערן גורל פון אָפּאָזיציע. און אויף דעם וועג האָבן זיך שוין מיט יאָרן צוריק געשטעלט זינאָוויעוו און קאַמעניוו, אויף דעם וועג האָבן זיי זיך דערקייקלט ביז צום... מאָסקווער פּראָצעס.

ס'איז שוידערהאַפט און עקלדיק, אָבער... ס'איז אַ פאַרשטענדלעכער פועל־יוצא פון דעם אומדערטרעגלעכן רעזשים, וואָס הערשט אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וואָס מאַכט פון מענטשן... שמאַטעס.

אָט דער רעזשים איז אייגנטלעך געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק צוזאַמען מיט דעם געוועזענעם פּאַרזיצער פון קאָמינטערן און זיינע חברים.

און דער רעזשים איז זיכער פיל מער שולדיק, איידער די אַלע דערשאָסענע.

אָבער די מאָסקווער פּראָצעסן דערוועקן נאָך אַ גאַנצע רייע וויכטיקע פראַגן.

די וואָס פרייען זיך

די רעאַקציאָנערן פון דער גאַנצער וועלט באַהאַלטן גאָרנישט זייער שמחה צוליב דער בלוטיקער עקזעקוציע אין מאָסקווע.

ערשטנס איז צופרידנגעשטעלט זייער געפיל פון שנאה און נקמה אין באַצוג צו די אַקטיווסטע טוער פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

צווייטנס, האָפן זיי, אַז דער מאָסקווער פּראָצעס, וואָס האָט שוין פאַר־סמט די באַציאונגען צווישן די צוויי פּראָלעטאַרישע ריכטונגען, וועט פאַר־ניכטן די מעגלעכקייט פון איינהייטלעכן פראָנט און וועט ווידער ברענגען צו ברידער־קאַמפן אין אַרבעטער־לאַגער. דריטנס, פרייען זיי זיך, וואָס דער מאָ־ראַלישער פּרעסטיזש פון דער רעוואָלוציע און סאָציאַליזם האָט באַקומען אַ קלאַפּ. אָט, זאָגן זיי, אַזוי זעט אויס דער יושר און די מענטשלעכקייט פון סאָציאַליזם!

מען מוז מודה זיין, אַז די רעאַקציאָנערן האָבן אַ גרונט פאַר זייער שמחה. אַ באַזונדערס גרויסן שאָדן באַדייט דער מאָראַלישער קלאַפּ וועלכן די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג האָט געליטן צוליב דער מאָסקווער עקזעקוציע. אויף שריט און טריט טרעפט מען מענטשן, נעבעכדיקע הייסע פאַרערער פון ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס פילן זיך דערשיטערט, אַנטוישט, וואָס דערקלערן, אַז זיי האָבן אָנגעוואוירן דעם גלויבן אין סאָציאַליזם.

די דאָזיקע שטימונגען מוז מען ענערגיש אַנטקעגן־ווירקן. עס מוז הויך און קלאָר געזאָגט ווערן: די סאָציאַליסטישע באַוועגונג טראָגט נישט קיין אַחריות פאַר די מאָסקווער עקזעקוציעס. זיי זיינען איינשטימיק פאַראורטיילט געוואָרן פון אַלע אָן אויסנאַם סאָציאַליסטן.

פאַרוואָס פאַראורטיילן די סאָציאַליסטן די עקזעקוציעס?

די סאָציאַליסטן האַלטן דעם מאָסקווער פּראָצעס און די עקזעקוציעס פאַר אַ פאַרברעכן און אַן אומגליק אין דער אַרבעטער באַוועגונג. און דאָס — צוליב צוויי סיבות.

די ערשטע איז — דער געפיל פון יושר, אָן וועלכן ס׳קאָן נישט עקזיסטירן קיין סאָציאַליסטישע באַוועגונג. דער פּראָצעס האָט נישט אַנטשפּראָכן די מי־נימאַלסטע פאָדערונגען פון גערעכטיקייט. און דאָס דערשיסן באַשולדיקטע וואָס זיינען שוין יאָרן לאַנג געזעסן אין טורמע, וואָס האָבן זיך אַליין דיס־קרעדיטירט דורך זייער אומווירדיקער האַלטונג, און וועלכע מען האָט אויף פאַרשידענע אופנים געקאָנט מאַכן אומשעדלעך — איז געווען אַ פאַרלייקענונג פון יעטווידן הומאַניטאַרן געפיל.

די צווייטע סיבה איז — דער אַבסאָלוטער מאַנגל פון פּאָליטישער צוועקמעסיקייט פון דער עקזעקוציע. דאָס טרעט אַרויס באַזונדערס בולט אויף דעם פאָן פון דער נייסטער קאָמוניסטישער טאַקטיק. נעמט, למשל, די פראַנצוי־

זישע קאָמוניסטן: פון איין זייט זינגען זיי לויב־געזאַנגען דער פראַנצויזישער אַרמיי און אירע פירער אָדער באַגריסן הערצלעך דעם פירער פון דער פּוילישער אַרמיי, דעם גענעראַל רידז־שמיגלי. פון דער צווייטער זייט פאַרשיטן זיי מיט שמוץ און זידלערייען די הויפּט־טוער פון דער ראַטן־רעוואָלוציע און פירער פון אַלץ — דעם שעפער פון דער רויטער אַרמיי — טראָצקין.

דער דאָזיקער קאָנטראַסט איז אַ סימבאָל פון דער דעגענעראַציע, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט דער קאָמוניזם אונטער סטאַלינס אָנפירונג.

די גרונט־סיבה

סאָציאַליסטן פון אַלע שאַטירונגען פאַראורטיילן דעם מאָסקווער פאַרברעכן, און — די אָפיציעלע קאָמוניסטן?

זיי האַלטן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, פאַרקערט — מען דאַרף זיך גאָר פרייען, וואָס די „הינט" האָבן געפונען אַ „הינטישן סוף". און זיי פאַרשרייען פאַר אויסוואורפן, פאַר אַגענטן פון געסטאַפּאָ, אַלע די, וואָס וואַגן צו פּראָטעסטירן.

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? וואו שטעקט די סיבה וואָס אַזאַ פּראָצעס האָט בכלל געקענט פאָרקומען, און וואָס ער ווערט איצט געדעקט פון די אָפיציעלע קאָמוניסטן?

טראָצקי און זיינע אָנהענגער זאָגן:

שולדיק איז די סאָוויעטישע ביוראָקראַטיע, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון פאָלק. מיט אַזעלכע פּראָצעסן וויל זי איינהאַלטן איר ממשלה, דערשטיקנדיק יעדן אויסדרוק פון אָפּאָזיציע.

מיר מיינען אָבער, אַז די סיבה שטעקט פיל טיפער. פאַרוואָס האָט זיך אָט דער סאָוויעטישער ביוראָקראַטיע איינגעגעבן צו באַקומען די אומבאַשרענקטע הערשאַפט אין ראַטן־פאַרבאַנד? ווייל זי האָט זיך געשטיצט אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. און עס מוז אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג שטעקן עפּעס אַ גרונט־פעלער וואָס מאַכט מעגלעך אַזעלכע טרויעריקע געשעענישן.

און דער דאָזיקער גרונט־פעלער, דאָס איז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ פון די קאָמוניסטן — זייער „פירער־פּרינציפּ". די קאָמוניסטן ווילן האָבן אַ „מאָנאָליטישע" באַוועגונג, וואו אַלע זאָלן טראַכטן גלייך און וואו דאָס לעצטע וואָרט זאָל געהערן צו די פירער, און סוף־כל־סוף — צו דעם „פירער".

— —

געווינען די קאָמוניסטישע פּאַרטייען צו אָט דעם רעזשים פון „פירער־שאַפט" — האָט זיך גערופן: „באָלשעוויזירן" די דאָזיקע פּאַרטייען. און דווקא אַ זינאָוויעוו — אַלס פאָרזיצער פון קאָמינטערן — איז געווען איינער פון די הויפּט־שולדיקע אין אָדורכפירן די דאָזיקע אָפּעראַציע.

זינאָוויעוו — צוזאַמען מיט קאַמעניעוו — האָבן אַקטיוו מיטגעהאָלפן סטאַלינען (אין די יאָרן 1924־1925) אונטערצוגראָבן דעם איינפלוס פון טראָצקין,

וועלכן זיי האָבן געהאַלטן פאַר דעם געפערלעכסטן פרעטענדענט אויפן אַמט פון „פירער". ערשט שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף צווישן זינאָוויעווס גרופּע מיט סטאַלינען, דער קאַמף, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט די מאָסקווער עקזעקוציעס. אָבער דער לעצטער טראַגישער אַקט איז געווען בלויז אַ פּועל־יוצא פון דעם גרונט־פעלער: פון דעם אַבסאָלוטן מאַנגל פון אמתער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דער „פירער־פּרינציפּ" האָט אומגעבראַכט דעם גרעסטן טייל פון די פירער. זינאָוויעוו און קאַמעניעוו האָבן מיט זייערע אייגענע הענט געשאַפן די פאַרבאַדינגונגען פאַר זייער טראַגישן סוף.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער „פירער־פּרינציפּ", דער מאַנגל פון פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע, טראָגן אין זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן די זוימען פון אַזעלכע פאַרברעכנס ווי די מאָסקווער עקזעקוציעס. פּונקט ווי דער וואָלקן טראָגט אין זיך דעם רעגן...

צוריק צו הומאַניטאַריזם!

ווער עס פאַראורטיילט די מאָסקווער עקזעקוציעס און וויל נישט, אַז זיי זאָלן זיך איבערחזרן אין דער צוקונפט, דער מוז אויף דעם אַנטשידנסטן אופן באַקעמפן די פּערזענלעכע דיקטאַטור אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

און דאָס האָט אַ שייכות אין דער גלייכער מאָס צו די סאָציאַליסטן, ווי צו די קאָמוניסטן.

די סאָציאַליסטישע אַרבעטער מוזן נאָך מער, ווי ביז איצט אָפּהיטן און פאַרשטאַרקן די פּאַקטישע דעמאָקראַטיע אין זייערע פּאַרטייען. די פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע אין זייער פּאַרטיי.

און פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע הייסט דאָך פריער פון אַלץ — פרייהייט פון מיינונגען אין דער אָרגאַניזאַציע. קאַמף פאַר אָט דער פרייהייט מוז ווידער ווערן איינער פון די גרונט־יסודות פון דער גאַנצער אַרבעטער־באַוועגונג.

און קאַמף פאַר פרייהייט באַדייט — צוריק אָפּשטעלן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג דעם געהעריקן דרך־ארץ פאַרן יחיד, פאַר דעם מענטשן אין דער באַוועגונג.

נישט קיין בלינדע געהאָרכזאַמקייט פון די מאַסן אין באַצוג צו דעם פירער, נאָר — פרייע, באַוואוסטזיניקע דיסציפּלין פון די מאַסן און פון די פירער.

נישט — זעלבסט־הערשאַפט פון איין מענטש אָדער פון אַ קליינער קליקע איבער דער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר — אמתע הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט אין זיין אייגענער אָרגאַניזאַציע.

נישט — דער שטיקנדער קאַזאַרמע־גייסט, נאָר — אמתער הומאַניטאַריזם, וואָס זאָל דורכדרינגען אונזער גאַנצע טעטיקייט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

וויקטאָר אַלטער

די גענעראַלע אָפּרעכענונג

מיר האָבן אַרומגערעדט אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך דעם אינהאַלט פון מאָסקווער פּראָצעס און די גרונט־סיבה, וואָס האָט אים פאַראורזאַכט. אָבער פאַרוואָס איז דער עפּילאָג געווען אַזאַ בלוטיקער? פאַרוואָס האָט מען אויסגעפירט דעם טויט־אורטייל?

ס׳איז אוממעגלעך אַנצואווייזן אויף אַ וועלכער נישט איז פּאָליטישער צוועקמעסיקייט פון דער דאָזיקער בלוט־פאַרגיסונג. און פון ריין־עטישן שטאַנדפּונקט זיינען דאָך אַלע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן אַנהענגער פון הומאַניטאַריזם, קעגנער פון טויט־שטראָף. בלייבט איין איינציקע מעגלעכע דערקלערונג: סטאַלינס אומגעהויערע שנאה צו זיינע קעגנער בכלל און צו טראָצקין בפרט.

שוין אין יאַנואַר 1923 האָט לענין געשריבן, אַז די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן סטאַלינען און טראָצקין זיינען אַ געפאַר פאַר דער איינהייט פון דער פּאַרטיי. אויסערלעך איז די סאָוויעטישע קאַמ. פּאַרטיי געווען דאַן און נאָך אַ רייע יאָרן שפּעטער „מאָנאָליטיש״. אַלע קאָנגרעסן פלעגן אָננעמען „איינשטימיקע״ רעזאָלוציעס, אָבער אין די שפּיצן האָט זיך שוין פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ פאַרביסענער שטרייט. דער זיגער סטאַלין האָט אין אַ צייט אַרום אַרויסגעשיקט טראָצקין פון לאַנד, אָבער דערמיט האָט זיך דער קאַמף נישט פאַרענדיקט.

און דער לעצטער מאָסקווער פּראָצעס מיט די עקזעקוציעס איז געווען בלויז נאָך איין עפּיזאָד אין דעם פאַרביסענעם קאַמף. דער הויפּט־באַשולדיקטער אויף דעם פּראָצעס איז געווען טראָצקי. סטאַלין האָט געוואָלט אים טויט־מאַכן פּאָליטיש דורך דעם אורטייל. ער האָט געפּראָוווט אַפילו פיזיש זיך אָפּרעכענען מיט אים, פאָדערנדיק פון דער נאָרוועגישער רעגירונג זי זאָל אָפּנעמען ביי טראָצקין די אַזיל־רעכט. אַן איבעריקע און צוועקלאָזע קאָמפּראָמיטאַציע.

צי איז טראָצקי אַזוי געפערלעך פאַר דער ראַטן־רעגירונג און פאַר סטאַלינען?

ניין, די סכנה, וואָס דראָט דעם דיקטאַטאָר פון ראַטן־פאַרבאַנד מצד דעם הילפלאָזן עמיגראַנט, איז נישטיק. אָבער גרויס איז די סטאַלין־שנאה צום פריערדיקן פירער פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע. אַזוי גרויס, אַז זי פאַרבלענדט אים אַליין און ברענגט צו אַזעלכע אומפאַרציילעכע פעלערן, ווי די מאָסקווער עקזעקוציעס.

דער מאָסקווער פּראָצעס האָט אַרויסגעוויזן אין דער פולער מאָס סטאַלינס פעאיקייט צו האָסן און צו נעמען נקמה. דער פּראָצעס איז געווען אַ גענעראַלע אָפּרעכענונג מיט אַלע זיינע קעגנער. אין פאַרלויף פון דעם פּראָצעס האָט מען אַזוי צי אַנדערש באַשמוצט כמעט אַלע קאָמוניסטישע טוער, וואָס זיינען ווען נישט איז אַרויסגעטרעטן קעגן סטאַלינען. נישט אַלע זיינען דערשאָסן געוואָרן, אָבער אַלע האָבן דערפילט, אַז זייער אַמאָליקע אָפּאָזיציע איז זיי נישט

פאַרגעסן געוואָרן און, אַז דער זיגער האָלט אַ שווערד פאַרהאָנגען איבער זייערע קעפּ. איין איינציקער טאָמסקי האָט זיך באַפרייט פון אָט דער דראָאונג, אָבער דאָס האָט ער דערגרייכט דורך... זעלבסטמאָרד.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווידער „סאָציאַל־פאַשיזם"

די קאָנסעקווענצן פון די מאָסקווער שאָסן האָבן געוואָרפן אַ נייעם שיין אויף אַ רייע פּראָבלעמען פון סאָוויעטישן לעבן, באַזייטיקט אַ רייע ספקות.

אָבער דאָס וויכטיקסטע פאַר אונז איז היינט צו־טאָג די פראַגע:

וואָס פאַר אַן איינפלוס וועלן די מאָסקווער שאָסן האָבן אויף דעם ערשט־ראַנגיקן פּראָבלעם פון איינהייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פון באַציאונגען צווישן קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן?

דער ענטפער איז: אַ קאַטאַסטראָפאַלן.

לאָמיר אָנהויבן פון דער קאָמוניסטישער זייט. ווען די סאָציאַליסטישע פּרעסע האָט פּראָטעסטירט קעגן די מאָסקווער עקזעקוציעס, האָבן די סאָוויעטישע צייטונגען דערויף געענטפערט:

אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער זיינען נידערטרעכטיקע לאַקייען פון דער בורזשואַזיע, זיי זיינען פאַרביסענע שונאים פון ראַטן־פאַרבאַנד, זיי אַלע ווערן אָנגעפירט פון דער געסטאַפּאָ און העלפן דעם פאַשיזם אין זיין קאַמף קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט!!!.. („פּראַוודאַ").

און דאָס אַלץ — נאָך דעם 7טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, אין סאַמע ברען פון דער עפּאָכע פון איינהייטלעכן פראָנט!

וואָס איז דאָס — היסטעריע?

ניין, עס איז דאָס זעלביקע ווי דער מאָסקווער פּראָצעס. כמעט די זעלביקע באַשולדיקונגען און דער זעלבער אורטייל. דער זעלביקער שגעון מיט די זעלביקע פאַטאַלע פאָלגן. אין אָט דעם שגעון שטעקט טאַקע דער מעטאָד.

אַזוי זעט אויס סטאַלינס אמתע באַציאונג צו זיינע „ברידער סאָציאַליסטן". היינט זיינען די פירער פון סאָציאַליסטישן און פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל פאַר אים — אַגענטן פון געסטאַפּאָ. מאָרגן וועט מען זיי מסתמא באַשולדיקן אין אָרגאַניזירן טעראָריסטישע אַקטן קעגן זיין פּערזאָן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וואָס ענטפערן די סאָציאַליסטן?

און וואָס איז די באַציאונג פון סאָציאַליסטן צו דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך די מאָסקווער עקזעקוציעס און נאָך דעם באַנייען פון די מיאוסע קאַמ. זידלערייען אויפן אַדרעס פון די אינטערנאַציאָנאַלן?

פריער פון אַלץ — אַ געוואַלטיקער וואוקס פון אומצוטרוי צו די אַנפירער

פון קאָמינטערן. אַ גרויסער טייל פון דער פּסיכישער דערנענטערונג, וואָס איז פאַרגעקומען אין פאַרלויף פון לעצטן יאָר, איז געגאַנגען לאַיבוד. ס׳האָט זיך באַדייטנד פאַרשטאַרקט די איזאָלירונג פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. אַפילו די קאָמוניזירנדע עלעמענטן אין דעם סאָציאַליסטישן לאַגער זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז סטאַלין קאָן אין קיין פאַל נישט ווערן דער פירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג.

און במילא האָבן זיך אויך פאַרשטאַרקט די טענדענצן פון קעגנערשאַפט צום איינהייטלעכן פראָנט מיט די קאָמוניסטן און אַוודאי און אַ אָרגאַנישער איינהייט מיט זיי. אַט האָט זיך באַוויזן אין „ראָבאָטניק” אַן אַרטיקל, וואו דער הויפּט־רעדאַקטאָר זאָגט:

צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן ליגט אַן אָפּגרונט. וועגן אייניקייט קאָן קיין רייד נישט זיין.

פונקט ווי פריער, אַזוי אויך היינט זיינען מיר נישט מסכים מיט אַט דער שטעלונג. פונקט ווי פריער, אַזוי אויך היינט האַלטן מיר, אַז צווישן סאָציאַ־ליסטישע און קאָמוניסטישע אַרבעטער איז פאַראַן אַזוי פיל געמיינזאַמעס, אַז זייער אָרט איז אין איין אָרגאַניזאַציע, וואו אַלע שטרייטן דאַרפן געלייזט ווערן אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן, אויפן גרונט פון פרייהייט פון געדאַנק און דיס־ציפּלין פון טאַט.

היינט, פונקט ווי נעכטן, וועלן מיר נישט אויפהערן צו רופן די קאָמו־ניסטישע אַרבעטער צו אַ לאָגישער און ברודערלעכער צוזאַמענאַרבעט אין קאַמף קעגן פאַשיזם און קאַפּיטאַליזם. היינט, נאָך מער ווי נעכטן, וועלן מיר באַווייזן, אַז די הויפּט־שטערונג צו אייניקייט איז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ פון קאָמינטערן, וואָס פירט איין אַ דיקטאַטור איבער די מאַסן און איז דער הויפּט־מקור פון שפּאַלטונג און ברודער־קאַמפן אין די פּראָלעטאַרישע רייען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

(„פאָלקס־צייטונג”, וואַרשע, סעפּטעמבער 1936)

צען יאָר אין ראַטן־פֿאַרבאַנד

(אַנטאָן ציליגאַס בוך: אינם לאַנד פֿון גרויסן ליגן)

שוין לאַנג האָב איך נישט געלייענט אַ בוך מיט אַזאַ אינטערעס ווי דאָ לעצטנס, ווען ס׳איז מיר אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיטן בוך פֿון אַנטאָן ציליגאַ — „אין לאַנד פֿון גרויסן ליגן״. ס׳איז כדאַי צו דערציילן וועגן אָט דעם בוך די לעזער פֿון דער „נ. פֿאָלקס־צייטונג״.

ווער איז דער מחבר.

ציליגאַ איז אַ יוגאָסלאַוו, אָבער אַן איטאַליענישער בירגער (בעסער געזאָגט — אונטערטאַן), נאָך אַלס סטודענט, איז ער אין יאָר 1918 אַריין אין די רייען פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און איז תיכף געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער קאָמ. פּאַרטיי. דאָרט האָט ער געמאַכט אַ שנעלע קאַריערע, און שוין אין 1925 איז ער געוואָרן אַ מיטגליד פֿון פּאָליט־ביוראָ פֿון דער יוגאָסלאַווישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַ יאָר שפּעטער איז ער שוין געווען אַ מיטגליד פֿון באַלקאַנישן ביוראָ פֿון קאָמינטערן. סוף 1926 איז ער אָפּגעפֿאָרן קיין מאָסקווע, אַלס טיף איבערצייגטער קאָמוניסט.

אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איז ציליגאַ געווען גאַנצע 10 יאָר. אָבער דאָ האָט זיך זיין קאַריערע אַנטוויקלט אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג. אין פֿאַרלויף פֿון די ערשטע צוויי יאָר באַקענט ער זיך מיט דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, און דער רעזולטאַט איז, אַז ער שטעלט זיך אין אַ קאָנטאַקט מיט דער אָפּאָזיציע. ער ווערט דערפֿאַר אויסגעשלאָסן פֿון דער פּאַרטיי אויף אַ יאָר צייט. גלייכצייטיק ווערט ער באַזייטיקט פֿון דער פּאָליטישער אַרבעט און איבערגעפֿירט קיין לענינגראַד, וואו מען האָט אים באַשטימט, אַלס פּראָפֿעסאָר פֿון געשיכטע אין לענינגראַדער אוניווערזיטעט. אַ יאָר שפּעטער ווערט ער אַרעסטירט און זיצט אָפּ דריי יאָר אין טורמעס פֿון פֿאַרשידענע שטעט. דאַן קומען ווייטערדיקע דריי יאָר פֿון וואַלגערן זיך אין פֿאַרשידענע פּאָליט־איזאָלאַטאָרן און פֿאַרשיקונגס־ערטער אין סיביר, דריי הונגער־סטרייקן און איין פּרוואו צו באַגיין זעלבסטמאָרד (דורך איבערשניידן די אָדערן פֿון די הענט). די לעצטע יאָרן פֿאָדערט ציליגאַ מען זאָל אים, אַלס אויסלענדער אין הסכם מיט די געזעצן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד אַרויסשיקן פֿון לאַנד. אַלס פּראָטעסט קעגן דעם אָפּזאָג צו דערפֿילן זיין פֿאָדערונג באַגייט ער טאַקע דעם זעלבסטמאָרד־פּרוואו. ענדלעך, ווען ער האָט שוין פֿאַרלוירן יעדע האָפֿענונג, באַקומט זיך אַ באַשלוס: אַרויסשיקן. דעצעמבער 1936, גענוי צען יאָר נאָך זיין אָנקומען קיין ראַטן־פֿאַרבאַנד, פֿאַרלאָזט ציליגאַ דאָס לאַנד פֿון זיינע האָפֿענונגען און פֿאַרט אָפּ, דורך פּוילן קיין פּראָג.

אַ מאָדנער צופאַל: פאַרנדיק צו יענער צייט אויף אַ פאַרלעזונג, טרעף איך אין וואַגאָן אַ מאָדנעם פאַרשוין מיט אַן אינטעליגענט פנים, אַן אויסגע־דאַרטן, שלעכט געקליידעטן, וואָס רעדט רוסיש; נישט בלויז צוליב דער שפּראַך, נאָר אויך לויט דער מאַסע פאַרשידנאַרטיקע פּעקלעך איז געווען לייכט צו דערקענען, אַז ער פאָרט פון ראַטן־פאַרבאַנד. פון וואָרט צו וואָרט — ער דער־ציילט מיר זיין געשיכטע: אַן אַמאָליקער קאָמוניסטישער גדול. שפּעטער אַ טראָצקיסט. אָבער ער איז שוין אַנטוישט אין טראָצקין. ער האָט שוין פאַרבאַהאַלטן אויך בנוגע לענינען. אָבער ער ברענט מיט גלויבן און קאַמפּס־ווילן.

ביים געזעגענען שטעלט ער זיך פאָר:

— מיין נאָמען איז — אַנטאָן ציליגאַ.

***

די געשיכטע פון אָט־די 10 יאָר דערציילט ציליגאַ אין זיין בוך. פער־זענלעכע איינדרוקן, געשפּרעכן מיט מענטשן, טעאָרעטישע באַטראַכטונגען, דער שווערער וועג פון אידעאישע איבערלעבונגען, די אַנטוויקלונג און די געשיכטע פון די פאַרשידענע „אָפּאָזיציעס", דאָס לעבן אויף דער פריי און אין די טורמעס, אין אייראָפּע און אין אַזיע, דער לעבנס־שטייגער פון פאַר־שידענע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — אַלץ צוזאַמען געפינט זיך אין דעם בוך. ס'איז אַ צאַפּלדיקער דאָקומענט, וואו מען שפּירט אויפריכטיקייט און אַ זוכעניש נאָכן אמת.

ציליגאַ פילט נישט קיין שנאה צום ראַטן־פאַרבאַנד. פאַרקערט, ער באַוואונדערט דאָס דאָזיקע ריזיקע און מעכטיקע לאַנד, וואו די אַנטוויקלונג גייט אַזוי ראַש, אַז אין פאַרלויף פון יעדע פאָר יאָר ענדערט זיך זיין אויסערלעכער אויסזען. ער איז אַנטציקט מיט דעם „דינאַמיזם" פון דער באַפעלקערונג און איז פול מיט אָפּטימיזם בנוגע דער צוקונפט פון לאַנד.

אָבער ציליגאַ איז אַ סאָציאַליסט. ער שטרעבט דערצו, עס זאָל אָפּגע־שאַפט ווערן די אונטערדריקונג פון מענטשן דורך מענטשן. און פון דעם שטאַנד־פונקט איז ער אַנטוישט אין ראַטן־פאַרבאַנד; ס'איז אַ גרויס לאַנד, אַ „ניי אַמעריקע". וואו ס'ווערן געשאַפן גרויסע זאַכן, אָבער קיין סאָציאַליזם האָט ער דאָרט נישט געפונען.

ציליגאַ זעט דעם אויפשטייג פון ברייטע נייע סאָציאַלע שיכטן, שנעלע און באַדייטנדיקע ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען, אָבער ער האַלט, אַז דאָס קומט פאָר אויף דעם באָדן פון אַ נייער קאַפּיטאַליסטישער אויסנוצונג און פּאָ־ליטישער אונטערדריקונג פון די פאָלקס־מאַסן, פון אַרבעטער און פּויערים. עס איז אַ נייע אויסגאַבע — האַלט ציליגאַ — פון דעם אַלטן פּעריאָד פון פּרי־מיטיווער אַקומולאַציע" (אָנזאַמלונג), וועלכע איז טאַקע געווען ווירטשאַפטלעך פּראָגרעסיוו, אָבער וועלכע קאַרל מאַרקס האָט כאַראַקטעריזירט אַלס די גרוי־

זאַמסטע עקספּלואַטאַציע פון דער וועלט. און די דאָזיקע ווירקלעכקייט ווערט פאַרשטעלט אָפיציעל דורך די ראַדיקאַלסטע לאָזונגען, דורך די שענסטע טרוימען פון דער מענטשהייט. אָט די סתירה, וועלכע ציליגאַ זעט צווישן דער אָפיציעלער טעאָריע און דער ווירקלעכקייט. צווישן די האָפענונגען און זייער פאַרווירקלע־כונג, צווישן די ווערטער און די טאַטן — דאָס איז, זאָגט ער, דער גוואַלטיקער ליגן, וועלכן מען פילט אויף יעדן שריט אין ראַטן־פאַרבאַנד. פון דאַנען — דער נאָמען פון זיין בוך: „אין לאַנד פון גרויסן ליגן".

***

דאָס בוך דאַרף באַרעכטיקן דעם נאָמען. אָבער עס גייט נישט, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, וועגן נאָמען. פיל וויכטיקער איז די גרונט־פראַגע, וואָס פאַר־נעמט די מוחות פון אַלע אָפּאָזיציאָנערן וועלכע זיצנדיק אין טורמעס פּרואוון פאַרענטפערן זייערע טעאָרעטישע ספקות:

— וואָס פאַר אַ סאָציאַלע אָרדענונג הערשט אין ראַטן־פאַרבאַנד? וואָס איז דער קלאַסן־אינהאַלט פון דער ראַטן־מאַכט?

נאָך לאַנגע וואַקלענישן איז ציליגאַ געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס'איז פאַלש צו באַטראַכטן דעם ראַטן־פאַרבאַנד פאַר אַ לאַנד פון סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע און די ראַטן־מאַכט, אַלס אַרבעטער־מאַכט.

זיין ענטפער איז:

— אין ראַטן־פאַרבאַנד ווערט געבויט אַ נייע אָרדענונג, וועלכע איז גע־שטיצט, פּונקט ווי די אַלטע, אויף אונטערדריקונג און עקספּלואַטאַציע. די פאָרם איז בלויז אַן אַנדערע. אַנשטאָט פּריוואַטן קאַפּיטאַליזם האָבן מיר דאָרט אַ מלוכהשן קאַפּיטאַליזם. אַנשטאָט דעם הערשנדיקן קלאַס פון פּריוואַטע קאַ־פּיטאַליסטן האָבן מיר דאָרט אַ הערשנדיקן קלאַס פון ביוראָקראַטיע. אָבער די אַרבעטער און פּויערים זיינען אין ראַטן־פאַרבאַנד נישט ווייניקער אויב נישט מער — פאַרשקלאַפּט איידער אין די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

דאָס איז זיין מיינונג. אָבער פון וואַנען האָבן זיך גענומען די נייע אונ־טערדריקער?

אַלס מאָטאָ צו זיין בוך, ברענגט ציליגאַ אַ ציטאַטע פון באַלזאַקן:

„די רעוואָלוציעס, וואָס ווערן געמאַכט פון פאָלק האָבן ניט קיין מער אַכזריותדיקע שונאים איידער די מענטשן, וועלכע די רעוואָלוציעס האָבן דער־הויבן צו דער מאַכט".

ציליגאַ מיינט, אַז אָט דער כלל האָט זיך באַרעכטיקט אויך אין ראַטן־פאַרבאַנד. די נייע אויפגעשטאַנענע ביוראָקראַטיע — זאָגט ער — האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דעם געפערלעכסטן שונא פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. זי איז דאָס דער נייער קלאַס פון אונטערדריקער.

צי איז ציליגאַס מיינונג אַ באַגרינדעטע? צי באַגרינדעט זיין אייגן בוך די דאָזיקע מיינונג?

אַ בוך דאַרף געשאַצט ווערן ענלעך דערצו, ווי עס ווערט געשאַצט אַ מענטש: נישט לויט זיינע חסרונות, נאָר לויט זיינע מעלות, נישט לויט דעם, וואָס אין אים איז פאַלש, נאָר לויט דעם, וואָס ס'איז אין אים ניי און ריכטיק. עס קאָן זיך אַרויסווייזן, אַז פיל געדאַנקען פון ציליגאַס בוך זיינען נישט באַגרינדעט. אָבער דאָס וואָס ס'איז אין אים יאָ ריכטיק איז גענוג צו אָנערקענען דעם ווערט פון בוך.

טאָקע מיט אָט די דאָזיקע ריכטיקע געדאַנקען מוזן מיר זיך באַקענען איידער מיר וועלן געבן אַן ענטפער אויף די אויבנגעשטעלטע פראַגן.

וואו ליגט דער עיקר?

אין פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז דער געוועזענער קאָמוניסט אַנטאָן ציליגאַ האַלט נישט דעם ראַטן־פאַרבאַנד פאַר אַ סאָציאַליסטישע מלוכה און באַטראַכט נישט די ראַטן־רעגירונג ווי אַן אַרבעטער־מאַכט.

אָבער פאַרוואָס? צי דערקלערן נישט די פירער פון דעם לאַנד, אַז זיי בויען דעם סאָציאַליזם?

ענטפערט ציליגאַ: לאָמיר זיך פאַרשטענדיקן, וואָס הייסט סאָציאַליזם. עס איז פאַלש צו מיינען, אַז סאָציאַליזם — דאָס איז דער פאָרמעלער מאָמענט, אַז פאַבריקן געהערן צו דער מלוכה. סאָציאַליזם — דאָס איז פריער פאַר אַלץ, אויב נישט אויסשליסלעך „די פאַרהעלטענישן צווישן מענטשן". אַנדערש געזאָגט — די באַפרייאונג פון די אַרבעטנדיקע. און „דער תוך פון סאָציאַליזם, דאָס איז דאָס געפיל פון אינטימער צוגעבונדנקייט מיט די אונטערשטע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט".

אַרויסגייענדיק פון אָט דעם שטאַנדפונקט און שטיצנדיק זיך אויף פיל מאַטעריאַלן שטעלט פעסט ציליגאַ, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד איז פאַראַן אַ גרויסע מערהייט פון אַרבעטער און פויערים, וואָס זיינען עקאָנאָמיש נישט פריי און פאָליטיש רעכטלאָז און אַ מינדערהייט — אַ ביוראָקראַטישער שיכט, וואָס שפּילט די ראָל פון דעם נייעם באַזיצנדיקן קלאַס.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף ציליגאַס שילדערונגען פון דער לאַגע פון די ברייטע מאַסן. דאָס בילד איז אין אַלגעמיין באַקאַנט. ס'איז אָבער כדאַי איבערגעבן טיילוויז זיין כאַראַקטעריסטיק פון דעם קלאַס פון „נייע הערשער". אָט זיינען אַ פּאָר אויסצוגן:

„...די אמתע הערשער פון דער סאָוויעטישער געזעלשאַפט דאָס זיינען די ביוראָקראַטן, די הויכע אַנגעשטעלטע. עס איז אַ נייע אַריסטאָקראַטיע... וואָס האָט דעם פולן באַוואוסטזיין, אַז זי איז אַ פּריווילעגירטער קלאַס, און וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן הערארכישן גייסט, מיטן גייסט פון אַ קאַסטע.

„דער גרעסטער טייל פון די דאָזיקע משפחות שטאַמט פון אַרבעטער אָדער פון האַנטווערקער. זיי זיינען אַרויס פון פאָלק און אין זייער שפּראַך, מאַניערן

און אויסזען שפּיגלט זיך אָפּ זייער פאַרגאַנגענהייט. אָבער ווי קאַלט איז זייער באַציאונג צו די היינטיקע אַרבעטער!

„זיי האָבן דורך־אַרץ פאַר די, וואָס פאַרנעמען אַ העכערן פּאָסטן אין דער געזעלשאַפט. דער, וואָס האָט נישט באַוויזן אַרויפקלעטערן „ביי אונז" אין ראַטן־רוסלאַנד, דער איז אַ מינדערווערטיקער מענטש. דער ווערט פון אַ מענטשן ווערט דאָרט געמאָסטן לויט זיין דירה. לויט זיינע מעבל, לויט זיינע מלבושים, לויט זיין אָרט אין דער אַדמיניסטראַטיווער היעראַרכיע.

„...די פּרויען פון די הויכע באַאַמטע פירן זיך אַן דיפּלאָמאַטיע. זיי ווילן אימפּאָנירן מיט זייערע טואַלעטן, מיט דער עלעגאַנץ פון זייער וואוינונג, מיט זייערע לאָזשעס אין טעאַטער... זיי האָבן דעם באַוואוסטזיין, אַז זיי בילדן „די געזעלשאַפט". און זיי לעבן בלויז פאַר זייערע קליינע אַמביציעס... ס'זיינען פאַראַן דאַמען, וואָס נעמען אַנטייל אין סאָציאַלע אַרבעטן: זיי לאָזן זיך פאָטאָגראַפירן אויף זיצונגען פון „מאָפּר" פּונקט ווי אַמאָל די גרעפינס אויף די זיצונגען פון „רויטן קרייץ".

„ווי אַזוי שטעלן זיך פאַר די מאַטעריעלע מיטלען פון דער ביוראָקראַטיע? זייערע געהאַלטן זיינען פאַרהעלטניסמעסיק באַשיידן. אָבער ערשטנס, ווערן זיי באַלוינט „אין נאַטור" אויפן חשבון פון דער מלוכה. זיי צאָלן אַ לעכערלעך דירה־געלט, זייער מעבל, אויטאָמאָבילן, פּרעכטיקע זומער־וואוינונגען, טעאַטערן, ביכער, די בילדונג פון זייערע קינדער — קאָסט זיי גאָר נישט. צווייטנס — זיי האָבן איינגעשטעלט אַ שטילן אָפּמאַך מיט די פירער פון די האַנדלס־אונטער־נעמונגען, אַז די בעסטע סחורות זאָלן זיין רעזערווירט פאַר זיי, פאַר זייער ביליקע פּרייזן..."

גאַנצע זייטן פון בוך זיינען געווידמעט דער שילדערונג פון דעם לעבנס־שטייגער פון רייך און אָרעם אין ראַטן־פאַרבאַנד. און אויף דעם שטיצט זיך ציליגאַ אויספיר:

ס'איז אין ראַטן־פאַרבאַנד נישטאָ קיין סאָציאַליזם.

***

אָבער ווי אַזוי איז דערצו געקומען? ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז די טיפסטע פון אַלע רעוואָלוציעס איז דערגאַנגען צו אַזאַ צושטאַנד?

ציליגאַ פּרוּווט אויפקלערן די דאָזיקע ביטערע פראַגן צוזאַמענבינדנדיק זיי מיט זיינע אייגענע אידעאָלאָגישע ענדערונגען. און די אויפריכטיקייט, מיט וועלכער ער דערציילט זיינע אידעאישע וואַנדערונגען און כסדרדיקע אַנטוישונגען, זיינען אפשר דער ווערטפולסטער עלעמענט פון זיין בוך.

קומענדיק קיין רוסלאַנד, אַלס אָרטאָדאָקסאַלער הונדערט־פּראָצענטיקער אָנהענגער פון דער אָפיציעלער ליניע, איז ציליגאַ געווען טיף איבערצייגט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און דער אַרבעטער־קלאַס איז איינס און דאָס זעלבע.

אַז די פּאַרטיי רעפּרעזענטירט אין יעדן מאָמענט דעם אינטערעס פון די אַרבעטער.

די ערשטע פּאָר יאָר האָבן אים איבערצייגט, אַז ס'איז אַנדערש. די אָפּי־ציעלע פּאַרטיי־ליניע איז געווען צוגעפּאַסט דער עיקר צו די אינטערעסן פון דער ניי־אַנטשטאַנענער ביוראָקראַטיע.

האָט אים זיין „געפיל פון צוזאַמענגעבונדנקייט מיט די אונטערשטע שיכטן" געטריבן אין די רייען פון דער אָפּאָזיציע. צוערשט האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דער קעגנזאַץ צווישן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און דעם אַרבעטער־קלאַס נעמט זיך דערפון, וואָס די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי — קאָנקרעט סטאַלין — טויג נישט. אָ, ווען טראָצקי וואָלט געפירט די באַוועגונג וואָלט אַלץ אַנדערש אויסגעזען. איז ער טאַקע געוואָרן אַ טראָצקיסט.

מיט דער צייט אָבער האָט ער אָנגעהויבן צו באַמערקן, אַז דער אונטער־שיד צווישן סטאַלינען און טראָצקין איז גאָרנישט אַזאַ גרויסער. אַז אייגנטלעך אין אַלע גרונט־פּראָבלעמען איז סטאַלין מסכים מיט טראָצקין און טראָצקי מיט סטאַלינען. סטאַלין איז טאַקע גראָב, ברוטאַל, טראָצקי וואָלט אפשר טאַקע אויסגעמיטן די מיאוסע פאָרמען פון סטאַליניזם, אָבערביידע שאַפן די אילוזיע, אַז דאָס וואָס געשעט אין ראַטן־פאַרבאַנד איז שוין אויפבלי פון סאָציאַליזם. קיין איינער פון זיי וויל נישט באַקעמפן די מאַכט פון דער ביוראָקראַטיע און ציליגאַ קומט צום אויספיר:

טראָצקי וויל נישט פאַרשטיין, אַז די „אָפּוויכונגען", קעגן וועלכע ער פּראָטעסטירט. זיינען בלויז אַ לאָגישע און אומפאַרמיידלעכע קאָנסעקווענץ אין דעם גאַנצן סיסטעם, וועלכן ער פאַרטיידיקט אַזוי ליידנשאַפטלעך. אין גרונד גענומען איז טראָצקי דער טעאָרעטיקער פון אַ רעזשים, פון וועלכן סטאַלין איז דער רעאָרגאַניזאַטאָר".

נאָך דער אַנטוישונג אין סטאַלינען איז געקומען די אַנטוישונג אין טראָצ־קין. ציליגאַ גייט אַריבער אין לאַגער פון דער „אַרבעטער־אָפּאָזיציע", וואָס אירע פירער זיינען געווען שלאַפּניקאָוו, מעדוועדיעוו און אַנדערע.

און דאָ קומט ער צו געדאַנקען, וואָס בילדן דעם עיקר פון זיינע אַנטוי־שונגען אין קאָמוניזם. ער פאָרמולירט אַזוי זיין שטעלונג:

דאָס, וואָס שיידט אָפּ די אַרבעטער־אָפּאָזיציע פון טראָצקיזם איז פריער פאַר אַלץ דער אופן פון פאַרשטיין די ראָל פון פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלו־ציע. פאַר די טראָצקיסטן איז די פּאַרטיי געווען די טרייב־קראַפט פון דער רעוואָלוציע. פאַר דער אַרבעטער־אָפּאָזיציע — דער אַרבעטער־קלאַס. דער קאַמף צווישן סטאַלינען און טראָצקין האָט געהאַט אַ שייכות צו דער פּאָליטיק פון דער פּאַרטיי, צו דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי; דער פּראָלעטאַריאַט איז פאַר ביידן געווען בלויז אַ פּאַסיווער אָביעקט. די אַרבעטער־אָפּאָזיציע האָט זיך אָבער פריער פאַר אַלץ אינטערעסירט מיט דער לאַגע און מיט דער ראָל פון אַרבעטער־קלאַס... ווי אַזוי דאַרף דער פּראָלעטאַריאַט אַלס קלאַס דעראָ־בערן די פּראָדוקציע־מיטלען, וועלכע מען האָט צוגענומען ביי דער בורזשואַזיע.

ווי אַזוי ווירקזאַם קאָנטראָלירן די פּאַרטיי און די רעגירונג, כדי איינפירן אַר־בעטער־דעמאָקראַטיע און פאַרהיטן די רעוואָלוציע פון אַ ביוראָקראַטישער דע־גענערירונג ?..

אָבער אויך דאָ האָט זיך ציליגאַ ניט אָפּגעשטעלט, זיין אידעאָלאָגישע אַנט־וויקלונג האָט אים געפירט אומפאַרמיידלעך צו אַ נייער פראַגע: און לענין ?

ציליגאַ שילדערט מיט וואָס פאַר אַ ווייטאָק ער האָט זיך געמוזט זעגענען מיט זיין קולט פאַר לענינען, אַלס דעם אייביק גערעכטן רעוואָלוציאָנער. ביז ער איז געקומען ענדלעך צו דער איבערצייגונג: „לענין האָט אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר סטאַלינען".

ער פאָרמולירט זיין געדאַנק זייער פּאָרזיכטיק:

„לענין האָט אין לעצטן פּעריאָד פון זיין לעבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין דעם אַרבעטער־קלאַס, און ער האָט געגלויבט בלויז אין כוח פון דער אַדמיניס־טראַציע"...

ציליגאַ גלויבט, אַז לענין ביז 1918 איז געווען גאָר אַן אַנדערער, איידער אין דער ראָל פון פאָרזיצער פון קאָמיסאַרן־ראַט. אָבער דאָ מאַכט ער אַ טעות. שוין ביי דער גרינדונג פון באָלשעוויזם אין 1903 האָט לענין פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס מוז געפירט ווערן דורך דער פּאַרטיי און די פּאַרטיי דורך פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָנערן. אָט דער געדאַנק פאַר־מאָגט שוין דעם קערן וועגן דיקטאַטור פון דער פּאַרטיי איבערן פּראָלעטאַריאַט און וועגן דיקטאַטור פון די פירער אָדער סוף כל סוף פון דעם פירער איבער דער פּאַרטיי. אָט די דאָזיקע איינשטעלונג האָט פון סאַמע אָנהויב אָן באַדראָט די רעוואָלוציע און זי געפירט צו דעם, אַז די פּאַרטיי גופא זאָל ווערן אַ פּראָפע־סיאָנעלער פאַראיין פון צוקונפטיקע ביוראָקראַטן.

ס'איז טאַקע אַ דעגענערירונג פון דער רעוואָלוציע און פון דער פּאַרטיי. אָבער אַזאַ צושטאַנד באַדראָט יעדער פּראָלעטאַרישער פּאַרטיי, וואָס פאַרגעסט וועגן איר אויפגאַבע צו זיין די וועג־ווייזערין פאַר איר קלאַס. וועגן איר פליכט אויסצופירן די ראָל פון אַוואַנגאַרד פון קלאַס און צו דינען דעם פּראָלעטאַריאַט געטריי און קאָנסעקווענט.

(וואַרשע, 1938)

נאָך איין שטים...

דער טרויעריקער גורל פון די אַמאָליקע קאָמוניסטישע פירער אין ראַטן־פאַרבאַנד איז אַלעמען באַקאַנט. און דאָך, יעדעס מאָל, ווען צו דעם אַזוי לאַנגן צעטל קרבנות קומט צו נאָך אַ באַקאַנטער נאָמען, כאַפּט אונז אויפסניי אַרום דאָס געפיל פון אומעט, חרפה און פאַרדרוס.

באַזונדערס שטאַרק האָב איך עס געפילט לעצטנס, ווען ס'איז געקומען די ידיעה, אַז דער געוועזענער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים קרוליקאָווסקי, איז געשטאָרבן אין אַ סאָוויעטישער תפיסה. ווייל מיט זיין נאָמען זיינען פאַר מיר פאַרבונדן אַ רייע זכרונות, וואָס ציען זיך אויף אַ מהלך פון 25 יאָר.

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט קרוליקאָווסקין פאַלט זיך צונויף מיט מיין ערשטן אַקטיוון אָנטייל אין אַ גרעסערער פּאָליטישער אַקציע. ס'איז געווען אין 1913. די צאַרישע רעגירונג האָט איינגעפירט דאַן די מ'שטיינסגעזאָגט קראַנקן־קאַסעס, האָט מען געדאַרפט דורכפירן צווישן די אַרבעטער וואַלן צו די פאַר־וואַלטונגען פון די קאַסעס.

מיט דער דאָזיקער וואַל־קאַמפּאַניע האָט דאַן אָנגעפירט אַ קאָמיטעט פון דריי, וואָס איז באַשטאַנען פון יוזעף אונשליכט — אַלס פאַרשטייער פון דער ס. ד. ק. פּ. ל., קרוליקאָווסקי — אַלס פאַרשטייער פון דער פּ. פּ. ס.־לעוויצע, און איך אַלס פאַרשטייער פון „בונד".

ווי באַקאַנט, איז אונשליכט דערשאָסן געוואָרן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אין מאָסקווע, קרוליקאָווסקי איז איצטער דאָרט געשטאָרבן אין תפיסה. ביידע האָבן געענדיקט זייער לעבן אַלס „פּוילישע שפּיאָנען".

און ווער קען דען צווייפלען, אַז אויב דער דריטער מיטגליד פון יענעם קאָמיטעט וואָלט זיך געפונען אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָלט אויך זיין גורל געווען ענלעך צום גורל פון די צוויי איבעריקע.

***

טויט איז דער נאַטירלעכער סוף פון יעדן מענטשן. ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט די גאַנצע באַוועגונג געטרויערט צוליבן פּלוצימדיקן טויט פון אַטאַ באָוער.

אָבער ווי אַנדערש איז געשטאָרבן באָוער און ווי אַנדערש זיינען אומגעקומען אונשליכט און קרוליקאָווסקי!

און דער דאָזיקער אונטערשייד איז גלייכצייטיק דער אונטערשייד צווישן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און דער קאָמוניסטישער.

סאָציאַליזם איז דאָך פריער פאַר אַלץ דאָס שטרעבן צום גליק פון מענטשן. קלאַסן־קאַמף, רעוואָלוציעס — דאָס זיינען דאָך בלויז די מיטלען, וואָס דאַרפן פירן צו דער באַפרייאונג פון יעדן יחיד, צו זיין גייסטיקן און מאַטעריעלן אויפֿשוואונג.

און ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג שאַצט די מענטשלעכע ווערטן פון אירע מיטגלידער און טוער. מענטשן וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן דער באַוועגונג, ווערן געשאַצט און געאַכטעט, ווייל אין זיי פאַרקערפּערט זיך אַלס אַ כלל דאָס בעסטע, וואָס די באַוועגונג פאַרמאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פונקט דער היפוך דערפון געשעט ביי די קאָמוניסטן. וואָס עלטער, וואָס מער פאַרדינסטפול אַ קאָמוניסטישער טוער איז, אַלץ מיט אַ גרעסערער פאַרציע בלאָטע ווערט ער באַוואָרפן און אַלץ שטרענגער ווערט ער באַשטראָפט. די די ריקזיכטסלאָזע פאַרניכטונג פון דער אַלטער גוואַרדיע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז אַן אויסדרוק פון אַבסאָלוטן מאַנגל פון „מענטשלעכקייט“ אין דער דאָזיקער באַוועגונג. ס׳איז אַ באַווייז, אַז דער „מענטש“ — עקזיסטירט נישט פאַר דעם הייַנטיקן אָפיציעלן קאָמוניזם.

און דאָס איז אַזאַ טיפער אונטערשייד צווישן סאָציאַליזם און קאָמוניזם, אַז ער דעקט מיט זיך אַלע טאַקטישע אָדער פּראָגראַמאַטישע שטרייטן. ווייל דאָ גייט וועגן דעם הויפּט־ציל פון דער באַוועגונג: פאַר אָדער קעגן די רעכט, פרייהייט פון יחיד.

***

מיט 25 יאָר צוריק האָב איך געזען אַ יונגן פּוילישן אַרבעטער, וואָס האָט געברענט מיט גלויבן אין דער מענטשהייט און סאָציאַליזם. ס׳איז געווען ק ר ו ל י ק אָ ו ו ס ק י.

איך האָב אים געטראָפן שפּעטער אין פאַרשידענע מאָמענטן פון זיין לעבן, שטענדיק אַלס אַן איבערגעגעבענעם קעמפער פאַר דער אַרבעטער־זאַך.

אַוודאי האָט קרוליקאָווסקי געטרוימט וועגן גאָר אַן אַנדער טויט, איידער דער, וואָס איז אים באַשערט געוואָרן. אָבער אַפילו אַזאַ טויט קאָן ברענגען נוצן דער זאַך, פאַר וועלכער ער האָט געלעבט: ער ווייזט־אויף די שרעקלעכע קאָנסעקווענצן פון דער פאַלשער איינשטעלונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס רופט זיך... קאָמוניזם.

קרוליקאָווסקיס טויט איז נאָך איין שטים אין דעם כאָר, וואָס שרייט צו אַלע אַרבעטער:

גייט נישט מיט די וועגן, וואָס פירן צו אַזעלכע טראַגישע רעזולטאַטן.

(„פאָלקס־צייטונג“, וואַרשע, 14טן יולי 1938)

דער קוואַל פון אונזער גלויבן

א גוטער קאַטויליקער מוז גלויבן, אַז דער פויבסט קען נישט האָבן קיין טעות. אַ גוטער קאָמוניסט מוז גלויבן, אַז סטאַלין באַגייט קיינמאָל קיין פעלערן נישט. אַ גוטער בונדיסט קאָן און דאַרף צו יעדער צייט פרעגן זיך, צי גייט זיין פאַרטיי (מיט אים צוזאַמען) מיט דעם ריכטיקן וועג.

יעדער בונדיסט האָט דאָס רעכט פון קריטיק פון דער פּאָליטיק פון זיין פאַרטיי. אָבער דער שטרענגסטער קריטיקער, דאָס איז די — ווירקלעכקייט גופא. און לאָמיר טאַקע אין ליכט פון דער דערפאַרונג קאָנטראָלירן די ריכ־טיקייט אָדער די פאַלשקייט פון די פּאָליטישע גרונט־געדאַנקען, וואָס האָבן באַשטימט די פּאָליטיק פון „בונד" פאַר די לעצטע 20 יאָר. די 20 יאָר, וואָס בילדן דעם צווייטן פעריאָד פון אונזער פאַרטיי־געשיכטע, פון דעם זיג פון דער רוסלענדער רעוואָלוציע ביזן היינטיקן טאָג.

א י י נ ה י י ט

בעת ביי דער אַנטשטייאונג פון קאָמינטערן איז אויסגעבראָכן די מגפה פון שפּאַלטונגען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך דער „בונד", נאָך קורצע וואַקלונגען, געשטעלט אַנטשלאָסן אויף דעם באָדן פון איינהייט. דאָס האָט זיך דאַן אויסגעדאַכט צו זיין אַ האָפנונגסלאָזע פּאָזיציע. סיי די רע־פאָרמיסטן, סיי די קאָמוניסטן האָבן דאַן געהאַלטן, אַז די שפּאַלטונג איז אומ־פאַרמיידלעך, און... פּראָגרעסיוו. דער „בונד" האָט געהערט צו יענער קליי־נער מינדערהייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט באַטראַכט די שפּאַל־טונג פאַר אַן אומגליק, פאַר אַ קוואַל פון שוואַכקייט און מפּלות.

און היינט? נאָך ביטערע דערפאַרונגען פון 20 יאָר איז די גאַנצע אַרבע־טער־באַוועגונג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די וויכטיקסטע גאַראַנטיע פאַרן דערפאָלג פון פּראָלעטאַרישן קאַמף איז — איינהייט. די פּרינציפּיעלע אָנהענגער פון שפּאַלטונג זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. און כאָטש די איינהייט איז נאָך נישט רעאַליזירט, אָבער דער בונדישער געדאַנק פון איינהייט האָט שוין געזיגט. אויף דעם געביט זיינען מיר געווען די פאָרקעמפער. דאָס לעבן האָט באַרעכטיקט אונזער שטאַנדפּונקט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּאַלטונג איז געווען און איז שעדלעך. אָבער איינהייט קען אויך זיין פאַרשידנאַרטיק. ס'איז פאַראַן די איינהייט לויט דעם סטאַלינישן מוסטער, וואו ס'הערשט אומטאָלעראַנץ און גוואַלט אין באַצוג צו יעדער אידעאישער מינדערהייט. דאָס איז אַן איינהייט, וואָס פירט אומפאַרמיידלעך צו נייע

שפּאַלטונגען. און ס׳איז פאַראַן אַן איינהייט לויט דעם בונדישן שטייגער, וואו פרייהייט פון געדאַנק פאַרט זיך מיט דיסציפּלין פון טאַט. דאָס איז די איינציקע לאַיאַלע, ברידערלעכע און דויערהאַפטע איינהייט.

דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור

מיר זיינען שטענדיק געווען אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע. אָבער מיר האָבן באַקעמפט יענע רעפאָרמאַטאָרישע אָנהענגער פון דעמאָקראַטיע, פאַר וועלכע פאַרלאַמענטאַריזם און אַלגעמיינע וואַל־רעכט זיינען הייליקייטן. מיר האָבן שטענדיק זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער פאָרמעלער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע די אמתע סאָציאַלע דעמאָקראַטיע מיט איר קלאַסן־כאַראַקטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאָס לעבן האָט באַרעכטיקט אונזער שטעלונג. ווי ביטער צאָלן איצטער די דייטשע אַרבעטער פאַר דעם רעפאָרמיסטישן פעטישיזם פון פאָרמעלער דעמאָקראַטיע, פאַר דעם, וואָס זיי האָבן נישט געוואָגט, האָבנדיק די מאַכט, אָנפילן די דעמאָקראַטיע מיט אַ לעבעדיקן קלאַסן־אינהאַלט. און ווי ביטער צאָלן די מאַסן פון ראַטן־פאַרבאַנד און די דאָרטיקע קאָמוניסטן גופא פאַר דעם כאַראַקטער פון דער ראַטן־רעגירונג, וואָס האָט געזינדיקט קעגן דער פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע. די מיט בלוט־באַגאָסענע אַליינהערשאַפט פון סטאַלינען איז דאָך אַ פּועל־יוצא פון דער פאַרלייקענונג פון דעמאָקראַטיע אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

מיר בלייבן דעריבער טריי אונזער שטעלונג, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ווייט נישט די גאַנצע אַרבעטער־באַוועגונג אָנערקענט זי.

קעגן דער פּערזענלעכער דיקטאַטור, אַריינרעכענענדיק די סטאַלינישע, — פאַר פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע.

קעגן פאָרמעלער דעמאָקראַטיע, וואָס מאַכט שלום מיט דער סאָציאַלער קלאַסן־אונטערדריקונג — פאַר פּראָלעטאַרישער דעמאָקראַטיע, וואָס בינדט צונויף די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע מיט אַ ראַדיקאַלן איבערבוי פון דער היינטיקער אָרדענונג.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

נאַציאָנאַלע קולטור און אינטערנאַציאָנאַליזם

יאָרנלאַנג האָט מען אונז קריטיקירט: איר זייט נאַציאָנאַליסטן, ווייל איר פלעגט די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון די אידישע מאַסן און שטערט דעריבער זייער אייניקונג מיט דער נישט־יידישער באַפעלקערונג.

האָבן מיר געענטפערט: נישטאָ קיין אַנדערער אופן פון אַ ווירדיקער אייניקונג פון די מאַסן פון פאַרשידענע פעלקער, ווי דורך אַן אויפבוי פון זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן. און דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז דער בונדישער

וועג צום אינטערנאַציאָנאַליזם איז דער איינציקער, וואָס קען אַריינציען נישט נאָר יחידים אָדער קליינע גרופּן, נאָר טאַקע ברייטע מאַסן. דער איינציקער, וואו אינטערנאַציאָנאַליזם פֿאַרט זיך מיט מענטשלעכער ווירדע.

מען האָט אונז פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז מיר ווילן אַריינקוועטשן די יידישע מאַסן אין זייער אָפּגעשטאַנענער און אָרעמער קולטור, פֿאַרמאַכנדיק פֿאַר זיי אַזוי אַרום דעם וועג צו דער מאָדערנער און רייכער קולטור פֿון די אָרומי־קע פֿעלקער. האָט דאָס לעבן באַוויזן, אַז די שעפֿערישע כוחות פֿון די יידישע מאַסן קענען אַמבעסטן קומען צום אויסדרוק דווקא דורך זייער אייגענעם קולטורעלן אויפֿשוואונג. איז טאַקע דעריבער דער „בונד" געוואָרן איינער פֿון די מיטבויער פֿון דער מאָדערנער, סאָציאַליסטישער יידישער קולטור.

און ס'איז דאָך נישט קיין צופֿאַל, וואָס אַלע ריכטונגען אין דעם יידישן פּראָלעטאַרישן לעבן האָבן אין דער פֿראַגע אָנגענומען די שטעלונג פֿון „בונד".

פֿון דער בירגערלעכער וועלט האָט מען אונז פֿאָרגעוואָרפֿן, אַז דער „בונד", באַקעמפֿנדיק די טראַדיציאָנעל־יידישע איינשטעלונגען, מנהגים און אידעאַלן, שטעלט אין געפֿאַר דעם נאַציאָנאַלן קיום פֿון יידישן פֿאָלק. אויב נאַציאָנאַלער קיום הייסט נאַציאָנאַליזם, זיינען מיר שטאָלץ מיט אונזער קאַמף קעגן אים. מיר האָבן טאַקע באַוויזן, אַז ס'איז מעגלעך אַריינגיסן אין דער נאַציאָנאַלער פֿאָרם פֿון דער יידישער קולטור דעם אויפֿריכטיקן אינטערנאַציאָנאַלן אינהאַלט, וואָס באַהעפֿט גייסטיק די יידישע מאַסן מיט דער קעמפֿנדער אינטערנאַציאָ־נאַלער פּראָלעטאַרישער אַרמיי.

דער „בונד" האָט געפּרעדיקט פֿאַר די יידישע מאַסן סיי דעם אינטער־נאַציאָנאַליזם, סיי דעם געפֿיל פֿון פּערזענלעכער און נאַציאָנאַלער ווירדע. מיר האָבן אָפּגעלייקנט די כלומרשטע מצווה פֿון ווערן ענלעך צו אַנדערע פֿעלקער, פּונקט ווי מיר האָבן אָפּגעלייקנט די כלומרשט סאָציאַליסטישע „טעאָריע", אַז אין דער סאָציאַליסטישער אָרדנונג דאַרפֿן אַלע מענטשן זיין גלייך איינער צום צווייטן.

אָבער נישט וועלנדיק קינסטלעך ענדערן אונזער הויט, האָבן מיר — די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג — גלייכצייטיק באַמיט זיך צו ווערן בעסער און שענער. צוזאַמען מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן מיר געשטרעבט אויפֿצוהייבן אין אונזער סביבה סיי דעם יחיד און סיי דעם כלל צו אַ העכערער מדרגה. סיי אין מאַטעריעלן זין, סיי אין גייסטיקן.

און די רעזולטאַטן פֿון די אָנשטרענגונגען באַווייזן, אַז דער וועג איז געווען אַ ריכטיקער און די אַרבעט נישט קיין אומזיסטע.

א ו י ס פ י ר ן

אַוודאי, האָבן מיר נישט אויסגעשעפּט אַלע גרונט־פּרינציפּן פֿון אונזער באַוועגונג. אָבער די אויבנגעבראַכטע ביישפּילן גענוגן, כדי צו איבערצייגן

יעדן אָביעקטיוון מענטשן, אַז אין אַלגעמיין און גאַנצן האָט דער „בונד״ פאַרשטאַנען ריכטיק אָנצוצייכענען די ליניע פון זיין פּאָליטיק. אונזער אידיי־אישע שטעלונג האָט מיט גרויס דערפאָלג אויסגעהאַלטן די פייער־פּראָבע פון די לעצטע 20 יאָר.

און מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס נישט געקוקט אויף די אומגעהויערע שוועריקייטן, נישט געקוקט אויף די אַטאַקעס פון אַלע זיינע קעגנער און שונאים, איז דער „בונד״ היינט אַזוי איינפלוסרייך און אַזוי אינערלעך גע־שלאָסן.

מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס ער האָט אַזאַ צוציאונגס־קראַפט פאַר דער יידישער אַרבעטער־יוגנט, וועלכע זוכט ווי יעדע יוגנט אַ קלאָרן און אויפריכטיקן ענטפער אויף די אַלע סאָציאַלע פראַגן, וואָס פייניקן זיי.

מיט דעם דערקלערט זיך, וואָס דער „בונד״ האָט געפייערט זיין 40־יעריקן יובל אין אַ שטימונג פון גלויבן אין זיך אַליין און אין זיין צוקונפט.

(„נייע פאָלקס־צייטונג״, וואַרשע, 26טער נאָוועמבער, 1937).

די בונדישע פסיכיק

עס איז אַ באַקאַנטער מאַרקסיסטישער כלל: דאָס „זיין" באַשטימט דעם באַוואוסטזיין.

איך קאָן זיך דערלויבן צו פאַרברייטערן די דאָזיקע פאָרמולע, אַריינ־נעמענדיק אין איר נישט בלויז דאָס באַוואוסטזיין, נאָר אויך די אונטער־באַוואוסטזיניקע און אומבאַוואוסטזיניקע עלעמענטן פון אונזער פסיכיק. ס׳באַ־קומט זיך אַ פיל פוליקער בילד: דאָס „זיין" באַשטימט די גאַנצע מענטש־לעכע פסיכיק.

דאָס „זיין" איז די גאַנצע אַרומיקע סביבה פון מענטשן. אין דער יידישער סביבה, ספּעציעל אויף דער אַרבעטער גאַס, איז אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון אָט דעם „זיין" דער „בונד". ער איז טאַקע — אַלס אַ פּאָליטישע פּאַר־טיי — אַ באַוואוסטזיניקע שאַפונג פון מענטשלעכן געדאַנק. אָבער ער איז געוואָרן אַ פאַקטאָר, וואָס איבט אויס אַ שטענדיקן איינפלוס אויף דער אויס־בילדונג פון דער פסיכיק פון אַ גרויסער צאָל יידישע אַרבעטער.

איך מיין דאָ טאַקע „פסיכיק" — אין ברייטסטן זין פון וואָרט. ס׳גייט מיר דאָ נישט בלויז וועגן דער בונדישער אידעאָלאָגיע, וועגן דעם אַלגעמיינעם אוצר פון סאָציאַליסטישע געדאַנקען און זייער בונדישע צופּאַסונג צו די קאָנ־קרעטע באַדינגונגען פון דער יידישער ווירקלעכקייט. ס׳גייט מיר אויך — און אפשר פריער פאַר אַלץ — אין דעם סכום פון אייגנאַרטיקע געפילן אין דעם כמעט אינסטינקטיוון צוגאַנג צום לעבן, וואָס צייכנט אויס די בונדיסטן אַלס גרופּע, אַלס קאָלעקטיוו.

— —

אַוודאי איז די דאָזיקע פסיכיק נישט קיין פאַרגליווערטע. זי האָלט כסדר אין איין ענדערן זיך, ווי אַלץ וואָס איז לעבעדיק. מיר אַלע אָן אויסנאַם באַמיען זיך, אַז זי זאָל זיך ענדערן צום בעסערן. אָבער אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן, ביי אַלע אירע באַדינגונגען, האָט זי פאַרט עפּעס שטענדיקעס אין זיך, אַ קאָנטינואיטעט, אַ דאַנק וועלכער זי פאַרבלייבט די זעלבע נישט געקוקט אויף אַלע ענדערונגען. ס׳איז אַזוי ווי אַ לעבעדיקער מענטש: אין פאַרלויף פון פערציק יאָר האָט זיך אַלץ אין אים געביטן, יעדעס קעמערל פון זיין לייב איז געוואָרן אַנדערש, און פאָרט — ס׳איז דער זעלבער מענטש.

ווען איך בין געקומען — מיט יאָרן צוריק — קיין ניו־יאָרק, האָב איך דאָרט געפונען פיל נייע, אינטערעסאַנטע, שיינע דערשיינונגען. באמת אַ נייע וועלט, וואָס קען איבעראַשן יעדן „גרינעם" אייראָפּייער. און אין מיטן פון דער ריזיקער ברויזיקער שטאָט ניו־יאָרק האָב איך מיט אַמאָל דערקענט עפּעס גוט באַקאַנטעס, עפּעס גאָר נאָענטעס: **די בונדישע פסיכיק אין איר ריינער געשטאַלט.**

איך האָב עס דערקענט — אין דעם בונדישן קלוב אין ניו־יאָרק. ס׳איז

געווען אַזוי ווי איך וואָלט מיטאַמאָל אַנטדעקט אין סאַמע האַרץ פון אַמעריקע אונזער אַ פוילישע בונדישע אָרגאַניזאַציע. ס'איז געווען גוט־באַקאַנטעס און גלייכצייטיק — עקזאָטיש. ווי אַ היימישע בלום וואָס מען דערזעט פלוצעם אין אַ פרעמד לאַנד.

אוודאי, די בונדישע פסיכיק איז נישט קיין אַמעריקאַנער געוויקס. און אפשר זיינען גערעכט די, וואָס האַלטן, אַז דער אַמעריקאַנער באָדן פּאַסט זיך לחלוטין נישט צו אַזעלכע געוויקסן. ס'וואָלט געווען טאַקע אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז די בונדישע פסיכיק זאָל ווערן דער טאָן־געבער אין דעם פסיכישן לעבן פון די יידישע מאַסן אין אַמעריקע.

וואָס איז אָבער יאָ מעגלעך, איז אפשר אַ באַשיידענע, אָבער נישט ווייניקער רומפולע אויפגאַבע: אַריינפלעכטן די בונדישע פסיכיק אַלס א י נ ע ם פון די פאַקטאָרן פון דעם „זיין" פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. און נישט דווקא בלויז אויף דער יידישער גאַס.

די בונדישע פסיכיק פאַרמאָגט אַ וויכטיקן שטריך: אַן אינסטינקטיוון געפיל וועגן דער ברכה פון איינהייט אין די אַרבעטער־רייען. די בונדיסטן קענען פירן צווישן זיך די שאַרפסטע וויכוחים, אָבער זיי אַלע פילן — טאַקע „פ י ל ן" מער איידער „ו ו י י ס ן" — אַז די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשיידנהייטן טאָרן נישט שטעלן אין געפאַר זייער איינקייט. און ווער ס'האָט אַנגעהויבן פרעדיקן פרינציפיעל די נויטווענדיקייט פון שפּאַלטונג אין אונזער באַוועגונג, דער האָט אויטאָמאַטיש שוין איבערגעריסן מיט דער בונדישער פסיכיק.

צי וואָלט נישט געווען כדאַי, אַז דער דאָזיקער שטריך זאָל איבערגעפלאַנצט ווערן אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג? זי האָט דורכגעלעבט יאָרן פון שפאַלטונג און... קיין געזונט איז איר דערפון נישט צוגעקומען. ס'ווערן אין איר איצטער שטאַרקער די טענדענצן צוריקצוברענגען די אָפּגע־שפאָלטענע גלידער, און דאָ קען געפלעגט ווערן די בונדישע פסיכיק.

מיר ווילן גאָרנישט זאָגן, אַז אַ בונדישע פסיכיק איז די בעסטע און די איינציקע, וואָס איז עקזיסטענץ־באַרעכטיקט. מיר מיינען אָבער, אַז דאָס גוטע, וואָס זי פאַרמאָגט, קען און דאַרף באַרייכערן די אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע לענדער, וואו ס'זיינען פאַראַן גרעסערע מאַסן פון יידישע אַרבעטער. ווייל דאָס איז דער פּאַי (טייל) וואָס די יידישע אַרבעטערשאַפט, דער „בונד" האָט אַריינגע־לייגט אין דעם גרויסן קאָאָפּעראַטיוו, וואָס רופט זיך אינטערנאַציאָנאַלע אַרבע־טער־באַוועגונג פון דער וועלט.

דער בונדישער קלוב אין ניו־יאָרק איז אין אַ געוויסער פאָרם אַ „סעיף", וואו אַ טייל פון דעם דאָזיקן קאַפּיטאַל איז איינגעלייגט. וואָס מער ווערטן ס'וועלן פון דעם דאָזיקן „סעיף" אַריבער אין דעם פיבערהאַפטן אומזאָץ פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, אַלץ בעסער סיי פאַרן בונדישן קלוב, סיי פאַר דער באַוועגונג.

(צום 15־יאָריקן יובילײ פון בונדישן קלוב
אין ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1938)

א ריז אויף ליימענע פיס

אין אַ מלחמה מוז מען פריער פאַר אַלץ זאָרגן וועגן דער אייגענער אַרמיי. דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָבער — נישט גענוג. ווייל גלייכצייטיק מוז מען אויך „זאָרגן" וועגן דער אַרמיי פון קעגנער.

„זאָרגן" אין דעם זין, אַז מען זאָל האָבן גענויע ידיעות וועגן איר גרויס און שלאָג־פעאיקייט, וועגן אירע פּלענער און מעגלעכקייטן. און ערשט ווען מען האָט אָט די אַלע ידיעות, קאָן מען אויסאַרבעטן אַ סטראַטעגישן פּלאַן.

די אַרמיי פון אונזערע קעגנער דאָס איז היינט פריער פאַר אַלץ די סאַנאַציע און די ענדעציע. דאַרף מען טאַקע זיי ביידע שענקען די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט.

די סאַנאַציע איז איצטער אויפן פערד. זי האַלט דעם רודער אין דער האַנט, זי האָט באַזעצט אַלע פּלאַצוואָוקעס מיט אייגענע מענטשן, זי האָט איר קאָנסטיטוציע און איר וואַל־אָרדינאַציע, זי האַלט פעסט אין האַנט די אַרמיי, די פּאָליציי, די געריכטן. דעם שול־וועזן און די גאַנצע אַדמיניסטראַציע.

אויסערלעך איז די סאַנאַציע זייער שטאַרק אָבער... ווער ס'קען גענוי די אינערלעכע פאַרהעלטענישן פון דער סאַנאַציע, דעם קומט באַלד אויפן זינען דער פאַרגלייך: דער ריז אויף ליימענע פיס.

די הויפּט־שוואַכקייט פון דער סאַנאַציע שטעקט אין דעם, וואָס זי האָט אייגנטלעך נישט קיין פּאָליטישן אינהאַלט: נישט קיין פּראָגראַם, נישט קיין ציל, וואָס עס בינדט צונויף אַלע סאַנאַציע־אָנהענגער, אין בלויז איינס: די דורשט נאָך מאַכט און נאָך די אַלע באַקוועמלעכקייטן, וואָס זיינען מיט דער מאַכט פאַרבונדן.

די דאָזיקע דורשט איז טאַקע אַ גוטער צעמענט. אָבער זי אַליין, קאָן אויף לאַנג נישט סטאַיען, כדי צו באַזייטיקן די אינערלעכע סתירות פון סאַנאַציע־לאַגער. צוליב דעם טאַקע איז געווען אַזוי גרויס די ראָל פון מאַרשאַל פּילסודסקי אין דער סאַנאַציע. ער איז געווען דער העכסטער אויטאָריטעט, די לעצטע אינסטאַנץ אין אַלע פראַגן. זיין ווילן איז געווען פאַר אַלע סאַנאַטאָרן אַ פאַרפליכטנדיקער געזעץ.

איצט, קנאַפּע צוויי חדשים נאָכן טויט פון מאַרשאַל פּילסודסקי, האַלט זיך נאָך די סאַנאַציע צוזאַמען מיטן כוח פון אינערציע, פון טראַדיציע. אָבער שוין היינט מערקן זיך סימנים פון אינערלעכער צופאַרנקייט. און וואָס ווייטער, וועלן די אינטערעסן פון די פאַרשידענע גרופּן אַלץ שאַרפער אַרויסטרעטן איינער קעגן די אַנדערע.

באַזונדערס שאַרף איז די אומצופרידנקייט צווישן דעם יינגערן עלעמענט. אַז דער „לעגיאָן מלאַדיך" האָט זיך פאַרזינדיקט און דאַרף פאַנאַנדערגעלאָזט

ווערן — ווייסט מען שוין פון לאַנג. אָבער אַט איז איצטער אַרויס מיט אַ געשריי אַ צווייטע סאַנאַטאָרישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, דער „פאַרבאַנד פון דער דעמאָקראַטישער אַקאַדעמישער יוגנט". אין איר אָרגאַן טרעט זי אַרויס קעגן דער גאַנצער באַציאונג פון דער סאַנאַציע צו דער יוגנט און וואַרפט איר פאָר, אַז זי דערציט בלויז קאַריעריסטן און עגאָאיסטן.

דאָס איז אָגב די אַלגעמיינע מיינונג. און נישט בלויז אין באַצוג צו דער יוגנט. אַט דער דאָזיקער אַלץ נידעריקערער ניוואָ פון די סאַנאַציע־לייט וועקט איצט גרויס באַאומרואיקונג אַפילו צווישן די פירער פון דער סאַנאַציע.

וואָס פאַר אַ פערספּעקטיוון האָט פאַר זיך דער לאַגער פון דער סאַנאַציע?

אויב ס'זאָל זיך גאָרנישט ענדערן וועט דער פּראָצעס פון אינערלעכער דעמאָראַליזאַציע און פאַנאַנדערפאַל גיין אַלץ ווייטער און ווייטער. אין אַ יאָר אַרום וועלן פון דעם היינטיקן ריז בלייבן בלויז קאָמפּראָמיטירטע רעשטלעך.

וועט זיך מסתמא די סאַנאַציע פּרואוון ראַטעווען. זי האָט דערצו צוויי וועגן.

דער ערשטער — דאָס איז שאַפן פאַר זיך אַן איינהייטלעכע וועלט־אַנשויאונג, אַן אייגענע אידעאָלאָגיע און אָפּשניידן פון זיך די אַלע, וואָס וועלן נישט מסכים זיין מיט דער נייער פּראָגראַם. מיט אַנדערע ווערטער — ווערן אַ נאָרמאַלע פּאַרטיי. מיט אַלע אַנדערע פּאַרטייען צוגלייך.

די שוועריקייט שטעקט אָבער אין דעם, וואָס קיין נייע פּראָגראַם וועט די סאַנאַציע נישט געפינען. לויט איר ביז איצטיקער אַנטוויקלונג דערנענטערט זי זיך אַלץ מער צו דער ענדעקישער אידעאָלאָגיע. דער אַנגעמערקטער וועג באַדייט אייגנטלעך, אַז די סאַנאַציע וועט זיך צוזאַמענגיסן אידעאיש מיט דער ענדעציע. דאָס וואָלט געווען דער נאַטירלעכער וועג פון קאָנסאָלידאַציע פון אַלע פאַשיסטישע כוחות אין לאַנד.

און דער צווייטער וועג — דאָס איז געפינען אַ יורש פון מאַרשאַל פּילסודסקי, געפינען אַ מענטשן, וואָס זאָל פאַרנעמען דעם ליידיקן אָרט פון אַ דיקטאַטאָר. יורידיש — דאַרף דאָס זיין דער פּרעזידענט פון דער פּוילישער רעפּובליק. אָבער... כדי צו זיין אַ דיקטאַטאָר, איז נישט גענוג צו פאַרנעמען אַן אַנטשפּרעכנדיקן פּאָסטן. מען דאַרף נאָך האָבן די געהעריקע קוואַליפיקאַציעס. און דווקא נאָר אייגנאַרטיקע קוואַליפיקאַציעס.

צי וועט די סאַנאַציע געפינען צווישן זיך אַזאַ מענטשן?

ווי מען גיט איבער, זיינען פאַראַן אַ סך בעלנים, וואָס האַלטן זיך פאַר באַרופן צו ווערן די „רעטער" פון פּוילן. מען שמועסט אַפילו, אַז ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ שטילער קאַמף צווישן די פאַרשידענע קאַנדידאַטן.

אָבער פון וועלן ביז קאָנען — איז נאָך אַ ווייטער מהלך.

דערווייל איז די סאַנאַציע — אַ ריז אויף ליימענע פיס. מען מוז מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכפאָלגן אין וועלכער ריכטונג ס'וועט גיין איר אַנטוויקלונג. און מען מוז זיך גרייטן צום מאָמענט, ווען די ליימענע פיס וועלן זיך איינברעכן.

(„פאָלקס־צייטונג", יולי 1935)

שפאַניע אין פייער

בעתן שפּאַנישן בירגער־קריג האָט דער יוניאָן־אינטערנאַציאָנאַל געשיקט אַהין אַ דעלעגאַציע פון פאַרשטייער פון אַלע לענדער, כדי אויפן אָרט זיך צו באַקענען מיט דער סיטואַציע. וויקטאָר אַלטער איז געווען איינער פון די צוויי דעלעגאַטן וואָס האָט רעפּרעזענטירט די צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפ. פאַראיינען אין פוילן. אין אַ ספּעציעלער בראָשור, וואָס איז דערשינען אין פויליש — „ש פּ אַ נ י ע א י ן פ י י ע ר" וואַרשע, 1937. גיט ער אַן אויספירלעך באַריכט פון דער רייזע איבער שפּאַניע. אין דער זעלבער בראָשור איז אויך פאַראַן אַ גרויסער אַרטיקל: „פאַר וואָס קעמפט דאָס שפּאַנישע פאָלק", געשריבן פון באַרימטן סאָצ. דעמ. י ו ל י ו ש ד י י ט ש, געוועזענער פירער פון עסטרייכישן „שוץ־בונד", וואָס איז אויך געווען איינער פון די מיליטערישע פירער אין דער שפּאַנישער רעוואָלוציע.

אַלטער שילדערט די מיטינגען, די קאָנפערענצן מיט די פאָרשטייער פון אַלע פאַרטייען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע, די באַזוכן ביי אירע דירעקטע אָנפירער, די ענטפערס, וואָס די פאָרשטייער פון אַלע ריכטונגען האָבן געגעבן אויף דער פראַגע: ווי אַזוי שטעלן זיי זיך פאָר די צוקונפט פון שפּאַניע נאָכן קריג פון דער רעוואָלוציע? ער אַנאַליזירט די כוחות־פאַרהעלטענישן, דעם כאַראַקטער, די שטימונגען און די ראָל פון יעטווידער הויפּט־פאַרטיי — סאָציאַליסטן, אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, קאָמוניסטן, בירגערלעכע דעמאָקראַטן. ער לאָזט נישט אַדורך צו כאַראַקטעריזירן אויך פאַרשידענע קלענערע גרופּירונגען, שטעלט זיך אָפּ באַזונדער אויף דער ראָל פון די צוויי צענטראַלע קערפּערשאַפטן פון דער יוניאָן־באַוועגונג — די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע און די סאָציאַליסטישע. אַלץ געשריבן אין זיין געוויינלעכן געפּרעסטן סטיל, קאָלירפול, זאַכלעך, קאָנדענסירט.

גייסטרייכע געדאַנקען און פאָרמולירונגען וועגן די פּראָבלעמען פון אייניקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן דער מלחמה, רעוואָלוציע און אירע פּערספּעקטיוון.

מיר ברענגען דאָ דעם לעצטן קאַפּיטל, וואו ס'זיינען פאָרמולירט זיינע אויספירן:

דער סך־הכל

איינער פון די מיטגלידער פון די בירגערלעכע לינקע אין קאַטאַלאָניע האָט אַזוי אָנגעהויבן זיין געשפּרעך מיט אונז:

— וואָס טוט אַן אָרעמאַן, ווען ער געווינט אַ מיליאָן? ער לויפט קויפן אַ קילאָ ברויט און אַ פונט וואורשט און עסט זיך אָן ביז זאַט; קיין גרעסערע אַספּיראַציעס האָט ער נישט. אונזער שפּאַנישן פּראָלעטאַריאַט קאָן מען פאַר־גלייכן מיט אַזאַ אָרעמאַן. ווען ער האָט אין יולי 1936 דעראָבערט די מאַכט, וואָס האָט ער דעמאָלט געטאָן? ער האָט זיך געהעכערט דעם לוין אויף 15 פּראָצענט... און דאָס איז געווען אַלץ.

דער דאָזיקער פאַרגלייך אַנטשפּרעכט אין אַ געוויסער מאָס דער ווירק־לעכקייט. די באַשיידנקייט פון שפּאַנישן אַרבעטער־קלאַס איז אַפילו נאָך גרע־סער, ווייל די העכערונג פון די פּרייזן האָט שוין לאַנג אַריבערגעשטיגן די לוין־העכערונג. די שפּאַנישע אַרבעטער זיינען נאָך ווייט פון צו זיין זאַט. און זיי לעבן אין אַ צושטאַנד פון אויסערגעוויינלעכער אָנגעשטרענגטקייט. אין אַ שרעקלעך אָנגעגליטער אַטמאָספער.

און נישט געקוקט דערויף ברענט אין זיי דער ווילן צום קאַמף און זיג. זיי שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר קיין קרבנות. מיט פאַרפרעסטע ציין זיינען זיי מקריב זיך אַליין און זייערע נאָענטסטע. אָבי מיר זיגן!

זיכער זיינען צווישן די מיינונגען, וואָס מיר האָבן געהערט אינם לאַגער פון שפּאַנישן פּראָלעטאַריאַט, געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אונז אויסגעקוקט צו זיין מער ריכטיק ווי אַנדערע. מיר וואָלטן שטאַרק געוואָלט, אַז גראָד אָט די מיינונגען און בליקן זאָלן באַקומען די אויבערהאַנט אין דער שפּאַנישער רע־וואָלוציע. אונז דוכט זיך, אַז דאָס וועט גיכער ברענגען דעם זיג.

אָבער אונזערע סימפּאַטיעס זיינען נישט געווען מאָנאָפּאָליזירט דורך דעם אַנדערן טייל פון דער באַוועגונג, זיי האָבן געהערט **צום גאַנצן שפּאַנישן אַרבעטער־קלאַס און צו דער שפּאַני־שער רעוואָלוציע ווי אַזעלכער.** עס וואָלט געווען אַן אַבסורד צו נעמען אויף זיך די ראָל פון אַ ריכטער, וואָס דאַרף אַנטשיידן, וועלכער צד איז גערעכט און וועלכער נישט, — וועמען לויבן און וועמען באַ־שטראָפן. מיר זיינען נישט קיין זייטיקע צושויער, וואָס קוקן זיך צו צו דער שפּאַנישער רעוואָלוציע ווי צו אַ פוט־באָל־מעטש. דאָס איז אונזער אייגענע זאַך, נישט בלויז מיט אירע מעלות, נאָר אויך מיט אירע חסרונות.

מיר קאָנען נישט פאַראיבל האָבן אויף דער שפּאַנישער רעוואָלוציע אַפילו ווען זי מאַכט פעלערן. פאַר יעטווידן אוויסגליטש זיינעם צאָלט דער שפּאַנישער פּראָלעטאַריאַט מיט שטראָמען אייגענעם בלוט. און מיט זיין בלוט צאָלט ער צוגלייך אויך פאַר **אונזערע פעלערן.**

יעטווידער שפּאַנישער אַרבעטער פאַרשטייט אויסגעצייכנט, אַז אין שפּאַניע ווערט געקעמפט **פאַר זייער אייגענער און אויך פאַר אונזער פרייהייט.** דעריבער האָבן זייערע פעלערן טראַגישע קאָנ־סעקווענצן פאַר אונז. און דעריבער האָבן אונזערע פעלערן טראַגישע קאָנ־סעקווענצן פאַר זיי.

אונזערע פעלערן — דערמיט ווילן מיר זאָגן: די פעלערן פון דער אינ־

טערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. און ווען מיר האָבן, פאַרלאָזנדיק שפּאַניע, זיך געשטעלט די פראַגע:

צי האָבן מיר דערפילט אונזער חוב לגבי אונזערע ברידער און חברים אין שפּאַניע?

האָבן מיר געמוזט מודה זיין:

ניין, — מיר האָבן געטאָן צו ווייניק. ווי קליין איז אונזער הילף אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם האָט געגעבן די גענעראַלן פון אויפשטאַנד?!

— —

אַ באַקאַנטער סאָציאַליסט פון אויסלאַנד, וואָס פאַרנעמט אין שפּאַניע אַ הויכע שטעלונג, האָט אונז געזאָגט:

— דאָס איז פשוט אַ נס. ניין, דאָס איז אַ גאַנצער באַרג מיט ניסים. פונם ריין מיליטערישן שטאַנדפּונקט, האָט די רעגירונג שוין לאַנג געדאַרפט אונטערגיין. יענע האָבן דאָך געהאַט כמעט אַ גאַנצע אַרמיי, און די רעגירונג — אַקוראַט ווי גאָרנישט. יענע האָבן שפּעטער באַקומען אַ סך געווער פון דייטשלאַנד און איטאַליע, און די רעגירונג — כמעט גאָרנישט. חוץ דעם האָבן יענע באַקומען אַכציק טויזנט פולקאָם באַוואָפנטע זעלנער פון דייטשלאַנד און איטאַליע. און מיר האָבן דאָך דאָס אַלץ אויסגעהאַלטן. און אין גיכן וועלן מיר אַריבער צום אַנגריף. דאָס זיינען אמתע ניסים.

אָט דעם דאָזיקן וואונדער קאָן מען לייכט אויפקלערן: דאָס שפּאַנישע פאָלק פאַרמאָגט אומגעהויערע שעפערישע קרעפטן, וואָס ברעכן־אויס סטיכיש און דערשטוינען די גאַנצע וועלט.

אַזוי איז געווען ביז יענע יולי־טעג, ווען דאָס פאָלק אַליין, נישט וואַרטנדיק אויף דירעקטיוון אָדער באַפעלן פון „אויבן", האָט זיך באַוואָפנט און האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד כמעט אין אַלע שטעט פון שפּאַניע.

אַזוי איז עס געווען, ווען דאָס פאָלק אַליין, נישט וואַרטנדיק אויף קיין שום דירעקטיוון און דעקרעטן, האָט אָפּגעשאַפט דעם פּריוואַטן גרויס־קאַפּיטאַל.

אַזוי איז עס געווען, ווען דאָס פאָלק האָט זעלבסטשטענדיק זיך גענומען צו אָרגאַניזירן דיווירטשאַפט, וואָס פריער איז זי געווען אָנגעפירט דורכן פּריוואַט־קאַפּיטאַל. אָט די גוואַלטיקע ענערגיע און שעפערישע קראַפט פון פאָלק — איז דער וואונדער פון דער שפּאַנישער רעוואָלוציע.

דריי מאָל האָבן מיר אין שפּאַניע געהערט איינע און די זעלביקע דערקלערונג ביי דריי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

דאָס ערשטע מאָל פונם פּרעזידענט פון דער קאַטאַלאַנער רעגירונג קאָמפּאַניס:

— מיר קעמפן מיט אויסערגעוויינטלעכע שוועריקייטן, אָבער איך זאָג אייך: ג ל ו י ב ט ד ע ם ש פּ אַ נ י ש ן פ אָ ל ק!

צום צווייטן מאָל האָבן מיר דאָס געהערט פון אַ מיטגליד פון אַן אַרבעטער־

קאָמיטעט אין אַ גרויסער טעקסטיל־פאַבריק. ער האָט אונז אויפגעקלערט די שוועריקייטן אין דער פאַבריק, פון וועלכע די גרעסטע איז — דער מאַנגל פון אויסלענדישע רוי־שטאָפן. און ער האָט פאַרענדיקט:

— יאָ, אַ סך דאַרף מען נאָך אויפטאָן, כדי די פאַבריק זאָל פונקציאָנירן ווי געהעריק, אָבער — ג ל ו י ב ט א ו נ ז.

דאָס דריטע מאָל האָבן מיר דאָס געהערט אין מאַדריד פון אַ געוויינלעכן זעלנער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע:

— מיר קאָנען שוין אָפּהאַלטן דעם אָנגריף פון שונא, מיר קענען נאָך אַליין נישט איבערגיין צום אָנגריף, אָבער מיר וועלן קומען דערצו. ג ל ו י ב ט א ו נ ז!

די שפּאַניער האָבן אונז איבערצייגט. מיר האָבן פאַרלאָזן שפּאַניע פול מיט אַנטציקונג און גלויבן. נישט דערפאַר, ווייל אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָרטן געזען איז געווען אויסגעצייכנט און באַפרידיקנדיק. נאָר ווייל די פּאָזיטיווע מאָמענטן שטייגן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַריבער די נעגאַטיווע. די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיינען גינסטיקע און די סוביעקטיווע שטימונגען פון די מאַסן זיינען גוטע. און ווען דער צוג האָט אונז געפירט דורך די פירענעיען פון דעם לאַנד, וואָס איז אויפגעשטורעמט פון רעוואָלוציע און מלחמה צוריק אין דער רואיקער און זוניקער פראַנקרייך, האָבן מיר אונטערגעפירט דעם סך־הכל פון אונזערע שטימונגען.

דער ענדגילטיקער אויספיר איז:

ג ל ו י ב ט ד ע ם ש פּ אַ נ י ש ן אַ ר ב ע ט ע ר ־ ק ל אַ ס א ו ן א י י ל ט ז י ך צ ו ב ר ע נ ג ע ן א י ם אַ ל ז י י ט י ק ע ה י ל ף!

באַרסעלאָנע איז געפאַלן

עס איז אַ שווערער קלאַפּ פאַר שפּאַניע, פאַרן אַרבעטער־קלאַס פון דער וועלט, פאַרן סאָציאַליזם.

און אַ שרעקלעכער ווייטיק פאַר יעדן פון אונז.

***

נאָך מיט אַ וואָך צוריק האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דער קאַטאַלאָנער פראָנט סטאַביליזירט זיך. אַרויסגעוויזן האָט זיך אַנדערש. באַרסעלאָנע איז נישט געוואָרן קיין צווייטער מאַדריד.

פאַרוואָס?

ס'האָט נישט געפעלט קיין העלדישקייט און קיין ווילן צום קאַמף. ס'האָט אָבער אויסגעפעלט אַמוניציע און ברויט. נישט די שרעק פאַרן טויט, נאָר פּשוטער הונגער און מאַנגל פון קריגס־מאַטעריאַלן האָבן געצוואונגען די רע־

גירונגס־אַרמיי צו פאַרלאָזן באַרסעלאָנע. די „נישט־אינטערווענץ" האָט גורם געווען די מפּלה פון קאַטאַלאָניע.

⁂

ווער האָט געליטן די מפּלה?

די שפּאַנישע רעפּובליק? — אַוודאי. אָבער גלייכצייטיק די פרייהייטס־באַוועגונג אין דער גאַנצער וועלט. און גלייכצייטיק דער וועלט־שלום. און גלייכצייטיק אַלע לענדער, וואָס ווילן זיך נישט אונטערגעבן דעם דיקטאַט פון פאַשיסטישע הערשער.

און ווער האָט אָפּגעהאַלטן דעם נצחון?

די שפּאַנישע נאַציאָנאַליסטן? זיי שפּילן אַ צווייטראַנגיקע ראָל. דער אמתער באַפעלער האָט גענומען דאָס וואָרט און דערקלערט דער וועלט:

„דאָס דעראָבערן פון באַרסעלאָנע עפנט אַ ניי קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון נייעם אייראָפּע, וועלכע מיר שרייבן..."

„די רויטע האָבן געוואָרפן דעם לאָזונג: „זיי וועלן נישט אַדורכגיין"! מיר זיינען אָבער דורכגעגאַנגען און איך פאַרזיכער אייך, אַז מיר וועלן גיין ווייטער"...

אַזוי האָט גערעדט מוסאָליני אין רוים אינם טאָג, ווען באַרסעלאָנע איז געפאַלן. און דער פאַשיסטישער המון האָט אונטערגעכאַפּט די אָפּענע דראָאונג און אַנטהילט איר אינהאַלט מיט געשרייען: „קאָרסיקע"! „טוניס"!

אַזוי האָט דער איטאַליענישער דיקטאַטאָר באַשטעטיקט, אַז באַרסעלאָנע איז נישט דער סוף פון אַ היסטאָרישער דראַמע, נאָר דער אָנהייב פון אַ נייער אָדער בעסער געזאָגט — ס'איז אַ רינג אין אַ קייט, וואָס דערשטיקט שוין היינט אייראָפּע און באַדראָאַט די גאַנצע וועלט.

יאָ, ס'איז אמת. באַרסעלאָנע איז נישט דער סוף. די מלחמה דויערט ווייטער. זי דויערט אין שפּאַניע און זי דויערט אויף דער גאַנצער וועלט.

ווי פאַרברעכעריש איז די קורצזיכטיקייט פון יענע פּאָליטיקער, וואָס האָבן געגלויבט, אַז אין שפּאַניע קומט פאָר אַ געוויינלעכער בירגער־קריג. און ווי נויטיק ס'איז נאָך היינט די געמיינזאַמע אָנשטרענגונג פון אַלע כוחות פון דער וועלט, וואָס זיינען פעאיק צו באַקעמפן דעם פאַשיזם צוזאַמען מיט זיין שורש, מיטן קאַפּיטאַליזם.

ס'זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס מיינען: ס'איז שוין צו שפּעט!

נאַראָנים! ס'איז קיין מאָל נישט צו שפּעט, אַזוי לאַנג ווי דער קאַמף דויערט. און ער וועט דויערן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ס'לעבן מענטשן, וואָס ווילן דעם קאַמף פירן.

באַרסעלאָנע איז בלויז איין פּאָזיציע, אונזער אַרמיי איז געווען געצוואונגען זיך פון איר צוריקציען. וועלן מיר פאַרזעצן אונזער קאַמף אויף נייע פּאָזיציעס.

ווייל די מלחמה דויערט, און זי וועט נישט אָפּגעשטעלט ווערן, ביז וואַנען דער שונא פון די פאָלקס־מאַסן פון אַלע פעלקער וועט נישט אָפּגעשטעלט ווערן, ביז וואַנען דער שונא פון די פאָלקס־מאַסן פון אַלע פעלקער וועט נישט געשלאָגן ווערן.

באַרסעלאָנע איז געפאַלן. וועט מען מוזן, פריער אָדער שפּעטער צוריק דעראָבערן באַרסעלאָנע און נישט בלויז באַרסעלאָנע...

(„פאָלקס־צייטונג״, יאַנואַר, 1939)

צו דער יידן־פראַגע אין פוילן

אין 1937 איז דערשינען אַ בוך פון וויקטאָר אַלטער א. ג. „צו דער יידן־פראַגע אין פוילן". מיר געפינען דאָרטן אַ רייע זיינע אַרבעטן אויף אַט די טעמעס:

„די יידן־פראַגע און דער סאָציאַליזם"

וואָס אַנטהאַלט די קאַפּיטלעך: א) אַנטיסעמיטישע אַרגומענטן, ב) לייזט עמיגראַציע דאָס פּראָבלעם? ג) די בירגערלעכע גרופּירונגען און די יידן, ד) דער סאָציאַליזם און די יידן־פּראַגע, ה) אין אַ סאָציאַליסטיש **פוילן**.

דאָס איז אַ גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן די פאַרשידענע פאָרמען פון אַנטיסעמיטיזם — ריין עמאָציאָנעלער, אַ. ג. „קולטורעלער", עקאָנאָמישער, פּאָליטישער א. אַז. וו.; עס ווערט אַנאַליזירט די עמיגראַציאָניסטישע לייזונג פון דער יידן־פראַגע (אין צוזאַמענהאַנג מיט דער „באַרימטער" פראַזע פון יצחק גרינבוים וועגן „איבעריקן" מיליאָן יידן אין פוילן), — די באַציאונג פון די פאַרשידענע (פוילישע און יידישע) בירגערלעכע גרופּירונגען צום פּראָבלעם, און לסוף ווערט באַגרינדעט די ס אָ צ י אַ ל י ס ט י ש ע לייזונג פון דער יידן־פראַגע:

„זי (די סאָציאַליסטישע לייזונג) — פירט־אויס דער מחבר — שטיצט זיך קודם־כל אויף דער באַגרינדעטער איבערצייגונג, אַז די באַפרייאונג פון די יידישע מאַסן פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג איז נישט דענקבאַר אָן אַ גלייכצייטיקער באַפרייאונג פון די פוילישע מאַסן פון סאָציאַלער אונטערדריקונג. די גורל־געמיינזאַמקייט האָט צונויפגעשמידט די יידישע מאַסן מיט די פוילישע, אומאָפּהענגיק פון דער צייטווייליקער פּסיכאָלאָגישער איינשטעלונג פון די דאָזיקע מאַסן. פאַרשטיין די דאָזיקע גורל־געמיינשאַפט — דאָס איז דער ווינקלשטיין פון דער סאָציאַליסטישער לייזונג פון דער יידן־פראַגע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„מיר לייקענען לחלוטין נישט, אַז אַנטיסעמיטישע שטימונגען דערגרייכן אויך צו די פוילישע אַרבעטנדיקע מאַסן, און אַמאָל רייסן זיי זיך אויך אַריין אין די רייען פון די קלאַסן־אָרגאַניזירטע פוילישע אַרבעטער (דאָס באַווייזט, ווי ווייט ס'גרייכן די ווירקונגען פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע). און דאָך איז די קלאַסן־באַוועגונג היינט צו טאָג דער א י י נ צ י ק ע ר כ ו ח אין פוילן,

וואָס שטעלט זיך קלאָר און דעצידירט אַנטקעגן דער אַנטיסעמיטישער אַגי־טאַציע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„— — — באַקעמפנדיק דעם אַנטיסעמיטיזם, קעמפן די פוילישע סאָציאַ־ליסטן גלייכצייטיק פאַר זייער אייגענער פרייהייט, פאַר זייער אייגענעם נצחון. זיי פאַרשטייען אויסגעצייכנט, אַז דער אַלגעמיינער זיג פון אַנטיסעמיטיזם וואָלט באַטייט נישט נאָר פאַרשטאַרקטע רדיפות אויף יידן, נאָר אויך, און אפשר קודם־כל, ד י פ אַ ר נ י כ ט ו נ ג פ ו ן ד ע ר פ ו י ל י ש ע ר ק ל אַ ס ן ־ ב אַ ו ו ע ג ו נ ג. אַזוי איז געשען אין דייטשלאַנד, אַזוי וועט אויך זיין אין פוילן. די גורל־געמיינשאַפט פון די יידישע און פוילישע מאַסן איז אַ רעאַלע זאַך אויך פאַר די פוילישע סאָציאַליסטן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„פון דאַנען — אונזער איבערצייגונג, אַז דער זיג פון סאָציאַליזם באַטייט ג ל י י כ צ י י ט י ק די אַנטשיידענע מפלה פון אַנטיסעמיטיזם. דאָס יידן־פּראָבלעם, ווי אַ רעאַלע פּאָליטישע פּראָבלעם, וועט עקזיסטירן אויך דעמאָלט, אָבער גאָר אין אַן אַנדער פלאַך, ס'וועט דאַן זיך האַנדלען וועגן צופּאַסן די יידישע באַפעלקערונג צו די נייע באַדינגונגען פון ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן לעבן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„— אָוודאי — וועט דאָס ביי סאָציאַליסטישע רעגירונגען נישט זיין קיין ספּעציפיש יידישע פּראָבלעם; די פראַגע פון „איבערשיכטן" וועט שטיין זייער שאַרף אויך פאַר די מיליאָניקע מאַסן פויערים, וועלכע זיינען היינט איבעריק אויפן דאָרף, אָבער דאָס דאָזיקע פּראָבלעם וועט מוזן אין דער גאַנצער בּרייט שטיין אויך פאַר דער יידישער באַפעלקערונג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„די ענלעכקייט פון די אויפגאַבעס וועט דאָ גיין צוזאַמען מיט דער ענלעכ־קייט פון זייער ליזונג. אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע וועט זיך אַן עצה געבן מיטן קאַפּיטאַליזם און מיט דער מאַכט פון די באַזיצנדיקע קלאַסן, וועלן אויך די אַלע פּראָבלעמען שטיין נישט אין דער פלאַך פון נאַציאָנאַלע קאַמפן, נאָר פון געמיינזאַמע אָנשטרענגונגען פון די אַרבעטנדיקע מאַסן פון אַלע פעלקער פאַר זייער געמיינזאַמען גליק.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„— — — נו, און די נאַציאָנאַלע מערהייט? וועט די פוילישע מערהייט מסכים זיין אויף אַ שטענדיקע עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערע יידישע נאַציע?

„די פראַגע קאָן פאַרענטפערט ווערן נאָר אויף אַזאַ אופן: דאָס איז אָפּ־הענגיק דערפון, ווער עס וועט זיגן אין דער פוילישער באַפעלקערונג — דער סאָציאַליזם, אָדער דער נאַציאָנאַליזם; די ברידערלעכקייט צווישן די פעלקער, אָדער די שנאה צו „אַנדערע", און מיר ריידן דאָך וועגן אַ סאָציאַליסטיש פוילן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„און ווער עס גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז די פוילישע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג איז אָרגאַניש אומפעאיק צו אַ ברידערלעכער באַציאונג צו דער יידישער, — יענער אַנערקענט די פּרינציפּיעלע טעזע פון נאַציאָנאַליזם אין פוילן (פון אַלע גלויבנס), אָבער גלייכצייטיק פאַרלייקנט ער די גרונט־טעזע פון סאָציאַליזם."

***

אַ צווייטע נאָך גרעסערע אַרבעט פון דער זעלביקער זאַמלונג איז:

דער ווירטשאַפטלעכער אַנטיסעמיטיזם אין ליכט פון ציפערן

דאָס איז אַ בראָשור, וואָס איז פריער דערשינען אין פויליש און רעדט אַרום אַלזייטיק דאָס פּראָבלעם: זי אַנטהאַלט פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך: א) ווירטשאַפטלעכע באַגרינדונג פון אַנטיסעמיטיזם, ב) יידן אין האַנדל, ג) די טענדענצן פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג ביי יידן, ד) צי קען מען שאַפן אַרבעט פאַר נישט־יידן, „אַרויסשטופנדיק" די יידן, ה) דערפאָלגן פון ווירטשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם, ו) די פּרוכטלאָזיקייט פון ווירטשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם.

אין דעם אַריינפיר שטעלט זיך דער מחבר אָפּ אויפן גרויסן דערפאָלג פון אַנטיסעמיטיזם אין דער פוילישער געזעלשאַפט; ס'האָבן פאַר אים געבויגן דעם קאָפּ אַלע מאָסן־ריכטונגען פון פוילישן געדאַנק (מיטן אויסנאָם פון דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־באַוועגונג).

„די יידן־פראַגע — שרייבט ער — איז רייף געוואָרן צום לייזן מיט דער הילף פון... עוואַקואַציע פון פוילן — אַזוי באַהויפּטעט דער גאַנצער פוילישער בורזשואַזער לאַגער, סיי דער שוואַרצמאַהדיקער, סיי דער „קולטורעלער". אינם דאָזיקן אַנטיסעמיטישן כאָר האָט, ליידער, נישט פאַרפעלט אויך די שטים פון דער פויערים־פּאַרטיי, וועלכע בינדט צונויף אויף אַ משונהדיקן אופן די טרייהייט צו די דעמאָקראַטישע פּרינציפּן לגבי דעם פוילישן פאָלק מיט אַ קאָנסעקווענטער שנאה לגבי די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די „קולטורעלע" אַנטיסעמיטן (אָנהענגער פון דער סאַנאַציע אָדער פויערים־פּאַרטיי) באַמיען זיך אַפילו „וויסנשאַפטלעך" צו באַגרינדן זייער אַנטיסעמיטיזם — זיי אונטערשטיצן און באַרעכטיקן אים מיט „ווירטשאַפטלעכע" אַרגומענטן: דער „ווירטשאַפטלעכער וואוילשטאַנד" פאַרלאַנגט צו באַזייטיקן יידן פון פוילן.

— — — די דאָזיקע אָנהענגער פון אַנטיסעמיטיזם „צוליב ווירטשאַפטלעכע טעמים" געפינען פאַרבינדטע צווישן דער יידישער בורזשואַזיע, באַזונ־

דערס, צווישן איר ציוניסטישן טייל. די אַנטיסעמיטן באַהאַלטן גאָר נישט, אַז זיי האָבן זייערע אַרגומענטן געשעפּט ביי די ציוניסטן פון אַלע שאַטירונגען. דער פּועלי־ציוניסט בן־גוריון, דער דעמאָקראַטישער ציוניסט גרינבוים און דער רעוויזיאָניסט זשאַבאָטינסקי האָבן אויף קאָנפערענצן פון דער פּוילישער פּרעסע באַוויזן באותות ומופתים, אַז יידן מוזן פון פוילן עמיגרירן צוליב אומפאַר־מיידלעכע ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן".

ווי אַזוי זעט־אויס די „ווירטשאַפטלעכע" באַגרינדונג פון אַנטיסעמיטיזם?

די „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ", דער סאַמע ערנסטער אָרגאַן, אָפּיציאָז פון דער רעגירונג שרייבט אין אַן אַרטיקל „די יידישע עמיגראַציע":

„די נויטווענדיקייט פון עמיגראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג דרינגט קודם כל אַרויס פון דער איבערבאַפעלקערונג פון דאָרף און פון דער ספּעציפישער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון די יידן... אַן איבערפלוס פון מענטשן אין דאָרף, וואָס ווערט באַ־רעכנט אויף עטלעכע מיליאָן איבעריקע אַרבעטסלאָזע; ס'וואַקסט דער אַנגריף פונם יונגן פּוילישן עלעמענט אויף די שטעט, וואו ער זוכט באַשעפטיקונג און עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן אין האַנדל... יעדער נייער סטו[illegible]גאַן, יעדע נייע אונטערנעמונג, נייער קאָאָפּעראַטיוו באַשווערט אָדער מאַכט אוממעגלעך די עקזיסטענץ פון הונדערטער יידישע פאַמיליעס.

די „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ" פאַררופט זיך דערביי אויף די ציוניסטן: „דער שטאַנדפּונקט פון דער רעגירונג — שרייבט זי — האָט געפונען אַ הסכם אינם לעצטן באַשלוס פונם עקזעקוטיוו פון יידישן וועלט־קאָנגרעס (ציוניסטישע עקספּאָזיטור — וו. אַ.) אין פּאַריז, דער באַשלוס זאָגט: „צוליבן ווירטשאַפט־לעכן קריזיס אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, ווי אויך צוליב דער סאָ־ציאַלער סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אַנטשטאַנען אַן אָביעק־טיווע נויטווענדיקייט פון עמיגראַציע פאַר אַ טייל פון דער יידישער באַפעל־קערונג..."

אַ פּולקאָם ענלעכן שטאַנדפּונקט פאַרנעמט דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּויערים־פּאַרטיי „זשעלאָני שטאַנדאַר" (אָקטאָבער 1936): „די יידן־פּראַגע קאָן געלייזט ווערן נאָר דורך אַנטוויקלען קאָאָפּעראַטיוון, ווי אויך דורך אונטער־שטיצן די עמיגראַציע פון יידן פון פוילן, סיי קיין פּאַ־לעסטינע, סיי אין די אַנדערע געביטן. מיטן אַריבערגיין פון האַנדל אין די פּוילישע הענט, פאַרלירן די יידן און זיי וועלן ווייטער פאַרלירן זייער עקזיסטענץ־באַדן. מ'דאַרף געפינען פאַר זיי געביטן פאַר קאָלאָניזאַציע."

דער מאַנגל פון ענטוזיאַזם ביי יידן — שרייבט ח' אַלטער — פאַר דער אידייע פון אַרויסטרייבן זיי רעגט־אויף דעם „דעמאָקראַטישן" אָרגאַן פון די פּויערים: די יידן וויזן נישט אַרויס קיין שום חשק צו פאַרלאָזן פוילן, און — די צייטונג דראָט זיי, אַז דאָס וועט נאָך מער פאַרשטאַרקן דעם אַנטיסעמיטיזם.

ח' אַלטער אַנאַליזירט ווייטער, אויפן סמך פון אָפיציעלע סטאַטיסטישע קוואַלן, די ראָל פון יידן אין האַנדל, זייער פאַרהעלטעניש דאָ צו דער אַלגעמיי־

נער באַפעלקערונג פון לאַנד, — די טענדענצן פון דער ווירטשאַפטלעכער אַנט־וויקלונג ביי יידן, באַנוצנדיק פאַרגלייך־טאַבעלעס פון די פאָלקס־ציילונגען אין די יאָרן 1921 און 1931 און קומט צו פאָלגנדיקע — ווי ער דריקט זיך אויס — זייער אינטערעסאַנטע און אפשר גאָר איבערראַשנדיקע אויספירן:

1) יידן זיינען, למשל, דער פ ר אָ ד ו ק ט י ו ו ס ט ע ר טייל פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג, ווייל אויף יעדע 100 יידן האָבן געלעבט אין 1931 פון אינדוסטרי גאַנצע 46, בעת די נישט־יידן — בלויז 41,1.

2) פאַר די 10 יאָר (1921־1931) איז פאַרגעקומען אַ באַדייטנדיקע ווירט־שאַפטלעכע איבערשיכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע; עס איז געפאַלן דער פּראָצענט יידן, וואָס לעבן פון האַנדל (פון 41,6 אויף 34,2) און ס׳איז נאָך מער ג ע ש ט י ג ן דער פּראָצענט יידן, וואָס לעבן פון אינדוסטרי (פון 39,2 אויף 46,0), אַריינרעכענענדיק נאַטירלעך אַהער דעם האַנטווערק.

3) די פאַרהעלטעניש צווישן יידן און נישט־יידן האָט זיך געביטן: אין 1921 איז ביי יידן דער האַנדל־עלעמענט געווען דריי מאָל גרעסער, איידער ביי נישט־יידן; אין 1931 איז ער שוין בלויז 2 און אַ האַלב מאָל גרעסער, ד. ה. מיט 10 מאָל קלענער, ווי ס׳דרינגט פון די ציפערן פאַר דער גאַנצער באַפעלקע־רונג אין לאַנד.

4) דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל פון האַנדל־עלעמענט אין וואַרשע האָט זיך געביטן: אין 1921 האָבן יידן אויסגעמאַכט 60 פּראָצענט פון גאַנצן האַנדל־עלעמענט אין וואַרשע, 1931 — בלויז 51 פּראָצענט.

5) יידן באַטייליקן זיך מער, ווי די נישט־יידן, סיי אין דער אינדוסטריע סיי אין האַנדל. מיט וואָס־זשע איז באַשעפטיקט דער איבערגעבליבענער טייל פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג?

דעם ענטפער זעט מען אַרויס פון דער סטאַטיסטישער טאַבעלע, וואָס איז געבויט אויף די אָפיציעלע באַריכטן פון די צוויי פאָלקס־ציילונגען — 1921 און 1931: 19 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג און 46 פּראָצענט פון דער נישט־יידישער האָבן אין 1931 געלעבט פון אַנדערע באַשעפטיקונגען; ביי די יידן זיינען דאָס געווען בעיקר פריַיע פּראָפעסיעס און הויז־דינערשאַפט, ביי נישט־יידן — מלוכה־ און קאָמונאַל־באַאַמטע; איבער אַ פערטל פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג לעבט פון דער עפנטלעכער קאַסע, צו וועלכער יידן האָבן קיין שום צוטריט נישט.

— —

די פאַרלוירענע (ביי יידן) אַרבעט־פּאָזיציעס אין האַנדל ווערן קאָמפּענ־סירט נאָך מיט אַן עודף אין די דעראַבערטע נייע אַרבעט־וואַרשטאַטן אין דער אינדוסטריע.

די דאָזיקע טענדענץ וואַרפט אַנטשיידן אָפּ אַלע „סטראַגאַן״־טעאָריעס פון גרינבוימען און זשאַבאָטינסקין, פון „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ״ און „זשעלאָני שטאַנדאַר״ — — — די פאַקטן באַווייזן, אַז ס׳זיינען נישט פאַראַן קיין אָביעק־טיווע ווירטשאַפטלעכע פּראָצעסן, וואָס זאָלן אונטערגראָבן דעם עקאָנאָמישן

קיום פון דער יידישער באַפעלקערונג פון פוילן. דאָס שטאַרקט דעם באַוואוסטזיין פון דער יידישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג אַז זי איז פונקט אַזאַ נוצלעכער טייל פון דער געזעלשאַפט, ווי די נ י ש ט - י י ד י ש ע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג פון לאַנד. די „סטראַגאַן־טעאָריע פון י. גרינבוים, אַז יידן זיינען איבעריק אין פוילן, איז אַ שעדלעכער אומזין, וואָס מוז אַמשאַרפסטן געשטעמפלט ווערן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס באַטייט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז די לאַגע פון די יידישע מאַסן איז גאָר נישט קיין שלעכטע. דאָס זאָגט נאָר, אַז זייער לאַגע איז פונקט אַזוי שלעכט ווי די לאַגע פון די נישט־יידישע מאַסן. אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער־לוינען, אומזיכערקייט מיטן מאָרגנדיקן טאָג — דאָס זיינען ג ע מ י י נ ז אַ מ ע צרות פון אַ ל ע אַרבעטנדיקע אין פוילן. אָבער זיי נעמען זיך נישט פון נ אַ צ י אָ־נ אַ ל ע מאָמענטן, און אַפילו נישט פון אומפאַרמיידלעכע ע ק אָ נ אָ מ י ש ע געזעצן, נאָר א ו י ס ש ל י ס ל ע ך פון דער ס אָ צ י אַ ל - פּ אָ ל י ט י־ש ע ר סטרוקטור פון הייניטיקן פוילן.

יאָ, פּאָליטיק ווירקט אויף ווירטשאַפט און די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק ווירקט אויך גאָר ספּעציעל אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די יידישע מאַסן. זייער נאָרמאַלע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג קאָן געשטערט און אַפילו צעשטערט ווערן דורך אַ ציל־באַוואוסטער פּאָליטיק פון אַנטיסעמיטיזם. אַלע ווייסן וואָס פאַר אַ שווועריקייטן ס׳ווערן געשטעלט דער יידישער אינטעליגענץ ביי פרייע פּראָפעסיעס; אַלע קענען דעם שווערן קאַמף, וואָס אונזער באַוועגונג פירט פאַר ר ע כ ט א ו י ף אַ ר ב ע ט פאַר די יידישע מאַסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צי קאָן מען שאַפן אַרבעט פאַר נישט־יידן, אַרויסשטויסנדיק די יידן?

אין פוילן איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל אַרבעטסלאָזע, „איבעריקע" פּאָליאַקן. זאָל מען אַרויסטרייבן די יידן פון פוילן וועלן זייערע אַרבעט־פּלעצער קאָנען באַזעצט ווערן פון פּאָליאַקן. אַזוי ווי אין פוילן זיינען פאַראַן צופיל מענטשן און עמיצער מוז עמיגרירן, טאָ זאָלן גלייכער אָפּציען יידן איידער פּאָליאַקן.

אָט די דאָזיקע אַנטיסעמיטישע חכמה חזרן איבער אַלע ציוניסטן מיט גרינבוימען בראש.

מיר וואַרפן אָפּ פּרינציפּיעל און מיט דער גרעסטער אַנטשיידנקייט דעם דאָזיקן „אַרגומענט", וואָס גייט אַרויס פון דער הנחה, אַז יידן זיינען נישט קיין גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון פוילן, זיי זיינען פרעמדע, צוגעפּאַרענע, וועלכע מען קאָן טאָלערירן, כל־זמן עס איז אין פוילן „רחבותדיק", וועלכע מוזן זיך אָפּטראָגן, ווען עס ווערט „ענג".

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבן דעריבער נישט בדעה אויפצונעמען אויף דעם באָדן מיט וועמען נישט איז אַ דיסקוסיע. אָבער אַזוי ווי די אַנטיסעמיטישע כוונה ווערט דאָ אָנגעטאָן אין אַ לבוש פון אַן „ערנסטן" ווירטשאַפטלעכן אַרגומענט, ווילן מיר באַווייזן, אַז אַפילו פון ווירטשאַפטלעכן שטאַנדפונקט איז דער אַרגומענט נישט נאָר נישט ערנסט, נאָר אַז ער איז איבערהויפּט קיין אַרגומענט נישט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ח׳ אַלטער באַגרינדעט זיינע אויספירן מיט די ציפערן פון די דערמאָנטע אָפיציעלע פאָלקס־ציילונגען (1921 און 1931), ער בויט־אויף דערביי אינטערע־סאַנטע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, וואָס באַשטעטיקן זיין טעזע: דאָס אַרויס־שטופן די יידן וועט נ י ש ט שאַפן אַרבעט פאַר נישט־יידן.

די יידן, אויב מ׳זאָל אַפילו דערלאָזן, אַז זיי בילדן אַ באַזונדערן ווירט־שאַפטלעכן אָרגאַניזם, זיינען אָבער דאָך פ אַ ק ט י ש ווירטשאַפטלעך גע־בונדן מיט דער אַרומיקער וועלט. אַזאַ אָרגאַניזם ווערט איינגעטיילט אין דריי גרופּעס: 1) ווירטשאַפטלעך פ אַ ס י װ ו ע באַפעלקערונג (קאָנסומענטן אָבער נישט פּראָדוצענטן — קינדער, אַלטע, קראַנקע, פרויען, וואָס ווערן אויסגע־האַלטן פון זייערע מענער א. אַז. וו.); 2) אַ ק ט י װ ו ע, וואָס זיינען אויס־שליסלעך פאַרנומען מיטן באַדינען די א י נ ע ר ל ע ך־אַ ק ט י װ ו ע גרופּע. 3) א ו י ס ע ר ל ע ך־אַ ק ט י װ ו ע — דאָס זיינען יענע, וואָס פּראָדוצירן פאַר דער אויסערלעכער וועלט, ווי אַן עקוויוואַלענט פאַר דעם, וואָס דער אָר־גאַניזם באַקומט פון דרויסן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די מאַטעריאַלן, וואָס מיר פאַרמאָגן, באַרעכטיקן אונז אָנצונעמען, אַז די צאָל פּאַסיווע באַטרעפט ביי יידן ביז 60 פּראָצענט, ד. ה., אַן ערך 2 מיליאָן מענטשן; די איבעריקע יידן (איין מיליאָן 300 טויזנט) קאָנען איינגעטיילט ווערן אין דורכשניט אַזוי: 800 טויזנט אינערלעך אַקטיווע, 500 טויזנט — אויסערלעך אַקטיווע; אין פּראָצענטן וועט דאָס אויסמאַכן — אויף יעטווידע 100 יידן פון פוילן וועלן זיין 60 פּאַסיווע, 24 אינערלעך־אַקטיווע און 16 אויסער־לעך אַקטיווע.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

לאָמיר זיך פאָרשטעלן — פירט־אויס ח׳ אַלטער — אַז אַלע יידן האָבן טאַקע פאַרלאָזט פוילן. קלאָר, אַז דאָס אָפּפאָרן פון די פּ אַ ס י װ ו ע וואָלט נישט געקאָנט שאַפן קיין אַרבעט־מעגלעכקייט פאַר קיינעם. אויך די גרופּע א י נ ע ר ל ע ך אַ ק ט י װ ו ע וואָלט פון קיינעם נישט פאַרביטן געוואָרן, ווייל זי האָט דאָך באַדינט אַ באַפעלקערונג, וואָס איז אָפּגעפאָרן. בלייבט, הייסט עס, די דריטע גרופּע, די א ו י ס ע ר ל ע ך־אַ ק ט י װ ו ע יידן, וואָס וואָלט טעאָרעטיש געקאָנט פאַרביטן ווערן דורך אַרבעטלאָזע פּאָליאַקן. די מאַקסימאַלע צאָל אַזעלכע פרייע אַרבעט־פּלעצער וואָלט געווען, ווי מיר האָבן אויבן געזען (ח׳ אַלטער האָט דאָס באַגרינדעט מיט אַ רייע מאַטעמאַטישע פאָר־

מולעס — ר ע ד.) — אַן ערך אַ האַלבער מיליאַן. פון דעם ציפער מוז מען אַראָפּנעמען די 150 טויזנט פאַרשידענע באַאַמטע, וואָס באַדינען די יידישע באַפעלקערונג און וואָלטן געבליבן אָן אַרבעט נאָכדעם ווי די יידן וואָלטן אַוועק. דער צוואוואַקס פון אַרבעט־פלעצער וואָלט אַזוי אַרום באַטראָפן ס״ה 350 טויזנט, ד. ה. אַן ערך 10 פּראָצענט פון דער פאַרטריבענער יידישער באַפעלקערונג.

מיט אַנדערע ווערטער — מען דאַרף פאַרטרייבן פון פוילן צען יידן, כדי ס׳זאָל זיך שאַפן אַן אַרבעט־מעגלעכקייט פאַר איין נישט־יידן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ח׳ אַלטער שטעלט זיך ווייטער אָפּ גענויער אויף דער ראָל פון יידן ווי קאָנסומענטן, ווי אַן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר די „ערישע" פּראָדוקטן; ווידער אַמאָל מיט ציפערן און סטאַטיסטישע פאָרמולעס קומט ער צום אויספיר:

צוליב דעם פאַרלוסט פון אָפּזאַץ־מאַרק, וועלכן די יידן שטעלן מיט זיך פאָר, וואָלטן פאַרלירן באַשעפטיקונג 500 טויזנט נישט־יידישע איינוואוינער פון פוילן און אויף אַזוי פיל וואָלט זיך פאַרגרעסערט די צאָל „איבעריקע" מענטשן אין דאָרף.

באַקומט זיך, אַז דאָס אַוועקפאָרן פון אַלע יידן פון פוילן וואָלט געהאַט, ווי אַ רעזולטאַט, נישט קיין פאַרגרעסערונג פון באַשעפטיקונגען פאַר דער פוילישער באַפעלקערונג, נאָר פאַרקערט — אַ פאַרקלענערונג. אַן ערך ביי יעדע צוואַנציק אָפּגעפאָרענע יידן פאַרלירט איין נישט־יידישער איינוואוינער זיין באַשעפטיקונג.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין די ווייטערדיקע צוויי קאַפּיטלעך — די דערפאַלגן פון ווירטשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם, די פּרוכטלאָזיקייט פון ווירטשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם, — אַנאַליזירט דער מחבר דאָס פּראָבלעם פון באַציאונג צווישן שטאָט און דאָרף אויפן באַדן פון די יידיש־פּוילישע ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, די „עקאָנאָמישע אַמעראַצעס" (ווי ער דריקט זיך אויס) פון דער שאַרלאַטאַנישער „סטראַגאַן־טעאָריע" (מיטן אַריבערגיין פונם האַנדל אין פוילישע הענט פאַרלירן די יידן זייער עקזיסטענץ־מעגלעכקייט), דעם שאַרפסטן נאַציאָנאַליזם פון פאַרבלענדעטן פון קאָנקורענץ־קאַמף קליינבירגער — אַ ייד צי אַ פּאָליאַק, — די פּאָליטיק פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געוואָרן דער אַני מאמין פון קאַפּיטאַליזם אין פוילן:

פאַר דער „סטראַגאַן־טעאָריע" — פירט ער אויס — בוקן זיך סיי דער פּוילישער נאַציאָנאַליסט מיטן אַנטיסעמיטישן צייכן, סיי דער יידישער נאַציאָנאַליסט מיטן צייכן פון ציוניזם. נאַציאָנאַלע קריגערייען און האַס איז פאַר ביידן דער פונדאַמענט פון זייער וועלט־אַנשויאונג.

גאָר אַנדערש גייען־צו צום דאָזיקן פּראָבלעם די אָנהענגער פון סאָציאַ־

ליזם, וועלכע באַזירט די צוקונפט פון דער מענטשהייט אויף אָפּשאַפן די עקס־פּלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, אויף ברידערלעכקייט און סאָלידאַריש־קייט פון אַלע פעלקער און אַלע אַרבעט־מענטשן. דערפאַר זיינען די סאָציאַליסטן פאַרבליבן היינט די איינציקע יורשים פונם אַלטן, שיינעם לאָזונג: „פּ אַ ר אונזער און אייער פרייהייט!“

***

די בראָשור פון ח׳ אַלטער און דער אופן ווי אַזוי ער האָט דאָס פּראָבלעם אוועקגעשטעלט, האָט געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין די יידישע און פוילישע אינטעלעקטועלע קרייזן. אינטערעסאַנט איז געווען דער ענטפער פונם פאָרזי־צער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פוילן אַדוואָקאַט האַרטגלאַס, וועל־כער האָט מודה געווען, אַז „די ציפערן פון דער בראָשור זיינען זייער טרעפלעך און איבערצייגנדיק און בכלל איז די גאַנצע בראָשור גוט אויפגעשריבן.“

אין אַ רייע אַרטיקלען אין דער „פאָלקס־צייטונג“ — „אַפּרעכענונג מיט דער ציוניסטישער טעאָריע“, „ציוניזם און אַנטיסעמיטיזם“, ענטפערט ח׳ אַלטער גאַנץ גענוי און זאַכלעך אויף אַלע ציוניסטישע און פּועלי־ציוניסטישע טענות, דערביי האָט ער גאַנץ גרינטלעך אַדורכגעלופטערט די גאַנצע ציוניסטישע באַגרינדונג פון זייער עמיגראַציע־טעאָריע.

***

אין דער זעלביקער זאַמלונג איז פאַראַן אַ באַזונדערע אָפּטיילונג א. ב. „פּראָבלעמען פון יידישן מאַסן־לעבן“, וואו אין אַ ריי אַרטיקלען באַמיט ער זיך צו אַנאַליזירן דאָס פּראָבלעם: ווי אַזוי דאַרף אויסזען דער באַוואוסטזיניקער זעלבסטשוץ פון די יידישע מאַסן אין זייער קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ און ספּעציעל — וואָס פאַר אַ ווירטשאַפטלעכן פּראָגראַם דאַרפן זיי אַרויסשטעלן, כדי זיך צו ווערן קעגן דער אַנטיסעמיטישער אויסהונגערונגס־פּאָליטיק.

ווייטער אויפן קולטור־פראָנט: ווי אַזוי דאַרף זיך אויסדריקן די זעלבסטעטיקייט פון די יידישע מאַסן אין אונזער קולטור־לעבן; ס׳האַנדלט זיך וועגן זייער קולטור־רענעסאַנס, ווי אַ רעזולטאַט פון אַ גרויסן און באַוואוסט־זיניקן פּראָצעס פון אַרויסבאַקומען און פאַראַלגעמיינערן דאָס בעסטע, וואָס די יידישע מאַסן פאַרמאָגן אין זיך, — דער קאַמף פאַר אַ נייעם קולטור־שטייגער, פאַר וועלן זיין בעסער, שענער. אויך דאָס האָט — פירט־אויס ח׳ אַלטער — אַ גרויסע שייכות צו דער פראַגע פון באַוואוסטזיניקן זעלבסטשוץ קעגן דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק.

די יידישע מאַסן — שרייבט ער — מוזן דורכהאַלטן די שווערע צייט, הן ווירטשאַפטלעך, הן פּאָליטיש, און כדי דורכהאַלטן דאַרף מען האָבן אַ פּאַסיקע

„מאָראַל״, און אַט די „מאָראַל״ איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דער קולטור און פון די דערגרייכונגען, וואָס מען קאָן אויף דעם געביט אָנווייזן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

עס מוז פלאַנמעסיק און באַוואוסטזיניק געקעמפט ווערן פאַר אַ נייעם מאָדערנעם טיפּ פון מענטשן און פאַר אַן אַלזייטיקער מאָדערנער קולטור.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער סך־הכל:

1) אַ ראַדיקאַלע לייזונג פון ווירטשאַפטלעכע שוועריקייטן פון די יידישע מאַסן קאָן געפונען ווערן נאָר צוגלייך מיט דער לייזונג פון די זעלביקע פּראָבלעמען פאַר אַלע אַרבעטנדיקע פון פוילן.

2) דער ווירטשאַפטלעכער אַנטיסעמיטיזם אַנטשפּרעכט נישט די עקאָנאָמישע נויטן פון דער פּוילישער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג — ער איז בלויז אַ פּ אָ ל י ט י ש ע נויטווענדיקייט פאַר די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן אין פוילן.

3) די אַנטיסעמיטישע איינשטעלונג פון די היינטיקע מאַכט־אָרגאַנען איז אַ געגעבענער פאַקט, זי שפּיגלט זיך אָפּ אויך אין דעם ווירטשאַפטלעכן לעבן, און שטרעבט צו שאַפן באַדינגונגען, וואָס זאָלן צוגעבן די יידישע מאַסן „חשק״ צו עמיגרירן פון פוילן.

4) אויף דעם ווירטשאַפטלעכן געביט קומט פאַר אַ סטיכישער זעלבסטשוץ פון די יידישע מאַסן, וועלכער דריקט זיך אויס הויפּטזעכלעך אין דער אַלץ גרעסערער קאָנצענטראַציע פון דער יידישער באַפעלקערונג און אין איבערגאַנג פון האַנדל צו אינדוסטרי.

— — — — — — — — — — — — — — — —

נאַציאָנאַליזם פון איין פאָלק שפּייזט זיך מיטן נאַציאָנאַליזם פון אַ צווייטן.

אויף דער פּוילישער גאַס רופט דער אַנטיסעמיטיזם אַרויס אַ שנאה פון פּאָליאַקן צו יידן. אויף דער יידישער — אַ שנאה פון יידן צו פּאָליאַקן. אַזוי פאַרסמט דער שמוציקער קוואַל די נשמות פון ביידע פעלקער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אַוודאי איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן מאָראַלישן צושטאַנד פון די יידישע מאַסן און פון די פּוילישע. אַם בולטסטן קומט ער צום אויסדרוק אין די פּאָגראָמען, וואָס רופן זיך אַזוי שמערצלעך אָפּ אויפן גייסטיקן לעבן פון לאַנד. די מאַטעריעלע פאַרלוסטן צוליב די פּאָגראָמען אין פּשיטיק, מינסקמאַזאָוויעצק, בריסק און טשענסטאָכאָוו שפּילן כמעט קיין שום ראָל נישט אין פאַרגלייך מיט די גייסטיקע יסורים, וואָס זיי ברענגען פאַר די יידישע מאַסן.

אָבער גייסטיקע יסורים — דאָס געהערט צום פּאָליטישן לעבן פון לאַנד. און נישט צום ווירטשאַפטלעכן. מיט פּאָגראָמען וועט מען נישט פאַרניכטן דעם ווירטשאַפטלעכן באַדן פון די יידישע מאַסן אין פוילן.

דאָס ווייסן אַפילו די פּאָגראָם־העצער אַליין. פאַר זיי זיינען די פּאָגראָמען,

פונקט ווי דער גאַנצער אַנטיסעמיטיזם, בלויז אַ מיטל פאַר אַ ריין־פּאָליטישן ציל — פאַר קומען צו דער מאַכט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

און ווייל די יידישע מאַסן פילן צום שטאַרקסטן דעם אַנטיסעמיטישן ברוך, וועלן זיי זיך געפינען אין די פאָדערשטע רייען פון די קעמפנדיקע פאַר אַ ניי, פאַר אַ סאָציאַליסטישן פוילן.

אַמאָל איז דאָס שוין אַזוי געווען. דאָס צאַרישע רוסלאַנד האָט געגלויבט, אַז ס׳וועט געלינגען דורך אַנטיסעמיטיזם און פּאָגראָמען אָפּצוראַטעווען די פאַרשימלטע זעלבסטהערשאַפט פון אונטערגאַנג. דער סוף איז באַקאַנט, און די יידישע מאַסן האָבן פאַרנומען אַ בכבודיקן אָרט צווישן די כוחות, וואָס האָבן אָראָפּגעשוועגקט דעם בלוטיקן צאַריזם.

די יידישע מאַסן וועלן איבערטראָגן די ערגסטע צייטן מיט דער זיכער־קייט פון ענדגילטיקן זיג און מיטן שטאָלצן באַוואוסטזיין, אַז זיי העלפן דעם אויפבוי פון אַ נייער גליקלעכער מענטשהייט.

ווען די סאָציאַליסטן וועלן קומען צו דער מאַכט

(ערשטער עטאַפּ פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע)

אין יאָר 1934 איז דערשינען אין פּויליש אַ בראָשור (63 זייטן) פון וויקטאָר אַלטער א. ג. : „ווען די סאָציאַליסטן וועלן קומען צו דער מאַכט".

אויף דער זעלביקער טעמע אַן ערך א. ג. „ווי אַזוי פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם" — האָט ער שפּעטער (1936) אָנגעשריבן און אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אין פראַנצויזיש.

אין דער הקדמה צו דער ערשטער בראָשור ווייזט ער אָן אויף דער נויטווענדיקייט פאַר די סאָציאַליסטן שוין איצט אויסצואַרבעטן און פאָרמולירן אַ פּראָגראַם — סיי אַ פּאָליטישן און סיי אַ ווירטשאַפטלעכן.

אין דער הקדמה ווייזט ער אָן אויף דער נויטווענדיקייט פאַר די סאָציאַליסטן שוין איצט אויסצואַרבעטן און פאָרמולירן אַ פּראָגראַם — סיי אַ פּאָליטישן און סיי אַ ווירטשאַפטלעכן.

די בראָשור איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן : 1) פּאָליטישן, 2) ווירטשאַפטלעכן.

דער פּאָליטישער טייל אַנטהאַלט פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך : 1) וואָס איז אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג ? 2) דער איבערגאַנג־פּעריאָד צום סאָציאַליזם, 3) פּראָגראַם פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, 4) פּראָבלעם פון פרייהייט, 5) די קאָנסטיטוציע פון איבערגאַנג־פּעריאָד, 6) דעמאָקראַטיע אָדער דיקטאַטור ? 7) ווע־מענס דיקטאַטור ? 8) דער אינהאַלט פון פּאָליטישער דיקטאַטור, 9) דיקטאַטור פון קלאַס אָדער דיקטאַטור פון אַ יחיד ? 10) צי איז מעגלעך אַ דעמאָקראַטישע דיקטאַטור ? 11) די קאָמוניסטן וועגן דער קאָנסטיטוציע פון איבערגאַנג־פּע־ריאָד, 12) די סאָציאַליסטן וועגן דער קאָנסטיטוציע פון איבערגאַנג־פּעריאָד.

דער ווירטשאַפטלעכער טייל באַשטייט פון פאָלגנדיקע קאַפּיטלעך : 1) די ווירטשאַפטלעכע צילן פון איבערגאַנג־פּעריאָד, 2) ליקווידאַציע פון גרויס־קאַ־פּיטאַל און די פּראָבלעמען פון קליינבירגערטום, 3) דאָס באַגרענעצן דעם אייגנטום און הכנסה פון יחיד, 4) וועגן פּלאַן־ווירטשאַפט, 5) דאָס הויבן דעם וואוילשטאַנד פון פאָלק, 6) אינטערנאַציאָנאַלע ווירטשאַפטלעכע פּאָליטיק.

צום סוף איז צוגעגעבן אַ „סקיץ פון אַ סאָציאַליסטישן ווירטשאַפט־פּראָגראַם", איינגעטיילט אין פאָלגנדיקע פּונקטן : 1) הכנסות און אייגנטום פון יחיד, 2) אָנפירונג פון די אונטערנעמונגען, 3) אָרגאַניזאַציע פון גאַנצן ווירטשאַפטלעכן לעבן, 4) סאָציאַלע ווירטשאַפט, 5) אָרגאַניזאַציע פון די באַזונדערע צווייגן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן, 6) פּלאַן־ווירטשאַפט, 7) פינאַנץ־ און קרעדיט־פּאָליטיק, 8) ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען מיט אויסלאַנד, 9) אַגראַר־פּראָגראַם, 10) אַדמיניסטראַטיוו־פּאָליטישער בודזשעט און שטייערן.

דער מענטש אין דער געזעלשאַפט

אין יאָר 1938 איז דערשינען אין פּויליש אַ בוך פון וויקטאָר אַלטער א. נ.: „דער מענטש אין דער געזעלשאַפט", איינגעטיילט אין דריי אָפּטיילונגען: 1) מענטש, 2) געזעלשאַפט, 3) רעפלעקסן וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. דאָס בוך האַלט העכער 200 זייטן. ער האָט אויך צוגעגרייט אַן אויסגאַבע פונם זעלבן בוך אין פראַנצויזיש; לעאָן בלום האָט אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטע הקדמה צום בוך. צוליבן אויסברוך פון דער מלחמה האָט די פראַנצויזישע אויסגאַבע שוין נישט געקאָנט דערשיינען.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע פראַגמענטן פון יענע קאַפּיטלעך פונם בוך, וואָס פאַרמאָגן אַ מער אַקטועלן אינטערעס *).

אין די וועגן פון דאָן־קיכאָט

אין די ערשטע יאָרן פון הייגטיקן יאָרהונדערט האָט מען אויף אַ פאַרזאַמלונג פון יונגע סאָציאַליסטן אין לאָנדאָן, געפרעגט בערנאַרד שאָוען: וואָס דאַרפן מיר, יונגע סאָציאַליסטן, טאָן, כדי נישט צו פאַרטאַכלעווען אונזער לעבן? ווי אַזוי זאָלן מיר לעבן?

דערויף האָט שאָו געענטפערט — קוקט זיך צו צום לעבן אַרום אייך, געפינט יענעם כוח, צו וועלכן עס געהערט די צוקונפט, און מיטן דאָזיקן כוח פאַראייניקט אייך.

מיט אַנדערע ווערטער, אין לעבן, פּונקט ווי אין אַ וועט־געיעג, דאַרף מען שטעלן אויף אַ גוט פערדל. ווי פאַרפירעריש עס איז אַזאַ איינשטעלונג, זאָגט עדות שוין דער משל מיט שאָוען גופא. אַליין אַן אַמאָליקער ראַדיקאַלער סאָציאַליסט, דערנאָך אַ געמעסיקטער פאַביאַנער, האָט ער שפּעטער אָנגעשריבן אַ לויב־געזאַנג פאַר מוסאָלינין. ווידער נאָך אַ באַזוך אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט ער אָנגענומען די תורה פון קאָמוניזם פאַר... רוסלאַנד, און לסוף האָט ער גאָר פאַרטיידיקט דאָס פאַרכאַפּן אַביסיניע אין נאָמען פון... ציוויליזאַציע. אין יעדער פון זיינע מעטאַמאָרפאָזעס איז שאָו, בלי ספק, געווען אויפריכטיק און נישט אייגננוציק אין געווינלעכן זין פון וואָרט. נאָר אויב אַזוי, איז עס נאָך מער אַ פאַרלייקענונג פון זיין טעזע.

און דאָך איז די דאָזיקע טעזע אָנגענומען כמעט ביי אַלעמען. כמעט אַלע מענטשן קלייבן אויס דעם דאָזיקן אמת, וועלכער דאַרף זיי, כלומרשט, געבן אַ מעגלעכקייט „נישט צו פאַרטאַכלעווען זייער לעבן". דאָס איז פאַר זיי אַן

---

*) די איבערזעצונג איז געמאַכט פון ח'טע רחל („שאָשקע") ערליך — רעד.

אמת, וואָס פירט תיכף אָדער אין דער צוקונפט צו דערפאָלג, צו דער רעאַליזירונג פון זייער באַגריף וועגן אַ „גוט לעבן".

פאַר אַ סך איז דאָס קודם־כל עולם הזה; פאַר אַנדערע פלעכט זיך דער געיעג נאָך מאַטעריעלע רייכטימער צונויף מיט אַ ווילן צו דערגרייכן אויך געוויסע מאָראַלישע ווערטן. אָבער כמעט פאַר אַלע איז „דערפאָלג" דער אימפּולס און באַרעכטיקונג פאַר זייערע אָנשטרענגונגען.

און דאָך זיינען פאַראַן אויסנאַמען. דאָ און דאָרט בלאָנדזשען אַרום מענטשן, וואָס זייער ליידנשאַפט איז נישט „דערפאָלג", אַפילו אין בעסטן זין פון וואָרט, נאָר — אומאויפהערלעך און אומדערמידלעך זוכן דעם אמת, יענעם אמת, וואָס איז נישט בנמצא.

דאָס דאָזיקע האָפענונגסלאָזע זוכעניש איז אָבער שען דערפאַר ווייל זי לערנט קוקן וואָס אַמאָל העכער.

ה. ג. אועלס באַשרייבט אין איינער פון זיינע דערציילונגען אַ ווילדן מענטשן פון דער אָנהויב־צייט פון מענטשלעכער ציוויליזאַציע. צוליב דעם, וואָס ער האָט געוואוינט צופוסנס פון הויכע בערג, איז אים איינגעפאַלן — צו כאַפּן די זון, וואָס פאַלט יעדן אָוונט אַראָפּ הינטערן באַרג. ער האָט זיך פאַרשאַפט אַ לאַנגן שטעקן, האָט צו אים צוגעפעסטיקט אַ נעץ מיט אַ רייף און האָט זיך געלאָזט אין די בערג. ער האָט געהאָפט, אַז ווי נאָר ער וועט דערגייין צום שפּיץ, צום סאַמע „סוף", וועט ער אויסציען דעם שטעקן, און די זון וועט זיכער אַראָפּפאַלן אין דער נעץ אַריין.

דער דאָזיקער ווילדער מענטש איז, מסתמא, געווען איינער פון דאָן קיכאָטס אָבות. און די שפּעטערדיקע דורות האָבן ביזן היינטיקן טאָג איינגע־האַלטן די אייגנשאַפטן פון זייערע אָבות. קליין איז די צאָל פון יענע, וואָס מען זאָל קענען אָנבעמען פאַר „זון־פאַנגערס" און „אמת־זוכערס". אָבער אין אַ סך, אין זייער אַ סך מענטשן זיינען פאַראַן קערנדלעך פון יענער בענק־שאַפט נאָכן אַבסאָלוטן, וואָס זיין צווייטער נאָמען איז „אייביקער אמת".

— —

איררעאַציאָנאַלע געפילן שפּילן אויך היינט אַ גרויסע ראָל אינם מענטשלעכן לעבן. און איינער פון די עקרים פון מענטשנס איררעאַציאָנעלן געפיל איז דער פ ר י י ה י י ט ס ־ א י נ ס ט י נ ק ט.

פ ר י י ה י י ט אַן אויסגעדראָשן וואָרט, אַ מיסגעברויכט, אומקלאָר וואָרט, און דאָך וועקט עס ביי אַלעמען געוויסע — טיילמאַל פונקט קאַפּויער־דיקע — רעפלעקסן. אַ וואָרט, וואָס וועבט־דורך מיט אַ רויטן פאָדעם די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע, בייטנדיק כסדר זיין געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט, אָבער איינהאַלטנדיק אַ געוויסע קאָנטינואיטעט, אַ געוויסע אינערלעכע קרובה־שאַפט אין זיינע פאַרשידענע פאָרמען און דערשיינונגען.

איז נישט דאָס ציען זיך פונם קעלער־געוויקס צו דער זון, אויך אַ דער־שיינונג פון שטרעבן צו דער פרייהייט? מען קען, אפשר, זאָגן, אַז דער קאַמף פאַר פרייהייט דאָס איז אַ קאַמף פאַר בעסערע עקזיסטענץ־באַדינגונגען. אָבער

דאָס לייזט נישט די פראַגע, נאָר רוקט זי אָפּ. ווייל וואָס זיינען דען בעסערע באַדינגונגען פון עקזיסטענץ? דאָס מעשהלע, ווי דער וואָלף האָט מיט עקל זיך אָפּגעקערט פון אַ זאַט היניטיש לעבן, צוליב די צייכנס פון אַ צוימל אויפן הונטס האַלדז, האָט צו פאַרדאַנקען איר דערפאָלג, נאָר דעם פאַקט, וואָס אין יעדן מענטשן זיצן גלייכצייטיק אי דער הונט, אי דער וואָלף, און צום מערסטן מענטשלעך איז נישט דער טריאומף פון דעם אָדער אַנדערן קאָמפּלעקס, נאָר די כסדרדיקע, אומאויפהערלעכע ראַנגלעניש צווישן דער בענקשאַפט נאָך פאַרערונג און דעם בונט קעגן אויטאָריטעט.

סקעפּטיקער — און ס׳זיינען דאָ אַזעלכע — באַהויפּטן, אַז דער קאַמף איז פון פאַראויס אַ האָפענונגסלאָזער. אַז מענטשן ווילן זיך קיינמאָל נישט קע־נען באַגיין אָן געטשקעס, וואָס זיי באַשאַפן לויט זייער אייגן געשטאַלט און ענלעכקייט, — אַז יעדער זיגערישער קאַמף קעגן איין אויטאָריטעט, ענדיקט זיך מיטן אויפשטעלן אַ נייעם. אַז די אמתע אַבסאָלוטע פרייהייט איז אַ טרוים, נישט צו פאַרווירקלעכן, און, דעריבער, איז יעדער קאַמף פאַר פרייהייט אַ קאָ־לירפולער ... זייפנבלאָז.

געגומען ווי אַן אַבסאָלוט איז בלי־ספק דער באַגריף פרייהייט, ווי אויך אַלע אַנדערע באַגריפן — אַ האָפענונגסלאָזע פיקציע. און דאָך איז דער קאַמף פאַר דעם דאָזיקן אַבסאָלוט יענע רעאַלע ווירקלעכקייט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט די שענסטע צירונג אין דעם אוצר פון דער מענטשלעכער געשיכטע. פונקט ווי אין דער מאַטעמאַטיק איז דער באַגריף פון אומענד־לעכקייט אַ פיקציע, אָדער אין בעסטן פאַל אַ פאַרמעלע באַצייכענונג; אָבער אָט די פיקציע פון דער אומענדלעכקייט איז אַ פרוכטבאַרער מיטל צו דעראָבערן נייעם וויסן וועגן די באַציאונגען צווישן די פאַרענדיקטע צאָלן.

אמת איז, אַז אין דער מענטשלעכער געשיכטע איז דאָס אומוואַרפן פון אַן אויטאָריטעט באַגלייט געוואָרן מיטן אויפשטעלן פון אַן אַנדערן. און עס קען גראָד זיין, אַז אין איינציקע פאַלן איז דער דאָזיקער נייער געוועזן ווייניקער ווערט פון דעם פריערדיקן, אָבער אין אַלגעמיין — אויב אַלע אונזערע באַ־גריפן וועגן גוטס און שלעכטס האָבן עפּעס אַ זין — דאַרף מען פעסטשטעלן, אַז נעמענדיק נישט איינציקע מאָמענטן, נאָר גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכעס, האָט די ענדערונג פון אויטאָריטעטן אַנטשפּראָכן אַ דעראָבערונג פון אַ הע־כערער מדרגה פון פרייהייט פאַר ברייטערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג אויף פאַרשידענע געביטן. אונטערן קוק־ווינקל פון דער פרייהייטס־אידעע, קען מען די גאַנצע מענטשלעכע געשיכטע באַשרייבן, ווי אַ זיגרייכן כאָטש זיגזאַגיקן איי־ביקן בונט קעגן דאָס עקזיסטירנדיקע אין געגעבענעם מאָמענט צוואַנג און אויטאָריטעט.

אָבער צי איז דער דאָזיקער כסדרדיקער בונט, אַ גערעכטע, אַ נוצלעכע זאַך? צי איז נישט אַמאָל דער צושטאַנד פון גייסטיקן גלייכגעוויכט דאָס גוט־מוטיקע, פריידיקע אַנערקענען די אָביעקטיווע אָפּהענגיקייט פון העכערן אוי־

טאָריטעט — דאָס בעסטע, וואָס אַ מענטש דאַרף? צי איז נישט דאָס אָפּ־געפינען דעם העכסטן אויטאָריטעט גלייך ווי געפינען דעם העכסטן אמת?

אויף דער דאָזיקער פראַגע קען מען קריגן אַ פּאָזיטיוון ענטפער אין פאַר־שידענע געביטן.

פריער פאַר אַלץ אין דער ר ע ל י ג י ע. דאָס געפינען אַ רעליגיעזן גלויבן האָט טיילמאָל געבראַכט מיט זיך באַרואיקונג און האָט אַ סוף געמאַכט צו די גייסטיקע ווידעראַנאַנדן ביי מענטשן מיט הויכע גייסטיקע און מאָראַ־לישע ווערטן. מען זאָגט, אַז פאַר פּאַסקאַלן איז דער מאָמענט פון ענדגילטיקער באַזייטיקונג פון די רעליגיעזע ספקות זיינע, געווען אויך אַ מאָמענט פון אי־בערמענטשלעכער מיט הייסע טרערן באַגאָסענער פרייד.

אויך אויפן געביט פון ד ע ר צ י א ו נ ג. צי האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן, אַז דער פּרואוו צו געבן די קינדער פולע פרייהייט האָט געגעבן נעגאַטיווע רעזולטאַטן? אַז קינדער, ביי וועמען מען האָט צוגענומען יעטווידע אָנפירונג און הדרכה האָבן זיך געפילט פאַראיינזאַמט, הילפלאָז און אומגליקלעך? און אַז זיי האָבן מיט דערלייכטערונג אויפגענומען דאָס באַווייזן זיך פון אַ שטאַרקן ווילן, וואָס האָט זיי פון אויבן אָנגעוואָרפן שוין פון פריער באַשטימטע האַנד־לונגען?

און לסוף אויפן פּ אָ ל י ט י ש ן געביט. דער פאַשיזם פונקט ווי דער קאָ־מוניזם זיינען טראָץ זייערע געזעלשאַפטלעכע פאַרשידנקייטן, דורכאויס אויטאָ־ריטאַטיווע דאָקטרינעס, וואָס הויבן־אויף צו דער מדרגה פון העכסטער טוגנט דעם צוואַנג בנוגע דעם יחיד, גרופּע אָדער קלאַס. און דאָך האָבןביידע דאָק־טרינעס געפונען גרויסע מאַסן פרייוויליקע און אפילו ענטוזיאַסטישע אָנהענגער. צי באַווייזט דאָס נישט, אַז אין דער מענטשלעכער מאַסע שטעקט אַ באַדערפע־ניש צו בוקן זיך פאַר אַן אויטאָריטעט, אַז די מענטשהייט איז געגליכן צו יענע זשאַבעס פון דעם מעשהלע, וואָס האָבן געפאָדערט אַ שטרענגן הערשער?

פון דעם אַלעמען וואָלט געדאַרפט זיין געדרונגען, אַז דער מענטש קען נישט עקזיסטירן אָן אַן אויבערהאַר, אָן אַ גאָט. דער העכסטער תוך פון אונזער לעבן איז נישט קאַמף מיטן אויטאָריטעט, נאָר דאָס זוכן דעם א מ ת ן אויי־טאָריטעט. פרייהייט, ווי אַ טענדענץ פון בונט קעגן יעטווידן אויטאָריטעט איז נישט מענטשלעך, און דעריבער שעדלעך.

און דאָך זיינען אָט די אַלע אויסגערעכנטע אַרגומענטן אייגנטלעך נישט קיין אַרגומענטן, נאָר גיכער אילוסטראַציעס פון יענעם קאָמפּלעקס פון פאַר־ערונג, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט. די עקזיסטענץ פון דעם דאָזיקן קאָמ־פּלעקס (פּאַראַלעל מיט דער עקזיסטענץ פון דעם פרייהייטס־קאָמפּלעקס) איז אָן שום ספק אַ פאַקט. און דער איינציקער ממשותדיקער אַרגומענט לטובת דעם דאָזיקן קאָמפּלעקס ליגט אינם שטח פון... איראַציאָנעלן. די מענטשן, וואָס האַלטן דעם פאַרערונג־קאָמפּלעקס פאַרן וויכטיקסטן — אין זיי האָט דער דאָזיקער קאָמפּלעקס געוואונען די אויבערהאַנט. זייער אופן פון טראַכטן

דערפירט אָט צו וואָס: בוקן זיך איז גוט, ווייל איך פיל אַ באַדערפעניש זיך צו בוקן.

אויף אַזאַ אַרגומענט קען מען ענטפערן נאָר מיט איין קאָנטער־אַרגומענט, וואָס איז פונקט אַזוי אירראַציאָנעל. דער מענטש קען זאָגן: און איך האָלט פון בונט־קאָמפּלעקס, ווייל אַזאַ איז מיין אינערלעכע באַדערפעניש, ווייל פרייהייט ווייזט מיר אויס צו זיין די העכסטע פרייד, דאָס העכסטע גוטס.

און דאָ רייסט זיך איבער די דיסקוסיע. יעדנפאַלס, די צוועקמעסיקע, די פּרוכטבאַרע דיסקוסיע.

דער דאָזיקער וויכוח פירט זיך שוין במשך פון דורות. און ער פירט זיך אויך היינט. ס'מאַכט נישט אויס, וואָס אין דער פּסיכיק פון דער מערהייט קען צייטווייליק נעמען די אויבערהאַנט דער פאַרערונג־קאָמפּלעקס איבער דעם פרייהייט־קאָמפּלעקס. דעמאָלט לוינט צו געהערן צו דער מינדערהייט, וואָס ביים ענדגילטיקן חשבון איז זי די שעפערישסטע קראַפט פון דער מענטשהייט.

טאָטאַליזם

דאָס וואָרט איז ניי און מאָדערן. קוקט מען זיך אָבער גוט איין אין אים — ערשט זיין תוך איז אַלט. אַמאָל האָט עס געהייסן אומבאַגרענעצטע מאַכט פון אַ יחיד, דעספּאָטיזם אָדער טיראַניע. מוסאָליני האָט אין אָנהויב, לפּנים, איינ־געהאַלטן געוויסע פאָרמען. ער האָט פאָרמעל אָנערקענט די קעניגלעכע מאַכט. היטלער האָט געשטעלט דאָס פּינטעלע אונטערן יוד. דער איין־און־איינציקער קוואַל פון מאַכט און רעכט, די איין־און־איינציקע מאַכט, די איין־און־איינציקע מאָס פאַר גוטס און שלעכטס — דאָס איז ער.

און זאָל זיך קיינער נישט לאָזן פאַרפירן פון דעם געדאַנק, אַז טאָטאַליזם באַטייט כלומרשט, די אַלמעכטיקייט פון אַ פּאַרטיי און נישט פון אַ יחיד. איז דאָך אין דער פּאַרטיי, און קודם כל אין דער דאָזיקער פּאַרטיי, אַלץ אונטער־געוואָרפן — דעם פירער. איז דאָך דער ציל פון דער פּאַרטיי — דעראָבערן און פאַרפעסטיקן די מאַכט פון פירער.

יאָ, דווקא פון דעם פירער, וואָס איז באַשאַפן צו הערשן און נישט פון דער פּראָגראַם. די פּראָגראַם פון אַ פאַשיסטישער פּאַרטיי איז אַלעמאָל בלויז אַ ווענדקע פאַר די נאַאיווע. דער עיקר פון דער פּראָגראַם איז דער ווילן פון פירער. ער ווייס בעסער, און ער קען במשך פון איין נאַכט ענדערן די פּראָגראַם. קיינער וועט נישט וואָגן אַ פּיפּס צו טאָן. די פּראָגראַם איז נויטיק פאַר אַגי־טאַציע־צוועקן איידער די פּאַרטיי דעראָבערט די מאַכט. דערנאָך איז עס נאָר אַ שטיקל פּאַפּיר.

טאָטאַליזם, הייסט עס, איז — צוריקגאַנג צו די באַרבאַרישע טראַדיציעס, צו אומבאַגרענעצטער מאַכט פון יחיד וואָס שטייט איבער „מענטשלעכע און געטלעכע רעכט" — צו די טראַדיציעס פון מאָנגאָלישן כאַן, איוואַן דעם גרויזאַמען, און פּיאָטר דעם גרויסן. טויזנטער יאָרן האָט די מענטשהייט גע־

קעמפט פאַר באַפרייען זיך פונם יאָך פון אַזעלכע הערשער, און היינט איז יענער צושטאַנד פון געפאַלנקייט און שקלאַפעריי, אין דער פאָרם פון טאָטאַליזם, געוואָרן דער אידעאַל פון אונזער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פאַשיסטישער טאָטאַליזם איז פאַר דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט אַן אַבסאָלוטע רשעות פון יעטווידן שטאַנדפונקט. אַפילו אַן דעם צונאָמען „פאַשיסטישער״, ד. ה. אַן דער ספּעציפישער געזעלשאַפטלעכער באַפאַרבונג, — איז דער טאָטאַליזם דער שונא פון פרייהייט און מוז צום שאַרפסטן באַקעמפט ווערן.

ווייל די בעסטע רעגירונג איז אַלע מאָל — די אייגענע. „אייגענע״ — דאָס באַטייט, אַז זי איז אָפּהענגיק פון אונז.

אָפּגעבן די מאַכט פרייוויליק און אויף אַלע מאָל אין וועמענס נישט איז הענט, מסכים זיין, אַז עמיצער אַן אַנדערער זאָל א ו י ף   אַ ל ע   מ אָ ל אָנפירן מיט אונז ווי ס'וועט זיך אים געלוסטן — דאָס פּאַסט מער פאַר אַזעלכע, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן מיט אַ נשמה פון אַ שקלאַף.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַזוי צי אַנדערש, איז דער פאַשיסטישער טאָטאַליזם פון יעטווידן שטאַנדפונקט אַן אַנטיטעזע צו דער אידעע פון פרייהייט, וואָס איז דער פונדאַמענט פון אונזער געזעלשאַפט פון מאָרגן. צווישן די דאָזיקע צוויי קאָנצעפּציעס איז נישטאָ קיין בריק; נישטאָ קיין מעגלעכקייט פאַר אַ קאָמפּראָמיס. דער דאָזיקער קאַמף וועט אויסגעקעמפט ווערן ביז צום סוף.

דער איינציקער וועג צו באַזיגן דעם פאַשיזם אין זיינע הויפּט־פעסטונגען — דייטשלאַנד און איטאַליע, איז אַ רעוואָלוציע. ביי וועלכע באַדינגונגען אַזאַ רעוואָלוציע וועט אויסברעכן — צי אין רעזולטאַט פון אַ פאַרשפּילטער מלחמה, אָדער צוליב אַן אינערלעכן איבערבראָך — דאָס קאָן מען נאָך היינט נישט פאָראויסזען.

ס ט אַ ל י נ י ז ם

חוץ איין אָפּשניט — דאָס פאַרמלוכהשן די גרויסע אונטערנעמונגען און פלאַן־ווירטשאַפט — איז די היינטיקע ראַטן־מלוכה אַ ראַדיקאַלע אַנטיטעזע צו אונזער צוקונפטיקער געזעלשאַפט. בלי־ספּהדיקע פאַקטן באַווייזן דאָס בולט.

דער אַני מאמין פון אָפיציעלן קאָמוניזם באַשטייט פון פאָלגנדיקע עקרים:

וואו איז רעאַליזירט געוואָרן פולע דעמאָקראַטיע? — אין ראַטן־פאַרבאַנד. וואו הערשט פולע פרייהייט? — אין ראַטן־פאַרבאַנד. וואו איז דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק גליקלעך? — אין ראַטן־פאַרבאַנד. וואו איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער סאָציאַליזם? — אין ראַטן־פאַרבאַנד. וואָס פאַר אַ לאַנד גייט צום קאָמוניזם? — דער ראַטן־פאַרבאַנד. וואו ווערט די רעגירונג פאַרגעטערט דורך דער באַפעלקערונג? — אין ראַטן־פאַרבאַנד.

און יעטווידער וואָס וואַגט צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון די

ענטפערס, יעדערער וואָס וואַגט צו שטרעבן צו אונזער געזעלשאַפט פון מאָרגן, אויף יענעם וואָרט אין ראַטן־פאַרבאַנד תפיסה אָדער טויט־שטראָף. איז דאָך אָטאָ באַוועגט אַפּטימיזם, אַז אין רוסלאַנד וועט אַ מ אָ ל זיין אַנדערש, גענוג געווען, אַז מען זאָל אים דאָרטן עפּנטלעך שטעמפּלען פאַר אַ „בייזוויליקן ליגנער", און פאַר אַ „פאַרביסענעם קעגנער פון ראַטן־פאַרבאַנד".

צום סוף דער אַרגומענט פון די נאַאיווע קאָמוניסטן: מיר קאָמוניסטן זיינען דאָך פאַר פולשטענדיקער פרייהייט פאַר אַלעמען, נאָר נישט פאַר פאַר־רעטער, פאַר שעדיקער און שונאים פון פאָלק. דאָס קלינגט כלומרשט לאָגיש. אָבער ווער זיינען דאָס די „פאַררעטער, די שעדיקער און שונאים פון פאָלק"? אַלע, אָ ן אַ ו י ס נ אָ ם, וואָס גלויבן נישט, אַז סטאַלין איז אַ גאון, און אַז ער קען גאָר קיין מאָל זיך נישט טועה זיין, אָדער אַפילו די, וואָס מען איז חושד, אַז זיי גלויבן נישט. מיט איין וואָרט — פרייהייט פאַר די, וואָס זיינען מסכים מיט דער רעגירונג אָן קיין שום פאַרבאַהאַלטן. אַנדערש גערעדט — אַ פולשטענדיקע פאַרלייקענונג פון אמתער פרייהייט. ווי האָט געזאָגט אַמאָל אַ הומאָריסט: אין דעם דאָזיקן לאַנד זיינען פאַראַן אַלע פרייהייטן חוץ איינער — די פרייהייט צו געניסן פון די דאָזיקע פרייהייטן.

דער אויספיר איז: דער היינטיקער אָפיציעלער קאָמוניזם, אַנדערש גע־רעדט, דער סטאַליניזם, טראָץ דעם וואָס ער איז אַרויסגעוואַקסן פון דער רעוואָלוציע, טראָץ דעם וואָס ער זאַמלט אַרום זיך אין גרעסטן טייל אַרבעטנדיקע שיכטן, טראָץ דעם וואָס ער איז געווענדט קעגן פּריוואַטן קאַפּיטאַל איז — אין זיין אידעאָלאָגיע, און קודם־כל אין זיין פּראַקטיק — אַן אַנטי־פרייהייט־לעכע באַוועגונג.

מען דאַרף רעווידירן די אַלטע שטעלונג, אַז קאָמוניזם און סאָציאַליזם, אויסוואַקסנדיק אויף דעם זעלביקן באָדן, און אַפילו אויף איין שטאַם, צעצווייגן זיך דערנאָך אין פראַגן פון טאַקטיק און מעטאָדן פון קאַמף, כדי זיך אויפסניי צונויפצוטרעפן אין אַ געמיינזאַמער אויפפאַסונג פון דעם ענדציל — קאַמף פאַר דער געזעלשאַפט פון מאָרגן.

אַזוי איז געווען אַמאָל. איצט איז עס אַנדערש. עס האָט זיך צעצווייט אויך דאָס בילד פון דעם ענדציל. אויב דער סאָציאַליזם איז געבליבן געטריי דער פרייהייטלעכער קאָנצעפּציע פון דער געזעלשאַפט פון מאָרגן, האָט זיך דער קאָמוניזם אַלץ מער פון איר דערווייטערט, ביז ער איז דערגאַנגען צו דעם היינטיקן סטאַליניסטישן אַנטי־פרייהייטלעכן טאָטאַליזם.

דאָס וויכטיקסטע

להיפוך צו דער אָנגענומענער מיינונג, איז העלדישקייט אָן אָפּטע דער־שיינונג אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אין אַ ריינער פאָרם קומט העל־דישקייט צום אויסדרוק גאַנץ זעלטן, אָבער כמעט יעדער מענטש פאַרמאָגט אין זיך יענעם רוי־שטאָף, פון וועלכן מען קען ביי אַ געהעריקער טעמפּעראַ־

טור אַרויסבאַקומען דעם טייערן מאַטעריאַל, וואָס מיר רופן העראָאיזם. נישט יעדערן איז באַשערט דורכצומאַכן דעם דאָזיקן פּראָצעס.

אַ שכלדיק אָרגאַניזירטע געזעלשאַפט, אַ געהעריק געפירטע געזעלשאַפט־לעכע באַוועגונג, קענען און דאַרפן שאַפן באַדינגונגען, וואָס מאַכן מעגלעך די עקספּאַנסיע פונם פּאָטענציעלן העראָאיזם פון יחידים.

פאַראַן פעריאָדן פון אַ מאַסן־אויסלאַדונג פון דער דאָזיקער פּאָטענץ. דאָס זיינען די צייטן פון רעוואָלוציעס, בירגער־קריגן (פאָלקס־מיליץ אין שפּאַניע, דער קאַמף פון די שוץ־בונדיסטן אין רויטן וויך, א. אַנד.), און אַפילו די „נאַר־מאַלע" מלחמות. אָבער אויך אין געוויינלעכע „רואיקע" צייטן זיינען פאַראַן אַן אַ שיעור מאָמענטן, ווען די דאָזיקע פּאָטענץ קומט צום אויסדרוק אין דער פאָרם פון אַ באַוואוסטזיניקן שטרעבן צו אַ דערהויבענער טאַט, פאַר וועלכער מען דאַרף צאָלן דעם טייערסטן פּרייז.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

צי קען מען גלויבן אין מענטשן? אָדער — צי זיינען די מענטשן אין דער אמתן אַזוינע, ווי מיר שטעלן זיי זיך פאָר?

דער חילוק אין פאָרמולירן די דאָזיקע פראַגע איז נישט נאָר אַן אויסער־לעכער. דער חילוק איז, דער עיקר — ווער עס פרעגט. פאַר אַ משל פון פאַטאַלע רעזולטאַטן, וואָס עס ברענגט מיט זיך אַ פאַלשער צוגאַנג צו דער דאָזיקער פראַגע איז דער טיפער קריזיס פון צוטרוי צום מענטשן, וואָס עס האָבן צווישן די ערלעכע קאָמוניסטן אַרויסגערופן די טרויעריק באַרימטע „מאָסקווער פּראָצעסן". במשך פון לאַנגע יאָרן האָבן זיי געגלויבט, אַז זייערע פירער, די העלדן פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, זיינען שיר נישט האַלב־געטער און דאָ, פּלוצלונג, ווייזט זיך אַרויס, אַז אַ גרויסער טייל פון זיי (נישט וויכטיק צו די פאַרמשפּטע אָדער די ריכטער) זיינען גאָר די ערגסטע אויס־וואורפן. ביי אַ קאָמוניסט מוז דעמאָלט דער צוטרוי צו מענטשן זיך שטאַרק אַ וואַקל טאָן.

אויב מיר זאָלן, אָבער, אָפּוואַרפן די טעאָריע פון האַלב־געטער און מיט דער מעגלעך גרעסטער אָביעקטיוויקייט זיך צוקוקן צו דער מענטשלעכער גע־זעלשאַפט, וועט זיך דעמאָלט אַרויסווייזן, אַז ווי אַ כלל זעט אין מענטש די אַנדערע „אין זיין אייגענעם געשטאַלט". ער געפינט ביי זיי יענע מעלות און חסרונות, מצוות און עבירות, וואָס ער קען געפינען... ביי זיך אַליין.

ווייל דער מענטש גופא איז נישט שלעכט און נישט גוט. ער איז נישט קיין געבאָרענער פאַררעטער און נישט קיין אומבאַפלעקטער ריטער. ער **קען** אָבער ווערן דאָס ערשטע אָדער דאָס צווייטע, אָפּהענגיק פון די קאָנקרעטע באַדינגונגען, פון וועלכע אַ טייל בלויז איז אָפּהענגיק פון געגעבענעם יחיד.

אַוודאי — עס זיינען פאַראַן מענטשן, וועמעס פעסטער ווילן און שטאַרקער כאַראַקטער וועלן אין אַ גרויסער מאָס זיך אויסגלייכן מיט די איינפלוסן פון די אויסערלעכע באַדינגונגען. די דאָזיקע מענטשן וועלן באַווייזן ביי אַלע באַ־

דינגונגען צו בלייבן געטריי זיך אַליין. פאַראַן אויך אַנדערע, וואָס זייער מאָראַלישער ווערט איז פּאַטאַלאָגיש נידעריק.ביידע זיינען אויסנאַמען. די גרעסטע טייל פון דער מענטשהייט נישט נאָר זי א י ז, נאָר זי וו ע ר ט אַזוי אָדער אַנדערש. נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער פּראָצעס ציט זיך שוין טויזנטער יאָרן, איז ער נאָך נישט פאַרענדיקט, ווייל דער מענטש האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַפרייט פון דעם דערנידעריקנדיקן איינפלוס פון אויסער־לעכע פאַקטאָרן, אַריינרעכענענדיק די הײַנט עקזיסטירנדיקע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן.

דאָס ברענגט אונז צו אַ מאָדיפיצירונג פון דעם פּראָבלעם „גלויבן אין מענטשן". די פראַגע דאַרף, דעריבער, זיין: צי קען בכלל דער מענטש ווערן ענלעך צו אונזער וויזיע וועגן דער געזעלשאַפט פון מאָרגן?

אַן ענטפער אויף דער פראַגע דאַרף יעדער מענטש זוכן אין זיך גופא. אויב ער וועט ב ײ י ז י ך געפינען עלעמענטן פון דעם דאָזיקן מענטש פון מאָרגן, וועט ער דאָס לייכט קענען אויסברייטערן, און זיינע פּערזענלעכע דער־פאַרונגען אָננעמען פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. זיין ענטפער וועט דעמאָלט זיין אַ פּאָזיטיווער. ער וועט אין זיך געפינען כוח און ווילן אין די שווערסטע מינוטן נישט נאָר אויפצוהאַלטן דעם „גלויבן אין מענטשן", נאָר ער וועט אויך אין ראַמען פון זיינע כוחות בייטראָגן צו באַשאַפן אַזעלכע באַדינגונגען, וואָס וועלן רעאַליזירן די וויזיע פונם מענטש פון מאָרגן.

צי קען מען גלויבן אין סאָציאַליזם?

...גלויבן אין סאָציאַליזם באַטייט גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואו אין דער אַטמאָספער פון אַלגעמיינעם וואויל־שטאַנד ווערן רעאַליזירט ברידערלעכקייט, גלייכהייט, און פרייהייט פון מענטשן און פעלקער.

איז אַזאַ מענטשלעכע געמיינשאַפט מעגלעך?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון אַלע אַרגומענטן קעגן סאָציאַליזם איז דער פּסיכאָלאָגישער אַרגומענט דער וואָגיקסטער. סאָציאַליזם איז נישט מעגלעך, ווייל די מענטשן זיינען נישט שלימותדיק. יאָ, דער מענטש איז טאַקע אַזוי. אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר אָננעמען, אַז אין דעם כסדרדיקן קאַמף צווישן רשעות און גוטס, וואָס קומט פאָר אין יעדן מענטשן, מוז דווקא דאָס בייזע זיגן? פאַרוואָס מוז דווקא די פויסט נעמען די אויבערהאַנט איבערן שכל, האַרמאָניע און אַלע פּאָזיטיווע מענטשלעכע אינסטינקטן?

אין דעם דאָזיקן מעטאַפיזישן וויכוח וועלן זאַכלעכע אַרגומענטן אַ סך נישט העלפן. אין תוך גענומען, ברענגט עס אונז צוריק צו דער שוין דער־מאָנטער פּראָבלעם — צום גלויבן אין מענטשן. דעם דאָזיקן גלויבן קען יעט־ווידער שעפּן נאָר... פון זיך אַליין. ווער עס וועט נישט געפינען דאָס

גוטע ביי זיך, וועט עס אויך נישט געפינען ביי אַנדערע. אין דעם פּרט קען קיינער נישט געניסן פון פרעמדע עשירות.

אויב אַזוי, הייסט עס, אַז גלויבן אין סאָציאַליזם איז אָפּהענגיק פון אַ סוביעקטיוון פאַקטאָר? און דער מאַרקסיזם האָט דאָך דערוויזן, אַז די וועלט גייט זיכער צום סאָציאַליזם?

מאַרקס האָט טאַקע דערוויזן, אַז די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציע־פאָרמען גייט אין דער ריכטונג פון פאַרבייטן די אינדיווידואַליסטישע, אַנאַר־כיסטישע ווירטשאַפט פון באַזונדערע אומאָפּהענגיקע קאַפּיטאַליסטן דורך אַ פּלאַנירטער מאָנאָפּאָליסטישער ווירטשאַפט מיט אַ צענטראַליזירטן אייגנטום פון פּראָדוקציע־מיטלען.

אָבער היינט ווייסן מיר שוין, אַז סאָציאַליזם — דאָס איז נישט נאָר אַ נייע פאָרם פון פּראָדוקציע. דאָס איז אויך אַ נייע סאָציאַלע סיסטעם און אַ נייער מענטש אין אַ נייער געזעלשאַפט. צי צוזאַמען מיט די נייע פאָרמען פון פּראָ־דוקציע וועט אויך זיגן די סאָציאַליסטישע וויזיע פון אַ מענטש פון מאָרגן און דער געזעלשאַפט פון מאָרגן?

עס קען אַזוי זיין. עס דאַרף אַזוי זיין. אָבער אַזוי וועט זיכער זיין נאָר דעמאָלט, ווען... מיר וועלן זיגן.

צי וועלן מיר אָבער זיגן? דאָס איז ווייטער אַ פראַגע וואָס וואַרט אויף אַן ענטפער.

במשך פון לאַנגע יאָרן האָבן סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרן זיך געקוויקט מיטן געדאַנק, אַז סאָציאַליזם איז אומפאַרמיידלעך און דערפאַר וועט קיין שום אָנ־שטרענגונג פאַרן סאָציאַליזם נישט גיין לאיבוד...

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ איבערצייגונג איז פאַר יעדן סאָציאַליסט פונקט אַזאַ טרייסט, ווי עס איז פאַר יעדן רעליגיעזן גלויביקן דער באַוווּסט־זיין, אַז עס איז פאַראַן אַ השגחה פּרטית, וואָס וועט שוין ווי געהעריק פירן מיט זיין גורל. אַזאַ וועלטלעכער גלויבן שיידט זיך ווייניק וואָס אונטער פון אַ רעליגיעזן גלויבן. מענטשן ווילן גלויבן, ווייל אַזוי איז אַ סך... גרינגער.

מוז איך מיט באַדויערן דערקלערן, אַז איך טראַכט אַנדערש. דער זיג פון סאָציאַליזם איז מעגלעך, איז וואַרשיינלעך, אָבער — נישט זיכער. אַבסאָלוטע נביאות וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט זיינען געבויט אויף פעטישיזם אָדער קריטיקלאָזן גלויבן. אַ ניכטערע אָפּשאַצונג קען זיך רעכענען נאָר מיט אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס וואַרשיינלעכקייט. און כאָטש אַ זייער גרויסע מאָס וואַרשיינלעכקייט איז פּראַקטיש נאָענט צו זיכערקייט, איז עס אָבער אַפילו אין דעם דאָזיקן עקסטרעמען פאַל נישט איינס און דאָס זעלביקע.

ווי גרויס איז די וואַרשיינלעכקייט פון אַ זיג פון סאָציאַליזם?

אויפן ריין ווירטשאַפטלעכן געביט איז די וואַרשיינלעכקייט זייער אַ גרוי־

סע. דאָס ווערט שוין כמעט נישט אָפּגעלייקנט. אַפילו דער פּאַשיזם רעאַלי־זירט, אויף זיין שטייגער, אַ פּלאַנירטע געזעלשאַפטלעכע ווירטשאַפט.

— —

דער שנעלער זיג פון דער סאָציאַליסטישער פריהייטס־אידעאָלאָגיע פאַר־מאָגט אָבער אַ סך וויכטיקער וואַרשיינלעכקייט, ווי דער זיג פון דער עקאָנאָמי־שער דאָקטרין. זאָל זיין, אַז ס'איז אַזוי. אָבער ווי גרויס איז די דאָזיקע וואַרשיינלעכקייט? דאָס הענגט קודם־כל אָפּ פון אונז אַליין, פון די שעפערישע כוחות פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

מיר קענען נישט צושטעלן קיין שום גאַראַנטיעס, אַז די סאָציאַליסטישע באַוועגונג וועט טאַקע זיגן. אָבער זי קען אָן שום ספק זיגן, אויב זי רע־פּרעזענטירט דעם וואויל פון דער גרעסטער מערהייט פון דער באַפעלקערונג, און אויב זי שטעלט פאַר זיך צילן, וואָס זיינען היסטאָריש מעגלעך צו פאַרווירק־לעכן. און די, וועמען ס'איז אַ שאָד צו פאַרלירן די לעגענדע פון אַ זיכערן זיג, דאַרפן געדענקען, אַז נישט זיכערקייט איז אין אַ גלייכער מאָס דער גורל פון יעטווידער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג.

— —

אין דער אמתן זיינען די אַלע „זיכערקייטן", אין בעסטן פאַל, אַ שפּיל אויף דער פסיכאָלאָגיע פון די מאַסן.

און אויב אַזוי, אויב מיר זיינען נישט זיכער אין אונזער זיג, צי קען דען נישט געשען אַז אונזער גאַנצע אָנשטרענגונג זאָל גיין לאיבוד?

ניין. יעדער אמתער קעמפער פאַרן סאָציאַליזם ווייס, אַז קעמפנדיק האָט ער אַ שאַנס צו זיגן. און אויב ער רעכנט אַפילו, אַז ער אַליין וועט נישט דער־לעבן דעם מאָמענט פון טריאומף, איז דאָך דער תוך און זין פון זיין פּערזענ־לעכן לעבן — דער אָנטייל אין אַ באַוועגונג, אין וועלכער ער ווי אַ יחיד וואַקסט זיך צונויף מיט עפּעס, וואָס איז אומגעהויער גרויס און דויערהאַפטיק. דאָס איז אויך ריכטיק לגבי יחידים פון אַ העכערן מין, ווי דאָס איז די גאַנצע סאָ־ציאַליסטישע באַוועגונג. קעמפנדיק קען ער זיגן, אָבער אויב ער פאַלט אונ־טערן איבערוויגנדיקן דרוק פון די פיינטלעכע כוחות, וועט ער שפּעטער ווי־דער אויפלעבן אין די נייע מענטשלעכע אָנשטרענגונגען צו פאַרווירקלעכן די געזעלשאַפט פון מאָרגן אויפן יסוד פון שיינקייט און פריהייט. ווייל די מענטש־לעכע בענקשאַפט נאָך אַבסאָלוטער שלימות קען אומקומען נאָר צוזאַמען מיט דער מענטשהייט.

אויב עס זאָלן אַפילו נישט מקוים ווערן די האָפענונגען פון סאָציאַ־ליזם צו דערגרייכן דעם זיג אין דער היינטיקער געשיכטלעכער תקופה, וועט דער מענטש קענען נאָכזאָגן די צוואה־ווערטער פון גרויסן פּאָעט וואָס האָט מיט דעם אייגנטלעכן ראָמאַנטישן פּאַטאָס פון זיין צייט געוואָרפן דער צוקונפט די אַרויספאָדערונג:

און עס וועט בלייבן נאָך מיר יענער פאַטאַלער כוח,
וואָס איז פאַר מיר, דעם לעבעדיקן, ווערטלאָז — ער באַצירט נאָר מיין
קאָפּ.

ער וועט אָבער נאָך מיין טויט ווירקן אומגעזען
ביז ער וועט אייך, ברויט־עסער, אין מלאכים פאַרוואַנדלען.

אַלגעמיינע צי טיילוויַיזע געזעצן?

— — — — אין דער מאַטעמאַטיק איז די מענטשלעכע קונסט און שע־פערישקייט פונקט אַזוי באַגרענעצט און וויַיט פון שלימות, ווי אין אַלע אַנדערע געביטן פון דער וויסנשאַפט. מענטשן זיינען בכוח צו באַנעמען נאָר אַזעלכע מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, וואָס זיינען פאַרהעלטניסמעסיק פשוט. צופיל קאָמפּלי־צירטקייט שטרייכט איבער דעם רעאַלן ווערט פון מאַטעמאַטישע פאָרמולעס.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָוודאי קענען אַזעלכע גאונים ווי מאַקסוועל און איינשטיין, אַ דאַנק זייער פעאיקייט צו טראַכטן אַבסטראַקט מאַטעמאַטיש, אויפדעקן דעם תוכיקן באַטייט פון אַ סך פאָרמולעס, וואָס זיינען פאַרן פשוטן בשר ודם נישט צוגענגלעך. אָבער דער חילוק איז דאָ גיכער אַ קוואַנטיטאַטיווער איידער אַ קוואַליטאַטיווער. ער באַזייטיקט נישט דעם פונדאַמענטאַלן חסרון — די אומפעאיקייט פון מענטש־לעכן שכל משיג צו זיין די וועלט אין אַלע פּרטים.

דערפון דער אויספיר: ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין דער דראַנג צו דער־גרייכן דעם פולן אמת — ד. ה. די פאַרהעלטענישן צווישן אַלע עלעמענטן פון אַ דערשיינונג — מוז זיך די וויסנשאַפט דאָך באַנוגענען מיטן זוכן דעם טייל־וויַיזן אמת, — ד. ה. די פאַרהעלטענישן צווישן אַ געוויסער צאָל וויכטיקסטע עלעמענטן פון דער דאָזיקער דערשיינונג. אָנשטאָט איין אַלגעמיינעם געזעץ — אַ רייע טיילוויַיזע געזעצן, וואָס יעדער פון זיי נעמט אַרום נאָר איין זייט פון דעם אָביעקט, וואָס מיר פאָרשן.

— — — — אין דער דאָזיקער זעלבסט־באַגרענעצונג ליגט דער סוד פון דער אַנטוויקלונג און פונם אויפבלי פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט.

דאָס זוכן אַן אַלגעמיינעם קאָסמישן געזעץ, שטעלט אונז פאַר דער אַל־טערנאַטיווע — דערגרייכן אַלץ אָדער גאָרנישט. די אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון דער וויסנשאַפט ווערט דעמאָלט אוממעגלעך. און דער איינציקער דער־פאָלגרייכער וועג צו דערגרייכן דעם דאָזיקן געזעץ (דעם אמת) איז די אַנט־פּלעקונג אָדער — באַשיידענער גערעדט — די אינטואיציע.

גאָר אַנדערש זעט עס אויס מיט די טיילוויַיזע געזעצן. דער טיילוויַיזער געזעץ, ווען אַפילו ער שטעלט ריכטיק פעסט די פאַרהעלטענישן צווישן באַ־זונדערע עלעמענטן פון אַ געגעבענער דערשיינונג, פאַרמאָגט נישט שטענדיק אַ וויסנשאַפטלעכן ווערט. מען דאַרף נאָך אויסגעפינען צי די עלעמענטן, וואָס אַזאַ געזעץ נעמט אַרום זיינען גענוג וואָגיק, — צי די אויסגערעכנטע פאַר־העלטענישן זיינען צופעליקע אָדער שטענדיקע, — צי דער געזעץ גיט אונז אַ מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן אונזערע קענטענישן, — צי פאַרגרינגערט ער פאַר אונז דעם פראָגנאָז פון קומענדיקע דערשיינונגען, אאַז״וו.

דער פּרינציפּ פון טיילוויזע געזעצן גיט יעדן געלערנטן אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיינע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן און פעאיקייטן. דאָ איז דאָ אַ ברייט פעלד פאַר דער איניציאַטיוו און אינטואיציע פון פאַרשידענע געלערנטע אויסצוקלייבן סיי דעם מעטאָד פון פאָרשן, סיי די עלעמענטן און די פאַרהעלטענישן צווישן זיי. די אַנזאַמלונג פון די דאָזיקע טיילווייזע געזעצן דעצידירט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער וויסנשאַפט.

דאָס פאַרבייטן דעם אַלגעמיינעם, כוללדיקן געזעץ מיט טיילווייזע געזעצן נעמט אויך אַריין אויף אַ האַרמאָנישן אופן — דעם „צופאַל" אין אונזער וויסנשאַפטלעכער קאָנצעפּציע. אין די שפּאַרונעס צווישן די טיילוויזע געזעצן נעסטן יענע מיליאַרדן קליינע פאַקטאָרן, וואָס זיינען אין אַלגעמיין נישט דעצידירנדיק, און וואָס מען שטעלט זיי באַוואוסטזיניק מחוץ די ראַמען פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג. און אויב אין געוויסע, זייער זעלטענע, קאָנקרעטע באַדינגונגען ווייזן אַרויס אָט די דאָזיקע גרינג געשעצטע פאַקטאָרן אַן אַנזעעוודיקן איינפלוס אויפן גאַנג פון די געשעענישן, — פירן מיר זיי אַריין אין דער סיסטעם פון אונזערע טעאָריעס מיטן וואָרט „צופאַל".

— — — — די אויבן געבראַכטע באַטראַכטונגען וועגן אַלגעמיינע און טיילווייזע געזעצן קען מען פונקט אַזוי אַנווענדן צו דער געשיכטע־וויסנשאַפט. אַן אַלגעמיינער געזעץ, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, און זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסשעפּן די געשיכטע־וויסנשאַפט, געהערט צו דער וועלט פון טרוימען און אילוזיעס, אָדער — שאַרלאַטאַנסטווע.

אין דער געשיכטע־וויסנשאַפט ליגט דער שווערפּונקט פון אַלע געזעצן נישט אין דעם סטאַטישן צושטאַנד, ד. ה. אין די פאַרהעלטענישן צווישן די באַזונדערע עלעמענטן אין אַ באַשטימטן מאָמענט, נאָר אין דעם דינאַמישן צושטאַנד, ד. ה. אין די פאַרענדערונגען, וואָס עס מאַכן אַדורך די דאָזיקע פאַרהעלטענישן לגבי די פאַרענדערונגען, וואָס עס קומען פאָר אין די עלעמענטן גופא. כדי פעסטצושטעלן די דאָזיקע געזעצן, דאַרף מען קודם־כל אויסקלייבן יענע עלעמענטן, וואָס מען באַטראַכט פאַר עיקרדיק אומסטאַבילע (פאַרענדערלעכע), וואָס פון זיי איז אָפּהענגיק די פאַרענדערונג פון אַלע אַנדערע עלעמענטן. פון דעם פריער געזאָגטן איז קלאָר, אַז אין גרונט גענומען קען יעטווידער עלעמענט אויסגעקליבן ווערן פאַר אַן עיקרדיקע אומסטאַבילקייט (פאַרענדערלעכקייט). פון דער צווייטער זייט, איז אויך דער מעטאָד, וואָס באַשטימט דעם ריטם פון די פאַרענדערונגען אין אַזאַ עיקרדיקער אומסטאַבילקייט — אין אַ גרויסער מאָס אַ פראַגע פון פרייען אויסוואַל, עס איז דערביי נישטאָ קיין שום אָביעקטיווער מוז. אויף אַזאַ אופן טראָגן ביידע מאָמענטן — דער אויסוואַל פון דעם עיקרדיקן עלעמענט און דער ריטם פון די ענדערונגען — אַ סוביעקטיוון כאַראַקטער און זיינען אָפּהענגיק פון דער וויסנשאַפטלעכער אינטואיציע פון דעם געגעבענעם פאָרשער.

טעאָרעטיש קען מען אויסקלייבן יעדן עלעמענט פאַר אַן עיקרדיקן... אָבער פּאַקטיש זעט די זאַך אויס אין גאַנצן אַנדערש. אויב די רעזולטאַטן פון

דער פאָרשונג זיינען זייער קאָמפּליצירט, טויגן זיי נישט פאַר וויטערדיקער אַרבעט. אויב, אָבער, די רעזולטאַטן לאָזן זיך דערפירן צו מער אָדער ווייניקער פּשוטע פאָרמולעס, און זיי דעקן־אויף און מאַכן צוגענגלעך פאַר אונזער פאַרשטאַנד זאַכן, וואָס זיינען פריער געווען אומבאַקאַנט און נישט פאַרשטענדלעך, — דעמאָלט באַרייכערן זיי דעם אוצר פון וויסן.

איןביידע פאַלן זיינען די הנחות גלייכבאַרעכטיקט טעאָרעטיש. די צווייטע איז אָבער מער מזל־ברכהדיק און האָט — דעריבער — אַ גרעסערן ווערט. דער מעטאָדאָלאָגישער ווערט פון דער פאָרשונג האָט אַ דעציזידירנדיקן באַטייט.

— —

פון צוויי היפּאָטעזעס וועגן פאַרהעלטענישן צווישן דערשיינונגען, קלייבן מיר אַ פּריאָרי אויס יענע, וואָס זעט אונז אויס צו זיין פּשוטער, ד. ה. זי לאָזט זיך גרינגער אָנווענדן. מיר קענען עס מאַכן קירצער און זאָגן: „דעם פּשוטן מעטאָד וועלן מיר אָנרופן אמת".

אָט די אַלע באַטראַכטונגען לאָזן זיך אָנווענדן אויך צו דער געשיכטע־וויסנשאַפט. און באַזונדערס צו דעם אָפּצווייג אירן, וואָס הייסט מאַרקסיזם.

דער היסטאָרישער מאַטעריאַליזם ווי אַ מעטאָד.

— — — — מיר באַגרענעצן זיך דאָ נאָר מיט דער אויפקלערונג, ווי אַזוי מיר פאַרשטייען דעם מאַרקסיזם ווי ער ווערט אָנגעווענדט אין דער געשיכטע־וויסנשאַפט, דאָס מיינט אויך אין דער פּאָליטיק, וואָס דאַרף, לכל־הפּחות טעאָרעטיש, זיין באַזירט אויף דער געשיכטע־וויסנשאַפט. מיר רעדן דאָ וועגן יענעם טייל פון מאַרקסיזם, וואָס רופט זיך היסטאָרישער מאַטעריאַליזם.

— — — — אין הסכם מיט אונזערע פריערדיקע אויספירן וועגן וויסנשאַפטלעכע געזעצן, לאָמיר אַנאַליזירן צוויי פונדאַמענטאַלע טעזן פון דער מאַרקסיסטישער אויפפאַסונג פון געשיכטע. די צוויי טעזן זיינען:

1) די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז די געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף.

2) די אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציע־פּראָצעסן באַשטימט און סטימולירט אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פּראָצעסן, אָדער — „דער זיין באַשטימט דעם באַוואוסטזיין"; דיווירטשאַפטלעכע מאָמענטן דאָמינירן און די פּאָליטישע, קולטורעלע, אידעאָלאָגישע, און אַנד. מאָמענטן, זיינען אַ פּועל־יוצא פון דעם ווירטשאַפטלעכן.

די אויבן געבראַכטע טעזן, אָדער קלאָרער געזאָגט, די מאַרקסיסטישע היסטאָרישע געזעצן, געהערן צו דער קאַטעגאָריע טיילווייזע געזעצן, און נישט אַלגעמיינע. זיי קענען פאָראויסזען געוויסע פאַרהעלטענישן צווישן געוויסע געשיכטלעכע עלעמענטן, אָבער זיי זיינען ווייט פון צו קענען פאָראויסזען די גאַנצע צוקונפט.

די דאָזיקע עלעמענטאַרע און אַלגעמיינע באַגרענעצונג פון די וויסנשאַפט־

לעבע געזעצן איז אָפט נישט פאַרשטענדלעך פאַר די צו הייסע חסידים פון מאַרקסיזם. זיי דאַכט זיך, אַז דער מאַרקסיזם דערקלערט, און דעריבער זעט ער אויך פאָראויס — אַ ל ץ. אָבער די דערפאַרונגען פון די לעצטע יאָרצענדליקער האָבן אונז געגעבן אַזעלכע דערשיינונגען, ווי פאַשיזם, וואָס קיין שום מאַרקסיס־טישער טעאָרעטיקער האָט נישט פאָראויסגעזען. אויך דער סטאַליניזם איז אַן אומדערוואַרטעטע דערשיינונג פון אַזאַ פאָרנעם, וואָס עס איז נאָך אַלץ אומ־מעגלעך צו באַצייכענען זיין אייגנטלעכן היסטאָרישן תוך.

צי זיינען די דאַזיקע סורפריזן אַ באַווייז, אַז די מאַרקסיסטישע היסטאָרישע געזעצן האָבן באַנקראָטירט? לחלוטין נישט. איינער פון די עיקרדיקע געזעצן אין דער פיזיק, דער געזעץ פון קראַפטאָנוווער זאָגט, אַז אַ קערפּער אין גלייכ־מעסיקער און גלייכליניקער באַוועגונג, וועט לויפן פאָראויס שטענדיק מיט דער זעלביקער שנעלקייט. עקספּערימענטאַל־לאַבאָראַטאָריש — איז דאָס נאָך קיין מאָל נישט געלונגען צו אָבסערווירן. צי באַטייט דאָס, אַז דער דאָזיקער געזעץ פון קראַפטאָנוווער איז אַ פאַלשער? ניין, ווייל דער פועל־יוצא פון דעם עקס־פּערימענט איז אַ רעזולטאַט (קאָנסעקווענץ) פון דעם געזעץ וועגן קראַפטאָנוווער און פון דער ווירקונג פון אַ רייע אַנדערע קרעפטן (רייבונג, גראַוויטאַציע א. אנד.), וואָס לאָזן זיך קיין מאָל נישט פולשטענדיק עלימינירן. און כאָטש דער דאָזי־קער געזעץ באַווייזט זיך קיין מאָל נישט אין זיין ריינער פאָרם, ווירקט ער דאָך אומאויפהערלעך. אָן אים וואָלטן מיר נישט פאַרשטאַנען דעם עקספּערימענט.

אַזוי איז אויך מיט די מאַרקסיסטישע געזעצן. דער וואולגאַרער מאַרקסיסט איז אַנטוישט צוליב דעם וואָס די דאָזיקע געזעצן זיינען נישט גענוג אויסצו־טייטשן אַלץ. דאַרף ער באַשולדיקן נישט דעם מאַרקסיזם, נאָר זיין אייגענע נאַאיוויטעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די מענטשלעכע געשיכטע איז אַן אומגעווײנלעך קאָמפּליצירטער געפלעכט פון פאַרשידענע כוחות, עלעמענטן און פאַקטן. כדי פון דעם דאָזיקן כאַאָס פון פּרטים אַרויסבאַקומען געוויסע שטענדיקע שייכותן צווישן געוויסע עלע־מענטן און דערשיינונגען, דאַרף מען זיך ווענדן צו די טיילוויזע געזעצן. מען דאַרף אויסקלייבן דעם אוממיטלבאַרן פאָרשונג־אָביעקט, ווי אויך דעם מעטאָד — ווי אַזוי פעסטשטעלן די אייגנטלעכע שייכות צווישן דעם אָביעקט און די אַנדערע געפּאַרשטע פאַקטאָרן.

די ערשטע פראַגע וואָלט דעריבער געווען: וואָס איז דער עיקר־אָביעקט פון אונזער היסטאָרישער פאָרשונג?

במשך פון יאָרהונדערטער האָבן היסטאָריקער געהאַלטן, אַז דער אויס־גאַנג־פונקט אין געשיכטע־פאָרשונג מוז זיין דאָס עיקרדיקע קעמערל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן — דער איינצלנער מענטש. דער יחיד האָט זיך זיי אויסגעוויזן צו זיין דער ערשטער עלעמענט פון יעדן היסטאָרישן געזעץ. פון די פריערדיקע באַטראַכטונגען, אָבער, האָבן מיר געזען, אַז די דאָזיקע שיטה פירט צו זייער קאָמפּליצירטע געזעצן, ווייל אין איר לאָזט זיך בשום

אופן נישט עלימינירן אָן אומגעהויערער סכום „צופעליקע" באַדינגונגען, וואָסווירקן אויפן לעבן פון יעדן איינצלנעם מענטשן. איז, דעריבער, נישט קיין וואונדער, וואָס אַלע פּרוּוון צו באַזירן די היסטאָרישע געזעצן אויף דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון יחידים האָבן נישט געבראַכט קיין צופרידנ־שטעלנדיקע רעזולטאַטן.

שפּעטער, שוין אין די מאָדערנע צייטן, האָט מען אָנגעהויבן אָנווענדן אַ נייעם מעטאָד: ווי אַ היסטאָרישן עלעמענט האָט מען באַטראַכט נישט אַ יחיד, נאָר אַ געוויסע עדה מענטשן. אויף אַזאַ אופן איז מעגלעך אָוועקצו־שטעלן מחוץ די ראַמען פון די היסטאָרישע געזעצן אַ גאַנצע רייע „צופאַלן", און דאָס גיט צו די דאָזיקע געזעצן אַ מער פאַראיינפאַכטע פאָרם.

אָבער דאָס לייזט נאָך נישט די פראַגע. מען קאָן נעמען אַ גרופּע מענטשן, אָבער וואָס פאַר אַ גרופּע, לויט וועלכן פּרינציפּ דאַרף זי זיין געשאַפן?

זיינען געווען געלערנטע, וואָס האָבן פאַרן עלעמענט פון זייער פאָר־שונג אויסגעקליבן די גאַנצע מענטשהייט. זיי האָבן באַוויזן אויפצודעקן גע־זעצן, וואָס שטעלן פעסט געוויסע באַשטימטע שייכותן צווישן דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט ווי אַ גאַנצע און אַ רייע געאָגראַפישע און אַנדערע פיזישע עלעמענטן.

אַוודאי איז דאָס געווען אַ טריט פאָראויס אין דער געשיכטע־וויסנ־שאַפט. די דאָזיקע טיילווייזע געזעצן האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון היסטאָרישער פאָרשונג. זיי האָבן, אָבער, נישט באַוויזן אויפצוקלערן די פּראָצעסן, וואָס קומען־פאָר אין דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט גופא, און זיי האָבן גאָר גיך אויסגעשעפּט זייער פעאי־קייט פעסטצושטעלן נייע צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען.

אַנדערע האָבן געפּרוּווט אָננעמען פאַרן עיקרדיקן עלעמענט אַזעלכע גרופּעס, ווי פאָלק, מלוכה אד"גל. אָבער די דאָזיקע פאָרשונגען האָבן נישט געגעבן קיין גרויסע רעזולטאַטן. זיי האָבן בלויז אין אַ קליינער מאָס פאַר־גרעסערט אונזערע קענטענישן וועגן היסטאָרישע געזעצן.

קאַרל מאַרקס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאַרן עיקרדיקן היסטאָרישן עלעמענט אויסגעקליבן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע גרופּע, וואָס ווערט געווײנלעך באַצייכנט מיטן וואָרט „קלאַס". אין זיין באַרימטער הנחה — די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַ געשיכטע פון קלאַסן־קאַמף, ליגט פריער פאַר אַלץ דער געדאַנק, אַז וועלנדיק פאָרשן געשיכטע, דאַרף מען פאַרן אויסגאַנג־פּונקט נעמען דעם באַגריף „קלאַס" ווי אַ היסטאָרישן עלעמענט.

מיר שטרייכן נאָך אַמאָל אונטער, אין הסכם מיט די פריערדיקע אויס־פירן — די דאָזיקע השגה איז נישט אויף אַזוי פיל אָביעקטיווע רעאַליטעט, ווי גענויאַלע מעטאָדאָלאָגישע אינטואיציע.

טעאָרעטיש קען מען די געזעלשאַפט טיילן אויף גרופּן לויט פאַרשידענע סימנים, למשל, לויטן כאַראַקטער פון דער גרופּירונג (שטאַט, דאָרף), לויט רעגיאָנאַלע איינגנשאַפטן, אאַז"וו. קיין איינער פון די דאָזיקע אופנים פון

פּאַרטיילן די געזעלשאַפט, האָט זיך נישט אַרויסגעוויזן פאַר אַזוי פּרוכטבאַר, ווי די מאַרקסיסטישע פּאַרטיילונג. און דאָס דעצידירט וועגן דער סופּרעמאַציע פון דער מאַרקסיסטישער טעאָריע.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די איינציקע קריטעריע פאַר דער ריכטיקייט פון אויסוואַל פון די פאַקטאָרן זיינען די קאָנקרעטע רעזולטאַטן, וואָס דער פאָרשער דערגרייכט. אין דעם זין האָט זיך מאַרקס׳ אינטואיציע אַרויסגעוויזן פאַר פולשטענדיק באַרעכטיקט. דאָס פאָרשן די געשיכטע פון אַמאָל און היינט, באַטראַכטנדיק זי ווי אַ פונקציע פון עקאָנאָמישע פאַקטאָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַזוי פּרוכטבאַר, אַז אַפילו אויסגעשפּראָכענע קעגנער פון מאַרקסיזם האָבן זיך מיט דעם אָנגעשטעקט.

אָבער מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס אָננעמען דעם ווירטשאַפטלעכן פאַקטאָר פאַר דער עיקרדיק פאַרענדלעכער איז באַרעכטיקט לויט זיינע רעזולטאַטן ווי אַ *מעטאָד*, און נאָר ווי אַ מעטאָד. עס וואָלט געווען אַ פעלער אויפצובויען דאָ אַ מעטאַפיזישע קאָנצעפּציע, אַז דער עקאָנאָמישער מאָמענט איז די *סיבה*, און אַלע אַנדערע — בלויז דער *פּועל־יוצא*. דאָס איז, אַגב־אורחא, אַ שטאַרק פאַרשפּרייטער פעלער צווישן יענע מאַרקסיסטן, וואָס האָבן נאָך נישט באַוויזן צו באַפרייען זייער טראַכטן פון מעטאַפיזישע איבערבלייבענישן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ביז איצט האָבן מיר באַטראַכט די עיקרדיקע אָביעקטן פון געשיכטע־פאָרשונג. לאָמיר איצט פעסטשטעלן זייער שייכות מיט די אַנדערע פאַקטאָרן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיר קומען־צו אויף אַזאַ אופן צום צווייטן פונקט פון מאַרקסיסטישן געזעץ.

דאָ האַנדלט זיך קודם־כל וועגן די *דינאַמישע* פאַרהעלטענישן, און נישט די *סטאַטישע*. געשיכטע איז אין איר מהות באַוועגונג, אַנטוויקלונג. די היסטאָרישע געזעצן מוזן פריער פאַר אַלץ אויפקלערן די *ענדערונגען* פון די באַזונדערע פאַקטאָרן און זייער קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט פון די דאָזיקע ענדערונגען. כדי קאָנקרעט פאַרזיכטשטעלן די ענדערונגען, מוזן מיר דעם היסטאָרישן אַנטוויקלונג־פּראָצעס צעקלאַפּן אויף באַזונדערע עטאַפּן, אָדער תקופות, וואָס וועלן אונז מעגלעך מאַכן קלאָרער צו זען די ענדערונגען.

לאָמיר באַמערקן, אַז אויך די דאָזיקע פּאַרטיילונג, פּונקט ווי יעטווידע קלאַסיפיקאַציע, איז אַ קינסטלעכע און ווילקירלעכע פאַנאַנדערטיילונג פון דעם בעצם איינהייטלעכן אַנטוויקלונג־פּראָצעס. אַזאַ אָדער אַנדער פאַנאַנדערטיילונג איז נישט קיין כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אַ געגעבענער דערשיינונג, נאָר אַ מיטל וואָס פאַרגרינגערט דעם מענטשן צו דערקענען די דערשיינונג. אַ גוטע, אָדער אַ שלעכטע פאַנאַנדערטיילונג שיידן זיך אונטער נישט מיט זייער ריכטיקייט, אָדער נישט ריכטיקייט, נאָר מיט דעם — צו זיי קענען

אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס פאַרלייכטערן די וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. דאָס איז אויסשליסלעך אַ פּראַקטישער מעסטער, אָבער דער איינציק רעאַלער.

— — — — אין דער געשיכטע־וויסנשאַפט האָט מען זיך געוויינלעך באַנוצט מיט דער פּשוטער פאַרטיילונג אויף געוויסע צייט־אָפּשניטן. מען האָט פאַרגליכן די זעלבע דערשיינונגען אין פאַרשידענע פּעריאָדן, פון יאָרן, יאָרצענדליקער, אָדער יאָרהונדערטער. דער קאַלענדאַר — ד. ה. אַ ריין פאַרמעלער באַגריף — האָט פאַנאַנדערגעטיילט די געשיכטע. די דאָזיקע פּרימיטיווע קלאַסיפיקאַציע האָט נישט איין מאָל געבראַכט אינטערעסאַנטע רעזולטאַטן. אָבער די דאָזיקע קלאַסיפיקאַציע גיט פאָרט נישט קיין מעגלעכקייט טיפער אַריינצודרינגען אין דער עוואָלוציע פון געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. מאַרקס האָט אויסגעפונען אַן אַנדער מין פאַרטיילונג, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר מער צוגעפּאַסט צום עקאָנאָמישן פאַקטאָר, וועלכן ער האָט אויסגעקליבן פאַרן עיקרדיקן פאַקטאָר.

אין געזעלשאַפטלעכן לעבן קומט דער דאָזיקער פאַקטאָר צום אויסדרוק אין פאַרשידענע געשטאַלטן. די עוואָלוציע (די געשיכטלעכע אַנטוויקלונג) פון דעם דאָזיקן פאַקטאָר באַטייט אײנצייטיק אויך די ענדערונג פון די פאַרשידענע געשטאַלטן. כדי קאָנקרעט אויפצוכאַפּן די דאָזיקע אַנטוויקלונג, איז נויטיק דורכצופירן אַ פאַרטיילונג אין דער צייט נישט לויט קאַלענדאַרישע איינסן, נאָר לויט די ענדערונגען פון די וויכטיקסטע שטריכן, וואָס מען רופט **געזעלשאַפטלעכע פאָרמען פון פּראָדוקציע**.

דאָס אָריענטירן זיך אין די ענדערונגען פון די געזעלשאַפטלעכע פּראָדוקציע־פאָרמען געהערט צו די לפי־ערך גרינגערע היסטאָרישע אויפגאַבעס. די דאָזיקע ענדערונגען קומען פאַר בכלל גאַנץ פּאַמעלעך, און מיר קענען זיי אויפכאַפּן אין גאַנג פון די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. גלייכצייטיק מיט די דאָזיקע ענדערונגען קומען אויך פאָר ענדערונגען אין אַלע אַנדערע עלעמענטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער אָנהויב און סוף פון מאַרקסיזם

מיר קענען איצט פאָרמולירן אַ רייע אויספירן.

דער אַזוי גערופענער מאַטעריאַליסטישער (אָדער, בעסער געזאָגט, עקאָנאָמישער) קוק אויף דער געשיכטע באַשטייט פון צוויי טיילן. דער ערשטע טייל — דאָס איז די בעסטע אַרבעטס־היפּאָטעזע אין דער געשיכטע־וויסנשאַפט, דער שעפערישסטער מעטאָד צו פאָרשן די פאַרגאַנגענהייט און פאַראויסזען די צוקונפט. די צווייטע טייל — דאָס זיינען אַ רייע קאָנקרעטע שייכותן צווישן די עקאָנאָמישע עלעמענט און אַנדערע היסטאָרישע אָדער געזעלשאַפטלעכע עלעמענטן.

די צוויי אויבן אָנגעוויזענע מאַרקסיסטישע געזעצן געהערן דער עיקר

צו דער שיטה פון היסטאָרישער פאָרשונג. די שיטה איז אַ סוביעקטיווע שאַפונג פון דעם גאון מאַרקס און זי טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון זיין מעכטיקער פערזענלעכקייט. די קאָנקרעטע פאַרהעלטענישן זיינען אָביעקטיווע דערשיינונגען, וואָס זיינען נישט אָפּהענגיק פון דעם ווילן אָדער גאונות פון דעם פאָרשער. וועגן זיין שיטה האָט מאַרקס קיין סך נישט געשריבן. ער האָט כמעט אין אַלע זיינע ווערק זיך פאַרנומען מיטן אַנטדעקן די קאָנקרעטע פאַרהעלטענישן.

אָבער אַפילו דער בעסטער מעטאָד קען נישט זיין דער איינציקער מעטאָד. דאָס פאָדערן אַ מאָנאָפּאָל פאַר די מאַרקסיסטישע מעטאָדן האָט נישט קיין שום שייכות מיטן מאַרקסיזם. מען קען און צומאָל דאַרף מען אויך נוצן אַנדערע פאָרשונג־מעטאָדן, אויסמיידנדיק, למשל, אין גאַנצן דעם עקאָנאָמישן פאַקטאָר, זוכנדיק נייע שייכותן צווישן די אַנדערע פאַקטאָרן. אַוודאי — די רעזולטאַטן וואָס מיר וועלן באַקומען, וועלן, בדרך כלל, זיין ווייניקער וואָגיקע, צווייטראַנגיקע געזעצן לגבי יענע, וואָס זיינען פעסט־געשטעלט געוואָרן אויפן יסוד פון דער מאַרקסיסטישער שיטה. און דאָך קענען די ווייניקער וואָגיקע פאַרהעלטענישן באַרייכערן אונזער וויסן וועגן דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. אויך זיי זיינען טיילווייזע געזעצן, וואָס זיי־נען אין תוך נישט אין סתירה צו יענע טיילווייזע געזעצן, וואָס שטאַמען פון אָנווענדן דעם מאַרקסיסטישן אַנאַליז. מען באַגייט אַ פעלער, אויב מען וואַרפט פון פאַראויס אָפּ וועלכע נישט איז שיטה. די שיטה איז שלעכט נאָר דעמאָלט, ווען זי ברענגט פאַלשע רעזולטאַטן, אָדער זי שטעלט פעסט דאָס, וואָס איז שוין פון פריער באַקאַנט.

עס געשעט אָבער אויך, אַז אַ געגעבענער מעטאָד גיט במשך פון אַ גע־וויסער צייט אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן, און דערנאָך שעפּט ער זיך אויס און ווערט פּרוכטלאָז. אייגנטלעך געשעט עס אַזוי מיט יעדער שיטה און אויך דעם מאַרקסיזם וועט נישט געלינגען אויסצומיידן דעם דאָזיקן גורל.

עס איז נישט שווער פאָראויסצוזען די צייט ווען עס וועט געשען. אין דער גרונט־הנחה פון דער מאַרקסיסטישער שיטה גופא ליגט איר אָנהויב און איר סוף. דער גרונט־יסוד פון דער מאַרקסיסטישער שיטה איז דער קלאַס. אָבער די געשיכטע פון דעם מענטשלעכן קאָלעקטיוו הויבט זיך דאָך אָן אַ סך פריער, ווי די פאַרטיילונג פון דער מענטשלעכער עדה אויף קלאַסן. קען מען טאַקע די מאַרקסיסטישע שיטה נישט אָנווענדן צו דער אוראַלטער עפּאָכע פון דער מענטשלעכער געשיכטע פון דער צווייטער זייט — פּירט דאָס אָנווענדן דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד אומפאַרמיידלעך צום אויספיר, אַז די אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט גייט אין דער ריכטונג פון אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט. אַזאַ געזעלשאַפט, הייסט עס, וואו מען וועט די מאַרקסיסטישע מעטאָדן מער נישט קענען אָנווענדן.

די מאַרקסיסטישע קאָנצעפּציעס קענען, אויב אַזוי, אָנגעווענדט ווערן נאָר צו איין פראַגמענט פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס זיין אָנהויב

און סוף איז געבונדן מיטן אויפקום און אונטערגאַנג פון געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. די אוטאָפּישע זוכער פון אַן אַלגעמיינעם היסטאָרישן געזעץ קענען די דאָזיקע צייט־באַגרענעצונג פון די מאַרקסיסטישע מעטאָדן און קאָנצעפּציעס באַטראַכטן פאַר אַן אָרגאַנישן חסרון. אָבער פאַר דער רעאַלער וויסנשאַפט, וואָס אָפּערירט נאָר מיט צייטווייליקע געזעצן, איז די צוקונפטיקע מעטאָדאָלאָגישע ווערטלאָזיקייט פון מאַרקסיזם, נישט קיין ראיה פון אַ פאַר־קלענערטן ווערט פון מאַרקסיזם פאַרן היינטיקן טאָג.

איינע פון די ווערטפולסטע דערגרייכונגען פון דער מאַרקסיסטישער היסטאָרישער שיטה איז דאָס פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז געוויסע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן־פאַרהעלטענישן אַנטשפּרעכן געוויסע וועלט־אַנשויאונגען; און אַז די ענדערונגען פון די דאָזיקע פאַרהעלטענישן ווערן באַגלייט מיט ענדערונגען אין די אַנטשפּרעכנדיקע וועלט־אַנשויאונגען. דער מאַרקסיזם באַטראַכט זיין קאָנצעפּציע פאַר אַן אָרגאַנישן טייל פון דער וועלט־אַנשויאונג פונם פּראָלעטאַריאַט, וואָס קעמפט פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער באַפרייאונג.

דער מאָמענט פון פולשטענדיקן טריאומף פון מאַרקסיזם וועט איינצייטיק זיין דער מאָמענט פון זיין פאַלן. עס וועט דעמאָלט, בלי־ספק, אויפשטיין אַ נייע אידעאָלאָגיע, צוגעפּאַסט צו נייע צייטן, וואו דער קאַמף פאַר ברויט וועט אויפהערן צו זיין די טרייב־קראַפט פון מענטשלעכן לעבן. די מאַרקסיסטישע מעטאָדן וועלן דעמאָלט בלייבן אַ טייל פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע. מען וועט זיך אין זיי נויטיקן ביים פאַרשן די פאַרגאַנגענהייט, אָבער די צוקונפט וועט זיין דער אָביעקט פון מער אַלגעמיינע געזעצן.

אַזוי אַרום קען דער מאַרקסיזם באַזיגט ווערן נאָר דורך זיין אייגענעם... זיג.

די נייע פיזיק

דאָס דאָזיקע ווערק האָט וויקטאָר אַלטער געשריבן אין אַ סאָוועטישער טורמע. גראָד אין דער מוראדיק פּײַנלעכער צײַט, ווען ער איז אויסגע־שטאַנען די שרעקלעכסטע מאָראַלישע און פיזישע עינויים פון די „אויס־פאָרשונגען", האָט זײַן גייסט זיך נישט געלאָזט ברעכן; זײַן מוח האָט געאַרבעט איבער די נייסטע פּראָבלעמען פון פיזיק און אין די פינצטערע קאַזעמאַטן פון סטאַלין־רעזשים האָט ער געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף, כדי צו געווינען די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען זײַנע געדאַנקען אויפן פּאַפּיר און עס איבערלאָזן בירושה פאַר דער פרייער וועלט פון וויסנ־שאַפט.

צענטליקער טעג האָט אַלטער געפירט הונגער־שטרײַקן פאַר דער איינציקער פאָדערונג — פּאַפּיר און אַ בלײַפעדער! ער האָט זײַנס אויס־געפירט: די העסלעכע אינקוויזיטאָרן האָבן אים סוף כל סוף דערלויבט יעדן טאָג, צו עטלעכע שעה, אין אַ באַזונדער קאַמער, שרײַבן זײַן אַרבעט.

***

וועגן בוך און ווי אַזוי דער מאַנוסקריפּט איז געפונען געוואָרן שרײַבט אונז ח' דר. י. גליקסמאַן, וויקטאָר אַלטערס ברודער:

וויקטאָר, וואָס לויט זײַן בילדונג איז ער געווען אַן אינזשינער, האָט שטענדיק געהאַט גרויס חשק זיך צו פאַרנעמען מיט העכערער מאַטעמאַטיק, טעאָרעטישער פיזיק אאַז"וו. אין פּוילן, אין די 20־30־קער יאָרן, פלעגט ער אויסנוצן יעטוועדע פרײַע מינוט פון זײַן צײַט, וואָס איז געווען פול אָנגעלאָדן מיט כלערליי אַקטיוויטעטן — צו לייענען די נײַע וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור פון דעם געביט. ער פלעגט מיר אָפט דערציילן וואָס ער האָט געלייענט און אויך אויפקלערן מיר זײַנע אייגענע טעאָריעס, וואָס זײַנען נישט געווען אין איינקלאַנג מיט די טראַדיציאָנעלע יסודות און השגות פון פיזיק, וואָס מען לערנט אין די אוניווערזיטעטן.

„. . . אויב מען וועט מיר אַמאָל אַרײַנזעצן אין טורמע, פלעגט ער מיר אָפט זאָגן, וועל איך אָנשרײַבן אַ טעאָרעטישן בוך וועגן פיזיק, וואו איך וועל אויפקלערן די נײַע אידייען; אַ שאָד וואָס איך האָב נישט קיין צײַט דערויף איצט !".

עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ סיסטעם פון פיזיק, וואָס איז נישט באַזירט אויף ניוטאָנס טעאָריעס, בעת אַלע טראַדיציאָנעלע סיסטעמען פון פיזיק זיינען ניוטאָנישע. וויקטאָרס טעאָריעס גרענעצן מיט די הויכע שטאַפּלען פון מענטש־לעכן געדאַנק, דאָרט, וואו די אַ״ג „עקזאַקטע וויסנשאַפטן״ גרענעצן מיט פילאָזאָפיע.

און אָט איז זיין „וואונטש״ וועגן טורמע פאַרווירקלעכט געוואָרן אין די טראַגישע יאָרן 1939־41 — ער האָט אָנגעשריבן זיין ווערק.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהאַט דעם מאַנוסקריפּט אין האַנט אין יוני 1942, ווען איך בין געקומען קיין קויבישעוו, דער דעמאָלטיקער הויפּט־שטאָט פון סאָוויעטן־רוסלאַנד (די דייטשן זיינען שוין געשטאַנען ביי מאָסקווע און די רעגירונג האָט זיך עוואַקואירט). וויקטאָר האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט; אָבער קיינער — חוץ זיינע תּליונים — האָט נאָך וועגן דעם נישט געוואוסט: אין דער וועלט זיינען ווייטער אָנגעגאַנגען די באַמיאונגען וועגן באַפרייען אים און הענריק ערליכן.

דעם מאַנוסקריפּט האָט מיר געגעבן לודוויק זיידעמאַן (דער זון פון נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם באַקאַנטן וואַרשעווער ציוניסטישן טוער און סיים־דעפּוטאַט, אַ שוואָגער פון ערליכן), וואָס איז אין דער פּוילישער אַמבאַ־סאַדע געווען דער ממונה איבער יידישע ענינים. מען האָט מיר דערציילט, אַז נאָך דער באַפרייאונג אין יאָר 1941, האָט וויקטאָר געלאָזט זיינע בלייפעדער־נאָטיצן איבערשרייבן אויף אַ מאַשין אין עטלעכע קאָפּיעס. ער האָט נאָך אָבער געאַרבעט איבערן מאַנוסקריפּט אין מאָסקווע און אין קויבישעוו, ווייל די ערשטע קאָפּיע פון דעם מאַשין־מאַנוסקריפּט האָט כמעט אויף יעטוועדער זייט פיל אויסבעסערונגען און צוגאָבן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן — אויך אין רוסיש, ווי דער גאַנצער אָריגינאַל — מיט וויקטאָרס האַנט. ספּעציעל זיינען מיט זיין האַנט אָריינגעשריבן געוואָרן הונדערטער מאַטעמאַטישע פאָרמולעס.

איך האָב נאַטירלעך דעם מאַנוסקריפּט נישט געקאָנט מיטנעמען מיט זיך, ווייל איך האָב אין יענער צייט אַרומגעוואַנדערט מיט אַ „רוק־זאַק״ אויף דער פּלייצע און ביי דער ערשטער רעוויזיע וואָלט מען סיי־ווי ביי מיר צוגענומען אַלע געשריבענע מאַטעריאַלן. איך האָב דעריבער געבעטן זיידעמאַנען, אַז מ׳זאָל דעם מאַנוסקריפּט איבערשיקן מיט דער דיפּלאָמאַטישער פּאָסט קיין לאָנדאָן צום חבר אַרטור זיגעלבוים. אָבער פון דעמאָלט אָן זיינען די שפּורן פון מאַנוסקריפּט פאַרשוואונדן געוואָרן אויף עטלעכע יאָר. די פּוילישע רע־גירונג אין לאָנדאָן האָט פאַר דער צייט פאַקטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן און קיינער האָט נישט געוואוסט וואו דער מאַנוסקריפּט געפינט זיך.

ערשט סוף 1949 האָב איך דעם מאַנוסקריפּט צופעליק אַנטדעקט אין אַמעריקע.

זייענדיק אין וויסנשאַפטלעכער קאָרעספּאָנדענץ מיט דער „הואווער־לאַיברערי אַן וואָר ענד רעוואָלושן״ ביי דעם סטאַנפאָרד־אוניווערזיטעט (אין קאַליפאָרניע), האָב איך זיך דערוואוסט, אַז געוויסע אַרכיוון פון דער געוועזענער

פּוילישער אַמבאַסאַדע אין קויבישעוו געפינען זיך דאָרטן. איך האָב געבעטן מען זאָל אויפזוכן אפשר געפינט זיך דאָרטן אויך וויקטאָרס מאַנוסקריפּט, און — איך האָב מיטאַמאָל באַקומען אַ באַשטעטיקונג, אַז דער מאַנוסקריפּט איז טאַקע דאָרטן פאַראַן.

עטלעכע וואָכן שפּעטער האָב איך אים שוין געהאַט אויף מיין טיש, און איבערגעגעבן צו קאָמפּעטענטע אַמעריקאַנער וויסנשאַפטלער.

די אַרבעט באַשטייט פון צוויי טיילן, איינגעטיילט אין באַזונדערע קאַפּיטלעך:

ערשטער טייל — די דערקענטעניש־טעאָריע פון דער נייער פיזיק.

א. אַלגעמיינע פּראָבלעמען.

1. דער וועג פון פיזיק.
2. די חושים.
3. די פעאיקייט אויסצובילדן השגות.
4. די פעאיקייט פון לאָגישן דענקען.
5. שלוס.

צווייטער טייל

אַנטהאַלט די אייגנטלעכע מאַטעמאַטישע באַגרינדונג פון נישט ניוטאַנישער, „אוניטאַרער נייער פיזיק", „נייער מעכאַניק", און אילוסטרירט דורך הונדערטער מאַטעמאַטישע פאָרמולעס.

מיר ברענגען דאָ אויסצוגן פון עטלעכע קאַפּיטלעך פונם ערשטן טייל, וואו די פּראָבלעמען ווערן באַהאַנדלט נישט אַזוי ריין טעכניש *).

די דערקענטעניש־טעאָריע פון דער נייער פיזיק

דער פראַנצויזישער פילאָסאָף קאָנדאָרסע האָט געזאָגט: די זוכעניש נאָך אמת איז איינע פון די עיקר־ליידנשאַפטן ביים מענטשן.

די דאָזיקע ליידנשאַפט ציט זיך ווי אַ רויטער פאָדים דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די זוכעניש נאָך אמת, באַזונדערס די לייזונג

*) די איבערזעצונג איז געמאַכט פון חבר וו. שולמאַן.

פון דער רעטעניש פונם קיום, וואָס רינגלט אַרום דעם מענטשן, האָט כסדר פאַרנומען די מוחות פון די בעסטע מענטשן. די אופנים, ווי אַזוי די מענטשהייט האָט געזוכט צו לייזן אָט די רעטעניש זיינען געווען פאַרשידן. אין אַלטערטום, באַזונדערס אויפן מזרח, האָט מען געזוכט צו געפינען דעם אמת דורך פּאַרטי־פונג אין זיך גופא, דורך דערהויבן יענע אונטערבאַוואוסטזיניקע צושטאַנדן, בעת וועלכע דעם מענטשן דוכט זיך, אַז ער געפינט זיך אין אַ נעענטערן קאָנ־טאַקט מיט דער נאַטור, איידער אין אַ נאָרמאַלער צייט. דער דאָזיקער אופן האָט פאַר זיין יסוד די איבערצייגונג, אַז די אויסערלעכע וועלט און די אינטימ־סטע מענטשלעכע איבערלעבונגען שטעלן מיט זיך פאָר אַן איין־איינציקע, אומטיילבאַרע גאַנצקייט, און דעריבער קען דער מענטש, ווען ער זוכט־אויס דעם אינערלעכן אמת, געפינען דעם שליסל צו אויפקלערן די אויסערלעכע ווירקלעכקייט.

דער דאָזיקער דרך האָט קודם כל געגעבן דער מענטשהייט אַ סך מאָראַ־לישע אמתן, באַזונדערס די דריי גרויסע אמונות — די יידישע, קריסטלעכע און מאַכמעדאַנישע, אָבער... ער האָט נישט באַשאַפן די פיזיק.

מיט אַן אַנדער דרך זיינען אַוועק אַ סך דורות שפּעטער יענע פעלקער, וואָס האָבן געלעבט אַרום דעם עגעאישן ים. די גריכישע קולטור האָט נעגירט אַנטפּלעקונג, עקזאַלטירונג, אונטערבאַוואוסטזיניקייט ווי אַ מיטל צו דערקענען די אויסערלעכע וועלט. די גריכן האָבן געהאַט די איבערצייגונג, אַז די אויי־סערלעכע וועלט שפּיגלט זיך אָפּ אינם ריינעם, קלאָרן מענטשלעכן באַוואוסטזיין, אין זיין שכל, און דעריבער קאָן מען דורך שטודירן די געזעצן פון שכל, דורך ראַפינירן דעם געדאַנק דערגיין די סודות פון דער נאַטור.

במשך פון זייער אויפבלי־פעריאָד האָבן די גריכן איבערגעלאָזט פּרעכטיקע און אומפאַרגלייכלעכע מוסטערן פון מענטשלעכער שאַפונג אויפן געביט פון קונסט, — האָבן איבערגעלאָזט די ווערק פון סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, אַריסטאָטעל, וואָס זייערע נעמען בלייבן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער קולטור, — האָבן איבערגעלאָזט אַ גענויע שטודיום פון די געזעצן פון לאָגיק און רעגלמעסיקן דענקען, אָבער אויך דער דאָזיקער דרך האָט נישט באַשאַפן די פיזיק.

דאָס, וואָס מיר רופן מאָדערנע עקזאַקטע וויסנשאַפטן, בפרט די פיזיק עקזיסטירט לפי ערך נישט לאַנג, קרוב 300 יאָר. דער דאָזיקער נייער דרך איז אַנטשטאַנען אינם רענעסאַנס פעריאָד. נאָך יאָרהונדערטער פון מיטלאַלטער־לעכן דאָגמאַטיזם און אינטעלעקטועלער טויטקייט.

דער דאָזיקער נייער דרך אונטערשיידט זיך ראַדיקאַל סיי פונם מזרח־דרך, סיי פונם גריכישן דערמיט וואָס ער זוכט אויסצוגעפינען די רעטעניש פון דער אַרומיקער נאַטור נישט אינם מענטשן גופא, נאָר אויסער אים, אין דער נאַטור גופא.

אָבסערוואַציע און עקספּערימענט — אָט דאָס זיינען די אויסגאַנג־מאָמענטן פון דאָזיקן דרך, וואָס האָט באמת דערפירט צו דער אַנטשטייאונג פון דער

מאָדערנער וויסנשאַפט, באַזונדערס צו דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער פיזיק. אָבסערוואַציע און עקספּערימענט בנוגע קליינע אָפּשניטן פון דערווירקלעכקייט, וואו זיי שטרעבן איינצושטעלן אַ געוויסע שטענדיקע שייכות צווישן באַזונדערע דערשיינונגען, אַ געוויסע געזעצמעסיקייט אין דער באַ־שיידנסטער מאָס — אָט דאָס איז דער רעאַלער דרך, וואָס האָט געמאַכט פאַר מעגלעך אויפצושטעלן יענעם גיגאַנטישן בנין, וואָס הייסט היינט עקזאַקטע וויסנשאַפט.

דער דאַזיקער דרך האָט פון אָנהויב אָן באַטייט — אָפּזאָגן זיך צו פּרובירן אָנטשיידן מיט איין קלאַפּ די גרונט־פּראָבלעמען פון דער אויסערלעכער וועלט, באַגנוגענענדיק זיך מיט טיילווייזע אמתן, וואָס זיינען נישט פאַרבונדן איינע מיט די אַנדערע. ס'איז קלאָר, אַז אויך אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט איז דער ענדציל — צו שאַפן אַן איינהייטלעך בילד פון דער וועלט, וואָס נעמט צונויף אַלע געביטן פון מענטשלעכער דערקענטעניש אין איין האַרמאָניש אויסגעצ־שטאַלטיקטן בנין. אָבער דאָס איז פאַר די וויסנשאַפטלער געוואָרן אַ ווייטער אידעאַל, אַלע זייערע רעאַלע באַמיאונגען זיינען געוואָרן געווענדט צום אויסגעפינען באַזונדערע, טיילווייזע אמתן, נישט זאָרגנדיק דערפאַר, אַז די דאַזיקע טיילווייזע אמתן זאָלן קאָנען אויסבילדן איין אַלגעמיינעם אמת.

דער דאַזיקער דרך האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער פּרוכפּעריק. די לעצטע יאָרהונדערטער זאָגן עדות וועגן אַן אַלץ שנעלערער אַנטוויקלונג פון אונזערע עקזאַקטע וויסנשאַפטן און אַן אַלץ גלענצנדיקער אַנווענדונג פון די דערגרייכונגען פון די דאַזיקע וויסנשאַפטן אויפן געביט פון טעכניק, וואָס האָט געגעבן דעם מענטשן די מעגלעכקייט איבערצוגעשטאַלטן די אויסערלעכע וועלט, אָנפירן און אויסנוצן לויט אייגענעם ווילן יענע קרעפטן פון דער דאַזיקער וועלט, וואָס האָבן אויסגעקוקט נישט באַזיגט צו זיין.

פיל קולטורעלע מענטשן זיינען איבערצייגט, אַז די מאָדערנע עקזאַקטע וויסנשאַפטן, בפרט פיזיק, זיינען באַזירט אינגאַנצן אויפן פעסטן יסוד פון אָב־סערוואַציע און עקספּערימענט, וואָס שפּיגלען־אָפּ די אויסערלעכע וועלט און זיינען פריי פון יענע טעותן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן מענטשלעכן שכל און מענטשלעכער אינטואיציע. צי איז טאַקע אין דער אמתן אַזוי? קאָנען מיר פאַר־זיכערן, אַז אונזער מאָדערנע וויסנשאַפט האָט זיך פּולקאָם באַפרייט פונם רייך־מענטשלעכן פאַקטאָר און שטיצט זיך אויסשליסלעך נאָר אויף די אָבסערוואַציעס און עקספּערימענטן, וואָס ווערט צוגעשטעלט דורך דער אויסערלעכער וועלט, דורך דער אָביעקטיווער ווירקלעכקייט?

געוויס נישט, ווייל יעטווידע אָבסערוואַציע און יעטווידער עקספּערימענט איז נישט בלויז אַן אויסדרוק פון דער השפּעה מצד דער אויסערלעכער וועלט אויפן מענטשן, נאָר אויך גלייכצייטיק אַ מענטשלעכע השגה פון דער אויסערלעכער וועלט. דעריבער איז נויטיק אין יעטווידן עקספּערימענט און אין יעטווידער אָבסערוואַציע שטרענג פאַנאַנדערגרענעצן די ראָל און דעם אָנטייל פון דער

אָביעקטיװער װירקלעכקײט און די ראָל און דעם אָנטײל פון די רײן־מענטש־לעכע אײגנשאַפטן און אײגנטימלעכקײטן.

אַרױסגײענדיק פונם דאָזיקן שטאַנדפּונקט דאַרפן מיר אונטערשײדן דרײַ־ערלײ מענטשלעכע פעאיקײטן, אַדאַנק װעלכע דער מענטש איז בכוח צו באַנעמען װאָס נישט איז אין דער אַרומיקער אױסערלעכער װעלט.

די ערשטע פעאיקײט — דאָס זײנען אונזערע פינף חושים, אַדאַנק װעלכע מיר װײסן בכלל װעגן דער עקזיסטענץ פון עפּעס אַן אױסערלעכער װעלט מחוץ אונז.

די צװײטע — דאָס איז די פעאיקײט פונם מענטש צו שאַפן אַלגעמײנע השגות אױפן סמך פון יענע אײנצלנע אײנדרוקן, װאָס זײנע חושים שאַפן פאַר אים.

די דריטע — דאָס איז די פעאיקײט צו טראַכטן, ד. ה. לאָגיש צונױפבינדן אײנצלנע דערשײנונגען אין זײער שײכות אײנע צו דער אַנדערער. דאָס איז די פעאיקײט פון לאָגישן דענקען, װאָס איר רײנער און העכסטער אױסדרוק זײנען די מאַטעמאַטישע װיסנשאַפטן און זײער אָנװענדונג בײם פאָרשן די אױ־סערלעכע װעלט.

אָט דורך די דרײ פעאיקײטן גײט אַדורך די אָביעקטיװע רעאַליטעט, יענע אױסערלעכע װעלט, װאָס איז דער אָביעקט פון פאָרשונג פאַר דער פיזיק און װאָס אירע געזעצמעסיקײטן בילדן־אױס אַ שטרענג אױסגעהאַלטענעם װיסנ־שאַפטלעכן בנין.

אונזער ערשטע אױפגאַבע דעריבער דאַרף זײן דער אַנאַליז פון די דרײ אַנגעװיזענע פעאיקײטן, כדי פּינקטלעך אָפּטײלן די אמתע עלעמענטן פון דער רעאַליטעט פון די יעניקע, װאָס אונז דוכט זיך בלױז.

אונזערע חושים

דער מאָדערנער מצב פון דער װיסנשאַפט גיט אונז די מעגלעכקײט צו באַשטימען אין װאָס פאַר אַ מאָס אונזערע חושים אינפאָרמירן אונז אמתדיק און ריכטיק װעגן דער אױסערלעכער װעלט:

לאָמיר זײ באַטראַכטן לױט דער רײ נאָך:

1. דער חוש השמיעה (דאָס הער־געפיל).

מיר װײסן הײנט, דאָס אונזער הער־געפיל איז נישט עפּעס אַנדערש װי נאָר דאָס, װאָס אונזערע הער־אָרגאַנען נעמען־אױף די לופט־װיברירונגען פון געװיסע מאַטעריעלע טײלן. אונזער אױער איז אַ מין אינסטרומענט, װאָס מעסט־אױס די אָפטקײטן פון די װיברירונגען און זײער אינטענסיװקײט; סײ די אָפטקײט און סײ די אינטענסיװקײט שפּיגלען זיך דערבײ אָפּ אין אונזער באַװאוסטזײן װי קלאַנגען פון פאַרשײדענער טאָנונג און פאַרשײדענער קראַפט. מיר האָבן דעריבער דאָס רעכט צו זאָגן, אַז אין אַלע קלאַנגען, װאָס אונזער

חוש השמיעה נעמט אויף זיינען פּאַראַן צוויי עלעמענטן. ערשטנס, אַן עלעמענט פון אָביעקטיווער רעאַליטעט, וואָס באַשטייט פון עפּעס אַ באַוועגונג פון אָביעקטן אין רוים און שטח. אָט די אָביעקטיווע רעאַליטעט רופט אַרויס אין מענטשלעכן באַוואוסטזיין אַ צווייטן עלעמענט אין דער פאָרם פון אַ סוביעקטיווער רעאַליטעט, וואָס דריקט זיך אויס אין די השגות פון געריוש און שטילקייט, אין דער פאַר־שיידנקייט פון די קלאַנגען און זייער קאָמבינירונג. מיר האָבן רעכט צו זאָגן, אַז די נאַטור גופא ווייס נישט פון געריוש, פון שטילקייט, אַז אַלע קלאַנג־דערשיינונגען זיינען בלויז קוואַנטיטאַטיווע אונטערשיידן פון אַ באַשטימטער באַוועגונג פון באַשטימטע אָביעקטן, אַז דאָס מענטשלעכע אויפנעמען פון אַ קלאַנג באַציט זיך צו די רעאַלע ענדערונגען פון דער קוואַנטיטאַטיווער באַ־וועגונג, ווי אַ טערמאָמעטער צו טעמפּעראַטור. אונזער סוביעקטיווע רעאַליטעט, איז נאָר אַ ווייזער פון דער אָביעקטיווער רעאַליטעט, דאָס איז נאָר אַן אינסטרו־מענט פאַר אויסמעסטן, אָבער נישט די רעאַליטעט גופא.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר ווייסן שוין היינט גאַנץ באַשטימט, אַז אויפן געביט פון די הער־חושים זיינען אונזערע נאַטירלעכע אָרגאַנען זייער באַגרענעצט, אַז אין דער נאַטור עקזיסטירט אַ לאַנגע אומענדלעכע ריי פון קוואַנטיטאַטיווע ענדערונגען אין צייט און רוים, וואָס מיר וואָלטן געקאָנט פילן ווי אַ קלאַנג, אָבער אונזער אויער איז בכוח צו פאַררעגיסטרירן בלויז קליינע פּיצלעך פון דער אומענד־לעכער לענטע קוואַנטיטאַטיווע ענדערונגען. מיט זייערע אָפּטקייטן וואָלטן די וויברירונגען פון געגעבענעם אַרום געקאָנט אַרויסרופן ביים מענטשלעכן געהער בלויז אַ באַגרענעצטן סכום קלאַנג־געפילן. אָפּטקייטן נידעריקער פון דער מינימאַלער און העכער פון דער מאַקסימאַלער גרענעץ עקזיסטירן נישט פאַרן מענטשלעכן אויער, הגם זיי זיינען בלי ספק אַ טייל און אַ גאַנץ וועזנט־לעכער טייל פון דער אָביעקטיווער רעאַליטעט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבן גאַנץ גענוי אַנאַליזירט דעם ערשטן פון אונזערע פינף חושים — דעם חוש השמיעה. בנוגע אַלע איבעריקע חושים קומט־אויס בעצם איבערצו־חזרן דאָס אויבן געזאָגטע און קומען צו די זעלביקע אויספירן, נעמלעך:

2. דער חוש הראיה (דאָס זע־געפיל)

די מאָדערנע טעאָריע וועגן אָפּטיק דערקלערט דעם חוש הראיה מיטן איינדרוק, וואָס ווערט אויסגעאיבט אויפן מענטשלעכן אויג דורך באַוועגונגען פון עפּעס אַזעלכעס וואָס פאַרנעמט אַ טייל פון רוים און וואָס ענדערט מיט דער צייט זיין פּאָזיציע אין רוים. מיר קענען דעריבער זאָגן, אַז אַלע זע־געפילן ווערן אַרויסגערופן דורך עפּעס אָביעקטן וואָס באַוועגן זיך אין צייט און רוים. דאָס מענטשלעכע אויג איז בלויז אַן אינסטרומענט צו מעסטן די קוואַנטיטאַטיווע אונטערשיידן צווישן די דאָזיקע באַוועגונגען. די באַגריפן ליכט, פינצטערניש,

אָדער פאַרשיידענע קאָלירן — דאָס איז בלויז אַ מענטשלעכער אויסדרוק פון פאַרשיידענע ריין קוואַנטיטאַטיווע באַוועגונגען. קאָלירן בלוי, רויט, פיאָלעט באַצייכענען נישט עפּעס אַנדערש ווי יוּיבערירונגען פון דער אָדער יענער לענג פון אַ וועל (כוואַליע).

עס הייסט, אַז אויך אין דאָזיקן פאַל איז די אָביעקטיווע רעאַליטעט בלי־ספק בלויז אַ מין באַוועגונג פון עפּעס אָביעקטן, און אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט די באַגריפן ליכט אָדער קאָליר געהערט שוין צו דער סוביעקטיווער רעאַ־ליטעט, צו דער אייגנשאַפט פון מעסטונג־אַפּאַראַט, צו דער אייגנשאַפט פון טערמאָמעטער, אָבער נישט פון דער טעמפּעראַטור.

אויך ביים חוש הראיה קומט־אויס צו קאָנסטאַטירן, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן פריער ביים חוש השמיעה, אַז אונזער אַפּאַראַט פון אָבסערוואַציע און עקספּערימענט, נעמלעך דאָס מענטשלעכע אויג, איז נישט פאַלקאָם און ווייזט אונז בלויז זייער קליינטשקע אָפּשניטן פון יענער לאַנגער אומענדלעכער גאַמע פון קוואַנטיטאַטיווע מעסטונגען פון דער באַוועגונג, וואָס איז מעגלעך אין דער אָביעקטיווער רעאַליטעט. פון דעם שטאַנדפּונקט זיינען אונזערע קינסטלעכע אַפּאַראַטן און אינסטרומענטן מער פולקאָם און מער פּרוכפּעריק, איידער די, מיט וועלכע די דירעקטע נאַטור האָט אונז באַשאָנקען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

3. חוש הריח און חוש הטעם (גערוך־ און געשמאַק־געפיל)

די דאָזיקע צוויי חושים אונטערשיידן זיך נישט בעצם פונם חוש השמיעה. סיי דאָ און סיי דאָרטן ווערן אונזערע חושים אַרויסגערופן דורך די באַוועגונגען פון מאַטעריעלע טיילכעלעך פון אַ באַשטימטער גרויס און אַ באַשטימטער שנעלקייט. ביי די פונקציעס פון חוש הטעם שאַפט זיך אַ קאָנטאַקט צווישן די מאַטעריעלע טיילכעלעך און דעם אינעווייניקן חלל פון מויל, וואָס סוף כל סוף שפּיגלט זיך דאָס אָפּ אין מענטשלעכן באַוואוסטזיין ווי פאַרשידנאַרטיקע געפילן. דערפון איז געדרונגען, אַז אויך די טעם־חושים זיינען בלויז אַ סוביעקטיווע רעאַליטעט, וואָס אַנטפּלעקט פאַר אונז די אונטערשיידן אין די אָביעקטן און אין די באַוועגונגען פון דער אָביעקטיווער רעאַליטעט, וואָס זי אַליין באַשטייט נאָר פון פאַרשיידענע באַוועגונגען פון מאַנכע אָביעקטן אין רוים און צייט.

אין ביידע פאַלן זיינען אונזערע חושים בכוח צו אַנטפּלעקן בלויז אַ קליינעם אָפּשניט פון יענער אומענדלעכער פאַרשיידנקייט, וואָס עקזיסטירט באמת אין דער נאַטור. מיר זיינען אויך דאָ געצוואונגען זיך צו באַנוצן מיט קינסטלעכע אַפּאַראַטן און אינסטרומענטן, וואָס גיבן אונז די מעגלעכקייט באַדייטנדיק אויסצוברייטערן און פאַרטיפן אונזערע ידיעות וועגן די באַזונדערע באַוועגונגען אָדער אָביעקטן, וואָס רופן אַרויס ביים מענטשן די געפילן פון ריח אָדער טעם.

4. חוש המישוש (טאַפּ־געפּיל)

די טאַפּ־אָרגאַנען צוזאַמען מיט די זע־אָרגאַנען זיינען איינס פון די וויכ־טיקסטע מיטלען צו פאַרשן די אויסערלעכע וועלט. בכלל קען מען אַלע טאַפּ־אָרגאַנען צעטיילן אויף צוויי גרופּעס. צו דער ערשטער געהערן אַלע דער־שיינונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט טעמפּעראַטור, צו דער צווייטער גרופּע — אַלע דערשיינונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אויבערפלאַך־געפילן, וואָס מען רופט אָן געוויכט.

לאָמיר באַטראַכטן יעטווידע גרופּע באַזונדער.

דאָס טאַפּ־געפּיל פון טעמפּעראַטור. ביים איצטיקן מצב פון דער וויסנשאַפט איז קיין שום ספק נישט, אַז אַלע טעמפּעראַטור־געפילן שטאַמען אין דער אמתן פון דער עקזיסטענץ פון פאַרשיידענע מאָלעקוליאַרע וויברירונגען אָדער באַוועגונגען. דאָס ברענגט אונז ווידער אַמאָל צום אויספיר, אַז אַלע טעמפּע־ראַטור־געפילן — די באַגריפן פון וואַרעמקייט אָדער קעלט זיינען אַ ריין סוב־יעקטיווע רעאַליטעט, און צו דער אָביעקטיווער רעאַליטעט געהערן בלויז פאַרשיידענע וויברירונגען, פאַרשיידענע באַוועגונגען פון די אָדער אַנדערע מאָלעקוליאַרע אָביעקטן. און ווידער אַמאָל פונקט ווי ביים אַנאַליזירן די פריערדיקע חושים, דאַרפן מיר קאָנסטאַטירן, אַז אונזערע נאַטירלעכע אַפּאַ־ראַטן צום מעסטן אָט די מאָלעקוליאַרע באַוועגונגען זיינען בכוח צו אַנטפּלעקן פאַר אונז בלויז אַן אומבאַדייטנדיקן אָפּשניט פון אַלע מעגלעכע וויברירונגען. כדי פולקאָם צו אויספאָרשן די דאָזיקע דערשיינונג דאַרפן מיר זיך באַנוצן מיט דער הילף פון קינסטלעכע אינסטרומענטן, וואָס גיבן אונז די מעגלעכקייט צו מעסטן און באַשטימען די טעמפּעראַטור פון אַבסאָלוטן זעראָ אָן ביז פיל טויזנטער גראַדן, אָדער, אַנדערש גערעדט, די מאָלעקוליאַרע באַוועגונגען מיט די פאַרשיידנאַרטיקסטע ווייטקייטן און אָפּטקייטן, אָנהויבנדיק פון זעראָ און ענדיקנדיק מיט באַדייטנדיקע גרייסן פון הויכע טעמפּעראַטורן.

דאָס טאַפּ־געפּיל פון געוויכט. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע געהערן אַלע געפילן, וואָס אַנטשטייען פון דער באַרירונג פון אונזער קערפּער מיט אַנדערע קערפּערס, ווי למשל: האַרטקייט, עלאַסטישקייט, נישט־דורכדרינגלעכקייט, שאַרסטיקייט און ענלעכע, ווי אויך דאָס געפּיל פון געוויכט, וואָס דער מענטש באַקומט, ווען ער האַלט עפּעס אַ זאַך אויף אַן אויסגעצויגענער האַנט. אָט די אַלע געפילן זיינען סוף כל סוף אַ סוביעקטיווע רעאַליטעט, ווייל דאָס אַלץ שפּיגלט אָפּ בלויז אינם מענטשלעכן שכל געוויסע באַזונדערע באַוועגונגען פון געוויסע באַזונדערע אָביעקטן אין רוים און צייט. אין דער אמתן באַטייט דער אויבערפלאַך־קאָנטאַקט פון צוויי מאַטעריעלע קערפּערס בלויז אַ געוויסע באַרירונג פון ענערגעטישע פעלדער, מיט וועלכע יעטווידער קערפּער איז אַרומ־גערינגלט, אָדער, אויסדריקנדיק זיך פּינקטלעכער — פון וועלכע אייגנטלעך עס באַשטייט יעטווידער מאַטעריעלער קערפּער.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אויך דאָס געפיל פון געוויכט איז אַ סוביעקטיווע רעאַליטעט, ד. ה. אַ מיטל, מיט וועלכן דער מענטשלעכער באַוואוסטזיין רעגיסטרירט די אַנוועזנהייט פון געוויסע אָביעקטן. אמת, דאָ קאָן מען אַרויסרוקן אַ טענה: סטייטש דאָס געפיל פון געוויכט איז דאָך נישט פאַרבונדן מיט באַוועגונג, נאָר, פאַרקערט, מיט אַ נישט באַוועגלעכן צושטאַנד פון קערפּער, וואָס ליגט אויף דער אויס־געשטרעקטער מענטשלעכער האַנט. וועלן מיר זיך באַמיען שפּעטער אין דער געהעריקער צייט אויפוויזן די ריכטיקייט פונם פּרינציפּ וועגן דער גלייכקייט פון רו און באַוועגונג. דער דאַזיקער פּרינציפּ נעגירט די עקזיסטענץ פון רו און פאַרזיכערט, אַז אַלע אַזוי גערופענע סטאַטישע דערשיינונגען זיינען אין עצם געוויסע קינעטישע (באַוועגלעכע) דערשיינונגען, וואָס אונזערע מעסטונג־אַפּאַראַטן קאָנען קוים־קוים אונטערכאַפּן, אָבער דאָך עקזיסטירן זיי פולשטענ־דיק רעאַל.

— — — — — — — — — — — — — — — —

בנוגע די טאַפּ־חושים דאַרפן מיר איבערחזרן די זעלביקע באַמערקונג, וואָס מיר האָבן געמאַכט בנוגע די אַנדערע חושים. אויב דאָ זיינען אונזערע נאַטירלעכע אינסטרומענטן, מיט וועמענס הילף מיר זיינען בכוח צו דערקענען די אויסערלעכע וועלט, זייער נישט פולקאָם און אַנטפּלעקן פאַר אונז בלויז קליינע אָפּשניטן פון דער אומגעהויער פאַרשיידנקייט פון די דערשיינונגען, וואָס עקזיסטירןווירקלעך אין דער נאַטור. אויך דאָ מוזן מיר דערגאַנצן אונזערע נאַטירלעכע אָרגאַנען פון דערקענטעניש מיט קינסטלעכע, וואָס זיינען מער פּרעציז סיי אין קוואַליטאַטיווער סיי אין קוואַנטיטאַטיווער הינזיכט.

5. אַלגעמיינע אויספירן

מיר קענען איצטער מאַכן געוויסע אַלגעמיינע אויספירן וואָס שייך אונזערע חושים.

א) ערשטנס, זיי אַלע אַנטפּלעקן פאַר אונז אין דער ווירקלעכקייט בלויז געוויסע באַוועגונגען פון געוויסע אָביעקטן אין צייט און רוים. מער גאָר נישט. אָט די אַלע חושים און השגות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט סוביעקטיווער רעאַ־ליטעט, שפּילן אַ קאָלאָסאַלע ראָל אין לעבן פון מענטשן, זיי זיינען אָבער בלויז אַ פּראָדוקט פון אינערלעכע איבערלעבונגען און געהערן צו דער אָביעקטיווער וועלט, וואָס עקזיסטירט אויסער אונז. די דאַזיקע וועלט ווייס נישט וואָס איז אַזעלכעס גערויש אָדער שטילקייט, שיינע מעלאָדיע אָדער אַן אומדערטרעגלעכער גרילץ, ליכט אָדער פינצטערניש, אַ צויבער־פּייזאַזש אָדער אַן אומגעלומפּערטע שמירעריי פון פאַרבן. די נאַטור ווייס נישט פון דער השגה: האַרט אָדער ווייך, שיטער אָדער גאַזאַרטיק, לייכט אָדער שווער. דאָס אַלץ איז בלויז אַ מענטשלעכע פאָרם פון קלאַסיפיקאַציע און פאַרשונג פון די פאַרשיידנאַרטיקע באַוועגונגען פון פאַרשיידנאַרטיקע אָביעקטן. די נאַטור פאַרמאָגט נישט אָט די סוביעקטיווע רעאַליטעט אויף אַזוי פיל, אויף וויפל זי ווייס נישט פון מאָראַלישע ווערטן, וואָס אָן זיי האָט דאָס מענטשלעכע לעבן נישט קיין זין. ס׳איז דאָך

קלאָר, אַז פאַר דער נאַטור עקזיסטירט נישט, נישט די בלוט־גיריקייט פון טיגער, נישט די מילדקייט פון שעפעלע, נישט די גרויזאַמקייט פון הוראַגאַן, וואָס קערט איבער הייזער, נישט די וואוילטעטיקע ווירקונג פון די פרילינג־שטראַלן, וואָס רופן אַרויס אויפן ערד־אויבערפלאַך אַ נײַ לעבן. דאָס אַלץ איז בלויז אַן אָפּשפּיגלונג אינם מענטשלעכן באַוואוסטזיין פון די אָביעקטיווע געשטאַלטלאָזע פּראָצעסן פון דער נאַטור. און פּונקט ווי איינע פון די באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון די עקזאַקטע וויסנשאַפטן איז געווען דאָס באַפרייען זיי פון ריין אַנטראָפּאָמאָרפישע מאָראַלע עלעמענטן, אַזוי איז אויך נויטיק קלאָר און שאַרף אָפּטיילן די עלעמענטן פון אָביעקטיווער רעאַליטעט ביי פיזישע עקספּערימענטן און אָבסערוואַציעס פון די עלעמענטן פון סוביעקטיווער רעאַליטעט.

די ערשטע אויפגאַבע איז געווען דערפילט אין יענעם פעריאָד, ווען די אַסטראָנאָמיע איז אַרויסגעוואַקסן פון דער אַסטראָלאָגיע, כעמיע פון אַלכעמיע און פיזיק פון מעטאַפיזיק. די צווייטע אויפגאַבע האָט אָנגעהויבן צו ווערן פאַר־ווירקלעכט פיל צענדליק יאָר צוריק און וואַרט נאָך דערוויל אויף אַ פולקאָ־מער פאַרענדיקונג.

מיר מיינען, אַז די נייע פיזיק וועט דאַרפן אין דער הינזיכט דעם דאָזיקן פּראָצעס פאַרענדיקן.

ב) געוויס זיינען אַלע מאָמענטן פון סוביעקטיווער רעאַליטעט ענג פאַר־בונדן מיט די שוין אָנגעוויזענע מאָמענטן פון אָביעקטיווער רעאַליטעט; אָבער די דאָזיקע פאַרבינדונג איז אייגנאַרטיק און גענוג קאָמפּליצירט. ס'וואָלט גע־ווען זייער שעדלעך אָנצונעמען אַלע דערשיינונגען פון סוביעקטיווער רעאַליטעט פאַר אַ בלי ספק עקזיסטירנדיקע אָפּשפּיגלונג פון דער אָביעקטיווער רעאַליטעט. אין דער הינזיכט דאַרף די וויסנשאַפט פּראַקטיש אָפּשאַצן יעטווידן פון די חושים, וואָס מיר האָבן דאָ באַטראַכט. אונזערע חושים שטעלן־צו דער פיזיק דעם רוי־שטאָף, אָבער אין אַ נישט באַאַרבעטער פאָרם און נישט אַלע זיינע עלעמענטן טויגן פאַר אַ וויסנשאַפטלעכן איבעראַרבעטן. מיר קענען פעסטשטעלן פאָלגנדיקע כללים:

1) צווישן דער סוביעקטיווער רעאַליטעט און אָביעקטיווער רעאַליטעט איז נישטאָ קיין אידענטיטעט. סוביעקטיווע געפילן קאָנען אַרויסגערופן ווערן דורך אַ קרענקלעכן צושטאַנד פון אונזערע חושים, אָן שום פאַקטיש דרויסנדיקע אימפּולסן, ווי למשל האַלוצינאַציעס. אונזערע סוביעקטיווע חושים קאָנען אונז אויך פולשטענדיק פאַלש איבערגעבן די פאַקטישע קעגנזייטיקע שייכות צווישן די עלעמענטן פון דער אָביעקטיווער רעאַליטעט.

לאָמיר נעמען צוויי ביישפּילן פון דער לעצטער דערשיינונג.

ס'איז באַוואוסט, אַז ווען אַ מענטש קוקט אויף באַן־רעלסן, דוכט זיך אים, דאָס אויף אַ וויטערדיקן מהלך קומען זיי זיך צונויף. מיר ווייסן, אַז דאָס איז בלויז אַן אַזוי גערופענער „אָפּטישער טעות", וואָס ווערט „אויפגעקלערט"

דורך די געזעצן פון פערספעקטיוו. אָבער די דאָזיקע „אויפקלערונג" איז אין עצם בלויז די קאָנסטאַטירונג פונם פאַקט, נעמלעך, אַז אונזערע זע־חושים זיינען אַזוי נישט פאַלקאָם, דאָס מען דאַרף אַ גאַנצע רייע אינפאָרמאַציעס, וואָס מיר באַקומען מיט זייער הילף, אויסבעסערן, ווי דורכאויס פאַלשע.

אַ צווייטער ביישפּיל: מיר זעען יעטווידן טאָג ווי די זון דרייט זיך אַרום דער ערד. במשך פון צענטליקער טויזנטער יאָרן, ד. ה. זינט דער מענטשלעכער מין עקזיסטירט, האָבן די מענטשן געהאַלטן אָט דאָס, וואָס זייערע אויגן זעען דירעקט, פאַר אַן אַבסאָלוטן אמת, ד. ה. ס'האָט זיך געפאָדערט אַן אויסערגעווייננט־לעכע גייסטיקע אָנשטרענגונג, כדי צו קומען צום שלוס, אַז די אָביעקטיווע רעאַליטעט אַנטשפּרעכט לחלוטין נישט אָט דעם סוביעקטיוון געפיל. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז ווען קאָפּערניק האָט אָנגעשריבן זיין באַוואוסט בוך וועגן דאָס דרייען זיך פון דער ערד אַרום דער זון, האָט דער גרעסטער אַסטראָנאָם פון יענער צייט טיכאָ דע בראַהע אַנטשיידן אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע טעאָריע, ווי אַזעלכע וואָס איז דערווידער אַלע אָנגענומענע פּרינציפּן פון דעמאָלטיקער וויסנשאַפט.

אָט דיביידע ביישפּילן באַווייזן דייטלעך אויף ווי ווייט יענער רוי־שטאָף, וואָס אונזערע חושים שטעלן־צו דער פיזיק, מוז גרינטלעך ווערן באַאַרבעט, אויסגעפּרואווט מיט אַ קריטישן אַנאַליז און דורכקאָנטראָלירט מיט פאַרשיידנ־אַרטיקע מעטאָדן. בלויז אַ טייל פון דאָזיקן מאַטעריאַל האָט באמת אַ וויסנשאַפט־לעכן ווערט, און די קענטעניש אָפּצוקלייבן טאַקע אָט דעם דאָזיקן טייל איז בלי ספק איינע פון די הויפּט־מעלות פון אַ וויסנשאַפטלער.

2) ווען מיר נעגירן אידענטישקייט צווישן סוביעקטיווער און אָביעקטי־ווער רעאַליטעט, מוזן מיר אָבער אָנערקענען, אַז דער פּרינציפּ פון איינקלאַנג עקזיסטירט בלי ספק צווישן זיי. פּראַקטיש איז דער דאָזיקער איינקלאַנג אַ קאָמפּליצירטע דערשיינונג, און אין יעטווידן איינצלנעם קאָנקרעטן פאַל פאָ־דערט זיך אַ געוויסע אויספאָרשונג ווי ווייט די געפילן פון אונזערע חוש־אָרגאַ־נען שפּיגלען־אָפּ באמת די אָביעקטיווע רעאַליטעט. דאָך געלינגט אַמאָל צו געפינען נישט בלויז אַ קוואַליטאַטיווע, נאָר אויך אַ קוואַנטיטאַטיווע אָפּהענגי־קייט צווישן די דאָזיקע צוויי קאַטעגאָריעס. אַזוי למשל, זאָגט פעפיערס געזעץ, אַז די אינטענסיווקייט פון די געפילן איז פּראָפּאָרציאָנעל צום לאָגאַריטם פון אימפּולס (די ווירקונג פון דער אָביעקטיווער רעאַליטעט), וואָס ווירקט אויף די חושים. דער דאָזיקער פּרינציפּ פון איינקלאַנג דינט ווי אַ פאַרבינדונג־רינג צווישן דער דירעקטער עקזיסטענץ פון דער אָביעקטיווער רעאַליטעט, וואָס געפינט זיך אויסער אונז און איז אומאָפּהענגיק פון אונז און דעם אופן, ווי אַזוי דער מענטש נעמט בלי ספק אויף די דאָזיקע רעאַליטעט מיט דער הילף פון די נישט פולקאָמע מענטשלעכע חושים.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וויקטאָר אַלטער

די פעאיקייט פון לאָגישן דענקען

מיר זעען, אַז אונזערע חושים ליפערן פאַר דער פיזיק רוי־שטאָף. אונזער שכל, אָנווענדנדיק זיין פעאיקייט אויסצובילדן השגות, באַגריפן, פאַרוואַנדלט אָט דעם רוי־שטאָף אין אַ מין האַלב־פאַבריקאַט. אָבער כדי אַרויסצובאַקומען אַן אויסגעפורעמטן פראָדוקט, ד. ה. אַ וויסנשאַפטלעכן אמת, אָדער אַנדערש געזאָגט, אַ געזעץ פון פיזיק, איז נייטיק אַדורכצומאַכן איבער דעם האַלב־פאַבריקאַט אַ דריטע אָפּעראַציע — מ׳דאַרף פעסטשטעלן יענע קאָנקרעטע פאַרבינדונג צווישן די באַזונדערע השגות, וואָס דאַרפן אָפּשפּיגלען די קעגנזייטיקע שייכות צווישן די עלעמענטן פון אָביעקטיווער רעאַליטעט. אָט די לעצטע אָפּעראַציע איז ביכולת דורכצופירן נאָר דער מענטש צוליב זיין פעאיקייט לאָגיש צו דענקען.

מיר וועלן דאָ נישט באַהאַנדלען די פּראָבלעם פון דענקען אין איר גאַנצן פאַרנעם. מיר וועלן אויך דאָ זיך באַגרענעצן בלויז מיט יענע אירע מאָ־מענטן, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות צו דער פיזיק. מיר וועלן אויך די דאָזיקע פעאיקייט באַטראַכטן ווי אַ באַזונדער מיטל צו דערקענען די אָביעקטיווע רעאַליטעט, וואָס די נאַטור גיט דעם מענטשן. פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט געהערט די פעאיקייט צו דענקען צו יענע אָרגאַנען פון דערקענטעניש, ווי די פינף חושים און די פעאיקייט אויסצובילדן השגות.

מען קען זאָגן אַפּריאָרי: צווישן פּראָצעס פון דענקען און דער אָביעק־טיווער רעאַליטעט איז פאַראַן אַ מין איינקלאַנג, אַ האַרמאָניע. ווייל דאָס דענקען ברענגט אונז צום אויספיר וועגן דער עקזיסטענץ פון עפּעס שטענדיקע פאַרבינדונגען צווישן די עלעמענטן פון דער סוביעקטיווער רעאַליטעט; ווייל דאָס דענקען גיט אונז אַ מעגלעכקייט נישט בלויז איינצושטעלן אַ מין קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט צווישן די דאָזיקע עלעמענטן אין דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנ־וואָרט, — נאָר אויך פאָראויסצוזען אַזאַ קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט אין דער צוקונפט, ד. ה. פאָראויסצוזען דערשיינונגען, וואָס וועלן מוזן שפּעטער רעאַ־ליזירט ווערן.

עמיצער האָט אַזוי דעפינירט דעם מהות פון יעטווידער וויסנשאַפט: וויסנשאַפט — דאָס איז די קענטעניש פאָראויסצוזען און פאָראויסצוזאָגן די צוקונפט. געוויס איז דער פאַקט וואָס די וויסנשאַפט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין בכוח פּינקטלעך און אָן שום ספקות פאָרצוזען אַ רײ דערשיינונגען אין דער צוקונפט, באַשטעטיקט די אַפּריאָרי לאָגישע הנחה וועגן דעם איינקלאַנג צווישן פּראָצעס פון דענקען און דער אָביעקטיווער רעאַליטעט. אין גאָר אַ גרויסער מאָס ווערט די דאָזיקע הנחה קאָנטראָלירט דורך דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער טעכניק, וואָס אירע דערגרייכונגען ווייזן קלאָר נישט בלויז דעם פאַרנעם און די טיפקייט פון מענטשלעכן זשעני, נאָר גלייכצייטיק פאַר־פעסטיקן זיי אונז אין דער איבערצייגונג, אַז אונזער מענטשלעכער שכל בכלל

געגומען שפּיגלט־אָפּ ריכטיק די שייכותן, וואָס געפינען זיך אין דער אָביעקטיווער וועלט מחוץ אונז.

אָבער איינקלאַנג, האַרמאָניע באַטײַט ווײַט נישט אידענטישקייט. מיר באַ־געגענען זיך דאָ ווײַטער מיטן געדאַנק, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכ־טיק בנוגע די פריער שוין באַהאַנדלטע חושים פון מענטשלעכער דערקענטעניש. אונזער געדאַנק קען ריכטיק פאַרבינדן עלעמענטן פון רעאַליטעט, ער קען אָבער אויך געבן זייער פאַרקריפּלטע, נישט ריכטיקע בילדער פון דער דאָ־זיקער רעאַליטעט. דאָס פאַרשן די געזעצן פון ריכטיקן דענקען געהערט צו דער לאָגיק און מיר וועלן זיך דאָ דערמיט נישט פאַרנעמען. מיר וועלן זיך באַגרענעצן בלויז מיט איין סכנה, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אָנווענדן דאָס דענקען ווי אַן אָרגאַן פון דערקענטעניש, אַ סכנה, וואָס מיר האָבן באַצייכנט מיט די ווערטער „אַנטראָפּאָמאָרפישער צוגאַנג" צו דער אויסערלעכער וועלט. וואָס באַטײַטן די דאָזיקע ווערטער?

דער פראַנצויזישער געלערנטער רענאַן האָט שאַרפזיניק באַמערקט, אַז דעם באַקאַנטן פסוק פון חומש — „גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן לויט זיין אייגענעם געשטאַלט און אויסזען" — דאַרף מען ענדערן אויף אַזאַ אופן: „דער מענטש האָט באַשאַפן גאָט לויט זיין אייגענעם געשטאַלט און אויסזען". אין אָט דער לעצטער פאָרם אַנטשפּרעכט דער פסוק בלי־ספק דעם היסטאָרישן אמת וועגן דער אַנטשטייאונג פון פאַרשיידענע רעליגיעס און גלויבנס, און דעם היסטאָרישן אינהאַלט פון דעם באַגריף גאָט. און אין דער זעלביקער מאָס איז גאַנץ ריכטיק אָנצואווייזן אויף דער שטרעבונג פון די מענטשן צו „פאַרמענטש־לעכן" נישט בלויז דעם באַגריף גאָט, נאָר אויך יענע אויסערלעכע וועלט, וואו מענטשן דאַרפן לעבן. אָט די שטרעבונג צוצוגעבן דער אָביעקטיווער רעאַ־ליטעט אייגנשאַפטן, מעלות, כאַראַקטער פון מענטשלעכע איבערלעבונגען און פון ריין מענטשלעכער פאַרקטיק רופט זיך אַנטראָפּאָמאָרפיזם. אָט די שטרעבונג האָט בולטער פאַר אַלץ זיך אויסגעדריקט אינם פּראָבלעם, וואָס האָט ביז איצט אַרויסגערופן הייסע דיסקוסיעס צווישן די פיזיקער, — אינם פּראָבלעם פון קויזאַליטעט (סיבה, גורם).

קויזאַליטעט אָדער געזעצמעסיקייט, צופאַל אָדער מוז (הכרח)

עס איז קוים פאַראַן נאָך אַ געביט, וואו כסדרדיקע דיסקוסיעס און עקשנות־דיקע שטרייטן זאָלן אויף אַזוי פיל פאַרקאָמפּליצירן די באַהאַנדלטע פּראָבלעם, ווי די פראַגן, וואָס מיר באַהאַנדלען איצט.

דער באַגריף קויזאַליטעט (גורם, סיבה), איז ענג, נישט אָפּצוטיילן, פאַר־בונדן מיט דער דירעקטער אינערלעכער מענטשלעכער דערפאַרונג, מיט זיין חוש פון אייגענעם ווילן און שפּעטער — מיטן פאַרוואַנדלען דעם דאָזיקן

ווילן, וואָס דער מענטש איז משיג ווי אַן אידייע, — אין עפּעס אַן אַקט, אין עפּעס אַ טאַט, וואָס דער מענטש באַנעמט ווי אַ מאַטעריעלע דערשיינונג.

גאַנץ ריכטיק ווייזט אָן ענגעלס, אַז „צוליב דער מענטשלעכער טעטיקייט ווערט פאַרפּעסטיקט די פאָרשטעלונג וועגן גורם (קויזאַליטעט), — די פאָר־שטעלונג וועגן דעם, אַז איין באַוועגונג איז גורם די צווייטע.‟ די טעטיקייט פון מענטשן רופט ביי אים אַליין אַרויס די איבערצייגונג, אַז זיין ווילן איז די אמתע סיבה פון זיין טאַט, אַ רעזולטאַט פון זיין ווילן. אויף אַזאַ אופן באַ־פעסטיקט זיך אין זיין באַוואוסטזיין די השגה וועגן עפּעס אַן אינערלעכער פאַרבינדונג צווישן דער אידעע און איר פאַרווירקלעכונג, צווישן ווילן און טאַט, צווישן סיבה און רעזולטאַט. די דאָזיקע פאַרבינדונג איז גאַנץ שווער צו באַ־שטימען און זי לאָזט זיך נישט אין קיין פאַל אָביעקטיוו אויסמעסטן, אָבער דער מענטש פילט זי ווי עפּעס, וואָס עס עקזיסטירט אָן שום ספק ווי אַ רע־גולאַטאָר פון זיין פּערזענלעכער טעטיקייט. און נישט בלויז פון זיין פּערזענ־לעכער טעטיקייט, נאָר פון מענטשלעכער טעטיקייט בכלל.

לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל אַזאַ בלי ספק רעאַלע אָביעקטיווע דער־שיינונג, ווי אַ צוג, וואָס גייט־אָפּ יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער צייט פון מאָסקווע קיין לענינגראַד. ס'איז פולקאָם קלאָר, אַז די עקזיסטענץ פון אַזאַ פולשטענדיק מאַטעריעלער און אָביעקטיווער דערשיינונג איז מעגלעך נאָר אַדאַנק דעם, וואָס פריער אַמאָל איז אין אַ מענטשלעכן שכל אַנטשטאַנען אַן אידעע, אַז אַזאַ צוג איז ווינשנסווערט. די דאָזיקע אידעע איז געווען די סיבה, און דער פאַקט גופא פון אַ פּלאַנמעסיקער און גלייכמעסיקער באַוועגונג פון אַזאַ צוג איז דער רעזולטאַט פון דער סיבה. דאָ איז די קויזאַליטעט אַ קלאָרע און אונ־טערליגט נישט קיין שום ספק.

אָבער גראָד אַזאַ קויזאַליטעט ווערט פולקאָם אויסגעשלאָסן פונם קרייז פון דערשיינונגען, וואָס די פיזיק פאַרנעמט זיך מיט זיי. די פיזיק שטרעבט פעסטצושטעלן די שייכות צווישן רעאַלע דערשיינונגען, וואָס קענען בשום אופן נישט געענדערט ווערן אָפּהענגיק פון עמיצנס ווילן, פון אַ וועלכער נישט איז אידעע. די פיזיק, ווי אַ וויסנשאַפט, אינטערעסירן בלויז אַזעלכע שייכותן, וואָס זייער געזעצמעסיקייט איז אָן שום ספק, ד. ה., וואָס זיינען גורם ביי די זעלביקע באַדינגונגען די זעלביקע דערשיינונגען. און דעריבער דאָס אָנ־ווענדן דעם באַגריף „קויזאַליטעט‟ צו אַ קאַטעגאָריע דערשיינונגען, וואָס די פיזיק פאָרשט אויס און צו שייכותן, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך די געזעצן פון פיזיק, וואָלט געווען נישט בלויז אַ נישט געלונגענער אויסדרוק, נאָר וואָלט בפירוש געפירט צו אַ ריי מיספאַרשטייענישן, וואָלט בלי ספק אַריינ־געפירט אַנטראָפּאָמאָרפישע, מעטאַפיזישע עלעמענטן אין דער פיזיק. אין דער אמתן פאַרנעמט זיך פיזיק נישט מיט דער אויספאָרשונג פון די שייכותן צווישן „סיבות‟ און „רעזולטאַטן‟, נאָר מיט פעסטשטעלן די „פונקציאָנעלע געזעצמע־סיקייטן‟ צווישן באַזונדערע גרופּעס דערשיינונגען, אָפּזאָגנדיק זיך פון פאָראויס

פון אַ וואַסער נישט איז שטרעבונג צו געפינען די „אינערלעכע" פאַרבינדונג צווישן זיי.

— —

אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט האָט דער באַגריף פונקציאָנעלע שייכותדיקע אָפּהענגיקייט אַרויסגעשטויסן דעם מער עלטערן באַגריף, וואָס איז אָבער באַלאָדן מיט מעטאַפיזישער ירושה — קויזאַליטעט. פאַראַן אַ סך דערווידערונגען קעגן טערמין „פונקציאָנעלע שייכותדיקע אָפּהענגיקייט", וואָס איז אָבער באַזירט אויף אַ בולטער מיספאַרשטייעניש. אַ סך אָנהענגער פון מאַטעריאַליסטישן וועלט־באַנעם זאָגן זיך אַרויס קעגן טערמין פונקציאָנעלע שייכותדיקע אָפּהענגיקייט און פאַר איינהאַלטן דעם טערמין קויזאַליטעט, ווייל לויט זייער מיינונג אַנטהאַלט דער ערשטער די נעגאַציע פון אָביעקטיווקייט און גורמדיקייט. ס'איז קלאָר, אַז דאָ איז אַ מיספאַרשטייעניש. גראָד דער באַגריף פונקציאָנעלע געזעצמעסיקייט איז די אמתע און פולשטענדיקע אָנערקענונג פון דער אָביעקטיווקייט פון אַלע יענע שייכותן, וואָס זיי צו אַנטפּלעקן שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע די פיזיק. דאָס באַפרייען אָט די שייכותן פון די אינערלעכע פאַרבינדונגען, ד. ה. פון די מעטאַפיזישע בליקן גיט־צו אָט די שייכותן אַ פולקאָם אָביעקטיוון כאַראַקטער אומאָפּהענגיק פון וועלכער נישט איז פירושים. און פאַרקערט, דער באַגריף קויזאַליטעט, ד. ה. עפּעס אַן אינערלעכע פאַרבינדונג צווישן דער אידעע און איר פאַרווירקלעכונג, צווישן עפּעס אַ ווילן און אַ טאַט, וואָס קומט נאָך אים — דאָס איז דער יסוד פאַר אַלע רעליגיעס און פאַר אַלע אידעאַליסטישע וועלט־באַנעמען. אויב די מאָדערנע וויסנשאַפט האָט געקענט זיך באַפרייען אין אַ באַדייטיקער מאָס פון מעטאַפיזישן באַלאַסט, פון די מטושטשע אומדייטיקע באַגריפן, האָט זי דאָס צו פאַרדאַנקען דער עיקר דעם פאַרוואַנדלען די השגה קויזאַליטעט אין אַ מער אויסגעהאַלטענעם וויסנשאַפטלעכן באַגריף „פונקציאָנעלע שייכותדיקע אָפּהענגיקייט", ווי אַן אויסדרוק פון די אָביעקטיווע שייכותן צווישן די עלעמענטן פון אָביעקטיווער רעאַליטעט.

— —

אַ גאַנצע ריי באַרימטע פיזיקער, באַזונדערס אין דער לעצטער צייט, פאַרטיידיקן דעם שטאַנדפּונקט, אַז פיזישע געזעצן זיינען בשום אופן נישט אַן אויסדרוק פון באמת שטרענג אומפאַרמיידלעכע געזעצמעסיקייטן, נאָר שטעלן מיט זיך פאָר אַ געוויסע וואַרשיינלעכקייט און בלויז אַ וואַרשיינלעכקייט, אַז די געגעבענע דערשיינונג קען פאַרקומען לויט אַזאַ אָדער אַן אַנדער געזעץ. אַנדערע געלערטע פאַרטיידיקן פונקט אַ קעגנזעצלעכע מיינונג, אַז די נאַטור איז אַזוי איינגעאָרדנט, דאָס פיזישע געזעצן זיינען אמתן, וואָס פאַרטראָגן נישט קיין שום אויסנאַמען, — אַן אָביעקטיווע נויטווענדיקייט, וואָס שליסט אויס יעטווידע צופעליקייט.

דער עצם שטרייט ליגט אין יענע אויבן־אויף גאַנץ אומבאַדייטנדיקע ווערטער — „ביי אַנדערע גלייכע באַדינגונגען". צו דעם אויספיר ברענגט אומפאַרמיידלעך אַ גענויער אַנאַליז פון אַלע פיזישע געזעצן.

אין דער אמתן ווערט יעטווידע דערשיינונג באַגלייט און איז ענג פֿאַר־בונדן מיט אַן אומענדלעכער צאָל אַנדערע דערשיינונגען. אויב מיר ווילן נעמען אַ ליאַדע געשעעניש,ביישפּיל, אַ ליאַדע דערשיינונג, ווי, לאָמיר זאָגן — „אַ מענטש איז אַנידערגעפֿאַלן אין אַזאַ און אַזאַ אָרט, אין אַזאַ און אַזאַ צייט", און מיר ווילן זוכן די סיבה פֿון דער דאָזיקער דערשיינונג, וועט זיך אַרויס־ווייזן, אַז מ'קאָן לייכט אָנווייזן אַן אומבאַגרענעצטע צאָל אומשטענדן, וואָס וואָלטן געקענט נישט דערלאָזן דערצו, אַז די דאָזיקע געשעעניש זאָל האָבן אַן אָרט טאַקע ביי די געגעבענע אומשטענדן. אויב, למשל, די גאַס וואָלט געווען צייטווייליק פֿאַרמאַכט פֿאַר דורכגייער, אויב דער מענטש וואָלט צופֿעליק באַ־געגנט אַ באַקאַנטן, וואָס וואָלט אים פֿאַרהאַלטן, אויב ס'וואָלט געגאַסן אַ רעגן און דער מענטש וואָלט נישט געגאַנגען צופֿוס, אויב אַ קאַטאַר אָדער אַן אַנדער קראַנקהייט וואָלט אים פֿאַרהאַלטן אין שטוב, אויב נאָנט צו אים וואָלט זיך באַ־וויזן אַ מענטש, וואָס וואָלט אים אונטערגעהאַלטן אין מאָמענט פֿון פֿאַלן אויב... אאַז"וו. אד"גל.

ס'איז קלאָר, אַז דאָס, וואָס יעטווידע דערשיינונג ווערט באַגלייט מיט אַן אומצאָליקער מאַסע אַנדערע דערשיינונגען, שאַפֿט די הויפּט־שוועריקייט פֿאַר וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען, ווייל דער מהות פֿון יעטווידער פֿאָרשונג פּירט צו געפֿינען אַ שטענדיקע שייכות צווישן אַ געוויסער גרופּע דערשיינונגען, וואָס מיר קלויבן־אויס פֿאַר גרינטלעכע און פֿאַרענדערלעכע. אויף אַזאַ אופֿן לייגן מיר נישט קיין שום אַכט אויף די דערשיינונגען פֿון אַלע אַנדערע פֿאַקטאָרן, ד. ה. מיר נעמען אָן, אַז די ווירקונג פֿון די דאָזיקע פֿאַקטאָרן וועט נישט האָבן קיין השפּעה אויף די געפֿאָרשטע דערשיינונגען. דאָס קען געשען סיי צוליב דעם, וואָס די פֿאַקטאָרן, וועלכע מיר נעמען נישט אין אַכט, ענדערן זיך נישט פֿאַרן גאַנצן צייט־פּעריאָד, וואָס קומט אין באַטראַכט, סיי אויך צוליב דעם, וואָס די השפּעה פֿון די אַלע פֿאַקטאָרן פֿאַרניכטעט זיי קעגנזייטיק. איןביידע פֿאַלן האָבן מיר רעכט צו זאָגן, אַז די דערשיינונגען, וואָס מיר פֿאָרשן זיינען אָפּהענגיק פֿון די ענדערונגען, וואָס קומען־פֿאָר אין די גרונט־פֿאַקטאָרן, וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן „ביי די זעלביקע איבעריקע באַדינגונגען".

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיר זאָגן: די געגעבענע דערשיינונג מוז פֿאָרקומען מיט אַבסאָלוטער אומפֿאַרמיידלעכקייט, אָבער מיר גיבן־צו — „ביי די זעלביקע איבעריקע באַדינגונגען". אָט דער פֿאַרבאַהאַלט — „ביי די זעלביקע איבעריקע באַדינ־גונגען" — פֿאַרניכטעט דעם רעאַלן זין פֿונם באַגריף מוז (נויטווענדיקייט, הכרח), ווייל ס'איז דאָך קלאָר, אַז בשום אופֿן קען מען נישט אין צוויי פֿאַרשיידענע צייט־מאָמענטן אַרויסברענגען פֿולקאָם „די זעלביקע איבעריקע באַדינגונגען". ס'איז דאָך קלאָר אַז אויב די דערשיינונג, וואָס מיר דערוואַרטן קומט נישט אַרויס, קענען מיר אַלע מאָל זאָגן, אַז דאָס איז נישט קיין באַווייז, דאָס דער מוז־פּרינציפּ איז דורכגעפֿאַלן, נאָר דאָס איז אַ רעזולטאַט פֿון יענער אומפֿאַר־מיידלעכער דערשיינונג, אַז ס'איז נישט געלונגען צו שאַפֿן אייגע און די

זעלביקע „איבעריקע באַדינגונגען". ס'איז דעריבער קלאָר אַז די פּראָבלעם וועגן מוז (נויטווענדיקייט), אָדער, אַנדערש געזאָגט, וועגן אַבסאָלוטן כאַראַקטער פון פיזיקאַלישער געזעצמעסיקייט, קען בשום אופן נישט געלייזט ווערן אויפן וועג פון עקספּערימענט (פּראַקטיק) און עס בלייבט ווי אַ ריין טעאָרעטישער פּאָסטולאַט. דאָס איז גיכער פאַר אַלץ אַן אַקסיאָמע, וואָס די וויסנשאַפט נעמט זי אָן ווי אַ מער באַקוועמלעכע באַזע פאַר אויסבויען אַ וויסנשאַפטלעכן בנין.

אויב אַזוי, אויב מיר זיינען מסכים צו אָנערקענען דעם ריין קאָנדיציאָנעלן (באַדינגלעכן) כאַראַקטער פונם מוז־פּרינציפּ אין געזעצמעסיקייטן, וואָס די וויסנשאַפט ברענגט אַרויס, איז דאָך קלאָר, אַז דער גאַנצער שטרייט וועגן מוז און וואָרשיינלעכקייט פאַרלירט זיין אינטערעס, ווייל פּונקט אַזוי ווי דעם מוז־פּרינציפּ קען מען נישט אויפוויזן, קען מען אויך נישט אויפווייזן דעם וואָרשיינלעכקייט־פּרינציפּ.

מאַקסוועל האָט אָנגעוויזן, אַז אויב ס'וואָלט געקומען אַ מין טייוול און וואָלט געקאָנט מיט איין פאַרמולע אַרומכאַפּן אַלע אַן אויסנאָם פאַקטאָרן, וואָס ווירקן אין באַטרעפנדן מאָמענט אין דער אויסערלעכער וועלט, וואָלט ער, אַדאַנק אַזאַ פאָרמול, געהאַט די מעגלעכקייט גענוי און פּינקטלעך פאָראויסזען אַלע דערשיינונגען, וואָס וועלן פאָרקומען אין אַ געוויסן מאָמענט און אין אַ געוויסן אָרט. אָבער אַזאַ מין פאָרמולע איז דער מענטשלעכער שכל נישט בכוח אויסצוגעפינען. מיר זיינען שוין פון פאָראויס פאַרמשפּט דערצו, אַז מיר וועלן קענען אַפילו אין דעם קאָמפּליצירטסטן פאַל צונויפבינדן מיט געזעצמעסיקייטן בלויז אַ נישט באַדייטנדיקן טייל פאַקטאָרן, וואָס שיינען פאַר אונז צו זיין ווי די סאַמע ערנסטע אין דער באַטרעפנדער דערשיינונג. ס'בלייבן דעריבער אַלע מאָל אַ מאַסע אַנדערע, וואָס קאָנען אַ ליאָדע מאָמענט ביי וועלכע נישט איז באַדינגונגען שאַפן יענע אומדערוואַרטע און נישט פאָראויסגעזעענע ענדערונגען, וואָס ווערן געוויינלעך באַצייכנט מיטן וואָרט „צופאַל".

„נויטווענדיקייט" און „צופאַל" שליסן אויף אַזאַ אופן נישט אויס איינס דאָס צווייטע אין וויסנשאַפטלעכן דענקען. פאַרקערט, זיי דערגענצן זיך קעגנזייטיק, שאַפנדיק דורכדעם אַן אמתדיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם אַלעם, וואָס געשעט אין דער אָביעקטיווער רעאַליטעט.

די ווירקלעכקייט איז אַלע מאָל אַ קאָמבינאַציע פון „נויטווענדיקייט" און „צופאַל". דערביי רופן מיר אָן „נויטווענדיקייט" אַ געזעצמעסיקייט, וואָס איז אונז שוין באַוואוסט, וואָס פאַרבינדט אַ נישט גרויסע צאָל דורכגעשטודירטע פאַקטאָרן פון דער באַטרעפנדער דערשיינונג, וואָס מיר האַלטן פאַר די וועזנטלעכע, און „צופאַל" — דאָס איז אויך אַ געזעצמעסיקייט, אָבער מיר ווייסן נישט פון איר, און זי פאַרבינדט די באַטרעפנדע דערשיינונג מיט אַ מאַסע פאַקטאָרן, וואָס זייער השפּעה איז בכלל אַ צווייטראַנגיקע, אָבער זי קאָן אַמאָל ווערן אַ דעצידירנדיקע.

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז „צופאַלן" גופא קאָנען ווערן נישט

נאָר איינצלוויז נאָר אויך קאָלעקטיוו, אָביעקטן פון פאָרשונג. דערמיט פאַר־נעמט זיך די טעאָריע פון װאָרשיינלעכקייט. דאָס דערפאָלגרייכע אָנווענדן די וואָרשיינלעכקייט־טעאָריע ביי דערשיינונגען פון אָביעקטיוער רעאַליטעט באַ־שטעטיקט די דיאַלעקטישע אידענטישקייט (פינקטלעכער — דאָס פאַרוואַנדלען איין באַגריף אין צווייטן) פון די דאָזיקע קעגנזעצלעכע באַגריפן — „נויטווענ־דיקייט" און „צופעליקייט".

די ראָל פון מאַטעמאַטיק אין פיזיק

די פּראָבלעם פון „נויטוועגדיקייט" און „צופעליקייט" איז ענג געפלאָכטן מיט אַ צווייטער פּראָבלעם: וועגן דער שאַפערישער ראָל פון דער מאַטעמאַטיק ביים פאָרשן די דערשיינונגען פון דער אויסערלעכער וועלט.

די דאָזיקע פראַגע איז שוין לאַנג אָנגעקגעשטעלט געוואָרן. אויב ס'איז ריכטיק אַז די מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן זיינען ריין פאָרמעלע, אַז זיי שטיצן זיך אויסשליסלעך אויף לאָגישע געזעצן, טאָ ווי אַזוי קאָן מען דערקלערן יענע בלי ספק שאַפערישע ראָל פון די מאַטעמאַטישע פאַרוואַנדלונגען, וואָס האָבן געשפּילט און שפּילן ווייטער ביים אַנטפּלעקן נייע אומגעריכטע וויסנ־שאַפטלעכע אמתן. ס'איז דאָך קלאָר, אַז אַ ריין פאָרמעלע פאַרוואַנדלונג, ריין לאָגישע סברות קאָנען נישט געבן אין זייער רעזולטאַט מער, ווי ס'איז פריער געווען אַריין אין די פאַר־הנחות. די לאָגיק איז אַ פאַקטאָר, וואָס טראָגט אַריין סדר אין נישט געסדרטן קנויל באַגריפן, שאַפט אָבער נישט נייע זעלבשטענדיקע ווערטן. אָבער יעטווידער נאַטור־פאָרשער, וואָס באַנוצט זיך מיט מאַטעמאַטישע מעטאָדן ביים לייזן קאָנקרעטע וויסנשאַפטלעכע פּראָבלעמען, באַקומט יענעם מערקווירדיקן געפיל פון פרייד, ווען פּלוצלונג, נאָך אַ סך אומזיסטע באַמיאונגען, קריגט ער אַרויס פון אַ מאַטעמאַטישער פאָרמולע אַן אומגעריכטע געזעצמע־סיקייט, — ווען מאַטעמאַטישע סברות דערפירן צו דער אַנטפּלעקונג פון נייע וויסנשאַפטלעכע אמתן, ווען דער אויספיר איז אַ סך רייכער לויטן אינהאַלט ווי יענע פאַר־הנחות, פון וועלכע עס שטאַמען די מאַטעמאַטישע סברות.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אונזער גאַנצע עקספּערימענט־פּראַקטיק באַווייזט, אַז דאָס אָנווענדן מאַ־טעמאַטישע מעטאָדן ברענגט גוטע רעזולטאַטן און אָפט באַקומט מען אַרויס דורך דעם די אמתע שייכות צווישן די עלעמענטן פון אָביעקטיווער רעאַליטעט. דאָס באַווייזט בלי־ספק, אַז עס עקזיסטירט אַן איינקלאַנג צווישן די געזעצן פון מאַטעמאַטיק און פון אָביעקטיווער רעאַליטעט. אַנדערש געזאָגט, דאָס באַווייזט, אַז דאָס מאַטעמאַטישע דענקען איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער דאָזיקער אָביעקטיווער רעאַליטעט.

אָבער איינקלאַנג הייסט נאָך נישט אידענטישקייט; נישט אַלע מאַטע־מאַטישע באַגריפן זיינען פולקאָם צוגעפּאַסט צו די דערשיינונגען פון דער אויסערלעכער וועלט. אויך דאָ איז נויטיק צו באַציען זיך קריטיש צו די פאַקטן

און אויספירן פון ריין־מאַטעמאַטישע סברות און כסדר נאָכקאָנטראָלירן זיי מיט דער הילף פון אַלע אונזערע אַנדערע חושים און דערקענטעניש־מעטאָדן, ווייל דאָס דענקען, און בפרט מאַטעמאַטיש דענקען איז ווייט נישט מער פולקאָם, ווייט נישט מער פאַרזיכערט פון טעותים, ווי אונזערע חושים אָדער ווי אונזער פעאיקייט אויסצובילדן באַגריפן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אומגעהויערע ראָל פון מאַטעמאַטיק און מאַטעמאַטישע פאָרמולעס אין דער מאָדערנער וויסנשאַפט איז ענג פאַרבונדן מיט די אייגנטימלעכקייטן פון וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, וואָס שטרעבט איינצושטעלן נישט בלויז קוואַליטאַטיוו, נאָר אויך קוואַנטיטאַטיוו די שייכותן צווישן די עלעמענטן פון רעאַליטעט. וויסנשאַפטלעכער מעטאָד אָדער וויסנשאַפטלעכע אָבסערוואַציע איז אוממעגלעך אָן פּינקטלעכע מעסטונגען, וואָס פון זייער זייט, דינען זיי ווי אַ נייער און אמתדיקסטער קאָנטראָל פון אַלע פאַקטן, וואָס אונזערע דערקענטעניש־חושים און אונזערע געפיל־חושים שטעלן אונז צו, — ווי אַ מיטל פון אויסבילדן השגות און פון לאָגישן דענקען.

אָבער די דאָזיקע געהויבענע ראָל פון מאַטעמאַטיק פאַרמאָגט נאָך איין סכנה — אינם געביט פון פיזיק דרינגט אַריין דאָס, וואָס מיר רופן־אָן מעטאַפיזיק. אונטערן דאָזיקן טערמין פאַרשטייען מיר די שטרעבונג פון געוויסע וויסנשאַפטלער צו פאַרוואַנדלען פיזיק, און בכלל וואָסערן נישט איז וויסנשאַפטלעכן אמת אין אַ ריין מאַטעמאַטישע פאָרמולע, נישט זאָרגנדיק בכלל אויפצוקלערן איר פיזיקאַלישן זין. אַנדערע געלערנטע זיינען אַוועק אַזוי ווייט, דאָס זיי זאָגן זיך אָפּילו אָפּ פון זוכן דעם אמתן פיזיקאַלישן באַטייט פון די מאַטעמאַטישע סימבאָלן, וואָס זיי באַנוצן. די שטרעבונג צו פאַרוואַנדלען פיזיק — אַ וויסנשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך קודם כל מיט קאָנקרעטע אַנטפּלעקונגען פון דער לעבעדיקערווירקלעכקייט, וואָס רינגלט אונז אַרום — אין אַ ריין סכעמאַטישע און אַבסטראַקטע סיסטעם פון פאָרמולעס, — קאָן פאַרגליכן ווערן צו דער שטרעבונג פון די עגיפּטישע כוהנים, וואָס האָבן זיך באַמיט אין זייער צייט צו באַהאַלטן פון די געוויינטלעכע בשר־ודמס די וויסנשאַפטלעכע אמתן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, איינהילנדיק זיי אין אַ דעקמאַנטל פון אַן אומפאַרשטענדלעכער און זייער פאַרפּלאָנטערטער סיסטעם פון טערמינען און אַלעגאָריעס. אָט אַזאַ שטרעבונג רופן מיר אָן מאַטעמאַטישע מעטאַפיזיק, וואָס באַדראָט די אָנשווילעכקייט און בכן די פאַרשטענדלעכקייט פון די פיזיקאַלישע אמתן.

געזעצן און היפּאָטעזעס פון פיזיק

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, אַז יעטווידע פיזיקאַלישע פאָרשונג שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו געפינען נישט די „סיבות" און „רעזולטאַטן", וואָס פאַרבינדן „אינערלעך" די באַזונדערע עלעמענטן פון דער ווירקלעכקייט, נאָר זייער פונקציאָנעלע געזעצמעסיקייט. דאָך קומט־אויס יעטווידן פיזיקער צו באַנוצן אָפטער

די ווערטער „רעזולטאַט" און זעלטענער „סיבה"; ווייל די דאָזיקע ווערטער ווערן אָנגעווענדט נישט בלויז צום באַשטימען עפּעס אַן אינערלעכע פאַרבינדונג צווישן די עלעמענטן פון אָביעקטיווער רעאַליטעט, נאָר אויך כדי איבערצוגעבן דעם גאַנג פון לאָגישן דענקען. ווען פון אַ באַטרעפנדער הנחה דרינגען מיר אַרויס לאָגישע אויספירן, רופן מיר דאָס אַן געוויינלעך „רעזולטאַט".

מיר וועלן באַנוצן דאָס וואָרט „רעזולטאַט" אויסשליסלעך אין דעם באַטייט — ווי אַ שלוס פון עפּעס אַ לאָגישן פּראָצעס. באַזונדערס קומט אויס אונטער־צושטרייכן דעם באַטייט פון דאָזיקן וואָרט, ווען מיר באַטראַכטן די פראַגע וועגן כאַראַקטער פון די פיזישע געזעצן און היפּאָטעזעס (השערות).

וואָס איז אַזוינס פיזיקאַלישער געזעץ? דוכט זיך, אַז דאָס איז אַ ניט־אַנטדעקטער אמת, וואָס פאַרפליכטעט אונז צום פאַרשטיין די אויסערלעכע וועלט. אין דער אמתן איז פאַרקערט, יעטווידער פיזיקאַלישער געזעץ דאָס איז — קאָנסטאַטירן, אַז מיר ווייסן עפּעס נישט, אַז מיר פאַרשטייען נישט עפּעס אַ דערשיינונג און דערפאַר איז יעטווידע אָפּשאַפן פון אַ פיזיקאַלישן געזעץ בלי ספק אַ וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונג.

לאָמיר דאָס פּרובירן באַווייזן.

באַטראַכטנדיק אַ געוויסע דערשיינונג, שטרעבט די וויסנשאַפט פעסטצו־שטעלן די געזעצמעסיקייט צווישן די פאַקטאָרן פון אַזאַ דערשיינונג. אויסגע־פינענדיק די דאָזיקע געזעצמעסיקייט, ווייל די וויסנשאַפט אַרויספירן זי ווי אַ רעזולטאַט פון עפּעס אַן אַנדערער, פון פריער שוין באַוואוסטער מער אַלגע־מיינער געזעצמעסיקייט. אויב דאָס געלינגט, ווערט די דאָזיקע דערשיינונג איינגעשלאָסן ווי אַן איינצלנער פאַל אין דער אַלגעמיינער סכעמע פון דער אונז שוין באַוואוסטער סיסטעם פון דער אויסערלעכער וועלט. אונזערע דערקענ־טענישן ווערן רייכער, ווייל די נייע דערשיינונג, וואָס מיר פאַרשן אויס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ נייער אַנטפּלעקונג פון אַ פריער שוין באַוואוסטן אמת.

אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אַלע פּרואוון צוצוגעבן די ניי־אַנטפּלעקטע געזעצמעסיקייט צו די שוין פון פריער באַוואוסטע אמתן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומזיסטע, אַז בשום אופן געלינגט נישט צו פאַרבינדן די דאָזיקע דערשיי־נונג מיט אַנדערע שוין אויסגעפאָרשטע. דעמאָלט מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז אונזערע דערקענטעניש־קונסט איז הילפלאָז אין דאָזיקן פאַל און מיר ווייסן נישט — אין וואָס פאַר אַ פאַרבינדונג די באַטרעפנדע דערשיינונג געפינט זיך מיט די שוין אויסגעפאָרשטע שייכותן פון די עלעמענטן פון דער אויסערלעכער וועלט. מיר וועלן דעמאָלט זיין געצוואונגען צו דערקלערן, אַז „די באַטרעפנדע געזעצמעסיקייט האָט אַן אָרט דערפאַר, וואָס אַזוי איז שוין די אייגנשאַפט פון דער נאַטור". אָבער דאָס איז דאָך שוין נישט עפּעס אַנדערש, ווי די אָנערקע־נונג, אַז די קייט פון לאָגישן דענקען איינם דערקענטעניש־פּראָצעס האָט זיך איבערגעריסן און אַז מיר זיינען נישט בכוח צו פאַרשטיין (פעסטשטעלן) די פאַרבינדונג פון דער באַטרעפנדער דערשיינונג מיט די איבעריקע דערשיי־נונגען פון דער נאַטור.

אַמאָל פּרובירן די וויסנשאַפטלער באַזייטיקן אַט די הילפלאָזיקייט דורך אַריבערוואַרפן אַ בריק צווישן באַזונדערע געזעצמעסיקייטן, וואָס שטויסן זיך אָן אין זייער לאָגישער אַנטוויקלונג אָן יענעם טעמפּן ווינקל, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געשילדערט. אַזעלכע בריקן רופן די געלערנטע וויסנשאַפטלעכע היפּאָטעזעס (השערות). זייער ציל איז — געבן אַ מעגלעכקייט צו געפינען יענע רינגען, וואָס פעלן־אויס אין דער לאָגישער קייט, וואָס פאַרבינדט פאַרשידענע נאַטור־דערשיינונגען, און דערמיט פאַרלייכטערן צו געפינען אַנדערע נייע געזעצמעסיקייטן. דער ווערט פון יעטווידע היפּאָטעזעס הענגט־אָפּ, קודם־כל, פון זייער גינציקייט צו פאַרלייכטערן די פאָרשונג־אַרבעט פון וויסנשאַפטלער. און דעריבער ווערן כלעריי היפּאָטעזעס אָפּגעשאַצט קודם כל ווי אַן אַרבעט־אינסטרומענט. פון דאַנען שטאַמט דער טערמין אַרבעט־היפּאָטעזע.

אַן אַדורכקאָנטראָלירטע היפּאָטעזע, וואָס אירע רעזולטאַטן האָבן זיך באמת אַרויסגעוויזן פאַר פּרוכפּערדיק, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ טעאָריע. דער חילוק צווישן אַט די צוויי טערמינען באַשטייט אייגנטלעך נאָר אינם גראַד וואָרשיינלעכקייט, וואָס יעטווידער פון זיי פאַרמאָגט. אַ טעאָריע איז מער וואָרשיינלעך ווי אַ היפּאָטעזע, זי ליגט נאָך אָבער אַלץ אונטער אַ ספק. ווען אַ טעאָריע ווערט באַרעכטיקט אין אַזאַ מאָס, וואָס מ׳קאָן שוין מער נישט צווייפלען, אַז די אידענטישקייט אירע ווערט פון אַלעמען אָנערקענט, — דעמאָלט און נאָר דעמאָלט ווערט די באַטרעפנדע טעאָריע פאַרוואַנדלט אין אַ געזעץ פון פיזיק.

אַזוי איז אָגב געווען דער גורל פון איינער פון די פּרוכפּערדיקסטע היפּאָטעזעס פון דער וויסנשאַפט — די היפּאָטעזע וועגן אַטאָמישן בוי פון דער מאַטעריע. אַ לאַנגע צייט איז די דאָזיקע היפּאָטעזע געווען בלויז אַ השערה, שפּעטער האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טעאָריע, וואָס האָט געוואונען טרייע אָנהענגער אָבער גלייכצייטיק אויך אַנטשיידענע קעגנער. ערשט צום סוף פון פאַראַנגאַנגענעם י״ה, נאָך אָן אַ שיר עקספּערימענטן און קאָנטראָלירונגען פון די רעזולטאַטן פון דער דאָזיקער טעאָריע, האָבן זיך אירע קעגנער איבערצייגט, אַז אין גרונט גענומען אַנטשפּרעכט זי נישט בלויז דער ווירקלעכקייט, נאָר קאָן ווערן אָנגענומען פאַר דער ווירקלעכקייט גופא, קאָן ווערן אָנגענומען ווי אַ בלי ספקדיקע אָביעקטיווע רעאַליטעט. היינט איז זי אַן אמת, וואָס אונטערליגט נישט קיין שום ספק*).

— — — — — — — — — — — — — — — —

ש ל ו ס

מיר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז עס עקזיסטירט בלי ספק דער פּרינציפּ פון איינקלאַנג צווישן די מענטשלעכע חושים און דער אָביעקטיווער רעאַליטעט. דאָס שאַפט אַ פעסטן יסוד, אויף וועלכן די מאָדערנע וויסנשאַפט קען

*) דאָס איז געשריבן אין די יאָרן 1940-41. — רעד.

בויען איר בנין, זייענדיק זיכער, אַז אין איר יסוד און עצם שפּיגלט זי אָפּ יענע אָביעקטיווע וועלט, וואָס עקזיסטירט אויסער אונז און אומאָפּהענגיק פון אונז.

מיר האָבן גלייכצייטיק זיך איבערצייגט, אַז דער דאָזיקער איינקלאַנג צווישן אונזערע דערקענטעניש־אָרגאַנען און דער אָביעקטיווער רעאַליטעט באַטייט לגמרי נישט אידענטישקייט. און דעריבער דאַרף אַלץ, וואָס ווערט אונז גע־ליפערט ווי מאַטעריאַל דורכגיין אַ שטרענגן און געניטעם אַנאַליז און קאָנטראָל ביי וויסנשאַפטלעכער באַאַרבעטונג. טאַקע דערין, וואָס עס איז נישט פאַראַן קיין אידענטישקייט ליגט געוויס די סיבה פון אַלע דורכפאַלן און טעותן, מיט וועלכע ס׳איז אַזוי רייך די געשיכטע פון דער וויסנשאַפט, וועלכע האָט נישט איינמאָל אַנגענומען אָפּשיין פאַרווירקלעכקייט, בלענדעניש פאַר רעאַליטעט.

אינם פּראָצעס פון קאָנטראָל טרעפט אָמאָל, אַז אונזערע דערקענטעניש־חושים ווייזן אַרויס סתירות; אַנדערש גערעדט, דער מאַטעריאַל, וואָס באַקומט זיך מיט דער הילף פון אונזערע חושים איז אין סתירה צום מאַטעריאַל, וואָס באַקומט זיך אַדאַנק אונזער פעאיקייט לאָגיש צו דענקען. וואָס זאָל דעמאָלט זיין, וואָס זאָל מען אָננעמען פאַר אַ וויסנשאַפטלעכן אמת — דאָס, וואָס אונזערע חושים גיבן אַרויס, וואָס מ׳רופט געוויינטלעך „פאַקטן“, אָדער די אויספירן פון אונזער לאָגישן דענקען? ענטפערן אויף דער דאָזיקער פראַגע איז גענוג שווער. בכלל געמומען באַווייזט די עקזיסטענץ פון אַזעלכע סתירות, אַז די פּראָבלעם איז נישט גענוג באַאַרבעט און מען מוז זוכן אַ לייזונג, וואָס זאָל אַט די סתירות באַזייטיקן. אָבער ביז וואַנען די אַלגעמיינע לייזונג איז נישט גע־פונען געוואָרן, האַלט מען געוויינלעך (אָבער נישט שטענדיק) פאַקטן פאַר מער איבערצייגנדיק, איידער לאָגיק.

מיר וועלן ברענגען אַן אינטערעסאַנטן ביישפּיל. ווען צום סוף פון 17טן י״ה האָט ניוטאָן פאַרעפנטלעכט זיין באַרימט בוך, וואָס איז געוואָרן דער יסוד פון דער מאָדערנער פיזיק, האָט דער ענגלישער פילאָסאָף פון יענער צייט לאָק דערקלערט: „וועגן ניוטאָנס טעאָריע פון אַלוועלטלעכער גראַווי־טאַציע (צוציאונגס־קראַפט) קומט אויס צו זאָגן, אַז דער מענטשלעכער שכל איז נישט בכוח זי משיג צו זיין, ווייל דאָס צוציען אויף אַ שטח ווייט באַטייט דאָס זעלביקע וואָס עפּעס אַ קערפּער אַ יש, געפינט זיך (ד. ה. ער פונקציאָ־נירט) דאָרטן, וואו ער איז ניטאָ. אָבער איך בויג מיין קאָפּ פאַרן זשעני פון ניו־טאָן, הגם מיין שכל זאָגט זיך אָפּ צו פאַרשטיין דעם געזעץ, וואָס ער שטעלט אַרויס.“ אַן ערך 150 יאָר שפּעטער האָט דעם דאָזיקן געדאַנק אויסגעדריקט דער גרויסער פיזיקער פאַראַדעי — דער גרינדער פון דער מאָדערנער וויסנ־שאַפט וועגן עלעקטראָמאַגנעטישע דערשיינונגען. אויך ער האָט נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַ „קערפּער געפינט זיך דאָרטן, וואו ער איז נישטאָ“ און ער האָט דעריבער אויפן געביט פון עלעקטראָ־מאַגנעטישע פעל־דער געזוכט און געפונען אַ לייזונג, וואָס גיט די מעגלעכקייט זיך אָפּצואָגן פון ווייט־אַקטיווקייט.

און דאָך האָט ניוטאָנס געזעץ ביז איצט גרויס דערפאָלג און אָנערקענונג.

אפילו זיין טראַנספאָרמאַציע דורך איינשטיינען האָט נישט פאַרניכטעט די גרונט־סתירה צווישן דעם דאָזיקן געזעץ און דער מענטשלעכער לאָגיק.

דאָס באַווייזט, אַז די פּראָבלעם פון גראַוויטאַציע וואַרט נאָך אַלץ אויף איר ענדגילטיקער לייזונג.

מיר האָבן אין אונזער אַנאַליז פעסטגעשטעלט די נויטווענדיקייט צו אונ־טערשיידן דרייערליי רעאַליטעטן: אָביעקטיווע, סוביעקטיווע און מאַטעמאַטישע. די דאָזיקע אונטערשיידן איז נישט קיין אַקאַדעמישע פראַגע. זיי זיינען זייער וועזנטלעך ביים באַשטימען אַ ריי שטרייט־פּראָבלעמען וועגן די יסודות פון פיזיק. די קאָנסעקווענטע אָנווענדונג פון די אַלע דורך אונז פעסטגעשטעלטע הנחות, וואָס שטאַמען אַרויס פון די פּראָבלעמען, וואָס זיינען געמיינזאַם פאַר דער דערקענטעניש־טעאָריע פון פיזיק, ברענגט צו אַ ריי אויספירן, פון וועלכע די וויכטיקסטע זיינען:

1. אויב יעטווידע אָביעקטיווע רעאַליטעט באַשטייט פון 4 עלעמענטן, וואָס זיינען נישט אָפּצוטיילן איינער פון צווייטן, דאַרף נישט בלויז אַ מאַטעריע־לער קערפּער, נאָר אויך אַלע אַנדערע אַנטפּלעקונגען פון רעאַליטעט, בפרט אַלע ענערגעטישע דערשיינונגען און פעלדער פאַרמאָגן אָט די עלעמענטן. ווייטער וועלן מיר זיך אָפּשטעלן גענויער אויף דער אידענטישקייט פון די מאַטעריעלע קערפּערס און ענערגעטישע פעלדער. דערווייל וועלן מיר בלויז אָנווייזן, אַז, ווי אַ רעזולטאַט פון אונזער פריערדיקן אַנאַליז, איז אָביעקט און באַוועגונג נישט אָפּצוטיילן פון יעטווידער אַנדער רעאַליטעט סיי אַ געוויכטיקע סיי אַ נישט־געוויכטיקע. דעריבער דאַרפן אַזעלכע בלי ספק רעאַלע דערשיינונגען ווי עלעקטראָנען, פאָטאָנען עלעקטרישע פעלדער אָדער מאַגנעטישע פעלדער אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן זיין פאַרבונדן מיט אָביעקטן, וואָס באַוועגן זיך אין רוים און צייט.

ס'איז קלאָר וואָס פאַר אַ גרויסן באַטייט עס האָט אַזאַ אויספיר. דאָס גיט אונז אַ רעכט צו באַנוצן דעם טערמין „נישט געוויכטיקער קערפּער". ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטן טערמין „מאַטעריעלער קערפּער". מיר וועלן ווייטער זיך אָפּט באַנוצן מיטן טערמין „סיסטעם" כדי צו באַצייכענען אַ ליאַדע קאָמבינאַציע פון קערפּערס, אָן אונטערשייד געוויכטיקע אָדער נישט געוויכ־טיקע, מאַטעריעלע אָדער ענערגעטישע, ווייל, ווי שוין געזאָגט, די דאָזיקע אַלע קערפּערס קאָן מען דערפירן צו איין אַלגעמיינעם צייכן, וואָס שטעלט מיט זיך פאַר די באַוועגונג פון געוויסע אָביעקטן. מ'קאָן דעריבער זאָגן, אַז די נייע פיזיק איז די איינציקע לערע וועגן געוויכטיקע און נישט געוויכטיקע סיס־טעמען.

2. עס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן, אַז אַלע פיזיקאַלישע באַגריפן און גרייסן דאַרפן זיין באַזירט אויף 4 גרונט־עלעמענטן פון דער אָביעקטיווער רעאַליטעט. פּראַקטיש באַטייט דאָס, אַז ס'איז נויטווענדיק איינצושטעלן אַזאַ פאַרבינדונג צווישן אַלע פיזישע „סיסטעמען", וואָס וואָלט אונז באַוויזן — אויף וואָס פאַר אַן אופן, דורך אַלץ מער קאָמפּליצירטע קאָמבינאַציעס פון די באַ־

וועגלעכע אָביעקטן, עס באַקומט זיך אַן איבערגאַנג פון דער איינפאַכסטער עלעמענטאַרער סיסטעם צו דער מער קאָמפּליצירטער, פון מאַגנעטישן פעלד צום קאָסמאָס.

3. כדי צו באַקומען אַ באמת איינהייטלעך בילד פון דער וועלט, וואָס עס דאַרף אונדז געבן אַן אוניטאַרע נייע פיזיק, איז נייטיק, אַז אַלע פּרינציפּן און געזעצן פון פיזיק זאָלן קאָנען אַרויסגעפירט ווערן פון אַן איינציקער גרונט־היפּאָטעזע. געוויס איז נויטיק צו באַציִען זיך צו איר מיט גרויס פאָרזיכטיקייט. און דעריבער האָבן מיר געהאַלטן פאַר מער צוגעפּאַסט אַריבערטראָגן איר אין דער אָפּטיילונג וועגן „נייער מעכאַניק", וואו זי דרינגט אַרויס ווי אויף אַ נאַטירלעכן אופן פונם גאַנג פון די אויספאָרשונגען, וואו זי איז ווי אַ בלי־ספקדיקער רעזולטאַט פון אַלע פריערדיקע סברות. אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט — איז דאָס דער ערשטער פּרואוו צו באַגרינדן אַזאַ אַלץ אַרומפאַסנדיקע היפּאָטעזע.

אויב דער דאָזיקער פּרואוו וועט זיך אַרויסווייזן דערפאָלגרייך, זאָל זיין אַפילו טיילוויז, וועלן מיר האַלטן, אַז אונדזער אַרבעט איז נישט געווען אומזיסט.

ביבליאָגראַפיע

אָפּרופן וועגן מאָרד און וועגן די פּערזענלעכקייטן פון העגריק ערליך און וויקטאָר אַלטער

צוזאַמענגעשטעלט פון יעפים ישורין

אַרום דעם מאָרד

אַן אייגענער: אייניקע שטריכן פון די טעטיקייטן פון ערליך און אַלטער. דער וועקער, נ. י., מערץ 15, 1943.
אַבראַמאָוויטש, ר.: אויפן טויט פון ערליך און אַלטער, דער וועקער, נ. י., מערץ 1, 1943.
" " די צוויי סאָציאַליסטישע מאַרטירער: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 3, 1943.
" " אַמעריקאַנער פּאַשיסטן וועגן ערליך-אַלטער מאָרד, פאָרווערטס, נ. י., אַפּריל 8, 1943.
אַדלער פרידריך: וועגן מאָרד איבער ערליך און אַלטער. אונזער צייט, נ. י., אַפּריל, 1943.
אויערבאַך אפרים: אויף דער וואַגשאָל. מאָרגען זשורנאַל, נ. י., אַפּריל 6, 1943.
אייבראַמס י.: נישט צום פאַרשוויגן! פאַראויס, מעקסיקע, מערץ 1943.
" " וועגן פאַלשע רעטער און „פאַררעטער", די שטימע, מעקסיקע, מערץ 1943.
איינהאָרן דוד: וועגן אומשולדיק בלוט ווערט פאַרגאָסן, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 6, 1943.
" " שרייבער און קינסטלער וואָס באַטראַכטן זיך אַלס דער „געוויסן פון דער וועלט", פאָרווערטס, נ. י., מאַי 22, 1943.
אַראָנסאָן גריגאָרי: ווער זיינען די סאָוויעט-יידישע דעלעגאַטן? דער וועקער, נ. י., סעפּט. 1, 1943.
באַסקין יוסף: מיין לעצטע באַגעגעניש מיט ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 29, 1943.
בעקער א.: דער ערליך-אַלטער מאָרד און די בעקער-יוניאָן, דער וועקער, נ. י., מאַי 1, 1943.
בראָודער אוירל: די פאַרשווערונג קעגן אַמעריקע, די באַדייטונג פון דער ערליך-אַלטער העצע, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., אַפּר. 4, 1943.
ברומבערג י.: דער קאָמוניסטישער פּאָגראָם אויף דער מעדעם-סאַנאַטאָריע, דער וועקער, נ. י., אַפּר. 15, 1943.
ברייען א.: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 11, 1943.
גאָלד בען: כדי צו באַוואָרענען דאָס פאָלק מוז מען אויסראַמען די פאַררעטער, מאָרגן-פרייהייט, נ. י. אַפּר. 5, 1943.
גאָלדבערג א.: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 11, 1943.
געלערנט ה.: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 24, 1943.
גערסטער סידני: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 11, 1943.
גראָזענסקי שלמה: עטלעכע פראַגעס צום אַרויסגעבער און רעדאַקציע פון „טאָג" יידישער קעמפער, נ. י., מערץ 19, 1943.

גרין בער: דער ריזיקער היסטאָרישער מיטינג זונטאָג אָוונט אין קאַרנעגי האָל, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., אַפּר. 6, 1943.
גרין י.: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 11, 1943.
האַרעס ל.: דער מאָרד, אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.
ה[אַרעס] ל.: צום זעקסטן יאָרצייט, אונזער צייט, נ. י., יאַנ.-פעב. 1948.
האַניגוויל לודוויק: הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, דער וועקער, נ.י., מערץ 15, 1943.
האַרט י.: אַ טרער אויפן קבר [פון ה. ערליך און וויקטאָר אַלטער], אונזער צייט, נ. י., נומ. 4, אַפּריל 1943.
„ „ הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער — אַ לעבן פון קעמפער — אַ טויט פון מאַרטירער, אַרויסגעגעבן פון דער „אַמעריקאַנער רעפּרעזענטאַנץ פון בונד אין פוילן", נ. י., 1943.
„ „ די מאָרד-אַדוואָקאַטן, אונזער צייט, נ. י., מאַי 1943.
„ „ אונזערע אומפאַרגעסלעכע [צום צווייטן יאָרצייט פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער], אונזער צייט, נ. י., דעצעמבער 1943.
„ „ הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, אונזער צייט, נ. י., דעצעמבער 1946.
י. האָרן: הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער — פאַרוואָס האָט די סאָוויעטישע רעגי-רונג זיי אומגעבראַכט? אַרויסגעגעבן: בונדישע גרופּע, בוענאָס איירעס, מערץ 1943.
ה. ערליך און וויקטאָר אַלטער — געדענק-בוך, אַרויסגעגעבן: די בונדישע גרופּע, בוענאָס איירעס, 1943.
וואַסער ח.: אומזיניק און אכזריותדיק, אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.
זאַקהיים משה יצחק: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 24, 1943.
זוסמאַן היימאַן: דער קאַמף קעגן די קאָמוניסטן האָט גאַרנישט צו טאָן מיטן קאַמף קעגן היטלערן און מיט דער הילף פאַר רוסלאַנד, פאָרווערטס, נ. י., מאַי 28, 1943.
זיסקינד מאָריס: שיקאַגאָ א. פ. אָוו ל. פאַרדאַמט מאָרד פון ערליך און אַלטער; פּראָטעסט מיטינג אין לאָנדאָן. פאָרווערטס, נ. י., מערץ 23, 1943.
זאַבאַריאַש יוסף: אַ בלוטיקער פאַרראַט, פּאַראַיס, מעקסיקע, מערץ 1943.
טומאַן איזידאָר: פאַרוואָס זיי באַוויינען די פאַרשווערער, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., מערץ 23, 1943.
טרויער און פּראָטעסט — אַרויסגעגעבן פון דער בונדישער גרופּע, מאָנטעווידעאָ (אורוגוואַי), אַפּריל 1943.
טשערניאַק י. א.: אונזער באַציאונג צו דער ערליך-אַלטער טראַגעדיע. ערליך און אַלטער, מאָנטרעאָל, אַפּר. 1943.
יודין אברהם: אַ מיטינג פון אַנטי-סאָוויעטישע פאַרשווערער, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., אַפּר. 1, 1943.
יעזשאָר ש.: פאַרוואָס? ! פּאַראַיס, מעקסיקע, מערץ 1943.
כאַנין נ.: אַ בריוועלע צו אַ פריינד, דער וועקער, נ. י. — מערץ 15, 1943; אַפּריל 15, 1943; מאַי 1, 1943; יוני 1943.
„ „ די דאָפּעלטע בוכהאַלטעריע, דער וועקער, נ. י., יולי 1943.
ליבערמאַן חיים: צו דיר, מיין ברודער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 5, 1943.
לינדער דזשוליוס: די העצער וועלן דורכפאַלן, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., מערץ 16, 1943.
ליפּצין סעם: ביי אַ שמועס וועגן די אַנטי-סאָוויעטישע העצער, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., אַפּר. 5, 1943.
לעוויט י.: דער לאָס אַנדזשעלעס סענטראַל לעיבאָר קאונסיל פון א. פ. אָוו ל. פאַרדאַמט ערליך-אַלטער מאָרד, פאָרווערטס, נ. י., אַפּר. 21, 1943.
לעווין-שאַצקעס י.: דער פאַלשער חשבון, דער וועקער, נ. י., מערץ 15, 1943.
מ—ל: זאָג נישט! .. (וויי-גראַמען), די שטימע, מעקסיקע, מערץ 13, 1943.
מילגראַום מאָריס: איר זייט אונזער שאַנד, ברודער דובינסקי! מאָרגן-פרייהייט, נ. י., אַפּר. 5, 1943.

מיסקי הירש: אונטערן צייכן פון טרויער, די שטימע, מעקסיקע, מערץ 13, 1943.
מענדעלסאָן ש.: אַ שאָס אין סאָציאַליזם, אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.
" צוויי ריטער פון סאָציאַליזם, צוקונפט, נ. י., אַפּריל 1943.
מענעס א.: די מערדער זיינען שולדיק! דער וועקער, נ. י., מאַי 1, 1943.
נאָוואָגרודסקי עמנואל: די באַמיאונגען צו ראַטעווען הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.
" " הינגעריכטעטע, אונזער צייט, נ. י., מאַי 1943.
נוטקעוויטש ס.: די קענעדער אַרבעטער-פּאַרטיי סי. סי. עף. גרייט זיך צו ווערן אַ רעגירונגס-פּאַרטיי! פאָרווערטס, נ. י., מאַי 20, 1943.
נחום יוד: צום אָנדענק פון די פאַרשטאָרבענע פירער פון „בונד" [ליד], ערליך און אַלטער, מאָנטרעאַל, אַפּריל 1943.
נעמעראָוו טשאַרלס: דוד דובינסקיס מעשים דעקן אויף זיין „פּריינטשאַפט" צו דער רויטער אַרמיי, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., אַפּריל 15, 1943.
עפּשטיין דזשייקאָב: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 24, 1943.
פּאַט יעקב: מאָרד און שאַנד, אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.
פּאַט עמנואל: פירער פון אַ דור, אונזער צייט, נ. י., מאַי 1943.
פּאַלין מ. ל.: מעג מען איצט פּראָטעסטירן קעגן הינריכטונג און שענדונג? דער וועקער, נ. י., מערץ 15, 1943.
פּאָגעל י.: רוסלאַנד מעג קריטיקירט ווערן פּונקט ווי אַלע עלאַיס, פאָרווערטס, נ. י., מאַי 4, 1943.
פּאָגעלמאַן ל.: די ליבעראַלע צייטונגען וועגן די הינריכטונגען פון ערליך-אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 23. 1943.
פרידמאַן דוד: ניט אין אונזער נאָמען, „ברודער" דובינסקי! מאָרגן-פרייהייט, נ. י., מערץ 22, 1943.
צביון: יידישע אינטערעסן, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 3, 1943.
" אַ פּאָר עצות צו די שלוחים פון סאָוויעט-רוסלאַנד, פאָרווערטס, יוני 26, 1943.
צפת שמחה: ברודער-מאָרד, פאָראויס, מעקסיקע, מערץ 1943.
קאַהאַן אב.: נאָטיצן וועגן דעם ערליך-אַלטער מיטינג, פאָרווערטס, נ. י., אַפּר. 3, 1943.
" איבערצייגונגען און די מלחמה, פאָרווערטס, נ. י., יוני 10, 1943.
ק[אַזדאַן ח. ש.]: אויך צו אַ יובילייִ מוז מען האָבן מזל, פרייער יידישער קלוב בולעטין, נ. י., אָקט. 1950.
קאַיזער ס.: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 24, 1943.
קאַיזער סעם: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 11, 1943.
קורסקי פ.: די „לאָגיק" פון פאַרברעכן, אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.
קליגסבערג מ.: צוויי ליכטיקע געשטאַלטן, צוויי מאַרטירער, אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.
ראָגאָף הלל: מעג מען קריטיקירן סאָוויעט-רוסלאַנד? פאָרווערטס, נ. י., מערץ 18, 1943.
ראַוויטש מלך: די טראַגעדיע וויקטאָר אַלטער און הענריק ערליך, פרייע אַרבעטער שטימע, נ. י., מערץ 26, 1943.
ראָזען הערי: אַ בריוול צו דובינסקין, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., מערץ 30, 1943.
ראָטבלאַט א.: נאָדל-אַרבעטער אין לאָס אַנדזשעלעס פאַרטרייבן העצער פון מאַרקעט, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., אַפּריל 13, 1943.
רובינשטיין מ.: אַ שרעקלעכער פאַרברעכן! פאָראויס, מעקסיקע, מערץ 1943.
ר[ובינשטיין] מ.: צוויי גרויסע קדושים, פאָראויס, מעקסיקע, מערץ 1943.
רייזעמאַן ב.: ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 24, 1943.
ריימאַן אייב: אַ טאַטע פון קינדער אין אַרמיי שטעלט ביטערע פראַגע צו דובינסקין, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., אַפּריל 19, 1943.

שוואַרץ פּ.: דער מערדער און זיין קרבן, אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.
שטראַוס א.: אַרבעטער-רינג מיטגלידער אין קליוולאַנד אויפגעצאָרנט פון „פאָרווערטס"-העצע קעגן סאָוויעטן-פאַרבאַנד, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., מערץ 16, 1943.
שעהן בערנאַרד: אַ פּאָליטישער מאָרד, ערליך און אַלטער, מאָנטרעאָל, אַפּריל 1943.
שעפּנער, ב.: די מאַרטירער ערליך און אַלטער, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 7, 1943.
„ „ דער מאָרד און די אומפּאַרטייאישע, אונזער צייט, מאַי 1943.
„ „ דער געפּונענער ברודער, אונזער צייט, אויגוסט 1943.
„ „ מיר האָבן זיך צוגעאײלט מיט אונזערע פּראָטעסטן און מיטלייד, פאָרווערטס, אויגוסט 18, 1943.
שערמאַן בצלאל: דער יידישער חשבון מיט די קאָמוניסטן, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, נ. י., מאַי 15, 1943.
שערער ע.: געשטאַלטער פון „בונד", אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.

אונזער וואָרט: פאַרברעכן און שאַנדטאַט, אַרויסגעגעבן: די בונדישע גרופּע, בוענאָס איירעס, מערץ 20, 1943.
אונזער צייט, נ. י.—אָקט. 1941: אַ גרוס און אַ מאָנונג.
„ „ „ יאַנ. 1942: די חברים ערליך און אַלטער ווידער אַרעסטירט.
„ „ „ פעב. 1942: די אַקציע צו באַפרייען די ח"ח ערליך און אַלטער.
„ „ „ אַפּר. 1942: ווי האַלט עס מיטן ענין ערליך און אַלטער?
„ „ „ סעפּט. 1942: ווען וועלן די ח"ח ערליך און אַלטער ענדלעך באַפרייט ווערן?
„ „ „ אַפּריל 1943: דער מאָרד פון העגריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.
„ „ „ אַפּריל 1943: די גאַנצע אַמעריקאַנער און יידישע עפנטלעכע מיינונג אויפגעטרייסלט פון מאָרד און בלבול.
„ „ „ יולי 1943: פאַרבליבענע דאָקומענטן פון ה. ערליך און וו. אַלטער.
„ „ „ סעפּט. 1943: פּראָפ. איינשטיין וועגן ענין ערליך-אַלטער.
„ „ „ יאַנ. 1944: גרויסער מעמאָריאַל-אָוונט נאָך די דערמאָרדעטע פירער פון „בונד", העגריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.
„ „ „ דעצ. 1944: צום דריטן יאָרצייט פון ה. ערליך און וו. אַלטער.
„ „ „ מערץ 1945: די אַקאַדעמיע צום אָנדענק פון ה. ערליך און וו. אַלטער.
„ „ „ דעצ. 1945: צום פערטן יאָר-טאָג.
„ „ „ פעב. 1946: טרויער-פאַרזאַמלונג אין ניו-יאָרק צום 4טן יאָר-צייט פון העגריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.
באספת אזכרה לארליך ולאלטר — העתון הדימוקרטי, תל אביב, 19 אפּריל, 1946.
דער וועקער, נ. י.—מערץ 1, 1943: די דערמאָרדונג פון העגריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.
„ „ „ אַפּריל 15, 1943: פאַראייביקונג פון דעם אָנדענק פון ה. ערליך און וו. אַלטער; ערליך-אַלטער מעמאָריאַל-מיטינג אין באָסטאָן; דער באַלטימאָרער ברענטש פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד; פּינסקער ברענטש 252 אַרבעטער-רינג, שיקאַגאָ; אַרבעטער-רינג אין ווינדיפּעג; נוואַרקער ברענטש 3 פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד; מיאַמי ברענטש פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד; דווינסקער „בונד" ברענטש 75 אַרבעטער-רינג; באָראָ-פּאַרק-ברענטש, יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד; די קאָמוניסטישע וואָקכאַנאַליע; ב. שלעזינגער ברענטש יידישער סאָצ. פאַרבאַנד; איזידאָר קאַהען פאַריערס ברענטש פון יידישן סאָצ. פאַרבאַנד.

דער וועקער, נ. י., מאי 15, 1943 : אטלאנטער ארבעטער-רינג וועגן ערליך-אלטער
מארד ; איסט פלעטבוש ברענטש 2 יידישער סאַצ. פאַרבאַנד ;
שטאַטישע קאַנווענשאַן פון דער סאַציאַל-דעמאַקראַטישער קאַנ-
ווענשאַן.

" " " יולי 1943 : וואָס דאַרף פועלן די סאַוויעטיש-יידישע דעלעגאַציע.

טאָג, נ. י.—מערץ 16, 1943 : די ערליך און אלטער טראַגעדיע. [לייטאַרטיקל].

" " מערץ 24, 1943 : יידיש-נאַציאָנאַלער ארבעטער פאַרבאַנד וועגן דער אלטער-
ערליך היגריכטונג.

" " מערץ 31, 1943 : מעקאַ-טעמפל מיטינג פּראָטעסטירט קעגן ערליך-אלטער
הינריכטונג.

מאָרגן-פרייהייט, נ. י.—מערץ 19, 1943 : „פי עם" און די סאַוויעטן-האַסער.

" " " מערץ 30, 1943 : יידן מוזן זיך אָפּגעבן אַ חשבון וועגן דער
ערליך-אלטער העצע [לייטאַרטיקל] ; פּעינטערס לאָקאַל 905
שיקט גרינגען אַ פּראָטעסט קעגן זיין אַרויסטריט פאַר דער
ערליך-אלטער העצע ; יידישער פאָלקס-קאָמיטעט פאַרדאַמט
אַנטי-סאַוויעטישע אלטער-ערליך העצע.

" " " מערץ 31, 1943 : איינקייט — דער מעכטיקסטער וואָפן
קעגן דעם שונא.

" " " אַפּריל 3, 1943 : זאָל די רעגירונג אויספאָרשן די פאַקטן
וועגן דער ערליך-אלטער פאַרשווערונג [לייטאַרטיקל].

" " " אַפּריל 4, 1943 : היינט אָוונט, גרויסע דעמאָנסטראַציע אין
קאַרנעגי האָל פאַר פרייגטשאַפט מיטן סאַוויעטן-פאַרבאַנד ;
פאַראַנטוואָרטלעכע יידישע פירער דאַרפן זאָגן זייער וואָרט
וועגן די פאַרשווערער [לייטאַרטיקל].

" " " אַפּריל 5, 1943 : מיטינג וועגן יידישער איינקייט און ערליך-
אלטער, מיטוואָך אין בראָנקס.

מאָרגען זשורנאַל, נ. י.—אַפּריל 5, 1943 : יידישע שרייבער פאַרדאַמען בלבול אויף
אלטער און ערליך.

" " " אַפּריל 6, 1943 : „איינקייט" וואָס מיינט שפּאַלטונג [לייט-
אַרטיקל].

ערליך און אלטער, מאָנטרעאָל—אַפּריל 1943 : ווער עס שווייגט איז אַ מיט-שותּף
צו די רציחות.

ערליך און אלטער, אויסגאַבע געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון די סאָציאַליסטישע
מאַרטירער, דערמאָרדעטע דורך גע-פּע-או, טאָראָנטאָ, אַפּריל 1943.

פּראָלעטאַרישער געדאַנק, נ. י.—מאַי 15, 1943 : קאָנווענשאַן פון סי. סי. עף. אין
אָנטאַריאָ.

פאַקטן און מיינונגען, נ. י.—מאַי 1943 : אַרום דער פּראָטעסט-קאַמפּאַניע קעגן דעם
מאָרד פון ערליך און אלטער.

פאָרווערטס, נ. י.—פעב. 26, 1943 : באַרימטע בונדיסטן ערליך און אלטער הינגעריכטעט
אין רוסלאַנד.

" " פעב. 27, 1943 : ערליך און אלטער [לייטאַרטיקל] ; הינריכטונג פון
ערליך און אלטער מאַכט פיינלעכן איינדרוק אין ענגלאַנד.

" " מערץ 2, 1943 : זיגעלבוים אַנאָנסירט, אַז ער וועט פאַרעפנטלעכן
דאָקומענטן וועגן דער אומשולד פון ערליך און אלטער.

" " מערץ 3, 1943 : גוואַלדיקער שטורם פון צאָרן און פּראָטעסט אין דער
אַרבעטער-באַוועגונג צוליב דער הינריכטונג פון ערליך און אלטער.

" " מערץ 5, 1943 : ווילקי האָט אין מאָסקווע אַפּעלירט צו באַפרייען
ערליך און אלטער ; האָט געמאַכט צוויימאָל אַפּיל מיט 4 וואָכן צוריק.

פאָרווערטס, נ. י., מערץ 6, 1943 : מרס. רוזוועלט האָט געבעטן סאָוויעט-רעגירונג צו באַפרייען די בונדישע פירער ערליך און אַלטער ; טעטיקייטן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

" " מערץ 7, 1943 : רוסלאַנד געהאַט באַשטימט ערליך און אַלטער אַלס פירער פון אַנטי-פאַשיסטישן קאָמיטעט ; שפּעטער האָט מען זיי גערופן אין אינערן קאָמיסאַריאַט און זיי זיינען מער קיין לעבעדיקע פון דאָרט ניט אַרויס.

" " מערץ 8, 1943 : סאָוויעט-רעגירונג האָט פאַרגעשלאָגן ערליכן און אַלטערן צו ווערן פירער פון דעם יידישן אַנטי-פאַשיסטישן קאָמי-טעט, זאָגט זיגעלבוים ; ניו-יאָרקער ענגלישע צייטונגען דרוקן אָב. קאַהאַנס פאַרדאַמונג פון דעם ערליך-אַלטער מאָרד ; די אויפרעגונג אין די יוניאָנס צוליב דעם ערליך און אַלטער מאָרד.

" " מערץ 10, 12, 1943 : ניו-יאָרקער יוניאָנס און אַרבעטער-אָרגאַניזאַ-ציעס רופן פּראָטעסט מיטינג קעגן מאָרד פון ערליך און אַלטער ; דובינסקי טשערמאַן פון קאָמיטעט.

" " מערץ 11, 1943 : פּוילישע רעגירונג שיקט פּראָטעסט-נאָטע צו רוסלאַנד קעגן היגריכטונג פון ערליך און אַלטער ; איטאַליענישע סאָציאַליסטן פּראָטעסטירן קעגן מאָרד פון ערליך און אַלטער.

" " מערץ 12, 1943 : א. פ. אָוו ל. בולעטין פאַרדאַמט מאָרד פון ערליך און אַלטער ; שיקט שאַרפן עדיטאָריעל צו יוניאָנס.

פאַרווערטס, נ. י.—מערץ 14, 1943 : די גאַנצע אַרבעטער באַוועגונג וועט זיך באַטייליקן אין פּראָטעסט מיטינג קעגן דער היגריכטונג פון ערליך און אַלטער.

" " מערץ 18, 1943 : אַלטער און ערליך מאָרד רופט אַרויס שטורם ביי דרעס-פּרעסערס ; גרויסער פּראָטעסט טרויער-מיטינג נאָך דער דער-מאָרדונג פון די צוויי גרויסע אַרבעטער און סאָציאַליסטישע פירער ערליך און אַלטער אין רוסלאַנד ; טעטיקייטן פון יידישן סאָציאַליס-טישן פאַרבאַנד.

" " מערץ 19, 1943 : אַרבעטער רינג קאָנפערענץ דערוויילט קאָנוועגשאָן-דעלעגאַטן, פאַרדאַמט ערליך-אַלטער מאָרד ; קלאַוק אָפּעריטאָרס ערן דעם אָנדענק פון ערליך און אַלטער טראָץ טומעל פון קאָמוניסטן.

פאַרווערטס, נ. י.—מערץ 20, 1943 : די יוניאָן פון סטעיט קאונטי מוניסיפּאַל עמפּלאָיס פּראָטעסטירט קעגן מאָרד ; באַרימטע פּוילישע און רוסישע סאָציאַליסטן פּראָטעסטירן קעגן היגריכטונג פון ערליך און אַלטער.

פאַרווערטס, נ. י.—מערץ 20 : טעטיקייטן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

פאַרווערטס, נ. י.—מערץ 23, 1943 : אַ מעמאָריאַל מיטינג נאָך ערליך און אַלטער אין לאָנדאָן.

" " מערץ 24, 1943 : סטודענטן האַלטן פּראָטעסט-מיטינג אין סיטי קאַלעדזש קעגן מאָרד פון ערליך און אַלטער.

" " מערץ 25, 1943 : אַלטער און ערליך מאָרד רופט אַרויס אנטריסטונג ביי שניידער מיטינגען ; גרין פון א. פ. אָוו ל., קערי פון דער סי. אַי. אָ., סענאַטאָר מיד צווישן רעדנער ביי ערליך-אַלטער מיטינג ;

פאַרווערטס, נ. י.—מערץ 26, 1943 : קיעווער בר. 25 א. ר. און דער ליידיס בר. 25-בי פאַרדאַמען די מערדער פון ערליך און אַלטער ; ברענטש 214 אַרב. רינג ; פון בר. 52 אַרב. רינג ; פון בר. 288 אַרב. רינג ; פון גריגאָרי גערשוני בר. 247 אַרבעטער רינג ; פון בר. 92 א. ר., וואַשינגטאָן.

" " מערץ 27, 1943 : טעטיקייטן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד ; פירער פון אינטערנעשאַנאַל לאָקאַלס און דזשאָינט באָארדס פּראָ-טעסטירן קעגן ערליך-אַלטער מאָרד.

פֿאָרווערטס, נ. י., מערץ 28, 1943 : ענגלישע לעיבאָר פּאַרטיי, די בעלגישע, טשעכישע, פֿראַנצויזישע און פּאַלעסטינער סאָציאַליסטן פּראָטעסטירן קעגן ערליך-אַלטער מאָרד.

„ „ מערץ 29, 1943 : אַלטער און ערליך פּראָטעסט מיטינג אין איסט ניו-יאָרקער אַרב. רינג שול 5 היינט ; ברענטש 968 טרויערט אויפֿן טויט פֿון ערליך און אַלטער ; פּירער פֿון ענגלישע לעיבאָר פּאַרטיי און סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל פֿאַרדאַמען ערליך-אַלטער מאָרד.

„ „ מערץ 30, 1943 : מאָנטרעאָל קלאָוקמאַכער יוניאָן און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס פֿאַרדאַמען ערליך און אַלטער מאָרד ; היינט אָוונט דער פּראָטעסט מיטינג קעגן דעם ערליך-אַלטער מאָרד [לייטאָרטיקל] ; לאַגוואַרדיאַ וועט עפֿענען פּראָטעסט-מיטינג קעגן ערליך-אַלטער מאָרד היינט אין מעקאַ טעמפּל, סענאַטאָר מיד און קאָנגרעסמאַן וואורהיז צווישן רעדנער.

פֿאָרווערטס, נ. י.—מערץ 31, 1943 : רעזאָלוציע פֿון בר. 295 א. ר. ; דער היסטאָרישער מיטינג אין מעקאַ טעמפּל [לייטאַרטיקל] ; באַשולדיקונג קעגן ערליך און אַלטער איז „שענדלעכע היפּאָקריטסטוואָ" זאָגט אַב. קאַהאַן ; גרין לייענט ליטווינאָווס בריוו : זאָגט, אַרבעטער וועלן פֿאָדערן דין וחשבון ביי שלום-קאָנפֿערענץ פֿאַר מאָרד פֿון מאַרטירער ; דובינסקי דערמאָנט ווי ערליך האָט אין זעלבן האָל גערופֿן וצם קאַמף קעגן נאַציס ; לאַגוואַרדיאַס רעדע ביים מיטינג ; קיינער קען ניט גלויבן בלבול, זאָגט העלד ; ערליכס אלמנה און קינדער ביים מיטינג ; דער היסטאָרישער פּראָטעסט-מיטינג קעגן ערליך-אַלטער מאָרד ; פֿאַרשטייער פֿון „בונד" דערציילט וועגן די צוויי מאַרטירער [ש. מענדעלסאָן] ; היגע קאָמוניסטן זיינען גרעסטע שטערונג צו פֿריינד-שאַפֿט מיט רוסלאַנד, זאָגט סי. אַי. אָ. פּירער ; קאָמוניסטן האָבן געאַרבעט מעשים אַז וויכטיקע פּירער זאָלן ניט קומען צום פּראָטעסט-מיטינג ; רעזאָלוציע פֿון בר. 2 וועגן מאָרד פֿון ערליך און אַלטער ; גאַנצע אַרבעטער וועלט פֿאַרדאַמט ערליך-אַלטער מאָרד.

פֿאָרווערטס, נ. י.—אַפּריל 1, 1943 : אָפּקלאַנגען פֿון דער היסטאָרישער ערליך-אַלטער פֿאַרזאַמלונג ; רעזאָלוציע וועגן היגריכטונג פֿון די אַרבעטער-פּירער הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער ; טרויער רעזאָלוציע פֿון א. ר. ברענטש 49 וועגן אַלטער און ערליך מאָרד ; פּראָטעסט-רעזאָלוציע פֿון פֿאַראייניקטן ווילנער בר. 43 א. ר. וועגן ערליך און אַלטער.

פֿאָרווערטס, נ. י.—אַפּריל 2, 1943 : ברענטש 211 פּראָטעסטירט קעגן מאָרד-אַקט אויף אַלטער און ערליך ; אוירל בראַודער זאָגט ערליך און אַלטער געווען „אַגענטן פֿון אַמעריקאַנער סאָציאַליסטן" צו „פֿאַרניכטן רוסלאַנד".

פֿאָרווערטס, נ. י.—אַפּריל 3, 1943 : טעטיקייטן פֿון יידישן סאָציאַליסטישן פֿאַרבאַנד ; אַ פֿאַרברעכערישער בלבול פֿון אַ קאָמוניסטישן שאַרלאַטאַן [בראַודער]

„ „ אַפּריל 4, 1943 : כאַנין גיט אַרויס אַ דערקלערונג וועגן בראַודערס נאַרישע ליגנס ; באַרימטע יידישע שריפֿטשטעלער, זשורנאַליסטן און פּאָעטן שרייבן רירנדן פּראָטעסט קעגן ערליך-אַלטער מאָרד.

„ „ אַפּריל 5 : אָפֿיציעלע אָרגאַנען פֿון גרעסטע סי. אַי. אָ. יוניאָנס פֿאַר-דאַמען ערליך-אַלטער מאָרד.

פֿאָרווערטס, נ. י.—אַפּריל 6, 1943 : פֿון האַמלער ברענטש 20 אַרבעטער רינג ; טרויער-פּראָטעסט רעזאָלוציע וועגן אַלטער-ערליך מאָרד פֿון ברענטש 144 אַרבעטער רינג ; קוני-איילאַנד בר. ייד. סאָצ. פֿאַרבאַנד דערשיטערט איבערן מאָרד פֿון ערליך און אַלטער ; אַפּריל 6, 1943 : פֿון בר. 560 אַרבעטער רינג ; בר. 439 אַרב. רינג ; פֿון וויליאַמסברידזש בר. 182 אַרבעטער רינג ; פֿון באָראָ-פּאַרקער ייד. סאָצ. פֿאַרבאַנד ; איזידאָר קאַהען פֿאַריערס בר. פֿון ייד. סאָצ. פֿאַרבאַנד ; רעזאָלוציע פֿון בר. 285 א. ר.

פאָרווערטס, נ. י.—אַפּריל 7, 1943 : טעטיקייטן פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פעדעראַציע ; אויפגאַבן פון יידישע סאָציאַליסטן דיסקוטירט ביי פאַרבאַנד צוזאַמענקונפט.

" " אַפּריל 10 : טעטיקייטן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

" " אַפּריל 11, 1943 : סטודענטן פון ברוקלינער קאַלעדזש הערן וועגן ערליך און אַלטער מאָרד, פּרעזידענט גידעאָנס פאַרדאַמט בלבול אויף דערמאָרדעטע.

פאָרווערטס, נ. י.—אַפּריל 19, 1943 : פּראָטעסט-רעזאָלוציע פון דעם וואָלקאָוויסקער ראַיאָנער בר. 100 אַרב. רינג.

פאָרווערטס, נ. י.—אַפּריל 20 : [טרויער רעזאָלוציע] פון לובלינער ברענטש 392 א. ר. ; [טרויער רעזאָלוציע] פון ברענטש 112 אַרב. רינג ; [טרויער רעזאָלוציע] פון ברענטש 600 א. ר. ; [טרויער רעזאָלוציע] פון ברענטש 507 א. ר. ; פּרעז. דובינסקיס רעדע ביים אַלטער-ערליך מיטינג אַריין אין „קאָנגרעשאָנעל רעקאָרד" ; שפּאַנישער סאָציאַליסט געשטאָכן פון קאָמוניסטן ביי ערליך-אַלטער טרויער-מיטינג אין מעקסיקאָ.

פאָרווערטס. נ. י.—אַפּריל 29, 1943 : ערליך און אַלטער זיינען הינגעריכטעט געוואָרן נאָך אין יאָר 1941, מעלדעט ליטווינאָוו אין בריוו צו וויליאַם גרין.

" " מאַי 2, 1943 : ערעפענונגס רעדע פון י. וויינבערג, פּרעזידענט פון אַרבעטער רינג.

" " מאַי 4, 1943 : יידישע אַרבעטער מאַסן אַנטוישט מיט רעזולטאַטן פון בערמיודאַ קאָנפערענץ.

פאָרווערטס, נ. י.—מאַי 6, 1943 : פון דער קענזעס סטעיט א. ר. קאָנפערענץ ; פון דער פּענסילוועניע נאָרט-איסטערן קאָנפערענץ ; רעזאָלוציע וועגן ערליך און אַלטער [פון דער 43-טער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער רינג] ; טרויער רעזאָלוציע פון בר. 226 אַרבעטער רינג ; רעזאָלוציע פון בר. 509 א. ר. ; פּראָטעסט רעזאָלוציע פון ברענטש 250 אַרבעטער רינג ; רעזאָלוציע פון לאָדזשער בר. 342 אַרבעטער רינג וועגן ערליך און אַלטער.

פאָרווערטס, נ. י.—מאַי 17, 1943 : טרויער רעזאָלוציע פון ברענטש 392 אַרב. רינג ; קוני-איילאַנד ברענטש 696 א. ר. ; רעזאָלוציע פון ברענטש 216 וועגן ערליך און אַלטער מאָרד ; טרויער רעזאָלוציע פון בר. 389 אַרבעטער רינג.

פאָרווערטס, נ. י.—מאַי 18, 1943 : טעטיקייטן פון יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

" " מאַי 19, 1943 : ברענטש 146 א. ר. פאַרדאַמט ערליך און אַלטער מאָרד.

" " מאַי 20, 1943 : ליבעראַלער פּראָפעסאָר ציט זיך צוריק פון קאָמוניסטן-מיטינג ווייל מ'וויל שענדן אָנדענק פון ערליך און אַלטער.

" " יוני 27, 1943 : ערליך און אַלטער האָבן אונטערהאַנדלט מיט דער סאָוויעט-רעגירונג וועגן גרינדן אַ יידישן אַנטי-היטלעריסטישן קאָמיטעט.

" " פעב. 25, 1950 : צום אָנדענק פון ה. ערליך און וו. אַלטער.

פאָרווערטס, קליוולאַנד—מערץ 14, 1943 : אַרבעטער רינג ברענטש 79-בי פאַרדאַמט דעם מאָרד פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

פאָרווערטס, קליוולאַנד—מערץ 19, 1943 : זונטאָג בייטאָג פּראָטעסט און טרויער מיטינג קעגן הינריכטונג פון ערליך און אַלטער.

פאָרווערטס, קליוולאַנד—מערץ 21, 1943 : היינט בייטאָג פּראָטעסט און טרויער מיטינג קעגן הינריכטונג פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

פאָרווערטס, קליוולאַנד—מערץ 25, 1943 : פּראָטעסטירט און טרויערט אויפן טויט פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

פאָרווערטס, שיקאַגאָ—מערץ 13, 1943 : נאַציאָנאַלע אַרב.-רינג עקזעקוטיווע פאַרדאַמט דעם מאָרד און בלבול אויף ערליך און אַלטער.

פֿאָרווערטס, שיקאַגאָ—מערץ 20, 1943 : פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פֿאַרדאַמט ערליך-אַלטער מאָרד ; שטורעם פֿון פּראָטעסט שטייגט.

פֿאָרווערטס, שיקאַגאָ—מערץ 31, 1943 : אָפיציעלער רעפּאָרט פֿון די פֿעדעראַציע פֿון ייִדישע יוניאָנס.

פֿאָרווערטס, שיקאַגאָ—אַפּריל 18, 1943 : פּוילישער פּאַרלאַמענט שליידערט צוריק רוסישן בלבול פֿאַר שיסן ערליך און אַלטער.

קולטור און דערציאונג, נ. י.—אַפּריל 1943 : דער ערליך- און אַלטער-מיטינג.

" " " מערץ 1943 : מיר וועלן דעם מאָרד ניט פֿאַרגעסן !

Abramovitch Raphael: The Murder of Erlich and Alter, *New Leader*, N. Y., March 6, 1943.

" " The Murder of Erlich and Alter, *Erlich and Alter*, Montreal, April 1943.

Austrian Labor Information, No. 12, March 20, 1943: **Henryk Ehrlich und** Victor Alter.

Carter Boake: Jewish Organization Protest Soviet Purge of Polish Leaders, *Indianapolis News*, March 12, 1943.

Chamberlin William Henry: Another Sacco-Vanzetti Case, *New Leader*, N. Y., March 13, 1943.

Chapman Abraham: "P M" and the Erlich-Alter Case, *Morning-Freiheit*, N. Y., March 20, 1943.

" " More on "P M" and the Erlich-Alter Case, *Morning-Freiheit*, N. Y., March 28, 1943.

" " A Conspiracy Against A Victory, *Morning-Freiheit*, N. Y., April 1, 1943.

" " The Responsibility of Jewish Leadership, *Morning-Freiheit*, N. Y., April 4, 1943.

:: " What Is The Forward Clique Up To? *Morning-Freiheit*, N. Y., April 17, 1943.

Francq Marcel E.: Statement [About Erlich-Alter]. *Erlich and Alter*, Montreal, March 1943.

Goldman Albert: The Murder of Henry Erlich and Victor Alter, *The Militant*, N. Y., March 20, 1943.

Lamoureaux R. J.: Statement, *Erlich and Alter*, Montreal, April 1943.

Low Matthew: Inside and Out, *New Leader*, N. Y., March 6, 1943.

" " Inside and Out, *New Leader*, N. Y., March 13, 1943.

Lyons Leonard: The Lyons Den, *New York Post*, April 6, 1943.

Rushmore Howard: See Reds Using Patriotic Mask, *New York Journal-American*, May 24, 1943.

Silcoff Maurice: Statement, *Erlich and Alter*, Montreal, April 1943.

Stout Jonathan: Capital Comment, *New Leader*, N. Y., March 6, 1943.

Uhld Alexander H.: How Erlich-Alter Case Affects U. S. Soviet Relations, *P M.*, N. Y., March 18, 1943.

Woltman Frederick: Wilkie Tried To Halt Red Execusions, *New York World-Telegram*, March 4, 1943.

" " Spy Charge Against Executed Erlich Stuns Family, *New York World-Telegram*, March 5, 1943.

The Call, April 1943: Br. 240E W. C. Adopts Resolution on Murder of Erlich and Alter.

The Case of Henry Erlich and Victor Alter, Foreword by *Camille Huysmans,* Published by The American Representation of General Jewish Workers of Poland, New York.

Erlich and Alter, Montreal, April 1943: C.C.F. "News Comment" Condemns Executions.

The Ghetto Speaks, N. Y., April 1, 1943: The Execution of Erlich and Alter — on the air.

" " " " May 1, 1943: A Cruel Crime Has Been Committed; Meetings Protesting the Execution of Henryk Erlich and Victor Alter.

" " " " June 1, 1943: Memorial Meeting in London for the Executed Henry Erlich and Victor Alter.

" " " " October 1, 1943: Harold J. Laski about the execution of Erlich and Alter.

Morning Freiheit, N. Y., April 15, 1943: Chicago C. I. O. Leaders Condemn Erlich-Alter Campaign.

Morning Freiheit, N. Y., April 30, 1943: 50 Outstanding Manhattan Citizens Condemn "Alter-Erlich Protest Meeting."

New York Journal-American, April 12, 1943: Slaying of 2 Poles Assailed in London.

New York Journal-American, April 12, 1943: Is Soviet Russia Real Ally in Battle for Justice, Freedom?

New Leader, N. Y., March 13, 1943: S.D.F., Italian Labor Protests Erlich-Alter Executions; Hold Erlich-Alter Rally March 30; Soviets Apologized for Its Arrest.

P M, New York, March 5, 1943: Poles Score Soviet Charge.

New York *Post,* March 4, 1943: Wilkie Asked Reds to Free Alter, Erlich.

" " " April 3, 1943: The Erlich-Alter Case.

" " " May 15, 1943: A L P Left Wing in Battle for Control in City and State.

New York *Times,* March 4, 1943:Charges Answered by Soviet Embassy.

" " " March 5, 1943: Wilkie Intervened for Poles in Russia.

" " " March 29, 1943: Slaying of 2 Poles Assailed in London.

" " " March 30, 1943: Mayor to Join Protest Tonight Against Two Executions by Russia.

" " " March 31, 1943: Labor Rally Here Denounces Reds for Execution of 2 Polish Leaders.

" " " April 2, 1943: Browder Charges Conspiracy Here.

" " " May 20, 1943: Pole to Withdraw from "Unity" Rally Here; Says Reds Try to Misrepresent Purpose.

Time, N. Y., March 15, 1943: Two Dead Men.

" " April 12, 1943: Carey on Communism.

Voice of the Unconquerred, N. Y., April 1943: Labor Condemns Soviet Execution of Erlich and Alter.

Dąmbrowski A. S.: Błędy i Odpowiedzialność, *Wiadomości Polskie,* London, April 4, 1943.

Horniak P.: Moja Odpowiedź pp. z Kominternu, *Robotnik Polski,* N. Y., July 25, 1943.

Kucharski W.: Sprawy Krajowe, *Głos Ludy,* Detroit, May 8, 1943.

Nowakowski Zygmunt: Montagnes Russes, *Wiadomości Polskie,* London, May, 23, 1943. 1943.

Olszowy Franciszek: Pierwszy Maj, *Ameryka-Echo,* May 2, 1943.

Penzik A.: List Otwarty Do P. Redaktora P. P. Yollesa, *Głos Ludowy,* Detroit, July 3, 1943.

Polonus: Polityka Sowietów, *Ameryka-Echo,* March 14, 1943.

Tennenbaum Henry: Prawosławie, Panslawizm i Narodowość w Ideologji Komunistycznej, *Wiadomości Polskie,* London, May 23, 1943.

Wraga Ryszard: "Wolna Polska", *Wiadomości Polskie,* London, May 9, 1943.

P. Y.: Świat Bez Kominternu, *Nowy Świat,* May 25, 1943.

Yolles P. P.: Polonica, *Nowy Świat,* May 25, 1943.

Ameryka-Echo, March 7, 1943 : Ehrlich i Alter Straceni.

" " March 14, 1943: Stracenie Działaczy Polskich Oburza Amerykanów. Wilkie Apelował O Zwolnienie Polaków.

" " March 21, 1943: Renegaci.

" " March 28, 1943: Zamordowanie Ehrlicha i Altera.

" " May 9, 1943: Pod Rozwagę: Próby Powtórzenia Kongresu Wiedeńskiego.

" " April 11, 1943: Nawrót Do Rozsądku; Socjaliści w Sprawie Ehrlicha i Altera; Szwedzi o Zabójstwie Ehrlicha i Altera.

" " April 18, 1943: Oszczerstwa Przywódcy Komunistów.

" " May 16, 1943: Ehrlich i Alter Straceni w r. 1941.

" " May 23, 1943: Przywódcy Socjalistyczni Straceni Przez Komunistów.

" " June 6, 1943: Niemcy Urządzają "Pogrzeb" Zamordowanych Oficerów Polskich.

" " Aug. 15, 1943: Dwie Polityki Józefa Stalina.

Ameryka Echo, Toledo, April 11, 1943: Wiec Protestacyjny Przeciw Zamordowaniu Socjalistów.

Biuletyn, Teheran, Styczeń, 1944: W drugą rocznicę śmierci Wiktora Altera i Henryka Ehrlicha.

Dziennik Żołnierza A.P.W., 30 Maja, 1946, N. 128 (792), Wydanie Polowe: Hiszpański Cień Wiktora Altera.

Głos Ludowy, Detroit, April 3, 1943: Oświadczenie Unistów Żydowsko-Amerykańskich.

" " " April 17, 1943: Sprawa Ehrlicha i Altera.

" " " April 24, 1943: O Majątki Dla Magnatów Walczą.

" " " May 1, 1943: O Jedność Polonji Amerykańskiej w Walce z Hitlerem i Hitleryzmem.

" " " May 8, 1943 : Ostrem Piórem.

" " " March 13, 1943: Przywdzieli Stare Płaszcze.

" " " May 29, 1943: Marynarze Odrzucili Propozycje P.P.S.

" " " June 5, 1943: O Amerykańsko-Sowiecką Przyjaźń.

Nasza Trybuna, N. Y., March 11, 1943: Ehrlich i Alter Zostali Straceni w Rosji.

Nasza Trybuna, N. Y., April 12, 1943: List S. Zygielbojma w Sprawie Altera i Ehrlicha.
" " " April 12, 1943: Protest Przeciw Straceniu Błp. Ehrlicha i Altera.
Nowy Świat, May 7, 1943: Ehrlich i Alter Straceni Zostali w 1941.
" " Ks. Prałat Z. Kaczyński O Zbrodniach Popełnionych Na Polakach w Rosji.
" " July 10, 1943: Drogi do Zwycięstwa.
Robotnik Polski, April 11, 1943: Podwójna Potwarz i Podwójne Kłamstwo.
" " April 11, 1943: Wiec Robotników Amerykańskich w Sprawie Towarzyszy H. Ehrlicha i W. Altera.
Wiadomości Codzienne, Cleveland, March 19, 1943: Tajna Rezolucja Polskiej Partji Socjalistycznej.
Wiadomości Polskie, London, May 30, 1943: Moralność i Polityka.
" " " June 13, 1943: Socjaliści Angielscy o Alterze i Ehrlichu.
" " " May 23, 1943: Przyjazne Nastroje Brytyjskie.
" " " April 4, 1943: Ehrlich and Alter.
" " " Próba Objektywizmu.
Soviet Russia Arrests Henryk Erlich and Victor Alter, Noted Polish Socialist Leaders — Published by the American Delegation of the General Jewish Workers Union of Poland, N. Y., 1941.
Erlich and Alter — Martyrs Not Traitors: Published by *Bund Group,* Melbourn, 1943.

Социалистический Вестник, Нью Иорк, 6 марта 1943 г. — К убийству Генриха Ерлиха и Виктора Альтера.
Социалистический Вестник, Нью Иорк: **П. Гарви** — Мученики Социализма.
Новый Путь, Нью Иорк, 4 апреля, 1943 — К расстрелу т. т. Ерлиха и Альтера.
Новый Путь, Нью Иорк — У могилы друзей.

וועגן הענריק ערליך

אַבראַמאָוויטש, ר.: ציריך-ווין, אין צוויי רעוואָלוציעס, נ. י., 1944, 1טער באַנד.
" " דער „בונד" אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, אין צוויי רעוואָלוציעס, נ. י., 1944, 2טער באַנד.
" " דער 25-טער אָקטאָבער 1917, אין צוויי רעוואָלוציעס, נ. י., 1944, 2טער באַנד.
אַמטער איזראַעל: אונזער ענטפער צו די צעשטערער, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., אַפּר. 2, 1943.
אַראָנסאָן גריגאָרי: הענריק ערליך און די רעוואָלוציע פון 1917, דער וועקער, נ. י., מאַי 15, 1943; יוני 1943.
בובבינדער נ. א.: די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג אין די יאָרן פון דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג אין רוסלאַנד, פאַרלאַג „טאַמאַר", ווילנע, 1931.
בערמאַן ל.: ווי הענריק ערליך איז אַרעסטירט געוואָרן, אונזער צייט, נ. י., מאַי 1943.

הערץ י. ש.: אַמעריקאַנער, סאָציאַליסטישע און יידישע פּראָבלעמען, 50 יאָר אַרבעטער רינג אין יידישן לעבן, נ. י., 1950.
וויטאַל ח.: די לעבנסגעשיכטע פון הענריק ערליך, וועלכער איז הינגעריכטעט געוואָרן אין סאָוויעט-רוסלאַנד, פאָרווערטס, נ. י., מערץ 25, 1943.
טרונק י. י.: ערליך, אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.
ישורין יעפים: פּופּציק יאָר „צוקונפט" (1892—1942), צוקונפט, נ. י., מאַי-יוני 1942.
כאַבין נ.: אַ בריוועלע צו אַ פריינד, דער וועקר, נ. י., אויג. 1943.
מילל דזשאַן: די באַזוכער: הענריק ערליך, אסתר ריסקינד, ליעסין, פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, נ. י., 1949
„ „ דער „בונד" בלייבט גאַנץ, פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, נ. י. 1949.
„ „ ערב ערשטער וועלט מלחמה, פּיאָנערן און בויער, 2טער באַנד, נ. י. 1944.
„ „ עפּילאָג, פּיאָנערן און בויער, באַנד 2, נ. י. 1949.
מענדעלסאָן ש.: צוויי ריטער פון סאָציאַליזם (וועגן די בונדישע פירער — וו. אַלטער און ה. ערליך; שלמה מענדעלסאָן — זיין לעבן און שאַפן, נ. י. 1949.
קאַפּלאַן קלמן: דער „בונד" נאָך דער וועלט-מלחמה, טויזנט יאָר פּינסק, נ. י. 1941.
קיסמאַן י.: הענריק ערליך אין טשערנאָוויץ, אונזער צייט, נ. י., אַפּריל 1943.
ראַוויטש מלך: הענריק ערליך, מיין לעקסיקאָן, מאָנטרעאָל, 1947.
ראָזען בער י.: הענריק ערליך, אונזער צייט, נ. י., דעצ. 1946.
רייזען זלמן: הענריק (הענעך) ערליך, לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, 2טער באַנד, ווילנע 1930.
„ „ משה ראַפּעס, ווילנע, זאַמלבוך, רעד. פון יעפים ישורין, נ. י. 1935.
שוואַרץ פּ.: מיין לעצטער געשפּרעך מיט הענריק ערליכן, דאָס איז געווען דער אָנהויב, נ. י., 1943.
שערמאַן י. מ.: „אַט-אַזוי" פון ה. ערליך. דרום אַפריקע, יאָהאַנעסבורג, מאַי 1950.
אונזער צייט, נ. י.—יוני 1942: ח' ה. ערליך פאַרברענגט זיין 60-יאָריקן געבורטסטאָג אין תפיסה.
„ „ „ אויג. 1943: פון הענריק ערליכס פאַרבליבענע בריוו [צו דזשאַן מילל].
אַרקאַדי-זאַמלבוך צום אָנדענק פון גרינדער פון „בונד" אַרקאַדי קרעמער (1865—1935), ניו-יאָרק 1942.
ווילנע, זאַמלבוך, רעדאַקטירט פון יעפים ישורין, נ. י., 1935.
„ „ כראָנאָלאָגיע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג אין די יאָרן 1867—1922.
ערליך און אַלטער, מאָנטרעאָל, אַפּריל 1943, הענריק ערליך.
25 יאָר (1897—1922), זאַמלבוך, געווידמעט דעם 25-יאָריקן יובילעאום פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג, פאַרלאַג „די וועלט", וואַרשע 1922.

Shub David: "The Freest Country in the World," *Lenin,* Doubleday & Co., Inc., Garden City, N. Y., 1948.
Stolberg Benjamin: Shrewd But Honest: David Dubinsky, *Tailor's Progress,* Doubleday, Doran and Company, Inc., Garden City, N. Y., 1944.
Fourth Congress of the Labour and Socialist International, Vienna — 1931, Labour and Socialist International, Zurich, 1932: H. Erlich.
The Struggle for Revolutionary Socialism, New York, Bund Club, 1934.
София Дубнова-Эрлих — Жизнь и творчество С. М. Дубнова, Нью-Иорк, 1950.

וועגן וויקטאָר אַלטער

אַבראַמאָוויטש ר.: מיין לאַגע אין „בונד״ און אין דער פּאַרטיי, צוויי רעוואָלוציעס, נ. י., 1944, 2טער באַנד.

„ „ די דרום-קאָנפערענץ פון „בונד״ אין קיעוו, צוויי רעוואָלוציעס, נ. י., 1944, 2טער באַנד.

אַמטער איזראַעל: אונזער ענטפער צו די צעשטערער, מאָרגן-פרייהייט, נ. י., אפר. 2, 1943

גילינסקי ש.: ווי אַזוי עס איז אַרעסטירט געוואָרן וויקטאָר אַלטער, אונזער צייט, נ. י., מאַי 1943.

הערץ י. ש.: דער 6-טער לאַנד-צוזאַמענפאָר פון יוגנט-בונד „צוקונפט״, די געשיכטע פון אַ יוגנט, נ. י. 1946.

„ „ קאָנוועגשאָנס, 50 יאָר אַרבעטער-רינג אין יידישן לעבן, נ. י. 1950.

„ „ פון דער וויג ביז צום קבר, 50 יאָר אַרבעטער-רינג אין יידישן לעבן, נ. י. 1950.

„ „ אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע און יידישע פּראָבלעמען, 50 יאָר אַרבעטער רינג אין יידישן לעבן, נ. י. 1950.

כאַנין נ.: אַ בריוועלע צו אַ פריינד, דער וועקער, נ. י., אויג. 1943.

מילל דזשאַן: די באַזוכער: הענריק ערליך, אסתר ריסקינד, ליעסין, פּיאָנערן און בויער, באַנד 3, נ. י. 1949.

מענדעלסאָן ש.: צוויי ריטער פון סאָציאַליזם [וועגן די בונדישע פירער: וו. אַלטער און ה. ערליך], שלמה מענדעלסאָן — זיין לעבן און שאַפן, נ. י. 1949.

ערליך רחל: וויקטאָר אַלטער, פּנקס מלאַווע, נ. י. 1950.

שוב. ד.: די אינטערעסאַנטסטע פּאַסירונגען אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, פאָרווערטס, נ. י., יולי 28, 1943.

ערליך און אַלטער, מאָנטרעאָל, אַפּריל 1943: וויקטאָר אַלטער.

ק[ורסקי] פ[ראַנץ]: וויקטאָר אַלטער, אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע, 3טער באַנד, דובנאָוו-פאָנד, פּאַריז, 1936.

שוואַרץ פּ.: דאָס איז געווען דער אָנהייב, ניו יאָרק, 1943.

The Struggle for Revolutionary Socialism, New York, Bund Club, 1934.

Jerzy Glicksman: Tell the West, New York, 1948.

Stolberg Benjamin: Shrewd But Honest: David Dubinsky, *Tailor's Progress,* Doubleday, Doran and Company, Inc., Garden City, N. Y., 1944.